י. ג. פאָגט.

וועלטגעשיכטע

פון אוראַלטע צייטען ביז היינטיגען טאָג.

בעאַרבייט אין אידיש פון

א. ח. ראָזענבערג.

אונטער דער רעדאַקציאָן פון

אלכסנדר האַרקאַווי.

אילוסטרירט.

פינפטער באנד: מיטעלאלטער.

ניו יאָרק:

היברו פאבלישינג קאמפאני.

.1918

Digitized by the Internet Archive
in 2026

https://archive.org/details/worldhisroryfrom0005jgvo_t9u1

אינהאַלט־פערצייכניס

פון פינפטען באַנד.

די צייט פון די קרייץ־צוגען.

זייט

דער ערסטער קרייץ־צוג.

קאָנצול פון קלערמאָנט ז. 4. די ערסטע צוגען ז. 7. בעלאַגערונג פון ניקעאַ ז. 9. בעזיגונג פון ירושלים ז. 11.

די האָהענשטויפען 14

קאַמף מיט די וועלפען ז. 15. דער צווייטער קרייץ־צוג ז. 16. אַרנאָלד פון ברעשיאַ ז. 20. בעלאַגערונג פון מאַילאַנד ז. 25. אויפשטאַנד אין מאַינץ ז. 27. דער דריטער קרייץ־צוג ז. 30. פיליפּ פון שוואַבען און אָטטאָ פון ברוינשווייג ז. 33.

דער פערטער און פינפטער קרייץ־צוג 36

ווענעציאַ ז. 37. בעפאַל אויף קאָנסטאַנטינאָפּעל ז. 39. קרייץ־צוג פון פריעדריך דעם 2טען ז. 43.

דאָס ענדע פון די האָהענשטויפען 45

קאַמף מיט די לאָמבאַרען ז. 49. היינריך ראַספּע ז. 51. די סיציליאַנישע וועספּער ז. 55.

די לעצטע קרייץ־צוגען . . . . 56.

דער זעקסטער קרייץ־צוג ז. 58. דער זיבעטער קרייץ־צוג ז. 60.

קירכע און קריסטענטום.

פערשטאַרקונג פון קריסטליכען גלויבען ז. 62. פּאַפּישע פערדאָרבענהייט ז. 63. שווינדעל מיט הייליגע אַנטיקען ז. 67. די מאָנאַכען־אָרדענס ז. 73. דער קירכען־חרם ז. 75. די אַלביגענזער מלחמות ז. 79.

Copyright 1918 by the Hebrew Publishing Company, New York.

זייט

די דייטשע פּאָעזיע אין 14טען און 15טען יאָהרהונדערט . 186
פּעטער זוכענווירט ז. 187. האַנס זאַכס ז. 187. מייסטער־זינגער ז. 188. פאָלקסלידער ז. 188.

די געשיכטע פון פראנקרייך.

ליובאַייגענע פון שאַטענעי ז. 193. פּאַרלאַמענט ז. 196. פערפאַסונג ז. 199. זשאַקערי ז. 203. יונגפרוי פון אָרלעאַנס ז. 206. הונ-דערט־יעהריגער קריג מיט ענגלאַנד ז. 198.

די געשיכטע פון ענגלאנד.

מאַגנאַ כאַרטאַ ז. 215. אויפשטאַנד פון די בויערן ז. 217. אויפשטאַנד פון וואַט טאַילער ז. 220. דער קריג פון די ראָזען ז. 233.

ליטעראַטור 237
אָססיאַן ז. 237. בעאָוואולף ז. 238. טשאָסער ז. 238. וויליאַם דאַנ-באַר ז. 239.

די געשיכטע פון איטאליען.

הערשאַפט פון די נאָרמאַננען אין אונטער־איטאַליען ז. 240. וויס-קאָנטי ז. 243. קאָנדאָטטיערי ז. 244. באַליאָני ז. 246. מעדיטשי ז. 249. סאַוואָנאַראָלאַ ז. 253. וועניעציאַ ז. 256. קאָלאַ ריענצי ז. 261. קירכען־שטאַאַט ז. 264. נעפּאָטיזם ז. 265.

ליטעראַטור 266
פּעטראַרקאַ ז. 266. באָקאַטשיאָ ז. 267.

די געשיכטע פון שפאניען און פּאָרטוגאל.

ציד ז. 270. אַראַגאָנישע שטאַנדען ז. 274. פּערדינאַנד און איזאַבעללאַ ז 276. אונאָפּהענגיגקייט פון פּאָרטוגאַל ז. 280.

ליטעראַטור און קונסט 282
ראָמאַנצען ז. 283. קונסט־פּאָעזיע ז. 286. אַרכיטעקטור ז. 286.

זייט

אָרגאַניזירונג פון דער אינקוויזיציאָן ז. 86. די קעצער פון מאָנט-סעגור ז. 90. קאָנראַד פון מאַרבורג ז. 92.

די קולטור אין דער צייט פון די קרייץ־צוגען.

בויקונסט 98
גאָטישער סטיל ז. 99.
סקולפּטור און מאַלעריי 102
דיכטקונסט 104
די טרובאַדורען ז. 107. וואַלטהער פון דער פאָגעלווייידע ז. 107. דאָס ניבעלונגען־ליד ז. 108. וואָלפראַם פון עשענבאַך און זיין גע-דיכט „פּאַרציוואַל“ ז. 110. דאַנטע ז. 113.
פּראָזאאישע ליטעראַטור 115
די סכאָלאַסטיק ז. 115. געשיכטע שרייבונג ז. 116.
מוזיק, קריגס־קונסט און דאָס געזעלשאַפטליכע לעבען . . . 117

דאָס לעבען אין די דייטשע שטעדט.

פּראָדוקציאָן פון די פעאָדאַל־הויפען ז. 122. מאַרק־פלעצער ז. 123. האַנטווערקער ז. 125. האַנדעל צווישען שטעדט ז. 127. די בעפעל-קערונג אין די שטעדט ז. 130. צושטאַנד פון געזונדהייט אין די שטעדט ז. 132.

פּאָליטישע געשיכטע פון דייטשלאַנד צו ענדע פון מיטעלאַלטער.

ביז צו קאַרל דעם 4טען 134
רודאָלף פון האַבסבורג ז. 136. די פעראייניגונג פון די שווייצער ז. 144. דער שוואַרצער טויט ז. 148. די אידען ז. 150. די גייסעל-ברידער (פלאַגעללאַנטען) ז. 151.
דער קאַמף צווישען שטעדט און פירסטען 155
בונד פון רהייניסע שטעדט ז. 157. דער שוואַבישער שטעדט־פער-איין ז. 160. די דאָרפלייט ז. 163. די האַנזאַ־שטעדט ז. 164. לאָמ-באַרדען ז. 167. פרייע לאַנד־געמיינדעס פון דער שווייץ ז. 168. שפּאַלטונג פון דער קירכע ז. 173. וויקליף ז. 174. הוס ז. 175. הו-סיטען־מלחמות ז. 181. דער פרידען מיט די הוסיטען ז. 184.

זייט

די גייסטיגע ערהייבונג פון די אידען אין שפּאַניען 348
ר' יצחק אלפסי ז. 349. די העברעאישע שפּראַך־פאָרשונג ז. 351. מנחם בן סרוק, דונש בן לברט, ר' יהודה חיוג ז. 351. פּאָעזיע און פילאָזאָפיע ז. 352. ר' שלמה אבן גבירול ז. 352. ר' משה אבן עזרא ז. 354. ר' יהודה הלוי ז. 354. ר' אברהם אבן עזרא און ר' יהודה אלחריזי ז. 356.

די אידען אין די קריסטליכע אייראָפּעאישע לענדער און די קרייץ־צוגען 359
איטאַליען און ביצאַנץ ז. 359. פראַנקרייך ז. 361. דייטשלאַנד ז. 362. דער ערסטער קרייץ־צוג ז. 364. דער צווייטער קרייץ־צוג ז. 369. דער דריטער קרייץ־צוג ז. 371. דער בלוט־בלבול (עלילת דם) אין בלואַ ז. 375. אידען אין דייטשלאַנד אַלס קאַמער־קנעכט ז. 377. עסטרייך ז. 379.

דאָס גייסטיגע לעבען פון אידען אין קריסטליכער אייראָפּאַ . 379
אידישע ליטעראַטור אין איטאַליען ז. 380. רבנו גרשום און רש"י ז. 381. די בעלי תוספות ז. 384. די מאָראַל־שרייבער ז. 386. סי־נאַגאָגאַלע פּאָעזיע (פיוט) ז. 387. פראָוואַנסאַלישע ליטעראַטור ז. 388. די פאַמיליע קמחי און די פאַמיליע אבן תבון ז. 390.

רבנו משה בן מיימון (רמב"ם) 391
זיין פירוש המשניות ז. 393. דער „יד החזקה" ז. 394. דער „מורה נבוכים" ז. 397.

אידישע קאָלאָניעס אין רוסלאַנד און פוילען 401
די קאָלאָניעס אין פוילען ז. 403. אידישע עמיגראַציאָן פון דייטשלאַנד ז. 404.

די שפּאַניש־דייטשע פאָרשטעהער פון יודענטום 405
אידישער צענטער אין דייטשלאַנד ז. 407.

די אידען אין פראַנקרייך און ענגלאַנד ביז דעם גירוש . . . 409
פערברענונג פון תלמוד ז. 411. די אינקוויזיציאָן ז. 414. גירוש פראַנקרייך ז. 415. גזירה פון די פאַסטוכער ז. 416. גזירה פון די קרעציגע ז. 417. צווייטער גירוש פון פראַנקרייך ז. 418. אידען אין ענגלאַנד ביז דעם גירוש ז. 420

זייט

די געשיכטע פון די מדינות פון צפון און מזרח.

סקאַנדינאַוויען 287
אונגאַרן 292
רוסלאַנד 296
גרויספירסט וולאַדימיר ז. 296. אונטעריאָכונג אונטער די מאָנגאָלען ז. 297. איוואַן וואַסילעוויטש ז. 298.

די אידען אין מערב־איראָפּאַ.

איטאַליען, פראַנקרייך, גערמאַניען און שפּאַניען 299
אונטער טהעאָדאָריך דעם גרויסען ז. 299. אונטער די מעראָווינגען ז. 300. צוואַנג צו שמד'ן זיך ז. 301. דער איד פריסק ז. 301. פער־פאָלגונגען אונטער קעניג סיזעבוט ז. 303.
אידען אונטער דער הערשאַפט פון די אַראַבער 304
מאַחמעד ז. 305. ארץ ישראל און בבל אונטער די כאַליפען ז. 306. בוסתנאי ז. 306. די גאונים ז. 309. די קראים ז. 311. ענן ז. 313.
די אידישע קולטור אונטער די אַראַבער 315
ענטוויקלונג פון דרשות ז. 317. די נקודות און מסורה ז. 317. בע־שעפטיגונג מיט וויסענשאַפטען ז. 318. ר' סעדיה גאון ז. 320. אונטערגאַנג פון ריש גלותא ז. 321.
די אידען אין איראָפּאַ פון 7טען ביז 10טען יאָהרהונדערט . 322
אונטער לודוויג דעם פרומען ז. 323. אונטער די וועסטגאָטען און אַראַבער אין שפּאַניען ז. 325. די כוזרים ז. 328.
דאָס יודענטום אונטער דער גייסטיגער פיהרערשאַפט פון די אידען אין שפּאַניען און פראַנקרייך 329
די לעצטע גאונים אין בבל ז. 329. פּאַלעסטינאַ און עגיפּטען ז. 333. דוד אַלראָי ז. 335.
די אויפבליהונג פון יודענטום אין שפּאַניען 337
חסדאי אבן שפּרוט ז. 337. זיין קאָרעספּאָנדענץ מיט די כאָזאַרען ז. 339. ר' שמואל הנגיד ז. 342. אידישע בעאַמטע אין שפּאַניען ז.345. צענטער פון יודענטום אין קריסטליכער שפּאַניען ז. 347.

די צייט פון די קרייץ-צוגען.

א. דער ערסטער קרייץ־צוג.

אין 10טען און 11טען יאָהרהונדערט האָט דאָס פּאַפּסטטום און די קירכע געפייערט אַ גלענצענדען טריאומף. אונטער דעם פּאַפּסט סטעפאַן דעם 1טען (997—1038) איז כמעט גאַנץ אונגאַרן בעקעהרט געוואָרען צום קריסטענטום. מיט דער הילף פון פּאַפּסט האָבען די נאָרמאַנגען בעזיגט ענגלאַנד (1066). אין יאָהר 1074 האָט דער פּאַפּסט גרעגאָריוס דער 7טער געשיקט זאָגען דעם פראַנצויזישען קעניג פיליפּ, דאָס אויב ער וועט ניט אויפגעבען זיינע רויבערייען און זיין אויסגעלאַסענעם לעבען, וועט ער צווינגען די פראַנצויזען אראָפּצוזעצען איהם פון טראָן. דאָס מיטעל צו צווינגען איז דאַמאָלס געווען דער חרם. דריי יאָהר שפּעטער, אין יאָהר 1077, האָט דער דייטשער קייזער היינריך דער 4טער געמוזט שטעהן אין קאַנאָססאַ נעבען דער טיר פון פּאַפּסט דריי טעג באָרפוס, אָהן אַ היטעל, אין אַ גראָבען מאַנטעל פון אַ בעל־תשובה און בעטען אום פערצייהונג דערפאַר, וואָס ער האָט פוגע בכבודו געווען. אָבער דעם העכסטען פונקט פון טריאומף האָט די קירכע דערגרייכט אין די קרייץ־צוגען. די געשיכטע־שרייבער האָבען אימער גערעכענט, דאָס די קרייץ־צוגען זיינען ניט מעהר ווי דער רעזולטאַט פון דעם גייסטיגען און רעליגיעזען צושטאַנד פון דער קריסטליכער געזעלשאַפט פון יענער צייט. זיי האָבען אונז פערזיכערט, דאָס ניט צוליב מאַטעריעלע אינטערעסען האָט איירופּאַ בעשלאָסען צו בעפאַלען אזיען, נאָר אום צו בעפרייען די ערטער, וועלכע זיינען הייליג פיר די קריסטען, פון דער הערשאַפט פון אונגלויביגע מאַחמעדאַנער, און געבען די פרומע פּילגרימער די מעגליכקייט פריי און אונגעשטערט צו וואַנדערן צו דיזע הייליגע ערטער. אָהן צווייפעל האָבען די קריסטען פון יענער צייט גערעכענט פיר אַ גרויסע מצוה און אַ רעליגיעזע פליכט צו בעזוכען די דאָזיגע ערטער, אָבער עס איז שווער צו גלויבען, דאָס פיר אַ פּעריאָדע פון פיער דורות זאָל אָנהאַלטען אַזאַ שטאַרקע

זייט

דאָס אידישע בירגערליכע לעבען אין שפּאַניען 424
יוסף פּיכאָן און שמואל אברבנאל ז. 434.

דער קאַמף פון תלמודישען יודענטום געגען דער פילאָזאָפיע . 436
אָנהענגער פון רמב״ם און זיינע געגנער ז. 436. די פערברענונג פון „מורה נבוכים“ ז. 439. פילאָזאָפיע און פריידענקען ז. 445. דער רמב״ן ז. 444. ר׳ אשר בן יחיאל (רא״ש) ז. 445. ר׳ יעקב בן מכיר (פּראָפיאַט) ז. 447. ר׳ ידעיה הפניני ז. 448. ר׳ לוי בן גרשון (רלב״ג) ז. 449. די פיער „טורים“ ז. 451. ר׳ משה דע לעאָן און דער זוהר ז. 454.

דער טרויעריגער צושטאַנד פון די אידען אין דייטשלאַנד . 456
עלילת דם ז. 457. די לאַגע אין עסטרייך ז. 459. דער „שוואַרצער טויט“ ז. 463. פערפאָלגונג פון אידען אין דער שווייץ ז. 465. די „גאָלדענע בוללע“ ז. 468. דער גירוש פון עסטרייך ז. 470. יאָהאַן קאַפּיסטראַנאָ ז. 471. די תקנות פון שפּייער, וואָרמס און מאַינץ (תקנות שו״ם) ז. 474. גייסטיגע מדרגה פון דייטשע אידען אין מי־טעלאַלטער ז. 475.

די אידען אין איטאַליען און אין פּוילען 477
סאָציאַלע לאַגע פון די איטאַליענישע אידען ז. 477. קולטורעלער צו־שטאַנד ז. 479. יעקב אַנאַטאָלי ז. 479. ר׳ קלונימוס בן קלונימוס ז. 480. עמנואל פון רוים (פּאָעט) ז. 481. פּוילען—באָלעסלאַוו׳ס פּרי־ווילעגיעס, קאַזימיר דער גרויסער ז. 485. אידען אין ליטא ז. 489. שפּורען פון אידען אין רוסלאַנד ז. 491.

דער לעצטער יאָהרהונדערט פון דער אידישער קולטור אין שפּאַניען 492
גיפטיגע פּראָפּאַגאַנדאַ געגען אידען ז. 493. שחיטות אויף אידען ז. 494. דער משומד יהושע לאָרקי ז. 499. ר׳ אברהם בנבנשתי (בענ־וועניסטע) ז. 500. עמיגראַציאָן פון אידען נאָך פּאָרטוגאַל ז. 501. די אידישע ליטעראַטור: קרעסקאַס און אַלבו ז. 503. ר׳ יצחק בן ששת (ריב״ש) ז. 505. בעוועגונג געגען די מאַראַנאַס (אנוסים) ז. 506. די אינקוויזיציאָן ז. 508. טאָרקוועמאַדאַ ז. 511. גירוש שפּאַניען ז. 512. דון יצחק אברבנאל ז. 512. גירוש פּאָרטוגאַל ז. 516. ר׳ יצחק אבוהב ז. 517.

צוגען אום צו פערבלייבען אין די נייע ערטער אַלס הערען, און אַנדערע אום צוריקצוקעהרען זיך מיט רייכען רויב צוריק נאָך זייער פאָטערלאַנד. אָבער די גרויסע מאַכט פון פאַפסטטום האָט צוגעצויגען צו די קרייץ־צוגען אויך אַזעלכע עלעמענטען, וועלכע האָבען אין אָריענט גאָר ניט געהאָפט צו געווינען. די קייזאָרים פון דייטשלאַנד האָבען געמוזט געגען זייער ווילען אָנטייל נעהמען אין דיזע רעליגיעזע צוגען און טראָגען דעם קרייץ־צייכען, נאָר ווייל דער פאַפסט האָט עס געוואָלט.

די הייליגע וואַנדערונגען פון די קריסטען נאָך פאַלעסטינאַ האָבען ניט אויפגעהערט אויך נאָך דעם, ווי די סאַראַצענער האָבען בעזיגט דיזעס לאַנד. די סאַראַצענער האָבען ניט נאָר ניט געשטערט די פילגרימער צו קומען צו די הייליגע קריסטליכע ערטער, וועלכע האָבען זיך געפונען אין פאַלעסטינאַ, נאָר אין געגענטייל, זיי האָבען זיי נאָך בעגינסטיגט און צוגעהאָלפען צוליב האַנדעלס־אינטערעסען. אָבער נאָך דעם, ווי די טערקען האָבען בעזיגט פאַלעסטינאַ, האָט זיך דיזער פרידליכער צושטאַנד געענדערט, און אַנשטאָט אויפצונעהמען די קריסטליכע בעזוכער פריינדליך האָבען זיי די טערקען אָנגעפאַנגען שלעכט צו בעהאַנדלען. דיזע פילגרימער, ווען זיי זיינען געקומען צוריק פון זייער רייזע נאָך פאַלעסטינאַ, האָבען דערצעהלט פון זייערע ליידען פון די טערקען, פון די ליידען פון די קריסטען, וואָס וואוינען דאָרט, און פון דעם, ווי דער פאַטריאַרך פון ירושלים ווערט שלעכט בעהאַנדעלט פון די אונגלויביגע טערקען. דיזע אַלע מעשיות האָבען אויפגערייצט די גייסטער פון די פרומע קריסטען. אַלס בעווייז, דאָס די אַלע קלאַגעס זיינען ריכטיג, האָט געדינט דער פאַקט, דאָס די 7,000 פילגרימער, וועלכע זיינען געגאַנגען נאָך פאַלעסטינאַ אונטער דער לייטונג פון די בישאָפען פון מאַינץ, אוטרעכט, באַמבערג און רעגענסבורג, זיינען נאָר 2,000 צוריקגעקומען; די איבריגע זיינען אַלע אונטערגעגאַנגען פון צרות, פון נויט און פון דעם שווערד פ די טערקען.

שוין אין יאָהר 1008 האָט דער פאַפסט ס י ל ו ו ע ס ט ע ר ד ע ר 2 ט ע ר אויפגעפאָדערט די קריסטען צו בעפרייען דעם הייליגען קבר, אָבער דאַמאָלס האָבען זיינע ווערטער קיין ווירקונג ניט געהאַט, ווייל די מאַכט פון דער קירכע איז נאָך געווען צו שוואַך, זי זאָל זיין אין שטאַנד צו בעוועגען די פעלקער צו אַזאַ געפעהרליכען שריט. עס האָט זיך אָבער דעם פאַפסט איינגעגעבען צו דערגרייכען זיין צוועק דורך אַ צופאַל. אַן אָרימער ערעמיט (פרוש) פון פיקאַרדיע מיט'ן נאָמען פעטער, וועלכער איז געווען אַ קליינוויקסיגער, אָבער מיט אַ פייערדיגען גייסט און אַ

בעגייסטערונג פון מיליאָנען מענשען פיר אַזעלכע געפעהרליכע צוגען, וועלכע האָבען פערניכטעט הונדערטער טויזענדער לעבענס אין וויימען אזיען. עס איז זיכער צו גלויבען, דאָס די רעליגיאָן איז אין דיזער אונטערנעהמונג נאָר געווען אַ מאַסקע, אונטער וועלכער עס זיינען געווען גאָר אַנדערע אורזאַכען, פיעל שטאַרקערע און רעעלערע.

נאָך דעם, ווי דאָס פּאַפּסטטום האָט גאַנץ אייראָפּא אונטערגעוואָרפען אונטער זיין מאַכט, האָט עס בעשלאָסען אויך אזיען צו בעהערשען. צו דיזען צוועק האָט דאָס פּאַפּסטטום בענוצט די קריגערישע נאָרמאַננען. דיזע זיי־נען געשיקט געוואָרען געגען די ביטערסטע פיינד פון קריסטענטום, געגען די סאַראַצענער, וועלכע האָבען אַלע געהערט צום מאַחמעדאַנישען גלויבען. די קרייץ־צוגען זיינען דעריבער געווען ניט מעהר און ניט ווענינער ווי אַ קאַמף פון פּאַפּסטטום געגען די סאַראַצענער. די קריסטען זיינען נאָר געווען אַ ווערקצייג אין די הענט פון די פּאַפּסטען.

אָבער וואָרום האָבען זיך די קריסטען געלאָזען געברויכען אין די הענט פון די פּאַפּסטען צו אַזאַ געפעהרליכער אונטערנעהמונג? וואָרום זיינען זיי מיט אַזאַ שטאַרקען חשק געקראָכען אין אַזאַ פייער? די בעזיגער, די נאָר־מאַננען, האָבען זיך געוואָלט בערייכערן מיט לענדער אין אזיען. און זיי האָ־בען ווירקליך איינגעריכטעט פעאָדאַל־שטאַאַטען אין פּאַלעסטינאַ, סיריען, קליין־אזיען, אויף דער אינזעל ציפּערן, און אַפילו אין גריכענלאַנד. וואָס אָנבעטרעפט גריכענלאַנד, איז אַפילו דער תירוץ צו בעקעמפען די אונגלויביגע ניט געווען, וואָרום די גריכען זיינען געווען עכטע גלויביגע קריסטען. צו די נאָרמאַננען איז צוגעשטאַנען אַ גרויסע מאַסע לייבאייגענע, וועלכע זיינען אַזוי צוגעדריקט און רואינירט געוואָרען פון די שינדערייען פון זייערע הערען, דאָס עס איז זיי פשוט מעהר ניט מעגליך געווען צו עקסיסטירען. דיזע לייט האָבען ניט געהאַט וואָס צו פערלירען, און האָבען געהאָפט פיעללייכט וועלען זיי דורך די קרייץ־צוגען פערבעסערן זייער טרויעריגע לאַגע. צו דיזע זיינען צוגעקומען קליינע פעאָדאַל־הערען, וועלכע זיינען רואינירט געוואָרען פון די מעכטיגע גרויסע גרונד־בעזיצער. אונטער די פעראָרימטע ריטער, וועלכע האָבען געפיהרט די מאַסען קרייץ־ציגלער, איז געווען איינער, וואָס האָט זיך גערופען וואַלטער פון האַבעניכטס, אַ נאָמען, וועלכער דייטעט אויף די אָרימקייט פון די ריטער, וואָס זיינען געשטאַנען אָן דער שפּיץ פון דער בעוועגונג. אין רייכען אָריענט האָבען דיזע ריטער פון האַבעניכטס געהאָפט צו געפינען דאָס, וואָס זייער פאָטערלאַנד האָט זיי ניט געגעבען: רייכטום און אַ גליקליכעס לעבען. אייניגע האָבען אונטערגענומען דיזע

פאמיליעס, פערגעסען יעדע קלײנבטע שנאה פון אײנעם צום אנדערען און אלע ווי איין מענש זיך צו נעהמען מיט גרויס מוט דורכצופיהרען די הייליגע זאך — צו בעפרייען דאס לאנד ישראל פון די הענט פון די פיינד פון גלויבען. טויזענדע קולות האָבען מיט איין מאָל אויסגעשריען: „גאָט וויל עס, גאָט



פעטער פון אַמיענס פרעדיגט דעם קרייץ-צוג.

וויל עס!" דעם פאפסט איז דער אויסגעשריי געפעלען געוואָרען און ער האָט געהייסען אָננעהמען דיזע ווערטער אלס א פעלד-געשריי, צום אויפמונטערן די שטרייטענדע. נאָכדעם האָט ער געהייסען, דאס יעדער זאָל טראָגען א קרייץ-

גלענצענדער רעדע־קראַפט, האָט מיט זיינע אייגענע אויגען געזעהען ווי די קריסטען ליידען פון די מאַחמעדאַנער אין פּאַלעסטינאַ. דיזער פּעטער פון אַמיענס (דאָס איז דער אָרט, וואו ער איז געבאָרען געוואָרען), האָט געהערט די קלאַגעס פון פּאַטריאַרך אין ירושלים און זיין פערלאַנג, דאָס די אייראָפּע-אישע קריסטליכע קעניגען זאָלען ערקלערען געגען די מאַחמעדאַנער אַ הייליגען קריג פיר שלעכט בעהאַנדלען די קריסטען. פּעטער האָט אויפגעמונטערט דעם פּאַטריאַרך צו שרייבען אַ בריף צום פּאַפּסט און צו אַלע פירסטען און קריסטליכע פעלקער מיט דער ביטע, זיי זאָלען אָנווענדען אַלע קרעפטען אום צו בעפרייען זייערע גלויבענס־ברידער אין אָריענט פון דעם דרוק פון די אונגלויביגע. ער האָט אויף זיך גענומען דיזען בריף איבערצוגעבען צום פּאַפּסט און צו די פירסטען אין אייראָפּאַ. דער פּאַטריאַרך האָט זיין ראַט געפאָלגט און פּעטער האָט זיין שליחות פּינקטליך ערפילט. דאָס ערסטע האָט ער איבערגעגעבען דעם בריף צום פּאַפּסט אורבאַן דעם 2טען. דיזער איז זעהר צופרידען געווען מיט דיזען צופאַל און האָט פערשפּראָכען צו טאָן אַלץ, וואָס איז אין זיין מאַכט צו טאָן.

אין דער צייט, ווען פּעטער האָט בערייזט פיעלע אייראָפּעאישע לענדער און האָט מיט שטאַרקער רעדע־קראַפט און ענטהוזיאַזם ערוועקט האַס צו די טערקען און מוט צו טאָן אַלץ, וואָס מעגליך איז, פיר די ליידענדע קריסטען אין פּאַלעסטינאַ, האָט דער פּאַפּסט אורבאַן געלאָזט מאַכען אַ פערזאַמלונג אין פּיאַצענצאַ (1095). דיזע פערזאַמלונג איז געווען גלענצענד און שטאַרק בעזוכט. עס איז איינשטימיג בעשלאָסען געוואָרען צו ערפילען דעם פערלאַנג פון פּאַפּסט צו העלפען די קריסטען אין פּאַלעסטינאַ געגען זייערע בעדריקער, די טערקען. דער פּאַפּסט אָבער האָט געפונען פיר נעטיג אַ צווייטע פערזאַמלונג וועגען דיזען געגענשטאַנד צוזאַמענצורופען, און דיזע צווייטע פערזאַמלונג האָט שטאַטגעפונען אין קלערמאָנט אין אָווערני', אין מאָנאַט נאָוועמבער פון דעם זעלבען יאָהר. די גייסטליכע האָבען דאָס פּאָלק אויפגעפלאַקערט. 540 ערץ־בישאָפען און בישאָפען, טויזענדער ריטער און אָן אונגעהייערע מענגע אַנדערע לייט האָבען זיך פערזאַמעלט אויף אַ פרייען פּלאַץ ביי קלערמאָנט, ווייל די שטאָדט האָט ניט געקענט איינגעהמען אין זיך אַזאַ גרויסע מאַסע מענשען. דער פּאַפּסט האָט געהאַלטען אַ פייערדיגע רעדע וועגען דעם צושטאַנד פון די קריסטען אין אָריענט, און האָט אויפגעפאָדערט פּעטער פון אַמיענס צו שילדערן, וואָס ער האָט געזעהען און ווייס וועגען דער לאַגע פון די קריסטען אין פּאַלעסטינאַ. דערויף האָט אורבאַן דער 2טער בעשוואָרען די פערזאַמעלטע צו פערגעסען זייערע גיטער, זייערע

אַנצופאַנגען. די ערסטע גרויסע מאַסע, וועלכע איז אָנגעקומען פון לאָטהרינ-
גען אין דעם קעניגליכען פראַנקרייך, איז אריבער דעם רהיין אין מערץ 1096
אונטער דער פיהרונג פון דעם דערמאָהנטען ריטער וואַלטער פון האבעניכטס,
וועלכער האָט דיזען נאָמען כשר פערדינט, ווייל ער האָט ווירקליך גאָר קיין

אויסצוג פון די קרייצפאַהרער.

פערמעגען ניט געהאַט. ער האָט מעהר ניט געהאַט ווי זיין פערד און זיינע
וואפען. נאָך דעם, ווי זיי זיינען אַריבער דעם רהיין, האָבען זיי אָנגענומען
זייער מאַרשרוט נאָך קאָנסטאַנטינאָפעל. ווען זיי זיינען דאָרטען אָנגעקומען

צייכען אויף׳ן שטערן און אויף׳ן שולטער. זיי האָבען דיזען בעפעהל ער־פילט, אננעהענדיג אויף זייערע רעק און היטלען קרייצען פון טוך. דעריבער האָבען עס יענע צוגען נאָך ירושלים געטראָגען דעם נאָמען „קרייץ־צוגען״. אלס טאָג, אין וועלכען דער צוג נאָך ירושלים זאָל זיך אָנפאַנגען, איז בעשטימט געוואָרען דער קריסטליכער יום־טוב, וואָס איז בעוואוסט מיט׳ן נאָמען „הימ־מעלספאהרט מאַריאָ״ (דער טאָג, אין וועלכען, ווי זיי גלויבען, די הייליגע מאַריאַ איז אַרויף אויף׳ן הימעל), פון דעם קומענדען יאָהר. ביז יענער צייט זאָל מען מאַכען נעטיגע פּאָרבערייטונגען צו דיזען געפעהרליכען צוג.

דערווייל איז פּעטער דורכגעגאַנגען גאַנץ פראַנקרייך און האָט איבעראַל געזאַמעלט מענשען צו דעם קרייץ־צוג. איבעראַל, וואו ער איז געקומען מיט אַ צלם אין האַנט און מיט אַ גראָבען פּראָסטען מאַנטעל אַרומגעבונדען מיט אַן איינפאַכער שטריק, האָבען די בירגער פערלאָזען זייערע הייזער, זייערע פעלדער און זייערע פאַמיליעס און צוגעשטאַנען צו איהם צו געהן מיט איהם וואוהין ער וועט זיי פיהרען. דאָס זעלבע האָבען געטאָן די גרויסע ווי די קליינע גוטס־בעזיצער, דאָס זעלבע האָבען געטאָן די לייבאייגענע. עס איז אונמעגליך געווען פיר די פּריצים זיי צוריקצוהאַלטען. די קעניגען האָבען גע־האָלפען מיט אַלץ וואָס עס איז געווען מעגליך, אום דער צוג זאָל האָבען אַן ערפאָלג. זיי האָבען דערביי געהאַט אין אויסזיכט זייערע אייגענע אינטערע־סען — זיי האָבען דורך דעם קרייץ־צוג געהאָפט פּטור צו ווערען פון פיעלע וואסאַלען און גרויסע גוטס־בעזיצער, וועלכע זיינען געווען זייערע געגנער און זיינען זיי געשטאַנען ווי אַ ביין אין האלז. זיי, די קעניגען, האָבען אויך גע־רעכענט אויף די מעגליכקייט, דאָס פיעלע פון די גוטס־בעזיצער וועלען פאַלען אין שטרייט מיט די טערקען, און דאַן וועלען זייערע לענדערייען צו די קע־ניגען אין די הענט אַריינפאַלען. די קעניגען זעלבסט זיינען ניט געגאַנגען אין דעם צוג. דער דייטשער קייזער היינריך דער 4טער איז געווען צו פיינדליך צום רוימישען בישאָף, ער זאָל איהם וועלען העלפען דורכפיהרען זיינע פּלענער מיט דעם צוג, דער קעניג פון פראַנקרייך איז געווען גלייכגילטיג צו דער גאַנצער אונטערנעהמונג און ווילִיאַם דער רויטער פון ענגלאַנד איז גע־ווען צופיעל בעשעפטיגט מיט זיינע אייגענע אַנגעלעגענהייטען און האָט קיין אַנטייל ניט געקענט נעהמען אין דעם קרייץ־צוג.

נאָך איידער די גרויסע גוטס־בעזיצער זיינען פערטיג געוואָרען צו דער ווייטער רייזע, האָבען זיך דערווייל צוזאַמענגעקליבען זעהר גרויסע מאַסען אָרימע מענער און פרויען, וועלכע זיינען געווען פערטיג צו געהן אין דעם געפעהרליכען צוג, הגם זיי האָבען קיין מיטלען ניט געהאַט מיט וואָס איהם

ראָבערט פון פלאַנדערן און ראַימונד פון טולוז; פון אונטער־איטאַליען איז געווען באָהעמונד, דער פירסט פון טאַרענט, דער זוהן פון ראָבערט גוויסקאַרד, און זיין קרוב טאַנקרעד, וועלכער איז בעוואוסט אַלס די צירונג פון דער גאַנצער ריטערשאַפט. דיזע אַלע פעאָדאַל־הערן זיינען מיט זייערע מאַסען דורך פערשיידענע וועגען אָנגעקומען אין קאָנסטאַנטינאָפּעל. צווישען דיזע מאַסען האָבען זיך אויך געפונען איבער־הונדערט טויזענד שווער בעוואַפענטע רייטער. אַלס דער קייזער פון קאָנסטאַנטינאָפּעל האָט דערזעהען די אונגעהייערע מאַסען קריגער איז אויף איהם אָנגעפאַלען אַ שרעק. ער האָט געגלויבט, דאָס דיזע גרויסע מאַסען ווילען קאָנסטאַנטינאָפּעל איינגעהמען. און באמת האָבען זיך ווירקליך געפונען איינינגע, וואָס האָבען פאָרגעשלאָגען דעם פּראָיעקט צו נעהמען קאָנסטאַנטינאָפּעל, נאָר גאָטפריד פון בואילליאָן איז געווען געגען דעם.

אין פריהלינג פון יאָהר 1097 זיינען די דריי גרויסע אַרמעען פון די קרייץ־פאָהרער אַריבער דעם באָספאָרוס און האָבען בעלאַגערט ניקאָאַ, די הויפּט־שטאָדט פון טערקישען קליין־אַזיען. דיזע אַרמעע איז בעשטאַנען פון 100,000 שווער בעוואַפענטע רייטער און 600,000 פוס־געהער צוזאַמען מיט 3,000 מאַן, וועלכע זיינען געווען אונטער דער פיהרערשאַפט פון פעטער פון אַמיענס. 35 טעג האָט געדויערט די בעלאַגערונג, און ענדליך האָט זיך די שטאָדט אונטערגעגעבען. נאָך דיזען זיג האָבען זיך די קרייץ־פאָהרער געלאָזען געהן אין דער ריכטונג פון דרום־מזרח. ביי דאָרילאָאום האָט זיי בעגעגענט אַן אָפּטיילונג פון די סעלדזשוקען (טערקען) און האָט זיי אָנגעגריפען. עס זיינען דאַמאָלס אומגעקומען זעהר פיעלע פון די קרייץ־פאָהרער. אין דיזער שלאַכט זיינען געפאַלען: ווילהעלם, דער ברודער פון טאַנקרעד'ן, ווי אויך ראָבערט פון פאַריז. טאַנקרעד זעלבסט איז גערעטעט געוואָרען פון טויט נאָר דורך די הילף פון באָהעמונד'ן, וועלכער האָט איהם מיט געוואַלט אַרויסגעשלעפּט פון אונגליק.

עס איז געווען ניט ווייט, דאָס די גאַנצע מחנה קרייץ־פאָהרער זאָל אין גאַנצען אונטערגעהן, איז אָבער פּלוצלינג אָנגעקומען גאָטפריעד מיט זיין חיל און האָט זיי גערעטעט. ער האָט די טערקען געשלאָגען און צוריקגעטריבען. נאָך מעהר פיעלע גרויסע ליידען איז די מאַסע קרייץ־פאָהרער געקומען צו די טויערן פון אַנטיאָכיאַ. דיזע שטאָדט איז געווען זעהר שטאַרק בעפעסטיגט. זיבען חדשים האָבען די קרייץ־פאָהרער בעלאַגערט די שטאָדט און עס איז ניט געווען קיין אויסזיכט זי איינצונעהמען. די צאָהל פון די קרייץ־פאָהרער איז אין דער צייט פערקלענערט געוואָרען אויף די העלפט. ענד-

האָבען זיי זיך דערוואוסט, דאָס אויף'ן וועג האָבען פיעלע פון די קרייץ־ציגלער פערלאָרען זייער לעבען. דאָס זעלבע שיקזאַל האָבען געהאַט די מאַסען, וואָס זיינען געגאַנגען צום אָריענט אונטער דער פיהרונג פון פעטער פון אַמיענס. ביי קאָנסטאַנטינאָפּעל האָבען זיךביידע פיהרער מיט זייערע מאַסען פעראייניגט, און דער קייזער פון קאָנסטאַנטינאָפּעל האָט זיי איבערגעזעצט אויף דער אַזיאַטישער זייט פון דעם באָספּאָרוס. הגם די ביצאַנטיער האָבען זיי געוואַרנט ניט אָנצופאַנגען קיין שטרייט מיט די טערקען ביז עס וועט אָנקומען די הויפּט־אַרמעע, האָבען זיי זיך גלייך אַריינגעלאָזען אין אַ שלאַכט, אין וועלכער זיי זיינען גענצליך געשלאָגען און פערניכטעט געוואָרען. די וואָס זיינען ניט געפאַלען אין שלאַכט זיינען פערקויפט געוואָרען אַלס שקלאַפען. וואַלטער פון האַבעניכטס איז אויך געפאַלען אין דער שלאַכט. נאָר פעטער פון אַמיענט מיט 3,000 לייט האָבען זיך גערעטעט.

פיעל גרעסער זיינען געווען די מאַסען, וואָס זיינען שפּעטער אָנגעקומען. דיזע אונוויכענדע מאַסען האָבען אַפילו דעם וועג ניט געוואוסט, ווי אַזוי צו געהען נאָך דעם אָריענט, און האָבען קיין פיהרער ניט געהאַט, זיי האָבען געגלויבט, דאָס גאָט וועט זיי צייגען זיינע וואונדער. אויף'ן וועג האָבען זיי איבעראַל פיעלע אידען אויסגעשלאַכטעט. אַלס די מאַסען זיינען געקומען צום אונגאַרישען גרענעץ האָבען זיי געצעהלט איבער 200,000 לייט, דייטשען און פראַנצויזען. די אונגאַרען האָבען זיי געלאָזען דורכגעהן זייער לאַנד, ווייל זיי האָבען מורא געהאַט, דאָס זיי וועלען זיי פעראונגליקען מיט זייערע רויבערייען. עס האָט צווישען די אונגאַרען און די קרייץ־פאָהרער אויסגעבראָכען אַ שטרייט, אין וועלכען די קרייץ־פאָהרער האָבען געהאַט אַ שרעקליכע נידערלאַגע און זיינען צושפּרייט געוואָרען אין פערשיידענע געגענדען, אַזוי דאָס זיי האָבען זיך ניט געקענט מעהר פעראייניגען. איין טייל פון די צושפּרייטע האָבען זיך פעראייניגט מיט דער הויפּט־אַרמעע, וועלכע האָט זיך ענדליך אָרגאַניזירט און איז געקומען צום אָריענט.

דריי הונדערט טויזענד מאַן זיינען געפאַלען אין די צוגען, וואָס זיינען פאָרגעקומען איידער עס האָט אַרויסגעטרעטען די הויפּט־אַרמעע גוט בעוואַפענט און אונטער דער לייטונג פון גרויסע מוטיגע פיהרער. די הויפּט־אַרמעע איז בעשטאַנען פון 600,000 מאַן, דער וויכטיגסטער פון די פיהרער פון דיזער אַרמעע איז געווען ג אָ ט ט פ ר י ע ד פון בואיליאָן, הערצאָג פון נידער־לאָטהרינגען. אויסער איהם זיינען נאָך געווען איינִיגע אַנדערע וויכטיגע פיהרער, ווי גראַף ה ו ג אָ פון ו ו ע ר מ אַ ד אָ י ס, הערצאָג ר אָ ב ע ר ט פון נאָרמאַנדיע, דער זוהן פון ווילהעלם דעם בעזיגער, די גראַפען

דערצעהלען דעם פֿאַלשען חלום. דער גייסטליכער האָט געמוזט בעווייזען דורך די אָרדאַליען *) די וואַהרהייט פון דעם חלום, וואָס ער האָט דער-צעהלט. מען האָט איהם נעמליך געהייסען געהן באָרפוס איבער אָנגע-ברענטע אייזענס, און ווען ער וועט ניט פערברענען די פיס, וועט דאָס זיין א בעוויז, דאָס ער האָט געזאָגט די וואַהרהייט. די געשיכטע דערצעהלט, דאָס דער גייסטליכער איז ווירקליך ניט פערוואונדעט געוואָרען פון די אָנגעברענ-טע אייזענס. אויב די זאַך איז ריכטיג, קען מען עס ערקלערען דערמיט, דאָס אויך היינט צו טאָג וויסען איינינע אייזען-ארבייטער צו מאַכען די קונץ, דאָס זיי שטעקען אריין זייערע הענט אין א הייסע צושמאָלצענע איי-זענמאַסע און ליידען דערפון גאָר ניט.

אָבער די זיגער האָבען וועניג געוואונען פון זייער זיג. זייער לאַגע איז ניט געוועזען בעסער פון דער לאַגע פון די בעזיגטע. פּלוצלינג האָט זיך אריינ-געכאַפּט צווישען זיי א שרעקליכע עפּידעמיע, וועלכע האָט פערניכטעט פיע-לע טויזענדער פון זיי. עס האָט גענומען עטליכע מאָנאַטען ביז די קרייץ-פאַהרער האָבען זיך ווידער גענומען צו זייער מאַרשרוט. עס זיינען געבלי-בען פון דער גאַנצער גרויסער מאַסע קרייץ-פאַהרער נאָר 50,000, וויל פיעלע טויזענדער זיינען אומגעקומען אין די שלאַכטען דורך הונגער און עפּי-דעמיעס, און א היבשער טייל האָט זיך בעזעצט אין די שטעדט פון קליין-אזיען. געהענדיג פון אנטיאָכיא נאָך ירושלים האָט דאָס מיליטער זיך גע-האַלטען ביים ברעג פון מיטלענדישען ים, צו בלייבען אין פערבינדונג מיט דער פלאָטע פון פּיזא און גענוא, פון וועלכע זיי האָבען ערהאַלטען די נעטיגע פּראָוויזיאָן. די בעגייסטערונג איז געשטיגען אימער העכער און העכער, וואָס נעהענטער זיי זיינען געקומען צום געווינשטען ציעל, צו ירושלים. ווען זיי האָבען ענדליך דערזעהען דאָס לעצטע בערגעל ארום ירושלים, האָבען זיי זיך צואוויינט פון פרייד, האָבען זיך געוואָרפען אויף די קני און האָבען געקוסט די ערד.

אונטער דער צייט איז ירושלים אריבערגעגאַנגען פון די טערקען צו די אראַבער. די קרייץ-פאַהרער האָבען באַלד בעלאַגערט דיזע שטאָדט. די בע-לאַגערטע זיינען אין צאָהל געווען פיעל מעהר פון די בעלאַגערער, אויסער דעם האָבען די קריסטען שטאַרק געליטען פון דעם הייסען טרוקענעם קלימאַט, וואָס הערשט ארום ירושלים. דערצו איז באַלד געקומען אַן ארמעע פון עגיפּ-

---

*) אַזוי האָט געהייסען דאָס אָבערגלויבישע מיטעלאַלטערליכע געריכט דורך פייער-פּראָבעס און אַנדערע געפעהרליכע פּראָבעס.

ליך איז באהעמונד'ן געלונגען אונטערצוקויפען אן עמיר (אראבישער פירסט) און יענער האט איהם איבערגעגעבען דריי טורמס. אין א שטורמישער נאכט, ווען די וועכטער האבען צוליב דעם גערויש פון ווינט ניט געקענט הערען וואס עס טוט זיך ארום, האבען די בעלאגערער בעשטיגען די מויערן אויף שטריק־לייטערס, וועלכע דעם עמיר'ס לייט האבען ארונטערגעלאזען פון די טורמס, און האבען זיך אראפגעלאזען אין שטאדט מיט זייער געוועהנליכען אויסגע־שריי: „גאט וויל עס!" 10,000 האבען זיי צושלאכטעט און האבען זיך געלאזען שכור'ן, הולטייעווען און שענדען פרויען ווי פיעל זייער הארץ האט געוואלט, אום זיך זעלבסט צו בעלוינען פיר די צרות, וואס זיי האבען זיך ביז אהער אנגעליטען.

באלד ווי די קריסטען האבען אנטיאכיא איינגענומען און האבען זיך דארט א ביסעל איינגעארדענט, איז אנגעקומען אן ארמעע פון כאליף פון באגדאד אונטער דער פיהרערשאפט פון דעם שטאטהאלטער ק ע ר ב א ג א, האט די קריסטען איינגעשלאסען אין אנטיאכיא און האט זיי בעלאגערט. די קריסטען האבען גיך אנגעהויבען צו פיהלען די ליידען פון הונגער, פון וועלכען עס זיינען אין א קורצער צייט צושטארבען גרויסע מאסען מענשען. פיעלע האבען אויפגעגעבען די האפנונג ווען עס איז צו זעהן ירושלים און האבען זיך אלע מיה געגעבען צוריקצוקעהרען נאך אייראפא. אין דיזער פערצווייפעלטער לאגע האט זיי געהאלפען דער אבערגלויבען און די שלוי־הייט (כיטראסט) פון די גייסטליכע. א גייסטליכער האט דערצעהלט, דאס קריסטוס זעלבסט איז איהם געקומען צו חלום און האט איהם געזאגט, דאס אין דער קירכע פון אנטיאכיא געפינט זיך בעגראבען דער שפיז, מיט וועלכען מען האט איהם דורכגעלעכערט נאך דעם, ווי מען האט איהם געקרייציגט, און ווען זיי וועלען דיזען שפיז אויסגעפינען און געהן מיט איהם פעכטען געגען דעם פיינד, וועלען זיי געוויס בעזיגען. מען האט זיך גענומען גרא־בען אין דער קירכע און מען האט ווירקליך געפונען א שפיז (עס פערשטעהט זיך, דאס די גייסטליכע האבען איהם דארט בעגראבען). דיזע געשיכטע האט די קריסטען שרעקליך בעגייסטערט, זיי האבען זיך אלע ווי איין מענש א לאז געטאן צו די בעלאגערער און האבען זיי כמעט אין גאנצען פערניכטעט. נאך דעם, ווי די ערסטע בעגייסטערונג איז א ביסעל אריבער, האבען איינציגע אנגעהויבען צו צווייפלען אין דיזער געשיכטע, און מען האט אנ־געהויבען חושד צו זיין, דאס זי איז נאר אן אויסגעטראכטע. די פראנ־צויזען פון צפון־פראנקרייך האבען ארויסגעלאזען א קלאנג, דאס ראימונד פון טולוז האט דעם שפיז בעגראבען און האט דעם גייסטליכען געהייסען

תורת משה האָט יעדער איינוואוינער געמוזט האָבען אַ שטיקעל גרונד, פון וועלכען ער האָט געצויגען זיין חיונה, קיינער האָט קיין רעכט ניט געהאַט עס ביי איהם אָפּצונעהמען, אַפילו פערקויפען האָט ער עס געקענט נאָר אויף אַ געוויסע צייט, און נאָך דיזער צייט האָט זיך עס צו איהם צוריקגעקעהרט אָהן אַ שום אויסקויף. דאָ אָבער, נאָך די פּרינציפּען פון דעם פעאָדאַל־סיס- טעם, האָט די ערד געהערט צו איינעם אָדער אייניגע גוטס־בעזיצער, די אָרימע אָבער, וואָס האָבען די ערד בעארבייט, האָבען בעקומען פיר זייער ארבייט נאָר אַזוי פיעל, ווי עס איז נעטיג געווען אויפצוהאַלטען אין זיי זייערע נשמות, זיי זאָלען זיין אין שטאַנד צו ארבייטען. און דאָך שטאָלצירען די קריסטען מיט זייער מענשענליבע. אין דיזען נייעם פעאָדאַל־שטאַאַט איז גאָטפריעד ער- וועהלט געוואָרען אַלס קעניג. דיזער האָט ניט געוואָלט טראָגען אַ גאָלדענע קרוין דאָרט, וואו קריסטוס האָט געטראָגען אַ דערנער־קראַנץ; ער האָט ניט געוואָלט אָננעהמען דעם טיטעל קעניג, נאָר „פערטיידיגער פון הייליגען קבר". עס פערשטעהט זיך, אַז דאָס איז געווען צבוע'יאַצטוואָ. אָבער זיינע נאָכפאָל- גער זיינען געווען וועניגער פאַלש, און האָבען אָנגענומען דעם טיטעל קעניג. ווי מיר האָבען פריהער דערצעהלט, איז ירושלים געוואָרען אַ פעאָדאַל־שטאַאַט, אָבער די בירגער האָבען אויך בעקומען זייערע רעכטען, ווייל די בירגער און די סוחרים פון איטאַליען און פראָוואַנס האָבען פיעל געהאָלפען צום ער- פאָלג פון דעם קרייץ־צוג.

דערמיט אָבער האָט זיך די זאַך נאָך ניט געענדיגט. פון עגיפּטען האָ- בען די סאַראַצענער ארויסגעשיקט אַן אַרמעע צו פערטרייבען די קריסטען פון ירושלים. דער קריגסראַט פון די קרייץ־פאָהרער האָט בעשלאָסען איידער זיי וועלען ארויס פון שטאָדט געגען דער עגיפּטישער אַרמעע צו ערמאָרדען אַלע מאַהמעדאַנער, וואָס געפינען זיך אין ירושלים, אום זיי זאָלען ניט העלפען זייערע ברידער געגען די קריסטען. דער פרומער גאָטפריעד, וואָס די גייסטליכע האָבען ניט געהאַט גענוג ווערטער צו לויבען און ריהמען זיין מענשען־פריינדליכקייט, האָט אויך איינגעשטימט צו דיזען מערדערישען פּלאַן. נאָך דער שחיטה אין שטאָדט זיינען די קריסטען ארויס געגען דער עגיפּטישער אַרמעע. ביי דער שטאָדט אשקלון איז פאָרגעקומען אַ שלאַכט, אין וועלכער די קריסטען האָבען גענצליך בעזיגט די אַראַבער, און די קריסטליכע הערשאַפט אין פאַלעסטינאַ איז פעסטגעשטעלט געוואָרען.

נאָך דיזען זיג האָבען זיך די בעזיגער פון פאַלעסטינאַ צושיידט. אייניגע זיינען צוריק אַוועק נאָך איירופּאַ מיט גרויסע אָנגערויבטע רייכטימער, אַנ- דערע זיינען פערבליבען אין פאַלעסטינאַ און האָבען געזוכט נייע לענדער

טען צו העלפען די בעלאגערטע. דער ביצאנטישער קייזער האט אפילו צו-געזאגט צו שיקען חיל צו העלפען די קרייץ־פאהרער, אבער ער האט ניט גע-האלטען ווארט. נאר איטאליען האט זיי געהאלפען אין זייער נויט. א פלאטע פון געגוא האט געבראכט פיעל שפייז און גוט געאיבטע בוי־מייס-טערס. דיזע לעצטע האבען פיעל געהאלפען צו די בעלאגערונגען. זיי האבען גע-בויט ראל־טורמס אויף דעם שטייגער פון די אלטע רוימער. צוויי טעג האט דער קאמף געדויערט און ענדליך איז עס די קריסטען געלונגען אריינצוקומען אין שטאדט. דא האט זיך אנגעפאנגען א שרעקליכעס בלוט־באד, וועלכעס האט גע-צייגט קלאר, וואס די אנהענגער פון קריסטוס׳ן זיינען אין שטאנד צו טאן אין נאמען פון זייער הייליגער רעליגיאן, די רעליגיאן פון מענשען־ליבע, און מיט וועלכע שרעקליכע רציחות זיי בעשמוצען די ערטער, וואס זיינען ביי זיי פערהייליגט. עס איז ווייניג געווען פיר די אנהענגער פון דער רעליגיאן פון מענשען־ליבע צו ערמארדען אלט און יונג, מאן און פרוי, גאנץ אונשולדיגע נפשות, זיי האבען נאך געהאט א בעזונדערעס פערגניגען צו זעהן, ווי זיי מאטערן זיך. צעהן טויזענד סאראצענער האבען זיך בעהאלטען אין זייער מאשעע (מאחמעדאנישער טעמפעל), אבער די קריסטען האבען זיי ביז צום לעצטען ערמארדעט. פון די 40,000 איינוואוינער פון ירושלים איז אזוי ווייניג געבליבען, דאס עס איז כמעט ניט געווען ווער עס זאל מקבר זיין די הרוגים, וואס האבען זיך געוואלגערט אין די גאסען. די אידען האבען זיך פערזאמעלט אין זייער שול צו בעטען גאט אום רעטונג, אבער די מענשען־פריינדליכע קריסטען האבען זיי אלע פערברענט צוזאמען מיט זייער שול. דאס די פרומע קריסטען האבען אלע הייזער בערויבט, דאס פערשטעהט מען אליין. זיי האבען פערגעסען אלע הייליגע ערטער, צוליב וועלכע זיי זיינען געקומען אהער, און האבען זיך מיט לייב און זעעלע איבערגעגעבען צו מארד, רויב, שכרות און פרויען־שענדונג. נאך דעם, ווי מען האט זיך גענוג אנגע-טרונקען מיט מענשען־בלוט און געשטילט אלע הולטייסקע תאוות, און נאך דעם, ווי מען האט אליץ און אלע בערויבט, האט מען זיך געלאזען געהן מיט געזאנג, מיט קאפיטלאך תהלים צום הייליגען קבר פון קריסטוס׳ן, גאט צו דאנקען פיר דאס גליקליכע געשעפט, וואס ער האט זיי צוגעשיקט. פון יוצא וועגען האט מען אויך א ביסעל תשובה געטאן, אום אויף דאס געוויסען א ביסעל צופרידענשטעלען (1099).

דאן האבען די קרייץ־פאהרער געגרינדעט אויף דעם באדען פון דעם לאנד יהודה און ישראל א פעאדאל־שטאאט. וואס פיר א שרעקליכער קאנ-טראסט דער פעאדאל־שטאאט צום אמאליגען שטאאט פון ישראל! נאך

זאַקסען צו אלברעכט דעם בער, מאַרק־גראַף פון בראַנדענבורג. עס פערשטעהט זיך, דאָס נאָכדעם איז דער קאַמף צווישען קייזער און היינריך'ן נאָך שאַרפער געוואָרען. אין מיטען דיזען קאַמף איז היינריך פּלוצלינג געשטאָרבען (1139) פון גרויס עגמת נפש. אָבער מיט זיין טויט האָט דער קאַמף ניט אויפגעהערט. היינריך'ס זוהן, וועלכער איז נאָך דאַמאָלס געוועזן ניט פול־יעהריג, און וועלף פון אלטאָרף, היינריך'ס ברודער, האָבען ערקלערט זייערע פּרעטענזיעס אויף די קאָנפיסקירטע גיטער. פיעלע פון די וואַסאַלען זיינען געוועזן אויף זייער זייט און האָבען זיי געשטיצט. דאָס פעלד־געשריי פון די שטרייטענדע פּאַרטייען איז געוועזן „היע וויבלינגען" און „היע וועלף". „היע וויבלינגען" פלעגט אויסשרייען די פּאַרטיי, וואָס האָט געהאַלטען מיט'ן קייזער, ווייל דאָס איז געוועזן דער נאָמען פון אַן אַלטען שלאָס, וואָס האָט געהערט צו די שטויפען; און „היע וועלף" פלעגט אויסשרייען די פּאַרטיי, וואָס איז געוועזן אויף דער זייט פון היינריך'ס יורשים, וועלכע האָבען געהערט צו דעם הויז „וועלף". שפּעטער האָבען דעריבער די איטאַליענער דיזע פּאַרטייען גערופען: „גועלפען", און „גהיבעללינען". דיזע צוויי פּאַרטייען האָבען אַ לאַנגע צייט געשטריטען צווישען זיך, אפילו ווען דער אורשפּרינגליכער שטרייט איז שוין לאַנג פערלאָשען געוואָרען.

דער מאַרק־גראַף לעאָפּאָלד פון עסטרייך האָט בעזיגט באַיערן נאָך אַ שווערען קאַמף. נאָך לעאָפּאָלד'ס טויט האָט היינריך'ס ברודער יאזאָמירגאָטט פּאָרטגעזעצט דעם קריג און האָט דאָס לאַנד שטאַרק פערוויסטעט. אום צו פערגרעסערן זיין רייך האָט ער געהייראַט גערטראוד, די אַלמנה פון היינריך דעם שטאָלצען. וועלף האָט אָבער דעם שטרייט ניט אויפגעגעבען; ראָדזשער פון סיציליען און דער אונגאַרישער קעניג גייזאַ דער 2טער האָבען איהם געהאָלפען אין זיין שטרייט. היינריך האָט זיך בעפעסטיגט אין זאַקסען און האָט ערהאַלטען דעם ביינאָמען „דער לייב". אָבער די מאַרק־גראַפשאַפט בראַנדענבורג האָט ער געמוזט אָפּגעבען צו אַלברעכט'ן דעם בער, און פון דיזער איז אַרויסגעוואַקסען אַ נייע דייטשע מאַכט (1157).

דערווייל האָבען די אומשטענדען אַרויסגערופען אַ נייעם קרייץ־צוג. אין יאָהר 1145 זיינען אָנגעקומען פון אָריענט טרויעריגע ידיעות. אין דער נאַכט פון ניי־יאָהר זיינען די טערקען בעפאַלען עדעססאַ, די הויפּט־שטאָדט פון דעם פירסטענטום, וואָס גאָטפריעד'ס ברודער האָט געגרינדעט. די אַנדערע פעאָדאַל־הערשאַפטען אין אַזיען, ירושלים און טריפּאָליס האָבען אָנגעהויבען מורא

צו בעהערשען. דער גראף ראימונד פון טולוז האט געגרינדעט זיין הערשאפט אויף דעם ברעג פון סיריען, דער נארמאננער באהעמונד איז געווארען פירסט פון אנטיאכיא, און באלדואין פון בולאני׳, גאטפריעד׳ס א ברודער, איז גע־ווארען הערשער אין מעסאפאטאמיען (ארם נהרים). אזוי האבען די קרייץ־צוגען געגרינדעט א נייעס פראנקרייך אין אזיען.

ב. די האהענשטויפען.

נאך דעם טויט פון לאטהאר׳ן האט היינריך דער שטאלצער פון באיערן גערעכענט, דאס ער איז דער איינציגער געזעצליכער יורש פון דער קייזער־ליכער קרוין. און באמת איז קיין מעכטיגערער פון איהם ניט געווען אין גאנצען לאנד. ער האט געהאט זעהר פיעלע גיטער אין באיערן און אין זאקסען, ער איז געווען הערצאג פוןביידע לענדער, און אויסער דעם האט ער די גיטער פון מאטהילדע׳ן אין איטאליען ערהאלטען פון קייזער אלס פער־ליהענע גיטער. אבער גראדע דיזע אלע מעלות זיינען געווארען חסרונות ביי די וואהלען. די גרויסע האבען ניט געוואלט האבען קיין צו מעכטיגען קיי־זער, און האבען געגעבען א פארצוג צו קאנראד׳ן פון די שטויפען. דער ערץ־בישאף אלבערט פון טריער האט נאך פריהער, איידער די וואהלען זיינען פארגעקומען, אנערקענט אין קאבלענץ קאנראד׳ן אלס קעניג אנשטאט לאטהאר׳ן, און א לעגאט פון פאפסט האט איהם געקרוינט אין אאכען. און נאכדעם איז ער אויך פון אלע פירסטען און גייסטליכע ערוועהלט געווארען, ווייל ער האט געוואוסט זיי צו געווינען דורך נאכגעבען פיעלע פון זייערע פערלאנגען.

אזוי איז קאנראד ערוועהלט געווארען און האט רעגירט אלס קייזער פון 1138 ביז 1152 אונטער׳ן נאמען קאנראד דער 3טער. דיזע וואהל האט ארויסגערופען א גרויסען שטרייט צווישען דעם קייזער און היינריך דעם שטאלצען, און נאך זיין טויט מיט דעם גאנצען הויז פון די וועלפען. היינריך האט קודם כל דבר ניט געוואלט ארויסגעבען די אוצרות פון לאנד, וועלכע האבען זיך געפונען אין זיינע הענט. קאנראד האט דער־פאר פון איהם אפגענומען א טייל פון זיינע פערליהענע גיטער. היינ־ריך האט זיך בעוואפענט און האט זיך ענטזאגט צו קומען צו די רייכס־טעג. מען האט איהם דערפאר פעראורטיילט ארויסצוטרייבען פון לאנד און זיינע גיטער זיינען קאנפיסקירט געווארען. מען האט פון איהם צו־גענומען די הערצאגטימער באיערן און זאקסען און מען האט זיי איבערגע־געבען צו אנדערע — באיערן צום מארק־גראף לעאפאלד פון עסטרייך און

פלינדערט וואו און וואס זיי האבען געקענט, איבערהויפט אין ביצאנטינישען הייף. פיעלע פירסטען האבען ווידער געפלאנוועט קאנסטאנטינאפעל איינ־צונעהמען, נאר דער קעניג לודוויג און דער קריגסראט זיינען געווען געגען דיזער אונטערנעהמונג און מען האט קאנסטאנטינאפעל צורוה געלאזען.

די דייטשע ארמעע איז פריהער אנגעקומען אין קליין־אזיען און האט אנגעפאנגען צו שטרייטען מיט די טערקען. אלס די פראנצויזישע קרייץ־פאהרער זיינען צוגעקומען צו ניקאא אין קליין־אזיען האבען זיי זיך דער־וואוסט, דאס די דייטשע ארמעע איז כמעט אין גאנצען פערניכטעט געווארען. די טערקען האבען צוריקגעדריקט די דייטשען אין די בערג־געגענדען פון קליין־אזיען, וואו זיי זיינען געקומען אין א שרעקליכע אונארדנונג און די טערקען האבען געהאט די מעגליכקייט כמעט אין גאנצען זיי צו פערניכ־טען. דער דייטשער קייזער קאנראד דער 3טער האט זיך קוים מיט א קליי־נעם הייפעל פון זיינע קריגער גערעטעט פון פראנצויזישען לאגער. די פראנצויזען האבען דעריבער גענומען אן אנדער מארשרוט. אבער זיי זיי־נען געבליבען אהן לעבענסמיטלען אין שווערע געפעהרליכע געגענדען. די טערקען האבען זיי אנגעגריפען, ווען זיי האבען בעדארפט דורכגעהן א שמא־לען דורכגאנג צווישען בערג. זייער לאגע איז געווארען זעהר קריטיש און עס האט אויסגעוויזען, דאס זיי זיינען אין א צושטאנד אין גאנצען פערניכ־טעט צו ווערען. אבער עס איז זיי דאך געלונגען זיך ארויסצודרעהען פון דער געפאהר.

די שווערע נידערלאגע, וואס זיי האבען געליטען, האט געצוואונגען דעם קעניג און די גרויסע איבערצוגעבען די קאמאנדע איבער דער ארמעע צו אן איינפאכען אבער זעהר פעהיגען ריטער מיט דעם נאמען ג י ל ב ע ר ט, וועלכער איז געוועזן מעהר געשיקט אין דער קריגסקונסט. איהם איז געלונ־גען די ארמעע ארויסצופיהרען פון די געפעהרליכע בערג און צו ברייגגען זיי צום ברעג פון ים. אבער דערמיט זיינען נאך די קרייץ־פאהרער ניט געווען אין גאנצען גערעטעט. זיי האבען מעהר ניט געהאט קיין פערד צו מאכען דעם וועג אויף דער יבשה און עס האט זיי געפעהלט א פלאטע צוריקצוקעהרען זיך מיט׳ן ים. די ביצאנטינער האבען געפאדערט אזעלכע בעדינגונגען, דאס די פעאדאל־העררען האבען פיר קיין פאל זיך ניט געקענט ענט־שליסען זיי אנצונעהמען. ביים איינשיפען זיך האט לודוויג דער 7טער אי־בערגעגעבען צום שטאטהאלטער פון סאטאליען די נעהענטסטע שטאדט, אום ער זאל דארט אויפנעהמען אלע קראנקע און פערוואונדעטע פון די

צו האָבען, דאָס די טערקען וועלען אויך פון זיי גיך מאַכען אַן ענדע, און דעריבער האָבען זיי זיך געווענדעט צו פראַנקרייך נאָך הילף. דיזעס מאָל האָט דער אַבט בערנהארד פון סענט דעניס געשפּילט די זעלבע ראָלע, וואָס פּעטער פון אַמיענס האָט געשפּילט אין דעם ערסטען קרייץ־צוג. זיין נאָמען איז געווען בעריהמט אין דער גאַנצער קריסטליכער וועלט. אויף אַ גרויסער פער־זאַמלונג אין וועזעלעי האָט ער צום ערסטען מאָל געפּרעדיגט וועגען אַ נייעם קרייץ־צוג. נאָכדעם האָט ער בערייזט גאַנץ פראַנקרייך און דייטש־לאַנד און האָט איבעראַל ערוועקט גרוים ענטהוזיאַזם. זיינע פייערדיגע רע־דעס האָבען געווירקט אויף קאָנראַד דעם קעניג פון שוואַבען און אויף לודוויג דעם 7טען דעם קעניג פון פראַנקרייך אוןביידע האָבען אָנגענומען דעם קרייץ און בעשלאָסען צו אונטערנעהמען אַ צווייטען צוג נאָך דעם אָריענט צו בע־שיצען זייערע גלויבענס־ברידער.

אום צו שאַפען געלט פיר דיזען צוג האָבען די גרויסע גוטס־בעזיצער אָנגעפאַנגען צו פערקויפען שטיקער לענדערייען צו דער קירכע און צו פער־מעגליכע בירגער. אייניגע האָבען געגעבען פרייהייט צו זייערע לייבאייגענע און האָבען דערפאַר בעקומען געוויסע סומעס געלט, אַנדערע האָבען בעשווערט זייערע לייבאייגענע מיט נייע שטייערן און אָפּגאַבען אום צו בעקומען געלט. דיזעס מאָל האָבען די קרייץ־פאָהרער געצוואונגען די קירכע, זי זאָל אויך ביישטייערן צו די גרויסע הוצאות פון דיזען צוג, איבערהויפּט האָבען עס די הויפּט־מאָנאַסטירען געמוזט טאָן. אין דעם קריסטליכען יום־טוב פינגסטען (טראַאיצאַ) פון יאָהר 1147 האָט זיך אָנגעפאַנגען דער צוויי־טער קרייץ־צוג. דיזער צוג האָט געהאַט אַ גאַנץ אַנדער אויסזעהן אין פערגלייך מיט דעם ערסטען. זעהר פיעלע פאָרנעהמע פרויען, אונטער זיי אויך די קעניגין פון פראַנקרייך, זיינען מיטגעגאַנגען מיט'ן צוג אום צו אונ־טערהאַלטען דעם מוט און די בעגייסטערונג פון די קרייץ־פאָהרער. דער ביצאַנטישער קייזער האָט פערשפּראָכען איבערצושיפען די קרייץ־פאָהרער איבער'ן באָספּאָרוס אין קליין־אַזיען אויף זיינע הוצאות. דעריבער האָבען די קריסטען בעשלאָסען זייער רייזע צו מאַכען דורך די יבשה איבער קאָנסטאַנ־טינאָפּעל און ניט איבער'ן ים גלייך צו פּאַלעסטינאַ, ווי די נאָרמאַננען אין אי־טאַליען האָבען געראַטען. שפּעטער האָבען די קרייץ־פאָהרער געהאַט אורזאַך חרטה צו האָבען, וואָס זיי האָבען ניט געפאָלגט דיזען ראַט. 100,000 פראַנ־צויזישע קריגער זיינען אַריבער דעם רהיין מיט דעם קעניג פון וואָרמס, און אַזוי פיעל זיינען געווען בערייט אויף פון די דייטשען אונטער דער לייטונג פון קאָנראַד'ן. אויך דיזעס מאָל האָבען די קרייץ־פאָהרער גערויבט און גע־

קרייץ־פאָהרער און זאָל די איבריגע קרייץ־פאָהרער בעגלייטען ביז צום פירסטענטום פון אנטיאָכיא. די ביצאַנטישע גריכען האָבען אָבער זייער וואָרט ניט געהאַלטען. זיי האָבען די קראַנקע ערמאָרדעט און האָבען קיין בעגלייטונג ניט געגעבען צו די קריגער פון דער אַרמעע. די ביצאַנטינער האָבען זיך געוואָלט נוקם זיין אָן די קרייץ־פאָהרער דערפאַר, וואָס זיי האָבען געפּלינדערט דאָס ביצאַנטישע לאַנד, וואו מען האָט זיי פריינדליך אויפגענו־מען. דער רעזולטאַט דערפון איז געווען, דאָס פיעלע פון די קרייץ־פאָהרער זיינען פערניכטעט געוואָרען, פיעלע זיינען געפאַנגען געוואָרען פון די טער־קען, און זעהר פיעלע זיינען איבערגעגאַנגען צום מאַהמעדאַנערטום, און זיי־נען פריייוויליג אריבער צו די טערקען שטרייטען מיט זייערע צוזאַמען געגען זייערע ברידער די קרייץ־פאָהרער. די פאָרנעהמע קרייץ־פאָהרער האָבען זיך נאָך זייער ה׳ים צוריקגעקעהרט. דער קעניג איז געבליבען אין פּאַלעסטינאַ לענגער, אָבער ער האָט דאָרט קיין זאַך ניט אונטערגענומען. ענדליך איז אויך דער קעניג צוריק אַהיים געפאָהרען, ווייל דער אבט סוגער, וועל־כער האָט געהאַלטען אָרדנונג אין לאַנד אין דער צייט, ווען דער קעניג איז געווען אוועק, האָט איהם געשריבען א בריף, אין וועלכען ער האָט איהם אויפ־געפאָדערט גלייך צוריקקעהרען זיך אַהיים, אום צו פערהיטען אונרוהען. דער טרייער און קלוגער אַבט איז באַלד נאָך לודוויג׳ס צוריקקומען אין לאַנד גע־שטאָרבען. זיין טויט איז געווען א גרויסער פערלוסט פיר דעם קעניג.

דאָס ענדע פון צווייטען קרייץ־צוג איז געווען זעהר טרויעריג. דער דייטשער קייזער קאָנראַד האָט פערלאָרען זיינע קרעפטען אין גאָר ניט, האָט פערנאַכלעסיגט זיין לאַנד, און איז געשטאָרבען איידער ער האָט ערהאַלטען די קעניגליכע קרוין, ווייל ער האָט צוליב דעם קרייץ־צוג קיין צייט ניט געהאַט אונטערצונעהמען דעם געוועהנליכען צוג נאָך רוים, אום דאָרט די קרוין צו ערהאַלטען. זיין נאָכפאָלגער איז געווען זיין פּלעמעניק פריעדריך, וועלכער האָט בעקומען דעם צונאָמען באַרבאַראָססאַ, צוליב זיין רויטער באָרד („באַרבאַ ראָססאַ״ בעדייט אין איטאַליעניש „רויטע באָרד״). פריעדריך האָט געוואָלט, דאָס היינריך יאַזאָמירגאָטט זאָל אָפּטרעטען באַיערן צו דעם וועלף היינריך, ווייל דיזער האָט דאָס ריכטיגע ירושה־רעכט דערצו געהאַט. דיזער פערגלייך איז פריעדריך׳ן אָנגעקומען זעהר שווער, אָבער ענדליך איז איהם געלונגען זיין רעכט צו געווינען. ער האָט געקראָגען באַיערן צוריק, מיט אויסנאַהמע פון דעם לאַנד איבער׳ן טייך עננס, וועלכעס איז צו־געגעבען געוואָרען צו דער מאַרק־גראַפשאַפט עסטרייך. דיזעס פעראייניגטע



די קרייץ-פאָהרער זעגלען איבער דעם באָספאָרוס.

גרויסען איינפלוס אויף די געמיטער. אין זיינע רעדעס האָט ער בעוויזען, דאָס לויט דער ביבעל און דער רעליגיאָן האָבען די קאָמונעס אַ פולעס רעכט צו עקסיסטירען און קיינער האָט קיין רעכט ניט זיי צו שטערען אין זייער שטרעבען צו פרייהייט און זעלבסט־רעגירונג.

דיזער מערקווירדיגער מאַן, וועלכער איז געווען אַ שילער פון אַבאָלאַרד׳ן, האָט איינגעזעהען, דאָס די קירכע מוז זיין אָפגעטיילט פון דער וועלטליכער מאַכט, דאָס די קירכע מוז זיך אומקעהרען צום אידעאַלען קריסטענטום, און דאָס די וועלטליכע מאַכט מוז זיין איינגעריכטעט נאָך דער ארט, ווי עס איז געווען איינגעריכטעט די רוימישע רעפובליקאַנישע רעגירונג. ער האָט געוואָלט, דאָס די קירכע זאָל איבער־אַ־ניים ווערען אַזוי איינפאַך, ווי זי איז געווען אין דער צייט פון די אַפּאָסטלען. די גאַנצע אָרדנונג פון דעם פעאָדאַל־סיסטעם האָט ער געפונען פיר נעטיג צו פערניכטען, עס זאָל פון איהר קיין זכר ניט בלייבען. ער איז געווען געגען דעם, דאָס די קירכע און די גייסטליכע זאָלען האָבען וועלכעס עס איז אייגענטום און נאָך ווענִיגער רייכטום. אַ גייסטליכער טאָר ניט האָבען אין זיך קיין שטאָלץ און קיין מאַכט אין וועלטליכע זאַכען. די הערשאַפט פון אַ בישאָף איבער ערד און מענשען איז אַ זינד געגען גאָט, האָט ער געפּרעדיגט. מיט איין וואָרט, ער האָט געוואָלט גרינדען אַ קריסטליכע געזעלשאַפט אויף אַ נייעם פונדאַמענט. לייבאייגענשאַפט מוז אָפּגעשאַפט ווערען, ווייל עס איז געגען די פּרינציפּען פון קריסטענטום. זיינע רעדעס האָבען שטאַרק געווירקט אויף דעם גייסט פון די רוימער, זיי האָבען זיך ענטזאָגט צו פאָלגען דעם פּאַפּסט און האָבען אָנגעפאַנגען איינצואָרדנען אין לאַנד אַ רעפּובליקאַנישע רעגירונגס־פאָרמע נאָך דער אַרט, ווי זי איז געווען אין דעם אַלטען רוים. דיזע אידעען פון בירגערליכער און קירכליכער פרייהייט האָבען זיך פערשפּרייט אין פיעלע געגענדען און בעזונדערס אין דרום־דייטשלאַנד. איבערהויפּט האָבען זיך אָנגעכאַפּט אָן דיזע אידעעס די אָרימע און די געדריקטע. עווגעניוס דער 3טער, וועלכער איז געווען בערנהאַרד׳ס טרייער פריינד, האָט איבערגעגעבען צום רוימישען סענאַט און פאָלק דאָס קאַפּיטאָליום (די פעסטונג) פון רוים. עווגעניוס׳עס נאָכפאָלגער, האַדריאַן דער 4טער, וועלכער איז אַלס קינד געווען אַ בעטלער אין ענגלאַנד, האָט בעלאַגערט די שטאָדט רוים און האָט דעם רעפאָרמאַטאָר אין חרם אַריינגעלעגט.

ביידע פּאַרטייען האָבען זיך געווענדעט צו פריעדריך באַרבאַראָססאַ, ער זאָל די זאַך ענטשיידען. פריעדריך איז שוין געווען אויפגעבראַכט פון פריהער אויף די לאָמבאַרדישע שטעדט פיר זייער קאָמוניזם, און האָט דעריבער

לאַנד איז געוואָרען אַ הערצאָגטום. דאַמאָלס האָבען זיך אָנגעפאַנגען די פּאַר־רעכטען און די פּריוויליגיען פון עסטרייך. די באַבענבערגער מאַרק־גראַפען האָבען זיך דאַמאָלס בעזעצט אין דער אַלטער רוימישער שטאָדט וויען, וועלכע האָט פון דאַמאָלס אָן אָנגעפאַנגען איבער־אַ־ניים אויפצובליהען.

פּוילען און בעהמען, ווי אויך בורגונד, האָבען איבער זיך אָנערקענט פריעדריך'ס הערשאַפט. אום צו פערפעסטיגען זיין רעגירונג האָט פריעדריך געהייראַט בעאַטריקס'ן, די יורש'טע פון דער בורגונדישער פריי־גראַפשאַפט, און די לעדיגע פירסטענטימער האָט ער איבערגעגעבען צו זיינע קרובים און זיינע זיהן. צו זיין שטיפבּרודער קאָנראַד האָט ער איבערגעגעבען די פּאַלץ־גראַפשאַפט ביים רהיין, וועלכע איז פריהער געווען אַ טייל פון הערצאָגטום פראַנקען.

אין דריטען יאָהר פון זיין רעגירונג האָט פרידריך אונטערגענומען זיין ערסטען רוימער־צוג. ביי דיזער געלעגענהייט האָבען די לאָמבאַרדישע שטעדט געצייגט, דאָס זיי ווילען ניט אָנערקענען די אויבערהערשאַפט פון פריעדריך'ן איבער זיך. נאָך דעם אַלטען מנהג האָט פריעדריך געמאַכט מאַנעווער אויף דעם ראָנקאַלישען פעלד נעבען פּיאַטשענצאַ, וואו ער האָט אויפגעפאָדערט די פירסטען אין די שטעדט, זיי זאָלען איהם אָנערקענען און איהם אָפּגעבען כבוד אַלס זייער קייזער. די לאָמבאַרדישע שטעדט האָבען זיך אָבער אונטער דער צייט בעפרייט פון זייערע הערען און זיינען געוואָרען פריי ווי די קאָמונעס אין פראַנקרייך. אין לאָמבאַרדיע האָבען די שטעדט פון די בירגער געמאַכט צווישען זיך אַ בונד אונטער דער פיהרונג פון מאַילאַנד (מילאַנאָ). פריעדריך האָט באַלד געזעהען, דאָס מאַילאַנד איז צו שטאַרק ער זאָל מיט זיי אָנפאַנגען קריג. אָבער ער האָט זיי געגעבען צו וויסען, דאָס ער וועט צושטערען די מאַכט פון די רעפּובליקאַנישע שטעדט און וועט זיי צווינגען אָנערקענען איבער זיך די קייזערליכע מאַכט. אום אָפּצושרעקען זיי האָט ער צושטערט איינינגע קליינע קאָמונעס, אונטער דיזע די מוטיגע שטאָדט טאָר־טאָנאַ.

אין יאָהר 1155 איז פריעדריך'ן געלונגען צו ערהאַלטען די לאָמבאַרדישע קייזערליכע קרוין אין דער שטאָדט פּאַוויאַ, וועלכע איז געווען טריי צום קייזער. פריהער פלעגט דיזע צערעמאָניע געשעהען אין דער אַמבראָזיוס־קירכע אין מאַילאַנד. נאָכדעם איז פריעדריך געגאַנגען נאָך רוים. דאָ האָט איינער אַרנאָלד פון ברעשיאַ מיט פייערדיגע רעדעס געפאָדערט רעפאָרמעס אין דער רעגירונג. זיינע לעהרעס זיינען געווען דער אויסדרוק פון דעם גייסט פון דער צייט, און זיי האָבען דעריבער געהאַט אַ

און וועלכע וועלען דאָרט הערשען מיט אַן אונבעשרענקטער מאַכט. נאַ-טירליך האָט דיזער בעשלוס זעהר שטאַרק ערביטערט די שטעדט. אין קרע-מאָנאַ האָט אויסגעבראָכען אַ שטאַרקער אויפשטאַנד, וועלכען דער קייזער האָט מיט פיעל בלוטפערגיסונג קוים איינגעשטילט.

די לאַגע אין איטאַליען איז נאָך פיעל ערגער געוואָרען אַלס דער פּאַפּסט האָט בעשטימט אָהן דער הסכמה פון קייזער, דאָס די מאַטהילדישע ערבגיטער זאָלען איבערגעהן צום אָנקעל פון היינריך דעם ליים, אַ וועלף. צווישען דעם קייזער און דעם פּאַפּסט איז געוואָרען אַ שרעקליכע שנאה, אַזוי דאָס האַדריאַן דער 4טער איז געוועזן בערייט דעם קייזער אין חרם אריינצולעגען און ווידערהאָלען די געשיכטע מיט היינריך דעם 4טען. דערווייל איז דער פּאַפּסט געשטאָרבען. די קאַרדינאַלען, וואָס האָבען געהאַלטען מיט'ן קייזער,

פריעדריך דער 1טער און זיין פרוי בעאַטריקס.

האָבען ערוועהלט אַלס פּאַפּסט ו י ק ט אָ ר ד ע ם 4 ט ע ן. די גע-גען־פּאַרטיי, וועלכע איז געוועזן גרעסער אין צאָהל, האָט אויסגעקליבען אַ ל כ ס נ ד ר ד ע ם 3 ט ע ן. דיזער האָט באַלד אריינגעלעגט אין חרם דעם געגען־פּאַפּסט צוזאַמען מיט דעם קייזער. דערצו האָט ער אָנגענומען די זייט פון די קאָמונעס אין די איטאַליענישע שטעדט. עס איז פאָרגעקומען אַ ביטערער קאַמף, וועלכער האָט געדויערט פולע 18 יאָהר, און אין דיזער צייט איז דער טייל איטאַליען צווישען רוים און די אַלפּען אין גאַנצען פער-וויסטעט געוואָרען. אויך אין דייטשלאַנד האָט זיך אָנגעצונדען אין פער-שיידענע ערטער דער בירגער־קריג. פיעלע מאָנאַסטירען, פעסטונגען און שטעדט זיינען אין אַש פערוואַנדעלט געוואָרען. דער פּאַרטיי־קאַמף האָט

די זאך ענטשיידען צו גונסטען פון דעם פּאפּסט. ווען פריעדריך איז אָנגעקומען אין דאָס רייך פון דעם פּאפּסט, איז איהם דער פּאפּסט ארויס ענטקעגען. דאָ האָט ער געמוזט העלפען דעם פּאפּסט אריינשטעלען די פיס אין שטייג-ביגעל, הגם עס איז איהם געווען זעהר ניט אָנגענעהם צו טאָן די ארבייט פון א שטאל-קנעכט. נאָך דעם, ווי דער פּאפּסט האָט פון איהם געזעהען אזא מין הכנעה, האָט ער איהם געגעבען דעם פרידענס-קוס און האָט איהם פערשפּראָכען די קייזערליכע קרוין. נאָכדעם זיינען ביידע, דער פּאפּסט און דער קייזער, אריין אין רוים. איידער זיי זיינען אריין אין שטאָדט איז געקומען צו פריעדריך'ן א דעפּוטאציאָן פון די רוימישע בירגער מיט דער פאָדערונג ניט אריינצוקומען אין שטאָדט, סיידען ער וועט געבען א שבועה, דאָס ער וועט לאָזען בלייבען די רעפּובליקאנישע אָרדנונג, וועלכע זיי האָבען איינגעפיהרט. פריעדריך האָט אָבער מיט שטאָלץ אויף זיי אָנגעשריען און איז אריין אין שטאָדט. דאָרט האָט דער פּאפּסט באלד אָנגעגרייט אלץ, וואָס איז געווען נעטיג צו דער צערעמאָניע פון דער קאָראָנאציע, און פריעדריך איז אין דער פּעטערס-קירכע געקרוינט געוואָרען אלס רוימישער קיסר. ווי נאָר די צערעמאָניע האָט זיך געענדיגט, האָבען די רוימער געוואָלט דעם קיסר פון שטאָדט ארויסטרייבען, און ארנאָלד'ן, וועלכער איז דאמאָלס געווען געפאנגען ביי די דייטשען, בעפרייען. עס האָט אויסגעבראָכען א שלאכט צווישען די רוימער און די דייטשען, און די רוימער זיינען בעזיגט געוואָרען. נאָך דעם זיג האָט פריעדריך איבערגעגעבען דעם פערהאסטען רעפאָרמאטאָר אין די הענט פון דעם פּאפּסט, וועלכער האָט איהם געהייסען הענגען. זיין קערפּער האָט מען פערברענט און די אש האָט מען אריינגעוואָרפען אין טיבער. אזוי האָט געענדיגט זיין לעבען דער ערסטער קעמפּער פיר בירגערליכע און רעליגיעזע פרייהייט. דאָס רוימישע פאָלק האָט איהם בעטראכט אלס א מארטירער און זיין אָנדענקען איז ביי זיי געבליבען הייליג אויף אימער.

דער ווידערשטאנד פון די לאָמבארדישע שטעדט האָט באלד געמאכט נעטיג א נייעם רוימער-צוג. פריעדריך איז אריבער די אלפּען מיט א זעהר גרויסער ארמעע. אויף דער אנדערער זייט פון די אלפּען אין איטאליען האָט ער ארויסגערופען פון דער דאמאָלס בעריהמטער רעכטס-שולע אין באָלאָניא די פיער גרעסטע און געלעהרטעסטע יוריסטען, און צו צוויי פערטרעטער פון יעדער איטאליענישער שטאָדט, זי זאָלען צוזאמען פעסטשטעלען די רעכטען פון דעם קעניג איבער די איטאליענישע שטעדט. דיזע פערזאמלונג האָט בעשלאָסען, דאָס אלע קאָמונעס פון די איטאליענישע שטעדט זאָלען אָנערקענען די בעאמטע, וועלכע דער קייזער וועט זיי צושיקען,

געוויין. אַלע זיינען געפאַלען צו דער ערד און האָבען מיט אַ יאָמער־געשריי געבעטען אום גנאַדע. זיי האָבען קוים אויסגעווירקט, מען זאָל זיי דאָס לע-בען שענקען. דעם 26טען מערץ 1162 איז דער קייזער מיט זיין חיל אריין אין שטאָדט. ער איז ניט אריין דורך די טויערן, נאָר ער האָט געהייסען איינברעכען די מויער און איז אריין. נאָכדעם האָט ער די שטאָדט צו-שטערט, ער האָט נאָר איבערגעלאָזען די קירכעס און די קונסט־ווערק. די איינוואוינער האָבען די שטאָדט געמוזט פערלאָזען און האָבען זיך געמוזט בעזעצען אויף די ערטער, וואָס מען האָט זיי געגעבען איז דער אומגעגענד. נאָך דעם פאַל פון מאַילאַנד האָבען זיך אַלע לאָמבאַרדישע שטעדט אונטער-געגעבען, האָבען אָנערקענט די ראָנקאַלישע בעשלוסען וועגען די קייזערליכע רעכטען און האָבען אָנגענומען די קייזערליכע בעאַמטע.

אָבער עס האָט ניט לאַנג געדויערט און מאַילאַנד האָט ווידער בעקומען נייע קרעפטען. דאָס זעלבע איז געוועזען מיט די שטעדט קרעמאָנאַ, טאָרטאָנאַ און פיעלע אַנדערע, וואָס זיינען צושטערט געוואָרען. די אַלע שטעדט פון אויבער־איטאַליען האָבען געשלאָסען אַ בונד, אָן דער שפּיץ פון וועלכען עס איז געשטאַנען די שטאָדט ווערָאנאַ. צו דיזען בונד איז אויך ווענעציאַ צוגע-שטאַנען. אַלס דער קייזער איז ווידער געקומען אָהן מיליטער, האָבען זיך די שטעדט ווידער אויפגעהויבען געגען איהם. דיזעס האָט איהם געצוואונ-גען אונטערצונעהמען אַ פערטען צוג נאָך איטאַליען. אין יאָהר 1166 איז ער געקומען אין איטאַליען איינצושטילען דעם אויפשטאַנד. דיזעס מאָל האָ-בען זיך אויך די לאָמבאַרדישע שטעדט קרעמאָנאַ, ברעשיאַ, מאַנטואַ און אַנ-דערע פעראייניגט אין איין בונד געגען דעם קייזער. פריעדריך האָט אפילו גענומען רוים. אָבער ער האָט זיך באַלד איבערצייגט, דאָס זיין לאַגע איז זעהר געפעהרליך, אַזוי דאָס ער האָט געמוזט אין געהיים פערלאָזען איטאַליען און ענטלויפען צוריק נאָך דייטשלאַנד. איהם אויף להכעיס האָבען די לאָמבאַרדער אויסגעבויט אַ נייע שטאָדט, וועלכע זיי האָבען אַ נאָמען געגע-בען אַלעססאַנדריאַ, צו עהרע פון פריעדריך'ס ביטערען געגנער, דעם פּאַפּסט אַלכסנדר. פריעדריך'ס מאַכט איז געבראָכען געוואָרען אַזוי שטאַרק, דאָס ער האָט געמוזט וואַרטען פולע 6 יאָהר ביז ער האָט געקענט אונטערנעהמען אַ נייעם צוג נאָך איטאַליען.

דורך דאָס ביישפּיעל פון די איטאַליענער און פראַנצויזען האָבען זיך אויך אין דייטשלאַנד אָנגעהויבען אונרוהען מיט פאָדערונגען פיר מעהר פרייהייט פיר די בירגער. אַזוי האָט אין מאַינץ אויסגעבראָכען אַן אויפ-שטאַנד געגען דעם קייזער און געגען דעם ערץ־בישאָף אַרנאָלד פון

זיך פערשפרייט איבער גאַנץ דייטשלאַנד, איבעראַל האָט מען געהערט די בעריהמטע פעלד־געשרייען „היע וועלף!" און „היע וויבלינג!" פון די צוויי פאַרטייען, די גוועלפען און די גהיבעללינען.

נאָך איידער דער פאַפּסט האָט פריעדריך'ן אין חרם אריינגעלעגט האָבען די לאָמבאַרדישע קאָמונעס מיט מאַילאַנד אָן דער שפּיץ זיך עמפּערט געגען דעם קייזער. די קייזערליכע געזאַנדטע האָבען די קאָמונעס פאָרגעוואָרפען, דאָס זיי ערפילען ניט זייער שבועה טריי צו זיין דעם קייזער, און זיי האָבען געענטפערט: „מיר האָבען ווירקליך געשוואָרען טרייהייט צום קייזער, אָבער מיר האָבען זיך ניט פערפליכטעט עס צו האַלטען". פריעדריך האָט מתרה געוועזען מאַילאַנד, דאָס ער וועט די מיאַטעזשניקעס הארט בעשטראָפען, און האָט זיי געגעבען צייט זיך צו בעדענקען און אונטערגעבען זיך. אָבער זיי זיינען געבליבען ביי זייערס. פריעדריך האָט בעלאַגערט קרעמאָנאַ און האָט זי אין יאָהר 1160 אין גאַנצען צושטערט, נאָכדעם האָט ער זיך גענומען צו דער בעלאַגערונג פון מאַילאַנד.

אין פריהלינג פון יאָהר 1161 האָט פריעדריך בעקומען פרישע קרעפטען פון דייטשלאַנד, און דאַמאָלס האָט ער זיך גענומען מיט מעהר ענערגיע און מוט צו דער בעלאַגערונג פון דער שטאַרקער מאַילאַנד. די ערביטערונג איז געווען גרויס פוןביידע זייטען. ביידע זייטען האָבען מערדעריש געהאַנדעלט געגען די געפאַנגענע, וועלכע מען האָט געהאַנגען, פערברענט און בלינד געמאַכט. האָט מען געכאַפּט איינעם, וואָס האָט צוגעשטעלט שפּייז צו די בעלאַגערטע מאַילאַנדער, האָט מען איהם די רעכטע האַנט אָפּגעהאַקט. ניין מאָנאַטען האָט געדויערט די בעלאַגערונג. ענדליך זיינען געקומען די קאָנסולען פון מאַילאַנד צוזאַמען מיט 300 בירגער און האָבען געבראַכט מיט זיך די שליסלען פון אַלע טויערן, 36 שטאָדט־פאָהנען, מיט אַלע הויפּט־פעלדצייכענס צוזאַמען מיט דעם קאַראָטשיאָ אָדער פאָהנען־וואָגען און האָבען זיך איבערגעגעבען אין פריעדריך'ס הענט. ווען די בירגער מיט די קאָנסולען זיינען אָנגעקומען צו פריעדריך'ן אין לאַגער, האָט ער זיי אַ לאַנגע צייט ניט אריינגעלאָזען צו זיך אין געצעלט און האָט זיי געלאָזען שטעהן אין דרויסען אין אַ שרעקליכען רעגען. נאָכדעם האָט ער זיך געשטעלט אויף אַ טורם אין מיטען פון לאַגער, האָט געלאָזען דורכגעהן פאַרביי דעם טורם דעם גאַנצען צוג פון מאַילאַנד. דיזעס איז פאָרגעגאַנגען אָהן אַ וואָרט צו רעדען. יעדע אָפּטיילונג האָט געלעגט צום קייזער'ס פיס אַלץ, וואָס זי האָט מיט זיך געבראַכט. דאַן האָט מען דאָס קאַראָטשיאָ צושטערט. ביי דיזען אַקט האָבען די קאָנסולען און די בירגער אויסגעבראָכען אין אַ ביטערען

ארויפצוקומען, און אַלס דיזעס איז זיי ניט געלונגען, האָבען זיי דעם מאָנאַס-טיר אונטערגעצונדען. דער בישאָף האָט געמוזט זיינע קרעפטען צוטיילען: דאָס פייער לעשען און זיך שיצען געגען אָנגריף. די אָנגרייפער האָבען באַלד געהאַט די מעגליכקייט דאָס טויער פון מאָנאַסטיר אויפצורייסען, זיי האָבען זיך באַלד בעמעכטיגט איבער דעם הייפּעל קריגער פון דעם בישאָף און האָבען באַלד דעם בישאָף ערמאָרדעט.

די מאַינצער האָבען שווער בעצאָהלט פיר דיזע טאַט. דער קייזער פריעד-ריך דער 1טער איז זעלבסט אָנגעקומען אין מאַינץ און האָט אַליין גע'משפט די פערברעכער. די רעדעל־פיהרער פון דעם אויפשטאַנד זיינען פעראור-טיילט געוואָרען צום טויט, און די אַלע אַנדערע, וואָס האָבען זיך בעטייליגט אין דעם, זיינען פון שטאָדט פערטריבען געוואָרען אויף אימער. מאַינץ איז בערויבט געוואָרען פון אַלע פּריווילעגיעס, וואָס זי האָט געהאַט, די מויערן זיינען צושטערט געוואָרען. די שטאָדט איז געבליבען אָפען פיר הינט, וועלף, גנבים און רויבער. די בירגער זיינען ערקלערט געוואָרען אַלס רעכט-לאָז אויף אייביג (1163). עס איז שוין אימער אַזוי, ווען אַ פאָלק פער-לאַנגט פרייהייט, ווערט עס פון די הערשענדע קלאַסען בעשטראָפט מיט בעסטיאַלישער ווילדקייט.

דערווייל האָט זיך אין דייטשלאַנד אָנגעפאַנגען אַ נייער שטרייט צווי-שען היינריך דעם לייב פון איין זייט און די צפון־דייטשע גראַפען און בי-שאָפען מיט אַלבערט דעם בער אויף דער אַנדערער זייט. דיזער צושטאַנד האָט געצוואונגען דעם קייזער צו פערלאָזען איטאַליען און צו איילען צוריק נאָך דייטשלאַנד. זינט דעם יאָהר 1156 איז די מאַכט פון די וועלפען וויעדער אויפגעשטעלט געוואָרען. היינריך האָט וויעדער ערהאַלטען די צוויי מעכ-טיגסטע הערצאָגטימער פון לאַנד. ער האָט זיך אויך גענומען צו די ווענדישע שטאַמען אין מעקלענבורג און פּאָממערן, און האָט ביי זיי איינגעפיהרט דאָס פעאָדאַל־סיסטעם. ער האָט אויך ליבעק ניי אויפגעבויט און האָט זי גע-מאַכט פיר די מעכטיגסטע שטאָדט אין דייטשלאַנד ביי דער אָסט־זעע (באַלטישעס מעער).

ווי מיר האָבען געזאָגט האָט פריעדריך ניט געוואָלט שטערען היינריך'ן אין זיינע זיגען, ווייל דערמיט האָט זיך אויך זיין מאַכט פערשטאַרקט און פערברייטערט. דורך די איינגענומענע ערטער איז היינריך דער לייב גע-קומען צו אַ צוזאַמענשטויס מיט די צפון־דייטשע גראַפען און בישאָפען. ער האָט געגרעכענט, דאָס ער האָט דאָס רעכט צו זיין זייער אויבערהערר. זיי

ז ע ע ל ע נ ה א פ ע ן. אין דער צייט, ווען דער ערץ־בישאף ארנאלד איז געוועזן מיט׳ן קייזער אין איטאליען האבען זיך די מאינצער עמפערט געגען דעם ערץ־בישאף. אלס דיזער האט דערהערט וועגען דעם אויפשטאנד, האט ער פעררופען א סינאד מיט דעם צוועק צו בעשליסען וואס פיר א שטראף מען זאל ארויפלעגען אויף די בונטאוושטשיקעס. די מאינצער אבער האבען פערטריבען דעם סינאד, האבען זיך אריינגעריסען אין בישאף׳ס פאלאץ, אזוי דאס דיזער האט געמוזט זוכען רעטונג דורך ענטלויפען. די קירכע און די וואוינונגען פון די גייסטליכע זיינען געפלינדערט געווארען, און מען האט בע-שלאסען דעם בישאף מעהר ניט אריינצולאזען אין שטאדט. אבער דער בעפעהל פון קייזער און דער בעשלוס פון א פערזאמלונג פון גייסטליכע האט זיי געצוואונגען צו בעצאהלען דעם ערץ־בישאף פיר דעם שאדען און איהם צופרידענשטעלען פיר אלע בעליידיגונגען, וואס זיי האבען איהם פערשאפט. זיי האבען געמוזט בעגעגנען דעם ערץ־בישאף מיט הכנעה און בעטען ביי איהם מחילה.

די מאינצער האבען באלד ווידער גענומען ראכע. נאך אין דעם זעל-בען יאהר האבען אויסגעבראכען נייע אונרוהען. מען האט דעם בישאף פון פערשיידענע זייטען געווארנט, דאס ער איז אין געפאהר. די אבטיסע היל-דעגארד האט איהם געשריבען: „היט זיך, די הינט זיינען פון דער קייט אפגעריסען, און זיי זיינען בערייט דיך צו בעפאלען". אויך זיין ברודער האט איהם געווארנט זיך צו היטען, אבער דער ערץ־בישאף האט דיזע ווארנונגען ניט געשענקט קיין אויפמערקזאמקייט. דעם 23טען יוני האבען זיך די ביר-גער ווירקליך בעוואפענט. דער ערץ־בישאף האט זיך דאמאלס געפונען אין דעם מאנאסטיר אויף דעם יאקאבסבערג. זיין ברודער האט איהם נאך אמאל געווארנט און האט איהם געזאגט: „וואס ווילסט דו? די גאנצע שטאדט איז בעוואפענט געגען דיר, אום דיך און דיינע אנהענגער צו פערניכ-טען, זעץ זיך גלייך אויף׳ן פערד און ענטלויף". דערויף האט איהם דער בי-שאף געענטפערט: „איך זאל ענטלויפען פאר די מאינצער? איך קען זיי צו גוט פון קינדהייט אן, און איך וואלט וועלען זעהן, וואס זיי ווען זיי וועלען מיר טאן". נאך איין מאל האט זיין ברודער דרינגליך איהם געווארנט צו ענט-לויפען. אבער דער בישאף האט געענטפערט: „ווי גאט וויל, אזוי זאל זיין". ער האט אין ארדנונג געבראכט זיינע לייט און האט זיך בעוויזען צום פאלק אויף דער מויער. עס האט זיך באלד בעוויזען, דאס די, וואס האבען איהם געווארנט, זיינען געוועזן גערעכט. די רעוואלוציאנערען האבען געשטריטען פון מיטטאג ביז צום אבענד. זיי האבען געזוכט מיט לייטערס אויף די מויער

זעלבסט איז אין יענער שלאַכט אומגעקומען. אָבער אין 3 טעג שפּעטער איז ער אָנגעקומען צו זיינע קריגער אין פּאוויא.

די שלאַכט ביי לעניאַנאָ האָט געמאַכט א גאַנצע ענדערונג אין דער פּאָליטיק פון קייזער פריעדריך באַרבאַראָססאַ. די שטעדט און דער פּאַפּסט האָבען געזיגט, און דער קייזער האָט פרידען געשלאָסען מיט זיינע פריהערדיגע געגנער. ביים אריינגאַנג אין די הויפּט־קירכע אין ווענעציא האָט דער פּאַפּסט אַלכסנדר פריינדליך אויפגענומען דעם קייזער, וועלכער האָט זיך מכניע געווען פאַר איהם און האָט איהם זיינע פיס געקוסט. ער האָט באַלד דעם קייזער בעפרייט פון דעם חרם, וואָס ער, דער פּאַפּסט, האָט אויף איהם ארויפגעלעגט. דער קייזער האָט דאַמאָלס אָנערקענט די פרייהייט פון די בירגער און די שטעדט נאָר אויף זעקס יאָהר צייט, אָבער שפּעטער, אין יאָהר 1183, זיינען דיזע רעכטען אָנערקענט געוואָרען פיר אימער אויף דער רייכס־פערזאַמלונג אין ק אָ נ ס ט א נ ץ. דעם קייזער האָט מען געגעבען דאָס רעכט נאָר צו בעשטעטיגען די וואהלען פון די שטאָדט־בעאַמטע. דערביי האָט דער קייזער אויך פערשפּראָכען צוריקגעבען דעם פּאַפּסט די מאַטהילדישע גיטער.

באַלד ווי דער קייזער האָט זיך צוריקגעקעהרט פון איטאַליען אין דייטשלאַנד, האָט ער געפאָדערט זיין וואַסאַל היינריך דעם לייב פאַר א געריכט פון פירסטען צו ענטפערן וועגען זיין האַנדלונג געגען דעם קייזער אין זיין שטרייט מיט די לאָמבאַרדען. עס האָבען זיך אויפגעהויבען געגען איהם פיעלע אַנדערע קלאַגעס. זיין שטאָלץ און זיין מאַכט האָבען איהם ביי פיעלע פערהאַסט געמאַכט. מען האָט איהם אויך בעשולדיגט, דאָס ער האָט צווישען זיינע גרויסע לענדערייען פיעלע גערויבטע גיטער. היינריך, וועלכער האָט גוט פערשטאַנען די לאַגע און די שטימונג פון די פירסטען, איז גאָר ניט געקומען אויף די איינלאַדונג, אפילו נאָך דעם, ווי מען האָט איהם איינגעלאַדען צום צווייטען מאָל. דאַן האָט דאָס פירסטען־געריכט אויסגעשפּראָכען געגען איהם זיין אורטייל, לויט וועלכען ער האָט פערלאָרען אַלע רעכטען אויף באַיערן און זאַקסען, אויך אויף אַלע קלענערע פערליהענע גיטער. מען האָט איהם אויך בערויבט פון אַלע עהרען־עמטער, אַזוי דאָס דער לייב איז געווען געצוואונגען זיך אונטערצוגעבען. פריעדריך האָט איהם בעגנאַדיגט מיט דער בעדינגונג, דאָס ער זאָל דריי יאָהר מיידען דאָס פאָטערלאַנד, און זאָל דערוויל ערהאַלטען אַלס בעזיצטום ברוינשווייג און לינעבורג. די בעשטימטע דריי יאָהר האָט היינריך פערבראַכט אין ענגלאַנד ביי זיין שוועהר דעם ענגלישען קעניג, הענרי דעם 2טען. מיט דער צוברעקלונג פון היינריך'ס גי-

אָבער האָבען דיזעס ניט אָנערקענט. היינריך פלעגט געוועהנליך מיט שטאָלץ זאָגען: „פון דער עלבע ביז צום רהיין, און פון דעם הארץ (געבירג) ביז צו דער זעע איז מיין.“ דאָס האָט פעראורזאכט, דאָס די קליינע פירסטען פון יענע ערטער האָבען זיך אַלע פעראייניגט מיט אַלברעכט דעם בער, וועלכער איז שוין לאַנג געווען אונצופריעדען מיט די וועלפען. אָבער היינריך האָט זיין געגנער, דעם בער, געשלאָגען נאָך איידער פריעדריך איז איהם געקומען צו הילף. דער קייזער האָט אויסגעגליכען די סכסוכים צווישען די שטריי־טענדע, און דערמיט איז היינריך׳ס רייך געוואָרען געזיכערט, אזוי דאָס ער האָט געקענט אונבעזאָרגט אונטערנעהמען א קרייץ־צוג נאָך ירושלים. וועגען היינריך דעם לייב עקסיסטירען זעהר פיעלע זאַגענהאפטע געשיכטעס, וואָס האָבען פאַסירט אויף זיין צוג נאָך פּאַלעסטינא.

אין יאָהר 1174 האָט פריעדריך ווידער, צום 5טען מאָל, געמאַכט א רייזע נאָך איטאַליען. ער האָט זעהר גיך געמאַכט זיין צוג איבער טורין אין לאָמבאַרדיע און האָט בעלאַגערט די שטאָדט אַלעססאַנדריא. די בעלאַגערונג האָט זיך זעהר פערלענגערט. פיעל האָט געשטערט דעם ערפאָלג דאָס שלעכ־טע וועטער, וואָס האָט דאַמאָלס געהערשט זעהר א לאַנגע צייט, ווי אויך די שוועריגקייט דאַמאָלס צו בעקומען שפייז פיר זיינע קריגער, און מעהר פון אַלץ די מוטיגקייט פון די בעלאַגערטע. ענדליך האָט דער קייזער בע־שלאָסען צו בעטען הילף פון זיין מעכטיגען וואסאַל היינריך דעם לייב, ווייל די טרופּען, וועלכע די קלענערע וואסאַלען האָבען איהם צוגעשיקט, זיינען ניט געווען גענוג פאָרטצוזעצען די בעלאַגערונג, וואָס האָט זיך שוין צופיעל פערלענגערט. היינריך האָט זיך ענטזאָגט איהם צו העלפען, ווייל ער האָט געהאַט אין זינען נאָר צו פערגרעסערן זיינע בעזיצונגען. ער איז אויך געווען בייז אויף׳ן קייזער דערפאַר, וואָס ער האָט צוגענומען די ירושה פון זיין אַלטען אָנקעל וועלף. ער האָט אַלערליי תרוצים אויסגעזוכט אום דער קייזער׳ס ביטע ניט נאָכצוגעבען. די פערהאַנדלונגען מיט היינריך׳ן זיינען אונטערגעגראָבען געוואָרען, און די לאָמבאַרדען האָבען אָנגעפאַנגען זיך פּאָרצובערייטען צו א נייער שלאַכט מיט דעם קייזער. ענדליך האָט דער קייזער פריעדריך בעשלאָסען צו פאַלען אויף די קני פאַר היינריך׳ן און בעטען זיין הילף. עס האָט אָבער ניט געהאָלפען. דער קייזער איז געווען געצוואונגען פאָרטצוזעצען דעם קריג מיט זיינע אייגענע קליינע און שוואַכע קרעפטען. אין יאָהר 1176 האָט ער געליטען א שרעקליכע ניעדערלאַגע ביי לעניאַנאָ צו צפון־מערב פון מאַילאַנד. מען האָט גערעכענט, דאָס דער קייזער

געקומען אין ציליציען און צום שטראָם ס ע ל ע ף. דער טייך איז געווען פערפלייצט פון רעגענוואַסער. פריעדריך איז צופעליגערווייז אריינגעפאלען אין וואסער און איז דערטרונקען געוואָרען. זיין טויטען קערפּער האָט מען געבראַכט אין אַנטיאָכיאַ (1190). דאָ איז אויך געשטאָרבען פריעדריך'ס צווייטער זוהן, פריעדריך פון שוואַבען, און דעריבער זיינען פיעלע פון די קרייץ־פאָהרער אַוועק צוריק אין אייראָפּאַ.

דאָס ביסעל דייטשע מיליטער, וואָס איז דאָרט פערבליבען, האָט זיך פעראייניגט מיט די קעניגען פון פראַנקרייך און ענגלאַנד, וועלכע האָבען צוזאַמען בעלאַגערט אַ ק ק אָ ן (עכו) און האָבען זי איינגענומען. ריטשאַרד ליִיבענהאַרץ האָט די דייטשען ניט געגעבען קיין טייל אין דעם רויב, וואָס זיי האָבען פערכאַפּט אין אקקאָן, הגם לעאָפּאָלד פון עסטרייך האָט זיך אין דעם זיג ביי דיזען אָרט שטאַרק אויסגעצייכענט. שפּעטער האָט ריטשאַרד געהייסען אַרונטערוואַרפען די דייטשע פאָהן און בעשמוצען זי אין בלאָטע דערפאַר, וואָס לעאָפּאָלד האָט ניט געוואָלט נעהמען קיין אַנטייל אין דער בעפעסטיגונג פון אשקלון. אויך געגען די מוסולמאַנער האָט ריטשאַרד געהאַנדעלט ווי אַ שרעקליכער בלוטדורסטיגער טיראַן. די מאַהמעדאַנער האָבען זיך פערגלייכט מיט איהם צו בעצאָהלען אַ געוויסע סומע אויסקויף־געלט פיר די געפאַנגענע. ווען די מאַהמעדאַנער האָבען ניט געבראַכט די בעשטימטע סומע צו דער צייט, וואָס מען האָט אָפּגערעדט, האָט ריטשאַרד געהייסען ערמאָרדען 2,500 געפאַנגענע. בעוואונדערנדיג ריטשאַרד'ס מוט, וועלכען ער האָט געוויזען אין דיזער באַרבאַרישער טאַט, האָבען די ביצאַנטישע געשיכטע־שרייבער פון יענער צייט איהם געגעבען דעם עהרענדען ביינאָמען „לייבען־האַרץ".

ניט אַכטענדיג דערויף, וואָס ריטשאַרד האָט אַרויפגעוואָרפען אַ שרעק אויף אַלע מוסולמאַנער, האָט ער ירושלים דאָך ניט געקענט איינגעהמען. ער האָט ניט געוואַגט אַפילו אַן אָנגריף אויף ירושלים צו מאַכען, ווייל ער איז געווען אין קריג מיט דעם פראַנצויזישען קעניג, און אָהן איהם האָט ער זיך ניט געפיהלט מעכטיג גענוג אונטערצונעהמען אַן אָנגריף אויף ירושלים. דאַמאָלס איז געשלאָסען געוואָרען אַן אָפּמאַך צווישען די קריסטען און מאַהמעדאַנער, לויט וועלכען די קריסטען האָבען בעקומען אַ שטיק לאַנד ביים ים נעבען יפו, און די ערלויבניס אונגעשטערט צו בעזוכען די הייליגע ערטער אין ירושלים. נאָך דיזען אָפּמאַך איז ריטשאַרד געגאַנגען צוריק נאָך ענגלאַנד, און די אינזעל ציפּערן (קפריסין) האָט ער איבערגעגעבען צו גואידאָ'ן, דעם געוועזענעם קעניג פון ירושלים.

טער, וועלכע האָבען פערנומען אַ העלפט פון דייטשלאַנד, האָבען זיך די אומשטענדען אין גאַנץ דייטשלאַנד געענדערט. די הערצאָגטימער באַיערן און זאַקסען זיינען צו אַנדערע הייזער איבערגעגאַנגען: נעמליך — זאַקסען צו בערנהארד'ן פון אַסקאַניען, דעם זוהן פון אַלברעכט דעם בער, און באַיערן האָט ערהאַלטען דער מוטיגער, קלוגער, דעם קייזער'ס געטרייער פאַלץ-גראַף אָטטאָ פון וויטעלסבאַך, וועלכער האָט געהערט צו דעם אַלטען הויז פון שייערן, אָבער אָטטאָ האָט ערהאַלטען באַיערן פיעל פערקלענערט אַלס זי איז געוועזען אין די הענט פון די וועלפען. פריהער האָט מען פון איהר אָפּגעריסען אויבער-עסטרייך, נאָכדעם האָט מען שטייערמארק און מעראַניען ערהויבען צו זעלבשטענדיגע הערצאָגטימער און מען האָט זיי איבערגעגעבען: שטייערמארק אונטער די הערשאַפט פון גראַף אָטטאָקאַר, און מעראַניען אונטער בערטהאָלד, דעם גראַף פון אַנדעכס. פיעלע גייסטליכע און וועלטליכע הערען האָבען ביי דיזער געלעגענהייט פערברייטערט זייערע לענדער און זייערע רעכטען, און די הויפּטשטאָדט פון באַיערן, רעגענסבורג, איז געוואָרען אַ פריישטאָדט. זאַקסען איז נאָך מעהר צוברעקעלט געוואָרען. כמעט אַלע נאָכבאַרען האָבען יעדער אָפּגעריסען אַ שטיקעל פיר זיך. מאַגדענבורג, ברעמען, פּאַדערבאָרן, הילדעסהיים, ווערדען, מינדען, אויך מאַינץ און מעהר פון אַלע קאָלן. אויך ליבעק איז ערקלערט געוואָרען אַלס פרייע רייכסשטאָדט.

פריעדריך דער 1טער באַרבאַראָססאַ איז ניט געשטאָרבען אין זיין לאַנד, נאָר אין וויטען אָריענט. אין יאָהר 1188 איז געקומען אַ ידיעה, דאָס דער עגיפּטישער סולטאַן סאַלאַדין האָט בעזיגט ירושלים. דאָס האָט ערמונטערט די אייראָפּעאישע הערשער נעהמען דעם קרייץ און מאַכען אַ צוג אין פּאַלעסטינאַ. ריטשארד ליבענהארץ, דער קעניג פון ענגלאַנד, פיליפּ אויגוסט פון פראַנקרייך און פריעדריך באַרבאַראָססאַ זיינען געוועזען די הויפּט-פיהרער. פריעדריך האָט בעשטימט אַלס רעגענט אין דער צייט פון זיין אוועקבלייבען זיין זוהן דעם קעניג היינריך און האָט געצוואונגען היינריך דעם לייב צו זיצען דיזע צייט אין ענגלאַנד אום ער זאָל די רוה ניט שטערען. אין יאָהר 1189 איז ער אַוועק מיט אַ גרויסער אַרמעע און איז נאָך פיעלע שוועריגקייטען גליקליך אָנגעקומען אין קאָנסטאַנטינאָפּעל. ער האָט דאָרט ניט לאַנג פערבראַכט און איז אַוועק נאָך קליין-אַזיען. דער סולטאַן פון דער שטאָדט איקאָניום איז אַרויס אויף אַ שלאַכט מיט פריעדריך'ן, ער איז אָבער געשלאָגען געוואָרען און די שטאָדט איז איינגענומען געוואָרען. ענדליך זיינען די קרייץ-פאָהרער אָנ-

דאָס רעכט פון ערבשאַפט אויף אַזעלכע גיטער. די בישאָפען האָט ער פער-שפּראָכען זיך אין גאַנצען צו ענטזאַגען פון יעדען רעכט איבער זייערע ירושות. ער האָט אויך געוואָלט פעראייניגען סיציליען מיט דייטשלאַנד און געבען דאָרט די פריצים די זעלבע ערב-רעכטען פיר זייערע טעכטער ווי פיר די זיהן. דער האַס פון די פירסטען צו היינריך'ן איז געווען אַזוי שטאַרק, דאָס זיי האָבען ניט געוואָלט וויסען פון אַלע גליקען, וואָס ער האָט זיי פערשפּראָ-כען. זיי האָבען פיר קיין פאַל ניט געוואָלט איינשטימען איבערגעבען די הערשאַפט אין דייטשלאַנד צו זיינע יורשים אויף אַלע דורות. זיי האָבען קוים איינגעשטימט צו אָנערקענען זיין צוויי-יעהריגען זוהן פריעדריך אַלס זיין נאָכפאָלגער. באַלד נאָך דעם איז היינריך געשטאָרבען (1197). מען האָט דאַמאָלס געגלויבט, דאָס זיין פרוי האָט איהם פערגיפטעט.

די פירסטען האָבען גערעכענט, דאָס עס וועט זיי געלינגען צו בערויבען דעם צוויי-יעהריגען קעניג פון זיין ממשלה, ווייל דאָס הויז פון די האָהענ-שטויפען איז זיי געווען פערהאַסט, און האָבען עס אין גאַנצען געוואָלט פער-שטויסען פון טראָן. דעריבער האָבען זיך די פירסטען פערזאַמעלט אין קאָלן מיט דעם צוועק צו ערוועהלען אַן אנדער קעניג. דער פּאַפּסט איננאָצענץ האָט זיי צוגעגעבען פיעל מוט דורכצופיהרען זייער וואונש. דיזער פּאַפּסט האָט געהאַט אַ גרויסען איינפלוס אויף אַ גרויסען טייל פון די פירסטען צו-ליב זיין חכמה, טאַלענט, וויסענשאַפט און מוט. דעריבער האָט ער געהערשט איבער דער קירכע און איבער די שטאַאַטען כמעט אונבעשרענקט. ער האָט אָבער זיין נאָמען אויף אייביג מיט שאַנדע בעפלעקט דערמיט, וואָס ער האָט צוערסט די אינקוויזיציאָן איינגעפיהרט. דער פּאַפּסט האָט געגעבען זיין שטימע צו ערוועהלען אויף'ן דייטשען טראָן דעם הערצאָג ב ע ר ט ה אָ ל ד פון צ אֶ ה ר י נ ג ע ן, אָבער דיזער האָט דיזען טראָן אָפּגעטראָטען פיר אַ גרויסע סומע געלט צו פיליפּ'ן, דעם הערצאָג פון שוואַבען, וועלכער איז געווען אַ ברודער פון היינריך דעם 6טען. אָבער דער פּאַפּסט האָט ניט גע-וואָלט געבען זיין שטימע פיר פיליפּ'ן, און האָט זי געגעבען פיר אָ ט ט אָ פון ב ר ו י נ ש ו ו י י ג, וועלכער איז געווען דער זוהן פון היינריך דעם לייב און הערצאָג פון אַקוויטאַניען. נאָר ניט אַכטענדיג דערויף, וואָס דער פּאַפּסט האָט געשטימט פיר אָטטאָ'ן, האָבען די פריינד פון די האָהענשטויפען ערוועהלט פיליפּ'ן אַלס קייזער פון דייטשלאַנד. דאַמאָלס זיינען מיט איין מאָל געקרוינט געוואָרען צוויי קעניגען: אָטטאָ דער 4טער אין אַאַכען און פיליפּ אין מאַינץ.

נאָך פריעדריך באַרבאַראָססאַ'ס טויט איז ארויף אויף דעם טראָן זיין זוהן היינריך דער 6טער. די בעשטייגונג פון טראָן איז איהם ניט לייכט אָנגעקומען. פריעדריך האָט מיט זיין אייגענער האַנט אונטערדריקט די פירסטען. אָבער ווי זיי האָבען דערהערט פון זיין טויט, האָבען זיי באַלד די קעפּ אויפגעהויבען. עס האָט זיך אָנגעפאַנגען אַן אויפשטאַנד, אָן דער שפּיץ פון וועלכען עס איז געשטאַנען היינריך דער ליב. דיזער האָט זיך פּער-בונדען מיט'ן ענגלישען קעניג ריטשאַרד לייבענהאַרץ און האָט געהאָפט, דאָס מיט זיין הילף וועט איהם געלינגען צוריקצוקריגען די לענדערייען, וועלכע מען האָט פון איהם אוועקגענומען. אָבער אויף'ן וועג איז ריטשאַרד געפאַנ-גען געוואָרען פון לעאָפּאָלד'ן פון עסטרייך און איז איבערגעגעבען געוואָרען צום דייטשען קייזער, אין יאָהר 1193. די פיינד פון היינריך'ן זיינען דאַ-מאָלס געצוואונגען געוואָרען צו שליסען פרידען. נאָך אַן אַנדער אורזאַך האָט געפיהרט דערצו, דאָס עס זאָל ווערען פרידען צווישען דיביידע פיינדליכע פאַ-מיליעס „וועלף" און „שטויף". א יונגפרוי פון די שטויפען האָט בסוד געהיי-ראַט דעם זוהן פון היינריך דעם ליב, און דורך דעם האָבען זיך ביידע פאַמי-ליעס פעראייניגט. דאַן האָט געלונגען אייניגע פירסטען אויסצואווירקען ביי דעם קיסר, ער זאָל צוריקגעבען צו היינריך דעם ליב די לענדערייען, וואָס מען האָט ביי איהם אָפּגענומען (1194). ער האָט זיך אָבער מיט דיזען גליק לאַנג ניט געפרייט. אין יאָהר 1195 איז ער געשטאָרבען אין זיין בעריהמטען שלאָס ברוינשווייג.

אין יענער צייט איז היינריך דער 6טער געגאַנגען נאָך איטאַליען אום צו נעהמען אין בעזיץ די סיצילישע ערבשאַפט, וועלכע איז אָנגעקומען בירושה צו זיין פרוי נאָך דעם טויט פון ווילהעלם דעם 2טען. די נאָרמאַננען אָבער האָבען ערקלערט אַלס טראָנפאָלגער ראָדזשער'ס זוהן ט א נ ק ר ע ד פון ל ע ט ש ע (Lecce). היינריך האָט געפיהרט א שטרייט געגען טאַנקרעד'ן, אָבער ער האָט איהם ניט געקענט בעזיגען. ענדליך איז טאַנקרעד געשטאָר-בען. דאַן האָט היינריך געפאַנגען טאַנקרעד'ס זוהן און האָט איהם געמאַכט בלינד און די אלמנה פון טאַנקרעד'ן און איהר טאָכטער האָט ער פערשלאָסען אין א מאָנאַסטיר. ערסט נאָך א שרעקליכער בלוטפערגיסונג איז עס איהם געלונגען צו אונטערוואַרפען אונטער זיין מאַכט דאָס קעניגרייך סיציליען.

אָבער היינריך'ן איז ניט געלונגען די ערבליכע הערשאַפט איבער דייטש-לאַנד צו זיינע קינדער צו פערשאַפען. די וועלטליכע פירסטען האָט ער פער-שפּראָכען צו געבען דאָס רעכט פון ערבשאַפט פון זייערע פערליהענע גיטער אויך צו טעכטער אָנשטאָט דעם, וואָס פריהער האָבען נאָר די זכרים געהאָט

געלעגט אין חרם אין האָט אָנגעהויבען צו אַגיטירען פיר דעם יונגען פריעדריך, דעם זוהן פון היינריך דעם 4טען. דיזער האָט דעם פּאַפּסט פערשפּראָכען ניט אָנצוגרייפען זיינע רעכטען אויף די איטאַליענישע בעזיצונגען, וועלכע ער האָט פריהער געקריגען.

דעם פּאַפּסט'ס אַגיטאַציאָן האָט געהאָלפען דערצו, דאָס די דייטשע פירסטען, וועלכע האָבען זיך פערזאַמעלט אין הערבסט פון יאָהר 1211 אין נירנבערג, האָבען ערוועהלט אַלס קעניג פ ר י ע ד ר י ך ד ע ם 2 ט ע ן. ער איז געקרוינט געוואָרען אין אאַכען פון דעם ערץ־בישאָף נאָך דעם, ווי ער האָט זיך דורך גרויסע מתנות פערשאַפט די גונסט פון פיעלע פירסטען. אָטטאָ האָט אָבער ניט געשוויגען. ער האָט געשלאָסען אַ בונד מיט יאָהאַן, דעם קעניג פון ענגלאַנד, און איז אַרויס געגען פריעדריך'ן מיט אַ גרויסער מאַכט. אָבער אין פלאַנדערן, ביים דאָרף בובין, האָט ער געליטען אַ שרעקליכע נידערלאַגע (1214), אַזוי דאָס אַלע זיינע פריינד האָבען אויפגעגעבען די האָפנונג איהם צו רעטען. ער האָט זיך צוריקגעצויגען אין זיינע ערבלענדער און איז דאָרט געשטאָרבען אין יאָהר 1218.

פריעדריך דער 2טער האָט ערהאַלטען זיין ערציהונג אין איטאַליען, און דעריבער איז ער מעהר געווען אַן איטאַליענער אַלס דייטשער. פון נאַטור איז ער געווען גייסטרייך און וויציג. דאָס לעבען אין איטאַליען האָט אין איהם ענטוויקעלט אַ נייגונג צו פּראַכט און גלאַנץ, און דעריבער האָט ער קיין אינטערעס ניט געהאַט פיר דייטשלאַנד. אום צו געווינען די צונייגונג פון דעם פּאַפּסט האָט איהם פריעדריך פערשפּראָכען, דאָס ווען ער וועט ערוועהלט ווערען אַלס קעניג פון דייטשלאַנד, וועט ער נעאַפּעל און סיציליען ניט מעהר פעראייניגען מיט דעם דייטשע רייך, נאָר ער וועט זיי איבערגעבען אַלס בעזונדערע קעניגרייכען צו זיין יונגען זוהן היינריך. דער פּאַפּסט האָט עס פערלאַנגט, אום דערמיט אָפּצושאַפען די מאַכט, וועלכע פריעדריך באַרבאַראָססאַ און היינריך דער 4טער האָבען געהאַט, ווייל זייער מאַכט איז געווען אין פיעלע הינזיכטען אַ שטערונג צו דער מאַכט פון פּאַפּסט און דער קירכע. פריעדריך האָט אויך פערשפּראָכען דעם פּאַפּסט צו אונטערנעהמען אַ קרייץ־צוג נאָך ירושלים. אָבער דיזעביידע פערשפּרעכונגען האָט ער גענבען ניט מיט'ן גוטען ווילען, נאָר ווייל ער איז געווען געצוואונגען. דעריבער, ווען עס איז געקומען צו ערפילען זיינע פערשפּרעכונגען, האָט ער אימער אָפּגעלעגט מיט פערשיידענע תרוצים. אָפען אַרויס און זיך ענטזאָגען צו מקיים זיין זיין הבטחה, האָט ער ניט געקענט. די מאַכט פון דער קירכע איז געווען צו שטאַרק, ער זאָל זיך ערלויבען דאָס צו טאָן. אָבער אַלס דע־

אָבער פיליפּ האָט געוואוסט ווי זיין מאַכט צו בעפעסטיגען געגען זיין קאָנקורענט אָטטאָ. דער האַס צו דער מאַכט פון די האָהענשטויפען איז ניט געווען אזוי שטאַרק, ווי די ליבע צו דעם געלט, וואָס פיליפּ האָט געשווענדעט צו זיינע אָנהענגער. עס האָבען איהם אויך געהאָלפען צו דערגרייכען דעם טראָן דער פראַנצויזישער קעניג פיליפּ אוגוסט און דער בעהמישער קעניג אָטטאָקאַר דער 1טער, וועמען ער האָט געהאָלפען בעקומען די קעניגליכע הערשאַפט. דער פּאַפּסט אינאָצענץ האָט אפילו געברויכט זיינע מיטלען, האָט אַריינגעלעגט פיליפּ'ן אין חרם און האָט מיט זיינע אינטריגעס געמאַכט, דאָס אָטטאָקאַר איז אָפּגעפאַלען פון איהם, אָבער די מעהרסטע פירסטען זיינען געבליבען אויף פיליפּ'ס זייט, און אָטטאָ דער 4טער איז געווען געצוואונגען צו ענטלויפען נאָך ענגלאַנד. אין דער זעלבער צייט האָט דער פּאַפּסט אַרונטערגעבראַכט אונטער זיין מאַכט די לענדער אַנקאָנאַ און ספּאָלעטאָ, און האָט אויך אַריינגעכאַפּט אין זיינע הענט אַ גרויסען טייל פון דער מאַטהילדישער ערבשאַפט. אַלס קלוגער און פעהיגער פּאָליטיקער האָט ער אויסגערעכענט, דאָס עס לוינט זיך ניט צו האָבען פיר אַ שונא פיליפּ'ן, וועלכער איז נאָך אַלע זאַכען מעכטיג גענוג צו שטערען אין זיינע נייע זיגען, און דעריבער האָט ער געזוכט צו פערמיטלען די ביידע געגנער: פיליפּ'ן און אָטטאָ'ן. איהם איז עס ווירקליך געלונגען דורך דעם אָפּמאַך, דאָס פיליפּ זאָל בלייבען קייזער און אָטטאָ זיין נאָכפאָלגער. די געגנער זיינען צופרידען געווען מיט דיזען אָפּמאַך און דער פּאַפּסט האָט אַרונטערגענומען דעם חרם פון פיליפּ'ן. דיזער אָפּמאַך איז געשעהען אין יאָהר 1207.

פיליפּ אָבער האָט ניט פיעל גענאָסען פון דעם פרידען, וואָס ער האָט אזוי טייער געקויפט. קורץ נאָך דעם האָט איהם אַ פריינד ערמאָרדעט. אָטטאָ פון וויטעלסבאַך, זיינער אַ פּלעמעניק, איז אויף איהם אויפגעבראַכט געוואָרען פיר עפּעס אַ בעליידיגונג, און דאָס האָט איהם געטריבען צו דיזער טאַט (1208). נאָך דעם איז אָטטאָ דער 4טער אָנערקענט געוואָרען פון אַלע פירסטען אַלס דייטשער קעניג און דער פּאַפּסט האָט איהם גלייך נאָך דעם איבערגעגעבען די קייזערליכע קרוין. אָבער די פריינדשאַפט צווישען פּאַפּסט און קייזער האָט ניט לאַנג אָנגעהאַלטען. דער קייזער האָט אָנגעהויבען פאָדערן פון פּאַפּסט צוריק די איטאַליענישע לענדער, וואָס האָבען געהערט צו דייטשלאַנד, וועלכע דער פּאַפּסט האָט פערכאַפּט און זיך אָנגעאייגענט; ער האָט אויך ניט געוואָלט אָנערקענען דעם פּאַפּסט'ס הערשאַפט איבער נעאַפּעל און סיציליען און האָט ביידע ערקלערט אַלס לענדער, וועלכע געהערען צו דעם דייטשען שטאַאַט. דער פּאַפּסט האָט איהם דערפאַר אַריינ-

דעריבער ווערט ער זעהר אָפּט אָנגערופען „דער ווענעציאַנישער קרייץ־צוג".
עס איז בעוואוסט, דאָס דיזען צוג האָבען די ווענעציאַנער ניט אונטערגענומען צוליב רעליגיעזע גרינדען, נאָר צוליב האַנדעלס־אינטערעסען. מיר געפינען פיר נעטיג אויף דיזער שטעלע צו געבען די געשיכטע פון ווענעציאַ, וועלכע איז די ערסטע גרויסע האַנדעלס־שטאָדט אין מיטעלאַלטער.

ווענעציאַ איז געגרינדעט געוואָרען אין יאָהר 455, אין דער צייט, ווען די הונען זיינען בעפאַלען איטאַליען. דאַמאָלס האָבען זיך פיעלע מענשען גערעטעט פון די באַרבאַרען און זיינען ענטלאָפען אויף די לאַגונען־אינזלען און האָבען זיך דאָרט בעזעצט, און דאָס איז געוואָרען דער אָנפאַנג פון דער שטאָדט ווענעציאַ, וועלכע איז שפּעטער אַזוי בעריהמט געוואָרען. די לאַגע פון דיזער שטאָדט אויף אינזלען אין מיטען ים האָט פיעל געהאָלפען, דאָס דאָ זאָל זיך שנעל ענטוויקלען דער פערקעהר פון שיפען. די ערסטע צייט האָבען די איינוואוינער פון דיזער שטאָדט געמאַכט גוטע געשעפטען פון פיש־פאַנג און זעע־זאַלץ. ביסלאַכוויז האָט זיך ענטוויקעלט דער האַנדעל מיט אַנדערע ערטער דורך׳ן ים. עס האָט ניט לאַנג גענומען און דיזע שטאָדט איז געוואָרען די פערמיטלערין אין האַנדעל צווישען גריכענלאַנד און די אי־טאַליענישע שטעדט, וועלכע זיינען געלעגען ביים ברעג פון דעם מיטלענ־דישען ים. אין יאָהר 697 האָבען די בירגער צום ערסטען מאָל ערוועהלט אַ דוקס (דוכס) אָדער דאָגע. דורך זייער קלוגע פּאָליטיק האָבען זיי אַרויסגע־קראָגען פון די קאַראָלינגען (די קעניגען, וועלכע האָבען געשטאַמט פון קאַרל דעם גרויסען) אייניגע זעהר וויכטיגע רעכטען. דער זיג, וואָס זיי האָבען גע־האַט איבער די סאַראַצענישע ים־רויבער, האָט זיי פערשאַפט די הערשאַפט איבער די בענאַכבאַרטע האַפענשטעדט. אין 10טען יאָהרהונדערט האָבען זיי בעזיגט דאַלמאַציען און קראָאַציען און דערמיט האָבען זיי בעפעסטיגט זייער הערשאַפט אין אַדריאַטישען מעער. אין דיזע לענדער האָבען זיי געפונען פון אַלטע צייטען סאַלינען (ד. ה. זאַלץ־בערג־ווערק), וועלכע זיי האָבען זיך אַלע מיה געגעבען מעהר און מעהר צו ענטוויקלען, אַזוי דאָס דער פערקויף פון זאַלץ איז געוואָרען כמעט אַ מאָנאָפּאָל פון די ווענעציאַנער, ווענינגסטענס אין אונגאַרן, קראָאַציען און אָסט־דייטשלאַנד. די כראָניקע־שרייבער ער־צעהלען, דאָס יעדעס יאָהר פלעגען 40,000 פערד געהן פון דאָרט נאָך איסט־ריען אום דאָרט אָנצולאָדען זאַלץ. מיט׳ן ים פלעגט דער טראַנספּאָרט זיין נאָך גרעסער, ווייל די ווענעציאַנער פלעגען אַרויפלעגען אַ גרויסע אָפּצאָהל אויף דאָס זאַלץ, וואָס מען האָט אַרויסגעפיהרט מיט דער יבשה.

פאפסט אינגאצענץ איז אין יאהר 1216 געשטארבען האט זיך פריעדריך גע-רעכענט פריי פון זיין פערשפרעכען. ער האט זיין אינגעל היינריך געלאזט ערוועהלען אין יאהר 1220 אין פראנקפורט אלס דייטשען קעניג, אנשטאט דעם, וואס ער האט פערשפראכען צו בעשטימען איהם אלס קעניג פון סיצי-ליען און נעאפעל, און דער פאפסט ה א נ א ר י ו ס ד ע ר 3 ט ע ר האט איהם, פריעדריך'ן, געקרוינט אלס קייזער.

האנאריוס דער 3טער האט גערעכענט א נייעם קרייץ־צוג פיר דעם העכ-סטען ציל פון זיין הערשאפט, און דעריבער האט ער געפאדערט פון פריעד-ריך'ן, ער זאל מקיים זיין זיין הבטחה, וואס ער האט געגעבען וועגען דעם. פריעדריך'ן האט זיך זעהר ניט געוואלט פערלאזען די שעהנע איטאליען, דעם פערקעהר מיט גייסטרייכע מענער און שענע פרויען, און זיך לאזען אין א ווייטע זעהר ניט אינטערעסאנטע געגענד און אונטערצונעהמען א צוג, וואס האט ניט קיין זין און קיין צוועק, און וועלכער האט שוין דער קריסטליכער וועלט געקאסט אזוי פיעל קרבנות אהן שום נוצען. אבער דער פאפסט האט עס דרינגענד געפאדערט און פריעדריך האט געמוזט נאכגעבען און אונטער-נעהמען א נייעם קרייץ־צוג.

ג. דער פערטער און פינפטער קרייץ־צוג.

ניט אכטענדיג דערויף, וואס די פריהערדיגע קרייץ־צוגען האבען געהאט אזוי ווייניג ערפאלג, האבען די פאפסטען דאך ניט אויפגעגעבען די האפנונג אפצורייסען פאלעסטינא פון די סאראצענער. עס האבען אין זיי אויפגעלעבט נייע האפנונגען, ווען דער בעריהמטער סולטאן סאלאדין איז געשטארבען. א פראנצויזישער פריסטער פ ו ל ק א פון נאיללי איז ווידער ארוים אויף א רונד־רייזע איבער פערשיידענע לענדער און האט פראפאגאנדירט א נייעם קרייץ־צוג. אבער די אייראפעאישע קעניגען זיינען שוין שטארק אפ-געקיהלט געווארען צו דער אידעע פון בעזיגען פאלעסטינא, ווייל דער רעזול-טאט פון די פריהערדיגע קרייץ־צוגען האט זיי איבערצייגט, דאס עס איז פיר זיי א צו שווערע אונטערנעהמונג, און דעריבער האט פולקא'ס פראפאגאנדא ניט געהאט קיין ווירקונג. אפילו ביי ריטשארד לייבענהארץ האט פולקא גע-האט א זעהר שלעכטע אויפנאהמע. נאר איניגע רייכס־וואסאלען האבען זיך אפגערופען אויף זיין אויפרוף. דיזע זיינען ט ה י ב א ד ע ר 3 ט ע ר פון ש א מ פ א נ י ', זיין שוואגער גראף ב א ל ד ו א י ן ד ע ר 9 ט ע ר פון פלאנדערן און גראף ס י מ א ן פון מ א נ ט פ א ר ט. אבער די וויכטיגסטע ראלע האט געשפילט אין דיזען צוג די רעפובליק וועניציא, און

קאָנסטאַנטינאָפּעל האָט אַלעקסיוס דער אינגערער געבעטען פון די קרייץ־פאָהרער, זיי זאָלען איהם העלפען קריגען צוריק דעם טראָן, פון וועלכען זיין אָנקעל האָט איהם פערשטויסען, און דערפאַר האָט ער זיי פערשפּראָכען געבען 200,000 מאַרק און הילף געגען די טערקען. די קרייץ־פאָהרער האָבען אָנגענומען דיזען פאָרשלאַג. די ווענעציאַנער האָבען געהאָפּט דורך דיזעם פיעל צו געווינען געגען די גריכען און זיי אַרויסשטויסען פון פיעלע ערטער, וואו זיי האָבען געהאַט זייערע געשעפטען. די פראַנצויזען האָבען גוט געזעהען, דאָס דער קריג אין סיריען וועט פיהרען צו גאָרניט, און זיי האָבען זיך דעריבער אָנגעכאַפּט אָן דעם פאָרשלאַג פון אַלעקסיוס׳ן.

די פלאָטע איז צוגעשוואומען צו קאָנסטאַנטינאָפּעל און האָט זיך גענומען שטורמען די שטאָדט פון ביידע זייטען: פון ים און פון דער יבשה. הגם די שטאָדט האָט געהאַט 70,000 גריכען צו פערטיידיגען זי, האָבען די ווענעציאַנער זי דאָך אַיינגענומען. די קרייץ־פאָהרער האָבען אַרויפגעזעצט אויף׳ן טראָן אַלעקסיוס דעם אינגערען צוזאַמען מיט זיין ברודער איזאַאַק דעם 2טען. אָבער אָנשטאָט צו געהן נאָך פּאַלעסטינאַ האָבען זיי זיך געמאַכט אַ לאַגער אַרום קאָנסטאַנטינאָפּעל און האָבען זיך ערלויבט צו טאָן אַזעלכע שענדליכע זאַכען, וועלכע האָבען זיי פערהאַכט געמאַכט ביי דער גאַנצער שטאָדט. זיי האָבען דעם גרעסטען און שענסטען טייל פון קאָנסטאַנטינאָפּעל אונטערגעצונדען און פערוואַנדעלט אין אַש. די ביצאַנטיער זיינען געווען שרעקליך ערביטערט איבער דיזע שאַנדטאַט. אַלעקסיוס האָט מורא געהאַט פאַר׳ן פאָלק און האָט ניט געקענט ערפילען זיין פערשפּרעכען צו די ווענעציאַנער. מיט דיזער לאַגע פון דעם קייזער האָט זיך בענוצט אַן אוזורפאַטאָר (טראָן־פערכאַפּער) און האָט ערמאָרדעט אַלעקסיוס׳ן אום זעלבסט צו פערכאַפּען דעם טראָן. די קרייץ־פאָהרער האָבען זיך ווידער גענומען צו די וואַפען, זיינען אַריין אין שטאָדט און האָבען זיך גענומען רויבען און מאָרדען. די שרעקעדיגע איינוואוינער האָבען אַוועקגעוואָרפען די וואַפען און זיינען ענטלאָפען (אַפּריל 1204).

די זיגער האָבען געהאַנדעלט ווי עכטע באַרבאַרען. זיי האָבען בעגאַנגען אַלע גרוילטאַטען: רויב, בראַנד, מאָרד. זיי האָבען זיך אויך נוקם געווען אָן אַלטע טייערע קונסטווערק. טייערע קונסטפולע בראָנז־סטאַטועס האָבען זיי צובראָכען אויף שטיקער און איבערגעגאָסען אויף מינצען. דער באַרבאַריזם פון די קריסטען האָט אַרויסגערופען אַ פּראָטעסט אַפילו פון פּאַפּסט, הגם עס איז צו גלויבען, דאָס ער האָט עס נאָר געטאָן פון יוצא וועגען. די קרייץ־פאָהרער האָבען געמאָרדעט אַלט און יונג, מענער און פרויען. זכות און

די ווענעציאַנער האָבען נאָך פריהער געהאַט פערבינדונג מיט עגיפּטען און סיריען, צו בעציהען דורך זיי די אָריענטאַלישע סחורות. שוין אין אָנפאַנג פון 9טען יאָהרהונדערט האָבען זייערע שיפען בעזוכט די ברעגען פון אַלעקסאַנדריען. פון דאָרט האָבען זיי איינמאָל געבראַכט די ביינער פון דעם הייליגען מאַרקוס, וועלכער איז שפּעטער געוואָרען דער שוץ־פּאַטראָן פון דער ווענעציאַנישער רעפּובליק. אָבער וויכטיגער פון אַלע האַנדעלספּונקטען איז פיר די ווענעציאַנער געווען די שטאָדט קאָנסטאַנטינאָפּעל, וועלכע איז געווען דער הויפּט־האַנדעלספּונקט פיר די אינדישע סחורות. זינט די ביצאַנטישע קיסרים האָבען זייער פּלאָטע פערלאָרען איז פיר זיי גאַנץ וויכטיג געווען די שטיצע פון דער ווענעציאַנישער פּלאָטע אין זייערע פערבינדונגען מיט די אַראַבער און די נאָרמאַננען. עס פערשטעהט זיך, דאָס די ביצאַנטישע קייזאָרים האָבען דערפאַר אונטערשטיצט די ווענעציאַנער און האָבען זיי געגעבען אייניגע פּריווילעגיעס. אַזוי האָבען זיי צ. ב. בעפרייט די ווענעציאַנער פון יעדער אָפּצאָהל אויף אַלע סחורות, וואָס זיי האָבען אַרויסגעפיהרט פון קאָנסטאַנטינאָפּעל נאָך גריכענלאַנד, אָדער וואָס זיי האָבען אַריינגעפיהרט פון גריכענלאַנד אין קאָנסטאַנטינאָפּעל. עס האָט ניט לאַנג גענומען און זיי, די ווענעציאַנער, זיינען געבליבען די איינציגע שיף־פאָהרער און הענדלער אין מיטלענדישען מעער, און די קאָנסטאַנטינאָפּעלער שיף־פאָהרער איז נאָר געבליבען דער מסחר איבער'ן שווארצען מעער. די קרייץ־פאָהרער האָבען אויך מיט זיך געבראַכט פיעלע נוצען פיר דעם האַנדעל. די גרויסע מאַסע האָט געפאָדערט פיעל לעבענסמיטלען און וואַפען, און דיזע האָבען די ווענעציאַנער שיפען זיי פערשאַפט.

דער הויפּט־מאַרק איז אָבער דאָך געבליבען ביצאַנץ פיר אַלע פּראָדוקטען פון אינדיען, פון די פּאַנטוס־לענדער, קליין־אַזיען און מיטעל־אַזיען. אויסער די ווענעציאַנער האָבען אויך פיעלע אַנדערע שטעדט פון איטאַליען געשטרעבט דעם האַנדעל פון קאָנסטאַנטינאָפּעל צו זיך צו ציהען. מען האָט זיי ערלויבט צו בויען אין קאָנסטאַנטינאָפּעל פערשיידענע פאַבריקען און גרינדען דאָרט מאַגאַזינען פיר פערשיידענע סחורות. די ווענעציאַנער אָבער האָבען געוואוסט, ווי אַזוי צו בעקומען אין קאָנסטאַנטינאָפּעל דאָס איבערגעוויכט איבער אַלע אַנדערע, און דערצו האָט זיי אויך פיעל געהאָלפען דער פערטער קרייץ־צוג.

דעם 8טען אָקטאָבער 1202 איז די פלאָטע פון די קרייץ־פאָהרער אָנגעקומען אין ווענעציאַ. די אַרמעע איז בעשטאַנען פון 14,000 פוס־סאָלדאַטען, כמעט אַלע פראַנצויזען. אַלס די פלאָטע איז צוגעקומען נאָהענט צו

בראַכט אונטער זיין מאַכט דאָס גאַנצע ביצאַנטישע רייך, וועלכע איז יעצט געווען אין גאַנצען אָפּגעזונדערט פון איהם.

דערמיט האָט זיך געענדיגט דער פערטער קרייץ־צוג. אָבער די הער־שאַפט פון באַלדואין האָט ניט לאַנג אָנגעהאַלטען. דער קייזער באַלדואין איז געפאַנגען געוואָרען. דער קעניג פון מאַצעדאָניען איז אין אַ קאַמף מיט די בולגאַרען געטויט געוואָרען. דאָס האָט ערמוטיגט די גריכען זיך צו עמ־פּערען אין איינינע פּראָווינצען. אזוי איז אין אַ קורצער צייט בעקעמפט געוואָרען דאָס לאַטיינישע קייזערטום.

פריעדריך דער 2טער.

דורך דעם „לאַטיינישען קרייץ־צוג“ איז די גאַנצע בעוועגונג פון די קריסטען, דאָס הייליגע לאַנד ווידער צו געווינען, פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ שענדליכען סקאַנדאַל. מיט איינינע יאָהר שפּעטער האָט זיך די בע־וועגונג בענייט, אָבער דאַן איז זי פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ לעכערליכע קאָמעדיע. אין יאָהר 1212 האָבען גרויסע מחנות פון קינדער אין פערשיי־דענע שטעדט אָנגענומען דעם קרייץ און האָבען אָנגעפאַנגען קינדערשע קרייץ־צוגען, וועלכע זיינען בעריהמט מיט זייער טרויעריגען סוף און מיט דער רעליגיאָנס־שווערמעריי, וועלכע האָט דערלאַנגט צו אַ שטופּע פון קראַנקהייט. 7,000 יונגע מענער, ווייבער, קינדער און מיידלאַך זיינען

בלוט־שאַנדע זיינען בעגאַנגען געוואָרען אין מיטען העלען טאָג. זיי האָבען אין די מאָנאַסטירען פערגוואַלדיגט פיעלע יונגע נאָנעס (מאָנאַשקעס). מען האָט דיזע הולטייסקע שמחה געפייערט אין די קירכעס, מען האָט פון דאָרט אַרויס־געיאָגט די פּריסטער און זייערע שטעלעס האָבען פערנומען הורען, מען האָט גע׳שכור׳ט פון די הייליגע כלים פון די קירכעס, הולטייסקע לידער מיט אויסגעלאַסענע טענץ האָבען פערהילכט די קירכעס ווייט אַרום. די שכור׳ע צוויושעטע מאַסע איז נאָך דעם אַוועק אויף די בית עולם׳ס און האָ־בען אויך די ביינער פון די טויטע געשענדעט. אַזוי זיינען געווען די רע־ליגיעז בעגייסטערטע קרייץ־פאָהרער, וועלכע האָבען פערלאָזען זייער היים בלויז צוליב זייער ליבע צו זייער ערלעזער!

נאָך דעם, ווי די קרייץ־פאָהרער האָבען זיך צוטיילט מיט דעם רויב פון קאָנסטאַנטינאָפּעל, האָבען זיי זיך גענומען צו גריכענלאַנד. באַלדואין, דער גראַף פון פלאַנדערן, דער שוואָגער פון פיליפּ אויגוסט פון פראַנקרייך, איז ערוועהלט געוואָרען צום קייזער פון אָריענט. דעם גרעסטען טייל פון דעם רויב האָבען ערהאַלטען די ווענעציאַנער. אויסער זייערע פריהערדיגע רעכ־טען, וואָס זיי האָבען געהאַט אין קאָנסטאַנטינאָפּעל, האָבען זיי יעצט ער־האַלטען די פאָרשטאָדט פּעראַ, די מערב׳דיגע ברעג־לאַנדשאַפטען פון טהעססאַליען, די יאָנישע אינזלען, דעם פּעלאָפּאָננעס מיט זיינע זייד־פאַברי־קען, די אינזעל קאַנדיאַ מיט פיעלע אינזלען פון דעם אַרכיפּעלאַג, פיעלע שטעדט ביים ים אויף דער איירָאָפּעאישער זייט פון העללעספּאָנט. אויך אין טהראַציען האָבען זיי בעקומען פיעלע שטעדט, אונטער וועלכע עס איז אויך געווען אַדריאַנאָפּעל. יעצט האָבען זיי געהאַט די מעגליכקייט פריי, אָהן שטערונג, צו האַנדלען מיט אַלע שטעדט, וואָס אַרום שוואַרצען מעער. יעצט האָבען זיי געקענט אַלע רוסישע סחורות פון מאָסקווע און נאָווגאָראָד נאָך דרום ברייגגען און שליסען האַנדעלס־טראַקטאַטען מיט פערשיידענע פעלקער אין דרום און מזרח. קיין זאַך איז זיי יעצט ניט געשטאַנען אין וועג.

דער קייזער באַלדואין האָט געגעבען דאָס קעניגרייך מאַצעדאָניען צו דעם מאַרשאַל פון מאָנטפעראַט, דאָס הערצאָגטום ניצאָאַ צו דעם גראַף פון שאַרטרע און פּעלאָפּאָננעס צו צוויי היימישע פעאָדאַל־העררען. ער האָט אַריינגעזעצט לאַטיינישע גייסטליכע אין די ביסטימער און אין די אַבטייען (קירכליכע געביטען). דער פּאַפּסט האָט די קרייץ־פאָהרער, וועלכע האָבען פּאַלעסטינאַ אַפילו אין די אויגען ניט געזעהען, קיין פאָרוואורפען ניט גע־מאַכט. ער איז געווען זעהר צופרידען, וואָס די קרייץ־פאָהרער האָבען גע־

אויף דאָס קעניגרייך ירושלים און צוזאַמען מיט דעם אויף איינינע פליכטען צו טאָן עטוואָס פיר די טובה פון דיזען קעניגרייך.

אין זומער פון יאָהר 1227 האָבען זיך פערזאַמעלט זעהר פיעלע קרייץ־פאָהרער פון דייטשלאַנד און ענגלאַנד. דער זאַמעלפונקט איז געווען אַפוליען. דער זומער איז געוועזן אַ זעהר הייסער און פיעלע טויזענדער זיינען אומגעקומען פון היץ און פון אונרעגעלמעסיגען לעבען. פריעדריך דער 2טער איז אוועק אין שיפען מיט אַ מחנה פון 40,000 קרייץ־פאָהרער. אין אַ קורצער צייט נאָך זיין אָפּרייזע איז ער קראַנק געוואָרען און ער האָט זיך געמוזט צוריקקעהרען. דער פּאַפּסט איז שטאַרק אויפגעבראַכט געוואָרען אויף'ן קייזער און האָט איהם אין חרם אַריינגעלעגט, ווייל ער האָט איהם חושד געווען, דאָס די קראַנקהייט איז נאָר אַ פערשטעלטע אום דעם צוג צו אונטערברעכען. פריעדריך האָט פון זיין זייט אַרויסגעלאָזען אַ בריף צו דער קריסטליכער וועלט, אין וועלכען ער האָט זיך פערענטפערט און בעוויזען זיין אונשולד. אין דיזען בריף איז ער אָפען אַרויס געגען דעם פּאַפּסט און האָט קלאָר געמאַכט דער וועלט די גאַנצע האַנדלונג זיינע און די אונערטרעגליכע טיראַניי פון דער קירכע געגען פירסטען און פעלקער. ער האָט אין דיזען בריף געשילדערט די פערדאָרבענהייט פון דער קירכע מיט אַזעלכע שניידענדע ווערטער, דאָס זיי האָבען געמאַכט אַ גרויסען און טיפען איינדרוק אויף אַלע געמיטער, אַזוי דאָס פיעלע האָבען אָפען אויסגעדריקט זייער העכסטע צופרידענהייט. אין רוים זעלבסט האָט זיך ערהויבען די מעכטיגע פּאַרטיי פון די גהיבעללינען און האָבען געצוואונגען דעם פּאַפּסט צו פערלאָזען רוים, ווייל ער האָט אין דעם גרין־דאָנערסטאַג פון יאָהר 1228 נאָך אַ מאָל אויסגעשפּראָכען דעם חרם איבער דעם קייזער פריעדריך דעם 2טען.

פריעדריך האָט זיך וועניג געקימערט וועגען דעם חרם פון פּאַפּסט און האָט זיך מיט ענערגיע גענומען צום נייעם קרייץ־צוג. דעם 19טען אויגוסט 1228 איז ער אַוועק מיט אַ פלאָטע נאָך דעם אָריענט, ניט אַכטענדיג דערויף, וואָס זיין פרוי יאָלאַנטע איז גראַדע דאַמאָלס געשטאָרבען. דער פּאַפּסט האָט באַלד געשיקט מאַנאַכען אין אָריענט צו אינטריגירען און צו אַרבייטען געגען יעדען ערפאָלג פון פריעדריך'ס זייט. דאָס ווייזט קלאָר, דאָס דער פּאַפּסט האָט געשטרעבט צו עטוואָס אַנדערס, און דעריבער איז פיר איהם געווען פיעל וויכטיגער צו שאַדען פריעדריך'ן איידער צו בעפרייען די הייליגע ערטער אין פּאַלעסטינאַ פון די הענט פון די אונגלויביגע. דער פּאַפּסט האָט אויך געטאָן אַליץ, וואָס ער האָט געקענט, צו מאַכען געגען איהם אויפשטאַנדען אין זיין מדינה אין דער צייט, וואָס ער איז געווען אַוועק. דעם

אריבער די אַלפּען און געקומען נאָך איטאַליען. דאָ זיינען פיעלע צושטאָרבען פון לאַנגען שווערען וועג, און איינינע האָבען זיך אומגעקעהרט אַהיים פער־שפּאָטעט פון אַלעמען. אַן אַנדערע טרופּע פון 30,000 מיידלאַך און יונגע ליטלאַך זיינען אָנגעקומען אין מאַרסייל. דאָ, אין אַ לאַנד פון עכט־גלויביגע קריסטען, ניט אַ לאַנד פון אונגלויביגע מאַחמעדאַנער, זיינען די אונגליקליכע קינדער אריינגעפאַלען אין די הענט פון צוויי קריסטליכע עכט־גלויביגע קויפ־לייט, וועלכע האָבען זיי פערשפּראָכען צו ברייננען אָהן שום בעלוינונג נאָך פּאַלעסטינאַ. די מחנה קינדער זיינען ארויפגענומען געוואָרען אויף זיבען שי־פען, פון וועלכע צוויי זיינען באַלד דערטרונקען געוואָרען מיט אַלע פּאַסאַזשי־רען, און די איבריגע פינף שיפען זיינען געבראַכט געוואָרען צום ברעג פון אַפ־ריקאַ, און דאָרט האָבען די באַרמהערציגע קריסטען, די אָנהעננער פון דער רע־ליגיאָן פון מענשענליבע, פערקויפט די קינדער אין שקלאַפעריי צו די מאַורען. אויסער דיזע קינדערשע קרייץ־צוגען זיינען אין יענער צייט געוועזן נאָך איי־ניגע קליינע קרייץ־צוגען, אָבער אַלץ אָהן אַ בעדייטענדען ערפאָלג.

דעריבער האָט דער פּאַפּסט אָנגעפאַנגען פאָדערן פון פריעדריך דעם 2טען וואָס צום שנעלסטען צו ערפילען זיין פערשפּרעכען צו אונטערנעהמען אַ נייעם קרייץ־צוג נאָך פּאַלעסטינאַ. ווי מיר האָבען פריהער דערצעהלט, האָט פריעדריך די זאַך אַלץ אָפּגעלעגט. דערווייל איז דער פּאַפּסט האָנאָריוס געשטאָרבען און זיין שטעלע האָט פערטרעטען גרעגאָריוס דער 9טער. דיזער איז דאַמאָלס געוועזן אַ זקן פון 80 יאָהר און איז געוועזן פול מיט אייפער פיר די אונאָפּהענגיגקייט און הערשאַפט פון דער קירכע. פריעדריך האָט זעהר ניט געוואָלט אונטערנעהמען אַ קרייץ־צוג, ווייל ער האָט געוואוסט, דאָס דיזעס וועט נאָר פיהרען צו פערשטאַרקען די מאַכט פון דער קירכע. „אין האָניג־זיסע רעדעס", האָט פריעדריך געזאָגט, „פער־באָרגט זיך די בלוט־זויגערין (די קירכע), זי שיקט אין אַלע לענדער וועלף איינגעוויקעלט אין שעפּסענע קליידער אַלס איהרע שלוחים ניט צו פערברייטען דאָס געטליכע וואָרט, נאָר צו אונטעריאָכען אַלע פרייע, צו שטערען אַלע פרידליכע און איבעראַל ארויסצופּרעסען געלט". דאָך האָט ער געמוזט נאָכ־געבען די פאָדערונגען פון פּאַפּסט און אין יאָהר 1227 האָט ער בעשלאָסען אונטערצונעהמען אַ קרייץ־צוג. פיעל האָט אויף איהם געווירקט נאָכצוגעבען דעם פּאַפּסט'ס פאָדערונג דער פאַקט, דאָס ער האָט זיך דאַן פערהייראַט מיט יאָלאַנטע'ן, דער טאָכטער פון דעם קעניג פון ירושלים, יאָהאַן פון בריענע, מיט וועלכער הייראַט ער האָט בעקומען איינינע רעכטען

די קרוין פון אַלטאַר און האָט זי זעלבסט אויף זיין קאָפּ אַנגעטאָן. דאן האָט ער געהאַלטען אַ רעדע, אין וועלכער ער האָט ערקלערט זיין האַלטונג אין דיזען קרייץ־צוג, וועגען פּאַפּסט האָט ער זיך אויסגעדריקט זעהר פאָרזיכטיג און געלאַסען. דאָס פאָלק איז געווען העכסט צופרידען מיט'ן קייזער'ס ערקלערונג. אָבער דער פּאַטריאַרך פון ירושלים האָט ניט אויפגעהערט צו אינטריגירען געגען פריעדריך'ן. דערצו האָט פריעדריך ערהאַלטען ידיעות, דאָס אין אונטער־איטאַליען מאַכען זיך אונרוהען. דאָס האָט איהם געצוואונגען דעם 1טען מאי פון יאָהר 1227 צו פערלאָזען פּאַלעסטינא און זיך צוריקקעהרען נאָך אייראָפּאַ. די פערוואַלטונג פון קעניגרייך ירושלים האָט ער איבערגעגעבען צו אַ געוויסען באַליאַן פון צידון.

ד. דאָס ענדע פון די האָהענשטויפען.

אין דער צייט, וואָס פריעדריך איז געווען אין פּאַלעסטינאַ, זיינען אַלע זיינע אונטערטאַנען איהם געוואָרען אונטריי צוליב דעם חרם, וואָס דער פּאַפּסט האָט אויף איהם ארויפגעלעגט, און אַלע זיינע אָנהענגער זיינען אויך אין חרם אריינגעלעגט געוואָרען . דורך די מאָנאַכען האָט דער פּאַפּסט געהעצט דאָס פאָלק אין גאַנץ אונטער־איטאַליען, עס זאָל מאַכען אַן אויפשטאַנד געגען איהם, און האָט פערשפּראָכען יעדען, וואָס וועט זיך אָנשליסען אָן די סאָלדאַטען פון פּאַפּסט, אַ מחילה וסליחה אויף אַלע זיינע זינד. עס איז זעהר שווער געווען פיר די קייזערליכע קאָמאַנדירען צו האַלטען אָרדנונג אין לאַנד, ווייל זעהר פיעלע שטעדט זיינען איבערגעגעבען געוואָרען פון די מאָנאַכען אַפּצופּאַלען פון קייזער. דער אויפשטאַנד האָט זיך מעהר און מעהר פערשפּרייט. ענדליך איז דער קייזער ווידער געקומען אין איטאַליען. עס איז איהם ניט שווער אָנגעקומען צו פערטרייבען דעם פּאַפּסט'ס סאָלדאַטען און מיט דער הילף פון אַ בונד מיט איינינע פון דעם פּאַפּסט'ס געגנער האָט ער געעפענט פיר זיך אַ וועג אין דעם פּאַפּסטליכען שטאַאַט. ער האָט געצוואונגען דעם פּאַפּסט פון איהם דעם חרם ארונטערצונעהמען און שליסען מיט איהם פרידען אין יאָהר 1210. דיזער פרידען איז בעוואוסט אונטער'ן נאָמען דער פרידען פון סאַן גערמאַנאָ. פריעדריך האָט אויך געצוואונגען דעם פּאַפּסט אָנערקענען דעם אָפּמאַך, וואָס ער האָט געשלאָסען מיט'ן סולטאַן, הגם פריהער האָט ער, דער פּאַפּסט גרעגאָריוס, געזאָגט, דאָס דיזער אָפּמאַך איז אַ שאַנדע פיר די קריסטען.

8טען סעפּטעמבער 1228 האָט פריעדריך געלאַנדעט מיט זיינע שיפען ביי א ק ר ע. ער האָט ניט אָנגעגריפען דעם פיינד באַלד מיט געוועהר, נאָר ער האָט אָנגעפאַנגען פרידליכע אונטערהאַנדלונגען און האָט דערגרייכט זיין צוועק אָהן שום בלוטפערגיסונג. אלס אויפגעקלערטער מענש האָט ער געגען די סאַראַצענער געפיהרט אזא פּאָליטיק, וואָס האָט פרידליך געפיהרט צום ציל, אָבער דאָס איז ניט געפעלען געווען די פאַנאַטישע קריסטען. עס איז איהם געווען א שאַנדע צו זעהן, ווי טריילאָז און שענדליך די קריסטען האָבען געהאַנדעלט אין דער צייט, וואָס די אונגלויביגע האָבען געהאַנדעלט מיט ווירדע און גרויסהערציגקייט. און דעריבער האָט ער בעשלאָסען ניט אַרויסצוגעהן געגען די טערקען אלס א רעליגיעזער פאַנאַטיקער, נאָר צו פערהאַנדלען מיט זיי פרידליך אלס עהרענמאַן. דער סולטאַן אל־קאַמיל האָט בעגעגענט פריעדריך'ן מיט גרויס עהרע און ביידע הערשער האָבען זיך באַלד אויסגעגליכט מיט אַן אָפּמאַך, לויט וועלכען דער סולטאַן האָט איבערגעגעבען ירושלים צום קייזער אָהן שום קריג. ירושלים זאָל געהערען צום קריסטליכען קעניגרייך, און ביידע רעליגיאָנס־פּאַרטייען זאָלען לעבען פריי און אונגעשטערט און דינען גאָט צוזאַמען, די מוסולמאַנען און די קריסטען, אזוי ווי ברידער, ווי קינדער פון איינעם און דעם זעלבען גאָט.

דיזער אָפּמאַך איז די פאַנאַטישע קריסטען ניט געפעלען געווען און זיי האָבען אַרויסגעלאָזען א קול, דאָס פריעדריך האָט אָנגענומען דעם מוסולמאנישען גלויבען. די פרומע קריסטען האָבען שוין פריהער זיך דערווייטערט פון איהם, ווייל ער איז דאָך אין חרם געלעגען. יעצט איז ער נאָך מעהר פערהאַסט געוואָרען פון דיזע לייט אלס א משומד און מען האָט פון איהם געוויכט ווי פון א פערפעסטעטען. די גייסטליכע האָבען אָנגעפאַנגען צו זוכען מיטלען, ווי זיי זאָלען דיזען טאָלעראַנטען קעניג פון וועג אָפּראַמען. מעהר פון אלעמען האָט מען בעשולדיגט דערין דעם קריסטליכען אָרדען, וועלכער איז בעוואוסט אונטער דעם נאָמען די „טעמפּלער". זיי האָבען געשריבען דעם סולטאַן א בריף, אין וועלכען זיי האָבען איהם געראַטען דעם קעניג צו פאַנגען און האָבען איהם געגעבען א פּלאַן, ווי דאָס דורכצופיהרען. דער סולטאַן האָט דעם בריף צוגעשיקט צום קייזער. דעם 17טען מערץ פון יאָהר 1226 איז פריעדריך אריין אין ירושלים. דער פּאַטריאַרך פון ירושלים און דער אָרדען־מייסטער פון די טעמפּלער זיינען געווען שרעקליך אויפגעבראַכט אויף'ן קייזער פאַר זיין האַנדלונג. ווייל ער איז געווען אין חרם, האָט ער ניט געקענט אָנטייל נעהמען אין דעם רעליגיאָנס־דינסט, אָבער נאָך דעם דינסט איז ער אַריין אין קירכע אין פולען קייזערליכען גלאַנץ, האָט גענומען

נעם פון די לאָמבארדישע שטעדט. ווען פריעדריך האָט זיך דערוואוסט וועגען דיזען צושטאַנד אין דייטשלאַנד, האָט ער זיך געאיילט אריבערצוגעהן די אַלפּען. זיין ערשיינען אַליין איז געווען גענוג איינצושטילען דעם אויפשטאַנד (1235). היינריך האָט אַפילו געקראָגען פערצייהונג פון זיין פאָטער, אָבער ער, פריעדריך, האָט געפונען פיר נעטיג איהם אוועקצושיקען אין היידעלבערגער שלאָס אין אונטער־איטאַליען. אין דיזען שלאָס איז

אַ בישאָף פון דער צייט פון פריעדריך דעם 2טען.

ער געזעסען פערשפּאַרט זעקס יאָהר ביז ער איז געשטאָרבען. די אָנהענגער פון היינריך׳ן האָבען זיך אַלע אונטערגעגעבען, און זיי האָבען אַלע ערהאַלטען זייערע לענדערייען מיט כמעט פולער אונאָפּהענגיגקייט. אין יענער צייט האָט פריעדריך זיך פערהייראַט מיט איזאַבעללאַ׳ן, דער טאָכטער פון ענגלישען קעניג. זיין ערסטע פרוי, ווי מיר האָבען פריהער ערצעהלט, איז

נאָך דעם איז אָנגעקומען פיר דעם קייזער א רוהיגע גלאַנצפולע צייט. די געשיכטע-שרייבער פוען יענער צייט לויבען זעהר די אָרדנונגען, וואָס ער האָט איינגעפיהרט אין נעאַפּעל און סיציליען. צוליב די נייע אָרדנונגען, וואָס ער האָט איינגעפיהרט אין דיזע צוויי לענדער, האָט דער האַנדעל דאָרט זעהר שטאַרק אויפגעבליהט, ניט ווי אין די פעאָדאַל-שטאַאַטען, וואו דאָס גאַנצע לאַנד איז געווען אָנגעוויזען נאָר אויף אַקערבוי. ער האָט איינגעריכטעט נייע אָרדנונגען אין אַלע צווייגען פון דער רעגירונג, איבערהויפּט האָט ער געשטעלט אויף א פעסטען פונדאַמענט דאָס געריכטס-וועזען און דאָס מי- ליטער. ער האָט איינגעריכטעט א בעשטענדיגע אַרמעע, וועלכע האָט בעקו- מען רעגעלמעסיג דעם בעשטימטען געהאַלט. די אַרמעע איז בעשטאַנען איבערהויפּט פון דייטשען און סאַראַצענער. די גרויסאַרטיגע רייכע פיה- רונג אין קייזערליכען הויף איז געווען געריהמט און האָט דעם קייזער פערשאַפט פיעל עהרע. הגם מיר קענען ניט פערשטעהן, ווי מען קען ריהמען פערשווענדעריי פון געלט, וואָס איז גענומען געוואָרען פון די אָרימע גראָ- שענס פון בעדריקטען אָרימען פאָלק. די בעריכטען פון די געשיכטע-שרייבער זיינען פול מיט בעוואונדערונג פיר די פּראַכט און דעם לוקסוס, וואָס האָבען דאַמאָלס געהערשט אין די קייזערליכע לוסט-שלעסער. פיר אונז אָבער האָט דיזער פאַקט צו ווענינ אינטערעס צו פערברייטערן זיך וועגען איהם. די אַרבייטער-קלאַסען ווייסען שוין גאַנץ גוט, וואָס פיר א לעבען עס קען זיין, ווען דאָס פינאַנץ-וועזען פון פאָלק איז אַזוי „געאָרדענט", דאָס א גרויסער טייל פון זייער מיה געהט פיר די „אָרדנונג-מאַכער". מעהר אינטערעס האָ- בען די אונטערדריקטע צו וויסען דאָס ביסעל געשיכטע, וואָס איז פערבליבען איבער זייערע אייגענע אַנגעלעגענהייטען.

וויכטיג איז צו דערמאָהנען, דאָס די הויף-שולען אין נעאַפּעל און פּאַלערמאָ, וואָס זיינען געגרינדעט געוואָרען אונטער פריעדריך'ס רעגירונג, זיינען געשטאַנען אויף א זעהר הויכער שטופע לויט דעם צושטאַנד פון דער וויסענשאַפט צו יענער צייט. זיי זיינען גלייך געווען מיט די אַקאַדעמיעס פון פּאַריז, באָלאָניאַ, דאַמאַסקוס, באַגדאַד און קאַירא.

די פערהעלטניסען אין דייטשלאַנד אָבער זיינען געווען ווייט וועניגער גלענצענד. אין דייטשלאַנד איז געווען דער שטעלפערטרעטער פון קייזער פריעדריך זיין זוהן היינריך. דיזער האָט זיך פערבונדען מיט אייניגע פיר- סטען, וועלכע זיינען מיט פריעדריך'ן ניט געווען צופרידען, און מיט דיזע פערבינדטע האָט ער געזוכט צו געווינען אויף זיין זייט די שטעדט ביים רהיין. ער האָט זיך אויך פערבונדען מיט'ן פראַנצויזישען קעניג און מיט די קאָמו-

פיעלע שטעדט פון לאָמבארדישען בונד נאָך דעם, ווי ער האָט בעזיגט די לאָמבארדישע אַרמעע ביי קאָרטענואָווא. דער ערסטער בעאַמטער פון דער לאָמבאַרדישער הויפטשטאָדט איז פעראורטיילט געוואָרען צום טויט. פריעד-ריך האָט אָבער דעם זיג געוואָלט צופיעל אויסנוצען. ער האָט פערלאַנגט, דאָס מאַילאַנד זאָל זיך איהם אונטערגעבען אויף גנאַדע און אונגנאַדע, און האָט געוואָלט אין סאַרדיניען, וועלכע האָט זיך גערעכענט צו דער הערשאַפט פון דעם פּאַפּסט, אריינזעצען זיין זוהן, דעם מוטיגען און שענעם ע נ צ י אָ, אַלס קעניג. דיזעס האָט געפיהרט דערצו, דאָס דער פּאַפּסט האָט איהם אריינגעלעגט אין אַ שטרענגען חרם, און האָט בעפרייט אַלע פריעדריך'ס אונטערטאַנען פון דער שבועה, וועלכע זיי האָבען איהם גגעבען, צו דינען איהם טריי. דער פּאַפּסט האָט נאָך מעהר געטאָן: ער האָט אָפען בעשולדיגט די האָהענשטויפען, דאָס זיי זיינען אַלע אונגלויביגע, דאָס זיי פעראַכטען די קריסטליכע רעליגיאָן, און דעריבער פערדינען זיי גענצליכע פערניכטונג. דער פּאַפּסט האָט אַגיטירט און געשטרעבט איטאַליען אין גאַנצען צו בעפרייען פון דייטשער הערשאַפט, אָפּצורייסען עס פיר אימער פון דייטשען רייך. דער גאַנצער קאַמף, וואָס דער פּאַפּסט האָט געפיהרט, איז נאָר געווען אום צו קריגען פיר זיך מעהר פּאָליטישע מאַכט. די רעליגיאָנס-פראַגע, וואָס ער האָט אַריינגעמישט אין דיזען קאַמף, איז נאָר געווען אַ מאַסקע, אַ פאַלשער מאַנטעל.

פריעדריך האָט געזוכט צו בעווייזען זיין אונשולד דורך ענערגישע שריפ-טען, אין וועלכע ער האָט קלאָר, מיט ריכטיגע בעווייזען, איבערצייגט, דאָס די אַלע בעשולדיגונגען פון פּאַפּסט זיינען ניט אמת. אָבער עס האָט איהם ניט געהאָלפען. דער פּאַפּסט האָט געזוכט מיט אַלע מיטלען צו טרעטען מיט די פיס די עהרע פון פריעדריך'ן, וועלכער איז געווען דער קאָפּ פון דער וועלט-ליכער קריסטליכער מאַכט און דער בעשיצער פון דער קירכע. ער האָט געלאָזט בעקאַנט מאַכען, דאָס די קייזערליכע קרוין געהערט ניט מעהר צו פריעדריך'ן, און דאָס יעדער, וועך עס ווינשט און פערלאַנגט זי צו האָבען, קען זי פון זיין האַנט לייכט בעקומען. אָבער דיזע פרעכע האַנדלונג פון פּאַפּסט האָט ארויסגערופען שטאַרקע פּראָטעסטען און אונצופריעדענהייט אַפילו פון די פרומע קריסטען. דער פרומער קעניג לודוויג דער 9טער פון פראַנקרייך און זיין ברודער ראָבערט, וועלכען דער פּאַפּסט האָט פאָרגעשלאָגען איבערצוגעבען די קייזערליכע קרוין פון פריעדריך'ן, האָבען אָפען געזאָגט, דאָס זיי רעכנען דעם קייזער פריעדריך, וועלכען דער פּאַפּסט האָט אריינגעלעגט אין חרם צוליב זיין ניט-פרומקייט, פיר אַ סך אַ בעסערען

געשטאָרבען אין דער צייט, ווען ער האָט זיך צוגעגרייט צום קרייץ-צוג. די רייכע שטעדט ביים רהיין, וועלכע זיינען געוועזען פריינדליך צום קייזער, האָבען געמאַכט גרויסע פאָרבערייטונגען אום אויפצונעהמען די נייע קייזערין מיט גרויס פּאַראַד און פּראַכט. נאָכדעם האָט דער קייזער צוזאַמענגערופען אין מאַינץ אַ גלענצענדען רייכסטאַג (1235). דאָרט זיינען בעשטימט געוואָרען פערשיידענע אָרדנונגען, ווי צו ערהאַלטען דעם פרידען און די רוה אין לאַנד, ווי אַזוי צו אונטערדריקען דאָס רויב- און פעאָדאַל-סיסטעם. אויף דיזען רייכסטאַג האָט פריעדריך געשלאָסען שלום מיט די וועלפען און האָט אָטטאָ'ן פון די וועלפען ערהויבען צום הערצאָג. נאָכדעם האָט פריעדריך פערלאָזען דייטשלאַנד. אין יאָהר 1237 איז זיין זוהן קאָנראַד ערוועהלט געוואָרען אַלס קעניג פון דייטשלאַנד, אונטער דער בעדינגונג, דאָס ער זאָל ניט בעריהרען די רעכטען פון די פעאָדאַל-הערען, איבערהויפּט פון די גרויסע, די פירסטען.

די ווייטערדיגע געשיכטע פון פריעדריך דעם 2טען געהערט איטאַליען און ניט דייטשלאַנד. אַ קורצע צייט נאָך דעם רייכסטאָג, וואָס מיר האָבען אויבען דערמאָהנט, האָט ווידער אויסגעבראָכען אַ קריג מיט לאָמבאַרדיע. פריעדריך האָט געוואָלט ווידער איינפיהרען די קייזערליכע רעכטען, וועלכע עס זיינען בעשטימט געוואָרען פיר דעם קייזער אויף דעם פרידענס-אָפּמאַך אין קאָנסטאַנץ, אָבער וועלכע זיינען מיט דער צייט אַזוי ווי בטל געוואָרען. צו דיזען צוועק האָט ער פערבאָטען דעם לאָמבאַרדער בונד. דיזעס האָט פּעראורזאַכט אַ נייעם אויפשטאַנד, וועלכער איז געוועזען זעהר ערנסט און געפעהרליך, ווייל דער פּאַפּסט האָט די מיאַטעזשניקעס געהאָלפען דערין און האָט געבענשט זייערע וואַפען. דער פּאַפּסט איז יעצט עפענטליך אַרויס געגען דעם הויז פון די האָהענשטויפען, אום עס אין גאַנצען אַרונטערצוזעצען פון הערשאַפט, אַזוי דאָס די שטויפען זאָלען מעהר ניט בעטראַכטען איטאַליען אַלס זייער ערבליכע הערשאַפט. עס האָט זיך איבער-אַ-נייס צופלאַקערט דער אַלטער קריג צווישען די צוויי פיינדליכע פּאַרטייען: צווישען די גוועלפען און די גהיבעללינען. דיזע לעצטע פּאַרטיי איז געוועזען אויף דער זייט פון די שטעדט, וועלכע האָבען פערלאַנגט רעפּובליקאַנישע זעלבסטהערשאַפט און אונאָפּהענגיגקייט. דער פּאַפּסט האָט זיך פערבונדען מיט די שטעדט אום צו בעקעמפען דעם קייזער מיט דער פעאָדאַל-הערשאַפט.

פריעדריך האָט געהאַט פיעל הילף און שטיצע אין דיזען שטרייט פון דער פּאַרטיי פון די גהיבעללינען, פון די דייטשע סאָלדאַטען און פון דעם שרעקליכען טיראַן ע צ צ ע ל י נ אָ פון ראָמאַנאָ. ער האָט אַיינגענומען

צײט פערלאָרען די קראַפט, וואָס ער האָט געהאַט אין דער צײט פון הײנריך דעם 4טען, דאָך האָבען די בעשלוסען פון אזאַ גרויסען סינאָד געהאַט אַ שטאַרקע ווירקונג. פיעלע פרײנד זײנען פון פריעדריך׳ן אָפּגעפאַלען, און פיעלע פײנד האָבען געקראָגען מוט. אין דײטשלאַנד האָבען גרויסע גײסט־ליכע ערוועהלט אַלס קעניג הײנריך ראַספּע פון טהירינגען, אָבער די מעהרצאָהל פון די וועלטליכע פירסטען האָט איהם ניט אָנערקענט, און האָט איהם אָנגערופען מיט שפּאַס: „פּאַפּען־קעניג" (קעניג פון גלחים). אין

אַ פעאָדאַל־הערר.

אַ שטרײט מיט פריעדריך׳ס זוהן האָט ער בעקומען אַ געפעהרליכע וואונד און איז געשטאָרבען. דאָס זעלבע שיקזאַל האָט געטראָפען דעם גראַף ווילהעלם פון האָלאַנד, וועלכער איז נאָך דעם טויט פון הײנריך ראַספּע ערוועהלט געוואָרען פון די גלחים אַלס דײטשער קעניג.

אין איטאַליען איז פריעדריך ניט בעזונדערס גליקליך געווען אין זײן קאַמף. זײן זוהן ענציאָ (הײנץ) איז אַרײנגעפאַלען צו די בירגער פון באָ־

קריסט אַלס דעם פּאַפּסט זעלבסט, און דאָס זיי קוקען מיט גרויס פעראַכטונג און בזיון אויף דיזע שענדליכע טאַט. דער פּאַפּסט האָט נאָכדעם פעררופען אַ פערזאַמלונג פון גייסטליכע פיר פּאַסחע אין רוים (1241). פריעדריך האָט באַלד פערשטאַנען, דאָס דיזע פערזאַמלונג וועט נאָר זיין אַ ווערקצייג פון פּאַפּסט, און דעריבער האָט ער געזוכט מיטלען זי צו פערהינדערן. דער פּאַפּסט האָט אַרויסגעשיקט אַ פלאָטע, צו בעשיצען אַלע פירסטען פון דער קירכע, וועלכע זיינען איינגעלאַדען געוואָרען צו קומען פון פערשיי־דענע ערטער נאָך רוים. פריעדריך צוזאַמען מיט זיין זוהן ענציאָ האָט דיזע פלאָטע אָפּגעריסען און האָט זי בעזיגט אין אַ זעע־שלאַכט פון מ אַ ל אָ ר י אַ. ער האָט דאָן געפאַנגען אַלע פּרעלאַטען (הויכע גייסטליכע) און זיי געבראַכט אונטער זיין מאַכט. פריעדריך האָט אויך בעלאַגערט רוים. אָבער דעם פּאַפּסט האָבען דיזע אַלע זאַכען ניט אָפּגעשראָקען. ער האָט ניט אויפגע־הערט צו פאָדערן פון פריעדריך'ן פולע אונטערטעניגקייט צו איהם. אין מיטען פון דיזע שטרייטיגקייטען איז דער פּאַפּסט גרעגאָריוס דער 9טער גע־שטאָרבען, כמעט 100 יאָהר אַלט. אויך זיין נאָכפאָלגער צ אָ ל ע ס ט י ן ד ע ר 4 ט ע ר איז באַלד געשטאָרבען. פערצעהן מאָנאַטען איז דער פּאַפּסטליכער שטול געווען לעדיג, ביז ענדליך איז ערוועהלט געוואָרען אַלס פּאַפּסט א י נ נ אָ צ ע נ ץ ד ע ר 4 ט ע ר, וועלכער האָט געשטאַמט פון דעם גענועזישען הויז ל אַ וו אַ נ י אַ. דיזער נייער פּאַפּסט איז פריהער געווען אַ פריינד פון קייזער פריעדריך און פיעלע האָבען גערעכענט, דאָס דיזע ערוועהלונג וועט פריעדריך'ן פערשאַפען רוה און גליק. פריעדריך האָט אָבער באַלד געזאָגט, דאָס דיזער וועט איהם פיעלע ליידען פערשאַפען. פריעדריך האָט פערשטאַנען די מענשען און זייערע פערהעלטניסען פיעל מעהר פון טויזענדער אַנדערע און ווי ער האָט פאָרויסגעזאָגט, אַזוי איז עס ווירקליך געשעהען.

דער נייער פּאַפּסט איננאָצענץ האָט בענייט דעם חום אויף'ן קייזער און האָט זיך געאײַלט צו קומען אין ליאָן, וואוהין ער האָט בערופען די פּאָ־טערס פון דער קירכע. דאָ, אין דער פערזאַמלונג פון פיעלע גייסטליכע און וועלטליכע פירסטען, זיינען די שטרייטיגקייטען מיט פריעדריך'ן אויף דאָס ניי פערהאַנדעלט געוואָרען. דער רעזולטאַט איז געווען, דאָס מען האָט איבער'ן קייזער אויף דאָס ניי אויסגעשפּראָכען דעם חרם, מען האָט איהם אָפּגעזאָגט פון אַלע קרוינען און מען האָט בעפוילען די דייטשע פירסטען צו ערוועהלען באַלד אַ נייעם קעניג. הגם דער חרם האָט שוין אין יענער

בשום אופן ניט געקענט זיין פערשטיקט אין די שראנקען, וואָס די קירכע האָט געצווימט אַרום איהרע אָנהענגער. ער האָט פיעל פערבראַכט מיט מע-נער און פרויען פון פערשיידענע גלויבענס, איבערהויפּט מיט מאַהמעדאַנער, ער האָט באמת געליבט קונסט און וויסענשאַפט, ווי קיין אַנדער דייטשער קייזער פאַר איהם און נאָך איהם. און דעריבער האָט איהם די קירכע גע-שטעמפּעלט אַלס אַפּיקורוס און פרייגייסט. עס איז קיין וואונדער ניט, וואָס די נייע געשיכטע-שרייבער בעטראַכטען איהם אַלס אַ זעלטענע ליכטיגע ער-שיינונג אין מיטען פון דעם פינסטערען מיטעלאַלטער.

ווען ק אָ נ ר אַ ד ד ע ר 6 ט ע ר האָט אַריינגעטרעטען אין די ירושה פון זיין פאָטער פריעדריך, האָט איהם דער פּאַפּסט בעגעגענט מיט קללות. דער פּאַפּסט א י נ נ אָ צ ע נ ץ ד ע ר 4 ט ע ר האָט געבונטעוועט געגען איהם אַלע פירסטען פון דייטשלאַנד און איטאַליען, און ער האָט פערטיילט אַלע געביטען פון קייזער צו זיינע פיינד. דער בישאָף פון רעגענסבורג האָט געדונגען מערדער צו טויטען קאָנראַד'ן, אָבער ער האָט זיך אויסגעדרעהט פון זייערע הענט און האָט בעזיגט די סאָלדאַטען פון פּאַפּסט און פון זיינע פיינד, ער איז אָבער דערנאָך, אין יאָהר 1254, פערגיפטעט געוואָרען פון זיין ברודער מאַנפרעד. נאָך איהם איז ווילהעלם פון האָללאַנד אָנערקענט געוואָ-רען אַלס קעניג פון אַלע דייטשע פירסטען. אין לאָמבאַרדיע איז די מאַכט פון די גהיבעללינען אין גאַנצען געבראָכען געוואָרען.

ווילהעלם האָט באַלד פערלאָרען זיין לעבען אין אַ שטרייט מיט די פריעזען אין יאָהר 1256. דאַן האָט אַ טייל פון די קורפירסטען, וועלכע האָ-בען געקראָגען כּאַבּאַר, געוועהלט אַלס דייטשען קעניג ר י ט ש אַ ר ד'ן, דעם גראַף פון קאָרנוואַלל, וועלכער איז געוועזען דער ברודער פון דעם ענגלישען קעניג היינריך דעם 3טען, די אַנדערע קורפירסטען אָבער האָבען ערוועהלט אַלס קעניג פון דייטשלאַנד א ל פ אָ נ ס ד ע ם 10 ט ע ן פון ק אַ ס-ט י ל י ע ן. אַלפאָנס האָט קיינמאָל ניט בעזוכט דייטשלאַנד, און ריטשאַרד פלעגט יע אָפּט קומען אין דייטשלאַנד אום די דייטשע פירסטען מיט מתנות מעהר און מעהר פיר זיך צו געווינען און אויך אום דייטשע סאָלדאַטען צו קריגען פיר די ענגלישע אַרמעע פון זיין ברודער היינריך דעם 3טען. נאָך איטאַליען איז ער קיינמאָל ניט געגאַנגען, הגם דער פּאַפּסט א ל כ ס נ ד ר ד ע ר 4 ט ע ר האָט איהם איינגעלאַדען צו איבערגעבען איהם די קייזער-ליכע קרוין. ריטשאַרד האָט ניט לאַנג געהערשט אין דייטשלאַנד. ער איז געשטאָרבען אין יאָהר 1272. די דייטשע פירסטען זיינען זעהר צופרידען געוועזען פון זיין רעגירונג און האָבען דעריבער זעהר בעדויערט זיין טויט.

לאָניא. ער איז אריינגעוואָרפען געוואָרען אין געפענגניס און איז דאָרט געשטאָרבען. פריעדריך האָט בעלאַגערט די שטאָדט פּארמא, אָבער ער האָט זי ניט געקענט נעהמען. די ערביטערונג פון די געגנער האָט געשטיגען פון טאָג צו טאָג. מען איז געגאַנגען אַזוי ווייט, דאָס מען האָט אונטערגעשיקט מערדער איהם צו טויטען. עס איז געפאַלען אַ חשד אויף זיין עלטעסטען און פערטרויטעסטען דינער, דעם קאַנצלער פּעטרוס פון ווינאַ, דאָס ער האָט געזוכט איהם איינצוגעבען גיפט דורך דעם לייבארצט, ווען פריעד־ריך איז אַ מאָל קראַנק געוואָרען. פריעדריך אָבער, האָבענדיג אַ פערדאַכט, האָט פערלאַנגט פון דאָקטאָר, ער זאָל פריהער אַליין אויסטרינקען אַ העלפט פון דער מעדיצין, וואָס ער האָט איהם געוואָלט איינגעבען. דער דאָקטאָר האָט זיך געמאַכט, ווי ער איז ניט ווילענדיג געפאַלען אין האָט די מעדיצין אויסגעגאָסען. עס איז אָבער עטוואָס געבליבען אין דעם פלעשעלע. דיזעס האָט מען געגעבען אויסטרינקען אַ פערברעכער, וואָס איז פעראורטיילט גע־וואָרען צום טויט און דיזער איז גלייך געשטאָרבען. פריעדריך איז געקומען פון דיזער געשיכטע אין פערצווייפלונג. און באמת, וועמען האָט ער שוין נאָך דעם געקענט טרויען, ווען זיינע בעסטע פריינד האָבען געזוכט זיין טויט. מען האָט באַלד אַרעסטירט פּעטרוס'ן, און דיזער האָט זיך זעלבסט דאָס לע־בען גענומען אין געפענגניס.

דיזע צרות האָבען שטארק אָנגעגריפען פריעדריך'ס געזונדהייט, וועלכע איז שוין אָהן דעם אויך געווען רואינירט. ער איז געוואָרען זעהר שוואַך און אונפעהיג עטוואָס וויכטיגעס צו אונטערנעהמען. ער האָט זיך אפילו מיט אַלע קרעפטען געשטאַרקט צו מאַכען אַן אָנגריף אויף דעם פּאַפּסט, אָבער ער איז פון צופיעל אָנשטרענגונג געשטאָרבען דעם 13טען דעצעמבער 1250 אין דעם אַלטער פון 56 יאָהר אויף דעם שלאָס פיאָרענטאָ אין די אָרמס פון זיין אונגעזעצליכען זוהן מאַנפרעד. ער איז געווען דער לעצטער קייזער, וועלכער האָט געהאַט מוט גענוג אונטערצונעהמען אַ קאַמף מיט דער קירכע. ווי די קריסטליכע וועלט האָט וועגען איהם געאורטיילט איז קלאָר צו זעהן פון דעם גיהנום, וועלכען דער גרויסער איטאַליענישער פּאָעט דאַנטע שטעלט פאָר אין זיין בעריהמטען ווערק: „די געטליכע קאָמעדיע", וואו פריעדריך געפינט זיך צווישען די יעניגע פערברעכער, וועלכע זיינען פער־אורטיילט צו בראָטען זיך אין גליהענדע קברים. און באמת האָט ער מיט זיינע מעשים, מיט זיינע זיטען און מיט זיין דענקען אָפען געצייגט, דאָס ער איז ניט קיין אָנהענגער פון דער קירכע. זיין געניאַלער גייסט האָט

אַלע רעכטען אויף אַפּוליען און סיציליען. איידער ער איז צוגעקומען צום עשאַפאָט האָט ער פאַר דעם פּובליקום מיט אַ הויכער שטימע פּראָטעסטירט געגען זיין טויט־אורטייל, ווייל ער איז גאַנץ אונשולדיג. נאָך דעם, ווי קאָנ־ראַדין איז הינגעריכטעט געוואָרען, האָט קאַרל געהייסען אויף הינריכטען פריעדריך פון באַדען מיט אַ גרויסער צאָהל פון דייטשע און איטאַליענישע פירסטען, וועלכע האָבען געהאַלטען פיר קאָנראַדין׳ען.

קאַרל פון אַנזשו האָט אָבער ניט געקענט לאַנג פערבלייבען הערשער אין נעאַפּעל. עס האָט זיך ווידער אָנגעפאַנגען אַ בעוועגונג צו בעזיגען פּאַלעס־טינאַ, אָבער זיינע איטאַליענישע אונטערטאַנען, וועלכע ער האָט מיט אונ־געוועהנליכער גרויזאַמקייט געדריקט, האָבען איהם קיין הילף ניט געוואָלט געבען. עס האָט זיך אָנגעהויבען און גיך פערשפּרייט אַ גרייסער אויפשטאַנד אין נעאַפּעל און אין סיציליען, אַן אויפשטאַנד, צו וועלכען עס האָט פיעל מיטגעהאָלפען דער קעניג פון אַראַגאָניען, פּעטער, דער שוועהר פון דעם אויבען־דערמאָהנטען מאַנפרעד. אַ פראַנצויזישער סאָלדאַט פון קאַרל׳ס אַרמעע האָט בעליידיגט אַ יונגע פרוי, און דיזעס איז געווען אַ סיגנאַל צו אַן אויפשטאַנד אין פּאַלערמאָ. דאָ האָבען די עמפּערער אויסגעשלאַכטעט אַלע פראַנצויזען, מאַן און פרוי, יונג און אַלט. דאָס זעלבע איז באַלד גע־שעהען אין גאַנץ סיציליען. דאָס איז געווען די ראַכע, וואָס די בעדריקטע אונטערטאַנען האָבען גענומען פיר קאַרל׳ס הערשאַפט, וועלכע איז געווען שרעקליך אונגערעכט, רויבעריש און גרויזאַם. דיזעס בלוט־באָד איז בעוואוכט אין דער געשיכטע אונטער דעם נאָמען: די סיציליאַנישע וועס־פּער, ווייל די בעליידיגונג פון דער פרוי, צוליב וועלכער דער גאַנצער אויפרוהר איז אַרויסגעקומען, האָט זיך געטראָפען אין דער צייט, ווען די סיציליאַנישע בירגער זיינען געגאַנגען אין קירכע צו וועספּער (אָבענד־געבעט). אום ריכטיג אויסצוגעפינען, ווער עס איז אַ פראַנצויז, האָט מען יעדען אונ־בעקאַנטען געצוואונגען זאָגען דעם וואָרט „טשיטשערי״, אַ וואָרט, וועלכעס איז פיר אַ פראַנצויז געווען שווער אויסצוזאָגען ריכטיג. אין קאַטאַנעאַ אַליין זיינען דאַמאָלס 8,000 פראַנצויזען ערמאָרדעט געוואָרען. מען האָט דאַ־מאָלס פערזיכערט, דאָס אין גאַנץ סיציליען זיינען אַלע פראַנצויזען אויסגע־שלאַכטעט געוואָרען, אויסער צווייט פראַנצויזישע עדעללייט. פאַר ערגערניס איבער דיזע שרעקליכע פּאַסירונג איז קאַרל משוגע געוואָרען און איז גע־שטאָרבען אין יאָהר 1285.

אין נעאַפּעל און אין סיציליען האָט מאַנפרעד געהערשט מיט ערפאָלג און האָט געשטאַרקט זיין הערשאַפט דורך דעם, וואָס ער האָט זיך פערשוועגערט מיט דעם קעניגליכען הויז פון אַראַגאָניען. דער פּאַפּסט האָט איינינגע מאָל אָנגעבאָטען דיזע רייכע לענדער צו פערשיידענע אויסלענדישע פירסטען, אָבער קיינער האָט ניט געוואַגט געהן שטרייטען מיט מאַנפרעד'ן און זיי פון איהם אָפּנעהמען. ענדליך האָט זיך געפונען אַ בעלן, ק אַ ר ל פון אַ נ ז ש ו, דער גראַף פון פּראָוואַנס, דער ברודער פון לודוויג דעם הייליגען פון פראַנקרייך. ער האָט צוזאַמענגעשטעלט אַן אַרמעע, איז אַרויס געגען מאַנפרעד'ן און האָט איהם בעזיגט (1266). מאַנפרעד אַליין איז אויך געפאַלען אין דער שלאַכט, און דאַן האָט זיך קאַרל בעמעכטיגט אויף דעם טראָן פון די האָהענשטויפען. באַלד נאָך דעם איז ערשינען אין איטאַליען דער יונגער ק אָ נ ר אַ ד י ן, דער זוהן פון קאָנראַד דעם 4טען, צו פאָדערן די קעניגליכע ירושה. די גהיבעללינען און פיעלע פערזענליכע פריינד פון זיין הויז האָבען איהם צוגעזאָגט הילף. מיט איהם איז געקומען אין איטאַליען זיין יוגענד־פריינד פריעדריך פון באַדען. זיין אַרמעע איז געוואַקסען פון טאָג צו טאָג, ניט אַכטענדיג אויף די קללות און חרמות פון פּאַפּסט. פּיזאַ האָט איהם געשטיצט מיט אַ פלאָטע מיט פיעלע מאַטראָזען, אויך רוים האָט זיך ערקלערט פיר איהם, ווייל ביציליען איז איהם געקומען צו הילף. אָבער איין אונגליקליכער טאָג האָט פערניכטעט אַלע זיינע האָפנונגען. אין דער עבענע פון ט אַ ל י אַ ק אָ צ צ אָ האָט זיין אַרמעע געליטען אַ שרעקליכע נידערלאַגע און ער זעלבסט איז געפאַנגען געוואָרען פון שונא.

קאַרל האָט באַלד בעשלאָסען צו טויטען זיין פערהאַסטען געגנער, אויך דער פּאַפּסט האָט געפאָדערט זיין טויט. קיין איינציגער פון די פירסטען, קיין פריינד, קיין קרוב האָט גאָר ניט געטאָן פיר זיין רעטונג. דאָך האָט קאַרל געוואָלט איינוויקלען קאָנראַדין'ס הינריכטונג אין אַ געזעצליכען שלייער. ער האָט איהם בעשולדיגט אין הויך־פערראַט (מרידה במלכות), און האָט איהם געלאָזט פּראָצעסירען און זיך פערטיידיגען. פון די ריכטער האָט נאָר איינער געפאָדערט דעם טויט־אורטייל, די איבריגע זיינען אַלע געווען געגען דעם, פון דעסטוועגען האָט איהם קאַרל געהייסען הינריכטען. נאָך דעם, ווי מען האָט דעם עשאַפאָט אויפגעשטעלט נעבען נעאַפּעל און מען האָט איבערגעלעזען דעם דעקרעט פון טויט־שטראָף, האָט קאָנראַדין אַראָפּגעצויגען זיין האַנדשוה און האָט געבעטען מען זאָל דאָס איבערגעבען צו פעטער פון אַראַגאָניען, אַלס צייכען, דאָס דער האָהענשטויף האָט איהם איבערגעגעבען

וואַרעסמיער, אַ טוראַנישעס פאָלק, האָבען בעזיגט פּאַלעסטינאַ, האָבען איינגענומען ירושלים און האָבען אויסגעשלאַכטעט אַלע איינוואוינער, קריסטען און מאַהמעדאַנער, האָבען פערוויסטעט די שטאָדט און האָבען צושטערט דעם הייליגען קבר.ביי גאַזאַ (עזה) האָבען זיי בעזיגט דעם גייסטליכען ריטער־אָרדען און האָבען איהם פערניכטעט. דיזע בעזיגער האָבען פערניכטעט אַלע קריסטען אין פּאַלעסטינאַ, עס זיינען נאָר איניגע פערבליבען אין אקקאָן (עכו) און אנדערע האַפען־שטעדט.

די ידיעות האָבען שטאַרק נידערגעשלאָגען די פרומע קריסטען. דאָך האָט עס לאַנג גענומען ביז זיי האָבען בעשלאָסען צו אונטערנעהמען אַ נייעם קרייץ־צוג. דער פּאַפּסט איננאָצענץ דער 4טער האָט צו פיעל געמיינהייט געטריבען מיט דיזען עסק. אָנשטאָט אויפצומונטערן די קרייץ־פאָהרער צו זייער אייגענטליכען ציל, האָט ער זיי געהעצט געגען די האָהענשטויפען. ער האָט געפּרעדיגט, דאָס ביי גאָט איז אַ קאַמף געגען די האָהענשטויפען אַזוי טייער און וויכטיג, ווי אַ קאַמף געגען די אונגלויביגע מאַהמעדאַנער. אויסער דעם האָט ער פערברויכט די נדבות, וואָס די פרומע קריסטען האָבען צוגעשיקט צו איהם צו פערטיילען צווישען די אָרימע קריסטען, וואָס ליידען נויט און הונגער אין פּאַלעסטינאַ, פיר זיינע אייגענע צוועקען. די גייסטליכע האָבען שוין מעהר ניט געקענט אַזוי אויפפלאַקערן די הערצער פון די פרומע קריסטען צו אונטערנעהמען אַ נייעם קרייץ־צוג. דער צויבער איז פערשוואונדען. דער איינציגער פון גרויסען אַדעל, וואָס האָט נאָך געקענט בעגייסטערט ווערען פון דיזער אידעע, איז געוועזען לודוויג דער 9טער, וועלכער איז ערצויגען געוואָרען אונטער דעם שטאַרקען איינפלוס פון די גייסטליכע. און דיזער האָט ווירקליך אונטערגענומען אַ צוג נאָך פּאַלעסטינאַ געגען די אונגלויביגע מאַהמעדאַנער מיט'ן צוועק צו בעפרייען די הייליגע ערטער פון זייערע הענט. פיעלע גרויסע פעאָדאַל־הערן האָבען זיך אויף דעם רוף פון לודוויג'ן פערזאַמעלט אין פּאַריז און האָבען אָנגענומען דעם קרייץ אַלס צייכען, דאָס זיי זיינען בערייט צו געהען נאָך פּאַלעסטינאַ. אָבער עס איז נאָך אַלץ ניט געוועזען גענוג, דאָס מען זאָל שוין דעם צוג קענען אָנהייבען. נייע קרעפטען איז זעהר שווער געוועזען צו געווינען. דאָס פאָלק האָט אפילו ניט געוואָלט בײשטייערן די נעטיגע הוצאות פיר דיזען צוג. דאָס איז אַ גוטער בעוויז, ווי קאַלט דאָס פאָלק איז געוואָרען צום גאַנצען עסק. מען האָט געמוזט אָנשרעקען דעם עולם, דאָס דער פּאַפּסט וועט פון קירכע אויסשליסען די יעניגע, וואָס וועלען זיך ענטזאָגען צו בײשטייערן צום קרייץ־צוג. אָבער פיעלע פון די פעאָדאַל־הערען האָבען זיך פעראייניגט אום מיט אַלע קרעפ-

די פאמיליע פון די האָהענשטויפען איז אונטערגעגאנגען. די אורזאך איז געוועזן, וואָס די פירסטען זיינען געוואָרען צו פיעל אונאָפּהענגיג פון קייזער. די ערצאָגטימער און אַלע פעאָדאַל־לענדעריען זיינען געוואָרען ערבליך. די האָהענשטויפישע ירושה אין דייטשלאנד איז געוואָרען צושפּליטערט. מיר האָבען געזעהען פריהער, ווי ווילהעלם פון האָלאנד האָט אָפּגענומען פון קאָנראד דעם 4טען די ערצאָגטימער שוואבען און פראנקען. קאָנראדין'ס אונגליק האָט געגעבען די האָהענשטויפען דעם לעצטען קלאפּ. די גרויסע ערבגיטער פון די האָהענשטויפען זיינען איבערגעגאַנגען צו זיין אָנקעל, דעם הערצאָג פון באיערן. אייניגע געביטען זיינען אריבערגעגאנגען צו ווירטעמבערג. אויך אַנדערע פערוואַנדטע פון די האָהענשטויפען האָבען ערהאלטען לענדערייען און געביטען פון די גרויסע לענדער־ערבשאפטען, וואָס האָבען געהערט צו דיזער בעריהמטער פאמיליע. אזוי איז דער גלאנץ פון דיזער פאמיליע פערלאָשען געוואָרען.

פיר א צייט פון 18 מאָנאטען איז דער דייטשער טראָן געוועזן אָהן א קעניג. ענדליך האָט ר ו ד אָ ל ף, דער גראף פון האבסבורג, בעשטיגען דעם טראָן. וועגען זיין רעגירונג וועלען מיר דערצעהלען ווייטער.

ה. די לעצטע קרייץ־צוגען.

הגם די פּאפּסטען האָבען אָנגעווענדט אַלע כוחות פיר א נייעם קרייץ־צוג נאָך פּאלעסטינא און די מאָנאכען האָבען ניט אויפגעהערט צו פּרעדיגען וועגען דעם, דאָך איז דאָס פאָלק געבליבען קאלט צו דיזער אונטערנעהמונג. דאָס העכסטע, וואָס דאָס פאָלק האָט דאמאָלס געטאָן איז געוועזן, דאָס מען האָט געזאמעלט געלט צו שטיצען די פּילגרימער (עולי רגל) נאָך פּאלעסטינא. נאָר אייניגע פראנצויזישע און ענגלישע ריטער און פירסטען האָבען געוואגט צו אונטערנעהמען די ווייטע געפעהרליכע רייזע. אָבער דאָס האָבען זיי געטאָן ניט ווייל זייער רעליגיעזעס געפיהל האָט זיי אויפגעמונטערט דערצו, נאָר ווייל די לענדער, וואָס זיי האָבען בעזעסען, זיינען געוועזן צו וועניג פיר זיי, און מיט דער רייזע נאָך פּאלעסטינא האָבען זיי געהאָפט דאָרט צו קריגען גרעסערע לענדער און מעהר הערשאפט. אונטער דיזע האָט זיך געפונען דער בעריהמטער ט ה י ב אָ פון ש א מ פּ א נ י', און ס י מ אָ ן פון מ אָ נ ט פ אָ ר ט. אָבער דיזע אליין וואָלטען ניט געוואגט צו אונטערנעהמען אזא געפעהרליכען צוג, ווען לודוויג דער 9טער, דער פראנצויזישער קעניג, וועלכער איז בעקאנט אונטער דעם נאָמען לודוויג דער פרומער, וואָלט ניט געוועזן בעריהרט פון דעם אונטערגאנג פון דעם קעניגרייך ירושלים. די כ אָ־

אהיים, הגם עס איז איהם געווען א גרויסע שאנדע פאר זיין פאָלק צו קומען אָהן א שום ערפאָלג.

לודוויג האָט געטאָן א נדר אָפּצונעהמען דעם הייליגען קבר פיר די קריסטען. זיין געוויסען האָט איהם שטארק געפלאָגט, איבערהויפּט ווען ער



לודוויג דער הייליגער לאנדעט אין עגיפּטען.

איז עלטער געוואָרען, דאָס ער קען ניט מקיים זיין דיזען נדר. אויסער דעם האָט ער געוואָלט אָפּוואשען די שאנדע פון זיין דורכפאל אין זיין ערסטען קרייץ־צוג, און אום צוריקצושטעלען זיין עהרע האָט ער אָנגעהויבען טראַכטען וועגען א נייעם קרייץ־צוג. הגם ער איז שוין דאמאָלס געווען אַלט און שוואַך,

טען צו שטרייטען געגען דעם יאָך, וואָס די גייסטליכע האָבען אַרויפגעלעגט אויף די וועלטליכע. דער פעראיין האָט זיך אויך פערפליכטעט צו אונטערשטיצען די יעניגע, וועלכע זיינען מיט אונרעכט פון דער קירכע אויסגעשלאָסען געוואָרען.

לודוויג האָט אָבער אַלע שווערינקייטען בעזייטיגט און איז ענדליך אַרויס אין וועג אין יאָהר 1248. אין אייראָפאַ האָט מען שוין לאַנג פערשטאַנען, דאָס ווען אַפילו די קריסטען וועלען פּאַלעסטינאַ גענצליך בעזיגען, וועט מען זי נאָך אַלץ ניט קענען אָנהאַלטען, כל זמן די קריסטען וועלען ניט בעהערשען דערצו אויך עגיפּטען. דעריבער האָט מען דיזען צוג פריהער פון אַלץ געריכטעט אויף עגיפּטען. דיזע אַרמעע, ווי מען האָט בעהויפּטעט, איז בעשטאַנען פון 95,000 רייטער און 130,000 פוס־סאָלדאַטען. עס פערשטעהט זיך, דאָס דיזע צאָהל איז פיעל איבערטריבען. דער אָנפאַנג פון דער שלאַכט איז געווען גליקליך פיר לודוויג׳ן. ער האָט בעזיגט דעם סולטאַן נ ע י ע ם ע ד ד י ן און האָט פערכאַפּט די וויכטיגע שטאָדט דאַמיעטטע. אָבער אַלס ער האָט אָנגעפאַנגען טיפער אַריינדרינגען אין לאַנד, האָבען די סאָלדאַטען אָנגעפאַנגען צו פאַלען ווי פליגען פון אַ שרעקליכער מגפה, וואָס טרעפט זעהר אָפט אין עגיפּטען, דערצו האָבען זיי אָנגעהויבען פיהלען אַ שטאַרקען מאַנגעל אין לעבענסמיטלען, און צוליב דיזער אורזאַך איז לודוויג געווען געצוואונגען צום שנעלסטען זיך צוריקציהען. די צאָהל פון די קרייץ־פאָהרער האָט אָנגעהויבען צו ווערען וועניגער פון טאָג צו טאָג.

דער סולטאַן האָט פאָרגעשלאָגען לודוויג׳ן, דאָס ער וועט איהם געבען פּאַלעסטינאַ, ווען ער וועט איהם צוריקגעבען די בעריהמטע פעסטונג דאַמיעטטע, וועלכע ער, לודוויג, האָט אַיינגענומען. לודוויג האָט ניט פערשטאַנען, וואָס פיר אַ גוטער בייט עס איז פיר איהם, און האָט דעם סולטאַן ענטזאַגט. לודוויג איז אָנגעגריפען געוואָרען פון דעם סולטאַן ביי קאַירא און האָט געליטען אַ שרעקליכע נידערלאַגע. נאָכדעם האָט ער געליטען נאָר אַן ערגערע נידערלאַגע; כמעט דאָס גאַנצע מיליטער איז פערניכטעט געוואָרען, פיעלע זיינען געפאַנגען געוואָרען. צווישען די געפאַנגענע איז געווען לודוויג זעלבסט מיט זיינע ברידער. ער איז געווען געצוואונגען צו שליסען אַ טראַקטאַט, לויט וועלכען ער האָט געמוזט צוריק אָפּגעבען די פעסטונג דאַמיעטטע און אויסער דעם צאָהלען דעם סולטאַן 400,000 גאָלד־טהאַלער. נאָך דיזען טראַקטאַט איז ער געגאַנגען נאָך אַקקאָן (עכו). דאָ איז ער פערבליבען גאַנצע פיער יאָהר און האָט אַלץ געזוכט פלענער, ווי צו בעזיגען דאָס לאַנד פּאַלעסטינאַ. ענדליך האָט ער בעשלאָסען צו פאָהרען צוריק

קירכע און קריסטענטום.

די רוימישע קירכע איז פיר די גערמאַנען געווען וויכטיג ניט אַזוי פיעל אַלס מיטעל צו בעפרידיגען זייערע רעליגיעזע בעדערפניסען, ווי דערמיט, וואָס זי האָט איבערגעגעבען צו די באַרבאַרישע גערמאַנען די פאַר-מעס פון דער רוימישער רעגירונג און דער רוימישער קולטור. דערצו איז נאָך נעטיג צו גערענקען, וואָס מיר האָבען שוין פיעלע מאָל דערמאָהנט, דאָס די קירכע האָט בעזעסען אין לאַנד דעם גרעסטען טייל פון גרונד־אייגענטום. די קירכע האָט ניט געוואַרט ביז דער קעניג אָדער אַן אַנדער גרויסער גוטס־בעזי-צער וועט איהר שענקען אַ שטיק לאַנד, זי האָט אַליין גענומען ווען זי האָט געקענט און ווי פיעל זי האָט געקענט. און געקענט האָט זי זעהר פיעל. די גייסטליכע זיינען דאַמאָלס געווען די איינציגע, וואָס האָבען געקענט לעזען און שרייבען. מיט דיזע זייערע קענטניסען האָבען זיי זיך בענוצט צו פעל-שען פיעלע פון די אַלטע דאָקומענטען, אום אָפּצונעהמען פון פיעלע פעאָדאַל־הערען זייער גרונד־אייגענטום און עס דער קירכע אָנאַייגנען. ווי ווייט דיזע אַרט רויבעריי האָט זיך פראַקטיצירט צווישען די גייסטליכע, בעווייזט דער פאַקט, דאָס אין פאַריגען יאָהרהונדערט האָט אַ קירכען־בעאַמטער אונ-טערזוכט די דאָקומענטען פון דער אַבטיי אין ברעטאַני׳ (צפון־פראַנקרייך), און ער האָט אויסגעפונען, דאָס פון 1,200 דאָקומענטען זיינען 800 געווים געוועזן געפעלשט, און וועגען די איבריגע 400 איז ער אויך ניט געווען זיכער, ווי ווייט זיי זיינען עכט.

דערפון איז לייכט צו שליסען, דאָס אין מיטעלאַלטער איז ניט נאָר דאָס גייסטיגע, נאָר אויך דאָס מאַטעריעלע לעבען פון דער מענשהייט געווען אין גאַנצען אָפּהענגיג פון דער קירכע און פון די גייסטליכע. מיר וועלען אָבער זיין ווייט פון אמת, ווען מיר וועלען בעהויפּטען, דאָס דיזער צושטאַנד איז די הויפּט־אורזאַך פון דעם פינסטערען פאַנאַטיזם, אין וועלכען דאָס מי-טעלאַלטער איז געווען פערזונקען. די געשיכטע וויים פון פיעלע פאַקטען,

איז ער דאָך אין יאָהר 1270 אוועק מיט זיינע סאָלדאַטען נאָך פּאַלעסטינאַ. מערקווירדיג איז, דאָס דיזעס מאָל האָט ער געמאַכט זיין מאַרשרוט איבער טוניס. מען זאָגט, דאָס דערצו האָט איהם צוגערעדט קאַרל פון אַנזשו. ער האָט גערעכענט מיט דער הילף פון די קרייץ־פאָהרער צו בעהערשען דעם צפון־טייל פון אַפריקאַ. אויך האָט ער געמאָהנט פון דעם הערשער פון טוניס דעם טריבוט, וואָס ער האָט זיך פערפליכטעט צו צאָהלען צו קאַרל'ען און האָט זיך ענדליך ענטזאָגט צו צאָהלען. אַנדערע אָבער בעהויפּטען, דאָס לודוויג איז געגאַנגען נאָך טוניס אום צו בעוועגען דעם הערשער פון דיזען לאַנד, וועלכער איז זעהר געניינט געוועזען צו די קריסטען, אָנצונעהמען דאָס קריסטענטום און צוזאַמען מיט לודוויג'ן אונטערנעהמען דעם קרייץ־צוג.

וואָס די אורזאַך פון לודוויג'ס רייזע נאָך טוניס זאָל ניט זיין, דער רעזולטאַט איז געוועזען זעהר טרויעריג. דער בעי (הערשער) פון טוניס האָט די קרייץ־פאָהרער ניט אַריינגעלאָזען אין לאַנד, און עס זיינען צווישען זיי פאָרגעקומען בלוטיגע שטרייטען. די קרייץ־פאָהרער האָבען פיעל געליטען פון דעם קלימאַט, צו וועלכען זיי זיינען ניט געוועהנט געוועזען, און האָבען אָנגעפאַנגען צו שטאַרבען פון עפּידעמיעס. אויך איינער פון לודוויג'ס זיהן איז געשטאָרבען. לודוויג זעלבסט איז קראַנק געוואָרען פון דער פּעסט און איז געשטאָרבען דעם 25טען אויגוסט 1270. די פיהרער פון די קרייץ־פאָהרער האָבען געשלאָסען פרידען מיט די סאַראַצענער און האָבען זיך צוריקגעקעהרט אהיים. דערמיט האָט זיך געענדיגט דער לעצטער קרייץ־צוג. די בעוועגונג, וועלכע האָט אַמאָל אַרומגענומען די גאַנצע קריסטליכע וועלט, איז אין גאַנצען אָפּגעשטאָרבען, אַזוי דאָס קיינער האָט מעהר ניט געוואָלט קיין אַנטייל נעהמען דערין. די שטעדט אין פּאַלעסטינאַ, וועלכע זיינען געוועזען אין די הענט פון די קריסטען, זיינען איבערגאַנגען איינע נאָך די אַנדערע צו די מאַמעלוקען *), ביז ענדליך אויך עכו איז אַריבער צו זיי (1291). זיבען מיליאָן קריסטען זיינען אומגעקומען ביי דיזער אונטערנעהמונג, וועלכע האָט צו גאָרניט געפיהרט. די קירכע נאָר האָט פון די קרייץ־צוגען פּראָפּיטירט. מען קען ניט לייקענען, דאָס די קרייץ־צוגען האָבען אויך געבראַכט אייראָפּאַ איניגע נוצען. אָבער וועגען דעם וועלען מיר רעדען מעהר אויף אַן אַנדער שטעלע פון אונזער געשיכטע.

---

*) אַזוי הייסען שקלאַפען געבאָרען פון קריסטליכע עלטערן און ערצויגענע אין מאַהמעדאַנישען גלויבען.

הענט פון שטן, זאָל זיך אין גאַנצען ענטזאַגען פון אַלץ, וואָס איז דאָ אין דער וועלט.

דיזער אַבערגלויבען האָט געגעבען די גייסטליכע די מעגליכקייט צו בעהערשען די זעעלען פון פאָלק. מיר האָבען שוין פריהער געזעהען אין אונזער געשיכטע, איבערהויפּט אין דער ערצעהלונג פון די קרייץ־צוגען, ווי די פּאַפּסטען און די גייסטליכע האָבען אויסגענוצט דעם אַבערגלויבען פון פאָלק צו זייערע צוועקען. קייזאָרים און קעניגען האָבען געציטערט פאַר דעם חרם, וואָס דער פּאַפּסט האָט געקענט אויף זיי אַרויפלעגען. די קרוינען פון די קעניגען האָבען זיך גערעכענט אַלס אייגענטום פון די פּאַפּסטען, וועל־כע זיינען געווען די שטעלפערטרעטער פון גאָט אויף דער זינדיגער ערד, און די פעלקער האָבען אַלע בלינד געפאָלגט אַלץ, וואָס די פּאַפּסטען האָבען בע־פוילען.

עס איז קיין וואונדער ניט, דאָס ביי אַזאַ צושטאַנד איז די מאָראַל פון די גייסטליכע געזונקען זעהר טיף. ערגער ווי איבעראַל איז די מאָראַלישע גע־זונקענהייט געווען אין רוים. דער קאַרדינאַל ב א ר אָ נ י ו ס , וועלכער איז געווען אַ שטאַרקער פערטיידיגער פון פּאַפּסטענטום, שילדערט די רע־ליגיעזע צושטענדען אין דער פעריאָדע פון 10טען ביז אין מיטען פון 11טען יאָהרהונדערט מיט פאָלגענדע ווערטער: „אין טעמפּעל און הייליגטום איז געווען שרעקליכע פערוויסטונג. אויף דעם טראָן פון דעם הייליגען פּעטרוס זיינען געזעסען ניט מענשען, נאָר שרעקליכע ברואים אין מענשליכער גע־שטאַלט. פרעכע, אויסגעלאַסענע פרויען האָבען רעגירט אין רוים און האָבען אַרויפגעזעצט אויף דעם פּאַפּסטליכען טראָן זייערע ממזרים אַלס פּאַפּסטען״. די הייליגע געבעט־הייזער האָבען די פּאַפּסטען פערוואַנ־דעלט אין טאַנץ־זאַלען, אין וועלכע עס זיינען פערפיהרט געוואָרען אַלערליי הולטייסטוועס און אויסגעלאַסענהייטען. די וואוינונגען פון די פּאַפּסטען זיי־נען געוואָרען זאַלאָנען פיר אַלערליי פערגניגענס און הוליאַנקעס. איינגלאַך האָט מען אָפט אַרויפגעזעצט אויף׳ן פּאַפּסטליכען טראָן. דער פּאַפּסט יאָהאַן דער 12טער איז אַלט געווען 18 יאָהר אַלס ער איז ערוועהלט געוואָרען צום פּאַפּסטליכען טראָן. וועגען איהם זאָגט דער אויבען־דערמאָהנטער באַראָניוס, דאָס ער איז געווען אַ שענדליכע בריאה. זיינע גרוילטאַטען האָבען קיין גליי־כען ניט אין דער געשיכטע פון דער קירכע. ער האָט געלעבט מיט זיין מוטער און זיינע צוויי שוועסטער ווי מאַן און ווייב. קיין אָרענטליכע פרוי, מעג עס זיין אַ מיידעל אָדער אַ פערהייראַטע, האָט זיך ניט ערלויבט צו ווייזען

וועלכע בעווייזען, דאָס דער פאַנאַטיזם האָט מעהר געהערשט צווישען די וועלטליכע אַלס אין דער קירכע, דאָס די וועלטליכע האָבען פיעלע מאָל גע-צוואונגען די קירכע צו פאַנאַטישע טאַטען, וואָס די קירכע איז געוועזן געגען זיי. מיר מוזען אָננעהמען, דאָס דער פאַנאַטיזם איז געוועזן אַ גייסטיגע ער-שיינונג פון יענער צייט. דאָס פאָלק איז געוועזן זעהר אונוויסענד, עס האָט ניט געהאַט קיין בעגריף פון וועלכע עס איז נאַטור־געזעצען, דעריבער האָ-בען זיי געזוכט ערקלערונגען איבער נאַטור־ערשיינונגען אין דער לעהרע פון קריסטענטום. די פאָרמעס פון רעליגיאָנס־דינסט אין מיטעלאַלטער מיט די מיסטישע צערעמאָניעס האָבען אויך פיעל געווירקט צו פערשלייערן די וואהרהייט און צו געבען פאַלשע ערקלערונגען פיר פיעלע ערשיינונגען אין דער וועלט און אין לעבען.

צו בעטראַכטען די לעהרע פון קריסטענטום פילאָזאָפיש אָדער לאָגיש איז געוועזן פערבאָטען. דער מאָנאַך בערטהאָלד וואָרנט עס אין זיינע פרעדיג-טען ניט צו טאָן. „ווען מען קוקט זיך איין אין דעם גלאַנץ פון דער זון מוז מען בלינד ווערען, אזוי אויך מוז מען אראָפּ פון וואהרען וועג, ווען מען טראַכט צו פיעל אין די סודות פון קריסטענטום", האָט ער געזאָגט. דער רעזולטאַט פון דיזען פערבאָט איז געוועזן: וואונדער־גלויבען און אַסקעטיזם (ד. ה. די בעקעמפונג פון די תאוות פון גוף אום צו ערהייבען די נשמה). די פאַנטאַזיע האָט בעשאַפען אַ גאַנצע רייהע פון הייליגע, וועלכע זיינען געוועזן אין שטאַנד צו טאָן וואונדער. זי האָט אויך בעשאַפען, אום צו ער-קלערען אייניגע וועלט־ערשיינונגען, אַ גאַנצע רייהע פון שדים און מלאכי חבלה, וואָס טוען פיעלע צרות דער וועלט און דעם מענשען, און שטרייטען אפילו געגען דער גאָטהייט זעלבסט, די הייליגע אָבער העלפען גאָט אין זיין קאַמף מיט דעם טייוועל. די עצה, וואָס אַ קלוגער גייסטליכער האָט אָפט געגעבען צו אַ בעל־עברה, וועלכער האָט געוואָלט תשובה טאָן אויף זיינע זינד, דאָס ער זאָל זעהען אָפּשוואַכען זיינע תאוות אמאָל דורך אַ תענית און אמאָל דורך ניט דערשלאָפען א. ד. גל., האָט פערברייטעט אין פאָלק די פאַלשע אידעע פון אַסקעטיזם, און עס איז געוואָרען אַ מצוה צו פייניגען דעם קערפּער, אפילו ווען מען האָט גאָר ניט געזינדיגט. מען האָט עס גע-רעכענט פיר אַ גאָט־געפעליגע טאַט. מען איז געגאַנגען דערין אזוי ווייט, דאָס מען האָט אָנגעהויבען צו בעטראַכטען די גאַנצע וועלט אַלס מעשה שטן, דאָס זי איז נאָר בעשאַפען געוואָרען פון שטן אום דעם מענשען צו פערפיהרען, און ווער עס וויל ניט נכשל ווערען, ניט אריינפאַלען אין די

עס פּיעל ערגער געמאַכט, און האָט זיך שטארק נוקם געווען. דער פּריסטער איז דורך דיזעס געזעץ פּיעל ערגער געוואָרען פון א געוועהנליכען מענשען. עס איז נאָך געווען צו דערליידען, ווען די גייסטליכע האָבען זיך פּערשאַפּט מעטרעסעס (קעבסווייבער). די בישאָפּען האָבען דערפון געמאַכט א גע-שעפט: זיי האָבען ארויפגעלעגט א טאַקסע אויף יעדע מעטרעסע, וואָס א גייסטליכער האָט זיך גענומען. דיזע טאַקסע פלעגט זיי אריינברייננגען יעדעס יאָהר גרויסע איינקונפטען. פּיעלע געמיינדעס אין דער שווייץ און אין פריעזלאַנד האָבען געפאָדערט פון די בישאָפּען די ערלויבנים פיר זייערע גייסטליכע צו פּערשאַפּען זיך קעבסווייבער, אום זיי זאָלען צורוה לאָזען זייערע

פּאַפּסטליכער און בישאָפליכער פּוץ.

ווייבער און טעכטער. דער בישאָף היינריך פון ליטטיך, וועלכער האָט גע-האַט 63 קינדער פון פערשיידענע קעבסווייבער און נאָנעס (מאָנאַשקעס), איז נאָך ניט געווען דער ערגסטער בישאָף. איבערנאַטירליכע אונצוכט (משכב בהמה) איז געווען א געוועהנליכע זאַך צווישען די גייסטליכע אין רוים ווי אויך אין אַלע מאָנאַסטירען. מען האָט געפונען פיר נעטיג ארויסצוגעבען א פערבאָט, דאָס מען זאָל ניט האַלטען קיין נקבות פון חיות אין די מאָנאַסטירען פון מאָנאַכען, און קיין זכרים פון טיערען אין די מאָנאַסטירען פון מאָנאַשקעס. אן ערץ-בישאָף פון בענעווענט האָט געשריבען א בוך איבער סאָדאָמיע (משכב זכור) און האָט זיך דאָרט די מיה גענעבען צו פערטיידיגען דיזע עברה. דיזעס

אויף'ן גאַס, ווייל זיי האָבען מורא געהאַט, זיי זאָלען ניט אַריינפאַלען אין די נעצען, וואָס דיזער אויסגעלאַסענער שאַרלאַטאַן האָט איבעראַל פערשפּרייט אין רוים אַריינצוכאַפּען אין זיי אָרענטליכע פרויען און צו שענדען זיי. ער האָט איין מאָל זאָגאַר געמאַכט אַ פּראָצעסיאָן מיט זיינע האַלב-נאַקעטע הורען איבער גאַנץ רוים. זיינע 2,000 פערד האָט ער געפיטערט מיט מאַנדלען, פייגען, ראָזינקעס געווייקט אין ווינען, און פיר די פיעלע אָרימע האָט ער ניט געגעבען די קלענסטע נדבה.

דער בעוואוסטער שריפטשטעלער פון דער קאַטוילישער קירכע געררבערט בעעהרט דעם פּאַפּסט באָניפאַץ דעם 7טען, איינעם פון די נאָכפאָלגער פון דעם אויבען-דערמאָהנטען יאָהאַן דעם 12טען, מיט דעם טיטעל: „דער אָבשייליכסטער פון אַלע גאָטלאָזע שרעקליכע ברואים". אַן אַנדער היסטאָ-ריקער גיט דעם זעלבען טיטעל דעם פּאַפּסט בענעדיקט דעם 9טען. דיזער איז צו צעהן יאָהר ערוועהלט געוואָרען אַלס שטעלפערטרעטער פון גאָט אויף דער גאַנצער וועלט. ווען דיזער תכשיט איז אַלט געווען 14 יאָהר, האָט ער שוין איבערגעטראָפען אַלע זיינע פאָרגעגנער אין אויסגעלאַסענקייט און פערדאָרבענהייט. דיזער כאַראַקטער פון פּאַפּסטענטום האָט זיך ניט גע-ענדערט אויך אין פערלויף פון דעם פאָלגענדען יאָהרהונדערט. אַלס דער פּאַפּסט א י נ נ אָ צ ע נ ץ ד ע ר 6 ט ע ר (1243—1254) האָט געוואָלט בעזוכען ענגלאַנד און האָט געבעטען גאַסטפריינדשאַפט, האָט איהם דער פּאַרלאַמענט ענטזאָגט זיין ביטע, ווייל ענגלאַנד האָט נאָך ניט פערגעסען די אַלע צרות, וואָס די פריהערדיגע פּאַפּסטען האָבען איהר פערשאַפט דורך זייערע לעגאַטען, און ענגלאַנד האָט זיך נאָך ניט אויסגעלופטערט פון דעם אָבשייליכען געשטאַנק, וואָס דעם פּאַפּסט'ס הויף האָט דאָרט געלאָזען.

עס פערשטעהט זיך, דאָס די גייסטליכע אין אַלגעמיין זיינען דאַמאָלס ניט געוועזען בעסער פון די פּאַפּסטען. דאָס פאָלק האָט צו זיי פערלאָרען די גאַנצע אַכטונג. עס איז געווען אַ זעהר געוועהנליכע ערשיינונג צו בערויבען אַ גייסטליכען, מאַכען איהם פיר אַ קאַליקע און אפילו צו ערמאָרדען. דיזע אַלע האַנדלונגען געגען די גייסטליכע זיינען אין מעהרסטע פעלען געבליבען אונבעשטראָפט. פיעל האָט געהאָלפען צו פערגרעסערן די פערדאָרבענהייט צווישען די גייסטליכע דאָס געזעץ, וואָס דער פּאַפּסט גרעגאָריוס דער 7טער האָט אַרויסגעגעבען, דאָס אַ גייסטליכער טאָר ניט הייראַטען. דער גייסט-ליכער דאַרף ווירקליך זיך אויסצייכנען מיט זיין מאָראַל און מיט זיינע שטרענגע זיטען. אָבער דאָס פערבאָט צו האַנדלען געגען דער נאַטור האָט

האָט דארום געפאָדערט אַ חלק פון דער הכנסה. עס האָט זיך אויך באַלד בעוויזען פיר'ן פּאַפּסט אַ געלעגענהייט צו קריגען זיין פערלאַנג. דער מאַר-טירער-טויט פון דעם הייליגען איז אויסגעקומען אין ווינטער צייט, ווען עס איז ניט גוט פיר פּילגרימער צו רייזען, און דאָס האָט, פערשטעהט זיך, גע-שאַדט צו דער הכנסה. די גייסטליכע האָבען זיך געווענדט צום פּאַפּסט ער זאָל איבערמאַכען דעם יאָהרצייט פון דעם מאַרטירער אויף זומער. דער פּאַפּסט האָט דערצו איינגעוויליגט מיט דער בעדינגונג, דאָס מען זאָל איהם געבען אַ העלפט פון דער ריינער הכנסה.

דאָס זעלבע איז געווען מיט די געשעפטען פון די בילדער און רעליקוויעס (דאָס הייסט הייליגע זאַכען פון אַלטערטום). די הכנסה פון די רעליקוויעס האָט אפילו געהערט צו די גייסטליכע, אָבער דאָ האָט דער פּאַפּסט אויך גע-קריגען דעם גרעסטען טייל, ווייל אַנערקענען די עכטהייט און די וויכטיגקייט פון יעדער רעליקוויע איז געווען נאָר דאָס רעכט פון פּאַפּסט. מיר ווייסען ניט וואָס מעהר צו בעוואונדערן: דעם ערפינדערישען שווינדעל-גייסט און בע-טרוג פון די גייסטליכע, אָדער די אונערהערטע דומהייט פון פאָלק, וועלכעס האָט ניט פערשטאַנען, ווי די גייסטליכע בעשווינדלען עס, רעכנענדיג אויף זיין אונוויסענהייט. מיר וועלען נאָר ברייננען אייניגע ביישפּילען פון רע-ליקוויעס, וועלכע זיינען געווען פערהייליגט אין יענע צייטען, אום צו אור-טיילען איבער די אונפערשעמטהייט פון די גייסטליכע אין זייערע ערפינדונ-גען, ווי צו בעשווינדלען דאָס אָרימע פאָלק, און איבער די טיפע דומהייט, אין וועלכער דאָס פאָלק איז דאַמאָלס געווען געזונקען.

צווישען די הייליגע רעליקוויעס, וועלכע די גייסטליכע האָבען געהאַל-טען אין די קירכעס, האָט מען פערעהרט: דעם שילד פון מלאך מיכאל, אַ שטיק פון נח'ס תבה, דער שטעקען, מיט וועלכען משה האָט געשפּאָלטען דעם ים סוף, אַ ביסעל מן פון דעם מדבר, אַ פלאַש פון דעם חשך מצרים (!), אייניגע דערנער פון דעם סנה, וואָס משה האָט געזעהען אין דעם מדבר ברענענדיג, די שער, מיט וועלכער דלילה שמשון הגבור'ס געליבטע האָט איהם אָפּגעשאָרען זיינע לאַנגע האָאָר און האָט דערמיט ביי איהם זיין גבורה צוגענומען, דעם קאַמער-טאָן פון דוד המלך'ס האַרף, די הויזען און די געצייג פון דעם הייליגען יאָזעף (יוסף פּאַנדרי), ווי אויך אייניגע זיפּצען, וואָס דער זעלבער יאָזעף האָט געטאָן בשעת ער האָט שווער געאַרבייט (די-זע זיפצען האָבען זיי געוויזען פערבעהאַלטען אין אַ האַנדשוה פון דעם היי-ליגען ניקאָדעמוס), אַ פעדער פון דעם פליגעל פון דעם מלאך גבריאל, אַ שטיק פון דער הייליגער מאַריאַ'ס העמד, וועלכעס זי האָט געטראָגען אין

ווערק האָט ער געווידמעט דעם פּאַפּסט, און דיזער האָט עס פריינדליך אויפ-גענומען. אַ בעוויז גענוג, דאָס ער איז געווען איינפערשטאַנען מיט דער מיינונג פון דעם פּערפאַסער.

עס איז זעלבסטפערשטענדליך, דאָס ביי אַזאַ אונמאָראַלישען צושטאַנד פון די גייסטליכע האָבען זיי אויך געברויכט אַלע מיטלען צו בעשווינדלען דאָס פּאָלק און צו פערברייטען מעהר פאַנאַטיזם. דאָס אָנערקענען אַ לאַנג-פּער-שטאָרבענעם פיר אַ הייליגען איז פריהער געווען די זאַך פון פאָלק. דער פּאַפּסט אַלכּסנדר דער 3טער האָט דיזעס רעכט ביים פּאָלק אָפּגענומען און האָט עס געמאַכט פיר דאָס רעכט אויסשליסליך פון דעם פּאַפּסט. פון די-זען רעכט האָט ער געמאַכט פיעל געלט. צו פערגרעסערן זייערע איינקונפטען האָבען די גייסטליכע אַלע מאָל צוגעגעבען נייע הייליגע, אום דאָס פּאָלק זאָל פּילגערן (וואַנדערן) צו זייערע קברים, פון וואָס מען האָט געמאַכט גרויסע סומעס געלט. דאָס פּאָלק האָט ליב אַלע מאָל ניים. דער אַלטער הייליגער האָט זיך שוין צוגעגעסען, זיין וואונדער-קראַפט איז מיט דער צייט אָפּגעשוואַכט געוואָרען, און דארום האָט מען געמוזט צוטראַכטען אַלע מאָל אַ נייעם הייליגען און פערשפּרייטען ידיעות וועגען זיין וואונדער-קראַפט צווישען פּאָלק. אַזוי צ. ב. האָבען זיך געפונען אין דער קאַטהעדראַלע פון קאַנטערבורי אין ענגלאַנד דריי קאַפּעלעס: איינע פון קריסטוס זעלבסט, איינע פון דער הייליגער יונגפרוי (מאַריאַ) און איינע, וועלכע איז געווען געוויי-העט דעם הייליגען ט ה אָ מ אַ ס ב ע ק ק ע ט. דיזער לעצטער איז אָנער-קענט געוואָרען אַלס הייליגער ערסט אין יאָהר 1172, און זיינע ביינער האָט מען אַריבערגעפיהרט אין קאַנטערבורי אין יאָהר 1221. אין דעם ערסטען יאָהר פון אַריבערפיהרען זיינע ביינער אין די קירכע פון קאַנטערבורי איז די איינ-קונפט געווען פון די פּילגרימער אין דער קירכע פון יעזוס—3 פונט (סטער-לינג), 2 שילינג און 2 פּענס, אין דעם נעכסטען יאָהר האָט דיזע קירכע ניט גע-האַט קיין איינקונפט; די איינקונפט פון דער קירכע פון מאַריאַ איז געווען אין ערסטען יאָהר 63 פונט, 5 שילינג און 6 פּענס, אין דעם פאָלגענדען יאָהר נאָר 4 פונט, 1 שיללינג און 8 פּענס. אָבער די קירכע פון דעם פרישען הייליגען טהאָמאַס האָט אין דעם ערסטען יאָהר אַריינגעבראַכט 832 פונט, 12 שיללינג און 3 פּענס, אין דעם פאָלגענדען יאָהר 954 פונט, 6 שיללינג און 3 פּענס. דיזע ציפערן ווייזען קלאָר, ווי גרויס די אָנציהונגס-קראַפט פון אַ נייעם היי-ליגען איז געווען אין יענע צייטען. דער פּאַפּסט האָט גוט פערשטאַנען, וואָס פיר אַ געשעפט ער האָט געגעבען אין די הענט פון די ענגלישע גייסטליכע דערמיט, וואָס ער האָט אָנערקענט טהאָמאַס בעקקעט פיר אַ הייליגען, און

וסליחה, וועלכע האָט געהאַט אַ גרויסען צוזאַמענהאַנג מיט דער לעהרע וועגען רייניגען די נשמות אין פייער פון גיהנום. די פּאַפּסטען האָבען בעהויפּטעט, דאָס קריסטוס קען בעגנאַדיגען יעדען זינדיגען מענשען, סיי אַ לעבעדיגען, סיי אַ פערשטאָרבענעם, און בעפרייען איהם פון יעדער שטראָף, ווען נאָר דער פּאַפּסט זאָל פיר איהם בעטען. דיזע ערפינדונג איז געווען אַן אמת'ע גאָלד־גרוב פיר די פּאַפּסטען.

עס איז שווער גענוי צו בעשטימען, וואָס פיר אַ גרויסע סומעס דיזע ערפינדונג האָט אריינגעבראַכט די פּאַפּסטען. עס איז זיכער, דאָס דייטש־לאַנד אַליין האָט אריינגעבראַכט אין פערלויף פון פיעלע יאָהרהונדערטער מעהר פון אַ דריטעל פון דעם באַארען געלט פון לאַנד אין די פּאַפּסטליכע



אומגאַרטלונג פון אַ טעמפּעל־ריטער אין 13טען יאָהרהונדערט.

קאַסע. די הכנסה פון דעם מחילה־געשעפט איז געוואָרען פיעל גרעסער נאָך דעם, ווי די גייסטליכע האָבען איינגעפיהרט דאָס יובל־יאָהר. באָניפאַץ דער 7טער, וועלכער האָט אין קיין זאַך ניט געגלויבט, האָט בעשטימט דאָס יאָהר 1300 פיר דאָס ערסטע גרויסע מחילה־יאָהר. יעדער, וואָס וועט אין פערלויף פון דיזען יאָהר 15 טעג כסדר בעטען אין די קירכעס פון הייליגען פּעטרוס אָדער פון הייליגען פּאַולוס, בעקומט אַ מחילה וסליחה אויף אַלע זיינע זינד. דער ערפאָלג פון דיזען איינפאַל איז געווען איבעראַשענד. באַלד אין אָנפאַנג זיינען געקומען אין רוים 200,000 מענשען אום 15 טעג כסדר צו בעטען און געבען נדבות. ביי דעם אַפּאָסטעל־קבר אַליין האָבען

דער צייט, וואָס זי האָט געבאָרען יעזוס׳ן, קריסטוס׳עס ווינדעלאַך, פיעלע ביינער פון אונשולדיגע קינדער פון בית לחם, מילך פון דער הייליגער מאריא׳ס בריסט, מיט וועלכע זי האָט געזויגען יעזוס׳ן, ווי אויך איהרע האָאר, די שטאַנג, אויף וועלכער דער האָהן איז געזעסען און האָט געקרעהט, בשעת דער הייליגער פעטרוס האָט זיך ענטזאָגט פון יעזוס׳ן, איינינע פעדערן פון דיזען האָהן, איינינע אָטעם־צוגען פון יעזוס׳ן אין א שאַכטעל (!!), עטוואָס פון דעם קלאַנג פון דער גלאָק, וואָס האָט געקלונגען אין דער צייט, ווען יעזוס איז אריינגעפאָהרען אין ירושלים (!!!), א שטיקעל פון יעזוס׳עס נאָפּעל און אַנדערע אונגלויבליכע זאַכען. מען האָט געגלויבט, דאָס דיזע רעליקוויעס קענען אויפטאָן וואונדער און היילען פערשיידענע קראַנקהייטען.

ווען וועלכע עס איז רעליקוויע האָט צוגעצויגען צו זיך א גרויסע מאַסע פילגרימען, האָבען די גייסטליכע פערשטאַנען עס אויסצונוצען און האָבען דערפון געהאַט עטליכע עקזעמפּלאַרען. פון יאָהאַן דעם טויפער האָבען זיך געפונען ניט ווייניגער ווי 6 קעפּ און די פּאַפּסטען האָבען בעשטעטיגט די עכט־הייט פון יעדען קאָפּ. פון דעם קרייץ, אויף וועלכען מען האָט יעזוס׳ן געהאַנ־גען, האָבען זיך געפונען אַזוי פיעלע שטיקער, דאָס מען האָט געקענט פון דעם האָלץ פיעלע הייזער אויסבויען, און אויסער דעם האָט א פאַריזער קירכע גע־האַט דעם גאַנצען קרייץ. די פרעכהייט פון די גייסטליכע האָט געבראַכט אַזוי ווייט, דאָס זיי פלעגען אמאָל נעהמען די ביינער פון א קאַלב און פער־זיכערן, דאָס זיי זיינען די ביינער פון א געוויסען הייליגען!

אָבער די אַלע גרויסע אונגעהייערע סומעס, וואָס די פּאַפּסטען מיט די גייסטליכע האָבען אריינגענומען פון דעם שווינדעל מיט די רעליקוויעס, זיי־נען געוועזען ווי א טראָפּען אין ים געגען די אונגעהייערע סומעס, וואָס זיי האָ־בען אריינגענומען פאַר זייערע זינד־פערגעבונג. אין די ערסטע צייטען פון קריסטענטום פלעגט די געמיינדע בעשטראָפען פיר גרויסע עברות געגען קריסטוס׳עס לעהרע מיט אויסשליסען פיר א צייט פון רעליגיאָנס־דינסט אָדער מיט אַרויפלעגען א געוויסע תשובה. עס האָט ניט לאַנג גענומען און דיזעס רעכט צו בעשטראָפען האָבען די בישאָפען זיך אָנגעאייגענט און האָ־בען בעזייטיגט די געמיינדעס פון יעדען אָנטייל אין דיזער זאַך. א ביסעל שפּעטער האָבען זיי דיזע שטראָף פערוואַנדעלט אין א געלט־שטראָף. שוין אין 7טען יאָהרהונדערט האָט דער ערץ־בישאָף טהעאָדאָר פון קאַנטערבורי צוזאַמענגעשטעלט א פּרייז־ליסט פון געלט־שטראָפען פיר פערשיידענע זינד.
דאַן האָבען די פּאַפּסטען אָנגעפאַנגען צו ענטוויקלען די לעהרע פון מחילה

די ענטשטעהונג פון מאָנאַכען־אינסטיטוט איז איינגענטליך צו זוכען אין בודהיזם. אין קריסטענטום האָט עס צום ערסטען איינגעפיהרט אין 3טען יאָהרהונדערט דער הייליגער אַנטאָניוס, וועלכער האָט געגרינדעט איניגע מאָנאַסטירען, אין וועלכע ער האָט איינגעפיהרט זעהר שטרענגע פיהרונ־גען. דער הייליגער מארטין פון טור האָט געגרינדעט דעם ערסטען מאָ־נאַסטיר אין גאַלליען אין ליגאזשע, ניט ווייט פון פּואַטיער. די מאָנאַס־טירען פון סט. וויקטאָר אין מארסייל און פון לערינס האָבען געקראָגען אַזאַ גרויסען שם, דאָס די קירכען פלעגען זוכען צו ערוועהלען פיר זיך גייסטליכע פון דיזע מאָנאַסטירען. אין 6טען יאָהרהונדערט האָט דער היי־ליגער בענעדיקט פון נורסיא (480—543) פערפאַסט די בעריהמטע רעגעל פון די בענעדיקטינער. דיזע רעגעל הייבט זיך אָן מיט א נדר און א שבועה צו לעבען אין אָרימקייט און בעשיידענהייט (צניעות) און צו זיין געהאָרזאַם צו די בעאַמטע. דער בענעדיקטינער־אָרדען האָט זיך שנעל פערשפּרייט אין גאַנצען מערב און זיינע רעגלען זיינען אָנגענומען געוואָרען אַלס די הויפּט־פּרינציפּען פון אַלע מאָנאַכען־אָרדענס. די בענעדיק־טינער־מאָנאַסטירען האָבען מיט דער צייט בעקומען גרויסע רייכטימער און לענדערייען, וואָס די קעניגען האָבען זיי געשאָנקען, אויך פיעלע בישאָפען האָבען זיך זעהר פריינדליך בעגאַנגען מיט דיזע מאָנאַסטירען, ווייל זיי האָ־בען אַרויסגעגעבען דער וועלט זעהר בעריהמטע רעדנער, וועלכע האָבען פיעל געווירקט צו פערשטאַרקען דעם קריסטליכען גלויבען און די מאַכט פון דער קירכע. דער שוץ, וועלכען די בישאָפען האָבען געצייגט צו די מאָנאַסטירען, האָט געווירקט צום שלעכטען פיר די מאָנאַכען, ווייל זיי האָבען דורך דעם פערלאָרען זייער אונאָפּהענגיגקייט. אָבער שפּעטער האָבען די פּאַפּסטען זיי געהאָלפען צו בעקומען צוריק זייער זעלבשטענדיגקייט, ווייל זיי, די פּאַפּסטען, האָבען בענוצט די מאָנאַכען אין זייער קאַמף מיט דער קירכליכער אַריסטאָ־קראַטיע. די מאָנאַכען זיינען געוועזען פיר די פּאַפּסטען א מין דעמאָקראַטישע אַרמעע.

עס האָט ניט לאַנג גענומען און גאַנץ מערב־איירָאָפּאַ איז געוואָרען פול מיט פערשיידענע אָרדענס און מאָנאַסטירען, וועלכע האָבען געהאַט אַן אונ־געהייערען איינפלוס אויף די פּאָליטיק און דאָס לעבען פון די פעלקער. ווי ווייט עס איז גרויס געוועזען זייער איינפלוס קען מען אורטיילען דערפון, דאָס פון דעם בענעדיקטינער אָרדען אַליין זיינען געוועזן 28 פּאַפּסטען, 200 קאַר־דינאַלען, 1,600 ערץ־בישאָפען, 4,000 בישאָפען, 16,000 אַבטען און אַן אונ־געהייערע צאָהל הייליגע.

בלויז די קופערנע מטבעות — די נדבות פון די אָרימסטע — בעטראָפען מעהר ווי 200,000 גאָלד־גולדען. די זילבערנע און גאָלדענע מטבעות, וואָס די פּילגרימער האָבען געספּענדעט, האָבען די פּריסטער געמוזט איבערטראָגען אין די קאַסע פון פּאַפּסט אין שעפּלען. די פּריסטער האָבען ביי דיזער אַרבייט זיך זעהר אָפט געמוזט בייטען, ווייל זייערע הענט זיינען אויף אַ צייט אַזוי ווי פּאַראַליזירט געוואָרען, זיי האָבען מיט זיי גאָרניט געקענט טאָן פון צופיעל אָנשטרענגונג. ווען די פּאַפּסטען האָבען דערזעהען, ווי גרויס עס איז די איינ-קונפט פון דעם יובל־יאָהר פון מחילה, האָבען זיי געזוכט צו מאַכען דעם יום טוב מעהר ווי איין מאָל אין אַ יאָהרהונדערט. דאָס דומע פאָלק האָט ניט פער-שטאַנען, דאָס די פּאַפּסטען האָבען דאָ געהאַט אין זינען נאָר דאָס געלט, און מען איז געגאַנגען אין רוים און געטראָגען די אָרימע מטבעות, ווען נאָר די פּאַפּסטען האָבען בעשטימט אַ מחילה וסליחה יאָהר, עס האָט ניט אויסגע-מאַכט, אויב אין אָנהויב, אין מיטען, אָדער צום סוף פון יאָהרהונדערט.

אָבער, ווי ערקלערט מען די זעלטענע ערשיינונג, דאָס גאַנצע פעלקער זאָלען זיך לאָזען הונדערטער יאָהרען בעשווינדלען און פערפיהרען? דאָס ערקלערט זיך דורך די גרויסע מענגע פאַנאַטישע אָנהענגער, וועלכע זיינען די פּאַפּסטען איבעראַל געשטאַנען צו הילף. אונגעהייער פיעלע פינסטערלינגען, וועלכע זיינען געווען פערשפּרייט אין אַלע לענדער, האָבען געהאַלטען די מאַסען אין מורא און דומהייט. אין פערלויף פון יאָהרהונדערטער האָבען זיך געבילדעט מיט דער הילף פון די פּאַפּסטען אין פערשיידענע לענדער מאָ-נאַכען־אָרדענס, וועלכע זיינען געווען בעריט אויף יעדען ווינק פון זייערע בעאַמטע צו טאָן אַלץ, וואָס מעגליך איז, אום צו מאַכען די מאַסען אָפּהענגיג פון פּאַפּסט. די פּאַפּסטען וויעדער האָבען אויך געטאָן וואָס זיי האָבען געקענט צו געווינען די טרייהייט פון די מאָנאַכען מיט זייערע אָרדענס, וועלכע האָ-בען געוואוסט ווי זיך צו מאַכען נויטווענדיג פיר דאָס פאָלק אַלס זיינע נשמה־זאָרגער. די פּאַפּסטען האָבען געפונען פיר נעטיג די אַבטען (די אוי-בערע בעאַמטע פון מאָנאַסטירען) צו שטעלען אויף אַ גלייכע שטופע מיט די בישאָפען, אום זייער איינפלוס זאָל זיין גרויס און זיי זאָלען קענען דורך זיי דורכפיהרען פיעלע זאַכען, וואָס זיינען וויכטיג פיר זייערע אינטערעסען. מיט איין וואָרט — די מאָנאַכען זיינען געווען די הויפּט־אורזאַכען פון דער פינסטערנים פון די פעלקער פון יענער צייט. זיי זיינען געווען די הויפּט־שטיצע פון די פּאַפּסטען צו האַלטען די מאַסען אונטערוואָרפען אונטער זייער־אייזערנער מאַכט, פאַר וועלכער קעניגען און קיסרים האָבען געציטערט.

שטאַנען צו מזרח פון דעם אָרט, וואו שלמה'ס טעמפעל איז אַמאָל געשטאַנען, און דערפון נעהמט זיך עס דער נאָמען „טעמפעל־ריטער".

אָנפאַנגס איז דער אָרדען געוועזן זעהר אָרים: צוויי ריטער האָבען קוים איין פערד געהאַט, אָבער באַלד האָבען קעניגען און פירסטען זיי געשאָנקען גיטער און לענדערייען און זיי זיינען רייך געוואָרען, און דאַן זיינען זיי געוואָרען אַ גרויסע שטיצע פיר די קריסטען אין פאַלעסטינאַ. זיי האָבען אָבער אָנגעהויבען צו פיהרען אַן אויסגעלאַסענעם לעבען און האָבען בעשמוצט דערמיט דעם כבוד, וועלכען זיי האָבען זיך פריהער פערשאַפט. ווען די קריסטען האָבען צוריק פערלאָרען פאַלעסטינאַ, האָט זיך דער אָרדען פון טעמפעל־ריטער בעזעצט אין פראַנקרייך און דאָרט האָט ער געהאַט אַ מיאוס'ען סוף.

דיזער אָרדען האָט מיט זיין רייכטום און הולטייסקער אויפפיהרונג ער־וועקט די לוסט און הערשזוכט פון דעם פראַנצויזישען קעניג פ י ל י פ דעם שענעם. מען האָט אָנגעהויבען צו הערען וועגען זיי, דאָס זיי זיינען שרעק־ליכע בעלי עברות און האָבען אין זיך ניט קיין פונק פון רעליגיאָן. דיזעס איז געוועזן גענוג פיר פיליפ'ן אַלס אַ גרונד צו פערפאָלגען זיי. אַלע מיטגלידער פון אָרדען זיינען פלוצלינג אַרעטירט געוואָרען און זייערע גיטער זיינען קאָנפיסקירט געוואָרען. זעקס יאָהר האָט געדויערט דער פראָצעס געגען די־זען אָרדען. אין דיזען פראָצעס האָט מען געברויכט שרעקליכע פייניגונגג ביז די בעשולדיגטע האָבען זיך מודה געוועזן אין זייערע מעשים. דיזעס גע־שטענדענים איז בענוצט געוואָרען אַלס בעוויז פיר זייער שולד און האָט געדינט אַלס גרונד דעם אָרדען אויפצולעזען. אָבער פיער און פופציג מיטגלי־דער פון אָרדען האָבען באַלד אָפּגעלייקענט דאָס געשטענדענים, וועלכעס איז אויסגעפּרעסט געוואָרען דורך שרעקליכע פייניגונגען. דאָס האָט זיי אָבער ניט געהאָלפען און מען האָט זיי פערברענט. דער פּאַפּסט ק ל ע מ ע נ ס ד ע ר 5 ט ע ר, וועלכער איז געוועזן אַ ווערקצייג אין די הענט פון פראַנצויזישען קעניג און האָט געטאָן וואָס יענער האָט פון איהם געפאָדערט, האָט דעם אָרדען אויפגעלעזט און האָט זייערע גיטער קאָנפיסקירט פיר די קירכע. פי־ליפ האָט איינגעשטימט צום פּאַפּסט'ס בעשלוס, האָט אָבער פערהאַלטען פיר זיך די גיטער פון אָרדען, וועלכע ער האָט פריהער קאָנפיסקירט, און האָט אויך צוגענומען פון זיי פיר זיך זייערע אַלע בעוועגליכע גיטער (מטלטלין), און אויסער דעם האָט ער אויסגעפיהרט, דאָס די קירכע זאָל איהם געבען אין פערלויף פון זעקס יאָהר אַ צעהנטעל פון די איינקונפטען פון די גיטער פון אָרדען צו געברויכען אויף אַ נייעם קרייץ־צוג. די איינקונפטען האָט ער

מערקווירדיגער אַלס די איבריגע אָרדענס זיינען געוועזן דער פראַנציסקאַ-
נער־אָרדען, געגרינדעט פון דעם הייליגען פ ר א נ צ י ס ק ו ס פון א ס-
ס י ז י , און דער דאָמיניקאנער־אָרדען, געגרינדעט פון ד אָ מ י נ י ק ו ס
ג ו צ מ א ן . דער לעצטער האָט געגעבען זיינע אָנהענגער אַ שטרענגע רע-
געל צו לעבען אין אָרימקייט. אָבער אין דיזען פּרט האָבען די פראַנציסקאַ-
נער זיי איבערגעשטיגען. די מאָנאַכען פון דיזען אָרדען האָבען ניט געטאָרט
האָבען קיין געלט און קיין שום אַנדער אייגענטום, זיי האָבען ניט געטאָרט
האָבען קיין צוויי רעק, קיין צוויי פּאָאָר שיך, זיי האָבען בעדאַרפט ווייזען
אַ שטרענגע הכנעה צו יעדען, דורך דעם צו געווינען איינפלוס אויף מענשען.
די הכנעה איז ניט געווען קיין עכטע, ווייל באמת זיינען זיי געווען שרעק-
ליך שטאָלץ ביי זיך מיט זייער עניוות. ווילהעלם פון סט. אמור זאָגט אין
זיין בוך, וועלכעס דער פּאַפּסט א ל כ ס נ ד ר דער 4 ט ע ר האָט
פעראורטיילט צו פערברענען, וועגען די מאָנאַכען פון דיזען אָרדען פאָלגענדע
ווערטער: „זייער הכנעה איז אַ פאַלשע, אַ געמאַכטע, אין גרונד ווילען זיי
זיצען איבעראַל אויבען־אָן, ביים טיש, ווי אין דער שולע, און זיינען זעהר
צופרידען ווען מען גיט זיי אָפּ כבוד און מען רופט זיי מייסטער (לעהרער,
רבי)".

אין דער צייט פון די קרייץ־צוגען האָט זיך געגרינדעט אַן אָרדען פון
גייסטליכע ריטטער אונטער דעם נאָמען י אָ ה א נ י ט ע ר, נאָך דעם נאָ-
מען פון זייער שוץ־פּאַטראָן, דעם הייליגען יאָהאַן. די מיטגלידער פון דיזען
אָרדען האָבען זיך אויך גערופען ה אָ ס פּ י ט א ל ־ ב ר י ד ע ר, ווייל ער
האָט זיך אָנגעפאַנגען פון אַ קלויסטער מיט אַ האָספּיטאַל, וואָס קויפלייט פון
אמאַלפי האָבען געגרינדעט אין ירושלים נאָהענט פון דעם הייליגען (יעזוס'עם)
קבר. אין אָנפאַנג האָבען די יאָהאַניטער מיט ערפאָלג געקעמפּט געגען די
סאַראַצענער, אָבער שפּעטער, ווען די קריסטען האָבען צוריק פערלאָרען פּאַ-
לעסטינא, האָבען זיי זיך בעפעסטיגט אויף דער אינזעל צ י פּ ע ר ן. און אין
יאָהר 1309 האָבען זיי אויך בעזיגט די אינזעל ר ה אָ ד ו ס.

אַן אַנדער אָרדען אונטער דעם נאָמען ד י ט ע מ פּ ע ל ־ ר י ט ע ר
איז געגרינדעט געוואָרען פון ה ו ג אָ פון פּ אַ י ע נ ס און י אָ ט ט-
פ ר י ע ד פון ס ט. א ל ד ע מ א ר מיט איינעגע פריינד אין יאָהר 1118.
דיזער אָרדען האָט זיך געגרינדעט, ווען באַלדואין דער 2טער איז געווען
שטאַרק בעדריקט פון די טערקען און ער האָט געפאָדערט באַלדיגע הילף. ער
האָט די ריטער פון אָרדען איינגעלאַדען אין זיין פּאַלאַץ, וועלכער איז גע-

זיי זיינען געווען א שרעק פיר די וועלטליכע מאכט, ווייל דאָס פאַנאַטישע פאָלק איז געווען מיט לייב און זעעלע איבערגעגעבען צו זיי. דער פאַנאַ־טיזם האָט אין זיי דערשטיקט יעדעס מענשליכע געפיהל. דיזער אָרדען און די דאָמיניקאַנער זיינען די שעפער פון דער בעריהמטער אינקוויזיציאָן.



די פערברענונג פון יאַקאָב פון מאָלאַי.

אויסער דעם מאָנאַכען־סיסטעם האָבען די פּאַפּסטען געהאַט נאָך א וואפע, מיט וועלכער זיי האָבען אונטערוואַרפען אונטער זייער מאַכט פעל־קער און זייערע קעניגען. דיזע וואפע איז געווען: דער באַן (חרם) און דער אינטערדיקט (פערבאָט). דורך דעם באַן האָט דער פערפאָלגטער פערלאָרען

ריכטיג ערהאַלטען, אָבער קיין קרייץ-צוג האָט ער קיינמאָל ניט אונטער-גענומען.

אַלס דער פּאַפּסט האָט אויפגעלעזט דעם אָרדען, האָט ער דאָס רעכט צו משפּט'ן די אויבערהערערען פון אָרדען בעהאַלטען פיר זיך און די אַנדערע האָט ער איבערגעגעבען צו די סינאָדען פון די פּראָווינצען. דער גרויסמייס-טער פון אָרדען יאַקאָב פון מאָלאַי און דריי אַנדערע בעאַמטע האָבען זיך געפונען 6 יאָהר אין געפענגניס פון קעניג. ענדליך האָט דער פּאַפּסט געשיקט אַ קאָמיסיאָן זיי צו משפּט'ן. די ארעסטירטע האָבען אָפּ-געלייקענט אַלץ, וואָס זיי האָבען פריהער מודה געווען, אונטער טאָרטור און פּייניגונג; זיי האָבען בעהויפּטעט, דאָס ניט זיי, ניט דער גאַנצער אָרדען האָט געטאָן די מעשים, אין וועלכע זיי ווערען בעשולדיגט. די קאָמיסיאָן האָט זיך ניט געקענט ענטשליסען וואָס צו טאָן, און האָט אָפּגעלייגט די פערהאַנדלונג אויף דעם אַנדערען טאָג. דער קעניג האָט אָבער ניט געוואָלט וואַרטען מעהר. ווי עס איז נאַכט געוואָרען האָט ער די געפאַנגענע געלאָזט ברייגגען אויף אַן אינזעל פון דעם טייך סען, און האָט זיי דאָרט פערברענט, ניט וואַרטענדיג אויף אַן אורטייל פון וועלכען עס איז ריכטער. די אונגליק-ליכע אָפּפער האָבען בעוויזען גרויסען מוט ביים פערברענען, וואָס האָט גע-בראַכט אין פערוואונדערונג אַלע, וועלכע זיינען דאָרט געווען. דיזע מער-דעריי איז געשעהען דעם 11טען מערץ 1314. עס זיינען געווען נאָך פיעלע אַנדערע אָרדענס, אָבער זיי זיינען ניט געווען אַזוי וויכטיג, דעריבער וועלען מיר זיי ניט דערמאָהנען.

פון אַלע דיזע אָרדענס זיינען פיר דעם פּאַפּסט געווען די וויכטיגסטע די בעטעל-אָרדענס. די מיטגלידער פון דיזע אָרדענס זיינען געווען פון דער נידריגסטער און אונגעבילדעטסטער פון דער געזעלשאַפט, און האָבען זיך אויסגעצייכענט מיט דעם פינסטערסטען פאַנאַטיזם. קיין אַנדערע מאָנאַכען זיינען ניט געקומען אין אַזאַ נאָהענטער בעריהרונג מיט דער נידריגער קלאַס, ווי דיזע, און דעריבער האָבען זיי געהאַט מעהר איינפלוס אויף דאָס פאָלק, ווי אַלע אַנדערע אָרדענס. די מאָנאַכען פון דיזען אָרדען זיינען געווען ביים פאָלק פיעל בעליבטער און מעהר געעהרט פון אַלע גייסטליכע. זייער גאַנצער רייכטום איז בעשטאַנען פון אַ גראָבען קיטעל און אַ בעטעל-זאַק (טאָרבע), מעהר האָבען זיי ניט בעדאַרפט. ווייל זייערע בעדערפניסען זיינען געווען זעהר קליין, האָבען זיי צו קיינעם ניט בעדאַרפט אָנקומען. זיי זיינען געווען אונ-אָפּהענגיג אין פולען זין פון וואָרט און האָבען געקענט פריי אַרבייטען געגען יעדער מאַכט, וואָס איז געווען געגען דער קירכע אָדער געגען דעם פּאַפּסט.

אונגלויביגע. אַפילו אין יענע פינסטערע צייטען פון אַבערגלויבען און פאַנאַטיזם האָבען זיך אָפט געפונען פרייע דענקער, וועלכע האָבען פערשטאַנען די וויכטיגקייט פון געוויסענס=פרייהייט פיר די מענשהייט. אין סיריען האָט זיך דאַמאָלס געגרינדעט אַ סעקטע, וואָס האָט אָנגעפאַנגען שטאַרק צו פּראָטעסטירען געגען דעם רייכטום און דער מאַכט פון די גייסטליכע, וועלכע דיזע מיסברויכט אויף אַ זעהר שענדליכען אופן. דיזע סעקטע האָט זיך שטאַרק פערשפּרייט אין פערשיידענע לענדער, ניט אַכטענדיג אויף די פערפאָלגונגען פון דעם פּאַפּסט און די קעניגען. דער נאָמען פון דיזער סעקטע איז געווען: די פּ אַ ו ל י צ י אַ נ ע ר. דיזע סעקטע האָט זיך שנעל פערשפּרייט איבער מערב=אייראָפּאַ, אין איטאַליען און אין דרום=פראַנקרייך. זי האָט דאָרט געהאַט גרויס ערפאָלג, ווייל דאָס פאָלק איז געווען ערביטערט געגען די גייסטליכע און געגען דעם מיסברויך פון זייער מאַכט.

אין אָנפאַנג פון 11טען יאָהרהונדערט איז אויפגעשטאַנען נאָך אַ סעקטע, וועלכע איז בעוואוסט אונטער דעם נאָמען „די רייגע”, וועלכע האָט זיך ענטזאָגט פון דער וואַסער=טויפונג און פון בעטען צו די הייליגע. אין יאָהר 1020 האָט מען שוין אָנגעפאַנגען צו פערפאָלגען דיזע סעקטע אַלס געפעהרליכע פיר דעם גלויבען, אַלס קעצער (אַפּיקורסים). אַ געוויסער נאָרמאַנישער עדעלמאַן האָט שפּיאָנירט דיזע סעקטע, האָט זיך אַריינגעמאַכט אין זייער געמיינדע, און נאָך דעם, ווי ער איז דערגאַנגען זייער לעהרע אין זייערע סודות, האָט ער זיי פערראַטען און מען האָט זיי געשטעלט צום געריכט. דער בישאָף פון באָוועי האָט זיי געוואָלט צוריקברייגנען אויף'ן רעכטען וועג, ער האָט זיי געוואָלט מחזיר בתשובה זיין, אָבער זיי האָבען איהם ניט געוואָלט הערען, און דעריבער האָט זיי דער קעניג ראָבערט פעראורטיילט צום פערברענען. ווען מען האָט זיי געפיהרט צום שייטערהויפען איז זיי אויסגעקומען פאַרבייצוגעהן נעבען דער שענדליכער קעניגין קאָנסטאַנצע. זי האָט צווישען די אונגליקליכע אָפּפער דערקענט דעם גלח, פאַר וועלכען זי פלעגט זיך מתוודה זיין אויף איהרע זינד. זי איז איהם בעפאַלען מיט אַ שרעקליכען צאָרן און האָט איהם מיט אַ לאַנגער רוט אויסגעשטאָכען אַן אויג. די אַלע פעראורטיילטע זיינען פערברענט געוואָרען, אויסער איין גייסטליכער און איין נאָנע (מאָנאַשקע), וועלכע זיינען איבערגעגאַנגען צוריק צום קריסטענטום.

דיזע פערפאָלגונג אין אָרלעאַנס איז געווען אַן אָנפאַנג פון אַ גאַנצער רייהע פון בלוטיגע קאַמפּען פון קריסטען געגען קריסטען. 30 יאָהר נאָך דיזער היגריכטונג האָט מען איבער=אַ=נייס אָנגעהויבען צו פערפאָלגען די זעלבע סעקטע. אָבער דיזעס מאָל איז דער בישאָף וואַזאָ פון ליטטיך

אַלע זיינע רעכטען אין דער געזעלשאַפט, זיינע גיטער זיינען געוואָרען קאָנפיסקירט און ער אַליין איז געוואָרען אַ נע־ונד'ניק. מיר האָבען שוין פריהער געזעהען, ווי די קירכע האָט מיסגעברויכט דיזע וואַפען צוליב איהרע אינטערעסען. אָבער וואו דער באַן האָט ניט געקענט ווירקען, ווען מען האָט צום ביישפּיעל געהאַט נעטיג אַ גאַנצע געמיינדע אָדער אַ גאַנצעס פאָלק צו אונטערדריקען, דאַן האָט מען געברויכט דעם אינטערדיקט. מען האָט פערבאָטען די גייסטליכע צו פיהרען רעליגיעזע צערעמאָניעס. קיין טויפען ביי דער געבורט, קיין חתונה צערעמאָניעס, קיין קבורה־צערעמאָניעס. די קירכעס האָבען בעפוילען טרויער. מען האָט ארונטערגענ׳מען יעדע צירונג פון די ווענט און פון די אַלטאַרען, די גלעקער האָבען ניט געקלונגען, די פערשטאָרבענע האָט מען ניט געלאָזען בעגראָבען אויף'ן הייליגען אָרט (בית עולם), נאָר אויף ניט הייליגער ערד, אָהן תפלות, אָהן געזאַנג. דערמיט האָט מען דעם פאָלק געצייגט, אַז דאָס גאַנצע לאַנד איז אין טרויער, אַז דאָס גאַנצע לאַנד איז אין חרם, אין פלוך.

עס איז זיך לייכט פאָרצושטעלען, וואָס פיר אַן איינדרוק דיזע שטיק פון די גייסטליכע האָבען געמאַכט אויף דאָס פאַנאַטישע פאָלק. דאָס אונוויסענדע פאָלק איז געווען געוועהנט צו בעטראַכטען דעם רעליגיאָנס־דינסט אַלס דאָס וויכטיגסטע און ערהאַבענסטע אין מענשען'ס לעבען. דער רעזולטאַט פון אַן אינטערדיקט איז געווען ניט אַלע מאָל גלייך. זעהר אָפט האָט זיך דאָס פאָלק אונטערגעגעבען צו די פאָדערונגען פון די גייסטליכע. אָבער עס זיינען אויך געווען פעלען, ווען דאָס פאָלק איז ארויס פון געדולד און האָט זיך נוקם געווען אַן זייערע בעדריקער. די פּאַפּסטען האָבען מיט דער צייט אויסגעפונען, ווי מען קען מיט דעם חרם און אינטערדיקט מאַכען געשעפטען. פריעדריך דער 2טער האָט בעצאָהלט דעם פּאַפּסט גרעגאָריוס דעם 9טען 100,000 אונצען גאָלד דערפאַר, וואָס ער האָט איהם בעפרייט פון חרם. דער פּאַפּסט קלעמענס דער 1טער האָט בעקומען פיר דעם זעלבען מסחר פון דער וועגעציאַנישער רעפּובליק 100,000 דוקאַטען. אין אַ לאַנד, וואָס איז געווען אונטער אַן אינטערדיקט, האָבען די פּאַפּסטען געמאַכט אַ טאַקסע פיר טויפען אַ קינד 30 דוקאַטען און פיר אַ מעסע (תפלה) 25 דוקאַטען. עס פערשטעהט זיך, דאָס דיזעס איז געווען מעגליך נאָר פיר די רייכ׳ע קלאַס, די אָרימע האָבען זיך געמוזט בעגעהן אָהן דעם טרויסט פון דער קירכע.

די דריטע וואַפע, מיט וועלכער די פּאַפּסטען האָבען געזוכט צו אונטערוואַרפען די פעלקער און קעניגען, איז געווען די פערפאָלגונג פון קעצער,

מיט די אַלביגענזער, ווייל דיזע האָבען געשיינט צו זיין אַ גרויסע געפאַהר פיר די רוימישע קירכע. ער האָט אָנגענומען די שטרענגסטע מיטלען, די שטרענגסטע שטראָפען געגען אַלע סאָרטען קעצעריי און געגען יעדען פרייען געדאַנק. ער האָט גוט פערשטאַנען, דאָס נאָר דער בלינדער גלויבען און די



די קעצער פון אָרלעאַנס אויף דעם וועג צום שייטערהויפען.

טיערישע דומהייט קען אויפהאַלטען די רוימישע קירכע מיט איהר טיראַ-נישער דעספּאָטיע.

די גייסטליכע פון דעם קאַטאָליציזם האָבען אָנגעפאַנגען צו פּרעדיגען צו זייערע צוהערער, זיי זאָלען ערקלערען קריג צו די קעצער און זאָלען זיך

אַרויס געגען די פערפאָלגער. ער האָט געשריבען אַזוי: „טוט ווי קריסטוס האָט געטאָן, און דולדעט די יעניגע, וואָס ערווייטערן זיך פון וואהרען גלויבען, מיר טאָרען ניט טראַכטען צו נעהמען ביים זינדער זיין לעבען דורך דאָס וועלטליכע שווערד. מיר האָבען קיין שווערד ניט ערהאַלטען, בשעת מען האָט אונז אָרדינירט (מסמיך געווען) אין דעם אמט פון בישאָף". זיינע ווערטער האָט קיינער ניט געוואָלט הערען. אָבער די שטרענגסטע שטראָפען האָבען ניט אָפּגעהאַלטען די, וואָס פערשטעהען און בעטראַכטען אַ זאַך מיט'ן געזונדען פערשטאַנד, פון צו שטרעבען נאָך געוויסען-פרייהייט און צו רעפאָרמירען די קירכע. אויף דער שטאַרקער דרוק, וואָס די גרונד-בעזיצער האָבען אויסגעאיבט אויף זייערע ערדאַרבייטער, האָט אַרויסגערופען גוואַלדיגע פּראָטעסטען פון זייער זייט און אַ שטאַרקער וואונש נאָך פרייהייט האָט זיך אָנגעפאַנגען מעהר און מעהר בולט אַרויסצואווייזען. דער בישאָף אַדאַלבעראָן פון לאַאָן האָט געשריבען: „עס איז גאָר קיין ענד ניטאָ צו די טרערען און די זיפצען פון די אונגליקליכע לייבאייגענע; ווער קען עס איבערצעהלען אַלע צרות, וואָס דיזע אייביג-ליידענדע האָבען אויסצושטעהן?" עס איז קיין וואונדער ניט, דאָס אין מיטען פון 12טען יאָהרהונדערט האָט דאָס גאַנצע פאָלקס-לעבען אין פראַנקרייך אָנגענומען אַ מעכטיגע רעליגיעזע בעוועגונג. אין גאַנץ דרום-פראַנקרייך האָט זיך פערשפּרייט די סעקטע וואַלדענזער. דער הייליגער בערנהאַרד מיט פיעלע פון די גרויסע גייסטליכע פון יענער צייט האָבען געמאַכט אַ גרויסע אָנשטרענגונג אויסצוראָטען די נייע לעהרעס דורך פּרעדיגטען אָדער דורך פערפאָלגונגען. אָבער זיי האָבען זעהר ווייניג ערפאָלג געהאַט אין זייער שטרעבען. אין פיעלע שטעדט פון דרום-פראַנקרייך איז די צאָהל פון די סעקטאַנטען געווען מעהר פון די קאַטאָליקען. די סעקטע וואַלדענזער האָט שפּעטער בעקומען דעם נאָמען אַלביגענזער, נאָך דער לאַנדשאַפט אַלביזשואַ. פיעלע גרונד-הערען, אונטער אַנדערע אויך גראַף ראַימונד פון טולוז, זיינען צוגעשטאַנען צו די סעקטאַנטען. דער רעליגיעזער דעספּאָטיזם אין דרום-פראַנקרייך איז דאָ געוואָרען אונטערטרעגליך. די קירכע האָט איהר גאַנצע אַכטונג פערלאָרען, און די אַלביגענזישע גייסטליכע זיינען פערעהרט געוואָרען פיר זייער מענשענליבע און שטרענגע זיטליכקייט.

דאַמאָלס איז אַרויף אויף דעם שטול פון סט. פּעטרוס, ד. ה. אויף'ן טראָן פון פּאַפּסט, אינאָצענץ דער 3טער. ער האָט בעשלאָסען צו מאַכען אַן ענדע צום קאַמף מיט די קעצער (אונגלויביגע), און איבערהויפּט

דיזע געשיכטע האָט ערמוטיגט די גייסטליכע צו שיקען די מחנה קרייץ-פאָהרער געגען דעם גראַף פון בעזיער. די באַנדעס מאַנאַכען האָבען זיך גע-פונען אונטער דער פיהרונג פון דעם אַבט אַ ר נ אָ ל ד - אַ מ אַ ו ר י. דער גראַף פון בעזיער איז געװען אַ הייסער פריינד פון גראַף ראַימונד פון טולוז, און דיזער האָט מיט אַ בלוטיגען הארצען געמוזט געהן שטרייטען צוזאַמען מיט די באַנדעס פאַנאַטישע מאָנאַכען געגען זיין בעסטען פריינד, דעם גראַף פון בעזיער. דיזער האָט גערופען אַלע זיינע גוטע פריינד און װאַסאַלען צו הילף. ער האָט בעפעסטיגט זיינע שטעדט און זיינע שלעסער, און האָט זיך פערשלאָסען מיט אַ גרויסער צאָהל קריגער אין זיין פעסטען שלאָס קאַרקאַססאָנע. די קרייץ-פאָהרער האָבען אװעקגעמאַרשירט נאָך בעזיער, װייל אַהין זיינען געקומען זיך צו רעטען אַ גרויסער טייל פון דער בעפעלקערונג פון יענער געגענד מיט זייערע װייבער און קינדער און מיט זייער האָב און גוט. אָנפאַנגס האָבען זיי שטאַרק מורא געהאַט פאַר דער גרויסער מאַסע קרייץ-פאָהרער. זיי האָבען זיך אָבער באַלד ערמוטיגט, װייל זיי איז פאָרגע-שטאַנען נאָר איינס פון די צװיי: זיג אָדער טויט. די בעלאַגערטע זיינען מיט גרויס מוט און ענטהוזיאַזם אַרויס געגען די בעלאַגערער, אָבער די גרוי-סע מאַסע קרייץ-פאָהרער איז געװען פיעל מעכטיגער פון זיי, און זיי זיינען געצװאונגען געװען זיך צוריקציהען אין שלאָס. די מאָנאַכען האָבען זיי פער-פאָלגט און זיינען מיט זיי צוזאַמען אין שלאָס אַריין. עס איז זיך לייכט פאָרצושטעלען װאָס דאָרט איז פאָרגעקומען. דעם 22טען יולי 1209 האָבען די קרייץ-פאָהרער ערמאָרדעט 60,000 מענשען, דערונטער אַלטע לייט, קינדער און פרויען. 7,000 האָבען זיך געװאָלט רעטען דורך דעם, װאָס זיי זיינען אַריינגעלאָפען אין די קירכע פון דער הייליגער מאַגדאַלענע, אָבער די משחיתים פון פאַפּסט האָבען אונטערגעצונדען די קירכע און זיי זיינען דאָרט אַלע ביז איינעם פערברענט געװאָרען. אַלס די פיהרער פון דער מאָ-נאַכען-באַנדע האָבען געפרעגט דעם לעגאַט פון פאַפּסט, װי אַזוי זאָלען זיי אונטערשיידען צװישען קאַטאָליקען און קעצער? האָט דער לעגאַט געענט-פערט: „איהר טויטעט אַלעמען, גאָט זעלבסט װעט אויף יענער װעלט אויס-געפינען די זייניגע, די סאַמע קאַטאָליקען, אין גן עדן!"

נאָך דער שחיטה האָט זיך אָנגעפאַנגען די פּלינדערונג, נאָך דער פּלינ-דערונג די צושטערונג דורך פייער. אַלץ איז פערניכטעט און פערברענט געװאָרען. קיין לעבעדיגע נשמה האָבען זיי ניט איבערגעלאָזען. פון בעזיער זיינען די קרייץ-פאָהרער אַװעק נאָך קאַרקאַססאָנע. דיזע שטאָדט איז געשטאַ-נען אויף אַ הויכען באַרג װי אַן אָדלער-נעסט, און איז געװען זעהר שטאַרק

נעהמען מיט אַלע קרעפטען אויסצואוואָרצלען יעדען פרייען געדאנק. די אַל־ביגענזער זיינען געװעזען אָהנמעכטיג אין דיזען שטרייט, ווייל לויט זייערע פּרינציפּען איז זיי געווען פערבאָטען יעדער מענשענמאָרד און יעדער קריג. די גייסטליכע פון די אַלביגענזער האָבען געטאָן אַלץ וואָס מעגליך איז ניט צו דערלאָזען זייערע אָנהענגער צו בעגעהן געוואַלדטאַטען זיך צו פערטיידיגען. באַלד ווי איננאָצענץ איז אַרויף אויף דעם טראָן איז זיין ערסטע זאַך געווען צו שיקען צוויי מאָנאַכען אַלס לעגאַטען צו די פירסטען און גרויסע גוטס־בעזיצער אין דעם זידליכען טייל פון לאַנד אָנזאָגען זיי, דאָס זיי זאָלען ניט וואגען צו געבען וועלכע עס איז שטיצע צו די קעצער, זאָנסט וועלען זיי אויסגעשלאָסען ווערען פון דער געמיינדע. די יעניגע, וואָס וועלען אויסגעשלאָסען ווערען פון די לעגאַטען, וועלען פון פּאַפּסט אריינגעלעגט ווערען אין חרם, זייערע גיטער וועלען קאָנפיסקירט ווערען און זיי וועלען פערטריבען ווערען פון לאַנד. די לעגאַטען האָבען אָבער גאָר ניט דורכגעפיהרט. דער פּאַפּסט האָט געשיקט צוויי אַנדערע לעגאַטען, און אויך דיזע האָבען גאָר ניט געקענט מאַכען.

עס זיינען אַוועקגעגאַנגען איינינע יאָהר און עס איז גאָרניט געטאָן געװאָרען אין דיזער זאַך. האָט זיך אָבער געמאַכט, דאָס מען האָט ערמאָרדעט אַ לעגאַט פון פּאַפּסט, און דאָס האָט דעם פּאַפּסט געדינט פיר אַן אורזאַך צו אָנפאַנגען אַ קרייץ־צוג געגען די קעצער (אַפּיקורסים), וועלכע האָבען פערפּעסטעט דאָס גאַנצע דרום־לאַנד. גרויסע באַנדעס פון פאַנאַטישע מאָנאַכען זיינען געגאַנגען מיט דעם קרייץ אין האַנט אויסצוראָטען די קעצער און צו פּלינדערן און פערוויסטען דאָס רייכע לאַנד אין דרום. עס איז זיי פיעל לייכטער געווען אונטערצונעהמען אַ קרייץ־צוג געגען די רייכע לענדער אין גאַראָננע איידער צו געהן נאָך דעם ווייטען אַזיען. אויך די אויסזיכטען אויף רויב זיינען דאָ געווען בעסערע. ווען דער גראַף ראַימונד פון טולוז האָט דערהערט, וואָס פיר אונגעהייערע מאַסען פאַנאַטישע מאָנאַכען זיינען אַרויס אין אַ קרייץ־צוג געגען איהם, האָט ער זיך דערשראָקען און האָט זיך אונטערגעגעבען צו דער קירכע. מען האָט איהם געבראַכט אַ נאַקעטען פאַר די טויערן פון דער קירכע פון סט. גיללעס. דאָ האָט ער געמוזט שווערען אין דער אָנוועזענהייט פון 20 ערץ־בישאָפען און בישאָפען צו געהאָרכען אַלע בעפעהלען פון דער קירכע. נאָך דעם האָט איהם אַ לעגאַט גוט אויסגעשמיסען און האָט איהם אַריינגעפיהרט אין קירכע. דאָ האָט ער זעלבסט געבעטען דעם קרייץ, ער זאָל אויך אַרויס געגען די קעצער. ער האָט געהאָפט, דאָס מיט דיזען אופן וועט ער זיינע לענדער ניט פערלירען.

דעם גראף פון טולוז. אום צו שטיצען סימאָן'ען האָבען די מאָנאכען וויע-דער אָנגעפאנגען צו פּרעדיגען אַ קרייץ-צוג געגען די קעצער, און דער בישאָף פון טולוז זעלבסט איז דורכגעפאָהרען פראנקרייך אום אויפצורייצען די בע-פעלקערונג געגען די אַלביגענזער. אין יאָהר 1210 האָט גראף סימאָן בע-קומען נייע טרופען אום איינצונעהמען די שלעסער און פעסטונגען, וועלכע האָבען זיך נאָך ניט אונטערגעגעבען אונטער זיין מאכט. דער שלאָס מי-נערוואַ איז איינגענומען געוואָרען און 140 אַלביגענזער זיינען פערברענט געוואָרען. אין אָנפאנג פון יאָהר 1211 איז סימאָן בעפאַלען די גראפשאפט טולוז און האָט פערברענט 400 קעצער. דער גרונד-הערר פון מאָנטרעאַל און 80 אַנדערע אַדעלליים זיינען געהאנגען געוואָרען, די דאמע (ערעל-פּרוי) פון לאוואָר האָבען די מאָנאכען אין אַ ברונען אריינגעוואָרפען.

אַלס די קרייץ-פאָהרער זיינען צוגעקומען צו טולוז, זיינען די קאַטוילישע גייסטליכע אַרויס פון שטאָדט צו זיי באַרפוס, אָבער פון די איינוואוינער איז קיינער ניט אַרויס זיי צו בעגעגנען. די איינוואוינער האָבען געוואוסט, דאָס די קרייץ-פאָהרער האָבען פיר זיי בעשטימט דאָס זעלבע שיקזאַל, וואָס פיר די איינוואוינער פון בעזיער. אַלע שטעדט האָבען פערטיידיגט זייער פאָ-טערלאַנד געגען די קרייץ-פאָהרער, אַפילו די קאַטאָליקען זיינען געווען געגען זיי. ווען די קרייץ-פאָהרער זיינען צוגעקומען צו טולוז, זיינען די איינוואוי-נער אַרויס אויף אַ שטרייט געגען זיי, אָבער זיינען גיך בעזיגט געוואָרען פון די דיסציפּלינירטע רייטער פון די קרייץ-צוגען. דאַמאַלס האָט זיך דער גראף פון טולוז געווענדעט פיר הילף צו זיין שוואָגער, דעם קעניג פ ע ט ע ר פון א ר א ג אָ נ י ע ן. דיזער האָט זיך געווענדעט צום פּאפּסט מיט אַ שטאַרקער ביטע, ער זאָל זיך אריינמישען און מאכען אַ סוף צו סימאָן'ס אונגערעכטיג-קייטען. דער פּאפּסט איז שוין געווען גענייגט צו ערפילען דעם וואונש פון פעטער'ן, אָבער דאָ האָבען אַלע פינסטערלינגען אויפגעהויבען אַ געשריי, דאָס עס מוז נעהמען אַן ענד מיט די קעצעריי, און דער פּאפּסט האָט געמוזט נאָכגעבען. דער פּאפּסט האָט ווידער אָנגעהויבען אַרויסגעבען שטרענגע בעפעהלען געגען די אונגלויביגע, און דעם קעניג פעטער האָט ער אָנגעזאָגט זיך אָפּצוזאָגען פון די טולוזאַנער.

פעטער האָט ניט געפאָלגט דעם פּאפּסט און צוזאמען מיט פיעלע אַלביגענזער איז ער אַרויס אויף אַ שטרייט מיט גראף סימאָן און די קרייץ-פאָהרער. אָבער אין דיזען קאַמף איז דער קעניג געפאַלען און פיעלע טוי-זענדער פון די אַלביגענזער זיינען געפאַלען פון שווערד אָדער זיינען דער-טרונקען געוואָרען אין די וואַסערן פון דער גאַראָננע (12. סעפּט. 1213).

בעפעסטיגט, אזוי דאָס די בעלאַגערער האָבען גאָר ניט געקענט מאַכען דאָרט. די בעלאַגערטע האָבען אפילו געליטען הונגער, אָבער זיי האָבען זיך ניט אונ-טערגעגעבען. דער גראַף ראַימונד־ראָגער האָט העלדיש בעשיצט די שטאָדט. דאַן האָט דער פיהרער פון די קרייץ־פאָהרער ארנאָלד־אמאורי געשיקט אַן עדעלמאַן צו גראַף ראַימונד־ראָגער צו פערזיכערן איהם, דאָס די קרייץ־פאָה-רער זיינען בערייט איהם צו געבען אַן עהרענהאַפטע קאַפּיטולאַציאָן (אונ-טערגעבונג). דער גראַף האָט זיך געלאָזען פערפיהרען פון זייערע הבטחות און איז אַראָפּ פון זיין שלאָס אין פיינדליכען לאַגער, אום צו פערהאַנדלען וועגען די בעדינגונגען פון דער קאַפּיטולאַציאָן, וויל די קרייץ־פאָהרער האָ-בען איהם אונטער אַ הייליגער שבועה פערזיכערט, דאָס זיי וועלען איהם אין יעדען פאַל ברייננגען צוריק אין זיין שלאָס גאַנץ, זיכער און אונבעשעדיגט. אָבער ווי ער איז אַראָפּ אין פיינדליכען לאַגער האָבען זיי איהם גענומען גע-פאַנגען ביז די שטאָדט זאָל זיך אונטערגעבען. דער פּאַפּסט איננאָצענץ דער 3טער האָט צו די קרייץ־פאָהרער געשריבען, דאָס זיי זיינען ניט פערפליכטעט צו האַלטען זייער וואָרט, וועלכעס זיי האָבען אפילו אונטער אַ שבועה גע-געבען, צו אַזעלכע לייט, וואָס האָבען זייער וואָרט צו גאָט געבראָכען. די שטאָדט האָט זיך געמוזט אונטערגעבען. די איינוואוינער האָט מען ערלויבט אַוועקגעהן אונבעריהרט, אָבער זיי האָבען פון זייערע זאַכען גאָר ניט געטאָרט מיטנעהמען. אלץ איז געבליבען פיר די בעזיגער. די אלע גיטער פון דעם גראַף פון בעזיער זיינען איבערגעגעבען געוואָרען צו ס י מ אָ ן פון מאָנט-פאָרט, וועלכער האָט זיך פערפליכטעט צו צאָהלען צום פּאַפּסט יעהרליך אַ געוויסען טריבוט.

די קרייץ־פאָהרער האָבען פערשפּראָכען צו טאָן זייער טייוועלשע אַר-בייט נאָר 40 טעג. ווען דיזע צייט איז אריבער, האָבען זיי זיך צוריקגע-קעהרט נאָך הויז און האָבען איבערגעלאָזען סימאָן'ען, וועלכער האָט בעהאַנ-דעלט די קעצער גרויזאַמער ווי די לעגאַטען פון פּאַפּסט האָבען זיי בעהאַנ-דעלט. דער גראַף פון טולוז און אַלע גרונד־העררען די בעלי תשובה האָבען אַרויסגעגעבען געגען די קעצער אַלע פעראָרדנונגען, וואָס די לעגאַטען האָבען געפאָדערט, אָבער זיי האָבען זיי ניט אויסגעפיהרט, און ווען די קרייץ-פאָהרער זיינען אַוועק יעדער צו זיין היים, האָבען זיך ווידער אָנגעפאַנגען אויפשטאַנדען. דערוויל איז דער גראַף ראַימונד פון טולוז געשטאָרבען אין געפענגניס, אין וועלכעס סימאָן האָט איהם אַריינגעוואָרפען. עס האָט זיך פערשפּרייט אַ קלאַנג איבער גאַנץ פראַנקרייך, דאָס סימאָן האָט ערמאָרדעט

דיזע פראָטעסטען ניט געשענקט קיין אויפמערקזאמקייט, און די ערבשאפט פון דעם גראף פון טולוז איז איבערגעגעבען געוואָרען צום גראף סימאָן פון מאָנטפאָרט.

אלס סימאָן האָט געקראָגען פון קעניג די בעשטעטיגונג פון דער ערב־שאפט און איז געקומען אין זיין געביט, האָט ער געפונען די גאנצע דרום־געגענד אין אויפשטאנד. ער איז ווידער געקומען צו טולוז און האָט אָנגע־הויבען צו פּלינדערן די שטאָדט. דאָס פאָלק אָבער האָט זיך גענומען צו די וואפען און האָט אָפּגעטריבען סימאָן'ס חיל. אלס ער האָט געזעהן, דאָס ער איז צו שוואך צו נעהמען די שטאָדט מיט געוואלט, האָט ער בעשלאָסען צו געברויכען בעטרוג און פעררעטעריי דורך דעם בישאָף פולקע. דער בישאָף האָט נעמליך פאָרגעשלאָגען די בירגער זיך אונטערצוגעבען און האָט זיי גאראנ־טירט מיט א שבועה אין נאָמען פון גאָט, פון פּאפּסט און פון די גייסטליכע, דאָס ער וועט זיי ניט טאָן קיין שלעכטעס און שוינען זייער לעבען, זייערע גי־טער און זייער פרייהייט. ווען אָבער זיי וועלען זיך מיט גוטען ניט אונטערגע־בען, וועט ער לאָזען ערמאָרדען אלע זייערע געפאנגענע. די טולוזאנער האָבען דיזען פאָרשלאג אָנגענומען, ווייל עס איז זיי אפילו אויף די געדאנקען ניט ארויף, דאָס דער בישאָף זאָל עובר זיין אויף אזא הייליגע שבועה. אָבער ווי זיי האָבען אוועקגעלעגט די וואפען, האָט סימאָן 2,000 בירגער אָנגענומען אין זייערע הייזער און האָט זיי געצוואונגען זיך צו ענטזאָגען פון דער גא־ראנטיע, וואָס דער בישאָף האָט זיי געגעבען. נאָך דעם, ווי זיי האָבען דאָס געטאָן, האָט מען זיי צושיקט אין פערשיידענע געפענגניסען, וואו פיעלע זיינען פון ליידען צושטאָרבען. מען האָט אפילו זיך ניט געגעבען די מיה די טויטע צו בעערדיגען, מען האָט זיי געלאָזען פוילען נעבען די לעבעדיגע. די איבריגע איינוואוינער זיינען געווען געצוואונגען צו צאָהלען א געוויסע סומע יעדער אלס אויסלעז־געלט. די מויער פון טולוז און אלע פעסטונגען און שלעסער פון דער אומגעגענד זיינען פערניכטעט געוואָרען.

די טולוזאנער האָבען אָבער באלד ווידער ראכע גענומען. זיי האָבען געמאכט א נייעם אויפשטאנד, האָבען געשלאָגען זייערע געגנער און סימאָן זעלבסט איז געטויט געוואָרען אין דיזער שלאכט. עס האָבען אָנגעהויבען אריינקומען נייע קרייץ־פאָהרער, אָבער די שטאָדט האָט געוואוסט ווי זיך צו בעשיצען געגען זיי. דאָס גאנצע דרום־לאנד איז ווידער געוואָרען פריי, אָבער נאָר אויף א קורצע צייט.

אין זומער פון יאָהר 1228 איז פאָרגעקומען דער לעצטער קרייץ־צוג געגען דרום־פראנקרייך, איבערהויפּט געגען טולוז. אָבער איידער זיי האָבען

די בעזיגטע האָבען זיך געמוזט בייגען. די גראַפען פון טולוז, פואַ און קאָממינזש האָבען זיך געמוזט מיט זייער גאַנצען האָב און גוט איבער־געבען צו אַ נייעם לעגאַט. נאָכדעם האָט דער פּאַפּסט איננאָצענץ דער 3טער בערופען נאָך רוים אַן אַלגעמיינעם קאָנציל, וועלכעם האָט זיך פערזאַמעלט דעם 11טען נאָוועמבער 1215. כמעט 500 ערץ־בישאָפען און בישאָפען, מעהר אַלס 800 אבטען, און זעהר פיעלע געזאַנדטע פון פערשיידענע פיר־סטען האָבען זיך דאַמאָלס פערזאַמעלט אין רוים. די פערזאַמלונג האָט אַרויסגעגעבען איהר רעזאָלוציאָן, דאָס עס איז דאָ נאָר איין איינציגע אַלגע־מיינע קירכע, איין קריסטענטום, און דעריבער איז די פליכט פון יעדען גלוי־ביגען און פרומען קריסט צו זעהן מיט אַלע קרעפטען אויסצוראָטען יעדען אונגלויביגען. און אום די קירכע זאָל אויף זיך ניט נעהמען די פעראַנט־וואָרטליכקייט פון מאָרדטאַטען, וואָס וועלען אויסגעפיהרט ווערען איבער די קעצער, האָט זי איבערגעגעבען צו דער וועלטליכער מאַכט, זי זאָל בעשטראָ־פען אין נאָמען פון געזעץ אַלע קעצער. עס איז דאַמאָלס פעסטגעשטעלט גע־וואָרען, דאָס די יעניגע פירסטען, קעניגען אָדער גרונד־הערען, וואָס וועלען ערלויבען אין זייער הערשאַפט קעצעריי, זאָלען אויסגעשלאָסען ווערען פון דער קירכע. יעדער בישאָף איז געווען פערפליכטעט אין זיין געביט צו בעשטימען דריי אָרענטליכע גוט בעוואוסטע מענער, וועלכע זאָלען האָבען אויף זיך די פליכט געבען צו וויסען וועגען אַלע קעצער, איך וועגען פערזאָ־נען, וואָס מאַכען געהיימע פערזאַמלונגען אָדער פיהרען אַן אונגעוועהנ־ליכעס לעבען. דאָס איז דער אורשפּרונג פון דער הייליגער אינקוויזיציאָן, אַן ערפינדונג, וועלכע וועט בלייבען אַן אייביגער שאַנדפלעק אויף דעם קריס־טענטום. דיזע ערפינדונג אַליין איז גענוג, דאָס גאַנצע מיטעלאַלטער אויף אייביג צו בראַנדמאַרקען מיט שאַנדע.

דער גראַף פון טולוז און פיעלע אַנדערע ריטער און גרונד־הערען זיי־נען געקומען אין רוים אום צו פאָדערן פון קאָנציל גערעכטיגקייט געגען זיי־ערע פערפאָלגער. איין ריטער פון דעם גראַף פון בעזיער האָט דעם פּאַפּסט געפאָדערט צום געריכט דערפאַר, וואָס ער דערלאָזט ניט, דאָס זיין זוהן זאָל זיין דער יורש פון זיינע גיטער, און דער אַרכידיאַקאָן פון ליאָן האָט אויסגעשריען, דאָס דער בישאָף פון טולוז האָט געבראַכט 5,000 מענשען צו זעהר אַ טרויעריגער לאַגע, זייערע זעלען יאָמערן און זייערע קערפּערס בלוטען. דיזעס האָט געמאַכט אַ שטאַרקען אויפרוהר אין דער פערזאַמלונג. פיעלע גייסטליכע האָבען שטאַרק פּראָטעסטירט געגען דער אונגערעכטיגקייט און אונמענשליכקייט אין דעם רעליגיעזען קאַמף. אָבער דאָס קאָנציל האָט

מען האָט די בעשולדיגטע ניט געגעבען קיין מיטלען זיך צו פערטיידיגען. מען האָט נאָר געזוכט דורך פייניגונג ארויסצוקריגען פון דעם בעשולדיגטען א געשטענדניס, אום מען זאָל איהם קענען הארט בעשטראָפען.

די שרעקליכסטע וואפע פון דער אינקוויזיציאָן איז געווען טאָרטור. דורך די טאָרטור האָבען די אינקוויזיטאָרען ארויסגעקריגען פון די פערדעכטיגטע קעצער אזעלכע געשטענדניסען, וועלכע זיי האָבען נאָר געוואָלט, געשטענדניסען אין חטאים און עברות, וועלכע זיינען אין דער ווירקליכקייט גאָר ניט בעגאַנגען געוואָרען. די יסורים, וואָס די אינקוויזיטאָרען פלעגען פערשאַפען די אָנגעקלאָגטע אין קעצעריי, זיינען געווען אזוי אונמענשליך, אזוי באַרבאַריש, דאָס די בעשולדיגטע האָבען זיך זעהר אָפט מודה געווען אין זאַכען, וואָס זיי האָבען קיינמאָל ניט געטאָן אום נאָר צו בעפרייען זיך פון די שרעקליכע שמערצען. צום גרעסטען טייל זיינען די געמאַטערטע ארויס פון די פייניגונגען געקריפעלטע (קאַליקעס), קראַנק אויף זייער גאַנצעס לעבען. די אינקוויזיציאָן האָט געטריבען די בעפעלקערונג פון דרום-פראַנקרייך צו פערצווייפלונג. די ערביטערונג געגען די דאָמיניקאַנער בלוט-הינט איז געוואקסען פון טאָג צו טאָג, ווייל זייער פרעכהייט איז געווען אונערהערט. ווען זיי האָבען ניט געהאט קיין לעבעדיגע צו ברענען, האָבען זיי אויסגעגראָבען טויטע קעצער פון זייערע קברים און האָבען זיי פערברענט אויף'ן שייטערהויפען. דאָס פאָלק איז ארויס פון געדולד און האָט זיך גענומען זיי ארויסיאָגען פון לאַנד און האָט פיעלע פון זיי ערמאָרדעט. אָבער די דאָמיניקאַנער האָבען זיך באַלד וויעדער בעמעכטיגט און האָבען איבער-א-נייעס אָנגעפאַנגען אין טולוז זייער טייוועלשע ארבייט. די רוימישע קירכע האָט איהר צוועק דערגרייכט. זי האָט אין בלוט פערטרונקען און אין פייער דערשטיקט יעדען פרייען געדאַנק אין רעליגיאָן.

דיזער בלוטיגער קאַמף פון די פינסטערלינגען האָט פערוויסטעט דאָס בליהענדע לאַנד פון דרום-פראַנקרייך, ער האָט רואינירט גאַנצע שטעדט, פערניכטעט א גרויסען טייל פון די בעוואוינער און האָט פערדרענגט א פרייע רעגירונג מיט א גלענצענדער קולטור. דער צושטאַנד אין דרום-פראַנקרייך איז געווען אזא שרעקליכער, ווי אייראָפא האָט עס נאָך קיינמאָל ניט געזעהען. די וואונדען, וואָס דיזער רעליגיעזער קריג האָט אָנגעמאַכט אין פראַנקרייך, דער קריג, וועלכער איז אין דער געשיכטע בעוואוסט אונטער דעם נאָמען דער אַלביגענזער-קריג, האָבען זיך לאַנג ניט געקענט פערהיילען. עס האָט געפאָדערט צייט פון פיעלע דורות ביז דער מאַטעריעלער צושטאַנד האָט זיך וויעדער

די שטאָדט זעלבסט אָנגעגריפען, האָבען די קרייץ־פאָהרער זיך גענומען צו פערניכטען אַלע שלעסער און לאַנדהייזער, וואָס האָבען זיך געפונען ארום טולוז. זיי האָבען אויך פערוויסטעט אַלע פעלדער, ווייגגערטנער, אזוי דאָס זיי האָבען דיזעס שענע לאַנד פערוואַנדעלט אין א וויסטע. דיזע פערוויסטונג האָט ביי די טולוזער דעם גאַנצען מוט צוגענומען. דער גראַף און די שטאָדט האָבען זיך ענדליך געמוזט אונטערגעבען. ראַימונד האָט אַפילו זיינע לענדער צוריקבעקומען, אָבער ער האָט געמוזט פערשפּרעכען צו פערפאָלגען די קעצער מיט אַלע זייערע בעשיצער, אַפילו ווען זיי זאָלען זיין זיינע אייגענע קרובים אָדער זיינע בעסטע גוטע פריינד. ער האָט אויך געמוזט צוזאָגען צו געבען צוויי מארק זילבער יעדען, וואָס וועט ארעסטירען א קעצער, צו קאָנפיסקירען די גיטער פון די אריינגעלעגטע אין חרם, און ניט צולאָזען צו קיין אמט די אידען, ווי אויך אַלע אַנדערע, וואָס זיינען פערדעכטיגט אין קעצעריי. ער האָט זיך אויך געמוזט פערפּליכטען צו אונטערנעהמען א קרייץ־צוג נאָך פּאַלעסטינא אום דאָס הייליגע לאַנד איינצונעהמען.

דאַן האָט מען בערופען אייניגע קאָנציליען אום צו „אָרגאַניזירען“ אין דרום די אינקוויזיציאָן. די פיהרונג פון דער אינקוויזיציאָן איז איבערגעגעבען געוואָרען צום פאַנאַטישען אָרדען פון די דאָמיניקאַנער. דיזער אָרדען האָט געפיהרט די אינקוויזיציאָן ביז זי איז ענדליך אין גאַנצען אָפּגעשאַפט געוואָרען. די רעגלען פון דער אינקוויזיציאָן האָבען געפאָדערט, דאָס ווען אימיצער איז געווען בעשולדיגט אין קעצעריי, האָט ער געמוזט איינגעשלאָסען ווערען אין געפענגנים אויף דאָס גאַנצע לעבען, אַפילו ווען ער האָט תשובה געטאָן און האָט זיך אונטער דער קירכע אונטערגעוואָרפען. ווער עס האָט ניט געוואָלט פאָלגען דעם פּסק פון די אינקוויזיטאָרען צו געהן אין געפענגניס, איז איבערגעגעבען געוואָרען צו דער וועלטליכער מאַכט אום צו בעשטראָפען איהם מיט'ן טויט. אונטער דער זעלבער שטראָף זיינען געווען אונטערגעוואָרפען די קעצער, וואָס האָבען זיך ניט געוואָלט אונטערגעבען אונטער דער קירכע. קיין פערדעכטיגטער אין פרייהייט פון רעליגיאָן האָט פיר קיין פאַל ניט געטאָרט בעפרייט ווערען פון געפענגנים, אַפילו ווען ער האָט געהאַט א פרוי מיט קליינע קינדער, וואָס בלייבען אָהן איהם אָהן א שום שטיצע און זיינען אין געפאַהר אויסצושטאַרבען פון הונגער. אַפילו אַלטע און קראַנקע, פיר וועלכע דאָס געפענגנים איז ווי א טויט־אורטייל, האָבען ניט געטאָרט בעפרייט ווערען פון געפענגנים, ווען זיי זיינען אהין אריינגעפאַלען צוליב קעצעריי. דער גאַנצער פּראָצעס פון קעצעריי האָט געמוזט געפיהרט ווערען בסוד. מען האָט ניט געוואוסט, ווער עס זיינען די עדות, וואָס בעשולדיגען אין אפּיקורסות,

פערבעסערט, אָבער די גליקליכע צייט פון די אמאָליגע יאָהרען האָט דרום־פראנקרייך שוין מעהר ניט געקענט צוריקברייננגען.

אָבער אויך נאָך דעם, ווי דער אַלביגענזער־קריג האָט זיך שוין געענדיגט, האָבען די דאָמיניקאַנער די אינקוויזיציאָן ניט אָפּגעשטעלט. זיי האָבען זי ניט אָפּגעלאָזען, ווייל זיי האָבען דערמיט געזוכט גוטע געשעפטען. די גיטער פון די בעשולדיגטע פלעגען קאָנפיסקירט ווערען, און צוויי־דריטעל פון דיזע גיטער פלעגען צונעהמען די אינקוויזיטאָרען. דערצו האָט פיעל געהאָלפען דאָס רעכט, וואָס דער פּאַפּסט האָט געגעבען די דאָמיניקאַנער צו געברויכען ביי דער אינקוויזיציאָן די טאָרטור (פּייניגונג).

עס פערשטעהט זיך, דאָס יעדערער, וואָס איז געווען בעשולדיגט אין קעצעריי, איז געפונען געוואָרען שולדיג, ווייל די אינקוויזיטאָרען האָבען ביים פּראָצעס קיין אַנדער מיטעל ניט געברויכט נאָר די טאָרטור, אַזוי דאָס אום פּטור צו ווערען פון די יסורים האָט זיך יעדער בעשולדיגטער געמוזט מודה זיין, דאָס ער איז שולדיג, הגם ער איז דורכאויס געווען אונשולדיג. ווי נאָר דער אונגליקליכער האָט זיך מודה געווען, האָט מען איהם פעראור־טיילט צום פערברענען און זיין האָב און גוטס האָט מען קאָנפיסקירט. צוויי דריטעל פון דעם גאַנצען פערמעגען האָבען די אינקוויזיטאָרען זיך גענומען פיר זייער טייוועלשע אַרבייט און איין דריטעל איז אַוועק צו דער קירכע. די אָפּפער זיינען נאָך געווען גליקליך, ווען דער ווינט האָט אויף זיי שנעלער גע־טריבען די פלאַמען און זיי זיינען גיכער בעפרייט געוואָרען פון זייערע ליידען. ווען דער ווינט אָבער איז געווען אין אַן אַנדער ריכטונג, האָבען זיי זיך לאַנג־זאַם געסמאַליעט און געמאַטערט. אום די אָפּפער זאָלען ניט קענען שרייען פון יסורים און ניט ערוועקען ביי אימיצען קיין מיטלייד האָט מען זיי פערשטאָפּט די מיילער.

עס איז אויך אמת, דאָס אין 12טען און 13טען יאָהרהונדערט האָבען זיך אָנגעפאַנגען צו הערען פּראָטעסטען געגען דער טייוועלשער קריסטליכער טיראַניי. און אַנדערש האָט עס באמת ניט געקענט זיין, ווייל די אינקווי־זיציאָן איז געווען געפעהרליך ניט נאָר פיר קעצער, נאָר אויך פיר עכט גלויביגע. אפילו די בישאָפען זיינען געווען ניט צופרידען דערמיט, ווייל די אינקוויזיציאָן האָט פון זיי אָפּגענומען אַ געוויסע הכנסה, נעמליך: די קיר־כע־שטראָף. אויך די פירסטען זיינען אַרויס געגען די נידערטרעכטיגקייטען און גרוייזאַמקייטען פון דער אינקוויזיציאָן. אַזעלכע עדיקטען זיינען דאָ פון לודוויג דעם היילינען, פיליפּ דעם שענעם און לודוויג דעם 11טען. אויך דער פּאַרלאַמענט און דאָס קאָללעגיום פון טהעאָלאָגען אין דער פּאַריזער אוני־

פערברענונג פון די קעצער פון מאָנטסעגור.

(פראַנציסקאַנער) בערנהאַרד דעליטשיאָסע האָט געזאָגט: „ווען אפילו די היילינע אַפּאָסטלען פּעטרוס און פּאַול זאָלען קומען אַהער, וואָלט מען זיי אויף בעשולדיגט אין קעצעריי און מען וואָלט זיי פערברענט אויף׳ן שייטער-הויפען צוגלייך מיט געמיינע פערברעכער.” דער ווידערשטאַנד געגען די אינקוויזיציאָן איז געווען אַ זעהר געפעהרליכע זאַך: ער איז בעשטראָפט גע-וואָרען מיט אייביגען געפענגנים, ווייל דערצו האָט מען צוגעגעבען די בע-שולדיגונג אין הויך-פעררעט (מרידה במלכות) און די בעשולדיגונג אין לעזען ביהער, וואָס לערנען צו מאַכען שוואַרצע קונצען אָדער פּראַוּוען כשוף.

ווען די אינקוויזיטאָרען האָבען דערזעהען, אַז די קעצער ווערען וועניגער און זיי בלייבען אָהן אַרבייט, האָבען זיי פערברייטערט זייער רעכט אויסצו-ראָטען פון לאַנד אויך מכשפים און מכשפות, ווייל ווער עס פּראַוּועט כשוף איז גלייך ווי ער לייקענט אין גאָט; ער טוט זיינע זאַכען דורך די מאַכט פון טייוועל, און דעריבער איז ער גלייך צו אַ קעצער און מען מוז איהם אויס-ראָטען און עוקר מן השורש זיין. די הויפּט-גרינדער פון כשוף-געריכט זיינען געווען דאָמיניקאַנער אינקוויזיטאָרען. אויך די פּראָצעסען פיר כשוף האָבען זיך פריהער ווי ערגעץ אַנדערש אָנגעפאַנגען אין דרום-פראַנקרייך, אָבער די הויפּט-אַרבייט פון דיזע משוגע׳נע משפטים און די אונגעהייערע צאָהל אָפּ-פער, וואָס זיינען געפאַלען אין פערשיידענע לענדער פיר אַזעלכע פערברע-כענס, געהערען צו אַ שפּעטערער פּעריאָדע.

אונטער די פּראָצעסען, וואָס דער פּאַפּסט יאָהאַן דער 22טער (1320) האָט איבערגעגעבען צו דער אינקוויזיציאָן פון קאַרקאַססאָנע, זיינען געווען די פּראָצעסען געגען די אויסזעציגע (מצורעים). די קרייץ-פאָהרער האָבען פער-שלעפּט פון אַזיען דיזע געפעהרליכע קראַנקהייט, צו וועלכער מען האָט נאָך עד היום קיין היילמיטעל ניט געפונען. דיזע קראַנקע זיינען געווען אָפּגעזונ-דערט פון די געזונדע, און מען האָט זיי געהאַלטען אונטער׳ן שטאָדט אין אַ בעזונדערען האָספּיטאָל. ווייל אָבער דיזע קראַנקהייט האָט זיך אָנפאַנגס זעהר גיך און שטאַרק פערשפּרייט, האָט מען אָנגעפאַנגען זיי צו בעשולדיגען, דאָס זיי פערגיפטען דאָס וואַסער אין די ברונענס. די אינקוויזיטאָרען האָבען זיך באַלד גענומען אויסצוגעפינען די וואַהרהייט פון דיזער בעשולדיגונג דורך זייער טייוועלשען מיטעל — דורך פּייניגונגען. עס פערשטעהט זיך, דאָס פיעלע האָבען זיך מודה געווען אין דיזען פערברעכען, וועלכעס זיי האָבען ניט בעגאַנגען, אום זיך צו בעפרייען פון די שרעקליכע יסורים. זיי האָבען אָבער דערביי די שולד אַרויפגעוואָרפען אויף די אידען. אין גאַנץ פראַנקרייך האָט מען אָנגעפאַנגען די קרעציגע אַרויסטרייבען פון לאַנד, ביז דער קעניג

װערזיטעט סאָרבאָננע זיינען אַרױס מיט פּראָטעסטען געגען דער חוצפה פון די דאָמיניקאַנער. מעהר פון אַלע זיינען אַרױס מיט געשרייען געגען די דאָמיניקאַנער די װעלטליכע ריכטער. זיי האָבען גוט פערשטאַנען, דאָס די אינקװיזיציאָן האָט איהר הױפּט־צװעק צו פערשטאַרקען די מאַכט פון פּאַפּסט און די אינקװיזיטאָרען זעלבסט, װייל דורך די אינקװיזיציאָן װעט זיי זיין ליכט אָפּצוראַמען פון װעג יעדען, װאָס װעט זיין געגען דעם פּאַפּסט.

אַ קורצע צייט נאָך דעם, װי דער אַלביגענזער־קריג האָט זיך געענדיגט, האָבען די דאָמיניקאַנער בעקומען נייע אַרבייט אין דרום־פראַנקרייך. אין יאָהר 1242 האָט זיך גאַנץ לאַנגעדאָק און אַלע געביטען אין די פּירענאָאישע בערג אױפגעהױבען װי איין מענש און זיינען בעפאַלען די אינקװיזיטאָרען און האָבען זיי אױסגעשלאַכטעט. אָבער די אינקװיזיציאָן האָט באַלד בעקומען פרישע קרעפטען און האָט טױזענדער קעצער אין די געפענגניסען אַריינגעװאָרפען. אין אַ קורצער צייט זיינען אַלע געפענגניסען געװען אַזױ פול מיט קעצער, דאָס עס איז מעהר קיין פּלאַץ ניט געװען פיר נייע אַרעסטאַנטען. אױך דער שלאָס מאָנטסעגור, דער לעצטער רעטונגס־אָרט פון די קעצער, איז גיך איינגענומען געװאָרען און די אַלע קעצער צוזאַמען מיט זייער בישאָף זיינען פערברענט געװאָרען אױף דעם שייטערהױפען. צוזאַמען מיט דיזע אַלע אָפּפער איז אױך פערברענט געװאָרען אַ צאַרטע יונגפרױ, די טאָכטער פון דעם מייסטער פון שלאָס. און דאָס אַלץ איז געטאָן געװאָרען אין נאָמען פון דער רעליגיאָן פון מענשענליבע.

נאָך דעם, װי עס איז אױף אַ קורצע צייט שטיל געװאָרען, האָט זיך די אינקװיזיציאָן איבער־אַ־נייס גענומען צו איהר בלוטיגער אַרבייט (1271). די סעקטע װאַלדענזער האָט זיך װיעדער בעװיזען אין לאַנגעדאָק. די בלוט־הינט, די אינקװיזיטאָרען, האָבען עס באַלד דערשמעקט, און האָבען זי מיט באַרבאַרישער שטרענגקייט אױסגעראָטעט. עס האָט אױסגעװיזען, דאָס די סעקטע איז פערשװאונדען אױף אייביג, אָבער עס האָט זיך נאָר אַזױ געדאַכט. אין די יאָהרען צװישען 1285 און 1300 האָט זיך די קעצערישע סעקטע װיעדער בעװיזען, און די אינקװיזיטאָרען זיינען װייטער געװען בעשעפטיגט מיט זייער בלוט־אַרבייט. מיר װייסען פון נאָך היגריכטונגען, װאָס די אינקװיזיטאָרען האָבען אױסגעפיהרט איבער אַלביגענזער און װאַלדענזער און אַנדערע קעצערישע סעקטעס אין די יאָהרען 1307—1322, װאָס װייזט גאַנץ דייטליך, דאָס די אינקװיזיציאָן מיט אַלע איהרע שטרענגע שטראָפען איז ניט אין שטאַנד געװען אין גאַנצען צו פערניכטען דעם פרייזין. פרומע אונשולדיגע לייט זיינען בעשולדיגט געװאָרען אין קעצעריי. דער מינאָריט

וועלטליכע און די גייסטליכע האָבען פון זיי געפאָדערט אזעלכע אָפּגאַבען און טריבוטען, וועלכע זיי פלעגען נאָר פאָדערן פון זייערע לייבאייגענע. די גייסטליכע אָבער האָבען מיט זייערע פערפאָלגונגען געבראַכט דערצו, דאָס די איינוואוינער פון סטעדינגג האָבען שלעכט בעהאַנדעלט איניגע גייסטליכע,

פערפאָלגונג פון די אויסזעציגע (מצורעים).

וועלכע דער ערץ־בישאָף פון ברעמען האָט געשיקט צו זיי איינצומאָהנען א צעהנטעל (מעשר) פון די פּראָדוקטען, וואָס זיי האָבען ארויסגעבראַכט מיט זייער מיה און שוויים פון זייער ערד. אום פון די סטעדינגער ראַכע צו נעה־מען, האָט דער ערץ־בישאָף זיי בעשולדיגט אין קעצעריי, ווייל דער מעשר

האָט ענדליך בעפוילען דיזע אונגליקליכע צורוה לאָזען אין זייערע האָספי-
טעלער.

אויך אין דייטשלאַנד האָבען די גייסטליכע פערפאָלגט יעדען פרייען גע-
דאַנק. שוין אין יאָהר 1052 זיינען אין גאָסלאַר מענשען צום טויט
פעראורטיילט געוואָרען פיר זייערע פרייערע געדאַנקען אין רעליגיאָן. אין
יאָהר 1168 זיינען אין קאָלן פעראורטיילט געוואָרען מענשען צום פערברענען
צוליב רעליגיאָן; אין שטראַסבורג האָט מען אין יאָהר 1212 אין איין טאָג
פערברענט ניט וועניגער ווי הונדערט קעצער. דער הויפּט-אינקוויזיטאָר צו
יענער צייט איז געווען אַ פּערזאָן מיט אַ מערדערישען כאַראַקטער, איינער
קאָנראַד פון מאַרבורג. וועגען דיזער בעסטיע אין מענשליכער גע-
שטאַלט האָט אַ גייסטליכער, וואָס איז געווען בעוואוסט אַלס אַ גוטער און פרו-
מער קריסט, געשריבען צום פּאַפּסט פאָלגענדע ווערטער: „ווער עס פאַלט
אַריין אין זיינע (קאָנראַד'ס) הענט איז שוין זיכער מיט'ן טויט. ער גלויבט יע-
דען פאַלשען עדות, ער גיט קיינעם ניט דאָס רעכט זיך צו פערטיידיגען מיט די
רעכטען, וואָס יעדעס געריכטס-הויז גיט צו אַ בעשולדיגטען. דער אָנגע-
קלאָגטער מוז מודה זיין, דאָס ער איז אַ קעצער אָדער אַ מכשף, דאָס ער
האָט בעריהרט אַ גיפטיגע פראָש, געקוסט אַ בלאַסען מאַן (דאָס האָט זיך
גערעכענט פיר כשוף). פיעלע עכטע פרומע קאַטאָליקען האָבען זיך בעסער
געלאָזט פערברענען איידער צו נעהמען אויף זיך די שענדליכע עברה פון
כשוף אָדער קעצעריי. די שוואַכע כאַראַקטערען אָבער האָבען זיך מודה געווען
אין אַזעלכע פערברעכענס, וועלכע זיי האָבען גאָר ניט בעגאַנגען. קאָנראַד
האָט מיט זיין גרויזאַמקייט געבראַכט דערצו, דאָס קינדער האָבען פאַלש עדות
געזאָגט געגען זייערע עלטערן, און עלטערן געגען זייערע קינדער, אַ מאַן
געגען זיין פרוי, און אַ פרוי געגען איהר מאַן, און אַ ברודער געגען ברודער.
פיעלע האָבען געגעבען געלט צו די גייסטליכע זיי זאָלען די אונגליקליכע
העלפען אַרויסדרעהען זיך פון דעם אומגליק". בעזונדערס איז דיזע בעסטיע
פערהאַסט געוואָרען אין זאַקסען, העססען און טהירינגען. קאָנראַד'ן האָבען
די דייטשען צו פערדאַנקען פיר דעם קרייץ-צוג, וואָס ער האָט פעראורזאַכט
געגען די סטעדינגער. ער האָט דערמיט צוגעגעבען אַ זעהר טרויערי-
גען קאַפּיטעל צו דער דייטשע געשיכטע.

די גוטע אָרענטליכע איינוואוינער פון דעם דאָרף סטעדינג אין
אָלדענבורג האָבען געפיהרט אַ לאַנגען קאַמף מיט זייערע וועלטליכע און גייסט-
ליכע פעאָדאַלען, וועלכע האָבען מיט אַלע מיטלען געזוכט זיי צו בערויבען
פון די רעכטען, וועלכע זיי האָבען געהאַט אין די פריהערדיגע יאָהרען. די

גרויס, אָבער זעהר אָפט אויך אַזוי גרויס, ווי אַ גאַנז, און אַ מאָל אַזוי גרויס, ווי אַ באַק־אויווען. נאָך דעם געהט דער נייער אָנהענגער ווייטער אין די שולע, און דאַן בעגעגענט איהם אַ מאַן פון אַ וואונדערבאַרער בלאַסקייט, מיט שוואַרצע אויגען. דיזער מאַן איז אַזוי מאָגער, דאָס עס איז אויף איהם ניט צו בעמערקען קיין סימן פון פלייש, נאָר הויט און ביינער. דער נייער אָנהענגער מוז איהם קוסען, און ער פיהלט, דאָס ער איז קאַלט ווי אייז. נאָך דיזען קוס פערשווינדט פון האַרצען פון דעם נייעם מיטגליד יעדער פונק פון גלויבען אין קריסטענטום. נאָך דיזער צערעמאָניע זעצט מען זיך צו אַ מאָהלצייט. נאָך דער מאָהלצייט שטייגט אַרויס פון אַ געוויסער סטאַטוע אַ שוואַרצער קאָטער, ווי אַ הונט גרויס, און געהט אַהינטער מיט'ן עק אַראָפּ־געלאָזען. דיזען קאָטער מוז דער נייער אָנהענגער קוסען אין הינטען, נאָך דעם מוז ער קוסען די פאָרנעהמע מיטגלידער פון דער פערזאַמלונג. דאַן, ווען די פערזאַמעלטע האָבען פערנומען צוריק זייערע פלעצער און האָבען אָפּגעזאָגט געוויסע שפּרוכען, זאָגט דער מייסטער פערנייגענדיג זיך צום קאָ־טער: „האָב אויף אונז רחמנות!“ „מיר וויסען עס, העררע“, ענטפערט אַן אַנדערער. „מיר ווע̇לען עס געהאָרכען“, ענטפערט אַ דריטער. נאָך דעם לעשט מען אויס די ליכט, און עס הויבען זיך אָן הולטייסקע, אויסגעלאַסענע בעציהונגען צווישען מענער און פרויען. ווען אין דער פערזאַמלונג האָבען זיך געפונען מעהר מענער ווי פרויען, האָבען מענער מיט מענער צופרידענ־געשטעלט זייער אבשייליכע תאוה. נאָך דיזען הולטייסקען אַקט, צינדט מען ווידער אָן די ליכט, מען זעצט זיך צוריק אויף די פלעצער, און דאַן קומט אַרויס פון אַ פערשטעקטען ווינקעל אַ מאַן, ביי וועלכען די אויבערסטע העלפט שיינט ווי די זון, און די אונטערסטע איז שוואַרץ ווי די נאַכט. דאַן רייסט אָפּ דער העכסטער בעאַמטער פון דער געמיינדע אַ שטיקעל פון די קליידער פון דעם נייעם מיטגליד און זאָגט צום מאַן: „מייסטער, דיזעס האָט מען מיר גע־געבען“. דערויף ענטפערט דער מאַן: „דו האָסט מיר ביז יעצט גוט גע־דינט, איך גלויב, דאָס דו וועסט מיר אויך ווידער גוט דינען, בעהאַלט דאָס, וואָס דו האָסט מיר געוואָלט געבען“. באַלד נאָך דעם ווערט דער מאַן פערשוואונדען. אין אַלגעמיין גלויבען זיי, דאָס אַ מענש דאַרף טאָן ניט דאָס, וואָס עס געפעהלט גאָט, נאָר דאָס, וואָס עס געפעהלט איהם ניט א. אז. וו.“

דיזע אַלע נאַרישע שקרים האָט קאָנראַד ערצעהלט דעם פּאַפּסט, און דיזער האָט בעשטעטיגט, דאָס אַלץ איז ריכטיג, ווי עס איז איהם בעריכ־טעט געוואָרען. קאָנראַד האָט איהם געוויס גוט בעצאָהלט פיר דיזע בוללע, ווייל רוים איז געוועזן צו אויפגעקלערט צו גלויבען אין אַזעלכע נאַרישע זאַכען.

איז פון גאָט בעשטימט צו די כהנים, און זיי, די סטעדינגער, לייקענען אין גאָט, ווען זיי ענטזאָגען זיך צו געבען מעשר צו די גייסטליכע. אויף דיזען גרונד האָט דער ערץ־בישאָף אריינגעלעגט די איינוואוינער פון דאָרף סטעדינג אין חרם.

אָבער אויך דיזעס מיטעל האָט ניט געהאָלפען. דער ערץ־בישאָף איז אוועק נאָך רוים און האָט גע'פועל'ט ביים פּאַפּסט, ער זאָל געגען די קעצער ארויסרופען א קרייץ־צוג. עס פערשטעהט זיך, דאָס דער שטעלפערטרעטער פון גאָט אויף דיזער זינדיגער ערד, דער פּאַפּסט, האָט זיך פיר דיזע ערלויב־נים גוט געלאָזט בעצאָהלען. דער ערץ־בישאָף ה א ר ט ו ו י ג איז בעפאַלען דאָס לאַנד אין יאָהר 1207 און האָט געצוואונגען די איינוואוינער צו געבען איהם אַ געוויסע סומע געלט, ער זאָל זיי צורוה לאָזען. דאָס איז דער בעסטער בעוויז, דאָס דער גאַנצער קרייץ־צוג איז ניט געווען אין דעם אינטערעס פון רעליגיאָן, נאָר אויסצופּרעסען געלט פון די אָרימע אקערבויער. צוועלף יאָהר שפּעטער האָבען די איינוואוינער פון סטעדינג זיך ווידער אויפ־געהויבען געגען די בעדריקונגען פון דעם ערץ־בישאָף ג ע ר ה א ר ד דעם 2 ט ע ן. דער ערץ־בישאָף האָט אריינגעדרונגען אין סטעדינג מיט דער אב־זיכט צו צווינגען די סטעדינגער נאָכצוגעבען אלע זיינע פאָדערונגען; אָבער די סטעדינגער זיינען דיזעס מאָל געווען ענטשלאָסען ניט נאָכצוגעבען דעם ערץ־בישאָף און האָבען זיך פיר קיין פאַל ניט אונטערגעגעבען. גערהאַרד האָט זיך געווענדט צו רוים. דער פּאַפּסט גרעגאָריוס דער 9טער האָט אַרויס־געגעבען אַ בוללע (בעפעהל) צו די בישאָפען פון מינדען, ראַטצעבורג און לי־בעק, דאָס זיי זאָלען אויפמונטערן דאָס פאָלק צו אַ קרייץ־צוג געגען די סטע־דינגער, ווייל זיי וויזען ארוים פיינדשאַפט צו דער קירכע און פעראַכטונג צו די גייסטליכע, און ווייל זיי גלויבען אין וואַהרזאָגערס און כשוף־מאַכערס מעהר ווי אין די גייסטליכע און אין די קריסטליכע רעליגיאָן. אום אויפצו־רייצען דאָס פאָלק געגען די סטעדינגער, האָבען די גייסטליכע וועגען זיי פער־ברייטעט פערשיידענע ליגענס, ווי עס איז צו זעהן פון פאָלגענדער שטעלע אין דער אויבען דערמאָהנטער בוללע:

„ווען אַ נייער מיטגליד ווערט אויפגענומען אין די סעקטע פון די קעצער פון די סטעדינגער, נעהמען זיי איהם אריין אין זייער שולע, און דאַמאָלס ער־שיינט פאַר איהם אַ מין גיפטיגע פראָש, וועלכע אייניגע רופען מיט'ן נאָמען: „קראָט". דיזע פראָש קוסען אייניגע מיטגלידער אין איהר הינטען, און אנ־דערע אין איהר מויל, און דיזע ציהען אריין די צונג און די שפּייעכץ פון דער פּראָש אין זייער מויל. די פראָש בעוויזט זיך אין איהר געוועהנליכער

דיזע פּאַפּסטליכע בוללע האָט געהאָלפען דערצו, דאָס קאָנראַד האָט אין אַ קורצער צייט צוזאַמענגעקליבען איבער 40,000 קרייץ־פאָהרער, וועלכע זיינען געגאַנגען צו פערניכטען די קעצער אין סטעדינגען. אין יאָהר 1223 האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ שטרייט צווישען די קרייץ־פאָהרער און די סטעדינגער. דיזע לעצטע האָבען זיך פערטיידיגט ווי העלדען, זיי האָבען געשלאָגען דעם גראַף פון אָלדענבורג מיט זיינע 4,000 מאַן, אָבער נאָך אַלע זאַכען האָבען די סטעדינגער געליטען אַ שרעקליכע נידערלאַגע. עס איז פון זיי כמעט גאָרניט איבערגעבליבען. די קרייץ־פאָהרער האָבען פערניכטעט זייער לאַנד מיט זייערע וואוינונגען, די פיה האָבען זיי אוועקגעפיהרט, וויבער און קינדער און אַלטע האָבען זיי ערמאָרדעט ביז איינעם. דאָס גאַנצע לאַנד איז אָנגעקומען צום ערץ־בישאָף פון ברעמען. דאָס פאָלק האָט לאַנג בעהאַלטען אין לידער און מעשה'לאַך די נעמען פון די העלדען אין סטעדינגען, וועלכע האָבען זייער לעבען געאָפּפערט פיר דאָס גליק פון פאָלק. די נעמען פון אייניגע פון דיזע העלדען זיינען: באָלקע, טהאָמאַ, הונטאָרפ און דעטמאַר דיעקע.

דאָס שיקזאַל פון די סטעדינגער האָט פערברייטעט שרעקען איבער פיעלע דייטשע דערפער. דאָס פאָלק איז געוואָרען אַזוי ערביטערט געגען דער אינקוויזיציאָן, דאָס זיי האָבען געטויטעט דעם הויפּט־אינקוויזיטאָר קאָנראַד פון מאַרבורג מיט זיינע ביידע מיטהעלפער. דיזעס האָט אָנגעיאָגט אַ מורא אויף די אינקוויזיטאָרען און זיי האָבען געציטערט צו קומען מעהר נאָך דייטשלאַנד. אַזוי איז דייטשלאַנד אויף אימער בעפרייט געוואָרען פון דיזער פּלאָג.

אויך אין שפּאַניען האָבען די בלוט־הינט, די אינקוויזיטאָרען, איינגעריבטעט זייערע טייוועלשע געריכטס־הייזער, הגם דאָס פאָלק איז געווען שטאַרק געגען דעם. דאָ האָט די אינקוויזיציאָן אָנגענומען איהר שרעקליכסטען כאַראַקטער. אָבער דאָס איז געשעהען אין אַ שפּעטערער צייט, ווי מיר וועלען עס נאָך דערצעהלען אין די ווייטערע קאַפּיטלען פון אונזער געשיכטע.

סצענע פון אינקוויזיציאָן.

אָנגעפאַנגען צו בויען אין יאָהר 1163 און געענדיגט אין 1360. דאַגעגען ציינט די קאַטהעדראַלע פון ריימס, וועלכע מען האָט אָנגעפאַנגען צו בויען אין יאָהר 1211 און געענדיגט אין יאָהר 1250, אַ פיעל מעהר ענטוויקעלטע קונסט אין דעם גאָטישען סטיל. אָבער זי האָט נאָך ניט דערלאַנגט די הויכע שטופע, צו וועלכער די גאָטישע בויקונסט איז שפּעטער געקומען, די פענסטער זיינען נאָך קליין און עס פעהלט נאָך די ריכטיגע בעפּוצונג פון די שניצווערק. מיט דעם 13טען יאָהרהונדערט ווערען די געביידעס לייכטער און די פענסטער הויך און רייך אין שניצווערק.

נאָך ענגלאַנד איז דער גאָטישער סטיל אריבערגעבראַכט געוואָרען פון פראַנקרייך. אין יאָהר 1174 האָט ענגלאַנד אַרויסגערופען דעם פראַנצויזישען בוימייסטער ווילהעלם פון סענס נאָך קאַנטערבורי אום צו בויען דאָרט די נייע קאַטהעדראַלע. אָבער נאָר די בעריהמטע וועסטמינסטער-קירכע אין לאָנדאָן, וועלכע איז געבויט געוואָרען אין מיטען פון 13טען יאָהרהונדערט, איז געבויט געוואָרען אין פראַנצויזיש-גאָטישען סטיל. די איבריגע שפּעטערע קירכעס האָבען זיך אויסגעבילדעט אין אַ ספּעציעל ענגליש-גאָטישען סטיל. אין דיזען סטיל האָט דער פּראַקטישער זין פון די ענגלענדער פעראייניגט דאָס שענע מיט דעם ניצליכען. די ערסטע זעלבשטענדיגע ענטוויקלונג פון דעם ענגליש-גאָטישען בוי-סטיל שטעלט פאָר די קאַטהעדראַלע פון סאַליסבורי, וועלכע איז געבויט געוואָרען אין דער ערסטער העלפט פון 13טען יאָהרהונדערט. אָבער דער עדעלסטער און רייגסטער איז דער גאָטישער בוי-סטיל פון דער קאַטהעדראַלע אין יאָרק, וועלכע מען האָט אָנגעפאַנגען צו בויען אי יאָהר 1291 און געענדיגט אין יאָהר 1330. איינצעלנע בוי-ווערק פון דער לעצטער פעריאָדע פון גאָטישען סטיל אין ענגלאַנד צייכנען זיך אויס מיט אַ פּראַכט, וועלכע איז ניט צו געפינען ערגעץ אַנדערס. דאָס שענסטע מוסטער פון דיזען סאָרט בוי-ווערק שטעלט פאָר די קאַפּעלע (קירכע) פון קינג'ס קאָללעדזש אין קעמברידזש.

אין דייטשלאַנד איז דער גאָטישער סטיל שפּעטער אָנגעקומען אַלס אין פראַנקרייך און ענגלאַנד. אָבער דערפאַר האָט ער זיך דאָ פיעל שענער ענטוויקעלט. אין מיטען פון 12טען ביז טיף אין 13טען יאָהרהונדערט האָט זיך אין דייטשלאַנד ענטוויקעלט אַן אייגענאַרטיגער בוי-סטיל, וועלכער שטעלט פאָר אַן איבערגאַנג פון דעם ראָמאַנישען סטיל צום גאָטישען. מיר וועלען דאָ נאָר דערמאָהנען דעם דאָם (הויכע קירכע) פון מאַגדעבורג, וואָס מען האָט אָנגעפאַנגען צו בויען אין 1211. אין עלזאַס, נייוויילער און שלעטשטאַדט

די קולטור אין דער צייט פון די קרייץ-צוגען.

א. די בויקונסט.

די גלענצענדסטע שאפונג פון מיטעלאלטער איז די בויקונסט. מען קען מיט פולען רעכט זאגען, דאס אין דער ארכיטעקטור האט זיך אויסגעדריקט דאס שטרעבען אין מיטעלאלטער נאך עטוואס איבערערדישעס, נאך עטוואס הימלישעס. פון דער צייט פון פעריקלעס'ן פון גריכענלאנד, ווען די ארכיטעקטור האט דארט דערגרייכט די העכסטע שטופע פון קונסט, וויים די געשיכטע ניט אויפצואווייזען נאך א פעריאדע, אין וועלכער די בוי-קונסט איז געשטאנען אזוי הויך, ווי אין דער צייט פון די קרייץ-צוגען. גאר צוויי מאל איז עס דער מענשהייט געלונגען אויסצודריקען אין פארמעס די אידעאלען, וואס דאס פאלק האט געהאט איבער די וועלט און רעליגיאן, און דאס זיינען געווען: דער גריכישער טעמפעל און די גאטישע קירכע.

ווען מען זאל מאכען א פערגלייך פון דעם גריכישען טעמפעל מיט דער גאטישער קירכע, וועט מען זיך באלד לייכט איבערצייגען, דאס הגם זיי זיינען ביידע העכסט קינסטלעריש, דאך זיינען זיי צוויי קאנטראסטען איינער נעגען אנדערען. דער כאראקטער פון גריכישען טעמפעל איז מאיעסטעטישע רוה, די פארהערשענדע ליניעס זיינען האריזאנטאלע (ליגענדע). די גאטישע קירכע מיט איהרע טורם-שפיצען ציהט זיך צו די וואלקענס, צום הימעל, אזוי ווי עס ווילט זיך איהר לויזרייסען פון דער ערד. דער גריכישער טעמ-פעל איז מעסיג, איינפאך, די גאטישע קירכע איז פיעלארטיג, געגלידערט, אבער מיט דעם גייסט פון מענשען, וואס שטרעבט נאך אויבען.

צוערסט האט זיך דער גאטישער סטיל ענטוויקעלט אין צפון-פראנקרייך. אבער די ערסטע פראבעס האבען ניט אויסגעדריקט דעם גייסט, וואס מיר געפינען אין די שפעטערע געביידעס פון דיזען סארט. אלס מוסטער פון די-זער ארט בנינים קען דינען די קאטהעדראלע פון פאריז, וועלכע מען האט

דער דאָם פון קאָלן.



די קאטהעדראלע פון רעימס.

ער האָט געמאַכט אויף דעם מאָנומענט פון דעם הייליגען דאָמיניקוס אין באָלאָניאַ. ניקאָלאַס'עס זוהן ד ז ש י אָ װ אַ נ נ י האָט געגעבען זיינע מאַרמאָר־סטאַטועס עדעלע מאַיעסטעט. אין זיינע אַנדערע װערק האָט ער אויסגעדריקט טיפע ליידענשאַפט, שמערץ און שטאַרקע בעװעגונגען פון דער נשמה.

װעניגער בעדייטענד איז געװען אין יענער צייט די סקולפּטור אין רוים. דאָרט איז דאַן געװען בעריהמט אַ שטיינשניידער־פאַמיליע, די ק אָ ס מ אַ - ט ע ן, װעלכע האָט געבילדעט אַ שולע. די הויפּט־װערק פון דיזער שולע זיינען די מאַרמאָרנע ענגלען, װעלכע זיינען די װעכטער איבער די שלאָפענדע טויטע, װאָס זיינען אויסגעהאַקט אויף דעם מאָנומענט פון װ י ל ה ע ל ם פון ד ו ר אַ נ ט ע. צו יענער צייט האָבען זיך אין איטאַליען אויך בעװיזען סטאַטועס און עהרענבילדער געמאַכט פון שטיין און מעטאַל, װי אין די אַלטע צייטען. עס זיינען נאָך יעצט צו זעהן אַזעלכע בילדער, װעלכע זיינען פערבליבען פון פריעדריך דעם 2טען און פון קאַרל פון אַנזשו.

פון דער מאַלעריי איז אין צפון־איירָאפּאַ נאָר געבליבען די קונסט פון גלאַז־מאַלעריי. דיזע קונסט אונטער דעם גייסט פון דער גאָטישער ריכ־טונג האָט דאַמאָלס דערלאַנגט אַ הויכע שטופע פון ענטװיקלונג. אָבער זי האָט ניט געהאַט קיין איינפלוס אויף די ענטװיקלונג פון אַנדערע צװייגען פון דיזער קונסט. נאָר די מיניאַטור־מאַלעריי האָט זיך היבש ענטװיקעלט אין האָללאַנד און אין פּאַריז. מעהר פון אַלע אַנדערע לענדער האָט איטאַליען געלייסטעט אויף דיזען געביט. פון די בעריהמטע קינסטלער פון יענער צייט זיינען װערט צו דערמאָהנען די בילדהויער און אַרכיטעקטען ד ז ש י אָ ט - ט אָ און אָ ר ק אַ נ י אַ, װעלכע האָבען אַלס מאַלער געאַרבייט צוזאַ־מען מיט דעם בעריהמטען מאַלער אַ נ ד ר ע אַ פּ י ס אַ נ אָ. דזשי־אָטטאָ'ס בילדער זיינען פול מיט לעבען, אין זיי איז פאַראַן פיעל נאַטיר־ליכקייט און װאַהרהייט. דעם זעלבען כאַראַקטער טראָגען די בילדער פון אַ נ ד ר ע אַ ד י ט ש י אָ נ ע. דאָס מייסטערװערק פון 13טען יאָהרהונ־דערט איז אַן אַלטאַר־טאַפעל אין דעם דאָם פון סיענאַ װאָס ד ו ט ש י אָ האָט געמאַכט. דיזע טאַפעל איז בעמאָלט פון ביידע זייטען. אויף איין זייט זיינען דאָ סצענעס פון דער לעבענסגעשיכטע פון קריסטוס'ן. די סצענעס זיינען רייך מיט פאַנטאַזיע און נאַטור־בעאָבאַכטונג. װאָס אָנבעטרעפט זיי־ער קאָמפּאָזיציאָן, זייער צייכנונג און אויסדרוק, װייזען זיי אַרוים עדעלע אויפפאַסונג און קלאָרהייט.

האָט זיך דער גאָטישער סטיל ענטוויקעלט נאָך דער פראַנצויזישער אַרט. דאַ־געגען האָבען זיך די קירכעס אין קאָלן, פרייבורג און שטראַססבורג ענטוויקעלט נאָך דעם סטיל פון דער קאַטהעדראַלע אין צפון־פראַנקרייך.

דעם גרונדשטיין צום דאָם פון קאָלן האָט מען געלעגט אין יאָהר 1248. ער האָט זיך געבויט זעהר לאַנגזאַם און ערסט אין יאָהר 1332 איז ער גע־ענדיגט געוואָרען. אין דיזען בנין איז אָבער אַריין אַ טייל פון אַן אַלטער קירכע, וועלכע האָט ניט געשטימט מיט דעם נייעם גאָטישען סטיל. און דעריבער האָט מען שפּעטער, אין 14טען יאָהרהונדערט, בעשלאָססען דיזען טייל אָפּצוברעכען און פערבויען איהם מיט אַ בנין לויט דעם נייעם גאָטי־שען סטיל, אום ער זאָל האַרמאָנירען מיט דעם גאַנצען געביידע. גוטע ביי־שפּילען פון דער דייטש־גאָטישער אַרכיטעקטור געפינען זיך מעהרסטענס אין דרום־מזרח פון דייטשלאַנד, ווי צ. ב. דער סטעפאַנס־דאָם אין וויען, דער דאָם אין פּראַג און רעגענסבורג און דער אולמער קלויסטער.

די איטאַליענער זיינען געבליבען ביי זייער ראָמאַנישען סטיל. נאָר אין איינציגע ערטער געפינען זיך קירכעס אין גאָטישען סטיל. צו דיזע גע־הערט די סאַן פראַנטשעסקאָ־קירכע אין אַססיסי, וועלכע אַ דייטש האָט געבויט; נאָך דעם האָט אויף פלאָרענץ אויסגעבויט אַזאַ קירכע אונטער דעם נאָמען סאַנטאַ טריניטאַ און אַן אַנדערע מיט'ן נאָמען סאַנטאַ מאַריאַ נאָ־וועללאַ.

ב. סקולפּטור און מאַלעריי.

סקולפּטור און מאַלעריי זיינען אין דיזער פּעריאָדע (די צייט פון די קרייץ־צוגען) געוועזען זעהר ווענינ ענטוויקעלט. די נייע בעלעבונג פון דיזע קונסטען האָבען מיר ווידער פראַנקרייך צו פערדאַנקען. דער זין פיר סקולפּ־טור, וועלכע איז אַזוי לאַנג געוועזען פערנאַכלעסיגט און פערשלאָפען, האָט זיך אין פראַנקרייך פריהער ווי אַנדערסוואו ערוואַכט. אָבער מיר קענען ציי־גען אין יענער צייט נאָר אויף אַן אָנפאַנג, אָבער ניט אויף עטוואָס וויכטיגעס אין דיזער קונסט.

אין איטאַליען האָט די סקולפּטור דאַמאָלס דערגרייכט אַ הויכע שטופע דורך דעם גרויסען קינסטלער נ י ק אָ ל אַ פּ י ס אַ נ אָ. זיינען ווערק ווערען גערעכענט אַלס אַ ווידער־אויפלעבונג פון דער אַלטער קונסט. זיין הויפּט־שטודיום איז געוועזען אַנטיק־רוימישע סאַרקאָפאַגען (שטיינערנע זאַר־גען). אין זיינע שפּעטערע ווערק זעהט זיך בולט אַרויס זיין שטרעבען צו גרויס און שענהייט. מעהר אויסדרוק פון געפיהל בעזיצען די פיגורען, וואָס

ווייל דער יונגער מאַן האָט געמוזט צייגען פּראָבעס פון זיין פעהיגקייט אין שטרייט־קונסט. די גאַנצע פאַמיליע פון דעם יונגען מאַן האָט דיזען טאָג גערעכענט פיר אַ פאַמיליע־יום טוב און דער יונגער ריטער זעלבסט האָט דיזען טאָג גערעכענט פיר דעם דענקווירדיגסטען אין זיין לעבען.

די פייערליכע צערעמאָניע פון אָנגורטען דעם ריטער צום ערסטען מאָל זיין שווערד איז געווען פיר דעם ריטער אַזוי וויכטיג, ווי די פּריסטערליכע צערעמאָניעס פיר אַ גייסטליכען ביים אריינטרעטען אין זיין אמט. אין דעם טאָג, ווען דער ריטער איז אויפגענומען געוואָרען צווישען דער רי־טערשאַפט, האָט מען איהם פערבונדען מיט די פערשיידענע פליכטען, וועל־כע געהערען צו דיזען שטאַנד. דער ריטער האָט געמוזט שווערען, דאָס ער וועט מיט אַלע זיינע קרעפטען, אַפילו מיט זיין לעבען, בעשיצען דעם גלויבען און די קירכע, די עהרע פון פרויען און די אינטערעסען פון דעם לאַנד־הערר. עס פערשטעהט זיך, דאָס דער ריטער האָט געמוזט זיין געניט אומצוגעהן מיט וואַפען, און צו דיזען צוועק האָט מען איינגעריכטעט ריטער־שפּילען אָדער טורניערען. ביי דיזע טורניערען פלעגען פרויען איבערגעבען צום העלד די פּרייזען, וואָס ער האָט אין דעם שפּיל געוואונען.

איבערהויפּט האָט זיך דער ריטער־שטאַנד ענטוויקעלט איבער גאַנץ אייראָפּאַ אין דער צייט פון די קרייץ־צוגען. מיר וועלען אָבער זיין ווייט פון דער וואהרהייט, ווען מיר וועלען בעהויפּטען, דאָס די ריטער האָבען ווירקליך ערפילט די פליכטען, וואָס זיי האָבען אויף זיך מיט אַ שבועה גע־נומען אין דעם טאָג פון זייער פייערליכען אריינטרעטען אין ריטערשאַפט. אַפילו ווען אייניגע האָבען יע ערפילט זייערע פליכטען, איז עס נאָר געווען אויסערליך, אַלס אַ צערעמאָניע, אָהן דעם מאָראַלישען זין, וואָס דיזע פליכ־טען האָבען אין זיך ענטהאַלטען. דער אייפער (קנאה) פיר דעם גלויבען און די קירכע האָט זיך ביי די ריטער ניט אויסגעדריקט דורך אמת'ע מעשים טובים און מענשענליבע, נאָר דורך דעם האס, וואָס זיי פלעגען אַרויסווייזען צו אָנהענגער פון אַנדערע רעליגיאָנען אָדער סעקטעס. די טרייהייט, וואָס דער ריטער האָט געשוואָרען צו זיין לאַנד־הערר, איז זעהר אָפט געבראָכען גע־וואָרען, ווען זיינע אייגענע אינטערעסען האָבען עס געפאָדערט. דער פרויען־דינסט פון די ריטער האָט זיך זעהר אָפט אויסגעדריקט אין הולטאַיסטווע און אויסגעלאַסענהייט. דער וואַסאַל פלעגט אריינפיהרען זיין לאַנד־הערר אין שלאָפצימער, איהם אריינלעגען אין בעט און פערשלעפערן. אין דער זעלבער צייט האָט דער ריטער געהאַט די פליכט אריינצופיהרען זיין דאַמע אין איהר שלאָפצימער, איהר העלפען אויסטאָן זיהרע קליידער ביז

ג. די דיכטקונסט.

אין דער צייט, וואָס די אָטטאָנען האָבען געהערשט, איז די ליטעראַטור געוועזן אויסשליסליך אין די הענט פון די גייסטליכע, און דעריבער איז זי געוועזן געשריבען אין דער לאַטיינישער שפּראַך. פון די פּיעלע ווערק, וואָס זיינען געשריבען געוואָרען אין יענער צייט, וועלען מיר נאָר דערמאָהנען דאָס וואַלטהאַריליעד און די דראַמאַס פון דער נאָנע הראָס-וויטהאַ. דאָס ערסטע ווערק איז געשריבען געוואָרען אין יאָהר 930 פון דעם מאָנאַך עקקעהאַרד. דיזעס ווערק איז געשריבען אין לאַטייניש און שילדערט ווי דער זוהן פון דעם וועסט-גאָטישען קעניג וואַלטהאַרי צוזאַמען מיט זיין כלה הילדגונד, דער טאָכטער פון בורגונדישען קעניג, זיינען איבערגעגעבען געוואָרען אַלס משכון צו דעם הויף פון אַטטילאַ, ווי זיי זיינען פון דאָרט ענטלאָפען, און ווי עס איז זיי געלונגען אַהיים צו קומען נאָך אַ האַרטען קאַמף מיט דעם בורגונדער קעניג גונטהער. זעהר לעבעדיג ווערט אין דיזען ווערק געשילדערט דער העלדענמוט פון די אַלטע גערמאַנען, וועלכער שרעקט זיך ניט אַפילו פאַר די שמערצען פון טויט. די דראַמאַס פון דער נאָנע הראָסוויטהאַ זיינען געשריבען געוואָרען אין לאַטייניש נאָך דעם מוסטער און סטיל פון די ווערק פון דעם רוימישען דיכטער טערענץ.

אין דער צייט, ווען די סאַליער האָבען געהערשט איז דער זין פיר ליטעראַטור ווידער געזונקען. אָבער פון מיטען פון 12טען יאָהרהונדערט ביז'ן מיטען פון 13טען זיינען ערשינען זעהר פיעלע פּאָעטישע ווערק. מיר קענען רופען דיזע צייט: די ערסטע בליהונגס-צייט פון דער דייטשער ליטעראַטור. אין דיזען צייטרוים איז די פּאָעזיע אַריבער פון די גייסטליכע צו די ריטער און האָט זיך ענטוויקעלט צוזאַמען מיט דעם ריטער-וועזען. די ריטער זיינען דאַמאָלס געווען דער נידריגער אַדעל; די העכערע אַדעללייט זיינען געווען: די ערץ-בישאָפען, די בישאָפען, די רייכס-אַבטען, די הערצאָגען, די פּאַלץ-גראַפען, די מאַרק-גראַפען, די לאַנד-גראַפען און די רייכס-גראַפען. אין פראַנקרייך האָבען די ריטער ענטוויקעלט אַ סאָרט בילדונג, וועלכע האָט געשטימט מיט זייער שטאַנד. ווען אַ ריטער-אינגעל איז געוואָרען אַ יונגער מאַן, האָט מען געמאַכט אַ גאַנצע צערעמאָניע, ווען מען האָט איהם אָנגעטאָן צום ערסטען מאָל דאָס שווערד. דאַמאָלס האָט איהם דער הערר, אונטער וועלכען זיין פאָטער איז געווען וואַסאַל, אָנערקענט פיר ווירדיג צו טראָגען וואַפען און ער איז אויפגענומען געוואָרען אין דער ריטערשאַפט. צום ליבסטען פלעגט מען אויסקלייבען פיר דיזע פייערליכקייט שלאַכט-טעג,

פיעלע היידנישע פעלקער, וואָס זיינען לויט די בעגריפען פון פאָלק אין דער צייט פון די קרייץ־צוגען געוועזען איינס און דאָס זעלבע מיט די סאַראַצע-נער, מיט וועלכע די קרייץ־פאָהרער האָבען געשטריטען. די צווייטע גרופּע זאגעם האָט געהאַט איהר צענטער אין דעם ענגלישען קעניג אַרטוס. דיזע זאגעם זיינען פון די טרובאַדורען בעאַרבייטעט געוואָרען אין עפּישע לידער, אין וועלכע עס ווערען געשילדערט די אידעען און זיטען פון די ריטער, ניט ווי זיי האָבען געקענט זיין און בעדאַרפט זיין אין דער גראָבער אונווי-סענדער צייט פון קעניג אַרטוס, נאָר ווי זיי זיינען געוועזען אין דער מעהר ציוויליזירטער צייט פון ריטערשאַפט מיט זייער פרויען־פערעהרונג און רי-טער־דינסט.

צוזאַמען מיט דעם עפּאָס (העלדען־געדיכט) האָבען די טרובאַדורען אויך ענטוויקעלט די ליריק. הגם די טרובאַדורען האָבען אין זייערע לירישע לידער פיעלעס פון נאַטור־שילדערונג, איז דער הויפּט־אינהאַלט פון זייערע לירישע לידער ליבע. אַלע זיינען געקראָכען אויף איין און דעם זעלבען לייטער, נאָר איינער איז ארויף מיט א שטאַפּעל העכער, דער אַנדערער נידריגער. פון דערווייטען איז צו בעמערקען אין דיזע לירישע לידער איין און דעם זעלבען טאָן, נאָר אז מען הערט זיך צו בעסער, געפינט מען אַ שוואַ-כען אונטערשייד. די זינגער האָבען זיך אַליין גערופען „נאַכטיגאַלען". אין דיזער הינזיכט האָבען זיי א שטיק וואהרהייט אויסגעזאָגט. אין זייערע לידער האָט ווירקליך געפעהלט די וואהרע מענשליכע ערהאבענע פּאָעזיע, וועלכע ערהויבט דעם מענשען צו עטוואָס איבערנאַטירליכען, עטוואָס געט-ליכען.

שפּעטער האָבען די דיכטער אָנגעהויבען צו וואגען אַרויסגעהן געגען די פערדאָרבענהייט פון דער צייט. די טרובאַדורען זיינען געוואָרען די פּרעדיגער פון פרייהייט און די פערטיידיגער פון די אָרימע און בעדריקטע. איבערהויפּט זיינען די דיכטער ארויסגעטרעטען אָפען געגען די וועלף, וואָס פערשטעלען זיך אין שעפּסענע פעלען, און געגען די שלעכטע פּאַסטוכער, וועלכע פרעסען אויף די שאָף, וואָס מען האָט זיי אָנגעטרויט צו היטען. דיזע פּאָעטען האָבען אָפען אָנגעגריפען די פּאַפּסטען און די קעניגען פיר זייערע פאַלשקייטען און רויבערייען (פ ע י ר ע ו ו י ד א ל).

פון די צאָהלרייכע דייטשע מיננעזענגער (זינגער איבער ליבע) איז דער וויכטיגסטער ו ו א ל ט ה ע ר פון דער פ אָ ג ע ל ו ו י י ד ע, וועלכער האָט געלעבט פון 1160 ביז 1230. ער איז געוועזען אָרים און האָט געפיהרט א וואנדערלעבען. ער פלעגט געהן פון איין הויף צום אַנדערען. אין וויען

נאַקעט, און איז אַרוים פון צימער נאָר דאַן, ווען זי איז שוין געלעגען אין איהר בעט אַ נאַקעטע נאָך דער מאָדע פון יענער צייט. די דאַמע פלעגט דעם ריטער אָפט ערלויבען צו פערבלייבען מיט איהר די גאַנצע נאַכט, ווען ער האָט איהר געגעבען אַ שבועה, ער זאָל איהר ניט בעריהרען סיידען נאָר מיט אַ קוס. עס איז זיך לייכט פאָרצושטעלען, ווי אָפט דער ריטער האָט זיין שבועה ניט געהאַלטען אָדער די דאַמע האָט איהם פּין דער שבועה בע־פרייט. דער מנהג איז געווען, דאָס יעדער ריטער האָט געהאַט אַ פריינד, וועלכער איז אין אַזעלכע פעלען געווען זיין היטער און האָט איהם אין דער פריה געוועקט, אום ער זאָל ניט אריינפאַלען אין אַן אונאַנגענעהמע געשיכטע. דערויף צייגען זעהר פיעלע לידער פון יענער צייט, די אַזוי־גענאַנטע אַלבאַס אָדער פריהמאָרגען־לידער:

ליבסטער פריינד, איך וואָרן מיט געזאַנג:
שלאָף יעצט ניט מעהר, דאָס פויגעלע זינגט שוין לאַנג
אין דעם וועלדעל, און בענקט נאָך טאַגעס־העללע;
דער אייפערזיכטיגער, פירכט איך, קומט צור שטעלע,
און גלייך ערשיינט דער מאָרגען.

נאָך שענער זיינען די לידער, אין וועלכע די ליבענדע זעלבסט רעדען, ווען זיי זעהען, דאָס זיי מוזען זיך שיידען, הגם זיי ווילען זיך ניט שיידען. דאָס איז די הויפּט־טהעמאַ פון די מאָרגען־לידער.

דער נעסט פון ריטערליכער דיכטונג איז געווען פראַנקרייך. אין פּראָ־וואַנס האָבען די דיכטער בעקומען דעם נאָמען „טרובאַדור” (ד. ה. ערפינ־דער: זינגער, וואָס ערפינדען נייע לידער). עס האָבען זיך דאַמאָלס געפונען נאָך אַ קלאַס זינגער, וועלכע זיינען מעהר געווען פּאַיאַצען און קונצען־מאַ־כער. די טרובאַדורען זיינען געווען געוועהנליך פון דעם ריטערשטאַנד, דאָך האָבען זיי זיך ניט געשעמט צו נעהמען מטבעות פון די הענט פון די פּאָרנעהמע הערען און פרויען פיר זייער זינגען און שפּילען. דאָס איז געוואָרען אַ מין פּראָפעסיאָן, פיר וועלכע קעניגען, גראַפען און הערצאָגען פלעגען גוט בעצאָהלען.

פריהער פון אַלץ, האָבען די טרובאַדורען זיך גענומען צו בעאַרבייטען די העלדען־זאַגעס, וועלכע זיינען אומגעגאַנגען אין פאָלק. פון דיזע זאַגעס זיינען געווען צוויי גרופּעס. איין גרופּע האָט געהאַט איהר צענטער אין קאַרל דעם גרויסען. דיזע זאַגעס האָבען צוזאַמענגעקניפּט די טעטיגקייט פון קאַרל דעם גרויסען מיט דעם הייליגען קבר. אין דער פאָלקס־פאַנטאַזיע האָבען זיך צוזאַמענגעבונדען די מלחמות, וואָס קאַרל האָט געפיהרט, מיט

געוואָרען פון האַגען'ען אויף דעם פערלאַנג פון ברונהילדע'ן. אין טיפען יאָמער פערזונקען האָט זי בעשלאָסען צו נעהמען ראַכע פון ברונהילדע'ן און האַגען'ען.

יאָהרען לאַנג איז זי געזעסען אין שטילען טרויער. ענדליך האָט זיך אַטטילאַ, דער קעניג פון די הוננען, אַנגעהויבען שדך'ענען צו איהר און האָט געבעטען איהר האַנט. אָנפאַנגס האָט זי ניט געוואָלט הערען דערפון. אָבער זי איז ענדליך מרוצה געוואָרען נאָכגעבען זיין וואונש מיט דער בעדינגונג, דאָס ער זאָל זיך אָננעהמען פיר איהר און ראַכע נעהמען פון די, וואָס האָבען זי בעליידיגט. עס זיינען אַוועק איינינע יאָהר און זי האָט געבעטען איהר מאַן אַטטילאַ, ער זאָל איינלאַדען אַלס געסט איהרע קרובים אין בורגונד. האַגען איז געווען שטאַרק געגען דעם, זיין ברודער זאָל אָננעהמען די איינלאַדונג און ער האָט איהם אַהין ניט געלאָזען פאָהרען. אָבער גונטהער האָט איהם ניט געפאָלגט און אַלע ברידער זיינען אַוועקגעפאָהרען צו דער שוועסטער קריעמהילד צו גאַסט. ווען די בורגונדער זיינען אָנגעקומען צו דער קעניגין האָט זי זיך צוקוסט נאָר מיט דעם איננסטען ברודער גיזעלהער, ווייל ער איז אונשולדיג געווען אין זיעגפריעד'ס טויט. האַגען האָט אָבער מיט חוצפה געזאָגט, דאָס ער האָט ווירקליך ערמאָרדעט זיעגפריעד'ן, דאָך וועט ער ניט ערלויבען, דאָס א הוננע פון די אונטערטאַנען פון אַטטילאַ זאָל איהם וואַגען בעריהרען מיט א האַנט צו בעליידיגען. דיזעס האָט קריעמהילד'ן זעהר אויפגערעגט און ערביטערט, און זי האָט געהייסען טויטשלאָגען די אַלע בורגונדער, וואָס זיינען געקומען מיט איהרע ברידער.

בעשפריצט מיט בלוט איז האַגען'ס ברודער דאַנקוואַרט דאַן אריינגעלאָפען אין זאַל, וואו די געסט זיינען געזעסען, און האָט זיי געמעלדעט, וואָס עס איז געשעהען. און אום זיך פיעל מעגליך נוקם צו זיין אָן די הוננען, האָט ער אויף'ן אָרט אָפּגעהאַקט דעם קאָפּ פון אַטטילאַ'ס זוהן. אָבער דיזע טאַט האָט געקאָסט אַלע בורגונדער זייער לעבען. מען האָט דעם זאַל אונטערגעצונדען און פיעלע זיינען געטויט געוואָרען. האַגען און גונטהער זיינען געפאַנגען געוואָרען לעבעדיגערהייד. מען האָט זיי איבערגעגעבען צו קריעמהילד'ן, וועלכע האָט געהייסען גונטהער'ן ערמאָרדען, און דעם אַנדערען ברודער, האַגען, וואָס האָט ערמאָרדעט איהר געליבטען זיעגפריעד, האָט זי אַליין מיט זיעגפריעד'ס שווערד דעם קאָפּ אַראָפּגעהאַקט. דאַן איז הילדעבראַנד אַרויס פון געדולד און האָט ערמאָרדעט די קעניגין. דאָס איז דער שלוס פון דעם בעריהמטען פאָלקס־עפּאָס.

האָט ער געלערנט „זינגען און זאָגען", ד. ה. לידער פאָרטראָגען. ער האָט זיך אויך בעטייליגט אין דעם פּאָליטישען לעבען און איז געווען אימער גע־גען פּאַפּסט. ער האָט אָפען געקעמפּט געגען רוים און געגען דער האָבזוכט פון דער קירכע. זיינע לידער זיינען ניט געווען געמאַכט נאָך דער מאָדע אָדער נאָך אימיצען'ס פערלאַנג, נאָר זיי האָבען אויסגעדריקט דעם דראַנג פון זיין אייגענעם האַרצען. לייד און פרייד, ווי אייגענע אַזוי אויך פון פאָלק, האָבען בעשאַפען זיינע לידער.

דאָס וויכטיגסטע פון די פּאָעטישע ווערק פון יענער צייט איז דאָס נ י ב ע־ל ו נ ג ע ן ־ ליד, דאָס גרעסטע פאָלקס־עפּאָס פון די דייטשען. די פראַגע וועגען דעם פערפאַסער פון דעם ניבעלונגען־ליד, האָט געפיהרט צו אַן עהנליכען שטרייט, ווי די פראַגע וועגען דעם אורשפרונג פון האָמער'ס עפּישע געדיכטען. אויך דיזעם ליד, זאָגט מען, איז ניט די שעפּונג פון איין פּאָעט, נאָר דאָס איז אַ זאַמלונג פון העלדען־לידער פון פיעלע פּאָעטען. דער אינהאַלט פון דיזען העלדען־ליד איז פאָלגענדער:

אין בורגונדישען קעניגליכען הויף אין וואָרמס האָט געבליהט די שענע קריעמהילד אונטער דער השגחה פון איהרע ברידער גונטהער, גערנאָט און גיזעלהער. דאָס געפיהל פון ליבע האָט נאָך געשלאָפען אין איהר האַרץ. אין אַ געוויסען טאָג האָט מען אָנגעזאָגט אין קעניגליכען הויף פון וואָרמס, דאָס זיעגפריעד פון קסאַנטען קומט צו גאַסט צום קעניג פון בורגונד. די בורגונדער האָבען אָנגעפאַנגען צו מאַכען גרויסע פאָרבערייטונגען אויפצו־נעהמען דיזען גרויסען בעריהמטען גאַסט. אַזוי באַלד ווי זיעגפריעד האָט דערזעהען די שענע קריעמהילד און ווי זי האָט איהם דערזעהען, האָט אין זייערע הערצער אויפגעפלאַקערט אַ ברענענדע ליבע. לויט קריעמהילד'ס וואונש האָט זיעגפריעד געהאָלפען איהר ברודער דעם קעניג פון בורגונד צו קריגען די האַנט פון ברונהילדע'ן. דערפאַר האָט קריעמהילד איהם געהייראַט. זי האָט געשטאָלצירט מיט איהר מאַן זיעגפריעד. זי האָט עס ניט געקענט פערבאָרגען פון ברונהילדע'ן, וועלכע האָט איהר מקנא געווען איהר גליק. קריעמהילד האָט איהר אָבער מעהר און מעהר געקרענקט און האָט זי איינמאָל שטאַרק בעליידיגט. ברונהילדע האָט בעשלאָסען ראַכע צו נעהמען פון קריעמהילדע'ן דערמיט, וואָס זי וועט ערמאָרדען זיעגפריעד'ן. זי האָט אָנגערעדט איהר מאַן גונטהער און זיין ברודער האַגען, מען זאָל ערמאָרדען זיעגפריעד'ן. האַגען האָט דיזע שרעקליכע טאַט דורכגעפיהרט, און האָט דעם טויטען קערפּער אַנידערגעלעגט פאַר דער טיר פון קריעמ־הילד'ן. זי האָט באַלד פערשטאַנען, דאָס דיזע מאָרדטאַט איז בעגאַנגען

קיין וואָרט ניט געפרעגט, ווייל עס איז דער מנהג אין אַלע קעניגליכע הויפען ניט צו פרעגען אויף קיין זאַך, וואָס מען זעהט דאָרט. ער האָט שפּעטער אויף דאָס זעהר שטאַרק חרטה געהאַט. אויף׳ן אַנדערען טאָג האָט ער געפונען, דאָס דער שלאָס איז אין גאַנצען פּערוויסטעט, און ווען ער איז פון דער בורג אוועקגעפאָהרען, האָט פון איהם אַ ריטער־יונג געמאַכט שפּאַס, פאַרוואָס ער האָט ניט נאָכגעפרעגט אויף אַלץ, וואָס ער האָט געזעהען.

דאַן האָט ער בעגעגענט אַ יונגפרוי, מיט׳ן נאָמען זיגונע, וועלכע האָט געהאַלטען דעם טויטען קערפּער פון איהר געליבטען און האָט ביטערליך גע-יאָמערט. ער האָט איהר גלייך פאָרגעשלאָגען זיינע דינסטען. זי האָט אין איהם דערקענט, דאָס ער איז איהרער אַ פערוואַנדטער, און זי האָט איהם געזאָגט, דאָס זי האָפט, אַז ער האָט דעם קראַנקען קעניג אויף דעם שלאָס דורך איין פראַגע ערלעזט. אָבער ווען זי האָט זיך דערוואוסט, דאָס ער האָט גאָרניט געטאָן פיר דעם קראַנקען קעניג, האָט זי מעהר פון איהם ניט גע-וואָלט הערען.

פון דאַן אָן האָט ער שוויינענד אוועקגעריטען ווייטער און איז געקומען צוּ די ריטער פון קעניג אַרטוס (פון ענגלאַנד), וועלכע האָבען איהם שוין לאַנג געזוכט, און וועלכע האָבען איהם יעצט זעהר פריינדליך אויפגענומען. מיט אַ מאָל איז געקומען אַ באָטין (שליח׳טע) פון דעם גראַף און האָט אויס-געשפּראָכען אַ פלוך איבער פּאַרציוואַל׳ן דערפאַר, וואָס ער האָט ניט נאָכ-געפרעגט, וואָס דעם קראַנקען קעניג איז און האָט ניט געטראַכט און ניט גע-בעטען גאָט וועגען אַ רפואה פיר איהם. ערביטערט און פערשטויסען פון גאָט האָט ער געוואַנדערט און געאירט פינף יאָהר נאָכאַנאַנד אָהן אַ ציל און אָהן רוה. ענדליך איז ער געקומען צו אַ פרומען איינזידלער (אַ פּרוש) מיט׳ן נאָמען טרעווריצענט. אין איהם האָט ער דערקענט דעם ברודער פון זיין מוטער און דעם גראַל־קעניג אַמפאָרטאַס. פון דיזען האָט ער ער-פאַהרען וועגען זיין אייגענער פערגאַנגענהייט, און וועגען אַמפאָרטאַס׳ן האָט ער זיך דערוואוסט, דאָס ער האָט זיך פערדרעהט זיינע יאָהרען אין אַ זינדיגער ליבע (מיט אַן אשת איש) און איז דערפאַר פערוואונדעט געוואָרען דורך אַ סאַראַצענער מיט אַ פערגיפטעטען שווערד. דיזער קעניג וועט נאָר דאַן קענען פריי ווערען פון זיינע שמערצען, ווען פּאַרציוואַל, זיין פּלעמעניק, וועלכער איז בעשטימט אַלס זיין נאָכפאָלגער, וועט קומען צו דער גראַל־בורג און נאָכפרעגען נאָך די וואונדער, וועלכע ער וועט דאָרט זעהען. ער איז דאַן צוריק געקומען צום גראַל־שלאָס. יעצט האָט ער אָנגעפאַנגען צו פרעגען און פערשטעהן אַלץ, וואָס ער זעהט. ער ערלעזט זיין אָנקעל פון זיינע שמערצען

דאָס שענסטע ריטערליכע עפּאָס בעזיצען מיר אין „פּאַרציוואַל" פון וואָלפראַם פון עשענבאַך. דער פערפאַסער פון דיזען געדיכט האָט געלעבט צווישען די יאָהרען 1172 און 1250. ער איז געווען אַ זוהן פון אַן אדעליגען, אָבער ווייל ער אַלס אינגערער זוהן האָט קיין ערבטייל ניט בעקומען פון זיין פאָטער'ס גיטער, האָט ער געמוזט וואַנדערן איבער אַנדערע לענדער אום זיין לעבען צו אונטערהאַלטען. ער האָט ניט געקענט שרייבען און אויך ניט לעזען, אָבער ער האָט געפיהלט אין זיך אַ טאַלענט פיר פּאָעזיע און, איהם איז ווירקליך געלונגען צו פערפאַסען אַן עפּישעס גע־דיכט, וועלכעס ווערט עד היום גערעכענט צו די וויכטיגסטע ווערק פון מיטעלאַלטער.

פּאַרציוואַל שטאַמט פון אַ קעניגליכער פאַמיליע. נאָך זיין פאָטער'ס טויט האָט איהם די קעניגין הערצעליידע ערצויגען אין אַ וואַלד, אום ער זאָל זיך ניט געוועהנען צו וואַפען, וועלכע האָבען נאָר דעם צוועק צו מאָרדען מענשען. ווען ער איז עלטער געוואָרען, האָט ער געקראָגען לוסט צו בעריי־זען פרעמדע לענדער. ער האָט זיך בעגעגענט מיט'ן קעניג אַרטוס, האָט ער־האַלטען אַ ריטערליכע ערציהונג ביי גורנעמאַנץ, האָט בעפרייט די ליבענס־ווירדיגע קאָנדוויראַמור פון איהרע בעדרענגער, דורך וועלכעס ער האָט געוואו־נען איהר ליבע און זיי האָבען געהייראַטעט. אָבער זיין לוסט צו וואַנדערן און די ליבע צו זיין מוטער האָט איהם ווידער געטריבען אין די ווייטע וועלט, צו זוכען נייע אַבענטייער, צו טאָן גרויסע זאַכען, לויט דעם גייסט פון די ריטער פון יענער צייט. איין מאָל איז ער אָנגעקומען צום ברעג פון אַ ים. דאָרט האָט ער דערזעהען אַ פישער און האָט איהם געפרעגט, וואו איז אין דיזער געגענד אַ שלאָס אָדער אַ וואוינונג פון אַ גוטס־בעזיצער. דער פישער האָט איהם אָנגעציינגט אַ בורג, וואוהין ער איז באַלד אַוועק און איז דאָרט גלייך אַריינגעלאָזען געוואָרען. דאָ האָט איהם אַרומגערינגעלט אַ וואונדער־באַרער גלאַנץ. צווישען די ריטער זיינען אויך געווען גאָלדשטראַהלענדע יונג־פרויען. איינע פון זיי, די שענסטע, האָט צוגעטראָגען צום קעניג אַ פינקעלדי־גען שטיין. דער קעניג איז אַ קראַנקער געזעסען אויף זיין בעט. פּאַרציוואַל האָט זיך געזעצט נעבען דעם קעניג. מיט גרויס וואונדער האָט ער געקוקט און געזעהען, ווי אַלע טעלער און די בעכערס פון די ריטער ווערען אָנגעפילט, און דורך אַן אָפענע טיר האָט ער בעמערקט, ווי אויף אַ קליין בעטעל ליגט אַ שנעע־ווייסער אַלטער מאַן. באַלד האָט ער דערזעהען, ווי מען האָט דורכגע־טראָגען דורך'ן זאַל אַ שווערד, פון וועלכען עס האָט געטריפט בלוט, און עס איז געוואָרען אין זאַל אַ שטאַרקער געוויין און יאָמער. פּאַרציוואַל האָט אָבער

בעטען, מען זאָל איהם ערלויבען צוריקקומען אין זיין ליבע געבורטס־שטאָדט, אָבער אַנשטאָט צו געבען איהם די ערלויבניס האָט מען איהם פעראורטיילט צום פייער־טויט. דאַנטע האָט געמוזט וואנדערן פון שטאָדט צו שטאָדט און האָט ערפאַהרען, „ווי פרעמדעס ברויט שמעקט מיט זאַלץ (טרערען), און וואָס פיר א האַרטער וועג עס איז צו קריכען ארויף און אראָפּ אויף פרעמדע טרעפּ". ער האָט דאַמאָלס אָנגעהויבען צו פערשטעהן מעהר און טיפער ווי נעטיג עס איז פיר איטאַליען א קייזערטום, וועלכעס זאָל פעראייניגען אַלע קליינע גע-ביטען אין איין גרויסעס רייך, און וועלכעס וואָלט מאַכען אַן ענדע צו דער דעספּאָטיע פון דער קירכע, וואָס איז שוין דאַמאָלס געוואָרען אונערטרעג-

דאַנטע אַליגהיערי.

ליך. ער האָט זיך דאַן פעראייניגט מיט די גהיבעללינען און האָט אין לאַטיי-נישער שפּראַך געשריבען א בוך איבער די מאָנארכיע.

דאַנטע האָט געקענט בעקומען די ערלויבניס זיך צוריקצוקעהרען אין פלאָרענץ, ווען ער זאָל נאָר זיין שולד בעקענען. אָבער כאָטש זיין בייגקעניס נאָך זיין היים איז געווען זעהר שטאַרק, האָט ער ניט געוואָלט טאָן א זאַך, וואָס איז געווען געגען זיין געוויסען און געגען זיין עהרע. ער האָט אָבער נאָך אַלץ געהאָפט, דאָס ענדליך וועט איהם פלאָרענץ צוריקרופען, ווענינ-סטענס צוליב זיינע ווייסע, גרויע האָאָר.

און ווערט קעניג פון גראַל. נאָך אַ לאַנגער שיידונג איז אויך זיין געליבטע פרוי קאָנדוויראַמור מיט איהרע קינדער צו איהם צוריקגעקומען.

אין איטאַליען איז די ריטערליכע פּאָעזיע ניט ענטוויקעלט געווען. אָבער דערפאַר האָט דיזעס לאַנד מיט איין מאָל איבערגעשטיגען אַלע לענדער דורך אַ זשעניע, וואָס די מענשהייט גיט אַרוים זיין גלייכען זעהר זעלטען. דיזער זשעניע איז געווען ד א נ ט ע, וועלכער האָט געלעגט דעם גרונד־שטיין צו דער נייער איטאַליענישער ליטעראַטור. דאַנטע האָט געהאַט אַ זעהר גליקליכע ערציהונג און וועלט־ערפאַהרונג, און דאָס האָט איהם גרויס געמאַכט. ער איז געבאָרען געוואָרען אין פלאָרענץ אין יאָהר 1292 און האָט געקריגען אַן אויסגעצייכענטע ערציהונג אין קונסט און וויסענשאַפט. ווען ער איז נאָך געווען גאַנץ יונג האָט ער שוין געפיהרט דיספּוטען אין פערשיידענע אוניווערזיטעטען, און האָט זיך מיט לייב און זעלע איבערגע־געבען צום שטודיום פון פילאָזאָפיע. איבערהויפּט האָט אויף זיין לעבען גע־האַט אַ גרויסען איינפלוס זיין ליבע און טייערע לעבענסבעגלייטערין, זיין פרוי בעאַטריטשע פּאָרטינאַרי. זי איז איהם פריה אָפּגעשטאָרבען, אָבער ער האָט זי אַזוי פערגעטערט, דאָס זיין ערדישע ליבע האָט זיך פערוואַנדעלט אין אַ הימלישע; זי איז איהם געוואָרען אַ סימבאָל פון דער וועלט־האַרמאָניע, אַן עבענבילד פון גאָט, וואָס האָט איהם געצויגען צו עטוואָס גרויסעס, ער־האַבענעס.

דאַנטע האָט אין דעם שטודיום פון פילאָזאָפיע געזוכט טרויסט פיר זיין פערוואונדעטעס הערץ. ער האָט אָבער קיין ריכטיגען פרידען ניט גע־פונען. ער האָט זיך דעריבער אַריינגעוואָרפען אין ים פון פּאָליטישען לע־בען. מען האָט באַלד ערקענט זיין גרויסען זשעניע און ער איז גיך געוואָ־רען פון די גרעסטע בעאַמטע אין פלאָרענץ. אָהן זיין ראַט האָט מען קיין וויכטיגע זאַך ניט בעשלאָסען. אין פלאָרענץ איז געוואָרען אַ שרעקליכע מחלוקה צווישען די פּאַרטייען, וועלכע האָבען פערפאָלגט איינע די אַנדערע, און דערפון האָבען שטאַרק געליטען די אַלגעמיינע אינטערעסען. דאַנטע האָט בעקומען אַן אויפטראַג אין יאָהר 1302 זיך צו ווענדען צום פּאַפּסט באָניפאַציוס דעם 8טען, בעטען איהם ער זאָל זיך אַריינמישען און מאַכען אַן ענד צו די צאַנקערייען. אָבער דער פּאַפּסט, אַנשטאָט אַריינצולעגען זיך אין אַ שלום, האָט איבערגעגעבען צום ברודער פון פראַנצויזישען קעניג, קאַרל פון וואַלואַ, ער זאָל די זאַך ענדיגען מיט דער מאַכט פון מיליטער. דאַנטע'ס פּאַרטיי האָט מען פון לאַנד אַרויסגעטריבען און צוזאַמען מיט זיין פּאַרטיי איז ער אויך פון פאָטערלאַנד פעריאָגט געוואָרען. ער האָט געפּרובּט

שיינען אין געטליכען גלאַנץ. אַלע פרומע, אַלע, וואָס האָבען געהאָל־פען צו ערציהען און ענטוויקלען די מענשען, וואָס האָבען געליטען לטובת דער מענשהייט, אַלע גוטע פירסטען, עהרליכע געזעצגעבער — אַלע אזעל־כע נשמות האָבען געגאָסען פון דער געטליכער גוטקייט אַן אינערליכעס פערגניגען. אין די העכסטע ספערען האָט איהם בעאַטריטשע פערלאָזען און דער הייליגער בערנהארד איז געוואָרען זיין פיהרער. דיזער האָט גע־בעטען פיר איהם גנאדע, צו קענען זעהן די גאָטהייט זעלבסט. זיין בקשה איז ערפילט געוואָרען. דער פּאָעט האָט דערזעהען דריי קרייזען, אַלע פון דער זעלבער גרויס, אָבער פון פערשיידענע פארבען. איינער פון די דריי קרייזען האָט געהאט א מענשליכעס געזיכט. א בליץ האָט דורכגעדרונגען דעם גייסט פון פּאָעט און דאַן האָט ער פערשטאַנען דאָס פערהעלטניס פון דעם בילד צום קרייז.

דאנטע איז דער גרעסטער דיכטער פון מיטעלאַלטער, און דעריבער איז ער אויך דער איינציגער פון יענער צייט, צו וועלכען אַלע געבילדעטע נאציאָ־נען קעהרען זיך אימער און אימער צוריק.

ד. די פּראָזאאישע ליטעראַטור.

דער הויפּט־טייל פון דער פּראָזאאישער ליטעראַטור פון יענער צייט איז די סכאָלאַסטישע פילאָזאָפיע. דער גרונדזאַץ פון דיזער פילאָזאָפיע איז, דאָס די לעהרע פון דער קירכע איז אונבעדינגט וואהר. מען האָט געשטודירט אַריס־טאָטעל'ס פילאָזאָפיע און די לעהרעס פון אַנדערע גריכישע דענקער, אָבער דיזע אַלע לעהרעס האָבען געמוזט שטימען מיט די פּרינציפּען און די דאָגמאַס פון קריסטענטום. אין אָנפאַנג פון דער סכאָלאַסטישער פעריאָדע איז נאָך די טהעאָלאָגישע פילאָזאָפיע געווען עטוואָס פרייער, ווייל די דאָגמאַס פון קריס־טענטום זיינען נאָך ניט פעסטגעשטעלט געווען, און די בעשעדיגונג אין קע־צעריי איז נאָך ניט געווען אזוי געפעהרליך ווי שפּעטער. אָבער שפּעטער איז די סכאָלאַסטיק געוואָרען ענג צוזאַמענגעבונדען מיט דער לעהרע פון דער קיר־כע. די פילאָזאָפיע איז געוואָרען די דינערין פון דער טהעאָלאָגיע. אָבער אַזוי ווי די סכאָלאַסטיק איז ניט געווען אין שטאַנד צו ערקלערען דורך פילאָזאָפיע אַלע קירכליכע לעהרעס און דאָגמאַס, האָבען אַנדערע גענומען אַלס הילפס־מיטעל דערצו די מיסטיק (געהיימלעהרע, קבלה). דורך די סכאָלאַסטיק און מיסטיק האָבען די גייסטליכע אין מיטעלאַלטער געזוכט צו ערקלערען אַלע פּרינציפּען פון קריסטענטום, ווי אויך אַלע פראַגעס, מיט וועלכע עס האָ־בען זיך אינטערעסירט די טהעאָלאָגען פון יענער צייט, ווי צום ביישפּיל: ווי

אָבער דאַנטע'ס ברענענדע האָפנונגען זיינען ניט ערפילט געוואָרען. פלאָרענץ האָט נאָך אַ מאָל בעשעטיגט דעם דעקרעט פון זיין פערבאַנונג און פון בערויבען איהם אַלע רעכטען. אין יאָהר 1321 איז ער געשטאָרבען אין ראַווענאַ. דאָ האָט מען מיט גרויס פּאַראַד בעגראָבען זיינע ביינער אין אַ מאָדערנעם אָרון נעבען דער פראַנציסקאַנער קירכע.

דאָס ווערק, וואָס האָט דאַנטע'ן אונשטערבליך געמאַכט, איז די „געט־ליכע קאָמעדיע”. דיזעס ווערק איז אַ פּאָעטישער איבערבליק איבער בע־שטימטע געשיכטליכע בעגעבענהייטען. עס איז איינגעטיילט אין 3 טיילען: דער גיהנם, די לייטערונג און דער גן עדן. יעדער טייל בעשטעהט פון 33 געזענגען, און דאָס גאַנצע בעשטעהט פון הונדערט געזאַנגען, ווייל איין געזאַנג איז די איינלייטונג. דער גיהנם ענטהאַלט אויסער דעם פאָרהויף 9 קרייזען, די לייטערונגס־אַבטיילונג — 9 חדרים, דעם פאָרהויף, 7 טרעפּען פון תשובה, און דעם ערדישען גן־עדן אויף דער שפּיץ פון דעם לייטערונגס־בארג. דער גן עדן בעשטעהט פון 9 הימלישע קרייזען, איבער וועלכע עס שוועבט דער כסא הכבוד פון גאָט.

עס איז אונמעגליך צו געבען אַ קורצען אינהאַלט פון דיזען גרויסאַרטי־גען געדיכט. אין אַלגעמיין שטעלט דיזע פּאָעמע פאָר אַ וואַנדערונג דורך די גייסטער־וועלט, אויף וועלכער עס האָבען איהם בעגלייט דער גרויסער רוימישער פּאָעט ווירגיל און זיין געליבטע פרוי בעאַטריטשע, וועלכע איז פיר איהם געווען אַ סימבאָל פון געטליכער ליבע. דורכגעהענדיג דעם גיהנם האָט איהם ווירגיל אָנגעצייגט אויף די שרעקליכע שטראָפען, וואָס פערברע־כער בעקומען דאָרט פיר זייערע פערברעכענס, פיר האַנדלען געגען דעם גע־זעץ, געגען דער געטליכער און נאַטירליכער אָרדנונג, געגען טיראַניי, האָב־זוכט, רויבזוכט, גאָט־לעסטערונג, ניאוף, אָפּנאַרען און פאַלש זיין צום צווייטען. אין דער אָפּטיילונג פון די בעלי תשובה האָט ער געזעהען און בעטראַכט אַלע גנאַדע־מיטלען, וועלכע גאָט האָט בעשטימט פיר די יעניגע, וואָס וועלען צוריק ארויף אויף דעם אמת'ן וועג — גנאַדען־מיטלען, וועלכע די מענשען זעהען אָפּט ניט, ווייל די ליידענשאַפטען פערבלענדען זיי די אויגען. נאָך דעם, ווי דאַנטע האָט שוין דורכגעמאַכט זיין רייזע דורך דעם גיהנום, האָט איהם בעאַטריטשע אַליין געפיהרט צו די הימלישע קרייזען. עס איז איהם ניט שווער אָנגעקומען זיך אַהין ארויפצוהייבען דורך די בע־גייסטערונג פון זיין פיהרערין. ער האָט דורכגעוואַנדערט דעם גן עדן פון איין שטערן צום אַנדערן דורך אַלע 7 הימלען. דאָרט האָט ער גע־זעהען, ווי די אַלע נשמות, וואָס האָבען געטאָן גוטעס אויף דער וועלט,

איינפאַכע פערצייכניסען פון פאַסירונגען, אָהן אַ שום צוזאַמענהאַנג, אָהן אַ שום פערשטענדליכער פערבינדונג צווישען די ערשיינונגען. עס איז ניט ערקלערט געוואָרען, וואָס פיר אַן איינפלוס איין געוויסער פאַקט האָט געהאַט אויף די וויטערע שפּעטערע עראייגניסען, אָדער דאָס אַ געוויסער פאַקט איז אַ רעזולטאַט פון די פריהערדיגע עראייגניסען, וואָס דאָס איז די הויפּט-וויכטיגקייט פון געשיכטע אַלס אַ לעהרע; מען האָט נאָר פערצייכענט אַלץ, וואָס מען האָט געטאָן און געהערט, אָהן אַ שום ערקלערונג. דער איינציגער, וואָס האָט פערשטאַנען אין יענער צייט די בעדייטונג און וויכטיגקייט פון דער געשיכטע, איז געוועזן אָטטאָ פון פרייזינג. ער האָט אָנגעשריבען אַן אַלגעמיינע וועלטגעשיכטע, און אויך אַ בוך איבער די טאַטען פון פריעדריך דעם 1טען, און אין ביידע ווערק האָט ער בעוויזען, וואָס פיר אַ פילאָזאָפישער דענקער ער איז, וואָס פיר אַ קריטישען זין ער האָט, און ווי ער פערשטעהט די היסטאָרישע פאַקטען מיט זייער בעדייטונג פיר די געזעלשאַפט. פון די ענגלישע געשיכטליכע ווערק פון 13טען יאָהרהונדערט איז דאָס בעסטע יענעס, וואָס איז געשריבען געוואָרען פון מאַטטהאֶאוס פאַריז, וועלכער איז זעהר אָפען און שאַרף אַרויס געגען פּאַפּסט און געגען דער קירכע פון יענער צייט.

אונטער די פראַנצויזישע געשיכטליכע ביכער פון יענער צייט האָבען אַ גרויסען ווערט די ווערק, וואָס זיינען געשריבען געוואָרען איבער די קרייץ-צוגען, ווייל זייערע פערפאַסער זיינען זעלבסט געוועזן צושויער פון אַלץ, איבער וואָס זיי האָבען געשריבען. בעזונדערס צייכענט זיך אויס פון די ווערק פון דיזען מין „די געשיכטע פון היליגען קריג", פערפאַסט פון ווילהעלם פון טירוס. אין דיזען ווערק צייגט דער פערפאַסער גרויסע קענטניסען, לעבעדיגע שילדערונג, בעגייסטערונג פיר זיין אויפגאַבע, אָבער עס פערלירט פיעל אין ווערט צוליב זיין גלויבען אין וואונדער און צוליב דעם, וואָס איהם האָט געפעהלט דער קריטישער זין. אויך אין איטאַליען זיינען ערשינען אין 13טען יאָהרהונדערט אַ גאַנצע רייהע פון געשיכטליכע ביכער. די בעריהמטעסטע פון זיי זיינען די פלאָרענטינישע געשיכטע פון ניקאָרדאַנאָ מאַלעספּיני און דינאָ קאָמפּאַני.

ה. מוזיק, קריגס-קונסט און דאָס געזעלשאַפטליכע לעבען.

שוין אין דער צייט פון קאַרל דעם גרויסען האָט מען ביי די פראַנקען איינגעפיהרט שולעס צו לערנען מוזיק און מען האָט צו דיזען צוועק איינגעלאַדען זינג-לעהרער פון רוים. אַזעלכע שולעס האָבען דאַמאָלס עקסיסטירט

פיעלע מלאכים קענען זיך אויסשטעלען אויף אַ שפּיץ פון אַ נאָדעל? איז אדם הראשון געבאָרען געוואָרען מיט אַ נאָפּעל אָדער אָהן אַ נאָפּעל? ווי וואָלט יעזוס געקענט ברייננגען די גאולה? וואָס ווערט פון אַ מויז, ווען זי האָט פערזוכט פון דער האָסטיע (דאָס זיינען די קליינע חלה׳לאַך, וואָס מען גיט יעדען אין דער קירכע צו פערזוכען, און דאָס ווערט גערעכענט, ווי מען עסט יעזוס׳עס פליישׁ)? זאָל מען רעכנען אַ מויז, וואָס איז אריינגעפאַלען אין הייליגעם טויף־וואסער, אלס געטויפט?

אונגעפעהר אין אַזאַ צושטאַנד איז געווען דאָס פאָרשען אין מיטעל־אַלטער אונטער די גייסטליכע פון דער קירכע. די קרייץ־צוגען האָבען גע־בראַכט אין בעריהרונג די מערב־לענדער מיט׳ן אָריענט, און די קריסטליכע וועלט איז דורך זיי מעהר בעקאַנט געוואָרען מיט די גריכען און אראַבער, וועלכע זיינען דאַמאָלס געווען די איינציגע טרעגער פון קולטור און וויסענ־שאַפט, און די קריסטען האָבען אויך אָנגעפאַנגען צו לערנען מאַטהעמאַטיק, פיזיק, אַסטראָנאָמיע, און נאַטור־וויסענשאַפט אין אַלגעמיין. אַן ענגלישער מאָנאַך אַ ד ע ל ה א ר ד האָט דער ערסטער איבערגעזעצט די געאָמעטריע פון עווקלידעס׳ן און דאָס האָט געהאַט אַן אונגעהייערען איינפלוס אויף די ענטוויקלונג פון גייסט אין יענער צייט און האָט ערוועקט אין די הערצער פון פיעלע זיך איבערצוגעבען צום שטודיום פון וויסענשאַפטען. א ל ב ע ר ־ ט ו ס מ א ג נ ו ס, וועלכער רעכענט זיך פיר דעם גרעסטען געלעהרטען פון זיין צייט, האָט געמאַכט אַ גאַנצע רייהע פון אונטערזוכונגען און ענט־דעקונגען אין דער פיזיק, און איז געווען אַ זעלטענער פרייגייסט. ר אָ ־ ד ז ש ע ר ב אַ ק אָ האָט זיך נאָך מעהר אויסגעצייכענט אַלס אַ געניאַלער פאָרשער אויף דעם געביט פון וויסענשאַפטען. ער האָט מיט אַלע קרעפטען געשטריטען געגען דער סכאָלאַסטיק און איהר פאַלשער פערבינדונג מיט דער פילאָזאָפיע פון אריסטאָטעל׳ן. ער איז אויך דער ערסטער, וועלכער האָט אָנגעפאַנגען צו בענוצען די מאַטהעמאַטיק און נאַטור־וויסענשאַפטליכע פאָר־שונגען. ער האָט מיט גרויס שאַרפזין בערעכענט די ווירקונג פון געשליפענע גלעזער; ער האָט שוין געוואוסט און גערעדט וועגען דעם, דאָס דורך גלעזער קען מען מאַכען, דאָס גרויסע זאַכען זאָלען אויסווייזען קליין און דאָס קליינע זאָלען אויסווייזען גרויס. דורך זיינע כעמישע אונטערזוכונגען האָט ער ענטדעקט דאָס שיס־פּולווער. די כעמיע האָט מען דאַמאָלס אָנגעפאַנגען צו געברויכען אין מעדיצין, און איבערהויפּט אום צו מאַכען גאָלד.

די געשיכטע־שרייבונג איז נאָך דאַמאָלס געשטאַנען אויף אַ זעהר ניד־ריגער שטופע. זי איז דאַמאָלס בעשטאַנען נאָר אין כראָניקען, ד. ה. אין

וועלכע מען האָט געוואָלט געבען א גוטע ערציהונג, האָט געמוזט קענען שפּי־לען אויף וועלכען עס איז אינסטרומענט אָדער זינגען. דער ריטערליכער טרו־באדור (וואנדערנדער פּאָעט) האָט געמוזט אויף זיינע רייזעס האָבען נעבען זיך א מוזיקאַנט, וועלכער האָט געקראַגען געצאָהלט פיר זיין זינגען אָדער שפּילען.

וואָס אָנבעטרעפט די קריגס־קונסט, איז די בעוואפנונג אין מיטעלאַלטער געווען די זעלבע, ווי אין דער צייט פון די קאראָלינגער. די וואפען פון א ריטער זיינען געווען ניט מעהר ווי א שפּיז און א שווערד. דאָס שווערד איז



קריגס־לייט אין מיטעלאַלטער.

מיט דער צייט געוואָרען אזוי לאַנג און ברייט, דאָס עס איז געוואָרען אונ־בעקוועם צו טראָגען עס אין צייט פון פרידען, און מען האָט געמוזט האָבען א וואפענטרעגער, וועלכער האָט דאָס שווערד געטראָגען פאר אָדער הינטער דעם ריטער. אלס שוץ־וואפען זיינען געברויכט געוואָרען זינט דעם 10טען יאָהרהונדערט א העלם (הוט) און א הארניש (פאנצער). דער העלם איז געווען אין דער פאָרמע פון א צוקער־היטעל און איז געווען געמאכט פון בלעך אָדער פון לעדער. אין 12טען יאָהרהונדערט האָט מען שוין אָנגע־

אין סאַנקט גאַללען, אין מעטץ און אין נאָך איינינגע שטעדט. אָבער אַן ערנסטע שטופע האָט די מוזיק דאָרט דערגרייכט ערסט דאַן, ווען מען האָט איינגעפיהרט די האַרמאָניע, ד. ה. אַלס מען האָט אָנגעפאַנגען צו לאָזען זינגען מעהרערע שטימען צוזאַמען אין פערשיידענע אינטערוואַלען (צווישענרוימען פון טאָן). דאַמאָלס איז אַיינגעפיהרט געוואָרען די טאָן־מעסטונג, אָהן וועלכער עס קען ניט זיין קיין האַרמאָניע אין דעם זינגען פון פערשיידענע

קינדער־שפּיל און מוזיק־אינסטרומענטען אין מיטעלאַלטער.

שטימען. גואידאָס פון אַרעצצאָ איז געווען דער ערסטער, וואָס האָט ערפונדען די קונסט אויפצוצייכנען מעלאָדיען (שרייבען נאָטען). דיזער מוזיקער האָט געלעבט אין דער ערסטער העלפט פון 11טען יאָהרהונדערט.

די מוזיק האָט אין מיטעלאַלטער געהאַט א פיעל גרעסערע בעדייטונג פיר די געזעלשאַפט אַלס אין אַנדערע צייטען. מען האָט זיך דאַמאָלס מיט איהר בעשעפטיגט פיעל מעהר ווי היינט. יעדער אינגעל אָדער יעדע מיידעל,

אָבער ביי אַלעם דעם איז געווען דאָס הויפּט־פּרינציפּ אין הויז־זאַכען — די ניצליכקייט. מען האָט געקויפט און געמאַכט זאַכען פיר דעם הויז־געברויך נאָר אַזעלכע, וואָס זיינען געווען נעטיג צום לעבען. קיין איבריגע נוצלאָזע זאַכען האָבען זיי ניט געהאַט. אָבער דאָס, וואָס זיי האָבען געברויכט, איז געמאַכט געווען מאַסיוו און שען. מערקווירדיג איז, דאָס אין מיטעלאַלטער האָט מען די בעטען ניט פערבאָרגען פון די אויגען פון פרעמדע מענשען, ווי עס איז ביי אונז די געוועהנהייט אין היינטיגע צייטען, נאָר אין געגענטייל, מען האָט זיי געהאַלטען אין צימערען, וואָס זיינען געוועהנליך צוגענגליך צו יעדען פרעמדען, און דעריבער האָט מען זיי געמאַכט זעהר שען מיט אַלערליי פּערציִרונגען.

צו פערברייננגען די צייט אין געזעלשאַפט אויסער דער אייגענער פאַמיליע איז געווען די זיטע ניט נאָר פון דער העכערער קלאַס פון די ריטער, נאָר עס איז געווען איינגעפיהרט אויך צווישען די בירגער (בעלי בתים). אין די שטעדט זיינען געווען פערשיידענע ערטער און איינריכטונגען פיר צייט־פערטרייב נאָך דער צייט פון אַרבייט אָדער אין געוויסע פייערטעג. אין פּריהלינג פלעגט מען אַרויסגעהן אָדער אַרויספאָהרען אויף די פרייע נאַטור, פערברייינגען טעג און אָפטמאָל אויך נעכט אין טאַנצען און שפּילען. אויך אין ווינטער־צייט האָבען פיר דאָס פאָלק ניט געפעהלט פערשיידענע לוסט־פּלעצער אָדער לוסט־הייזער.

די קירכע זעלבסט האָט אויך פערשאַפט פיר דאָס פאָלק מיטלען צום צייט־פערטרייב מיט די לוסט־שפּילען, וואָס זי פלעגט פון צייט צו צייט פאַרשטעלען. ווי עס איז בעקאַנט פון פריהער, איז דער אָנפאַנג פון דער דראַמאַ ביי די גריכען געווען אין טעמפּעל. אַזוי איז אויך ביי די קריסטען געווען דער אָנפאַנג פון דער דראַמאַ אין דער קירכע. נאָר ווען די גייסטליכע האָ· אין דער קירכע ערלויבט צופיעל לצנות, האָט מען די פאָרשטעלונגען פון דאָרט אַרויסגעטריבען. דאַן האָבען די שווישפּילער איבערגענומען די ראָלע פון די פּריסטער, און אָנשטאָט דער קירכע, האָט מען פאַר דער קירכע אויסגעבויט אַ ביהנע און מען האָט די פאָרשטעלונגען פאָרטגעזעצט.

פאַנגען צו געברויכען געשלאָסענע העלמען, וועלכע פלעגען צודעקען דעם גאַנ־צען קאָפּ מיט'ן געזיכט ביז דעם קין (מאָרדע) און האָבען נאָר געהאַט עפּנונ־גען פיר די אויגען, דעם נאָז און דעם מויל. די העלמען זיינען דאַמאָלס גע־מאַכט געוואָרען פון איין שטיק און האָבען געהאַט די פאָרמע פון א טאָפּ. דער פאַנצער אין 12טען יאָהרהונדערט איז בעשטאַנען פון געדיכטע אייזענ־קליי־ער, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרען פון קליינע רינגעלאַך געדיכט צו־זאמענגענעהט און פערפעסטיגט איינער מיט דעם אַנדערען.

אין דיזע קליידער איז כמעט אונמעגליך געווען צו פיהרען א שטרייט צו פוס, ווייל עס איז אין זיי זעהר שווער געווען צו בעוועגען זיך, דערי־בער האָט זיך מעהר און מעהר ענטוויקעלט די רייטעריי, און זי האָט גע־שפּילט די הויפּט־ראָלע אין שטרייט. אום צו איבען זיך אין דער קריגס־קונסט האָט מען איינגעאָרדענט טורניערען, אָדער קריגס־שפּילען. דאָס איז געווען א שטרייט צווישען איין מחנה קריגער און דער אַנדערער, וועלכע זיי־נען געווען ווי צוויי פיינדליכע אַרמעען געשטעלט איינער געגען דער אַנדע־רער און האָבען געשטריטען ווי וואָהרע געגנער, אָבער האָבען ניט געטויטעט איינע די אַנדערע. די טורניערען זיינען מיט דער צייט געוואָרען איינע פון די וויכטיגסטע בעשעפטיגונגען פון ריטערליכען לעבען און עס זיינען איינ־געפיהרט געוואָרען געוויסע געזעצען און רעגלען, פון וועלכע קיינער פון די, וואָס האָבען גענומען אָנטייל דערין, האָבען ניט געקענט אָפּווייכען. צווישען די געזעצען זיינען אויך געווען רעגלען, ווי און אין וואָס דער ריטער זאָל ערשיינען צום טורניער. מיט דער צייט האָט זיך ענטוויקעלט אין דיזער הינזיכט א שטאַרקער לוקסוס.

ווי אין פיעלע אַנדערע זאַכען, אַזוי איז אויך אין דער ענטוויקלונג און פער'שפּרייטונג פון לוקסוס פראַנקרייך געווען די טאָן־געבערין. פריהער און מעהר פון אַלץ האָט זיך דער לוקסוס אַרויסגעוויזען אין קליידונג. די מע־נער האָבען געטראָגען לאַנגע זאָקען ביז איבער די קני און הויזען נאָר ביז די קני. די זאָקען זיינען געמאַכט געוואָרען פון זייד געשטיקט מיט גאָלד און זיינען געווען צוזאַמענגעבונדען מיט די הויזען דורך שענע טייערע שניר־לאַך. ווי עס פיהרט זיך אין אַזעלכע פעלען, האָט דאָס מיטעלע פאָלק נאָכ־געטאָן די מאָדע פון די רייכערע קלאַסען. דאָס זעלבע איז אויך געווען מיט די פרויען־קליידער.

די הייזער אינווענייג זיינען געווען בעפּוצט מיט אַלערליי אָרנאַמענטען און טייערע מעבעל נאָך דעם געשמאַק פון דער גריכישער קלאַסישער קונסט.

סערס א. אַז. וו. פיעלע לייבאייגענע, ווי אויך פרייע בויערן, זיינען געוועזן גוטע ספּעציאַליסטען אין פערשיידענע אַרבייטען. אום אַרויסצוברייננגען די אַרבייט בעסער און גרינגער, האָבען זיך די אַרבייטער פון יעדען סאָרט אַרבייט גרופּירט בעזונדער, ווייל עס איז פיעל בעקוועמער געוועזן צו זיין צוזאַמען און העלפען איינער דעם אַנדערן און לערנען איינער פון אַנדערן. ווייל די בויערן האָבען דאַמאָלס געצאָהלט זייערע שטייערן מיט נאַטור־פּראָדוקטען און דער הערר האָט די פּראָדוקטען אַליין פערברויכט, האָט דער הויף ניט געוואוסט פון קיין מסחר. ער האָט קיינמאָל קיין זאַך ניט געקויפט, ער האָט אַלץ, וואָס ער האָט געברויכט, ערהאַלטען פערטיגעס; ער האָט ניט געוואוסט פון אַרבייטער־לוין און פון שאַצען דעם ווערט פון אַ זאַך. יעדער הויף, ווי מיר האָבען פריהער געזעהען, איז געוועזן אָפּגעשלאָסען פיר זיך און האָט מיט אַנדערע הויפען ניט געהאַט קיין פערבינדונג. ער האָט אַלץ געהאַט ביי זיך, וואָס ער האָט געברויכט; ער האָט ניט בעדאַרפט אָנקומען צו אַן אַנדערען הויף, ער זאָל איהם אין עטוואָס אויסהעלפען, וואָס איהם האָט געפעהלט, ווייל עס האָט איהם גאָר ניט געפעהלט. זעהר זעלטען האָט געטראָפען, דאָס איין הויף זאָל דאַרפען עטוואָס בייטען מיט אַן אַנדערען הויף, ווייל ווען עס האָט אין אַ הויף עטוואָס געפעהלט, האָט דער גוטס־בעזיצער געזעהען צו בעזאָרגען, אַז ער זאָל עס האָבען אייגענעס, געמאַכט ביי זיך אַליין.

מיט דיזען אופן איז ניט געוועזן נעטיג קיין האַנדעל. אָבער מען האָט אָהן דעם האַנדעל לאַנג ניט געקענט אויסקומען. ניט אַלע ערטער זיינען גלייך, ניט אין אַלע ערטער קען די נאַטור אַרויסגעבען אַלעס, וואָס דער מענש געברויכט צו זיינע בעדערפניסען. דאָ פעהלט ווייז, ווייל דער אָרט גיט ניט אַרויס קיין טרויבען, דאָרט פעהלט אימער אָדער אָפּט ווייץ א. ד. גל. דאָס האָט געצוואונגען צום טויש־האַנדעל. דער האָט געהאַט צופיעל ווייז און יענער האָט געהאַט צופיעל ווייץ, האָט מען זיך געביטען איינער מיט דעם צווייטען. אום עס צו מאַכען לייכטער, האָט מען בעשטימט מאַרק־פּלעצער, וואו דער איבערפלוס פון פערשיידענע גיטער איז צוזאַמענגעבראַכט געוואָרען, און דאָרט האָט מען זיך געביטען. מען קען זאָגען, דאָס דער מאַרק איז דער אייגענטליכער אָנפאַנג פון שטאָדט־ענטוויקלונג.

מיר האָבען שוין פריהער געזעהען, דאָס אויסערליך האָט זיך די שטאָדט געבילדעט דורך דעם, וואָס די פעאָדאַל־הויפען האָבען זיך צוזאַמענגעדרענגט איינער נעבען אַנדערען, און דיזעס האָט געגעבען דער גרויסער גרופּע פון הויפען אַן אויסזעהען פון אַ שטאָדט. דערצו מוזען מיר נאָך צוגעבען, דאָס אויסער די געוועהנליכע איינוואוינער פון די הויפען, וואָס

דאָס לעבען אין די דייטשע שטעדט.

עס איז געוועהנליך אָנגענומען, דאָס די קרייץ־צוגען האָבען געהאַט א גרויסען איינפלוס אויף די ענטוויקלונג פון די שטעדט. מען רע־כענט, דאָס דורך די קרייץ־צוגען איז דאָס גאַנצע פעאָדאַל־סיסטעם צוטריי־סעלט געוואָרען און אויף זיינע רואינען איז אויפגעשטעלט געוואָרען דער פונ־דאַמענט פון שטאָדט־לעבען. דיזע מיינונג שטיצט זיך אויף דעם פאַקט, דאָס אין יענער צייט איז די צאָהל פון שטעדט מערקווירדיג פערגרעסערט געוואָ־רען און דער געגענזאַץ צווישען שטאָדט און לאַנד איז געוואָרען זעהר מערק־באַר. זעהר פיעלע פאַקטען זיינען אָבער געגען דיזער בעהויפּטונג. פריהער פון אַלץ וואָלטען מיר וועלען פרעגען, וואָס פיר א צוזאַמענהאַנג האָבען די קרייץ־צוגען מיט דער ענטוויקלונג פון די שטעדט, און ווי אַזוי האָבען זיי עס געהאַט אַזאַ קראַפט צו ענדערן דאָס גאַנצע געזעלשאַפטליכע לעבען פון יע־נער צייט? עס וועט זיין פיעל נעהענטער צו דער וואַהרהייט, ווען מיר זאָ־לען אָננעהמען, דאָס די שטעדט האָבען זיך ענטוויקעלט ניט צוליב וועלכער עס איז אורזאַך פון אויסען, ווי די קרייץ־צוגען, נאָר ווייל עס האָבען זיך צוזאַמענגעדריקט צופיעל פעאָדאַל־הויפען אויף איין אָרט, ווי מיר האָבען עס פריהער ערקלערט און מיר וועלען עס דאָ פרובירען ערקלערען א ביסעל אויס־פיהרליכער.

אין דער צייט פון מיטעלאַלטער איז א גוט פון א פאַריץ געוועזן א קליין מדינה'לע פיר זיך אַליין. דער פעאָדאַל־הויף האָט פּראָדוצירט אַלץ, וואָס איז נעטיג געווען צום לעבען פיר דעם גוטס־בעזיצער זעלבסט, ווי אויך וואָס עס האָבען געברויכט צו זייערע בעדערפניסען די איבריגע לייט, וועלכע האָבען געוואוינט אין דיזען גוט. ניט נאָר אַלערליי געטריידע און תבואות, נאָר אויך וואָל, וואַקס, האָניג, פלאַקס, וויין, רינדער, חזירים, היהנער, האָלץ א. אַנד. דער הויף האָט אויך פאַבריצירט אַלע מינים וואַרע: וואָל־צייג, זאָקען, שיך, פערטיגעס ברויט, ביער, געשיר, טיש־געשיר, בעכערס, מע־

הויז זוכען, וואו מען ברויכט זייער אַרבייט, נאָך דעם, ווי זיי האָבען ערפילט זייער פליכט צו זייער הערר, דעם גוטס־בעזיצער. דיזע אַרבייטער פלעגען אין דער צייט, וואָס זיי האָבען געאַרבייט אין אַ פרעמדען הויז, בעקומען קעסט, וואוינונג און אויסער דעם אַ געוויסע בעלוינונג, ווי עס איז נאָך היינט צו בעמערקען אין מאַנכע לענדער צווישען פערשיידענע אַרבייטער, ווי וועשינס, שניידער אָדער שניידערקעס.

אויסער דיזע אַרבייטער, וועלכע פלעגען געהן פון הויז צו הויז, פון דאָרף צו דאָרף, טאָן פרעמדע אַרבייט, זיינען נאָך געווען אַזעלכע, וועלכע האָבען

בירגער אין מיטעלאַלטער.

זיך אַליין אויף זייער רעכנונג געמאַכט אַן אַנשטאַלט צו בעאַרבייטען די רויהע מאַטעריאַלען, וואָס איינצעלנע פערזאָנען האָבען געבראַכט צו זיי צום בעאַרבייטען און צו מאַכען עס געברויכבאַר. איבערהויפּט איז דאָס געווען דער פאַל ביי אַזעלכע פאַכען, פיר וועלכע עס זיינען נעטיג געווען פעסטשטעהענדע פּראָדוקציאָנס־מיטלען, ווי צ. ב. אַ מיהל, אַ באַק־אויווען, אַ וועב־שטול. דאָס זעלבע איז אויך מיט דער צייט געוואָרען מיט פיעלע אַנדערע זאַכען. איבערהויפּט זיינען פיעלע געווען געצוואונגען דערצו, ווייל עס איז

האָבען געבילדעט די שטאָדט, האָבען נאָך צו זיי געהערט פיעלע איינוואוי-נער פון דער אומגעגענד. די איינוואוינער פון יעדער אומגעגענד, אַרום וועלכער עס איז בורג אָדער פעסטונג, האָבען צוזאַמענגעשטעלט אַ פערבאַנד אָדער אַ שוץ־פעראיין מיט בעזונדערע רעכטען און בעזונדערע פליכטען. אַלע לייט פון דיזען שוץ־פעראיין האָבען געמוזט העלפען בעפעסטיגען די שטאָדט, און אין פאַל, ווען נעטיג, אויך אָפּטרייבען דעם פיינד מיט וואָפען. דער-פאַר האָבען זיי געהאַט דאָס רעכט אין דער צייט פון שטרייט געגען אַ שונא זיך צו בעשיצען הינטער די מויערן פון דער שטאָדט אָדער פון דער בורג מיט זייערע ווייבער און קינדער, מיט זייערע שאָף און רינדער. דיזעס רעכט האָט מען גערופען בורג־רעכט, און די לייט, וואָס האָבען דיזעס רעכט גענאָ-סען, האָבען זיך גערופען בירגער.

דיזער פונקט, דאָס אויך די לייט, וועלכע האָבען געוואוינט אויף דעם לאַנד, האָבען געהאַט געוויסע רעכטען אויף די שטאָדט אָדער בורג, איז זעהר וויכטיג פיר די ערקלערונג פון שטאָדט־וועזען. וואָרום אין גרונד גענומען זיינען די שטאָדט־בעוואוינער געווען שטאַרק אָפּהענגיג פון די לאַנד־בעוואוי-נער. די שטאָדט האָט פאַבריצירט די פּראָדוקטען, וואָס די לאַנד־בעוואוי-נער האָבען ארויסגעבראַכט, אָהן דעם האָבען זיי ניט געהאַט קיין מאַטעריאַל צום פאַבריצירען.

יעצט שווימט אַרויף די פראַגע: ווי אַזוי איז פאָרגעקומען, דאָס דער בויער אָדער דער לייבאייגענער, וועלכער האָט פריהער נאָר פּראָדוצירט דאָס, וואָס איז נעטיג געווען פיר זיין אייגענעם געברויך, האָט אָנגעהויבען פּראָדו-צירען מעהר פון זיין געברויך, אַזוי דאָס עס איז געוואָרען אַן איבערפלוס פיר דעם מאַרק און עס איז ענטשטאַנען דער טויש־האַנדעל?

דיזע פראַגע וואָלט געווען שווער צו לעזען, ווען מיר וואָלטען האָבען צו טאָן מיט פּלוצלינגע איבערקעהרעניסען. דאַן וואָלט געווען די פראַגע: ווי אַזוי קומט עס אַזאַ פּלוצלינגע ענדערונג אין דער נאַטור פון מענשען? אָבער די געשיכטע פון דער ענטוויקלונג פון דער מענשהייט מאַכט ניט קיין שפּרונג, ווי די נאַטור זעלבסט מאַכט ניט קיין שפּרונג. מיר ווייסען יעצט איינינגע איבערגאַנגען און צווישען־פאָרמעס, וועלכע די שטעדט האָבען דורכ-געמאַכט אום צו ענדערן זייער געשלאָסענע ווירטשאַפט אויף אַ טויש־ווירט-שאַפט, אָדער האַנדעל, און דיזע איבערגאַנגען וואַרפען אַ העלעס ליכט אויף די ענטוויקלונג פון די שטעדט.

די בויערן, וועלכע האָבען זיך אויסגעצייכענט מיט זייער געשיקט-קייט אין וועלכען עס איז האַנטווערק, זיינען אָפּטמאָל געגאַנגען פון הויז צו

בויער און דעם ארבייטער געוועזן א דירעקטער, אהן א שום פערמיטלער. צו אזעלכע בעציהונגען האט מען זעהר זעלטען געברויכט געלט. עס איז געוועזן א מין טויש־האנדעל, מען האט געביטען רויהע מאטעריאלען אויף ארבייט און ארבייט אויף רויהע מאטעריאלען. נאר ווען עס איז נעטיג געוועזן אויסצו־גלייכען דעם ווערט פון די צוויי געגענשטענדען, ד. ה., ווען דער ווערט פון ארבייט האט איבערגעשטיגען דעם ווערט פון רויהע מאטעריאלען, אדער פערקעהרט, דאן האט מען געברויכט א ביסעל געלט, אום אויסצוגלייכען דעם ווערט־אונטערשייד צווישען ארבייט און מאטעריאל.

אויף דעם מארק האט די ארבייט פון די בירגער געהאט אליין דאס רעכט. האנטווערק־פראדוקטען פון אנדערע שטעדט האט מען נאך דאן צו־געלאזען אויף'ן מארק, ווען זיי זיינען געוועזן פון דעם סארט, וואס די שטאדט האט זעלבסט ניט געהאט. דיזע פראדוקטען פלעגען געבראכט ווערען גע־וועהנליך איין מאל אין יאהר. מיט דיזען אופן האט זיך אנגעפאנגען דער האנדעל צווישען פערשיידענע שטעדט איינע מיט דער אנדערער. וויכטיג איז צו וויסען, דאס אויך אין דיזען פאל איז נאך דאמאלס ניט געוועזן קיין פערמיטלער צווישען דעם פערברויכער און דעם ארבייטער, וואס האט בע־ארבייטעט די רויהע מאטעריאלען. געוועהנליך האט יעדע שטאדט געזוכט צו פראדוצירען זעלבסט אלץ, וואס איז נעטיג פיר די איינוואוינער. און ווען עס איז אין שטאדט ניט געוועזן אזא מענש, וואס זאל וויסען און קענען די ארבייט פון פארבערייטען און בעארבייטען געוויסע רויהע מאטעריאלען, פלעגט מען געוועהנליך איינלאדען א האנטווערקער פון אן אנדער שטאדט און מען האט איהם געגעבען געוויסע רעכטען. מען האט איהם בעפרייט פון געוויסע אפצאהלונגען, אום איהם אנצוציהען צו בעזעצען זיך אין שטאדט און צו פראדוצירען זיין ארבייט, וועלכע איז פיר די איינוואוינער געוועזן נויט־ווענדיג. ווען דעם מאן, דעם מייסטער, האבען געפעהלט די נעטיגע מיטלען צו אנפאנגען זיין ארבייט, האט די שטאדט אויף איהר רעכנונג אויסגעבויט די נעטיגע פאבריקען און קראמען דערצו, אום זיי זאלען האבען אלץ, וואס נעטיג איז ביי זיך זעלבסט און ניט דארפען אנקומען צו אנדערע שטעדט.

די שטאדט האט אויך געזארגט פיר דעם, דאס דער בויער זאל האבען די מעגליכקייט צו אומבייטען זיינע רויהע מאטעריאלען אויף בעארבייטעטע. דער בויער פון דער אומגעגענד פון דער שטאדט האט געהאט דאס רעכט צו קויפען און פערקויפען אויף'ן שטאדט־מארק די נעטיגע זאכען, ניט צאה־לענדיג וועלכע עס איז שטייער; דערצו האט ער גענאסען דעם קעניגליכען

שפּעטער ארויסגעגעבען געוואָרען א געזעץ, וועלכעס האָט פערבאָטען צו קומען ארבייטען אין פרעמדע הייזער.

אָבער די פאַבריקאַנטען פון דיזער ארט האָבען אין יענע צייטען ניט געברויכט קיין קאַפּיטאַל צו טרייבען זייערע מאַשינעס, אום צו בעאַרבייטען די רויהע מאַטעריאַלען און מאַכען זיי פערטיג צום געברויך, ווייל פיר זייער ארבייט האָבען זיי בעקומען א געוויסען לוין מיט די רויהע מאַטעריאַלען זעלבסט. קיין פערמיטלער איז ניט געווען צווישען דעם פאַבריקאַנט און דעם, וואָס געברויכט די וואַרען, וואָס יענער האָט בעאַרבייט. עס איז נאָך קיין האַנדעל ניט געווען.

שפּעטער איז געוואָרען אַנדערס. דער שוסטער האָט ניט געבראַכט זיינע אייגענע רויהע מאַטעריאַלען צום גאַרבער צו בעאַרבייטען, נאָר ער פלעגט דאָס קויפען פון איינעם, וואָס האָט צוזאַמענגעקליבען רויהע פעל, אייגענע און פרעמדע, און האָט זיי געגעבען צום גאַרבער צו בעאַרבייטען, און נאָכדעם האָט ער זיי פערקויפט צום שוסטער. דאָס זעלבע איז געווען מיט טוך פיר דעם שניידער. אָבער דיזע פאַבריקאַנטען זיינען נאָך קיין קאַפּיטאַליסטען ניט געווען. זיי זיינען נאָר געווען ארבייטער, ווי אין אונ-זערער צייט, מיט דעם אונטערשייד, דאָס אונזערע ארבייטער ארבייטען פיעלע פיר איינעם און דאַן האָט דער ארבייטער געטאָן זיין ארבייט פיר פערשיידענע איינצעלנע פיר זייער געברויך. אָבער די ארבייט האָט זיי געגעבען די מעגליכקייט זיך צו בעפרייען פון דער הערשאַפט פון די גוטס-בעזיצער און צו ווערען פרייע אונאָפּהענגיגע שטאָדט-איינוואוינער אָדער בירגער. דאָס איז דער ערסטער טריאומף אין דער געשיכטע פון אייראָפּא, וואָס די ארבייט האָט געהאַט איבער׳ן שווערד.

דיזע אָרדנונג האָט געהערשט א לאַנגע צייט. לאַנג האָבען די ארביי-טער בעאַרבייטעט פרעמדע רויהע מאַטעריאַלען און האָבען בעקומען בע-צאָהלט פיר זייער ארבייט. אָבער זיי זיינען דאָך געווען פרייע ארבייטער און דיזעס האָט זיי געגעבען די מעגליכקייט צו שטעהן פעסטער אויף זייערע אייגענע פיס און צו פאָדערן פיר זיך געוויסע בירגערליכע און פּאָליטישע רעכטען. די בירגער האָבען ערסטענס אויסגעקעמפט פיר זיך און פיר די, וואָס גיבען זיי רויהע מאַטעריאַלען פון אויסער דער שטאָדט צו בעאַרביי-טען, זיי זאָלען זיין פריי פון יעדער אָפּצאָהלונג צום גוטס-בעזיצער. די בוי-ערן האָבען זייערע רויהע מאַטעריאַלען געבראַכט אין שטאָדט און האָבען דערפאַר בעקומען בעאַרבייטעטע מאַטעריאַלען, בלויז צוצאָהלענדיג דעם ווערט פון דער ארבייט. מיט דיזען אופן איז דער פערבאַנד צווישען דעם

דעם בויער געווען פערבאָטען אוועקצופיהרען זיינע רויהע מאַטעריאַלען אין א שטאָדט פון אַן אַנדער געביט, סיידען די שטאָדט, צו וועלכער דער דאָרף פון דיזען פויער האָט געהערט, האָט זיך ענטזאָגט צו קויפען פון איהם זיינע פראָדוקטען, ווייל זי האָט געהאַט מעהר ווי פיעל זי האָט געברויכט.

גרויסע שוועריגקייט האָט געהאַט א פרעמדער בויער, ווען ער האָט גע-בראַכט רויהען מאַטעריאַל פון זיין דאָרף צו פערקויפען ניט אין זיין שטאָדט. מען האָט איהם ניט געלאָזען געברויכען די שטעדטישע וואָג און מאָס, נאָר מען האָט איהם איבערגעגעבען צו בעזונדערע בעאַמטע, זיי זאָלען בעשטי-מען די ריכטיגקייט פון די וואָג און מאָס פון דיזע מאַטעריאַלען. ווען עס

מענליכער און ווייבליכער פוץ אין 14טען יאָהרהונדערט.

האָבען זיך קיין קויפער אויף'ן אָרט ניט געפונען, איז געווען א סאָרט מעק-לערס, וועלכע האָבען אויפגעזוכט קונים פיר די מאַטעריאַלען פון די פרעמדע בויערן, אָבער זיי, די מעקלערס, האָבען קיין רעכט ניט געהאַט אליין אויף זייער רעכנונג אָפקויפען די וואַארע ביי די פרעמדע בויערן, אום עס זאָל זיך ניט בילדען א קלאַס איבערקויפער, א מיטעל-קלאַס צווישען דער ערסטער האַנט און דעם, ווער עס דאַרף עס געברויכען.

פון דיזע אָרדנונגען איז קלאָר צו זעהן, דאָס אין מיטעלאַלטער האָט מען בעזאָרגט, דאָס דער קויפער, וואָס ברויכט עטוואָס פיר זיך, זאָל עס הא-

שוץ אויף'ן מארק, ווי אויך אויף זיין צוריקקעהר אין דארף. אין דער גאנצער צייט, וואס דער בויער האט זיך געפונען אין שטאדט צוליב דעם מארק, האט קיינער ניט געהאט דאס רעכט איהם אנצוגרייפען אדער צו מאהנען פון איהם שולדען פיר פריהערדיגע געשעפטען, און ווער עס האט איהם אנגעגריפען איז בעשטראפט געווארען מיט א שווערער שטראף. די ווייטקייט צווישען די דערפער און די שטעדט איז געווען זעהר גוט צוגעפאסט צו יענעם לעבען. פון דארף צום שטאדט איז געווען נאר פון 5 ביז 7 שטונדען ווייט, אזוי דאס דער בויער האט אין א טאג געקענט קומען אין שטאדט און צוריקקעהרען זיך אין זיין דארף.

דאס שטרעבען אין מיטעלאלטער איז געווען עקאנאמיש צו פעראייניגען די שטאדט מיט איהרע דערפער, און דעריבער בערוהט דאס מיטעלאלטערליכע מארק־רעכט אויף די צוויי הויפט־גרונדזאצען, נעמליך, ווי ווייט מעגליך צו קויפען ארטיקלען פיר'ן געברויך פון דער ערסטער האנט, און אלעס, וואס עס קען פראדוצירט ווערען אין דער שטאדט, דארט ווירקליך צו פראדוצירען. ביידע זייטען, די בירגער ווי די בויערן, זיינען געווען בעזארגט, דאס קיין אנדערער זאל זיי ניט עקספלואטירען. מען האט אכטונג געגעבען, דאס דער ארבייטער זאל ארויסגעבען גוטע ארבייט און דער בויער זאל ניט בעטראגען ווערען. ווען דער ארבייטער איז געווען א לוין־ארבייטער, איז זיין לוין געווען בעשטימט דורך א געוויסע טאקסע, אזוי דאס קיינער זאל ניט בעטראגען ווערען, ניט דער ארבייטער, ניט דער ארבייט־געבער. ווען מען האט אן ארבייטער געגעבען מאטעריאל צו בעארבייטען, ווי גאלד, זילבער, וואל אדער זייד, האט די שטאדט אכטונג געגעבען, דאס עס זאל דערין ניט פארקומען קיין פאלש און שווינדעל. ווען דער ארבייטער האט אליין געקויפט דעם שטאף, און האט איהם געבראכט אויף'ן מארק צום פערקויף, האבען געוויסע בעאמטע אכטונג געגעבען, דאס דער שטאף זאל זיין דער ריכטיגער לויט דעם פרייז, וואס דער פערקויפער האט דערויף בעשטימט. עס זיינען געווען געוויסע רעגלען, פארשריפטען, געזעצען, וועגען דעם רויהען מאטעריאל, וועגען דער גוטקייט פון דער ארבייט, וועגען דער גרויס פון די זאכען, וואס האבען בעדארפט געמאכט ווערען פון דיזע רויהע מאטעריאלען א. ד. גל., אום די בויערן זאלען פיר זייערע רויהע מאטעריאלען ניט בעשטימען קיין צו הויכע פרייזען און זיי זאלען ניט וועלען די מאטעריאלען צוריקפיהרען אין דארף, איז געווען פערבאטען צוריקפיהרען פון שטאדט וועלכען עס איז רויהען שטאף, סיידען דער בויער האט איהם געהאלטען אין שטאדט 3 טעג און האט איהם ניט געקענט פערקויפען. עס איז אויך

נאַטירליכען וועג, האָבען דאָרט אין יאָהר 1500 בעדאַרפט זיין איבער 100,000 נפשות, און אין דער ווירקליכקייט זיינען דאָרט דאַמאָלס געווען ניט מעהר פון 7,600 איינוואוינער.

דער גרונד פון דיזער ערשיינונג איז די גרויסע צאָהל אונגליקען, וואָס פלעגען זעהר אָפט בעזוכען די שטעדט אין מיטעלאַלטער. אַלע פּאָאַר יאָהר פלעגט זיין א פעסט, זעהר אָפט אַ הונגער, א מלחמה, א בעלאַגערונג, אזוי

מאַרק־פּלאַץ אין אַ שטאָדט פון 15טען יאָהרהונדערט.

דאָס אין איינינע מאָנאַטען פלעגט די בעפעלקערונג פון אַ שטאָדט זעהר אָפט פערקלענערט ווערען אויף א צעהנטעל, אויף אַ זעקסטעל, אָפט אויף אויף אַ פערטעל פון דער גאַנצער צאָהל. אין פערלויף פון 74 יאָהר, נעמליך פון יאָהר 1326 ביז דעם יאָהר 1400, זיינען געווען 32 פעסט־יאָהרען, און פון 1400 ביז 1500 זיינען געווען בערך 40 פעסט־יאָהרען.

בען פון דער ערסטער האַנט. עס פערשטעהט זיך, דאָס ביי אַזאַ סיסטעם פון קויפען און פערקויפען האָט זיך דער האַנדעל ניט געקענט ענטוויקלען, דערפון זעהען מיר אויך קלאָר, דאָס די מיינונג פון איינינע היסטאָריקער, אַז די סוחרים האָבען געגרינדעט די שטעדט אין מיטעלאַלטער, איז ניט ריכטיג.

עס איז געווען איינגעפיהרט אין מיטעלאַלטער, דאָס די בויערן זאָלען ברייננען אין שטאָדט זייערע פּראָדוקטען נאָר איין מאָל אַ וואָך, און געוויסע פּראָדוקטען נאָר איין מאָל אַ יאָהר. פיר די אָרימע קלאַס, וועלכע האָט ניט געהאַט די מעגליכקייט זיך צו פערשאַפען דאָס נעטיגע פיר אַ גאַנצע וואָך, איז דיזע אָרדנונג געווען שלעכט, דיזער אומשטאַנד האָט ענטוויקעלט אין די שטעדט דעם קליינהאַנדעל. די קליינהענדלער האָבען איינגעהאַנדעלט פון די בויערן די נעטיגע פּראָדוקטען פיר די אָרימע קלאַס און האָבען עס פערקויפט מיט אַ קליינעם פּראָפיט. די שטאָדט האָט ערלויבט אַזעלכע קרעמער צו טאָן זייערע געשעפטען, ווייל די אָרימע קלאַס האָט ניט געקענט אויסקומען אָהן זיי. מיט דער צייט איז אויך איינגעפיהרט געוואָרען אַ קליינער און בעשרענקטער גרויסהאַנדעל, אָבער דיזע איז בעשטאַנען נאָר אין דעם צושטעלען פון אַזעלכע זאַכען, וואָס מען האָט געמוזט ברייננען פון ווייטע לענדער, ווי פעפער, בשמים, פרוכטען, געטריקענטע פישען, אין אַנדערע ערטער אויך זאַלץ א. ד. גל. די פּראָפּאָרציע פון גייסטליכע צו דער גאַנצער געזעלשאַפט איז געווען זעהר פערשיידען פון היינטיגער צייט. אַזוי צום ביישפּיל איז אין פראַנקפורט, וועלכע האָט אין 14טען יאָהרהונדערט געצעהלט אונגע־פעהר 10,000 איינוואוינער, געווען איבער 3,000 גייסטליכע. און הגם זיי זיינען געווען פריי פון יעדער שטייער, זיינען זיי ניט געפאַלען צו לאַסט אויף די געזעלשאַפט, ווייל זיי האָבען געהאַט זייערע ספּעציעלע הכנסות.

גרויסע שטעדט מיט צאָהלרייכע בעפעלקערונגען זיינען אין מיטעלאַל־טער ניט געווען. די גרעסטע צאָהל איינוואוינער אין די גאַנץ גרויסע שטעדט האָט קוים בעטראָפען 20,000 מענשען, אַזוי האָט די שטאָדט נירנבערג גע־צעהלט אין 14טען און 15טען יאָהרהונדערט קוים 20,000 פּערזאָן, ציריך און באַזעל וועניגער פון 10,000, מאַינץ קוים 6,000, דרעזדען און לײדען ווע־ניגער פון 5,000 יעדע. מערקווירדיג איז אויך, דאָס די בעפעלקערונג פון כמעט אַלע שטעדט אין מיטעלאַלטער האָבען זיך אין פערלויף פון הונדער־טער יאָהרען ניט פערגרעסערט און מאַנכע האָבען זיך נאָך פערקלענערט אין צאָהל, צ. ב. די שטאָדט פראַנקפורט האָט אין יאָהר 1385 געהאַט עטוואָס וועניגער פון 10,000 נפשות; ווען די צאָהל וואָלט צוגעוואַקסען אין איהר

די צאָהל מענשען, וואָס פלעגט אַלע מאָל וועניגער ווערען צוליב פערשיידענע אורזאַכען, ווי פעסט, הונגער, בעלאַגערונג א. ד. גל., פלעגט די שטאָדט אימער אויספילען פון די דערפער, ביז עס האָט די שטאָדט געטראָפען אַ נייעס אונגליק און די מענשען זיינען ווידער וועניגער געוואָרען. דאַן האָט מען ווידער אויסגעפילט דעם חסרון מיט די דאָרפלייט, פיר וועלכע די שטאָדט איז געווען אַן אָנציהונגס־קראַפט, ווי אין אונזערע צייטען, צוליב דער מעגליכקייט דאָרט לייכטער צו בעקומען ארבייט און צו קריגען פיר דיזע אַ בעסערען פרייז.

אויסער דעם פלעגען דאַמאָלס צושטאַרבען זעהר פיעלע קליינע קינדער, ווייל די מעדיצין און די היגיענע זיינען אין מיטעלאַלטער געשטאַנען אויף א זעהר נידריגער שטופע. זעהר זעלטען האָט געטראָפען, דאָס אין א פאַמיליע זאָלען בלייבען נאָך דעם טויט פון די עלטערן מעהר ווי צוויי ערוואַקסענע קינדער. צום גרעסטען טייל פלעגען פאַמיליעס אין גאַנצען אויסגעלאָשען ווערען אין פערלויף פון א יאָהרהונדערט. אין א געוויסער פאַמיליע פון רייכען שטאַנד מיט'ן נאָמען ראָרבאַך זיינען אין פערלויף פון 200 יאָהר, נעמליך פון ענדע 14טען ביז ענדע 16טען יאָהרהונדערט, געבאָרען געוואָרען 65 קינדער און פון זיי האָבען נאָר 18 איבערגעלעבט זייערע עלטערן, די איבריגע זיינען צושטאָרבען ביים לעבען פון זייערע עלטערן, און פון דיזע 18 האָבען נאָר 12 געהייראַטעט. ווען דאָס איז געווען דער פאַל אין א רייכער פאַמיליע, וואָס האָט מען געקענט ערוואַרטען ביי די אָרימע קלאַסען?

נאָך איין זאַך האָט פיעל געשאַדט דעם רעגעלמעסיגען לעבען אין מיטעלאַלטער. נעמליך, וואָס די צאָהל פון פרויען איז דאַמאָלס געווען פיעל גרעסער פון דער צאָהל פון מענער. צ. ב. אין נירנבערג זיינען אין יאָהר 1449 געווען אויף יעדע טויזענד ערוואַקסענע מענער 1,207 פרויען, אין ראָסטאָק אין יאָהר 1476 אויף יעדע טויזענד מענער 1,295 פרויען, אין פראַנקפורט אין יאָהר 1385 אויף טויזענד מענער 1,295 פרויען, אין ניי-שטאַדט אין יאָהר 1475 אויף טויזענד מענער 1,140 פרויען. די אורזאַך דערפון זיינען געווען די שטענדיגע מלחמות, אין וועלכע פיעלע מענער זיינען אויסגעה'הרג'עט געוואָרען. דיזער אומשטאַנד האָט ארויסגערופען די נויטווענדיגקייט צו מאַכען אַנשטאַלטען, וואו מען זאָל אויפהאַלטען פרויען, וועלכע האָבען ניט געהאַט קיין מענער און זיינען געווען אָהן מיטלען.

אויף דער צושטאַנד פון געזונדהייט אין די שטעדט פון מיטעלאַלטער איז געווען זעהר שלעכט. פערשיידענע קראַנקהייטען האָבען געהערשט אי-בעראַל, ווייל פון היגיענע האָט מען דאַמאָלס געהאַט זעהר א קליינעם בעגריף. די קרעציגקייט (צרעת) איז געווען שטאַרק פערשפרייט אין זעהר פיעלע אייראָפּעאישע שטעדט. אין 14טען און 15טען יאָהרהונדערט איז כמעט ביי יעדער שטאָדט געווען א הויז פיר מצורעים. די צאָהל פון פערשיידענע קאַליקעס איז געווען אונגעוועהנליך מעהר איידער ביי אונז אין היינטיגע צייטען. הינקעדיגע, בלינדע, טויבע און משוגעים זיינען לפי ערך געווען פיעל מעהר ווי היינט. אין אונזערע צייטען געפינען זיך אין אייראָפּא אויף יעדע 10,000 מענשען פון 7 ביז 9 בלינדע און אין מיטעלאַלטער זיינען געווען ביז 42 בלינדע אויף צעהן טויזענד מענשען.

צער ערץ־בישאף — 120,000 און דער הערצאָג פון ברוינשווייג — 75,000. פון די איבריגע קורפירסטען האָט קיינער גאָרניט בעקומען. אייניגע פירסטען האָבען ערוועהלט אלפאָנס'ן, אָבער ער איז קיינמאָל ניט געקומען אין לאַנד מיט'ן צוועק אָנצונעהמען די דייטשע קרוין. אלץ, וואָס ער האָט געטאָן, איז געווען, דאָס ער האָט פערפיהרט א פּראָצעס פאַר דער קוריע (די אויבערע איבער די וואהלען) וועגען זיינע רעכטען. ריטשארד אָבער איז געקומען אין דייטשלאַנד און איז דאָרט געקרוינט געוואָרען מיט גרויס פּאַראַד. אָבער אין יאָהר 1272 איז ריטשארד געשטאָרבען. קיינער פון די דייטשע היסטאָריקער דערמאָהנט ניט דעם טאָג, ווען ער איז געשטאָרבען, ווייל זיי האָבען איהם ניט אָנערקענט אַלס דייטשען קעניג. אייניגע כראָניקע־שרייבער בעצייכנען איהם אַלס ענגלישען קעניג. נאָך זיין טויט האָט קיינער ניט גערענקט וועגען נאָמינירען און ערוועהלען א קעניג פיר דייטשלאַנד. קיינער האָט ניט גערענקט וועגען אלפאָנס'ן. דאָס לעבען פון פאָלק איז אוועק אין אנדערע וועגען, אזוי דאָס די צענטראַל־מאכט האָט ביים פאָלק פערלאָרען איהר גאַנצען ווערט.

ענדליך זיינען די פירסטען געקומען צו דער איבערציינונג, דאָס דייטשלאַנד מוז האָבען א קעניג, נאָר פון דייטשלאַנד זעלבסט. אָבער זיי האָבען בעשלאָסען צו ערוועהלען א מאכטלאָזען מאַן, וועלכער זאָל ניט שטערען און פערקלענערן זייער מאכט. זיי אליין האָבען ניט געהאַט קיין חשק צו דער דייטשער קרוין, זיי האָבען נאָר געוואָלט זיין פריי און זעלבשטענדיג. און באמת האָט די קרוין פערשאַפט גרויסע צרות צו די, וואָס האָבען זי געטראָגען; זיי האָבען אימער געהאַט צו קעמפען שווער, און ענדליך זיינען זיי אונטערגעגאַנגען אין קאַמף. די הערשער־פאַמיליעס זיינען אלע פערניכטעט געוואָרען. די אלע, וואָס האָבען געטראָגען די קייזערליכע קרוין, זיינען מעהרסטענס פאַר דער צייט פון דער וועלט געגאַנגען, און די פירסטען האָבען אימער מעהר זייער מאכט בעפעסטיגט. אָבער די גייסטליכע פירסטען און דער פּאַפּסט האָבען שטארק געפאָדערט, דאָס מען זאָל וועהלען א קייזער, ווייל, ווען ניט דער קייזער, וואָלטען די גרויסע גייסטליכע שוין לאַנג זייער וועררע פערלאָרען, צוליב דער הערשזוכט פון די מעכטיגע פירסטען. דער פּאַפּסט וויעדער האָט אין דער פּערזאָן פון קייזער אונטערוואָרפען דאָס גאַנצע רייך אונטער זיין מאכט. דער סוף איז געווען, דאָס דער פּאַפּסט מיט די גייסטליכע האָבען אויסגעפיהרט, אז עס זאָל פאָרקומען א וואהל פיר א קעניג. די פירסטען האָבען ניט געוואָלט געבען ערב־רעכט צו דעם ערוועהלטען קעניג, אום ער זאָל ניט ווערען צו שטארק און צו פיעל הערשען איבער זיי.

די פאָליטישע געשיכטע פון דייטשלאַנד צו ענדע פון מיטעלאַלטער.

א. ביז צו קארל דעם 4טען.

ווילהעלם פון האָללאנד איז געשטאָרבען פאַר דער צייט (1256), און דאָס איז פיר דייטשלאנד געווען א שווערער קלאַפּ. די נייע וואהלען פיר א קעניג זיינען געווען אזוי פערדרעהט, אזוי שטורמדיג, דאָס מען האָט פערלאָרען די קעפּ און מען האָט אפילו ניט געוואוסט, ווער עס האָט געהאַט דאָס רעכט צו וועהלען א קעניג. די פירסטען האָבען אין דעם שיקזאַל פון פאָלק גענומען אזוי ווייניג אינטערעס, דאָס זיי האָבען גאָרניט געפונען פיר נעטיג צו אגיטירען פיר א קעניג. מען האָט נאָמינירט אן אנדערען, אָבער קיינער האָט ניט אגיטירט ניט פיר דעם, ניט פיר יענעם. עס איז געקומען אזוי ווייט, דאָס אויסלענדישע קעניגען און פירסטען האָבען אָנגעפאַנגען צו דענקען וועגען דעם דייטשען טראָן. אלפאָנס דער 10טער פון קאסטיליען, א קרוב פון די האָהענשטויפען, וועלכער איז אין זיין לאנד געווען בעריהמט אלס א גרויסער העלד, איז געווען איין קאנדידאט אויף'ן דייטשען טראָן, און ריטשארד פון קאָרנוואללים, דער שוואָגער פון פריעדריך דעם 2טען, איז געווען דער אנדערער. געזיגט האָט ריטשארד, ווייל ערסטענס האָבען די גייסטליכע מיט איהם געהאלטען, און צווייטענס האָבען די קורפירסטען (די פירסטען, וואָס האָבען דאָס רעכט צו וועהלען א קעניג) פיעל גערעכענט אויף זיין רייכטום, ד. ה. אויף די רייכע מתנות, וואָס ער וועט זיי געבען פיר זייער ערוועהלען איהם. דער ענגלישער קעניג היינריך דער 3טער האָט די קורפירסטען געגעבען 2½ מיליאָן מארק פיר די ערוועהלונג. די סומע איז אָבער ניט צוטיילט געוואָרען צווישען אלע קורפירסטען, נאָר זי איז געבליבען אין די הענט פון אייניגע. דער הערצאָג פון באַיערן האָט ערהאלטען 270,000 מארק, דער קעלנער ערץ-בישאָף — 180,000, דער מאַינ-

קוּנציג געאָרדענט, דאָס אַלע זיינען געווען צופרידען, און קיין קריג איז דער-
פון ניט אַרויסגעקומען.

מיט דער טראָן־בעשטייגונג פון רודאָלף׳ן איז געוואָרען אָרדנונג און פרידען אין דייטשלאַנד. דער איינציגער, וואָס האָט ניט געוואָלט אָנער-קענען רודאָלף׳ן אַלס קעניג, איז געווען אָטטאָקאַר דער קעניג פון בעהמען, ווייל מען האָט איהם ניט איינגעלאַדען צו דער וואַהל. רודאָלף האָט איהם בערויבט פון אַלע רעכטען, און האָט בעפוילען, דאָס זיינע גיטער זאָלען קאָנ-פיסקירט ווערען פיר דאָס רייך. אָטטאָקאַר האָט אַלץ ניט געוואָלט אָנער-קענען רודאָלף׳ן אַלס קעניג פון דייטשלאַנד, און רודאָלף איז אַרויס געגען

רודאָלף פון האַבסבורג לאָזט איבער זיין פערד צו אַ פריסטער.

איהם מיט אַן אַרמעע, געשטיצט פון פיעלע פירסטען, און אַריינקומענדיג אין זיינע לענדער האָט ער געצוואונגען אָטטאָקאַר׳ן אָפּריינִיגען און אָפּ-טרעטען אַלע זיינע לענדער צום דייטשען רייך. דאַמאָלס האָט זיך אָט-טאָקאַר אונטערגעגעבען און שטעהענדיג פאַר רודאָלף׳ן אויף זיינע קני האָט ער געבעטען, ער זאָל איהם פערצייהען זיינע זינד און עקשנות געגען איהם. רודאָלף האָט איהם פערצייהעט, און אום די פריינדשאַפט זאָל צווישען זיי ווערען שטאַרקער, האָבען זיי בײדע צווישען זיך געטאָן אַ שידוך. אָבער אָטטאָקאַר האָט דעם קריג באַלד ווידער בעגייט. רו-

זיי האָבען געפאָדערט, דאָס מיט דעם טויט פון א קעניג זאָל זיך ענדיגען זיין רעכט אויף'ן טראָן, און די פירסטען זאָלען קענען ערוועהלען אלס הערשער וועמען זיי ווילען.

אויף די אַרט און ווייזע, ווי די וואהלען זיינען ביז דאמאָלס געמאכט געוואָרען, זיינען אין דיזער צייט שטארק געענדערט געוואָרען. פריהער האָבען אַלע פירסטען געהאַט דאָס רעכט אָנטייל צו נעהמען אין די וואהלען פון אַ קעניג. יעצט אָבער האָבען זיך דיזע מאַכט גענומען נאָר זיבען פון די ערסטע פירסטען, וועלכע האָבען פערנומען די הויפּט־שטעלעס אין דער רע-גירונג. נעמליך: דער קאַנצלער, קאַסירער, מונדשענק (שר המשקים) א. אז. וו. אלס קורפירסטען זיינען אָנערקענט געוואָרען נאָר דריי גייסטליכע: די ערץ־בישאָפען פון מאַינץ, טריער און קעלן, און פיער וועלטליכע: דער קעניג פון בעהמען, דער פאַלץ־גראַף ביים רהיין, דער הערצאָג פון זאַקסען און דער מאַרק־גראַף פון בראַנדענבורג.

אין יאָהר 1273 האָט דער ערץ־בישאָף ווערנער פון מאַינץ געווירקט אויף די דייטשע פירסטען, זיי זאָלען ערוועהלען דעם גראַף ר ו ד אָ ל ף פון ה אַ ב ס ב ו ר ג אַלס קעניג איבער דייטשלאַנד. רודאָלף איז געווען אַ פרומער און פּראַקטישער מאַן און איז דאמאָלס אַלט געווען 55 יאָהר.

לויט די ערצעהלונגען פון 15טען און 16טען יאָהרהונדערט איז דיזער ערץ־בישאָף געווען אַ זעהר גוטהערציגער מענש. איין מאָל, ווען ער איז גע-ווען אויף דער יאַגד, האָט ער בעמערקט, ווי זיין הויז־פּריסטער פאָהרט צו אַ קראַנקען. דער פּריסטער איז צוגעקומען צו אַ טייכעל, און ער האָט עס גע-וואָלט אַריבערגעהן מיט די פיס. רודאָלף האָט איהם באַלד איבערגעגעבען זיין פערד, אום דער פּריסטער זאָל זיך ניט פערנעצען און זאָל גיכער אָנקומען צום קראַנקען. אויף דיזע ערצעהלונג האָט דער בעריהמטער דייטשער פּאָעט שיללער געגרינדעט זיין פּאָעמע: „רודאָלף פון האַבסבורג“.

רודאָלף איז איינשטימיג פון אַלע פירסטען ערוועהלט געוואָרען אַלס קעניג. אָבער זיין מאַכט איז געווען אונבעדייטענד. ער איז געווען זעהר רייך אין גיטער, וועלכע ער האָט געהאַט אין פערשיידענע טיילען פון דייטש-לאַנד. די מענשען פון זיין צייט שילדערן איהם אלס אַ מאַן פון אונגע-וועהנליכער גרויס, מאָגערען קערפּער, מיט זעהר לעבעדיגע אויגען און אַ גרוי-סער אָדלער־נאָז. מען לויבט אויך זיין פלינקען און שאַרפען פערשטאַנד. ביי דער מאָהלצייט, וואָס מען האָט געמאַכט נאָך זיין קרוינונג, איז ענט-שטאַנען אַ שטרייט צווישען די ערץ־בישאָפען פון מאַינץ און קעלן וועגען דעם, ווער עס זאָל זיצען ביי זיין רעכטער האַנט. דער קעניג האָט עס אַזוי

שטאָרבען, און אין יאָהר 1295 (דעם 15טען יוני) איז ער געשטאָרבען אין שפּייער, אין עלטער פון 77 יאָהר.

עס איז אוועק כמעט א גאנצעס יאָהר און דייטשלאנד האָט קיין אַנדער קעניג ניט ערוועהלט. ענדליך איז געלונגען דעם מעכטיגען ג ע ר ה א ר ד, דעם ערץ־בישאָף פון מ א י נ ץ, ארויפצוזעצען אויף דעם דייטשען טראָן זיין קרוב דעם גראף א ד א ל ף פון נ א ס ס א ו, וועלכער האָט אָבער גע־מוזט געבען פיעלע רעכטען צו די פירסטען, וואָס האָבען איהם ערוועהלט. ער איז געווען געצוואונגען צו פערטיילען פיעלע גיטער אויף זעהר ניט עהר־ליכע בעדינגונגען. דער ערץ־בישאָף פון מאינץ איז געוואָרען דעם קעניג'ס קאנצלער. דער קעניג ווענצעל פון בעהמען האָט ערהאלטען מייססנער־לאנד און עגער־לאנד. ווענצעל'ס טאָכטער אגנעס האָט געהייראט מיט רופּרעכט'ן, אדאָלף'ס זוהן. דיזעס איז נאָר געווען די פאָרבערייטונג צו דער וואהל. עס פערשטעהט זיך, דאָס עס האָט אנדערס ניט געקענט זיין — אדאָלף האָט געמוזט ערוועהלט ווערען, און ער איז ווירקליך ערוועהלט גע־וואָרען. אָבער ער האָט ניט געהאט קיין בעדייטונג. אום צו בעקומען וועל־כע עס איז הויז־מאכט, האָט ער אָפּגעקויפט פון א ל ב ר ע כ ט דעם א ו נ א ר ט י ג ע ן די לאנדשאפט טהירינגען און מייססען. אָבער אַל־ברעכט'ס זיהן פ ר י ע ד ר י ך און ד י ע צ מ א ן זיינען געווען געגען דעם מסחר און האָבען פערפיהרט א קריג מיט אדאָלף'ן, וועלכער האָט פער־וויסטעט טהירינגען אויף דעם שענדליכסטען אופן.

דער בישאָף פון מאינץ איז געווען שרעקליך ערביטערט געגען אדאָלף'ן דערפאר, וואָס ער האָט אָפּגעקויפט טהירינגען, ווייל דער בישאָף האָט געהאט אַן אויסזיכט צו קריגען דאָרט א טעריטאָריע פיר זיך אליין. דיזעס האָט געפיהרט דערצו, דאָס די פירסטען זיינען געוואָרען פיינדליך צום קעניג. אַלברעכט פון עסטרייך איז שוין פון פריהער געווען אדאָלף'ס געגנער, ווייל ער האָט נאָך פריהער געהאט אַן אויג אויף דייטשלאנד'ס קרוין. יעצט, ווען די פירסטען זיינען געוואָרען אונצופרידען מיט אדאָלף'ן, האָבען זיי זיך אַנגעשלאָסען אַן אַלברעכט'ן. אויף א פערזאמלונג אין וויען איז בעשלאָסען געוואָרען, מען זאָל אדאָלף'ן אראָפּזעצען און אַלברעכט'ן ארויפזעצען אויף'ן טראָן. עס האָבען זיך אָבער געפונען פיעלע פירסטען, וואָס האָבען געהאלטען מיט אדאָלף'ן, אויך פיעלע שטעדט האָבען מיט איהם געהאלטען. עס איז אונמעגליך געווען די זאַך פרידליך צו פערגלייכען. דאָס שווערד האָט גע־מוזט ענטשיידען, ווער עס זאָל בלייבען קעניג: אדאָלף אָדער אַלברעכט.

ביי גאָללהיים, ניט ווייט פון וואָרמס, האָבען זיךביידען'ס ארמעען בעגעגענט.

דאָלף איז ארויס אויף א שטרייט געגען איהם און האָט איהם בעזיגט. אָטטאָקאר האָט ניט געקענט איבערטראָגען זיין מפּלה און איז געפאַלען אין קריג אויף דעם מארכפעלד אין יאָהר 1278. רודאָלף איז געווען זעהר טאָלעראַנט צו אָטטאָקאר'ס זוהן און האָט מיט איהם געשלאָסען פרידען, אויף די זעלבע קאָנדיציאָנען, אויף וועלכע ער האָט געשלאָסען פרידען מיט אָטטאָקאר'ן צום ערסטען מאָל. לויט דיזען אָפּמאַך האָט מעהרען בעדאַרפט זיין פער'משכון'ט צום קייזער אויף 5 יאָהר, ביז ער וועט דערפון ארויסנעה־מען זיינע קריגס־קאָסטען און נאָכהער זאָל עס געהערען צוריק צו בעהמען.

רודאָלף האָט געוואָלט צונעהמען לענדער פיר זיין פאַמיליע אויך אין בורגונד, אונגארן און שוואבען, אָבער עס איז איהם ניט געלונגען. דאָך איז זיין איינפלוס געווען זעהר גרויס, אזוי דאָס איהם איז געלונגען חתונה מאַכען זיינע טעכטער מיט די ערסטע און גרעסטע פירסטען אין לאַנד.

דורך א רייהע פון פעלד־צוגען און קאמפען אין שוואבען און אין בור־גונד איז עס דעם קעניג געלונגען ווידער צו קריגען פיעלע גיטער, וועלכע פערשיידענע פירסטען האָבען מיט אונרעכט זיך אָנגעאייגענט. נאָר אין בורגונד האָט ער ניט געקענט אָפּשוואַכען דעם פראַנצויזישען איינפלוס. אָבער זיין פערדינסט, וואָס איהם צו פערדאנקען איז אין לאַנד געוואָרען רו־היג און פרידען, איז ניט אָפּצושאַצען. שוין אויף'ן ערסטען רייכסטאָג האָט ער פערזיכערט, דאָס ער וועט אַלע קרעפטען אָנווענדען, אום דעם פרידען אין לאַנד פעסטצושטעלען. די צייט האָט בעוויזען, דאָס ער האָט זיין וואָרט געהאַלטען און דאָס ער האָט געוואוסט, ווי זיין פּראָגראַם דורכ־צופיהרען ענערגיש. ער האָט ניט גערוהט, איז אימער געפאָהרען איבער'ן לאַנד, האָט צושטערט זעהר פיעלע רויב־שלעסער, און האָט איינגעפיהרט גע־ריכטען און גערעכטיגקייט אָנשטאָט פרעכע גוואַלדטאַטען און רויבערייען. אין טהירינגען אַליין האָט ער געלאָזען הינריכטען 29 רויב־ריטער און האָט צו־שטערט 66 בורגען, און אין פראַנקען, אזוי ווי ביים רהיין, האָט ער אין איין יאָהר צושטערט 70 שלעסער. דיזע רויב־שלעסער און רויב־ריטער זיינען גע־ווען א געפעהרליכע מכה אין דעם אָרגאַניזם פון די אייראָפּעאישע פעלקער אין מיטעלאַלטער. ניט אַכטענדיג אויף די פיעלע גוטע זאַכען, וואָס ער האָט געטאָן פיר דאָס לאַנד מיט זיין איינאָרדנען פרידען און רוה, האָט ער ניט געקענט דורכפיהרען זיין וואונש, דאָס די קעניגליכע ווירדע זאָל זיין ערבליך (בירושה) אין זיין פאַמיליע. זיינע צוויי זיהן, וועלכע ער האָט גע־וואָלט מאַכען פיר די יורשים פון זיין טראָן, זיינען נאָך פאַר זיין לעבען גע־

לאַנג גענומען און די אַלטע אָרדנונג איז ווידער איינגעפיהרט געוואָרען. די בישאָפען האָבען ווידער אָנגעהויבען נעהמען אַלע אָפּצאָהלונגען, ווי פריהער.

שפּעטער האָט אַלבּרעכט אָנגעפאַנגען וועניגער זיך צו בעקימערן וועגען דעם לאַנד. ער האָט אָנגעפאַנגען צו זאָרגען וועגען פערגרעסערן זיין הויז־מאַכט, דאָס הייסט, צו האָבען מעהר אייגענע הערצאָגטימער און לענדער. אָבער זיינע בעמיהונגען אין דיזער הינזיכט האָבען ניט געהאַט קיין ערפאָלג. נאָר די קרוין פון בעהמען האָט ער געקראָגען פיר זיין זוהן רודאָלף, ווייל דער טראָן איז דאָרט געבליבען אָהן אַ יורש. אָבער רודאָלף איז באַלד געשטאָרבען און דעם טראָן האָט פערנומען היינריך פון קאָרנטהען, דער זוהן פון מיינהאַרד פון טיראָל. אַלברעכט איז געווען זעהר אייגעננוציג, און דאָס איז געווען די הויפּט־אורזאַך, וואָרום ער האָט געהאַט וועניג ערפאָלג אין זיינע אונטערנעהמונגען. דער סוף זיינער איז געווען, דאָס זיין פּלעמעניק יאָהאַן פון שוואַבען האָט איהם ערמאָרדעט, ווייל ער האָט איהם פון זיין ירושה בערויבט. די פירסטען זיינען זעהר צופרידען געווען מיט זיין טויט, ווייל ער האָט זיי צו שטאַרק געדריקט.

נאָך דעם טויט פון אַלברעכט'ן האָט דער פראַנצויזישער קעניג פיליפּ דער שענער געזוכט צו פערנעהמען דעם דייטשען טראָן. איהם האָט אָנגעצויגען די דייטשע קרוין נאָר דערפאַר, ווייל זי האָט געגעבען די קעניגען די מעגליכקייט צו פערשאַפען זיך אייגענע נייע לענדערייען און דערמיט צו פערגרעסערן און פערשטאַרקען זייער אייגענע הויז־מאַכט. ער האָט זיך וועגען דעם געווענדט צום פּאַפּסט, וועלכער האָט זיך אין גאַנצען איבערגעגעבען אין די הענט פון פיליפּ דעם שענעם צוליב דעם גלות אין אַוויניאָן, וועגען וועלכען מיר וועלען שפּעטער רעדען; אָבער דער פּאַפּסט האָט איהם ענטזאָגט דאָס צו טאָן, און דאַן האָט פיליפּ פאָרגעשלאָגען דעם פּאַפּסט, ער זאָל ווענ־גסטענס העלפען זיין ברודער קאַרל פון אַנזשו צו דערגרייכען דעם דייטשען טראָן. ער האָט אפילו פיליפּ'ן צוגעזאָגט דאָס צו טאָן, אָבער ער איז פאַלש געווען אין דער זאַך. ער האָט ערמונטערט די גייסטליכע פירסטען, זיי זאָלען גיכער בעשטימען אַ נייע וואַהל פיר אַ קעניג אין דייטשלאַנד. דער ערץ־בישאָף פון טריער האָט פאָרגעשלאָגען, מען זאָל ערוועהלען זיין ברודער היינריך פון לוקסעמבורג אונטער דער פערשפּרעכונג צו געבען די פירסטען פערשיידענע הנחות. דעם 6טען יאַנואַר 1309 איז היינריך פון לוקסעמבורג געקרוינט געוואָרען אין דער שטאָדט פראַנקפורט אַם מאַין אַלס היינריך דער 7טער.

דער רעזולטאַט איז געווען, דאָס אַדאָלף איז בעזיגט געוואָרען און ער זעלבסט איז אויך געפאַלען טויט אין דער שלאַכט. נאָך דיזען זיג איז אַלברעכט איינ־שטימיג ערוועהלט געוואָרען אַלס קעניג אין דייטשלאַנד פון די פירסטען, וועלכע האָבען זיך דאַן פערזאַמעלט אין פראַנקפורט.

אויך אַלברעכט דער 1טער (1298—1308) האָט געמוזט נאָכגעבען פיע־לע פאָדערונגען פון זיינע וועהלער. דער אָנפאַנג פון דער נייער רעגירונג איז געווען, ווי ביי אַלע אַנדערע ערוועהלטע קעניגען, זעהר גוט. ער האָט אַרויסגעלאָזען אַ מאַניפעסט, דאָס ער וועט אַלץ אָנווענדען אום פרידען צו האַלטען אין לאַנד. דערמיט האָט ער געוואונען די ליבע פון די שטעדט. וויכטיג איז אויך, וואָס ער האָט אויסגעגליכען די פירסטען און די שטעדט, צווישען וועלכע עס פלעגען זעהר אָפט פאָרקומען שטרייטיגקייטען. נאָך דיזען אָפּמאַך האָבען נאָר יענע איינוואוינער פון די שטעדט געהייסען בירגער, וואָס האָבען ערפילט זייערע פליכטען צום גרונד־הערר. אַלברעכט האָט אָפּ־געשאַפט אייניגע אָפּצאָהלונגען, וואָס די גייסטליכע האָבען אַרויפגעלעגט אויף די בירגער. מיט דיזער אָפּשאַפונג האָט ער דערגרייכט צוויי צוועקען: ערסטענס האָט זיך די ליבע פון די בירגער צו איהם פערגרעסערט, צוויי־טענס האָט ער אַ ביסעל אָפּגעשוואַכט די מאַכט פון די קלעריקאַלען און די גייסטליכע קורפירסטען, וועלכע האָבען אָנגעפאַנגען צו פיעל צו הערשען. די ערץ־בישאָפען ביים רהיין האָבען בעלאַסטעט די שיפען פון רהיין מיט אָפּגאַבען. אַלס אַלברעכט האָט זיך גענומען דיזע אונגעזעצליכע שטייער אָפּ־צושאַפען, האָט דער ערץ־בישאָף פון מאַינץ געזאָגט: „איך האָב איהם מיט נאָך אַזעלכע קעניגען אין קעשענע”. ער האָט זיך דאַן פעראייניגט מיט נאָך אייניגע ערץ־בישאָפען, מיט דעם פאַלץ־גראַף ביים רהיין און מיט דעם קעניג פון בעהמען אַראָפּצוזעצען אַלברעכט'ן פון טראָן. אויך דער פּאָפּסט באָניפאַציוס דער 8טער, וועלכער האָט אַלברעכט'ן געהאַסט נאָר דער־פאַר, וואָס ער איז געווען אַ פריינד פון פיליפ דעם שענעם, דעם קעניג פון פראַנקרייך, האָט זיך ערקלערט אַלס געגנער פון אַלברעכט'ן און האָט פון איהם פערלאַנגט, אַז ער זאָל זיך פערענטפערן פאַר דעם פּאָפּסט אין רוים פיר אַדאָלף'ס טויט, סטראַשענדיג, דאָס אויב ער וועט עס ניט טאָן וועט ער פערלירען דעם טראָן. אָבער דיזע דראָהונג האָט אַלברעכט'ן ניט אָפּגעשראָ־קען. מיט דער הילף פון די שטעדט האָט ער בעזיגט דעם פאַלץ־גראַף און די ערץ־בישאָפען און האָט זיי געצוואונגען, דאָס זיי זאָלען מעהר ניט פאָדערן געוויסע אָפּצאָהלונגען. אום אָבער ניט צו פערפיהרען אַ צו שטאַר־קען קריג, האָט ער זיי אייניגע אָפּצאָהלונגען נאָכגעגעבען. אָבער עס האָט ניט

נען. ער האָט געמאַכט אַ פאָרשלאַג, דאָס די צוויי פיינד זאָלען וועניגסטענס איינשטימען אויף אַ יאָהר וואפען־שטילשטאַנד. אָבער אויך דיזעס האָט ער ניט געקענט דורכפיהרען. היינריך האָט מיט דער הילף פון גרויסע טהעאָלאָגען בעוויזען, אַז דאָס פּאַפּסטטום איז נאָר אַ ריין גייסטליכע מאַכט, וועלכע דאַרף אין וועלטליכע זאַכען זיין אונטערגעוואָרפען אונטער דעם קייזער. נאָכדעם האָט ער געשלאָסען אַ בונד מיט פריעדריך'ן פון אַראַגאָניען און זיי ביידע האָבען אויסגעשפּראָכען איבער ראָבערט'ן אַ טויט־אורטייל. היינריך האָט אָנגעגריפען נעאַפּעל און דער קעניג יאָהאַן פון בעהמען איז שוין אָהין אָנגעקומען מיט זיין חיל, אָבער היינריך'ס פּלעצליכער טויט האָט געמאַכט אַן ענדע צו דער מלחמה (1313). ראָבערט האָט געזיגט. די גוועלפען האָבען געמאַכט דעם טאָג פיר אַ גרויסען יום טוב. דיזער איינפלוס פון דייטשען קייזער אויף איטאַליען איז אין גאַנצען פערניכטעט געוואָרען. אָבער אויך נאָכדעם האָט איטאַליען לאַנג געליטען פון פיעלע אויסלענדישע מעכטען: פון פראַנקרייך, שפּאַניען, שווייץ א. אנד.

אין דייטשלאַנד האָט היינריך'ס טויט אָנגעמאַכט גרויסע אונרוהען צווישען די פירסטען. מען האָט געפּרובט מיטלען זיך צו פעראייניגען, אָבער עס איז ניט געלונגען. ענדליך זיינען זיי געקומען צו אַ בעשלוס אין גאַנצען זיך ענטזאָגען פון דעם הויז פון די האַבסבורגער, און ניט ערוועהלען יאָהאַן'ען, דעם זוהן פון היינריך'ן, און האָבען בעשלאָסען צו ערוועהלען לודוויג פון באַיערן. אָבער אין דעם טאָג פון די וואַהלען האָבען זיך די פירסטען צוטיילט אין צוויי פּאַרטייען, איין פּאַרטיי האָט ערוועהלט פריעדריך דעם שענעם פון דעם הויז פון די האַבסבורגער, און די אַנדערע פּאַרטיי האָט ערוועהלט לודוויג פון באַיערן. ביידע זיינען געקרוינט געוואָרען: פריעדריך אין באָנן און לודוויג אין אַאַכען. דאַן האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ שטרייט צווישען די ביידע קעניגען. אָבער עס איז ניט געווען אַ רעגעלמעסיגער שטרייט, עס איז צו קיין שלאַכט ניט געקומען. די שטרייטענדע האָבען זיך בענוגענט דערמיט, וואָס יעדער צד האָט געפּלינדערט די פּראָווינצען פון זיין פיינד. דאָס לאַנד האָט קיין אָנטייל ניט גענומען אין דיזען שטרייט. מיליטעריש איז פריעדריך שטאַרקער געווען, אָבער די שווייצער האָבען איהם גערדריקט און אָפּגעשוואַכט. ענדליך האָט ער געהאַט אַ גרויסע מפּלה ביי מיהלדאָרף און איז געפאַנגען געוואָרען (1322). נאָכדעם איז לודוויג פון אַלעמען אָנערקענט געוואָרען קעניג אין דייטשלאַנד, נאָר לעאָפּאָלד פון עסטרייך איז נאָך געבליבען בעוואַפענט, גרייט צו אַ שטרייט, ווייל זיין ברודער פריעדריך איז געזעסען געפאַנגען אין טראַוזניטץ,

די הויז־מאַכט פון היינריך דעם 7טען איז דורך אַ צופאַל גרעסער גע־וואָרען. היינריך פון קאָרנטהען האָט זיך פעסטגעזעצט אין בעהמען נאָך דעם טויט פון רודאָלף פון עסטרייך. ער האָט אָבער מיט זיין אויפפיהרונג ער־ביטערט דעם אדעל און די גייסטליכע. ער איז נאָך דאמאָלס ניט געקרוינט געוועז. אונטער דיזע אומשטענדען האָט היינריך דער 7טער זיך געאיילט אראָפּצוזעצען פון טראָן היינריך פון קאָרנטהען און האָט די בעהמישע קרוין פערשאַפט צו זיין זוהן. דורך דיזען געווין זיינען די לוקסעמבורגער געוואָרען נאָהענטע שכנים צו די האבסבורגער. דיזער אומשטאַנד האָט געווירקט, דאָס דער גאַנצער שווערפּונקט פון דער פּאָליטישער געשיכטע פון דייטש־לאַנד האָט זיך אַריבערגעטראָגען צום מזרח פון לאַנד, וואו די צוויי גרויסע הייזער לוקסעמבורג און האבסבורג געהאַט האָבען זייער גרויסען איינפלוס.

היינריך דער 7טער האָט אָנגענומען די אַלטע פּאָליטיק פון די האָהענ־שטויפען און האָט אין די יאָהרען פון 1310 ביז 1313 געמאַכט אַ רוימער־צוג נאָך איטאַליען. דאָ איז צפון־איטאַליען געווען גהיבעללייניש, מיטעל־איטאַ־ליען אויסער פּיזאַ — וועלפיש, און דרום־איטאַליען — פראַנצויזיש, ווייל דאָ האָט געהערשט זינט דעם יאָהר 1309 ראָבערט, דער עניקעל פון קאַרל פון אַנזשו. היינריך האָט פאַר דעם צוג אָנגעפרעגט ביים פּאַפּסט, אויב ער קען רעכנען געקרוינט צו ווערען אין איטאַליען אַלס רוימישער קייזער. דער פּאַפּסט האָט עס איהם צוגעזאָגט נאָך דעם, ווי היינריך האָט איהם געשוואָ־רען טרייהייט. אין מאַילאַנד האָט היינריך בעקומען די אייזערנע קרוין פון לאָמבאַרדיען. אייניגע שטעדט האָבען געמאַכט אויפשטאַנדען, אָבער היינ־ריך האָט זיי באַלד דערשטיקט און האָט געצוואונגען די בירגער צו צאָהלען געוויסע סומעס געלט. צוויי פּאַרטייען, אָן דער שפּיץ פון וועלכע עס זיינען געשטאַנען די א ו ר ס י נ י און ק אָ ל אָ נ נ אַ, האָבען געקעמפּט וועגען דער הערשאַפט פון רוים. די אורסיני זיינען געווען אונטערשטיצט פון ראָ־בערט'ן דעם קעניג פון נעאַפּעל. קעמפענדיג איז היינריך געקומען דורך שטראָמען בלוט ביז צום קאַפּיטאָל און האָט איהם געשטורמט. ער האָט אָבער ניט געקענט נעהמען דעם וואַטיקאַן און די פּעטערס־קירכע, און האָט זיי געמוזט איבערלאָזען דעם פיינד, אַזוי דאָס ער האָט די קייזער־קרוין ניט געקענט קריגען אין דער פּעטערס־קירכע, ווי עס איז געווען דער מנהג פרי־הער, נאָר מען האָט איהם געשיקט פון וואַטיקאַן קאַרדינאַלען נאָך לאַטעראַן וואו ער האָט ערהאַלטען די קייזערליכע קרוין (1312).

דער פּאַפּסט האָט געזוכט צו מאַכען שלום צווישען דעם דייטשען קייזער און ראָבערט'ן, דעם קעניג פון נעאַפּעל. אָבער דיזעס איז איהם ניט געלונ

בונד. אין יאָהר 1316 האָט דער קייזער לודוויג בעשטעטיגט זייערע רעכ-טען אויף אַלע זייערע לענדער, דאָס זיי געהערען אויסשליסליך צו זייער רייך און קיין אַנדערער האָט אויף דעם מעהר קיין רעכטען ניט אַלס קעניג אָדער הערשער, אויסער ווען ער האָט דאָרט פּריוואַט־אייגענטום.

לודוויג איז נאָך אָבער אַלץ ניט געווען פעסט אויף׳ן טראָן, הגם זיין געגנער איז געווען געפאַנגען און אַלע פירסטען האָבען איהם בעשטעטיגט אַלס הערשער איבער דייטשלאַנד. לעאָפּאָלד פון עסטרייך האָט פאָרטגעזעצט דעם קריג אָהן אַן אויפהער. ער איז געווען אַזוי שטאַרק ערביטערט געגען דעם פיינד פון זיין ברודער, דאָס ער האָט בעסער געוואָלט, אַז דער דייטשער טראָן זאָל ווערען איבערגעגעבען צו אַן אויסלענדער איידער צום באַיערישען קעניג. מען האָט דעם פּאַפּסט שטאַרק געהעצט געגען לודוויג׳ן און מען האָט איינגעלאַדען דעם פראַנצויזישען קעניג, דאָס ער זאָל אָננעהמען די דייטשע קרוין. זיינע געגנער זיינען געווען אַזוי שטאַרק, דאָס ער איז געווען געצוואונגען אַליין צו פאָהרען אין טראַוזניטץ אום צו פערגלייכען זיך דאָרט מיט דעם געפאַנגענעם. פריעדריך האָט איינגעשטימט צו ענטזאָגען זיך פון טראָן און לודוויג האָט איהם בעפרייט פון געפאַנגענשאַפט. פריעדריך האָט געגעבען זיין טאָכטער צו לודוויג׳ס זוהן פיר א ווייב און האָט איהם פערזי-כערט צו העלפען איהם געגען זיינע פיינד. אָבער לעאָפּאָלד׳ס שנאה איז ניט אָפּגעשוואַכט געוואָרען אויף א האָאָר. דערצו איז דער פּאַפּסט געוואָרען א שטאַרקער געגנער פון לודוויג׳ן, ווי ער איז פריהער געווען. ווען פריעדריך האָט געזעהען, דאָס ער איז ניט אין שטאַנד אויפצושטעלען דעם פרידען, ווי ער האָט פערשפּראָכען לודוויג׳ן, איז ער געקומען צוריק צו לודוויג׳ן אין געפאַנגענשאַפט, ווי ער האָט פערשפּראָכען. דיזע עהרליכקייט האָט לוד-וויג׳ן שטאַרק געריהרט; ער האָט אַריינגענומען פריעדריך׳ן מיט ליבע ווי א געטרייען ברודער, האָט איהם הערצליך געקוסט, און האָט זיך מיט איהם גע-טיילט אין דער קעניגליכער ווירדע, דאָס הייסט, זיי האָבען ביידע געהערשט צוזאַמען, אַלץ איז אונטער זיי געווען גלייך. אויף יעדען׳ס זיגעל־רינג זיי-נען געשטאַנען ביידען׳ס נעמען און דעם פריינד׳ס נאָמען איז אין יעדען גע-שטאַנען פון אויבען.

אויף דיזען אופן איז געשלאָסען געוואָרען פרידען מיט עסטרייך. די קורפירסטען זיינען אָבער מיט דער צוויי־הערשאַפט ניט געווען צופרידען, און האָבען געזוכט פּלענער, ווי זי צו פערניכטען. אָבער איידער זיי האָבען עטוואָס צוגעטראַכט איז פריעדריך געשטאָרבען (1330).

און דער אַנדערער ברודער היינריך, וועלכער איז געווען געצוואונגען זיך אונטערצוגעבען אין דער שלאַכט ביי מיהלדאָרף, איז אָפּגעפיהרט געוואָרען נאָך בעהמען.

אין דיזער צייט האָט זיך געבילדעט די שווייץ, אַ לאַנד, וואָס האָט פון אַלטע צייטען אָן ערוועקט אַן אַלגעמיינעם אינטערעס. אין דיזען לאַנד, וועלכעס איז דורך די אַלפּען־בערג צושניטען אויף זעהר פיעלע טיילען, האָבען זיך בעזעצט פערשיידענע שטאַמען, וואָס האָבען גערעדט פערשיידענע שפּראַכען, און דיזעס האָט געפיהרט דערצו, דאָס דאָ האָט זיך געבילדעט אַ מישונג פון פערשיידענע הערשאַפטען, גייסטליכע און וועלטליכע, אַזוי דאָס די שווייץ האָט געהאַט מעהר הערען, ווי וועלכעס עס איז אַנדער לאַנד. די בישאָפען פון לאַוזאַנע, זשענעוואַ און באַזעל, דער אַבט פון סט. גאַללען און אַנדערע אַבטען, דאַן די גראַפען און הערען פון נייבורג, גרעיערץ, באַץ, סאַר־גאַנס, טאָגגענבורג, ראַפּפּערשוויל, באַדען, לענצבורג, קיבורג, און איבערהויפּט די גראַפען פון האַבסבורג, האָבען בעזעסען פיעל אונטערטעניגעס צינז־לאַנד. צווישען זייערע געביטען זיינען געווען גרויסע פרייע שטעדט, אויך קליינע שטעדטלאַך און דערפער, בעזונדערס די אַזוי־גענאַנטע וואַלדשטעטען אורי, שוויץ און אונטערוואַלדען.

דער גאַנצער טאָל אורי האָט געבילדעט אַ מאַרק־ און געריכטס־געמיינדע. זיי האָבען געוועהלט זייער אייגענעם לאַנדאַממאַן (מאַגיסטראַט) און זעהר זעלטען פלעגט דאָס לאַנד צושיקען אַהין אַ ריכטער. אַלע זיינען דאָרט געווען פרייע לייט. די האַבסבורגער האָבען דאָרט געזוכט צו ווערען לאַנד־הערען, אָבער די וואַלדשטעטען האָבען זיך פיר קיין פאַל ניט געלאָזט אונטערוואַרפען. זיי האָבען ערוועהלט איין אַלגעמיינעם לאַנדאַממאַן און האָבען זיך פעראיי־ניגט אין איין געמיינדע, וועלכע האָט זיך פערפליכטעט אונטער אַ שבועה צו שטיצען איינע די אַנדערע אין פאַל פון נויט. אין יאָהר 1291 האָבען זיי געשלאָסען אַן אייביגען בונד אום זיך צו בעשיצען געגען די לאַנד־פאָגטען (לאַנד־עלסטע) וואָס די האַבסבורגער האָבען אויף זיי אָנגעשיקט. נאָך דעם טויט פון אַלברעכט דעם 1טען האָבען זיי זיך אין גאַנצען אָפּגעריסען פון דייטשלאַנד און היינריך דער 7טער האָט אָנערקענט זייער אונאָפּהענגיגקייט. נאָך דעם טויט פון היינריך דעם 7טען זיינען די שווייצאַרישע בויערן געווען אויף דער זייט פון לודוויג פון באַיערן און האָבען איהם געהאָלפען אין יאָהר 1315 בעזיגען לעאָפּאָלד פון עסטרייך, וועלכער איז געווען פריעדריך דעם שענעם׳ס אַ ברודער. דער שטרייט איז פאָרגעקומען נעבען דעם בארג מאָר־גאַרטען. צוליב דיזער הילף האָט לודוויג איבער־אַ־נייס בעשטעטיגט זייער

נאָך רוים. דאָרט איז ער אויפגענומען געוואָרען פון דער גהיבעללינישער פארטיי מיט אָפענע אָרמס, ווייל די ערשאַפט פון יאָהאַן דעם 22טען איז דאָרט געווען שרעקליך פערהאַסט. דאָס פאָלק זעלבסט האָט איהם אין קאפיטאָל מיט גרויס ענטהוזיאַזם ערקלערט אלס קייזער, ניט אַכטענדיג אויף דעם חרם, און האָט געפאָדערט פון לודוויג'ן, אז ער זאָל אָנפאַנגען געגען דעם פאפסט א פראָצעס וועגען קעצעריי. אויף א גרויסער פערזאמלונג האָט מען דעם פאפסט בעשולדיגט אין קעצעריי און אין שווערע פערברעכענס געגען רעליגיאָנס־פליכטען, און מען האָט איהם אראָפּגעזעצט פון זיין פאפסטליכען אמט. אָנשטאָט איהם האָט די פערזאמלונג ערוועהלט אלס פאפסט א מאָנאך פעטער פון קאָרביעו'ע, וועלכער האָט אלס פאפסט געקריגען דעם נאָמען ניקאָלאוס דער 5טער. אָבער לודוויג האָט זיך אין דער מאכט פון פאפסט פעררעכענט. אויף די פאָדערונג פון פאפסט האָט זיך אין איטאַליען פערזאמעלט א גרויסע מחנה קרייץ־פאָהרער, וועלכע זיינען געווען בערייט איבערפאַלען לודוויג'ן, אזוי דאָס ער איז געווען געצוואונגען צו ענטלויפען פון רוים. אין יאָהר 1332 האָט לודוויג געשיקט צום פאפסט א געזאנדטשאפט צו אונטערהאנדלען מיט איהם וועגען פרידען, אָבער דער פאפסט האָט ניט געוואָלט הערען פון קיין זאך, נאָר אז לודוויג זאָל זיך ענטזאגען פון דייטשען טראָן.

צו לודוויג'ס גליק איז יאָהאַן דער 22טער געשטאָרבען, און אויף זיין אָרט איז געוואָרען פאפסט בענעדיקט דער 12טער, א פרומער, עהרליכער מאַן. ער איז באַלד אריין אין א פערבינדונג מיט לודוויג'ן. ער האָט ניט געקענט טאָן פיר לודוויג'ן ווי און וואָס ער האָט געוואָלט, ווייל דער פראַנצויזישער קעניג האָט איהם געשטערט. ער האָט אפילו דעם חרם ניט געקענט אַרונטערנעהמען פון איהם. די קורפירסטען האָבען זיך ענדליך ענטשלאָסען אַרויסצוגעהן מיט'ן פאפסט אין קאַמף. אויך דאָס פאָלק איז געווען אויפגערעגט אויף'ן פאפסט פיר זיין חרם אויף לודוויג'ן. אין רענסע איז וועגען דעם געווען א פערזאמלונג, אויף וועלכער עס איז אָנגענומען געוואָרען דער בעשלוס, דאָס א דייטשער קעניג ברויכט ניט בעשטעטיגט צו ווערען פון פאפסט. דאַן איז אויך בעשלאָסען געוואָרען אַראָפּצוזעצען פון אמט די יעניגע גייסטליכע, וועלכע וועלען זיך ענטזאגען צוליב דעם פאפסט'ס פערבאָט צו ערפילען די פאָדערונגען פון פאָלק צו מאכען פיר זיי רעליגיעזע צערעמאָניעס, און אויסער דעם צו בעשטראָפען זיי אַלס רוהע־שטערער.

דיזע פרידליכע פערהאַלטונג צווישען לודוויג'ן און די קורפירסטען איז נאָר געווען אין זייער שטעלונג צום פאפסט, אָבער אין דער אינערליכער פאָ-

אין יענער צייט האָט אויסגעבראָכען א שטרייט צווישען דעם קייזער לודוויג און דעם פּאַפּסט יאָהאַן דעם 22טען. דיזער שטרייט איז מערק־ווירדיג דערמיט, וואָס צו זיין צייט זיינען אַלע דייטשע פירסטען און דייטשע שטעדט געווען אויף דער זייט פון קייזער און געגען דעם פּאַפּסט. די פּאָליטישע מאַכט פון די פּאַפּסטען אין איטאַליען האָט געוואַקסען מעהר און מעהר, און ביי יעדער קייזער־וואהל האָבען זיי געזוכט אָפּצושוואַכען די מאַכט פון דייטשען קייזער אין איטאַליען. די פראַנצויזישע רעגירונג האָט אימער געשטיצט די פּאַפּסטען אין דיזען שטרעבען אָפּצושוואַכען די מאַכט פון דייטשלאַנד און איטאַליען. דיזע שטרעבונג איז געווען די הויפּט־אורזאַך פון דעם שטרייט צווישען דעם פּאַפּסט און לודוויג'ן.

דער פּאַפּסט יאָהאַן דער 22טער, וועלכער איז ערוועהלט געוואָרען אין יאָהר 1316, איז געווען א מאַן מיט א זעהר שטאַרקען כאַראַקטער. זיינע פּאָליטישע אידעען זיינען געווען איינשטימיג מיט די פראַנצויזישע. נאָך דער שלאַכט ביי מיהלדאָרף האָט זיך דער פּאַפּסט אריינגעמישט צווישען די ביידע שטרייטענדע צדדים און האָט זיי געזוכט אויסגלייכען. עס איז איהם אָבער ניט געלונגען. דאַן האָט ער ערקלערט. דאָס לודוויג'ס וואהל איז ניט ריכטיג און האָט פון איהם געפאָדערט, אז ער זעלבסט זאָל זיך ענטזאַגען פון דייטשען טראָן אין פערלויף פון 3 מאָנאַטען, און ווען ער וועט עס ניט טאָן, וועט ער איהם אריינלעגען אין חרם. לודוויג האָט זיך אָבער ניט דערשראָקען פאַר די סטראַשונקעס פון פּאַפּסט. נאָך א בעראַטונג מיט גרויסע געזעץ־קע־נער און גייסטליכע פון יענער צייט האָט ער ארויסגעלאָזען א פּראָטעסט געגען דעם פּאַפּסט'ס פאָדערונגען און האָט בעוויזען, דאָס א דייטשער פירסט, וואָס איז ערוועהלט געוואָרען אַלס קעניג אויף דעם דייטשען טראָן, ברויכט ניט די בעשטעטיגונג אָדער די איינשטימונג פון פּאַפּסט, און ער איז דייטשער קייזער אָהן דער קרוינונג אין רוים. דער פּאַפּסט האָט גלייך, ווי דער פּראָטעסט איז ערשינען, ארויפגעלעגט אויף לודוויג'ן דעם חרם. דאָס האָט אין לאַנד געמאַכט זעהר א שלעכטען איינדרוק, און דאָס פאָלק, ווי אויך פיעלע פירסטען, זיינען געווען שרעקליך אויפגערעגט אויף'ן פּאַפּסט פיר אַזאַ אונגערעכטע האנדלונג. לודוויג האָט בעשלאָסען צו שטעלען די וועלט־ליכע מאַכט געגען דער מאַכט פון פּאַפּסט. ער האָט געהאָפט אויף די סימ־פּאַטהיע פון פאָלק און אויף די דייטשע פירסטען.

אין יאָהר 1327 האָט לודוויג אונטערגענומען זיין רייזע נאָך איטאַליען, אום דאָרט געקרוינט צו ווערען אָהן דעם אָנטייל פון פּאַפּסט. ער האָט ערהאַלטען אין מאַילאַנד די לאָמבאַרדישע קרוין און איז נאָך דעם אוועק

בעפעלקערונג אויסגעשטאָרבען פון דיזער קראַנקהייט. פון די איינוואוינע־
פון דער אַלטער שטאָדט נאַרבאָננע איז כמעט קיינער ניט געבליבען. פון די
12 קאָנסולען אין מאָנטפּעללייער זיינען 10 אויסגעשטאָרבען. אין לאַנגע־
דאָק און פּראָוואַנס זיינען צושטאָרבען צוויי דריטעל. די פּעסט איז געגאַנ־

קרוינונג פון קאַרל דעם 4טען אין באָנן דורך דעם ערץ־בישאָף פון קעלן.

גען פון שטאָדט צו שטאָדט, פון דאָרף צו דאָרף, פון הויז צו הויז, און גענו־
מען אונדערבאַרמדיג איהרע אָפּפער אָהן א צאָהל. דער שרעק פאַר דער
קראַנקהייט איז אַזוי גרויס געוואָרען, דאָס פיעלע מענשען זיינען צושטאָרבען
פון שרעק אַליין, נאָך איידער זיי זיינען קראַנק געוואָרען. ווי עס האָט

ליטיק זיינען די פירסטען געווען מיט לודוויג'ן זעהר אונצופרידען, ווייל ער האָט פערכאַפּט אין זיינע הענט זעהר פיעלע לענדער און האָט פערשטאַרקט זיין הויז־מאַכט. די פירסטען האָבען איהם אָנגעהויבען מקנא צו זיין און צו האַסען. איבערהויפּט זיינען איהם געוואָרען שטאַרקע שונאים יאָהאַן, דער קעניג פון בעהמען, ווייל דער קייזער לודוויג האָט איהם בערויבט פון קאָרנטהען און טיראָל, און אַלברעכט דער 1טער פון עסטרייך. אויך די אַנדערע קורפירסטען האָבען אָנגעפאַנגען מורא צו האָבען פאַר לודוויג'ס שטייגענדע מאַכט. רעכנענדיג אויף דיזע שנאה פון די קורפירסטען צום קע־ניג, האָט דער פּאַפּסט קלעמענס דער 2טער איבער־אַ־נייס אריינגעלעגט דעם קעניג אין חרם און האָט געפאָדערט פון די פירסטען, אַז זיי זאָלען ערוועהלען אַ נייעם קעניג, און אויב זיי ווערלען עס ניט טאָן, וועט ער אַליין בעשטימען אַ קעניג אויף אַ צייט ביז די פירסטען וועלען זיך אונטערגעבען צו טאָן זיין ווילען. דער ערץ־בישאָף פון מאַינץ האָט זיך ענטזאָגט צו פערזאַמלען די פירסטען אום צו מאַכען אַ נייע וואהל. דער פּאַפּסט האָט איהם דערפאַר אַרונטערגעזעצט פון זיין שטעלע און אויף זיין אָרט בעשטימט דעם גראַף גערלאַך פון נאַססאַו, וועלכער האָט באַלד פערזאַמעלט די קורפירסטען צו דיזען צוועק. די פירסטען האָבען ערוועהלט אַלס קעניג קאַרל פון מעהרען, וועלכער האָט זיי געוואונען אויף זיין זייט דורך גרויסע סומעס געלט און פערשפּרעכונגען.

אָבער לודוויג איז באַלד געקומען מיט זיין מיליטער און קאַרל האָט גע־מוזט ענטלויפען אין פראַנקרייך. פון דאָרט איז ער געקומען אין באָנן, וואו דער ערץ־בישאָף פון קעלן האָט איהם געקרוינט, נאָכדעם איז ער אַוועק אין איטאַליען. דאָרט האָט ער זיך פערבונדען מיט דעם פּאַפּסט'ס אָנהענגער און איז בעפאַלען טיראָל. אין דער זעלבער צייט איז געמאַכט געוואָרען אַן אָנגריף אויף באַיערן. די שטעדט זיינען אָבער געווען אויף לודוויג'ס זייט, און מיט זייער הילף האָט ער געמאַכט גרויסען פאָרטשריט. צו קאַרל'ס גליק איז אָבער לודוויג פּלוצלינג געשטאָרבען אויף אַ בערען־יאַגד (1347).

אין יענער צייט האָט אייראָפּאַ, איבערהויפּט דייטשלאַנד און פראַנק־רייך, שטאַרק געליטען פון אַ שרעקליכער קראַנקהייט, וועלכע איז בעוואוסט מיט'ן נאָמען דער „שוואַרצער טויט". דיזע פּעסט איז פערשלעפּט געוואָרען אין איטאַליען און פּראָוואַנס פון עגיפּטען און סיריען. פון איטאַליען און פּראָוואַנס האָט זיך די פּעסט פערשפּרייט איבער גאַנץ פראַנקרייך און דייטשלאַנד. דיזע צוויי מדינות זיינען כמעט אין גאַנצען פערוויסטעט גע־וואָרען פון דיזער פּעסט. אין אַוויניאָן זיינען דריי־פערטעל פון דער גאַנצער

מען האָט בעהויפּטעט, דאָס די אידען האָבען פערגיפטעט די ברונענס, און דורך פערשיידענע פּייניגונגען האָט מען זיי געצוואונגען זיך מודה זיין, דאָס זיי האָבען די ברונענס פערגיפטעט. דאָס האָט געבראַכט צו אַן אַלגעמיינער פערפאָלגונג פון די אידען. אין פיעלע שטעדט האָט מען די אידען פערטרי-בען אין זייערע הייזער און מען האָט זיי פערברענט.

אַנדערע האָבען געזעהען אין דער פּעסט א גאָט׳ס שטראָף, ווייל די מענ-שען זיינען דאַמאָלס געווען זעהר זינדיג. איבערהויפּט האָבען אַזוי געדענקט די גייסעל־ברידער אָדער פלאַגעללאַנטען, פרומע לייט, בעלי תשובה, וואָס האָבען געגלויבט אין דער פערצייהונג פון זינד דורך מלקות און אַנדערע פּייניגונגען.

די גייסטליכע פלעגען געהן פון איין שטאָדט צו דער אַנדערער אי-בער גאַנץ איטאַליען און האָבען איבעראַל געוואונען מיטגלידער צו דער גייסלעריי. די מיטלען פון תשובה, וואָס די קירכע האָט צוגעטראַכט, זיינען פיר די גייסלער געווען צו שוואַך און ניט גענוגענד, האָט מען צוגעטראַכט הויט־שינדעריי אַלס א מיטעל צו פּועל׳ן ביי גאָט פערגעבונג אויף די זינד. לויט דער רעגעל איז געווען איינגעפיהרט צוויי מאָל א טאָג די שמייס־אַר-בייט. די מיטגלידער פון דער ברידערשאַפט פלעגען זיך צולעגען אויף דער ערד כמעט אין גאַנצען נאַקעט, נאָר די שאַנדע צוגעדעקט; פון דער אָרט, ווי יעדער האָט זיך געלעגט, האָט מען געוואוסט, וואָס פיר א מין בעל עברה ער איז. צ. ב. אַן עהעברעכער (א נואף) איז געלעגען מיט׳ן בויך צו דער ערד, א פאַלש־שווערער איז געלעגען אויף א זייט מיט דריי פינגער אויסגעשטרעקט צום הימעל. פיר יעדען בעל עברה איז געווען בעשטימט א פערשיידענע צאָהל מלקות. נאָך דעם, ווי זיי האָבען זיך אַלע צולעגט, פלעגט דער לעה-רער, אָדער דער פּריסטער צוגעהן צו יעדען און האָט איהם בעריהרט מיט דער בייטש און מיט געזאַנג איהם געהייסען אויפשטעהן. דער, וואָס האָט זיך שוין אויפגעשטעלט, האָט געזונגען די זעלבע ווערטער איבער דעם נעכסטען, אַזוי איז געגאַנגען ווייטער און ווייטער, ביז דער לעצטער איז אויפגעשטאַנען, דאַן האָבען זיי איינער דעם אַנדערן געשמיסען מיט רימענס ביז מען האָט זיך שטאַרק צוואַונדעט. נאָך דער שמייסעריי האָט איינער פון די שמייס־ברידער בעדאַרפט לעזען פאַר דער געמיינדע א בריעף, וואָס זיי האָבען — ווי עס האָט געהייסען — ערהאַלטען פון הימעל דורך א מלאך. אין דיזען בריעף איז געשטאַנען, ווי גאָט איז שטאַרק אין צאָרן אויף די מענשען פיר זייערע זינד, און צוליב דעם האָט ער זיי אַלעמען געוואָלט פערניכטען, נאָר גאָט׳ס מוטער (מאַריא) און די מלאכים האָבען געבעטען

זיך נאָר בעוויזען א קליין געשוויר אויף'ן קערפער איז שוין יענער געווען פערלאָרען. מען האָט קיינמאָל ניט געהערט, קיינמאָל ניט געזעהען, דאָס דיזע קראַנקהייט זאָל אזוי פיעל מענשען פערניכטען. אויך די קעניגין פון פראַנקרייך, די קעניגין פון נאַווארראַ, דער הערצאָג פון בורגונד און פיעלע אַנדערע גרויסע לייט זיינען אומגעקומען פון דיזער פעסט.

די גייסטליכע האָבען זיך ענטזאָגט פון זייערע געמיינדעס און זיינען צולאָפען אין אַנדערע מדינות. זייערע שטעלעס האָבען פערנומען די מאָנאַכען, וואָס פלעגען בעטלען מיט פושקעס. זיי האָבען פערשפּראָכען ביי־צושטעהן די געמיינדעס, אין וועלכע זיי האָבען אריינגעטרעטען אַלס פּריסטער, אָבער זייער באַרמהערציגקייט איז בעשטאַנען נאָר דערין, וואָס זיי האָבען די קירכעס געוויסענלאָז בערויבט. פון פראַנקרייך האָט זיך די פעסט פערשפּרייט איבער אַלע אַנדערע אייראָפּעאישע לענדער. וואוהין זי איז געקומען האָבען מענשען אָנגעהויבען זעהר גיך צו שטאַרבען אין גרויסע מאַסען. די קראַנקהייט האָט צוריסען אַלע באַנדען פון ליבע, טרייהייט און פאַמיליע. ווי עס האָט זיך בעוויזען אויף'ן קערפער פון איינעם פון דער פאַמיליע דער פעסט־פלעק זיינען באַלד אַלע צולאָפען פון איהם, ווייל זיי האָבען געוואוסט ווי געפעהרליך אַנשטעקענד די פעסט איז. די אונגליקליכע אָנגעגריפענע פון דער פעסט זיינען געבליבען אָהן יעדער הילף, אזוי דאָס זיי זיינען זעהר אָפט משוגע געוואָרען פון ליידען הונגער און דאָרסט, און זיינען משוגע'נערהייד געלאָפען איבער די גאַסען און מיט דיזען אופן האָבען זיי די פעסט נאָך מעהר פערשפּרייט. אויך פיעלע הויז־טיערען זיינען פערפעסטעט געוואָרען, ווייל זיי האָבען זיך אָנגעריהרט אָן די פערפעסטעטע געשטאָרבענע קערפּערס פון די מענשען, וועלכע האָבען זיך געוואַלגערט אין די גאַסען. אויך די דאָקטוירים זיינען זיך דאַמאָלס צולאָפען אין אַנדערע מדינות, ווייל זיי האָבען צו דיזער קראַנקהייט גאָרניט געקענט טאָן. נאָר וועניגע זיינען פערבליבען אין זייערע ערטער און האָבען ווירקליך גערעטעט אייניגע דורך דעם, וואָס זיי האָבען אויסגעברענט די פלעקען אין די קערפּערס באַלד ווי זיי האָבען זיך בעוויזען. אין אַלגעמיין זיינען געשטאָרבען מעהר אָרימע איידער רייכע, און אין די שטעדט מעהר ווי אין די דערפער, ווייל די שטעדט זיינען דאַמאָלס געווען זעהר ניט ריין.

די מענשען פון יענער צייט, צוליב זייער אונוויסענהייט, האָבען געזוכט די אורזאַך פון דיזער קראַנקהייט ניט וואו מען דאַרף, נאָר אין א פאַלשען אָרט. מען האָט געוואָרפען די שולד אויף אידען. הגם אריינגעשלעפּט זי קראַנקהייט אין אייראָפּאַ האָבען גענועזישע סוחרים, ניט קיין אידען.

דער ערסטער אָפּצוגעבען זיין שטימע, און איז אימער געזעסען ביי דער רעכטער האַנט פון קייזער. די בוללע האָט אויך בעשטימט, דאָס ווען צוויי פירסטען ווילען שטרייטען צווישען זיך, מוזען איינער דעם אַנדערן מעלדען דריי טעג פריהער, וועןן ניט, רעכענט ער זיך פיר ניט עהרליך און בעקומט דערפאַר אַ שווערע שטראָף.

פון אַלע בעשטימונגען פון דער בוללע איז זאָנדערבאַר דאָס ערלויבניס צו די פירסטען „יודען צו האַלטען". אָבער אום דאָס צו פערשטעהן, מוז מען געדענקען, דאָס אין מיטעלאַלטער זיינען די אידען געווען גערעכענט אַלס קייזערליכע קאַמערקנעכט, וועלכע האָבען געמוזט צאָהלען דעם קייזער יעהר-ליך אַ געוויסע סומע פיר דעם שוץ, וואָס ער האָט זיי פערשפּראָכען, הגם אין אמת'ן האָט ער זיי ווענין געשיצט. אויך אַנדערע פירסטען זיינען גע-ווען אידען-בעשיצער, אָבער דיזע רעכטען האָבען זיי פון קייזער ערהאַלטען צוגלייך מיט אַנדערע פּריווילעגיעס, וואָס די פירסטען האָבען ערהאַלטען פון קייזער. דער שוץ, וואָס די אידען האָבען דאַמאָלס ערהאַלטען פון דעם קייזער און די פירסטען, איז געווען זעהר אונבעדייטענד, ווייל אין יענער צייט איז די מאַכט פון קייזער געווען זעהר שוואַך, און דער האַס פון פאָלק צו די אידען איז געווען זעהר גרויס. די אורזאַכען פון דעם האַס זיינען גע-ווען די פערשיידענהייט פון רעליגיאָן און ראַסע און דאָס, וואָס די אידען האָבען זיך בעשעפטיגט מיט ענטלייהען געלט אויף פּראָצענט, וועהרענד די קריסטליכע מלוים האָבען ניט געטאָרט נעהמען קיין פּראָצענט, ווייל די קירכע האָט זיי עס דאַמאָלס פערוועהרט; דערצו איז נאָך צוגעקומען עלילת דם, דער בלבול, דאָס אידען ברויכען קריסטליכעס בלוט צו זייערע מצות. אויס דיזען האַס האָט מען פיר אידען געמאַכט פערשיידענע בעשרענקונגען: מען האָט ביי זיי אָפּגענומען דאָס רעכט צו האָבען ערד-אייגענטום, צו זיין בעלי מלאכות און צוגעלאָזען ווערען צו וועלכען עס איז צעך (אַרבייטער-פעראיין); מען האָט זיי צו קיין רעגירונגס-אַמט אָדער שטאַאַטס-אַמט ניט צוגעלאָזען, מען האָט זיי אפילו ניט צוגעלאָזען צו מיליטער-דינסט. אַפילו דאָרט, וואו מען האָט זיי געגעבען די ערלויבניס צו וואוינען, ווייל זיי האָבען דערפאַר גוט בעצאָהלט מיט פערשיידענע ספּעציעלע שטייערן, — אַפילו דאָרט האָבען זיי ניט געטאָרט וואוינען מיט די קריסטען צוזאַמען, נאָר פיר זיי זיינען געווען בעשטימט פערשיידענע קוואַרטאַלען, ארומגעצוימט מיט אַ מויער, און נאָר אין געוויסע שטונדען אין טאָג האָבען זיי געהאַט דאָס רעכט אַריינצוקומען אין די קריסטליכע גאַסען, וואו זיי האָבען געהאַט

גאָט, אַז ער זאָל שטילען זיין גרימצאָרן. נאָך דעם, ווי דער בריף איז אי־בערגעלעזען געוואָרען, זיינען די שמיים־ברידער גלייך אריין צוריק אין שטאָדט (די שמייסעריי איז פאָרגעקומען אויסער דער שטאָדט) זינגענדיג און זיינען געגאַנגען פּאַאָרוויז מיט פאָהנען און וועקסענע ליכט.

אָבער אויך נאָך לודוויג'ס טויט האָט קאַרל נאָך קיין רוה ניט געהאַט. זיינע געגנער האָבען ניט אויפגעהערט אַרויסצושטעלען נייע קאַנדידאַטען אויף'ן דייטשען טראָן, אָבער קאַרל האָט געוואוסט ווי פון זיי פּטור צו ווע־רען. ער האָט ניט געברויכט קיין שווערד, נאָר ער האָט זיי אָפּגעקויפט מיט געלט. אַזוי האָט דער מארק־גראַף פריעדריך פון מייססען, וועלכען זיינע געגנער האָבען אַרויסגעשטעלט אַלס קאַנדידאַט, געגעבען 10,000 מאַרק און יענער האָט זיך ענטזאָגט פון דעם טראָן, וואָס מען האָט איהם פאָרגעשלאָגען; אַן אַנדערען, גינטעהר פון שוואַרצבורג, האָט ער געגעבען 50,000 מאַרק, ער זאָל איהם צורוה לאָזען. ענדליך האָט קאַרל דערלעבט אַ רוהיגע צייט און דאַן האָט ער זיך געלאָזט נאָך אַמאָל קרוינען אין אַאַכען אין יאָהר 1349.

קאַרל'ס רעגירונג איז בעריהמט דורך די גאָלדענע בוללע (קעניגליכע פעראָרדנונג), וועלכע איז אַרויסגעגעבען געוואָרען אין זיין צייט. דיזע בוללע איז פערפאַסט געוואָרען אין נירנבערג אויף אַ רייכסטאָג און איז פערעפענטליכט געוואָרען אין מעטץ אין יאָהר 1359. דיזע בעריהמט בוללע פערנעהמט 43 פּאַרמענטענע בלעטער קוואַרטאַ־פאָרמאַט (פערטעל בויגען). אין דיזער בוללע זיינען איין מאָל פיר אַלע מאָל בעשטימט געוואָרען די רעכטען פון די קורפירסטען ביי די וואהלען, די געזעצען פון קרוינונג, די רעכטען פון קעניג געגען דעם אַדעל און געגען די פירסטען. דער צוועק פון דער בוללע איז געווען אָפּצושאַפען די אַלע צרות, וואָס דאָס לאַנד האָט געליטען פון די אונאָרדנונגען אין דיזער הינזיכט. די בוללע האָט אויך בע־שטימט, דאָס די יורשים פון אַ פירסט אָדער אַ קעניג זאָלען זיין נאָר זכרים; דאָס דער פירסט אָדער קעניג, וואָס דאַרף בעשטייגען דעם טראָן, דאַרף זיין ניט אינגער פון 18 יאָהר. עס זיינען אויך בעשטימט געוואָרען אין דיזער בוללע די רעכטען פון די פירסטען. אונטער דיזע רעכטען איז אויך געווען דאָס רעכט „יודען צו האַלטען". די בוללע האָט אויך בעשטימט דעם ראַנג פון די קורפירסטען. ד. ה., וועלכער קורפירסט רעכענט זיך פון ערסטען ראַנג, וועלכער פון צווייטען א. אַז. וו. אַלס קורפירסטען זיינען בעטראַכט געוואָרען די ערץ־בישאָפען פון מאַינץ, טריער און קאָלן, דער קע־ניג פון בעהמען, דער הערצאָג פון זאַקסען־וויטטענבערג, דער פאַלץ־גראַף און דער מאַרק־גראַף פון בראַנדענבורג. דער קעניג פון בעהמען איז געווען

ב. דער קאַמף צווישען שטעדט און פירסטען.

קאַרל דער 4טער האָט איטאַליען אין גאַנצען פון זיינע געדאַנקען אַרויס-שלאָגען, זיין רעכט אויף בורגונד אין גאַנצען אויפגעגעבען, און האָט זיך אין גאַנצען איבערגעגעבען צו פערשטאַרקען זיין הויז-מאַכט, איבערהויפּט אין בעהמען. קאַרל איז ווירקליך געווען דער פאָטער פון בעהמען. ער איז גע-ווען אין בעהמען אַ טיכטיגער פערוואַלטער. ער האָט אויך מעהרען אַליין פערוואַלטעט און האָט זי שטאַרק אויפגעהויבען. ער האָט בעהמען מעהר און מעהר אָפּגעריסען פון דעם רייך און האָט זי געמאַכט אין גאַנצען זעלבשטענ-דיג. ער האָט דאָרט געגרינדעט אַ גאַנצע רייהע פון שטעדט און דערפער און האָט אהין איינגעלאַדען דייטשען פון אַנדערע שטעדט און לענדער. בעזונדערס בעריהמט איז געווען די גרינדונג פון אַן אוניווערזיטעט אין פּראַג. דאָס איז געווען די ערסטע דייטשע הויך-שולע (1348). קאַרל האָט ערהאַלטען פון פּאַפּסט די ערלויבניס צו גרינדען אין פּראַג אַ גענעראַל-שטודיום אויף דער זעלבער אַרט, ווי אין באָלאָניא און פּאַריז, מיט דעם רעכט אַרויסצוגעבען אַקאַ-דעמישע טיטלען: דאָקטאָר, מאַגיסטער א. אַנד. פיר אַלע לענדער. נאָך דעם מוסטער פון פּאַריז, וואו קאַרל זעלבסט האָט געשטודירט, האָט ער געגרינדעט אין פּראַג אַן אוניווערזיטעט, וועלכע איז געווען אַ זעלבשטענדיגע אינסטיטו-ציאָן, מיט אַן אייגענער פערוואַלטונג און אַן אייגענעם געריכט. לויט איהרע שטודיומס איז די אוניווערזיטעט געווען איינגעטיילט אין פיער פאַקולטעטען: אַ טהעאָלאָגישע, יוריסטישע, מעדיצינישע און פילאָזאָפישע. יעדע פאַקולטעט האָט געהאַט איהר בעזונדערען דעקאַן (עלסטען). אַלע דעקאַנען זיינען געשטאַ-נען אונטער דער אויבערהערשאַפט פון דעם רעקטאָר, וועלכער איז געווען דער הויפּט פון דער גאַנצער אוניווערזיטעט. דער רעקטאָר פלעגט ערוועהלט ווע-רען פון די פערטרעטער פון די נאַציאָנען פון די פיער מדינות: באַיערן, זאַקסען, פּוילען און בעהמען. צו יעדער פון דיזע פיער מדינות האָבען גע-הערט אַנדערע לענדער. אַזוי צ. ב. האָט צו באַיערן געהערט זיד-וועסט-דייטשלאַנד מיט דער שווייץ, צו זאַקסען האָט געהערט גאַנץ נאָרד-דייטש-לאַנד מיט סקאַנדינאַוויען, צו פּוילען האָבען געהערט שלעזיען, טהירינגען און מייססען, צו בעהמען האָט מען אויך גערעכענט אונגאַרן. אָבער די סטודענטען זיינען געווען צום גרעסטען טייל דייטשען. די אוניווערזיטעט איז באַלד שטאַרק בעריהמט געוואָרען אין אייראָפּאַ. אין אַ קורצער צייט האָט זי געהאַט איבער 10,000 סטודענטען.

נעטיג אַריינצוקומען. אום מען זאָל גלייך אויף'ן ערסטען בליק דערקענען דעם אידען, האָט יעדער איד געמוזט טראָגען אויף זיינע קליידער אַ געלע לאַטע אויף'ן רוקען. זעהר אָפט פלעגט טרעפען, דאָס די רעגירונג האָט געאָרדענט, דאָס אַלע חובות, וואָס די קריסטען זיינען שולדיג צו אידען, זאָלען גערעכענט ווערען פיר אונגילטיג. אונטער דיזע אומשטענדען איז קיין וואונדער ניט, דאָס אויך ביי די אידען האָט זיך ערוועקט אַ האַס צו די קריסטען, אַלס זייערע שונאים און פערפאָלגער. עס איז קיין וואונדער ניט, דאָס די אידען האָבען גענומען פון די קריסטען, וועלכע האָבען פון זיי צוגענומען אַלע קוועלען פון לעבען, גרעסערע פּראָצענטען פיר דאָס געלד, וואָס זיי פלעגען זיי פערלייהען, און וועלכע זיי פלעגען זעהר אָפט גאָר ניט צוריק בעקומען.

ניט אַלע קורפירסטען זיינען אָבער צופרידען געווען מיט דער גאָלדענער בוללע. מעהר פון אַלע זיינען געווען אונצופרידען די קורפירסטען פון עסטרייך, באַיערן און זאַקסען־לאַוענבורג. אָבער קאַרל האָט געזוכט מיטלען זיי צו בערוהיגען. רודאָלף'ן פון עסטרייך האָט ער בערוהיגט דערמיט, וואָס ער האָט איהם געגעבען זיין טאָכטער פיר אַ ווייב. דעם הערצאָג פון באַיערן האָט ער איינגעשטילט מיט מיליטערישער מאַכט; ער איז פלוצלינג בעפאַלען זיין לאַנד און האָט איהם געצוואונגען זיך אונטערצוגעבען.

די גאָלדענע בוללע האָט געמאַכט די פירסטען גענצליך אונאָפּהענגיג פון קייזער. זיי זיינען נאָר געבליבען מיט איהם פערבונדען דורך דאָס פעאָדאַל־רעכט. אויסער דעם האָט יעדער געהאַט פולע פרייהייט צו פיהרען זיין שטיקעל מדינה ווי עס איז איהם געפעלען, ניט פרעגענדיג עטוואָס ביים קייזער. דערמיט איז די קעניגליכע מאַכט כמעט אין גאַנצען פערניכטעט געוואָרען. דער קעניג איז דאַן געוואָרען נאָר דער ערסטער פון די פירסטען, אָבער ניט דער פיהרער. די קעניגליכע מאַכט האָט אויך פיעל פערלאָרען דורך די ערנידריגונג, וואָס זי האָט געליטען פון פראַנקרייך. אונטער דיזע אומשטענדען איז די פּאָליטיק פון הויז־מאַכט (פּריוואַטע מאַכט) געווען זעהר נעטיג, ווייל די רייכס־לענדערייען און די רייך־שטעדט זיינען געווען פערוואַלטעט פון קעניגליכע בעאַמטע. דעם פרידען פון לאַנד האָבען נאָר די פירסטען געקענט אונטערהאַלטען אָדער שטערען. עס האָבען זיך דאַן אויך איינינגע שטעדט ערקלערט פריי און אונאָפּהענגיג און האָבען ביי זיך איינגעפיהרט פאָלשטענדיגע דעמאָקראַטישע רעגירונגען. די קעניגליכע מאַכט איז כמעט אין גאַנצען פערשוואונדען. עס זיינען געווען אויף דעם פּאָליטישען פעלד נאָר לאַנד־פּריצים און פריי־שטעדט.

שטעדט, וואָס האָבען געמאַכט אַ בונד, זיינען געווען מאַינץ, אָפּפּענהיים, וואָרמס און בינגען, וועלכע האָבען זיך פעראייניגט אין יאָהר 1254. דיזער בונד איז זעהר שנעל געוואַקסען און אין אַ קורצער צייט האָט ער געצעהלט איבער 100 שטעדט. אפילו מעכטיגע פירסטען און ערץ־בישאָפען זיינען צו-געשטאַנען צו דיזען בונד. דער בונד האָט זיך ערקלערט אַלס דער פערטרע-טער פון דעם הערשלאָזען רייך און האָט גענומען אין זיינע הענט די אינ-טערעסען פון אַלע קלאַסען: פון די אַדעללייט, די בירגער און די בויערן.

גלייך פון אָנפאַנג האָט דער בונד בעוויזען ענערגישע טעטיגקייט. וויל-העלם פון האָללאַנד איז אויף דער ערסטער פערזאַמלונג פון בונד איינשטימיג ערוועהלט געוואָרען אַלס קייזער. אויף דער ערסטער פערזאַמלונג אונטער דעם פּאָרזיץ פון קייזער ווילהעלם האָט מען אָנגענומען פיעלע סאָציאַלע רע-פּאָרמען (29טען יוני, 1255).

ווילהעלם איז אונערוואַרטעט געשטאָרבען. עס זיינען אין לאַנד וויע-דער געוואָרען שרעקליכע אונאָרדנונגען. עס האָט איבעראַל געהערשט אַנאַרכיע און די שטעדט האָבען אָנגעשטרענגט אַלע זייערע קרעפטען צו מאַכען אָרדנונג, אָבער עס איז זיי ניט געלונגען. דער בונד האָט אפילו געהאַנדעלט קלוג און ריכטיג. אום עס זאָל ניט קומען צו אַ דאָפּעל־וואַהל, ד. ה. די פירסטען זאָלען זיך ניט צושפּאַלטען אויף צוויי פּאַרטייען און ניט אויסקלייבען צוויי קעניגען, וועלכע וועלען זיך רייסען צווישען זיך און אָנמאַ-כען אין לאַנד צרות, האָבען די שטעדט (ד. ה. דער בונד) אָנגעזאָגט, דאָס זיי וועלען פיר אַזאַ וואַהל שטרענג בעשטראָפען. דער בונד האָט אויסגע-פיהרט, דאָס דעלעגאַטען פון שטעדט זאָלען צוגעלאָזען ווערען אָנטייל צו נעהמען אין די וואַהלען פון קעניג. אָבער דאָס אַלץ האָט ניט געהאָלפען. די פירסטען האָבען זיך צוריסען אויף פּאַרטייען און דערמיט איז דער בונד אויך צוריסען געוואָרען.

די ווירקונג פון דעם רהיינישען שטעדט־בונד איז אויך פערבליבען נאָך זיין פערשווינדען. הגם דורך זיין אונטערגאַנג האָבען די פירסטען וויעדער בעקומען זייער אויבערמאַכט איבער'ן קייזער און איבער די שטעדט, האָבען די שטעדט פון דאַמאָלס אָן בעקומען דאָס רעכט אָנטייל צו נעהמען אין רע-גירונגס־אַנגעלעגענהייטען, און דערמיט איז דאָס רייך געווען געזיכערט פון צופאַלען אויף קליינע טיילען.

לויט דער פערפאַסונג (קאָנסטיטוציאָן) פון רהיינישען שטעדט־בונד האָבען די איינצעלנע שטעדט געהאַט דאָס רעכט צו ערקלערען און פיהרען קריג, צו שליסען פרידען, צו בעשטראָפען די יעניגע, וואָס האָבען ניט ער-

קארל האָט אויסערהאַלב פון בעהמען געמאַכט נייע ענדערונגען. ער האָט געשלאָסען מיט אָטטאָ און לודוויג, די קינדער פון לודוויג פון באַיערן, א ירושה־אָפּמאַך, לויט וועלכען בראַנדענבורג זאָל אונטער געוויסע בעדינגונגען צופאַלען צו זיין הויז אַלס ערבשאַפט. ווען לודוויג איז געשטאָרבען האָט קארל געצוואונגען דעם שוואַכען אָטטאָ אָפּצוטרעטען בראַנדענבורג, פיר וועלכעס ער זאָל בעקומען 200,000 גאָלד־גולדען. אָבער ער האָט איהם בעצאָהלט ווייניגער פון העלפט. אין שלעזיען איז נאָר איין הערצאָג געבליבען. קארל האָט בכיוון געהייראַטעט דעם הערצאָג׳ס קוזינע און אין יאָהר 1368, אַלס דער הערצאָג איז געשטאָרבען, האָט ער גע׳ירש׳עט אויך די שלעזישע פירסטענטימער.

אין יאָהר 1378 איז קארל געשטאָרבען. זיין זוהן ווענצעסלאוו אָדער ווענצעל האָט ערהאַלטען בעהמען, שלעזיען און לוקסעמבורג. סיגיזמונד האָט ערהאַלטען בראַנדענבורג, יאָהאַן — גאָריטץ; אויך זיינע פּלעמעניקעס זיינען ניט פערגעסען געוואָרען ביי דער חלוקה. ווענצעסלאוו איז ערוועהלט געוואָרען אַלס קייזער אין דייטשלאַנד נאָך ביי זיין פאָטער׳ס לעבען, הגם זינט די שטויפען האָט מען שוין אין דייטשלאַנד מעהר ניט ערוועהלט א זוהן אַלס קעניג נאָך זיין פאָטער׳ס טויט. קארל האָט שוין אין יאָהר 1367 אָנגעפאַנגען צו אַגיטירען פיר זיין זוהן און פיעלע פירסטען און שטעדט האָבען איהם פערשפּראָכען, דאָס זיי וועלען איהם ערוועהלען. און באַלד נאָך זיין טויט איז ווענצעסלאוו ווירקליך געקרוינט געוואָרען אין אַאכען.

ווענצעל איז געווען זעהר א שוואַכער אין כאַראַקטער. ער האָט בעשטיגען דעם טראָן גראַדע אין א צייט, ווען דייטשלאַנד האָט געפאָדערט, דאָס אויף דעם טראָן זאָל זיצען א זעהר ענערגישער הערשער, ווייל דאָס רייך איז געווען צוריסען אויף שטיקער: די פירסטען און די שטעדט האָבען צווישען זיך ביטער געקעמפט. די שטעדט האָבען געפאָדערט מען זאָל זיי לאָזען אָנטייל נעהמען אין דער רעגירונג, און אום דיזען צוועק צו דערגרייכען, האָבען זיי זיך געשלאָסען אין פערבאַנדען און פעראיינען, דורך וואָס זיי זיינען געוואָרען א פּאָליטישע מאַכט.

נאָך פריהער, אין מיטען פון 13טען יאָהרהונדערט, האָבען זיך שוין פיעלע שטעדט פעראייניגט און געשלאָסען א בונד. דאָס איז געווען דער בונד פון די רהיין־שטעדט, וועלכע האָבען געשטרעבט דערצו, דאָס דייטשלאַנד זאָל ווערען איין גאַנצעס מעכטיגעס רייך און זאָל אַרויסגעשלעפּט ווערען פון דעם טיפען אָפּגרונד, אין וועלכען זי איז פערזונקען געוואָרען צוליב דעם פעאָדאַל־סיסטעם און דעם דעספּאָטיזם פון די פירסטען. די ערסטע

און געקעמפט איינער מיט דעם אנדערען אָהן אן אויפהער. פריהער האָט דער קייזער געהאַט די מאַכט דעם פרידען אויפצוהאַלטען, יעצט אָבער, אז קיין קייזער איז ניט געווען, איז געוואָרען הפקר. פיר יעדע קלייניגקייט האָט מען זיך געריסען צווישען זיך. יעצט האָט נאָר דער געהאַט פרידען, ווער עס

ריטערס און שטאָדט־לייט אין קאַמף.

איז געווען שטאַרקער. דיזער צושטאַנד האָט געפיהרט דערצו, דאָס פיעלע שוואַכערע פירסטען האָבען זיך פעראייניגט אין איין פערבאַנד מיט דעם צוועק צו פערזיכערן דעם לאַנד־פרידען. דער פערבאַנד האָט בעשלאָסען צו געבען צו וויסען יעדען, ווער עס דאַרף וויסען, דאָס ער איז בערייט צו

פילט די פאָדערונגען פון זייערע פערפאַסונגען. די העכסטע מאכט איז גע-ווען אין די הענט פון די פערטרעטער פון די שטעדט אויף די פערזאמלונגען, וועלכע פלעגען פאָרקומען פיער מאָל א יאָהר אין בעשטימטע טעג. אויסער די רעגולערע פערזאמלונגען האבען זיי אויך אָפּגעהאַלטען ספעציעלע פער-זאמלונגען צו פערהאַנדלען אָפּיציעלע וויכטיגע פראַגעס. די פערזאמלונגען האָבען געהאַט פולע מאכט צו בעשליסען אַלע וויכטיגע זאַכען בנוגע די אינ-טערעסען פון בונד, און זייער בעשלוס איז געווען דאָס העכסטע וואָרט פון בונד, מען האָט מעהר ניט געקענט אַפּעלירען צו וועמען עס איז אום זייער בעשלוס אומצואוואַרפען. ווען מיטגלידער פון בונד זעלבסט האָבען געהאַט צווישען זיך א סכסוך וועגען וואָס עס איז, איז געווען צו דיזען צוועק איינ-געריכטעט א בונד-געריכט, וועלכעס האָט ענטשיידען, ווער פון די בעלי דינים איז גערעכט. די פּאָרזיצענדע אין בונד זיינען געווען די פערטרעטער פון די שטעדט מאַינץ און וואָרמס. דיזע פלעגען פעררופען פערזאמלונגען, אויפ-נעהמען קלאַגעס, און געבען צו פרידענסברעכער די ערסטע התראה צוריק-צושטעלען דעם פרידען. געגען יעדען איינצעלנעם מיטגליד פון בונד האָט דער בונד געהאַט א גרויסע מאכט. די שטאָדט, וועלכע האָט דעם פרי-דען געשטערט, איז ניט נאָר אויסגעשטויסען געוואָרען פון בונד און בע-שטראָפט געוואָרען אַלס פרידענס-שטערערין, נאָר זי איז אָפט אויך אין גאַנ-צען צושטערט געוואָרען דערפאַר, וואָס זי האָט געבראָכען די שבועה, וועלכע זי האָט געגעבען בשעת זי האָט אַריינגעטראָטען אין בונד. ווען איין שטאָדט פון בונד איז אַרויסגערופען געוואָרען פון א פיינד צום שטרייט, און די שטאָדט איז אַליין ניט געווען אין שטאַנד צו שטרייטען מיט'ן פיינד, האָט דער בונד געמוזט די אַנגעגריפענע שטאָדט העלפען נאָך דעם, ווי יענע האָט געגעבען די שבועה, דאָס זי איז געגען דער אַנגרייפערין גערעכט און אונשולדיג. ווען עס איז ניט געווען געגנוג די הילף פון איין שטאָדט, איז עס געווען די פליכט פון דער נאָהענטסטער שטאָדט צו העלפען דער אַנגעגריפענער שטאָדט, און ווען דיזע איז געווען וועניג, האָט געמוזט דער גאַנצער בונד העלפען. צו דיזען צוועק האָט יעדע שטאָדט געמוזט האָבען אַנגעגרייט וואָפען, קריגער, שיפען און אַנדערע קריגס-מיטלען. דער בונד האָט אויך געהאַט דאָס רעכט צו בעלעסטיגען די שטעדט מיט געוויסע שטייערן פיר די נעטיגע הוצאות פיר די אַלגעמיינע אינטערעסען פון גאַנצען בונד.

נאָך דער צושטערונג פון דיזען בונד זיינען אין פערלויף פון א גאַנצען יאָהרהונדערט ענטשטאַנען פעראייניגונגען פון לאַנד-פרידען. דאָס לאַנד איז דאַמאָלס געווען ווי אין קריגס-צושטאַנד, די פירסטען האָבען זיך געריסען

וועלכע זיינען נאכגעקומען די פאדערונגען פון די שטעדט. איבערהויפט האט פערפאלגט דיזען שטעדט=פעראיין דער גראף עבערהארד דער ראושעבארד (ד. ה. רויטע בארד). דער גראף האט די ארמעע פון די פעראייניגטע שטעדט בעזיגט ביי אללהיים, אבער זיי האבען זיך ווידער בעמעכטיגט און איבער=א=נייס צוזאמענגעשטעלט דעם בונד, אן דער שפיץ פון וועלכען עס איז נאכדעם געשטאנען די שטאדט אולם, און וועלכער האט עקסיסטירט ביז דעם יאהר 1380.

אין יאהר 1376 — ערצעהלט דער כראניקער יאקאב טווינגער — איז אויסגעבראכען א שטרייט צווישען דעם גראף עבערהארד פון ווירטטעמבערג און די שטעדט פון דעם רייך אין שוואבען. דער קריג האט געדויערט דריי און א האלב יאהר. דאס לאנד איז שרעקליך פערוויסטעט געווארען פון דיזען קריג. אלע דערפער זיינען פערניכטעט געווארען דורך פייער, די פעל-דער זיינען געווארען פערברענט, די פרוכט=בוימער אויסגעהאקט; די שטאדט=לייט האבען אוועקגערויבט דאס פיה פון די פריצים, האבען געפאנ-גען פיעלע פון די דארף=לייט און האבען פיעלע געטויטעט. איבער 1,500 דערפער זיינען אין דיזען קריג פערברענט און פערוויסטעט געווארען, איבער 1,400 מענשען זיינען געפאנגען און גע'הרג'עט געווארען פון ביידע זייטען. די אורזאך פון דיזען קריג איז געווען, דאס די שטעדט האבען צוגעצויגען צו זיך פיעלע דארף=לייט און זיי געמאכט פיר שטאדט=בירגער, און דערמיט האבען זיי געשאדט דעם גראף פון ווירטטעמבערג. אויך האבען די שטעדט אריינגענומען אין זייער פערבאנד די שטאדט ווייל, וועלכע דער קייזער האט געשענקט דעם גראף פיר זיינע גרויסע פערדינסטען. די שטעדט אבער האבען געמיינט, דאס זיי האבען ערהאלטען פון קייזער געוויסע רעכטען צו אר-גאניזירען זיך און פעראייניגען אום צו בעשיצען זייערע אינטערעסען, און זיי האבען דאס רעכט אויפצונעהמען בירגער; און וואס אנבעטרעפט דער שטאדט ווייל, געהערט זי צום רייך און האט דאס רעכט אריינצוטרעטען אין פעראיין מיט אלע אנדערע שטעדט, און יעצט, ווען דיזע שטאדט איז אין פערבאנד מיט זיי, מוזען זיי איהר העלפען געגען איהרע בעדריקער — דארום איז דער קריג.

אין דער צייט פון דיזען קריג — ערצעהלט דער כראניקער ווייטער — זיינען איניגע סאלדאטען ארויס און האבען געפאנגען דאס פיה פון די דער-פער, וואס האבען געהערט צום גראף פון ווירטטעמבערג. דער יונגער גראף אולריך פון ווירטטעמבערג האט באלד פערזאמעלט אנדערע גראפען און רי-טער און איז מיט פיעל פאלק גלאפען בעשטראפען די רייטלינגער. זיי הא-

געברויכען אַלע מיטלען צו אונטערהאַלטען דעם פרידען צום ווענינגסטען צעהן יאָהר ביז עס וועט אין לאַנד ווערען גאַנץ רוהיג, און דאָס יעדער שטע־רער פון פרידען וועט הארט בעשטראָפט ווערען. דער קעניג ווילהעלם האָט דיזען פרידען בעשטעטיגט אין יאָהר 1255. פון דאַמאָלס אָן איז די מאַכט מעהר אַריבער פון די קעניגען צו די פרידענס־פעראַיינען. דיזע פעראַיינען האָבען עקסיסטירט אין דער גאַנצער צייט פון 14טען און 15טען יאָהרהונ־דערט. צו די פעראַיינען פון לאַנד־פרידען זיינען צוגעשטאַנען פיעלע שטעדט.

אַלע בונדען, וואָס האָבען זיך געגרינדעט צו ענדע פון מיטעלאַלטער, האָבען אונטער אַנדערע זאַכען געהאַט אויף דעם צוועק צו אונטערהאַלטען דעם לאַנד־פרידען, און אייניגע האָבען געהאַט נאָר דיזען צוועק. דער וועסט־פּאַלישער בונד האָט געהאַט זעהר פיעלע מיטגלידער, אָבער דער רהיינישער בונד איז געווען פיעל מעהר בעדייטענד פון אַלע אַנדערע בונדען. דיזע אַלע פעראַיינען האָבען ניט געהאַט קיין רעגעלמעסיגע פערזאַמלונגען, קיין בע־פאָלמעכטיגטע פערטרעטער צו פערהאַנדלען די אַלגעמיינע אינטערעסען. אָבער דער אייגענטליכער פרידענס־בונד האָט נאָר געהאַט צו טאָן מיט דעם לאַנד־פרידען, און דיזער בונד האָט געהאַט רעגעלמעסיגע פערטרעטער, וועלכע פלעגען זיך צוזאַמענקומען אין געוויסע טעג צו פערהאַנדלען דיזע אויפגאַבע, ד. ה. דעם לאַנד־פרידען.

דיזער פרידענס־בונד איז געווען די העכסטע אויטאָריטעט אין לאַנד. ער פלעגט איינלאַדען אויף פערזאַמלונגען די אַנדערע פרידענס־פעראַיינען מיט בריף אונטער דעם זיגעל פון לאַנד־פרידען, פלעגט ריכטען און אויס־גלייכען שטרייטיגקייטען צווישען אַנדערע פעראַיינען, פלעגט אויסשליסען פון בונד אַזעלכע פירסטען אָדער שטעדט, וואָס האָבען זיך פערזינדיגט און האָבען פערדינט אַ שטראָף. יעדער פעראַיין האָט געמוזט ביישטייערן אַ גע־וויסע סומע אום צו דעקען די נעטיגע אויסגאַבען פיר די דורכפיהרונג פון די בעשלוסען פון הויפּט־בונד פון לאַנד־פרידען.

אונגעפעהר הונדערט יאָהר נאָך דעם, ווי דער רהיינישער שטאָדט־בונד איז אויפגעלעבט געוואָרען, האָט זיך געגרינדעט אין דייטשלאַנד אַ נייער שטעדט־פעראיין, נעמליך דער שוואַבישער. אין יאָהר 1331 האָט זיך גע־גרינדעט דיזער פעראיין, צו וועלכען עס זיינען צוגעשטאַנען אויף אייניגע שווייצאַרישע שטעדט, ווי ציריך און גאַללען. דיזער פעראיין איז שטאַרק אָנגעגריפען געוואָרען פון די בענאַכבאַרטע רויב־ריטער און לאַנד־פריצים און פירסטען, ווייל דער פעראיין האָט צופיעל פערברייטערט זיין מאַכט און האָט אָנגעהויבען אַריינצונעהמען אַלס שטאָדט־בירגער אויך בויערן,

דעם צווייטען טאָג האָבען געזיגט די אַדעליגע, וועלכע האָבען גע׳הרג׳עט 1,000 פון די שטאָדט־לײַט און 600 געפאַנגען.

דיזע נידערלאַגע האָט ענטשידען דאָס שיקזאַל פון די שטעדט. דער קעניג ווענצעל האָט געבאָטען אין יאָהר 1389 אַן אַלגעמיינעם פרידען. די שטעדט האָבען געמוזט אויפגעבען זייער פּלאַן צו פערגרעסערן די צאָהל פון די בירגער דורך אריינגעהמען נייע בירגער פון די דאָרפלייט. מען האָט זיי דאַמאָלס ווידער פערבאָטען זיך צו פעראייניגען און פערבינדען.

די קלענערע שטעדט־פעראיינען, פון וועלכע עס האָבען זיך געבילדעט די גרויסע שטעדט־פעראיינען, האָבען נאָך עקסיסטירט אין דער גאַנצער צייט פון 15טען יאָהרהונדערט, אָבער זייער ראָלע איז אימער געוואָרען שוואַכער און שוואַכער, און זייערע בעמיהונגען צו בענייען דעם אַלטען בונד פון די שטעדט און געווינען דעם אַלטען איינפלוס האָבען ניט געהאַט קיין ערפאָלג.

אָנפאַנגס האָבען די גרונד־בעזיצער ניט געשטערט די דאָרפלייט צו ווע־רען בירגער אין די נאָהענטע שטעדט, ווייל די נייע בירגער זיינען געוועהנ־ליך געבליבען אויף זייערע ערטער אין די דערפער, און האָבען פאָרטגעזעצט צו צאָהלען צו די גוטס־בעזיצער די אַלע שטייערן, וועלכע זיי האָבען פריהער געצאָהלט, איידער זיי זיינען געוואָרען שטאָדט־בירגער, אָבער מיט דער צייט האָבען די בירגער בעקומען מעהר רעכטען, און יעדער בירגער איז געוואָרען פריי פון אַלע אָפּצאָהלונגען, אויסער פון דער, וואָס ער איז מחויב געווען צו גע־בען צו דער שטאָדט, אַזוי דאָס די פּריצים אין די דערפער האָבען אָנגעהויבען צו פערלירען דערפון, וואָס זייערע דאָרפלייט זיינען געוואָרען בירגער. די גוטס־בעזיצער האָבען געגען דעם אָנגעפאַנגען אריינצוברייגגען קלאַגעס צום קייזער און דיזער האָט געמוזט ארויסלאָזען בעפעהלען צו בעשרענקען די רעכ־טען פון די בירגער אָנצונעהמען נייע בירגער פון די דאָרפלייט. אַזעלכע בע־פעהלען בעגעגנען מיר זעהר אָפּט אין דער צייט פון דעם מיטען פון 13טען ביז ענדע פון 15טען יאָהרהונדערט. איין אויסנאַהמע איז נאָר געמאַכט געוואָרען פיר די יעניגע, וועלכע האָבען זיך בעזעצט אין אַ שטאָדט אויף שטענדיג.

אָבער ווייל דיזע נייע בירגער, וואָס פלעגען אָנקומען אין די שטעדט פון די דערפער, זיינען געווען אַ גרויסע שטיצע פיר די שטעדט אין יענער שטורמישער צייט, דעריבער האָבען די שטעדט קיין אויפמערקזאַמקייט ניט געשענקט צו אַלע קייזערליכע בעפעהלען געגען אָננעהמען מעהר דאָרפלייט אַלס שטאָדט־בירגער. אין יענער צייט זיינען די קייזערליכע געזעצען אי־בעראַל געווען מאַכטלאָז, מען האָט זיך וועגען זיי ווייניג געקימערט. ניט

בען פעריאַגט די רייטלינגער אין שטאָדט און יענע האָבען פערשלאָסען דעם טויער פון שטאָדט. דערווייל האָבען זיך די שטאָדט־לייט בעוואפענט און זיינען ארויס פון אן אנדער טויער, האָבען ארומגערינגעלט דעם גראף מיט די ריטער און זייערע לייט און האָבען זיי אַלע אויסגע׳הרג׳עט. אין דיזען שטרייט זיינען אויך געפאַלען דריי גראפען און 22 ריטער. נאָר אולריך, דער יונגער גראף פון ווירטעמבערג, האָט זיך א פערוואונדעטער געראַטעט, די איבריגע זיינען אַלע געפאַלען אין דיזען שטרייט. פון די רייטלינגער זיינען נאָר 16 געפאַלען.

דער קייזער קארל האָט זיך געגעבען פיעל מיה צו ברייננגען פרידען אין לאנד, ווייל ער האָט געוואָלט דורכפיהרען זיין פּלאַן ארויפצוזעצען אויף׳ן טראָן זיין זוהן וועגצעל נאָך פאר זיין לעבען, און דיזעס האָט געפאָדערט, עס זאָל זיין רוהיג אין לאנד און פרידען צווישען די פירסטען און די שטעדט. צו דיזען צוועק האָט ער בעשטעטיגט צו די שטעדט זייערע רעכטען און פרייהייטען, ער האָט זיי געגעבען דאָס רעכט זיך צו בעוואפנען און צו פערטיידיגען, ווען די אומשטענדען וועלען עס פאָדערן, און האָט אויך בעשטימט, דאָס די שטעדט עסלינגען, ראָטהוייל, רייטלינגען און ווייל געהערען מעהר ניט צו די גראַפען, נאָר זיי זיינען זעלבשטענדיג און פריי און האָבען דאָס רעכט צו פעראייניגען זיך אין בונד מיט אנדערע שטעדט. אָבער ניט אכטענדיג דערויף האָט דער קריג צווישען די פירסטען און די שטעדט ניט אויפגעהערט. די בירגער האָבען בעלאַגערט שטוטטגארט, האָבען פערוויסטעט די אומגעגענד און האָבען ענדליך געזיגט. קארל דער 4טער האָט זיך אריינגעלעגט אין א שלום און אין יאָהר 1375 איז דורך זיין פערמיטלונג געשלאָסען געוואָרען א שלום אין נירנבערג, אויף וועלכען עס איז אויסדריקליך אנערקענט געוואָרען דאָס רעכט פון די שטעדט זיך צו פעראייניגען און צו בעשיצען זייערע אינטערעסען. אָבער אויך דיזער פרידען האָט ניט לאנג אָנגעהאַלטען. די פירסטען און די אדעליגע האָבען זיך ווידער פעראייניגט אום אָפּצונעהמען פון די שטעדט זייער רעכט זיך צו פעראייניגען. די הערצאָגען פון באַיערן האָבען איבער־א־נייס דעם קאמף אויפגעוועקט. די בירגער פון די שטעדט האָבען זיך פאָרבערייטעט צום שטרייט און אין יאַנואַר 1388 האָט זיך זייער חיל פערזאַמעלט אין אוגסבורג. ווען די באַיערישע הערצאָגען האָבען דערזעהען די גרויסע מחנה קריגער, האָבען זיי זיך דערשראָקען און געבעטען מאַכען פרידען, אָבער די בירגער האָבען ניט געוואָלט הערען פון שלום. די פיינדליכע סאָלדאַטען האָבען זיך בעגעגענט ביי אוגסבורג און רעגענסבורג. דעם ערסטען טאָג האָבען די בירגער געהאַט געזיגט, אָבער

נען ניט אַריינגענומען געוואָרען אין דער גילדע פון דער קעָלנער האַנזאַ, זיי-נען אַריינגעטרעטען אין די גילדע פון דער דייטשער האַנזא פון לאָנדאָן.

מען איז אָבער דערביי ניט געבליבען שטעהן. די קויפלייט פון די צפון'דיגע שטעדט האָבען אין אָנפאַנג פון 13טען יאָהרהונדערט געגרינדעט פעראיינען, וועלכע האָבען געהאַט דעם צוועק צו זוכען מיטלען צו בעקומען פערשיידענע פריווילעגיעס, צו שטיצען דעם לאַנד-פרידען, צו פערטיידיגען זיך געגען די אָנגריפען פון דעם אַדעל, צו בעקעמפען די ים-רויבער א. ד. גל. ליבעק האָט געקראָגען גרויס אָנזעהן און האָט בעקומען וויכטיגע פריווילעגיעס. אין יאָהר 1226 האָט זי בעקומען פון קייזער פריעדריך דעם 2טען די פריווילעגיע אַלס אַ פרייע רייך-שטאָדט פיר אַלע צייטען. אין יאָהר 1241 האָט ליבעק זיך פערבונדען מיט האַמבורג. דיזע פערבינדונג איז געוועזען אַ זעהר וויכטיגע אין פיעלע הינזיכטען. עס האָבען זיך נאָך פיעלע אַנדערע פעראיינען מיט דעם זעלבען קאָמערציעלען צוועק געבילדעט. נאָך דעם האָבען זיך די זעלבע שטעדט פעראייניגט מיט די האַנדעל-שטעדט פון מיטען דעם דייטשען רייך. די פעראייניגטע שטעדט האָבען אָנגעהויבען צו שפּילען אויך אַ היבשע ראָלע אין דער פּאָליטיק. דיזער פאַקט האָט נאָך מעהר אויפגעהויבען די בעדייטונג פון ליבעק, ווייל זי איז געוועזען די הויפּט-רעדעלפיהרערין אין דער פּאָליטיק. די דייטשע האַנזאַ האָט איבערגעשטי-גען מיט איהר בעדייטונג אַלע אויסלענדישע האַנזאַס.

וואָס אָנבעטרעפט די אינערע אָרגאַניזאַציאָן פון דער דייטשער האַנזא, איז זי געוועזען איינגעאָרדענט לויט די בונד-אַקטען, וואָס זיינען פערפאַסט גע-וואָרען אין קאָלן אין יאָהר 1364. ליבעק איז לויט דיזע אַקטען געוואָרען דער קאָפּ פון גאַנצען בונד. זי האָט געשפּילט די הויפּט-ראָלע אין פיהרען די גע-שעפטען פון דער גאַנצער האַנזאַ, זי פלעגט צוזאַמענרופען די פערטרעטער צום האַנזאַ-טאָג, וועלכער איז געווען בעשטימט איין מאָל אין דריי יאָהר אין פינגסטען (טראַאיצאַ, שבועות). ליבעק האָט געפאַסט די בעשלוסען פון דער פערזאַמלונג אין אַ געזעץ-בוך, זי האָט געפיהרט די קאָרעספּאָנדענץ מיט די אַלע שטעדט פון פעראיין און מיט אַנדערע און מיט די רעגירונגען, זי האָט געשיקט געזאַנדטע וואוהין עס איז נעטיג געווען, זי האָט געהאַט די אויבער-הערשאַפט איבער דער פלאָטע פון בונד, אונטער איהר שוץ זיינען געווען דער אַרכיוו און די קאַסע פון בונד. די צאָהל פון שטעדט, וואָס זיינען גע-ווען אין דער האַנזא פון ליבעק, איז געווען 85. דיזע שטעדט זיינען געווען איינגעטיילט אין אָפּטיילונגען, יעדע מיט אַ בעזונדערער הויפּט-שטאָדט.

נאָר איינצעלנע פּערזאָנען, נאָר אויך גאַנצע דערפער פלעגען איבערגעהן אין שטאָדט־בירגער, אויך פיעלע אַדעלליים און גאַנצע מאָנאַסטירען פלעגען איבערגעהן און ווערען שטאָדט־בירגער.

שפּעטער איז געגרינדעט געוואָרען דער שטעדט־בונד פון דער בעריהמטער דייטשער „האַנזאַ" (בונד פון האַנדעל־שטעדט). דיזער פיעל פערצווייגטער בונד פון שטעדט פון נידער־דייטשלאַנד איז ניט געשטאַנען אין קיין בעציהונג צום רייך, אָדער צו וועלכען עס איז לאַנד־פירסט. דיזער פעראיין שטעהט אין דער געשיכטע גאַנץ איינציג.

היסטאָריש זיינען געווען צוויי אורזאַכען, וועלכע האָבען בעשאַפען דעם האַנזאַ־פעראיין: די פעראייניגונג פון די קויפמענישע גילדעס אין אויסלאַנד און די פערבינדונג פון אייניגע האַנדעל־שטעדט. שוין אין 12טען יאָהרהונדערט האָט עקסיסטירט אין וויסבי אַ „פעראיין פון דייטשע קויפליים". צו דיזע קויפליים, וועלכע זיינען געווען סוחרים פון נידער־זאַקסען און וועסטפאַלען, זיינען צוגעשטאַנען אויך סוחרים פון די קאָלאָניאַל־שטעדט אויף דער אָסט־זעע (באַלטישעס מעער). אָנפאַנגס פלעגען די סוחרים צוזאַמענקומען אום נאָר צו בעראַטען זיך וועגען געשעפט־זאַכען, אָבער זיי האָבען זיך באַלד איבערציינט, דאָס פיר זייערע אייגענע אינטערעסען וועט עס זיין פון גרויס נוצען און וויכטיגקייט, ווען זיי וועלען זיך פעראייניגען אין אַ שטענדיגען פערבאַנד. זיי האָבען עס גלייך געטאָן און האָבען אַלע זייערע געשעפטען געפיהרט געמיינשאַפטליך אונטער אַן אַלגעמיינעם זיגעל מיט דער אויפשריפט: „זיגעל דער דייטשען קויפלייטע אויף גאָטהלאַנד".

ווי אין וויסבי (שוועדען), אַזוי האָט מען אויך געזוכט צו פערשאַפען זיך אַ פעסטע שטעלונג אין לאָנדאָן, ניט אַכטענדיג אויף דעם, דאָס די קעלנער סוחרים האָבען געגען דעם שטאַרק אינטריגירט. שוין אין יאָהר 1146 האָבען די שטעדט ליבעק, האַמבורג און אייניגע אַנדערע, פון וועלכע די סוחרים האָבען געוואָלט בעזוכען לאָנדאָן מיט דער אַבזיכט צו פיהרען דאָרט געשעפטען, בעקומען פון היינריך דעם 2טען די פרייהייטען, „וועלכע די דייטשען האָבען ערהאַלטען פון זיינע עלטערן". אין יאָהר 1227 האָבען די סוחרים פון גאָטהלאַנד בעקומען דאָס רעכט פון צאָל־פרייהייט. אין 1267 האָט זיך ליבעק פערשאַפט אַ זעהר גינסטיגע פּריווילעגיע, וועלכע האָט די סוחרים פון דיזער שטאָדט ערלויבט צו גרינדען אַן אייגענע „האַנזאַ", ד. ה. אַן אייגענעם סוחרישען פערבאַנד, ווי יענער האַנזאַ־פערבאַנד. די ליבעקער האָבען זיך דערפאַר פערפליכטעט צו צאָהלען אַ געוויסע שטייער. די קויפלייט, וועלכע זיי-

מיר אין לאָנדאָן דייטשע סוחרים, וועלכע האָבען דאָרט אויך געהאַט אייגענע פאַבריקען, ווי אין אַלע אַנדערע לענדער. זיי האָבען דאָרט אויך געהאַט לאַנגע רייהעס פון אַמבאַרען, קראָמען און קאָנטאָרען.

די האַנזאַ האָט געהאַט שטאַרקע קאָנקורענטען אין די לאָמבאַרדען. צום גליק פון דער האַנזא האָט מען פון פערשיידענע לענדער די לאָמבאַרדען אַנגעהויבען ארויסצוטרייבען. שפּורען פון דער אַמאָליגער טעטיגקייט פון די לאָמבאַרדען זיינען נאָך געבליבען עד היום. פיעלע ווערטער פון דער איטאַליענישער שפּראַך זיינען פערבליבען אין דער דייטשער געשעפטס־קאָרעספּאָנדענץ פון דער צייט פון די לאָמבאַרדען, ווי צ. ב. טראַטטע, רימעססע, זשיראָ, סקאָנטאָ א. אַז. וו. דיזע בעצייכנונגען וויזען, דאָס די לאָמבאַרדען האָבען שוין אין יענע צייטען געפיהרט וועקסעל־געשעפטען. טראַנספּאָרטירען באַרעס געלט אין וויטע לענדער איז דאַמאָלס געווען פיעל שווערער, ווי עס איז אין היינטיגע צייטען, דעריבער האָט מען אויסגעפונען אַ מיטעל צו מאַכען צאָהלונגען אין אַנדערע ערטער דורך אַנווייזונגען אויף אַ געשעפטס־הויז, מיט וועלכען מען שטעהט אין געשעפטס־פערבינדונגען. די עלטעסטע געלט־אַנווייזונגען שטאַמען פון 13טען יאָהרהונדערט.

די לאָמבאַרדען האָבען ערהאַלטען אין ענגלאַנד אין יאָהר 1303 אַלע האַנדעלס־רעכטען. אָבער די ענגלענדער האָבען די לאָמבאַרדען באַלד פיינד געקריגען. דאָס האָט געפיהרט דערצו, דאָס היינריך דער 2טער האָט געמאַכט איינצגע בעשרענקונגען אין זייערע רעכטען. דערפאַר האָבען די דייטשען בעקומען איניגע פּריווילעגיעס אין דער צייט פון 1317 ביז 1327, ווייל די דייטשען האָבען בעסער פערשטאַנען ווי די ענגלענדער צופרידען צו שטעלען. דער סוף פון דיזער קאָנקורענץ איז געווען, דאָס די לאָמבאַרדען זיינען אין גאַנצען פערדרענגט געוואָרען פון ענגלאַנד. די לאַגע פון די דייטשען אין ענגלאַנד איז נאָך פעסטער געוואָרען נאָך דעם, ווי זיי האָבען דעם קעניג אַ געוויסע סומע געלט געבאָרגט צו פיהרען אַ קריג. די דייטשען האָבען אין ענגלאַנד געהאַט מעהר רעכטען פון די ענגלענדער זעלבסט.

די האַנזאַ האָט געפיהרט אַ זעהר קלוגע פּאָליטיק און דעריבער איז עס דיזען פעראיין געלונגען צו פערבּאַפען די מאַכט איבער די אָסט־זעע. זייער מאַכט איז געווען געפעהרליך אפילו פיר קעניגען. דיזע מאַכט האָט די האַנזאַ געקענט דערגרייכען נאָר דערפאַר, ווייל די פירסטען זיינען געווען צו שוואַך.

דער דענישער קעניג וואַלדעמאַר דער 3טער האָט אין יאָהר 1361 געמאַכט אַן איבערפאַל אויף די אינזלען אָלאַנד און גאָטהלאַנד און האָט צו-

דער האַנזאַ־פעראַיין האָט זיך געמאַכט פיר זיין הויפּט־אויפגאַבע צו שיצען דעם מסחר און די אינדוסטריע געגען רויבערייען אויף׳ן ים אָדער אויף דער יבשה און צו שיצען דעם מסחר פון די שטעדט, וואָס זיינען גע־ווען פערבונדען מיט׳ן פעראַיין אויך אין אַנדערע לענדער. דער פעראַיין האָט געהאַט זיינע אייגענע געריכטס־אַנשטאַלטען, וועלכע האָבען בעשטראָפט יעדעס פערברעכען פון די מיטגלידער אָדער בעאַמטע מיט געלט אָדער אפילו מיט׳ן חרם. די האַנזאַ איז כמעט געווען ווי אַ מלוכה אין אַ מלוכה, דאָך האָט זי געננאָסען דעם גרעסטען רעספּעקט אין לאַנד, אַפילו פון דעם קייזער און פון אַלע גרויסע פירסטען. עס איז אין אייראָפּאַ ניט געווען קיין האַנדעלס־פּונקט, וואָס איז ניט געווען פערבונדען מיט דער דייטשער האַנזאַ. זי האָט ענטוויקעלט אַ האַנדעלס־פּאָליטיק, וועלכע האָט אַריינגעדרונגען אין אַלע פערהעלט־ניסען פון לאַנד, אַ פּאָליטיק, פון וועלכער קיין פירסט אין יענער צייט האָט קיין אהנונג ניט געהאַט. זי האָט פערשאַפט דעם האַנדעל אַ וועלט־בירגערליכע בעדייטונג. די האַנזאַ האָט אַריינגעצויגען אין איהר קרייז רוסלאַנד, ליטאַ, שוועדען, נאָרוועגען, דענעמאַרק, ענגלאַנד, האָללאַנד, שפּאַניען, פּאָרטוגאַל, פראַנקרייך און דאָס גאַנצע אינערע דייטשלאַנד.

אָנפאַנגס איז דער האַנדעל מיט רוסלאַנד געגאַנגען דורך די האַנזאַ פון וויסבי (גאָטלאַנד, שוועדען); אָבער צו ענדע פון 12טען יאָהרהונדערט זיינען דייטשע קויפליים געשטאַנען אין דירעקטען פערקעהר מיט דער רוסישער הויפּט־שטאָדט אין יענער צייט, מיט נ אָ װ ג אָ ר אָ ד.

פיר דעם האַנדעל מיט ליטאַ איז דער הויפּט־פּונקט געווען קאָוונאָ. דאָרט האָבען די דאַנציגער סוחרים די ערסטע ראָלע געשפּילט. אין דעם האַנדעל מיט שוועדען האָט די האַנזאַ פערנומען דעם גאַנצען האַנדעל מיט הערינג. אין יולי און אויגוסט פלעגען קומען אהין די פישער־שיפען פון דער האַנזאַ, האָבען געפאַנגען פיש טאָג און נאַכט, האָבען די פיש צוגעגרייט אין שטיינערנע רויך־הייזער, און נאָך דעם זיי געזאַלצען און געפּאַקט אין פעסלאַך און פערזיגעלט מיט דעם זיגעל פון דער האַנזאַ. נאָך דער הערינג־צייט איז דער ברעג אַ גאַנצען יאָהר געווען לעער, נאָר די וועכטער זיינען דאָרט געבליבען. איבערהויפּט האָט די האַנזאַ מאָנאָפּאָליזירט דעם האַנדעל אין נאָרוועגען.

ענגלאַנד איז דאַמאָלס געשטאַנען אין האַנדעל וויים הינטער דייטש־לאַנד. זי האָט אין איהרע הענט געהאַט נאָר איינציגע פּראָדוקטען, ווי צין, פעל און וואָל. דעריבער האָבען דאָרט פרעמדע קויפליים געקענט בעקומען פערשיידענע פּריווילעגיעס. שוין אין דעם 12טען יאָהרהונדערט **געפינען**

טער פיער. אויך שוויץ האָט געהאַט איהרע אייגענע געזעצגעבונג און אייגענע געריכטען. דאָס הויפּט־פּרינציפּ פון זייערע געזעצען איז געווען, דאָס גלייכע פליכטען פאָדערן גלייכע רעכטען. די געמיינדעס האָבען ניט געדולדעט, דאָס די גייסטליכע גוטס־בעזיצער זאָלען האָבען פאָררעכטען געגען אַנדערע. די זעלבע פערהעלטניסען זיינען אויך געווען אין אונטערוואַלדען.

עס האָט ניט לאַנג גענומען און צו די אויבען־דערמאָהנטע פעראייניגען זיינען צוגעשטאַנען אויך: לוצערן, ציריך, גלאַרוס און צוג. בערן איז געוואָרען א פריישטאָדט און האָט בעזיגט די חיל פון די אדעליגע ביי באַוטצען. דיזעס וואַקסען פון די שטעדט־פעראייניגען האָט אין די הערצער פון די האַבסבורגער אויפגעוועקט א שרעקליכען האַס צו די פעראייניגען, ווייל עס האָט צושטערט אַלע זייערע פּלענער וועגען פערגרעסערן זייער הויז־מאַכט אין דער שווייץ. לעאָפּאָלד דער 3טער האָט בעשלאָסען די פעראייניגען צו צושטערען. ער איז אַרויס געגען די שווייצער מיט אַן אַרמעע פון 25,000 מאַן. דיזע האָבען זיך צושטעלט אויף א שטרעקע, וואָס איז בעדעקט מיט קליינע בערג, דורך וועלכע די רייטער פון לעאָפּאָלד'ס מיליטער האָבען געהאַט צו מאַכען זייער וועג. די שווייצער האָבען זיי ווייטער ניט געלאָזען געהן און האָבען זיי געצוואונגען אָנצופאַנגען אויף דעם אָרט א שטרייט. דיזער אָרט איז אָבער ניט געווען פּאַסענד פיר שווער בעוואָפענטע רייטער. די שווייצער האָבען זיך מיט גרויס מוט אַרויפגעוואָרפען אויף דעם שונא, אָבער זיי האָבען ניט געקענט דורכברעכען פיר זיך א וועג צווישען די רייטער פון די ריטער. דאַמאָלס איז אָנגעלאָפען א ר נ א ל ד פון ווינקעלריעד פון אונטערוואַלדען און האָט אויסגעשריען: „ברידער! איך וועל אייך מאַכען א גאַס צווישען די רייטער, זאָרגט נאָר פיר מיין ווייב און קינדער". מיט דיזע ווערטער האָט ער אָנגעכאַפּט מיטביידע הענט אייניגע שפּיזען פון די רייטער, און דורך זיין פאַל איז געוואָרען א לאָך אין די רייהעס פון פיינד. דורך דיזע עפענונג אין די רייהעס פון פיינד האָבען זיך די שווייצער אריינגעריסען אין פיינד'ס מחנות, האָבען פיעלע ריטער דערשלאָגען, אויך דער הערצאָג לעאָפּאָלד דער 3טער איז געפאַלען אין דיזער שלאַכט (1386).

צוויי יאָהר שפּעטער האָבען די גלאַרנער (בירגער פון גלאַרוס) געהאַט ווידער א זיג איבער דער עסטרייכישער אַרמעע, וואָס דער זוהן פון דעם געפאַלענעם לעאָפּאָלד האָט געגען זיי אַרויסגעשטעלט. צום פריהערדיגען בונד איז דאַן אויך צוגעשטאַנען אַפּפּענצעללען.

אָבער מיר מוזען נאָך צוריקקומען צום קעניג ווענצעל. ווענצעל האָט גאָר ניט געדאַכט די קעניגליכע מאַכט צו פערגרעסערן. ער האָט געזוכט

רויבט די גרויסע וואַארע־לאַגערן פון די דייטשע סוחרים. דיזעס האָט גע-
פאָדערט מען זאָל איהם בעשטראָפען און מען האָט ווירקליך גענומען שטרענגע
שריט דאָס צו טאָן. עס איז בעשלאָסען געוואָרען אויף א האַנזאַ־טאָג אין
קאָלן (1367) צו פיהרען קריג מיט וואַלדעמאַר'ן. 77 שטעדט האָבען צוזאַ-
מענגעשטעלט א פלאָטע פון 21 גרויסע שיפען און אן אַרמעע פון 2,000 שווער-
בעוואַפענטע סאָלדאַטען. דעם קעניג פון נאָרוועגען, וועלכער איז געווען אין
א בונד מיט וואַלדעמאַר'ן, האָבען זיי געצוואונגען ער זאָל אניעדערלעגען
זיינע וואַפען און ניט העלפען וואַלדעמאַר'ן אין דעם קריג, סטראַשענדיג
איהם, דאָס ווען ער וועט ניט פאָלגען, וועלען זיי פערוויסטען אַלע זיינע
שטעדט, וואָס שטעהען ביים וואַסער. זיי האָבען פערוויסטעט זעעלאַנד און
שאָנען, האָבען איינגענומען קאָפּענהאַגען, העלסינגאָר און אנדערע שטעדט, און
האָבען געצוואונגען דעם דענישען רייכס־הויפּטמאַן, וועלכער האָט פערנומען
די שטעלע פון וואַלדעמאַר'ן, ווייל דיזער איז ענטלאָפען, — צו שליסען מיט
זיי פרידען. דער פרידען איז געשלאָסען געוואָרען אין יאָהר 1370. פון די בע-
דינגונגען פון דיזען פרידען איז אויך געווען איינע, דאָס אָהן דער צושטימונג
פון די שטעדט זאָל דער טראָן ניט בעזעצט ווערען, און דער רעגענט זאָל בע-
שטימט ווערען אַלס קעניג נאָר דאַן, ווען ער וועט פערזיכערן די האַנזאַ מיט
אַלע רעכטען, וועלכע זיי האָבען פון פריהער ערהאַלטען. דיזער זיג האָט אי-
בערגעגעבען די גאַנצע הערשאַפט איבער די אָסטזעע אין די הענט פון דער
האַנזאַ. דאָס שיקזאַל פון די 3 קעניגרייכען פון צפון: שוועדען, נאָרוועגען
און דענעמאַרק, האָט זיך יעצט געפונען אין די הענט פון דער האַנזאַ, און
אַזוי איז זי געוואָרען מיט איהרע רייכטימער און מיליטערישער מאַכט די הער-
שערין איבער קעניגען, איבער לענדער און איבער ימים.

כמעט ווי די האַנזאַ איז אויך אין יענער צייט געווען גליקליך דער
שווייצאַרישער בונד. ווי מיר האָבען שוין פריהער געזעהען, איז דער בונד
בעשטאַנען פון די וואַלדשטעטען שוויץ, אורי און אונטערוואַלדען. דאָס זיי-
נען געווען פרייע לאַנד־געמיינדעס. די געשיכטע פון דיזע לאַנד־געמיינדעס
איז זעהר ענליך, כמעט די זעלבע, ווי די געשיכטע פון די שטעדט־פעראיינען.

אורי איז געווען די ערסטע געמיינדע, וואָס האָט בעקומען די פרייהייט
און רעכטען זיך אליין צו פערוואַלטען. שוין אין יאָהר 1231 האָט דיזע גע-
מיינדע בעקומען דאָס רעכט צו האָבען איהר אייגענעם ראַט און איהר אייגע-
נעם געריכט מיט אן אייגענעם זיגעל. אויף דעם זעלבען אופן האָט אין
13טען יאָהרהונדערט אויך שוויץ געגרינדעט א לאַנד־געמיינדע, און דער
שפּיץ פון וועלכער עס זיינען פון אָנפאַנג געשטאַנען צוויי בעאַמטע, שפּע-

ארונטערגעזעצט פון טראן, און די פיער קורפירסטען און דער ערץ־בישאף יאהאן פון מאינץ האבען ערוועהלט אלס דייטשען קייזער ר ו פ ר ע כ ט פ א ן ד ע ר פ פ א ל ץ (1400—1410).

רופרעכט איז געווען אן עהרליכער מאן, אבער די פערהעלטניסען אין דייטשלאנד זיינען געווען אזוי פערפלאנטערט, דאס ער האט ניט געקענט געפינען א וועג, ווי צו שאפען ארדנונג, הגם ער איז אויסער זיין עהרליכקייט אויך געווען זעהר מוטיג. איהם האט פיעל געשאדעט, וואס ער האט קיין הויז־מאכט ניט געהאט. ער האט ניט געהאט גענוג נאהענטע אנהענגער, וועלכע זאלען איהם שטיצען נעגען ווענצעל׳ן און זיין פארטיי, אפילו די שטעדט האבען איהם ניט אנערקענט. אאכען האט ניט געוואלט, מען זאל איהם קרוינען דארט, און די קאראנאציע האט געמוזט פארקומען אין קאלן. ווען רופרעכט האט געוואלט פאהרען אין רוים זיך דארט קרוינען מיט דער אייזערנער קרוין, ווי עס איז געווען דער אלטער מנהג, האבען איהם די שוויי־צער ניט געלאזען דורכפאהרען זייער לאנד נאך איטאליען. אויך עסטרייך האט איהם קוים דורכגעלאזען. ער איז געקומען אין מאילאנד נאר מיט 200 מאן. דארט האבען איהם זיינע געגנער בעגעגענט און האבען איהם בעזיגט. ער איז איבעראל געווען צו שאנד און צו שפאט. אויך האט ער קיין ערפאלג ניט געהאט אין זיינע בעמיהונגען צו שאפען פרידען אין דער קירכע. אלס ער האט אנערקענט פון די צוויי געגען־פאפסטען באניפאציוס דעם 9טען, האט זיך געגען איהם אין דרום־דייטשלאנד געגרינדעט א בונד פון שטעדט, וועלכע זיינען געווען גרייט ארויסצוגעהן געגען איהם מיט בעוואפענטער מאכט. רופרעכט׳ן איז געווארען ענגער און ענגער, און ווענצעל האט זינט דעם יאהר 1408 ווידער בעקומען דאס רעכט צו רעגירען; ער האט אנגע־פאנגען צו פאדערן רייך־שטייערן און האט זיי ווירקליך בעקומען, און ענד־ליך האט איהם אויך דאס קאנציל (ראט) פון פיזא אנערקענט אלס דעם ריכ־טיגען הערשער אין דייטשלאנד.

רופרעכט איז געשטארבען אין יאהר 1410. דאן האבען זיך די קור־פירסטען ווידער געשפאלטען אין פארטייען. איינינע האבען ערוועהלט אלס קייזער פון דייטשלאנד ווענצעל׳ס ברודער ס י ג י ז מ ו נ ד, וועל־כער איז געווען קעניג פון אונגארן, און האט גע׳ירש׳עט פון קארל דעם 4טען די מארק בראנדענבורג. אן אנדער פארטיי האט ערוועהלט אלס קעניג י א ב ס ט פון מעהרען, אזוי דאס דייטשלאנד האט יעצט געהאט 3 קעניגען, ווייל ווענצעל האט נאך רעגירט און האט נאך ניט אין זינען געהאט אפצו־

בעסער זיין הויז־מאַכט צו פערשטאַרקען. מיט זיין שוואַכען כאַראַקטער האָט ער גאָר ניט געקענט טאָן עטוואָס וויכטיגעס פיר דאָס רייך. ער האָט גע-וואָגט בעזייטיגען די שטרייטיגקייטען צווישען פירסטען, ריטער און שטעדט. צו דיזען צוועק האָט ער אויף דעם רייכסטאָג אין נירנבערג אין יאָהר 1383 געלאָזט פערקינדיגען פרידען אין לאַנד, אָבער קיינער האָט איהם ניט גע-הערט, ווייל אַלע שטאַנדען האָבען געפיהלט זיין שוואַכקייט. ער האָט דערי-בער בעשלאָסען צו פערברייננגען זיינע טעג אויף דער יאַגד און אין שכרות. אין יאָהר 1389 האָבען פיעלע איהם געצוואונגען איבער־אַ־נייס אַ פירסטען־טאָג צו בערופען און אַ לאַנד־פרידען צו פערקינדיגען. דאָ האָט ער אָפּגע-נומען די רעכטען פון די שטעדט, וועלכע ער האָט פריהער אַליין בעשטעטיגט. מיט דיזען שריט האָט ער אויפגעהויבען געגען זיך די שטאַרקע מאַכט פון די שטעדט.

די לאַגע אין בעהמען איז ניט בעסער געווען. דאָ האָט ער אויפגע-רייצט געגען זיך דעם הויכען אַדעל און די גייסטליכע, ווייל ער האָט זיך געשטיצט אויף דעם נידריגען אַדעל. ער האָט זיך צוקריגט מיט דעם ערץ־בי-שאָף פון פּראַג און האָט פיעלע אַדעלליים געלאָזט היגריכטען דערפאַר, וואָס זיי האָבען ניט געוואָלט אַרויסגעבען די רייכס־גיטער, וואָס זיי האָבען פערכאַפּט. די אַדעליגע האָבען זיך דאַן פעראייניגט מיט ווענצעל'ס ברודער, דעם קעניג זיגמונד פון אונגאַרן, און מיט זיין קוזין יאָבסט, דעם מאַרק־גראַף פון מעהרען. אין יאָהר 1394 זיינען זיי בעפאַלען ווענצעל'ן, האָבען איהם געפאַנגען און האָבען איהם איינינע מאָנאַטען געהאַלטען אַרעסטירט אין פּראַגער שלאָס, און קיינער האָט דערפון ניט געוואוסט. ענדליך האָבען זיך די דייטשע פירסטען דערוואוסט דערפון און האָבען אויסגעווירקט זיין בע-פרייאונג. ער האָט אָבער דאַן געמוזט אונטערשרייבען אַן אָפּמאַך, לויט וועלכען די קעניגליכע מאַכט איז כמעט אין גאַנצען פערניכטעט געוואָרען.

ווענצעל האָט זיך געמאַכט נאָך מעהר פערהאַסט אין דייטשלאַנד דורך זיין פערבינדען זיך מיט פראַנקרייך אום אַראָפּצוזעצען ביידע געגען־פּאַפּסטען: באָניפאַציוס דעם 9טען און בענעדיקט דעם 13טען. אונטער דיזע אומשטענ-דען האָבען זיך פערזאַמעלט אין רהענזע די פיער קורפירסטען פון מאַינץ, קעלן, טריער און פּפאַלץ, און האָבען ווענצעל'ן אַראָפּגעזעצט פון טראָן (1400). אין יענער צייט האָט זיך ווענצעל נאָך מעהר צוקריגט מיט'ן בעה-מישען אַדעל, און זיין ברודער סיגיזמונד האָט זיך דערמיט בענוצט און האָט איהם געפאַנגען און געהאַלטען אין אַכצען 19 מאָנאַטען. דיזעס האָט איהם געהינדערט אַרויסצוגעהן מיט וואָפען געגען זיינע פיינד, וואָס האָבען איהם

איז געווען יאָהאַן דער 23טער, א זעהר קלוגער מענש, אָבער זעהר אַ פערדאָרבענער. עס פערשטעהט זיך, דאָס דיזעס איז געווען אַ גוטע וואפע אין די הענט פון זיינע פיינד, אונטער וועלכע דער געפעהרליכסטער איז געווען דער קעניג לאַדיסלאַוס (וולאַדיסלאַוו) פון נעאַפּעל. ער האָט איינגענומען רוים און האָט געשטרעבט צו אונטערוואַרפען אונטער זיין מאַכט גאַנץ איטאַליען; ער האָט אויך געוואָלט ערווערבען די קייזערליכע קרוין און דעם טראָן פון אונגאַרן, אויף וועלכען ער איז שוין אַמאָל געזעסען. דיזע לאַגע האָט געצוואונגען יאָהאַן דעם 23טען פאָלגען דעם ראַט פון קייזער

קייזער סיגיזמונד.

סיגיזמונד, צו בערופען אַ קירכע־פערזאַמלונג נאָך קאָנסטאַנץ. דיזע פערזאַמלונג איז בעשטימט געוואָרען אויף דעם ערסטען נאָוועמבער פון יאָהר 1414.

מיט אונגעדולד האָט די גאַנצע קריסטליכע וועלט געוואַרט אויף דעם רעזולטאַט פון דיזער פערזאַמלונג, ווייל דער שטרייט האָט שטאַרק בעשעפטיגט די עפענטליכע מיינונג. פיעלע געלעהרטע מענער פון יענער צייט זיינען אַרויס מיט שריפטען וועגען דער מאַכט פון דעם פּאַפּסטטום און האָ־

ראַנקען. יאָבסט איז געשטאָרבען אין יאָהר 1411, און דאַן איז סיגיזמונד פון אַלעמען אָנערקענט געוואָרען אַלס קייזער פון דייטשלאַנד.

סיגיזמונד האָט געהערשט פון 1410 ביז 1437. אין זיין צייט האָט אויפגעהערט די לאַנג־יעהריגע שפּאַלטונג אין דער קירכע. ווי מיר האָבען שוין פריהער דערצעהלט, האָבען די פּאַפּסטען זינט דעם יאָהר 1305 געהאַט זייער רעזידענץ אין אַוויניאָן. די פּאַפּסטען האָבען געפּרובט צוריקקומען נאָך רוים, אָבער אַ רעפּובליקאַנישעס רעגימענט האָט זיי אַהין ניט אַריינגע־לאָזען. דעם פּאַפּסט גרעגאָריוס דעם 11טען איז עס געלונגען צו בעפעסטיגען זיין זיץ אין רוים (1378).

אָבער אַ קורצע צייט נאָכדעם איז ווידער פאָרגעקומען אַ שפּאַלטונג אין דער קירכע און עס זיינען ווידער ערוועהלט געוואָרען צוויי פּאַפּסטען. אורבאַן דער 6טער און קלעמענס דער 7טער, וועלכער האָט זיך בעזעצט אין אַוויניאָן, וועהרענד אורבאַן איז געבליבען אין רוים. ווי די פריהערדיגע געגען־פּאַפּסטען, אַזוי האָבען אויך דיזע איינער דעם אַנדערען אין חרם אַריינגעלעגט. אָבער ביידען, ווי עס שיינט, האָט עס ניט געשאַדט. דיזע שפּאַלטונג האָט געדויערט 39 יאָהר.

דורך דיזע שפּאַלטונג זיינען די פעלקער ניט נאָר פערלעצט געוואָרען אין זייערע רעליגיעזע געפיהלען, נאָר זיי האָבען אויך געליטען מאַטעריעל. אויף יעדע שטעלע פון אַ קירכע האָבען זיך געפונען 2 גייסטליכע, בעשטע־טיגט פון 2 פערשיידענע פּאַפּסטען. די ביידע גייסטליכע האָבען קאָנקו־רירט צווישען זיך, און עס האָט זיך ענטוויקעלט אַן אָפענער האַנדעל מיט די הכנסות פון רעליגיעזע צערעמאָניעס. עס איז קיין וואונדער ניט, וואָס די נאַציאָנען האָבען אָנגעפאַנגען צו פאָדערן די אָפּשאַפונג פון דער שפּאַלטונג אין דער קירכע. די צוויי פּאַפּסטען האָבען אָבער ביידע ניט געוואָלט הע־רען פון קיין פרידען. זיי האָבען ניט געוואָלט אָפּדאַנקען, ניט פערלאָזען זיך אויף אַ פשרה, ניט אויף דעם בעשלוס פון אַ קאָנציל. אויך די רוימישע פּאַרטיי האָט קיין זאַך ניט געוואָלט וויסען וועגען אַ פערגלייך.

אום צו מאַכען אַן ענדע צו דיזער שענדליכער לאַגע פון דער קריסטליכער קירכע, האָבען די פראַנצויזישע גייסטליכע אין יאָהר 1409 צוזאַמענגערופען אַ קאָנציל אין פּיזאַ. אָבער די ביידע פּאַפּסטען האָבען יעדערער פון זיך צו־זאַמענגערופען אַ סינאָד. דער רעזולטאַט דערפון איז געווען, דאָס די שפּאַלטונג איז נאָך גרעסער געוואָרען. דאָס קאָנציל האָט ערוועהלט אַ נייעם פּאַפּסט, אַזוי דאָס אָנשטאָט צוויי זיינען שוין געווען 3 פּאַפּסטען; דער 3טער האָט זיך גערופען אַלכּסנדר דער 5טער און זיין נאָכפאָלגער

פערשטעהט זיך, די גייסטליכע. דער פּאַפּסט גרעגאָריוס דער 11טער האָט אָנ-געפאַנגען אַ פּראָצעס געגען וויקליף׳ן, ער האָט איהם בעשולדיגט אין קעצעריי (אַפּיקורסות). צו זיין גליק האָבען זיך פיר איהם אָנגענומען גרויסע מעכ-טיגע פירסטען, אונטער זיי אויך דער הערצאָג פון לאַנקאַסטער. שפּע-טער האָט ער אביסעל געמילדערט זיין לעהרע, אַזוי דאָס דער צאָרן פון די גייסטליכע געגען איהם איז אַ ביסעל שוואַכער געוואָרען. די קירכע האָט וויקליף׳ן געלאָזען צורוה און ער איז געשטאָרבען אַלס גייסטליכער אין לוט-טערוואָרטה. ערסט נאָך זיין טויט האָט איהם די קירכע אין חרם אריינגע-לעגט. זיינע תלמידים האָבען פאָרטגעזעצט זיין לעהרע אַמאָל אָפען און אַמאָל געהיים. מעהר ווי איבעראַל האָט וויקליף׳ס לעהרע געהאַט אַן ערפאָלג אין בעהמען, ווייל דאָרט האָבען אַנדערע זיטען-לעהרער צוגעגרייט דעם באָדען פיר אַזעלכע לעהרעס. איבערהויפּט האָט יאָהאַן הוס און זיין פריינד היע-ראָנימוס פון פּראַג אַ גאַנצע איבערקעהרעניס אין דער קירכע אריינגעבראַכט און אָנפאַנג פון 15טען יאָהרהונדערט.

יאָהאַן הוס איז געבאָרען געוואָרען אין יאָהר 1370 אין דאָרף הוסינעץ פון אַ טשעכישער פאַמיליע. הוס האָט געשטודירט פילאָזאָפיע און טהעאָלאָגיע אין פּראַגער אוניווערזיטעט. ער האָט גלענצענד געענדיגט זיין שטודיום און אין יאָהר 1402 איז ער ערוועהלט געוואָרען רעקטאָר (פאָר-שטעהער) פון דער זעלבער אוניווערזיטעט. אין דער זעלבער צייט איז ער אויך געווען רעדנער אין דער בעטהלעהעם (בית לחם) קירכע און איז געווען בייכט-פאָטער (דער גלח וועמען מען איז זיך מתוודה אויף זינד) פון דער קעניגין סאָפיאַ. די שריפטען פון וויקליף׳ן האָבען אויף הוס׳ן און אויף זיין פריינד היעראָנימוס געהאַט אַ גרויסען איינפלוס אוןביידע האָבען זיך גע-וואַגט בעקאַנט מאַכען די קריסטליכע וועלט מיט די אידעען פון דיזע שריפ-טען. זיי האָבען גיך בעקומען אַ גרויסע צאָהל אָנהענגער אין דער אוניווער-זיטעט און צווישען די טשעכען. ווען דער טערמין פון דעם רעקטאָראַט פון הוס׳ן האָט זיך געענדיגט, און אַן אַנדער רעקטאָר איז ערוועהלט געוואָרען, האָט דער רעקטאָר פערזאַמעלט דעם סענאַט פון אוניווערזיטעט אום זיך צו בעראַטען און אָפּשטימען וועגען דער נייער לעהרע, וואָס הוס האָט פערברייי-טעט, אויב מען זאָל זי פאָרטזעצען אָדער פערבאָטען. די דעבאַטעס וועגען דעם זיינען געווען זעהר שטורמיש, אָבער ענדליך האָט די מאַיאָריטעט פער-אורטיילט און פערבאָטען דיזע לעהרעס. זינט דאַן האָט הוס אויפגעהערט צו רעדען וועגען וויקליף׳ס אידעען פון דער אבענדמאהלס-לעהרע, און האָט נאָר גערעדט וועגען די מיסברויכען אין דער קירכע.

בען געפאָדערט אַ גרינדליכע רעפאָרמע אין דער קירכע. דיזע פאָדערונג איז געוואָרען אַן אַלגעמיינע. די גאַנצע קריסטליכע וועלט איז מיד געוואָרען פון די שענדליכע האַנדלונגען פון דער קירכע.

דאָס קאָנציל האָט זיך אָנגעפאַנגען. עס איז געווען אַ זעהר גלענצענדע פערזאַמלונג. 3 פּאַטריאַרכען, 29 קארדינאַלען, 33 ערץ־בישאָפען, 150 בי־שאָפען, 100 אבטען (עלטסטע פון מאָנאַסטירען), און אַן ערך 300 דאָקטאָ־רען האָבען זיך געפונען אין דיזער פערזאַמלונג. עס זיינען אויך אָנווע־זענד געווען פירסטען מיט זייערע סוויטעס פון אַלע קריסטליכע לענדער און איבער 400 דעלעגאַטען פון פערשיידענע שטעדט. אויף דיזער פער־זאַמלונג איז צוזאַמענגעקומען דער גאַנצער גלאַנץ און פראַכט פון דאַמאָלדי־גען לעבען. דער פּאַפּסט יאָהאַן דער 23טער זעלבסט איז געקומען אין קאָנ־סטאַנץ. ער האָט אָבער באַלד דערזעהען, דאָס זיין זאַך וועט דאָ פערשפּילט ווערען און ער וועט קיין ערפאָלג ניט האָבען.

יאָהאַן דער 23טער האָט געעפענט דאָס קאָנציל מיט גרויסער קירכ־ליכער פייערליכקייט און צערעמאָניעס. ער האָט געפּרובּט אָפּווענדען די אויפמערקזאַמקייט פון דער פערזאַמלונג אויף איהם דערמיט, וואָס ער האָט זיך מיט גרויס פלייס גענומען צום פּראָצעס געגען די אָנהענגער פון וויקליף און געגען יאָהאַן הוס, אַזוי ווי דאָס וואָלט געווען דער הויפּט־צוועק פון דער פערזאַמלונג.

די אונצופרידענהייט מיט די גייסטליכע און מיט דער קירכע האָט זיך נאָך פריהער געלאָזט מערקען אַפּילו אין דער פרומער, גלויביגער קלאַס, וועל־כע איז געווען שטאַרק געגען דעם צו גרויסען רייכטום פון דער קירכע, געגען דעם לוקסוס פון די גייסטליכע און ד. גל. אַזוי האָט שוין יאָהאַן וויק־ליף (געב. 1324), אַ פּריסטער און לעהרער פון טהעאָלאָגיע אין אָקספאָרד, געלעהרט און פערברייטעט געדאַנקען, מיט וועלכע די שפּעטערע רעפאָרמאַ־טאָרען האָבען זיך פיעל מאָל בענוצט. ער האָט צ. ב. געלעהרט, דאָס די קירכע האָט גאָר קיין רעכט ניט צו זיין די אויבערהערשערין אין דער וועלט, דאָס די גייסטליכע טאָרען ניט שטרעבען צו רייכטום, אַז דאָס מאָנאַסטיר־לעבען איז געגען גאָט און געגען דער נאַטור, און אַזאַ לעבען פיהרט נאָר צו גרויסע זינד און פערדאָרבענהייט. ער האָט אויך געלעהרט, ווי ניט ריכטיג עס זיינען די דאָגמאַס (פּרינציפּען) פון קריסטענטום, אויף וועלכע עס איז גע־בויט די היעראַרכיע (פּריסטער־הערשאַפט). ער האָט געלעהרט, דאָס די הויפּט קוועלע פיר יעדע אָרדנונג אין רעליגיאָנס־זאַכען מוז זיין די ביבעל. די געזעל־שאַפט פון יענער צייט איז מיט דיזע לעהרעס געווען איינפערשטאַנען אויסער,

סירט מיט וויין און שענע פרויען איידער מיט דער רעליגיאָן. באלד האָט ער זיך אין גאַנצען עפּענטליך ענטזאגט פון דער קאַטוילישער קירכע.

אין דיזער צייט האָט דער פּאַפּסט געאָרדענט א קרייץ־צוג געגען דעם קעניג פון נעאַפּעל, און אום צו בעקומען פיעלע קרייץ־פאָהרער, האָט ער ארויסגעלאָזען א כתב סליחה ומחילה פיר יעדען, וואָס וועט זיך בעטייליגען אין דעם קרייץ־צוג. דיזעס האָט אויפגערעגט די געמיטער פון יענער צייט, וועלכע זיינען שוין געוועזען שטארק אויפגערייצט דורך הוס'עס שריפטען און זיינע ברענענדע פּרעדיגטען. דאָס פאָלק האָט פערברענט די בעפעהלען פון פּאַפּסט און האָט חוזק געמאַכט פון די גייסטליכע מיט זייערע מחילות. וועני־צעל האָט בעשטראָפט מיט'ן טויט אייניגע פון די רוה־שטערער. דריי אר־בייטער זיינען געקעפּט געוואָרען, הגם הוס האָט אויף זיך גענומען די שולד. די הינריכטונג פון די דריי ארבייטער, וועלכע זיינען געוועזען טשעכען, האָט נאָך מעהר אויפגערייצט די מאַסע געגען די דייטשען, הוס האָט געגאָסען בוימעל אויף'ן פייער, און צוליב דעם האָט איהם וועניצעל געהייסען די אוני־ווערזיטעט פערלאָזען. דאַן האָט הוס אָנגעפאַנגען צו שרייבען זיינע היר־טענבריף (בריף פון א פּאַסטאָר) און פלאַמענשריפטען.

דאַמאָלס איז הוס גערופען געוואָרען צום קאָנציל אין קאָנסטאַנץ. וועני־צעל האָט איהם געראַטען, ער זאָל פאָהרען אהין און ער וועט איהם בעשיצען געגען זיינע פיינד. ווי מיר האָבען שוין פריהער ערצעהלט, האָט דער פּאַפּסט יאָהאַן דער 23טער געוואָלט ארויסרופען דעם הוס־פּראָצעס אין דער ערסטער רייהע, ווייל ער האָט געדענקט דערמיט אָפּציהען די אויפמערקזאַמקייט פון זיך אליין און ווענדען זי אויף הוס'ן. דיזער האָט מיט זיך געהאַט א בריף פון קעניג, וועלכער האָט איהם פערשפּראָכען א זיכערע צוריקקעהר א היים. אָנפאַנגס איז ער ווירקליך געוועזען פריי, אָבער ענדליך האָט מען איהם געוואָרפען אין געפענגניס, ווייל די פערזאַמלונג האָט ערקלערט, דאָס די וועלטליכע מאַכט האָט ניט קיין רעכט צו נעהמען אין שוץ א פּערזאָן, וואָס פּערדינט א שטראָף פון דער קירכע. דאָס קאָנציל אין קאָנסטאַנץ האָט געפאָ־דערט פון פּאַפּסט יאָהאַן דעם 23טען, ער זאָל זיך ענטזאַגען פון זיין שטעלע. דער פּאַפּסט האָט זיך ענטזאַגט נאָכצוגעבען די פאָדערונג פון קאָנציל. די קארדינאַלען אָבער האָבען איהם געגעבען צו פערשטעהן, אז דאָס קאָנציל וועט יעצט געצוואונגען זיין צו ערקלערען אָפען פאר דער גאַנצער וועלט אלע זיינע שאַנדטאַטען, און דאָס וועט נאָר זיין א שאַנד פיר די קירכע. ער האָט דאַן בעשלאָסען אָפּצוזאָגען זיך פון זיין שטעלע, און דעם 1טען מערץ איז די ענטזאָגונג פאָרגעקומען מיט גרויסע קירכליכע צערעמאָניעס, און די־

די טשעכען האָבען די לעהרע פון הוס'ן אָנגענומען אלס א וואפע גע-
גען די דייטשען, וועלכע זיינען געווען זעהר רייך און האָבען געהאַט מעהר
רעכטען פון זיי, וואָס עס האָט זיי שטארק ערביטערט, איבערהויפּט ווייל די
דייטשען זיינען געווען פרעמדע איינוואנדערער. דער האַס צווישען ביידע
נאַציאָנען, די טשעכען און די דייטשען, האָט זיך מעהר ווי איבעראל אויס-
געדריקט צווישען די סטודענטען פון דיזע צוויי נאַציאָנען אין דער אוניווערזי-
טעט, וואו די בעהמען זיינען נאָר געווען א פינפטעל און די דייטשען זיינען
געווען די מעהרצאָהל. דער ערץ־בישאָף פון פראג, מיט וועלכען די דייטשען
האָבען געהאלטען, האָט פערבאָטען צו לערנען מיט אנדערע און שטודירען פיר
זיך הוס'עס שריפטען, אין וועלכע ער קריטיקירט די נידערטרעכטיגקייט פון
די פּאַפּסטען, די רייכטימער פון דער קירכע און איהר וועלטליכע דעספּאָטישע
מאכט, די אויסגעלאַסענקייט פון די מאָנאכען און דעם האנדעל מיט דער
זינד־פערגעבונג. די טשעכען האָבען דורגעפיהרט, אז ווענצעל זאָל געבען א
בעפעהל, דאָס אין דער אוניווערזיטעט האָבען די טשעכען דריי שטימען און
די איבריגע נאַציאָנען נאָר איין שטימע. דאָס האָט געפיהרט דערצו, דאָס
א גרויסער טייל דייטשען זיינען ארויס פון אוניווערזיטעט. מען דערצעהלט,
דאָס איבער 3,000 סטודענטען פון די דייטשען האָבען דאַמאָלס פערלאָזען
די פּראַגער אוניווערזיטעט. די מעהרסטע סטודענטען זיינען אוועק נאָך
לייפּציג, וואו עס האָט זיך געגרינדעט א נייע אוניווערזיטעט אין יאָהר 1409.

ווען די דייטשע סטודענטען האָבען פערלאָזען די פּראַגער אוניווערזי-
טעט, האָט דער ערץ־בישאָף פערלאָרען די הויפּט־שטיצע אין זיין קאַמף. אין
יאָהר 1410 האָט דער ערץ־בישאָף פערדאַמט די שריפטען פון יאָהאַן הוס
און האָט איהם זעלבסט אין חרם אריינגעלעגט. דאָס האָט שרעקליך אויפגע-
רעגט די געמיטער פון אלע טשעכען. עס זיינען געוואָרען שרעקליכע
אונרוהען. ווענצעל איז געווען געצוואונגען צו פערבאָטען יעדע אונרוה
און האָט פערזיכערט צו בעשטראָפען מיט'ן טויט יעדען, וואָס וועט זיך
ערלויבען צו בעגעהן א גוואלדטאַט. ער האָט זיך אָבער געווענדט צום
פּאַפּסט, דאָס ער זאָל הוס'ן צורוה לאָזען. דער פּאַפּסט יאָהאַן דער 23טער
האָט געפאָדערט, אז הוס זאָל קומען אין רוים צום געריכט. ווענצעל
אָבער האָט איהם ניט געוואלט ארויסשיקען צו זיינע פיינד אין רוים. ער
האָט דעם פּאַפּסט ערקלערט, דאָס עס איז איהם אונמעגליך צו שיקען הוס'ן
נאָך רוים, ווייל זיין איינפלוס אויף'ן פאָלק איז זעהר גרויס, און דאָס קען
אָנמאכען א גאַנצע איבערקעהרעניס אין דער מדינה. צום גליק איז דער
ערץ־בישאָף באלד געשטאָרבען און זיין נאָכפאָלגער האָט זיך מעהר אינטערע-

פריידנגרייט צו שטארבען פיר די וואהרהייט פון זיין לעהרע. דאן האָט דער תליון אָנגעצונדען דעם שייטערהויפען. פון די פלאמען האָט זיך נאָך געהערט די שטימע פון דעם מארטירער, וועלכער האָט געזונגען הימנעס, ביז א ווינט האָט א שמיץ געטאָן דאָס פייער אין זיין געזיכט און ער איז צוזאמענגעבראָכען (6טען יולי 1415). מיט א יאָהר שפּעטער איז אויך זיין פריינד היעראָני־מוס פעראורטיילט געוואָרען צו דעם זעלביגען טויט.

מיט דער אראָפּזעצונג פון דעם פּאפּסט יאָהאַן פון זיין אַמט האָט נאָך די שפּאלטונג אין דער קירכע ניט אויפגעהערט. עס זיינען נאָך געבליבען צוויי פּאפּסטען. פון דיזע האָט זיך איינער פרייוויליג אָפּגעזאָגט אונטער עהרענפולע בעדינגונגען. דער אַנדערער האָט זיך ניט געוואָלט ענטזאָגען און מען האָט איהם ארונטערגעזעצט אלס קעצער. די דייטשען און די ענג־לענדער האָבען געוואָלט פריהער רעפאָרמירען די קירכע און נאָך דעם ער־וועהלען א נייעם פּאפּסט. אָבער דיזער וואונש האָט געהאַט זעהר פיעלע געגנער, און ווייל דיזע זיינען געווען די מעהרהייט, האָבען זיי אויסגעפיהרט. די דייטשען און די ענגלענדער האָבען געמוזט נאָכגעבען, הגם זיי האָבען גוט געוואוסט, וואָס מען קען ערווארטען, ווען דער פּאפּסט אליין וועט מאַ־כען רעפאָרמעס. דעם 21טען אָקטאָבער 1417 איז ערוועהלט געוואָרען אלס פּאפּסט אָ ד דָ א ק אָ ל אָ נ נ א, וועלכער האָט זיך א נאָמען געגעבען מ א ר ט י ן ד ע ר 5 ט ע ר. דיזער פּאפּסט איז געווען א זעהר קלוגער מאַן און האָט געוואוסט מיט איניגע קליינע רעפאָרמעס און דיפּלאָמאטישע מיטלען צו בעזייטיגען דעם וואונש צו רעפאָרמירען די קירכע. דער רעזול־טאט איז געווען, דאָס דער פּאפּסט איז געבליבען ביי זיין פריהערדיגער מאַכט און די קירכע איז געבליבען ביי איהרע מעשים תעתועים. די גרויסע האָפּ־נונגען, וואָס די פעלקער האָבען געלעגט אויף׳ן קאָנציל, האָבען זיך אויסגע־לאָזען מיט גאָרניט. די לאגע פון דער קירכע איז געבליבען ווי פריהער.

די פעראורטיילונג און פערברענונג פון יאָהאַן הוס האָט ערפילט די הער־צער פון בעהמישען פאָלק מיט א שרעקליכען האַס צו די דייטשען. דיזע זיינען שוין פריהער געווען פערהאַסט ביי די בעהמען אלס פרעמדע און אי־בערהויפּט פיר זייערע רייכטימער, וועלכע זיי האָבען אָנגעזאַמעלט אין בעה־מען. איבערהויפּט האָבען די בעהמער געהאַסט די גייסטליכע, וועלכע זיינען געווען דייטשען און האָבען אריינגעכאַפּט אין זייערע הענט די גרעסטע און רייכסטע גיטער אין לאַנד. די בעהמער האָבען ניט אויפגעהערט צו פערלאַנ־גען רעפאָרמעס אין איניגע זאַכען פון דער רעליגיאָן. אָבער ניט אלע האָבען

גלעקער האָבען געגעבען צו וויסען די איינוואוינער פון קאָנסטאַנץ וועגען די־זער וויכטיגער פּאַסירונג. יאָהאַן האָט נאָך געהאָפּט ווידער ערוועהלט צו ווערען. אָבער אַלס ער האָט דערזעהען, דאָס אַלע זיינען געגען איהם, איז ער אוועקגעלאָפען נאָך שאַפּהאַוזען, האָט צוריקגערופען זיין ענטזאָגונג, און האָט מבטל געווען אַלע בעשלוסען פון דעם קאָנציל. די קירכע־פערזאַמלונג האָט צו זיין פּראָטעס ניט געשענקט קיין אויפמערקזאַמקייט. פריעדריך פון עסטרייך האָט דעם פּאַפּסט געהאָלפען ענטלויפען און האָט איהם נאָכגעפאָלגט אום צו בעשיצען איהם; דערפאַר האָט די פערזאַמלונג צוגענומען פון איהם אַלע זיינע רעכטען און קאָנפיסקירט אַלע זיינע גיטער. זיינע פעסטונגען זיינען אַלע אין אַ קורצער צייט צושטערט געוואָרען און אַלע זיינע שטעדט זיינען ערקלערט געוואָרען פריי. אין פריהלינג פון 1415 האָט ער געמוזט איבערגעבען זיינע גיטער צו סיגיזמונד'ן, נאָר די דייטשע גיטער זיינען איהם איבערגעבליבען. דער פּאַפּסט איז ענדליך אַראָפּגעזעצט געוואָרען, ווייל ער האָט אויף זיך געהאַט מעהר ווי פופציג קלאַגעס, אויסער פיעלע, וועלכע מען האָט אויסגעלאָזען צוליב דעם, וואָס עס איז געווען מיאוס זיי פאָרצובריינגען. צום סוף איז ער אויך גענומען געוואָרען אַלס געפאַנגענער.

דער פּראָצעס פון הוס'ן איז פאָרטגעזעצט געוואָרען. הוס האָט געזאָגט אויף'ן פּראָצעס, דאָס ער איז גרייט זיינע לעהרעס צוריקצורופען, ווען מען וועט איהם בעווייזען פון דער ביבעל, דאָס זיי זיינען פאַלש. אָבער די פערזאַמלונג האָט זיך ענטזאָגט מיט איהם צו דעבאַטירען און האָט פון איהם געפאָדערט, ער זאָל עפענטליך צוגעבען, דאָס זיינע לעהרעס זיינען פאַלש און דאָס ער רופט צוריק אַלעס, וואָס ער האָט ביז יעצט געלעהרט געגען דער קירכע און די גייסטליכע. דאָס האָט הוס פיר קיין פאַל ניט געוואָלט טאָן, הגם פיעלע פון זיינע גוטע פריינד האָבען איהם צוגערעדט נאָכצוגעבען, ווייל זיי האָבען געזעהען, וואָס פיר אַ געפאַהר עס איז פיר איהם צו בלייבען ביי זיינס. דער רעזולטאַט פון זיין עקשנות איז געווען, דאָס מען האָט איהם דעם 6טען יולי 1415 אַראָפּגעזעצט פון זיין פּריסטער־אַמט און מען האָט איהם איבערגעגעבען צו דער וועלטליכער מאַכט אום איהם צו בעשטראָפען לויט געזעץ. אונטער אַ וואַך פון 1,000 בעוואַפענטע סאָלדאַטען האָט מען איהם אוועקגעפיהרט צו דעם אָרט, וואו מען האָט איהם בעדאַרפט פערברענען. מען האָט איהם צוגעבונדען צו אַ קלאָץ, אַרומגעלעגט מיט האָלץ און מיט שטרוי. אָבער איידער מען האָט אונטערגעצונדען דעם שייטערהויפען האָט מען איהם געזאָגט, דאָס אויב ער זאָגט זיך אָפּ פון זיין לעהרע, וועט מען איהם לאָזען לעבען. אָבער הוס האָט מוטיג געענטפערט, דאָס ער איז מיט

לענז'ער און מעהר פון אלעמען די דייטשען, וואס פערנעהמען עמטער אין די טשעכישע שטעדט. סיגיזמונד האט דערויף געענטפערט, דאס ער וועט רעגירען ווי זיין פאטער קארל דער 4טער. פון דעם ענטפער האבען מאנכע פערשטאנען, דאס ער וועט ברייננען פיר בעהמען די אלטע גליקליכע צייט; אבער די, וואס האבען געקענט לייענען צווישען די שורות, האבען דערפון גאנץ אנדערס פערשטאנען; נעמליך, דאס ער וועט ניט נאכגעבען די פאדע-רונגען פון פאלק, וועלכע פערלאנגען צו שארפע רעפארמעס, און וועט צוריק איינפיהרען די אלטע ארדנונג, וועלכע האט געהערשט אין דער צייט פון זיין פאטער קארל דעם 4טען.

באלד נאך זיין ענטפער האט סיגיזמונד בערופען א פערזאמלונג פון אלע קלאסען פון פאלק צו קומען אין ברינן. אבער אהין זיינען געקומען אין דעצעמבער 1419 נאר דייטשען און קאטוילישע גייסטליכע; פון די טשעכען זיינען געקומען פון די קאליקסטינער זעהר ווענינ און פון דער אנדערער פאר-טיי, פון די טאבאריטען, איז קיינער ניט געקומען. סיגיזמונד האט אויף די עצה פון דעם פאפסט'ס דעלעגאטען אנגענומען געוואלד-מיטלען; די שלוחים פון פראג, וועלכע האבען געבעטען פון איהם פערצייהונג, האט ער צוריקגע-שטויסען און האט זיי ניט געוואלט מוחל זיין. ער האט אראפגעזעצט אלע בעאמטע, וואס האבען געהערט צו די הוסיטען, און האט אויך אין ברינן אראפגעזעצט אלע ראטסלייט, וואס זיינען געווען געזאנען ווי די קאליקסטי-נער. פון ברינן איז סיגיזמונד אוועק אין יאנואר 1420 נאך ברעסלוי, וואוהין ער האט בערופען א רייכסטאג. דא האט ער געלאזען פארלעזען די בוללע (בעפעהל) פון פאפסט מארטין דעם 5טען וועגען א קרייץ-צוג. אין דיזער בוללע האט דער פאפסט אויפגעפאדערט אלע קריסטען אנטייל צו נעהמען אין דעם קאמף מיט די הוסיטען און אנדערע קעצער. באלד זיינען מיט'ן טויט בעשטראפט געווארען די 23 דעמאקראטען, וועלכע זיינען געווען די רעדעלפיהרער פון אויפשטאנד אין ברעסלוי. קורץ נאך דעם האט ער גע-הייסען פערברענען אן אנגעזעהענעם פראגער בירגער. דאס אלץ האט דעם פאלק געעפענט די אויגען צו זעהען און פערשטעהן, וואו מען האלט מיט'ן קייזער.

מיט דיזען שריט האט סיגיזמונד געמאכט א שרעקליכען פאליטישען פעהלער. ביז יעצט איז ער געווען אנערקענט אלס א רעגעלמעסיגער רע-גירער, יעצט איז ער געווארען א פארטיי-מאן. די גאנצע ניט-קאטוילישע רעגירונגס-פארטיי האט יעצט ניט געקענט האלטען מיט'ן קעניג, וועלכער

פערלאַנגט דיזע רעפאָרמעס. אין דיזער הינזיכט האָט זיך דאָס בעהמישע פאָלק צוטיילט אין צוויי פּאַרטייען. איין פּאַרטיי איז געווען מעסיג אין איהרע פאָדערונגען. זי האָט נאָר פערלאַנגט פיער זאַכען: די פּרעדיגט אין דער קירכע זאָל זיין אין דער בעהמישער שפּראַך, אום דאָס פאָלק זאָל פערשטעהן וואָס מען פּרעדיגט; דאָס פאָלק זאָל טרינקען פון דעם הייליגען בעכער אין דער קירכע גלייך מיט די פּריסטער; מען זאָל בעשרענקען דעם וועלטליכען בעזיץ פון גיטער ביי די גייסטליכע, וועלכע האָבען כמעט אַלע גיטער אין זייערע הענט אריינגעכאַפּט; די גייסטליכע זאָלען זיך אויפפיהרען ווי עס פאָדערט די דיסציפּלין פון דער קירכע. דיזע מעסיגע פּאַרטיי האָט געהייסען די „קאַליקסטינער" (בעכער־לייט). די צווייטע פּאַרטיי איז געווען מעהר ראַדיקאַל אין איהרע פאָדערונגען. צו דיזער פּאַרטיי האָבען געהערט די בויערן און די אָרימע קלאַס. דיזע האָבען געפאָדערט אין גאַנצען רעפאָרמירען דעם רעליגיאָנס־דינסט, אָפּשאַפען דאָס גאַנצע פּריסטערטום, און פיעלע אַנדער ראַדיקאַלע רעפאָרמעס; אָבער זיי האָבען זיך ניט בענוגענט מיט דער פאָדערונג פון קירכע־רעפאָרמעס אליין, זיי האָבען אויך געפאָדערט רעפאָרמעס אין שטאַאַט, ווי גלייכע פערטיילונג פון גיטער און אָפּשאַפונג פון די שטאַנדען. דיזע פּאַרטיי איז בעוואוסט אונטער דעם נאָמען די „טאַבאָריטען" (פון „טאַבאָר", א שטאָדט פון די הוסיטען).

די גרעסטע גוואַלדטאַטען פון די בעהמער געגען די דייטשען זיינען צוערסט פאָרגעקומען אין פּראַג און אין ברעסלוי, ווייל אין דיזע צוויי שטעדט זיינען די בעאַמטע געווען מעהר ווי העלפט דייטשען. דעם 30טען יולי 1419 האָט דאָס פאָלק געשטורמט דאָס ראַט־הויז אין פּראַג און האָט ארויסגעוואָרפען דורך די פענסטער 13 ראַטסלייט און דעם ריכטער, און זיי אַרויפגעוואָרפען אויף די שפּיזען, וועלכע די מאַסע, וואָס איז געשטאַנען פון אונטען, האָט געהאַלטען אָנגעשטעלט אום אַרויפצוכאַפּען אויף זיי די אַראָפּגעוואָרפענע בעאַמטע. אין פּראַג איז געווען אַן ערנסטער אויפשטאַנד. דעם 16טען אוגוסט איז ווענצעל געשטאָרבען. דאָס האָט דעם אויפשטאַנד נאָך ערגער געמאַכט, ווייל עס איז דערוויילּ ניט געווען ווער עס זאָל איהם אָפּהאַלטען. דאָס פאָלק האָט פעריאָגט אַלע מאָנאַכען מיט די קאַטוילישע גייסטליכע און האָט צושטערט די קירכעס און מאָנאַסטירען.

נאָך ווענצעל'ס טויט האָבען זיך די פערשיידענע קלאַסען פון די טשעכען אין בעהמען געווענדעט צום דייטשען קעניג סיגיזמונד מיט א ביטשריפט, ער זאָל נאָכגעבען די פאָדערונגען פון דער מעסיגער פּאַרטיי, איבערהויפּט נאָכגעבען זייער פערלאַנג אויסצושליסען פון עפענטליכע עמטער אַלע אויס-

די בעהמישע פריצים, וועלכע ער האָט געזוכט צוצוציהען צו זיך מיט דעם פערשפּרעכען זיי צו שענקען רייכע גיטער פון דער קירכע. אין דייטשלאַנד האָט מען אָנגעהויבען חושד זיין דעם קעניג, דאָס ער אַליין איז אויך אויף דער זייט פון די קעצער.

זיסקאַ דער פיהרער פון די הוסיטען.

אין פערלויף פון דעם נעכסטען ווינטער האָט סיגיזמונד צוויי מאָל געצויגען געגען די הוסיטען, אָבער ער האָט קיין ערפאָלג ניט געהאַט. אין מערץ 1421 האָט זיך דער קעניג געפונען געצוואונגען בעהמען צו פערלאָזען, און דערמיט אויפגעבען זיין זאַך ווי פערלאָרען. ער האָט זיך אַליין בעטראַכט

האָט אָפען ערקלערט, דאָס ער וויל זיי אַלע פערניכטען. פון פּראַג איז ארויסגעשיקט געוואָרען אַ מאַניפעסט צום פאָלק צו מאַכען אַן אויפשטאַנד געגען סיגיזמונד'ן פיר זיינע האַנדלונגען געגען די „בעהמישע קרוין און שפּראַך". סיגיזמונד איז געשטעמפּעלט געוואָרען אַלס קעצער און ביטער־סטער פיינד פון די טשעכען. מיט דיזען מאַניפעסט איז עס ווירקליך גע־לונגען אויפצורייצען די טשעכען צו אַן אויפשטאַנד.

באַלד נאָך דיזען מאַניפעסט האָבען זיך די ראַדיקאַלען אין פּראַג פער־איינינגט. די ראַדיקאַלען זיינען איבערהויפּט בעשטאַנען פון בעהמישע בויערן. זיי האָבען פערלאָזען זייער האָב און גוטס און האָבען זייערע הייזער פער־ברענט, אום אַלס היימלאָזע ברידער זיך צו פעראייניגען אונטער דער פאָהן פון דער רעוואָלוציאָן אין נאָמען פון וואַהרער רעליגיאָן און גערעכטיגקייט. צו זיי זיינען צוגעשטאַנען די שטעדטישע האַנטווערקער. דורך גרויסאַרטיגע רע־ליגיעזע צערעמאָניעס און נאָך מעהר דורך גיטער־געמיינשאַפט (קאָמוניזם) האָבען זיך פיעלע פעראייניגט צו הייליגען קאַמף. אָן זייער שפּיץ איז גע־שטאַנען ניקאָלאַוס פון הוס און זיסקאַ פון טראָצנאָוו: דיזער לעצטער איז געווען אַן אונגעוועהנליכער קריג־זשעניע. זיסקאַ האָט מיט גרויס טאַלענט אין אַ קורצער צייט אָרגאַניזירט די מאַסע אין אַ גוט געאיבטע מיליטערישע מאַכט, הגם זייערע וואַפען זיינען געווען זעהר איינ־פאַכע: אַ שפּיז, אַ האַק און ד. גל. די גוטע אָרגאַניזאַציאָן און איבערהויפּט די בעגייסטערונג האָט געמאַכט די טאַבאָריטען אונבעזיגבאַר.

סיגיזמונד האָט קיין פאָרשטעלונג ניט געהאַט פון דער מאַכט פון די טאַבאָריטען. די שטאָלצע ווערטער, מיט וועלכע ער האָט די פּראַגער גע־זאַנדטע אין קוטטענבורג געשטויסען פון זיך, האָט געצייגט, דאָס ער איז גע־ווען זיכער, אַז ער וועט זיי בעזיגען מיט די 20,000 סאָלדאַטען, וואָס ער האָט מיט זיך געהאַט. זיין שטאָלצער ענטפער האָט געפיהרט דערצו, דאָס די מעסיגע האָבען זיך פעראייניגט מיט די ראַדיקאַלען, און געגען דיזער פעראייניגונג איז ער ניט אין שטאַנד געווען צו קעמפען אפילו מיט דער גאַנ־צע־ מאַכט פון רייך.

דעם 20טען מאַי 1420 איז זיסקאַ אָנגעקומען אין פּראַג מיט 9,000 מאַן. דאָ האָט ער נאָך בעקומען אַ היבשע צאָהל קריגער פון מערב־בעהמען. נאָך איינינע וואָכען איז געקומען סיגיזמונד נאָך פּראַג מיט זיינע קרייץ־פאָהרער, און האָט בעלאַגערט די שטאָדט. ער האָט מיט גרויס פייער גע־נומען שטורמען די שטאָדט, אָבער זיסקאַ האָט איהם מיט גרויס געשיקט־קייט אָפּגעטריבען. סיגיזמונד האָט אָנגעהויבען צו אונטערהאַנדלען מיט

דער קירכע זאָלען געהאַלטען ווערען אין דער לאַנד־שפּראַך, און דאָס זיי זאָלען אַנטייל נעהמען ביים אבענדמאַהל אין דער קירכע צוגלייך מיט די גייסטליכע. דאָס האָט אַרויסגערופען אַ קאַמף צווישען די מעסיגע און די ראַדיקאַלען (קאַליקסטינער און טאַבאָריטען), ווי דער קייזער האָט ער־וואַרטעט. דער סוף איז געווען, דאָס די מעסיגע האָבען געוואונען דעם קאַמף. אין דיזען שטרייט, וועלכער איז פאָרגעקומען אין יאָהר 1434, זיי־נען אויך געפאַלען דיביידע פּראָקאָפּען, די הויפּט־פיהרער פון די טאַבאָ־ריטען. אין יאָהר 1436 איז סיגיזמונד אריינגעפאַהרען אין פּראַג און איז אָנערקענט געוואָרען אַלס קייזער איבער בעהמען, און דערמיט איז דער קריג געקומען צו אַן ענדע. דיזער קריג האָט אָבער בעהמען פערוואַנדעלט אין אַ וויסטע.

אין יאָהר 1437 איז סיגיזמונד געשטאָרבען, און אַזוי ווי ער האָט ניט איבערגעלאָזען קיין מענליכע יורשים, איז זיין הויז־מאַכט איבערגעגאַנגען צו זיין איידים אַלברעכט פון עסטרייך דעם האַבסבורגער. דיזער אַלברעכט איז ערוועהלט געוואָרען אַלס קייזער אין יאָהר 1438.

אַלברעכט, וועלכער איז בעוואוסט אַלס אַלברעכט דער 2טער, איז געוועזען אַ זעהר ענערגישער און ענטשלאָסענער הערשער. לײדער איז זיין רעגירונג געווען זעהר קורץ, פון 1438 ביז 1439. אין דער קורצער צייט פון זיין רעגירונג האָט ער פעסטגעשטעלט דעם פרידען אין עסטרייך און אין דייטשלאַנד. זיין קאַנצלער האָט געגעבען אַ פּראָיעקט, צו צוטיילען דאָס רייך אין 6 קרייזען און בעשטימען אין יעדען קרייז אַ הויפּטמאַן, וועלכער זאָל דאָרט האַלטען אָרדנונג. דערביי האָבען די רייך־שטעדט געקראָגען אַ גרויסע בעדייטונג. אָבער דיזער פּראָיעקט איז ניט דורכגעפיהרט געוואָרען. די פירסטען האָבען דערצו ניט געוואָלט איינשטימען, ווייל לויט דיזען פּראָיעקט האָבען די שטעדט בעקומען מעהר מאַכט ווי זיי. דערווייל איז אַלברעכט פּלוצ־לינג געשטאָרבען אויף אַ פעלד־צוג געגען די טערקען (1439).

נאָך אַלברעכט דעם 2טען'ס טויט האָבען די פירסטען ערוועהלט זיין קוזין פריעדריך פון שטייערמאַרק, וועלכער האָט אַלס פריעדריך דער 3טער רעגירט פון 1440 ביז 1493. ער איז געקרוינט געוואָרען אין אַאַכען אין יאָהר 1442.

די גאַנצע פּאָליטישע געשיכטע פון פריעדריך דעם 3טען איז פול מיט מלחמות, וועלכע האָבען ניט אין גרונד קיין וויכטיגקייט פיר די געשיכטע. אין צפון האָבען די איינוואוינער פון שלעזוויג־האָלשטיין זיך ערקלערט אַלס אונטערטאַנען פון דעם קעניג פון דענמאַרק, און האָבען איהם

אַלס אַן אונמענשליכען טיראַן, אַלס דעם גרעסטען פיינד פון די טשעכען און אַלס מערדער פון די פיעלע אַדעליגע, וואָס זיינען געפאַלען איי דעם קאַמף מיט די בעהמער.

דאָס נאַציאָנאַל־געפיהל פון די טשעכען האָט זיך ענטוויקעלט מיט וואַקסענדער קראַפט. יעצט, ווען דער קעניג האָט פערלאָזען דאָס לאַנד און דער אַדעל, וועלכער האָט זיך מיט איהם פערבונדען, איז צוריקגעטרעטען, האָבען זיך די הוסיטען גענומען מיט שטורם צו די דייטשע שטעדט. דורך שרעק פאַר די הוסיטען האָט זיך איין שטאָדט נאָך דער אַנדערער אונטערגעגעבען צו ז״י. די הוסיטען האָבען זיי גאַראַנטירט זייערע רעכטען און פרייהייטען. עס האָבען ענדליך אויך די אַדעליגע אָנגעהויבען מאַסענוויז זיך פעראייניגען מיט די הוסיטען. אויף דער ערץ־בישאָף קאָנראַד פון פּראַג, א דייטש, איז איבערגעגאַנגען צו די הוסיטען און האָט איינגעשטימט מיט די רעפאָרמעס פון די מעסיגע קאַליקסטינער (זעה אויבען). דיזער לעצטער פאַקט האָט געגעבען א גרויסע בעדייטונג דער גאַנצער בעוועגונג, אַלע פערשיידענע פּאַרטייען האָבען זיך אָנגעהויבען צו פעראייניגען אום צו בויען א נייעם געביי אויף דעם נאַציאָנאַלען פונדאַמענט.

אויך די שפּעטערע קרייץ־צוגען האָבען ניט געהאַט קיין בעסערען ערפאָלג. די דייטשען זיינען געשלאָגען געוואָרען אין פיעלע שלאַכטען. דעם 15טען אָקטאָבער 1424 איז זיסקאַ געשטאָרבען. אָבער די טשעכען האָבען בעקומען צוויי טיכטיגע פיהרער אין די העלדען: פּראָקאָפּ דעם „גרעסערען" און פּראָקאָפּ דעם „קלענערען". אונטער זייער קאָמאַנדע האָבען זיי דעם נעכסטען יאָהר זיך גענומען מאַכען אָנגריפען אויף די בענאַכבאַרטע דייטשע לענדער. צום מעהרסטען האָבען געליטען שלעזיען, זאַקסען און פראַנקען. מען זאָגט, דאָס איבער 100 שטעדט און 1,500 דערפער זיינען פון די הוסיטען פערוויסטעט געוואָרען. אין 1431 האָט־דער קייזער בעשלאָסען נאָך א מאָל צו שטרייטען מיט די טשעכען, אָבער ער האָט ווידער געכאַפּט א מפּלה און איז ענדליך געקומען צו דער איבערצייגונג, דאָס ער קען מיט די טשעכען קיין קריג ניט פיהרען, און האָט אָנגעפאַנגען צו אונטערהאַנדלען מיט די מעסיגע הוסיטען. ער האָט נאָך דערביי געהאַט די האָפנונג, דאָס עס וועט איהם געלינגען ארויסצורופען ביי די הוסיטען א שפּאַלטונג.

די קאַליקסטינער זיינען געוועזען צופרידען צו שליסען מיט'ן קייזער פריעדען, ווייל די ראַדיקאַלען האָבען צו ווייט געטריבען זייערע פאָדערונגען און האָבען פיעלע פון די אַדעליגע הוסיטען ערמאָרדעט. דאָס קאָנציל אין באַזעל האָט זיי נאָכגעגעבען זייערע פאָדערונגען: דאָס די פּרעדיגטען אין

האָבען זיך אויך געפונען דיכטער, וועלכע האָבען בעשריבען די שלעכטע לאַגע פון סאָציאַלען לעבען און האָבען פּאָרויסגעזאָגט, דאָס דיזעס לעבען מוז פּיה-רען צו שרעקליכער ערביטערונג פון דער געדריקטער קלאַס פון דער געזעל-שאַפט געגען די רייכע דריקער, און דאָס ענדליך איז אַ רעוואָלוציאָן אונפער-מיידליך. דיזע פּאָרויסזאָגונג איז שפּעטער פערווירקליכט געוואָרען. דאָס איז דער הויפּט-אינהאַלט פון דער פּאָעזיע פון דעם בעריהמטען פּאָעט פון יענער צייט פּעטער זוכענווירט.

אָן זוכענווירט׳ן שליסט זיך אָן היינריך דער טייכנער, וועלכער מאַכט שפּאַס פון די פריהערדיגע ריטער און זייערע פאַנטאַזיעס און דריקט אויס די האָפנונג, דאָס די געזעלשאַפט וועט שוין מעהר ניט אַרויסגע-בען אַזעלכע משונה׳דיגע ברואים, וועלכע זיינען ווייט פון ווירקליכען לעבען און פליהען אין אַ וועלט פון איינבילדונגען און גייסטער. אין דיזען זין פון בע-לעהרען די לעזער וועגען עטוואָס ניצליכעס האָבען אין יענער צייט געשריבען אַ גאַנצע רייהע פון פּאָעטען נאָך טייכנער׳ן. די לאַגע פון דעם גרעסטען טייל פון דער געזעלשאַפט איז געוועזען צו דריקענד, אַז דער פּאָעט זאָל זיך בעשעפ-טיגען מיט פוסטע פאַנטאַזיעס.

אָבער ניט נאָר איז די פּאָעזיע געווען מעהר דעמאָקראַטיש ווי אין די פריהערדיגע יאָהרהונדערטען, נאָר די פּאָעטען פון דיזער צייט זיינען געווען מעהר פון פאָלק, ווי פון דער ריטער-קלאַס. ניט נאָר געפינען מיר פיעלע פּאָעטען צווישען די בירגער, אויך די האַנטווערקער האָבען זיך אָנגעהויבען בעשעפטיגען מיט ליטעראַטור און שרייבען פּאָעזיע. די האַנטווערקער האָ-בען געגרינדעט זינג-שולעס און געזעלשאַפטען צו שטודירען די פּאָעזיע. יעדע שולע האָט געהאַט אַן אויבער-מייסטער, וועלכער האָט אויפגעפאַסט, דאָס די פּאָעטען זאָלען ניט אָנגרייפען די רעליגיאָן. די לעהרער אין דיזע שולעס האָ-בען געהאַט פערשיידענע פליכטען: אַכטונג געבען, דאָס די פערזען זאָלען האָבען די ריכטיגע צאָהל זילבעס, דאָס די גראַמען זאָלען ניט זיין קיין פאַל-שע, דאָס דער זאַץ זאָל זיין מוזיקאַליש א. ד. גל. די לעהרער און בעאַמטע פלעגען ערוועהלט ווערען פון די האַנטווערקער זעלבסט. אלס שילער האָט מען אַריינגענומען יעדען, וואָס האָט געהאַט לוסט צו פּאָעזיע און איז געווען גוט געזיטעט. דער יעניגער פון די שילער, וואָס האָט זיך אויסגעצייכענט מיט אַ פּאָעטישער פערפאַסונג, איז געוועהנליך ערוועהלט געוואָרען אַלס לעה-רער אין דער שולע.

דער וויכטיגסטער פון די מייסטער-זינגער איז געווען האַנס זאַכס (געשט. 1578). ער איז געווען אַ שוסטער און האָט דורכגערייזט גאַנץ

אָנערקענט פיר זייער הערצאָג, אָבער מיט דער בעדינגונג, דאָס דיזע צוויי לענדער זאָלען אייביג ניט צוטיילט ווערען, און זיי, די איינוואוינער פון דיזע לענדער, זאָלען אימער בלייבען זעלבשטענדיג. אין אונגאַרן און בעהמען האָבען די נאַציאָנאַל־פּאַרטייען געוואונען די אויבערהאַנט.

אויך אין מערב האָבען זיך בעוויזען פּאָליטישע וואָלקענס. אָבער די האַבסבורגער האָבען געוואוסט, ווי דיזע וואָלקענס צו צושפּרייטען און צו בעפעסטיגען זיך. די פריצים האָבען געשטרעבט אריינצוכאַפּען אין זייערע הענט וואָס מעהר לאַנד, און צוזאַמען מיט'ן לאַנד אויך מאַכען פיעלע מענשען אָפּהענגיג פון זיי. די שטעדט דאַגעגען האָבען געקעמפּט פיר זייער פריי־הייט און אונאָפּהענגיגקייט. צו דיזען צוועק האָבען זיך די שטעדט פעראיי־ניגט און זיינען געוואָרען אַ גרויסע מאַכט. מיט דיזען אופן איז די צענט־ראַל־מאַכט פון דעם קעניג מעהר און מעהר אָפּגעשוואַכט געוואָרען און די מאַכט פון רייך איז צושפּליטערט געוואָרען. אַזאַ צושטאַנד האָט לאַנג ניט געקענט אָנהאַלטען. אַ רעפאָרמע איז געוועזן נויטווענדיג.

ג. די דייטשע פּאָעזיע אין 14טען און 15טען יאָהרהונדערט.

דער כאַראַקטער פון פּאָליטישען לעבען אין דייטשלאַנד צו ענדע פון מיטעלאַלטער האָט זיך טריי אָפּגעשפּיגעלט אין דער דיכט־קונסט פון יענער צייט. אָנשטאָט דעם, וואָס פריהער פלעגען זיך די פעאָדאַל־הערען רייסען צווישען זיך, האָבען יעצט די שטעדט אָנגעפאַנגען צו שטרייטען מיט די פריצים און פאָדערן פרייהייט און אונאָפּהענגיגקייט. אין די שטעדט זעלבסט האָבען זיך געבילדעט פערשיידענע שטאַנדען מיט פערשיידענע רעכטען. דאָס אַלץ האָט זיך אָפּגעשפּיגעלט אין דער ליטעראַטור. די פריהערדיגע לידער וועגען ריטער און זייערע אבענטייער, וועגען די קעניגען און זייער פּראַכט־לעבען אין זייערע פּאַלאַצען האָבען געמאַכט פּלאַץ פיר דעם אינהאַלט פון דעם נייעם לעבען. אין דער דיכט־קונסט פון 14טען און 15טען יאָהרהונדערט הערען זיך קלאַגעס וועגען דער האָבזוכט און לענדער־רויבעריי פון די דייטשע קעניגען, וועגען די ריטער, וועלכע פלעגען בעלאַגערן די וועגען און בערויבען יעדען וואַנדערער, וועגען די קאַמפּען צווישען די רייכע גוטס־בעזיצער און די אַרבייטער. דאָס איז געוועזן דער הויפּט־אינהאַלט פון דער פּאָעזיע אין יענער צייט. די פּאָעזיע איז דאַן אַרויס פון דעם קרייז פון געפיהל און איז אַריבער אין אַ וועלט פון פּראַקטישע אינטערעסען.

די ריכטונג פון דער צייט און די מאַכט פון דעם בירגערטום זיינען גע־וועזן אַזוי שטאַרק, דאָס זיי האָבען צוגעצויגען צו זיך אַלע טאַלענטען. עס

די געשיכטע פון פראַנקרייך.

די געשיכטע פון פראַנקרייך אין מיטעלאַלטער איז זעהר עהנליך צו דער געשיכטע פון דייטשלאַנד. אין ביידע לענדער האָט געהערשט דאָס פעאָדאַל־סיסטעם, אויך איז די ענטוויקלונג געווען אין ביידע לענדער די זעלבע, נאָר מיט דעם אונטערשייד, דאָס פראַנקרייך איז געווען מיט צוויי יאָהרהונדערטער פריהער ענטוויקעלט פון דייטשלאַנד. אויף דעם ערסטען בליק שיינט עס, דאָס אין ביידע לענדער האָבען זיך ענטוויקעלט די טעריטאָריאַל־העררען און די טעריטאָריעס. די קעניגליכע מאַכט איז אימער געוואָרען שוואַכער און שוואַכער. דאָס וואָרט פון קעניג האָט נאָר געגאָלטען אין די לענדער פון זיין הויז־מאַכט (וועלכע זיינען געווען זיין פריוואַט־אייגענטום); אויסערהאַלב זיינע אייגענע בעזיצונגען האָט עס כמעט קיין מאַכט ניט געהאַט. די גרויסע רייכס־וואַסאַלען האָבען בעטראַכט דעם קעניג אַלס זייער גלייכען, נאָר אין פערזאַמלונגען איז ער געווען דער פאָרזיצענדער. אָבער אויך די קלענערע גוטס־בעזיצער האָבען געשטרעבט צו אונאָפּהענגיגקייט. אַפילו אין די לענדער, וועלכע זיינען געווען דאָס אייגענטום פון קעניג, האָבען זיינע וואַסאַלען זעהר אָפט ניט געוואָלט פאָלגען זיינע פעראָרדנונגען. די געשיכטע פון מיטעלאַלטער ביז דעם 14טען יאָהרהונדערט איז נאָר אַ געשיכטע פון די בעציהונגען פון דעם קעניג צו די גרויסע גוטס־בעזיצער פון לאַנד און זייערע בעציהונגען צום קעניג.

דאָס קעניגטום אין פראַנקרייך איז געווען געצוואונגען אימער צו זוכען פיר זיך אַ שטיצע ביי די גייסטליכע, וועלכע האָבען איהם כמעט אימער געהאָלפען געגען די גרויסע גוטס־בעזיצער. דער „גאָטעס־פרידען“, וועלכען די גייסטליכע האָבען געפּרעדיגט און פערברייטעט אין פראַנקרייך, האָט פיעל געהאָלפען דעם קעניג צו געווינען זיין איבערמאַכט איבער די וואַסאַלען. אין זיינע בעציהונגען צום פּאַפּסט זיינען די גייסטליכע אין פראַנקרייך ביז אַ געוויסען גראַד געווען זעלבשטענדיג. אַפילו אין גלויבענס־זאַכען האָבען

דייטשלאַנד אום זיך פּערזענליך צו בעקענען מיט דעם ריכטיגען לעבען פון אַלע קלאַסען פון דייטשען פּאָלק. אַלס ער האָט געענדיגט זיין רייזע, האָט ער זיך צוריקגעקעהרט אין זיין געבורט־שטאָדט נירנבערג און האָט אָנגע־שריבען געשיכטען, וועלכע האָבען איהם פערשאַפט אַ גרויסען נאָמען. ער איז געווען דער גרעסטער צווישען אַלע 250 מייסטער־זינגער, וואָס זיינען דאַמאָלס געווען אין נירנבערג. ער האָט אָנגעשריבען 34 פּאָליאָ־בענדער פּאָעזיע, אין וועלכע עס האָבען זיך געפונען 208 דראַמעס און 1,700 קליינע פאַרס־קאָמעדיעס און ערצעהלונגען. איבערהויפּט זיינען זעהר געלונגען זיינע קאָמעדיעס.

זעהר וויכטיג זיינען די פּאָלקסלידער פון יענער צייט. דאָס זיינען גע־ווען לידער איבער פרייד און לייד, איבער יעגער־לוסט, איבער דאָס לעבען פון סטודענטען, איבער לאַנד־קנעכט, איבער רייזענדע האַנטווערקער, אויך פּאָ־ליטישע און היסטאָרישע לידער. איבערהויפּט צייכנען זיך אויס די פּאָליטישע לידער, וואָס זיינען פערפאַסט געוואָרען אין דער שווייץ, וואו דאָס פּאָליטישע לעבען האָט דערגרייכט אַ זעהר הויכע שטופע.

אויסער די שווייצער האָבען אויך די דיטמאַרזער (פון דיטמאַרזען, האָלשטיין) פערפאַסט גוטע פּאָליטישע לידער, ווייל זיי זיינען אויך געווען פּאָליטיש פריי און אונאָפּהענגיג. איבערהויפּט זיינען וויכטיג די העלדען־לידער, וואָס בעזינגען די גרויסע העלדענטאַטען, וואָס די בויערן האָבען גע־ציינט אין דעם קאַמף פיר פרייהייט מיט די דענישע קעניגען.

אויפגעהויבען זעהר הויך. אויף זיין ראט האט דער קעניג ערלויבט די שטעדט זיך צו ארגאניזירען און האט זיי געגעבען בירגערליכע פרייהייט און רעכטען, און דערמיט האט ער אפגעשוואכט די מאכט פון די פעאדאל-העררען. לודוויג דער 7טער (1137—1180) האט מיט זיין קרייץ-צוג שטארק אפגעשוואכט דאס לאנד. ווען ער האט זיך געשיידט מיט זיין ווייב לעאנארע האט ער איהר צוריקגעגעבען די לענדער, וואס זי האט איהם אריינגעבראכט ביי איהר הייראט מיט איהם. מיט איניגע וואכען שפעטער האט זי געהייראטעט היינריך פלאנטאזשענעט פון אנזשו, וועלכער איז שפעטער געווארען קעניג פון ענגלאנד. זי האט איהם אריינגעבראכט איהרע גיטער אלס נדן און דערמיט פערגרעסערט די בעזיצונגען פון ענגלישען קעניג אין דרום-פראנקרייך.

פיליפ דער 2טער אוגוסט (1180—1223) האט צוריק איינגענומען פיעלע ענגלישע געביטען, צווישען זיי אויך א טייל פון די לענדער פון דעם גראף פון פלאנדערן. דורך דעם האט פיליפ אוגוסט אזוי בעפעסטיגט דעם טראן, דאס ער האט געוואגט אין איניגע פונקטען די רייכס-פערפאסונג צו ענדערן. ער האט אויך געגרינדעט א שטענדיגען מיליטערישען קארפוס און האט דערמיט געזיכערט זיין מאכט איבער איניגע פירסטען פון אויסלאנד. נאך דעם, ווי ער האט זיינע בעזיצונגען כמעט צוויפאך פערגרעסערט, האט זיין זוהן לודוויג דער 7טער, וועלכער איז בעוואוסט אונטער דעם נאמען לודוויג דער לייב (1223—1226), פארטגעזעצט די קריגען מיט ענגלאנד און איז אין דיזע מלחמות געווען גליקליך. אונטער איהם איז געווען דער בעריהמטער אלבינגענזער קריג, וועגען וועלכען מיר האבען פריהער אויספיהרליך געשפראכען. דער קריג האט זיך געצויגען אויך נאך דעם טויט פון לודוויג דעם 7טען, אין דער צייט פון דער רעגירונג פון לודוויג דעם 9טען (1226—1270). ראימונד פון טולוז האט געמוזט אלע זיינע לענדער צו מערב פון דעם טייך רהאנע איבערגעבען צו לודוויג דעם 9טען, און די מזרח-לענדער האט ער געמוזט איבערגעבען צו דעם קעניג'ס ברודער אלס נדן פיר זיין טאכטער, וועלכע האט איהם געהייראטעט. די גראפשאפט ווערנעססען האט ערהאלטען דער פאפסט. ער האט אויך דורך אנדערע מיטלען פערגרעסערט זיין געביט. דער ענגלישער קעניג האט איהם איבערגעגעבען אלע לענדערייען, וואס ער האט געהאט אין פראנקרייך, נאר דערפאר, וואס ער האט איהם געגעבען דעם הערצאג-טיטעל פון גוויעננע. די וואסאלען, וואס האבען געגען איהם געוואלט מאכען אן אויפרוהר, האט ער איינגעשטילט מיט'ן שווערד. ער

זיי געהאַט זייערע אייגענע מיינונגען, פערשיידען פון דעם פּאַפּסט'ס אַנזיכטען, ווי עס בעווייזען די שטרייט־שריפטען פון דעם געלעהרטען בישאָף בערענזשער פון טור.

מיר האָבען שוין פריהער ערקלערט, ווי די שטעדט זיינען אויפגעוואַקסען אין פראַנקרייך און האָבען געבילדעט קאָמונעס מיט אַ זעלבשטענדיגען ראַט און מיט אייגענע געזעצען. די אַלטע געריכטס־הייזער מיט ריכטער פון ריין אַריסטאָקראַטישער אָפּשטאַמונג האָבען געמאַכט פּלאַץ פיר דעמאָקראַטישע ריכטער, ערוועהלט פון פאָלק; די האַנדעלס־לייט און די האַנטווערקער אין די שטעדט האָבען זיך אָפּגעשאַקעלט פון די גראַפען און גרויסע גוטס־בעזיצער און פון זייער הערשאַפט אין די שטעדט, און האָבען ערוועהלט אייגענע בעאַמטע פון זיך אַליין. די פערפאַסונג איז געווען כמעט אין אַלע שטעדט גלייך, נאָר די נעמען זיינען געווען פערשיידען: אין די צפון־פראַנצויזישע שטעדט האָבען די קאָמונאַל־ראַטען געפיהרט די שטאָדט־געשעפטען, און אין די דרום־געגענדען, וועלכע זיינען געווען נאָהענט צו איטאַליען, האָבען געפיהרט די קאָנסולען.

אַלס הוגאָ קאַפּעט האָט בעשטיגען דעם טראָן פון די קאַראָלינגער איז די קעניגליכע מאַכט און אַנזעהן אין פראַנקרייך געווען שטאַרק געזונקען, הגם ער האָט אַליין געהאַט אַ גרויסע הויז־מאַכט און איז געווען אַ גרויסער גוטס־בעזיצער. ער איז געווען גראַף פון פּאַריז און אָרלעאַנס, הערצאָג פון איל דע פראַנס און אייגענטימער פון רייכע גיטער אין פּיקאַרדיע און שאַמפּאַני'. אונטער זיין זוהן און נאָכפאָלגער ראָבערט (997—1031) האָבען זיך די פערהעלטניסען פון רייך ניט געענדערט. דער חרם, וואָס דער פּאַפּסט האָט אויף איהם אַרויפגעלעגט, האָט קיין גרויסע ווירקונג ניט געהאַט. זיין צווייטע פרוי קאָנסטאַנציאַ האָט געבראַכט פיעלע שטרייטינקייטען אין לאַנד דורך איהרע ליידענשאַפטען. זי האָט איהרע אייגענע קינדער געמאַכט פיר שונאים צו איהר מאַן, צו זייער פאָטער.

אונטער פיליפּ דעם 1טען (1060—1108) איז ענגלאַנד בעזיגט געוואָרען דורך ווילהעלם פון נאָרמאַנדיע. די פערהעלטניסען, וועלכע זיינען אַרויסגעקומען פון דיזער בעזיגונג, זיינען געווען זעהר ניט גינסטיג פיר פראַנקרייך, ווייל דער וואַסאַל ווילהעלם איז געוואָרען מעכטיגער אַלס דער קעניג. דאָס האָט שוין פיליפּ ערפאַהרען אין אַ שווערען קריג מיט ענגלאַנד, אויך האָט עס גוט געפיהלט זיין זוהן לודוויג דער 6טער (1108—1137). אונטער לודוויג'ן האָט דער אַבט סוזשער געהאַט אַ גרויסען איינפלוס אויף די קעניגליכע פּאָליטיק און האָט די קעניגליכע מאַכט

האָט מיט שטרענגע פעראָרדנונגען פעסט געהאַלטען דעם לאַנד־פרידען. ווען עס האָט זיך געמאַכט וועלכע עס איז שטרייטיגקייט צווישען לאַנד־הערען פלעגט ער ענטשיידען אַזוי קלוג און אַזוי יושר׳דיג, דאָס ביידע צדדים האָבען אָנערקענט זיין ענטשיידונג אַלס אַ הייליגען אויסשפרוך. וועגען זיינע צוויי קרייץ־צוגען האָבען מיר שוין פריהער אויספיהרליך ערצעהלט.

אין דער צייט, וואָס לודוויג דער 9טער איז געווען אויף זיין קרייץ־צוג און זיין מוטער בלאַנש האָט רעגירט פיר איהם, האָבען זיך געמאַכט אונרוהען צווישען די פריצים און זייערע בויערן, וועלכע האָבען מעהר ניט געקענט פערטראָגען די הויט־שינדעריי פון זייערע הערשער. די קעניגין האָט זיך אריינגעמישט אום זיך צו איבערצייגען, ווער עס איז דער שולדיגער. איין טאָג האָט זיך די קעניגין דערוואוסט, דאָס די גייסטליכע פון דער נאָטר דאַם קירכע אין פּאַריז האָבען אַלס אייגענטימער פון דעם דאָרף שאַטענעי אַריינ-געוואָרפען אין געפענגניס אַלע ערוואַקסענע איינוואוינער פון דאָרף נאָר דער-פאַר, וואָס זיי האָבען זיך ענטזאַגט צו צאָהלען צו דער קירכע אַן אונגעוועהנ-ליכע שטייער. פיעלע פון די אַרעסטירטע זיינען אין געפענגניס צושטאָרבען, מאַנכע פון הונגער און אַנדערע פון שלעכטער לופט. דיזעס האָט אָבער די גייסטליכע ניט בעוואויגען די לייט צו בעפרייען.

די קעניגין האָט אָנגעבאָטען צו בעצאָהלען די שולדען פון די אָרימע בויערן אום מען זאָל זיי לאָזען פריי. די גייסטליכע האָבען געענטפערט, דאָס קיינער האָט קיין רעכט ניט זיך אַריינצומישען אין דעם, ווי זיי בעהאַנדלען זייערע אונטערטאַנען, און דאָס זיי קענען זיי לאָזען שטאַרבען. אום צו וויי-זען דער קעניגין, דאָס זיי מיינען עס ערנסט, האָבען זיי אויך די פרויען און קינדער פון דאָרף אַריינגעוואָרפען אין געפענגניס. פיעלע זיינען דאָרט באַלד געשטאָרבען. ווען די קעניגין האָט זיך וועגען דעם דערוואוסט, איז זי געקומען צום געפענגניס מיט אַ היבשער מאַכט און האָט אַליין מיט איהר אייגענער האַנט אָנגעפאַנגען ברעכען די טיר אום צו בעפרייען די געפאַנ-גענע. די גייסטליכע האָבען איהר אָנגעזאָגט, דאָס זיי וועלען איהר עקסקאָ-מוניצירען (אַריינלעגען אין חרם), אָבער דאָס האָט איהר ניט אָפּגעשראָקען, זי האָט אויפגעבראָכען די טיר און די געפאַנגענע זיינען אַרויס פריי.

זעהר פיעלע לייבאייגענע זיינען דאַן בעפרייט געוואָרען פון שווערע שטייערן, אָבער ניט אַכטענדיג דערויף זיינען פיעלע דערפער נאָך פערבלי-בען אין דעם צושטאַנד פון שקלאַפעריי. די ערגסטע פון אַלע גרונד־הערדען זיינען געווען די קירכליכע. דאָס ביישפּיל, וואָס מיר האָבען נאָר וואָס געבראַכט, איז ניט דאָס איינציגע געווען. דאָס האָט געפיהרט דערצו,

די קעניגין בלאַנש בעפרייט די לייבאייגענע פון שאַטענעי.

וועז פיליפ'ס ליבלינג. פעטער איז געוועזן אן אלטער קאמער-הערר ביי לוד-וויג דעם 9טען. דיזער ליבלינג האָט געהערשט איבער אלץ און געטאָן וואָס ער האָט געוואָלט אין נאָמען פון קעניג. ער איז געוועזן דער ריכטיגער הער-שער איבער אלע הויכע גייסטליכע און גרונד-אייגענטימער.

אלס אין 1276 איז געשטאָרבען דער עלטעסטער זוהן פון דעם קעניג און זיין ערסטע פרוי, האָט פעטער דע לא בראָססע פערברייטעט א קלאַנג, דאָס די קעניגין מאריא, די צווייטע פרוי פון קעניג, האָט פער'סם'ט דעם קעניג'ס זוהן, און דאָס זי וועט וואהרשיינליך אויך פער'סם'ען די איבריגע קינדער פון דער ערסטער פרוי, אום דער טראָן זאָל אָנקומען צו איהרע קינדער. דער קעניג איז געוועזן אין א שרעקליכער פערלעגענהייט און די קעניגין האָט שווער געליטען אונטער דיזען שרעקליכען חשד. דאמאָלס האָבען פיעלע גרויסע לייט פון קעניגליכען הויף, וואָס האָבען געהאסט דעם קעניגליכען ליבלינג פעטער, זיך אָנגענומען פיר די קעניגין און דיזע האָט געזיגט. דער קעניג האָט פעטער'ן דערווייטערט פון הויף, הגם עס איז איהם אָנגע-קומען זעהר שווער דאָס צו טאָן. די גרויסע לייט פון הויף האָבען פעטער'ן אריינגעוואָרפען אין געפענגניס, האָבען איהם גע'משפט און האָבען איהם גע-האנגען צום ערשטוינען פון גאנץ פאריז.

דער טראָן-פאָלגער פון פיליפ דעם 3טען איז געוועזן זיין זוהן פ י ל י פ ד ע ר 4 ט ע ר (1285—1314). זיין רעגירונג איז געוועזן אין פיעלע הינזיכ-טען מערקווירדיג. ער האָט אָנגעווענדט אלע זיינע קרעפטען אום זיין אייגענע מאכט צו פערשטארקען. ער האָט זיך אין דעם בענוצט מיט אלערליי מיט-לען, עהרליכע און ניט עהרליכע. ש.ין אונטער לודוויג דעם 9טען איז דאָס קעניגטום אזוי מעכטיג געוואָרען, דאָס קיין גרונד-הערר האָט מעהר ניט גע-וואגט ארויסצוגעהן מיט'ן קעניג אויף א שטרייט. כמעט אלע פריוואט-שטרייטיגקייטען האָבען אויפגעהערט צווישען די וואסאלען.

אין פראנקרייך, אזוי ווי אין דייטשלאנד, זיינען די גרונד-העררען געוועזן די ריכטער אין זייערע געביטען. די בויערן האָבען ניט געקענט אפעלירען געגען דעם אורטייל פון דעם העררי. אָבער אין א משפט צווישען א גרויסען גוטס-בעזיצער און זיינעם א וואסאל האָט דיזער געקענט אפעלירען צום קע-ניג געגען דעם בעשלוס פון דעם גרויסען גוטס-בעזיצער. לודוויג דער 9טער איז זעהר צופרידען געוועזן, וואָס מען האָט אָנגעפאנגען צו אפעלירען צו איהם וועגען רעכטס-בעשטימונגען און ענטשיידונגען, ווייל ער האָט דערין געזעהען די פערגרעסערונג פון דער קעניגליכער מאכט. נאָר דער הערצאָג פון ברע-טאני' האָט ניט געוואָלט אָנערקענען די מאכט פון קעניג איבער זיין געביט,

אַז דאָס אָרימע פאָלק האָט צו די גייסטליכע און צו דער קירכע אָנגעוואָרען יעדע אַכטונג און האָט אָנגעהויבען צו מאַכען אויפשטאַנדען. דעם ערסטען אויפשטאַנד האָבען געמאַכט די פאַסטוכער און צו זיי זיינען צוגעשטאַנען פיעלע האַנטווערקער, טאָג-לוינער און אַנדערע אַרבייטער. עס האָט זיך פערזאַמעלט אַ מאַסע פון 30,000 מענשען, וועלכע האָבען געוואָלט געהן בעפרייען ירושלים. אין פּאַריז האָט זיך די מאַסע פערגרעסערט. דאָרט האָבען מיט זיי די בירגער געמאַכט יד אחת אום אַרויסצוטרעטען געגען די גייסטליכע. די מאַסע האָט געוואָלט געהן נאָך פּאַלעסטינאַ, איבערהויפּט מיט דעם צוועק צו העלפען לודוויג דעם 9טען, וועלכער איז דאָרט דאַמאָלס געוועזען אויף אַ קרייץ-צוג. די קעניגין בלאַנש, אַלס זי האָט דערהערט, דאָס אַ גרויסע מאַסע איז גרייט צו העלפען איהר זוהן, האָט זעהר פריינדליך אויפגענומען דעם אָנפיהרער פון דער מאַסע, אַן אַלטען בלאַסען מאַן מיט אַ לאַנגער ווייסער באָרד. פון פּאַריז האָט זיך די מאַסע גענומען וואַנדערן צו דרום און האָט זיך איינגעטיילט אין דריי גרויסע גרופּעס. אין אָרלעאַנס האָבען זיי אָנגעפאַנגען צו פּלינדערן און מאָרדען, איבערהויפּט די גייסטליכע. דיזעס איז געוועזען זייער אונגליק. די קעניגין האָט געהייסען זיי אַריינלעגען אין חרם און זיי צוטרייבען. אויך די בירגער זיינען געוואָרען זייערע געגנער נאָך דעם, ווי זיי האָבען געזעהען, דאָס די מאַסע האַנדעלט ווי אַ באַנדע רויבער און מערדער. די בירגער האָבען זיי פערפאָלגט און זייערע פיהרער הינגעריכטעט.

נאָך לודוויג דעם 9טען׳ס טויט איז אויף׳ן טראָן אַרויף זיין זוהן פּ י ל י פּ ד ע ר 3 ט ע ר, וועלכער איז געוועזען בעוואוסט מיט דעם ביינאָמען דער מ ו ט י ג ע ר (1279—1285). ער איז אפילו ניט גלייך געוועזען צו זיין פאָטער, אָבער ער האָט אויך פערגרעסערט די מדינה און זיין מאַכט דורך פערשיידענע ערווערבונגען. ער האָט דורכגעפיהרט דעם גרונדזאַץ, דאָס די קרוין-גיטער טאָרען ניט איבערגעהן צו וועלכען עס איז פּריוואַט-מאַן. ער האָט געגעבען מעהר פרייהייט צו די נידריגע שטאַנדען און האָט פעסטגעשטעלט די אָפּהענגיגקייט פון די גרויסע. אין זיין צייט איז קיין ערנסטער קריג ניט געוועזען צווישען דעם קעניג און די גרויסע וואַסאַלען, מיט אויסנאַהמע פון דעם אויפשטאַנד פון די פּירענעאישע וואַסאַלען, וואָס איז באַלד אָהן בעזונדערער מיה דערשטיקט געוואָרען. דערפאַר זיינען אָבער פאָרגעקומען גרויסע בעוועגונגען אין הויף זעלבסט. דאָ האָבען זיך געבילדעט צוויי פּאַרטייען. איין פּאַרטיי איז געווען, וואָס האָט געהאַלטען מיט פיליפּ׳ס צווייטער פרוי, מאַריאַ פון בראַבאַנט; די אַנדערע פּאַרטיי איז געווען, וואָס האָט געהאַלטען מיט פּ ע ט ע ר ד ע ל אַ ב ר אָ ס ס ע, וועלכער איז גע-

טיג איז געוועזן דער אומשטאנד, דאס דער טראן האט זיך אימער גענעטיגט אין געלט. ביי די אפטע מלחמות זיינען די טרופען פון די פעאדאלען ניט גע-נוג געוועזן, ווייל זיי פלעגען שיקען קריגער נאר צו געוויסע צייטען און אויף א בעשטימטען טערמין. דעריבער האבען די קעניגען געמוזט דינגען קריגער, וועלכע האבען זיך גערופען „סאלדאטען”, ד. ה. קריגער, וואס נעהמען „סאלד” אדער געהאלט פיר זייער ארבייט אין קריג. אויסער דעם האט זיך דער קע-ניג געמוזט פערשאפען א פלאטע געגען ענגלאנד. אויך דאס לעבען אין הויף איז געווארען פיעל טייערער צוליב דער ענטוויקלונג פון לוקסוס, האנדעל און קונסט. די הוצאות זיינען געווארען גרעסער און גרעסער מיט יעדען טאג. פיליפ האט געזוכט פערשיידענע מיטלען, ווי דיזען לעבערדיגען זאק אנצו-שטאפען. ער האט ארויפגעלעגט פערשיידענע ספעציעלע אפגאבען אויף אידען און לאמבארדען, ווייל דיזע זיינען דאמאלס געוועזן די הויפט-האנדעלס-לייט. ער האט אימער געענדערט דעם ווערט פון די מינצען, ווי עס האט איהם געפאסט, אום געלט צו מאכען פון דיזער ספעקולאציאן. ער האט פערבאטען צו געברויכען געגענשטענדען פון לוקסוס און האט אויף זיי ארויפ-געלעגט גרויסע שטייערן א. ד. גל. אבער דיזע אלע מיטלען האבען געהאלפען נאר אויף א קורצע צייט. פיליפ האט געמוזט האבען שטענדיגע נייע שטייערן. אבער ווייל לויט די געזעצען פון דעם פעאדאל-סיסטעם האט דער קעניג ניט געהאט דאס רעכט צו בעלעסטיגען די גוטס-בעזיצער מיט שטענדיגע אפגאבען, האט ער געמוזט צוזאמענרופען אין הויף די אונטערטאנען מיט די קעניגליכע בעאמטע אום זיך צו בעראטען, וואס צו טאן. צו דיזע פערזאמ-לונגען האט ער אויך איינגעלאדען די אנדערע שטאנדען, וועלכע האבען געקענט ביישטייערן צו די נעטיגע אויסגאבען פון דעם רייך. אין דיזער הינ-זיכט זעהען מיר אין פראנקרייך די זעלבע לאגע ווי אין דייטשלאנד.

נאך פיליפ דעם 4טען האבען רעגירט זיינע דריי זיהן איינער נאך דעם אנדערן. לודוויג דער 10טער האט געהערשט פון 1314 ביז 1316, פיליפ דער 5טער דער לאנגער ביז 1322, און קארל דער 6טער דער שענער ביז 1328. לודוויג דער 10טער האט אונטערגענומען א צוג געגען פלאנדערן, אבער ער איז דורכ-געפאלען. דער פינאנץ-פערוואלטער פון פערשטארבענעם קעניג איז געהאנ-גען געווארען און דער קאנצלער פון פראנקרייך איז געבראכט געווארען אויפ'ן פאלטער.

פון אלע דריי ברידער איז קיין זוהן ניט געבליבען, און מיט זייער טויט איז די דינאסטיע פון די קאפעטינגער אויסגעשטארבען. דאן האבען צוויי

און האָט דארום ניט צוגעלאָזען קיין אפעלאציאָן אויף זיינע בעשלוסען. אויך אין דייטשלאַנד האָט קיינער פון די טעריטאָריאַל־פירסטען ניט געקענט אפעלירען צום קעניג.

דיזעס האָט געפיהרט דערצו, דאָס דער קעניגליכער הויף איז געוואָרען מעהר און מעהר בעשעפטיגט. דער קעניגליכער הויף איז געוואָרען דער צענטער פון געריכטס־אַנגעלעגענהייטען, פון פינאַנסען און פון פּאָליטיק. די קעניגליכע פינאַנסען זיינען נאָך דאַמאָלס געווען זעהר איינפאַך. אין פאַל, ווען עס איז דעם קעניגליכען הויף פאָרגעשטאַנען צו מאַכען עקסטראַ אויסגאַבען, האָט זיך דער קעניג געווענדט צו די וואַסאַלען צו הילף. די געוועהנליכע איינגאַהמעס פון די בעהערשטע לענדער זיינען נאָר גענוג געווען צו דעקען די געוועהנליכע אויסגאַבען אין הויף. אָבער ווי באַלד דער הויף האָט בעקומען מעהר בעשעפטיגונג, דורך וועלכע די אויסגאַבען האָבען גע־מוזט פערגרעסערט ווערען, פערשטעהט זיך, דאָס אויך די שטענדיגע איינקונפטען האָבען געמוזט פערגרעסערט ווערען. די פינאַנץ־פערוואַלטונג איז דאַן מעהר פערוויקעלט געוואָרען און האָט געפאָדערט צו בילדען אַ ספּעציעלע אָפּטיילונג פיר פינאַנץ. נאָר דאָס געריכט איז נאָך געבליבען ביים הויף.

אָבער באַלד האָט זיך געמאַכט אין דיזען הויף אַ גרויסע ענדערונג. די ראָלע פון די גרויסע וואַסאַלען האָט פערלאָרען איהר וויכטיגקייט. ווייל די פּריצים, וואָס האָבען געזאָלט ענטשיידען משפטים אונטער דעם פּאָרזיץ פון קעניג, זיינען ניט געווען געלערנט אין יוריספּרודענץ, האָט מען געמוזט צו זיי צוגעבען געלעהרטע יוריסטען. אַנפאַנגס האָבען די באַראָנען מיט פעראַכטונג געזעצט די געלעהרטע יוריסטען ביי זייערע פיס, אָבער באַלד האָט די געלעהרזאַמקייט בעקומען די אויבערהאַנט און די יוריסטען אַליין האָבען אָנגעהויבען צו פיהרען די פּראָצעסען, און ווען עס האָט זיך צווישען די פּריצים געמאַכט אַ שטרייטיגקייט, איז זייער שיקזאַל איבערגעגעבען געוואָרען אין די הענט פון די געלעהרטע. דיזער געריכטס־הויף פלעגט צוזאַמענקומען פיער מאָל אַ יאָהר און האָט געפיהרט אַ רעגיסטער איבער זיינע ענטשיידונגען. אַזוי האָט זיך בעגרינדעט דאָס קעניגליכע רעכט.

אונטער לודוויג דעם 9טען איז די מאַכט פון דעם געריכטס־הויף אָדער פון דעם פּאַרלאַמענט נאָך ניט געווען בעשטימט. אָבער אונטער פיליפּ דעם 4טען, וועלכער איז בעוואוסט אונטער דעם נאָמען פיליפּ דער שענער, איז דיזע מאַכט געוואָרען בעשטימט. אין זיין צייט איז געגרינדעט געוואָרען דאָס שטאַאַטסאַמט, וועלכעס האָט געהאַט אַלס זיין אויפגאַבע אין אַלע פעלען צו פערטיידיגען די רעכטען פון טראָן. זעהר וויכ־

אויף געפאָדערט פון איהם, ער זאָל ערלויבען צו ערוועהלען 36 פערזאָן, צו 12 פערזאָן פון יעדען שטאַנד, וועלכע זאָלען העלפען דעם פרינץ אין אַלע זיינע וויכטיגע אונטערנעהמונגען. אויב דער פרינץ וועט דיזע פאָדערונגען נאָכגעבען, האָבען זיי פערשפּראָכען צו בעווילינען א סומע אויף אויסצוהאַל-טען 36,000 מאַן אַלס שטענדיגעס מיליטער. דיזע פאָדערונגען פון דעם בי-שאָף פון ליאָן זיינען געוועזן אונטערשטיצט פון דער גאַנצער פערזאַמלונג.

דער פרינץ האָט דיזע פאָדערונגען ניט ווידערגעשפּראָכען, ווייל עס איז געוועזן דער וואונש פון גאַנצען פאָלק. די פערזאַמלונג האָט אין 1357 פערפאַסט תקנות, פון וועלכע די וויכטיגסטע זיינען:

ר ע ג י ר ו נ ג. די פערזאַמלונגען פון אַלע שטאַנדען (3) מוזען יעהר-ליך רעגעלמעסיג צוויי מאָל שטאַטפינדען אין בעשטימטע טעג. און אין דער צייט צווישען די פערזאַמלונגען זאָלען 36 ערוועהלטע פון פאָלק צוהעל-פען דעם קעניג רעגירען דאָס לאַנד. אויסער דעם זאָלען נאָך אַנדערע פער-טרעטער פון פאָלק געשיקט ווערען אין די פּראָווינצען מיט פולער מאַכט צו בעשטראָפען די בעאַמטע, וואָס טוען ניט זייער פליכט ווי עס געהערט צו זיין. דיזע פערטרעטער האָבען אויך דאָס רעכט די שטאַנדען צו פערזאַמלען אום זיך מיט זיי צו בעראַטען.

פ י נ אַ נ צ ע ן. די שטייערן זאָלען פון די שטאַנדען זעלבסט בעשטימט ווערען. זיי האָבען אויך דאָס רעכט אַכטונג צו געבען, דאָס די איינקונפטען זאָלען פערברויכט ווערען נאָר אויף די זאַכען, אויף וועלכע זיי זיינען בע-שטימט געוואָרען. די מטבעות, וועלכע זיינען אין געברויך, זאָלען פערבליי-בען אונפערענדערט.

מ י ל י ט ע ר. יעדער מאַן אין פראַנקרייך מוז בעוואָפענט זיין. די פריצים און די הערען איז פערבאָטען צו פיהרען קריג צווישען זיך. זיי האָבען אויך ניט דאָס רעכט דאָס לאַנד צו פערלאָזען. די סאָלדאַטען בעקומען געצאָהלט פון די שטאַנדען.

ד אָ ס ג ע ר י כ ט. די ריכטער פון פּאַרלאַמענט זיינען פערפליכטעט יעדען טאָג פון מאָרגען ביז אָבענד אָפּצוהאַלטען זיצונגען און צו פערקלענערן די קאָסטען פון דעם געריכט ווי ווייט עס איז מעגליך.

א ו נ ג ע ר ע כ ט י ג ק י י ט. עס איז פערבאָטען אויף דער רייזע פון קעניג צו נעהמען פון פאָלק די זאַכען, וואָס זיינען נויטיג פיר איהם און זיין סוויטע, אָהן געצאָהלט. די בירגער האָבען דאָס רעכט צו פערטיידיגען זיך מיט וואַפען געגען יעדען אונגערעכטען אַרעסט. דער קעניג האָט ניט קיין רעכט צו פערשענקען רייכס=גיטער וועמען ער וויל.

פרעטענדענטען ערקלערט זייער רעכט אויף דעם פראַנצויזישען טראָן: גראף פיליפ פון וואַלואַ און קעניג עדוארד דער 3טער פון ענגלאַנד. יעדערער פון זיי האָט גע׳טענה׳עט, דאָס ער איז דער נעהענטסטער קרוב צום טראָן. דאָס פראַנצויזישע פאָלק האָט ערוועהלט פיליפ דעם 6טען (1328—1350). ענגלאַנד איז געוואָרען שטאַרק אויפגערעגט דערפאַר, וואָס מען האָט ניט ערוועהלט עדוארד׳ן, און עס האָט זיך צוליב דעם אָנגעפאַנגען אַ קריג, וואָס האָט געדויערט איבער הונדערט יאָהר (1339—1453). דיזער קריג האָט פראַנקרייך שטאַרק פעראָרימט. אָבער נאָך גרעסער איז געווען דאָס אונגליק פון פראַנקרייך אונטער יאָהאַן (זשאַן) דעם גוטען (1350—1364). ער האָט צוזאַמענגערופען אַלע שטאַנדען נאָך פאַריז און זיי האָבען געשאַפען אַ גרויסע אַרמעע מיט די נעטיגע מיטלען צו פיהרען דעם קריג, אָבער די פראַנצויזישע אַרמעע איז צושלאָגען געוואָרען פון די ענגלענדער. דער קעניג זעלבסט מיט זיין אינגסטען זוהן איז געפאַנגען געוואָרען און געבראַכט געוואָרען נאָך לאָנדאָן.

דיזע נייע נידערלאַגע האָט געבראַכט דאָס גאַנצע לאַנד אין אַ שרעקליכע אויפרעגונג. דער פראַנצויזישער קרוינפרינץ האָט איבערגענומען די רעגענטשאַפט און האָט בערופען אַ נייע פערזאַמלונג אין פאַריז דעם 17טען אָקטאָבער 1356. די פערזאַמלונג איז בעשטאַנען פון 800 פערזאָן, צווישען וועלכע דער טעטיגסטער און געשיקטעסטער איז געווען סטעפאַן מאַרסעל, אַ סוחר פון פאַריז. די בירגער האָבען דאַן איבערגענומען די רעגירונג. די פערזאַמלונג האָט פערלאַנגט, דאָס מען זאָל צוזאַמענשטעלען אַ ראַט פון 4 פרעלאַטען (הויכע גייסטליכע), 12 ריטער און 12 בירגער, און דיזער ראַט זאָל מיט׳ן פרינץ איבערנעהמען די פערוואַלטונג פון דעם רייך. דיזע פאָדערונג איז דעם פרינץ ניט געווען געפעלען און ער האָט די פערזאַמלונג אויפגעלעזט. אָבער די קאַסע איז געווען לעער און ער איז געווען געצוואונגען צוזאַמענצורופען אַ נייע פערזאַמלונג אויף דעם 5טען פעברואַר 1357. אויף דיזער פערזאַמלונג האָט סטעפאַן מאַרסעל צוזאַמען מיט דעם בישאָף ראָבערט לע קאָק פון לאַאָן די זעלבע פאָדערונגען איבער־אַ־נייס אויפגעשטעלט.

דעם 3טען מערץ האָט דער קעניג בערופען אַ נייע זיצונג אין זיין פאַלאַץ. דער בישאָף פון לאָן האָט געפאָדערט פון דעם פרינץ, ער זאָל אָפּזאָגען 22 פון זיינע ראַטסלייט, ווייל זיי האָבען בעגאַנגען פאַלשען. אויסער דעם האָט ער פון איהם געפאָדערט, אז ער זאָל געבען צו דער גענעראַל־פערזאַמלונג דאָס רעכט צוזאַמענצוקומען 2 מאָל אַ יאָהר זעלבשטענדיג, ניט וואַרטענדיג ביז דער קעניג אָדער דער פרינץ זאָל זיי צוזאַמענרופען. ער האָט

די פעלשונגען פון די מינצען. אויסער דעם אַלעם האָבען זיי נאָך געמוזט צאָהלען קאָנטריבוציע צו די ענגלענדער, וועלכע האָבען בעזיגט זייערע פּריצים. די פּריצים האָבען פון זיי דעם לעצטען סו (אַ פראַנצויזישע מטבע) צוגענומען מיט שמיץ, מיט געפענגנים. אָבער ערגער פון די פּריצים זיינען געוועזן די רויבער. דיזע פלעגען קומען אָפּנעהמען פון די בויערן אַלץ, וואָס



די תליה־געביידע פון מאָנטפאָקאָן.

זיי האָבען געהאַט אין זייערע שפּייכלער, פלעגען צונעהמען זייער פיה, זייערע פערד, פלעגען שענדען זייערע פרויען און טויטען זייערע קינדער. ניט אומזיסט האָט מען אויסגעבויט גאַנצע הענג־געביידעס, וואו מען פלעגט הענגען די רויבער אין מאַסען. מיר גיבען דאָ אַ בילד פון אַזאַ מין גאַלגען־געביידע, וואָס מען האָט דאַמאָלס אויפגעבויט אין מאָנטפאָקאָן. די רויבער

אָבער דאָס קעניגטום, וואָס איז זייט אַ האַלבען יאָהרהונדערט געוועהנט געווען צו אונבעשרענקטער מאַכט, האָט ניט געוואָלט צולאָזען דיזע נייע אָרדנונג. דער קרוינפּרינץ האָט ערקלערט, דאָס ער וועט די מלוכה אַליין פיהרען, ווי פריהער, און וועט ניט צולאָזען וועמען עס איז פון פאָלק אָנטייל צו נעהמען אין רעגירונגס־אַנגעלעגענהייטען. ער האָט אויך געענדערט דעם ווערט פון מינצען, הגם ער האָט דער פערזאַמלונג צוגעזאָגט, דאָס ער וועט עס מעהר ניט טאָן. דיזער געגענשטאַנד איז אָבער געווען זעהר וויכטיג פיר דאָס פאָלק. די בעפעלקערונג פון פּאַריז איז געוואָרען שטאַרק אויפגערעגט איבער דיזען דעספּאָטיזם. דער פאָרשטעהער פון די קויפלייט האָט פערזאַמעלט אַלע האַנטווערקער, איז געגאַנגען מיט זיי צום קעניגליכען פּאַלאַסט און האָט אויסגעשריען צום קעניג: „איהר זאָלט אונז ניט שטערען אין אונזער אַרבייט, עס מוז געשעהען!״ דאַן האָט ער זיך געווענדט צו זיינע לייט און האָט געזאָגט צו זיי: „טוט געשווינד דאָס, צוליב וואָס מיר זיינען אהער געקומען״. די האַנטווערקער זיינען באַלד בעפאַלען די קעניגליכע ראַט־געבער און האָבען זיי ערמאָרדעט אַזוי נאָהענט פון קעניג, דאָס זיינע קליידער זיינען פערשפּריצט געוואָרען פון זייער בלוט. באַלד נאָך דעם האָט ער פערזאַמעלט דאָס פאָלק און האָט זיי אָפּגעגעבען רעכענשאַפט פון דעם, וואָס ער האָט געטאָן. דאָס פאָלק האָט אָנערקענט זיין אַרבייט פיר גערעכט און האָט איהם פערשפּראָכען צו שטיצען געגען דעם פּרינץ אין פאַל, ווען דיזער וועט איהם פערפאָלגען.

די אַדעליגע און די גייסטליכע האָבען די פערזאַמלונג באַלד פערלאָזען, וויל זיי האָבען געזעהען, דאָס די בירגער פון די שטעדט זיינען דאָרט די מעהרצאָהל. ווען דער קרוינפּרינץ האָט דערזעהען, דאָס די אַדעליגע און די גייסטליכע זיינען געגען די בירגער, האָט ער געמאַכט אויסער פּאַריז אייניגע פערזאַמלונגען פון דיזע אונצופרידענע און אַלע האָבען איהם צוגעזאָגט הילף געגען די בירגער. דאָס האָט אייגענטליך געהייסען אַ קריגס־ערקלערונג און עס האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ בירגער־קריג.

אין דער זעלבער צייט האָבען זיך אויך די בויערן ערהויבען. זינט דער בעוועגונג פון די פּאַסטוכער אין פאָריגען יאָהרהונדערט האָבען די בויערן אין קיין בעוועגונג ניט גענומען קיין אָנטייל און האָבען אַלעס געדולדיג איבערגעטראָגען, וואָס עס האָט זיך מיט זיי געטראָפען. אָבער אין די לעצטע צייטען זיינען זייערע ליידען און ערנידערונגען געוואָרען אונערטרעגליך. זיי זיינען אין גאַנצען רואינירט געוואָרען פון די קעניגליכע שטייערן, פון די שווערע אָפּגאַבען, וועלכע זיי האָבען געמוזט צאָהלען צו די גוטס־בעזיצער, אויך פון

געגאַנגען העלפען דעם קרוינפּרינץ. זיי האָבען נאָך געהאַט געגוג שטאַרקע שלעסער, וועלכע די בויערן האָבען ניט געקענט איינגעהמען, און האָבען גע־בעטען זייערע פריינד אין דעם נאָרדליכען טייל פון לאַנד, דאָס זיי זאָלען זיי קומען צו הילף, ווייל דאָרט איז קיין אויפשטאַנד ניט געוועזן. אויך דער קעניג פון נאַוואַרראַ האָט פערניכטעט אַ מחנה בויערן און האָט הינגעריכטעט די אָנפיהרער.

דאָס מיליטער פון קרוינפּרינץ האָט באַלד געמאַכט צווישען די בויערן אַ שרעקליכע בלוט־באָד. זייער מאַכט איז געבראָכען געוואָרען, און דער צאָרן איז געוואָרען אָפּגעשוואַכט. זיי זיינען ניט געוועזן אין שטאַנד צו שטרייטען מיט די געפּאַנצערטע ריטער און האָבען זיך אומגעקעהרט צו זייערע בויערשע הייזלאַך מיט די שטרויענע דעכער. אָבער דער אַדעל האָט בעשלאָסען זיך נוקם צו זיין אָן זיי. יעצט האָבען זיך די פּריצים גענו־מען מערדערן די בויערן, ניט פרעגענדיג אויב זיי האָבען אָנטייל גענומען אין דעם אויפשטאַנד אָדער ניט. זיי האָבען אָנגעפאַנגען צו ברענען, רויבען און מאָרדען, און זיי האָבען נאָך פיעל איבערטראָפען די בויערן אין דער אַרבייט פון פערוויסטען און צושטערען.

דאָס איז די געשיכטע פון דעם קורצען קריג פון די בויערן, וועלכער האָט ניט געדויערט קיין דריי וואָכען און וועלכער איז בעוואוסט אין דער געשיכטע אונטער דעם נאָמען „זשאַקערי", פון דעם וואָרט „זשאַק" (יאַקאָב), וועל־כער האָט דאַמאָלס בעצייכענט די לייבאייגענע. פון דאן אָן האָט מען יעדען בויערן־אויפשטאַנד גערופען „זשאַקערי".

מאַרסעל האָט דערווייל געפונען אַן אַנדער בונד־חבר אין דעם קעניג פון נאַוואַרראַ. פון איהם האָט ער געהאָפט צו בעקומען מיליטער געגען דעם רעגענט, דעם קרוינפּרינץ. אָבער דיזער בונד־חבר איז געוואָרען זעהר גע־פעהרליך פיר איהם. דעם 8טען אַפּריל 1358 איז דער קרוינפּרינץ צוגע־טרעטען צום טויער סט. אַנטאַן. מאַרסעל האָט געבעטען דעם קעניג פון נאַ־וואַרראַ, ער זאָל איהם שיקען הילף, דעם פיינד צוריק צו טרייבען. אָבער דיזער, אָנשטאָט דעם פיינד אָנצוגרייפען, האָט מיט איהם אָנגעפאַנגען צו אונטערהאַנדלען. דער קרוינפּרינץ האָט איהם פערשפּראָכען נאָכצוגעבען אַלע זיינע פאָדערונגען, און אויסער דעם צו געבען 400,000 פלאָרין, ווען ער וועט איהם איבערגעבען די שטאָדט און מאַרסעל'ן. מען האָט זיך וועגען דעם באַלד דערוואוסט אין פּאַריז און דאָס האָט די איינוואוינער שרעקליך אויפגערעגט. מען איז שרעקליך בייז געוואָרען אויף דעם קעניג פון נאַוואַרראַ

זיינען צום מעהרסטען געווען פון פעראָרימטען אדעל: ריטער, באַראָנען, גראַפען.

אָבער „יאַקאָב דער גוטמוטיגער״, ווי די אדעליגע האָבען דאַמאָלס מיט איראָניע גערופען דעם בויער, איז אַרויס פון געדולד. זיינע ליידען זיינען געוואָרען אונטערטרעגליך, דער הונגער האָט איהם ווילד געמאַכט, און דאָס רוהיגע שאָף איז געוואָרען פערוואַנדעלט אין אַ רייסענדען וואָלף. די בויערן האָבען אָנגעהויבען צו פערשטעהן, דאָס אויך די בירגער זיינען געגען דעם אדעל. דעם 21טען מאַי 1356 זיינען אייניגע גרופּעס בויערן אַרויס פון פערשיידענע דערפער אין דער געגענד פון באָוועזיס, זיינען בעפאַלען דעם נעכסטען שלאָס, האָבען געטויט דעם גרונד-הערר מיט זיין פרוי און קינדער. דיזע ידיעה האָט צוגעגעבען מוט צו פיעלע אַנדערע בויערן אין פערשיידענע דערפער אין יענער געגענד, זיי האָבען מיטגענומען זייערע העק און אַקער-אייזענס, האָבען געמאַכט דערפון שפּיזען, האָבען זיך געלאָזען אין מאַסען אָנגרייפען די פּריצים, האָבען בעשטורמט די שלעסער און זיי פערוויסטעט. אין וועניגע טעג האָט דיזע רעוואָלוציאָן, וועלכע איז אויסגעבראָכען אויף דער אוֹאַז, פערוויסטעט דאָס גאַנצע לאַנד צווישען דער סאָממע און דער יאָננע. מעהר פון 60 שלעסער האָבען זיי פערוויסטעט אין יענער געגענד, דאָס זעלבע האָבען זיי געטאָן מיט זעהר פיעלע שלעסער אַרום פּאַריז און אין שאַמפּאַני׳. דער צאָרן, וואָס האָט אין די הערצער פון די בויערן געברענט הונדערטער יאָה-רען, האָט פּלוצלינג יעצט מיט גרויס שטורם אויסגעבראָכען. דיזע אונגליק-ליכע, פיר וועלכע קיינער האָט ניט געהאַט אין זיין האַרצען אַ פונק מיטלייד, האָבען אויך יעצט קיין מיטלייד ניט געוואָלט וויסען און האָבען נאָר געטראַכט, ווי צו בעצאָהלען זייערע העררען מדה כנגד מדה. זיי האָבען ניט געשאַנעוועט אַלטע, פרויען און קינדער, זיי האָבען געפּייניגט זייערע געפאַנגענע, זיי האָ-בען פערברענט קליינע קינדער, זיי האָבען איבעראַל איבערגעלאָזען נאָר אַש און בלוט.

מאַרסעל, דער קויפמאַן, איז געווען אין דער פּאַרטיי מיט די בויערן. ער האָט געשיקט זיי צו הילף צוויי אָפּטיילונגען פון די פרישע בעוואַפּענטע בירגער, ער האָט אָבער געגעבען צו זיינע לייט אַ בעפעהל ניט צו דערלאָזען די בויערן צו רויבערייען און מאָרדטאַטען. און באמת האָט עס געווירקט אויף די בויערן ניט מעהר אַזוי צו בעהאַנדלען די פּריצים, ווי זיי האָבען עס פריהער געטאָן, זיי האָבען נאָר געצוואונגען די לאַנד-הערען צו געהן מיט זיי צוזאַמען געגען דעם קרוינפּרינץ. אָבער מאַרסעל׳ס האָפנונג איז ניט ער-פילט געוואָרען. די פעאָדאַל-הערען האָבען זיך צוזאַמענגענומען און זיינען

אונטער קארל דעם 6טען (1380—1422) זיינען אין פראנקרייך ווידער פארגעקומען אונרוהען. אלע אונטערדריקטע און געקנעכטעטע זיינען געווען דורכגעדרונגען מיט'ן גייסט פון אויפשטאנד. ווען מען האט אין איין ארט דערשטיקט דעם אויפשטאנד האט זיך דאס פאלק אויפגעהויבען אין אן אנדער ארט. דער אדעל האט אנגעהויבען ערנסט מורא האבען פיר אן אלגעמיינעם אויפשטאנד, וועלכער וועט מאכען אן ענד פון זייער גאנצען שטאנד, און דאס פאלק וועט זיך מיט זיי אפרעכענען פיר זייערע זינד און פיר די זינד פון זייערע עלטערן און וועט זיי אין גאנצען פערניכטען.

אין לאנגעדאק האבען די בויערן געמאכט אן אויפשטאנד, ווייל זיי האבען ניט געקענט דולדען די אונטערדריקונגען, וועלכע זיי האבען געהאט אויסצושטעהן פון דעם הערצאג פון בעררי. זיי זיינען ארום אין גרויסע מאסען געגען די פריצים און געגען די רייכע, זיי האבען קיין איינעם ניט געלאזען א לעבעדיגען פון די פריצים, וואס האבען געהאט פעטע ווייסע הענטעלאך. אין פלאנדערן איז די לאגע פון די פריצים געווען נאך פיעל ערגער. דא האבען זיך די שטעדט אויפגעהויבען געגען דעם גראף פון פלאנדערן, ווייל ער האט פון די בירגער אנגעהויבען אוועקרויבען זייערע פרייהייטען. אן דער שפיץ פון די אונצופרידענע זיינען געשטאנען פעטער דיובוא און פיליפ ארטעוועלדע.

דאמאלס האבען זיך די פראנצויזישע ריטער פערבונדען מיט דעם פלאנדערישען אדעל. זיי האבען צוזאמענגעשטעלט א גרויסע ארמעע און זיינען ארויס געגען די בויערן, וואס זיינען אויפגעשטאנען געגען די אדעליגע. אלע שטעדט פון פלאנדערן האבען זיך באלד אונטערווארפען, נאר די איינוואוינער פון גענט האבען זיך ניט געוואלט אונטערווארפען און האבען געהאפט דורך איין גליקליכע שלאכט אלעס צו געווינען. אבער דעם 27טען נאוועמבער 1282 האבען די גענטער געכאפט א שרעקליכע מפלה. דאך איז פלאנדערן ניט געווען אין גאנצען אונטערווארפען, ווייל די גענטער האבען נאך אויסגעהאלטען צוויי יאהר. פאריז און אנדערע שטעדט האבען זיך ווידער אויפגעהויבען צוליב די שווערע שטייערן, מיט וועלכע מען האט זיי בעלעסטיגט. זיי האבען זיך אבער געמוזט אונטערגעבען און נאך ליידען א שווערע שטראף פיר זייער עמפערונג. דער קעניג האט פון זיי אפגענומען אלע פרייהייטען און אלע רעכטען. זיי האבען מעהר ניט געקענט האבען זייערע אייגענע בעאמטע און זייערע אייגענע ריכטער. ער האט אויך אפגעשאפט זייערע פעראיינען און זייערע מייסטער־קערפערשאפטען (צעכען). אויסער דעם האט ער 300 פון די רייכסטע בירגער געלאזט דערטרינקען, הענגען און

פיר זיין פאַלשקייט. דער קעניג האָט באַלד פערלאָזען די שטאָדט פאַריז און האָט זיך גענומען צו פערוויסטען די פּראָווינץ.

מאַרסעל'ס לאַגע איז געוואָרען זעהר קריטיש. די לעבענסמיטלען האָבען אָנגעהויבען אויסגעהן. אָבער די בירגער האָבען זיך נאָך ניט ענטמוטיגט. איין מאָל האָבען די בירגער געהאַט אין אַ שטרייט מיט'ן קרוינפּרינץ אַ נידערלאַגע: 700 בירגער זיינען געפאַלען דורך דעם קרוינפּרינץ'ס מיליטער. מען האָט אָנגעפאַנגען בעשולדיגען מאַרסעל'ן, דאָס ער איז איבערגעגאַנגען אויף די זייט פון קרוינפּרינץ. אין זיין פערצווייפעלטער לאַגע האָט ער בעשלאָסען צו פּרובירען אַ פערצווייפעלטעס מיטעל. אום צו רעטען די רעוואָלוציאָן האָט ער געוואָלט דעם קעניג פון נאַוואַררא מאַכען צום קעניג פון פראַנקרייך. מאַרסעל האָט פערשפּראָכען קאַרל'ען, דעם קעניג פון נאַוואַררא, איבערגעבען איהם די בורג סט. דעניס, אום ער זאָל קענען ווערען דער העררר פון פאַריז, און ער וועט אויך זיינע געגנער פערניכטען און זייערע הייזער צושטערען. צו דורכפיהרען דיזען פּלאַן איז בעשטימט געוואָרען די נאַכט פון 31טען יולי. אָבער איינער פון די בירגער זשאַן מאַיללאַרד, אויף וועלכען מאַרסעל האָט אַזוי פיעל גערעכענט, האָט זיין גאַנצען פּלאַן צושטערט. ער האָט זיך פערבונדען מיט 3 פיהרער פון דער פּאַרטיי פון קרוינפּרינץ און איז מיט אַ בעוואַפענטער מאַכט אַריבער צו דער בורג סט. דעניס, וואו עס האָט בעדאַרפט פאָרקומען די איבערליפערונג פון דער שטאָדט פאַריז צום קעניג פון נאַוואַררא. די טויער-היטער האָבען ניט געוואָלט איבערגעבען צו מאַרסעל'ן די שליסלען. דערווייל איז אָנגעקומען אַ היבש ביסעל סאָלדאַטען פון רעגענט (דעם קרוינפּרינץ) און זיי האָבען נידערגעשלאָגען מאַרסעל'ן מיט די 50 מענשען, וואָס האָבען זיך דאַמאָלס געפונען מיט איהם.

באַלד נאָך דעם איז דער קרוינפּרינץ אריין אין פאַריז, זשאַן מאַיללאַרד האָט איהם געשטיצט. דער זיג פון דער קעניגליכער פּאַרטיי איז געווען אַ גאַנצער. דער קעניג פון נאַוואַררא זעלבסט האָט געשלאָסען פרידען, און האָט דערביי קיין פערזענליכען פּאָרטייל ניט פערלאַנגט. ער האָט ערקלערט, דאָס ער האָט געטאָן דאָס, וואָס אַן עכטער עהרליכער פראַנצויז דאַרף טאָן. נאָך דעם, ווי דער קרוינפּרינץ האָט הינגעריכטעט אַ גרויסע צאָהל פון זיינע געגנער, איז פאַריז געוואָרען רוהיג. אָבער די בירגער האָבען לאַנג ניט פערגעסען די גליקליכע צייט, ווען זיי האָבען געהאַט דאָס רעכט און די מעגליכקייט אָפען צו פאָדערן וואָס זיי קומט און וואָס איז רעכט.

מיט גרויס מוט און מיט פייער צו נעהמען זיך צו דעם קאמף מיט די ענג-
לענדער. זי איז פון דער אַרמעע ערוועהלט געוואָרען אַלס הויפּט-קאָמאַנדיר.
זי האָט אין אַ קורצער צייט איינגעפיהרט דיסציפּלין, אַ זאַך, וואָס פריהער
האָט אין דער פראַנצויזישער אַרמעע געפעהלט. פון קעניג האָט זי געפאָ-



די פערוואונדונג פון דער יונגפרוי פון אָרלעאַנס.

דערט, ער זאָל רעגירען דאָס פאָלק מיט יושר, נאָך די פּרינציפּען פון לודוויג
דעם הייליגען, ער זאָל צו די שטעדט אָפּגעבען צוריק זייערע רעכטען און
זייערע פּריוויליגיען, און ער זאָל שיצען די בויערן געגען דעם דרוק פון זייערע
הערען. די וואונדערבאַרע ערשיינונג פון דער יונגפרוי האָט פערבריטעט

קעפּען אָהן אַ שום פּראָצעס. פּאַריז האָט געמוזט בעצאָהלען אַ גרויסע געלט־שטראָף. דאָס זעלבע איז אויך געווען אין פיעלע אַנדערע שטערט.

דאָס בירגערטום איז דורך דיזע פערפאָלגונגען כמעט פערניכטעט געוואָרען. אין יאָהר 1413 איז געווען אַ נייער אויפשטאַנד. דאָס אָרימע פאָלק האָט געפאָדערט, מען זאָל איהם צוריקגעבען די שטעדטישע פרייהייט, מען זאָל אָפשאַפען דעם אונטערשייד צווישען רייך און אָרים און מען זאָל די גי־טער פערטיילען צווישען אַלעמען גלייך. דיזע פאָדערונג האָט געפיהרט דער־צו, דאָס די רייכע האָבען זיך פעראייניגט מיט דער רעגירונג און האָבען צו־זאַמען געאַרבייט געגען דער אָרימער קלאַס. דער אָנפיהרער פון דער אָרימער קלאַס איז געווען יאָהאַן אָהן פורכט. ער האָט אָבער געמוזט ענט־לויפען, און איז אין פּאַריז מעהר ניט צוריקגעקומען.

קאַרל דער 6טער איז געווען גייסטיג שוואַך (ד. ה. האַלב משוגע). דאָס לאַנד האָט געפאָדערט אַ רעגענט. דיזע שטעלע האָט געוואָלט פערנעהמען דער הערצאָג יאָהאַן פון בורגונד. אָבער אויך דער הערצאָג פון אָרלעאַנס האָט געוואָלט זיין רעגענט. עס איז געקומען צו אַ שטרייט צווי־שען זיי. די ריטער פון פראַנקרייך זיינען צוטיילט געוואָרען אויף צוויי טיילען — איין טייל איז געווען פיר דעם הערצאָג פון בורגונד און דער אַנ־דערער טייל איז געווען פיר זיין געגנער, דעם הערצאָג פון אָרלעאַנס. מיט דיזער שפּאַלטונג האָט זיך בענוצט דער ענגלישער קעניג היינריך דער 5טער און האָט געשלאָגען די פראַנצויזען אין יאָהר 1415 ביים שלאָס אַזינקור אין פּיקאַרדיע. דער קאַמף וועגען דער רעגענטשאַפט האָט פון דעסט־וועגען ניט אויפגעהערט. ענגלאַנד האָט דאַן אָפּגענומען אַ גרויסען טייל פון פראַנקרייך, דעם גאַנצען צפון ביז צו דער לואַר, אַזוי דאָס דער קרוינפּרינץ קאַרל דער 7טער (1422—1461) האָט געדענקט צו ענטלויפען נאָך שאָטלאַנד אָדער קאַסטיליען.

דאַמאָלס איז אויפגעשטאַנען אַ דאָרף־מיידעל יאָהאַננאַ פון אָר־לעאַנס *), אַ געבוירענע פון דאָם־רעמי, וועלכע האָט געגלויבט, דאָס זי האָט פון הימעל געהערט שטימען, אַז זי איז בעשטימט צו זיין די רעטערין פון פראַנקרייך. זי האָט זיך אָנגעטאָן אין סאָלדאַטסקע קליידער, האָט זיך גוט בעוואָפענט, האָט גענומען דאָס בילד פון דער הייליגער מאַריאַ בעפּוצט מיט ליליען־בלומען אַלס איהר פאָהן, איז געקומען צו דער פראַנצויזישער אַרמעע און האָט מיט איהר זעלטענער רעדע־קראַפט ערמונטערט די פראַנצויזען

---

*) אין פראַנצויזיש: זשאַן ד׳אַרק.

דעם גלויבען אין איהר איבערנאַטירליכער קראַפט, און דאָס האָט געגעבען דער פראַנצויזישער אַרמעע זעהר פיעל מוט, אַזוי דאָס אונטער איהר פיה־רערשאַפט איז אָרלעאַנס בעפרייט געוואָרען פון די ענגלענדער. דורך דעם איינפלוס פון דער יונגפרוי פון אָרלעאַנס האָבען די פּאַרטייען אין קעניגלי־כען הויף געשלאָסען פרידען, און דער קעניג זעלבסט האָט זיך ערנסט גענו־מען צו אַרבייטען פאַר דאָס לאַנד, אַנשטאָט וואָס פריהער איז ער געוועזען פויל און איבערגעגעבען נאָר צו פערגניגען. דער קעניג קאַרל איז געפיהרט גע־וואָרען דורך פיינדליכע שטעדט נאָך רענס (רהעימס), וואו ער איז געקרוינט געוואָרען, און האָט פון די ענגלענדער אָפּגענומען צוריק כמעט אַלע לענדער, וואָס זיי האָבען צוגענומען פון די פראַנצויזען (1429).

אָבער אין פאָלגענדען יאָהר איז די יונגפרוי יאָהאַננאַ געפאַנגען געוואָרען פון די ענגלענדער. די פראַנצויזישע אינקוויזיציאָן האָט זי פערורטיילט צום פערברענען אַלס אַ מכשפה און אַ גאָט־לעסטערין. זי איז געצוואונגען געוועזען זיך מודה זיין, דאָס זי האָט געזינדיגט געגען גאָט און געגען דער קירכע, און מען האָט זי דערפאַר פערברענט. דעם 30טען מאַי 1431 איז זי געשטאָרבען מיט דעם זעלבען העלדענמוט, מיט וועלכען זי האָט געקעמפּפט פיר איהר פאָ־טערלאַנד, פיר פראַנקרייך. שפּעטער האָט קאַרל דער 7טער געלאָזט רע־ווידירען די געשיכטע פון דער יונגפרוי פון אָרלעאַנס און די קירכע האָט איהר נשמה פרייגעשפּראָכען פון קעצעריי. איהר פאַמיליע איז ערהויבען געוואָרען צום אַדעלשטאַנד און מען האָט זי פיר אימער בעפרייט פון אַלע שטייערן, און אויף דעם אָרט, וואו זי איז פערברענט געוואָרען, האָט מען איהר גע־שטעלט אַ מאָנומענט.

אַזוי איז די געוועהנליכע געשיכטע פון דער יונגפרוי פון אָרלעאַנס. איינינע נייע פאָרשער האַלטען דיזע גאַנצע געשיכטע פיר אַ פאַנטאַזיע.

יאָהאַננאַ איז פערברענט געוואָרען, די פלאַמען זיינען פערלאָשען געוואָ־רען, אָבער דאָס פייער און די בעגייסטערונג, וואָס זי האָט אָנגעצונדען אין די הערצער פון די פראַנצויזישע סאָלדאַטען, איז ניט פערלאָשען געוואָרען. די פראַנצויזען האָבען געקעמפּפט ווי העלדען און האָבען געוואונען אַלע שטריי־טען מיט די ענגלענדער. די ענגלענדער האָבען פערלאָרען איין פּראָווינץ נאָך דער אַנדערער. אין יאָהר 1435 האָט דער הערצאָג פון בורגונד גע־שלאָסען פרידען מיט קאַרל דעם 7טען. פון אַלע פּראָווינצען, וואָס די ענג־לענדער האָבען געהאַט אָפּגענומען פון די פראַנצויזען, איז זיי נאָר געבליבען קאַלעי, און דערמיט האָט זיך געענדיגט די מלחמה, וואָס האָט געדויערט איבער 100 יאָהר און האָט פערוויסטעט גאַנצע לענדער און שטעדט און

די יונגפרוי פון אָרלעאַנס אויף דעם שייטערהויפען.

די געשיכטע פון ענגלאַנד.

ווען הײנריך דער 2טער, דער ערסטער קעניג פון דעם הויז פּלאַנטאַזשענעט, האָט בעשטיגען דעם ענגלישען טראָן, האָט ער אויך בעזעסען כמעט אַ דריטעל פון פראַנקרייך אַלס אייגענטום. וואָס אָנבעטרעפט די קירכע־פּאָליטיק, האָט ער צו דער קירכע געגעבען זעהר פּיעלע פרייהייטען און רעכטען. די העכערע קירכליכע בעאַמטע זיינען ניט געווען אונטערוואָרפען אונטער דער וועלטליכער מאַכט, און די קירכע־גיטער זיינען געווען דאָס ריכטיגע אייגענטום פון די גייסטליכע. דיזע לעצטע האָבען זיך אין די צייטען פון הײנריך דעם 2טען גערעכענט פיר דאָס אייגענטום פון דער קרוין. דיזעס האָט די קירכע געהאַט צו פערדאַנקען די בעמיהונגען און שטרעבונגען פון דעם ערץ־בישאָף פון קאַנטערבורי טהאָמאַס בעקקעט. הײנריך האָט אָבער ניט ארויסגעלאָזען די גאַנצע מאַכט פון זיינע הענט אין בעטרעף פון די גייסטליכע. ער האָט בעפוילען, דאָס אין פאַל, ווען די קירכע וויל אימיצען אויסשליסען (מחרים זיין), מוז זי האָבען דעם קעניג׳ס הסכמה. דיזער פערלאַנג האָט געפיהרט צו אַן אָפענעם קריג צווישען הײנריך׳ן און די גייסטליכע. צוליב דעם קריג צווישען קעניג און די גייסטליכע האָט דער ערץ־בישאָף פון קאַנטערבורי, טהאָמאַס בעקקעט, געמוזט אנטלויפען פון קאַנטערבורי, אָבער ער האָט זיך באַלד צוריקגעקעהרט צו זיין שטעלע, ווייל פּיעלע פון זיינע פריינד האָבען זיך אָנגענומען פיר איהם. אָבער ווי ער איז צוריקגעקומען אין קאַנטערבורי, האָט ער ווידער אָנגעהויבען זיך קריגען מיט׳ן קעניג און האָט געוואָלט בעשטרייטען די קעניגליכע מאַכט איבער דער קירכע. דאָס האָט דעם קעניג אַרויסגעבראַכט פון געדולד און ער איז אַזוי אויפגערייצט געוואָרען געגען דעם ערץ־בישאָף, דאָס ער האָט געשיקט פיער פון זיינע קאַמער־דינער צו ערמאָרדען איהם בשעת ער איז געשטאַנען אויף זיין אַלטאַר אין דער קאַטהעדראַלע. דיזע אונזיניגע טאַט האָט געפיהרט דערצו, דאָס די קירכע האָט געזיגט. די קירכע האָט ערקלערט טהאָמאַס בעקקעט אלס אַ הייליגען.

האָט די ביידע נאַציאָנען פון פראנקרייך און ענגלאַנד געמאַכט פיר בלוטיגע שונאים איינע דער אַנדערער. נאָר דער קעניג האָט פון דעם אונגליק פון לאַנד געוואוסט צו ציהען פיר זיך גרויסע נוצען. ער האָט דורכגעפיהרט אויף דער 5טער פערזאַמלונג פון די פערשיידענע שטאַנדען, דאָס מען זאָל איהם העלפען בילדען אַ שטענדיגע אַרמעע און מען זאָל איהם דערצו פערשאַפען די נויטיגע מיטלען. די שטענדיגע אַרמעע איז געווען נאָר אונטער דעם קעניג׳ס בעפעהל, קיינער אויסער איהם האָט גאָר ניט געהאַט צו זאָגען איבער דער אַרמעע, וועלכע איז געווען בעזאָרגט מיט די בעסטע שיס־געוועהר פון יענער צייט. עס פערשטעהט זיך, דאָס דיזע שטענדיגע טרופען האָבען שטאַרק פערגרעסערט די קעניגליכע מאַכט.

אונטער לודוויג דעם 11טען (1461—1483) זיינען אַלע גרויסע וואסאַל־גיטער איבערגעגאַנגען צו דער קרוין, אויסער נאַוואַררא און ברעטאַני׳. אַלע גרויסע גוטס־בעזיצער מיט דעם הערצאָג פון בורגונד אָן דער שפּיץ האָבען דעם קעניג ערקלערט קריג דערפאַר, וואָס ער האָט אַלע וואַסאַל־גיטער פעראייניגט מיט דער קרוין. 10 יאָהר האָבען זיי מיט׳ן קעניג געפיהרט דעם קריג. ענדליך איז עס דעם קעניג געלונגען דורך פערשיידענע מיטלען צו ברעכען די מאַכט פון די פריצים, הערצאָגען און פירסטען פון קעניגליכען בלוט. אָבער דער קעניג לודוויג דער 11טער איז געקומען אין אַ קריטישע לאַגע, ווען קאַרל דער מוטיגער איז אַריינגעטרעטען אין די ערבשאַפט פון בורגונד. לודוויג האָט אָנגערייצט די שטאָדט ליטטיך, אַז זי זאָל אָפּפאַלען פון קאַרל׳ען. די שטאָדט אָבער האָט איהר פערשפּרעכען צו לודוויג׳ן ניט געהאַלטען און האָט איהם גענומען געפאַנגען אויף אַ צוזאַמענקונפט אין פּעראָננע. לודוויג איז געווען געצוואונגען צו מאַכען מיט זיי אַ פערטראַג, וועלכער איז געווען זעהר ערנידריגענד פיר איהם. דערפאַר האָט לודוויג בעוואויגען די שטעדט אין פלאַנדערן אָפּצופאַלען פון בורגונד און האָט מיט די שווייצער געשלאָסען אַ בונד, לויט וועלכען זיי האָבען זיך פערפליכטעט צוצושטעלען צו דער פראַנצויזישער אַרמעע אַ געוויסע צאָהל סאָלדאַטען פיר אַ געוויסע סומע געלט. מיט דיזער הילף האָט ער פאָלשטענדיג בעזיגט קאַרל דעם מוטיגען און האָט פון איהם צוגענומען זיין לאַנד.

קאַרל דער 8טער האָט פאָרטגעזעצט די פּאָליטיק פון לודוויג דעם 11טען. ער האָט אונטערגענומען אַ פעלד־צוג געגען אויבער־ און אונטער־איטאַליען, אָבער דיזער פעלד־צוג האָט פראנקרייך קיין נוצען ניט געבראַכט. קאַרל דער 8טער האָט רעגירט פון 1483 ביז 1498.

דער שטרייט צווישען דעם אדעל און דעם קעניג האָט געפיהרט דערצו, דאָס דער קעניג האָט געמוזט פיעלעס נאָכגעבען צו די פעאָדאַל־הערען. הענריך דער 2טער האָט בעת ער האָט בעשטיגען דעם טראָן בעשטעטיגט אַלע פריוויהייטען און רעכטען, וואָס דער אַדעל, די גייסטליכע און די שטעדטישע בירגער האָבען ערהאַלטען אין די פריהערדיגע יאָהרען, האָט ער דאָך ניט אויפגעהערט צו פערשטאַרקען זיין מאכט דורך דעם, וואָס ער האָט די אַלע גיטער, וואָס האָבען פריהער געהערט צו דער קרוין, צוריק צו זיך געצויגען. צוויי יאָהר האָט דער קאַמף געדויערט, ענדליך איז עס איהם געלונגען זיין פּלאַן דורכצופיהרען. פיעל האָבען איהם געהאָלפען דורכצופיהרען זיין פּלאַן און צו דערגרייכען זיין וואונש די שטעדטישע בירגער, וועלכע האָבען גערעכענט זיין ממשלה פיר א גרויסעס גליק פיר זיי, נאָך דעם, ווי די פריהערדיגע רעגירער האָבען זיי געשטערט צו ענטוויקלען דעם האנדעל און האָבען מעהר געשטיצט די באַראָנען און גוטס־בעזיצער. דאָס צווייטע מיטעל צו שטאַרקען זיין מאכט איז געווען די נייע איינפיהרונג, דאָס די פעאָדאַל־הערען זאָלען אָנשטאָט זעלבסט צו געהן אין קריג זיך אויסקויפען מיט געלט. מיט דיזען אויסקויף־געלט האָט דער קעניג געהאַט די מעגליכקייט אויפצוהאַלטען אַ שטענדיגע אַרמעע פון געדונגענע סאָלדאַטען. די ענגלישע באַראָנען האָבען זיך באַלד אַרומגעזעהען, וואָס פיר אַ פעהלער זיי האָבען מיט דיזער נייער אָרדנונג יעמאַכט. שפּעטער האָט הענריך צוגענומען פון די לאַנד־הערען אויך די געריכטס־רעכטען און עס איבערגעגעבען צו די קעניגליכע בעאַמטע.

די סאָציאַלע פּאָליטיק פון הענריך דעם 2טען איז געווען אַזוי איינגעאָרדענט, דאָס די מאַסען, איבערהויפּט די שטעדטישע בירגער, זיינען מיט איהם געווען זעהר צופרידען. דורך דעם, וואָס ער האָט פון די באַראָנען און גוטס־בעזיצער אָפּגענומען דאָס רעכט צו ריכטען און האָט עס איבערגעגעבען צו קעניגליכע בעאַמטע, האָט ער ביי זיי צוגענומען די מעגליכקייט צו שרעקען די בויערן. צוזאַמען מיט דעם האָט זיך געשטאַרקט די זעלבסטפערוואַלטונג פון דעם ענגלישען פאָלק און די בויערן האָבען דאַמאָלס אויפגעהויבען אַ קאָפּ. די שטעדטישע בירגער האָבען גענאָסען וואַהרע בירגער־רעכטען, וועלכע דער קעניג האָט געשטיצט מיט'ן גאַנצען ווילען, און דאָס האָט געפיהרט דערצו, דאָס דער האַנדעל האָט אויפגעבליהט. מיט דער טרייער איבערגעבענהייט פון די אונטערע קלאַסען האָט דער קעניג געהאַלטען אין צוים די רעבעלישע באַראָנען. הענריך'ס זוהן ריטשאַרד ליבען־האַרץ איז געווען זעהר פריינדליך צו די אַדעלליית, און האָט געמאַכט אַן אויפשטאַנד געגען

די קאטהעדראלע אין יארק.

1) דער קעניג האָט ניט קיין רעכט ארויפצולעגען און פאָדערן פון א וואסאַל דינסטען, וואָס זיינען בעליידיגענד פיר זיין שטאַנד אלס אדעלמאַן.

2) ווען אַ לאַנד-הערר שטאַרבט, דארף זיין ערבלאַנד איבערגעהן צו זיין יורש. דיזער דארף נאָר צאָהלען צו דער קרוין פעסטגעזעצטע שטייער.

3) אויב דער יורש איז נאָך ניט פול-יעהריג, זאָל דער קעניג ווערען זיין אפּעקון (אפּיטרופּוס). ער קען אָבער ניט פאָדערן קיין בעזונדערע אָפּגאַבען אויסער די, וואָס זיינען בעשטימט אין אַלגעמיין פיר יעדע ירושה.

4) ווען דער קעניג בעשטימט פיר דעם יורש אַ פרוי אָדער פיר די יורש'טע אַ מאַן, מוז דיזע אָדער דיזער זיין פּאַסענד צום שטאַנד פון דעם יורש אָדער דער יורש'טע. אַן אלמנה קען דער קעניג ניט צווינגען צו הייראַטען געגען איהר ווילען.

5) בעזונדערע שטייערן קען דער קעניג ניט ארויסגעבען אויף קיין שטאַנד פון פאָלק אָהן דער צושטימונג פון דער אַלגעמיינער רייכספערזאַמלונג, אויסער אין די פאָלגענדע פעלען: ווען עס איז נעטיג צו שאַפען אַ סומע געלט אום אויסצולעזען דעם קעניג פון זיין געפאַנגענשאַפט, ווען ער איז צופעליגערוויז אריינגעפאַלען; צום צוועק צו פערהייראַטען זיין עלטערע טאָכטער און צו דעקען די קאָסטען פיר די פייערליכקייטען, וואָס עס פאָדערט די צערעמאָניע פון אריינברייננגען זיין עלטעסטען זוהן אין ריטער-שטאַנד.

6) ווען עס איז נעטיג די צושטימונג פון דער פערזאַמלונג צו מאַכען אַן אויסערגעוועהנליכע שטייער, האָט דער קעניג דאָס רעכט אַלע באַראָנען, ערץ-בישאָפען, גראַפען און אַנדערע גרויסע הערען איינצולאַדען דורך בריף, וועלכע זיינען געשריבען צו יעדען פון זיי בעזונדער, און די איבריגע הערען קענען איינגעלאַדען ווערען דורך אַן אלגעמיינעם מאַניפעסט. די איינלאַדונג מוז צוגעשיקט ווערען 40 טעג פאַר דעם בעשטימטען טאָג, און עס מוז אויך בעשטימט ווערען דער אָרט, וואו די איינגעלאַדענע זאָלען זיך פערזאַמלען.

III. די אַלע רעכטען, וועלכע די שטעדט האָבען ביז דער „מאַגנאַ כאַרטאַ" ערהאַלטען, ווערען יעצט בעשטעטיגט.

IV. דער קעניג פערשפּרעכט, דאָס די יוסטיץ זאָל מעהר ניט זיין אַ מיטעל פיר איינקונפטען פיר די קרוין. קיין פרייער מאַן זאָל ניט אַרעטירט ווערען, פּראָצעסירט אָדער ארויסגעשיקט ווערען פון לאַנד, סיידען דורך דאָס געזעץ.

V. די פעסטונגען, וואָס זיינען געגרינדעט געוואָרען נאָך דעם, ווי יאָהאַן איז ארויף אויף דעם טראָן, זאָלען ארונטערגעוואָרפען ווערען.

זיין פאָטער היינריך דעם 2טען. אָבער די איבערגעבענהייט צו איהם פון די בויערן און די שטאָדט־בירגער האָט איהם געהאָלפען דיזען אויפשטאַנד גיך צו דערשטיקען און די אַדעליגע האָבען זיך געמוזט בערוהיגען.

אלס ריטשארד איז אַרויף אויף דעם טראָן האָט ער געלאָזען די פּאָלי־טיק געהן דעם וועג, וואָס זיין פאָטער היינריך האָט דורכגעשלאָגען. ער אַליין האָט זיך מעהר בעשעפטיגט מיט קריגערישע פּלאַנען. בעזונדערס האָט איהם אָנגעצויגען דער קרייץ־צוג, אין וועלכען ער איז געווען דער הויפּט־אָנפיהרער און העלד. זיין ברודער י אָ ה א ן אָ ה ן ל א נ ד איז געווען אַן אונפעהיגער מענש, אָבער אימער גרייט צו טאָן גוואַלד־טאַטען. נאָך רי־טשארד'ס טויט איז יאָהאַן אַרויף אויף דעם ענגלישען טראָן. דער אַדעל און דאָס פאָלק האָבען זיך באַלד איבערצייגט, ווי געפעהרליך עס איז צו געבען אַזוי פיעל מאַכט, ווי היינריך דער 2טער האָט געהאַט אין זיינע הענט, צו אַזאַ מין בריאה ווי יאָהאַן אָהן לאַנד. די אַדעליגע, ווי דאָס פאָלק, האָבען ניט פּראָטעסטירט געגען היינריך'ס הערשאַפט, ווייל זיי האָבען געוואוסט, דאָס ער וועט זיי געברויכען נאָר פיר דאָס גליק פון פאָלק. צום גליק פון ענגלאַנד איז די מיליטערישע מאַכט, וואָס היינריך האָט איינגעפיהרט אין לאַנד, ד. ה. די שטענדיגע אַרמעע, נאָך ניט געווען שטאַרק איינגעוואָרצעלט. די באַראָנען צו זאַמען מיט'ן פאָלק זיינען אַרויס אין שלאַכט מיט דעם קעניג'ס סאָלדאַטען און האָבען איהם בעזיגט. דער קעניג איז געווען גע־צוואונגען צו בעטען שלום און האָט אָנגענומען די בעדינגונגען, וועלכע דאָס פאָלק האָט איהם דיקטירט. דאַן האָט דאָס פאָלק פערפאַסט אַ דאָקומענט אונטערגעשריבען פון קעניג, וועלכעס האָט אויף אימער געזיכערט די פריי־הייט פון פאָלק. דיזער דאָקומענט איז בעוואוסט אין דער געשיכטע אונטער דעם נאָמען „מאַגנאַ כאַרטאַ ליבערטאַטום", ד. ה. „דער גרויסער פרייהייטס־בריף".

דיזער דאָקומענט, וועלכעס איז אַרויסגעגעבען געוואָרען דעם 15טען יוני 1215, איז דאָס גרונד־געזעץ פון דער ענגלישער קאָנסטיטוציאָן. עס איז געבליבען ניט פערענדערט ביז דער ענגלישער רעוואָלוציאָן אין יאָהר 1640. עס ענטהאַלט 36 אַרטיקלען, פון וועלכע די וויכטיגסטע זיינען פאָל־גענדע:

I. די קירכע ערהאַלט דאָס רעכט פריי צו ערוועהלען איהרע בישאָפען און צו דעם נאָך אַנדערע פרייהייטען.

II. די לאַנד־פּריצים זאָלען בעשיצט ווערען געגען אָנגריפען פון קע־ניג דורך די פאָלגענדע רעגלען און בעשטימונגען:

זעצגעבונג אין דער וועלט־געשיכטע איינציג און אליין דורך די מאכט פון פאלק.

אין פערלויף פון די ערסטע הונדערט יאהר איז דיזע ענגלישע פערפאַסונג פיעלע מאל געוואָרען אָנגעגריפען פון די קעניגען און פון די אדעללייט, וועלכע האָבען געזוכט זי אין גאנצען צו פערניכטען, אָדער וועניגסטענס אָפּצושוואכען. דאָס פאָלק אָבער האָט ניט געוואָלט נאָכלאָזען פון זיינע רעכטען און האָט אימער געקעמפט צו פערברייטערן זיי אויף די אונטערע קלאַסען. דיזע שטרייטיגקייטען האָבע זיך געענדיגט אין יאהר 1297, אין וועלכען דער קעניג האָט געליטען אַ גענצליכע נידערלאַגע און די שטעדטישע בירגער און די פרייע בויערן האָבען אריינגעדרונגען אין פּאַרלאַמענט. שוין עדוארד דער 1טער (1272—1307) האָט פריייווילינ בערופען אין פּאַרלאַמענט 40 מיטגלידער פון בירגער און פרייע בויערן. אָבער דאָס פאָלק איז דערמיט ניט געווען צופרידען, ווייל דיזע צאָהל איז פיר זיי געווען צו וועניג, און אויסער דעם האָט עס אויסגעוויזען, דאָס דער קעניג טוט מיט זיי אַ חסד, וואָס ער לאָזט זיי צו צום פּאַרלאַמענט, און דאָס פאָלק האָט עס געפאָדערט אַלס אַ רעכט, וואָס איהם קומט. דעם 5טען נאָוועמבער האָט דאָס פאָלק דורכגעפיהרט זיין וואונש, און דאמאָלס זיינען אין פּאַרלאַמענט ערוועהלט געוואָרען 200 שטעדטישע בירגער און 74 פרייע בויערן, אזוי אַז דאָס פאָלק האָט דאמאָלס אין פּאַרלאַמענט פערנומען כמעט 300 זיצען.

די פּאָליטישע געשיכטע פון די קעניגען נאָך עדוארד דעם 1טען, נעמליך פון עדוארד דעם 2טען (1307—1327) און עדוארד דעם 3טען (1327—1377), איז זעהר וועניג אינטערעסאַנט, אויסער דעם פאַקט, דאָס אין דער צייט פון עדוארד דעם 3טען האָט זיך אָנגעפאנגען דער 100־יעהריגער קריג צווישען ענגלאַנד און פראַנקרייך. נאָך עדוארד דעם 3טען האָט פערנומען דעם טראָן ריטשארד דער 2טער (1377—1399). ריטשארד איז געווען דער זוהן פון דעם פרינץ פון וועילס, וועלכער האָט געהאַט דעם צונאָמען „דער שווארצער פרינץ“.

זיין רעגירונג איז געווען זעהר אַן אונרוהיגע. דער דרוק פון די שטייערן אויף דאָס פאָלק און די לאַסטען פון די פעאָדאַל־הערען איז געווען אזוי שרעקליך, דאָס אין פיעלע פּראָווינצען האָבען די בויערן געמאַכט אויפשטאַנדען און האָבען זיך גענומען טאָן געגען די הערען אָפענע גוואַלד־טאַטען. שוין די אָנהענגער פון וויקליף׳ן, וועלכע זיינען בעוואוסט אונטער דעם נאָמען „לאָללאַרדען“, האָבען געצייגט אַן אונרוהיגע בעוועגונג, ביז ענדליך

VI. פערשיידענע בעשטימונגען זיינען געמאכט געוואָרען **לטובת** מסחר, נעמליך: 1) אין פרידענס־צייטען זאָלען אַלע סוחרים קענען אריינ־קומען אין ענגלאַנד פריי אָהן א שום שטערונג. זיי קענען פערבלייבען אין ענגלאַנד אָדער פערלאָזען ענגלאַנד, ווי זיי ווילען, און קיינער זאָל זיי ניט שטערען.

2) קיין דינער פון קעניג האָט ניט דאָס רעכט צו נעהמען א פערד און וואָגען פון א פרייען מאַן פיר דעם קעניג'ס נוצען אָהן ערלויבנים פון די אייגענטימער, אָדער נעהמען פון אימיצען געטריידע אָדער אַנדערע גיטער אָהן געצאָהלט.

3) עס ווערט בעשטימט איין גלייכע מאָס און געוויכט־סיסטעם פיר די גאַנצע מדינה.

דיזע זיינען געוועזען די הויפט־בעשטימונגען פון דער ענגלישער פערפאַ־סונג אין די קומענדע יאָהרהונדערטער. איבערהויפט איז וויכטיג דער פונקט 5 פון פּאַראַגראַף II. דיזער איז געוועזען דער גרונדשטיין פיר דעם היינטיגען ענגלישען פּאַרלאַמענט, וואָס בעשטעהט פון צוויי אָפּטיילונגען: אַן אויבער־הויז אָדער „הויז פון לאָרדס" און אַן אונטער־הויז אָדער „הויז פון קאָממאָנס" (ד. ה. פון איינפאַכע לייט).

אין דעם אויבער־הויז זיינען געזעסען די אַלע גרויסע לייט, וועלכע זיי־נען געוועזען איינגעלאַדען צו דער פערזאַמלונג (וואָס האָט שפּעטער געקראָגען דעם נאָמען פּאַרלאַמענט) דורך בעזונדערע בריף. אין דעם הויז זיינען גע־זעסען די יעניגע, וועלכע זיינען גערופען געוואָרען צו דער פערזאַמלונג דורך אַן אַלגעמיינעם מאַניפעסט, אָבער דאַמאָלס זיינען געזעסען אין אונטער־הויז אויך נאָר באַראָנען, נאָר די קלענערע, ניט רייכע און ניט זעהר וויכטיגע. מיט דער צייט האָט זיך דאָס רעכט צו זיצען אין אונטער־הויז פערברייטערט אייך אויף אַנדערע קלאַסען פון פאָלק, אויסער באַראָנען, און שטעדטישע ביר־גער און אפילו פרייע בויערן האָבען געהאַט דעם צוטריט צו דעם הויז פון די קאָממאָנס. דיזעם הויז האָט אימער בעקומען מעהר און מעהר בעדייטונג, אַזוי דאָס ענדליך האָט עס געהאַט דעם פאָרצוג איבער דאָס הויז פון די לאָרדס. דער גרונד צו דער וויכטיגקייט פון דער מיטעלער קלאַס פון קויפ־לייט און שטעדטישע בירגער איז געגעבען געוואָרען אין פונקט **VI** פון דער „מאַגנאַ כאַרטאַ" (זעה אויבען).

אַזוי איז אונטער דער הערשאַפט פון דעם אונפעהיגסטען קעניג **פון** ענגלאַנד דורכגעפיהרט געוואָרען איינע פון די וויכטיגסטע טאַטען **פון גע־**

דאָך לאָמיר איהם צייגען אונזער פערקנעכטעטע לאַגע, לאָמיר איהם צייגען, דאָס מיר פערלאַנגען, אַז מען זאָל אונזער לאַגע ענדערן און פערבעסערן, ווען ניט, וועלען מיר זיך אליין מוזען העלפען. לאָמיר זיך אַלע ווענדען צו איהם מיט אונזער ביטע, מיט אונזערע קלאַגעס. עס וועלען צו אונז צושטעהן אַלע אונגליקליכע און אַלע פערקנעכטעטע. זאָל דער קעניג אונז אַלעמען זעהן און זאָל ער שאַפען הילף. וועט ער עס טאָן מיט'ן גוטען ווילען, איז גוט, ווען ניט — האָבען מיר אַן אַנדערען וועג!" אויף דיזע ווערטער האָבען די בויערן געענטפערט: „יע, יאָהאַן באָלל האָט רעכט!"

אַנזיכט פון לאָנדאָן אין מיטעלאַלטער.

ווען דער ערץ־בישאָף פון קאַנטערבורי האָט וועגען דעם דערהערט, האָט ער יאָהאַן באָלל'ן אַריינגעוואָרפען אין געפענגניס און האָט איהם דאָרט גע-האַלטען דריי מאָנאַטען מיט דער האָפנונג, דאָס ער וועט זיך ענדערן. אָבער ווי נאָר ער האָט איהם בעפרייט פון געפענגניס, האָט יאָהאַן באָלל ווידער אָנגעפאַנגען זיינע געוועהנליכע פּרעדיגטען. די אָרימע בעפעלקערונג פון לאָנ-דאָן האָט זיך דערוואוסט פון יאָהאַן באָלל'ס רעדעס און פון זיין לעבען.

אין יאָהר 1382 האָט זיך דער אויפשטאַנד צופלאַקערט מיט זיין גאַנצער מאַכט.

אין די גראַפשאַפטען קענט, עססעקס, סוססעקס און בערפאָרד האָט די אָרימע בעפעלקערונג אָנגעהויבען זיך צו ערהייבען. מען האָט זי געהאַלטען אין אַ דריקענדער קנעכטשאַפט. מען האָט די בויערן בעהאַנדעלט ערגער פון טיערען, און דאָס האָבען די בויערן ניט געוואָלט ליידען; זיי האָבען גע'-טענה'עט, דאָס זיי זיינען גלייכע מענשען מיט די הערען, און ווען זיי אַר-בייטען פיר זיי, ווילען זיי דערפאַר בעקומען געצאָהלט.

דיזע אויפקלערונג האָבען זיי געהאַט צו פערדאַנקען אַן ענגלישען פּריס-טער יאָהאַן באָלל. דיזער פּריסטער פלעגט אַלע זונטאָג נאָך דעם רע-ליגיאָנס־דינסט פּרעדיגען אויף דעם הויף פון דער קירכע פאַר אַ גרויסער מאַסע צוהערער. דער אינהאַלט פון זיינע פּרעדיגטען איז געווען אונגעפעהר ווי פאָלגט: „ליבע לייט! די פערהעלטניסען אין ענגלאַנד וועלען ניט ווערען בעסער כל זמן אַלע גיטער וועלען ניט צוטיילט ווערען צו אַלע מענשען גלייך, ביז עס וועט ווערען אויס אונטערשייד צווישען מענש און מענש, ביז עס וועט ווערען אויס הערר און קנעכט, ביז עס וועט ווערען אויס אדעלליט און לייבאייגענע. מיט וואָס זיינען אונזערע הערען בעסער פון אונז? מיט וועלכע מעשים טובים האָבען זיי עס פערדינט? מיט וואָס פיר אַ רעכט האָ-בען זיי אונז פערקנעכטעט? מיר שטאַמען אַלע פון איין פאָטער אדם און פון איין מוטער חוה. מיט וואָס קענען זיי בעווייזען, דאָס זיי זיינען גרעסערע לייט פון אונז, דאָס זיי זאָלען האָבען דאָס רעכט גאָר ניט צו טאָן און פון אונז די הויט שינדען? זיי טראָגען קליידער פון זייד און סאַמעט, אין ווינטער זיינען זיי וואַרם בעקליידט און ליידען ניט קיין קעלט, און מיר מוזען זיך בעגוגנען צו זיין בעקליידט אין שמאַטעס; זיי עסען די בעסטע שפּייזען, טרינ-קען וויין, און מיר מוזען זיין צופרידען מיט ברויט געמישט מיט מעקענע און טרינקען וואַסער. זיי זיצען אין שענע וואַרימע וואוינונגען און מיר מו-זען אַרבייטען פיר זיי אין פעלד, ווען די זון ברענט, ווען עס איז שטאַרק קאַלט, ווען דער ווינט שניידט דורך אַלע אונזערע גלידער. אונזער אַרבייט גיט זיי די מעגליכקייט צו פיהרען אַ פערשווענדערישעס לעבען אין דער צייט, וואָס מיר ליידען הונגער און קעלט. די הערען רופען אונז לייבאייגענע, מען שלאָגט אונז, ווען מיר טוען זייער אַרבייט ניט אַזוי געשווינד, ווי זיי פאָ-דערן עס פון אונז. מיר האָבען קיינעם ניט, צו וועמען מיר זאָלען קענען ברייננען אונזערע קלאַגעס, ווער עס זאָל אונז וועלען אויסהערען און טאָן פיר אונז גערעכטיגקייט. זאָלען מיר געהן צום קעניג — איז ער נאָך צו יונג.

דאָן האָבען געגומען די זייט פון די בויערן און האָבען זיך צוגעגרייט צו געבען זיי א פייערליכען קבלת־פנים. די בויערן האָבען געשיקט פון זיך פערטרעטער נאָך לאָנדאָן אום צו מאכען דאָרט א בעוועגונג, מען זאָל זיי העלפען אין דעם אויפשטאַנד. דערוויילל האָט מען אין קאַנטערבורי געפּלינ־דערט דעם פּאַלאַץ פון דעם ערץ־בישאָף. ווען זיי האָבען געענדיגט זייער אר־בייט אין קאַנטערבורי, זיינען זיי אוועק נאָך ראָטשעסטער. אויף'ן וועג זיי־נען צו זיי איבעראל צוגעקומען סימפּאַטיזירער און מען האָט געפּלינדערט און צושטערט רעכטס און לינקס, איבערהויפּט איז מען בעפאלען די הייזער פון די קעניגליכע בעאַמטע. דער צוג איז אויך אין ראָטשעסטער פריינדליך אויפגענומען געוואָרען. דאָרט האָבען די בונטאָווששיקעס געצוואונגען דעם שטאָדט־קאָמאַנדאַנט צו זיין ביי זיי אַן אָנפיהרער. זיי האָבען אויך פיעלע אַדעליגע געצוואונגען אָנצונעהמען געגען זייער ווילען די אָנפיה־רערשאַפט ביי די בויערן. די בונטאָווששיקעס האָבען געמארשירט נאָך לאָנדאָן און האָבען איבעראל געראויבט און געברענט. זיי זיינען אַריבער די טהעמזע און דריי מייל ווייט פון לאָנדאָן האָבען זיי אויף א בארג געמאַכט זייער לאַגער. ווען די ידיעה איז אָנגעקומען אין לאָנדאָן, דאָס דער שונא איז שוין ניט ווייט פון שטאָדט, האָט דער בירגערמייסטער געגעבען א בעפעהל מען זאָל צושליסען דעם טויער ביי דער טהעמזע־בריק און האָט געשטעלטביים טויער א שטארקע וואך. די בונטאָווששיקעס אין לאַגער האָבען בע־שלאָסען צו שיקען פון זיך א געזאַנדטען צום קעניג זאָגען, דאָס זיי ווי־לען איהם קיין בייזעס ניט טאָן, אין געגענטייל, זיי זיינען זיינע טרייע אונ־טערטאַנען, אָבער זיי פערלאַנגען רעפאָרמעס אין דער רעגירונג, וויל זיינע בעאַמטע, איבערהויפּט זיין קאַנצלער, דער ערץ־בישאָף פון קאַנטערבורי, זיינען אַלע זעהר שלעכט צום פאָלק; מיט דיזען ווילען זיי זיך איבערהויפּט אָפּ־רעכנען.

דער פריהערדיגער קאָמאַנדאַנט פון ראָטשעסטער, יאָהאַן מינ־טאָן, איז ערוועהלט געוואָרען אַלס געזאַנדטער צום קעניג, וועלכער האָט זעהר גערן געוואָלט האָבען ריכטיגע ידיעות פון דעם אויפשטאַנד. דער קעניג האָט דיזען געזאַנדטען זעהר פריינדליך אויפגענומען. מינטאָן, וועלכען דער קעניג האָט געקענט פערזענליך, האָט זיך פאַר איהם געבויגט אויף די קני און האָט געזאָגט: קעניגליכע מאַיעסטעט, איך בעט ביי אייך פערצייהונג. „איך בין געצוואונגען געוואָרען אָנצונעהמען די שליחות צו אייך”. „איך ענטשולדיג אייך”, האָט איהם דער קעניג געענטפערט. „זאָגט, וואָס פער־לאַנגען די בויערן?” „די געמיינדעס פון אייער רייך, מאַיעסטעט, האָבען מיך

„ענגלאַנד ווערט שלעכט רעגירט", האָבען זיי אָנגעהויבען צווישען זיך צו רעדען, „זי ווערט פעראָרימט דורך די, וואָס רופען זיך „דער אַדעל". דאָס פאָלק אין לאָנדאָן האָט אָנגעפאַנגען צו מאַכען אַן אויפשטאַנד און האָט די בויערן געגעבען צו וויסען, דאָס זיי זאָלען קומען נאָך לאָנדאָן, ווייל די שטאָדט איז פיר זיי אָפען און דאָס פאָלק סימפּאַטיזירט מיט זיי; מען וועט זעהן, דאָס דער קעניג זאָל אָפּשאַפען אַלע לייבאייגענע; מען וועט עס ביים קעניג געווים אויספיהרען.

עס האָבען זיך פעראייניגט די לייבאייגענע פון די גראַפשאַפטען קענט, עססעקס, סוססעקס און בעדפאָרד און זיינען אַוועק אין לאָנדאָן. עס זיינען געווען אונגעפעהר 60,000 מאַן. יאָהאַן באָלל איז געווען זייער אָנפיהרער. מיט איהם זיינען אויך געגאַנגען אַנדערע פיהרערס: יאַקאָב סטראָא, און אַ געוויסער וואַט טאַילער. דיזער איז געווען אַ דאַך־דעקער מייס־טער און איז געווען דער הויפּט־אָנפיהרער. די איינוואוינער אין לאָנדאָן האָ־בען זיך שטאַרק דערשראָקען, ווען זיי האָבען דערהערט וועגען דער גרויסער מאַסע בויערן, וואָס געהען אין שטאָדט. דער בירגערמייסטער און די רייכע בירגער האָבען זיך בעראַטען, אויב מען זאָל די טויערן פון לאָנדאָן גאָר צושלי־סען און די בעוואַפענטע מאַסע גאָר ניט אַריינלאָזען אין שטאָדט. מען האָט בע־שלאָסען בעסער ניט צו טרייבען צו ווייט און ניט אויפרייצען די מאַסע, ווייל דאַן וועט זי אויסלאָזען איהר צאָרן אויף די פאָר־שטעדט און אומגעגענד און וועט זיי פערוויסטען דורך פייער און שווערד. מען האָט פאַר זיי געעפענט די טויערן און עס זיינען אַריין גרופּעס פון 200, 100, 120 אָדער 30, נאָך די פערשיידענע דערפער און האָבען זיך צוזעצט אין פערשיידענע קוואַרטירען.

מעהר פון דריי פערטעל פון אַלע בויערן, וואָס זיינען געקומען איז לאָנ־דאָן, האָבען ניט געוואוסט, וואָס זיי ווילען און צו וואָס זיי זיינען געקומען. דאָך האָבען זיי זיך געהאַלטען צוזאַמען. זיי האָבען אַלע געוואָלט איין זאַך — געהן צום קעניג. די אַדעליגע אין די דערפער האָבען זיך שטאַרק דערשראָקען, ווען זיי האָבען דערזעהן די גרויסע מאַסע דורכגעהן נאָך לאָנ־דאָן. די אַדעליגע האָבען זיך פערבונדען צוזאַמען, צו שטיצען איינער דעם אַנדערען אין פאַל פון נויט. ווען דער קעניג האָט זיך דערוואוסט פון דער בעוועגונג, האָט ער זיך בעראַטען מיט זיינע מיניסטאָרען וואָס צו טאָן; אָבער זיי האָבען ניט געקענט צוטראַכטען קיין מיטעל.

די דריי אָנפיהרער מיט יאָהאַן באָלל אָן דער שפּיץ זיינען אַוועק צום ערץ־בישאָף אין קאַנטערבורי צו אונטערהאַנדלען מיט איהם. אָבער דער ערץ־בישאָף איז גראַדע דאַמאָלס געווען אין לאָנדאָן. די איינוואוינער פון לאָנ־

צו גייסטליכע, קעגינגליכע בעאַמטע און אַדעלליים, פערברענט און פערוויס-טעט. זיי זיינען אויך בעפאַלען די קעניגליכע געפענגניסען און האָבען בע-פרייט פון דאָרט אַלע פערברעכער. ניט אַכטענדיג דערויף האָט די לאָנ-דאָנער בעפעלקערונג אויפגענומען די בויערן פריינדליך. די בירגער האָ-בען געזאָגט: „די בויערן זיינען אונזערע לייט און אַלעס, וואָס זיי טוען, איז פון אונזער טובה וועגען". די איינוואוינער פון לאָנדאָן האָבען די הונגריגע מאַסע ניט אָפּגעזאָגט אין קיין זאַך. מען האָט זיך געגעבען די מיה צו שטילען זייער כעס דורך דעם, וואָס מען האָט זיי געגעבען גוטע שפּייז און גוטע בעהאַנדלונג. דאַן זיינען די פיהרער יאָהאַן באָלל, יאַ-קאָב סטראָאַ און וואַט טאַילער געגאַנגען מיט אַ מחנה פון 30,000 בויערן צום קעניגליכען שלאָס, האָבען געטויטעט די וועכטער און האָבען אונטער-געצונדען דעם פּאַלאַסט. אויך זעהר פיעלע אַנדערע געביידעס זיינען דורך זיי פערברענט געוואָרען. זיי זיינען געגאַנגען פון איין גאַס אין די אַנדערע און האָבען געצוואונגען די רייכע אַרויסגעבען זיי זייערע רייכטימער.

ווען עס איז געוואָרען נאַכט, האָבען זיי זיך צולעגט נעבען דעם שלאָס פון לאָנדאָן. זיי האָבען געלאָזט וויסען דעם קעניג, וועלכער האָט זיך דאַמאָלס געפונען אין שלאָס, דאָס זיי וועלען פון דאָרט ניט אַוועקגעהן ביז ער וועט בעוויליגען אַלע זייערע פאָדערונגען. זיי האָבען פון קאַנצלער געפאָדערט רעכנונג פון אַלע געלדער, וועלכע ער האָט אריינגענומען אין זיינע הענט אין דער צייט פון די לעצטע פינף יאָהר. דער קעניג איז געוועזן שטאַרק אומרוהיג און האָט בעשלאָסען זייער ווונש צו ערפילען. אויף'ן אַנדערען טאָג אין דער פריה האָט ער זיי געלאָזט וויסען, דאָס ער איז גרייט זייערע פאָדערונגען נאָכצוגעבען, זיי מוזען אָבער פריהער אַרויס פון לאָנדאָן און געהן נאָך מאַיל-ענד, ניט ווייט פון לאָנדאָן. אַהין האָט דער קעניג פערשפּראָ-כען צו קומען.

פיעלע זיינען אַוועק נאָך מאַיל-ענד. נאָר די פיהרער זיינען פערבליבען מיט איינינע פון זייערע טרייעסטע אָנהענגער אין שטאָדט, ווייל זייער פּלאַן איז געוועזן צו פערניכטען דעם גאַנצען אַדעל פון לאָנדאָן. זיי האָבען פריהער פון אַלעס אויפגעזוכט דעם ערץ-בישאָף פון קאַנטערבורי, דעם קאַנצלער פון ענגלאַנד, און האָבען איהם אויף'ן אָרט ערמאָרדעט. נאָך איהם האָבען זיי ערמאָרדעט נאָך איינינע גרויסע קעניגליכע בעאַמטע. זיי זיינען אויך אַריין אין צימער פון דער פּרינצעסין און האָבען זי געצוואונגען צו ענטלויפען.

דער קעניג האָט געהאַלטען וואָרט און איז געקומען צום בעשטימטען אָרט. ער האָט זיך געשטעלט אין מיטען פון די בויערן און האָט צו זיי גע-

געשיקט צו אייך, אום אייך צו פערזיכערן, דאָס זיי מיינען נאָר גוטעס צום טראָן, זיי פערלאַנגען, דאָס אייער מאַיעסטעט זאָל קומען צו זיי אין לאַגער, אום זיי זאָלען אייך פּערזענליך איבערגעבען זייער פערלאַנג. זייט אונבע-זאָרגט וועגען דער זיכערהייט פון אייער פּערזאָן, זיי וועלען אייך קיין שלעכטס חלילה ניט טאָן. זיי זיינען אויך יעצט טרייע אונטערטאַנען אייערע און ווי-לען עס אויך אויף ווייטער פערבלייבען, זיי ווילען אייך נאָר איינינע וויכ-טיגע זאַכען מיטטיילען, וועלכע איך בין ניט בעאויפטראַגט אייך צו זאָגען. אָבער איך בעט אייך, גנעדיגער קעניג, גיט מיר אייער בערוהיגענדען ענט-פער, און אויך אַ צייכען, דאָס איך בין ווירקליך געוועזען ביי אייך, ווייל זיי האָבען גענומען מיינע קינדער אַלס אַ משכון און זיי וועלען זיי געוויס טויטען, ווען איך וועל ניט צוריקקומען". „איהר וועט באַלד מיין ענטפער בעקומען", האָט דער קעניג געענטפערט. נאָך דעם, ווי דער קעניג האָט זיך מישב געווען מיט זיינע מיניסטאָרען, האָט ער געענטפערט, דאָס ער וועט קומען דאָנער-סטאָג אין לאַגער פון די בויערן. מינטאָן איז געקומען צוריק אין לאַגער און האָט זיי איבערגעגעבען דעם קעניג'ס ענטפער. מען האָט באַלד ערוועהלט געזאַנדטע, וועלכע זאָלען קומען אויף די טהעמזע, וואו דער קעניג וועט ערשיינען. זיי זיינען מיט דיזען ענטפער געוועזען צופרידען און האָבען די נאַכט פערבראַכט אַזוי גוט, ווי זיי האָבען געקענט. דריי פערטעל פון זיי האָבען שוין געליטען הונגער, און זיי האָבען ערוואַרטעט פון די פערהאַנדלונגען מיט'ן קעניג אַן ענדערונג אין זייער לאַגע.

פאָלגענדען טאָג איז דער קעניג מיט איינינע בעגלייטער צוגעקומען אין אַ שיף צום בעשטימטען אָרט. דערזעהענדיג איהם האָבען די בויערן אויפ-געהויבען אַ יובעל-געשריי. דער קעניג האָט זיך שטאַרק דערשראָקען, ווען ער האָט דערזעהען די אונגעהייערע מאַסע בויערן. ער האָט אָבער באַלד גע-פאַסט מוט און האָט געזאָגט צו די בויערן: „וואָס פערלאַנגט איהר פון מיר? זאָגט מיר! איך בין געקומען מיט אייך צו שפּרעכען". „מיר ווילען, דאָס דו זאָלסט קומען צו אונז אין לאַגער, וואו מיר וועלען דיר קענען בעסער ער-קלערען, וואָס אונז פעהלט", האָבען די בויערן געענטפערט. דערויף האָט געענטפערט אָנשטאָט דעם קעניג דער גראַף פון סאַליסבורי: „איהר געפינט זיך ניט אין אַזאַ לאַגע, דאָס דער קעניג זאָל מיט אייך קענען אונטערהאַנד-לען". און מיט דיזע ווערטער האָט זיך דאָס קעניגליכע שיף אומגעקעהרט און איז אוועק צוריק נאָך לאָנדאָן.

דיזער שריט פון קעניג האָט שרעקליך אויפגערייצט די בויערן, און זיי האָבען זיך געלאָזען נאָך לאָנדאָן. אויף'ן וועג האָבען זיי אַלעס, וואָס געהערט

אַנדערען פערפערטיגט און איבערגעגעבען אין אייערע הענט. געה צו דיינע לייט צוריק, פערלאָז לאָנדאָן און זייט פרידליך. איך בין ענטשלאָסען, דאָס יעדער דאָרף זאָל בעקומען זיין פרייהייטס־בריף". דערווייל האָט טאַילער דערזעהען אַ שטאַל־מייסטער פון קעניג, וועלכער האָט איהם אמאָל בעלייריגט. „דו ביסט עס", האָט זיך טאַילער צו איהם געווענדט, „דו ביסט עס, וואָס האָט מיך שטאַרק בעליידיגט, גיב מיר דיין שפיז". „איך וועל עס ניט טאָן, וואָרום זאָל איך דיר איהם איבערגעבען?", האָט דער שטאַל־מייסטער

דער טויט פון וואַט טאַילער.

געענטפערט. דער קעניג האָט בעפוילען זיין דינער נאָכגעבען דעם וואונש פון טאַילער'ן. דיזער איז זעהר צופרידען געוועזן, וואָס זיין וואונש איז ערפילט געוואָרען, און האָט געזאָגט צום שטאַל־מייסטער: „גיב מיר אויך דיין שווערד". „דאָס וועל איך ניט טאָן", האָט יענער געענטפערט, „ווייל דאָס שווערד געהערט צום קעניג". — „דו פערדינסט איהם אָבער ניט, ווייל דו ביסט אַ שלעכטער מענש. איך וועל קיין שפייז ניט נעהמען אין מיין מויל ביז איך וועל האָבען דיין קאָפּ אַרונטערגענומען".

רעדט זעהר וויך. „ליבע לייט! איך בין אייער קעניג און אייער הערר! וואָס פעהלט אייך? וואָס ווילט איהר זאָגען?" דערויף האָבען די בויערן, וואָס זיינען געשטאַנען נעבען איהם, געענטפערט: „דו זאָלסט אונז, אונזערע קינדער און די ערד, וואָס מיר בעאַרבייטען, אויף אימער בעפרייען, דאָס מיר זאָלען ניט זיין קיין לייבאייגענע, און זיך ניט רופען לייבאייגענע". דערויף האָט דער קעניג געענטפערט: „איך גיב אייך אייער וואונש. געהט צוריק אויף אייערע פעלדער, צו אייערע הייזער, און בערוהיגט אייך. פון יעדען דאָרף זאָלט איהר דאָ לאָזען צוויי פערזאָן. דיזע לייט וועלען אייך בריינגען די בריף, וואָס איך וועל צו אייך און וועגען אייך שרייבען און בעשטעטיגען מיט מיין זיגעל". אַן ערך אַ העלפט פון די בויערן זיינען געגאַנגען צוריק צו זייערע הייזער און פעלדער; די אַנדערע העלפט אָבער איז פערבליבען מיט זייערע פיהרער אין לאָנדאָן. זיי האָבען קיין גוטעס ניט ערוואַרטעט פון די בריף. זיי האָבען געשטרעבט צו פערניכטען קאַפּיטאַל און רייכטום. „די פרייהייט, וואָס דער קעניג גיט אונז, קען אונז גאַר ניט העלפען. לאָמיר זיך האַלטען צוזאַמען. לאָזט אונז ווערען הערען איבער די רייכטימער פון שטאָדט, און דאַן וועלען מיר אויך וויסען פון אַ לעבען", האָבען זיי געזאָגט און זיינען פערבליבען אין לאָנדאָן.

די מאַסע איז שוין געווען גרייט צו געהן אין שטאָדט אָנפאַנגען צו רויבען, דאָ איז צופעליג אָנגעקומען אויף'ן פּלאַץ דער קעניג מיט 60 ריטער. ווען ער האָט דערזעהן דאָס פאָלק, איז ער געבליבען שטעהן און איז ניט געגאַנגען ווייטער, ער האָט געוואָלט וויסען, וואָס די לייט ווילען. ווען וואַט טאַילער האָט דערזעהען, דאָס דער קעניג האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָט ער געזאָגט צו זיינע לייט: „איך וויל רעדען מיט'ן קעניג. איהר זאָלט ניט פערלאָזען אייער פּלאַץ ביז איך וועל אייך געבען אַ צייכען דערצו. ווען איך וועל אָבער געבען דאָס צייכען, זאָלט איהר אַלעמען טויטען אויסער דעם קעניג. דעם קעניג זאָלט איהר קיין שלעכטעס ניט טאָן. ער איז יונג און וועט טאָן, וואָס מיר פערלאַנגען, און דאַן וועלען מיר זיין די הערען פון גאַנץ ענגלאַנד".

וואַט טאַילער איז באַלד צוגעפאָהרען צום קעניג און האָט צו איהם געזאָגט: „זעהסטו דאָרט די לייט?" „יע", האָט דער קעניג געענטפערט, „צו וואָס פרעגסטו דאָס?" „ווייל די אַלע זיינען גרייט צו טאָן אַלעס, וואָס איך וועל זיי הייסען. און גלויבסטו, דאָס דיזעס פאָלק וועט אַוועק פון דאַנען, איידער עס וועט האָבען זיינע בעפרייאונגס־בריף אין זיינע הענט? ניין, מיר מוזען די בריף האָבען מיט זיך". דערויף האָט דער קעניג געענטפערט: „דאָס אַלעס איז בעזאָרגט. די בריף ווערען אַלע איינער נאָך דעם

מייטטער און פאַר זיי געהאַלטען אַ רעדע, אין וועלכער ער האָט זיי בע-
שולדיגט, דאָס זיי האָבען שיער גאַנץ ענגלאַנד אויפגעבונטעוועט און האָ-
בען געקענט בריינגען אַ גרויס אונגליק אויף דאָס גאַנצע לאַנד; זיי פערדינען
דערפאַר אַ גרויסע שטראָף, אָבער ווייל אין אַזא פאַל זיינען די הויפט־שול-
דיגע די אָנפיהרער, וועלכע אַגיטירען אין פאָלק און רעדען־צו די איינפאַכע
בויערן צו מאַכען אַן אויפשטאַנד, איז גלייכער און מעהר גערעכט, דאָס מען
זאָל בעשטראָפען נאָר די הויפט־רעדעלפיהרער. ווען זיי וועלען אַלזאָ ארויס-
געבען די הויפט־שולדיגע, וועלען אַלע איבריגע ערקלערט ווערען אונשולדיג
און דער קעניג וועט זיי פערצייהען. די בעפעלקערונג האָט באַלד ארויסגעגע-
בען 8 פערזאָן, וועלכע זיינען געווען די רעדעלפיהרער פון דיזען אויפשטאַנד.
מען האָט דיזע 8 פערזאָן געהאַנגען און די פרייהייטס־בריף האָט מען צוריק
צוגענומען און פערניכטעט. אזוי האָט דער קעניג געהאַנדעלט איבעראַל, וואו
עס איז געווען דער אויפשטאַנד. איבער 1,500 פערזאָן זיינען געהאַנגען גע-
וואָרען אַלס די הויפט־שולדיגע פון אויפשטאַנד, און די פרייהייטס־בריף האָט
ער איבעראַל צוגענומען און זיי פערניכטעט. די בויערן זיינען געוואָרען צוריק
לייבאייגענע, ווי פריהער. פון דער גאַנצער בעוועגונג איז גאָר ניט געוואָרען.

אין דעם זעלבען יאָהר זיינען געקומען צו ריטשאַרד דעם 2טען געזאַנדטע
פון פראַנקרייך און האָבען איהם געבראַכט די אָנערקענונג פון פראַנצויזישען
פאָלק אַלס זייער קעניג, ווען ער וועט זיי שיקען הילף און וועט זיי נעהמען אונ-
טער זיין שוץ. שוין אין אָנפאַנג פון 14טען יאָהרהונדערט האָבען די פראַנ-
צויזישע קעניגען געזוכט מיטלען, ווי צו פערניכטען דעם פרייהייטס־זין פון
די שטעדטישע בירגער. אַלס פיליפּ דער 4טער האָט געפאַנגען דעם גראַף
גווידאָ און האָט זיין שענעס לאַנד געוואָלט פעראייניגען מיט פראַנקרייך,
האָבען זיך אויפגעהייבען די צעכען פון די פליישער (קצבים), וועבער און
טוך־מאַכער, האָבען דער׳הרג׳עט איבער 3,000 פראַנצויזען און האָבען דאַן
בעזיגט דאָס פראַנצויזישע מיליטער ביי קורטרעי (14טען יולי, 1302).
דאַמאָלס האָט יאַקאָב אַרטעוועלדע פאַרגעשלאָגען זיך אונטערצוגעבען אונ-
טער ענגלאַנד. אין דער צייט פון דעם קריג צווישען פראַנקרייך און ענגלאַנד
זיינען די בירגער און די צעכען אין די שטעדט אין פלאַנדערן געווען צוטיילט
אויף צוויי פאַרטייען. איין פאַרטיי האָט געזוכט דעם שוץ פון ענגלאַנד און
די אַנדערע האָט געוואָלט זיין אונטער דער פאָהן פון פראַנקרייך. אונטער
די לעצטע האָט זיך אויך געפונען די רייכע ברויער־פאַמיליע פון אַרטע-
וועלדע. יאַקאָב אַרטעוועלדע האָט געוואָלט שטעהן אונטער דעם שוץ פון
ענגלאַנד. אָבער די גרעסטע צאָהל פון זיינע מיטבירגער זיינען געווען געגען

דאַן האָט זיך אַריינגעמישט דער בירגערמייסטער פֿון לאָנדאָן און האָט צו דיזער אונאַנגענעהמער סצענע געמאַכט אַן ענדע. „ווי אַזוי וואַגסטו זיך אין געגענוואַרט פֿון קעניג צו רעדען אַזעלכע ווערטער?“, האָט ער אויסגערופֿען, און אויף דעם בעפֿעהל פֿון קעניג האָט ער איהם מיט זיין שווערד געגעבען איבער׳ן קאָפּ אַזאַ שטאַרקען קלאַפּ, דאָס ער איז באַלד אַראָפּגעפֿאַלען פֿון זיין פֿערד. דאַן האָבען איהם פֿיעלע אַרומגערינגעלט, און דער שטאַלמייסטער פֿון קעניג איז אַרונטער פֿון זיין פֿערד און האָט זיין שווערד אַריינגעשטאָכען טאַילער׳ן אין בויך, און דיזער איז אויף׳ן אָרט געשטאָרבען. טאַילער׳ס לייט האָבען באַלד געוואָלט זיך נוקם זיין פֿיר דאָס בלוט פֿון זייער פֿיהרער. דער קעניג האָט אָבער געפֿאַסט מוט, איז צוגעגאַנגען צו זיי אָהן אַ שום בעגלייטער און האָט זיי געפֿרעגט: „וואָס פֿעהלט אייך און וואָס ווילט איהר? איהר האָט קיין אַנדערען בעפֿעהלער אויסער מיך, איך בין אייער קעניג און וועל זאָרגען פֿיר אייך. האַלט זיך רוהיג!“ דיזע ווערטער פֿון קעניג האָבען ווירקליך געמאַכט אַ בערוהיגענדען איינדרוק אויף די מעהרהייט. אַ קליינער טייל האָט געוואָלט מאַכען אונרוהען, אָבער נאָר אויף אַ קורצע ווייל. באַלד האָבען זיך אויך דיזע בערוהיגט, ווייל אין שטאָדט איז געוואָרען אַ קלאַנג: מען וויל טויטען דעם קעניג. דאָס האָט גלייך צוזאַמענגעבראַכט אַ גרויסע מענגע בעוואָפֿענטע בירגער.

דער קעניג אָבער האָט ניט דערלאָזען מען זאָל ערמאָרדען די רעבעלען; ער האָט געגעבען אַ בעפֿעהל, דאָס יעדער, וואָס וואוינט ניט אין לאָנדאָן, זאָל גלייך די שטאָדט פֿערלאָזען. יעדער פֿרעמדער, וואָס וועט זיך געפֿינען אין לאָנדאָן דעם קומענדען זונטאָג, וועט בעשטראָפֿט ווערען מיט׳ן טויט. קיינער האָט ניט געוואַגט צו טאָן געגען דעם בעפֿעהל; אַלע פֿרעמדע האָבען פֿערלאָזען לאָנדאָן און זיינען אַוועק יעדער צו זיך אַהיים. נאָר יאָהאַן באָל און יאַקאָב סטראָאַ האָבען זיך בעהאַלטען אין אַ הויז און האָבען גערעכענט צו זיין דאָרט זיכער. אָבער זייערע אייגענע לייט האָבען אויסגעזאָגט, דאָס זיי זיינען פֿערבליבען אין שטאָדט און וואו זיי געפֿינען זיך. זיי זיינען באַלד געטויטעט געוואָרען לויט דעם בעפֿעהל פֿון קעניג.

נאָך דעם, ווי דער קעניג האָט דעם אויפֿשטאַנד דערשטיקט, האָט ער בעשלאָסען אַליין צו בערייזען דאָס רייך פֿון אָרט צו אָרט, די שולדיגע צו בעשטראָפֿען און די פֿרייהייטס־בריף, וועלכע זיינען שוין צוגעשיקט געוואָרען אין פֿיעלע ערטער, צוריק צו פֿאָדערן. צוערסט איז ער געפֿאָהרען אין קענט, וואו די בויערן האָבען געמאַכט דעם ערסטען אויפֿשטאַנד. אין דעם ראָרפֿ אָספּרינג האָט ער צוזאַמענגערופֿען אַלע איינוואוינער מיט זייער בירגער־

מ אָ ר ט ש. אָבער אַזױ באַלד װי די פאַמיליע פּערסי האָט געמאַכט דעם אױפשטאַנד, איז דער קעניג הײנריך דער 4טער אַנגעלאָפען צו די בונטאָװ-שטשיקעס און האָט זײ בעזיגט בײ שרוסבורי (1403). אין דיזער שלאַכט איז דער גראַף דאָוגלאַס שװער פערװאונדעט און געפאַנגען געװאָרען און אײנער פון דער פאַמיליע פּערסי האָט פערלאָרען זײן לעבען. מיט גרויס טריאומף איז יעצט הײנריך דורכגעפאָהרען צפון-ענגלאַנד. דער גראַף פון נאָרטהאָמבערלאַנד האָט זיך דאַמאָלס אונטערגעגעבען צו הײנריך'ן. דיזער גראַף איז געװען דער עלטעסטער און דער אַנגעזעהענסטער מיטגליד פון דער בעריהמטער פאַמיליע פּערסי.

אויף אַ טהייל פון די גייסטליכע האָבען זיך געבונטעװעט געגען הײנ-ריך דעם 4טען. אָבער דער קעניג האָט זײ גיך בעזיעגט. דאָס ענדע פון דיזער קריג איז געװען, דאָס דער ערץ-בישאָף פון יאָרק האָט פערלאָרען זײן לעבען (8טען יוני, 1405).

הײנריך דער 4טער איז געשטאָרבען אין יאָהר 1413. נאָך איהם האָט בעשטיגען דעם ענגלישען טראָן זײן זוהן הײנריך דער 5טער (1413—1422). אַזױ באַלד, װי ער איז אַרויף אויף'ן טראָן, האָט ער ער-קלערט, דאָס ער װעט זיך געבען אַלע מיה צו בעקומען צוריק די קרוין אין אויסלאַנד, װעלכע זײנע פאָרגענגער האָבען געהאַט, און צו דיזען צװעק װעט ער מוזען פיהרען קריג. די ריטער זײנען פון דיזען פּלאַן געװען בעגייסטערט און האָבען איהם צוגעזאָגט יעדע שטיצע, װאָס זײ זײנען אין שטאַנד צו לייסטען, און האָבען גלייך אָנגעפאַנגען צו ערפילען זײער פערשפּרעכען. אין יולי 1415 האָט הײנריך ערקלערט קריג. דער קעניג זעלבסט האָט גע-זעגעלט מיט 6,000 ריטער, 2,000 בויגען-שיסער און 1,000 שאַנצען-גרעבער, און זײ זײנען אַריין מיט זײערע שיפען אין די מינדונג פון דעם טייך סען און האָבען געלאַנדעט ניט װייט פון האַרפלאָר. נאָך דעם, װי זײ האָבען די שטאָדט בעזיגט, האָבען זײ אונטערגענומען אַ צוג דורך פראַנקרייך צו קאַלעי. דיזער מאַרש איז געמאַכט געװאָרען מיט גרויס פאָרזיכטיגקייט. די ענגלענדער זײנען שוין געװען נאָהענט צו זײער ציל, האָט זיך געשטעלט געגען זײ בײם שלאָס אַזינקור אַ מחנה פון 50,000 פראַנצויזען, אונטער װעלכע עס זײנען געװען 14,000 ריטער. די פראַנצויזען זײנען געװען זיכער מיט'ן זיג, װייל זײ האָבען גערעכענט אויף זײער גרעסערע צאָהל. די ענגלענדער דאַגעגען האָבען זיך געגרייט צום טויט, װייל זײ זײנען געװען שרעקליך ערמידעט פון לאַנגען און שװערען מאַרשרוט. דעם פאָלגענדען מאָרגען האָט הײנריך געהאַלטען פאַר זײנע סאָלדאַטען אַ פייער-

דעם פּלאַן, און זיינע געגנער האָבען איהם ערמאָרדעט אין זיין אייגענעם הויז. אָבער זיין זוהן פיליפּ האָט פאָרטגעזעצט די פּאָליטיק פון זיין פאָטער. ער האָט געפיהרט די דעמאָקראַטישע צעכען צום זיג איבער דעם גראַף פון פלאַנדערן און ער האָט פעראורזאַכט די געפאַנגענשאַפט פון דעם קעניג ריטשאַרד דעם 2טען. אָבער די בעמיהונגען פון פיליפּ ארטעוועלדע זיינען געווען אומזיסט. ווי מיר האָבען פריהער געזעהען, זיינען די פלאַנדערישע שטעדט געשלאָגען געוואָרען ביי ראָאָזעבעקע. צוזאַמען מיט ארטעוועלדע'ן זיינען דאַמאָלס געפאַלען איבער 20,000 בירגער.

ריטשאַרד דער 2טער איז אָבער שפּעטער געוואָרען אַ געציייג אין די הענט פון זיינע ליבלינגען. עס האָט זיך געבילדעט געגען איהם אַ מעכטיגע פּאַרטיי, וועלכע האָט איבערגעגעבען די קעניגליכע מאַכט אין די הענט פון אַ רעגירונגס־קאָמיסיאָן. דער הערצאָג פון גלאָסטער איז איהם געוואָרען אַ שרעקליכער שונא און האָט צוזאַמען מיט פראַנקרייך געמאַכט געגען איהם געהיימע פּלענער. ריטשאַרד האָט זיך דערפון דערוואוסט און דער הערצאָג איז בעשטראָפט געוואָרען מיט'ן טויט. אָבער דיזע הינריכטונג האָט דעם קעניג געקאָסט צו טייער. היינריך, דער זוהן פון דעם הערצאָג פון לאַנקאַסטער, האָט זיך פעראייניגט מיט ריטשאַרד'ס שונאים און האָט איהם געפאַנגען גענומען. דער פּאַרלאַמענט האָט דעם קעניג אַראָפּגעזעצט פון טראָן און האָט איהם איבערגעגעבען צו היינריך, דעם זוהן פון דעם הערצאָג פון לאַנקאַסטער (1390). ריטשאַרד איז געשטאָרבען מיט דעם זעלבען טויט, וואָס דער הערצאָג פון גלאָסטער, ד. ה. ער איז געוואָרען הינגעריכטעט.

היינריך דער 4טער (1399—1413), דער ערסטער פון דעם הויז לאַנקאַסטער, האָט געזוכט צו זיכערן זיין הערשאַפט דורך זיין גוטע פערהאַלטונג מיט דער קירכע און נאָכגעביגקייט צום פּאַרלאַמענט. דאָך איז זיין רעגירונג געווען ניט רוהיגער אַלס די רעגירונג פון זיין פאָרגענגער. אויך געגען איהם זיינען געווען זעהר אָפּט אויפשטאַנדען, איבערהויפּט פון די פערוואַנדטע פון ריטשאַרד דעם 2טען. אָבער די אויפשטאַנדען האָבען ניט לאַנג אָנגעהאַלטען, זיי זיינען באַלד דערשטיקט געוואָרען. זעהר בעדייטענד איז געווען דער אויפשטאַנד פון דער פאַמיליע פּערסי, וועלכע איז געווען איינע פון די מעכטיגסטע אין גאַנצען לאַנד. דיזע פאַמיליע האָט אַרויסגעלאָזען אַ קלאַנג, דאָס ריטשאַרד דער 2טער לעבט נאָך און ער געפינט זיך אין שאָטלאַנד. פיעלע גרויסע אַדעלליייט פון ענגלאַנד האָבען זיך פעראייניגט מיט דער פאַמיליע פּערסי, האָבען דעם קעניג היינריך דעם 4טען פון טראָן אַרונטערגעזעצט און האָבען געוואָלט אַרויפזעצען דעם יונגען עדמונד פון

אַלס דער פּריז־ען איז בעקאַנט געוואָרען, האָבען דער אַדעל און איינינגע קלענערע שטעדט ארום פּאַריז צוריק אויפגעשטעלט די פראַנצויזישע פאָהן, וועהרענד זיי האָבען ביזהער געהאַלטען מיט די ענגלענדער. דאָס פאָלק אין פראַנקרייך איז איבעראל געווען זעהר אונצופרידען מיט דער רעגירונג פון די ענגלענדער און זיינען געווען גערן פון זיי פּטור צו ווערען. יעצט, ווען די קעניגליכע פּאַרטיי איז געוואָרען שלום מיט דעם הערצאָג פון בורגונד און דער שרעק פאַר דער קעניגליכער פּאַרטיי, דאָס זי וועט נעהמען ראַכע פון די פּאַריזער פיר זייער שטיצע צו די בורגונדער, איז פערשוואונדען, האָבען די פּאַריזער נאָך מעהר געוואָלט פּטור ווערען פון די ענגלענדער. דער האַס צו זיי איז געוואָרען שרעקליך גרויס, ווייל זייער דעספּאָטישע הערשאַפט איז שוין געוואָרען אונערטרעגליך. פיר יעדע קלייניגקייט האָבען די ענגלענדער בעשטראָפט די פּאַריזער מיט'ן טויט. די ענגלענדער זיינען בעפאַלען די פּאַריזער ביי נאַכט און האָבען זיי אריינגעוואָרפען אין געפענג־ניס, וואו מען האָט זיי ער'מאָרדעט און קיינער האָט ניט געוואוסט, וואו זייערע ביינער זיינען אהינגעקומען.

א פאָרנעהמער בירגער האָט בעשלאָסען צו מאַכען אַן ענדע צו דער ענגלישער דעספּאָטיע אין פּאַריז. ער האָט זיך ניט געשראָקען פאַר דעם אונגליק, וואָס האָט געטראָפען פיעלע פראַנצויזען, וועלכע האָבען געוואַגט עטוואָס צו טאָן געגען די ענגלענדער; ער האָט געגען די ענגלענדער געמאַכט א פערשווערונג און וועלכער ער האָט זיך געשטעלט אָן דער שפּיץ. מען האָט אין געהיים זונטערהאַנדעלט מיט דעם פעלדמארשאַל פון דער קעניג־ליכער פּאַרטיי, און מען האָט איהם פערשפּראָכען אריינצופיהרען אין שטאָדט מיט דער בעדינגונג, דאָס דער קעניג זאָל פערצייהען די פּאַריזער אַלעס, וואָס זיי האָבען געטאָן געגען איהם און געגען זיינע לייט. דער פעלד־מאַרשאַל האָט זיי געצייגט די אַמנעסטיע (פערצייהונגס־שריפט), וואָס דער קעניג האָט שוין פערפערטיגט און אונטערגעשריבען. מען האָט גלייך צוזאַ־מענגעקליבען א קאָרפּוס פון אַרעללייט. דעם 13טען אַפּריל 1436 איז ער צו־געקומען צום טויער סט. יאַקאָב (סט. זשאַק) פון פּאַריז. דער וועכטער האָט גלייך געעפענט דעם טויער. די אַרעללייט זיינען אריינגעלאָפען אין שטאָדט און האָבען מיט גרויס ענטהוזיאַזם אויסגעשריען: „עס לעבע פראַנקרייך און בורגונד”! אין איינינגע אויגענבליקען איז גאַנץ פּאַריז אויפגעשטאַנען ווי איין מאַן געגען די ענגלענדער. דיזע האָבען זיך געפּרובט שטעלען געגען די פראַנצויזען, אָבער זיי זיינען באַלד געשלאָגען געוואָרען און האָבען זיך פער־

דיגע רעדע און האָט זיי שטאַרק בעגייסטערט. נאָר דריי שטונדען האָט געדויערט דער שטרייט און די ענגלענדער האָבען געזיגט. דעם נעכסטען טאָג נאָך דעם שטרייט איז היינריך אריין אין קאַלעי, און דאַן האָט ער זיך צוריקגעקעהרט נאָך ענגלאַנד, וואו דער פּאַרלאַמענט האָט איהם נאָכגעגעבען זיין פאָדערונג און האָט איהם בעשטימט די סומע, וואָס ער האָט פערלאַנגט אום פאָרטצוזעצען דעם קריג.

עס האָט ניט לאַנג גענומען און היינריך האָט אונטערגענומען אַ נייעם צוג אין פראַנקרייך. אויף דיזען צוג האָט ער בעזיגט זעהר פיעלע שטעדט אין נאָרמאַנדיע און איז שוין געווען גרייט אריינצוטרעטען אין פּאַריז. ער איז אָבער פּלוצלינג אין ווינסענען קראַנק געוואָרען. ווען ער האָט געפיהלט, דאָס זיין קראַנקהייט איז אַ געפעהרליכע און ער מוז פון איהר שטאַרבען, האָט ער בעשטימט זיין אָנקעל, דעם הערצאָג פון עקסטער, אַלס אַפּעקון פיר זיין זוהן, וועלכער איז נאָך דאַמאָלס געווען צו יונג צו רעגירען, און דעם 21טען אַוגוסט 1422 איז ער געשטאָרבען. זיין קערפּער האָט מען שפּעטער בעגראָבען אין דעם קלויסטער פון וועסטמינסטער.

באַלד נאָך דעם איז אויך דער פראַנצויזישער קעניג קאַרל דער 6טער געשטאָרבען. דאַן האָבען די ענגלישע גרויסע לייט געפונען פיר פּאַסענד צו פּראָקלאַמירען דעם יונגען היינריך דעם 6טען אויך אַלס קעניג פון פראַנקרייך (1422—1461). דער פראַנצויזישער קרוינ-פרינץ קאַרל דער 7טער איז אויך געקרוינט געוואָרען אין פּואַטיער. ער האָט אָבער געהאַט זעהר וועניג אָנהענגער. עס איז ענטשטאַנען אַ שטרייט און קאַרל דער 7טער איז געשלאָגען געוואָרען, און דערמיט איז די ענגלישע הערשאַפט אין פראַנקרייך געזיכערט געוואָרען, וועניגסטענס אין פּיקאַרדיע און מעין. דער הערצאָג פון בעדפאָרד, וועלכער איז דאַמאָלס געווען דער הויפּט-קאָמאַנדיר פון די ענגלישע סאָלדאַטען, האָט בעקומען דעם אויפטראַג אָנצוגרייפען אָרלעאַנס, ווייל זי איז געווען דער שליסעל צו דרום-פראַנקרייך. דאַן איז אַרויף אויף די סצענע די יונגפרוי פון אָרלעאַנס, יאָהאַננאַ (זשאַן) ד׳ אַרק און האָט דעם שטרייט געגעבען אַן אַנדער ווענדונג, ווי מיר האָבען עס שוין פריהער דערצעהלט. די ענגלענדער האָבען זיך געמוזט צוריקציהען. בעדפאָרד האָט געוואָרפען די גאַנצע שולד פון זיין מפּלה אויף די צויבער-קונסט פון יאָהאַננאַ ד׳ אַרק. ענדליך האָבען די ביידע נאַציאָנען, פראַנקרייך און ענגלאַנד, געשלאָסען פרידען אין יאָהר 1435. אָבער דיזער פרידען האָט ניט לאַנג אָנגעהאַלטען. עס האָט באַלד ווידער צווישען זיי אויסגעבראָכען אַ קריג.

איהם און דעם הערצאָג פון יאָרק, וועלכער האָט געהאַט גרויסע פּרעטענזיעס אויף דעם ענגלישען טראָן. אָבער היינריך דער 4טער האָט זיינע פּרעטענזיעס צו נישט געמאַכט, און דער פּאַרלאַמענט האָט איינגעשימט מיט איהם.

אַלס ריטשאַרד פון יאָרק האָט זיך גענומען צו די וואַפען פיר זיין טראָן-רעכט, האָט זיך אָנגעפאַנגען דער בלוטיגער קריג, וועלכער איז בעוואוסט אונטער דעם נאָמען: „דער קריג פון דער ווייסער און רויטער ראָזע", נאָך זייערע הערבען, ווייל איין הויז האָט געהאַט אַלס הערב די ווייסע ראָזע, דאָס צווייטע — די רויטע. דרייסיג יאָהר האָט דיזער קריג געדויערט, פון 1455 ביז 1485. ריטשאַרד האָט אָנגעפאַנגען זיין אונטערנעהמונג מיט דעם אָנגריף אויף דעם הערצאָג פון סאָמערסעט. ער האָט געצוואונגען מען זאָל דעם הערצאָג נעהמען געפאַנגען, און איהם זעלבסט זאָל מען ערנענען אַלס שטאַטהאַלטער, דאַן אַלס בעשיצער פון לאַנד. אָבער דער האַס צו איהם פון דער קעניגליכער פּאַרטיי האָט איהם געצוואונגען ווידער זיך נעהמען צו די וואַפען. ער האָט געוואונען די שלאַכט ביי ס ט. אָ ל ב אַ נ ס, האָט ערמאָרדעט דעם הערצאָג פון סאָמערסעט און האָט גענומען דעם קעניג געפאַנגען. אָבער די קלוגע און מוטהיגע קעניגין מאַרגאַרעטהע האָט פערטיידיגט די רעכטען פון איהר מאַן און איהר זוהן. מען האָט ווייטער געקעמפט ביז ענדליך דער קעניג איז ווידער געפאַנגען געוואָרען (1460) און ריטשאַרד האָט געצוואונגען דעם פּאַרלאַמענט צו ערקלערען איהם אַלס קעניג. ריטשאַרד איז באַלד אַוועק אין דעם נאָרדליכען טייל פון לאַנד, אום צו בעקעמפען דאָרט די קעניגין, אָבער דאָ איז ער ביי וועקפיעלד אין גאַנצען צוקלאַפּט געוואָרען. אַ מחנה סאָלדאַטען פון דער קעניגין האָבען איהם אַרויפגעזעצט אויף אַ בערגעל פון מוראַשקעס, וועלכעס זיי האָבען איהם געמאַכט אַלס טראָן, מען האָט איהם אויסגעפלאָכטען אַ קרוין פון גראָז, געגעבען גוטע קלעפּ און געשריען: „וואויל דיר, קעניג, וואויל דיר, קעניג אָהן אַ לאַנד! וואויל דיר, קעניג אָהן אַ פאָלק!" און מען האָט איהם דערביי אָראָפּגעהאַקט דעם קאָפּ. זיין 17-יעהריגער זוהן איז ענטלאָפען, אָבער אויף'ן וועג האָט איהם געכאַפּט לאָרד קליפפאָרד. דער יונג האָט זיך באַלד אויף די קני געוואָרפען צו דעם לאָרד, און דער פּריסטער, וואָס האָט איהם בעגלייט, האָט געבעטען דעם לאָרד, ער זאָל רחמנות האָבען אויף זיין יונגעס לעבען און איהם ניט ערמאָרדען, אָבער דער לאָרד האָט ניט געוואָלט הערען פון רחמנות, און האָט אויסגעשריען: „זיין פאָטער האָט געטויטעט מיין פאָטער און איך וועל דערפאַר דיך און אַלע דיינע קרובים פערניכטען". מיט דיזע ווערטער האָט ער איהם אַריינגעשטאָכען אַ שפּיז אין האַרצען.

שלאָסען אין דער באַסטיללּיע (דאָס איז די פּאַריזער פעסטונג), אָבער זיי האָבען זיך געמוזט אונטערגעבען נאָך פיער טעג בעלאַגערונג.

באַלד נאָך דעם האָט דער הערצאָג פון בורגונד בעשלאָסען אויך די פעסטונג פון קאַלעי אָפּצונעהמען פון די ענגלענדער, נאָר דאָס איז איהם ניט געלונגען. אָבער אין צפון־פראַנקרייך האָבען די ענגלענדער פערלאָרען זייער הערשאַפט, און אין יאָהר 1443 האָבען די פראַנצויזען ווידער גע־הערשט אין גאַנץ נאָרמאַנדיע. יעצט האָבעןביידע פּאַרטייען אָנגעהויבען צו דענקען וועגען שליסען פרידען. היינריך האָט געהייראַטעט די שענע, קלוגע און ענערגישע מאַרגאַרעטהע פון אַנזשו. אָבער עס איז נאָך איין מאָל געקומען צו אַ קריג מיט פראַנקרייך. נאָך דעם, ווי קאַרל דער 7טער האָט רעפאָרמירט די אַרמעע און האָט זי געמאַכט פערטיג און פעהיג פיר שלאַכט, האָט ער בעשלאָסען אין גאַנצען צו פערניכטען די ענגלישע הערשאַפט אויף'ן פראַנצויזישען באָדען. ער האָט צושלאָגען די ענגלישע אַרמעע ביי פ אָ ר מ י נ י (1450) און די ווייניג איבערגעבליבענע זיינען ענטלאָפען נאָך זייער היים, נאָך ענגלאַנד. אָבער קאַלעי צוזאַמען מיט דער גראַפשאַפט גווינעס איז נאָך אַלץ געבליבען אין די הענט פון די ענגלענדער. דער ענגלי־שער פעלדהערר ט אַ ל ב אָ ט האָט געפּרובּט אָפּנעהמען פון די פראַנצויזען די לאַנדשאַפט זשיראָנדע, ער האָט אָבער געכאַפּט אַ שרעקליכע מפּלה (1453) און איז זעלבסט געפאַלען אין דיזער שלאַכט. פון דאַמאָלס אָן האָבען די ענגלענדער מעהר ניט געוואַגט צו מאַכען וועלכען עס איז אָנגריף אויף די פראַנצויזען. אָבער אַ ריכטיגער פרידען איז ערשט געשלאָסען געוואָרען אין יאָהר 1476 אין פּ ע ק י נ י. דיזער פרידען איז געקויפט געוואָרען פיר אַ גרויסע סומע געלט, וואָס לודוויג דער 11טער האָט געגעבען צום ענגלישען קעניג עדוואַרד דעם 4טען.

דער ענגלישער אַדעל, וועלכער האָט מעהר ניט געהאַט די מעגליכקייט צו לעבען אַ גוטען טאָג אין פראַנקרייך אויף דער רעכנונג פון פראַנצויזישען פאָלק, איז שרעקליך אויפגעבראַכט געוואָרען אויף די ראַטגעבער פון קעניג און האָט זיי בעשולדיגט, דאָס זיי האָבען שלעכט געפיהרט די רעגירונג, און דעריבער האָט ענגלאַנד פערלאָרען איהר מאַכט אין פראַנקרייך. דער אַלמעכטיגער מיניסטער ס אָ פ פ אָ ל ק האָט געמוזט פון ענגלאַנד ענט־לויפען, מען האָט איהם אָבער געכאַפּט און ערמאָרדעט. זיין נאָכפאָל־גער איז געווען דער הערצאָג פון סאָמערסעט, אַ פּרינץ פון דעם הויז פון לאַנקאַסטער. אָבער אויך איהם האָבען די אַדעללייט בעשולדיגט אין דעם זעלבען פערברעכען און האָבען צוגעהאָלפען צו דעם קריג צווישען

גענער ברודער, דער ערץ-בישאָף פון יאָרק, האָט איהם איבערגעגעבען לאָנדאָן. אין דער שלאַכט פון באַרנעט איז עדוואַרד אַרויס דער זיגער און וואָר-וויק איז געפאַלען. אין דיזען אונגליקליכען טאָג איז די קעניגין מאַרגאַרעטהע אָנגעקומען מיט איהר זוהן אין ענגלאַנד. דאַמאָלס האָט אויך איהר געטראָפען דאָס אונגליק. ביי טיוקסבורי האָט זי געזעהען, ווי די איהריגע האָבען געהאַט די מפלה און איהר זוהן איז געפאַנגען געוואָרען. זי זעלבסט איז אויך געוואָרען געפאַנגען.

עדוואַרד האָט מיט שרעקליכער טיראַניי פערפאָלגט זיינע פיינד. די ברידער פון קעניג האָבען זעלבסט געטויטעט דעם יונגען פרינץ פון וועילס. די אַלע געפאַנגענע זיינען ערמאָרדעט געוואָרען. אויך דער אונגליקליכער היינריך איז ערמאָרדעט געוואָרען. נאָר די קעניגין מאַרגאַרעטהע איז שפּעטער בעפרייט געוואָרען פון געפענגניס, ווייל איהר פערוואַנדטער לודוויג דער 11טער פון פראַנקרייך האָט פיר איהר בעפרייאונג געגעבען אַ גרויסע סומע געלט. נאָך דעם, ווי עדוואַרד האָט כמעט אין גאַנצען פערניכטעט דאָס הויז לאַנקאַסטער, האָט ער זיך גענומען צו שטיקען און ווערגען די מיטגלידער פון זיין אייגענעם הויז, וועלכע ער האָט געהאַלטען פיר שעדליך. ער האָט פעראורטיילט צום טויט זיין אייגענעם ברודער, דעם הערצאָג פון קלאַרענס. עדוואַרד איז געשטאָרבען מיט אַן אונגעוועהנליכען טויט, וואָס ער האָט זיך זעלבסט אויסגעקליבען, נעמליך, ער האָט זיך דערטרונקען אין אַ פאַס פון זיסען וויין.

נאָך דעם טויט פון עדוואַרד דעם 4טען אין 1438 איז אַרויף אויף דעם ענגלישען טראָן דער בלוטדורסטיגער הערצאָג ריטשאַרד פון גלאָסטער. דעם וועג צום טראָן האָט ער זיך געמאַכט דורך פעררעט און מאָרד. אַלע פריינד פון דער קעניגין האָט ער גענומען געפאַנגען. די פּרינצען עדוואַרד דעם 5טען און ריטשאַרד פון יאָרק, דער ערסטער 13 יאָהר און דער צווייטער נאָר 7 יאָהר אַלט, האָט ער פערשלאָסען אין טורם. אַהין איז געקומען ביי נאַכט דעם קעניג'ס שטאַלמייסטער טירעל מיט אַ רייטקנעכט און מיט אַ געפענגניס-וועכטער. זיי זיינען אַריין אין צימער, וואו די צוויי פּרינצען האָבען געשלאָפען, ביידע אונשולדיג אומגע-אַרמט, און האָבען זיי דערשטיקט. זייערע קערפּערס האָט מען אַריינגע-וואָרפען ערגעץ ווייט אונטער די טרעפּ און מען האָט זיי בעדעקט מיט שטיינער.

באַלד אין ערסטען רעגירונגס-יאָהר פון ריטשאַרד דעם 3טען איז זיין ליבלינג, דער הערצאָג באָקקינגהאַם, אָפּגעפאַלען פון איהם און איז

אָבער אין דער בלוטיגער שלאַכט ביי טאַונטאָן האָט דאָך עדוּ-אַרד דער 4טער, ריטשאַרד׳ס עלטערער זוהן, געזיגט. דער פּאַר-לאַמענט האָט זיין רעכט אויף׳ן טראָן אָנערקענט און האָט דאָס הויז לאַנקאַס-טער בעראויבט פון אַלע רעכטען. הײנריך האָט אַפילו ערהאַלטען הילף פון לודוויג דעם 11טען פון פראַנקרייך, אָבער די הילף האָט איהם קיין נוצען ניט געבראַכט. ער האָט פערלאָרען די שלאַכט ביי הערהאַם אין יאָהר 1463, און איז געפאַנגען געוואָרען צום דריטען מאָל. דער זיגער עדוּאַרד דער 4טער האָט איבעראַל אויפגעשטעלט עשאַפאָטען. אויך די קעניגין מאַרגאַרעטהע האָט געמוזט ענטלויפען מיט איהר זוהן. מען ערצעהלט, דאָס אויף׳ן וועג פון איהר פלוכט איז זי אריינגעפאַלען אין די הענט פון אַ רויבער-באַנדע. זי האָט מורא געהאַט, דאָס ווען מען וועט וויסען ווער זי איז, וועט מען זי איבערגעבען אין די הענט פון עדוּאַרד דעם 4טען, האָט זי ניט אויסגעזאָגט ווער זי איז. דערווייל האָט זיך איהר געמאַכט אַ געלעגענהייט צו ענטלויפען מיט איהר זוהן און בעהאַלטען זיך אין וואַלד. אײנער פון די רויבער האָט עס בעמערקט, און האָט זי מיט איהר זוהן גע-וואָלט ערמאָרדען. די קעניגין האָט דאַן געזאָגט צו איהם: „דאָ איז דער זוהן פון דיין קעניג, איך פערטרוי איהם צו דיר און גיב איהם איבער אין דיין שוץ“. די עהרע, וואָס די קעניגין פערטרויט איהם איהר זוהן, דעם פּרינץ, אין זיין שוץ, האָט איהם געריהרט. דער רויבער האָט זיך אָנגענומען פיר די פערפאָלגטע און האָט זיי געבראַכט צו די אַנדערע מיטגלידער פון דעם הויז פון לאַנקאַסטער.

דער מעכטיגער גראַף וואַרוויק האָט זיך דאַן געשטעלט אויף דער זייט פון דעם הויז פון לאַנקאַסטער. ער איז דאַמאָלס געוועזען בעוואוסט אונטער דעם נאָמען „דער קעניגס-מאַכער“. ער איז ווירקליך געווען גענוג מעכטיג צו מאַכען קעניגען און ארונטערצוזעצען זיי. עס פלעגען געהן צו זיינע טישען צום עסען יעדען טאָג איבער 30,000 פּערזאָן. דער קעניג עדוּ-אַרד האָט געהייראַט די שענע אַלמנה עליזאַבעטה וואָדוויל, די געוועזענע פרוי פון דעם ריטער גרעי, ווערהענד וואַרוויק האָט איהם גע׳שדכ׳נט די פּרינצעסין פון סאַוואָיען. דיזעס האָט איהם שטאַרק פער-דראָסען, ער האָט פערלאָזען דעם הויף און איז אריבער אויף דער זייט פון דעם הויז פון לאַנקאַסטער. וואַרוויק האָט געדונגען פראַנצויזישע סאָלדאַ-טען און האָט פערטריבען עדוּאַרד׳ן פון הויף, און אין 11 טעג איז וואַרוויק געוועזען דער הערר פון גאַנץ ענגלאַנד. אין פאָלגענדען יאָהר 1471 איז עדוּאַרד מיט דער הילף פון די בורגונדיער געקומען צוריק. וואַרוויק׳ס איי-

און דאָס פאָלק האָט אויסגעשריען: „לעבען זאָל דער קעניג היינריך דער 7טער!" דער זיג איז געווען פאָלשטענדיג. מיט היינריך דעם 7טען האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ נייע עפּאָכע אין דער געשיכטע פון ענגלאַנד, די צייט פון דעם הויז טיודאָר. דיזע איז געווען די בעליבטעסטע פון אַלע דינאַסטיעס, וועלכע האָבען ווען עס איז געהערשט אין ענגלאַנד.

ניט דער הונדערט־יעהריגער קריג מיט פראַנקרייך, ניט דער קריג פון דער ווייסער ראָזע מיט דער רויטער האָבען געהאַט וועלכען עס איז איינפלוס אויף די סאָציאַלע און פּאָליטישע ענטוויקלונג פון ענגלאַנד. דער צוועק פון דער לאַנגער מלחמה מיט פראַנקרייך איז נאָר געווען, דאָס דער ענגלישער אַדעל זאָל בעקומען פיעל גיטער אין פראַנקרייך. אַלס די ענגלישע באַראָנען זיינען פערטריבען געוואָרען פון פראַנקרייך, וואו זיי האָבען 50 יאָהר נאָכאַנאַנד געפיהרט אַ לעבען פון לוקסוס, האָבען זיי זיך אָנגעהויבען רייסען צווישען זיך וועגען גיטער. דיזער קריג, וועלכער האָט געדויערט 30 יאָהר, האָט פערניכטעט איבער אַ העלפט פון דעם ענגלישען אַדעל.

די בירגער האָבען זיך וועניג געקימערט וועגען דער מפּלה פון די אַדעליגע. זיי האָבען דעריבּיי גאָר ניט פערלאָרען. זיי האָבען אויך גאָרניט פערלאָרען פון דעם נידערלאַגע פון די בויערן אין יאָהר 1382. אין געגענטייל, זיי האָבען פוןביידע נידערלאַגעס געוואוסט צו ציהען פיר זיך נוצען. די מיטעל־קלאַס האָט זיך פון דאַמאָלס אָן אָנגעהויבען צו ענטוויקלען צו אַ מעכטיגער קלאַס. אין דער צייט פון די אויסערע און אינערע קריגען האָבען זיך פערגרעסערט די פּאָליטישע רעכטען. אין יאָהר 1376 האָבען די בירגער אויסגעפיהרט, דאָס די מיניסטאָרען זאָלען ווערען אָפּהענגיג פון זייער הויז און דעם פּאַרלאַמענט. אין יאָהר 1412 האָבען זיי בעקומען דאָס רעכט צו נעהמען אָנטייל אין דער געזעצגעבונג. פון דאַן אָן האָט דער פּאַרלאַמענט אויסגעקעמפט פיר זיך די רעכטען צו בעוויליגען שטייער, צו נעהמען אָנטייל אין געזעצגעבונג און צו האָבען די קאָנטראָל איבער די מיניסטאָרען.

די ליטעראַטור.

אַזוי ווי די געשיכטע האָט אויף דעם באָדען פון ענגלאַנד צוזאַמענגעבראַכט פיעלע פערשיידענע פעלקער, קען די אַלטע ענגלישע פּאָעזיע ניט אַרויסווייזען קיין איינהייטליכען כאַראַקטער. ביי די קעלטען, וועלכע האָבען געוואוינט אין שאָטלאַנד און אירלאַנד, איז די דיכטקונסט געווען הויפּטזעכליך אין די הענט פון די באַרדען (זינגער־דיכטער). דער בעריהמטער פון די באַרדען איז געווען אָססיאַן. פון איהם זיינען נאָך ביז היינטיגער צייט

אריבער אויף די זייט פון היינריך פון ריטשמאָנד. ריטשאַרד האָט איהם פיר זיין אָפּפאַל בעשטראָפט מיט'ן טויט. דעם 1טען אוגוסט 1485 האָט היינריך מיט א גרויסער צאָהל סאָלדאַטען געלאַנדעט ביי וועילס. דעם 22טען אוגוסט האָבען זיךביידע פיינדליכע ארמעען בעגעגענט. ווען היינריך האָט זיינע סאָלדאַטען אַרויפגעפיהרט אויף'ן שלאַכטפעלד, האָט דער גראַף פון נאָרטהאָמבערלאַנד זיינע סאָלדאטען צוריקגעצויגען פון קריגספעלד. אויך ריטשאַרד'ס אויבער-הויפמייסטער סטאנלי האָט אַראָפּגעוואָרפען זיין מאַס-

ריטשאַרד דער 3טער.

קע און איז מיט זיינע סאָלדאַטען צוגעגאַנגען צום אָרט, וואו עס איז גע-שטאַנען די קעניגליכע פאָהן, און איז בעפאַלען ריטשאַרד'ן. דיזער האָט זיך פערטיידיגט געגען די אָנגרייפער, אָבער ער איז מיט געוואַלד אַראָפּגעוואָר-פען געוואָרען פון זיין פערד און איז ערמאָרדעט געוואָרען. די קרוין, וועלכע איז געוועזען צוהאַקט פון סטאַנלי'ס שווערד, האָט דיזער געבראַכט צום זיגער היינריך פון ריטשמאָנד און האָט זי איהם אַרויפגעזעצט אויף'ן קאָפּ,

מיר האָבען יעצט נאָר 24 פון זיי. די כאַראַקטעריסטיק פון איינצעלנע פּערזאָנען אין דיזע ערצעהלונגען איז מייסטערהאַפט. דער הומאָר אין זיי איז וואונדערבאַר. עס רייסט אַרויס אַ געלעכטער לעזענדיג דיזע געשיכטעס, אָבער עס זעהט זיך אויך דורך אַ וויכטיגער ערנסט.

קיינער פון די אַלטע שריפטשטעלער קען ניט פערגליכען ווערען מיט טשאָסער׳ן. די בעדייטענדע פּאָעטען פון 15טען יאָהרהונדערט געהערען צו די שאָטלענדער. פון זיי איז זעהר מערקווירדיג וויליאַם דאָנבאַר. ער בעזיצט אַ גרויסע קראַפט אַלס סאַטיריקער און אַ פיינע גאַבע פיר כאַראַקטער־שילדערונג. זיינע ווערק זיינען דער וועלט לאַנג ניט געוועזען בעוואוסט ביז וואַלטער סקאָט האָט אויפמערקזאַם געמאַכט אויף זייער ווערט.

פערבליבען איינינע דיכטונגען. די איבעררעסטען פון דער אנגלאָ=זאַקסישער ליטעראַטור זיינען זעהר אונבעדייטענד אין צאָהל, אָבער זיי זיינען זעהר וויכטיג מיט זייער אינהאַלט. דאָס וויכטיגסטע ווערק פון זיי איז דער ב ע אָ ו ו א ו ל ף. מען קען עס ניט בעטראַכטען אַלס אַ קינסטלערישעס גאַנצעס, נאָר אַלס ריזיגע ברוכשטיקער. אָבער אין אַלגעמיין דריקט עס אויס אַן אונגעבראָכענע פאָלקס=קראַפט.

ווען די נאָרמאַננען האָבען זיך אָנגעפאַנגען צו בעזעצען אין ענגלאַנד, האָבען זיי אריינגעבראַכט אין די ענגלישע ליטעראַטור דעם גייסט פון פראַנ-צויזישען ריטערטום און די „מינסטרעלס“. דיזע זיינען געוועזן פאָעטען, וועלכע האָבען בעאַרבייטעט די העלדען=זאַגעס, פון וועלכע עס האָבען זיך שפּעטער ענטוויקעלט די וואונדערבאַרע באַלאַדען, וואָס זיינען זעהר וויכטיג אין דער ענגלישער ליטעראַטור. אַ זעהר אינטערעסאַנטעס בייששפּיעל פון יענער ליטעראַטור איז די באַלאַדע „ראָבין הוד“, אין וועלכער עס ווערט דער-צעהלט, ווי ראָבין הוד האָט בעפרייט דריי יונקערס, וואָס מען האָט פער'-משפּט צום הענגען, ווייל זיי האָבען דערשאָסען אַ ווילדע חיה אין קעניגליכען וואַלד.

אָבער די אייגענטליכע ענגלישע קונסט=פּאָעזיע הייבט זיך אָן מיט ד ז ש אָ פ פ ר אָ י ט ש אָ ס ע ר, וועלכער רעכענט זיך מיט רעכט אַלס דער פאָטער פון דער ענגלישער פּאָעזיע. טשאָסער איז געבאָרען געוואָרען אין לאָנדאָן אין יאָהר 1340. ער איז געוועזן גוט געבילדעט און שפּעטער איז ער געוואָרען אַ דיפּלאָמאַט. ער איז געשטאָרבען דעם 25טען אָקטאָבער און איז בעערדיגט געוואָרען אין דעם קלויסטער פון וועסטמינסטער. טשאָסער האָט פיעל גערייזט אין זיין לעבען און דאָס האָט געהאַט אַן איינפלוס אויף זיין פּאָעזיע. איבערהויפּט האָט אויף איהם געהאַט אַן איינפלוס דער איטאַליע-נישער פּאָעט באָקאַטשיאָ. זיין בעריהמטעסטעס ווערק איז „די קאַנטער-בורי=ערצעהלונגען“. דאָס איז אַ זאַמלונג פון פערשיידענע געשיכטעס, אָבער זיי האָבען איינע מיט דער אַנדערע אַ צוזאַמענהאַנג. אין דיזען ווערק ווערט דערצעהלט, ווי אין אַ האָטעל פון אַ פאָרשטאָדט פון לאָנדאָן זיינען צוזאַמענ-געקומען 29 מענשען, וועלכע זיינען געוועזן פּילגרימער, וואָס זיינען געגאַנגען צום גראַב פון הייליגען טהאָמאַס פון קאַנטערבורי. אום צו פערקירצען די לאַנגווייליע פון דער רייזע, האָט איינער פאָרגעשלאָגען, דאָס יעדער פון זיי זאָל ערצעהלען צוויי געשיכטעס, איינע פאָהרענדיג צום גראַב, און איינע פאָהרענדיג צוריק. דיזע געשיכטעס זיינען ליידער ניט אין גאַנצען פערבליבען,

קאַסירען פון די שטייערן איז צוגעגאַנגען זעהר גרויזאַם. עס איז גאָר ניט געווען קיין פאָלק, נאָר אַ הויפען אונטערטאַנען. קיינער פון פאָלק האָט ניט געהאַט קיין רעכט צו הייראַטען מיט וועלכען עס איז אויסלענדער, איבער-הויפּט איז געווען שטרענג פערוועהרט צו שטודירען אין אויסלאַנד. אין רע-ליגיאָן־זאַכען האָט פריעדריך דער 2טער איינגעפיהרט אַ קעצער־אינקוויזי-ציאָן. אַ קעצער האָט געהייסען יעדער, ווער עס האָט געפיהרט אַ פרייעס שטעדטישעס לעבען.

אין קיין צייט זיינען אין די קעניגליכע הויפען ניט פאָרגעקומען אַזוי פיעלע מאָרד־טאַטען, ווי אין דעם 14טען יאָהרהונדערט. קיינע בעשטימטע געזעצען וועגען טראָן־רעכט זיינען נאָך דאַמאָלס ניט געווען. דעריבער האָבען זיך יעדעס מאָל, ווען אַ טראָן איז געוואָרען לעדיג, געפונען אויף איהם פיעלע פרעטענדענטען. דאָס האָט געפיהרט צו זעהר פיעלע מאָרד־טאַטען. מען האָט געמאָרדעט אייגענע, מען האָט געמאָרדעט פרעמדע, אום נאָר צו ווערען הערשער.

צום שטאַרקסטען האָט זיך די טיראַניי אין 14טען יאָהרהונדערט אויס-געבילדעט ביי די וויצע־גראַפען אין מ א י ל א נ ד. שוין ב ע ר נ א ר ב אָ, אַ פלעמעניק פון ערץ־בישאָף ד ז ש י אָ ו ו א נ נ י (געשט. 1385), דערמאָהנט אָן די שרעקליכסטע רוימישע אימפּעראַטאָרען. דער וויכטיגסטער צוועק פון דעם טיראַן איז געווען די יאַגד אויף ווילדע שווייגען. ווער עס האָט איהם דערין עטוואָס געטאָן געגען זיין רצון איז בעשטראָפט געוואָרען מיט אַ שרעקליכען טויט. צו דיזען צוועק האָט מען נאָך צוגעטראַכט אַ נייע שטראָף, לויט וועלכער די ליידען פון דעם אונגליקליכען האָבען געמוזט דויערן 41 טעג, און די ליידען האָבען מיט יעדען טאָג בעדאַרפט שטייגען. עס זיי-נען אויך געווען אין דעם קורס פון דער שטראָף אייניגע רוהע־טעג, וועלכע האָבען געהאַט דעם צוועק, דאָס דער טויט זאָל ניט קומען פאַר דער צייט, איידער דער אונגליקליכער איז דורכגעגאַנגען אַלע שטופעס פון ליידען, וואָס זיינען פיר איהם בעשטימט געוואָרען. אָנגעהויבען האָט זיך די שטראָף מיט 5 קנוטעס און האָט זיך געענדיגט מיט רעדערן, נאָך דעם, ווי דער קער-פּער איז שוין געווען שרעקליך צוקאַליעטשעט. אויף דעם 41טען טאָג האָט דער אָפּפער געענדיגט דעם קורס און האָט אויסגעהויכט זיין נשמה אונטער דער שרעקליכער פּיין פון רעדערן.

דאָס אונגליקליכע פאָלק האָט אונטער גרויס מורא געמוזט פיטערן פיר דעם פירסט 5,000 יאַגד־הינט. דאָס פאָלק איז געווען פעראַנטוואָרטליך פיר דעם גוטען צושטאַנד פון די הינט. יעדען מאָנאַט איז געקומען אַ בע-

די געשיכטע פון איטאליען.

נאך דעם קאמף צווישען די פאפסטען און די האהענשטויפען איז דער פאליטישער צושטאנד פון איטאליען געווען פיעל אנדערס פון דעם צושטאנד פון אלע אנדערע לענדער אין מערב־אייראפא. אין דער צייט, ווען דאס פעאדאל־סיסטעם אין פראנקרייך, דייטשלאנד און ענגלאנד האט פיעל געהאלפען צו ארגאניזירען א מאנארכישען איינהייטליכען שטאאט, האט זיך איטאליען אין גאנצען אפגעשאקעלט פון אזא שטאאט. די קייזארים פון 14טען יאהרהונדערט זיינען מעהר ניט געווען אנערקענט אלס אויבערהערשער פון די פעאדאלען, נאר אלס זייערע שטיצער, און די פאפסטען מיט זייערע אנהענגער זיינען געווען שטארק גענוג צו שטערען יעדע איינהייט, הגם זיי זיינען ניט געווען אין שטאנד זעלבסט איינהייט צו שאפען. אין איטאליען זיינען אין יענע צייטען געווען פראווינצען, וואו עס האט עקסיסטירט נאר טיראניי, אבער ערטערווייז איז דארט די טיראניי בעזיגט געווארען און עס איז איינגעפיהרט געווארען א מענשליכערע ארדנונג. מיר וועלען דא בעטראכטען איניגע פון אזעלכע טיראנען־שטאאטען, וועלכע זיינען פערוואנדעלט געווארען אין איינהייטליכע רעגירונגען.

דאס פארבילד פון טיראנישע רעגירונגען איז געווען דאס נארמאנישע אין אונטער־איטאליען און סיציליען. פריעדריך דער 2טער האט אין גאנצען אפגעשאפט דאס פעאדאל־סיסטעם. ער האט דאס פאלק פערוואנדעלט אין א ווילענלאזע מאסע, וועלכע האט ניט געהאט דאס רעכט זיך צו בעוואפנען, אבער איז געווען פערפליכטעט צו צאהלען גרויסע שטייערן. ער האט צענטראליזירט די גאנצע ריכטערליכע מאכט אין איין האנט, א זאך, וואס איז ביז דאן נאך ניט געהערט געווארען אין מערב־אייראפא. דאס פאלק האט קיין רעכט ניט געהאט צו ערוועהלען וועלכען עס איז בעאמטען; די שטראף פיר איבערטרעטען דיזען בעפעהל איז געווען — פערוויסטען דעם בעטרעפענדען ארט און די איינוואוינער פערוואנדלען אין לייבאייגענע. דאס איינ-

אַמטער זיי עקזאַמינירען. זיינען די הינט געווען צו מאָגער, האָבען די, וואָס האָבען זיי געפיטערט, בעקומען אַ געוויסע שטראָף. זיינען זיי געווען צו פעט, האָט מען דערפאַר אויך בעשטראָפט, ווייל צו פעטע הינט טויגען ניט צו יאַגד. איז אָבער אַ הונט געפּגר'ט, האָט זיין קעסט־געבער פערלאָרען זיין גאַנצעס פערמעגען. די שטייערן זיינען געווען אונגעהייערע און זיינען איינגעקאַסירט געוואָרען מיט אַלע מעגליכע צוואַנגס־מיטלען. אַזוי האָט ער בעזאָרגט זיבען טעכטער, פון וועלכע יעדע האָט בעקומען 100,000 גאָלד־גולדען, און פיר זיך האָט ער אָנגעזאַמעלט אַן אונגעהייערען רייכטום.

אין דער צייט פון דער רעגירונג פון זיין נאָכפאָלגער דזשיאָוואַנני גאַלעאַצצאָ דעם 3טען (1385—1402) האָט די טיראַנייע דערגרייכט די העכסטע שטופע. ער האָט אונטערגענומען צו מאַכען געביידעם אום אָפּצולייטען די וואַסערן פון די שטעדט מאַנטואַ און פּאַדואַ, מיט דעם צוועק, דאָס די בעוואוינער פון די שטעדט זאָלען ווערען אָפּגעשוואַכט און זאָלען ניט זיין אין שטאַנד צו שטערען איהם אין זיינע אונטערנעהמונגען. ער איז אויך אומגעגאַנגען מיט אַ פּלאַן, ווי אָפּצוציהען די וואַסערן פון די אינזלען פון ווענעציאַ, אום זיי זאָלען בלייבען אָפּגעזונדערט פון ים. ער האָט געגרינדעט דעם וואונדערבאַרסטען פון אַלע קלויסטערס, נעמליך די טשערטאָסאַ פון פּאַוויאַ און דעם דאָם פון מאַילאַנד, וועלכער האָט איבערגעשטיגען אַלע קריסטליכע קירכען אין גרויסקייט און פּראַכט. זיין פירסטליכע רעזידענץ איז געווען די שענסטע פון יענער צייט אין גאַנץ אייראָפּאַ. ער האָט געשטרעבט צו בעקומען די קעניגליכע קרוין פון איטאַליען און אפילו די קייזערליכע קרוין, אָבער ער איז פּלוצלינג קראַנק געוואָרען און איז געשטאָרבען.

נאָך זיין טויט איז זיין לאַנד צופאַלען אויף שטיקער. דזשיאָוואַנני מאַריאַ וויסקאָנטי (1402—1412) איז אויך בעריהמט געוואָרען דורך זיינע הינט. אָבער דיזע הינט זיינען ניט געווען קיין יאַגד־הינט, נאָר הינט, וואָס פלעגען צורייסען מענשען. זייערע נעמען האָט די געשיכטע פערצייכענט צום געדענקען, ווי זי האָט פערצייכענט די נעמען פון די בערען פון דעם קייזער וואַלענטיניאַן דעם 1טען. צוליב דעם קריג, וואָס ער האָט געפיהרט וועגען איינינגע טיילען פון זיין ערצאָגטום, איז געוואָרען אַ הונגער. איין מאָל, ווען ער איז געגאַנגען אין גאַס, האָט איהם די מאַסע געבעטען ! pace ! pace (פרידען, פרידען !). אָנשטאָט צו ענטפערן זיי האָט ער געלאָזען טויטען ניט ווייניגער ווי 200 מענשען. דער טיראַן האָט אונטער טויט־שטראָף פערבאָטען צו געברויכען דאָס וואָרט pace



דער דאָם סט. מאַרקאָ אין װענעציע.

טען, איהם פערהייליגען אַלס אַ מאַרטירער און איהם אָנבעטען ווי אַ היי־ליגען, און פיעלע פּילגרימער וועלען קומען אויף זיין קבר איהם אָנבעטען, דאַן וועט איהם זיין גוט און אונז נאָך בעסער, ווייל מיר וועלען האָבען גרויסע איינקונפטען פון די פּילגרימער. דער פּלאַן איז אַלעמען געפעלען געוואָרען און מען האָט איהם דורכגעפיהרט.

די קאָנדאָטטיערען האָבען זיך מעהר ווי פון אַלע אַנדערע בעדאַרפט היטען און מורא האָבען פאַר זייערע אייגענע סאָלדאַטען און פאַר זייערע הערען. האָבען זיי געקעמפּט מיט ערפאָלג, זיינען זיי געוועזען געפעהרליך פיר זייערע הערען; האָבען זיי געהאַט אַ דורכפאַל, האָבען זייערע סאָלדאַטען זיי ערמאָרדעט אַלס אונפעהיגע פיהרער. הגם די סאָלדאַטען־פיהרער האָבען גע־מוזט געבען זייערע ווייבער און קינדער אַלס משכנות, דאָס זיי וועלען ניט מיסברויכען זייער מאַכט, דאָך האָט מען צו זיי ניט געהאַט קיין צוטרויען. דאָס האָט ערוועקט אין זיי אַ שרעקליכען האַס צו די הערען אין וועמעס דינסט זיי זיינען געוועזען, און האָט זיי אָפט געטריבען צו גרויסע פערברע־כענס. קיין זאַך האָט זיי ניט אָפּגעשראָקען און אָפּגעהאַלטען דורכצו־פיהרען זייערע גרוילטאַטען. צו שטאַרבען אין חרם, וואָס דער פּאַפּסט האָט אויף זיי אַרויפגעלעגט, איז געוועזען אַ שפּאַס. די סאָלדאַטען־פיהרער זיינען אָבער מעהרסטענס געוועזען מענשען מיט גרויס טאַלענט און די סאָלדאַטען פלעגען זיי געוועהנליך זעהר רעספּעקטירען. אין דיזער הינזיכט האָבען זיי געקענט שטעהן אין איין רייהע מיט די נייעסטע חיל־פיהרער.

די וויכטיגסטע פון די קאָנדאָטטיערען זיינען געוועזען די, וועלכע האָבען געהערט צו דער פאַמיליע ס פ אָ ר צ אַ. דעם מוטיגען פראַנץ ספאָרצאַ איז עס געלונגען צו בעזיגען אַ שטאַרקע גוועלפען־אַרמעע פון 6,000 מאַן, און ער האָט געצוואונגען די איינוואוינער פון מאַילאַנד צו אָנערקענען זיין הער־שאַפט (1450). פראַנץ ספאָרצאַ איז געוועזען אַ זעהר טיכטיגער רעגירער און האָט אין דער צייט פון זיין הערשאַפט (1450—1466) איינגעפיהרט אין מאַי־לאַנד פיעלע גוטע אָרדנונגען. אָבער זיין זוהן ג אַ ל ע אַ צ צ אָ מ אַ ר י אַ ס פ אָ ר צ אַ (1466—1476) איז געוועזען אַ טיראַן ווי די הערשער פון דער לאָמבאַרדישער פאַמיליע וויסקאָנטי. די בלעטער פון דער געשיכטע פון זיין רעגירונגס־צייט זיינען פול מיט שרעקליכע ביישפּילען פון זיינע מערדערייען און הולטייסטוועס. איין פּריסטער האָט איהם נביאות געזאָגט, דאָס זיין רעגירונגס־צייט וועט ניט לענגער זיין פון 11 יאָהר. ער האָט איהם דערפאַר געמאַטערט מיט הונגער ביז ער איז געשטאָרבען. אַ פאָרנעהמען מאַן, וועל־כער האָט געפיהרט אַן אונשולדיגע קאָרעספּאָנדענץ מיט זיין (ספאָרצאַ׳ס)

אָדער guerra (קריג), ער האָט אפילו פערבאָטען צו געברויכען דאָס וואָרט „פריז־ען" אין די תפלות, און אָנשטאָט דעם אויסדרוק אין דער מעסע dona nobis pacem (גיב אונז פרידען) האָבען די פריסטער געמוזט זאָגען: dona nobis tranquillitatem (גיב אונז רוה). ענדליך האָבען אייניגע פערשוועֶרער בעפרייט דאָס לאַנד פון דעם טיראַן.

די הערשער פון 15טען יאָהרהונדערט זיינען געווען אַ ביסעל אַנדערס. פיעלע פון די קלענערע הערשער זיינען אונטערגעגאַנגען, און אויף זייער אָרט זיינען געוואָרען גרעסערע, וועלכע האָבען אריינגעבראַכט מעהר אָרד־נונג אין זייער געביט. אַ בעזונדערע מערקווירדיגע ערשיינונג אין דיזען יאָהרהונדערט זיינען געווען די סאָלדאַטען־פיהרער, וועלכע האָבען דאַמאָלס געהאַט אַ ספּעציעלען נאָמען „קאָנדאָטטיערי", און זייער שטרעבען נאָך הער־שאַפט און נאָך קרוינען. די קלענערע פירסטען פלעגען אָפט אריינטרעטען אין דינסט צו די גרעסערע אַלס קאָנדאָטטיערען פיר אַ געוויסע סומע געלט. דורך דיזען דינסט האָבען זיי ערוואָרבען געלט און זיכערהייט פון שטראָף פיר זייערע מעשים רעים און רויבערייען, וועלכע זיי האָבען בעגאַנגען צו פערגרעסערן זייערע געביטען. די הערשער פון די גערויבטע געביטען האָבען ניט געוואוסט פון קיין געזעץ און האָבען אויסגעזויגען דאָס אָרימע פאָלק מיט דעם מאַרך פון די ביינער.

ביי דיזער געזעלשאַפטליכקייט איז עס געווען מעגליך פיר די סאָלדאַטען־פיהרער צו דערגרייכען זייערע צוועקען, ווייל זעהר אָפט פלעגען די גרויסע הערען בעצאָהלען די קאָנדאָטטיערען פיר זייער דינסט מיט גרונד און לייב־אייגענע. נאָך דעם טויט פון ד ז ש י אָ וו אַ נ נ י ג אַ ל ע אַ צ צ אָ האָ־בען זיינע קאָנדאָטטיערען אריינגעטרעטען אין מאַילאַנד, האָבען בעהערשט די איינוואוינער און האָבען איינגעפיהרט אַ שרעקליכעס אונמאָראַלישעס לע־בען, מיט וועלכען דער 15טער יאָהרהונדערט האָט זיך אין אַלגעמיין אויסגע־צייכענט. זעהר ריכטיג שילדערט אַן אַלטע אַנעקדאָטע דעם גייסט פון יע־נער צייט. איינמאָל האָבען די בירגער פון דער שטאָדט סיענאַ געהאַט אַ פעלד־הערר, וועלכער האָט זיי בעפרייט פון דעם דרוק פון אַ מעכטיגען פיינד. זיי האָבען זיך לאַנג בעראַטען, ווי מען זאָל איהם בעלוינען פיר די רעטונג, וואָס ער האָט זיי געשאַפען. אַלעס, וואָס איז געווען אין זייער מעגליכקייט צו טאָן פיר איהם, איז ניט געווען גענוג אום איהם צו בעלוינען נאָך זיין ווערט נאָך, אפילו ווען זיי וואָלטען איהם געמאַכט פיר זייער הערשער. ענד־ליך איז איינער געפאַלען אויף אַ פּלאַן: לאָמיר דעם גוטען פעלדהערר טוי־

אויף שטיקער צוהאַקט געוואָרען פיר קליינינקייטען. אויף דעם זעלבען אָרט האָט מען אויפגעשטעלט 35 אַלטאַרען און מען האָט אויף זיי געהאַלטען רע-ליגיאָנס־דינסט, אום מען זאָל פון דעם אָרט אַראָפּנעהמען די קללה פון גאָט (1491). אַ גינסטלינג פון דעם פּאַפּסט איננאָצענץ דעם 14טען איז דאָרט דערשטאָכען געוואָרען אין מיטען העלען טאָג.

ווען קאַרל דער 7טער איז אָנגעקומען צו שטרייטען מיט די באַליאָנען, האָבען זיי געפיהרט דעם שטרייט מיט אַזאַ גרויזאַמקייט, דאָס די פעלדער זיינען געבליבען ניט בעאַקערט און די בויערן זיינען פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ באַנדע רויבער און מערדער. די אומגעגענד, איבערהויפּט די וועלדער, זיינען געוואָרען פול מיט וועלף, וועלכע האָבען אויפגעפרעסען פיעלע מענשען.

די געגנער זיינען אַזוי אָפּגעשוואַכט געוואָרען פון דעם שטרייט, דאָס זיי זיינען געוואָרען אונשעדליך פיר די באַליאָנען, וועלכע האָבען זיי ערלויבט צוריקקעהרען זיך אין שטאָדט. אָבער די שטאָדט פּערודזשיאַ איז דערפון ניט געוואָרען רוהיגער. דער האַס פון די מיטגלידער פון דער באַליאָני־פּאַ-מיליע צווישען זיך האָט פעראורזאַכט שרעקליכע גוואַלדטאַטען געגען די איינוואוינער. צוויי פון דער פּאַמיליע, נעמליך: ג ר י פ אָ נ אָ און ק אַ ר ל אָ ב אַ ר ט ש י ל י אַ זיינען אָפען אַרויס געגען די איבריגע מיט-גלידער. אויסגעבראָכען האָט די פערשווערונג אויף אַ האָכצייט אין זומער פון יאָהר 1500. די האָכצייט האָט געדויערט איניגע טעג. צום אונגליק האָט מען בעשלאָסען גריפאָנאָ'ן איבערצוגעבען די אַליין־הערשאַפט. דאָס האָט געפיהרט דערצו, דאָס איניגע פון דער פּאַמיליע זיינען ערמאָרדעט גע-וואָרען און די איבריגע זיינען ענטלאָפען.

אָבער די ענטלאָפענע באַליאָנען האָבען זיך וויעדער פערזאַמעלט און מיט דער הילף פון זייערע אָנהענגער האָבען זיי אַריינגעדרונגען אין שטאָדט און האָבען זיך בעמעכטיגט איבער די געגנער פון זייער פּאַמיליע. אין אַ קורצער צייט נאָך דעם איז דזשיאַנפּאַאָלאָ געוואָרען הערשער פון פּערודזשיאַ. דאַן איז דער פלוך איבער־אַ־ניים געקומען איבער דיזער פּאַמיליע. דער פּאַפּסט לעאָ דער 10טער האָט דזשיאַנפּאַאָלאָ'ן פערנאַרט נאָך רוים און האָט איהם דאָרט געהייסען ערמאָרדען (1520). איינער פון דזשיאַנפּאַאָלאָ'ס זיהן האָט שרעקליך געאַרבייט געגען זיין פּאַמיליע. אַ פעטער און דריי שוועסטערקינ-דער זיינען ערמאָרדעט געוואָרען. דער לעצטער פון דער פּאַמיליע איז גע-ווען ר י ד אָ ל פ אָ, וועלכער האָט ערמאָרדעט דעם פּאַפּסטליכען דעלעגאַט

געליבטער, האָט ער געלאָזען אָפּהאַקען ביידע הענט; אַן אַנדערען האָט ער אין אַ קאַסטען לעבעדיגערהייד בעגראָבען. איין בויער האָט ניט ווילענדיג איבערגעטראָטען איינע פון זיינע באַרבאַרישע יאַגד־געזעצען. ער האָט איהם דערפאַר געצוואונגען אויפצועסען אַ האָז, וועלכען ער האָט דערשאָסען, צוזאַמען מיט די הויט און האָאָר. פון דיזער מאָהלצייט איז יענער באַלד געשטאָרבען. זיין באַרביער האָט ער געלאָזט שרעקליך פּאָלטערן נאָר פון פערגניגען וועגען, ווייל יענער האָט ווירקליך ניט בעגאַנגען קיין פערברעכען. פון דער פּאָלטער האָבען זיך זיינע הענט און פיס אַזוי צודרעהט, דאָס ער איז קוים געוועזען אין שטאַנד צו אַרבייטען. דאָך האָט ער איהם געהייסען ער זאָל איהם גאָלען, אום צו צייגען דער וועלט, דאָס ער האָט ניט קיין פורכט פאַר דעם ראַזיר־מעסער פון דעם אונגליקליכען, און צוזאַמען מיט דעם מאַכען חוזק פון דער וועלט פיר זייער פייגהייט.

דער זוהן פון גאַלעאַצצאָ מאַריאַ ספאָרצאַ איז אַלט געוועזען נאָר 8 יאָהר ווען זיין פאָטער איז געשטאָרבען. זיין אָנקעל לודאָוויקאָ מאָראָ האָט די רעגירונג אַריינגעכאַפּט אין זיינע הענט און האָט בעזייטיגט אַלע זיינע געגנער. נאָך דעם האָט ער זיין פּלעמעניק פערגיפטעט. ענדליך האָט איהם לודוויג דער 12טער פערטריבען פון מאַילאַנד. ער איז ווידער געקומען אַהין, אָבער ער איז געשלאָגען און געפאַנגען געוואָרען פון די פראַנצויזען און איז באַלד געשטאָרבען.

ווי מיר האָבען פריהער בעמערקט, זיינען די שרעקליכסטע מעשים תעתועים פאָרגעקומען ביי די קליינע הערשער. מעהר פון אַלע אַנדערע האָבען זיך אויסגעצייכענט מיט זייערע גוואַלד־טאַטען די באַליאָני פון פערודזשיא. די באַליאָני זיינען ניט געוועזען קיין פירסטען, זיי זיינען נאָר געוועזען די העכסטע און די ערסטע אין שטאָדט. זיי האָבען געהאַט די גרעסטע דעה אין ערוועהלען און אַראָפּזעצען בעאַמטע אין שטאָדט. הגם איינער אין דער פאַמיליע איז געוועזען אָנערקענט אַלס דער ערסטער, האָט דאָך געהערשט אַ שרעקליכער האַס צווישען די מיטגלידער פון דער פאַמיליע. אַן אַנדערע אַדעל־פאַמיליע מיט דעם נאָמען אָדדי איז געשטאַנען געגען די באַליאָני. עס איז ניט פערגאַנגען אַ טאָג, עס זאָל צווישען די צוויי פאַרטייען ניט פאָרקומען אַ שלאַכט. ענדליך האָבען די אָדדי געמוזט אָפּטרעטען. די שטאָדט איז פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ בעלאַגערטע פעסטונג אונטער דער גוואַלד־הערשאַפט פון די באַליאָני, וועלכע האָבען אויך דעם דאָם (די הויפּט־קירכע) פערוואַנדעלט אין אַ קאַזאַרמע. יעדע שפור פון פערשווערונג איז שטרענג בעשטראָפט געוואָרען. 130 בירגער זיינען

דער לייטונג פון סאַלוועסטראָ די מעדיטשי און מיקעלע די לאנדאָ. באַלד ווי דער אַדעל איז אויסגעשלאָסען געוואָרען פון רעגירען, האָבען זיך אָנגעהויבען רייסען צווישען זיך די רייכע קויפלייט מיט די פאַבריק־אַרבייטער וועגען דער הערשאַפט: אַמאָל האָבען די רייכע געוואונען און אַ מאָל די אַרבייטער. דיזע קאַמפען האָבען געהאַט אויך אַ גוטע זייט — זיי האָבען ענטוויקעלט אין פאָלק דעם פרייהייטס־גייסט, די פאָטערלאַנדס־ליבע און בילדונג, אַזוי דאָס פלאָרענץ איז געשטאַנען אויף׳ן שפּיץ פון איהר מאַכט אין דער צייט, ווען די איבריגע שטאַאַטען פון איטאַליען האָבען אָנגעהויבען זינקען.

אָבער ענדליך איז אויך פלאָרענץ געקומען אונטער די הערשאַפט פון איין איינציגער פאַמיליע. פון די אַלע רייכע פאַמיליעס אין פלאָרענץ האָבען זיך אויסגעצייכענט אין פיעלע הינזיכטען די מיטגלידער פון דער פאַמיליע מעדיטשי. נאָך איידער די פאַמיליע איז שטאַרק רייך געוואָרען איז שוין איין מיטגליד פון דיזער פאַמיליע, דזשיאָוואַנני, ערוועהלט געוואָרען אַלס קריגס־ראַט פון דער שטאָדט (1413). ווען ער איז געוואָרען זעהר רייך האָט איהם זיין רייכטום פערשאַפט נאָך מעהר אַיינפלוס און ער האָט דורכגעפיהרט, דאָס די נידערע קלאַס זאָל בעקומען אַ גאַנצע רייהע פון ערלייכטערונגען. ער האָט דורכגעפיהרט פיר זיין פאָטער־שטאָדט פלאָרענץ אַ זעהר גינסטיגען פרידען מיט מאַילאַנד. הגם ער האָט ניט בעקליידט קיין אַמט איז ער דאָך געווען דער מעכטיגסטער מאַן אין פלאָרענץ. ער איז געשטאָרבען אין יאָהר 1429.

דזשיאָוואַנני האָט איבערגעלאָזען צוויי זיהן: קאָסמאָ און לאָרענצאָ. ער האָט איבערגעלאָזען אַן אונגעהייערעס פערמעגען. דער עלטערער, קאָסמאָ, איז געווען פיעל מעהר בעגאַבט פון דעם אינגערען, און דעריבער איז ער באַלד געוואָרען דער ממלא מקומו פון זיין פאָטער. דורך זיין עצה האָט פלאָרענץ אונטערגענומען אַ קריג מיט לוקקאַ. וויל אָבער דער רעזולטאַט איז געווען אונגליקליך פיר פלאָרענץ, האָט מען קאָסמאָ׳ן אַרויסגעטריבען פון שטאָדט אויף 10 יאָהר. קאָסמאָ האָט אָבער געקראָגען אין ווענעציאַ אַ זעהר אַיינפלוסרייכע שטעלע. די פלאָרענטינער האָבען באַלד אָנגעהויבען פיהלען מאַנגעל אין פינאַנצען און האָבען זיך איבערצייגט, דאָס קאָסמאָ׳ס אָפּוועזענהייט איז שעדליך פיר זיי. עס איז ניט אַוועק אַ יאָהר, און קאָסמאָ איז צוריקגערופען געוואָרען אין פלאָרענץ מיט אַלע זיינע אָנהענגער. פון דיזער צייט אָן איז געווען געזיכערט די פירסטליכע מאַכט פון די מעדיטשי אין פלאָרענץ. קאָסמאָ האָט זיך געמאַכט אַלס אויפגאַבע

און די בעאמטע און איז געוואָרען הערשער אין יאָהר 1534. זיין הערשאַפט אין פערודזשיא איז געוועזן קורץ, אָבער זעהר טיראַניש.

וואָס אָנבעטרעפט די איינצעלנע גרויסע שטעדטי אין איטאַליען, האָבען זיי זיך פערבונדען אין גרופען, האָבען געבילדעט אַ קריגערישע מאַכט, און האָבען געשטרעבט צו פעראייניגען אַלע גרויסע שטעדט אין איין איינצעלנעם שטעדטישען פערבאַנד, אום צו פערשאַפען זייערע בירגער די געווינשטע נעטיגע פרייהייט און רעכטען. אָבער גראַדע די גרויסע שטעדט האָבען ענטוויקעלט אין זייער לעבען אַזעלכע זייטען, וועלכע האָבען געשאַדט און געשטערט דעם אַלגעמיינעם פערבאַנד. צוליב זייער האַנדעלס־קאָנקורענץ האָבען זיי איינע די אַנדערע געדריקט ווי ווייט זיי האָבען געקענט; יעדע שטאַרקערע שטאָדט האָט געשטרעבט דערצו, דאָס די שוואַכערע זאָל זיין אונטערוואָרפען אונטער איהר און זאָל זיין אָפּהענגיג פון איהר, און האָט איהר ניט געלאָזען זיך פריי ענטוויקלען. זיי האָבען געוואָלט זיין אַליין די הערשענדע שטעדט און הערשען איבער אַנדערע רעספּאָטיש. פיעל האָבען זיי געהאָלפען דורכצופיהרען זייער וואונש די סאָלדאַטען־טרופען. די טיראַנייע האָט פערשלונגען די פרייהייט פון פיעלע שטעדט.

פון די שטעדט, וועלכע האָבען זיך ערוואָרבען אונאָפּהענגיגקייט, זיינען צוויי זעהר וויכטיג פיר די געשיכטע, נעמליך: פלאָרענץ און ווענעציאַ.

פלאָרענץ איז וואהרשיינליך געגרינדעט געוואָרען ניט לאַנג פאר דעם אָנפאַנג פון דער קריסטליכער צייט־רעכנונג, אָבער בעריהמט איז די שטאָדט געוואָרען ערסט אין אָנפאַנג פון 11טען יאָהרהונדערט. אין דער צייט פון דער הערשאַפט פון די האָהענשטויפען איז פלאָרענץ שוין געווען אַזוי שטאַרק, דאָס זי האָט געוואַגט צו פערשליסען די טויערן פון שטאָדט געגען די קיסרים, ווייל זיי זיינען געגאַנגען געגען דער פאַרטיי פון די וועלפען, אויף וועלכער זייט עס זיינען געווען די פלאָרענטינער. זייער רייכטום איז געוואַקסען זעהר שנעל דורך אינדוסטריע און האַנדעל, ווי אויך דורך די שטאַרקע פאָטערלאַנדס־ליבע פון די איינוואוינער. פיעלע שטעדט האָבען זיך אונטערגעוואָרפען אונטער דער מעכטיגער רעפּובליק פון דיזער שטאָדט. איבערהויפּט האָט געשטיגען זייער מאַכט ווען די האָהענשטויפען זיינען געפאַלען און מיט זיי אויך די פאַרטיי פון די גהיבעללינגען. אונטער רודאָלף פון האַבסבורג האָט פלאָרענץ ערוואָרבען רייכס־פרייהייט, און דאָס דיפּלאָם האָט איהר געקאָסט 600,000 דוקאַטען. דורך די שטרייטען צווישען די וועלפען און די גהיבעללינגען איז די מאַכט פון דעם אַדעל זעהר אָפּגעשוואַכט געוואָרען, און דערייבער איז די רעגירונג אַריין אין די הענט פון די רייכע פאַבריקאַנטען אונטער

דער זייט פון די מעדיטשי, האָט די מערדעריליכע פּריסטער באַלד געפּאַקט, האָט זיי געטויטעט, און האָט זייערע קערפּערס געשלעפּט איבער דעם שמוץ פון די גאַסען. דער ערץ־בישאָף האָט אַריינגעדרונגען אין פּאַלאַץ פון די מעדיטשי און האָט זיי געוואָלט נעהמען געפאַנגען, אָבער דאָס פאָלק האָט איהם געפאַנגען מיט נאָך צוויי פון זיינע בעגלייטער. פראַנטשעסקאָ דע פּאַצצי האָט זיך א ווארף געטאָן אויף זיין בעט א מידער פון אויפרעגונג, אָבער דאָס פאָלק האָט איהם פון זיין פּאַלאַץ אַרויסגעריסען און האָט איהם געשלעפּט איבער די גאַסען און האָט איהם ענדליך געהאַנגען נעבען דעם ערץ־בישאָף. בערנאַרדאָ איז ענטלאָפען.

קאָסמאָ פון מעדיטשי.

פון דיזער צייט אָן איז דער שיקזאַל פון פלאָרענץ געוועזען ענג פערקניפּט מיט דעם שיקזאַל פון די מעדיטשי. נאָך לאָרענצאָ'ס וואונש איז די גאַנצע רעגירונג פון דער שטאָדט איבערגעגעבען געוואָרען צו 70 בירגער, וועלכע האָבען געהאַט דאָס רעכט צו ערוועהלען אַלע בעאַמטע און צו פערוואַלטען די שטאַאַטס־קאַסע.

די וויסענשאַפטען און די קונסט האָבען געפונען אין לאָרענצאָ מעדיטשי א גרויסען בעשיצער. שוין קאָסמאָ האָט זיך אין דיזער בעציהונג אויסגע-

פון זיין לעבען פעסטצושטעלען דעם פרידען און דאָס גלייכגעוויכט אין גאַנץ איטאַליען. צו דיזען צוועק האָט ער זיך בסוד פערבונדען מיט דעם סאָלדאַ-טען־פיהרער פראַנטשעסקאָ ספאָרצאַ, וועלכער האָט מיט דער שטיצע פון דעם געלט, וואָס קאָסמאָ האָט איהם געגעבען, צוגענומען דעם טראָן פון מאַילאַנד (1447). אין פלאָרענץ זעלבסט האָט קאָסמאָ געפיהרט דעם גאַנצען ראַט, הגם ער האָט קיין אמט ניט בעקליידט.

קאָסמאָ איז געשטאָרבען אין 1464. זיין פערמעגען האָט גע׳ירש׳עט פּעטער דע מעדיטשי, וועלכער איז געשטאָרבען אין יאָהר 1469. זיינע ביידע זיהן לאָרענצאָ (1469—1492) און דזשוליאַנאָ זיינען אָנערקענט געוואָרען אַלס „פירסטען פון שטאַאַט“. אָבער עס האָט זיך געגען זיי געבילדעט אַ פערשווערונג, אָן דער שפּיץ פון וועל-כער עס איז געשטאַנען די פאַמיליע פּאַצצי, וועלכע איז געוועזען אויסגעצייכענט דורך איהר געבורט און דורך איהר רייכטום. דער פּאַפּסט סיקסטוס דער 4טער איז געשטאַנען אין פערבינדונג מיט די פערשווערער. מיט דער צושטימונג פון פּאַפּסט איז בעשטימט געוואָרען מען זאָל ערמאָר-דען לאָרענצאָ׳ן אין דער קאַטהעדראַל־קירכע אין דער צייט פון געטליכען דינסט. מען האָט די אויספיהרונג פון דעם מאָרד איבערגעגעבען צו אַ סאָל-דאַטען־פיהרער, און אַזוי ווי דיזער האָט עס מורא געהאַט צו טאָן צוליב דער הייליגקייט פון דעם אָרט, האָט מען די אויספיהרונג איבערגעגעבען צו צוויי פּריסטער, וועלכע האָבען פאַר אַזעלכע נאַרישקייטען קיין מורא ניט געהאַט און האָבען קאַלטבלוטיג אָנגענומען צו ערמאָרדען לאָרענצאָ׳ן, אָבער זיי האָבען די אַרבייט ניט אויסגעפיהרט און האָבען זייערע לעבענס פער-לאָרען. די געשיכטע איז געשעהען ווי פאָלגט:

די ביידע ברידער מעדיטשי זיינען געגאַנגען צוזאַמען מיט פראַטשעסקאָ דע פּאַצצי און אַ יונגען געלעהרטען בערנאַרדאָ באַנדיני אין די קאַטהעדראַל־קירכע. אַלס דער בעשטימטער מאָמענט איז געקומען האָט בערנאַרדאָ אַרויסגעצויגען אַ קינזשאַל און האָט דזשוליאַנאָ׳ן דערשטאָכען. באַלד איז צוגעלאָפען פראַנטשעסקאָ און האָט איהם אַריינגעשטאָכען נאָך אַ קינזשאַל און יענער איז צו דער ערד געפאַלען אַ טויטער. צו דער זעלבער צייט זיינען די צוויי פּריסטער בעפאַלען לאָרענצאָ׳ן, אָבער דיזער האָט אַרויס-געצויגען זיין שווערד און האָט זיך געפאָכטען ווי אַ העלד מיט זיינע אָנ-גרייפער. זיינע בעגלייטער האָבען איהם געהאָלפען אין דעם קאַמף און איהם איז געלונגען זיך אַרויסצודרעהען פון די הענט פון די מערדער, וועלכע זיינען דערווייל ענטלאָפען. דאָס אויפגערעגטע פאָלק, וועלכעס איז געוועזען אויף

70 פערזאָן, וואָס לאָרענצאָ האָט איינגעפיהרט. עס האָט זיך באַלד אַרויס-געצייגט, דאָס דיזע רעפאָרמע איז ניט געניגענד. דאַמאָלס איז אַרויף אויף די פאָליטישע סצענע פון פלאָרענץ דער בעריהמטער פאָליטיקער ד ז ש י ר אָ-ל אַ מ אָ ס אַ וו אָ נ אַ ר אָ ל אַ, וועלכער איז געווען רעספעקטירט פיר זיין העכסט עהרליכען און נאָבעלען כאַראַקטער אין זיין שאַרפען קאַמף אַפילו פון זיינע פאָליטישע פיינד. סאַוואָנאַראָלאַ איז געבאָרען געוואָרען אין פעררארא דעם 15טען דעצעמבער 1452. ער האָט גענאָסען אַ זעהר זאָרג-פעלטיגע ערציהונג. שוין אין זיינע יונגע יאָהרען האָט ער פעראַכטעט די וועלט מיט איהרע פערדאָרבענהייטען און האָט זיך איבערגעגעבען צום נאָכ-דענקען וועגען רעליגיאָן. ער האָט אַריינגעטרעטען אין אַ דאָמיניקאַנער מאָנאַסטיר אין באָלאָניאַ אין יאָהר 1475. שפּעטער האָט איהם לאָרענצאָ אַרויסגערופען נאָך פלאָרענץ און האָט איהם בעשטימט אַלס פּריאָר (ערסטען פּריסטער) אין דעם קלויסטער פון סאַן מאַרקאָ. דאָ האָט סאַוואָנאַ-ראָלאַ ענטוויקעלט אַ געוואַלדיגע טעטיגקייט. ערסטענס האָט ער געפאָדערט, דאָס די תפלות זאָל יעדער אַרויסגעבען פון טיפען האַרצען מיט אַ כוונה, ניט — ווי מען איז געווען געוועהנט — צו פּלאַפּלען ווערטער, וועלכע מען האָט ניט פערשטאַנען און ניט געפיהלט, און אויסער דעם האָט ער געפאָדערט, אַז דאָס פּרינציפּ פון מענשען-ליבע זאָל ניט זיין קיין פּוסטע פראַזע, נאָר עס זאָל ווערען פערווירקליכט אין דער טאַט. ער האָט שטאַרק געקריטיקירט די וועלט-פּאָליטיק פון יענער צייט און האָט געפאָדערט פרייהייט פיר אַלע מענשען אַלס אַ רעכט, וואָס גאָט האָט זיי געגעבען, אַ רעכט, וועלכעס שלעכ-טע מענשען און טיראַנען האָבען פון זיי מיט אונרעכט גערויבט.

סאַוואָנאַראָלאַ'ס אידעע איז געווען צו פעראייניגען די גייסטליכע און וועלטליכע מאַכט און צו גרינדען אַ טהעאָקראַטישע (פּריסטערליכע) רעפּוב-ליק מיט אַ נייער אָרדנונג פון געמיינדע-לעבען. זיינע אָנהענגער האָבען איהם פערעהרט ווי אַ פּראָפעט. ער האָט אָבער געהאַט פיעלע פיינד צווישען די אַריסטאָקראַטען, וועלכע האָבען ניט איינגעשטימט מיט זיין שטרענג רע-ליגיעזען לעבען, אויך די קלעריקאַלען (גייסטליכע) האָבען איהם געהאַסט. פריהער פון אַלעם האָט סאַוואָנאַראָלאַ זיך גענומען צו מאַכען אַ נייע רע-פאָרמירטע פערפאַסונג. ער האָט זי געמאַכט און דורכגעזעצט. עס איז בעשלאָסען געוואָרען צוזאַמענצושטעלען אַ גרויסען ראַט פון די יעניגע, וואָס פערנעהמען אַליין גרויסע עמטער אָדער וואָס זייערע פאָטערס און זיידעס האָבען פערנומען גרויסע עמטער. דיזער ראַט זאָל אַלע וויכטיגע עמטער געבען דורך וואַהל צו די פעהיגסטע און עהרליכסטע בירגער. די ניט זעהר

צייכענט. קאָסמאָ האָט געהאַט די בעדייטענדסטע זאַמלונג פון אַנטיק־וואַזעס. זיינע מענשען האָבען פיר איהם געזוכט אין די גריכישע אינזלען און אין קליין־אַזיען מאַרמאָרנע סטאַטועס פון דעם אַלטערטום. אויף די קינסטלער פון זיין צייט זיינען פון קאָסמאָ גוט בעהאַנדעלט געוואָרען, דאָס זעלבע איז אויך געווען מיט אַלע אַרכיטעקטען און סקולפּטאָרען. מיר ווילען דערמאָהנען נאָר איינינע פון די קינסטלער, וועלכע קאָסמאָ האָט געשטיצט: פּיליפּפּאָ ברונעללעסקאָ (1377—1446), לאָרענצאָ גהיבערטי (1378—1455), דאָנאַטעללאָ (1386—1466), מאַסאַטשטשיאָ (1401—1428), באַפּטיסטאַ אַלבערטי (1404—1472). וואָס קאָסמאָ האָט געטאָן פיר די וויעדער־אויפלעבונג פון די וויסענשאַפטען און דער אַלטער ליטעראַטור, דאָס בעווייזען די מאַרציאַנישע ביבליאָטהעק, וועלכע ניקקאָלי האָט געגרינדעט און קאָסמאָ האָט פערמעהרט, זיינע אייגענע ביכער־זאַמלונג, וועלכע האָט זיך שפּעטער גערופען נאָך דעם נאָמען פון זיינעם אַן עניקעל לאַורענטיאַנאַ און די פּלאַטאָנישע אַקאַדעמיע, וועלכע ער האָט געגרינדעט אויף דעם ראַט פון דעם געלעהרטען געמיסטהוס פּלעטהאָ.

לאָרענצאָ האָט געגלענצט דערמיט, וואָס ער האָט זיין הויף פערוואַנדעלט אין אַ מוזען־הויף. אין דער געזעלשאַפט, וואָס האָט אַרומגערינגעלט לאָרענצאָ'ן, איז געווען אַלעס ערלויבט, וואָס דער גייסט האָט נאָר אויסגעטראַכט: טיפזיניגע דעבאַטען צווישען אַקאַדעמיקער, די ווילדעסטע קאָמעדיעס אין לאַטייניש אָדער איטאַליעניש, און אַפילו די שמוציגסטע ווערטער זיינען געווען ערלויבט, הגם אין דיזער געזעלשאַפט איז אימער געווען איינע פון די פערהייראַטעטע דאַמען ערוועהלט אַלס קעניגין. די גערטנער פון די מעדיטשי זיינען געווען בעפּוצט מיט די אַנטיקען, וואָס מען האָט אין יענער צייט אויסגעגראָבען אין די ערטער פון אַלטערטום, און אין דער שולע, וואָס איז דאַמאַלס געגרינדעט געוואָרען פיר די ענטוויקלונג פון מאַלעריי, האָט געאַרבייט און געשאַפען דער אונשטערבליכער מיקעלאַנדזשעלאָ.

נאָך לאָרענצאָ'ס טויט האָט זיך אָנגעפאַנגען אין פלאָרענץ אַ בעוועגונג צו רעפאָרמירען דעם שטאַאַט. אין דעצעמבער 1494 האָט מען גערופען אַ נייעם פּאַרלאַמענט, פון וועלכען מען האָט אויסגעקליבען אַ קאָמיטע פון 20 פּערזאָן, וואָס האָט זיך גערופען „באַליאַ", מיט דער פולמאַכט צו ערוועהלען און בעשטעטיגען בעאַמטע. די „באַליאַ" איז געווען אָנשטאַט די

גענאָנגען צו סאַוואָנאַראָלאַ. אין יאָהר 1497 האָבען אייניגע פון זיינע פיינד געזוכט איהם צו ערמאָרדען אין דער צייט, וואָס ער האָט געהאַלטען אַ פּרע־דיגט אויף דער קאַנצעל (בימה), אָבער עס איז זיי ניט געלונגען. אָבער יעצט האָט דער ראַט פערבאָטען סאַוואָנאַראָלאַ צו פּרעדיגען. ער האָט אויך דעם ראַט ניט געפאָלגט און האָט געדונערט פון דער קאַנצעל אויף די רוימישע קירכע. דאָס איז געווען זיין אונגליק. אויך דאָס פאָלק האָט זיך אָפּגעווענדט פון איהם. ער איז פריהער ביי זיי געווען אַ פּראָפעט, אַ הייליגער, אָבער יעצט, אַלס ער האָט אַזוי אונערבאַרמדיג אָנגעגריפען די קאַטוילישע קירכע, האָבען זיך אַלע אָפּגעשאָקעלט פון איהם. יעצט האָט ער מעהר ניט געהאַט אויף וועמען זיך צו שטיצען. דאָס פאָלק האָט געשטורמט זיין קלויסטער, מען האָט איהם געשמידט אין קייטען און געבראַכט צו אַ געריכט, וועלכעס

סאַוואָנאַראָלאַ.

איז בעשטאַנען נאָר פון זיינע שונאים (1498). מען האָט איהם געפּאָלטערט אום ער זאָל זיך מודה זיין, אָבער ווייל ער האָט נאָך 11 טעג פּאָלטער צו־ריקגעצויגען זיינע בעהויפּטונגען און זיינע לעהרעס, האָבען די ריכטער ניט געהאַט קיין אורזאַך איהם צו פעראורטיילען. אָבער דער פּאַפּסט האָט אויף קיין זאַך ניט געאַכטעט און האָט איהם פעראורטיילט אַלס קעצער, קירכען־שטערער און פאָלקס־פערפיהרער. ווען סאַוואָנאַראָלאַ איז אַרויפגעבראַכט געוואָרען מיט זיינע פריינד אויף דעם עשאַפאָט האָט ער נאָך אַ מאָל אָנ־ערקענט זיין פעסטען גלויבען אין דעם קאַטאָליציזם. דער בישאָף האָט זיי בערויבט פון דער מאָנאַכען־ווירדע און די מאָנאַכען־קליידער, איין פּריסטער האָט פאָרגעלעזען דעם אורטייל און דאַן זיינען זיי רוהיג געגאַנגען צום טויט. מען האָט זיי געהאַנגען און זייערע קערפּערס פערברענט דעם 23טען מאַי

וויכטיגע עמטער זאָלען דורך א גורל צוטיילט ווערען. דיזער ראט זאָל אויך האָבען די מאַכט צו מאַכען און בעשטעטיגען געזעצען. א מיטגליד אין גרויסען ראט האָט געקענט זיין יעדער בירגער, וואָס איז אַלט ניט וועניגער ווי 30 יאָהר, און א מיטגליד פון פערוואַלטונגס-ראט האָט געמוזט אַלט זיין ניט וועניגער פון 40 יאָהר. די העכסטע בעאַמטע האָבען געמוזט אַלע 2 מאָנאַטען אומגעביטען ווערען און עס איז געווען בעשטימט א קאָמיסיאָן צו רעפאָרמירען די שטייערן, וועלכע זיינען פון דאַן אָן געלעגט געוואָרען נאָר אויף אונבעוועגליכעס אייגענטום (קרקעות), ניט אויף בעוועגליכעס פערמעגען (מטלטלין).

אָבער סאַוואָנאַראָלאַ האָט זיך דערמיט נאָך ניט בענוגענט. זיינע פּרעדיגטען האָבען געווירקט, דאָס אין פלאָרענץ זיינען אָנגענומען געוואָרען געזעצען פיר די בעשטראָפונג פון געוויסע אונאַנשטענדיגע אויפפיהרונגען, ווי אויך פיר די פערבעסערונג פון די זיטען און ערציהונג. קאָרטען-שפּיל איז געווען שטרענג פערבאָטען פון געזעץ, זונות האָט מען פון שטאָדט ארויסגעיאָגט, אונמאָראַלישע בילדער און געזענג זיינען פערבאָטען געוואָרען. די מעדיטשי און זייערע אָנהענגער, וועלכע זיינען געווען געוועהנט צו א פרייען לעבען, זיינען שטאַרק אונצופרידען געווען מיט די רעפאָרמעס פון סאַוואָנאַראָלאַ. אָבער אויך דער פּאַפּסט איז געווען אונצופרידען מיט איהם און מיט זיין לעהרע. דער פּאַפּסט האָט געשיקט נאָך פלאָרענץ א גוטען פראַנציסקאַנער רעדנער, ער זאָל דאָרט ווירקען געגען סאַוואָנאַראָלאַ. דיזער האָט אָבער וועניג געווירקט אויף די מאַסע צוהערער. זיי זיינען באַלד אַלע צוריקגעגאַנגען צום דאָמיניקאַנער סאַוואָנאַראָלאַ. דער פּאַפּסט אַלכסנדר דער 6טער האָט געפּרובט איהם אונטערקויפען דערמיט, וואָס ער האָט איהם געוואָלט מאַכען פיר א קאַרדינאַל. אָבער דאָס האָט אויך ניט געהאָלפען. נאָך דעם האָט דער פּאַפּסט גערופען סאַוואָנאַראָלאַ נאָך רוים אום זיך צו פערטיידיגען געגען זיינע בעשולדיגער, און דערוייל האָט ער איהם פערבאָטען זיינע רעדעס צו האַלטען. אָבער דער רעפאָרמאַטאָר האָט קיין אויפמערקזאַמקייט ניט געגעבען צו אַלע פאָדערונגען פון דעם פּאַפּסט. וואָס אָנבעטרעפט די בעשולדיגונגען האָט ער זיי אַלע צושלאָגען אין שטויב אין זיינעם א בריף צו דער קוריע (ראַטס-פערזאַמלונג). דער פּאַפּסט האָט געפאָדערט מען זאָל סאַוואָנאַראָלאַ ארויסליפערן צו איהם אין רוים, אָבער דער ראט האָט עס ניט געוואָלט טאָן.

אונטערדעסען האָבען זיך אין פלאָרענץ געביטען די בעאַמטע און עס זיינען ערוועהלט געוואָרען אַזעלכע בעאַמטע, וואָס זיינען געווען פיינדליך

געגעבען די פּריווילעגיעס, וועלכע די ווענעציאַנער האָבען פריהער געהאַט. די ווענעציאַנישע פלאַג איז אַ צייט לאַנג ניט געווען צו זעהן אויף דעם שוואַרצען מעער.

די ווענעציאַנער האָבען זיך געמאַכט אַ וועג פיר זייער האַנדעל דורך די מאָנגאָלען, וועלכע האָבען דאַמאָלס געהערשט אין פאָרדער־אַזיען, אין נאָרד־ליכען טייל פון סיריען, אין ארמעניען, אין פערסיען, און זיי האָבען געגרינ־דעט זייער רעזידענץ אין טאַווריד, און דורך דיזע לענדער האָבען זיי גע־פיהרט געשעפטען מיט אינדיען. זיי האָבען אויך זיך געמאַכט אַ וועג נאָך קאָנסטאַנטינאָפּעל דורך בולגאַריען. אָבער די ווענעציאַנער זעלבסט זיינען דערמיט ניט אין גאַנצען צופרידען געווען. זיי האָבען גוט פערשטאַנען, דאָס דער בעסטער האַנדעלס־וועג נאָך אינדיען מוז זיין דורך אַלכסנדריאַ. אין



ווענעציאַנישע קאַנאָנען.

יאָהר 1345 האָבען די יוענעציאַנער אַרויסגעקריגען פון פּאַפּסט בענעדיקט דעם 6טען, עס פערשטעהט זיך פיר אַ גרויסע סומע געלט, די ערלויבניס פון פרייען האַנדעל דורך דאָס מיטלענדישע מעער אין אַלכסנדריאַ. די רע־פּובליק האָט געמאַכט האַנדעלס־פערבינדונגען מיט די עגיפּטישע קעניגען, און האָט צוגעצויגען צו זיך דעם גאַנצען האַנדעל פון זיד־אייראָפּאַ.

מיט דער צייט האָט זיך דער ווענעציאַנישער האַנדעל ווידער פער־שפּרייט אויף דעם שוואַרצען מעער, און צוליב דעם איז ווענעציאַ ווידער פערוויקעלט געוואָרען מיט גענואַ אין אַ קאַמף, וועלכער איז געווען זעהר האַרטנעקיג און האָט זיך געמוזט ענדיגען מיט דעם אונטערגאַנג פון איינעם פון די קעמפער. אין יאָהר 1379 האָבען די גענועזער אַריינגע־דרונגען אין די ווענעציאַנישע וואַסערן. די לאַגע פון די ווענעציאַנער איז

1498. נאָך דעם טויט פון סאַוואָנאַראָלאַ איז פלאָרענץ אריינגעפאַלען אין א וויסטע אַנאַרכיע.

אין ווענעציא האָט זיך ענטוויקעלט זינט דעם יאָהר 1296 אַזאַ שטרענגע אַריסטאָקראַטיע, וועלכע די וועלט־געשיכטע האָט נאָך קיינמאָל ניט געזעהען. די אַריסטאָקראַטען האָבען לאַנג געהאַלטען די רעגירונג אין זייערע הענט. הגם לויט געזעץ האָט זייער קאָנסטיטוציאָן געדאַרפט רעווידירט ווערען די ערסטע 14 טעג פון יעדען יאָהר, דאָך איז דאָס ניט געשעהן. דאָס געזעץ האָט געפאָדערט, דאָס אום צו ענדערן די קאָנסטיטוציאָן מוזען אַנוועזענד זיין ניט ווייניגער פון 2 דריטעל פון דער פערזאַמלונג פון דעם ראַט, און דאָס איז זעהר שווער געווען דורכצופיהרען, ווייל די מיטגלידער פון ראַט פלעגען מיט אַבזיכט ניט קומען אום קיין ענדערונג אין דער קאָנסטיטוציאָן זאָל ניט קענען פאָרקומען און די רעגירונג זאָל בלייבען אין זייערע הענט. מיט דיזען אופן איז די הערשאַפט פערבליבען אין די הענט פון די אַלטע אַדעליגע פאַמיליעס.

אין יאָהר 310 איז געווען אַן אויפשטאַנד געגען דער פערגליוועטער אָליגאַרכיע. אָבער דער אויפשטאַנד איז באַלד דערשטיקט געוואָרען. דער אַדעל האָט זיך בענוצט מיט דער גינסטיגער געלעגענהייט אום צו מאַכען אַזעלכע אויפשטאַנדען אין דער צוקונפט ניט נאָר אונשעדליך נאָר אויך אונמעגליך. עס איז איינגעזעצט געוואָרען אַ קאָמיסיאָן פון 10 שטאַאַטס־אינקוויזיטאָרען, וועלכע האָבען געהאַט אַן אונבעשרענקטע מאַכט צו בעשטראָפען די יעניגע, וועלכע ווילען זיך אויפהייבען געגען דעם שטאַאַט. אָנפאַנגס איז די קאָמיסיאָן געווען בעשטימט נאָר פיר צוויי מאָנאַטען, נאָכדעם האָט מען דיזעס אַמט ערנייערט און פערלענגערט, ענדליך האָט מען די קאָמיסיאָן געמאַכט פיר אַ שטענדיגע אַיינריכטונג און מען האָט זי בעפעסטיגט מיט אַלע שרעקען פון דער גרויזאַמסטער יוסטיץ. פון דאַמאָלס אָן זיינען די געפענגניסען אין די קעלערן, אָדער אין דער הויך אונטער די בלייענע דעכער פון די פּאַלאַצען פון די דאָגען (ווענעציאַנישע ריכטער) געווען פול געפּאַקט מיט אונגליקליכע אָפּפער פון דיזער שטאַאַטס־אינקוויזיציאָן.

מיר האָבען פריהער געזעהען, וואָס פיר גרויסע נוצען די גרינדונג פון לאַטיינישען קייזערטום האָט פערשאַפט צו ווענעציאַ. דיזעס האָבען איהר מקנא געווען פיעלע אַנדערע האַנדעל־שטעדט. ווען מיכאַעל פּאַלאָאָלאָגוס האָט ווידער ערהויבען דאָס ביצאַנטינישע קייזערטום האָט איהם דערפאַר גענוא אונטערשטיצט, אַזוי דאָס ער איז געווען אין שטאַנד צו פערטרייבען די לאַטינער פון קאָנסטאַנטינאָפּעל (1261). דערפאַר האָט ער די גענועזער

געווען זעהר א קריטישע. זיי האָבען געמוזט בעטען פרידען. אָבער דער גענועזישער אדמיראַל האָט געענטפערט, דאָס ער וועט שליסען פרידען נאָר דאַן, ווען ער וועט אָנטאָן א צוים אויף די פיער פערד (מעטאַלענע) אויף דעם מארקוס־פּלאַץ. דיזער שטאָלצער ענטפער האָט שרעקליך אויפגעבראכט די ווענעציאַנער, און זיי האָבען בעשלאָסען צו קעמפען מיט אזא מוט, וואָס די געשיכטע האָט כמעט קיינמאָל ניט געזעהען. דער סוף פון דעם שטרייט איז געווען, דאָס אין יאָהר 1380 האָט דער ווענעציאַנער דאָגע א נ ד ר ע א ק אָ נ ט א ר י נ י בעזיגט דעם אדמיראַל ט י צ י אָ ט ש י ב י אָ מיט זיינע 5,000 מאַן (1380), אַזוי דאָס עס איז שוין פאַר גענוא מעהר ניט גע-ווען וואָס מורא צו האָבען.

ווענעציא האָט זיך אויך בעמעכטיגט איבער אַלע אַנדערע האַנדעל־שטעדט פון איטאַליען און האָט זיי אונטערוואָרפען אונטער איהר מאַכט. ווען דער דאָגע ט אָ מ מ א ס אָ מ אָ ט ש ע נ י ג אָ איז אין יאָהר 1423 געשטאָרבען, האָט ווענעציא בעהערשט דעם גאַנצען ברעג פון אדריאַטישען מעער — פון די מינדונגען פון דעם טייך פּאָ ביז אַלבאַניען. אָבער גענען די טערקען זיינען די ווענעציאַנער ניט אזוי גליקליך געווען. זיי האָבען אפילו א היבשע צייט לאַנג געקעמפט מיט ערפאָלג געגען די טערקישע זעע־רויבער. די בעזיגונג פון קאָנסטאַנטינאָפּעל דורך די טערקען האָט קיין וויכטיגע ענ-דערונג אין דעם צושטאַנד פון דעם ווענעציאַנישען האַנדעל ניט געמאַכט. די טערקען האָבען ניט געקענט הינדערן די ווענעציאַנער אין זייער האַנדעל און די ווענעציאַנער האָבען ניט געקענט צווינגען די טערקען צו שליסען מיט זיי א דויערהאַפטען האַנדעלס־פערטראַג. אָבער דאָס שווארצע מעער איז פערשלאָסען געוואָרען פיר די ווענעציאַנער. ניט בעסער איז זיי געגאַנגען אין עגיפּטען. אויך דאָרט האָבען זיי כמעט אַלעס פערלאָרען.

צו ענדע פון 15טען יאָהרהונדערט איז די רעפּובליק ווענעציאַ געשטאַנען אויף'ן העכסטען פּונקט פון גליק. זי האָט בעהערשט פיעלע לענדער און אינזלען, א גרויסען טייל פון ליוואַדיען און לעפּאַנטאָ, א טייל פון מאָרעאַ מיט פּאַטראַס, ארגאָס, נאַפּאָלי, א טייל פון מאַצעדאָניען מיט טהעססאַלאָניק, די אינזלען דאַנטע, קאָרפו, נעגראָפּאָנטע, ציפּערן און קאַנדיאַ. צוזאַמען האָבען זיי בעהערשט 25,400 קוואַדראַט־מיילען לאַנד מיט א בעפעלקערונג פון 3,800,000 איינוואוינער. אַזוי איז ווענעציאַ געווען די ערסטע זעע־ און האַנדעלס־מאַכט פון יענער צייט. די רייכע לייט ווון ווענעציאַ זיינען דאַ-מאָלס געווען די גרעסטע עשירים אין אייראָפּאַ. דאָס פּאָלק איז געווען דאָס געבילדעטסטע אין דער וועלט, די שטייערן זיינען געווען גרינג, די רע-



ווענעציאַנישע גאַלעאַססע (רודער־ש· — גענועזישעם שיף מיט אַ הויכען באָרט.

די צווייטע וויכטיגע אינדוסטריע אין ווענעציאַ איז געווען די טוך-וועבעריי. די פֿאָדערונגען פון דיזען סאָרט וואַרע פון די ווענעציאַנער איז געווען אַזוי גרויס, דאָס זיי זיינען ניט אין שטאַנד געווען אַרויסברענגען אַזוי פיעל, און זיי האָבען דעריבער געמאַכט פערבינדונגען מיט איינינע שטעדט אין לאָמבאַרדיען זיי זאָלען זיי צושטעלען די וואָלענע סחורות, וואָס זיי האָבען געברויכט צו זייער האַנדעל. ווענעציאַ האָט אויך צוגעשטעלט פיעלע אַנדערע מינים סחורות אין די מזרח-לענדער, ווי צ. ב. וואַפען, שילדען, לאַנצען, שווערדען. די פּאַפּסטען זיינען אפילו געווען זעהר אונצופרידען דערמיט. בעריהמט זיינען אויך געווען פערשיידענע גאָלד-אַרבייטען מיט בעצירונגען, וואָס די ווענעציאַנער האָבען אויסגעאַרבייט ביי זיך און פערקויפט אין אַנדערע לענדער, איבערהויפּט גלאָז-וואַרג, וועלכע איז עד היום פעררעכענט פיר די בעסטע. זייערע געפּאַרבטע און פערגאָלדעטע גלאָז-וואַרג האָט צו זיך קיין גלייכען ניט געהאַט אין אַלע צייטען. זייערע גלעזערנע פערל האָבען אין אַפריקאַ געדינט אַלס מינצען (מטבעות). די שפּיגלען, וואָס זיי פלעגען מאַכען אויף דער אינזעל מוראַנאָ, זיינען געווען גערעכענט פיר די בעסטע און גרעסטע אין דער גאַנצער צייט ביז לודוויג דעם 14טען. ווענעציאַ האָט זיך אויך אויסגעצייכענט מיט איהרע פּאַפּיר-פאַבריקען און דרוקערייען.

עס איז אונז נאָך געבליבען צו זאָגען איינינע ווערטער וועגען דעם קירכען-שטאַאַט אין 14טען און 15טען יאָהרהונדערט. אַלס דאָס פּאַפּסטטום איז אין יאָהר 1305 געווען געצוואונגען איבערצוציהען אין זיד-פראַנקרייך, איז אַלעס אַזוי ווי אַרויס פון אָרדנונג. אָבער דער גרויסער טאַלענטפולער שפּאַניער **אַלבאָרנאָץ** האָט מיט זיינע טרופּען און גרויס רייכטום ווידער בעפעסטיגט דאָס קירכען-רייך און פערשטיקט די געשרייען פון דעם אונצופרידענעם פאָלק, אָבער דאָס פאָלק, איבערהויפּט די אָרימע קלאַס, האָט לאַנג ניט געקענט שווייגען און ליידען. אין יאָהר 1334 זיינען 13 דעלעגאַטען פון פאָלק געגאַנגען נאָך **אַוויניאָן** אום צו גריסען דעם פּאַפּסט **קלעמענס דעם 6טען**, וועלכער איז דאַמאָלס אַריינגעטראָטען אין זיין אַמט. דיזע דעלעגאַטען האָבען דעם פּאַפּסט אַריינגעבראַכט קלאַגען וועגען דער געדריקטער לאַגע, אין וועלכער עס האָט זיך דאַן געפונען די אָרימע קלאַס אין קירכען-רייך (1334—1354). דער פערטרעטער פון די אָרימע און געדריקטע איז געווען **קאָלאַ ריענצי**, דער זוהן פון אַ האָטעל-בעזיצער אין רוים. אָבער די אַלע קלאַגען האָבען ניט געפיהרט צו קיין רעזולטאַט. עס איז אַלעס געבליבען ביים אַלטען.

גירונג — קלוג, די קונסט האָט דאָרט געבליהט אויף דעם בעסטען אופן. ווענעציאַנישע פּאַלאַצען פון יענער צייט ערוועקען נאָך גרויס בעוואונדערונג ביי די היינטיגע אַרכיטעקטען. און דאָס אַלעס האָט ווענעציאַ געהאַט צו פערדאַנקען נאָר איהר לאַגע אין ים און איהר ברייטען האַנדעל.

מערקווירדיג איז, דאָס פון ווענעציאַ און פלאָרענץ איז פערבליבען ביז היינטיגער צייט אַ גאַנצע רייהע פון סטאַטיסטיקען, אַזוי דאָס דיזע צוויי שטעדט ווערען בעטראַכט אַלס דער געבורטס־אָרט פון דער מאָדערנער סטאַ-טיסטיק. מיר ווייסען, דאָס די בעפעלקערונג פון ווענעציאַ אין יאָהר 1422 איז געווען 190,000 זעעלען.

דאָס מערקווירדיגסטע אָבער איז די רעדע פון דעם שטערבענדען דאָגע מאָטשעניגאָ צו איינינע סענאַטאָרען אין 1432. די רעדע ענטהאַלט אין זיך די וויכטיגסטע גרונדלאַגע פיר אַ סטאַטיסטיק פון דעם גאַנצען רייכטום פון ווענעציאַ. נאָך דעם, ווי ווענעציאַ האָט בעצאָהלט אַ חוב פון 4,000,000 דו-קאַטען, וואָס זי האָט געבאָרגט פיר דעם צוועק פון אַ מלחמה, איז זי נאָך געבליבען שולדיג 6,000,000 דוקאַטען. דער גאַנצער קאַפּיטאַל, וואָס איז געווען אַריינגעשטעקט אין האַנדעל, האָט בעטראָפען 10,000,000 דוקאַטען; די הייזער זיינען געווען איינגעשאַצט אין 7,000,000 דוקאַטען. אַדעליגע האָבען זיך אין ווענעציאַ געפונען אין יענער צייט 1,000 פּערזאָן. די הכנסה פון דעם פערמעגען פון אַן אַדעליגען איז געווען פון 70 ביז 4,000 דוקאַטען אַ יאָהר. די שטאַאַטס־איינקונפט האָט בעטראָפען 1,100,000 דוקאַטען אַ יאָהר. צוליב דעם קריג האָט דער האַנדעל געליטען און דורך דעם איז די איינקונפט פון שטאַאַט יענעם יאָהר געווען ווייניגער מיט 800,000 דוקאַטען.

ווענעציאַ איז געווען די וויכטיגסטע שטאָדט פון מיטעלאַלטער אין בע-טרעף פון אינדוסטריע. מעהר פון אַלעס איז אין איהר געווען ענטוויקעלט די זייד־פאַבריקאַציאָן, הגם דער באָדען פון ווענעציאַ איז ניט געווען גינסטיג פיר די פלאַנצונג פון מוילבעער־בוימער. זי האָט געהאַט גענוג רויהע זייד פון די קאָלאָניעס, וואָס זי האָט ערוואָרבען אין גריכענלאַנד, און זי האָט געקענט קאָנקורירען מיט גענואַ אין דיזער אינדוסטריע, ווייל איהר זייד איז געווען בעסער פון דער, וואָס גענואַ האָט פאַבריצירט. נאָך ווענעציאַ זיינען אַריבערגעקומען אַרבייטער און זייד־וועבער פון מאָרעאַ און לוקקאַ, וועלכע האָבען זיך אויסגעצייכענט אין דיזער קונסט, און דעריבער זיינען די ווענע-ציאַנישע שטאָפען אין סאַמעט, זייד און בראָקאַט געווען די בעסטע אין דער צייט פון 14טען און 15טען יאָהרהונדערט.

וועןאיננאָצענץ דער 6טער (1365—1352) איז געוואָרען פּאַפּסט, האָט ער געזוכט צו בענוצען ריענצי׳ס איינפלוס אויף׳ן פאָלק אום צו אונטערוואַרפען דעם רוימישען אַדעל; צו דיזען צוועק האָט ער ער־נאַנט ריענצי אַלס סענאַטאָר און האָט איהם געשיקט נאָך רוים. דאָ האָט דער פאָלקסמאַן געמוזט אין דעם נאָמען פון דער קוריע אַרויסגעבען אַ נייע פערפאַסונג, וועלכע איז בעוואוסט אונטער דעם נאָמען עגידישע קאָנסטיטוציאָן. דאָס פאָלק האָט מיט גרויס פרייד בעגעגענט דיזע נייעס, ווייל דיזע קאָנסטיטוציאָן האָט פערשפּראָכען צו מאַכען אַן ענדע צו דער פערהאַסטער הערשאַפט פון אַדעל. אָבער ריענצי איז יעצט שוין מעהר ניט געווען דער אַלטער בעגייסטערטער פאָלקסמאַן; ער איז יעצט געוואָרען אַ טרייער דינער פון פּאַפּסט. ער האָט געזוכט צו בעפרידיגען זיין דורסט נאָך

קאָלאַ ריענצי.

געלט. ער האָט געלאָזט ערמאָרדען דעם רייכען באַנדען־פיהרער פראַ מאָרעאַלע אום זיין רייכטום זאָל איבערגעהן צום פּאַפּסט. ער האָט אַרויפגעלעגט אויף דאָס פאָלק נייע שווערע שטייערן אום צו פערמעהרען דעם פּאַפּסט׳ס איינקונפט. דורך דעם האָט ריענצי פערלאָרען זיינע אָנהענגער. דעם 8טען אָקטאָבער 1324 האָט זיך פערזאַמעלט אַ גרויסע מאַסע פון פאָלק אַרום דאָס שטאָדט־הויז און האָט געשריען: „לעבען זאָל דאָס פאָלק! טויט דעם פעררעטער קאָלאַ ריענצי!‟ ער איז אַרויס אויף דעם באַלקאָן אום צו רע־דען צום פאָלק, אָבער דאָס פאָלק האָט איהם איבערגעשריען, אַזוי דאָס קיי־נער האָט ניט געהערט וואָס ער האָט גערעדט. דאָס פאָלק האָט אויף איהם געוואָרפען שטיינער און פיילען. ריענצי האָט געמוזט ענטלויפען. ער האָט

אלס קאָלאַ ריענצי איז צוריקגעקומען אין רוים, האָט ער אָנגעהויבען ערנסט צו טראַכטען, ווי צו בעזייטיגען די הערשאַפט פון די אַדעללייט, וואָס דריקען אַזוי דאָס אָרימע פאָלק. דעם 20טען מאַי 1347 איז ער מיט אַ גרויסער מאַסע פון פאָלק אַוועק צום קאַפּיטאָל, און מיט דער צושטימונג פון דעם לעגאַט (פערטרעטער) פון פּאַפּסט, איז ער ערנאַנט געוואָרען אלס פאָלקס־טריבון. דאַן האָט ער די אַדעליגע אַרויסגעיאָגט פון שטאָדט און האָט זיי אָנגעהויבען צו משפּט׳ן. פיעלע פון די אַריסטאָקראַטען האָבען זיך גע־מוזט אונטערגעבען אונטער דער מאַכט פון דעם פאָלקס־פיהרער. נאָכדעם האָט ער געמאַכט אַ נייע קאָנסטיטוציאָן, לויט וועלכער די איינגאַהמע פון שטאָדט זאָל בענוצט ווערען נאָר פיר די אָרימע. די סענאַטאָרען זיינען אַראָפּגעזעצט געוואָרען, און קאָלאַ ריענצי האָט ערהאַלטען דאָס רעכט צו ער־וועהלען נייע בעאַמטע און די מאַכט צו שאַפען איבער לעבען און טויט. ריענ־צי׳ס אויפגאַבע איז געווען צוריקצושטעלען די אַלטע רוימישע רעפּובליק. ער האָט געשריבען איינלאַדונגען צו אַלע פירסטען און שטעדט פון איטאַליען, אויך צום קייזער און קעניג פון פראַנקרייך, צו פערזאַמלען זיך אין דער אַל־טער וועלט־שטאָדט רוים, אום דיזע אידעע צו פערווירקליכען, איבערהויפּט צו פערברידערן די צושפּליטערטע, צוברעקעלטע קרעפטען פון איטאַליען. אָבער פון דיזען געדאַנק איז גאָרניט געוואָרען. עס האָבען זיך אפילו פער־זאַמעלט פיעלע פירסטען אין רוים (2טען אויגוסט, 1347), אָבער עס האָט צו גאָרניט געפיהרט.

די אַדעל־פּאַרטיי האָט דערווייל צוזאַמענגענומען איהרע קרעפטען און האָט איבער־אַ־נייס אַריינגעכאַפּט די הערשאַפט אין איהרע הענט. דעם 20טען נאָוועמבער 1347 האָט דער אָנפיהרער פון די אַדעליגע ק אָ ל אָ נ נ אַ געשטורמט רוים. ער איז אפילו פון דעם פאָלק צוריקגעשטויסען געוואָרען, אָבער ריענצי׳ס איינפלוס איז אָפּגעשוואַכט געוואָרען. דער פּאַפּסט האָט איהם אויפגעהערט שטיצען, און ער האָט געמוזט נאָך זיין צעהן־מאָנאַטליכער הערשאַפט ענטלויפען און איבערלאָזען די מאַכט צו די אַדעליגע, וועלכע זיי־נען אין 1348 צוריקגעקומען נאָך רוים. ער איז ענטלאָפען צום קייזער קאַרל דעם 4טען אין פּראַג, אָבער דיזער האָט איהם געלאָזט שמידען אין קייטען און האָט איהם אָפּגעשיקט צום פּאַפּסט קלעמענס דעם 6טען אין אַוויניאָן. דאָ איז אָבער ריענצי בעהאַנדעלט געוואָרען מילד. דאָס האָט ער געהאַט צו פערדאַנקען דער פריינדליכער אַריינמישונג פון דעם בעריהמטען פּאָעט פּעט־ראַרקאַ.

צע פּאַפּסטטום רואינירט. דער ערגסטער פון די נעפּאָטען איז געווען דער קארדינאַל פּ י ע ט ר אָ ר י אַ ר י אָ, וועלכער איז געווען אַ פּלעמעניק פון דעם פּאַפּסט סיקסטוס. דיזער פּ עטראָ ריאַריאָ איז געווען אַ גרויסער בעל תאוה, אַ גאָטלאָזער מענש. זיינע פּאָליטישע פּלענער זיינען געווען אַזעלכע, וועלכע האָבען געמאַכט רעדען וועגען זיי גאַנץ איטאַליען. ער האָט זיך פעראייניגט מיט דעם הערצאָג גאַלעאַצצאָ מאַריאַ פון מאַילאַנד. דער אָפּמאַך צווישען זיי איז געווען, דאָס ריאַריאָ זאָל העלפען דעם הערצאָג צו ווערען קעניג אין לאָמבאַרדיע, און דיזער זאָל שטיצען ריאַריאָ צו ווערען פּאַפּסט אפילו מיט'ן שווערד. דער פּלאַן איז אָבער צושטערט געוואָרען, ווייל פּיעטראָ איז פּלוצלינג געשטאָרבען.

די נעפּאָטען (ד. ה. די קירכען־בעאַמטע, וואָס זיינען געווען קרובים צום פּאַפּסט) האָבען אָנגעמאַכט שרעקליכע אונרוהען אין איטאַליען, ווייל זיי האָבען געשטרעבט צו בילדען אין דיזען לאַנד איין גרויסעס פירסטענטום, און דיזעס האָט געפיהרט צו רייסערייען צווישען די פיעלע קליינע הערשער. יעדער נעפּאָט האָט געזוכט אַלערליי מיטלען צו פערבלייבען הערשער אויך נאָך דעם טויט פון דעם פּאַפּסט זיין קרוב, וועלכער האָט איהם פערשאַפט די הערשאַפט. אָבער מיט וואָס קען מען זיך פערזיכערן, דאָס דער נעכסטער פּאַפּסט וועט ניט אַרויסשטויסען דעם נעפּאָט פון זיין פאָרגענגער אום צו פערשאַפען די הערשאַפט אָדער די שטעלע צו זיין אייגענעם נעפּאָט? פיעלע האָבען דעריבער בעשלאָסען צו מאַכען זייערע שטעלעס פיר אַ מיטעל צו שאַפען גרויסע קאַפּיטאַלען. די קאַרדינאַלען האָבען אָנגעפאַנגען צו פערקויפען דעם פּאַפּסטליכען שטול פיר אונגעהייער גרויסע סומעס, און די פּאַפּסטען האָבען נאָכדעם געזוכט אַרויסצונעהמען זייערע הוצאות דורך פערקויפען גייסטליכע שטעלעס, אָבער דאָס איז געווען ווייניג, עס האָט די גרויסע הוצאות ניט געדעקט. דאַן האָט מען צוגעטראַכט אַן אַנדער מיטעל: צו פערקויפען אַמנעסטיעס, ד. ה. מחילה־בריף, צו אַלע פערברעכער. איבערהויפּט זיינען געווען בעשטימט גרויסע סומעס אויסקויף־געלט פיר אַזעלכע, וואָס האָבען בעגאַנגען אַ מאָרד, פיר וועלכען זיי האָבען ערוואַרטעט אַ טויט־אורטייל. דיזער מיטעל האָט אַריינגעבראַכט אין די פּאַפּסטליכע קאַסע אונגעהייערע סומעס געלט. אין דער צייט פון דעם פּאַפּסט אינאָצענץ דעם 8טען איז רוים געווען פול מיט מערדער, וואָס זיינען געקומען זיך אויסקויפען פון טויט־שטראָף מיט גרויסע סומעס געלט, וואָס זיי האָבען געבראַכט צום פּאַפּסט. דאָס לאַנד איז געוואָרען פול מיט מערדער און רויבער; מען האָט בערויבט ניט נאָר רייזענדע און פּילגרימען (פרומע וואַנדערער), נאָר מען האָט אויך בערויבט

זיך איבערגעטאָן אין בעטלער־קליידער, מען האָט איהם אָבער געכאַפּט און ערמאָרדעט. זיין קערפּער האָט מען געשלעפּט איבער די גאַסען און נאָכדעם פערברענט.

אָבער ניט אכטענדיג דערויף, וואָס דאָס פאָלק האָט בעוויזען אַזוי פיעל מוט געגען דעם פּאַפּסט'ס ליבלינג, האָט זיך דער קירכען־שטאַאט דאָך געפּוּנען אונטער דער הערשאַפט פון פּאַפּסט, און אורבאַן דער 5טער (1370—1392) האָט זיך איבערגעקליבען צו וואוינען אין רוים. אָבער דער אַדעל האָט איהם ניט רעספּעקטירט, און ער איז אַוועק צוריק נאָך אַוויניאָן.

מיט דעם, וואָס די קירכע האָט זיך צושפּאָלטען אויף צווייען מיט צוויי פּאַפּסטען, איינעם אין רוים און איינעם אין אַוויניאָן, איז די לאַגע פון פּאַפּסטטום געוואָרען פיעל ערגער. פיעלע פון די גרויסע פאַמיליעס אין רוים און פיעלע פירסטען זיינען געוואָרען דעם פּאַפּסט'ס אָפענע געגנער. נאָך ערגער האָט געמאַכט די לאַגע די שלעכטע אויפפיהרונג פון דער קירכע. דאָס האָט שוין צופיעל דעם פאָלק די אויגען געעפענט. אין רוים האָט זיך ענטוויקעלט געגען דעם פּאַפּסט אַ בעזונדערער ראַדיקאַליזם. די אידעע און דער וואונש פון דיזע געגנער איז געוועזען צו פערניכטען יעדעם פּריוואַט־אייגענטום. דער פּאַפּסט פּיאוס דער 2טער (1459) האָט געזאָגט, אַז ער וואָלט זיצען וואו עס איז, נאָר ניט אין רוים. דעם פּאַפּסטטום איז דאַמאָלס געבליבען צו טאָן איינס פון די צוויי, ענטוועדער.אונטערצוגעבען זיך און אָפּזאָגען זיך פון יע־דער וועלטליכער מאַכט, אָדער צו הערשען איבער די פירסטען מיט אַן אייזערנער האַנט און צווינגען זיי זיך אונטערצוגעבען.

דער פּאַפּסט סיקסטוס דער 4טער האָט בעשלאָסען צו טאָן דאָס צווייטע. ער האָט אַריינגענומען די איטאַליענישע פּאָליטיק אין זיינע הענט און האָט גאָר ניט געאַכטעט אויף די אונצופרידענהייט פון די הערשער פון גאַנצען מערב־לאַנד. די געלט־מיטלען צו דיזען קאַמף האָט איהם פערשאַפט די סימאָניע, וואָס ער האָט דאַמאָלס איינגעפיהרט. דאָס איז גע־וועזען אַן אָפענער האַנדעל מיט גייסטליכע שטעלען. פון אַ קאַרדינאַל־אַמט ביז דער קלענסטער שטעלע אין דער קירכע איז אַלעס פערקויפט געוואָרען פיר געלט. ווער עס האָט געגעבען מעהר, דער האָט עס בעקומען. דיזער מסחר האָט אַריינגעבראַכט גרויסע סומעס געלט. די סימאָניע האָט דעם פּאַפּסטטום געבראַכט פיעל שאָדען און האָט זיין אויטאָריטעט אין גאַנצען פערניכטעט. אָבער נאָך מעהר האָט געשאַדט דעם פּאַפּסטטום דער נעפּאָ־טיזם, ד. ה. דער מנהג צו געבען שטעלעס אין דער קירכע און איבעראַל נאָר צו קרובים פון די גרעסערע גייסטליכע בעאַמטע. דאָס האָט שיער דאָס גאַנ־

גרעסטער דיכטער פון זיין צייט. דעם גרעסטען בייפאַל האָבען געהאַט זיינע סאָנעטען, וועלכע ער האָט געשריבען צו אַ דאַמע מיט'ן נאָמען לאַורא.

אויך זיינע פּאָליטישע געשיכטען האָבען אַ גרויסען ווערט. דאָס מערק-ווירדיגסטע אונטער זיי איז דאָס געדיכט, וואָס ער האָט געשריבען וועגען ריענצי נאָך דעם, ווי ער האָט זיך מיט איהם בעקענט אין אַוויניאָן. פּעט-ראַרקאַ איז געוואָרען ענטציקט און בעגייסטערט פון דעם יונגען רוימער און האָט וועגען איהם געשריבען איינס פון זיינע בעריהמטעסטע געדיכטען.

פּעטראַרקאַ.

דאָס, וואָס פּעטראַרקאַ האָט געטאָן פיר די פּאָעזיע, האָט **דזשיאָ-וואַנני באָקאַטשיאָ** געטאָן פיר די אויסבילדונג פון פּראָזאַ. באָ-קאַטשיאָ איז געבאָרען געוואָרען אין פּאַריז אין יאָהר 1313 פון אַ פראַנ-צויזישער מוטער. זיין פאָטער איז געוועזען אַ רייכער סוחר אין פלאָרענץ, און ער האָט געגעבען זיין זוהן אַ זעהר גוטע ערציהונג. דער יונגער דזשיאָ-וואַנני באָקאַטשיאָ האָט לויט דעם וואונש פון זיין פאָטער זיך בעדאַרפט ווידמען צום האַנדעל און צו יוריספּרודענץ, אָבער דיזע ביידע געגענשטענדען האָבען איהם ניט צוגעצויגען, און ער האָט זיך בעסער איבערגעגעבען צו שטו-דירען די אַנטיקע (פּאַרציייטיגע) פּאָעזיע. אַ גרויסען איינפלוס אויף די ענט-וויקלונג פון זיין פּאָעטישען גייסט האָט געהאַט די ליבע, וואָס ער האָט גע-

אַ גאַנצע געזאַנדטשאַפט פון דעם דייטשען קייזער מאַקסימיליאַן, וועלכע איז געשיקט געוואָרען מיט פּאָליטישע צוועקען צום פּאַפּסט, אַזוי דאָס די גע-זאַנדטשאַפט האָט ניט געהאַט די מעגליכקייט צו זעהן דעם פּאַפּסט און אַפילו קומען אין רוים, און האָט זיך אומגעקעהרט צוריק צום קייזער מיט לע-דיגע הענט און לעדיגע טאַשען. אָבער דיזעס אַלעס איז נאָך גאָר ניט אין פערגלייך מיט די מעשים תעתועים, וועלכע דער פּאַפּסט אַלכסנדר דער 6טער האָט זיך ערלויבט צו טאָן. דיזען אויסוואורף האָט מען מיט רעכט אָנגערופען „גרויסער קינסטלער פון פערברעכען”. אָבער וועגען איהם וועלען מיר רעדען שפּעטער, ווייל ער געהערט שוין צו דער נייער געשיכטע.

די ליטעראַטור.

דעם זעלבען איינפלוס, וואָס ווירגיל האָט געהאַט אויף דאַנטע'ן, האָט זייזער לעצטער געהאַט אויך אויף דעם איטאַליענישען פּאָעט פון דיזער צייט, פראַנטשעסקאָ פּעטראַרקאַ. דיזער דיכ-טער איז געבאָרען געוואָרען אין יאָהר 1304 אין אַרעצצאָ. ווען ער איז נאָך געווען אַ אינגעל איז ער אַוועק אין אַוויניאָן, וואו ער האָט געקראָגען אַ היבשע בילדונג און האָט געזוכט אַ שטעלע אין פּאַפּסט'ס הויף. דאָ האָט ער זיך גיך ענטוויקעלט אונטער דעם איינפלוס פון דער שענער נאַטור. שפּע-טער האָט איהם זיין פּאָטער געשיקט אין די הויך־שולען פון מאָנפּעללייער און באָלאָניאַ, וואו ער האָט לויט דעם וואונש פון זיין פּאָטער געשטודירט יורים-פּרודענץ. דיזע טרוקענע וויסענשאַפט האָט איהם אָבער ניט צוגעצויגען און ער האָט דעריבער נאָך דעם טויט פון זיין פּאָטער זיך איבערגעגעבען צו דעם שטודיום פון פּאָעזיע, איבערהויפּט דער רוימישער. פון זיין פּאָטער'ס ירושה איז איהם געבליבען זעהר וועניג, ווייל שלעכטע מענשען האָבען זי צורויבט, דעריבער איז ער אריינגעטרעטען אין דעם גייסטליכען שטאַנד. זיין פּאָ-עטישער גייסט, זיין גרויסע רעדע־קראַפט און זיין שענעס אויסזעהן האָבען איהם באַלד פערשאַפט פיעלע אָנהענגער און אָנזעהן, און ער איז באַלד גע-וואָרען אַ וויכטיגע פּערזאָן אין דער געזעלשאַפט פון יענער צייט. דעם רעסט פון זיינע יאָהרען האָט ער פערבראַכט אויף זיין לאַנד־גוט נעבען פּאַדואַ און האָט זיך איבערגעגעבען צום שטודיום. פּעטראַרקאַ איז געשטאָרבען דעם 18טען יולי 1374 אין עלטער פון פולע 70 יאָהר.

פּעטראַרקאַ איז שוין ביי זיין לעבען געוואָרען בעריהמט פיר זיינע פּאָ-עטישע ווערק. אויף דעם קאַפּיטאָל איז ער געקרוינט געוואָרען אַלס דער

באָקאַטשיאָ'ס ווערק אָפּ דעם כאַראַקטער פון דעם איטאַליענישען לעבען, עס ווייזט, ווי דאָס פאָלק האָט געפיהרט אַ זיטענלאָזעס לעבען און האָט גע-שטרעבט צו אַ גוטען טאָג, ניט קימערנדיג זיך וועגען מאָראַל און אַנשטענדיג-קייט.

באָקאַטשיאָ האָט מיט זיינע נאָוועלען געהאַט זעהר פיעלע נאָכטוער. אָבער קיינער פון די, וואָס האָבען איהם נאָכגעטאָן, קען זיך מיט איהם ניט פערגלייכען אין קינסטלערישער פיינהייט. נאָר אין איין פונקט האָבען זיי באָקאַטשיאָ'ן איבערטראָפען: אין נבול-פה, אין אויסגעלאַסענע שפּראַך. די אויסגעלאַסענסטע ערצעהלונגען האָט פערפאַסט באַנדעללאָ, אַן ערץ-בישאָף. דעם איטאַליענישען עפּאָס (העלדען-געדיכט) פעהלט די נאַציאָ-נאַלע אונטערלאַגע. עס איז אַ מין קינסטליכע פלאַנצע, וועלכער עס האָט געפעהלט דאָס נאַטירליכע לעבען. פון די שרייבער, וואָס האָבען געאַרבייט אויף דיזען געביט, איז צו דערמאָהנען: פּאָליציאַנאָ און לואי-דזשי פולטשי, וועלכער האָט גענומען דעם שטאָף פיר זיינע העל-דען-געדיכטען פון די זאַגעס וועגען קאַרל דעם גרויסען. זיי זיינען פול מיט וויצען און קאָמישע איינפאַלען, אָבער זיי זיינען ווייט פון וואַהרע העלדען-געדיכטען. מעהר פון אַלע אַנדערע פערדינט דעם נאָמען עפּאָס דאָס ווערק פון באָיאַרדאָ (1434—1494) אונטער דעם טיטעל „דער פערליבטער ראָלאַנד". די געשטאַלטען זיינען אין דיזען ווערק אַלע גוט געצייכענט. אָבער די ווירקונג פון דיזען עפּאָס איז געבליבען בעשרענקט נאָר אויף דאָס פאָרנעהמע פובליקום.

פיהלט צו א פערהייראַטעטער דאַמע, וועלכע איז געווען אן אונגעזעצליכע טאָכטער פון דעם קעניג פון נעאַפעל. אין נעאַפעל האָט ער ערוואָרבען די קענטניס פון דער גריכישער שפּראַך, און דאָ איז ער אויך בעקאַנט געוואָרען מיט פעטראַרקאַ. שפּעטער האָט באָקאַטשיאָ געוואוינט אין פלאָרענץ. דאָ האָט ער געגרינדעט אין דער הויך־שולע א קאַטהעדראַ פיר גריכישע ליטעראַטור און א קאַטהעדראַ פיר דאָס שטודיום פון דאַנטע'ס ווערק „די געטליכע קאָמעדיע", וועלכע ער האָט אַליין פערנומען. באָקאַטשיאָ איז געשטאָרבען אין יאָהר 1375 אין עלטער פון 62 יאָהר.

באָקאַטשיאָ.

די וויכטיגסטע פון באָקאַטשיאָ'ס ווערק איז די נאָוועלען־זאַמלונג אונטער דעם טיטעל „ד ע ק א מ ע ר אָ נ ע". דער פּאָעט שטעלט פאָר ווי אין יאָהר 1348, ווען אין איטאַליען האָט געבושעוועט די שרעקליכע פּעסט, זיינען זיבען מענער און זיבען מיידלאַך, וועלכע זיינען געווען יונג און גייסטפול, ענטלאָפען פון דער פּעסט אויף א לאַנד־גוט, וואו זיי האָבען פערבראַכט די צייט אין אינטערעסאַנטע ערצעהלונגען. דער שטאָף פיר דיזע ערצעהלונגען איז געווען זעהר פערשיידען. נעבען פיינהייט געפינט זיך דאָ די גרעסטע שטיפעריי און אויסגעלאַסענקייט. איבערהויפּט איז דאָרט געשילדערט די אויסגעלאַסענקייט פון די גייסטליכע פון יענער צייט. ער שטעלט זיי דאָרט פאָר זעהר קאָמיש. זיין סאַטירע איז זעהר בייסענד. אין אַלגעמיין שפּיגעלט

שער ריטערשאפט. דעם ערסטען רוהם האָט ער זיך ערוואָרבען אונטער ס א נ ט ש אָ ד ע ם 2 ט ע ן (1067—1072) פון קאסטיליען, נאָך דעם, ווי ער האָט דורך זיין קלוגהייט און מוטיגקייט געזיגט איבער זיינע פער-וואנדטע. אלס סאנטשאָ איז שפּעטער ערמאָרדעט געוואָרען, האָבען די קאַס-טיליער ערוועהלט אלס קעניג זיין ברודער א ל פ אָ נ ס, אָבער מיט דער בעדינגונג, דאָס ער זאָל שווערען, דאָס ער האָט קיין אַנטייל ניט געהאט אין דעם מאָרד פון זיין ברודער סאנטשאָ. דאָס פאָלק האָט איבערגעגעבען צו ציד'ן, ער זאָל פון אלפאָנס'ן נעהמען די פערלאנגטע שבועה. דער קעניג אלפאָנס איז געוואָרען דערפאר ציד'ן א בלוט-פיינד, ער האָט עס אָבער ניט געלאָזט מערקען. נאָר דער קעניג האָט זיין האס צו ציד'ן לאנג ניט געקענט באהאלטען, און אין יאָהר 1087 האָט ער איהם פערטריבען פון לאנד.

דיזע אונדאנקבארקייט האָט ציד'ן שרעקליך ערביטערט און ער איז אריבער צו די מאורישע עמירען (פירסטען) פון דעם שטאם ב נ י - ה ו ד און האָט געקעמפפט פיר זיי מיט גרויס ערפאָלג געגען מוסולמאנער ווי געגען קריס-טען. ער האָט געשלאָגען דעם קעניג פון אראגאָניען, דעם מארק-גראף פון בארצעלאָנא, ר א מ אָ ן ב ע ר ע נ ג א ר ד ע ם 2 ט ע ן. דיזען האָט ער זאָגאר גענומען געפאנגען.

דיזע העלדענטאטען האָבען בעוואויגען אלפאָנס'ן צוריקצורופען דעם העלד צו זיין הויף. ציד איז צוריקגעקומען, אָבער אין א קורצער צייט האָט ער ווידער פערלאָרען דעם צוטרויען צום קעניג, איז ווידער אוועק נאָך סאראגאָססא, אָבער איז ענדליך ווידער געקומען צו אלפאָנס'ן. אזוי האָט ער זיך געוואָרפען אויף ביידע זייטען: פיר די קריסטען און געגען די קריס-טען — ווי עס האָט איהם בעסער געפאסט צו זיינע אייגענע אינטערעסען. נאָך אונזערע היינטיגע בעגריפען פון א פיינערען כאראקטער איז ציד ווערט געוועזען מען זאָל איהם פעראכטען. אָבער אין יענע צייטען האָבען די ריטער געהאט א גאנץ אנדער בעגריף פון עהרע. נאָך זייערע בעגריפען זיינען קריי-גערישע אייגעשאפטען, ענערגיע, מוט און קלוגהייט געוועזען העכער פון אלע מאָראלישע אייגענשאפטען, פּאָליטישע און אפילו קירכליכע געזינונגען. צו זיין גרויסען רוהם האָבען נאָך געהאָלפען זיינע קאמף-חברים, וועלכע האָבען דורך זיינע זיגען געקראָגען פיעל קריגס-רויב און האָבען דעריבער זיין נאָמען געהויבען אין הימעל. ביי ריטער, וואָס זוכען כבוד און געלט און נצחון, איז גאָר ניט געוועזען קיין שאנדע און קיין פערברעכען געהן דינען ביי אן אונגלויביגען פירסט און זוכען צו שאדען זיין אייגענעם הערר.

די געשיכטע פון שפאַניען און פּאָרטוגאַל.

מיט דער גלענצענדער הערשאפט פון עבד־ער־ראחמאן דעם 3טען און אל־חאכים (961—976) האָט זיך די מאכט פון די אָמעיאדען אין שפאניען געענדיגט. דער שוואכער האשעם דער 3טער (976—1013) האָט פערבראכט זיין לעבען אין זיסען רוהיגען לעדיג־געהן און שפאצירען אין די שענע גערטנער פון זיין שלאָס, אזוי דאָס די רעגירונג האָט ביסלאַכווייז אָנגעהויבען איבערגעהן צו זייערע וויזירען און שטאַטהאַלטער און די מאכט פון די אַראַבער אויף דער פירענעאָישער האַלב־אינזעל האָט אָנגעפאנגען צו זינקען ביז זי איז ענדליך אריבער צו קריסטליכע הערשער. די שטאַטהאַלטער זיינען געוואָרען אונאָפּהענגיג און האָבען זיך ענטזאגט צו געהאָרכען די כאַליפען. אזוי איז דער שטאַאַט צוריסען געוואָרען אויף קליינע פירסטענטימער און דעם פיינד איז געווען לייכט יעדעם בעזונדער צו בעזיגען. עס האָבען זיך אָנגעפאנגען צו גרינדען ביסלאַכווייז קריסטליכע הערשאַפטען אין אראַגאָניען, נאַוואַררא, קאַטאַלאָניען, אָדער באַרצעלאָנא. דיזע קליינע קעניגרייכען האָבען אָנגעפאנגען ביסלאַכווייז אָפּשוואכען די מאכט פון די אראבער אויף דער פירענאָאישער האלב־אינזעל. עס איז די גלענצענדסטע פעריאָדע פון קריסטליכען ריטערטום אין דער געשיכטע. דער קאמף צווישען איסלאם (מאחמעדאַנישע לעהרע) און קריסטענטום אין דיזען אָרט האָט געדויערט כמעט 800 יאָהר. מיר וועלען זיך בעשרענקען צו מיטטיילען נאָר די וויכטיגסטע מאָמענטען פון דיזען לאנגען קאמף.

דער וויכטיגסטער קעמפער פון די קריסטען צו יענער צייט איז געווען דער גראף רואי דיאז דע וויוואר, וועלכען די קריסטען פון זיין צייט האָבען גערופען קאָמפעאַדאָר (פּאָרקעמפּער), און די מאַורען האָבען גערופען „ציד”. ער איז געווען אזא גלענצענדער קעמפער, דאָס ער איז דאמאָלס געווען גערעכענט אלס פּאָרבילד פון דער שפאני-

דערע — מיט ראַמאָן בערענגאַר דעם 3טען פון באַרצע-לאָנאַ. ראָדריגאָ איז געווען דער אור־פּאָטער פון די שפּאַנישע קעניגליכע דינאַסטיעס.

אין דער צייט פון ציד איז די אַראַבישע הערשער־דינאַסטיע געפאַלען. אין דעם יאָהר 1031 האָט אויסגעבראָכען אַ שטאַרקער קריג צווישען די אָמע-

ציד׳ס אַיינצוג אין וואַלענציאַ.

יאַדען און די אַפריקאַנישע הערשער פון די עדריזידען איבער קאָר-דאָוואַ. דיזער קריג האָט געמאַכט אַן ענדע צו דער דינאַסטיע פון די אָמעיאַ-דען. דאָס אַראַבישע רייך איז צופאַלען אין מעהרערע טיילען, נעמליך אין סעווילאַ, טאָלעדאָ, וואַלענציאַ און סאַראַגאָססאַ. דער רעזולטאַט דערפון איז געווען, דאָס טאָלעדאָ, טאַלאַווערא, מאַדריד און אַנדערע שטעדט זיינען

אָבער די אַלע גליקען האָבען ציד'ן ניט צופרידען געשטעלט. ער האָט בעשלאָסען צו פערשאַפען זיך אַן אונאָפּהענגיגע שטעלונג, און דאָס איז איהם געלונגען צו ערווערבען. ער האָט זיך בענוצט דערמיט, וואָס אין וואַלענציאַ זיינען געוועזען שטרייטיגקייטען צווישען די מאַורישע הערשער. ציד האָט פּרי-הער זיך אָנגענומען פיר די עוולה, וואָס מען האָט ערמאָרדעט דעם עמיר יאַהיאַ־אַל־קאַדיר. ער האָט זיך פאָרגענומען צו נעהמען נקמה פון זיין מערדער קאַדי אבן דזשאַהאַף. דורך בעטרוג און מוט האָט ער געצוואונגען די איינוואוינער פון וואַלענציאַ זיך אונטערגעבען צו איהם. אין יאָהר 1094 איז ער אַריין אַלס זיגער אין שטאָדט. ער האָט אָבער בעפלעקט זיין רוהם דערמיט, וואָס ער האָט קיין וואָרט ניט געהאַלטען געגען די אונטערגעגעבענע, און האָט דעם קאַדי גרויזאַם ערמאָרדעט. די בע-זיגטע מאַורען האָט ער געצוואונגען דורכגעהן פאַרביי איהם מיט בלויזע קעפּ און באָרפוס אַלס צייכען פון ערנידערונג, און דעם קאַדי האָט ער געלאָזט פער-ברענען דערפאַר, וואָס ער האָט איהם ניט איבערגעגעבען אַלע זיינע אוצרות (1094). פינף יאָהר האָט ציד אָדער, ווי ער האָט זיך דאַמאָלס גערופען, דאָן ראָדריגאָ, געהערשט אין וואַלענציאַ. אין יאָהר 1098 איז עס איהם געלונגען אויף מאַרוויעדראָ איינצונעהמען. אין יאָהר 1099 איז ציד גע-שטאָרבען פון עגמת נפש, אַלס ער האָט געקריגען אַ שלעכטע בשורה, דאָס זיינער אַ נאָהענטער קרוב, צו וועמען ער האָט געשיקט זיינע סאָלדאַטען צו הילף, איז געפאַלען און זיינע סאָלדאַטען זיינען בעזיגט געוואָרען. זיין פרוי חימענאַ האָט פאָרטגעזעצט די הערשאַפט איבער וואַלענציאַ. זי איז גע-ווען אַ העלדישע פרוי. זי האָט אָנטייל גענומען אין זיינע קריגערישע אונטער-נעהמונגען, איז פיעלע מאָל צוזאַמען מיט איהם געווען אין שטרייט אויף'ן שלאַכטפעלד און פלעגט איהם געבען זעהר גוטע עצות און פּלאַנען. צוויי יאָהר האָט זי זיך נאָך געהאַלטען אין וואַלענציאַ, ביז זי האָט בעשלאָסען אין מאַי 1102 די שטאָדט איבערצוגעבען. צוויי יאָהר שפּעטער איז חימענאַ גע-שטאָרבען, און מען האָט זי בעערדיגט ביי דער זייט פון איהר מאַן, וועמעס קערפּער זי האָט די גאַנצע צייט זינט ער איז געשטאָרבען געהאַלטען ביי זיך און האָט איהם ניט געוואָלט אָפּגעבען צו בעערדיגען. זיין זוהן דיעגאָ ראָדריגאָ איז געוועזען אין מוטיגקייט געראָטען אין זיין פאָטער. ער האָט אָבער ניט לאַנג געלעבט. ער איז געפאַלען אין אַ שלאַכט מיט די מאַורען. דאָן ראָדריגאָ האָט געלאָזען צוויי טעכטער, פון וועלכע איינע האָט געהייראַטעט מיט דעם פּרינץ ראַמיראָ פון נאַוואַררא, און די אַנ-

שטייערן, אין געזעצגעבונג, אין ערקלערען קריג אָדער שליסען פרידען, צו קאָנטראָלירען די איינקונפטען און די אויסגאַבען פון דעם שטאַאַט, און נאָך אנדערע רעכטען און פרייהייטען.

די פערשיידענע שטאַנדען האָבען נאָך דיזע רעכטען פיעל פערברייטערט. זיי האָבען צווישען זיך געמאַכט אַ גוט אָרגאַניזירטע „יוניאָן" און האָבען געצוואונגען דעם קעניג אלפאָנס דעם 3טען (1285—1291) אונטערצושרייבען דאָס יוניאָן-פּריווילעגיום. דיזער דאָקומענט האָט זיי געגעבען דאָס רעכט צו פעראייניגען, זיך צו בעוואַפנען און ערוועהלען אַ נייעם קעניג אין פאַל ווען ער וועט וועלען זייער פרייהייט צונעהמען אָדער קירצען. כאַראַקטעריסטיש פיר די צושטענדען פון יענער צייט איז די פאָרמעל פון אָנערקענונג פון דער קעניגליכער מאַכט, מיט וועלכער דער קעניג האָט זיך געמוזט צופרידען שטעלען. די דאָזיגע פאָרמעל האָט געלויטעט: „מיר, וועלכע זיינען אַזוי וויכטיג ווי איהר, מאַכען אייך פיר אונזער קעניג און הערר מיט דעם צוועק איהר זאָלט אונז שיצען אונזערע רעכטען און אונזערערע פרייהייטען; ווען אָבער ניט, — ניט!" די יוניאָן האָט דאַן אויסערוועהלט אַ קאָמיטע, וואָס זאָל אַכטונג געבען און קאָנטראָלירען אַלע האַנדלונגען פון קעניג, אום ער זאָל ניט צופיעל מאַכט אַריינכאַפּען אין זיינע הענט.

אין דער צייט פון דער רעגירונג פון פעדראָ דעם 4טען (1337—1387) האָט זיך אָנגעהויבען אַ שטאַרקער קאַמף צווישען דעם קעניג און דעם פאָלק. פעדראָ איז ניט געווען צופרידען צו בלייבען אין שאָטען און צו פיהלען די אויבערמאַכט פון פאָלק איבער זיך. עס איז פאָרגעקומען אַ שלאַכט צווישען דער יוניאָן און דעם קעניג, און די יוניאָן איז געוואָרען בעזיגט אין דער שלאַכט ביי עפּילאַ אין יאָהר 1348. דאַמאָלס האָט דאָס פאָלק פערלאָרען דאָס רעכט צו טראָגען וואַפען אום זיינע פרייהייטען געגען דעם אָנגריף פון דעם קעניג צו פערטיידיגען. אָבער פעדראָ האָט זיך צופרידען געשטעלט מיט דעם אַליין, וואָס ער האָט דיזע רעכטען אָפּגענומען פון דער יוניאָן, און די „אַלגעמיינע פּריווילעגיעם פון אַראַגאָניען" האָט ער בעשטעטיגט. די העכסטע ריכטער פון לאַנד פלעגט דער קעניג זעלבסט ערוועהלען פון ריטער-שטאַנד. דיזע ריכטער האָט פעדראָ נאָך זיין זיג איבער דער יוניאָן געגעבען מעהר רעכטען און מעהר מאַכט, זיי זאָלען זעהן, דאָס די רעכטע פון פאָלק זאָל ניט געהן צו ווייט.

אַריינגעפאַלען אין די הענט פון די קריסטען. דער עמיר פון סעווילא האָט גערופען צו הילף די מאַראַווידען פון שפּאַניען, און זיי האָבען בעפעס-טיגט דעם איסלאַם דורך זייערע זיגען ביי סאַלאַקאַ (1086) און אוק-לעס (1108) און האָבען געריסען צו זיך די הערשאַפט איבער גאַנץ אַראַבישע שפּאַניען, אָבער דער רעליגיעזער פאַנאַטיזם און דער קאַמף-מוט פון די קריס-טען האָבען געקרעגען דורך די קרייץ-צוגען נייע קרעפטען. אַלפאָנס דער 1טער פון אַראַגאָניען האָט איינגענומען סאַראַגאָססאַ (1118) און האָט זי גע-מאַכט פיר די הויפּשטאָדט פון זיין קעניגרייך. אין יאָהר 1147 האָבען די מאָהאַדען געשטירצט די הערשאַפט פון די מאָראַווידען און האָבען געבראַכט די הערשאַפט פון דרום-שפּאַניען אין זייערע הענט, אָבער די שפּאַ-נישע ריטער-אָרדענס האָבען זי אָפּגענומען פון זיי מיט זייער העלדישקייט דורך דעם זיג, וואָס זיי האָבען געהאַט ביי טאָלאָסאַ (1215), און דערמיט האָבען זיי גענצליך פערניכטעט די מאָהאַדען-הערשאַפט אין שפּאַניען.

זעהר בעדייטענדען פאָרטשריט האָט געמאַכט די קריסטליכע הערשאַפט אונטער פערדינאַנד פון קאַסטיליען (1217—1225). נאָך זיין זיג ביי חע-רעס דע לאַ גוואַדיאַנאַ אין יאָהר 1233, האָט ער אין 1239 גענומען קאָרדאָוואַ, אין 1248 סעווילאַ און אין 1250 קאַדיץ. די מוסול-מאַנען זיינען דאַמאָלס אין די טויזענדער אריבער נאָך אַפריקאַ, נאָך גראַנאַדאַ און מורציאַ. אָבער אויך דיזע זיינען באַלד אונטערוואָרפען געוואָרען אונטער קאַסטיליען. די מאַחמעדאַנער, וואָס זיינען געבליבען אונטער דער הערשאַפט פון קאַסטיליען, האָבען ביסלאַכווייז אָנגענומען דאָס קריסטענטום און האָבען זיך אַסימילירט מיט די קריסטען, און זעהר פיעלע פאָרנעהמע מאורען זיינען אָנגענומען געוואָרען צווישען דעם שפּאַנישען אַדעל, עס פערשטעהט זיך נאָך דעם, ווי זיי זיינען געוואָרען קריסטען.

וואָס אָנבעטרעפט די אינערע פּאָליטישע בעציהונגען פון די קריסטליכע קעניגרייכען אין שפּאַניען, זיינען זיי געווען די זעלבע, ווי די אינערליכע בע-ציהונגען פון די אַנדערע מדינות פון אייראָפּאַ. אויף אַ פערזאַמלונג פון די פערשיידענע קלאַסען, וועלכע איז פאָרגעקומען אין סאַראַגאָססאַ, איז דער קע-ניג דאָן פּעדראָ דער 3טער (1276—1285) געווען געצוואונ-גען אַרויסגעבען אַ צווייטע מאַגנאַ כאַרטאַ (אַ פּריוויליעגיום-בריף) אונטער דעם נאָמען „דאָס אַלגעמיינע פּריווילעגיום פון אַראַגאָניען”. דורך דיזען דאָקו-מענט האָבען די מיטגלידער פון אַלע שטאַנדען (קלאַסען): אַדעל, גייסטליכע, בירגער און בויערן ערהאַלטען דאָס רעכט אָנטייל צו נעהמען אין אַרויפלעגען

הײנריך דער 4טער (1454—1474) האָט זיך אויסגעצײכענט מיט דעם, וואָס ער האָט פאַרבערײטעט די דױערהאַפטע פערײניגונג פון קאַסטיליען און אַראַגאָניען. אָבער דאָס איז דאָס אײנציגע, וואָס גיט איהם עפּעס א װערט, װײל זאָנסט איז ער געװען זעהר א שװאַכער און אונפעהיגער הערשער, א שפּילצײג אין די הענט פון זײנע צװײ ליבלינגען: פּאַטשעקאָ דע װילענאַ און בעלטראַן דע לאַ קוערא. זײן װײב, װעלכע איז געװען א פּאָרטוגעזישע פּרינצעסין, האָט געבאָרען א טאָכטער יאָהאַננאַ, אָבער די װעלט האָט געװאוסט, דאָס דער װאַהרער פאָטער פון דיזער יאָהאַננאַ איז געװעזן בעלטראַן דע לאַ קוערא, און דעריבער האָט דער אַדעל פון קאַסטיליען זי אױסגעשלאָסען פון דעם רעכט צו זײן די טראָן־פאָלגערין און האָט צום טראָן־פאָלגער ערקלערט זײן ברודער אַלפאָנס דעם 12טען. דיזער אַלפאָנס איז אָבער געשטאָרבען נאָך פאַר דעם קעניג און דעריבער האָבען זײ בעשטימט זײן שװעסטער איזאַבעללאַ אַלס טראָן־פאָלגערין. איזאַבעללאַ איז דאַמאָלס געװען די פּרױ פון דעם אַראַגאָנישען טראָן־פאָלגער פערדינאַנד דעם קאַטאָליק, און זײער־הײראַט איז געשעהען אין יאָהר 1469. אזױ איז זי געװען דער גרונד פון דער פעראײניגונג פון קאַסטיליען און אַראַגאָניען צום צװײטען מאָל. אײגענטליך איז עס נאָך ניט געװען די ריכטיגע פעראײניגונג פון די צװײ לענדער, װײל פערדינאַנד אַלײן האָט געהערשט אין אַראַגאָניען און איזאַבעללאַ האָט געהערשט אין קאַסטיליען, אָבער עס איז געװען נאָהענט צו א ריכטיגער פעראײניגונג, און די קרעפטען פון בײדע לענדער האָבען שױן דאַמאָלס אָנגעפאַנגען צו שטרעבען צו געמײנשאַפטליכע צװעקען.

דאָס פעאָדאַל־סיסטעם האָט אין קאַסטיליען שטאַרק אָפּגעשװאַכט די קעניגליכע מאַכט. די טראָן־בעשטײגונג פון דיזען קעניגליכען פּאָאָר, פון פערדינאַנד און איזאַבעללאַ (1479—1516), האָבען געלעגט דעם גרונדשטײן פון א שטאַרקער קעניגליכער מאַכט אין שפּאַניען. פאַר פערדינאַנד׳ס טראָן־בעשטײגונג האָבען די באַראָנען געטאָן אין לאַנד אַלעס, װאָס זײ האָבען געװאָלט. זײ האָבען זיך ניט געקימערט װעגען רעכט און געװיסען. אום צו מאַכען אַן ענד צו אזא הפקר־רעגירונג, האָט פערדינאַנד בעשלאָסען צו פעראײניגען זיך מיט די בירגער פון די שטעדט געגען די באַראָנען. אױף די דאָרפליט זײנען צוגעשטאַנען צו דיזען פעראײן, װעלכער האָט באַלד געשאַפט א מיליטערישע מאַכט פון 2,000 זשאַנדאַרמען, רײטער און א גרױסע צאָהל פוס־סאָלדאַטען. געשטיצט אױף דיזער מאַכט האָט פערדינאַנד אַרױסגעגעבען אין יאָהר 1485

אלס מארטין דער עלטערער איז געשטאָרבען (1410) און האָט קיין טראָן־פאָלגער ניט איבערגעלאָזען, האָבען די שטאַנדען פון פאָלק ערוועהלט פערדינאנד פון קאסטיליען אלס הערשער אין אראגאָניען. מיט דיזער ערוועהלונג איז דער סצעפּטער (שבט מלכות) אריבער פון דער פאמיליע פון די גראפען פון בארצעלאָנא, וועלכע האָט געהערשט אין אראַ־גאָניען איבער 200 יאָהר, צו דער ליניע פון טראסטאמארע, וועלכע האָט שוין לאנג פון פריהער געהערשט אין קאסטיליען, און האָט דערמיט יעצט ביידע קעניגרייכען פעראייניגט.

אין קאסטיליען האָט דאָס פאָלק קיינמאָל ניט דערגרייכט אזא הויכע שטופע פון פרייהייט און רעכט, ווי דאָס פאָלק אין אראגאָניען. דאָרטען האָט נאָך געהערשט דאָס אַלטע פעאָדאל־סיסטעם, לויט וועלכען נאָר דער אדעל און די גייסטליכע האָבען געהאַט גרויסע פּריווילעגיעס. דאָס פאָלק אָבער האָט קיינע ניט געהאַט. אָבער די מאכט פון קעניג איז אָפּגעשוואכט געוואָרען דורך די שטענדיגע קריגערייען אין דער קעניגליכער פאמיליע, ווייל דאָס פאָלק האָט צוליב זיי אָנגעוואָרען דעם רעספעקט צום קעניג. די קעניגליכע גיטער זיי־נען אריינגעפאלען אין פרעמדע הענט. שטעדטישע געמיינדעס, קאָרפּאָראציאָ־נען און מעכטיגע אדעלליים האָבען זיך אליין גענומען מאכט אום זיך צו העל־פען און האָבען זיך בעפרייט פון יעדער העכערער מאכט. איבערהויפּט זיי־נען געוואָרען מעכטיג דער הויכער אדעל און די ריטער־אָרדענס פון סאנ־טיאגאָ, קאלאטראווא און אלקאנטארא. דער קעניג האָט גע׳פּועל׳ט ביי די בירגער זיי זאָלען ערלויבען ארויפצולעגען א נייע שטייער אויף אַלע סחורות, וואָס ווערען פערקויפט און פערברויכט און האָט זיך מיט זיי פעראייניגט אום מיט זייער הילף געגען די אדעלליים צו שטרייטען און זייערע רעכטען צו קירצען, אָבער דאָס האָט איהם ניט געלונגען. עס איז דערפון ארויס א בירגער־קריג, פון וועלכען דער רעזולטאַט איז געווען, דאָס דאָס קעניגטום איז בעזיגט געוואָרען. אונטער יאָהאַן דעם 2טען (1406—1454) האָט זיינער א ליבלינג מיט׳ן נאָמען אלוואראָ דע לונא געוואָלט איינפיהרען אַן אבסאָלוטע הערשאפט, אָבער זיין ליבלינג איז מיט בזיונות געשטירצט געוואָרען, און יאָהאַן איז אזוי פיעל געווען גע־פאלען ביי זיך, דאָס פאר זיין טויט האָט ער געזאָגט, דאָס ער בעדויערט וואָס ער איז ניט געבוירען געוואָרען אלס א קינד פון אַן ארבייטער איידער א פרינץ פון קאסטיליען. יאָהאַן האָט איבערגעלאָזען דריי קינדער: היינריך, אלפאָנס און איזאבעללא.

קלאָגט, ער האָט דעם קלעגער קיינמאָל אין די אויגען ניט געזעהען, ער זאָל קענען אויפווייזען ווי ווייט פאַלש די בעשולדיגונג איז. ער האָט אַפּילו ניט געוואוסט אין וואָס מען בעשולדיגט איהם. מען האָט איהם געפּלאָגט מיט פערשיידענע פראַגעס אום פון די אַנטוואָרטען צו בעשאַפען אַ פערברעכען, וועלכעס ער האָט גאָר ניט בעגאַנגען. געגען דעם פּסק פון דעם אינקוויזי-ציאָנס־געריכט האָט מען קיין אַפּעלאַציאָן ניט געקענט מאַכען.

עס פערשטעהט זיך, דאָס די אינקוויזיציאָן האָט געהאַט פיעלע געגנער און דאָס פיעלע האָבען צוליב איהר אויסגעוואַנדערט פון לאַנד. אום די אויס-וואַנדערונג צו הינדערן, האָט די אינקוויזיציאָן אַרויסגעלאָזען אַ פּראָקלאַ-מאַציאָן (1481), דאָס יעדער אויסוואַנדערער ווערט בעטראַכטעט אַלס אַ קעצער, און אויף די גרויסע אַדעלליייט האָט די אינקוויזיציאָן אַרויפגעלעגט אַ פליכט אַכטונג צו געבען, דאָס קיינער זאָל דאָס לאַנד ניט פערלאָזען, זיי זאָלען פערהאַלטען יעדען, ווער עס וויל פערלאָזען דאָס לאַנד און ברייננען איהם צוריק אין סעוויללאַ, און ווער עס וועט ניט ערפילען דיזע פליכט, פער-לירט זיינע גיטער, זיין שטאַנד, און ווערט נאָך אויסער דעם אין חרם אַריינ-געלעגט. דער רעזולטאַט פון דיזען בעפעהל איז געווען, דאָס פיעלע טויזענדע אונגליקליכע, וועלכע האָבען זיך געוואָלט רעטען דורך ענטלויפען פון דעם יאָמערטאָל זיינען געכאַפּט געוואָרען און מען האָט מיט זיי אָנגעפילט אַלע געפענגניסען, אַזוי דאָס עס איז שוין מעהר קיין אָרט ניט געווען אַריינצו-נעהמען פרישע געפאַנגענע. אין אַראַגאָניען האָט דער גרויס־אינקוויזיטאָר אַרבועס דע עפּילאַ, דער ווירדיגער שילער פון דעם גרויזאַמען טאָרקוועמאַדאַ, אַזוי ערביטערט דאָס פאָלק געגען זיך מיט זיינע גרויזאַמ-קייטען, דאָס דאָס פאָלק האָט איהם אין קירכע ערמאָרדעט. די קירכע האָט איהם דערפאַר אָנערקענט אַלס אַ הייליגען מאַרטירער.

נאָך דעם, ווי פערדינאַנד און איזאַבעללאַ האָבען זייער מאַכט אין אי-נערען פון לאַנד פעסטגעשטעלט, האָבען זיי אָנגעהויבען צו טראַכטען, ווי צו פערברייטערן זייער מאַכט אויך אין אויסלאַנד. דאָס מאַורישע קעניגרייך גראַנאַדאַ איז ענדליך אויך בעזיגט געוואָרען פון די קריסטען. פריהער האָט מען די רייכע שטאָדט מאַלאַגאַ איינגענומען. נאָכהער האָט מען אויך די הויפּטשטאָדט גראַנאַדאַ מיט דעם בעריהמטען שלאָס אַלהאַמבראַ געצוואונ-גען זיך צו אונטערוואַרפען. פיעל האָט געהאָלפען צום אונטערגאַנג פון מאַו-רישען קעניגרייך די אינערליכע קריג און רייסערייען צווישען די מיטגלידער פון דער הערשענדער פאַמיליע (1492). דער אָרט, וואו די קריסטען האָבען

אַ נייע געריכטס־אָרדנונג, לויט וועלכער די מאַכט פון אַדעל און פון דער גייסטליכקייט איז פיעל אָפּגעשוואַכט געוואָרען. די באַראָנען זיינען געוועזן גע- צוואונגען צוריקצוגעבען די גיטער, וואָס זיי האָבען גערויבט פון דער רעגירונג און אויפצוהערען שטרייטען איינער מיט דעם אַנדערען. די פּאָרנעהמסטע באַראָנען זיינען געוועזן אונטערוואָרפען אונטער דיזע נייע מאַסרעגלען. זעהר אָפט איז איזאַבעללאַ זעלבסט געזעסען אין געריכט ווען עס האָט זיך פער- האַנדעלט אַ פּראָצעס פון אַ באַראָן, וואָס האָט פערכאַפּט רייכס־גיטער. דער אַדעל האָט געמוזט פאָלגען די בעשלוסען פון די קעניגליכע געריכטס־הייזער. פון פיעלע פון די אַרעללייט האָט מען צוגענומען די שטעלען, וועלכע זיי האָבען זיך געמאַכט ערבליך פון עלטערן צו קינדער. די דריי ריטער־אָרדענס זיינען געמאַכט געוואָרען אונשעדליך. אויך די הויכע גייסטליכע זיינען אונ- טערוואָרפען געוואָרען אונטער די געריכטס־הייזער פון דעם קעניג פערדינאַנד.

איינס פון די וויכטיגסטע מיטלען צו פערשטאַרקען די קעניגליכע מאַכט איז געווען די אינקוויזיציאָן. זי איז געווען הויפּטזעכליך געריכטעט געגען אידען און מאַורען, וועלכע האָבען צום שיין אָנגענומען די קריסטליכע רעלי- גיאָן, אָבער זיינען אין געהיים געבליבען אידען אָדער מאַחמעדאַנער ווי פריי- הער. באַלד איז די אינקוויזיציאָן געוואָרען אַ פּאָליטישע אינסטיטוציאָן אונ- טער דער פיהרונג פון דעם גרויזאַמען גרויס־אינקוויזיטאָר טאָרקוועמאַדאַ. ווייל דאָס רעכט צו בעשטימען ריכטער און אַ גרויס־אינקוויזיטאָר פיר די אינקוויזיציאָן איז איבערגעגעבען געוואָרען צום קעניג אַליין, איז די אינקוויזיציאָן געוואָרען אַ קעניגליכעס געריכט בעוואַפּענט מיט גייסטליכע בלי־זיין. די גיטער פון די פערורטיילטע זיינען קאָנפיסקירט געוואָרען ניט פיר די קירכע, נאָר פיר דעם קעניג, אַזוי דאָס זעהר אָפט איז דער גאַנצער פּראָ- צעס מיט דער בעשולדיגונג נאָר געווען אַ מיטעל צו בערייכערן די קעניגליכע קאַסע. טאָרקוועמאַדאַ האָט די פּראָצעסען געפיהרט מיט מערדעריליכער גרוי- זאַמקייט. אין פערלויף פון 4 יאָהר האָט ער געלאָזט פערברענען 6,000 קעצער (אונגלויביגע) און פיעל, זעהר פיעל מעהר ו.אָט ער געוואָרפען אין געפענגנים. קיין געריכט האָט ניט בעזעסען אַזאַ מאַכט ווי דיזעס. די פאָרמע פון משפט האָט געפיהרט צום געווינשטען צוועק — בערויבען די רייכע לייט פון זייער אייגענטום און עס איבערגעבען דעם קעניג. די מיטלען, וואָס די אינקווי- זיציאָן האָט געברויכט ביים אויספאָרשען די אָנגעקלאָגטע, זיינען געווען שרעקליכע. איז אימיצער אַריינגעפאַלען אין די הענט פון דער אינקוויזיציאָן, האָט איהם שוין קיין זאַך ניט געקענט העלפען זיך אַרויסצודרעהען פון איהר. דער בעשולדיגטער האָט קיינמאָל ניט געוואוסט, ווער עס האָט איהם פער-

און האָט זי געמאַכט פיר זיין רעזידענץ אַנשטאָט דער פריהערדיגער רעזי-
דענץ קאָאימבראַ.

די נעכסטע נאָכפאָלגער זיינע, סאַנטשאָ דער 1טער (1185—1211) און אַלפאָנס דער 2טער (1211—1223) האָבען וועניג צוטרויען געהאַט צום ווידערשפּענסטיגען אַדעל און האָבען זיך מעהר בעפריינדעט מיט די בירגער און די בויערן. פערפאַלענע אַפּגעלאָזענע שטעדט זיינען ווידער אויפגעבויט געוואָרען, אין זיי האָבען זיך בעזעצט קריסטליכע איינוואוינער, וועלכע מען האָט געגעבען געוויסע רעכטען אום זיי צוצוציהען צום שטעדטישען לעבען. אין דעם שטרייט מיט די גייסטליכע איז דאָס קעניגטום אונטערוואָרפען געוואָרען. דער קעניג אַלפאָנס דער 2טער האָט אפילו בעוויזען גרויסען מוט אין זיין שטרייט מיט די קלעריקאַלען. ער האָט דעם ערץ־בישאָף פון בראַגאַ פערטריבען נאָך דעם, ווי יענער האָט איהם אריינגעלעגט אין חרם. אָבער זיין זוהן סאַנטשאָ דער 2טער (1224—1245) איז פון פּאַפּסט ערקלערט געוואָרען אַלס אַראָפּגעזעצט פון טראָן דערפאַר, וואָס ער האָט די גייסטליכע געהייסען זיין אונטערוואָרפען צום וועלטליכען געריכט אין ציוויל־זאַכען, און דער קעניג איז געווען געצוואונגען צו ענטלויפען. אָבער צום ענדע האָט דער קעניג דאָך געזיגט און איז געקומען צוריק צום טראָן.

די ווייטערע געשיכטע פון פּאָרטוגאַל ווערט אינטערעסאַנט ערסט מיט דער ענטדעקונג פון אַמעריקאַ. פּאָרטוגאַל האָט זיך דאַמאָלס מיט איהרע לענדער־ענטדעקונגען אויסגעצייכענט געגען אַלע אַנדערע מדינות. דער טראָן־פאָלגער, וועלכער איז געווען בעוואוסט אונטער דעם נאָמען היינריך דער ים־פאָהרער, האָט אין יאָהר 1416 ארויסגעשיקט אַן עקספּעדיציאָן נאָך דעם מערב־טייל פון אַפריקאַ. די עקספּעדיציאָן האָט דערגרייכט דעם קאַפּ באָיאַדאָס, אָבער זי האָט זיך באַלד צוריקגעקעהרט. ערסט אין יאָהר 1418 איז ענטדעקט געוואָרען די אינזעל פּאָרטאָ סאַנטאָ, און אין יאָהר 1419 האָבען זיי געפונען די אינזעל מאַדעיראַ. זיי האָבען דאָרט איינגעפלאַנצט צווייגען פון וויינטרויבען פון דער אינזעל ציפּערן, און צוקער־ראָהר פון סיציליען און דיזע צווייגען האָבען זיך דאָרט זעהר גוט ענטוויקעלט און האָבען פערשפּראָכען גוטע בעלוינונג פיר די אַלע קאָסטען, וואָס מען האָט געמאַכט אויף די ענטדעקונג פון דיזע אינזלען. שפּעטער האָבען די פּאָרטוגעזען ענטדעקט די אַזאָרישע אינזלען; דער פּאַפּסט האָט די פּאָרטוגעזען געגעבען די מאַכט איבער אַלע לענדער, וואָס

געהאַט זייער לאַגער אין דער צייט פון קריג, איז נאָכהער פערוואַנדעלט גע-וואָרען אין אַ שטאָדט אונטער'ן נאָמען סאַנטאַ פע (די שטאָדט פון היי-ליגען גלויבען). דער מאַורישער פירסט אבו אבדאַללאַס, וועלכער איז אַראָפּגעזעצט געוואָרען פון זיין טראָן, איז בערויבט געוואָרען פון זיינע גיטער און האָט געמוזט אָרים אויסוואַנדערן נאָך אַפריקאַ, וואו ער איז גע-פאַלען אין אַ קריג געגען מאַראָקקאָ.

אין דער זעלבער צייט האָט פּאַסירט די ענטדעקונג פון אַמעריקאַ, אי-בער וועלכע מיר וועלען שפּעטער אויספיהרליך רעדען. דיזע ענטדעקונג האָט געעפענט דער שפּאַנישער נאַציאָן אַן אונגעהייערעס פעלד פון נייע טע-טיגקייט און אַן אויסזיכט אויף ערווערבען נייע גרויסע לענדער.

פּאָרטוגאַל, דאָס לאַנד פ‍ון די אַלטע לוסיטאַניער אין מערב פון דער פּירענעֶאישער האַלב־אינזעל, איז געוועזען פון דעם 8טען ביז דעם 11טען יאָהרהונדערט אונטער דער הערשאַפט פון די אַראַבער. אונטער פערדינאַנד פון קאַסטיליען (1035—1067) האָבען די קריסטען אָנגעהויבען אָפּצונעהמען פּאָרטוגאַל פון די אַראַבער. אָבער דער זידליכער טייל פון דעם לאַנד אונטער דעם נאָמען אַלגאַרווע איז נאָך לאַנג געבליבען אין די הענט פון די אַראַבער, נעמליך אונטער דער הערשאַפט פון דער פאַמיליע בני אַלאַפטאַס אין באַדאַחאָז. אַלפאָנס דער 6טער פון קאַסטיליען האָט איבערגעגעבען דעם צפון־טייל פון פּאָרטוגאַל צום העלדישען גראַף ראַימונד פון הויף־בורגונד אַלס מאַרק־גראַפשאַפט, אַלס בעלוינונג פיר די גרויסע פערדינסטען, וואָס דיזער גראַף האָט געצייגט אין דער צייט פון זיין קריג מיט די מאַורען. שפּעטער האָט ער עס איבערגעגעבען צו זיינעם אַ קרוב, צו גראַף היינריך; איהם האָט אַלפאָנס געגעבען זיין אונגעזעצליכע טאָכטער טהערעזיאַ אַלס אַ ווייב. דעם גראַף היינריך איז געלונגען אין דער צייט פון דעם קריג צווישען אַראַגאָניען און קאַסטיליען זיך צו מאַכען אונאָפּ-העננגיג. זיין זוהן אַלפאָנס איז פון זיינע בעגייסטערטע טרופּען ערקלערט געוואָרען אַלס „קעניג פון פּאָרטוגאַל" נאָך דעם גלענצענדען זיג, וואָס ער האָט געהאַט איבער די מאַורען ביי אוריקווע (1193). אויף אַ רייכסטאַג פון לאַמעגאָ (1143) איז אַלפאָנס היינריך דער 1טער אָנערקענט געוואָרען אויך פון דעם גאַנצען אַדעל פון פּאָרטוגאַל, פון די וועלטליכע און גייסטליכע, אַלס קעניג, און איז געקרוינט געוואָרען פון ערץ־בישאָף פון בראַגאַ. אויך דער פּאַפּסט האָט געגעבען זיין צושטימונג אויף זיין וואַהל צום קעניג. דעם 25טען אָקטאָבער האָט ער גענומען ליססאַבאָן

דער העלד צ י ד העכער איבער אַלע. ער איז געוואָרען דער ליבלינג פון דער פאָלקס־פאַנטאַזיע, ער איז דער אידעאַל פון אַן עכטען ריטער פון יע-נער צייט מיט אַלע טוגענדען (מעלות טובות) און העלדענטאַטען. די „פּאָעמאַ דעל ציד" איז דאָס עלטעסטע געדיכט אין דער שפּאַנישער שפּראַך. זי איז פערפאַסט געוואָרען צווישען די יאָהרען 1140 און 1200. מבינים פער-גלייכען דיזעס געדיכט מיט האָמער'ס פּאָעזיע אין נאַאיוויטעט און אין דער קראַפט פון פאָרשטעלונג. עלטער אַלס דיזעס געדיכט זיינען געוויס די ר אָ-מ אַ נ צ ע ן, אין וועלכע עס הערשט די שאַפענדע פאַנטאַזיע פון פאָלק. אין די ראָמאַנצען ענטהאַלט זיך פיעל שטאָף איבער דאָס פאָלקס־לעבען פון דער פערגאַנגענהייט און געגענוואַרט.



שפּאַנישע טויטען־צערעמאָניע אין מיטעלאַלטער.

נעבען דער פאָלקס־פּאָעזיע איז אויך געווען אין אומגאַנג די הויף־פּאָעזיע, וועלכע געוויסע זינגער האָבען געזונגען אין די הויפען פון די גראַפען פון באַרצעלאָנאַ און פון די קעניגען פון פּאָרטוגאַל. דיזע פּאָעזיע האָט זיך ענטוויקעלט אונטער דעם איינפלוס פון די טרובאַדורען. אָבער דיזער סאָרט פּאָעזיע איז לאַנגזאַם בעאיינפלוסט געוואָרען פון די פאָלקס־ראָמאַנצען און האָבען פיעלעס אריינגענומען אין זיך, אַזוי דאָס אין דער הויף־פּאָעזיע לאָזט זיך זעהר שטאַרק מערקען דער כאַראַקטער פון דער פאָלקס־פּאָעזיע, אין דער פאָרמע ווי אויך אין דעם אינהאַלט.

זיי וועלען ענטדעקען ביז אינדיען. דיזעס האָט זיי צוגעגעבען מוט צו זוכען ווייטער נייע לענדער, און זיי האָבען פון זייערע רייזעס געבראַכט פיעל גאָלדשטויב, העלפאַנד־ביין, גומי, באַוועל א. אַנד. און היינריך האָט נאָך דערלעבט, דאָס זיינע שיפען האָבען דערלאַנגט די ברעגען פון גווינעאַ.

נאָך זיין טויט (1460) זיינען די פּאָרטוגעזען ווייטער אָנגעגאַנגען מיט זייערע ענטדעקונגען. אונטער יאָהאַן דעם 2טען (1481—1495), וועלכער האָט פאָרטגעזעצט די ענדעקונגס־רייזעס, זיינען די פּאָרטוגעזען אריבער דעם עקוואַטאָר, און דערמיט האָבען זיי בעוויזען, ווי ניט ריכטיג עס איז געווען דער גלויבען, דאָס עס איז אונמעגליך צו קומען צום עקאַווטאָר צוליב דער גרויסער היץ, וואָס דאָרט הערשט. אין 1484 און 1485 האָבען זיי בעזוכט ב ע נ י ן און ק אָ נ ג אָ. דאָ האָבען זיי זיך איבערצייגט, דאָס אַפריקאַ ווערט צו דרום אַלץ שמעלער, און ניט ווי פּטאָלאָמאֶאוס האָט געגלויבט, דאָס זי ווערט דאָרט ברייטער, און דעריבער האָט זיך ביי זיי בעוויזען אַ האָפנונג צו קענען מאַכען אַ רייזע אַרום אַפריקאַ און צוקומען צו אינדיען מיט אַ דירעקטען וועג דורך דעם ים. און ווירקליך איז עס געלונגען דעם מוטיגען זעע־פאָהרער ב אַ ר ט אָ ל אָ מ ע אָ ד י אַ ץ צו דערגרייכען אין יאָהר 1487 דעם שפּיץ פון דרום־אַפריקאַ און זי אַריבערזעגלען. ער האָט אָבער ווייטער ניט געקענט פאָהרען, ווייל די סאָלדאַטען האָבען געליטען הונגער און האָבען איהם געצוואונגען זיך צוריקצוקעהרען נאָך פּאָרטוגאַל. יענער קאַפּ האָט צוליב דעם ערהאַלטען דעם נאָמען ק אַ ב אָ ט אָ ר מ ע נ ט אָ ס אָ (ד. ה. דער שטורמישער קאַפּ), ווייל דאָרט האָבען די סאָלדאַטען געשטורמט און געפאָדערט צוריקצוקעהרען זיך אַהיים. אָבער דער קעניג האָט דיזען נאָמען פערוואַנדעלט אין „קאַפּ פון גוטער האָפנונג", ווייל מען האָט געהאַט אַ גוטע האָפנונג צו דערגרייכען מיט דיזען וועג אינדיען.

אין אַן אַנ־ערער שטעלע וועלען מיר אויספיהרליך בעהאַנדלען די אַנדערע גלענצענדע ענטדעקונגען פון די פּאָרטוגעזען.

ליטעראַטור און קונסט.

די ערסטע שאַפונגען פון דער שפּאַנישער ליטעראַטור, איבערהויפּט פון פּאָעזיע, זיינען געבאָרען געוואָרען אין דער צייט פון דעם קריג צווישען די שפּאַניער און אַראַבער. דיזער קריג, וועלכער האָט אַזוי לאַנג געדויערט אויף דער פּירענאֶאישער האַלב־אינזעל, האָט זיי געגעבען גענוג שטאָף פיר דיכטונג אַנן אַ גליהענדע בעגייסטערונג. צווישען די העלדען פון יענער צייט שטעהט

די רעליגיעזע פּאָעזיע האָט אין שפּאַניען דערגרייכט א הויכע שטופּע פון ענטוויקלונג. דאָס איז זעהר נאַטירליך. אָבער אויך די פּאָעזיע און ערצעהלונגס־פּאָרמע האָט אין שפּאַניען גרויסען פּאָרטשריט געמאַכט. צו דיזען סאָרט פּאָעזיע געהערט דאָס בעריהמטע אלכסנדר־ליד, פערפאַסט פון חואַן לאָרענץ סעגורא. דאָס ליד איז פערפאַסט געוואָרען אין דער צווייטער העלפט פון 13טען יאָהרהונדערט. דאָס ווערק בעהאַנדעלט דאָס שיקזאַל פון אַלכסנדר מוקדון אָדער אַלכסנדר דעם גרויסען לויט די קוועלען און זאגעס וועגען זיין לעבען און זיינע טעטיגקייטען, און ענטהאַלט אין זיך 10,000 פערזען. הגם אין דעם ווערק איז דאָ זעהר וועניג ווירקליכע פּאָעזיע, איז עס דאָך זעהר וויכטיג אין דער שפּאַנישער ליטעראַטור צוליב זיין ריטערליך־ראָמאַנטישער אויפפאַסונג. זעהר לעבעדיג איז דער כאַראַקטער פון דעם ווערק, וואָס טראָגט דעם נאָמען: „דער גראַף לוקאַנאָר", פערפאַסט פון דאָן חואַן מאַנועל (1282—1347). אין דיזען ווערק זיינען פעראייניגט נאָוועלען, אַנעקדאָטען און משלים, וועלכע ענטהאַלטען אין זיך וועלכען עס איז זיטליכען גדאַנק. איבעראַל זעהט מען, דאָס דער פערפאַסער איז געוועזען א קלאָר בעזאָנענער וועלט־מאַן, וועלכער איז זעהר בעקאַנט מיט דער מענשליכער שוואַכער זייט און רעכענט זיך אויך מיט איהר. זיין בליק אויף דאָס לעבען איז איבעראַל געזונד און פּראַקטיש.

אין דער זעלבער צייט מיט מאַנועל און שפּעטער נאָך איהם האָט געווירקט א מערקווירדיגער דיכטער חואַן רואיץ, וועלכער איז בעקאַנט אַלס דער ערץ־פּריסטער פון היטא. זיין טעטיגקייט פאַלט הויפּטזעכליך אין די יאָהרען צווישען 1330 און 1343. אויך ער האָט פערבונדען אין זיין ווערק ערצעהלונגען, פאַבלען און לעבענס־רעגלען, געפאַרבט מיט הומאָר און סאַטירע.

פון אַנדערע ווערק איז דאָ ווערט צו דערמאָהנען „דאָס בוך פון הויף", פערפאַסט פון פּערא לאָפּעץ דע איאַלא (1332—1407). דאָס ווערק איז זעהר ערנסט און לעבהאַפט און בעשעפטיגט זיך מעהרסטענס מיט די פּליכטען פון די הערשער און די זיטען פון דער צייט. נאָר זעלטען קומט דאָרט פאָר א סאַטירישער אויסדרוק אָדער א לירישע שטעלע.

אויך די פּאָרטוגעזישע פּאָעזיע האָט זיך ענטוויקעלט אונטער דעם איינפלוס פון די טרובאַדורען. אויך אין דער פּאָרטוגעזישער פּאָעזיע שטעהען די ראָמאַנצען אין פאָרדערגרונד. דער שטאָף פון די ראָמאַנצען איז דער זעלבער ביי ביידע נאַציאָנען, ביי די שפּאַניער און פּאָרטוגעזען. אויך ביי



אײנגאַנג אין דעם זאַל פיר געזאַנדטע אין אַלהאַמבראַ.

די געשיכטע פון די מדינות פון צפון און מזרח.

א. סקאנדינאוויען.

אין 8טען און 9טען יאָהרהונדערט האָבען זיך אָנגעהויבען ענטוויקלען אין סקאנדינאוויען פערשיידענע פירסטענטימער, פון וועלכע עס איז גיך אַרויסגעוואַקסען אַ קעניגרייך. אַלס ערסטען קעניג געפינען מיר אין דענעמאַרק גאָרם דעם אַלטען (געשט. 936). אין נאָרוועגען האָט אין דער זעלבער צייט געהערשט האַראָלד שענהאָאָר, און אין שוועדען — די יעגלינגער. אָבער די נאָרמאַננען האָבען זיך ניט לייכט געוואָלט אונטערוואַרפען אונטער דער מאַכט פון אַ קעניג, און דעריבער איז אויך סקאַנדינאַוויען פון יענער צייט געוועזן פול מיט רייסעריען און אינערליכע קאַמפען צווישען די וואַסאַלען און די קעניגען, אָדער צווישען די וואַסאַלען זעלבסט. עס האָבען זיך אונטער די וואַסאַלען געפונען אַזעלכע, וואָס האָבען איבער זיך געוואָלט האָבען אַ פרעמדען קעניג איידער אַן אייגענעם.

דאָס קריסטענטום האָט אַריינגעבראַכט צו די נאָרמאַננען דער ערסטער האַמבורגער בישאָף אַנסגאַר. ער האָט דאָרט דאָס קריסטענטום געפּרעדיגט מיט אַזאַ אייפער, דאָס ער האָט געקראָגען דעם נאָמען „דער אַפּאָסטעל פון נאָרד". גאָרם דער אַלטער האָט פערניכטעט די קריסטליכע שפּראָצען, וואָס אַנסגאַר האָט אַיינגעפּלאַנצט אין דענעמאַרק, און האָט אַנסגאַר'ן געצוואונגען צו פערלאָזען האַמבורג און מאַכען זיין אָרט אין ברעמען. אָבער קאַנוט דער גרויסער האָט זיך געטויפט און האָט אָנגעווענדט אַלע מיטלען צו בעפעסטיגען די קריסטליכע קירכע אין לאַנד. אונטער אָלאַף דעם היילינגען האָט זיך די קריסטליכע לעהרע בעפעסטיגט אין נאָרוועגען און אין איסלאַנד (1000). אין שוועדען איז דאָס קריסטענטום אַריינגעבראַכט געוואָרען דורך אָלאַף שאָסקאָניג און איז דאָרט בעפעסטיגט געוואָרען אין 12טען יאָהרהונדערט דורך עריך דעם 9טען,

די פּאָרטוגעזען זיינען די בילדער פון קאַרל דעם גרויסען און די מלחמות מיט מאורען דער הויפּט־אינהאַלט פון זייערע ראָמאַנצען.

אין 14טען יאָהרהונדערט טרעט די קונסט־פּאָעזיע שטאַרקער ארויס. איבערהויפּט איז זי אָנגעגאַנגען אין די הויפען פון די גרויסע לייט און קעניגען. פון די פיעלע דיכטער פון יענער צייט צייכענט זיך אויס מאציאס דער פערליבטער, וועלכער האָט געשריבען מיננע־לידער. זיין לירישע פּאָעזיע איז ניט זעהר וויכטיג. אויך זיין עפּאָס קען ניט פערגליכען ווערען מיט די שפּאַנישע ראָמאַנצען.

די ארכיטעקטור האָט אין שפּאַניען געבליהט אין 13טען און 14טען יאָהרהונדערט. דער קעניגליכער שלאָס אלהאמברא אין גראַנאַדאַ איז געבויט געוואָרען אין דער צווייטער העלפט פון 13טען יאָהרהונדערט, און נאָך היינט בעוואונדערן מיר די ראָמאַנטישע פּראַכט פון דער קונסט פון די מאַורען, וועלכע איז אויסגעדריקט אין דיזען מייסטערווערק. אין דיזען וואונדערבאַרען שלאָס איז געווען פּלאַץ ניט נאָר פיר דאָס גאַנצע פּערזאָנאַל פון קעניגליכען הויף, וועלכעס איז דאַמאָלס געווען דאָס גרעסטע און צאָהלרייכסטע אין דער וועלט, נאָר אויך פיר 10,000 מאַן פון דער לייב־וואַך. אין דער צייט פון דעם שטרייט מיט די קריסטען האָבען זיך אין דער בורג געפונען 40,000 מאַורען צו בעשיצען זי. צווישען די גרויסע וואונדער פון דיזען שלאָס איז דער הויף פון די ציסטערנעס; דאָרט זיינען געווען אויסגעהאַקט פון איין שטיין אונצעהליגע ברונענס און קוואַלען, וועלכע האָבען געגעבען גענוג וואַסער פיר אַלע איינוואוינער אין דעם שלאָס. אַרום דעם הויף פון די בעדער געפינען זיך נאָך יעצט זעהר פיעלע צימערן, אָבער צו וואָס מען האָט זיי דאַמאָלס געברויכט איז יעצט שווער צו זאָגען. פון דיזען הויף איז מען אריין אין דעם בעריהמטען לייבען־הויף, וואו עס איז געשטאַנען דער בעריהמטער שפּרינג־ברונען, וועגען וועלכען עס עקסיסטירען זעהר פיעלע זאַגעס און לידער. אויף אַלע זייטען איז צו בעמערקען אַראַבישע זיילען מיט בעפּוצונגען פון ווייסען מאַרמאָר. דער גאַנצער בוי דערמאָהנט אָן די וואוינונגען פון נאָמאַדען, אזוי לייכט שיינט יעדער טייל צו זיין. ענדליך פערדינען נאָך דערמאָהנט צו ווערען דער וואונדערבאַרער זאַל פון די אבענצערראגען און דער זאַל פון די צוויי שוועסטער. דיזע צוויי זאַלען צייכנען זיך אויס דורך זייער אונגעוועהנליכען רייכטום אין פערצירונגען, שניצווערק, מאַלעריי און מאָזאַאיק.

מיליטער, ווי עס איז געווען דער פאל אין אנדערע אייראפעאישע לענדער. די וועניגע שטעדט, וואס זיינען דאמאלס געווען אין סקאנדינאוויען, האבען ערסט שפעטער דערגרייכט א געוויסע שטופע פון מאכט און פרייהייט. מען דארף ניט פערגעסען, דאס אין יענער צייט האבען זיך די רייכע קויפלייט פון די האנזא־שטעדט פערשפרייט מיט זייערע האנדעלס־לאגערן איבער גאנץ סקאנדינאוויען און דער גאנצער האנדעל פון די אסט־זעעאישע לענדער האט זיך געפונען אויסשליסליך אין זייערע הענט, אזוי דאס די סקאנדינאווישע שטעדט האבען איינפאך ניט געהאט די מעגליכקייט צו ענטוויקלען וועלכע עס איז פאליטישע מאכט.

די געשיכטע פון יעדען איינעם פון די דריי סקאנדינאווישע לענדער בעזונדער האט ניט פיעל אינטערעס. די דענישע קעניגען וואלדעמאר דער 1טער (1157—1187), קנוד דער 6טער (1182—1201) און וואלדעמאר דער 2טער (1201—1241) האבען זעהר פיעל פערגרעסערט זייער הערשאפט. דאס גאנצע ברעג לאנד פון האלשטיין ביז עסטלאנד איז געווארען אונטערווארפען אונטער זייער מאכט, און די אויבערהערשאפט פון דייטשען קעניגרייך איז אפגעשאפט געווארען. אין יאהר 1215 איז אונטערגענומען געווארען א קרייץ־צוג געגען די עסטהען, און דיזער קרייץ־צוג האט געבראכט די גאנצע בעפעלקערונג פון דעם מזרח־ברעג פון דעם באלטישען מעער אונטער די מאכט פון דענעמארק. האמבורג און ליבעק האבען געהערט די בעפעהלען פון וואלדעמאר דעם 2טען. אין יאהר 1209 איז געגרינדעט געווארען די פעסטונג שטראלזונד אום צו זיכערן די דענישע הערשאפט איבער פאממערן און ריגען. אין יאהר 1224 האט דער גראף היינריך פון שווערין ארייגעקראגען דעם קעניג וואלדעמאר אין זיין מאכט, און דאס האט געבראכען זיין אויטאריטעט, אזוי דאס א גרויסער טייל פון די פירסטען האבען געגען איהם געמאכט אן אויפשטאנד. דער דייטשער קייזער פריעדריך דער 2טער האט זיך מיט דיזען צופאל בענוצט אום צוריק אפצונעהמען פון דענעמארק די לענדער, וואס דיזעס רייך האט פערכאפט פון דייטשלאנד. איהם איז ווירקליך געלונגען צו שליסען אן אפמאך מיט וואלדעמאר'ן, וועלכער האט איהם צוריק איבערגעגעבען אלע לענדער, וואס ליגען צו דרום פון דער עלבע, און מיט דיזען אפמאך האט וואלדעמאר געקויפט זיין פרייהייט, וועלכע ער האט פערלארען דורך דעם זיג פון דעם גראף היינריך פון שווערין (1125). באלד נאך דעם האט וואלדעמאר ווידער געפרובט אפנעהמען האלשטיין, אבער ער האט געהאט א שרעקליכע מפלה (22טען יולי, 1227) ביי בארנהעוועד (ניט ווייט פון קיעל)

וועלכער איז בעקאַנט אַלס ע ר י ך ד ע ר ה י י ל י ג ע ר. נאָכדעם איז עס אַריבערגעבראַכט געוואָרען אויך צו די פיננען. צוזאַמען מיט'ן קריס-טענטום איז אין סקאַנדינאַוויען אריינגעבראַכט געוואָרען דער אָנפאַנג פון קולטור. די בענעדיקטינער מאָנאַכען האָבען ענטוויקעלט דעם אַקערבוי, האָבען פערפלאַנצט נייע סאָרטען תבואות, האָבען געבויט מיהלען, און האָ-בען איינגעפיהרט די קונסט פון שרייבען, זיי האָבען נעמליך איינגעפיהרט דעם לאַטיינישען אלף־בית אָנשטאָט דער רויהער רונען־שריפט, וועלכע די סקאַנדינאַווען האָבען פריהער געברויכט.

דאָס געזעלשאַפטליכע לעבען פון סקאַנדינאַוויען אין מיטעלאַלטער האָט זיך ענטוויקעלט אויף דער זעלביגער אַרט, ווי אין די אַנדערע מדינות אין איי-ראָפּאַ. די לייט, וועלכע זיינען אימער געווען אַרום דעם קעניג, די ה ו י ז־ק ע ר ל ע ן, האָבען געהאַט בעזונדערע רעכטען, און פון זיי האָט זיך ענטווי-קעלט אַ קלאַס אַדעללייט, צו וועלכע עס האָבען זיך באַלד צוגעשלאָסען רייכע האַנדעלסלייט, מעכטיגע פרייע גוטס־בעזיצער און מאַנכע אַנדערע. דיזע אַדעל-לייט האָבען אויסגעווירקט פיר זיך שטייער־פרייהייט, דערפאַר אָבער זיינען זיי געווען פערפליכטעט צו שיקען אַ געוויסע צאָהל קריגער אויף זייערע איינענע קאָסטען אין פאַל פון קריג. עס איז געווען אַ קלאַס פון פרייע, וועלכע האָבען אויך געהאַט די פליכט צו געהן אין שטרייט מיט איינענע וואַפען. דאַגעגען האָט מען ביי די פרייע בויערן די וואַפען צוגענומען, ווייל מען האָט אין זיי געזעהן אַ געפאַהר פיר דאָס לאַנד אָדער פיר די גרויסע גוטס־בעזיצער. אָבער שפּעטער האָבען די פרייע בויערן זיך ערוואָרבען געוויסע זעלבשטענדיגקייט און האָבען זיך אויסגעפאָכטען דאָס רעכט צו שיקען זייערע פערטרעטער צים רייכסטאָג גלייך מיט'ן אַדעל, מיט די גייסטליכע און מיט די בירגער.

די קלעריקאַלען האָבען זיך פעראייניגט מיט דעם אַדעל. די ערץ־בישאָפען פון א ו פּ ס אַ ל אַ (שוועדען), ל ו נ ד (דענעמאַרק) און ע ר אָ נ ט ה י י ם (נאָרוועגען) זיינען געווען אין מאַכט גלייך מיט דעם קעניג. זיי האָבען איינגעפיהרט, דאָס די קעניגען מוזען פון דער קירכע גע-קרוינט ווערען, אַנדערס האָבען זיי ניט דאָס רעכט צו הערשען. פיעל האָט די גייסטליכע געהאָלפען צו בעפעסטיגען זייער מאַכט דאָס, וואָס זיי האָ-בען געהאַט גרויסע רייכטימער און וואָס זיי זיינען ניט געווען אונטערוואָר-פען אונטער די אַלגעמיינע געריכטס־הייזער, נאָר זיי האָבען געהאַט פיר זיך בעזונדערע ריכטער. די גייסטליכע און דער אַדעל אין סקאַנדינאַוויען האָ-בען ניט געהאַט צו ליידען פון די פרייע שטעדט, פון די בירגער און זייער

דאָ דורכגעפיהרט געזעצען צום פעראייניגען אַלע דריי מדינות אין איין גרויסע מדינה. דיזע פעראייניגונג איז בעוואוסט אונטער דעם נאָמען די קאלמארישע יוניאָן, לויט וועלכער עס האָט פון דאמאָלס אָן און ווייטער בעדאַרפט הערשען איבער אַלע דריי לענדער נאָר איין קעניג. עס איז געווען בעשטימט, דאָס נאָך דעם, ווי דער קעניג עריך וועט שטארבען, זאָל שוין מעהר ניט פאָרקומען א וואהל פון יעדען לאַנד בעזונדער, נאָר אַלע דריי לענדער זאָלען צוזאמען ערוועהלען איין קעניג. יעדער קריג, יעדער פרידען, יעדע פערטיידיגונג, יעדער בונד און יעדער אָפּמאַך זאָל געשלאָסען ווערען פון אַלע דריי לענדער צוזאמען. אָבער וואָס אָנבעטרעפט די רעכטען און די געזעצען בלייבט יעדעס לאַנד ביי איהרע פריהערדיגע אייגענע רעכטען און געזעצען.

אָבער די אייניגונג פון דיזע 3 נאציאָנען איז ניט געווען זעהר א פעסטע. שוועדען האָט זיך שטארק אָפּגעזונדערט פון די איבריגע נאציאָנען, און נאָרוועגען האָט ניט געוואָלט בלייבען אַלס פראָווינץ פון די איבריגע. אויסער דעם זיינען די נאָכפאָלגער פון מארגארעטהע'ן, וועלכע איז אָנערקענט געוואָרען אַלס די „סעמיראמיס פון נאָרד", ניט געווען פעהיג דורכצופיהרען איהרע אידעען. די האנזא־שטעדט, וועלכע האָבען מורא געהאט פאר א מעכטיגער סקאנדינאוויען, האָבען געזוכט צו מאכען אינטריגעס צווישען שוועדען און נאָרוועגען פון איין זייט און קאָפּענהאגען (די הויפּטשטאָדט פון דענעמארק) פון דער אנדערער זייט. דער רעזולטאט פון דיזע אינטריגעס איז געווען, דאָס די שוועדען האָבען ערוועהלט פיר זייער לאַנד רייכספיהרער פיר זיך אַליין פון זייערע אייגענע ברידער. אזוי האָט סטען סטורע אין דער צייט פון דער רעגירונג פון כריסטיאַן דעם 1טען (1448—1481) און יאָהאַן דעם 2טען געפיהרט די רעגירונג אין שוועדען כמעט אונאָפּהענגיג (1471—1513), און האָט גאַנץ וועניג, כמעט גאָר ניט, געהאט צו טאָן מיט קאָפּענהאגען. סטען סטורע אַליין איז געווען א זעהר מוטיגער און פערשטענדיגער שטאאטסמאַן, דעריבער האָט ער זיך געשטיצט אויף די הילף פון די שטעדט און די פריי־בויערן, אין פאַל עס זאָל קומען צו א שטרייט. ער האָט גערעכענט אויף זיי, ווייל ער האָט זיי צוגעזאָגט, דאָס זיי וועלען צוגעלאָזען ווערען צום רייכסטאג. מען שרייבט צו צו סטען סטורע די גרינדונג פון דער אוניווערזיטעט אין אופּסאלא. אונטער זיין נאָכפאָלגער סטען סטורע דעם אינגערען איז שוועדען אין גאַנצען אָפּגעפאַלען פון דענעמארק. אָבער וועגען דעם וועלען מיר שפּעטער דערצעהלען אויספיהרליכער.

אין דעם שטרייט מיט דעם גראַף פון האָלשטיין און דעם הערצאָג פון זאַקסען. דיזע מפּלה האָט געבראָכען די מאַכט פון דענעמארק אויף אַ לאַנגע צייט.

אין דער צייט פון די שפּעטערע הערשער פון דענעמאַרק האָבען אין לאַנד אויסגעבראָכען זעהר פיעלע קריגען צווישען די גרויסע אדעללייט. דיזע קריגען האָבען געבראַכט גרויסע צרות און ענדערונגען. אַ גאַנצע רייהע פון קעניגען זיינען ערמאָרדעט אָדער פערטריבען געוואָרען. די קלעריקאַלען האָבען דערגרייכט אַ פאָלשטענדיגע אונאָפּהענגיגקייט. ביי דער טראָן־בע-שטייגונג פון קעניג כריסטאָף דעם 2טען האָט דער אדעל ארויסגע-קראָגען פון קעניג אַ דאָקומענט, דורך וועלכען די קעניגליכע מאַכט איז שטאַרק אָפּגעשוואַכט געוואָרען, און די מאַכט פון אַלע קלאַסען פון פאָלק איז פיעל פערגרעסערט און פערשטאַרקט געוואָרען. ערסט וואַלדעמאַר דער 4טער (1340—1375) האָט צוריקגעקעהרט צו די קעניגען זייער פערלאָרענע מאַכט און האָט וויעדער פעראייניגט מיט דענעמארק די פּראָווינצען, וואָס דע-נעמארק האָט פערלאָרען אונטער די פריהערדיגע קעניגען. אָבער אַלס ער האָט אָנגעפאַנגען אַ שטרייט מיט דעם האַנזאַ־בונד, האָט ער געליטען איין נידערלאַגע נאָך דער אַנדערער. דורך דעם פרידען, וואָס איז געשלאָסען גע-וואָרען אין שטראַלזונד, האָבען די האַנזאַ־שטעדט בעקומען גרויסע פּריווי-לעגיעס און דאָס רעכט ניט צו אָנערקענען קיין קעניג, וואָס דער ראַט פון די האַנזאַ־שטעדט וועט ניט אָנטייל נעהמען אין זיין וואַהל.

נאָך וואַלדעמאַר׳ס טויט איז געבליבען זיין איינציגע טאָכטער מאַר-גאַרעטהע. דער טראָן־פאָלגער האָט בעדאַרפט זיין איהר זוהן אָלאַף. אָבער ווייל ער איז נאָך ניט געווען פול־יעהריג צו רעגירען, האָט זיין מוטער מארגארעטהע דערווייל פיר איהם רעגירט. מארגארעטהע האָט געהייראַטעט דעם נאָרוועגישען קעניג האַקאָן. אָבער איהר זוהן און אויך איהר מאַן זיינען צושטאָרבען און זי איז געבליבען הערשערין פון דענעמארק און נאָרוועגען. איהר נאָכפאָלגער איז געווען בעשטימט צו זיין איהר נעפע עריך פון פּאָממערן. זי האָט באַלד דערויף בעשטיגען דעם שוועדישען טראָן. די אורזאַך, ווארום זי איז ארויף אויף דעם שוועדישען טראָן איז גע-ווען פאָלגענדע: די שוועדען זיינען געווען אונצופרידען מיט זייער קעניג אַלבערט פון מעקלענבורג, האָבען זיי דעריבער בעשלאָסען איבערצו-געבען די קרוין צו דער קעניגין מארגארעטהע. אלבערט אָבער האָט איהר דעם טראָן ניט געוואָלט אָפּטרעטען. זי האָט מיט איהם פערפיהרט אַ לאַנגען קריג און האָט איהם בעזיגט. אין יאָהר 1397 האָט זי צוזאַמענגערופען די פערשיידענע קלאַסען פון אַלע דריי קעניגרייכען אין קאַלמאַר און האָט

בעזעצט אין די ערטער, וואו די ווילדע פ ע ט ש ע נ ע ג ע ן זיינען פריהער געזעסען, און האבען נאכדעם פון דארט אויסגעוואנדערט. אין די ערטער, וואס זיינען יעצט בעוואוסט אונטער דעם נאמען ז י ע ב ע נ ב י ר ג ע ן, זיינען זיי געוועזען בעוואוסט מיט דעם נאמען זאקסען און האבען ביז היינט בעהאלטען די לאנד־שפראך און די זיטען פון דעם ארט, פון וואנען זיי זיינען געקומען. זיי האבען דורך זייער פלייס פערוואנדעלט דאס וויסטע לאנד אין א בליהענדען צושטאנד, און האבען דארט געגרינדעט גרויסע און רייכע שטעדט און וואהלהאבענדע דערפער. זיי האבען דערפאר ערהאלטען גרויסע פריוויליגיעס, ווי צ. ב. אייגענע געריכטס־הייזער, פרייע וואהל פון בעאמטע, אייגענע גייסטליכע א. אנד., וועלכע זיי האבען אנגעהאלטען ביז אין דער נייעסטער צייט. אין יאהר 1160 איז פון דיזע קאלאניסטען געגרינדעט געווארען די שטאדט הערמאננשטאדט, שפעטער די שטעדט קלאוזענבורג, קראנשטאדט און אנדערע שטעדט.

אונטער א נ ד ר ע א ס ד ע ם 2 ט ע ן (1209—1235) האט די אריסטאקראטיע געבראכט צו אן ענד דעם קריג, וואס זיי האבען לאנג געפיהרט געגען דעם קעניגטום. זיי האבען געקריגען פון אנדרעאס דעם 2טען א פריי־בריף, וועלכער איז בעקאנט אונטער דעם נאמען „די גאלדענע בוללע", אין וועלכען די אלטע רעכטען פון דעם אדעל זיינען ניט נאר בעשטעטיגט געווארען, נאר זיי זיינען נאך פערמעהרט און פערברייטערט געווארען. די גאלדענע בוללע האט אין זיך ענטהאלטען 31 ארטיקלען. אין דיזער „בוללע" איז זיי געגעבען געווארען פולע פרייהייט פון שטייערן, דער קריגס־דינסט איז געווארען בעשרענקט נאר אויף די לאנד־גרענצען, אזוי דאס ווען דער קעניג האט געוואלט פיהרען קריג אויסער די גרענצען, האט ער געמוזט פון זיין קאסע צאהלען די סאלדאטען און אליין אויסשטעהן אלע הוצאות. פון קעניג איז אפגענומען געווארען דאס רעכט צו מאכען ערבליך גראפשאפטען און גרויסע רייכס־עמטער. אידען און מאחמעדאנער זיינען אויסגעשלאסען געווארען פון אלע פינאנץ־עמטער. זיי האבען געזיכערט פערזענליכע פרייהייט דורך דעם, וואס עס איז געווארען א געזעץ קיינעם ניט צו ארעסטירען אדער בעשטראפען איידער ער איז פארגערופען געווארען צו א משפט און מען האט איהם פערורטיילט צו א געוויסער שטראף. דער קעניג האט געמוזט איינוויליגען, דאס אין פאל ער אדער זיינע יורשים וועלען זוכען מבטל צו זיין די גאלדענע בוללע, זאלען אלע האבען דאס רעכט צו מאכען א ווידערשטאנד, און דאס זאל זיך ניט רעכנען פאר א הויך־פעררראט אדער מרידה במלכות. אין יאהר 1231 איז דיזע בוללע נאך א מאל בעשטעטיגט

ב. אונגארן.

נאָך דעם, ווי די אונגארען האָבען געליטען א נידערלאַגע אויף דעם לעכ-פעלד דורך אָטטאָ דעם גרויסען, זיינען זיי דורך דייטשע מיסיאָנערען איבער-געגאַנגען צום קריסטענטום אונטער דער רעגירונג פון גייזאס דעם 1טען (972—997). גייזאס זעלבסט אָבער איז געבליבען טריי זיין אַלטען גלויבען. דאַגעגען האָט זיין זוהן סטעפאַן דער 1טער, בע-וואוסט אַלס סטעפאַן דער הייליגער, אָנגענומען דעם קריסטליכען גלויבען און האָט מיט גרויס אייפער פערברייטעט דיזען גלוי-בען צווישען זיינע אונטערטאַנען. ער איז געקרוינט געוואָרען פון פּאַפּסט זעלבסט און האָט רעגירט 41 יאָהר, פון 997 ביז 1038. ער איז געווען דער ערסטער קאַטוילישער קעניג אין אונגארן. אום צו שטעלען דאָס קריס-טענטום אין זיין לאַנד אויף א פעסטען פונדאַמענט, האָט ער איינגעלאַדען א גרויסע צאָהל בענעדיקטינער מאָנאַכען און האָט געגרינדעט 10 בישאָפּטימער. ער האָט געמאַכט נייע אָרדנונגען אין דער אינערליכער רעגירונג. די מאַג-נאַטען, דעם הויכען אַדעל, און די קלעריקאַלען האָט ער געגעבען פּיעלע ספּעציעלע רעכטען. ער האָט צוזאַמענגעשטעלט א רייכס־סענאַט פון די קירכען־פירסטען און גרויסע אַדעלס־הערען. דיזער רייכס־סענאַט האָט גע-טראָגען דעם נאָמען מאַגנאַטען־טאַפעל און איז געשטאַנען ביי דער זייט פון קעניג צו דינען איהם מיט ראַט.

אום דורכצופיהרען אַלע זיינע רעפאָרמעס האָט סטעפאַן איינגעלאַדען דייטשען און איטאַליענער, און דיזער אומשטאַנד האָט געמאַכט זעהר פער-האַסט ביים פאָלק אַלע זיינע נייע אָרדנונגען. דעריבער ווען זיין נאָכפאָלגער פּעטער האָט אָנגעהויבען געהן אויף דעם זעלבען וועג, האָט זיך געגען איהם אויפגעהויבען אַן אויפשטאַנד. היינריך דער 3טער האָט זיך בענוצט מיט דיזען צושטאַנד אום דאָס לאַנד צו מאַכען אונטערטעניג אונטער דייטשלאַנד. אונטער דעם קעניג לאַדיסלאוס (1077—1095) איז אונגארן ווידער געוואָרען אונאָפּהענגיג און האָט נאָך בעזיגט קראָאַציען און דאַלמאַציען ביז דעם אדריאַטישען מעער. אָבער אין לאַנד זעלבסט האָט נאָך אַלץ קיין רוה ניט געהערשט, וורייל מיט'ן קריסטענטום און דער קריסט-ליכער קולטור האָט מען דאָרט אויף אַריינגעבראַכט די לייבאייגענשאַפט, און דאָס פאָלק איז בערויבט געוואָרען פון זיין פרייהייט.

אונטער גייזאס דעם 2טען (1141—1161) זיינען אָנ-געקומען פּיעלע סלאַווישע און נידער־דייטשע קאָלאָניסטען. זיי האָבען זיך

אונגארישע קרוין דער דייטשער קייזער סיגיזמונד, וועלכער איז געוועזן לודוויג'ס איידים. ער האָט בעקומען די קרוין (1404) דורך זיין פיעל נאָכגעבען די פאָדערונגען פון אונגארישען פאָלק. נאָך זיין טויט האָט גע'ירש'עט דעם טראָן זיין טאָכטער עליזאבעטה, וועלכע איז געוועזן די פרוי פון דעם פוילישען קעניג וולאדיסלאוו. די רעגירונג פון סיגיזמונד'ן איז מערקווירדיג דערמיט, וואָס אין יאָהר 1405 האָט ער צום נאַציאָנאל-קאָנווענט אין אָפען דאָס ערסטע מאָל אויך איינגעלאדען דעלעגאטען פון די בירגער און פון קלענערען אדעל.

וולאדיסלאוו, דער קעניג פון פוילען און אונגארן, האָט געהאט א שרעקליכע נידערלאגע אין דער שלאכט מיט די טערקען ביי ווארנא, און איז אליין אויך געפאלען אין דיזער שלאכט. הוניאד, דער וואיעוואָד פון זיעבענבירגען, האָט גענומען די רעגירונג פון לאנד אין זיינע הענט, ביז דער יונגער לאדיסלאוס, דער זוהן פון אלברעכט'ן, וועט זיין אין שטאנד אליין צו רעגירען. דיזער העלד האָט אין יאָהר 1444 געשלאָגען די טערקען און האָט זיי בעזיגט. מען האָט איהם אָבער זעהר שלעכט אָפּגעדאנקט דערפאַר. באלד נאָך זיין פריהען טויט האָט לאדיסלאוס שטארק פערפאָלגט זיין גאנצע משפחה. ער האָט בעשלאָסען זיין גאנצע פאמיליע צו פערניכטען. דאָס גליק איז געוועזן, וואָס דער קעניג איז באלד געשטאָרבען (1457). דאן האָט דאָס אונגארישע פאָלק ערוועהלט אלס קעניג הוניאד'ס קרעפטיגען זוהן מיט'ן נאָמען מאטטהיאס קאָרווינוס. זיין רעגירונג רעכענט זיך אלס די בעסטע אין אונגארן, הגם זי איז אויך ניט געוועזן פריי פון פעהלערן. מאטטהיאס האָט געקעמפט מיט גרויס ערפאָלג געגען די טערקען און האָט אָפּגענומען פון זיי באָסניען. ער האָט פערטריבען דעם קייזער פריעדריך דעם 3טען פון וויען און האָט צוגענומען עסטרייך. ער האָט אויך געגרינדעט אין אָפען אַן אוניווערזיטעט מיט א גרויסארטיגער ביבליאָטהעק, און האָט איינגעלאדען גרויסע געלעהרטע פון אויסלאנד. מיט זיין טויט איז אויסגעלאָשען געוואָרען דער גלאנץ פון זיין הויז. ער האָט זיך געגעבען פיעל מיה איבערצוגעבען דעם אונגארישען טראָן צו זיין אונגעזעצליכען זוהן יאָהאַן קאָרווינוס, אָבער דיזעס איז איהם ניט געלונגען. דאָס פאָלק האָט ערוועהלט אלס קעניג וולאדיסלאוו פון באָהמען, דורך וואָס שלעזיען און מאָהרען זיינען געוואָרען איין לאנד מיט באָהמען, און עסטרייך האָט זיך צוריקגעקעהרט צו זיין שטאם-הויז.

די געשיכטע פון פוילען וועלען מיר שפּעטער אויספיהרליך בעהאנדלען.

געוואָרען מיט איינינע ענדערונגען און דיזע רעכטען זיינען נענעבען געוואָרען אויך צום נידריגען אדעל און צו די קלעריקאַלען.

אין יאָהר 1241 האָבען די מאָנגאָלען פערוויסטעט גאַנץ אונגאַרן און די בעפעלקערונג איז פערקלענערט געוואָרען. ווען בעלא דער 4טער (1235—1270) איז אַרויף אויף דעם אונגארישען טראָן, האָט ער ווידער איינגעלאַדען דייטשע און איטאַליענישע קאָלאָניסטען, וועלכע זיינען אָנגע-געקומען אין אונגאַרן אין גרויסע מאַסען. דאַמאָלס זיינען איבער־אַ־נייס געגרינדעט געוואָרען פיעלע נייע שטעדט, אונטער וועלכע עס איז אויך געווען די שטאָדט אָפען (1245). נאָך בעלא דעם 4טען האָבען רעגירט נאָך 3 קעניגען פון דער דינאַסטיע אַרפּאַד, פון וועלכער אַנדרעאַס דער 3טער איז געווען דער לעצטער (1290—1301). מיט איהם איז דיזע דינאַסטיע אויסגעשטאָרבען.

נאָך דעם טויט פון אַנדרעאַס האָבען דריי פּערזאָן פּרעטענדירט צו זיין די יורשים פון דעם טראָן. זייער רעכט האָבען זיי געגרינדעט אויף זייערע מו-טערס׳ צד. פון די דריי פּרעטענדענטען האָט געזיגט קאַרל ראָבערט, וועלכער האָט געהערט צו דעם הויז אַנזשו, וואָס האָט דאַמאָלס גע-הערשט אין נעאַפּעל. קאַרל ראָבערט האָט דעם אונגארישען טראָן בעפעס-טיגט און האָט איהם איבערגעלאָזען צו זיין זוהן לודוויג דעם גרויסען (1342—1382). דעם טיטעל „דער גרויסער" האָט ער גע-קריגען צוליב די גרויסע נצחונות, וואָס ער האָט געהאַט אין זיינע מלחמות. ער האָט אונטערוואָרפען אונטער זיין מאַכט ראַטראַנלאַנד, דאַלמאַציען און די דונאַי־לענדער. ער האָט אויך פּוילען אונטערוואָרפען, אָבער אָהן קריג, נאָר מיט דיפּלאָמאַטיע, ווייל ער איז געווען דער פּלעמעניק פון קאַזימיר דעם 6טען. לודוויג האָט אויך די ווענעציאַנער געצוואונגען צו צאָהלען איהם טרי-בוט. צו זיינע פרידליכע ארבייטען געהערען: די אָפּשאַפונג פון די אָרדאַ-ליען (געטליכעס געריכט), די גרינדונג פון אַן אוניווערזיטעט אין פינפקירכען און די פּלאַנצונג פון וויינטרויבען ארום טאָקאַי, פון וואַנען מיר ערהאַלטען נאָך ער היום די בעסטע וויינען.

נאָך דעם טויט פון לודוויג דעם גרויסען האָבען זיך אָנגעהויבען אין אונגאַרן שטרייטיגקייטען וועגען דער ירושה פון טראָן. דער וויכטיגסטער פּרעטענדענט אויף׳ן טראָן איז געווען קאַרל פון דוראַצאָ, דער קעניג פון נעאַפּעל. אָבער די אַלמנה פון קעניג לודוויג, עליזאַבעטה, האָט אויפגעהעצט דאָס פאָלק געגען איהם, און ער איז ערמאָרדעט געוואָרען אין קעניגליכען שלאָס פון דער שטאָדט פּעסט. דאַן האָט ערהאַלטען די

די כינעזישע קויפלייט אָבער האָבען צופיעל געשונדען די הויט פון דעם פאָלק. שפּעטער האָבען די מאָסקווער פירסטען אַליין זיך אונטערגענומען צו קאָלעקטירען די שטייערן ניט נאָר אין רוסלאַנד, נאָר אויך ביי די בענאַכבאַרטע לענדער, און דערפון זיינען זיי זעהר רייך געוואָרען און דער רייכטום האָט זיי אויך פערשאַפט גרויס מאַכט. אויסער די שטייערן האָבען די רוסען געמוזט געבען די מאָנגאָלען אַ געוויסע צאָהל סאָלדאַטען יעדעס יאָהר.

צוויי הונדערט יאָהר האָבען די רוסען געמוזט צאָהלען טריבוט צום גרויס־חאַן פון דער גאָלדענער האָרדע פון קאַפּטשאַן, וועלכער האָט געהאַט זיין רעזידענץ אין מזרח־זייט פון דער וואָלגאַ. אין יאָהר 1380 האָט דער רוסישער גרויספירסט דמיטרי איוואַנאָוויטש בעשלאָסען צו בעפרייען רוסלאַנד פון דעם טאַטארישען יאָך. ער האָט פעראייניגט אַלע רוסישע פירסטען אונטער זיין פלאַג און אויף דעם פעלד פון קוליקאָוואָ זיינען דיזעביידע אַרמעען צוזאַמענגעקומען צום קאַמף. די שלאַכט איז געווען זעהר אַ בלוטיגע. די מאָנגאָלען האָבען געמוזט צוריקטרעטען, זייער לאַגער און זייערע קעמלען זיינען אַריינגעפאַלען אין די הענט פון די רוסען, די מאָנגאָלישע סאָלדאַטען זיינען ענטלאָפען, און אויף'ן וועג זיינען פיעלע פון זיי דערטרונקען געוואָרען. פיעלע קריגער זיינען פון ביידע זייטען געפאַלען. דמיטרי זעלבסט איז געווען פערפאַלען געוואָרען, ענדליך האָט מען איהם געפונען אַ פערוואונדעטען אין מיטען פון אַ מאַסע הרוגים.

אָבער דער נייער מאָנגאָלישער חאַן טשענגיס־חאַן טאַמערלאַן האָט צוזאַמענגעבראַכט אַן אונגעהייערע מאָנגאָלישע אַרמעע און האָט זיך גענומען שטורמען מאָסקוואַ. די שטאָדט איז באַלד פערוויסטעט געוואָרען פון פייער און פון שווערד און ניט ווענינער פון 24,000 מענשען זיינען אומגעקומען. דאָס זעלבע איז אויך געשעהען מיט אַנדערע שטעדט. ווען דמיטרי האָט זיך דערוואוסט, וואָס עס איז געוואָרען פון זיין הויפּטשטאָדט, האָט ער זיך צו־וויינט און האָט געזאָגט: „אונזערע עלטערן, וועלכע האָבען ניט בעזיגט די טאַטאַרען, זיינען ניט געווען אַזוי אונגליקליך ווי מיר, וועלכע האָבען זיי יע בעזיגט". עס איז ווירקליך געווען אַ טרויעריגע צייט נאָך אַ זיג. דאָך האָבען די רוסען געפיהלט, דאָס די מאַכט פון די מאָנגאָלען איז געבראָכען.

ענדליך האָט זיך טאַמערלאַן צוקריגט מיט די מאָנגאָלישע שטאַמען און האָט פערוויסטעט רוסלאַנד מיט די מאָנגאָלען צוזאַמען. אין יאָהר 1396 האָט ער פערניכטעט אין אַ שלאַכט די מאַכט פון דער מאָנגאָלישער גאָלדענער האָרדע. דערמיט איז געבראָכען געוואָרען די מאַכט פון פרעמדער הערשאַפט

ג. רוסלאַנד.

צווישען די פיעלע קליינע מלוכות, אויף וועלכע רוסלאנד איז אין 12טען יאָהרהונדערט געווען צוטיילט, איז קיעוו געווען די וויכטיגסטע. קיעוו איז געווען דער זיץ פון דעם אויבערהויפט פון דער קירכע, פון דעם מיטראָפּאָליט, און איז אויך געווען גוט בעפעלקערט און רייך פון האנדעל. דער גרויספירסט וולאדימיר „מאָנאָמאך" (1113—1125) האָט פעסטגעשטעלט און אָנגעהאלטען דעם פרידען אין לאנד און האָט געשטיצט רוסלאנד געגען איהרע שונאים ארום. אָבער אונטער זיינע נאָכפאָלגער האָבען אויסגעבראָכען לאנגע קריגען. דער רעזולטאַט פון דיזע קריגען איז געווען, דאָס רוסלאנד איז אַזוי אָפּגעשוואכט געוואָרען, דאָס פערשיידענע נאַכבארשאפטליכע פעלקער האָבען פון איהר אָנגעהויבען אָפּרייסען שטיקער. אין מערב־זייט האָבען פוילען און ליטא צוגענומען פון רוסלאנד שטיקער, און אין מזרח־זייט זיינען די מאָנגאָלען בעפאלען און האָבען בעהערשט רוסלאַנד. אין יאָהר 1284 האָבען די מאָנגאָלען געשלאָגען די רוסען ביי דער קאלקא און האָבען פערוויסטעט א גרויסען טייל פון רוסלאנד ביז דעם דניעפּר. זיי האָבען גענומען קיעוו, האָבען זי פערברענט און האָבען ערמאָרדעט איהרע איינוואוינער. נאָך דעם האָבען זיי איינגענומען וואָלהיניען און גאַליציען. גאַנץ רוסלאנד אויסער נאָווגאָראָד האָט זיך געפונען אונטער דער הערשאַפט פון די טאטארען. פיעלע פירסטען זיינען צו'הרג'עט געוואָרען. פיעלע זיינען פון לאנד ענטלאָפען, הונדערטער טויזענדער רוסען זיינען געפאנגען געוואָרען, פיעלע פרויען פון די רייכע באָיארען, וועלכע האָבען אין זייער לעבען קיין ארבייט ניט געטאָן, האָבען געמוזט שווער ארבייטען אלס שקלאפינס פיר זייערע בעדריקער.

די מאָנגאָלען האָבען אָבער קיינע ענדערונגען ניט געמאכט אין דעם שטאאטליכען לעבען פון די פעלקער, וועלכע זיי האָבען אונטערוואָרפען. זיי האָבען געלאָזען יעדען לאנד זיין פערפאסונג, זיינע געזעצען און זיינע גערִיכטס־הייזער. די בעזיגטע האָבען געמוזט צאָהלען א גרויסע קאָפּ־שטייער, וועלכע איז געווען שווער פיר יעדען, פיר דעם אָרימען און פיר דעם רייכען. די שטייער איז בעשטאַנען אין באארעס געלט אָדער אין פעלץ־ווארג. די, וואָס האָבען ניט געקענט צאָהלען, זיינען פערוואנדעלט געוואָרען אין שקלאַפען. די האנעס, ד. ה. די מאָנגאָלישע פירסטען, האָבען אָנפאנגס פערדונגען די איינקאסירונג פון די שטייערן צו כינעזישע קויפלייט, וועלכע האָבען זיך פערפליכטעט צו צאָהלען יעהרליך צו די האנעס א געוויסע סומע.

די אידען אין מערב־איראָפּאַ.

א. איטאליען, פראנקרייך, גערמאניען און שפאניען.

שוין אין ערסטען יאָהרהונדערט פ. קר. האָבען זיך געפונען אידישע קהלות אין מערב־אייראָפּא און בעזונדערס אין רוים. דיזע קהלות זיינען פיעל פערגרעסערט געוואָרען נאָך דעם חורבן ירושלים דורך טיטוס'ן און נאָך דעם צווייטען חורבן דורך אדריאנוס'ן. ווי עס ווייזט אוים האָבען די אידען געלעבט אין פרידען מיט די פעלקער, צווישען וועלכע זיי האָבען זיך בעזעצט, און זיי האָבען גענאָסען פולע בירגער־רעכטען. נאָר פון 5טען יאָהרהונדערט, ווען דאָס קריסטענטום איז געוואָרען מעכטיג, האָבען אידען אָנגעהויבען צו פיהלען דעם אמת'ען טעם פון גלות.

אין יאָהר 475 נ. קר. איז די רוימישע אימפעריע צוטיילט געוואָרען צווישען די בארבארען. אין איטאליען האָבען געהערשט די אָסטגאָטען (493—554). דאמאָלס האָבען זיך געפונען אין איטאליען פיעלע אידישע קהלות. דער אָסטגאָטישער קעניג פון יענער צייט, טהעאָדאָריך דער גרויסער, איז געווען אַן אָנהענגער פון דער אַריאנישער סעקטע פון קריסטענטום, וועלכע איז געווען ניט אזוי פאנאטיש ווי די קאַטאָלישע. ער האָט ערלויבט אידען צו האָבען אייגענע ריכטער און פעררריכטען זייערע אַלטע סינאַגאָגען. אין זיין צייט זיינען די קאַטאָלישע קריסטען בעפאַלען אידישע סינאַגאָגען און האָבען זיי צושטערט. טהעאָדאָריך האָט געהייסען צווינגען זיי צו בעצאָהלען דעם שאָדען. איינוגע האָבען דעם בעפעהל ניט געוואָלט פאָלגען און ער האָט געהייסען, אז מען זאָל זיי שמייסען עפענטליך און אויך נויטען צו בעצאָהלען די היזקות. הגם די אָסטגאָטען זיינען אויך געווען פיינדליך צו אידען, דאָך איז די אידען צווישען זיי געווען פיעל בעסער ווי אין ביצאַנטיום, וואו זיי האָבען געליטען ערנידרונגען און שרעקלי־כע פערפאָלגונגען, און דעריבער, ווען דער ביצאַנטישער קריגס־קאָמאַנדיר בע־ליסאַריוס האָט בעלאַגערט די שטאָדט נעאַפעל, האָבען די אידען אָנגעווענדט

אין רוסלאנד. דעריבער איז עס דאָן ניט שווער געוועזן פיר דעם גרויספירסט איוואַן וואַסיליעוויטש (1462—1505) צו בעפרייען גאַנץ רוס-לאַנד פון דעם טריבוט, וואָס זיי האָבען געצאָהלט צו די מאָנגאָלען, און אויך צו פערברייטערן זיין הערשאַפט אין אַלע זייטען. די שטאָדט נאָוגאָראָד איז ניט געוועזן אונטערוואָרפען צו קיינעם צוליב איהר רייכקייט. איוואַן וואַסי-ליעוויטש האָט אָבער דיזע שטאָדט געבראַכט אונטער זיין מאַכט. אויך די קירכע איז געוואָרען זעלבשטענדיג. דער מיטראָפּאָליט האָט אויפגעהערט צו זיין אָפּהענגיג פון דעם קאָנסטאַנטינאָפּעלער פּאַטריאַרך. די רוסישע בי-שאָפען זעלבסט האָבען איהם אָנגעהויבען צו ערוועהלען.

אויף די קעניגען האָבען באַלד אָנגעהויבען צו צווינגען אידען זיך טוי-
פען. דער בעסטער מיטעל צו דיזען צוועק איז געווען צו בעשרענקען די
אידען אין זייערע רעכטען און ערנידריגען זיי אין די אויגען פון דער קריסט-
ליכער בעפעלקערונג. צום ביישפּיל, ווען אַ איד האָט אויפגעהויבען אַ
האַנט אויף אַ קריסט צו שלאָגען איהם, האָט איהם דאָס געזעץ בעשטראָפט
מיט אָפּהאַקען די האַנט, ווערהענד אַ קריסט האָט דערפאַר בעקומען אַ לייכטע
געלט־שטראָף. דאָס האָט אָבער וועניג געווירקט און די קעניגען צוזאַמען מיט
דער קירכע האָבען בעשלאָסען צו געברויכען צוואַנג־מיטלען. אַלס ביישפּיל
קען דינען די געשיכטע מיט דעם אידען פּ ר י ס ק, אַ פּאָדראַדטשיק ביים
קעניג כ י ל פּ ע ר י ך. דער קעניג פלעגט זיך זעהר אָפּט מיט איהם בע-
ראַטען וועגען וויכטיגע ענינים, אָבער עס האָט איהם שטאַרק פערדראָסען,
וואָס פּריסק האַלט זיך פעסט אָן דעם „פאַלשען אידישען גלויבען״. איין
מאָל איז פּריסק געווען ביים קעניג צוזאַמען מיט׳ן בישאָף גרעגאָרי. דער
קעניג האָט אָנגענומען פּריסק׳ן פאַר׳ן קאָפּ און האָט געהייסען דעם בישאָף,
אַז ער זאָל אויף איהם אַרויפלעגען ד׳ הענט, וואָס דאָס איז געווען אַ צייכען
פון טויפען. פּריסק האָט זיך אַרויסגעריסען פון קעניג׳ס הענט און האָט גע-
זאָגט, אַז ער וויל פריהער האָבען אַ וויכוח מיט׳ן בישאָף וועגען רעליגיאָן.
דער בישאָף האָט אָנגעהויבען בעווייזען מיט שטעלען פון דער ביבעל, דאָס
יעזוס איז גאָט׳ס זוהן, און איז געבאָרען געוואָרען פון אַ בתולה, און האָט
זיך געלאָזען קרייציגען אום צו מאַכען גליקליך די מענשהייט; אָבער פּריסק
האָט בעוויזען, דאָס אַזאַ גלויבען ערנידריגט די ווירדע פון גאָט, ווייל גאָט
האָט פיעלע עדעלערע וועגען ווי צו מאַכען גליקליך די מענשען. אַזוי
האָט זיך פּריסק דיזען מאָל אויסגעדרעהט פון צוואַנג־טויפע. מיט אַ יאָהר
שפּעטער האָט כילפּעריך בעשלאָסען צו צווינגען די אידען אין זיין מדינה
צו טויפען זיך. פיעלע האָבען געמוזט נאָכגעבען, אָבער פּריסק איז געווען
האַרטנעקיג און האָט זיך ניט געוואָלט טויפען. דער קעניג האָט איהם אַריינ-
געוואָרפען אין געפענגניס. פּריסק האָט געבעטען דעם קעניג, אַז ער זאָל
איהם אויף אַ ווײלע בעפרייען, אום ער זאָל קענען פיהרען זיין זוהן צו דער
חופּה, און נאָכדעם קען זיין וועט ער נאָכגעבען דעם קעניג׳ס וואונש. דער
קעניג האָט איהם בעפרייט, אָבער פּריסק איז געבליבען ביי זיינס און האָט
זיך ניט געטויפט. איין מאָל איז איהם בעפאַלען אַ אידישער משומד און
האָט איהם ערמאָרדעט. דאָס פאָלק איז געוואָרען שרעקליך אויפגעבראַכט
פיר דעם מאָרד און האָט דעם מערדער געוואָלט טויטען, אָבער דער קעניג
האָט איהם בעפרייט.

אַלע קרעפטען די שטאָדט צו פערטיידיגען. אָבער זייער אָנשטרענגונג האָט זיי ניט געהאָלפען און אין יאָהר 554 איז איטאַליען געוואָרען אונטערוואָרפען אונטער דעם יאָך פון ביצאַנטיום און די אידען האָבען שטאַרק געזיפצט אונטער די דריקענדע געזעצען פון יוסטיניאַן.

אָבער באַלד האָבען די ביצאַנטיער געמוזט אָפּטרעטען איטאַליען צו די לאָנגאָבאַרדען (568 נ. קר.). דער פּאַפּסט גרעגאָרי דער גרויסער איז ניט געווען זעהר גענייגט צו די אידען, אָבער ער האָט אויך ניט ערלויבט אָפּצונעהמען פון זיי דאָס ביסעל רעכטען, וואָס זיי האָבען נאָך געהאַט.

דאָס קעניגרייך פון די פראַנקען. די אידען זיינען געקומען אין גאַלליען (פראַנקרייך) פאַר דעם 5טען יאָהרהונדערט פון דער קריסטליכער צייטרעכנונג. זיי האָבען דאָרט פערברייטערט האַנדעל און אינדוסטריע און האָבען גענאָסען אַלע רעכטען פון רוימישע בירגער. אין 5טען יאָהרהונדערט האָבען זיך געפונען אידישע קהלות אין מאַרסעיל, אָרלעאַנס, פּאַריז און אין אַנדערע שטעדט.

די ערסטע הערשער פון דעם פראַנקישען קעניגרייך צו ענדע פון 5טען יאָהרהונדערט זיינען געווען פון דער דינאַסטיע מעראָווינגען. דאַמאָלס איז דער שיקזאַל פון די אידען אין יענעם לאַנד געוואָרען פיעל ערגער. די קעניגען זיינען געווען אונטער דעם איינפלוס פון די קאַטאָלישע גייסטליכע, וועלכע האָבען די אידען זעהר געהאַסט און האָבען זיי מעהר און מעהר בערויבט פון זייערע רעכטען. די פערזאַמלונגען פון די גייסטליכע אין וואַן (465) און אין אַגדעס (506) האָבען פערוועהרט די קריסטען צו שפּייזען צוזאַמען מיט אידען. די קירכען־פערזאַמלונגען אין אָרלעאַנס (533, 538 און 541) האָבען פערוועהרט קריסטען צו הייראַטען מיט אידען. אין דער וואָך פאַר זייער פּסח האָט זיך אַ איד ניט געטאָרט ווייזען אין גאַס. אַ איד האָט ניט געטאָרט זיצען ווען אַ קריסטליכער גייסטליכער איז געווען אַנוועזענד. די קירכען־פערזאַמלונג אין נאַרבאָננע האָט פערוועהרט די אידען צו זאָגען תהלים ביי אַ בר־מינן (589). עס האָבען זיך אויך געפונען אַזעלכע גייסטליכע, וועלכע האָבען געצוואונגען די אידען אַ .ונעהמען דעם קריסטליכען גלויבען. דער בישאָף אוויט האָט לאַנג גע'דרש'עט, דאָס אידען מוזען זיך טויפען. ווען זיינע דרשות האָבען אָבער ניט געווירקט, האָט ער געצוואונגען די אידען פון קלערמאָן צו טויפען זיך אָדער פערלאָזען די שטאָדט. 500 אידען האָבען זיך געטויפט און די איבריגע זיינען אנטלאָפען אין מאַרסעיל (576).

פון די רוימער, אידען, וואָס זיינען געקומען פון אַנדערע לענדער אין דער צייט פון דער גרויסער פעלקער־וואַנדערונג, אידישע קריגס־געפאַנגענע, וואָס זיינען אויסגעלעזט געוואָרען פון זייערע ברידער און ד. גל. אין דער צייט, וואָס די רוימער האָבען דאָרט געהערשט, האָבען די אידען געהאַט פולע בירגער־רעכטען, אָבער אַזוי באַלד ווי דאָס קריסטענטום איז דאָרט איינגעוואָרצעלט געוואָרען האָבען שוין די קריסטליכע גייסטליכע געזוכט צו מאַכען בעשרענקונגען געגען זיי (320).

נאָך דער גרויסער פעלקער־וואַנדערונג האָבען די וועסט־גאָטען גע-גרינדעט אין שפּאַניען אַ רעגירונג. די ערסטע קעניגען זייערע זיינען געווען קריסטען פון אַריאַנישען גלויבען, וועלכע די קאַטאָליקען האָבען בעטראַכט אַלס אונגלויביגע. דיזע קעניגען האָבען ניט פערפאָלגט די אידען. דאָס פאָלק האָט מיט זיי געלעבט זעהר פרידליך און זיי האָבען זיך בעשעפטיגט מיט אַקערבוי, וויינגערטנער, מסחר און פערשיידענע מלאכות. די קריס-טען פלעגען אָפט איינלאַדען אידישע רבנים צו בענשען זייערע פעלדער אָנשטאָט איינצולאַדען זייערע אייגענע גייסטליכע. אין יענער צייט האָבען די שפּאַנישע אידען געהאַט אַ היבשע קאָמוניקאַציאָן מיט די ישיבות אין בבל, וועלכע פלעגען צושיקען צו זיי רבנים און לעהרער, און די שפּאַנישע אידען האָבען זיי דערפאַר געשטיצט.

ערגער איז געוואָרען פיר די אידען אין שפּאַניען ווען דער קעניג **ר ע-קאַרעד דער 1טער** איז געוואָרען אַ קאַטאָליק. מען האָט באַלד צוגענומען פון זיי דאָס רעכט צו פערנעהמען שטעלעס אין דער רעגירונג און עס איז זיי געוואָרען פערבאָטען צו האַלטען קריסטליכע בעדינטע (589). אָבער דיזע געזעצען זיינען ניט איבעראַל דורכגעפיהרט געוואָרען, ווייל די מלוכה איז געוואָרען אַ פעאָדאַלע, יעדער גוטס־בעזיצער איז געווען אין זיינע גיטער אַ זעלבסטהערשער, און די געזעצען פון די קעניגען און דער קירכע זיינען פיר זיי ניט געווען קיין פליכט.

פיעל ערגער איז געוואָרען דער צושטאַנד פון די אידען אין שפּאַניען אין דער צייט פון קעניג **סיזעבוט** (612—620). מען האָט זיי גע-צוואונגען צו בעפרייען אַלע זייערע קריסטליכע שקלאַפען. דיזער בעפעהל האָט געקענט רואינירען אַלע אידען אין שפּאַניען, וועלכע האָבען זיך בע-שעפטיגט מיט אַקערבוי און וויינגערטנער, ווייל אָהן שקלאַפען איז געווען אונמעגליך צו פיהרען דיזע געשעפטען. דאָס האָט געצוואונגען דיזע קלאַס אידען אומצוגעהן דאָס געזעץ. די רעגירונג און די קירכע זיינען דורך דעם געוואָרען נאָך מעהר אויבגערייצט און מען האָט אַרויסגעגעבען אַ בעפעהל,

צו ענדע פון 6טען יאָהרהונדערט האָט די צוואַנג־טויפע אין פראַנק-רייך דערגרייכט אַזאַ שטופע, דאָס דער פּאַפּסט גרעגאָריוס דער 1טער האָט געשריבען צו די בישאָפען (591), אַז דאָס איז ניט דער וועג צו בעקעהרען די אידען צום קריסטליכען גלויבען, נאָר זיי זאָלען בעסער געברויכען איי-בערצייגונג. אָבער ער איז געווען פון דער מיינונג, אַז מען מוז בעשרענקען די רעכטען פון די אידען אום צו צווינגען זיי אָנצונעהמען די טויפע. ער האָט געמאַכט פאָרוואורפען דער קעניגין ברונהילדע, וואָס האָט ערלויבט אידען צו האָבען קריסטליכע קנעכט. „דו ווייסט דאָך", האָט ער צו איהר געשריבען, „דאָס די קריסטען זיינען די גלידער פון יעזוס'ן, ווי אַזוי ער-לויבסטו, עהרענדיג דעם קאָפּ (יעזוס'ן), איבערגעבען צו זיינע שונאים (די אידען) זיינע גלידער?" (599). די פּאַריזער קירכען־פערזאַמלונג האָט בע-שלאָסען, אַז מען זאָל ניט צולאָזען קיין אידען צו קיין רעגירונגס־שטעלע אום זיי זאָלען ניט הערשען איבער קריסטען.

דער קעניג דאַגאָבערט האָט נאָך מעהר פערפאָלגט די אידען. אויך די וועסט־גאָטען אין שפּאַניען האָבען דאַמאָלס פערפאָלגט די אידען. פיעלע זיינען ענטלאָפען אין פראַנקען־לאַנד. אָבער דאַגאָבערט האָט זיי שרעקליך פערפאָלגט און האָט זיי געצוואונגען אָנצונעהמען דאָס קריסטען-טום אָדער פערלאָזען דאָס לאַנד (615). אָבער די מאַכט פון די מעראָווינ-גער קעניגען איז באַלד אָפּגעשוואַכט געוואָרען און איז איבערגעגאַנגען צו די מאַיאָר־דאָמאָס, ד. ה. די בעאַמטע פון קעניגליכען הויף. דיזע האָבען גע-שעצט די אידישע פעהיגקייט צו בערייכערן ז'אָס לאַנד דורך זייער האַנדעל און זיי האָבען בעשיצט די אידען פו'ן פערפאָלגונגען.

וועגען די אידען אין דייטשלאַנד צו יענער צייט ווייסען מיר גאַנץ ווייניג. אין אָנפאַנג פון 4טען יאָהרהונדערט, ווייסען מיר, איז געווען אין דער שטאָדט קאָלן אַ וויכטיגע אידישע קהלה מיט אַ געוויסער אויטאָנאָמיע און בעאַמטע. דער ערסטער קריסטליכער רוימישער קיסר קאָנסטאַנטין האָט שוין אָנגעהויבען ארויפלעגען אויף זיי שווערע לאַסטען.

די אידען אין שפּאַניען אונטער די וועסטגאָטען. די עלטעסטע און צאָהלרייכסטע אידישע קהלה פון אַלע אייראָפּעאישע לענדער האָט זיך געפונען אין שפּאַניען. מען זאָגט, דאָס אידען האָבען זיך בעזעצט אין שפּאַניען נאָך פאַר'ן חורבן, אָבער דאָס איז ניט בעוויזען. געוויס איז, דאָס שוין אין די ערסטע יאָהרען פון דער קריסטליכער צייטרעכנונג איז שוין דאָרט געווען אַ אידישע קהלה. די מיטגלידער פון דיזער קהלה זיינען געווען אידען פון ארץ ישראל, וואָס זיינען ענטלאָפען פון די פערפאָלגונגען

אידישע פּרינציפּען מיט ענדערונגען אום צוצופּאַסען זיי צום לעבען פון די אראַבער.

אָנפאַנגס איז מאַחמעד געווען פריינדליך צו אידען. ער האָט געהייסען זיינע ז׳נהענגער פאַסטען צוזאַמען מיט די אידען יום כפור און שטעהן מיט׳ן פּנים צו ירושלים בשעת התפלה. דעו״מיט האָט ער געוואָלט, אַז די אידען זאָלען איהם אָנערקענען אַלס נביא. די אידען האָבען געהאַט אַ בעגריף פון אַ נביא אַלס אַ הויך־געזיטעטען מענש, מאַחמעד אָבער איז געווען אַ גרויסער בעל תאוה און אַ בעל גאוה, און די אידען האָבען איהם פערּ־אַכטעט. ער האָט זיך אָנגעהויבען דערווייטערן פון די אידישע מנהגים און געזעצען. דעם תענית יום כפור האָט ער אָפּגעשאַפט, ביי די תפלות האָט ער געהייסען שטעהן מיט׳ן פּנים צו מעקקאַ (אַ הייליגע שטאָדט ביי די אַראַבער). פון די אידישע שפּייז־געזעצען איז נאָר פערבליבען דער איסור פון עסען חזיר און נבלות.

אָנפאַנגס האָט זיך מאַחמעד אָנגעגעבען פיר אַ נביא נאָר צו די אראַ־בער. אָבער שפּעטער האָט ער זיך פּראָקלאַמירט אַלס נביא פיר די גאַנצע מענשהייט. ער האָט בעשלאָסען צו צווינגען די געצען־דינער אָנצונעהמען דעם איסלאַם. אירען און קריסטען האָט ער געהייסען ניט צווינגען מיט׳ן שווערד, נאָר אונטערוואַרפען זיי אונטער׳ן פּאָליטישען יאָך פון די מאַחמע־דאַנער. אָבער ווען עס איז געווען נעטיג האָט ער אויך די אידען געצוואונ־גען מיט׳ן שווערד אָנצונעהמען זיין לעהרע. דער אידישער שבט בני־קיי־נוקאַ איז געווען געצוואונגען צו עמיגרירען נאָך ארץ ישראל. די בני־נאַדיר און בני־קוראַיסאַ האָט ער בעזיגט און 700 קריגער פון זיי האָט ער הינגע־ריכטעט אין מעקקאַ. נאָכדעם האָט ער אויך בעזיגט די אידען אין ח י י־ב אַ ר. אונטער זיי האָבין זיך געפונען צוויי שענע אידישע פרויען, וועלכע מאַחמעד האָט געהאַלטען פיר זיך. איינע פון זיי מיט׳ן נאָמען ז י י נ אַ ב האָט איהם געוואָלט פערגיפטען. איינער פון זיינע מקורבים איז פון דעם סם באַלד געשטאָרבען. מאַחמעד האָט באַלד אויסגעשפּיגען דאָס פער־סם׳טע פליייש. ווען מאַחמעד האָט זי געפרעגט, וואָרום זי האָט עס געטאָן, האָט זי געענטפערט: „ווייל דו האָסט פערשאַפט מיין פאָלק פיעלע שמער־צען; נאָר אויב דו ביסט אַ ווירקליכער נביא, האָב איך גערעכענט, וועט דיר גאָט מן הסתם געבען צו וויסען וועגען דעם”. מאַחמעד האָט זי געהייסען הינריכטען. עס איז דעריבער קיין וואונדער ניט, וואָס אין קאָראַן (די ביבעל פון די מאַחמעדאַנער) געפינען זיך פיינדליכע שטעלען געגען אידען. דאָך

דאָס אַלע אידען אין לאַנד מוזען זיך טױפען, אויב זיי ווילען דאָרט פערבלייבען. פיעלע אידען האָבען אָנגענומען דאָס קריסטענטום, אָבער אַ גרויסער טייל האָט פערלאָזען דאָס לאַנד (613). נאָר ווען עס איז אריבער די ערסטע צייט פון פערפאָלגונגען, האָבען זיך פיעלע פון די געטויפטע אידען צוריקגעקעהרט צום יודענטום.

נאָך דעם פאַנאַטיקער סיזעבוט איז אַרויף אויף'ן טראָן דער ליבעראַלער קעניג סווינטילאַ. אין זיין צייט (621—631) זיינען פיעלע אידען געקומען צוריק נאָך שפּאַניען און האָבען געפיהרט אָפען זייער רעליגיעזעס לעבען. אָבער די קעניגען נאָך סווינטילא'ן האָבען בעניייט די פערפאָלגונגען אויף אידען. די קירכען־פערזאַמלונג אין טאָלעדאָ (633) האָט בעשטימט שווערע שטראָפען פיר אידען, וועלכע האָבען אָנגענומען דאָס קריסטענטום און האַלטען בסוד די אידישע רעליגיעזע געזעצען. ביי אַזעלכע עלטערן האָט מען צוגענומען זייערע קליינע קינדער און מען האָט זיי פערנאַנדערגעשיקט אין די מאָנאַסטירען.

די הויפּט־פּערזאָן פון דיזער קירכען־פערזאַמלונג איז געווען דער סעווילער בישאָף איזידאָר. ער האָט געשריבען צוויי ביכער, אין וועלכע ער בעווייזט פון תנ"ך, דאָס אַלעס, וואָס די נביאים האָבען פאָרויסגעזאָגט, בעציהט זיך נאָר אויף יעזוס'ן. עס זיינען אַרויס אידען מיט חבורים און האָבען אויפגעוויזען די פאַלשקייט פון זיינע ערקלערונגען. דער קעניג חינטילא (638—642) האָט בעניייט די פערפאָלגונגען אויף אידען. די קירכען־פערזאַמלונג אין טאָלעדאָ (638) האָט בעשלאָסען, דאָס יעדער קעניג איידער ער בעשטייגט דעם טראָן זאָל געבען אַ שבועה, דאָס ער וועט שטרענג אָפּהיטען אַלע אויסנאַהמס־געזעצען געגען אידען.

נ. אידען אונטער דער הערשאַפט פון די אַראַבער.

אין 7טען יאָהרהונדערט נ. קר. איז פאָרגעקומען אַ גרויסע איבערקעהרענים אין דעם רעליגיעזען און פּאָליטישען צושטאַנד צווישען די פעלקער אין פאָרדער־אַזיען. די נאָהענטע בעריהרונג פון די אידען מיט די אַראַבער אויף דער אַראַבישער האַלב־אינזעל האָט געמאַכט בעקאַנט די אַראַבער מיט דער אידעע פון דער איינהייט פון גאָט און מיט פיעלע ערצעהלונגען פון דער ביבעל, וועלכע זיינען זעהר אינטערעסאַנט פיר מענשען אין אָריענט, ווייל זיי זיינען זעהר נאָהענט צו זייער לעבען. עס האָט זיך בעוויזען אַ נביא, מאַחמעד, וועלכער האָט אָנגעהויבען פערברייטען דיזע לעהרע צווישען די אַראַבער און האָט בעשאַפען דעם „איסלאַם", וועלכער בעשטעהט פון

געבעטען דעם אַלטען, אַז ער זאָל איהם פערציייהען, וואָס ער האָט אויסגע-האַקט די בוימער, און האָט איהם צוגעזאָגט, דאָס ער וועט טאָן אַלעס אום דער לעצטער בוים זאָל גוט וואַקסען. ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט ער בעמערקט בלוט אויף זיין שטערען און האָט געשיקט רופען אַ אידישען חכם, אַז ער זאָל איהם פּותר זיין דעם חלום. דיזער האָט איהם ערקלערט, דאָס דער חלום צייגט אויף זיין גזירה אויסצוהרג'ענען די פאַמיליע פון די ריש גלותא'ס, דער אַלטער איז דוד המלך און דער לעצטער בוים איז די מעוברת'ע אַלמנה פון ריש גלותא חנינא. דער קעניג האָט שטרענג פער-זאָגט, אַז מען זאָל גוט אַכטונג געבען, דאָס די אַלמנה זאָל האָבען גוטע בעהאַנדלונג ביז זי וועט האָבען דאָס קינד. דאַן האָט ער דעם קינד אַ נאָמען געגעבען „בוסתנאי" און האָט איהם געגעבען אַ אידישע ערציהונג. בוסתנאי איז געוואָרען אַ גרויסער געלעהרטער אין אידישע געזעצען און אין אַנדערע חכמות און ער איז געוואָרען ריש גלותא. דער כאַליף אָמאַר האָט איהם געגעבען פיר אַ וויב דאַרא, די טאָכטער פון קעניג כוזרוי.

אין דעם שטרייט פון דעם 4טען כאַליף אַלי מיט זיין קאָנקורענט מאָאַבי זיינען די אידען געווען אויף אַלי'ס זייט (656—660). ווען ער איז אַריין אין פירוז-שאַבור זיינען איהם אַרויס מקבל פּנים זיין 1,000 אידען מיט'ן ראש ישיבה. אַלי איז מיט דיזער פריינדליכער אויפנאַהמע געווען זעהר צופרידען און ער האָט געגעבען דעם ראש ישיבה גרויסע רעכטען און פריווילעגיעם.

30 יאָהר האָט געדויערט ביז די אַראַבער האָבען בעפעסטיגט זייער נייע רעליגיאָן צווישען יענע פעלקער. ווען די אָמאַיאַדען האָבען בעקומען די מאַכט (661—750) האָט זיך דאָס לאַנד בערוהיגט און עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ נייע עפּאָכע אין קולטור. די אַראַבער האָבען פערבריי-טערט זייער הערשאַפט אויך אין נאָרד-אַפריקא, אין שפאַניען און פאָרטו-גאַל. דיזע מלחמות האָבען געהאַט נאָר אַ פּאָליטישען צוועק. די אידען אונטער די הערשער פון די אָמאַיאַדען האָבען קיין פערפאָלגונגען ניט געלי-טען. אָמאַר דער 2טער האָט אָפּט געצוואונגען די אידען און די קריסטען צו בעקעהרען זיך צום איסלאַם.

אין מיטען פון 8טען יאָהרהונדערט איז די הערשאַפט איבערגעגאַנגען צו די אַבאַסידען, וועלכע האָבען איבערגעטראָגען די הויפּטשטאָדט פון דמשק נאָך באַגדאַד (754). אין זייער צייט האָט די אַראַבישע ציוויליזאַציאָן דערגרייכט די העכסטע שטופע. אונטער זייער הערשאַפט האָבען די אידען ניט גענאָסען קיין פולע פרייהייט. זאָגאַר דער בעריהמ-

איז די אידען געווען פיעל בעסער אונטער די מאַחמעדאַנער ווי אונטער די קריסטען.

ארץ ישראל און בבל אונטער די כאַליפען. נאָך מאַחמעד'ס טויט (632) האָבען זיך די אַראַבישע מאַחמעדאַנער גענומען צו בעקעהרען די וועלט צום איסלאַם מיט'ן שווערד. אין אַ קורצער צייט האָבען זיי געמאַכט אַ גאַנצע איבערקעהרעניס אין דעם פּאָליטישען און רעליגיעזען צושטאַנד פון פאָרדער־אַזיען. די ערסטע דריי כאַליפען: אבו־בעקר, אָמאַר און אָסמאַן (632—656) האָבען איינגענומען כמעט גאַנץ פערסיען, פאַלעסטינאַ און עגיפּטען. אידען און שומרונים האָבען געהאָלפען דעם כאַליף אָמאַר אום פּטור צו ווערען פון די קריסטען. אין די יאָהרען 637—638 איז ירושלים איבערגעגאַנגען צו די אַראַבער, און אָמאַר האָט אויפגעשטעלט אַ מאָשעע (מאַחמעדאַנישעס געבעט־הויז) אויף דעם אָרט, וואו דער בית המקדש איז געשטאַנען. מען דערצעהלט, דאָס ווען די קריסטליכע גייסט־ליכע האָבען איבערגעגעבען ירושלים צו די מאַחמעדאַנער, האָבען זיי פער־לאַנגט, דאָס דער פערבאָט, אַז אידען זאָלען ניט טאָרען וואוינען אין ירושלים, זאָל ניט אָפּגעשאַפט ווערען. אָבער זיי האָבען עס ניט גע'פּועל'ט. עס זיינען געמאַכט געוואָרען איינינע בעשרענקונגען פיר אידען ווי פיר קריס־טען: די אידען האָבען ניט געטאָרט בויען קיין סינאַגאָגען און די קריסטען — קיין קירכען. אידען און קריסטען האָבען געמוטז טראָגען אַ בעזונדער־סאָרט קליידער, און קריסטען האָט מען ניט צוגעלאָזען צו שטעלעס אין דער רעגירונג. טראָץ דעם האָבען אידען געהאַט אַ היבשע אויטאָנאָמיע. די אידען האָבען אויך געהאָלפען דעם כאַליף אָמאַר אונטערצוואַרפען אונ־טער זיין מאַכט בבל און פרס. דערפאַר האָט ער זיי געגעבען פולע אויטאָ־נאָמיע מיט אַ ריש גלותא אָן דער שפּיץ. דער ריש גלותא פון יענער צייט האָט געהייסען בוסתנאי.

וועגען דיזען ריש גלותא ווערט דערצעהלט פאָלגענדע לעגענדע: אַ קעניג אין פערסיען האָט געגעבען אַ בעפעהל צו טויטען אַלע מיטגלידער פון דער פאַמיליע פון די ריש גלותא'ס, וועלכע שטאַמען פון דוד המלך. עס איז נאָר געבליבען די מעוברת'ע אַלמנה פון דעם ערמאָרדעטען ריש גלותא חנינא. דאַמאָלס האָט זיך דעם קעניג גע'חלום'ט, דאָס ער האָט מיט אַ האַק אויסגעהאַקט אַלע בוימער פון אַ גאָרטען (בוסתאַן). ווען ער האָט געוואָלט אויסהאַקען דעם לעצטען בוים, איז צו איהם צוגעגאַנגען אַן אַלטער מאַן, האָט אַרויסגעכאַפּט די האַק און האָט איהם דערלאַנגט אַ קלאַפּ איבער'ן פּנים, און פון זיין שטערן האָט זיך אַ גאַס געטאָן בלוט. דער קעניג האָט

גיט ער צו די ווערטער „ובחיי אדוננו הראש גלותא”, נאָכדעם דאַווענט מען מוסף.

„נאָך דעם דאַוונען בעגלייט דאָס פאָלק דעם ריש גלותא אהיים און זינגט לידער. מעהר קומט ער ניט אין שול, נאָר ער האָט ביי זיך אימער א מנין. ווען ער מוז אַרויסגעהן פון זיין הויז פאָהרט ער אין א קאַרעטע, ווי אַלע אַנדערע גרויסע בעאַמטע, מיט א גאַנצער סוויטע און קנעכט. ווען ער ברויכט עטוואָס צום קעניג, בעט ער פריהער אַן אוידיענץ. אַריינקומענדיג צום קעניג שטעלט ער זיך אויף די קני, און דער קעניג הייסט באַלד א דינער, אַז ער זאָל איהם אויפהויבען, און צייגט איהם אַן אָרט צו זעצען זיך. דער קעניג הערט אוים זיין פערלאַנג און געוועהנליך ערפילט ער זיין וואונש. נאָכדעם בעגלייטען איהם מיט גרוים כבוד די קעניגליכע בעדינטע”.

די ריש גלותא'ס זיינען ניט געווען קיין גרויסע אידישע געלעהרטע, זיי זיינען געווען איבערהויפט רעגירונגס־בעאַמטע. זיי האָבען אָפט גע־פיהרט מחלוקות מיט זייערע קאָנקורענטען, די גאונים, ראשי הישיבות. אין 10טען יאָהרהונדערט האָט זיך געמאַכט א מחלוקה צווישען דעם ראש ישיבה דעם גאון כהן צדק און דעם ריש גלותא עוקבא. מיט דער הילף פון אייניגע פראָמינענטע אידען האָט דער גאון כהן צדק אוים־געפיהרט ביי דער רעגירונג, דאָס דער ריש גלותא זאָל אַרונטערגעזעצט ווע־רען פון זיין שטעלע. עוקבא האָט זיך בעזעצט אין קאַרמאַסאַן אין מזרח פון בבל. דאָרט האָט ער געהאַט די מעגליכקייט צו זעהן אָפטער דעם כאַליף און האָט איהם אייניגע מאָל בעגריסט מיט שענע אַראַבישע לידער. דעם כאַליף איז עס זעהר געפעלען געוואָרען און ער האָט איהם צוריק אַרויפגע־זעצט אויף זיין שטעלע (918). אָבער זיינע געגנער האָבען איהם ווידער אַרונטערגעזעצט, און ער איז אַוועק אין אַפריקאַ, וואו ער האָט געהאַט גרוים כבוד פון יענע אידען. מיט אייניגע יאָהר שפּעטער האָט די שטעלע פון ריש גלותא פערנומען זיין קוזין דוד בן זכאי, וועלכער איז גוט בעוואוסט צוליב זיין מחלוקה מיט דעם בעריהמטען גאון און פילאָזאָף ר' סעדיה.

די גאונים און דאָס געלעהרטע קאָללעגיום. די גאונים זיינען גע־ווען די הויפּט־פאָרשטעהער פון אידישע רעליגיעזע און ציווילע געזעצען. זייער בעשלוס איז געווען הייליג, קיינער האָט עס ניט געקענט איבערמאַכען. זיי פלעגען ערוועהלט ווערען פון דעם קאָללעגיום פון דער ישיבה און דער ריש גלותא האָט זיי בעדאַרפט בעשטעטיגען. עס זיינען צייטענווייז פאָר־געקומען מחלוקות צווישען דעם ריש גלותא און דעם קאָללעגיום פון דער

טער האַרון-אַל-ראשיד (786—809) האָט פערפאָלגט אידען און קריסטען. אין דער צייט פון דעם כאַליף אַל-מוטאַבאַקיל האָבען אידען און קריסטען געמוזט טראָגען צייכענס אויף זייערע קליידער און זיי איז ניט געווען ערלויבט צו פאָהרען אויף פערד, נאָר אויף עזלען. אָבער ביי אַלעם דעם האָבען די אידען געהאַט פולע אויטאָנאָמיע אין זייער גע-מיינדע-לעבען. אָן דער שפּיץ פון אַלע אידישע קהלות זיינען געשטאַנען: דער ריש גלותא און די גאונים פון די צוויי ישיבות סורא און פומבדיתא; אָבער די מאַכט פון די גאונים אין רעליגיאָן איז געווען גרעסער פון דער מאַכט פון דעם ריש גלותא. דיזער האָט געמוזט איינגעזעצט ווערען אין זיין אַמט מיט דער הסכמה פון די גאונים, די ראשי ישיבות. לויט ווי ר׳ נתן הבבלי בעשרייבט איז די צערעמאָניע פון אַריינפיהרען אין אַמט דעם ריש גלותא געמאַכט געוואָרען אויף פאָלגענדען אופן:

„די מיטגלידער פון ביידע ישיבות, זייערע גאונים און פיעלע אַנדערע אידישע געמיינדע-פאָרשטעהער פערזאַמלען זיך פריהער אין אַ הויז פון אײ-נעם פון די וויכטיגסטע מענשען צווישען די אידען. דיזע פערזאַמלונג בע-שטעטיגט די נאָמינאַציאָן. דעם דאָנערסטאָג נאָך דעם קומט פאָר אַ פער-זאַמלונג אין דער סינאַגאָגע. דאָרט בלאָזט מען שופר, אום צו געבען וויסען די אידישע בירגער פון שטאָדט, דאָס די אַריינפיהרונג פאַנגט זיך אָן. יע-דער בעל הבית שיקט אַריין אַ מתנה דעם ריש גלותא נאָך זיין פערמעגען. דער ריש גלותא מאַכט אַ סעודה פיר די געסט. שבת פריה געהט דער ריש גלותא אין דער בעגלייטונג פון די וויכטיגסטע מענער פון דער געמיינדע אין שוהל. דאָרט איז פיר איהם געמאַכט געוואָרען אַ בעזונדער בימה, און פון פאָרנט שטעהט אַ כאָר פון יונגע זינגער. דער חזן מיט׳ן כאָר דאַוונען שחרית. נאָך שחרית זעצט זיך דער ריש גלותא פון פאָרנט אויף דער בימה. נאָך דעם קומט צו איהם דער גאון פון דער אַקאַדעמיע פון סורא און פער-נייגט זיך פאַר איהם, דאָס זעלבע טוט דער גאון פון פומבדיתא. דער ריש גלותא פערנייגט זיך פאַר די גאונים און זיי זעצען זיך נעבען איהם: דער גאון פון סורא רעכטס, און דער גאון פון פומבדיתא לינקס. דער חזן זאָגט דאַמאָלס אַ ברכה פיר דעם ריש גלותא, וועלכער האַלט אַ רעדע אויף אַ טעקסט פון דער סדרה. נאָכדעם האַלט דער גאון פון סורא אַ רעדע און דער מתורגמן (איבערזעצער) ערקלערט הויך דעם אינהאַלט פון דער רעדע צום פובליקום. נאָכדעם לייענט מען די תורה: צוערסט כהן, נאָכדעם לוי און נאָכדעם טראָגט מען צו די תורה צום ריש גלותא און ער לייענט שלישי. נאָך׳ן ליי-ענען די תורה זאָגט דער חזן קדיש און נאָך די ווערטער „בחייכון וביומיכון"

דעם האָט דער גאון בעשטימט וואָס פיר א מסכת פון תלמוד מען וועט שטו־דירען דעם קומענדען האלבען יאָהר. אויף די אסיפות פלעגט מען אויך בעהאנדלען די פראגען (שאלות), וואָס פלעגען אָנקומען צום גאון פון פער־שיידענע ערטער וועגען רעליגיעזע אָדער בירגערליכע זאכען, און מען האָט אויסגעארבייט דעם נעטיגען ענטפער. די אלע תשובות זיינען פערשריבען געוואָרען, דער גאון האָט זיי אונטערגעשריבען, און מען האָט זיי איבער־געגעבען צו די משולחים, וואָס האָבען די שאלות געבראכט. אויף דיזען אופן זיינען ארויסגעקומען די תשובות הגאונים. ביי דער ישיבה איז געווען איינגעריכטעט דער העכסטער אידישער געריכט, וואו מען האָט געקענט אפעלירען געגען דעם משפט פון די דיינים אין יעדער שטאָדט. דער פאָר־זיצענדער אין דיזען געריכטס־הויז איז געוועהנליך געווען דער גאון פון דער ישיבה. אָבער ווען די זאך איז ניט געווען זעהר וויכטיג איז דער אב בית דין געווען דער פאָריזצענדער.

צו די גאונים פון סורא און פומבדיתא פלעגען אויך קומען שאלות פון גאנץ ווייטע לענדער אין אייראָפא און אפריקא. די ישיבות זיינען געווען דער צענטער, וואָס האָט פעראייניגט די אידען אין אלע גלות־לענדער. אי־בעראל האָבען די אידען אָנגענומען דעם תלמוד אלס זייער געזעצבוך. דערצו האָט געהאָלפען די אראבישע הערשאפט אין די דריי טיילען פון דער וועלט. מען קען זאָגען מיט געוויסהייט, דאָס ווען ניט די הערשאפט פון די אראבער איבער די לענדער פון די דריי וועלט־טיילען, וואָלט דער תלמוד ניט געווען אזוי פערברייטערט צווישען אלע אידען, און זייער לעבען וואָלט געהאט גאָר אן אנדער שיקזאל.

די ריכטיגע אָרגאניזאציאָן פון דעם סנהדרין פון בבל איז איינגעפיהרט געוואָרען אין דער 2טער העלפט פון 7טען יאָהרהונדערט. אין דער צייט פון דער אראבישער הערשאפט האָבען די ישיבות געהאט איבער 30 פּאָאָר גאונים. עס שיינט, דאָס דער ערסטער גאון, וואָס האָט בעקומען פון דער אראבישער רעגירונג די אָפיציעלע מאכט, איז געווען דער גאון מר יצחק, וועלכער האָט זעהר פריינדליך בעגריסט דעם כאליף אלי אין פירוז־שאבור. די נעמען פון די גאונים זיינען אויסגערעכענט אין „אגרת רב שרירא גאון" (968), אָבער פון זייער טעטיגקייט ווייסען מיר זעהר ווענינ.

די קראים (קאראאימעם). די פערברייטונג פון תלמוד צווישען די אידען אין די אראבישע לענדער האָט געפונען ערטערווייז אויף מעכטיגע געגנער. אין אָנפאנג פון 8טען יאָהרהונדערט האָט זיך צווישען די אידען אָנגעהויבען א בעוועגונג געגען תורה שבעל פה. עס האָבען זיך גע־

ישיבה, ווייל יעדער פון זיי האָט געהאַט זיין קאַנדידאַט פיר אַ גאון. די גאונים זיינען געווען גאַנץ זעלבשטענדיג, דער ריש גלותא אָבער איז גע-ווען אָפּהענגיג פון די גאונים, און אָהן זייער הסכמה האָט ער ניט געהאַט קיין רעכט צו בעשטימען דיינים אין די אידישע קהלות. דער גאון פון דער ישיבה פון סורא איז געווען אין ראַנג העכער פון דעם גאון פון פּומבדיתא. ווען אַ ריש גלותא איז געשטאָרבען איז דער גאון פון סורא געווען דער ממלא מקומו ביז עס איז ערוועהלט געוואָרען אַן אַנדערער. אום אויסצוהאַלטען די ישיבות און די גאונים איז געווען אַ בעשטימטע שטייער (אָפּצאָהלונג), וואָס יעדע קהלה האָט געמוזט צאָהלען.

די גאונים האָבען פאָרטגעזעצט די ארבייט פון די אמוראים. דיזע האָבען בעאַרבייט און ערקלערט די משנה, און די גאונים האָבען זי אריינ-געבראַכט אין פּראַקטישען לעבען. דער תלמוד איז געוואָרען דאָס אַלגע-מיינע אידישע געזעצבוך, געגען וועלכען קיינער האָט ניט געהאַט די חוצפּה אַרויסצוטרעטען. די גאונים זיינען געווען פיר אַלע גלות-אידען אין אַלע לענדער אַ מין וועלט-לענאַט, די העכסטע אינסטאַנציע. די ישיבות זיינען געווען זעהר גוט אָרגאַניזירט. עס זיינען געווען בעשטימטע פּאָרלעזונגען, וועלכע האָבען פאָרגעטראָגען פאַר די צוהערער געוויסע סוגיות פון תלמוד. דיזע לעקציעס זיינען געהאַלטען געוואָרען אַ גאַנץ יאָהר. אָבער אויסער די שטענדיגע לעקציעס פלעגען זיך צוזאַמענקלייבען צוויי מאָל אין יאָהר, אין אדר און אלול, די גרעסטע תלמודיסטען פון פערשיידענע שטעדט און פלע-גען קומען אין סורא אָדער פּומבדיתא. דיזע האַלב-יעהריגע פערזאַמלונגען האָבען זיך גערופען „כלה". דעם גאַנצען חודש אדר און חודש אלול זיינען אָפּגעהאַלטען געוואָרען פערזאַמלונגען. דער פּרעזידענט אויף דיזע פער-זאַמלונגען איז געווען דער גאון פון דער ישיבה. פאַר איהם זיינען געזעסען 7 שורות געלעהרטע תלמודיסטען, אין יעדער שורה זיינען געווען 10 חכמים, צוזאַמען 70 אין צאָהל, וועלכע האָבען זיך גערופען „סנהדרי גדולה". די חכמים אין דער ערסטער שורה האָבען געטראָגען דעם נאָמען „רישי כלה". הינטער די 70 חכמים זיינען געזעסען געוועהנליך לערך 400 תלמידים. אין דער צייט פון דער פערזאַמלונג האָט איינער פון די 70 אויפגעגעבען אַ תלמודישע פראַגע און די אַנוועזענדע האָבען די פראַגע דיסקוטירט. נאָכ-דעם האָט דער פּרעזידענט אַרויסגענומען דעם תמצית פון דער דיסקוסיאָן און האָט אַרויסגעזאָגט זיין בעשלוס. די לעצטע וואָך פון דעם „כלה"-חודש איז פאָרגעקומען דער עקזאַמען פון די תלמידים. די, וואָס האָבען דעם עקזאַמען ניט אויסגעהאַלטען, האָט מען פערקלענערט זייער שטיצע. נאָכ-

ענן, דער גרינדער פון די קראים־סעקטע. ווי מיר האָבען פריהער בעמערקט, האָט דער תלמוד געהאַט פיעלע געגנער אין אידישען פאָלק. איינער פון דיזע געגנער איז געוועזן ענן בן דוד פון דער פאַמיליע פון די ריש גלותא'ס. ער איז געוואָרען אַן אָפענער געגנער פון תלמוד צוליב אַ געוויסער בעליידיגונג. די געשיכטע איז געוועזן אזוי: ארום דעם יאָהר 760 איז געשטאָרבען דער ריש גלותא און האָט ניט געלאָזען נאָך זיך קיין יורש, וואָס זאָל זיין ראוי צו פערנעהמען די שטעלע. דאָס רעכט צו ירש'ענען דיזע שטעלע האָבען געהאַט צוויי ברידער, ענן און חנניה, די קוזינס פון דעם פערשטאָרבענעם ריש גלותא. ענן איז געוועזן דער עלטערער און אַ גרעסערער תלמודיסט און ביבעל־קענער פון זיין ברודער. אָבער ווען ער איז געקומען אין באגדאַד צו בעווייזען זיינע רעכטען אויף די שטעלע פון ריש גלותא, זיינען פיעלע פון דער אידישער געמיינדע און איבערהויפּט דער גאון פון דער ישיבה געוועזן געגען איהם, ווייל ער איז געוועזן צו פריי געזאָנען, און מען האָט געגעבען אַ פאָרצוג צום אינגערען, חנניה. ענן'ס פּאַרטיי האָט אָנגעווענדט אַלע מיטלען צו ערוועהלען איהם פיר דעם ריש גלותא, אָבער עס האָט ניט געהאָלפען, ווייל דער כאַליף זעלבסט איז אויך געוועזן מעהר געניייגט צו חנניה'ן. דאַן האָט איהם זיין פּאַרטיי שטילערהייט ערוועהלט פיר אַ ריש גלותא. די רעגירונג האָט זיך אָבער באַלד דערוואוסט פון דעם סוד און האָט ענן'ען אַריינגעוואָרפען אין געפענגניס, ווייל זי האָט עס גערעכענט אַלס אַ גרויס פערברעכען געגען איהר, און זי האָט איהם דערפאַר געוואָלט בעשטראָפען מיט'ן טויט. אין געפענגניס האָט ער זיך בעקאַנט געמאַכט מיט אַ מוסולמאַנישען געלעהרטען, וועלכער האָט איהם געגעבען אַן עצה, אַז ער זאָל בעטען אַן אוידיענץ ביים כאַליף, און ער זאָל איהם פרעגען, אויב ער, דער כאַליף, האָט בעשטימט חנניה'ן אַלס ריש גלותא פון איין גלויבען אָדער פון צוויי. ווען דער כאַליף האָט געענטפערט, דאָס נאָר פיר איין גלויבען, האָט איהם ענן געזאָגט, דאָס זיין גלויבען און דער גלויבען פון זיינע אָנהענגער איז זעהר פערשיידען פון דעם גלויבען פון דער פּאַרטיי פון זיין ברודער חנניה: יענע זיינען אָנהענגער פון תלמוד און זיין פּאַרטיי איז געגען תלמוד, אויך האָט זיין גלויבען פיעל עהנליכקייט צום איסלאַם. דעם כאַליף איז זיין טענה געוועזן געפעלען און ער האָט איהם בעשטימט אַלס ריש גלותא פון זיינע אָנהענגער. דאַמאָלס איז ענן אַרויס אָפען געגען דעם תלמוד און האָט געגרינדעט די קאַראַאימישע סעקטע („קראים" אָדער „בני מקרא"). די אָנהענגער פון תלמוד האָט מען דאַמאָלס אָנגעהויבען רופען „רבנים" (די וואָס האַלטען פון דעם טיטעל „רבי"). ענן האָט

פונען איינינע, וואָס האָבען ניט געוואָלט אָנערקענען דעם תלמוד אַלס א געזעץ-בוך, וואָס זאָל רעגולירען דאָס אידישע לעבען, נאָר תורת משה. עס קען זיין, דאָס דיזע בעוועגונג איז ארויסגעקומען אונטער דעם איינפלוס פון אן עהנליכער בעוועגונג אין יענער צייט צווישען די אראבער. עס האָט זיך דאמאָלס געמאכט א שפּאַלטונג אין איסלאַם. די פּאַרטיי סוניטען האָבען אָנערקענט אויסער דעם קאָראַן אויך פיעלע אנדערע ערגענצונגען, וועלכע, ווי פיעלע האָבען פערזיכערט, זיינען א מין תורה שבעל פה,, וואָס מען האָט געהערט פון מאַחמעד'ן מינדליך. די אַנדערע פּאַרטיי, די שיאיטען, האָבען אויסער דעם קאָראַן ניט געוואָלט וויסען פון קיין אַנדערע צוזעצען. פיעלע אידען אין אראביען און פערסיען, וועלכע זיינען געווען געוועהנט צו א פרייען לעבען, האָבען ניט געוואָלט אָנערקענען די בעשווערונגען, וואָס דער תלמוד לעגט אויף זיי ארויף.

אין אָנפאנג פון 8טען יאָהרהונדערט איז ערשינען אין איספּאהאַן (פערסיען) א פאַלשער משיח מיט'ן נאָמען אבו איסא (יצחק עובדיה), וועלכער האָט גענומען רעפאָרמירען די אידישע געזעצען. ער האָט אָנערקענט יעזוס'ן און מאַחמעד'ן אַלס אמת'ע נביאים און ער האָט זיך אָנגעגעבען פיר א משיח, וואָס דאַרף בעפרייען די אידען פון זייער גלות דורך אַן אויפשטאנד. ער איז ארויס מיט 10,000 אָנהענגער געגען דעם מיליטער פון כאַליף און איז געפאַלען אין דער מלחמה. אָבער זיינע אָנהענגער האָבען געגלויבט, דאָס ער לעבט און וועט זיך באַלד ווידער נעהמען פיר די ארבייט צו בעפרייען דאָס אידישע פאָלק. די אָנהענגער פון אבו איסא האָבען געלעגט גרויס געוויכט אויף תפלות און תעניתים, אָבער זיי האָבען ניט געהאַלטען פון שבת און פון די אידישע שפּייז-געזעצען. מיט א פּאָאַר הונדערט יאָהר שפּעטער זיינען די אָנהענגער פון אבו איסא איבערגעגאנגען צו די קראים.

אין דער זעלבער צייט האָט זיך אין סיריען אָנגעגעבען א געוויסער סירינֵי אַלס משיח. מערקווירדיג איז, דאָס די משיחי השקר זיינען כמעט אַלע געווען געגנער פון תלמוד. אויך סירינֵי איז געווען געגען די אידישע תפלות, ווי זיי זיינען איינגעפיהרט געוואָרען פון תלמוד, געגען די שפּייז-געזעצען, געגען דעם יום טוב שני של גליות און ד. גל. אָבער סירינֵי איז אריינגעפאַלען צום כאַליף יאזיד און דיזער האָט איהם איבערגעגעבען צו די אידען, זיי זאָלען איהם בעשטראָפען. נאָכדעם האָבען זיך פיעלע פון זיינע אָנהענגער צוריקגעקעהרט צום תלמודישען יודענטום.

זיין „ספר המצוות" האָט ער אָנגענומען פיעלעס פון די תלמודיסטען. ער האָט אָנגענומען דעם „חרם" אלס אַ שטראָף־מיטעל פיר די, וואָס ווילען ניט פאָלגען די רעליגיעזע געזעצען.

ווייל יעדערער האָט געהאַט דאָס רעכט צו ערקלערען די ביבעל ווי ער האָט פערשטאַנען, זיינען דערפון ארויסגעקומען פיעלע פערשיידענע סעק־טעס. יעדע סעקטע האָט אנדערס פערשטאַנען ווי אויסצודייטען די גע־זעצען פון דער ביבעל. און אַזוי זיינען שוין אין 9טען יאָהרהונדערט געווען צווישען זיי 3 סעקטעס: אקבאריסטען, געגרינדעט פון ישמעאל פון דער שטאָדט אקבארא; מעשוויטען, די אָנהענגער פון מעשווי פון באַלאַ־בעק; און זאפראניטען, וועלכע האָבען אָנגענומען די לעהרע פון מוסא אל־זאפראני.

אַ קאַראַאים יאקובי אל־קירקיסאני בעשרייבט אויספיהר־ליך די פערשיידענע סעקטעס פון די קאַראַאימעס. אייניגע ערלויבען זיך וואַשען אום שבת, אנדערע פערבאָטען, אייניגע פערוועהרען דערלאַנגען עסען צום טיש, נאָר אַלע מוזען געהן אין קיך און דאָרט עסען. עס זיינען פאראַן אַזעלכע סעקטעס, וואָס ערלויבען ניט עסען אום שבת וואַרעמע שפייז. איי־ניגע האָבען אָנגענומען, דאָס אום יום טוב טאָר מען אויך ניט טאָן קיין מלאכה; פסח מאַכען אייניגע זיבען טעג און אַנדערע זעקס טעג. מצה עסען אייניגע נאָר דעם ערסטען טאָג פסח און אַנדערע יעדען טאָג. מיר האָבען דאָ ניט געבראַכט קיין צעהנטעל פון די אונטערשיידען צווישען די פערשיידענע סעקטעס פון די קאַראַאימעס, וואָס קירקיסאַני בעשרייבט.

אום צו מאַכען אַן ענדע צו אַזאַ פרייהייט, האָבען די פאָרשטעהער פון די שפּעטערדיגע דורות אונטערגעוואָרפען די ביבעל־ערקלערונג אונטער געוויסע כללים, וועלכע זיינען פעסטגעשטעלט געוואָרען פון די תלמודיסטען.

די גאונים האָבען געהאַלטען די קאַראַאימעס פיר כופרים. מען האָט ניט געגעסען מיט זיי צוזאַמען, מען האָט מיט זיי ניט געשלאָסען קיין היי־ראַטען, גראָדע ווי מיט היידען. דער שטאַרקסטער פיינד פון די קאַראַאימעס איז געווען ר' סעדיה גאון, וועלכער האָט געלעבט אין אָנפאַנג פון 10טען יאָהרהונדערט.

ג. די אידישע קולטור אונטער די אַראַבער.

(פון 8טען ביז 10טען יאָהרהונדערט.)

מיר האָבען פריהער דערצעהלט, דאָס אין דער צייט פון די גאונים האָט מען זיך צו זיי געווענדט מיט פערשיידענע פראַגען פון דער גאַנצער

פערפאַסט אַ „ספר המצוות”, אין וועלכען ער ערקלערט די יסודות פון דעם קאַראַאימישען גלויבען און ווי אַזוי מען זאָל פערשטעהן די ביבעל. פון דעם ספר זיינען געבליבען נאָר איינינע פראַגמענטען (ברוכשטיקער). ענן איז געשטאָרבען צו ענדע פון 8טען יאָהרהונדערט. די קראים האָבען פיר איהם פערפאַסט אַ סאָרט „אל מלא רחמים”, וועלכען די היינטיגע קראים זאָגען אָפט אין זייערע שולען.

די קאַראַאימעס האַלטען זיך פעסט אָן דעם בוכשטעבליכען זין פון דער ביבעל, און דעריבער קומט מאַנכמאָל אויס, דאָס אין פּראַקטישען לעבען איז די קאַראַאימישע לעהרע פיעל שווערער נאָכצוקומען ווי די תלמודישע. צ. ב. זיי צינדען ניט אָן קיין ליכט ערב שבת און פרייטאָג צו נאַכט זיצען זיי אין דער פינסטער. שבת עסען זיי נאָר קאַלטע שפּייזען און טרעטען ניט אַרויס פון זייערע הייזער אויף איין טריט. די דינים פון די ימים טובים האָבען די קאַראַאימעס זעהר פיעל געענדערט. מצה באַקען זיי נאָר פון גערשטען־מעהל (לחם עוני). שבועות פייערן זיי דעם 50טען טאָג פון דעם פסח'דיגען שבת, ניט פון דעם 2טען טאָג פסח, און דעריבער פאַלט זייער שבועות אימער אויס אין אַ זונטאָג. סוכות געברויכען זיי ניט קיין אתרוג און לולב ביים דאַווגען, נאָר זיי הייגנען זיי אויס אין זייערע סוכות. פון חנוכה האַלטען זיי גאָרניט. די קינדער זיינען זיי מל מיט אַ שערעל. פאַר דער שחיטה מוז זיך דער שוחט מתוודה זיין. פון איסור בשר וחלב האַלטען זיי ניט. איין געמיינדע פיהרט דורך דאָס געזעץ אויף אַזא אופן, און די אַנדערע אויף אַ גאַנץ אַנדערען, דאָס ווענדט זיך אָן דעם, ווי דער חכם (חאַכאַם, זייער רב) פערשטעהט דעם זין פון דער אָדער יענער שטעלע אין דער ביבעל. דיזער צושטאַנד האָט זעהר געשאַדט צו דער ענטוויקלונג פון זייער סעקטע, און זיי האָבען זיך דעריבער גענומען פאָרשען די ביבעל לויט אַ געוויסען סיסטעם, מען האָט אָנגעהויבען ערנסט שטודירען די ביבלישע שפּראַך, די רעליגיאָנס־פילאָזאָפיע און ד. גל.

דער ערסטער, וואָס האָט זיך גענומען צו דיזער אַרבייט, איז געווען דער דיין בנימין נאַהאַווענדי (800—830). ער האָט געשריבען אַ פירוש אויף איינינע טיילען פון תנ"ך: „ספר המצוות” און „ספר דינים”. ער רעכענט זיך ביי זיי פיר אַ גרויסע אויטאָריטעט. נאַהאַווענדי איז געווען אַ פילאָזאָף פון די אַראַבישע ראַציאָנאַליסטען, וועלכע זיינען בעוואוסט אונטער'ן נאָמען מוטאַליזיטען. אום אָפּצושאַפען דעם גלויבען, דאָס גאָט האָט אַ קערפּער, האָט ער ערקלערט, דאָס די ווערטער „עיני ה'” מיינען די געטליכע השגחה, „יד ה'” די געטליכע מאַכט א. אַז. וו. אין

אָנגענומען פון אַלע אידען אין דער וועלט. מיט דער צייט זיינען צוגעקומען צום סדור איינינע פיוטים, יוצרות, סליחות, מזמורים א. ד. גל.

אויך דרשות און רעדעס פיר די שולען אין דעם גייסט פון מדרש און אגדה זיינען ענטוויקעלט געוואָרען אין יענער צייט, ווי דער מדרש רבה נאָך די סדרות פון דער וואָך און אויף חמש מגלות, אויך אויף איינינע אַנדערע ספרים פון תנ"ך, ווי תהלים און משלי. ווער עס זיינען געוועזען די מחברים פון די מדרשים ווייס מען ניט ריכטיג. דער ספר „פרקי דר' אליעזר" (הגדול) און דער ספר „תנא דבי אליהו" זיינען פערפאַסט געוואָרען אין דער צייט פון דער אַראַבישער הערשאַפט.

די עפּאָכע פון די גאונים האָט בעשאַפען די סינאַגאָגאַלע פּאָעזיע, די פיוטים, אין וועלכע עס האָבען זיך אויסגעדריקט די נאַציאָנאַלע רעליגיעזע געפיהלען. דיזע פיוטים זיינען געוואָרען אַ טייל פון דעם געטליכען דינסט. די פיוטים זיינען דורכגעוועבט מיט זאַגעס און לעגענדעס, טרוימערייען, ווי אויך מיט ריכטיגע פּאַסירונגען פון דער פערגאַנגענהייט פון אידישען פאָלק. דער ערסטער פייטן איז געוועזען, ווי מען דענקט, יוסי בן יוסי, וועלכער האָט פערפאַסט די פיוטים צו מוסף פון ראש השנה: „אהללה אלהי", „אפחד במעשי", „אנוסה לעזרה", און אויך צו יום כפור: „אזכיר גבורות", „אתה כוננת". דער פייטן ר' ינאי האָט פערפאַסט אַ גרויסען טייל פון די יוצרות. אַ זעהר בעוואוסטער פייטן איז געוועזען ר' אליעזר הקליר. ער האָט געלעבט אין 9טען יאָהרהונדערט און האָט פערפאַסט מעהר פון 150 פיוטים. אָבער זיינע פיוטים זיינען זעהר האַרט און שווער. דאָך זיינען זיינע פיוטים אָנגענומען געוואָרען בכל תפוצות ישראל. הגם פיעלע פון די גאונים זיינען געוועזען געגען דעם געברויך פון פיוטים אין די תפלות, זיינען זיי דאָך איבעראַל אָנגענומען געוואָרען. דאָס פאָלק האָט געגעבען אַ פאָרצוג די פיוטים מיט דעם חזן געגען די דרשות מיט'ן מגיד.

די נקודות און מסורה. ווי בעקאַנט האָבען די קאַראַאימעס ערנסט געשטודירט די הייליגע שריפט, האָבען גרינדליך געפאָרשט די אייגענשאַפטען פון דער העברעאישער שפּראַך, אום דורך דעם צו קענען בעווייזען די ריכטיגקייט פון זייער לעהרע. דאָס האָט געצוואונגען די תלמודיסטען זיך אויך צו נעהמען צו דעם שטודיום פון תנ"ך, אום צו בעווייזען, דאָס זיי זיינען גערעכט. מיט אַזאַ אופן האָט זיך ענטוויקעלט צווישען די תלמודיסטען אַן ערנסטע וויסענשאַפטליכע ביבעל-פאָרשונג.

דאָס ערסטע האָט מען געפונען פיר נעטיג איינצופיהרען אין העברעאיש נקודות. די העברעאישע ספרי קודש האָבען זיך געשריבען נאָר מיט

וועלט און זיי האָבען געגעבען זייערע תשובות, געגרינדעט אויף די יסודות פון תלמוד. אָבער די גאונים האָבען זיך ערלויבט אין פראגען פון ציוויל־רעכט און פאַמיליען־לעבען אָפּטרעטען מאנכמאָל פון תלמוד. אזוי צ. ב. האָבען זיי ערלויבט צו געבען א פרוי א גט, ווען זי טענה'ט, דאָס זי קען בשום אופן ניט לעבען מיט איהר מאַן; זיי האָבען בעשטימט א גרויסע שטראָף פיר נעהמען פּראָצענט. אָבער אין רעליגיאָן־זאכען האָבען זיך די גאונים געהאַלטען שטרענג אָן תלמוד; זאָגאר א פאַנאַטישען מנהג האָבען זיי ניט געוואָלט ברעכען. למשל, דער גאון שר שלום (859) האָט גע־ענטפערט, דאָס מען טאָר ניט משנה זיין דעם מנהג צו זעצען זיך 7 מאָל געהענדיג צוריק פון א קבורה אום אָפּצוטרייבען דערמיט די מלאכי חבלה, וואָס בעגלייטען זיי. ר' נטרונאי גאון האָט געהייסען האַלטען זיך פעסט ביי דעם מנהג פון כפרות.

איינינע גאונים האָבען געפונען פיר נוצליך פיר דאָס אידישע פאָלק צוזאַמענשטעלען די הלכות פון תלמוד אָהן דעם פלפול. דער גאון ר' אחאי פון שבחי (730) האָט פערפאַסט א ספר אונטער'ן נאָמען „שאלתות", וועלכער איז געאָרדענט נאָך די סדרות פון דער תורה, און דאָרט ברייננט ער אַלע דינים פון דער סדרה לויט די ערקלערונגען פון תלמוד. צו אַנדערע סדרות ברייננט ער א דרשה אין תלמודישען גייסט. דער גאון ר' שמעון פון קאַיראָ (741) און דער גאון ר' יהודאי האָבען צוזאַמענגעשטעלט א ספר אונטער'ן נאָמען „הלכות גדולות", וועלכע ענטהאַלטען א קורצען אויסצוג פון די דינים פון תלמוד. אָבער איינינע גאונים זיינען געווען געגען דעם, אַז מען זאָל איינפיהרען צווישען אידען אַזעלכע ספרים, ווייל דאָס וועט שאַדען דעם שטודיום פון תלמוד.

די גאונים האָבען אָנגעהויבען זאָרגען, אַז דער תלמוד זאָל ווערען פער־שטענדיג צום פאָלק, וואָס קען ניט קומען אין דער ישיבה. דער ערסטער איז געווען דער גאון ר' צמח בן פלטי, וועלכער האָט פערפאַסט דעם ערסטען „ערוך", ד. ה. תלמודישען ווערטער־בוך. די ריכטיגע פירושים אויף דעם תלמוד זיינען שפּעטער פערפאַסט געוואָרען פון אייראָפּעאישע גדולים, ווי רבנו גרשון מאור הגולה און רש"י.

דער גאון ר' עמרם פון סורא (856) האָט צוזאַמענגעשטעלט א סדור. אין דיזען סדור געפינען זיך אַלע אידישע תפלות מיט איינינע דינים און מנהגים, וואָס געהערען צו דער עבודה. זיין סדור איז געוואָרען

שעדליכע ווירקונג אויף דעם נאציאָנאל־געפיהל פון די געבילדעטע אידען. פיעלע פון די געלעהרטע האָבען אָנגענומען דעם איסלאַם און האָבען פערנומען וויכטיגע שטעלעס אין דעם הויף פון דעם כאַליף.

שפּעטער אָבער האָבען זיך אויך געפונען גאונים, וועלכע זיינען געווען געלערנט אין די וויסענשאַפטען און זיינען דאָך געבליבען טיכטיגע תּלמודיסטען און הייסע איבערגעגעבענע צום יודענטום, ווי ר׳ סעדיה גאון. אין אָנפאַנג פון 10טען יאָהרהונדערט האָבען זיך צווישען די אַראַבער פון עגיפּטען און נאָרד־אַפריקאַ אויך שטאַרק פערשפּרייט די וועלטליכע וויסענשאַפטען. צווישען די אידען האָבען זיך דאָרט אויך געפונען בעריהמטע מענער, וואָס האָבען געשפּילט אַ וויכטיגע ראָלע אין וויסענשאַפט, ווי צ. ב. יצחק איזראַעלי, דער לייב־אַרצט ביים עמיר פון קאַירואַן אין טוניס, און נאָכהער ביים כאַליף אוביד אַללאַה. איזראַעלי האָט געשריבען 10 ווערק אין אַראַביש איבער מעדיצין, וועלכע זיינען שפּעטער איבערזעצט געוואָרען אין לאַטייניש, שפּאַניש און אַנדערע שפּראַכען, און די שפּעטערע דורות האָבען זיי לאַנג געשעצט אַלס די בעסטע ביכער אין דער מעדיצינישער וויסענשאַפט. איזראַעלי האָט געהאַט זעהר פיעלע תּלמידים, פאַר וועלכע ער האָט געלעזען לעקציעס איבער מעדיצין. ער האָט געלעבט קרוב צו 100 יאָהר (געב. אין 850).

פון געאָגראַפיע און פעלקער־לעבען האָט מען דאַמאָלס איבעראַל זעהר ווייניג געוואוסט, און דעריבער האָט מען זעהר אָפט געגלויבט די ערצעהלונגען, וואָס צופעליגע רייזענדער פלעגען דערצעהלען. אזא רייזענדער האָט זיך דאַמאָלס אויך געפונען אונטער אידען מיט׳ן נאָמען אלדד הדני (פון שבט דן). ער האָט דערצעהלט געשיכטען פון די עשרת השבטים, וואָס האָבען אַן אייגענע מלוכה; פון די בני משה, וועלכע וואוינען אויף יענער זייט סמבטיון, אַ טייך, וואָס אַ גאַנצע וואָך וואַרפט ער פון זיך שטיינער און שבת רוהט ער. דאָס זיינען אַלץ ניט מעהר ווי פאַנטאַזיעס.

עס האָט זיך דאַמאָלס בעוויזען אונטער די אַראַבער אַ קלאַס דענקער, וועלכע זיינען בעוואוסט מיט׳ן נאָמען מוטאַזיליטען (אָפּגעזונדערטע); זיי האָבען בעוויזען, דאָס גאָט איז ניט קיין קערפּער, נאָר אַ וועלט־קראַפט, וואָס שאַפט און רעגירט. ביי די אידען האָבען זיך געבילדעט צוויי קלאַסען. איין קלאַס האָט ערקלערט די שטעלען פון דער ביבעל, וואו די גאָטהייט ווערט פאָרגעשטעלט אַלס קערפּער, אַלעגאָריש: גאָט׳ס הענט מיינען זיין מאַכט, זיינע אויגען — די השגחה, א. ד. גל.; די אַנדערע קלאַס האָט דאָס איינגעוויקעלט אין סודות, און האָט עס ערקלערט מיט אַ

בוכשטאַבען אָהן נקודות, און דעריבער האָט דאָס פאָלק ניט געוואוסט ווי צו לעזען די ווערטער. די געלעהרטע נאָר האָבען עס געקענט, ווייל זיי האָבען געוואוסט די טראַדיציאָן. דיזע ערפינדונג פון נקודות איז געמאַכט געוואָרען כמעט אין איין צייט אין ארץ ישראל און אין בבל, אין דער צייט פון די גאונים.

עס איז ניט בעקאַנט, ווער עס האָט געשאַפען די נקודות. וואהרשיינ־ליך האָבען דערויף געאַרבייט איינינע געלעהרטע אין אָנפאַנג פון 8טען יאָהרהונדערט. די נקודות אין העברעאיש זיינען אָנשטאָט די וואָקאַלען אין אַנדערע שפּראַכען. עס זיינען דאַמאָלס אויסגעאַרבייט געוואָרען צוויי סאָרטען נקוד. אין ארץ ישראל איז געשאַפען געוואָרען א נקוד אונטער די בוכשטאַבען, און אין בבל איבער די בוכשטאַבען. דיזער צווייטער נקוד איז בעקאַנט מיט'ן נאָמען „נקוד האשורי". אויך די טראָפּ זיינען פער־פאַסט געוואָרען אין יענער צייט. די טראָפּ האָבען די בעדייטונג פון א פירוש אויף'ן טעקסט. די מסורה האָט געציינט, ווי מען דאַרף לייענען די ווערטער און צו פערשטעהן זיי אין שטעלען, וואָס זיינען געווען צוויי־פעלהאַפט. די נקודות, די טראָפּ און די מסורה האָבען געמאַכט דעם תנ"ך פערשטענדליך צו יעדען און עס האָבען מעהר ניט געקענט זיין קיין פער־שיידענע כוונות אין ווערטער עס איז דין פון דער תורה. עס האָבען זיך דערפון ענטוויקעלט נייע שאַפונגען פון דער העברעאישער שפּראַכפאָרשונג: ספרים פון דקדוק און לעקסיקאָנען. די העברעאישע שפּראַך האָט דורך דעם ווידער אויפגעלעבט נאָך דעם, ווי זי איז כמעט אין גאַנצען פערגעסען געוואָרען דורך דעם געברויך פון דעם תלמודישען דיאַלעקט.

צו יענער צייט האָבען די אַראַבער פון באַגדאַדער כאַליפאַט שטאַרק ענטוויקעלט זייער ליטעראַטור אין וועלמליכער בילדונג, וועלכע האָט געהאַט א גרויסע ווירקונג אויף די אידען פון יענע ערטער. עס האָט זיך צוריקגעקעהרט צום אידישען פאָלק די עפּאָכע פון אַלעקסאַנדריען. פיעלע פון די אידישע חכמים זיינען אַרויס פון זייערע ד' אמות של הלכה און האָבען זיך אָנגעהויבען ערנסט בעשעפטיגען מיט אַסטראָנאָמיע, מאַטהע־מאַטיק, מעדיצין, פילאָזאָפיע, א. ד. גל. פיעלע פון זיי האָבען געשריבען זייערע וויסענשאַפטליכע ווערק אין אַראַביש. דער איד סהל אל־טא־בארי (830) איז געווען דער גרעסטער דאָקטאָר און אסטראָנאָם פון יענער צייט. ער האָט איבערזעצט פון גריכיש דאָס בעריהמטע אַסטראָ־נאָמישע ווערק פון פטאָלעמעאוס'ן אין אַראַביש אונטער דעם טיטעל „אל־מאַגעסט". ליידער האָט שוין דאַמאָלס די אַלגעמיינע בילדונג געהאַט א

איז ער אַרויף אויף די שטעלע, וואו עס האָבען אַמאָל געווירקט די גרויסע גרינדער פון דער בעריהמטער ישיבה: רב, רב אשי. אָבער ווען ער איז געוואָרען בעקאַנט מיט די אינטריגעס פון דעם גאונים-אַמט און מיט דעם געלט-גייץ פון דעם ריש גלותא דוד בן זכאי, איז ער געוואָרען טרויעריג. אַ צופאַל האָט אַרויסגערופען אַן אָפענעם קריג צווישען דעם ריש גלותא דוד בן זכאי און ר' סעדיה'ן.

דער ריש גלותא האָט אַרויסגעגעבען אַ פסק וועגען אַ רייכער ירושה און האָט געפאָדערט, דאָס די צוויי גאונים פון סורא און פומבדיתא זאָלען דעם פסק אונטערשרייבען. דער פומבדיתא'ער גאון כהן צדק האָט אונטערגעשריבען און ר' סעדיה האָט ניט געוואָלט אונטערשרייבען, ווייל דער פסק איז געווען ניט על פי דין. דער ריש גלותא האָט דערפאַר אָפּ-געזאָגט ר' סעדיה'ן פון דער שטעלע. ר' סעדיה האָט אַריינגעלעגט דעם ריש גלותא אין חרם, ווייל ער טוט שלא כדת, און האָט בעשטימט אַן אַנ-דער ריש גלותא. דער כאַליף האָט אָנגענומען די זייט פון ריש גלותא, ווייל ער האָט איהם געגעבען אַ גרויסען כאבאר (שוחד), און ר' סעדיה האָט געמוזט פעראַלזען סורא און האָט זיך בעזעצט אין באַגדאַד. דאָרט האָט ער זיך איבערגעגעבען צו ליטעראַרישער ארבייט. ער האָט פערפאַסט אַ פי-לאָזאָפישען פירוש אויף'ן „ספר יצירה” און זיין בעריהמטעס ווערק „אמונות ודעות”, וועלכעס איז אַן אָפּהאַנדלונג איבער רעליגיאָנס-פילאָזאָפיע. דער-ווייל איז דער כאַליף געשטאָרבען און דיביידע פאַרטייען, ר' סעדיה'ס און דעם ריש גלותא'ס, האָבען זיך אַריינגעלעגט אין אַ שלום, און ר' סעדיה איז אָנגעקומען צוריק אויף זיין שטעלע אין סורא. אָבער די קרענקונגען האָ-בען רואינירט זיין געזונד, און ער איז באַלד געשטאָרבען אויף דעם 50טען יאָהר פון זיין לעבען.

דער אונטערגאַנג פון ריש גלותא און פון דער אַקאַדעמיע פון סורא.

דוד בן זכאי איז געווען דער לעצטער ריש גלותא, וואָס האָט געהאַט אַ גרויסע מאַכט. נאָך זיין טויט (940) האָט זיין זוהן יהודה פער-נומען זיין שטעלע, אָבער ער האָט מעהר ניט געלעבט ווי 7 חדשים נאָך זיין פאָטער'ס טויט. נאָך איהם איז געבליבען אַ קליינער זוהן, וועלכען ר' סעדיה האָט גענומען צו זיך אום צו ערציהען איהם. אָבער אויך ר' סעדיה איז געשטאָרבען און דאָס קינד איז געבליבען אָהן אַ שום שוץ. די שטעלע פון ריש גלותא איז אַ לאַנגע צייט געווען וואַקאַנט (ניט בעזעצט). די שפּעטערע ריש גלותא'ס האָבען געשפּילט אַ קליינע ראָלע.

סאָרט וויסענשאַפט, וואָס האָט זיך גערופען „קבלה". עס זיינען וועגען דיזען געגענשטאַנד געשריבען געוואָרען אַזעלכע ווערק ווי „שיעור קומה" (די גרויסקייט פון גאָט), „ספר היכלות" (די פּאַלאַצען פון דער גאָטהייט). אויך דער „ספר יצירה", וועלכער ווערט שוין דערמאָהנט אין תלמוד, און, ווי מען האָט דאַמאָלס געגלויבט, איז פערפאַסט געוואָרען פון אברהם אבינו, האָט אין יענער צייט אָנגעהויבען צו שפּילען אַ גרויסע ראָלע.

אָבער אויך די ראַציאָנאַליסטען זיינען געגאַנגען צו ווייט. זיי האָבען ניט נאָר דעם תלמוד ניט געוואָלט אָנערקענען, נאָר זיי האָבען אויך די ביבעל אונטערגעוואָרפען אונטער אַ שאַרפער קריטיק און האָבען ניט אָנער־קענט איהר געטליכקייט. דער גרעסטער אַפּיקורוס אונטער זיי איז געווען חיווי פון דער שטאָדט באַלכאַ אין פּערסיען. חיווי האָט אָפּגעלייקענט תורה מן השמים, דאָס גאָט האָט געהייסען מקריב זיין קרבנות, און ער האָט די נסים פון דער ביבעל ערקלערט מיט נאַטירליכע ערשיינונגען. געגען חיווי איז אַרויס מיט גרויס פייער דיר בעריהמטער געלעהרטער און פילאָ־זאָף פון יענער צייט ר' סעדיה גאון.

ר' סעדיה בן יוסף (892—942) פון פיום אָדער פתום אין אויבער־עגיפּטען איז געווען דער געבילדעטסטער און גרעסטער מענש אין מיטעלאַלטער. אויסער זיינע גרויסע תלמודישע און רעליגיעזע קענטניסען איז ער געווען העכסט געזיטעט און מיט אַ שטאַרקען כאַראַקטער. צו 20 יאָהר האָט ער פערפאַסט אַ העברעאישעס ווערטערבוך (אגרון) מיט אַ קור־צער גראַמאַטיק און רעגלען ווי צו שרייבען שירים. מיט דריי יאָהר שפּע־טער האָט ער געשריבען אַ ווערק געגען דעם קאַראַאיזם. אין דיזען ווערק האָט ער בעוויזען, דאָס אָהן דעם תלמוד איז גאָר אונמעגליך צו געברויכען די ביבעל אַלס אַ געזעץ־בוך. באַלד נאָך דעם האָט ער אָנגעהויבען מאַכען אַן איבערזעצונג פון דער ביבעל אין אַראַביש מיט אַן אויספיהרליכען פירוש. געגען איהם זיינען אַרויס גרויס געלעהרטע קאַראַאימעס, ווי סאַלמאָן בן ירוחם מיט נאָך אייניגע פון זייערע פאָרשטעהער, אָבער ר' סעדיה האָט אַלע זייערע בעוויזען מבטל געווען. אין דער זעלבער צייט האָט ער גע־שריבען אַן איינלייטונג צום תלמוד, ווערק איבער שפּראַך־וויסענשאַפט און איבער די תלמודישע געזעצען, און האָט איבערזעצט די משנה אין אַראַביש.

זיין אַרבייט האָט איהם פערשאַפט אַ גרויסען נאָמען, און ווען עס האָט זיך געמאַכט אַ וואַקאַנס אין דער ישיבה פון סורא אין בבל איז ער ער־וועהלט געוואָרען אַלס רעקטאָר פון יענער ישיבה מיט'ן טיטעל גאון. ר' סעדיה איז דאַמאָלס אַלט געווען נאָר 36 יאָהר. מיט גרויס בעגייסטערונג

אימפּעריע; ער האָט געלאָזט קומען אַ גרויסען תּלמודיסט פון בבל, רבינו מכיר, וועלכען מען האָט געשטעלט אָן דער שפּיץ פון דער אידישער קהלה אין נאַרבאָננע. אין מאַינץ האָט ער בעזעצט די געלעהרטע פאַמיליע קאַלאָנימאָס (קלונימוס).

קאַרל׳ס נאָכפאָלגער, לודוויג דער פרומער (814—840), האָט ניט צוגענומען פון די אידען דיזע פרייהייט. ער האָט זאָגאַר בעשטימט אַ אידישען בעאַמטען, וואָס זאָל אכטונג געבען, דאָס מען זאָל זיי ניט שאַדען. דאָס פאָלק איז אויך געווען זעהר פריינדליך צו אידען. עס פלעגען זעהר אָפט קומען קריסטען פון הויכע פאַמיליעס אין די אידישע סינאַגאָגען צו הערען די דרשות פון די רבנים, און זיינען זעהר אָפט געווען פון זיי ענטציקט. די קריסטליכע גייסטליכע האָבען אָנגעהויבען ארבייטען אויף אַלע כלים אויפצורייצען דעם קעניג געגען די אידען. לודוויג אָבער האָט זיי בעשיצט. דאַן האָט אַגיזבאַרד, דער בישאָף פון ליאָן, פערזאַמעלט נאָך אייניגע בישאָפען, וועלכע האָבען אונטערגעשריבען אַ ביטשריפט צום קעניג, אַז ער זאָל בעשרענקען די רעכטען פון די אידען, ווייל זיי שאַדען דעם קריסטענטום. דער קעניג האָט ניט געוואָלט נאָכגעבען דער קירכע. אין יענער צייט האָט זיין אייגענער גייסטליכער באָדאָ אָנגענומען דאָס יודענטום, האָט געהייראַט אַ אידישע פרוי און האָט זיך בעזעצט אין שפּאַניען (839). דעם קעניג האָט זעהר געבענקט נאָך זיין בעליבטען גייסטליכען באָדאָ, וועלכער האָט זיך יעצט גערופען מיט׳ן נאָמען אליעזר. אָבער דאָס האָט אויף איהם ניט געווירקט, אַז ער זאָל אָנהויבען פערפאָלגען די אידען און ער איז געבליבען זייער בעשיצער ביז׳ן סוף פון זיין לעבען.

נאָך דעם טויט פון לודוויג דעם פרומען איז די אימפּעריע פון קאַרל דעם גרויסען צוטיילט געוואָרען אויף דריי טיילען: אויף פראַנקרייך, איטאַליען און דייטשלאַנד. דערצו איז איבעראַל אָפּגעשוואַכט געוואָרען די רעגירונגס־מאַכט צוליב דעם פעאָדאַל־סיסטעם (לויט וועלכען יעדער גוטס־בעזיצער האָט געהאַט אַ גרויסע מאַכט איבער זיינע בויערן און די רעגירונג האָט איהם ניט געקענט זאָגען קיין דעה). אין דער זעלבער צייט האָט זיך די קירכע גענומען פעראייניגען, זי האָט גענומען גרינדען איין קריסטענטום און איין קירכע. צוליב דיזע אומשטענדען האָט זיך דער שיקזאַל פון די אידען שטאַרק געענדערט צום שלעכטען.

אין יאָהר 845 האָט די קירכע צוזאַמענגערופען אין דער שטאָדט מאָ (פראַנקרייך) אַ פערזאַמלונג פון גייסטליכע, וועלכע האָט פערלאַנגט פון

נאָך ר׳ סעדיה׳ס טויט איז די גאונות אין סורא געפאַלען. עס איז געקומען דערצו, דאָס די ישיבה אין סורא איז אין גאַנצען געשלאָסען געוואָרען נאָך דעם, ווי זי האָט עקסיסטירט לערך 700 יאָהר. עס איז נאָר געבליבען די ישיבה אין פּומבדיתא, וועלכע האָט נאָך עקסיסטירט כמעט א גאַנצען יאָהרהונדערט. דאַן האָט זיך דער צענטער פון יודענטום איבער־געטראָגען אין שפּאַניען.

א לעגענדע דערצעהלט, ווי אזוי דער צענטער פון יודענטום האָט זיך פלוצלינג איבערגעקליבען אזוי וויט. עס זיינען געפאָהרען פון די ישיבות פון בבל 4 גרויסע תלמודיסטען אין די ווייטע מקומות פון אייראָפּא צו זאַמלען געלט פיר די ישיבות. אויף׳ן וועג זיינען זיי געכאַפּט געוואָרען אין פלען פון אַן אַראַביש־שפּאַנישען אַדמיראַל, און דיזער האָט זיי פער־קויפט אין פערשיידענע ערטער: ר׳ שמריהו׳ן אין אַלעקסאַנדריען; ר׳ אשיאל׳ן אין קאַירואַן; ר׳ משה׳ן מיט זיין זוהן חנוך אין קאָרדאָווא, שפּאַניען; דעם פערטען׳ס נאָמען ווייס מען ניט. דיזע גדולים זיינען אויסגעלעזט געוואָרען דורך די אידישע קהלות און זיי האָבען געגרינדעט אין די נייע ערטער ישיבות. פון דאַמאָלס אָן איז דער צענטער פון יודענטום געוואָרען שפּאַניען.

ד. די אידען אין אייראָפּא פון 7טען ביז 10טען יאָהרהונדערט.

אונטער די קאַראָלינגען. די אידען אין אייראָפּא האָבען זיך שטאַרק פערמעהרט אין יענער צייט. קארל דער גרויסער (768—814), וועלכער האָט געגרינדעט אַן אימפּעריע אין מיטעל־אייראָפּאַ, האָט גוט פערשטאַנען, דאָס אום א לאַנד זאָל בליהען, מוז דער עקאָנאָמישער צושטאַנד זיין א גוטער, און דעריבער האָט ער געשטיצט דעם אידישען האַנדעל, ווייל די אידען האָבען געהאט א קאָמוניקאַציאָן מיט זייערע ברי־דער, וואָס זיינען געווען צושפּרייט אין אַלע לענדער פון דער וועלט. קארל האָט זיי געגעבען פיעלע פּריוויליגען: ער האָט זיי ערלויבט צו קויפען פעל־דער און צו בעאַרבייטען זיי דורך קריסטען, בתנאי, אז די אידען זאָלען זיי ניט צווינגען ארבייטען אום זונטאָג. אידען האָבען געהאט זייערע אייגענע געריכטס־הייזער, נאָר ווען א איד האָט געהאט א משפט מיט א קריסט, האָט ער איהם געמוזט בריינגען פאַר א קריסטליכען געריכטס־הויז.

קארל האָט געשיקט א אידישען דיפּלאָמאַט יצחק צום אַראַבישען כאַ־ליף האַרון אַל־ראַשיד אין באַגדאַד וועגען וויכטיגע פּאָליטישע ענינים. ער האָט אויך געזאָרגט וועגען די אינטערעסען פון אידישע קהלות אין זיין

וויינגערטנער און גיטער און האָט זיי אַוועקגעשענקט דער קירכע. די פּעאָדאַל־פירסטען, וואָס האָבען געשיצט די אידען, האָבען זיי בעהאַנדעלט ווי לייבאייגענע.

אונטער די וועסטגאָטען און אַראַבער אין שפּאַניען. אין אָנפאַנג פון דיזער עפּאָכע האָבען די אידען אין שפּאַניען אויך שטאַרק געליטען פון די קריסטען אונטער דער הערשאַפט פון די וועסטגאָטען, אָבער עס האָט ניט לאַנג גענומען און די אַראַבער זיינען געוואָרען די הערשער אין שפּאַניען, און דאַן האָט זיך דער אידישער שיקזאַל אין גאַנצען געענדערט.

די וועסטגאָטישע קעניגען האָבען שרעקליך פערפאָלגט די אידען, אויסער אייניגע פון זיי, ווי צ. ב. דער קעניג הינדאַסווינט (642—652). זיי האָבען געצוואונגען די אידען זיך טויפען, און האָבען פערפאָלגט די אידען, וואָס האָבען געהאַלטען אין געהיים אידישקייט. מען האָט דיזע בעשטראָפט מיט אַ פייער־טויט. די אידען האָבען זיך פעראייניגט מיט די רעוואָלוציאָנערען, וועלכע זיינען אויפגעשטאַנען געגען דעם קעניג וואַמבאַ (672). אָבער ווען וואַמבאַ האָט געזיגט האָט ער די אידען פון נאַרבאָננע אין גאַנצען פערטריבען.

גרויזאַמער פון אַלע האָט בעהאַנדעלט די אידען דער קעניג עוויג (680). אין זיין טראָן־רעדע האָט ער פערשפּראָכען צוצונעהמען פון אידען דעם גאַנצען פערמעגען, געבען זיי צו 100 שמיץ, אַראָפּרייסען די הויט פון קאָפּ און פון שטערען, און נאָכהער אַרויסטרייבען פון לאַנד די אידען, וועלכע וועלען אין אַ יאָהר צייט זיך ניט טויפען. די גאַנצע קירכליכע פערזאַמלונג האָט פערשפּראָכען העלפען דעם קעניג אין דיזער אונטערנעהמונג. אָן דער שפּיץ פון דיזער קירכען־פערזאַמלונג איז געשטאַנען דער ערץ־בישאָף פון טאָלעדאָ, וועלכער האָט געשטאַמט פון אידען. אָבער די פּעאָדאַל־פירסטען האָבען געגעבען די אידען שוץ אין זייערע פירסטענטימער.

די פערפאָלגונגען פון אידען אונטער דעם קעניג עגיק (687—701) זיינען געוועזען אַזוי שטאַרק און אונערטרעגליך, דאָס די אידען האָבען בעשלאָסען אָפּצוראַמען פון וועג די דינאַסטיע פון די וועסטגאָטען. די אידען אין נאָרד־אַפריקאַ האָבען זיי פערשפּראָכען הילף. אָבער די שפּאַנישע רעגירונג האָט זיך דערפון בעצייטענס דערוואוסט און האָט אַרויסגעגעבען אַ בעפעהל (694), דאָס אַלע אידען, וועלכע זיינען אונטער דער מאַכט פון די וועסטגאָטען, זאָלען פערקויפט ווערען אַלס שקלאַפען צו קריסטען, וועלכע זאָלען ניט האָבען קיין רעכט זיי צו בעפרייען. אַזוי זאָלען בעהאַנדעלט ווערען אויך די יעניגע משומדים, וועלכע האַלטען בסוד דעם אידישען גלוי-

קעניג, אז ער זאָל בעשרענקען די רעכטען פון די אידען און זאָל זיי ער-נידריגען אין די אויגען פון די קריסטען, ווייל זייער פריינדשאפט שאדעט דעם קריסטליכען גלויבען. אָבער דער קעניג קארל האָט די פאָדערונגען פון די גייסטליכע צוריקגעוויזען.

דער בישאָף פון ליאָן, אַ מ אָ ל אָ ן, האָט אָנגעהויבען אגיטירען גע-גען אידען. אין אַ ווערק, וועלכעס ער האָט פערפאסט אין יאָהר 846, זוכט ער צו בעווייזען, דאָס די אידען זיינען אַ געפאהר פרי דעם קריסטליכען גלויבען. די קריסטען, וואָס ארבייטען ביי אידען אין ליאָן, ארבייטען אום זונטאָג און רוהען אום שבת. די אידען מאַכען חוזק פון דער קריסטליכער בעהויפטונג, דאָס יעזוס איז געווען גאָט'ס זוהן, און אזוי פערפיהרען זיי זאָ-גאר גייסטליכע, ווי באַדאַ. ער פאָדערט אויף אלע בישאָפען צו פערלאַנגען פון קעניג און פון די פעאָדאל-פירסטען צו העלפען דער קירכע אין איהר ארבייט גענען די אידען. די קעניגען וועלען מוזען אָפּגעבען דין וחשבון פאר גאָט דערפאר, וואָס זיי דערלאָזען, דאָס אידען זאָלען שאדען דעם קריסטענטום. דיזע גיפטיגע רעדעס האָבען פערשפרייט האס צו אידען און האָבען פעראור-זאַכט טייכען בלוט און טרערען. ביסלאכווייז האָבען נאָכדעם קעניגען און פירסטען אָנגעהויבען צו בעשרענקען די רעכטען פון אידען און זיי פער-פאָלגען.

די לעצטע וואָך פאר דעם קריסטליכען פסח האָבען די גייסטליכע אָנ-געהויבען יעדען יאָהר אויפצופאָדערן די קריסטען זיך נוקם צו זיין אָן די אידען דערפאר, וואָס זייערע עלטערן האָבען געקרייציגט יעזוס'ן. די מאַסע איז אימער לייכט אויפצוהעצען, און עס זיינען אין פיעלע שטעדט פאָרגע-קומען פּאָגראָמען אויף אידען. זייער לעבען און זייער פערמעגען זיינען פערניכטעט געוואָרען. אין טולוז האָט דער גראף איינגעפיהרט אַ מנהג יע-דען יאָהר, דעם לעצטען פרייטאָג פאר זייער פסח, רופען צו זיך דעם רב און געבען איהם אַ שטאַרקען פּאַטש אין געזיכט, אלס אַ נקמה פיר די ליי-דען, וואָס די אידען האָבען אמאָל פערשאַפט יעזוס'ן. אין די שפּעטערע יאָהרען האָבען זיך די אידען אויסגעקויפט פון דיזער בעליידיגונג מיט אַ געוויסער סומע געלט. אין איטאַליען האָט דער קעניג לודוויג דער 2טער געגעבען אַ בעפעהל צו פערטרייבען אין גאַנצען די אידען פון לאַנד (855), אָבער ער איז ניט דורכגעפיהרט געוואָרען, ווייל פיעלע פעאָדאל-פירסטען האָבען עס ניט געוואָלט, זיי האָט עס פשוט ניט געלוינט, ווייל די אידען האָבען געבראַכט דעם לאַנד פיעלע נוצען. אין פראַנקרייך האָט דער קעניג קארל דער גוטמוטיגער אָפּגענומען פון די אידען אין נארבאָננע אלע זייערע

דאָס האָט ניט געענדערט זייער פערפאָלגונגס־פּאָליטיק בנוגע צו אידען. אין געגענטייל, זי איז נאָך געוואָרען שאַרפער. זיי האָבען אָנגעהויבען צווינגען די אידען אָנצונעהמען דאָס קריסטענטום אָדער פערלאָזען דאָס לאַנד. דער קיסר לעאָ איסאוריוס (717—741) האָט געגעבען אַ בעפעהל (723), דאָס די אידען מוזען אָננעהמען דאָס קריסטענטום. פיעלע האָבען זיך געטויפט, אָבער מעהר זיינען ארויס פון לאַנד. דיזער קיסר האָט געוואָלט אָפּשאַפען די בילדער פון דער קירכע און דערפאַר האָבען איהם די גייסטליכע גערופען „דער איד". מיט זיינע פערפאָלגונגען געגען די אידען האָט ער געוואָלט צייגען, דאָס ער איז אַן אמת'ער קריסט.

ווען באזיליוס דער מאַצעדאָניער איז געוואָרען הערשער (867—886) האָבען זיך די פערפאָלגונגען אויף אידען נאָך מעהר פערשטאַרקט. ער האָט איינגעאָרדענט וויכוחים צווישען אידישע רבנים און קריסטליכע גייסטליכע. ער האָט געגעבען משומדים גוטע שטעלעס אין דער רעגירונג. אָבער ווען ער האָט געזעהען, אז דאָס אַלעס העלפט ניט, האָט ער גענומען מיט געוואַלד צווינגען אידען צו טויפען זיך. מען דערצעהלט, דאָס ער האָט פערניכטעט קרוב צו טויזענד אידישע קהלות. עס זיינען געבליבען נאָר 5 קהלות. דאָס האָט ער צוליב געטאָן דעם אידישען דאָקטאָר און פּאָעט שפטיה, וועלכער האָט אויסגעהיילט באזיליוס'עס טאָכטער פון משוגעת. דער פּאָעט שפטיה איז דער מחבר פון דעם בעריהמטען פיוט אין די סליחות און אין מחזור, וואָס הייבט זיך אָן מיט די ווערטער „ישראל נושע בה' תשועת עולמים". אויך נאָך באזיליוס'עס טויט האָבען די פערפאָלגונגען אויף אידען ניט אויפגעהערט.

די אידען אין זיד־אָסט פון אייראָפּאַ. די כוזרים. שוין אין די גאַנץ אַלטע צייטען האָבען זיך געפונען אידישע קהלות אין די ערטער ארום קאַספּישען און שווארצען ים. אין קרים, אין זיד־רוסלאַנד, ניט ווייט פון קערטש, האָט מען געפונען אַ גריכישע אויפשריפט פון יאָהר 80 נ. קר., וועלכע בעווייזט, דאָס שוין דאַמאָלס איז דאָרט געווען אַ אידישע סינאַגאָגע. אין טשופוט־קאַלע (קרים) האָט מען געפונען אידישע מצבות פון יענער צייט. אין דיזע ערטער זיינען די אידען געקומען פון צוויי געגענדען: פון פּערסיען און פון ביצאַנטיום. די עמיגראַציע פון פּערסיען אהין האָט אויפגעהערט באַלד ווי די אַראַבער האָבען דאָרט פערברייטערט זייער הערשאַפט. פון ביצאַנטיום האָט זיך געשטאַרקט די עמיגראַציאָן, ווען עס זיינען דאָרט געוואָרען שטאַרקער די פערפאָלגונגען אויף אידען.

בען. אידישע קינדער עלטער פון 7 יאָהר זאָלען איבערגעגעבען ווערען צו קריסטען צום ערציהען.

אָבער דיזע באַרבאַרישע פערפאָלגונגען זיינען געווען איינע פון די אורזאַכען, וועלכע האָבען געמאַכט אַן ענדע צו דער וועסטגאָטישער הער־שאַפט אין שפּאַניען. די אַראַבער זיינען בעפאַלען שפּאַניען און מיט דער הילף פון די אידען האָבען זיי איינגענומען דעם גרעסטען טייל פון דיזען לאַנד. יעדע פעסטונג, וואָס די אַראַבער האָבען גענומען, האָבען זיי איבער־געגעבען צו די אידען, אַז זיי זאָלען זי בעשיצען, אום זיי זאָלען קענען פיהרען די סאָלדאַטען ווייטער אין שלאַכט. די אידען זיינען געוואָרען פולע בעלי בתים אין די שטעדט, וואו מען האָט זיי ניט לאַנג צוריק שרעקליך גע־פּייניגט (712).

באַלד נאָכדעם האָבען זיך ענטוויקעלט גרויסע אידישע געמיינדעס אין פיעלע שטעדט פון לאַנד און די אַראַבער האָבען זיי געגעבען פולע אוי־טאָנאָמיע.

אין יאָהר 755 איז דער לעצטער פון דער דינאַסטיע פון די אָמאַיאַדען אין דמשק, אבדור־רחמן דער 1טער, ענטלאָפען פון די פער־פאָלגונגען פון די אַבאַססידען און איז געקומען אין שפּאַניען און האָט דאָרט געגרינדעט אַ זעלבשטענדיגען כאַליפאַט מיט דער הויפּטשטאָדט אין קאָר־דאָווא. די כאַליפען פון דיזער דינאַסטיע האָבען געהאַט אונרוהיגע צייטען ביז דעם 10טען יאָהרהונדערט. ערסט אין דער צייט פון אבדור־רחמן דעם 3טען (912—961) איז שפּאַניען געוואָרען רוהיג און עס האָט זיך דאָרט אָנגעהויבען ענטוויקלען אַ גוטער עקאָנאָמישער צושטאַנד און בליהען וויסענשאַפט און קונסט.

די ערסטע 200 יאָהר פון דער אַראַבישער הערשאַפט אין שפּאַניען האָבען די אידען געהאַט צו פערהיילען די וואונדען, וואָס די קריסטליכע הער־שער האָבען זיי אָנגעמאַכט. יעצט האָבען זיי אָנגעהויבען געהן האַנט אין האַנט מיט די אַראַבער אין דער ענטוויקלונג פון קולטור, וויסענשאַפט און קונסט. זיי זיינען אָבער געבליבען הייסע אָנהענגער פון זייער רעליגיאָן און זייער נאַציאָן, און האָבען עס געבראַכט אַזוי ווייט, דאָס זיי זיינען געוואָרען די הויפּט־פיהרער פון דעם יודענטום אין איירָאפּאַ. פון דאַמאָלס אָן איז דער צענטער פון דער אידישער געשיכטע געוואָרען שפּאַניען.

ביצאַנטיום. זינט די אַראַבער האָבען אָנגעהויבען פערשפּרייטען זייער הערשאַפט איבער אַזיען און אַפריקאַ, איז די ביצאַנטישע הער־שאַפט אין דיזע לענדער כמעט אין גאַנצען פערשוואונדען געוואָרען. אָבער

קריסט האָט געענטפערט, דאָס אויסער זיין רעליגיאָן איז די אידישע די בעסטע; דער מאַהמעדאַנישער פילאָזאָף האָט געענטפערט, דאָס אויסער דער מאַהמעדאַנישער איז די אידישע די בעסטע. דאַן האָט ער מיט אַ גרויסען טייל פון די כאָזאַרען אָנגענומען דאָס יודענטום. איינער פון די שפּעטערע קעניגען מיט'ן נאָמען עובדיה האָט אַראָפּגעבראַכט אידישע געלעהרטע פון בבל און האָט געגרינדעט ישיבות, געבויט סינאַגאָגען, און האָט געמאַכט ריכטיגע אָרדנונגען אין געטליכען דינסט. אין לאַנד האָט געהערשט דער פּרינ-ציפּ פון תורת משה: תורה אחת ומשפט אחד לגר ולאזרח, גלייכע בערעכטי-גונג פיר אַלע איינוואוינער אין לאַנד. דער קעניג האָט געהאַט נעבען זיך 7 ריכטער: 2 אידען, 2 קריסטען, 2 מאַהמעדאַנער און איינעם אַ היידע. דער קעניג איז געווען זעהר טאָלעראַנט, ער פלעגט נאָר ווערען אויפגערעגט, ווען ער האָט דערהערט, אַז מען פערפאָלגט אידען אין אַנדערע לענדער צו-ליב זייער רעליגיאָן. אידען פון אַנדערע לענדער האָבען זיך געצויגען צום לאַנד פון די כאָזאַרען, האָבען זיך דאָרט בעזעצט און האָבען געפיהרט גרויסע געשעפטען מיט אַנדערע לענדער. אין מיטען פון 10טען יאָהרהונדערט האָ-בען זיך די אידען אין שפּאַניען דערוואוסט פון די כאָזאַרען און עס האָט זיך פערקניפּט אַ בריף-וועקסעל צווישען די גרויסע אידען אין שפּאַניען און דעם קעניג פון די כאָזאַרען. וועגען דעם סוף פון דיזען קעניגרייך ווע-לען מיר שפּעטער דערצעהלען.

ה. דאָס יודענטום אונטער דער גייסטיגער פיהרערשאַפט פון די אידען אין שפּאַניען און פראַנקרייך (950—1215).

די לעצטע גאונים אין בבל. אין דער צווייטער העלפט פון 10טען יאָהרהונדערט האָט די גאונות און דאָס אַמט פון ריש גלותא אָנגעהויבען אונ-טערצוגעהן. די בעריהמטע גאונים ר' שרירא און זיין זוהן ר' האי, וועלכע האָבען פערשאַפט גרויס עהרע דער ישיבה פון פומבדיתא, זיינען גע-ווען די לעצטע גאונים און מיט זיי האָט זיך געענדיגט די גאונות אין בבל.

דער גייסט פון ר' שרירא גאון איז געווען זעהר שטרענג אָרטהאָדאָק-סיש אין בוכשטעבליכען זין פון תלמוד. דאָס איז געווען אַ קראַפט געגען דעם קאַראַאימערטום, וועלכעס האָט זיך דאַמאָלס זעהר שטאַרק פערברייי-טעט צווישען די אידען. אַ גרויסען היסטאָרישען ווערט האָט זיין ווערק „אגרת ר' שרירא גאון". דאָס איז אַן ענטפער אויף אַן אָנפראַגע, וואָס אַן אַפריקאַנער רב, ר' יעקב בן ניסים, האָט איהם געפרעגט: ווי אַזוי זיינען די משנה און דער תלמוד פערפאַסט געוואָרען, וואָס און ווי איז געווען די טע-

אין דער צייט פון דער גרויסער פעלקער־וואנדערונג האָט זיך געגרינדעט אויף דעם נאָרדליכען ברעג פון קאַספּישען ים אַ מלוכה פון די כאָזאַרען אָדער כוזרים. דאָס זיינען געווען אַ שבט פון די פיננען אָדער טערקען. זיי האָבען זיך בעפעסטיגט אין קרים און האָבען פערברייטערט זייער הערשאַפט ביז צו דעם מיטען פון דעם טייך דניעפּער. די כאָזאַרען זיינען געווען געצען־דינער. די אַראַבער האָבען זיי געזוכט צו בעקעהרען צום איסלאַם און די קריסטען צום קריסטענטום. אין אָנפאַנג פון 8טען יאָהרהונדערט האָט איינער פון זייערע קעניגען זיך בעקענט מיט אַ אידישען פילאָזאָף ר׳ יצחק סנגרי, וועלכער האָט איהם איבערצייגט אין דער וואהרהייט פון די פרינציפּען פון דער אידישער אמונה, און דיזער קעניג האָט זיך מגייר געווען.

טשופוט־קאַלע.

וועגען דיזער וויכטיגער בעגעבענהייט ווערט דערצעהלט פאָלגענדעס: דער קעניג פון די כאָזאַרען, בולאַן, האָט בעשלאָסען מאַכען אַן ענדע צום היידענטום פון זיין פאָלק. ער האָט אָבער ניט געוואוסט וועלכע רעליגיאָן ער זאָל אָננעהמען. ער האָט איינגעלאַדען צו זיך געלעהרטע פון די דריי הויפּט־רעליגיאָנען: אַ איד, אַ קריסט און אַ מאַחמעדאַנער, און האָט זיי געלאָזען דעבאַטירען וועגען זייערע רעליגיאָנען. ער האָט אָבער אין דער דעבאַטע ניט געקענט דערגעהן קיין טאָלק. דאַן האָט ער גערופען דיזע חכמים צו זיך איינציגווייז און האָט יעדען געפרעגט זיין מיינונג, וועלכע רעליגיאָן איז די בעסטע פון די צוויי אַנדערע אויסער זיין אייגענע. דער

אין דער גאנצער וועלט. פון איבעראל האט מען זיך צו איהם געווענדט מיט רעליגיעזע און יורידישע פראגען, און זיין ווארט איז געווען הייליג.

אין דער צייט, וואס ר׳ האי איז געווען גאון אין פומבדיתא, איז אין סורא ערשינען א נייער שטערן אלס גאון אין דער פערזאן פון ר׳ שמואל אבן חפני, דער שוועהר פון ר׳ האי גאון. ער איז געווען א גרויסער תלמודיסט און דערצו אויך א גרויסער פילאזאף. ער האט ערקלערט פיעלע וואונדער פון תנ״ך על פי שכל. אזוי צ. ב. האט ער ערקלערט די געשיכטע פון שאול׳ן מיט דער בעלת אוב אלס א טעות פון די חושים. שאול איז געווען ניט ביים פולען פערשטאנד פון שרעק פאר דער מלחמה מיט די פלשתים, די בעלת אוב האט גוט פערשטאנען זיין צושטאנד און זי האט איהם אפגענארט מיט איהרע קונצען און האט איהם פערשאפט א געשפרעך מיט שמואל הנביא. ר׳ שמואל אבן חפני איז געווען גאון אין סורא נאר 24 יאהר (1010—1034). מיט זיין טויט האט זיך געענדיגט די גאונות אין סורא.

מיט 4 יאהר שפעטער איז אויך דער פומבדיתא׳ער גאון ר׳ האי גע-שטארבען (1038). ר׳ האי׳ס תלמידים האבען ערוועהלט אלס זיין נאכ-פאלגער ר׳ חזקיה, דעם עניקעל פון דעם ריש גלותא דוד בן זכאי. דיזער איז געווען ריש גלותא און גאון פון דער ישיבה. אבער מען האט אויף איהם געגעבען א מסירה און די רעגירונג האט איהם אריינגעווארפען אין געפענגנים, וואו מען האט איהם שרעקליך געפייניגט און ער איז פון די יסורים געשטארבען (1040). זיינע קינדער זיינען ענטלאפען נאך שפא-ניען. דערמיט האט זיך געענדיגט די גאונות אין בבל, וועלכע האט עקסיס-טירט 400 יאהר. בבל איז שוין מעהר ניט געווען די הויפט־פיהרערין פון גייסטיגען יודענטום.

איידער שפאניען איז געווארען די פיהרערין פון יודענטום האט זיך אויף א קורצע צייט געגרינדעט דער צענטער פון יודענטום אין אפריקא, אין מאגרעב, וואו עס האבען געהערשט די כאליפען פון דער דינאסטיע פאטימידען. מאגרעב איז בעשטאנען פון די פראווינצען טונים, מאראקא און פעץ (פעס). די גרעסטע אידישע קהלה אין נארד־אפריקא איז געווען אין קאירואן. דארט איז געווען אין יענער צייט דער בעריהמטער אידישער דאקטאר און פילאזאף בנימין איזראעלי און זיין תלמיד בונש בן תמים. דער גרינדער פון א ישיבה דארט איז געווען ר׳ חושיאל, איינער פון די 4 געפאנגענע פון די שלוחי בבל (955—980). זיין מיטהעלפער איז געווען

טיגקייט פון די רבנן סבוראי און די גאונים. ר׳ יעקב בן ניסים איז געווען כמעט דער איינציגער, וואָס האָט זיך אינטערעסירט מיט אַזעלכע פראַגען און דיזע ידיעה האָט ווירקליך געהאַט אַ גרויסען ווערט אין יענער צייט, ווען די קאַראַאימעס האָבען אָפּגעלייקענט יעדע בעדייטונג פון דער טראַדיציאָן. דעריבער ערשיינט פיר היסטאָרישע פאָרשער דער „אגרת ר׳ שרירא גאון" אַלס אַ זעהר וויכטיגער דאָקומענט.

אין דער צייט, וואָס ר׳ שרירא איז געווען גאון פון דער **ישיבה פון** פומבדיתא איז ר׳ האי, זיין זוהן, געווען דער אב בית דין. **איינינע** פון זייערע שונאים האָבען זיי פער'מסר'ט ביים כאַליף פון באַגדאַד, **און** דיזער האָט זיי אַריינגעוואָרפען אין געפענגניס. אָבער דער כאַליף **האָט** זיך באַלד איבערצייגט אין זייער אונשולד און **האָט** זיי צוריקגעקעהרט **צו** זייערע שטעלעס (997). ווען ר׳ שרירא איז אַלט געוואָרען נאָהענט **צו** 100 **יאָהר** האָט ער איבערגעגעבען דעם טיטעל **גאון** צו זיין זוהן ר׳ האי.

אין יאָהר 998 איז ר׳ האי גאון אַרויף אויף זיין שטעלע, וועלכע ער האָט פערנומען 40 יאָהר. ר׳ האי איז געווען אַ גרעסערער געלעהרטער פון זיין פאָטער. אויסער דעם, וואָס ער איז געווען די גרעסטע אויטאָריטעט אין תלמוד אין זיין צייט, איז ער געווען אַ טיכטיגער ביבעל-פאָרשער, אַ פילאָזאָף און איז געווען גוט בעהאַוועגט אין דער אַראַבישער ליטעראַטור. זיינע בעסטע ווערק, „דיני מקח וממכר", „הלכות שבועות" און איינינע אַנדערע, האָט ער געשריבען **אין** דער אַראַבישער שפּראַך. דיזע ווערק זיינען געוואָרען איבערזעצט אין העברעאיש. ר׳ האי האָט אויך פיעל געשריבען איבער דקדוק. ער האָט פערפאַסט אַ העברעאישעם לעקסיקאָן און קאָמענטאַרען אויף תנ"ך. ער האָט אויך געשריבען איבער מאָראַל אין פּאָעטישער פאָרמע אונטער'ן טיטעל „מוסר השכל". ר׳ האי איז געווען זעהר גוט בעקאַנט מיט אַראַבישע געלעהרטע, ווי אויך מיט דעם בישאָף אין באַגדאַד, און האָט מיט זיי פיעלע מאָל דעבאַטירט וועגען פראַגען פון רעליגיאָן. הגם ער האָט נעגלויבט אין אַלע וואונדער, וואָס ווערען דרעצעהלט אין תלמוד, דאָך ווען מען האָט איהם געפרעגט, צי ער גלויבט אין השבעות — דאָס מיט געוויסע נעמען פון מלאכים קען מען טאָן וואונדער, ווי צ. ב. אַז דער שטורם פון ים זאָל ווערען שטיל, אַז וויטע ערטער זאָלען פּלוצלינג ווערען נאָהענט איינער צום אַנדערען (קפיצת הדרך) — **האָט ער** געענטפערט: „פתי יאמין לכל דבר" („נאַר אַ נאַר גלויבט אַלעס **וואָס מען** זאָגט איהם"). ר׳ האי איז געווען די גרעסטע אויטאָריטעט צווישען **די** אידישע געלעהרטע

מאחמעד'ן פיר א נביא. דיזע אנוסים האָבען אָבער בסוד געהאַלטען זיך אָן זייער רעליגיאָן און האָבען געהאַפּט מיט דער צייט צוריקצוקעהרען זיך אָפען צו זייער גלויבען און זייער נאַציאָן. די אַלמאָגאַדען האָבען בעזיגט אַ טייל פון שפּאַניען און האָבען דאָרט רואינירט די בליהענדע אידישע גע-מיינדע אין אַנדאַלוזיען.

פּאַלעסטינאַ און עגיפּטען. נאָך דעם, ווי די ישיבות אין בבל זיינען אונטערגעגאַנגען, האָבען איינינע לענדער, ווי ארץ ישראל און עגיפּטען, אָנ-געהויבען צו שאַפען אייגענע צענטער'ן פיר דאָס יודענטום. נאָך אין די לעצטע יאָהרען פון ר' האי גאון האָט זיך געגרינדעט אַ ישיבה אין ארץ ישראל אונטער דער פיהרערשאַפט פון דעם גרויסען געלעהרטען ר' י א ש י ה (1031). דער טיטעל גאון און ראש ישיבה איז איבערגעגאַנגען אין ר' יאשיה'ס פאַמיליע פיר דריי דורות.

אין יאָהר 1071 איז פּאַלעסטינאַ אונטערגעפאַלען אונטער די סעלדזשו-קען (טערקען). דאַן איז די ישיבה פון ירושלים אַריבערגעפיהרט געוואָרען אין די שטאָדט צור. אין יאָהר 1082 האָט דער ראש ישיבה ר' אליהו גאון איבער-געגעבען צו זיין זוהן ר' א ב י ת ר די פיהרונג פון דער ישיבה אין צור מיט'ן טיטעל גאון. ר' אביתר האָט געקראָגען אַ שטאַרקען געגנער אין דער פּערזאָן פון דעם ריש גלותא פון בבל, דוד בן דניאל, וועלכער איז געוואָרען אין עגיפּטען דער ריש גלותא. דיזער האָט בעשלאָסען אונטערוואַרפען ארץ ישראל אונטער זיין מאַכט. די אַקאַדעמיע (ישיבה) אין צור האָט געהאַלטען די זייט פון ר' אביתר'ן און זי האָט געזיגט, אָבער דער זיג איז געקומען צו שפּעט.

דעם 15טען יולי 1099 זיינען אָנגעקומען אין ירושלים אַ מחנה קרייץ-ציגלער פון אייראָפּאַ. די ווילדע פאַנאַטיקער האָבען פערטריבען אַלע אידען און קאַראַאימעס אין אַ סינאַגאָגע און האָבען זיי פערברענט. אין אַ קורצער צייט האָבען זיי איינגענומען אַ גרויסען טייל פון ארץ ישראל און האָבען דערנאָך דאָרט געהערשט לערך 100 יאָהר. די אידען האָבען שטאַרק געליטען אונטער זייער פאַנאַטישער הערשאַפט; זיי האָבען אָנגעהויבען פון דאָרט אויסוואַנדערן, און פיעלע געמיינדעס זיינען אונטערגעגאַנגען. דער בע-ריהמטער אידישער רייזענדער ר' בנימין פון טודעלאַ האָט אין 12טען יאָהרהונדערט געפונען אין אַ פערוואָרפענעם ווינקעל אין ירושלים אידען, וועלכע האָבען זיך בעשעפטיגט מיט פאַרבעריי. אין אַנדערע שטעדט האָט ער געפינען נאָר צו איינינע צעהנדליג אידען אין יעדער שטאָדט. די אידען האָבען עמיגרירט נאָך עגיפּטען און סיריען, וואו עס האָבען געהערשט מו-

ר׳ יעקב בן ניסים, דער וואָס האָט אָנגעפרעגט ביי ר׳ שרירא גאון ווי אַזוי עס האָט זיך ענטוויקעלט דער תלמוד און די גאונות.

דער זוהן פון ר׳ חושיאל, ר׳ חננאל, און דער זוהן פון ר׳ יעקב בן ניסים, רבנו ניסים, האָבען פאָרטגעזעצט די ארבייט. ר׳ חננאל האָט געשריבען אַ פירוש אויף תורה, וועלכער איז פערלאָרען געוואָרען, און אַ פירוש אויף תלמוד בבלי. ער איז געווען דער ערסטער, וואָס האָט גע-שטודירט דעם תלמוד ירושלמי. ער האָט אויך פערפאַסט אַ ווערק וועגען די דינים פון תלמוד אונטער׳ן טיטעל „מקצועות״.

רבנו ניסים איז געווען דער הויפּט־פיהרער פון דער קהלה אין קאַירואַן און פון דער דאָרטיגער ישיבה. ער האָט פערפאַסט אַ „מפתח התלמוד״ (אַ שליסעל צום תלמוד). ער האָט אויך פערפאַסט אַ ספר אונטער׳ן טיטעל „מעשיות״, דאָס זיינען לעגענדעס און ערצעהלונגען פון תלמוד, אַ סאָרט „עין יעקב״. צווישען דיזע לעגענדעס געפינט זיך אויך די לעגענדע פון דעם חסיד, וואָס עס ווערט דערצעהלט אין איינעם פון די זמירות למוצאי שבת. ר׳ חננאל האָט געשריבען זיינע ווערק אין העברעאיש און רבנו ניסים אין אַראַביש. נאָך דעם טויט פון דיזע צוויי גאונים האָט אַפריקאַ אויפ-געהערט צו זיין דער צענטער פון יודענטום. דער תלמיד פון רבנו ניסים, רבנו יצחק אלפסי, האָט זיך בעזעצט אין שפּאַניען, ווייל אַהין האָט זיך אַריבערגעטראָגען דער צענטער פון יודענטום.

דער רעליגיעזער צענטער אין אַפריקאַ איז אונטערגעגאַנגען, ווייל דער כאַליף אַל־חכים איז געווען אַ האַלב־משוגע׳נער טיראַן, עהנליך צום רוימי-שען דעספּאָט קאַליגולאַ. אויך ער, אַל־חכים, האָט געפאָדערט, אַז מען זאָל איהם אָנערקענען אַלס אַ געטליכעס וועזען. די אידען האָבען איהם ניט געוואָלט אָנערקענען פיר אַ שטעל־פערטרעטער פון גאָט, און אַלס שטראָף דערפאַר האָבען זיי געמוזט טראָגען אַ בילד פון אַ קאַלב אויף׳ן האַלז, צו דערמאָהנען זיי די זינד פון דעם עגל. דער סוף איז געווען, דאָס די מאַח-מעדאַנער זעלבסט האָבען זיהם ערמאָרדעט (1020). אין דיזער צייט איז דער אידישער צענטער אַריבער אין שפּאַניען.

דאַן האָבען די אידען אין אַפריקאַ געליטען שרעקליכע פערפאָלגונגען פון די נייע פאַנאַטישע מוסולמאַנישע הערשער פון דער סעקטע אַלמאָ-האַדען. דער הערשער פון דיזער סעקטע, אַבדול־מומען, האָט געפאָדערט פון די אידען אָנצונעהמען דעם איסלאַם אָדער פערלאָזען דאָס לאַנד. פיעלע האָבען אָנגענומען צום שיין דעם מאַחמעדאַנישען גלויבען, ווייל די מאַחמעדאַנער האָבען נאָר געפאָדערט, אַז זיי זאָלען אָנערקענען

און מאַסול מיט אַ פולער אויטאָנאָמיע און מיט אַ ריש גלותא און אַ גאון. אָבער דיזע אינסטיטוציאָנען האָבען דאָרט ניט לאַנג אָנגעהאַלטען.

דער כאַליף פון באַגדאַד מאַחמעד אַלמוקטאַפי (1136—1160) האָט צוריק אײנגעפיהרט דאָס אַמט פון ריש גלותא פיר די אידען אין זיין מדינה. ער האָט בעשטימט אויף דיזער שטעלע זיין ליבלינג חסדאי, וועלכער האָט געפיהרט אַ פירסטליכעס לעבען. ר' חסדאי איז געווען אַ גרויסער גע-לעהרטער און אַ זעהר רייכער מאַן.

אין באַגדאַדער כאַליפאַט האָבען זיך די אידען געמאַכט אַלס זייער אויפ-גאַבע אויפצושטעלען צוריק דעם טיטעל פון גאונות. דער בעוואוסטער רייזענדער בנימין האָט געפונען אין באַגדאַ פיעלע ישיבות, און די העכסטע ישיבה דאָרט האָט געהאַט אַ ראש ישיבה מיט'ן טיטעל גאון. מעהר פון 2,000 תלמידים האָבען בעזוכט די לעקציעס פון דעם גאון ר' שמואל בן עלי. נעבען איהם איז געשטאַנען אַ מתורגמן, וואָס האָט ערקלערט די צוהערער דעם פאָרטראַג. דער גאון פון דער ישיבה האָט געהאַט אַ הויך-געלערנטע טאָכטער, וועלכע האָט געלערנט מיט די אינגערע תלמידים ביבעל און תלמוד. אום זי זאָל ניט זעהן די תלמידים און די תלמידים זאָלען זי ניט זעהן, איז זי געשטאַנען אין דער הויך אין אַ מעזאָנין (אויבער-שטיבעל) ביי אַן אָפענעם פענסטער און די תלמידים זיינען געשטאַנען אין הויף.

נאָך דעם טויט פון דעם ריש גלותא דניאל (1180) איז ר' שמואל בן עלי געוואָרען ריש גלותא. ער איז ניט געווען בעשטעטיגט פון דעם כאַליף, אָבער דאָס פאָלק האָט אָנערקענט זיין מאַכט.

אין יאָהר 1160 האָבען די אידען אין קורדיסטאַן געמאַכט אַן אויפ-שטאַנד מיט'ן צוועק צו בעפרייען זיך פון גלות און גרינדען אַן אייגענע מלוכה. דער פיהרער זייערער, אָדער דער משיח, איז געווען דוד אַל-ראָי. אין זיינע יונגע יאָהרען האָט ער געלערנט אין דער ישיבה פון באַגדאַד און איז געווען אַ טיכטיגער קענער פון תנ"ך, תלמוד און אַנדערע וויסענשאַפטען. ער האָט גוט בעטראַכט, ווי פערשיידענע פראָווינצען ווע-רען אונאָפּהענגיג פון דעם הויפט פון די מאַחמעדאַנער, און האָט בעשלאָ-סען, דאָס אויך די אידען זאָלען זיך בעפרייען פון כאַליף און גרינדען אַן אייגענע מלוכה. ער האָט איינגערעדט זיינע אָנהענגער אויפהויבען אַן אויפשטאַנד געגען דעם פערסישען סולטאַן, ווייל גאָט האָט איהם געשיקט צו בעפרייען די אידען פון גלות און צוריקברייננגען זיי אין דאָס לאַנד פון זייערע עלטערן און אויפבויען צוריק די אידישע מלוכה. אויף דיזען אויפ-רוף זיינען צו איהם אָנגעקומען פיעלע בעוואָפענטע אָנהענגער. זיי האָבען

סולמאַנער (מאַחמעדאַנער), און דער צענטער פון יודענטום איז אריבער אין די מוסולמאַנישע לענדער.

די כאַליפען פון דער דינאַסטיע פאַטימידען האָבען ניט געשטערט די אידען אין זייער אויטאָנאָמיע. אין דער צייט, ווען די גאונות אין בבל האָט געהאַלטען ביים אונטערגעהן, האָבען די אידען אין עגיפּטען געזוכט צו גרינדען דאָרט אַ צענטער פיר דאָס יודענטום. אָן דער שפּיץ פון די פעראייניגטע אידישע קהלות איז געשטאַנען אַ גרויסע אויטאָריטעט מיט'ן טיטעל נגיד (אַ סאָרט ריש גלותא). איינער פון דיזע פאָרשטעהער איז געוועזען דער אויבען־דערמאָהנטער דוד בן דניאל. נאָך דעם, ווי די קריסטען האָבען בעהערשט פּאַלעסטינאַ, זיינען די אידישע געמיינדעס אונטערגעפאַלען אונטער דער פיהרערשאַפט פון עגיפּטען. דער פּלעמעניק פון ר' אביתר, ר' מצליח, איז געקומען אין עגיפּטען און האָט אין דער שטאָדט פאָסטאַט געגרינדעט אין יאָהר 1113 אַ תלמודישע ישיבה.

דער נגיד אין עגיפּטען האָט געהאַט די זעלבע רעכטען, וואָס דער ריש גלותא אין בבל. ער האָט בעשטימט רבנים און חזנים אין די קהלות. צו־זאַמען מיט אַ קאָללעגיום פון רבנים איז ער געוועזען די העכסטע אינסטאַנציע, צו וועלכער מען האָט אַפּעלירט אין ציווילע און קרימינעלע פּראָצעסען. ער האָט געהאַט דאָס רעכט צו בעשטראָפען פערברעכער מיט געפענגניס און מיט קערפּערליכע שטראָפען. די בעאַמטע מיט'ן טיטעל נגיד האָבען זעהר אָפט געהאַט גרויסע שטעלעס אין דעם הערשער'ס הויף. די קאַראַ־אימעס האָבען געהאַט אַ בעזונדער נגיד.

אין יאָהר 1187 האָט דער סולטאַן סאַלאַדין געמאַכט אַן ענדע צו דער קריסטליכער הערשאַפט אין ירושלים און האָט ערלויבט די אידען צו בע־זעצען זיך פריי אין פּאַלעסטינאַ און אין ירושלים. דער רמב"ם איז געוועזען זיין לייב־דאָקטאָר. דיזע שטעלע האָט ער אויך פערנומען ביי סאַלאַדין'ס זוהן. אין 13טען יאָהרהונדערט האָבען די נאָכפאָלגער פון רמב"ם געטראָ־גען דעם טיטעל נגיד. עגיפּטען איז דאַמאָלס געוועזען דער הויפּט־צענטער פון אידישער אויטאָנאָמיע. אונטער דער הערשאַפט פון דעם נגיד אין מצרים זיינען אויך געוועזען די אידישע קהלות אין פּאַלעסטינאַ, מעסאָפּאָ־טאַמיען (ארם נהרים) און פּרס אין 12טען יאָהרהונדערט.

די קרייץ־צוגען האָבען ארויסגעזיטופּט די אידען פון זייער אַלטער היים, פון פּאַלעסטינאַ. זיי האָבען אויסגעוואַנדערט אין סיריען און מע־סאָפּאָטאַמיען, האָבען געגרינדעט נייע קהלות אין דמשק, אַלעפּפּאָ, באַגדאַד

ז. די אויפבליהונג פון יודענטום אין שפאניען.

אין דער צייט, ווען די אראבער האבען געהערשט אין שפאניען, איז דער אידישער גייסטיגער צענטער אריבער אין דיזעם לאנד. די אידען פון שפאניען זיינען דאמאלס געווארען די פיהרערס פון גאנצען יודענטום אנ־שטאט וואס פריהער זיינען עס געווען די אידען אין ארץ ישראל און אין בבל. אין יאהר 755 האט זיך געגרינדעט אין קארדאווא אן אראבישער כאלי־פאט, וועלכער האט דארט פערפלאנצט א גלענצענדע קולטור, וואס האט ניט געהאט איהר גלייכען אין גאנץ אייראפא. א ב ד ו ר ־ ר א ח מ א ן ד ע ר 3 ט ע ר (912—961) איז געווען בעריהמט אלס א בעשיצער פון וויסענשאפט און קונסט. האנדעל און אינדוסטריע האבען געבליהט אין זיין צייט אין שפאניען. אין דער הויפטשטאדט פון כאליפאט, אין קאר־דאווא, האט זיך דאמאלס געפונען מעהר ווי א האלבע מיליאן איינוואוי־נער, מאחמעדאנער, אידען און קריסטען. די שטאדט איז געווען רייך מיט טייערע בנינים. דער זוהן פון אבדיר־ראחמאן, אל־חכים, איז געווען א גרויסער ליבהאבער פון וויסענשאפט. אין זיין ביבליאטעק האבען זיך גע־פונען איבער 400,000 מאנוסקריפטען. די וויכטיגסטע שטעלעס אין לאנד האבען פערנומען געלעהרטע. די אקאדעמיע אין קארדאווא איז געווען די וויכטיגסטע אין גאנץ אייראפא. די אידען האבען אין דיזער פרישער גייס־טיגער לופט אויפגעלעבט און האבען פיעל געהאלפען צו פערשפרייטען קונסט און וויסענשאפט אין אייראפא.

דער ערסטער און וויכטיגסטער ארבייטער פון די אידען אויף דיזען פעלד איז געווען דער געלעהרטער שטאאטסמאן ח ס ד א י א ב ן ש פ ר ו ט (915—970). ער איז געווען דער גרינדער פון דער אידיש־שפא־נישער קולטור. שוין זיין פאטער ר׳ יצחק האט פערנומען א גרויסע שטעלע אין קארדאווא. ער האט געשטיצט געלעהרטע און פאעטען. ער איז געווען דער גרינדער פון דער בעריהמטער סינאגאגע אין קארדאווא. זיין זוהן חסדאי האט ער געגעבען א גרויסארטיגע ערציהונג. ער איז געווען א גו־טער דאקטאר, האט יוט געקענט העברעאיש און אראביש, ווי אויך די אפיציעלע שפראך פון די קריסטען פון יענער צייט, לאטייניש. ער איז שטארק געפעלען געווארען דעם כאליף אבדור־ראחמאן דעם 3טען און ער האט איהם איינגעלאדען אין הויף אלס לייב־ארצט, נאכדעם האט ער איהם געמאכט פיר זיין הויפט־מיניסטער און דיפלאמאט.

די וואפען בעהאַלטען אונטער זייערע קליידער און האָבען ערקלערט, דאָס זיי זיינען געקומען צו דוד׳ן לערנען תורה.

מען האָט איהם געבראַכט צום סולטאַן. אויף דער פראַגע: ווער ער איז און וואָס ער טוט, האָט ער דרייסט געענטפערט, דאָס ער איז משיח און טוט וואָס ער קען צו בעפרייען אידען פון גלות. דער סולטאַן האָט איהם אריינגעוואָרפען אין געפענגנים. אָבער דוד אַלראי איז געלונגען צו ענטלויפען און ער האָט פאָרטגעזעצט דעם אויפשטאַנד. דער סולטאַן האָט מתרה געווען דעם ריש גלותא, דאָס אויב זיי וועלען ניט מאַכען אַן ענדע צו אַלראַי׳ס מעשים תעתועים, וועט ער אַלע אידען שטאַרק פערפאָלגען; אָבער זייערע בעמיהונגען האָבען ניט געהאָלפען. צום גליק האָט איהם זיין שווער ערמאָרדעט. דער סולטאַן האָט גענומען בעשטראָפען די אידען, אָבער דער עקזילאַרך האָט געברויכט זיין גאַנצען איינפלוס און דערביי האָט ער געגעבען דעם סולטאַן אַ גרויסע סומע געלט און די פערפאָלגונגען האָבען אויפגעהערט.

אַלראַי׳ס אָנהענגער האָבען אויך נאָך זיין טויט געגלויבט, אַז ער וועט זיי בעפרייען פון גלות. מיט דיזען פאַנאַטישען גלויבען האָבען זיך בע-נוצט צוויי שווינדלער אין באַגדאַד. זיי האָבען פערזיכערט דער מאַסע, דאָס די קומענדע נאַכט וועט געשעהען אַ וואונדער. זיי האָבען זיי געהייסען אָפּגעבען זייער האָב און גוטס אין זייערע הענט, אַליין זאָלען זיי זיך אַלע אָנטאָן אין גרינע קליידער און וואַרטען אויף די דעכער ביז אַ ווינט וועט זיי אַריבערטראָגען נאָך ארץ ישראל. עס פערשטעהט זיך, דאָס דיזער וואונדער איז ניט געשעהען, נאָר די שווינדלער האָבען פערנומען אַלעס און זיינען ענטלאָפען.

הגם אין מערב־אַזיען זיינען געווען פיעלע אַקאַדעמיעס און פיעלע גע-לעהרטע, איז דאָך די מאַסע געווען זעהר פאַנאַטיש. זי האָט אָנגעהויבען יעהרליך געהן אין גרויסע מאַסען אויף צוויי קברים, פון וועלכע מען האָט געגלויבט, דאָס אין איינעם ליגט דער נביא יחזקאל (ניט ווייט פון באַגדאַד) און אין אַנדערען — עזרא.

אָבער אויך אין דער געלעהרטער קלאַס האָט געהערשט אַ שטאַרקער פאַנאַטיזם. דער גאון פון באַגדאַד, ר׳ שמואל בן עלי, האָט געהאַלטען דעם רמב״ם׳ס בעריהמטע ווערק „יד החזקה“, וואו ער ברייננגט אונטער אַן אויסגעצייכענטען סיסטעם די אַלע דינים פון תלמוד, אַלס אַ סאָרט אפיקורסות.

די קעניגען פון יענעם אידישען לאַנד, וועלכעס איז בעקאַנט אונטער'ן נאָ-מען „דאָס לאַנד פון די כאָזארען", פיהרען גרויסע געשעפטען מיט קאָנסטאַנ-טינאָפּעל.

אין חסדאי'ן האָט זיך ערוועקט אַ שטאַרקער וואונש צוזאַמענצושריי-בען זיך מיט דעם אידישען קעניג. ער האָט געשיקט אַ שליח מיוחד צום קייזער פון קאָנסטאַנטינאָפּעל מיט דער ביטע, אז ער זאָל איהם העלפען צו-קומען צו דעם לאַנד פון די כאָזארען. אָבער דער קייזער האָט איהם געענט-פערט, דאָס דער וועג אַהין איז זעהר געפעהרליך. דאַן האָט חסדאי בע-שלאָסען צו שיקען אַהין אַ שליח מיוחד דורך אונגאַרן, בולגאַריען און רוס-לאַנד. אין דעם בריף, וואָס ער האָט געשריבען צום אידישען קעניג, האָט ער איהם בעקאַנט געמאַכט מיט דער געאָגראַפישער לאַגע פון שפּאַניען, מיט זיין הויכער שטעלע ביים כאַליף פון קאָרדאָוואַ, און האָט איהם ער-קלערט, דאָס ער איז בערייט צו פערלאָזען זיין לאַנד, זיין פאַמיליע מיט זיין הויכער שטעלע און קומען זעהן אַ אידישען קעניג מיט אידען, וואָס ליידען ניט קיין פערפאָלגונגען פון זייערע שונאים. דער בריף איז געווען געשריבען אין העברעאיש.

חסדאי האָט לאַנג געוואַרט אויף אַן ענטפער, אָבער ענדליך האָט ער איהם ערהאַלטען. אין זיין תשובה דערצעהלט איהם דער כאָזאַרישער קעניג די געשיכטע פון זיין לאַנד, דאָס דער ערסטער קעניג פון די כאָזארען, וואָס האָט אָנגענומען דעם אידישען גלויבען, האָט געהייסען בולאַן, אויך די געשיכטע פון די אנדערע קעניגען ביז איהם, ווי זיי זיינען אַלע געווען מיט לייב און זעעלע איבערגעגעבען צום יודענטום, און דאָס זיי אַלע האָבען זיך געפונען אונטער דעם איינפלוס פון די ישיבות אין ארץ ישראל און בבל, ווי זיי אַלע בעטען אימער גאָט, אַז ער זאָל בעפרייען די אידען פון זייערע אונטערדריקער אין די גלות-לענדער און זאָל זיי ברייננגען צוריק אין זייער לאַנד. צו ענדע דריקט דער קעניג יוסף אויס זיין הייסען וואונש צו זעהן נעבען זיך דעם קלוגען שטאַאטסמאַן חסדאי, צו וועלכען ער וואָלט געווען געהאָרזאַם ווי אַ קינד צו זיין פאָטער. דיזען בריף האָט חסדאי ערהאַלטען אין יאָהר 960. מיט אַ קורצער צייט שפּעטער איז די מלוכה פון די כאָ-זארען צושטערט געוואָרען. די קינדער פון די כאָזאַרישע קעניגען האָבען געמוזט זוכען צו רעטען זיך אין אַנדערע לענדער. חסדאי האָט אַריבערגע-בראַכט דעם צענטער פון יודענטום פון ארץ ישראל און בבל נאָך שפּאַניען, וועלכע איז געוואָרען די הויפּט-טאָן-געבערין אין יודענטום.

חסדאי האָט ווירקליך דורכגעפיהרט זעהר וויכטיגע דיפּלאָמאַטישע בעציהונגען צווישען דעם קאָרדאָווער כאַליפאַט און פערשיידענע קריסטליכע הערשער, ווי אויך מיט ביצאַנטיום (944—949). די געזאַנדטשאַפט, וואָס איז געקומען פון ביצאַנטיום האָט געבראַכט דעם כאַליף אַבדור־ראַחמאַן אַ זעהר שענעם און טייערען מאַנוסקריפּט וועגען הייל־פלאַנצונגען פון דעם בעריהמטען גריכישען דאָקטאָר דיאָסקאַריד. אַבדור־ראַחמאַן האָט דיזע מתנה זעהר געשעצט. חסדאי האָט עס איבערגעזעצט אין אַראַביש, און דער כאַליף און פיעלע געלעהרטע זיינען דערמיט געוועזן זעהר צופרידען. חסדאי האָט אויך בעזייטיגט אַ גרויסע אונאַנגענעהמליכקייט, וואָס איז פאָרגעקומען צווישען דעם כאַליף אַבדור־ראַחמאַן און דעם דייטשען קייזער אָטטאָ דעם 1טען. דער כאַליף האָט אַמאָל געשיקט אַ געזאַנדטשאַפט צו אָטטאָ דעם 1טען מיט אַ בריף, אין וועלכען עס זיינען געוועזן איינינגע בעליידיגענדע אויסדריקען געגען קריסטענטום. אָטטאָ האָט ניט געוואָלט אויפנעהמען די געזאַנדטע און האָט געשיקט צום כאַליף אַ געזאַנדטשאַפט מיט אַ בריף, אין וועלכען ער האָט בעליידיגט דעם איסלאַם (956). דער כאַליף האָט אויך לאַנג ניט געוואָלט אויפנעהמען די געזאַנדטע. עס האָט געהאַלטען דערביי, אַז עס זאָל ווערען אַ צוזאַמענשטויס צווישען די ביידע הערשער. חסדאי האָט געגעבען צו פערשטעהן דעם הויפּט־פאָרשטעהער פון דער דייטשער געזאַנדטשאַפט, וואָס פיר אַ געפאַהר דאָ שטעהט פאָר פיר ביידע לענדער, און האָט געווירקט ביים פאָרשטעהער, דעם גייסטליכען יאָהאַן פון גאָריטץ, אַז ער זאָל ראַטען דעם קייזער איבערצושרייבען דעם בריף. דעם דייטשען הויפּט פון די געזאַנדטע איז חסדאי שטאַרק געפעלען געוואָרען, און ער האָט געזאָגט צו זיינע בעקאַנטע, דאָס ער האָט אין זיין לעבען קיינמאָל ניט געזעהען אַ מענשען מיט אַזאַ טיפען פערשטאַנד ווי חסדאי. חסדאי האָט אויך פערנומען די שטעלע פון פינאַנץ־מיניסטער ביים כאַליף. צוליב זיין הויכען אַמט אין דער רעגירונג האָט ער געהאַט די מעגליכקייט פעסטצושטעלען די אידישע בירגער־רעכטען אין שפּאַניען; און איז דעריבער געוועזן דער הויפּט־פיהרער פון אַלע אידישע קהלות אין אַנדאַלוזיען.

אַלס גרויסער איינפלוסרייכער שטאַאַטסמאַן האָט חסדאי געהאַט די מעגליכקייט צו זעהן זיך מיט געזאַנדטע פון פערשיידענע לענדער. פון פערסישע געזאַנדטע האָט ער זיך דערוואוסט, דאָס ביים ברעג פון קאַספּישען ים, וואו דער טייך וואָלגאַ פאַלט אַריין אין ים, געפינט זיך אַ מעכטיגע אידישע מלוכה מיט אַ אידישען קעניג, וועלכער האָט זיך גערופען מיט'ן נאָמען יוסף. די געזאַנדטע פון קאָנסטאַנטינאָפּעל האָבען אויך דערצעהלט, דאָס

ר׳ משה בן חנוך האָט פערוואַנדעלט די ישיבה אין אַ ריכטיגע תלמודישע אַקאַדעמיע, און פון איבעראַל האָבען אָנגעהויבען אָנקומען פיעלע נייע תלמידים. אַלע געלעהרטע האָבען אָנערקענט זיין גרויסקייט און ער האָט בעקומען אין די אידישע קהלות פון שפּאַניען די זעלבע מאַכט ווי די גאונים פון די אָריענטאַלישע ישיבות, הגם ער האָט ניט געטראָגען דעם טיטעל גאון, נאָר רב. פון דאַמאָלס אָן איז שפּאַניען געוואָרען אונאָפּהענגיג פון די ישיבות פון ארץ ישראל אָדער בבל. דאָס איז פאָרגעקומען אין דער צייט, ווען ר׳ שרירא גאון איז געווען דער רעקטאָר פון דער ישיבה אין בבל. דיזע ענדערונג האָבען די שפּאַנישע אידען צו פערדאַנקען דער טעטיגקייט פון ר׳ חסדאי אבן שפּרוט. דער כאַליף פון קאָרדאָוואַ איז געווען זעהר צופרידען, וואָס זיינע אידען זיינען געוואָרען אונאָפּהענגיג פון די גאונים אין בבל, אַזוי ווי ער איז געוואָרען אונאָפּהענגיג פון באַגדאַדישען כאַליפאַט.

חסדאי האָט אויך איינגעלאַדען צוויי גרויסע געלעהרטע אין דער העברעאישער שפּראַך: ר׳ מנחם בן סרוק און דונש בן לאבראט, אום צו ענטוויקלען אין שפּאַניען די קענטניס פון העברעאיש. חסדאי האָט אויסגעגעבען פיעל געלט צו פערברייטען די אידישע וויסענשאַפט צווישען די אידען אין שפּאַניען, און דעריבער האָט זיין טויט (970) אַרויסגערופען אין לאַנד גרויסען טרויער. אין יענער צייט האָט אין קאָרדאָוואַ אויסגעבראָכען אַ מחלוקת צוליב דער שטעלע פון אַ רב אין קאָרדאָוואַ.

הגם די קאָרדאָוואער רבנות איז נאָר געווען אַן עהרענשטעלע און האָט ניט אַריינגעבראַכט קיין מאַטעריעלע הכנסה, דאָך האָבען זיך געפונען אויף דיזע שטעלע פיעלע בעלנים. נאָך דעם טויט פון ר׳ משה בן חנוך האָט זיך אין דער אידישער קהלה פון קאָרדאָוואַ געבילדעט צוויי פּאַרטייען: איין פּאַרטיי האָט געוואָלט האָבען אַלס איהר רב ר׳ חנוך׳ן, ר׳ משה׳ס זוהן, וועלכער איז געווען אַ טיפער קענער אין תלמוד, די אַנדערע פּאַרטיי האָט געוואָלט האָבען אַלס רב ר׳ יוסף אבן אביתור, וועלכער האָט געשטאַמט פון אַ הויף־אַריסטאָקראַטישער פאַמיליע, און איז געווען גוט געבילדעט אין פערשיידענע וויסענשאַפטען, און אַ גוטער פּאָעט, וועמעס פּאָעזיע איז געוואָרען אָנגענומען אין ספרדישען מחזור. ער האָט אויך איבערגעזעצט משניות פיר דעם געבילדעטען כאַליף אַל־חכים דעם 2טען. די פּאַרטייען האָבען זיך געבילדעט באַלד נאָך דעם טויט פון ר׳ משה׳ן. אָבער וויל חסדאי איז געווען אויף דער זייט פון חנוך׳ן, האָט קיינער ניט געוואַגט אַרויס אָפען געגען איהם. אָבער באַלד נאָך דעם טויט פון חסדאי זיינען די אָנהענגער פון אבן אביתור אַרויס אָפען געגען ר׳ חנוך׳ן. די פּאַרטיי

אין די ערסטע יאָהרען פון זיין טעטיגקייט פלעגט חסדאי שיקען שטיצע צו די ישיבות פון ארץ ישראל און בבל. אין די לעצטע יאָהרען (950—970) האָט ער געגרינדעט אַ אידישען צענטער אין שפּאַניען גופא, האָט אַריבער־געבראַכט גרויסע תלמודישע געלעהרטע און שפּאַניען איז געוואָרען אונאָפּ־העגגיג פון ארץ ישראל און בבל. די פאָרשטעהער פון דעם נייעם צענטער האָבען זיך גערופען רבנים, אָבער זייער אַרבייט און זייער בעדייטונג איז געווען די זעלבע, ווי פון די גאונים אין די אַלט׳ע ישיבות.

מיר האָבען שוין פריהער דערצעהלט די לעגענדע, ווי איינינע געלעהרטע תלמודיסטען זיינען פערקויפט געוואָרען אַלס שקלאַפען אין פערשיידענע לענדער, און זיי האָבען געגרינדעט צענטערן פיר תלמודישע וויסענשאַפט. וועגען איינעם פון זיי, ר׳ מ ש ה ב ן ח נ ו ך, דערצעהלט די לעגענדע, דאָס ער איז געווען זעהר אונגליקליך אין זיין געפאַנגענשאַפט. ער האָט געהאַט אַ זעהר שענע יונגע פרוי, און וועלכער דער אַדמיראַל פון דער שיף האָט זיך פערליבט און האָט בעשלאָסען צוצונעהמען זי אין זיין האַרעם. די פרוי האָט געפרעגט איהר מאַן, אויב איינער, וואָס ווערט דערטרונקען אין ים, וועט אויפשטעהן צו תחית המתים. געוויס, האָט ער איהר געענט־פערט, און האָט קיין שלעכטען געדאַנק דערביי ניט געהאַט. די פרוי האָט זיך באַלד אַריינגעוואָרפען אין ים און איז דערטרונקען געוואָרען. אָנקו־מענדיג אין קאָרדאָוואַ איז ר׳ משה בן חנוך מיט זיין קליינעם זוהן אויסגע־לעזט געוואָרען פון שקלאַפעריי. ער האָט אָבער זיין געלעהרזאַמקייט אין תלמוד ניט אַרויסגעצייגט. איין מאָל איז ער געזעסען אין דער ישיבה און האָט געהערט, ווי דער ראש ישיבה ר׳ נתן דער דיין האָט ערקלערט אַ שווערע שטעלע אין תלמוד. ר׳ משה׳ן איז זיין ערקלערונג ניט געווען געפעלען און ער האָט דעם ענין ערקלערט בעסער. דער ראש ישיבה און די תלמידים זיינען געווען פערוואונדערט איבער זיינע טיפע תלמודישע קענטניסען און האָבען איהם אָנגעהויבען שטעלען פראַגען. ר׳ משה האָט אויף אַלע פראַגען גלענ־צענד געענטפערט און אַלע געלעהרטע אין דער ישיבה זיינען געווען ענט־ציקט פון זיין טיפער און ברייטער קענטנים. דאַן האָט דער ראש ישיבה ר׳ נתן געזאָגט: „איך טויג ניט פיר אַ ראש ישיבה, דיזער מאַן אין די צוריסענע קליידער דארף זיין דער ראש ישיבה און איך וועל זיין זיין תלמיד”. און ר׳ משה בן חנוך איז ווירקליך אויפגענומען געוואָרען אַלס ראש ישיבה אין קאָרדאָוואַ און האָט אָנגעהויבען פערשפּרייטען תלמודישע קענטנים צווישען די אידען אין שפּאַניען.

מאלאגא, סאראגאססא און אנדערע. אויך די אידישע אויטאָנאָמיע איז צוברעקעלט געוואָרען, די וויכטיגסטע פון זיי איז געווען גרענאדא, און אהין איז איבערגעגאנגען די פיהרערשאַפט פון קאָרדאָווא. אין 2טען פערטעל פון 11טען יאָהרהונדערט איז דאָ ערשינען א אידישער הויכער בעאַמטער, וואָס האָט דאָ געשפּילט די זעלבע ראָלע, וואָס חסדאי אין קאָרדאָווא. די-זער בעאַמטער איז געווען ר׳ שמואל הלוי אבן נאגדע-לא, אָדער ר׳ שמואל הנגיד (992—1055).

ר׳ שמואל הלוי איז געבאָרען געוואָרען אין קאָרדאָווא. אין זיין יוגענד האָט ער געקראָגען א זעהר גוטע ערציהונג. זיין תלמודישע קענטניס האָט ער ערהאַלטען אין דער ישיבה פון ר׳ חנוך. אָבער אויסער אין תלמודישע קענטניס איז ער געווען געלערנט אין וועלטליכע חכמות, ווי זיי זיינען גע-שטאַנען אין יענע צייטען. ער איז געווען שטארק בעהאַווענט אין דער העברעאישער און אראבישער ליטעראטור, איז געווען א טיכטיגער פילאָלאָג, א גרויסער מדקדק, א טיפער פילאָזאָף, און איז אויך געווען בעגאבט מיט א פּאָעטישען גייסט. צוליב א פּאָגראָם איז ער ענטלאָפען פון קאָרדאָווא און האָט זיך בעזעצט אין מאַלאגא. דאָרט האָט ער געמאַכט א קליינע קראָם, פון וועלכער ער האָט געצויגען זיין חיונה. די קראָם איז געשטאַנען ניט ווייט פון דעם פּאַלאַץ פון דעם גרויס=וויזיר אבן אַלאריף. די אויפ-זעהערין פון פּאַלאַץ פלעגט אָפט קומען צו ר׳ שמואל׳ן, אַז ער זאָל איהר שרייבען בריף אין אראביש צום גרויס=וויזיר, וועלכער האָט געוואוינט אין גרענאדא. דיזער איז געוואָרען ענטציקט פון דער שענער אראבישער שפּראך און פון דער זעלטענער האַנטשריפט. ווען דער גרויס=וויזיר איז געקומען אין מאַלאגא האָט ער זיך געמאַכט בעקאַנט מיט ר׳ שמואל׳ן און האָט איהם געזאָגט. „דיין אָרט איז ניט אין קרעמעל, דו האָסט ביי מיר א שטעלע אַלס ראַט=געבער און סעקרעטער״. ר׳ שמואל האָט אין א קורצער צייט אַרויסגעצייגט אונגעוועהנליכע פעהיגקייטען אין דיפּלאָמאַטיע. ווען דער גרויס=וויזיר אבן אַלאריף איז געוואָרען שטארק קראַנק, האָט ער גע-ראַטען דעם קעניג גאַבוס, אַז ער זאָל זיך בענוצען מיט ר׳ שמואל׳ס דיפּלאָ-מאַטישע בעהיגקייטען. דער קעניג האָט איהם איבערגעגעבען די וויכטיגסטע שטאַאַט=זאכען מיט דער מאַכט פון אַ גרויס=וויזיר (1027).

28 יאָהר האָט ר׳ שמואל פערטרעטען די שטעלע פון גרויס=וויזיר אין דעם קעניגרייך פון גרענאדא אונטער צוויי קעניגען: אונטער גאַבוס׳ן און זיין זוהן באַדיס. די צייט איז געווען זעהר אַ שטירמישע: קריג האָט ניט אויפגעהערט צווישען די אראבישע און בערבערישע הערשער, מען האָט בע-

פון דיזען האָט אריינגעלעגט אבן אביתור׳ן אין חרם.ביידע פּאַרטייען האָבען זיך געווענדט צום כאַליף, אז ער זאָל די זאַך ענטשיידען. דער כאַליף האָט אָנגענומען די זייט פון ר׳ חנוך׳ן, ווייל אויף זיין זייט איז געווען די מעהרהייט, און האָט געגעבען ר׳ אביתור׳ן אַן עצה, אז ער זאָל בעסער פערלאָזען קאָרדאָווא. ר׳ אביתור האָט אזוי געטאָן און איז יאָהרען־לאַנג געווען נע ונד אין פיעלע שטעדט פון נאָרד־אפריקא. אָבער די אומשטענדען האָבען זיך געענדערט. דער כאַליף אַל־חכים איז געשטאָרבען (976) און די רעגירונג איז אויף א געוויסע צייט איבערגעגאַנגען צום גרויס־וויזיר א ל מ א נ ס ו ר. דיזער האָט געהאַט אַ אידען מיט׳ן נאָמען י ע ק ב א ב ן ג א ו, א זעהר רייכער און געבילדעטער מענש, און איז געווען זעהר בעפריינדעט מיט׳ן גרויס־וויזיר, און דייער האָט איהם בעשטימט פיר דעם הויפּט פון אַלע אידישע געמיינדעס אין אַנדאַלוזיען. יעקב אבן גאו איז געווען אַ גרויסער פריינד פון אבן אביתור׳ן און האָט געצוואונגען די אידישע געמיינדע אין קאָרדאָווא, אז זי זאָל איהם בעשטימען אַלס הויפּט־רב אין קאָרדאָווא אָנשטאָט ר׳ חנוך׳ן. אָבער אבן אביתור האָט זיך ענטזאָגט אָנצונעהמען דיעז שטעלע און האָט געטאַדעלט די קאָרדאָווער געמיינדע פיר דיזען שריט, וואָס זי וויל טאָן. ענדליך איז אבן אביתור אַוועק נאָך בבל, און האָט זיך געוואָלט בעקענען מיט רב האַי גאון. אָבער דיזער האָט איהם ניט געוואָלט אויפנעהמען, ווייל ער איז געווען אין חרם. דאָן איז ער אַוועק נאָך דמשק און איז דאָרט געשטאָרבען. ר׳ חנוך איז געבליבען רוהיג אויף זיין שטעלע ביז זיין טיפען עלטער. ער איז געשטאָרבען פּלוצלינג פון אַ צופאַל. שמחת תורה האָט זיך די בימה איינגעבראָכען אונטער איהם און ער איז דערפון געשטאָרבען (1014).

ר׳ שמואל הנגיד און זיין זוהן יוסף. דער גרויס־וויזיר אַלמאַנסור האָט אָנגעהויבען פיהרען גרויסע מלחמות מיט די קריסטליכע פירסטען אין נאָרד־שפּאַניען מיט דער הילף פון די בערבערען אין נאָרד־אפריקא. אָבער נאָך זיין טויט (1002) האָבען די בערבערען אַליין פערכאַפּט דעם כאַליפאַט פון קאָרדאָווא און האָבען אָנגעהויבען צו פערפאָלגען די אידען, ווייל זיי זיינען געווען די הויפּט־געגנער פון סוליימאַן, דעם קריגס־קאָמאַנדיר פון די בערבערען. די זיגער האָבען צורויבט אַלע אידישע הייזער און געשעפטען, און די אַלע רייכע אידען זיינען ענטלאָפען פון קאָרדאָווא אַלס עניים ואביונים.

אין אַ קורצער צייט נאָכדעם איז די גאַנצע אַראבישע הערשאַפט און מאַכט אין שפּאַניען צוברעקעלט געוואָרען אויף קליינע פירסטענטימער, פון וועלכע יעדעס האָט געהאַט זיין הויפּטשטאָדט, ווי צ. ב. סעווילִיע, גראַנאַדא,

טיטעל „בן משלי", און אַ זאַמלונג פון פילאָזאָפישע אידעען מיט'ן טיטעל „בן קהלת". ער האָט אויך געשריבען איבער דקדוק.

ר' שמואל הנגיד איז געשטאָרבען אין יאָהר 1055. זיין שטעלע האָט פערנומען זיין זוהן יוסף, וועלכער איז געווען פאָרבערייטעט צו זיין שטעלע אלס וויזיר און צום אַמט נגיד איבער די אידישע קהלות. ער איז געווען אַ טיכטיגער תלמודיסט און האָט געהאַט ברייטע און טיפע וועלט־ליכע קענטניסען. ער איז נאָר אַלט געווען 20 יאָהר ווען ער איז געוואָרען וויזיר, דאָך איז דער כאַליף געווען פון איהם צופרידען. ער איז אָבער גע־ווען צו שטרענג און האָט זיך דערמיט פערשאַפט פיעלע שונאים צווישען די מאַהמעדאַנער, וועלכע האָבען איהם ועהאַסט אַלס איד. אַ געוויסער אראַ־בישער פּאָעט איז אַרוים מיט יודענפ־ינדליכע שרייבערייען געגען דעם כאַ־ליף דערפאַר, וואָס ער האָט איבערגעגעבען די בעסטע עמטער אין לאַנד צו אידען. ווען דער קרוין־פּרינץ איז פּלוצלינג געשטאָרבען האָבען די שונאים פון אידען אַרויסגעלאָזען אַ קלאַנג, דאָס יוסף האָט איהם פער'סם'ט. דער קעניג באַדים האָט אָבער ריכטיג געוואוסט, דאָס ניט יוסף האָט איהם פער'־סם'ט, נאָר זיינע ווייבער און זיינע דינער. דיזע האָט ער הינגעריכטעט און דערמיט געוויזען דעם פאָלק, ווער עס זיינען די ריכטיגע שולדיגע. אַ קור־צע צייט שפּעטער איז דער הערשער פון אַלמעריאַ אריינגעדרונגען אין גרע־נאַדאַ, און דאָס פאָלק האָט חושד געווען יוסף'ן, דאָס ער האָט גערופען דעם שונא אום איבערצוגעבען איהם דאָס לאַנד. די מאַסע איז בעפאַלען דעם פּאַלאַץ פון דעם וויזיר יוסף און האָט איהם געהאַנגען, נאָכדעם האָט זי גע־מאַכט אַ פּאָגראָם אויף די אידישע בעפעלקערונג. איבער 1,500 אידישע פאַמיליעס זיינען רואינירט געוואָרען און פיעלע האָבען זיך גערעטעט קוים מיט'ן לעבען. די אידען זיינען געווען געצוואונגען אויסצואוואַנדערן פון גרענאַדאַ און האָבען זיך בעזעצט אין אַנדערע אַראַבישע הערשאַפטען. אין צוואַנציג יאָהר נאָך דעם איז גרענאַדאַ אַרונטערגעפאַלען אונטער דעם יאָך פון די אַלמאָראַווידען פון אפריקאַ.

אידישע בעאַמטע אין שפּאַניען. די אידען אין יענער צייט זיינען געווען בעריהמט אלס זעלטענע דיפּלאָמאַטען, און דעריבער האָבען פיעלע פון זייערע געלעהרטע פערנומען גרויסע שטעלעס אין די קליינע קעניגרייכען אין זיד־שפּאַניען. ר' יוסף אבן מיגאש האָט געהאַט אַ וויכטיגען פּאָסט אין סעווילע ביים קעניג אַלמוטאַזיז. דער בעריהמטער פּאָעט אין אַראַביש, אבו־פאַדל־חסדאי, איז געווען אַ וויכטיגער בעאַמטער אין סאַראַגאָססאַ אונטער דעם קעניג אַלמוקטאַדיר, וועלכער איז געווען אַ

דאַרפט זיין אַ טיכטיגער דיפּלאָמאַט אום אויפצוהאַלטען דעם שלום מיט די בענאַכבאַרטע קעניגרייכען. ער האָט פיעלע מאָל אָפּגעהאַלטען דעם קע-ניג פון מלחמות, און ער האָט פיעל פערבעסערט דעם עקאָנאָמישען צו-שטאַנד פון לאַנד. צוליב דעם, וואָס ער איז געווען אַ איד, האָט ער געהאַט פיעלע שונאים; ער האָט זיי אָבער אימער ענטוואַפענט, ווען זיי זיינען אַרויס געגען איהם אויף אַ שטרייט.

איין מאָל איז ר׳ שמואל׳ן פאָרגעשטאַנען אַ גרויסע געפאַהר צוליב דעם, וואָס ער איז אַ איד. דער מיניסטער פון אַלמעריאַ, אבן אַבבאַס, האָט געפאָדערט פון דעם גרענאַדישען קעניג באַדיס, אַז ער זאָל ענטזאָגען ר׳ שמואל׳ן פון זיין אַמט. דער קעניג האָט זיך ענטזאָגט דאָס צו טאָן. דאַן איז אבן אַבבאַס אַריין אין גרענאַדאַ מיט מיליטער און האָט געוואָלט טוי-טען ר׳ שמואל׳ן. אָבער אבן אַבבאַס איז אַריינגעפאַלען אין די הענט פון דער גרענאַדישער רעגירונג און איז געטויטעט געוואָרען (1038).

ביי אַלעם דעם איז ר׳ שמואל געווען אַ הייסער איבערגעגעבענער איד. זיין נאָמען „הנגיד" האָט ער בעקומען, ווייל ער איז געווען דער הויפּט-בעאַמטער איבער אַלע אידישע קהלות. ער האָט אויפגעהאַלטען די אידישע אויטאָנאָמיע אין גרענאַדאַ און האָט אויך בעשיצט די אידען אין אַנדערע לענדער. ער פלעגט זעהר אָפט האַלטען פאָרטראַגען איבער׳ן תלמוד, און האָט געענטפערט אויף פיעלע שאלות אין רעליגיאָן-זאַכען, וואָס פלעגען קומען צו איהם פון פיעלע לענדער. ער האָט געפיהרט אַ קאָרעספּאָנדענץ מיט רב האַי גאון פון בבל און מיט דעם גרויסען תלמודיסט רבנו ניסים פון אַפריקאַ, מיט וועלכען ער האָט זיך זאָגאַר משדך געווען (זיין זוהן יוסף האָט גענומען פיר אַ פרוי די טאָכטער פון דיזען תלמודיסט). ער פלעגט זעהר פיעל שטיצען אידישע ישיבות און האָט געהאַלטען ביי זיך סופרים איבער-צושרייבען פיעלע עקזעמפּלאַרען תלמוד און תנ"ך, וועלכע ער האָט איבער-געגעבען אומזיסט צו פערשיידענע געלעהרטע. עקזעמפּלאַרען פון ספרים זיינען אין יענער צייט געווען אַ זעהר טייערער אַרטיקעל.

ר׳ שמואל הנגיד האָט פעראייביגט זיין נאָמען דורך דעם „מבוא התלמוד" (אַן איינלייטונג צו דער גמרא), אין וועלכען ער ערקלערט די מעטאָדען, וואָס די תלמודיסטען האָבען געברויכט ביים ערקלערען די גע-זעצען פון דער תורה. ר׳ שמואל הנגיד איז אויך געווען אַ טאַלענטפולער פּאָעט און האָט געשריבען אַ ווערק אין דעם סטיל פון ספר תהלים, וועלכעס ער האָט גערופען „בן תהלים", ווי אויך אַ נאָכאַהמונג צו משלי אונטער׳ן

קעהרען צום איסלאַם. אָבער די אידען האָבען איהם געענטפערט מיט אַ גרויסער סומע געלט און ער האָט זיי געלאָזען צו רוה (1105).

די נאָכפאָלגער פון יוסוף'ן האָבען געפונען אין די אידען אַ גרויסע פּאָליטישע מאַכט. דער 2טער כאַליף פון די אַלמאָראַווידען, אַלי (1106—1143), האָט געגעבען צו געבילדעטע אידען הויכע שטעלעס אין דער רעגירונג. דער אידישער דאָקטאָר און פּאָעט סאָלאָמאָן אַלמואַלעם איז געווען ביי אַלי'ן דאָקטאָר און וויזיר. אויך דער אידישער דאָקטאָר אבן קאַמניאַל האָט פערנומען אַ זעהר הויכע שטעלע ביים כאַליף אַלי.

אויך דער אידישער אַסטראָנאָם ר' אברהם בן חייא פון באַרצעלאָנאַ (געשט. 1136) האָט פערנומען אַ גרויסע שטעלע ביי איינעם פון די מאַהמעדאַנישע כאַליפען אין שפּאַניען. ער איז אויך געווען דער הויפּט פון אַלע אידישע קהלות אין יענעם לאַנד. ר' אברהם בן חייא האָט געשריבען אייניגע וויסענשאַפטליכע ווערק אין העברעאיש: „צורת הארץ" איבער אַסטראָנאָמיע, „ספר העבור" איבער דעם קאַלענדער און „הגיון הנפש" איבער זיטען־לעהרע. ער האָט זיך אויך בעשעפטיגט מיט אַסטראָלאָגיע און מיסטיציזם. ער האָט אויסגערעכענט, דאָס משיח מוז קומען אין יאָהר 1358 (קריסטליכע צייטרעכנונג).

דער צענטער פון יודענטום אין קריסטליכער שפּאַניען. אין מיטען פון 12טען יאָהרהונדערט איז די לאַגע פון אידען אין זיד־שפּאַניען געוואָרען זעהר שלעכט. די פאַנאַטישע אַלמאָהאַדען האָבען אונטערגעוואָרפען אונטער זייער הערשאַפט די אַראַבישע מלוכה'לאַך און האָבען שטאַרק פערפאָלגט די אידען. אין קאָרדאָוואַ האָבען זיי צושטערט די בעריהמטע אידישע סינאַגאָגע; דאָס זעלבע האָבען זיי געטאָן אין אַנדערע שטעדט. זיי האָבען געצוואונגען די אידען צו בעקעהרען זיך צום איסלאַם אָדער פערלאָזען דאָס לאַנד. די תלמודישע ישיבות זיינען צוגעמאַכט געוואָרען. עס איז געוואָרען אַן אויפשטאַנד מיט'ן צוועק אַרויסצוטרייבען פון לאַנד די אַלמאָהאַדען, און פיעלע אידען זיינען צוגעשטאַנען צו דיזען אויפשטאַנד, נאָר דער בונט איז גיך דערשטיקט געוואָרען און די אידען האָבען פיר דעם אַנטייל טייער בעצאָהלט (1162).

די אידען זיינען געווען געצוואונגען אַריבערצוטראָגען דעם צענטער פון יודענטום אין די קריסטליכע קעניגרייכען אין נאָרד־שפּאַניען: אין קאַסטיליען, אַראַגאָניען, נאַוואַררא. די קריסטליכע פעלקער פון נאָרד־שפּאַניען האָבען זיי אויפגענומען זעהר פריינדליך און האָבען געשעצט זיי-

ליבהאָבער פון וויסענשאַפט, פּאָעזיע און קונסט. זאָגאַר די נאָכפאָלגער פון די וועסטגאָטישע קעניגען, וועלכע האָבען אַמאָל די אידען פערפאָלגט, האָבען געמוזט אָנקומען צו די אידישע געלעהרטע דיפּלאָמאַטען און האָבען זיי געגעבען גרויסע שטעלעס אין דער רעגירונג. די קליינע קריסטליכע מלוכות אין נאָרד־שפּאַניען האָבען אָנגעהויבען ווערען שטאַרקער אין 11טען יאָהרהונדערט, ווייל די אַראַבישע מלוכה אין זיד־שפּאַניען איז געוואָרען צו־ברעקעלט און אָפּגעשוואַכט. די אידען אין יענע קריסטליכע מלוכות האָבען גענאָסען אַלע בירגער־רעכטען. מעכטיגער פון אַלע אַנדערע קריסטליכע מלוכות איז געוואָרען קאַסטיליען אונטער דעם קעניג אַלפאָנס דעם 6טען.

דיזער קעניג האָט גוט פערשטאַנען, דאָס ער קען ציהען פיעלע נוצען פון די רייסערייען, וואָס זיינען פאָרגעקומען צווישען די אַראַבישע מלוכה'לאַך, און ווייל די אידען זיינען דאַמאָלס געווען די בעסטע דיפּלאָמאַטען, האָט ער זיך מיט זיי בענוצט פיר זיינע צוועקען. דער פּאַפּסט גרעגאָרי דער 7טער איז געווען שטאַרק אויפגעבראַכט אויף אַלפאָנס'ן דערפאַר, וואָס ער גיט אידען הויכע עמטער און שטעלט דערמיט די „טייפעלשע סינאַגאָגע" העכער פון דער „גאָט־בעליבטער קירכע". אָבער אַלפאָנס האָט אויף די העצעס פון פּאַפּסט ניט געלעגט קיין געוויכט.

אַלפאָנס האָט געזוכט אַ פּרעטענזיע צום קעניג פון סעוויליע און האָט איהם געוואָלט אריינשלעפּען אין אַ קריג. צו דיזען צוועק האָט ער געשיקט אַ געזאַנדטשאַפט צום סעווילער קעניג מיט דעם אידען אבן שאל־ביב אָן דער שפּיז, און האָט געפאָדערט אַזעלכע זאַכען, וואָס יענער האָט פיר קיין פאַל ניט געקענט נאָכגעבען. אבן שאל־ביב האָט די פאָדערונגען אויסגעדריקט מיט גרויס האָזע און דער סעווילער קעניג האָט איהם געהייסען הינריכטען.

דאָס האָט געפיהרט צו אַ קריג. דער קעניג פון סעוויליע האָט אַרויסגערופען פון נאָרד־אַפריקאַ דעם שטאַם אַלמאָראַווידען, אַז זיי זאָלען איהם העלפען אין שטרייט, און די קריסטען האָבען געהאַט אַ שרעקליכע מפּלה (1086). דער קריג האָט ניט געקענט פאָרטגעזעצט ווערען ניט אום פרייטאָג, ניט אום שבת און ניט אום זונטאָג. דאָס בעווייזט, אַז אויך פיעלע אידען האָבען גענומען אָנטייל אין דיזער מלחמה. דער זיג איז געווען אויף דער זייט פון די מוסולמאַנער, אָבער דער קעניג פון סעוויליע האָט גאָרניט געוואונען, ווייל די אַפריקאַנער האָבען צוגענומען סעוויליע פיר זיך.

אָנפאַנגס איז דער פיהרער פון די אַפריקאַנער, יוסף, געווען שלעכט צו די אידען, און האָט פון זיי געפאָדערט, אַז זיי זאָלען זיך בע-

ר׳ שמואל הנגיד האָט געשריבען אַן איינלייטונג צום תלמוד, דורך וועלכען ער האָט אריינגעבראַכט אין דיזען שטודיום בעלייכטונג, אָרדנונג און סיס־טעם. אין דער זעלבער צייט האָט ר׳ יצחק אלפסי (1013—1103) געמאַכט נאָך אַ וויכטיגערען שריט. ר׳ יצחק איז געבאָרען געוואָרען אין פעץ אָדער פאַס אין אַפריקאַ. ער איז בעקאַנט מיט׳ן נאָמען „רי״ף", די אָפּקירצונג פון רבי יצחק אַל־פאַסי. זיינע תלמודישע קענטניסען האָט

הג׳ מו״ה יצחק אלפסי ז״צ״ל הנקר׳ רי״ף
J. Alfasi 1023—1103. נולד ד׳ אפי ת״ש פ״ג נפט׳ י״ט סיון ת״ת״ס״ג

ר׳ יצחק אַלפסי.

ער בעקומען פון די קאַירואַנער גאונים (אין אַפריקאַ): רבנו ניסים און רבנו חננאל. ער האָט געווידמעט זיין גאַנצעס לעבען צום תלמודישען שטודיום. ער האָט געשאַפען אַן אויסוואַהל פון תלמוד, אין וועלכער ער האָט נאָר אריינגעבראַכט די „הלכות" פון תלמוד. דיזע אויסוואַהל איז בעקאַנט ביי די „ראשונים" אונטער׳ן נאָמען „דער קליינער תלמוד". אין דיזען קליינעם

ערע פּאָליטישע פעהיגקייטען און זייער קולטור. אַלפאָנס דער 7טער, דער קעניג פון קאַסטיליען (1126—1157), האָט געשיצט די אידען אין זיינע לענדער. די הויפּטשטאָדט פון קאַסטיליען, טאָלעדאָ, איז געוואָרען דער צענטער פון אידישער וויסענשאַפט. אהין האָבען זיך איבערגעקליבען די בעסטע אידישע קרעפטען פון זיד־שפּאַניען.

אַלפאָנס דער 7טער האָט ערוועהלט ר' יהודה אבן עזרא צו דער זעלבער הויכער שטעלע, וואָס ר' חסדאי אבן שפרוט און ר' שמואל הנגיד האָבען פערנומען אין זיד־שפּאַניען. ער האָט איהם אויך בעשטימט אַלס נשיא איבער די אידישע קהלות. ער האָט פיעל געשטיצט די אידישע עמיגראַנטען, וואָס זיינען ענטלאָפען פון די מוסולמאַנישע הערשער און האָט אויסגעגעבען פיעל געלט אויסצוקויפען די אידישע גֿפאַנגענע

אזוי האָבען די אידען רוהיג ענטוויקעלט זייער קולטור אין קאַסטיליען ביז דעם אָנפאַנג פון 13טען יאָהרהונדערט. אונטער אַלפאָנס דעם 8טען (1166—1214) האָבען פערנומען הויכע רעגירונגס־שטעלעס יוסף אבן שושן און אברהם אבן אלפאכאר. אַלפאָנס האָט זיך אויך פערליבט אין אַ אידישער מיידעל רחל, און האָט מיט איהר אָפען געלעבט 7 יאָהר, אָבער איינִיגע קריסטליכע הויפלייט האָבען זי ערמאָרדעט.

די אידען זיינען געווען אַלפאָנס'ן זעהר דאַנקבאַר, און ווען עס האָט אויס־געבראָכען אַ קריג האָבען זיי פערשאַפט פיעל געלט און סאָלדאַטען. אויך אין אַראַגאָניען איז די לאַגע פון די אידען געווען גלענצענד. אָן דער שפּיץ פון דער אידישער קהלה אין באַרצעלאָנאַ איז געשטאַנען דער אידישער געלעהרטער דאָקטאָר, דיפּלאָמאַט, תלמודיסט און פּאָעט ר' ששת בנבנשתי (בענוועניסטע) (1131—1210). אויך אין אַנדערע שטעדט פון קריסטליכען שפּאַניען האָבען די אידישע קהלות געפיהרט אַ רוהיגעס לעבען און האָבען געבליהט.

ז. די גייסטיגע ערהייבונג פון די אידען אין שפּאַניען.

די קולטור־ארבייט פון די אידען און די אראַבער אין שפּאַניען האָבען געשאַפען אַ נייע אויפלעבונג פון גייסטיגער ארבייט מיט 400 יאָהר פריהער איידער די גייסטיגע אויפלעבונג איז פּאָרגעקומען אין איטאַליען. עס האָט זיך צוריקגעקעהרט די אַלטע צייט פון אַלעקסאַנדריען, ווען די אידישע ווי־סענשאַפט מיט דער גריכישער האָבען זיך פעראייניגט און האָבען געשאַפען וואונדער אין מענשען'ס גייסט. זאָגאַר אין דער תלמודישער ספערע האָט דער צייט־גייסט געשאַפען נייעס. מיר האָבען שוין פריהער געזעהען, ווי־

פון אלפסי׳ס אקאדעמיע זיינען ארויס זעהר פיעלע תלמודישע געלעהר־טע. דער נאָכפאָלגער פון ר׳ יצחק אלפסי, אלס ראש ישיבה אין לוצענא, איז געווען ר׳ יוסף אבן מיגש דער 2טער, דער עני־קעל פון דעם בעריהמטען שטאאטסמאן ר׳ יוסף אבן מיגש דעם 1טען. נאָך דעם, ווי די אלמאגאדען האָבען בעהערשט לוצענא, איז די אקאדעמיע אריבער אין טאָלעדאָ.

די העברעאישע שפּראַכפאָרשונג. אין שפּאניען איז דער שטודיום פון תלמוד געגאנגען האנט אין האנט מיט וועלטליכע וויסענשאפטען. אוי־סער דעם תלמוד האָט מען דאָרט פלייסיג שטודירט מאטהעמאטיק, אסטראָ־נאָמיע, נאטור־וויסענשאפטען א. ד. גל. א גרויסער טייל געלעהרטע האָ־בען זיך בעשעפטיגט מיט העברעאישער שפּראַכפאָרשונג.

אין דער צייט פון ר׳ חסדאי אבן שפרוט האָט זיך אויסגעצייכענט מיט זיין העברעאישער שפּראַכפאָרשונג מנחם בן סרוק (910—970). מנחם האָט געלעבט אין גרויס אָרימקייט אין טאָרטאָזאָ. חסדאי האָט איהם אראָפּגעבראכט אין קאָרדאָוואָ און האָט איהם בעזאָרגט מיט אלעם נעטיגען צום לעבען. דער רעזולטאט פון זיין פאָרשונג איז געווען זיין ווערטער־בוך מיט דעם טיטעל „מחברת“, וועלכעס איז געוואָרען פער־בריינטעט צווישען די אידען פון אלע לענדער און האָט געבראכט פיעלע נוצען צו דער פאָרשונג פון העברעאיש.

מנחם בן סרוק האָט געהאט א ביטערען געגנער אין דעם פאָרשער פון העברעאיש דונש בן לאבראט, אָדער אדונים הלוי (920—980). דונש איז געבאָרען געוואָרען אין פעץ (אפריקא) און האָט געקראָגען זיין בילדונג אין באגדאד אונטער ר׳ סעדיה גאון. ווען דונש האָט זיך דערוואוסט, דאָס ר׳ חסדאי שטיצט געלעהרטע, איז ער געקומען אין קאָרדאָוואָ. ער איז שוין דאמאָלס געווען בעקאנט אלס א גרויסער מדקדק. ווען עס איז ארויס מנחם׳ס „מחברת“, איז דונש ארויס געגען איהם מיט א שארפער קריטיק, וועלכע ער האָט געווידמעט צו ר׳ חסדאי׳ן. דונש׳ן איז געלונגען צו געווינען חסדאי׳ן אויף זיין זייט און מנחם איז פון איהם געוואָרען שטארק בעליידיגט. מנחם׳ס תלמידים האָבען זיך אָנ־גענומען פיר זייער לעהרער און האָבען געמאכט צו נישט אלע קריטישע בע־וויזען פון דונש׳ן. דיזע מחלוקת האָט פיעל געהאָלפען צו ערקלערען פיעלע שווערע פראגען אין דער העברעאישער שפּראַכפאָרשונג.

מנחם׳ס תלמיד, ר׳ יהודה חיוג (חאיודזש), האָט איבערגעשטי־גען זיין רבי׳ן. ער איז דער ערסטער, וואָס האָט אויסגעפונען, דאָס די־

תלמוד האָט ער אַרייַנגעבראַכט נאָר די דינים פון תלמוד, וועלכע מוזען אָפּ־געהיט ווערען אין היינטיגער צייט, אָבער אָהן דעם פּלפּול און אָהן די דע־באַטען, וואָס קומען פאָר אין תלמוד ביי יעדער הלכה. ער האָט פערלייכטערט דעם למוד פון די הלכות פון תלמוד און האָט געוויזען דעם ריכטיגען וועג, ווי צו געברויכען די הלכה אין פּראַקטיק. די הלכות פון אלפסי האָבען אַרויסגעשטופּט פון געברויך אַלע ווערק, וואָס זיינען געשריבען געוואָרען אויף דיזען געביט ביז איהם.

אין יאָהר 1088, ווען ר׳ יצחק אלפסי איז שוין אַלט געווען 75 יאָהר, איז ער געווען געצוואונגען, צוליב פערפאָלגונגען פון די מוסולמאַנער, צו פערלאָזען אַפריקא און בעזעצען זיך אין שפּאַניען. אָנפאַנגס האָט ער זיך בעזעצט אין קאָרדאָווא, און ענדליך איז ער געוואָרען רב אין לוצענא, וואו ער האָט געגרינדעט אַ תלמודישע אַקאַדעמיע. רבי יצחק אלפסי האָט אי־בערגעטראָגען דעם צענטער פון יודענטום פון אַפריקא נאָך שפּאַניען. ער איז געשטאָרבען אין אַלטער פון 90 יאָהר.

דער צווייטער צענטער פון תלמודישען וויסען אין שפּאַניען איז געווען אין יענער צייט סעווילִיע. אָן דער שפּיץ פון יענער תלמודישער אַקאַדעמיע איז געשטאַנען ר׳ יצחק אַלבּאַלי (1035—1094). ער האָט געלערנט תלמוד און וויסענשאַפטען אונטער ר׳ שמואל הנגיד און זיין זוהן ר׳ יוסף. נאָך דעם, ווי ר׳ יוסף הנגיד איז ערמאָרדעט געוואָרען, איז ר׳ יצחק אַלבּאַלי ענטלאָפען נאָך קאָרדאָווא. דאָרט האָט ער געשריבען צוויי בעריהמטע ווערק: „קופת הרוכלים״, אַ תלמודישע אָפּהאַנדלונג, און „עיבור״, אַן אָפּ־האַנדלונג וועגען אַן אַסטראָנאָמישען קאַלענדאַר. דער קעניג פון סעווילִיע, אַלי־מוטאַמער, האָט איהם זעהר געאַכטעט פיר זיין אַסטראָנאָמישע קענטנים און האָט איהם געמאַכט פיר אַ „נשיא״ איבער אידישע קהלות. ווען די אַל־מאַראָווידען האָבען בעזיגט סעווילִיע איז ר׳ יצחק אַלבּאַלי אַרונטער פון זיין שטעלע און האָט געענדיגט זיינע יאָהרען אין גרענאַדאַ. צווישען איהם און ר׳ יצחק אלפסי איז פאָרגעקומען אַ שטאַרקע מחלוקת. דאָך, ווען ר׳ יצחק אַלבּאַ־לי האָט געהאַלטען ביים שטאַרבען האָט ער צוגערופען זיין זוהן ברוך, וועלכער איז דאַמאָלס אַלט געווען 17 יאָהר, און האָט איהם געזאָגט: „געה צו ר׳ יצחק אלפסי און זאָג איהם, דאָס איך גיב דיך איבער אונטער זיין השגחה״. ברוך האָט געטאָן ווי זיין פאָטער האָט איהם בעפוילען. ר׳ יצחק אלפסי האָט זיך ביטער צוואויינט, האָט אַרומגענומען דעם יונגען ברוך, און האָט איהם גע־זאָגט: „איך וועל זיין דיין פאָטער״. ברוך אַלבּאַלי איז דאַן געבליבען אין ר׳ יצחק אלפסי׳ס הויז און איז מיט דער צייט געוואָרען אַ בעריהמטער רב.

איינפלוסרייכע פערזאָנען פון דער אידישער געמיינדע פיר זייער האַרט־הער־ציגקייט, און דערמיט האָט ער זיך פערשאַפט פיעלע שונאים און ער איז גע־ווען געצוואונגען צו פערלאָזען סאַראַגאָססא (1045). זיינע בעציהונגען צו ר׳ שמואל הנגיד זיינען געווען ניט שטענדיג די זעלבע. א מאָל האָט ער איהם געריהמט און אַן אַנדער מאָל האָט ער קריטיקירט זיינע שירים. גבירול האָט געלעבט נאָר 38 יאָהר. זיין לעבען איז געווען פול מיט ליידען. ר׳ אברהם אבן דאוד זאָגט וועגען גבירול, דאָס אין דעם כאָר פון זינגער האָט זיך גבירול׳ס שטימע געהערט העכער פון אַלע. און באמת, קיינער פון אַלע אַנדערע אידישע פּאָעטען פון יענער צייט האָט ניט געקענט אַזוי אויסדריקען די געפיהלען און ציטערונגען פון א גלויביגער זעלע, קיינער האָט ניט גע־קענט אויסדריקען דעם טיפען טרויער פון דער געדריקטער אידישער נאַציאָן, ווי דיזער זשעניאַלער דיכטער. זיינע האַרמאָנישע הימנעס זיינען אָנגענומען אין די אידישע געבעט־ביכער (סדורים און מחזורים). זיינע נאַציאָנאַלע שירים צייגען, ווי טיף דער פּאָעט האָט געפיהלט די ליידען פון אידישען פאָלק.

זיינע רעליגיעזע אידעען וועגען דער וועלט האָט ר׳ שלמה אבן גבירול אויסגעדריקט אין זיין וויכטיגער הימנע „כתר מלכות”, וועלכע איז אָנגע־נומען געוואָרען פון די ספרדישע און פּאָרטוגעזישע אידען צו זאָגען אום יום כפור צו כל נדרי. דאָרט דריקט ער אויס אין דער פאָרמע פון א פּיוט די פילאָזאָפישע אידעען, וועלכע ער האָט אויסגעדריקט אין זיין פילאָזאָ־פישען ווערק „מקור חיים”. דיזעס ווערק איז געשריבען אין אַראַביש און איז איבערזעצט געוואָרען אין לאַטייניש און נאָכהער אין העברעאיש מיט׳ן טיטעל „מקור חיים”. אין אַראַביש און אין לאַטייניש איז דער פערפאַסער בעצייכענט מיט׳ן נאָמען א ו י צ ע ב ר אָ ן. דיזעס ווערק איז געווען אין מיטעלאַלטער די הויפּט־קוועלע, פון וועלכער אַלע טהעאָלאָגען, אידישע, קריסטליכע און אַראַבישע, האָבען געשעפּט פילאָזאָפישע אידעען וועגען גאָט און זיין שעפּפונג. לויט דיזער פילאָזאָפיע איז גאָט די נשמה פון דער וועלט; די נשמה פון מענשען איז א טייל פון דער גאָטהייט, וועלכע שטרעבט צו פעראייניגען זיך מיט דער וועלט־נשמה, מיט גאָט; וואָס הייליגער דער מענש איז, אַלץ שטאַרקער איז זיין פערלאַנג און וואונש צו פעראייניגען זיך מיט דער גאָטהייט.

זיין ווערק „תקון מדות הנפש” איז אַן אָפּהאַנדלונג איבער זיטען־לעהרע. אין דיזען ווערק האָט ער צוזאַמענגענומען די זיטען־לעהרע פון דער ביבעל,

שרשים פון העברעאישע ווערטער בעשטעהען פון דריי אותיות. ער האָט געשריבען וויכטיגע אָפּהאַנדלונגען וועגען אידישע נקודות, און דאָס האָט פיעל געהאָלפען צו פערשטעהן ריכטיג די העברעאישע שפראַך. מעהר פון די אַלע פריהערדיגע שפּראַכפאָרשער האָט געטאָן פיר העברעאיש דער דאָקטאָר מעדיצין ר׳ יונה אבן גנאח (דזשאַנאַח). ער האָט זיך בעזעצט אין סאַראַגאָססאַ, וואו ער האָט זיך בעשעפטיגט מיט מעדיצינישער פּראַקטיק, אָבער זיין הויפּט־אינטערעס איז געלעגען אין דער העברעאישער שפּראַך. דאָס איז ביי איהם געווען די קעניגין פון אַלע חכמות. מיט זיינע פאָרשונגען האָט ער געמאַכט אַ נייעם וועג צו פערשטעהן דעם טעקסט פון תנ״ך. זיין פּאָלעמיק מיט ר׳ שמואל הנגיד האָט צוגעצויגען די אינטע־רעסע פון אַלע אידישע געלעהרטע פון יענער צייט. אבן גנאח האָט גע־שריבען צוויי ווערק: „ספר השרשים״ (אַ לעקסיקאָן) און „הרקמה״ (אַ גראַמאַטיק). אין 12טען יאָהרהונדערט האָבען זיך בעוויזען אין שפּאַניען און אין זיד־פראַנקרייך אַזעלכע גדולים אין העברעאישער שפּראַכפאָרשונג, ווי ר׳ אברהם אבן עזרא און ר׳ דוד קמחי (רד״ק) און אַנדערע, וועלכע האָבען פאָרטגעזעצט די אַרבייט פון די פריהערדיגע שפּראַכפאָרשער.

פּאָעזיע און פילאָזאָפיע. די הויפּט שאַפונגס־קראַפט אין דער צייט פון דער רענעססאַנס (ווידער־אויפלעבונג) אין שפּאַניען איז געווען אויף׳ן געביט פון פילאָזאָפיע און פּאָעזיע. אין די פריהערדיגע 1,000 יאָהר האָבען אידען געהאַט נאָר צוויי גרויסע פילאָזאָפען — פילאָן דעם אַלעקסאַנדרינער און ר׳ סעדיה גאון. דיזע פילאָזאָפען זיינען געווען ווייט איינער פון צוויי־טען ניין הונדערט יאָהר. אין 11טען און 12טען יאָהרהונדערט האָבען די שפּאַנישע אידען אַרויסגעגעבען אַ לאַנגע רייהע פון פילאָזאָפען און פּאָעטען, צווישען וועלכע די צוויי גרעסטע ריזען זיינען געווען ר׳ שלמה אבן גבירול און ר׳ יהודה הלוי.

ר׳ שלמה אבן גבירול (גאַבירול) איז געבאָרען געוואָרען אין מאַלאַגאַ (1020—1058). זיינע עלטערן זיינען געשטאָרבען ווען ער איז נאָך געווען זעהר יונג. דער צושטאַנד פון אַן איינזאַמען יתום האָט זעהר שטאַרק גע־ווירקט אויף זיין געמיט און ער איז אימער געווען טרויעריג. אין סאַראַגאָססאַ האָט ער געפונען אַ פריינד און שיצער אין ר׳ יקותיאל חאַסאַן, וועלכער איז געווען אַ הויכער בעאַמטער ביים עמיר פון סאַראַגאָססאַ. אָבער ר׳ יקותיאל איז געפאַלען אַלס אָפּפער פון אַ פּאָליטישער אינטריגע און גבירול האָט נאָך איהם שטאַרק געטרויערט (1039). ער האָט זעהר אָפט אָנגעגריפען איינינע

ער איז געבאָרען געוואָרען אין טאָלעדאָ אין יאָהר 1085. אין דיזער שטאָדט האָט ער בעקומען זיין רעליגיעזע און וועלטליכע בילדונג. אין לוצענא האָט ער שטודירט תלמוד אין דער אַקאַדעמיע פון ר' יצחק אלפסי און אין גרע-נאַדאַ איז ער געוואָרען בעקאַנט מיט'ן פּאָעט ר' משה אבן עזרא. ר' יהודה האָט געקענט גוט אַראַביש און איז געווען אַ בעריהמטער דאָקטאָר. ווען ער האָט זיך צוריקגעקעהרט אין טאָלעדאָ האָט ער געהייראַט און האָט זיך ערנעהרט פון מעדיצינישער פּראַקטיק, שפּעטער געפינען מיר איהם אין קאָרדאָוואַ אַלס דאָקטאָר, אָבער זיין מעהרסטע צייט האָט ער געווידמעט צו פילאָזאָפיע, פּאָעזיע און רעליגיאָנס-לעהרע.

ר' יהודה הלוי איז געווען אַן עכטער פּאָעט. זיינע נאַטור-בילדער האָ-בען געקענט קאָנקורירען מיט די בעסטע לירישע געדיכטען פון אַלע צייטען. אָבער די העכסטע קראַפט פון זיין פּאָעזיע ליגט אין זיינע נאַציאָנאַלע עלעגיעס (קלאָג-לידער). אויף דיזען געביט האָט ער ניט צו זיך קיין גלייכען. אין זיינע נאַציאָנאַלע עלעגיעס דריקט ער אויס דעם שיקזאַל פון דער אידישער נאַציאָן, איהרע ליידען און איהרע האָפנונגען. די שטאַרקסטע פון זיינע נאַציאָנאַלע עלעגיעס זיינען די, אין וועלכע ער דריקט אויס זיין טיפען קומער, זיין שרעקליכע בענקענים נאָך ציון, נאָך דעם אַלטען אידישען פאָטערלאַנד. דיזע געפיהלען האָט ער מיט גרויס פייער אויסגעגאָסען אין זיינע בעריהמטע עלעגיעס, וועלכע הויבען זיך אָן מיט דעם וואָרט „ציון".

דיזע הייליגע בענקענים נאָך ציון איז ניט געווען נאָר אין אַ מינוט פון פּאָעטישען עקסטאַז — זי האָט בעהערשט זיין גאַנצעס וועזען. עס איז געוואָרען זיין הייליגער וואונש צו זעהן מיט זיינע אייגען דאָס הייליגע לאַנד, בעטראַכטען די הייליגע חורבות, אום זיי זאָלען איהם אין זיין פאַנטאַזיע אַריבערטראָגען אין די אַלטע גלענצענדע צייטען פון דער געשיכטע פון אי-דישען פאָלק. נאָך דעם, ווי זיין פרוי איז געשטאָרבען, האָט ער זיך גע-זעגענט מיט זיין איינציגער טאָכטער, זיין עניקעל, זיינע תלמידים און פריינד און איז אַוועק אויף די וויטע רייזע נאָך ארץ ישראל (1140). אויף'ן שיף האָט ער אָנגעשריבען אַ מערקווירדיגע פּאָעמאַ, אין וועלכער ער שילדערט דעם שטירמישען ים און דעם געפיהל פון אַ מענשען, וועלכער געפינט זיך אויף'ן ים אין אַ שטורם. אין ארץ ישראל האָט ער פריהער פון אַלעם בעזוכט ירושלים, וועלכע איז דאַמאָלס געווען אונטער דער הער-שאַפט פון די קרייץ-ציגלער. די געשיכטע ווייס ניט, וואָס עס האָט פּאַ-סירט מיט'ן פּאָעט אין הייליגען לאַנד. מען ווייס זאָגאַר ניט, אויב ער איז ווירקליך אָנגעקומען אין ירושלים, אין וועלכער די קריסטען האָבען זאָ-

פון דעם תלמוד און פון די גרויסע גריכישע פילאָזאָפען, ווי סאָקראַטעס, פּלאַטאָ און אַריסטאָטעל.

פיעל אויספיהרליכער האָט בעהאַנדעלט די פראַגע פון פעראייניגונג רעליגיאָן מיט מאָראַל בחיי אבן פקודה, דער דיין, אין זיין בע־ריהמטען ווערק „חובות הלבבות". דיזעס ווערק איז געשריבען געוואָרען אין אַראַביש אין יאָהר 1040 און איז נאָכדעם געוואָרען איבערזעצט אין העברעאיש און אין מעהרערע איירָאפּיזאישע שפּראַכען. רבנו בחיי טיילט איין די פליכטען פון דעם מענשען אין 2 טיילען: די רעליגיעזע פליכטען פון דעם קערפּער און די פליכטען פון דער זעעלע, פון דער נשמה. דער ספר „חובות הלבבות" איז זעהר פּאָפּולער צווישען די אידען. דאָס איז דאָס וויכטיגסטע לעהר־בוך פיר מענשען, וואָס ווילען ערנסט פערשטעהן די אי־דישע רעליגיאָן און די אידישע מאָראַל.

ר' משה אבן עזרא. דער וויכטיגסטער פּאָעט נאָך ר' שלמה אבן גבירול איז געוועזן ר' משה אבן עזרא (1070—1138). ער איז געוועזן איינער פון די פיער ברידער אבן עזרא, וועלכע איז געוועזן איינע פון די וויכטיגסטע אַריסטאָקראַטישע פאַמיליעס אין גרענאַדאַ. דער גע־פיהל פון פּאָעזיע האָט זיך אין איהם ערוועקט אונטער דעם איינפלוס פון אַן אונגליקליכער ליבע. ער האָט זיך פערליבט אין דער טאָכטער פון זיינעם אַ ברודער און זי האָט איהם אויך געליבט, אָבער דער ברודער, זיין געליב־טער'ס פאָטער, האָט דעם שידוך ניט געוואָלט. ער איז אוועק נאָך פּאָרטו־גאַל און נאָכהער אין קאַסטיליען, און האָט געזוכט צו פערגעסען זיינע ליי־דען איבערגעבענדיג זיך צו פּאָעזיע און פילאָ־אָפיע. זיינע הויפּט־פּאָעמאַס זיינען געוועזן עלעגיעס (קלאָג־לידער) וועגען האָפנונגסלאָזען לעבען, וועגיין מענשען'ס שלעכטקייט. ער האָט אויך געשריבען לידער איבער ליבע, יו־גענד און נאַטור. פון דיזע אַלע סאָרטען לידער האָט ער צוזאַמענגעשטעלט זיין בוך „תרשיש". עס גיפינען זיך פון איהם פיעלע אַנדערע שירים, וועל־כע זיינען געזאַמעלט אין אַ בעזונדערען „דיוואַן", אויך איבער 200 סליחות פיר ראש השנה און יום כפור, וועלכע זיינען אָנגענומען פון די ספרדים אין זייערע מחזורים. צוליב דיזע סליחות האָט ר' משה אבן עזרא בעקומען דעם נאָמען „הסלח". ער האָט אויך געשריבען איבער רהעטאָריק (מליצה) און פערזען־קונסט און אַ ווערק איבער פילאָזאָפיע און מאָראַל מיט'ן נאָמען „ערוגת הבושם".

ר' יהודה הלוי. דער גרעסטער פּאָעט אונטער אידען אין יע־נער צייט איז געוועזן ר' יהודה הלוי (אין אַראַביש: אבו־אַל־חסן).

האָט זיך איבערהויפּט בעשעפטיגט מיט דקדוק, ביבעל־פּאָרשונג, מאַטהעמאַטיק, אַסטראָנאָמיע, פילאָזאָפיע. ער איז געווען זעהר אָרים, און האָט געהאַט אין זיין לעבען זעהר פיעלע אונגליקען. אין איינער פון זיינע פּאָעמאַס בעדויערט ער זיין שיקזאַל, דאָס די גאַנצע נאַטור זוכט איהם צו שאַדען, און ער איז זיכער, דאָס ווען ער וואָלט געהאַנדעלט מיט תכריכים, וואָלט קיין מענש ניט געשטאָרבען אין זיין צייט, און ווען ער וואָלט געהאַנדעלט מיט ליכט, וואָלט די זון ניט אונטערגעגאַנגען. ער האָט ניט געפונען אין זיין געבורטס־שטאָדט, טאָלעדאָ, קיין איינעם, וואָס זאָל איהם שטיצען, און ער איז אוועק זוכען גליק אין אַנדערע ערטער (1120). ער האָט בערייזט נאָרד־אַפריקאַ, מצרים, ארץ ישראל און בבל. ער האָט זיך צוריקגעקעהרט אין אייראָפּאַ און האָט זיך בעזעצט אין רוים. דאָרט האָט ער פערברייטעט צווישען די אידען פיעל אידישע קענטנים. פון רוים האָט ער אויסגעוואַנדערט נאָך פיעלע אַנדערע שטעדט, און איבעראַל האָבען זיך אַרום איהם פערזאַמעלט פיעלע יונגע מענשען, וואָס האָבען פון איהם פיעל געלערנט. אין איטאַליען האָט ער פערפאַסט דעם גרעסטען טייל פון זיין קריטישען פּירוש אויף תנ"ך, וועלכער צייכענט זיך אויס מיט שאַרפקייט און קורצקייט. ערטערוויז האָט ער אין זיין פּירוש געמאַכט זעהר פרייע בעמערקונגען וועגען דעם ביבלישען טעקסט, און האָט בעוויזען, דאָס איינִיגע שטעלען זיינען הוספות פון שפּעטערדיגע דורות. ער האָט אָבער דיזע בעמערקונגען איינגעוויקעלט אין אַ סאָרט סוד, דאָס די שטרענגע אָרטאָדאָקסען זאָלען עס ניט פערשטעהן.

זעהר וויכטיג זיינען זיינע ווערק איבער דעם העברעאישען דקדוק. ער האָט אויך געשריבען אַ פילאָזאָפישעס ווערק מיט'ן נאָמען „יסוד מורא", אין וועלכען ער ערקלערט פילאָזאָפיש די בעדייטונג פון די אידישע געזעצען. אַלס פּאָעט שטעהט ער פיעל אונטער ר' יהודה הלוי. דאָך זיינען זיינע הימנעס אַריינגענומען געוואָרען אין אַלע סדורים און מחזורים אין שפּאַניען. ר' אברהם אבן עזרא האָט אויך געשריבען וועלטליכע שירים.

ר' אברהם אבן עזרא האָט פערבראַכט אַ גרויסען טייל פון זיין לעבען אין וואַנדערן. אין יאָהר 1158 איז ער געווען אין לאָנדאָן. מיט צוויי יאָהר שפּעטער בעגעגנען מיר איהם אין זיד־פראַנקרייך. דאָרט האָט ער בעאַרבייט זיין פּירוש אויף תנ"ך און האָט אויך געשריבען איבער דקדוק. ענדליך האָט ער זיך פערבענקט נאָך זיין געבורטס־שטאָדט און האָט בעשלאָסען פּאָהרען אין טאָלעדאָ, אָבער אויף'ן וועג איז ער געשטאָרבען אין קאַלאַגאָר (1167).

גאַר ניט צוגעלאָזען אַ אידען. אַ לעגענדע דערצעהלט, דאָס ווען דער פּאָעט איז צוגעקומען צו די מויערן פון ירושלים און האָט דערזעהען די היילינע שטאָדט, איז ער געפאַלען צו דער ערד, האָט צוריסען זיינע קליידער און האָט ביטער געוויינט, זינגענדיג זיין ערהאַבענע עלעגיע (קינה) „ציון הלא תשאלי לשלום אסיריך”. אין יענער צייט איז אָנגעלאָפען אַן אַראַבער רייטענדיג און האָט איהם צוטראָטען מיט זיין פערד. דיזע עלעגיע ווערט עד היום געזונגען אין די אידישע שולען און בתי מדרשים אום תשעה באב.

זיין פילאָזאָפישעם סיסטעם האָט ר׳ יהודה הלוי ערקלערט אין אַ בוך, וועלכעס ער האָט געשריבען אין אַראַביש אונטער דעם טיטעל „דאָס בעווייז־בוך פיר די פערטיידיגונג פון אַ בעליידיגטען גלויבען”, און וועלכעס איז בעוואוסט אין העברעאישער איבערזעצונג אונטער דעם טיטעל „ספר הכוזרי”. דיזעס ווערק איז געשריבען אין דער פאָרמע פון אַ געשפרעך צווישען צוויי פּערזאָנען — דעם קעניג פון די כוזרים און אַ פילאָזאָף — וועגען די הויפּט־גרינדען פון דער אידישער רעליגיאָן. אַלס גרונדלאַגע צו דיזען דיאַלאָג (געשפרעך) האָט איהם געדינט די לעגענדע, ווי דער קעניג פון די כאָזאַרען האָט אָנגענומען דעם אידישען גלויבען. דער קעניג, וועלכער איז געווען אַ געצען־דינער, האָט בעשלאָסען צו זוכען אַ וואהרען גלויבען. ער האָט אַיינגעלאַדען צו זיך אַ גריכישען פילאָזאָף, וועלכער האָט איהם ערקלערט די פּרינציפּען פון אמונה לויט די אידעען פון די גריכישע פילאָזאָפען פּלאַטאָ און אַריסטאָטעל. דעם קעניג זיינען זייערע אידעען ניט געווען געפעלען, ווייל זייער גאָט האָט ניט קיין פרייען ווילען און קיין צוועק אין זיין שאַפען וועלטען. נאָכדעם האָט ער אַיינגעלאַדען אַן אַראַבישען געלעהרטען. בעמערקענדיג, דאָס ביידע האָבען זיך אין זייערע געשפּרעכען געשטיצט אויף דער אידישער ביבעל, האָט ער בעשלאָסען צו רופען אַ אידישען געלעהרטען, אום ער זאָל פון איהם הערען וועגען דער אידישער רעליגיאָן. דער אידישער געלעהרטער האָט איהם ערקלערט די פּרינציפּען פון דער אידישער רעליגיאָן, וועלכע זיינען געגרינדעט אויף דעם פונדאַמענט פון הויכער מאָראַל, טראַדיציאָן און אָפענבאַרונג (התגלות אלהים) ביים באַרג סיני. אין זיין פילאָזאָפיע איז ר׳ יהודה הלוי מעהר פּאָעט ווי פילאָזאָף.

ר׳ אברהם אבן עזרא און ר׳ יהודה אלחריזי. אין איין צייט מיט ר׳ יהודה הלוי האָט געלעבט און געווירקט זיין לאַנדסמאַן ר׳ א ב ר ה ם א ב ן ע ז ר א. דיזער איז אויך געווען אַ פּאָעט און אַ וויסענשאַפטס־מאַן, אָבער מעהר געניינט צו וויסענשאַפטען. ער

בעהאנדעלט ער קורץ די אידישע געשיכטע פון נאך דער ביבעל ביז זיין צייט. דאס איז א סארט פארטזעצונג פון דעם „אגרת ר' שרירא גאון", אין וועלכען מיר געפינען נעטיגע ידיעות וועגען דער עפאכע פון די גאונים. דער „ספר הקבלה" ענטהאלט וויכטיגע פאקטען פון דער ערסטער צייט פון דער רענעססאנס פון די אידען אין שפאניען, פון חסדאי בן שפרוט ביז דעם ראב"ד זעלבסט. אין דיזען ווערק בעמיהט זיך דער מחבר צו בעווייזען, דאס די שפאנישע רבנים זיינען די ריכטיגע פארשטעהער פון יודענטום נאך די גאונים. די קאראאימעס פון יענער צייט האבען עס געוואלט אפ־לייקענען. ר' אברהם אבן דאוד איז ערמארדעט געווארען אין טאלעדא אין דער צייט, ווען די אלמאהאדען זיינען בעפאלען שפאניען (1180).

אין דער צייט פון דיזען איינציגען אידישען געשיכטע־שרייבער האט זיך געפונען אין שפאניען אויך דער איינציגער אידישער רייזענדער און פעלקער־בעשרייבער (עטנאגראף) ר' בנימין פון טודעלא (אין נאווארא). אין יאהר 1160 האט דיזער זעלטענער מאן אונטערגענומען צו בערייזען די וועלט. ער האט בערייזט א גרויסען טייל פון איירא פא, אזיען און אפריקא. 13 יאהר האט ר' בנימין פערבראכט אויף זיינע ריי־זען, און האט זיך צוריקגעקעהרט אין שפאניען אין יאהר 1173. ער האט פערפאסט א בוך מיט'ן נאמען „מסעות בנימין", אין וועלכען ער האט בע־שריבען פערשיידענע לענדער, פעלקער, אידישע געמיינדעס, זייערע בע־שעפטיגונגען, זיטען און זאגעס. דאס וואס ער האט בעשריבען אין זיין בוך האט א גרויסען ווערט ניט נאר פיר אידען, נאר אויך פיר אנדערע נאציאנען. זעהר וויכטיג זיינען זיינע מיטטיילונגען וועגען אידען אין אזיען און אפריקא. די אייראפעאישע אידען האבען זיך פון זיי דערוואוסט פיעל וויכטיגעס וועגען דעם לעבען און די בעשעפטיגונגען פון זייערע ווייטע ברידער אין דיזע וועלט־טיילען. אין 16טען יאהרהונדערט האט מען אנ־געהויבען איבערזעצען זיין ווערק אין פערשיידענע אייראפעאישע שפרא־כען. דיזעס ווערק, וועלכעס איז געשריבען געווארען 100 יאהר פאר דעם בעריהמטען רייזענדען מארקא פאלא, פערנעהמט א זעהר וויכטיגען פלאץ אין דער געשיכטע פון געאגראפיע און פעלקער־קונדע.

ח. די אידען אין די קריסטליכע אייראפעאישע לענדער און די קרייץ־צוגען.

איטאליען און ביצאנץ. אין דער צייט, וואס די אראבישע קולטור האט זיך ענטוויקעלט אין שפאניען, זיינען רוים און קאנסטאנטינאפעל גע-

דער לעצטער אידישער פּאָעט פון דער שפּאַנישער רענעססאַנס איז גע־וועזען ר׳ יהודה אַלחריזי (1165—1225). ער איז געבאָרען גע־וואָרען אין שפּאַניען, אָבער ער האָט פערבראַכט אַ גרויסען טייל פון זיין לעבען אין זיד־פראַנקרייך. ער האָט אויך גערייזט אין אָריענט (מזרח־לענ־דער) און האָט בעזוכט מצרים, ארץ ישראל און סיריען. זיין ליטעראַרישע קאַריערע האָט ער אָנגעפאַנגען מיט איבערזעצונגען. ער האָט איבערזעצט פון אַראַביש די נאָוועלען פון דעם אַראַבישען פּאָעט האַרירי. דיזע נאָוועלען זיינען בעוואוסט אונטער׳ן נאָמען „מאַקאַמען״. שפּעטער האָט ער אָנגע־שריבען אַן עהנליכעס אָריגינעלעס ווערק מיט׳ן נאָמען „תחכמוני״. אי־בערהויפּט איז זעהר אינטערעסאַנט ווי ער כאַראַקטעריזירט די פּאָעטען ר׳ שלמה בן גבירול, ר׳ יהודה הלוי און ר׳ משה אבן עזרא. וועגען זיין איי־גענער פּאָעזיע זאָגט ער, אַז זי איז ניט מעהר ווי שיריים, איבערגעבליבענע ברעקלאַך פון די גרויסע פּאָעטען, וואָס האָבען געשריבען פאר זיין צייט.

ר׳ אברהם אבן דאָוד און ר׳ בנימין פון טודעלאַ. די פי־לאָזאָפיע פון ר׳ שלמה בן גבירול, ווי די נאַציאָנאַלע פילאָזאָפיע פון ר׳ יהודה הלוי, איז אַרונטער פון דער סצענע אין די לעצטע צייטען פון דער אידיש־שפּאַנישער רענעססאַנס. די אידישע דענקער האָבען זיך צוריק־געקעהרט צו ר׳ סעדיה גאון׳ס פילאָזאָפיע. דער הויפּט־פיהרער פון דיזער ריכטונג איז געוועזען ר׳ אברהם אבן דאוד פון טאָלעדאָ (1110—1180).

אין זיין ווערק „אמונה רמה״ איז ער אַ געגנער פון ר׳ יהודה הלוי׳ס „כוזרי״. ער זוכט דאָרט צו בעווייזען, דאָס די אידישע רעליגיאָן איז גע־גרינדעט אויף פערנונפט (שכל). נאָך זיין מיינונג פערלאַנגט די תורה פון יעדען אידען, אַז ער זאָל פערשטעהן די גאָטהייט, און ניט פערלאָזען זיך אויף די אמונה, וואָס ער האָט גע׳ירש׳עט פון זיינע עלטערן. די אמת׳ע פילאָזאָפיע שטימט דורכאויס מיט דער אידישער רעליגיאָן, וועלכע האָט ניט קיין מורא פאַר אַ ריכטיגער קריטיק. די פאָרשטעלונג וועגען גאָט אַלס די העכסטע אורזאַך פון אַלעס, וואָס עס עקסיסטירט אין דער וועלט, איז אַ פּרינציפּ אין יודענטום ווי אין דער פילאָזאָפיע פון אַריסטאָטעל. ווי פריהער ר׳ סעדיה גאון און שפּעטער דער רמב״ם, אַזוי האָט אויך אבן דאוד געלערנט, דאָס די אידישע רעליגיאָן שטימט מיט׳ן געזונדען פערשטאַנד.

ר׳ אברהם אבן דאוד (ראב״ד) איז אויך געוועזען אַ גרויסער תלמודיסט, און האָט זיך בעשעפטיגט מיט אידישער געשיכטע, אַ געגענשטאַנד, וואָס אידען האָבען זיך מיט דעם זעהר ווייניג בעשעפטיגט. אין זיין „ספר הקבלה״

געוויס שיקען צו איהם א דעפוטאַציע, צווישען וועלכער עס וועט געוויס זיין זיין פאָטער ר׳ שמעון. און אַזוי איז עס ווערקליך געשעהען. דער פּאַפּסט האָט געהאַט מיט ר׳ שמעון׳ען אַ לאַנגע דעבאַטע אין רעליגיאָנס־פראַגען און האָט געצייגט גרויסע קענטניס אין יודענטום. נאָכדעם האָט ער געשפּילט מיט ר׳ שמעון׳ן אין שאַך, און דערביי האָט ער דעם פאָטער דערצעהלט ווער ער איז, און דאָס ער וואָלט זעהר גערן ווערען צוריק אַ איד. ר׳ שמעון איז געקומען אהיים מיט א פּרעהליכען בעפעהל פון פּאַפּסט, דאָס די גזירות זיינען בטל, און זיין פרוי האָט ער דערצעהלט די פרעהליכע ידיעה, דאָס זייער קינד לעבט. אין אַ קורצער צייט איז דער פּאַפּסט פערפאַלען געוואָרען. ער האָט זיך בעזועצט אין דעם הויז פון זיינע עלטערן. אין אַנ־דער נוסח דערצעהלט, דאָס דער פּאַפּסט האָט זיך גענומען דאָס לעבען — ער האָט זיך אַרונטערגעוואָרפען פון דעם הויכען סט. פּעטער׳ס טורם און איז גע׳הרג׳עט געוואָרען.

אין ביצאַנץ איז די לאַגע פון די אידען אין יענער צייט געוועזן פיעל בעסער. די רעגירונג האָט זיי געלאָזען צורוה און ניט צו שאַדען דעם מאַ־טעריעלען צושטאַנד פון לאַנד. די אידען האָבען געהאַט גרויסע קהלות אין קאָנסטאַנטינאָפּעל, אין גריכענלאַנד און אויף די אינזלען. איבערהויפּט האָבען זיי זיך אויסגעצייכענט אין זייד־אַרבייט און אין דער קונסט פון פאַרבעריי. די אידישע פאַרבעריי־קונסט איז געוועזן שטאַרק בעריהמט צווי־שען אַלע פאַבריקאַנטען פון יענער צייט.

אין קאָנסטאַנטינאָפּעל האָבען די אידען געלעבט אָפּגעזונדערט פון די גריכען צוליב דעם אַלטען האַס און רעליגיאָנס־האַס. די אידען איז ניט גע־וועזן ערלויבט צו פאָהרען אויף אַ פערד, אַן אויסנאַהם איז געמאַכט געוואָרען פיר דעם אידישען דאָקטאָר שלמה פון מצרים, וועלכער איז געוועזן דער הויף־דאָקטאָר ביים קייזער מאַנועל קאָמנען (1180).

אין יאָהר 1096 האָט זיך אין קאָנסטאַנטינאָפּעל פערשפּרייט דער גלוי־בען, דאָס אין גיכען וועט קומען משיח און עס וועט אין ירושלים געגרינ־דעט ווערען אַ אידישע מלוכה. אָבער ליידער האָבען זיי באַלד דערזעהען די באַנדעס דייטשע קרייץ־ציגלער, וועלכע האָבען אין גאַנצען פערטריבען די אידען פון ירושלים.

פראַנקרייך. אין יענער צייט האָבען זיך אין פראַנקרייך געפונען מעהר אידען ווי אין אַלע קריסטליכע לענדער אין אייראָפּאַ. אין דער צייט פון די קאַפּעטינגען (987—1137) איז דאָס פעאָדאַל־סיסטעם געוואָ־רען נאָך שטאַרקער ווי אין דער צייט פון די קאַראָלינגען. ביי אַזאַ צו־

ווען אין גאַנצען איבערגעגעבען צו דער קריסטליכער קריכע. עס פערשטעהט זיך, דאָס אונטער אַזעלכע אומשטענדען האָט ניט געקענט זיין קיין רייד וועגען אדיישער קולטור. אָבער מען מוז צוגעבען, דאָס אין יענער צייט זיינען אויך אין די קריסטליכע לענדער די פערפאָלגונגען אויף אידען געוואָרען פיעל לייכטער און זעלטענער. זייער עקאָנאָמישער צושטאַנד איז געווען צימליך גוט. זיי האָבען זיך בעשעפטיגט מיט אויסלענדישען האַנדעל, מיט אַרבייט און קליין־האַנדעל.

אין איטַאַליען האָבען זיך געפונען פיעלע אידישע קהלות. זייער מאַטעריעלער צושטאַנד איז ניט געווען איבעראַל גלייך, ווייל איטאַליען איז צוברעקעלט געוואָרען אויף קליינע פּראָווינצען מיט פערשיידענע הערשער און דער אַלגעמיינער צושטאַנד איז ניט געווען איבעראַל גלייך. אין 12טען יאָהרהונדערט האָבען די נאָרמאַננען געגרינדעט דאָס נעאַפּאָלער קעניגרייך און האָבען געגעבען די אידען אַ געוויסע אויטאָנאָמיע. זייער עקאָנאָמישער צושטאַנד איז דאָרטען געווען זעהר צופרידענשטעלענד.

זאָגאַר אין רוים, די רעזידענץ פון פּאַפּסט, איז די לאַגע פון די אידען געווען ניט שלעכט. אַפילו דער פ...אטישער פּאַפּסט גרעגאָריוס דער 7טע האָט אויך ניט דערלאָזען צו דריקען די אי־ען. דער פּאַפּסט אַלכסנדר דער 3טער (1159—1180) האָט געהאַט אַ אידישען פינאַנץ־מיניסטער יחיאל דימאַנסי פון די „ענוים" (אַנאָווים), אַ משפּחה פון גרויסע לומדים. די משפּחה איז געווען איינע פון די יקירי ירושלים, וואָס טיטוס האָט פערטריבען נאָך רוים. אויף דעם קאָנציליום (פערזאַמלונג פון גייסטליכע) אין יאָהר 1179 האָבען פיעלע גייסטליכע געוואָלט בעשרענקען די אידישע רעכטען, אָבער אַלכסנדר האָט ניט דערלאָזען.

דער פּאַפּסט, וואָס איז געווען פאַר אַלכסנדר'ן, אַנאַלעקטוס דער 2טער (1130—1138), האָט געשטאַמט פון אידען, און האָט דעריבער געהאַט פיעלע געגנער צווישען די קריסטען, און האָט געמוזט אָפּטרעטען די שטעלע צו איננאָצענץ דעם 2טען. ביי אידען איז דאָ אַ לעגענדע וועגען אַ אידישען פּאַפּסט אלחנן. ביי ר' שמעון פון מאַינץ — דערצעהלט די זאַגע — האָט מען צוגע'גנב'עט אַ קינד מיט'ן נאָמען אלחנן; מען האָט דעם אינגעל געטויפט און ערצויגען אין אַ קאַטאָלישען מאָנאַסטיר. אַ דאַנק זיינע גרויסע פעהיגקייטען איז ער געוואָרען קאַרדינאַל און איז דערנאָך ערוועהלט געוואָרען אַלס פּאַפּסט. אלחנן דער פּאַפּסט האָט זיך פערביינקט נאָך זיין אַלטען פאָטער ר' שמעון. ער האָט געהייסען דעם בישאָף פון מאַינץ, אז ער זאָל פערפאָלגען די אידען. ער האָט גערעכענט, דאָס די אידען וועלען

געהאַט בעדייטענדע קהלות. די מעהרסטע פון דיזע קהלות זיינען גע-ווען אונטער דעם שוץ פון גייסטליכע פעאָדאַלען. דיזער שוץ האָט גע-קאָסט די אידען זעהר טייער; זיי האָבען געמוזט צאָהלען זייערע בישאָ-פען גרויסע סומעס פיר דאָס רעכט צו האַנדלען, און דעריבער האָבען אַזעלכע פעאָדאַלען געזוכט צו בעקומען פון קייזער דאָס רעכט צו הערשען איבער אַזעלכע אידען. דער קייזער אָטטאָ דער גרויסער האָט געגעבען אַזאַ רעכט צו דער מאַגדעבורגער קירכע (965). דאָס זעלבע האָט אויך געטאָן דער קייזער אָטטאָ דער 2טער.

אין דער סוויטע פון קייזער אָטטאָ דעם 2טען האָט זיך געפונען אַ איד מיט'ן נאָמען קלונימוס, ווייל ער האָט איהם אַמאָל געראַטעט זיין לעבען. אין דעם שטרייט, וואָס אָטטאָ האָט געפיהרט מיט די סאַראַצענער, האָט זיך געטראָפען, דאָס דער קייזער איז געבליבען אַליין אויף'ן שלאַכט-פעלד אָהן אַ פערד; זעהענדיג די געפאַהר האָט קלונימוס אָפּגעגעבען דעם קייזער זיין פערד און אַליין האָט ער זיך געלאָזען לויפען צופוס. דער קייזער האָט איהם דערפאַר גענומען צו זיין סוויטע. דער קייזער היינריך דער 2טער האָט געהייסען אַרויסטרייבען די אידען פון מאַינץ. אָבער דער פּייטן ר' שמעון בר יצחק, וועלכער האָט פערפאַסט די פּיוטים צום צווייטען טאָג ראש השנה, האָט זיך משתדל געווען און מען האָט אויך גוט בעצאָהלט, איז די גזרה בטל געוואָרען, און די מאַינצער אידען האָבען זיך צוריקגע-קעהרט אין מאַינץ אַ יאָהר נאָך דעם גירוש. אין זיינע פּיוטים גיסט ר' שמעון אויס זיין האַרץ פאַר גאָט און דערמאָהנט דעם טרויעריגען צושטאַנד פון אידישען פאָלק אין גלות, און אין זיי זיינען דאָ פיעלע רמזים אויף'ן גירוש מאַינץ. דיזען גירוש דערמאָהנט אויך רבנו גרשום מאור הגולה אין איינעם פון זיינע פּיוטים. אין דער צייט פון דעם גירוש פון מאַינץ האָבען די קריסטען געצוואונגען רבנו גרשום'ס זוהן אָנצונעהמען קריסטענטום. נאָך דעם, ווי ר' שמעון האָט מבטל געווען די גזירה, האָט ער בעקומען די ערלויבניס, אַז די אידען, וואָס האָבען זיך געטויפט, זאָלען מעגען ווערען צוריק אידען. אָבער רבנו גרשום'ס זוהן איז דערווייל גע-שטאָרבען. רבנו גרשום איז נאָך איהם געזעסען צוויי מאָל שבעה (14 טעג), ווייל ער האָט גערעכענט, דאָס זיין זוהן האָט פערלאָרען ביידע וועלטען. רבנו גרשום האָט פערפאַסט איינִיגע סליחות, אין וועלכע ער בעקלאָגט זיך אויף דעם ביטערען שיקזאַל פון אידישען פאָלק.

ביז צו ענדע פון 11טען יאָהרהונדערט, ד. ה. ביז דעם ערסטען קרייץ-צוג, זיינען אַזעלכע פערפאָלגונגען ווי די מאַינצער פאָרגעקומען זעלטען.

שטאַנד, ווען יעדער פירסט האָט מעהר רעכט אויף די איינוואוינער פון זיין הערשאַפט ווי דער קעניג, קען ניט זיין קיין רייד וועגען גלייכע בעהאַנדלונג פון די אידען אין גאַנצען לאַנד. איין הערשער האָט זיי בעהאַנדעלט שלעכט, דער אַנדערער זעהר גוט, ווייל ער האָט פערשטאַנען, דאָס זיי בריינגען נוצען דעם לאַנד.

די גייסטליכע האָבען געהעצט די מאַסען געגען די אידען. מען האָט ניט געטאָרט צולאָזען אַ איד צו קיין שטעלע אין דער רעגירונג אָדער אין דער געמיינדע. די מאַסען האָבען בעטראַכט די אידען אַלס אַ פאָלק, וואָס גאָט זעלבסט האָט אָפּגעשטויסען פון זיך. די אידישע דאָקטוירים האָבען זיי געהאַלטען פיר כשוף־מאַכער. ווען דער קעניג הוגאָ קאַפּעט איז גע-שטאָרבען, האָט מען חושד געווען זיין לייב־דאָקטאָר, דאָס ער האָט איהם מיט כשוף אָפּגעראַמט פון וועג. דער בישאָף פון לימאָזש האָט אָנגעזאָגט אַלע גייסטליכע אין שטאָדט, אַז זיי זאָלען אַ גאַנצען מאָנאַט דרש'ענען ווע-גען קריסטענטום צו אידען, און אויב די אידען וועלען זיך נאָך דעם מאָנאַט ניט בעקעהרען צום קריסטענטום, זאָל מען זיי אַרויסטרייבען. נאָך דעם מאָנאַט האָבען זיך נאָר דריי אידען געטויפט, און די איבריגע האָט מען אַרויסגעטריבען פון שטאָדט (1010). מען האָט אַרויסגעלאָזען אַ קול, דאָס די אידען האָבען צושטערט די קירכע אויף'ן קבר פון יעזוס'ן אין ירושלים. מיט אַזעלכע מיטלען האָט מען געזוכט אויפצורייצען די מאַסען געגען אידען.

אָבער צום גליק האָבען דיזע העצעס ניט געהאַט קיין ערפאָלג, ווייל די אידען האָבען געבראַכט דעם לאַנד גרויסע נוצען מיט זייער האַנדעל און אינדוסטריע, און די רעגירונגען האָבען געפונען פיר נעטיג זיי צו שיצען.

אין אייניגע פּראָווינצען אין זיד־פראַנקרייך האָבען אייניגע גראַפען בעשטימט אידישע יוריסטען אַלס ריכטער, ניט אַכטענדיג אויף די קירכליכע געזעצען. די אידען פלעגען זעהר פיעל ליידען פון די מאַסען פאַר דעם קריסטליכען פסח, ווייל די גייסטליכע פלעגען זיי דאַן אויפרייצען אויף די אידען דערפאַר, וואָס זייערע עלטערן האָבען געקרייציגט יעזוס'ן. אָבער שפּעטער האָבען די אידען געקויפט פון די גייסטליכע זייער זיכערהייט פיר אַ געוויסע סומע געלט.

דייטשלאַנד. די קולטור פון די אידען אין דייטשלאַנד איז געשטאַ-נען כמעט אויף דער זעלבער מדרגה ווי אין פראַנקרייך. גרויסע אידישע געמיינדעס האָבען זיך געפונען איבערהויפּט אין די רהיין־געגענדען, וועלכע האָבען זיך געגרענעצט מיט פראַנקרייך — אין עלזאַס־לאָטהרינגען. די שטעדט מאַינץ, טריער, וואָרמס, קעלן, מאַגדעבורג, רעגענסבורג האָבען

זיינע פרעדיגטען האָבען געהאַט אַ גרויסע ווירקונג און גרויסע מאַסען פון ווילדען המון האָבען זיך אַ לאָז געטאָן צו געהן נאָך פאַלעסטינאַ. אויך דייטשלאַנד איז אָנגעשטעקט געוואָרען מיט דיזער פאַנטאַזיע. עס זיינען צוגעשטאַנען צו די גרויסע מאַסען פילגרימער פירסטען, פעאָדאַלען און צעהנדליגע טויזענדע בויערן. זיי האָבען אויך אַוועקגעוואָרפען זייערע הייזער און פעלדער, האָבען צוגענעהט רויטע צלמים אויף זייערע אויבערמאַנטלען און זיינען געגאַנגען שטרייטען מיט די אונגלויביגע. דיזע פיעל־קעפיגע מאַסע איז בעשטאַנען פון פערשיידענע עלעמענטען, פון וועלכע יעדער האָט געהאַט זיין אייגענעם ציל. עס זיינען דאָרט געווען פיעלע פאַנאַטישע פרומאַקעס, וועלכע די גייסטליכע האָבען צוגעזאָגט, דאָס דיזע הייליגע מלחמה וועט זיי פערגעבען אַלע זייערע זינד און וועט זיי מציל זיין פון גיהנום. די בויערן זיינען געגאַנגען אין שטרייט אום צו בעפרייען זיך פון לייבאייגענשאַפט. פיעלע בעלי חובות זיינען אהין געגאַנגען אום צו בעפרייען זיך פון זייערע שולדען. די פירסטען האָבען גערעכענט צו געפינען דאָרט גליק און עהרע. צו דיזער מאַסע זיינען אויך צוגעשטאַנען איינפאַכע בראָדיאַגעס, בעטלער און לײדאַקעס, וואָס האָבען געזוכט אַ געלעגענהייט צו רויבען און מאָרדען אונבעשטראָפט. דיזע מאַסען האָבען זיך צולאָזען איבער דערפער און שטעדט, האָבען געראַבעוועט וועמען און וואָס זיי האָבען געקענט. אָבער מעהר פון אַלעמען האָבען געליטען די אידען. זיי האָט מען געצוואונגען צו שמד'ן זיך אָדער מען האָט זיי ערמאָרדעט.

די ערסטע קרייץ־ציגלער זיינען בעפאַלען אין פראַנקרייך די אידישע איינוואוינער אין דער שטאָדט ר ו ע ן. מען האָט זיי געבראַכט אין קירכע און מען האָט זיי געצוואונגען צו שמד'ן זיך. די, וואָס האָבען זיך ניט געוואָלט טויפען, האָבען זיי ערמאָרדעט. פון רוען האָבען זיי זיך געלאָזען געהן צו די שטעדט, וואָס שטעהען ביים רהיין. די פראַנצויזישע אידען האָבען געשיקט מודיע זיין יענע אידען, דאָס זיי זאָלען עפעס טאָן אום אויסצומיידען די געפאהר. די מאַינצער אידען האָבען געגעבען דעם פיהרער פון יענע קרייץ־ציגלער, הערצאָג גאָטטפריעד פון בואיללאָן, אַ גרויסע סומע, און דיזער האָט ניט דערלאָזען די ווילדע מאַסע צו טאָן אידען שלעכטעס. דער מאָנאַך פעטער פון אַמיענס האָט געפאָדערט פון די אידען אין טריער, אַז זיי זאָלען געבען פראָוויזיאָן פיר זיין אַרמעע; די אידען האָבען נאָכגעגעבען זיין פערלאַנג און ער האָט זיי געלאָזען צורוה. פיעל ערגער האָבען געהאַנדעלט די דייטשע קרייץ־ציגלער. זיי האָבען איבעראַל אָנגעמאַכט גרויסע חורבנות אין די אידישע קהלות. דער פריהלינג פון יאָהר

די הערשער אין דייטשלאַנד האָבען געשיצט די אידען צוליב די גרויסע איינ-
קונפטען, וואָס מען האָט פון זיי געהאַט. אין דער צווייטער העלפט פון
11טען יאָהרהונדערט האָבען די אידען געשפּילט אַ וויכטיגע ראָלע אין עקאָ-
נאָמישען לעבען פון זיד-דייטשלאַנד. זיי האָבען געהאַט אייגענע ריכטער
און האָבען געהאַט דאָס רעכט צו-ערווערבען גרונד-אייגענטום. דער בישאָף
פון שפּייער, רידיגער, האָט בעזעצט פיעלע אידען אין דעם שטעדטעל נעבען
שפּייער, אום זיי זאָלען פערזיכערן די געגענד מיט זייער האַנדעל און זייער
אינדוסטריע. ער האָט זיי אָפּגעגעבען אַ בעזונדערען קוואַרטאַל, וועלכען
ער האָט ארומגערינגעלט מיט אַ מויער אום צו בעשיצען די אידען פון די
„פּרעכע קריסטליכע מאַסען". דער רב האָט געהאַט אין דער אידישער
קהלה די זעלבע רעכטען, וואָס דער בירגערמייסטער אין דער קריסטליכער
געזעלשאַפט.

אין יאָהר 1090 האָט דער קייזער היינריך דער 4טער ארויסגעגעבען
אַ בעפעהל, דאָס קיינער זאָל זיך ניט ערלויבען צו טאָן וועלכעס עס איז
שלעכטס צו אַ אידען, מיט אַ ווארנונג, דאָס דער יעניגער, וואָס וועט אי-
בערטרעטען דעם בעפעהל, וועט שטרענג בעשטראָפט ווערען. ער האָט אויך
פערוועהרט צו צווינגען אידען שמד'ן זיך. דעם, וואָס האָט זיך אַליין גע-
וואָלט טויפען, האָט מען בעדאַרפט אָנזאָגען, דאָס דערמיט פערלירט ער דאָס
רעכט צו ירש'ענען זיינע אידישע עלטערן. אַ קריסט האָט ניט געקענט צווינ-
גען אַ אידען, אַז ער זאָל מיט איהם געהן צו אַ קריסטליכען ריכטער. אַ
קריסט האָט אויך ניט געקענט צווינגען אַ אידען צו בעווייזען זיין גערעכטיג-
קייט דורך דעם געטליכען געריכט, אָדער די „אָרדאַליען". דאָס איז געווען
אַ נאַרישער פאַנאַטישער בעווייז-מיטעל פון אונשולד. צ. ב., ווען איינער
האָט ניט געקענט בעווייזען זיין אונשולד, האָט מען איהם געהייסען אריינ-
שטעקען די הענט אין קאָכעדיגען וואַסער: אויב זיינע הענט זיינען ניט
אָפּגעבריהט געוואָרען, איז דאָס געווען אַ סימן, דאָס ער איז אונשולדיג;
און גאָט האָט איהם ניט דערלאָזען, אַז ער זאָל זיך אָפּבריהען. אָבער פּלוצ-
לינג האָט זיך די לאַגע פון די אידען געענדערט צום שלעכטען. די קרייץ-
צוגען האָבען געמאַכט אַ תל פון פיעלע אידישע קהלות.

דער ערסטער קרייץ-צוג. אין פראַנקרייך האָט אין יענער צייט אַ
געוויסער מאָנאַך, פּעטער פון אַמיענס, אָנגעהויבען צו אַגיטירען, דאָס די
קריסטליכע פעלקער זאָלען אָפּנעהמען פון די מוסולמאַנער די היילינגע
שטאָדט ירושלים מיט'ן קבר, וואו יעזוס ליגט בעגראָבען, און צו בעפרייען
די קריסטען, וואָס געפינען זיך אונטער דער הערשאַפט פון די מוסולמאַנער.

אידען האָבען זיך גענומען צו די געוועהר מיט דער האָפנונג, דאָס דעם ערץ־בישאָף'ס סאָלדאטען וועלען זיי העלפען צו בעקעמפען די באַנדע רויבער. אָבער די סאָלדאטען זיינען צולאָפען. די אידען האָבען בעשלאָסען צו בע-געהן זעלבסטמאָרד אום ניט אַריינצופאַלען אין די הענט פון דער רויבער־באַנדע. דער בעאַמטער פון דער אידישער געמיינדע, ר' קלונימוס בן־משולם, און נאָך איינינע אידען האָבען זיך בעהאַלטען אין אַ גוטען אָרט און זיינען ניצול געוואָרען. איינער פון די אידישע פאָרשטעהער, מר יצחק, מיט זיינע צוויי טעכטער און נאָך איין מאַן מיט'ן נאָמען אורי האָבען ניט געקענט בייזשטעהן דעם נסיון און האָבען אָנגענומען די טויפע, אָבער מיט אַ קורצער צייט שפּעטער האָבען זיי חרטה געהאַט און האָבען זיך גענומען דאָס לעבען.

נאָכדעם האָבען זיך די קרייץ־ציגלער גענומען צו דער שטאָדט ק אֶ ל ן. די אידען האָבען געבעטען דעם בישאָף און די בירגער פון שטאָדט, אז זיי זאָלען זיי בעשיצען. די קריסטען האָבען בעהאַלטען די אידען אין זייערע הייזער. אום שבועות איז די באַנדע אַריין אין קאֶלן, האָט צושטערט די שול און געשענדעט די ספרי תורה. דער קאֶלנער בישאָף, הערמאַן דער 3טער, האָט שטילערהייט ארויסגעפיהרט די אידען פון קאֶלן און האָט זיי בעזעצט אין די שטעדטלאך און די דערפער אַרום קאֶלן. דריי וואָכען האָ-בען זיך די אידען אויסבעהאַלטען און האָבען פערבראַכט די גאַנצע צייט אין תעניתים און אין תפלות. אָבער ענדליך האָבען זיך די באַרבאַרען דער-וואוסט, וואו די אידען זיינען בעהאַלטען, און האָבען זיי אויסגעשאָכטען, אויסער אַ קליינער צאָהל, וועלכע זיי האָבען מיט גוואַלד געטויפט. דער גרעסטער טייל האָט זיך מוסר געווען על קידוש השם און איז געגאַנגען מיט גרויס מוט צו דער שחיטה. אַ אידישער למדן, ר' שמואל בר' יחיאל, האָט זיך געשטעלט אין מיטען טייך מיט זיין איינציגען זוהן, האָט געמאַכט די ברכה „על השחיטה", און דער יונגערמאַן האָט געענטפערט „אמן", און דער פאָטער האָט איהם געקוילעט. נאָכדעם האָט דער אונגליקליכער פאָ-טער איבערגעגעבען דעם חלף צום שול־שמש און דיזער האָט געקוילעט ר' שמואל'ן. די אַלע אַנדערע אידען, וואָס האָבען צוגעזעהען דיזע פירכטער-ליכע סצענע, האָבען זיך אַריינגעוואָרפען אין וואַסער שרייענדיג: „שמע ישראל ה' אלהינו ה' אחד" און זיינען דערטרונקען געוואָרען (יוני 1096).

נאָך קאֶלן האָבען זיך די קרייץ־ציגלער גענומען צו די אידען פון ט ר י ע ר. פיעלע אידען, איבערהויפּט פרויען, האָבען זיך געוואָרפען אין טייך מאָזעל צוזאַמען מיט זייערע זויגעדיגע קינדער אום ניט אָנצונעהמ'ן

1096 איז פערשריבען מיט בלוט אויף די בלעטער פון דער אידישער גע־שיכטע

איינער פון די ערסטע פּאָגראָמען איז פאָרגעקומען אין דער שטאָדט מעטץ. דאָ האָט מען ערמאָרדעט 22 אידען און פיעלע מיט גוואַלד גע'־שמד'ט. פון דאַנען זיינען די קרייץ־ציגלער אַוועק נאָך שפּייער, וואו זיי האָבען ערמאָרדעט 11 אידען און פיעלע צו'שמד'ט. זיי האָבען געוואָלט צושטערן די גאַנצע אידישע קהלה, אָבער דער בישאָף האָט געגעבען די אי־דען צופלוכט אין זיין שלאָס, און זיינע סאָלדאַטען האָבען צוטריבען די צו־ווילדעטע מאַסע.

פון שפּייער זיינען די קרייץ־ציגלער אַוועק נאָך וואָרמס. אַ טייל פון די וואָרמסער אידען האָבען זיך בעהאַלטען אין דעם שלאָס פון דעם בישאָף, דער גרעסטער טייל אָבער איז געבליבען אין דער היים. דיזע האָבען זיי בע־רויבט, צו'הרג'עט און פיעלע פון זיי געצוואונגען צו טויפען זיך. די סינאַ־גאָגע האָבען זיי בערויבט און האָבען צוריסען און מבזה געוועזן די ספרי תורה. פיעלע אידען האָבען מקדש השם געוועזן און זיך געלאָזען בעסער הרג'ענען איידער אָנצונעהמען די טויפע. איינינע מוטערס האָבען מיט זייערע אייגענע הענט געקוילעט זייערע קינדער אום דיזע זאָלען ניט אַריינפאַלען אין די הענט פון די פאַנאַטישע קריסטען. יעצט איז אָנגעקומען די רייהע פון די אידען, וואָס האָבען זיך בעהאַלטען אין שלאָס. דער בישאָף האָט זיי געגעבען אַן עצה, אַז זיי זאָלען זיך טויפען, ווייל ער קען זיי מעהר ניט בעשיצען. די אידען האָבען געבעטען איינינע טעג צייט. צום בעשטימטען טאָג האָט דער בישאָף געעפענט דעם צימער, אין וועלכען די אידען האָבען זיך געפונען, און ער האָט דערזעהען, ווי אַלע ליגען אין אַ טייך בלוט — זיי האָבען זיך גענומען דאָס לעבען אום ניט צו פערבייטען זייער אמונה. איין בחור'ל, מיט'ן נאָמען שמחה כהן, האָט בעשלאָסען צו נעהמען ראַכע פון די קריסטען פיר דאָס בלוט פון זיין פאַמיליע. ער איז געגאַנגען צו דער טויפע און ווען ער איז געוועזן נעבען אַלטאַר האָט ער אַרויסגעכאַפּט פון אונטער זיינע קליידער אַ קינזשאַל און האָט ערמאָרדעט דעם קוזין פון בישאָף. די מאַסע האָט איהם באַלד צוריסען אויף שטיקער.

אַן אַנדער באַנדע קרייץ־ציגלער איז צוגעקומען צו מאַינץ. די אי־דען האָבען געגעבען דעם ערץ־בישאָף אַ גרויסע סומע געלט, אַז ער זאָל זיי בעשיצען. ער האָט געהייסען פערשליסען די טויערן פון שטאָדט. אָבער פיעלע פון די קריסטען האָבען געוואָלט האָבען דאָס פערגניגען צו זעהן אי־דישע שחיטות און האָבען ביינאַכט אַריינגעלאָזען די קרייץ־ציגלער. די

טיפע זיפצען פון די פערטרויערטע הערצער פון דעם אונגליקליכען אידישען פאָלק.

דער צווייטער קרייץ־צוג. דאָס קעניגרייך, וואָס די ערסטע קרייץ־ציגלער האָבען געגרינדעט אין ארץ ישראל, איז געשטאַנען אין גרויס גע־פאַהר אריינצופאַלען צוריק אין די הענט פון די מוסולמאַנער. דער פּאַפּסט אייגעניוס דער 3טער און דער בעריהמטער אבבאַט (העכסטער מאָנאַסטיר־בעאַמטער) בערנהארד קלעראָווסקי האָבען גערופען א נייעם קרייץ־צוג. דער הויפּט־אָרגאַניזירער פון דיזען קרייץ־צוג איז געווען דער פראַנצויזישער קעניג לודוויג דער 7טער. צו איהם איז צוגעשטאַנען דער דייטשער קייזער קאָנראַד דער 3טער (1146—1147).

אום צו בעקומען צום קרייץ־צוג פיעלע וואָלונטירען (פרייוויליגע), האָט דער פּאַפּסט אייגעניוס דער 3טער ארויסגעגעבען א בוללע (בעפעהל), דאָס ווער עס וועט פרייוויליג צושטעהן צום צוג וועט בעפרייט ווערען פון דעם פּראָצענט, וואָס ער דארף צאָהלען אידען פיר זיינע שולדען. דער אבבאַט בערנהארד קלעראָווסקי האָט געמוזט מיט רעדעס שטיצען די בוללע. אָבער דער מאָנאַך פּעטער פון קלוני איז מיט דער בוללע ניט געווען צופרידען. ער האָט פערלאַנגט, אז מען זאָל אָפּנעהמען פון די אידען אין פראַנקרייך זייער גאַנצעס פערמעגען און בענוצען עס פיר'ן קרייץ־צוג. ער האָט ניט געפּאָ־דערט, דאָס מען זאָל זיי אויסשעכטען, אָבער ער האָט געזאָגט, דאָס זיי דארפען לעבען אין גרויסע ליידען, אָרימקייט און שאַנדע, ווי קין, וואָס האָט ערמאָרדעט זיין ברודער הבל, און מען דארף מאַכען, אז זייער לעבען זאָל זיין ערגער פון טויט, ביז זיי וועלען ווערען קריסטען.

די פראַנצויזישע רעגירונג האָט ניט איינגעשטימט, אז מען זאָל דער־שטיקען די אידען אָהן א שום אורזאַך. אָבער גאַנץ אַנדערש איז עס גע־שעהען אין דייטשלאַנד. דער קייזער קאָנראַד דער 3טער האָט אפילו די אידען געשיצט, אָבער די מאַסע איז געווען גענען זיי שרעקליך אויפגערייצט זינט דעם ערסטען קרייץ־צוג. דער פאַנאַטישער מאָנאַך רודאָלף האָט זיך בענוצט מיט דעם האס פון די דייטשען צו די אידען, איז אנטלאָפען פון מאָנאַסטיר און האָט איבעראַל גע'דרש'עט, דאָס דער צוג דארף זיך אָנהויי־בען פון אידען, זיי מוזען זיך שמד'ן אָדער מען זאָל זיי אלע אויסשעכטען. זיינע רעדעס האָבען געמאַכט א שטאַרקען איינדרוק און אין אויגוסט 1146 זיינען די קריסטען בעפאַלען פיעלע שטעדט ביים רהיין און האָבען ערמאָר־דעט זעהר פיעלע אידען. אין פיעלע ערטער האָבען די אידען גוט בעצאָהלט די פירסטען און די בישאָפען, און דיזע האָבען זיי ערלויבט צו בעהאַלטען

דאָס קריסטענטום. אייניגע מענער האָבען ניט געקענט ביישטעהן דעם נסיון און האָבען זיך געטויפט, אָבער די מעהרצאָהל האָט זיך מוסר געווען על קידוש השם.

פון טריער זיינען די קרייץ־פאָהרער אוועק נאָך בעהמען און האָבען אָנגעמאַכט חורבנות אין פּראַג און אין פּיעלע אַנדערע אידישע שטעדט. זיי האָבען געשאָכטען מענער, פרויען, אַלטע און יונגע. א גאַנץ קליינער טייל האָט זיך גע'שמד'ט, די מעהרהייט האָט זיך געלאָזט שעכטען און האָט מקדש השם געווען. אזוי איז פערניכטעט געוואָרען א גרויסע צאָהל אידישע קהלות אין בעהמען.

איבער 12 טויזענד אידען זיינען אויסגעשאָכטען געוואָרען אין דער צייט פון ערסטען קרייץ־צוג אין די שטעדט, וואָס געהערען צום רהיין־געביט. די אידען, וועלכע האָבען זיך גע'שמד'ט, זיינען באַלד, ווי די קרייץ־ציגלער זיינען אוועק, צוריקגעקומען צום יודענטום. ווען דער קיסר היינריך דער 4טער איז צוריקגעקומען פון איטאַליען (1097) האָט ער ערלויבט די מיט גוואַלד געטויפטע אידען צוריקקעהרען זיך צום אידישען גלויבען. דער פּאַפּסט קלעמענט דער 3טער האָט פּראָטעסטירט געגען דיזער ערלויבניס, אָבער דער פּראָטעסט האָט ניט געהאָלפען. היינריך דער 4טער האָט זאָגאַר בעפוילען צו מאַכען א שטרענגע אונטערזוכונג וועגען די שענדליכע רויבערייען, וואָס דער מאַינצער בישאָף איז בעגאַנגען געגען די אידען.

גאַנץ אַנדערש האָט געהאַנדעלט מיט די אידען דער בעהמישער פירסט וו.אַציסלאַוו. די אידען, וואָס האָבען דורך צוואַנג אָנגענומען די טויפע, האָבען בעשלאָסען צו פערלאָזען דאָס לאַנד און עמיגרירען נאָך פּוילען, וואו זיי וועלען קענען פריי היטען זייער רעליגיאָן. ווען דער פירסט האָט זיך דערפון דערוואוסט, האָט ער אַריינגעשטעלט אין יעדען הויז א סאָלדאַט, צו געבען אַכטונג, אז זיי זאָלען זיך ניט אַרויס'גנב'ענען פון לאַנד און נעהמען מיט זיך זייער האָב און גוטס. מען האָט פון זיי צוגענומען אַלעס, וואָס זיי האָבען געהאַט, און מען האָט זיי נאָר איבערגעלאָזען שפּייז אויף איין מאָהל־צייט (1098).

זעהר שמערצליך האָבען די אידען געפיהלט די וואונד, וואָס דער ערסטער קרייץ־צוג האָט זיי געמאַכט. זייער גייסט איז אויף א לאַנגע צייט געוואָרען פינסטער. איבערהויפּט פיהלט זיך דיזער טרויעריגער גייסט אין די סליחות, וואָס זיינען פערפאַסט געוואָרען אין יענע צייטען, און וועלכע האָבען אין פערלויף פון פיעלע דורות אַרויסגערופען טייכען טרערען און

מעגען, האָבען איהם אַרויסגעפיהרט פון שטאָדט און האָבען איהם דאָרט געמאַכט פינף וואונדען אין קאָפּ. אין יענער צייט איז גראָד דורכגעפאָהרען אַ ריטער, וועלכער האָט גוט געקענט דעם רבנו תם, און ער האָט איהם גע־רעטעט פון זייערע הענט. ער האָט זיי פערשפּראָכען, דאָס ער וועט איהם צווינגען אָנצונעהמען דאָס קריסטענטום. זיי האָבען דעם ריטער געגלויבט און האָבען איהם איבערגעגעבען אין זיינע הענט. נאָך דעם, ווי די קרייץ־ציגלער זיינען אַוועק, האָבען די געטויפטע אידען זיך צוריקגעקעהרט צום יודענטום (1147).

דער דריטער קרייץ־צוג. אין יאָהר 1187 האָט דער בעריהמטער סולטאַן סאַלאַדין געמאַכט אַן ענדע צו דעם קריסטליכען קעניגרייך אין ירושלים. דאָס האָט אַרויסגערופען אַ דריטען קרייץ־צוג, אין וועלכען עס האָבען גענומען אָנטייל די קעניגען פריעדריך באַרבאַראָססאַ פון דייטשלאַנד, פיליפּ אַוגוסט פון פראַנקרייך און ריכאַרד לייבען־הארץ פון ענגלאַנד (פון יאָהר 1189 ביז 1190). דיזען מאָל האָבען נאָר די אידען אין ענגלאַנד שטאַרק געליטען.

די צייט, ווען עס האָבען זיך געגרינדעט אין ענגלאַנד אידישע קהלות, איז שווער צו בעשטימען, אָבער דאָס ווייסען מיר, אַז זיי זיינען אַהין אָנגע־קומען פון די פראַנצויזישע פּראָווינצען ווען ווילהעלם דער עראָבערער (1066—1087) האָט פערכאַפּט דעם ענגלישען טראָן. זיי האָבען זיך דאָרט בעשעפטיגט מיט האַנדעל און פינאַנץ־געשעפטען. אין 12טען יאָהר־הונדערט געפינען מיר שוין אין ענגלאַנד אידישע קהלות מיט גרויסע רבנים פון די בעלי תוספות. די ענגלישע קעניגען האָבען זיי געגעבען פולע פריי־הייט צו וואוינען און האַנדלען אין גאַנצען לאַנד און אויך אַ געוויסע אויטאָנאָמיע מיט אייגענע געריכטס־הייזער. פיר דיזע רעכטען האָבען זיי גוט בעצאָהלט, און פלעגען אָפט מוזען לייהען די קעניגען גרויסע סומעס געלט, וועלכע זיי האָבען ניט בעקומען צוריק. עס האָבען זיך דאָרט געפונען זעהר רייכע אידען, וועלכע האָבען געפיהרט אַ רייכעס לעבען, און האָבען דערמיט ערוועקט קנאה ביי דער קריסטליכער בעפעלקערונג. דער קעניג היינריך דער 2טער האָט גערעכענט, דאָס די אידישע קאַפּיטאַלען געהערען צו דער ענגלישער רעגירונג. אין יאָהר 1168 האָט ער זיך גענעטיגט אין געלט. אום צו שאַפען עס האָט ער פערשיקט די רייכע אידען אין נאָרמאַנדיע און האָט קאָנפיסקירט זייער רייכטום, און אויף די אידישע געמיינדעס האָט ער אַרויפגעלעגט אַ קאָנטריבוציע פון 5,000 מאַרק. ווען ענגלאַנד האָט זיך צוגעגרייט צום קרייץ־צוג צו שטרייטען מיט'ן סולטאַן סאַלאַדין (1186),

זיך אין זייערע פעסטונגען. דער קייזער האָט זיי ערלויבט צו בעזעצען זיך אין די שטעדט פון זיין אייגענטום, און דאָרט האָט ער זיי בעשיצט. דער בישאָף פון קעֶלן, קארדינאַל ארנאָלד, האָט געגעבען די אידען די פעסטונג וואלקענבורג פיר א גרויסע סומע געלט און האָט זיי ערלויבט צו פערטיידיגען זיך מיט געוועהר. אין לאַנד האָט געהערשט א פאָלשטענדיגע אנאַרכיע.

די רעגירונג און די קירכען־בעאַמטע האָבען זיך ארומגעזעהען, דאָס דיזע אַנאַרכיע קען פיהרען צו גרויסע אונגליקען אין לאַנד און האָבען בעשלאָסען צו מאַכען אַן ענדע צו דיזען צושטאַנד. דער מאַינצער ערץ־בישאָף בערנהאַרד קלעראָווסקי האָט פערעפענטליכט א צירקולאַר און האָט געוואָרנט דאָס פאָלק געגען דער אַגיטאַציאָן פון דעם מאָנאך רודאָלף. ער האָט בעוויזען, דאָס פערפאָלגען אידען איז געגען דעם גייסט פון קריסטענטום, וועלכער פערלאַנגט, אַז די אידען זאָלען זיך בעקעהרען צו איהם נאָר דורך איבערצייגונג. אין נאָוועמבער 1146 איז ער געקומען אין איניגע שטעדט ביים רהיין און האָט געזוכט צו איבערצייגען דאָס פאָלק, ווי גרויס עס איז דער שאָדען, וואָס די אַגיטאַציאָן פון רודאָלף׳ן ברייננגט דעם פאָלק און דעם קריסטליכען גלויבען. אין מאַינץ האָט ער בעגעגענט רודאָלף׳ן און האָט איהם אויסגעזידעלט פיר זיינע מעשים תעתועים און האָט איהם געצוואונגען צוריקקעהרען זיך אין זיין מאָנאַסטיר.

אָבער עס איז שוין געוועזען צו שפעט. דער צאָרן פון פאָלק האָט שוין געברענט אויף די אידען. א צופאַל האָט איהם נאָך מעהר צופלאַקערט. מען האָט געפונען נעבען ווירצבורג א גע׳הרג׳עטען קריסט און די שולד איז באַלד געפאַלען אויף אידען. א באַנדע קרייץ־ציגלער איז בעפאַלען די אידען אין ווירצבורג און האָבען געשאָכטען 20 מענשען, צווישען וועלכע עס איז אויך געוועזען דער רב ר׳ יצחק בר׳ אליקום. דער בישאָף פון ווירצבורג האָט אַוועקגעשיקט איניגע אין א פעסטונג. פיעלע פון די אידען זיינען געצוואונגען געוואָרען צו טויפען זיך, אָבער ווי נאָר די קרייץ־ציגלער זיינען אַוועק האָבען זיך די געטויפטע צוריקגעקעהרט צו זייער גלויבען.

אין פריהלינג פון יאָהר 1147 זיינען די קרייץ־ציגלער פון פראַנקרייך און דייטשלאַנד געוועזען פערטיג אַרויסצוגעהן אין שטרייט. דאַן האָבען זיי געמאַכט פּאָגראָמען אין איניגע שטעדט פון פראַנקרייך. אין ק א ר א נ ט אָ ן האָבען זיך די אידען מוטיג פערטיידיגט, אָבער די מאַסע איז געוועזען פיעל שטאַרקער פון זיי און האָט זיי פערניכטעט. אין דער שטאָדט ר א מ ע ר ו זיינען די פּאָגראָמשטשיקעס בעפאַלען אום שבועות די הויז פון דעם בעריהמטען בעל תוספות רבנו יעקב תם, האָבען צורויבט זיין פער

זעהר טראַגיש איז געווען דער שיקזאַל פון דער אידישער קהלה אין יאָרק. ווען די פּאָגראָמען האָבען זיך דאָרט אָנגעפאַנגען האָבען די אידען געבעטען דעם קאָמענדאַנט, אַז ער זאָל זיי ערלויבען צו בעשיצען זיך אין דער פעסטונג. אָבער די בירגער צוזאַמען מיט דער מיליץ האָבען בעלאַ-גערט דעם טורם. איין מאָנאַך האָט שטאַרק געהעצט דאָס פאָלק צו פערניכ-טען די אידען און איין איד האָט אַראָפּגעוואָרפען אַ שווערען שטיין אויף'ן מאָנאַך און ער איז אויף'ן אָרט געוואָרען דער'הרג'עט. דאָס האָט נאָך מעהר צורייצט די מאַסע. די אידען האָבען פערלאָרען יעדע האָפנונג צו רעטען זיך. מען האָט זיך גענומען בעראַטען וואָס צו טאָן. דאַן איז דער רב ר' יום טוב פון זשואַן אַרויס מיט פאָלגענדער רעדע: „טייערע ברידער! די וועגען, ווי גאָט פיהרט די וועלט, זיינען פון אונז פערבאָרגען, קיין מענש ווייס ניט ווען זיין ענדע קומט. יעדער קען ערוואַרטען, דאָס דער טויט שטעהט הינטער'ן טיר. עס לוינט ניט צו ווערען פאַלש דעם גלויבען צוליב אַ קורצער צייט לעבען, וועלכעס איז סאַי ווי סאַי ניט ווערט, אַז מען זאָל זיך צופיעל אָנשטרענגען עס צו פערלענגערן. עס איז פיר אונז גלייכער צו שטאַרבען ווי העלדען איידער לעבען אַ שענדליכעס לעבען מיט אייניגע יאָהר מעהר. דאָס בעסטע פיר אונז אין יעצטיגער לאַגע איז, צו נעהמען זיך אַליין דאָס לעבען. אַזוי האָבען געטאָן פיעלע גאַנצע אידישע קהלות. גאָט האָט אונז געגעבען דאָס לעבען און צו איהם מוזען מיר עס צוריקגע-בען מיט אייגענע הענט". דיזע ווערטער האָבען געווירקט. די בעלאַגערטע האָבען בעשלאָסען זיך זעלבסט אומצוברייננגען. דער פּרנס פון דער קהלה יאָסע האָט פריהער געקוילעט זיין פרוי חנה און זיינע צוויי טעכטער, און נאָכדעם האָט איהם דער רב געקוילעט. דאָס זעלבע האָבען געטאָן פיעלע אַנדערע. נאָר אייניגע האָבען בעשלאָסען אָנצונעהמען די טויפע און בליי-בען לעבען. דאָס איז געשעהען פרייטאָג צו נאַכט פון שבת הגדול (מערץ, 1190). אויף מאָרגען פריה זיינען די רוצחים צוגעגאַנגען צו די טויערן פון טורם. די וואָס זיינען געבליבען לעבען אין טורם האָבען געעפענט די טויערן און האָבען זיך געוואָלט שמד'ן, אָבער די צורייצטע באַרבאַרען האָ-בען זיי צוהאַקט אין שטיקער. דער שטעלפערטרעטער פון קעניג לאָנשאַן האָט בעשטראָפט דעם שעריף פון יאָרק פיר דעם פּאָגראָם און האָט איהם ענטזאַגט פון זיין שטעלע. אָבער אין אַ קורצער צייט שפּעטער האָט מען איהם די שטעלע צוריקגעגעבען.

אין דער צייט, וואָס ריכאַרד איז געווען אין פּאַלעסטינאַ, האָט די ענג-לישע רעגירונג שרעקליך געדריקט די אידען. אויף זיין צוריק־רייזע נאָך

האָט מען פון קריסטען געפאָדערט א צעהנטעל פון דעם ווערט פון זייער בעוועגליכען פערמעגען, און פון די אידען — א פערטעל. די אורזאכען פון אזא בעהאנדלונג פון די אידען זיינען געווען—רעליגיאָנס־האס און קנאה און שנאה פון קאָנקורענטען אויף'ן פעלד פון האַנדעל. איבערהויפט זיינען דיזע אַלע געפיהלען געגען אידען געוואָרען שטארק אין דער צייט פון דעם דריטען קרייץ־צוג.

די פאָרבערייטונגען צום דריטען קרייץ־צוג זיינען פאָרגעקומען אין דער צייט, ווען ריכארד לייבען־הארץ איז ארויף אויף'ן טראָן. אין דעם טאָג פון זיין קרוינונג, וועלכע מען האָט געפייערט מיט גרויס גלאנץ (3טען סעפּטעמבער 1189), זיינען צווישען פיעלע אַנדערע דעפּוטאציעס געווען אויך איינינגע פערטרעטער פון די אידישע געמיינדעס מיט מתנות. א גרוי־סער טייל קריסטען האָבען געפונען, אז עס איז א בעליידיגונג פיר די קריסטליכע אריסטאָקראטיע, דאָס אידען זאָלען זיך געפונען צוזאמען מיט זיי אין דעם טראָן־זאַל. באַלדואין, דער ערץ־בישאָף פון קאנטערבורי, האָט עס בעמערקט דעם קעניג. ריכארד האָט געהייסען אַרויסשיקען די אידען פון טראָן־זאַל. די אידישע דעפּוטאטען זיינען געוואָרען שטארק בעליידיגט, און אין לאָנדאָן איז אַרויס א קלאנג, דאָס עס איז ערלויבט צו מאַכען א פּאָגראָם אויף אידען. מען האָט זיך גענומען מיט חשק רויבען, מאָרדען און גוואַלדיגען פרויען. דער קעניג איז געוואָרען שרעקליך אויפגערעגט פיר דיזע גוואַלדטאטען, ער האָט אָבער מורא געהאט אַריינצומישען זיך, ווייל די מאַסע איז געווען שרעקליך צוווילדעוועט. איינינגע אידען האָבען זיך זעלבסט גענומען דאָס לעבען אום ניט אריינצופאַלען אין קריסטליכע הענט. צווישען דיזע איז געווען ר' יעקב פון אָרלעאנס, איינער פון די וויכטיגע בעלי תוספות. איינעם פון די אידישע דעפּוטאטען, בענעדיקט פון יאָרק, האָט מען מיט גוואַלד געטויפט, אָבער ער האָט אין דער שטיל פאָרטגעזעצט צו האַלטען די אידישע רעליגיאָן. דער קעניג האָט געפרעגט דעם ערץ־בי־שאָף, וואָס מען זאָל מיט איהם טאָן; דיזער האָט געענטפערט מיט כעס: „ווען ער וויל ניט זיין גאָט'ס מענש, זאָל ער דינען דעם טייוועל", און מען האָט איהם צורוה געלאָזען.

אָבער אַזוי באַלד ווי ריכארד איז אַוועק נאָך פּאלעסטינא האָבען זיך די פּאָגראָמען איבער־אַ־נייס אָנגעהויבען. אין פריהלינג האָבען זיך די פּאָגראָמען וויעדערהאָלט אין פיעלע שטעדט מיט מעהר פרישקייט. מען האָט גערויבט אידישעס פערמעגען און מען האָט געמאָרדעט אין גאָט'ס נאָמען.

פון עלילת דם, א בעשולדיגונג, וועלכע האט עד היום ניט אויפגעהערט צו פערשאפען דעם אידישען פאלק גרויסע ליידען אין די לענדער, וואו קריסטען לעבען. אין אמאליגע צייטען האבען די רוימער בעשולדיגט די קריסטען, דאס זיי צאפען בלוט פון היידנישע קינדער פיר רעליגיעזע צוועקען, שפעטער האבען די קריסטען אנגעהויבען צו בעשולדיגען אידען אין דיזען שרעקליכען פערברעכען. דערמיט האבען זיי געוואלט גערעכט מאכען די רויבערייען און מערדערייען, וואס זיי זיינען בעגאנגען געגען אידען.

דער ערסטער בלוט־בלבול איז געמאכט געווארען געגען די אידען אין יאהר 1171 אין דער שטאדט בלוא אין פראנקרייך. נעבען דעם טייך לואר האט דער דינער פון בירגערמייסטער איין מאל ביי נאכט צוגעפיהרט זיין פערד אנצוטרינקען איהם. ביים ברעג האט ער דערזעהען א אידען און האט זיך פאר איהם דערשראקען. דער אבערגלויבישער דינער איז געקומען א דערשראקענער צו זיין הערר און האט איהם דערצעהלט, דאס ער האט געזעהען, ווי א איד האט אריינגעווארפען אין טייך א קריסטליכען אינגעל, וועלכער איז געוועזען געקרייציגט. דער בירגערמייסטער האט עס דערצעהלט דעם גראף טיבא, און האט דערביי צוגעגעבען, דאס די אידען טוען דאס אפט אום צו געברויכען קריסטליכעס בלוט אויף פסח. דער גראף האט גע-הייסען, אז מען זאל אריינווארפען אין געפענגניס אלע אידען פון שטאדט, אויסער איין אידישע יונגע שענע פרוי מיט'ן נאמען פולצעלינא, צו וועל-כער דער גראף איז געוועזען ניט גלייכגילטיג. דער גראף האט פערלאנגט א גרויסע סומע געלט פיר זייער בעפרייאונג, נאר א גייסטליכער האט עס ניט דערלאזען. מען האט אריינגעווארפען דעם דינער, וואס האט בעשולדיגט די אידען אין דעם פערברעכען, אין א שיפעל מיט הייליגען וואסער, און ווען דאס שיפעל איז ניט אונטערגעגאנגען, איז דאס געוועזען א בעווייז, דאס ער האט געזאגט דעם אמת. דאמאלס האט מען ארויסגענומען די ארעס-טירטע אידען פון געפענגניס און מען האט פון זיי געפאדערט, אז זיי זאלען זיך טויפען און בעפרייט ווערען, אבער זיי האבען זיך ענטזאגט עס צו טאן און מען האט זיי פערברענט (כ' סיון, 26טען מאי, 1171). ווערענד די אידען האבען געברענט האבען זיי געזונגען די תפלה „עלינו". אונטער זיי איז אויך געוועזען די בעריהמטע פרוי פולצעלינא. דאס האט געמאכט א טי-פען איינדרוק פון טרויער אויף אלע אידען אין פראנקרייך. דער רבנו תם האט ערקלערט א תענית כ' סיון צום אנדענקען פון די אידישע קדושים, וואס זיינען פערברענט געווארען אויף קידוש השם.

ענגלאַנד איז ריכאַרד געפאַנגען געוואָרען און מען האָט געפאָדערט אַ גרויסע סומע אויסקויף־געלט. די רעגירונג האָט געצוואונגען די אידען צו געבען 5,000 מארק, 3 מאָל אַזוי פיעל, ווי לאָנדאָן האָט געגעבען צו דיזען צוועק. אויך ווען ריכאַרד איז צוריקגעקומען אין לאָנדאָן האָט ער בעשטימט בע-אַמטע, וואָס זאָלען אויסגעפינען אַלע אידישע געשעפטען, און פון יעדען געשעפט האָט ער גענומען אַ גרויסען פּראָצענט. שפּעטער האָט דאָס סיס-טעם פון אויסזויגען די אידען געהאַט זעהר טרויעריגע רעזולטאַטען.

די פאָלגען פון די קרייץ־צוגען אין פראַנקרייך. דער אונגליק, וואָס די קרייץ־צוגען האָבען פערשאַפט די אידען אין פראַנקרייך, האָט זיי גע-טראָפען גראָד אין אַ צייט, ווען זיי האָבען דאָרט געגרינדעט אַ נייעם צענ-טער פיר אידישע וויסענשאַפט. די אידען זיינען דאָרט געווען די אָנפיה-רער פון האַנדעל און אינדוסטריע און האָבען דאָרט געהאַט גיטער. די קהלות האָבען געהאַט פאָלשטענדיגע אויטאָנאָמיע. דער פאָרשטעהער האָט גע-האַט צו בעזאָרגען די עקאָנאָמישע און רעכטליכע זייט פון דער קהלה, וועה-רענד דער רב האָט בעזאָרגט די רעליגיעזע זייט פון דער געמיינדע. די פאָר-שטעהער און די רבנים פלעגען צו געוויסע צייטען פערזאַמלען זיך אין אַ געוויסען אָרט צו פערהאַנדלען די אַלגעמיינע אינטערעסען פון אַלע קהלות. די רבנים פלעגען זיך זעהר אָפט טרעפען מיט קריסטליכע גייסטליכע, מיט וועלכע זיי פלעגען זעהר אָפט דעבאַטירען וועגען רעליגיאָן.

די קרייץ־צוגען האָבען אָנגעמאַכט אַ גאַנצע איבערקעהרענים אין דעם לעבען פון די פעלקער אין מיטעל־איירָאפּאַ. די קריסטליכע פעלקער האָבען זיך בעקאַנט געמאַכט מיט'ן אָריענט און האָבען אָנגעהויבען האַנדלען מיט די אַזיאַטישע פעלקער, וועהרענד פריהער זיינען די אידען געווען די איינ-ציגע סוחרים מיט אויסלאַנד. פיעלע אידען זיינען געווען געצוואונגען צו בעשעפטיגען זיך מיט'ן קליין־האַנדעל און מיט פערלייהען געלט אויף פּראָ-צענט. דאָס האָט מיט דער צייט פערשאַפט די אידען גרויסע ליידען. לוד-וויג דער 7טער האָט בעפרייט די קרייץ־ציגלער פון צאָהלען די אידען פּראָ-צענט פיר זייערע חובות, און שפּעטער איז עס געוואָרען אַ געוועהנליכע ער-שיינונג. אַזוי איז מיט דער צייט די אידישע לאַגע געוואָרען ערגער. די קרייץ־ציגלער האָבען אויפגעפלאַקערט אַ שרעקליכען רעליגיאָנס־האַס אין די הערצער פון די איירָאפּעאישע פעלקער און די אידען זיינען דורך דעם געשטעלט געוואָרען אויף אַ וואולקאַנישען גרונד. דער קריסטליכער אַבער-גלויבען האָט פאָרגעשטעלט די אידען אַלס די ערגסטע ברואים אויף דער וועלט. אין יענער צייט איז בעשאַפען געוואָרען די שרעקליכע בעשולדיגונג

גראַפשאַפט וועט וועלען זיך בעזעצען אין די שטעדט פון קעניג'ס הערשאַפט, וועט ער איהם אַרויסשיקען. מיט דיזען אופן זיינען די אידען אין פראַנקרייך געוואָרען אַ סאָרט לייבאייגענע.

פיעל בעסער איז געווען דער צושטאַנד פון די אידען אין זיד־פראַנקרייך. דאָ זיינען די קריסטען געווען פיעל ליבעראַלער. די ליבעראַלע גראַפען פון טולוז האָבען זאָגאַר געגעבען די אידען גרויסע רעגירונגס־שטעלעס, און האָבען ניט געוואָלט נאָכגעבען די פאָדערונגען פון דעם פאַפּסט איננאָצענץ דעם 3טען, וועלכער האָט געפאָדערט, אַז מען זאָל איבעראַל פערפאָלגען די אידען. די קריסטליכע בעפעלקערונג אין זיד־פראַנקרייך האָט זיך ענטוויקעלט אונטער דעם איינפלוס פון דער אידיש־אַראַבישער קולטור. דאָס פאָלק איז געווען שטאַרק אונצופרידען מיט דעם דרוק פון פאַפּסט. די העכערע קלאַססען האָבען מיט פערגנינגען געלעזען די פילאָזאָפישע ווערק, וועלכע זיינען געשריבען געוואָרען פון שפּאַנישע אידען. דער פאַפּסט איננאָצענץ דער 3טער האָט געשאַפען אַ בלוטיגען קרייץ־צוג געגען די ליבעראַלע „אַלביגענזער". שפּעטער האָט זיך דערפון ענטוויקעלט די אינקוויזיציאָן.

די אידען אין דייטשלאַנד אַלס קאַמערקנעכט. די קרייץ־צוגען האָבען געהאַט אַ זעהר טרויעריגע ווירקונג אויף דעם סאָציאַלען און עקאָנאָמישען צושטאַנד פון די אידען אין דייטשלאַנד. די אידען און די קריסטען האָבען געפיהלט אַ שרעקליכען האַס איינער צום אַנדערען. די אידען האָבען זיך געפונען געצוואונגען צו האַלטען זיך ווייט פון זייערע שונאים. ווי צושראָקענע שעפּסען, ווען אַ וואָלף רייסט זיך אַריין אין זייער סטאַדע, האָבען זיך די אידען געטוליעט איינער צום אַנדערען, אום צו זיין ווי מעגליך ווייטער פון די פיינדליכע קריסטען. אום צו בעשיצען זיך געגען דעם האַס פון דער קירכע און דעם קריסטליכען המון האָבען די אידען געזוכט שוץ ביי די קעניגען און קיסרים, און דיזע האָבען זיך אַריינגענומען דעם געדאַנק, דאָס די אידען זיינען זייערע לייבאייגענע, זייערע קנעכט, און די אידען זיינען דאַמאָלס געווען בעקאַנט אונטער דעם נאָמען „קאַמערקנעכט". דיזע בעטראַכטונג פון אידען אַלס לייבאייגענע איז בעזונדערס פעסטגעשטעלט געוואָרען אין דער צייט פון דעם קייזער פריעדריך באַרבאַראָססאַ (1152—1190).

דער עניקעל פון באַרבאַראָססאַ, פריעדריך דער 2טער, איז געווען דער ערסטער, וואָס האָט בעצייכענט די אידען אין דייטשלאַנד מיט'ן נאָמען „קאַמערקנעכט" (1238). דיזער אויסדרוק האָט בעדייטעט, דאָס די אידען

נאָך לודוויג דעם 7טען איז ארויף אויף'ן טראָן פיליפּ אוגוסט דער 2טער (1123—1180). אין זיין קינדהייט האָט ער געהערט, ווי עס איז בעוויזען געוואָרען אין בלוא, דאָס די אידען האָבען ערמאָרדעט א קריסטליכעס קינד אום צו נוצען זיין בלוט פיר רעליגיעזע צוועקען אום פסח, און דאָס האָט געהאט א ווירקונג אויף זיינע בעציהונגען צו אידען.

באַלד נאָך זיין קרוינונג (1181) האָט ער אין א שבת געהייסען ארעסטירען איינינע פון די רייכע אידען און האָט זיי געצוואונגען צו געבען איהם 15,000 מאַרק אויסקויף־געלט. שפּעטער האָט ער ארויסגעגעבען א בעפעהל, דאָס די חובות, וואָס קריסטען זיינען שולדיג צו אידען, זיינען פערפאַלען. דער קעניג האָט דערפאַר גענומען א פינפטעל פון דעם חוב. עס האָט ניט לאַנג גענומען און ער האָט אין גאַנצען ארויסגעטריבען די אידען פון די אָסטליכע שטעדט פון זיין הירשאַפט. ער האָט זיי געגעבען נאָר 3 חדשים צייט צו פערלאָזען דאָס לאַנד (1182). זייערע פעלדער, וויינגערטנער, שפּייכלערס או. אנד. האָט דער קעניג צוגענומען פיר זיך. די סינאַגאָגען זיינען פערוואַנדעלט געוואָרען אין קירכען.

די ארויסגעטריבענע אידען פון דעם קעניג'ס אייגענע שטעדט (איל־דע־פראַנס) האָבען געפונען צופלוכט אין די פּראָווינצען פון די פעאָדאַלען. אָבער אויך דאָרט האָט ער זיי אָנגעטאָן גרויסע צרות. אין דער שטאָדט ברעי פון דער גראַפשאַפט שאַמפּאַני' האָט א קריסט ערמאָרדעט א אידען. די קרובים פון דעם אידען האָבען געבראַכט א קלאַגע צו דער גראַפיניע, און זי האָט געהייסען איהם הענגען, און די אידען האָבען איהם געהאַנגען אום פּורים, אין דעם טאָג, ווען דער ערסטער צורר היהודים המן איז געהאַנגען געוואָרען. די אידישע שונאים האָבען פער'כּסר'ט די אידען פאַר'ן קעניג און האָבען צוגעלעגט, דאָס די אידען האָבען איהם אָנגעטאָן אויף'ן קאָפּ א קרוינדעל פון דערנער, ווי מען האָט אמאָל געטאָן יעזוס'ן. דאָס האָט דעם קעניג שטאַרק אויפגערייצט, ער האָט ארומגערינגעלט די אידישע וואוינונגען און האָט זיי געגעבען א ברירה: שמד אָדער טויט. די אידען האָבען מוטיג געאָפּפערט זייער לעבען און זיינען געבליבען טריי צו זייער גלויבען. איבער 100 פון זיי זיינען פערברענט געוואָרען (מערץ, 1191).

מיט 16 יאָהר שפּעטער האָט זיך פיליפּ אוגוסט ארומגעזעהען, דאָס ער האָט פיעל פערלאָרען דורך דעם, וואָס ער האָט די אידען ארויסגעטריבען פון לאַנד, און ער האָט זיי צוריקגערופען. דערביי האָט ער אָפּגעמאַכט מיט די גראַפען, דאָס זיי זאָלען ניט געבען קיין צופלוכט צו די אידען, וואָס וועלען ענטלויפען פון זיינע שטעדט, און פערקעהרט, ווען א איד פון א

האָט אַ איד אין אַן אָנפאַל פון משוגעת געקוילעט אַ קריסטליכע מיידעל. די צוואווילדעוועטע מאַסע פון די קריסטען האָט ערמאָרדעט דעם משוגע׳־נעם און אויסער דעם אויך 6 פאָרנעהמע אידען. נאָכדעם האָבען זיי גע־כאַפּט די מוטער פון דעם משוגע׳נעם און אייניגע קרובים זיינע. די מוטער האָבען זיי געפייניגט און געפאָדערט, אַז זי זאָל זיך שמד׳ן, אָבער זי האָט עס ניט געוואָלט טאָן און זיי האָבען זי בעגראָבען לעבעדיגערהייט (1187). דאָס אַלעס איז געטאָן געוואָרען מיט דער הסכמה פון בישאָף אדאָלף פון אַלטענאַו, וועלכער האָט אַרויפגעלעגט אויף די אידען אַ גרויסע אָפּצאָהל און האָט נאָך געפאָדערט אַ גרויסע סומע געלט דערפאַר, וואָס ער האָט ער־לויבט מקבר זיין די הרוגים. אַזעלכע געשיכטעס האָבען זיך זעהר אָפט גע־טראָפען אויך אין אַנדערע שטעדט אין דייטשלאַנד.

אין עסטרייך זיינען אין יענע צייטען געווען זעהר ווייניג אידען. נאָך דעם ערסטען און צווייטען קרייץ־צוג האָט זיך געבילדעט אין וויען אַ אי־דישע קהלה פון די עמיגראַנטען, וואָס זיינען ענטלאָפען פון אַנדערע לענ־דער. צו ענדע פון 12טען יאָהרהונדערט איז ביים הערצאָג פון וויען געוועזן אַ איד, מיט׳ן נאָמען שלמה, דער הויפּט־בעאַמטער איבער די פינאַנסען. אין יאָהר 1196 האָט מען זיך אין וויען אָנגעהויבען גרייטען צום 4טען קרייץ־צוג. דאַמאָלס האָט דער דינער פון דעם אידישען פינאַנסיר איהם בע׳גנב׳עט. דער פינאַנסיר שלמה האָט איהם אַרעסטירט. די פרוי פון דעם גנב איז אַריין אין קירכע און האָט מיט גרויס געוויין געפאָדערט פון זיי די בעפרייאונג פון איהר מאַן, דעם גנב. אַ באַנדע רויבער איז אַוועק צום הויז פון דעם פינאַנסיר, האָט איהם ערמאָרדעט מיט נאָך 15 אידען און האָט בעפרייט דעם גנב. דער הערצאָג פריעדריך דער 1טער איז געווען שרעקליך אויפגעבראַכט פיר דיזע מערדערייען און האָט געהייסען היגריכ־טען די צוויי אָנפיהרער פון פּאָגראָם, אָבער די איבריגע האָט ער צורוה גע־לאָזען, ווייל ער האָט אַליין מורא געהאַט צו רייצען צו פיעל די ווילדע מאַסע קרייץ־ציגלער.

די ווילדקייט פון המון איז אין יענער צייט געווען אַזוי גרויס, דאָס אפילו די הערשער זיינען ניט געווען אין שטאַנד צו בעשיצען די אידען און דאָס אונגליקליכע אידישע פאָלק האָט ערוואַרטעט נאָך ערגערע צייטען.

ט. דאָס גייסטיגע לעבען פון אידען אין קריסטליכער אייראָפּאַ.

איטאַליען און זיד־פראַנקרייך. איטאַליען איז געווען די וויגעלע, וואו עס האָט אָנגעהויבען וואַקסען אין מערב־אייראָפּאַ די גייסטיגע אידישע

שטעהען ניט אונטער דעם שוץ פון אַלגעמיינעם געזעץ, נאָר אונטער דעם שוץ פון קייזער. יעדער, וואָס האָט אָנגעגריפען אַ אידען אָדער פערכאַפּט זיין פערמעגען, איז געוואָרען בעטראַכט אַלס אַן אָנגרייפער אויף דעם קיי־זער׳ס אייגענטום, און דעריבער האָט דער אָנגרייפער געמוזט ווערען גע־משפט ניט אין אַן אַלגעמיינעם געריכטס־הויז, נאָר אין דעם געריכטס־הויז פון קייזערליכען הויף. פיר דיזע עהרע, צו שטעהן אונטער דעם שוץ פון קייזער און זיין געריכטס־הויז, האָבען די אידען געצאָהלט אַ שטענדיגע שטייער, וועלכע איז פיר זיי געווען אַ זעהר שווערע לאַסט. אויסער דיזער שטייער האָבען זיי געמוזט צאָהלען געוויסע שטייערן צו די פעאָדאַלען און צו די שטאָדט־מאַגיסטראַטען. אין אַנדערע ערטער האָבען זיי נאָך אויך געמוזט צאָהלען מעשר צו קירכען (פון זייער גרונד, וואָס זיי האָבען בע־ארבייט). און ווען זיי זיינען בעפאַלען געוואָרען פון אַ המון האָבען די אידען געמוזט צאָהלען ספּעציעל פיר שוץ.

דיזען שוץ איז זיי אָפט געווען נעטיג צו האָבען געגען פאַלשע בעשול־דיגונגען, וואָס מען האָט אויף זיי געמאַכט. מען האָט אמאָל געפונען אַ טרופּ פון אַ קריסט אין שפּייער. די גייסטליכע האָבען באַלד בעשולדיגט די אידען אין מאָרד. די קריסטען האָבען אויסגעגראָבען פון קבר די טאָכ־טער פון רב ר׳ יצחק בן אשר (ריב״א, איינער פון די בעלי תוספות), האָ־בען זי אויפגעהאַנגען אויף׳ן מאַרק און האָבען שענדליך מבזה געווען איהר טויטען קערפּער. דערנאָך זיינען זיי בעפאַלען דעם רב׳ס הויז, האָבען איהם ערמאָרדעט מיט נאָך 8 פּערזאָן און האָבען אונטערגעצונדען פיעלע אידישע הייזער. פיעלע אידען זיינען ענטלאָפען אין אַנדערע שטעדט. די פּאָגראָמשטשיקעס האָבען צוראַבירט די אידישע הייזער, האָבען פערברענט די שול, צוריסען די ספרי תורה און אַנדערע אידישע ספרים. דער בישאָף פון שטאָדט האָט גאָרניט געטאָן צו שטערען דיזען פּאָגראָם. ווען דעם קייזער׳ס ברודער, הערצאָג אָטטאָ, האָט זיך וועגען דעם דערוואוסט, האָט ער בעלאַגערט די שטאָדט שפּייער, האָט פערניכטעט אַלע פעלדער און וויינ־גערטנער, וואָס האָבען געהערט צום בישאָף. באַלד נאָכדעם איז געקומען דער קייזער זעלבסט, היינריך דער 6טער, האָט געכאַפּט די אָניפהרער פון דעם פּאָגראָם און האָט זיי געצוואונגען צו בעצאָהלען אַלע היזקות, וואָס זיי האָבען אָנגעמאַכט די אידען, אויף בויען אַ נייע שול און אויף בויען נייע הייזער אָנשטאָט די הייזער, וואָס זיי האָבען פערברענט (1195).

אָבער ניט אימער האָט דער קייזער געקענט בעשיצען זיינע „קאַמער־קנעכט" געגען די בעפאַלען פון דער מאַסע. אין נייס, ניט וויט פון קאָלן,

שער פירוש אויף׳ן „ספר יצירה״. אין דער הקדמה ענטוויקעלט ער דעם געדאנק, דאָס דער מענש איז אַן „עולם קטן״ (אַ קליין וועלטעל), דאָס דער מענש ענטהאַלט אין זיך אַלעס אין מיניאַטור, וואָס די גרויסע וועלט ענט־האַלט אין זיך אין גרויסען פאָרמאַט. אין דיזען ווערק זוכט דאָננאָלאָ צו פעראייניגען טהעאָלאָגיע מיט נאַטור־וויסענשאַפט.

צו יענער צייט האָט פיעל געהאָלפען צו פאָפּולאַריזירען דעם תלמוד דאָס בעריהמטע ווערק פון ר׳ נתן פון רוים אונטער׳ן נאָמען „ערוך״, וועלכעס איז אַ תלמודישער לעקסיקאָן. דער „ערוך״ איז געוואָרען אַ וואהרער שלי־סעל צום תלמוד. מיט דער צייט האָבען פיעלע געלעהרטע צוגעגעבען צו איהם נייעס ביז ער איז אויסגעוואַקסען צו אַ ריזען־ווערק פון 8 דיקע בענ־דער („ערוך השלם״ פון קאָהוט).

צו ענדע פון 12טען יאָהרהונדערט האָט אברהם אבן עזרא בעזוכט אי־טאַליען און האָט דאָרט ערוועקט אַן אינטערעסע פיר העברעאישע שפּראַך־פאָרשונג און ביבעל־ערקלערונג. זיינער אַ תלמיד, ר׳ שלמה פרחון, האָט פערפאַסט (1160) אַ זעהר וויכטיגעס העברעאישעס ווערטערבוך „מחברת הערוך״ אויף דעם יסוד פון דער אַרבייט פון די אידיש־שפּאַנישע גראַמא־טיקער.

די איטאַליענישע אידען האָבען געשעפּט זייער לומדות און בילדונג פון 2 ערטער — פון שפּאַניען און זיד־פראַנקרייך. ר׳ נתן בעל הערוך איז געווען אַ תלמיד פון ר׳ שמעון הדרשן פון נאַרבאָננע (זיד־פראַנקרייך), וועלכער האָט געשריבען ערקלערונגען צו דער ביבעל אין דעם גייסט פון מדרש (11טען יאָהרהונדערט). עס איז מעגליך, אַז ער איז עס ר׳ **שמעון קרא**, דער פערפאַסער פון „ילקוט שמעוני״. די אידישע געלעהרטע אין פּראָוואַנס האָבען זיך מעהר בעשעפטיגט מיט תנ״ך און מיט אגדה. מיט דער הלכה פון תלמוד האָט מען זיך ערנסט בעשעפטיגט אין נאָרד־פראַנק־רייך און אין די דייטשע שטעדט ביים רהיין.

רבנו גרשום און רש״י. דער ערסטער פראַנצויזיש־דייטשער רב, וואָס האָט געהאַט די אויטאָריטעט פון אַ גאון, איז געווען **רבנו גרשום בן יהודה** (960—1040). די ערסטע העלפט פון זיין לעבען האָט ער פערבראַכט אין מעטץ, לאָטהרינגען, און די איבריגע יאָהרען אין מאַינץ. זיין לעהרער איז געווען אַ פראַנצויזישער רב ר׳ יהודה בן מאיר. ער האָט געגרינדעט אַ זעהר וויכטיגע שול אין פראַנקרייך, וואוהין עס האָבען זיך געצויגען פערשיידענע געלעהרטע פון דייטשלאַנד, פראַנקרייך און אי־טאַליען. פון דיזע לענדער פלעגט מען זיך ווענדען צו איהם מיט שאלות,

קולטור אין דער קריסטליכער אייראָפּאַ. די געאָגראַפישע לאַגע פון אי־טאַליען האָט איהר געגעבען די מעגליכקייט צו האָבען אָפטע קאָמוניקאַציאָן מיט מעסאָפּאָטאַמיען (ארם נהרים), וועלכע איז געווען דער נאַציאָנאַלער אידישער צענטער אין דער צייט פון די גאונים. שוין אין 10טען יאָהר־הונדערט געפינען מיר אין איטאַליען תלמודישע שולען. איינער פון די פיער רייזענדע תלמידי חכמים פון בבל, וואָס זיינען געפאָהרען איבער'ן ים אין אייראָפּאַ און זיינען פערקויפט געוואָרען אַלס שקלאַפען, איז אויס־געלעזט געוואָרען אין דער שטאָדט באַרי אין איטאַליען און ער האָט דאָרט געגרינדעט אַ תלמודישע אַקאַדעמיע, און באַלד נאָכדעם אַ תלמודישע שול אין אָטראַנטאָ. עס איז געוואָרען אַ שפּרוך אין פאָלק: „מן באַרי תצא תורה ודבר ה' מאָטראַנטאָ" (פון באַרי וועט אַרויסגעהן אויף דער וועלט הורה, און דאָס וואָרט פון גאָט פון אָטראַנטאָ). דאָס איז אַ נאָכאַהמונג פון דעם פסוק אין ישעיה. „כי מציון תצא תורה ודבר ה' מירושלים". דאָס צייגט קלאָר, אַז אין דיזע צוויי איטאַליענישע שטעדט האָט געבליהט די אידישע תורה. עס זיינען דאָ געוויסע אורזאַכען צו דענקען, דאָס אַ גרוי־סער טייל פון די מדרשים איז פערפאַסט געוואָרען אין איטאַליען אין יע־נער צייט. עס איז דאָ אַ מיינונג, דאָס דער בעוואוסטער פּייטן ר' אליעזר הקליר איז געווען אַ געבאָרענער אין דער איטאַליענישער שטאָדט קאַליאַרי.

מען רעכענט, אַז דאָס בוך „יוסיפון" איז פערפאַסט געוואָרען אין 10טען יאָהרהונדערט אין איטאַליען. דער „יוסיפון" איז אַ קיצור פון דעם ווערק פון יאָזעפוס פלאַוויוס. דער „יוסיפון" איז געוואָרען זעהר פּאָפּולער ביים אידישען פאָלק צוליב זיין אָנציהענדען סטיל. יאָהרענלאַנג איז דיזעס בוך געווען די איינציגע קוועלע, פון וועלכער דאָס אידישע פאָלק האָט גע־שעפּט זיינע ידיעות וועגען די אידען אין דער צייט פון די חשמונאים און דער רוימישער הערשאַפט אין יהודה.

איינער פון די ערסטע פאָרשטעהער פון דער אידישער ליטעראַטור אין איטאַליען איז געווען ר' שבתי דאָננאָלאָ, בעריהמט אַלס דאָקטאָר און פילאָזאָף (913—982). דאָננאָלאָ איז געבאָרען געוואָרען אין דער איטאַליענישער שטאָדט אָריאָ. צו 12 יאָהר איז ער געפאַנגען געוואָרען פון אַראַבישע ים־רויבער, וועלכע האָבען ערמאָרדעט פיעלע אידישע חכמים. די אידען פון אָטראַנטאָ האָבען איהם אויסגעלעזט און ער האָט זיך דאָן איבערגעגעבען צום שטודיום פון מעדיצין און אַסטראָלאָגיע (שטערען־זע־העריי). דאָננאָלאָ האָט אונטער אַנדערע אויך געשריבען אַ מעדיצינישעס ווערק. דאָס וויכטיגסטע פון זיינע ווערק איז דער „חכמוני", אַ פילאָזאָפי־

ציגלער אָנגעמאַכט שרעקליכע חורבנות און האָבען צושטערט גאַנצע גרויסע אידישע קהלות. די אַרבייט פון רבנו גרשום און די חכמי לותיר האָט גע־עפענט אַ וועג צו דער גרויסער און וויכטיגער טעטיגקייט פון **רבנו שלמה יצחקי** (רש״י).

רבנו שלמה יצחקי איז געבאָרען געוואָרען אין טרוא (פראַנקרייך) אין דעם זעלבען יאָהר, ווען רבנו גרשום איז געשטאָרבען (1040). רש״י האָט געשטודירט אין די ישיבות פון מאַינץ, וואָרמס און שפּייער. אויך נאָך זיין הייראַט האָט ער בעזוכט ישיבות. אין יאָהר 1065 האָט ער זיך צוריק־געקעהרט צו זיין פאַמיליע אין טרוא, נאָך אַ לאַנגער רייהע פון ליידען. ער האָט געשאַפען זיין אייגענע מעטאָדע צו ערלערנען דעם תלמוד. זיין נאָ־מען איז באַלד געוואָרען בעריהמט אַלס די גרעסטע אויטאָריטעט אין רע־ליגיעזע און תלמודישע פראַגען, און מען האָט זיך צו איהם געווענדט פון גאַנץ ווייטע מקומות. ער האָט געגרינדעט אַ ישיבה אין טרוא, וואוהין עס זיינען אָנגעפאָהרען פיעלע תלמידים פון די ישיבות פון די חכמי לותיר.

רש״י׳ס מעטאָדע צו לערנען האָט זיך אויסגעצייכענט מיט איינפאַכ־קייט און קלאָרקייט אין לערנען דעם תלמוד, אָהן שפּיצלאַך, אָהן חריפות, נאָר לויט דעם ריכטיגען זין פון אינהאַלט. דער תלמוד איז פריהער געווען אַ בוך מיט 7 זיגלען, און עס איז געווען כמעט אונמעגליך צו ערלערנען איהם אָהן דער הילף פון אַ געניטען תלמודיסט. רש״י האָט פערפאַסט אַ פּירוש, וואָס זאָל ערקלערען דעם תלמוד אַזוי, דאָס יעדער איינער זאָל איהם קענען ערלערנען אָהן אַ זייטיגער הילף. ער האָט זיך בענוצט מיט די פּירושים פון די גאונים און פון רבנו גרשום מאור הגולה, אָבער ער האָט זיי אַלע איבערטראָפען מיט זיין קלאָרקייט און לייכטקייט. די געלעהרטע פון זיין צייט האָבען בעהויפּטעט, דאָס אָהן זיין פּירוש וואָלט דער תלמוד מיט דער צייט אין גאַנצען פערגעסען געוואָרען. מיט דער צייט איז דיזער פּירוש געוואָרען זעהר פערשפּרייט, און זינט די דרוק־קונסט איז ענטדעקט גע־וואָרען איז קיין איין אויסגאַבע פון תלמוד ניט געוואָרען געדרוקט אָהן רש״י׳ס פּירוש.

רש״י האָט אויך געשריבען אַ פּירוש אויף תנ״ך. זעהר אויספיהרליך איז **זיין** פּירוש אויף תורה, אויף נביאים און כתובים איז זיין פּירוש קירצער. **אין זיין** פּירוש אויף תורה ערקלערט ער זעהר אָפט דעם טעקסט **אין** גייסט פון **תלמוד**. זיין פּירוש אויף תורה, נביאים און כתובים איז אַזוי פּאָפּולער, דאָס ער ווערט געדרוקט כמעט אין אַלע אויסגאַבען פון דער ביבעל.

און זיינע תשובות זיינען געווען אָנגענומען אַלס געזעץ. ער האָט געשרי־בען א פירוש אויף'ן תלמוד און האָט איהם אָפּגעריייניגט פון פיעלע פעה־לערן. זיין אויטאָריטעט איז געווען אַזוי גרויס, דאָס די אייראָפּעאישע אידען פון יענער צייט האָבען מעהר ניט געפונען פיר נעטיג צו ווענדען זיך וועגען רעליגיעזע פראַגען צו די גאונים פון בבל. ר' האי גאון האָט נאָך דאַמאָלס געלעבט.

זעהר וויכטיג פיר אידען זיינען די תקנות, וואָס ר' גרשום האָט גע־מאכט. איינע פון זיי איז די תקנה, דאָס א איד זאָל ניט נעהמען צוויי פרויען, ווייל דאָס אַלטע אידישע געזעץ איז געווען אין ווידערשפרוך מיט דעם לעבען פון די אַנדערע פעלקער. עס איז שוין אין דער פּראַקטיק גע־ווען א זעלטענע ערשיינונג, דאָס א איד זאָל נעהמען צוויי ווייבער, אָבער רבנו גרשום האָט עס מיט זיין תקנה אין גאַנצען אָפּגעשאַפט. די צווייטע וויכטיגע תקנה איז געווען, דאָס א מאַן האָט ניט קיין רעכט צו גט'ן זיין ווייב געגען איהר רצון. ער האָט גע'אסר'ט צו לייענען פרעמדע בריף, זאָגאַר ניט קיין פער'חתמ'עטע. דאָס איז געווען א זעהר וויכטיגע תקנה פיר יענע צייט, ווען קיין פּאָסט איז נאָך ניט געווען און בריף פלע־גען ווערען איבערגעשיקט דורך צופעליגע רייזענדע. דיזע תקנות האָבען געהאַט א זעהר גוטע ווירקונג אויף דאָס אידישע לעבען. ר' גרש"ם'ס נאָ־מען איז געוואָרען פעראייביגט מיט'ן טיטעל „מאור הגולה" (ליכט פון גלות). ער האָט ווירקליך אויפגעהויבען די מאָראַל פון די אידישע געמיינדעס אין מיטעל־אייראָפּאַ.

מיר האָבען שוין פריהער דערצעהלט וועגען דער טראַגעדיע פון זיין זוהן'ס טויפע און טויט. ער האָט דאַמאָלס גע'אסר'ט מאַכען פאָרוויר־פען א אידען, וואָס איז געווען געצוואונגען אָנצונעהמען די טויפע און האָט זיך דערנאָך צוריקגעקעהרט צום יודענטום. די ליידען, וואָס ער האָט אי־בערגעלעבט צוזאמען מיט'ן אידישען פאָלק אין יענע צייטען, זיינען ריה־רענד אויסגעדריקט אין די פּיוטים, וואָס ער האָט פערפאַסט, וועלכע זיינען פול מיט טרויער וועגען דעם אונגליקליכען צושטאַנד פון אידישען פאָלק אין דער צייט פון די קרייץ־צוגען.

זיינע תלמידים, וועלכע זיינען בעוואוסט מיט'ן נאָמען „חכמי לותיר" (די חכמים פון לאָטהרינגען), האָבען שטאַרק אויפגעהויבען דעם גייסטיגען צושטאַנד פון די אידען אין פראַנקרייך און דייטשלאַנד. איבעראַל האָבען זיי געגרינדעט וויכטיגע ישיבות, ווי צ. ב. אין מעטז, טרואַ, וואָרמס, מאַינץ און שפּייער. אין דיזע אַלע שטעדט האָבען שפּעטער די באַרבאַרישע קרייץ־

ר׳ מאיר. דיזע זיהן זיינען בעקאַנט: איינער אַלס רשב״ם (ראשי תבות פון רבנו שמואל בן מאיר) און דער צווייטער אַלס ר׳ יעקב תם אָדער רבנו תם.

רשב״ם (1080—1150) האָט פאָרטגעזעצט די אַרבייט פון זיין זיידען רש״י. ער האָט געשריבען אַ פירוש אויף מסכתות פון תלמוד, אויף וועלכע רש״י האָט נאָך ניט געשריבען. ער האָט געשריבען אַ נייעם פירוש אויף תורה, וועלכער גיט איבערהויפּט דעם פשט, ד. ה. די איינפאַכע מיינונג פון דעם טעקסט, אָנשטאָט דער, וואָס רש״י האָט געגרינדעט זיין פירוש הויפּט-זעכליך אויף דרש, וואָס האָט דעם ציל צו בעווייזען, דאָס געוויסע דינים פון דעם תלמוד זיינען געגרינדעט אויף די ווערטער פון דער תורה.

זיין אינגערער ברודער רבנו תם (1100—1171) איז געווען די גרעסטע אויטאָריטעט צווישען די ערסטע בעלי תוספות. רבנו יעקב תם האָט גע-וואוינט אין די שטעדט ראמערו און טרואַ. ער איז ניט געווען קיין רב (ער איז געווען רייך און האָט זיך בעשעפטיגט מיט פינאַנציעלע אָפּעראַציאָנען), דאָך איז ער געשטאַנען אָן דער שפּיץ פון אַלע רבנים אין פראַנקרייך. ער איז געווען אַ זעהר גרויסער חריף. פון פיעלע לענדער פלעגען זיך צו איהם ווענדען גרויסע רבנים מיט שאלות אין רעליגיאָן-זאַכען און דיני ממונות. זיינע ערקלערונגען זיינען צושפּרייט אין תוספות אויף גאַנץ ש״ס און אויך אין זיין בעריהמטען ווערק „ספר הישר״.

רבנו תם האָט איינגעפיהרט אַ רבנים-צוזאַמענפאָהר (אספת הרבנים), וועלכער האָט געטאָן זעהר וויכטיגע אַרבייט אונטער זיין פיהרערשאַפט. דער צוועק פון דיזע צוזאַמענפאָהרען איז געווען: 1) צו שאַפען אָרדנונג אין אידישע רעליגיעזע אַנגעלעגענהייטען; 2) צופּאַסען די פאָרערונגען פון תלמוד צו די אומשטענדען פון די אידען, וועלכע לעבען צווישען קריסטען, און 3) צו פערהיטען די אידישע געמיינדעס פון דער סכנה, וואָס איז זיי פאָרגעשטאַנען פון די קרייץ-ציגלער. דער ערסטער צוזאַמענפאָהר פון די רבנים איז פאָרגעקומען אין יאָהר 1160 אין טרואַ. אויף דיזער אספה איז בעשלאָסען געוואָרען, דאָס יעדער סכסוך אין געלט-זאַכען צווישען אידען מוז פאָרקומען נאָר פאַר אַ אידישען בית דין און ניט אין אַ קריסטליכען געריכטס-הויז, און דער יעניגער, וואָס וועט זיך ווענדען צו אַ קריסטליכען געריכטס-הויז, זאָל זיין אין חרם. אויף די נעכסטע צוויי אספות האָט מען פעסטער געמאַכט דעם חרם דרבנו גרשום, וועלכער פערוועהרט אַ אידען צו האָבען מעהר ווי איין פרוי. מען האָט פעסטגעשטעלט רעכטען פיר פרויען אויף געוויסעם אייגענטום. מען האָט פערוועהרט אידען צו האַנדלען מיט

אויסער זיינע פּירושים געפינען זיך פון איהם זעהר פיעלע תּשובות אין ענינים פון הלכה. רש״י האָט אויך געשריבען איינגע פּיוטים און תפלות, וועלכע צייכנען זיך אוים מיט זייער זיסער לייכט פערשטענדליכער שפּראַך. אַלסביישפּיל קען דינען די תפלה, וואָס איז געדרוקט אין אַלע מחזורים נאָך דער „עבודה״ פון יום כפור, וועלכע הייבט זיך אָן מיט די ווערטער: „ומשחרב בית מקדשנו — תנות צרות לא נוכל, שבר בכל יום ואנחה... בני נכר משלו בנו, אמרנו נגזרנו אבדנו, אדון הקל עולנו, ושלח ישע לגאלנו״. דיזע תפלה איז געשריבען מיט בלוט פון האַרצען און רייסט אַרוים ביטערע טרערען פון יעדען פרומען אידען. זי איז געשריבען געוואָרען אין דער צייט פון ערכטען קרייץ־צוג. אַ לעגענדע דערצעהלט, דאָס דער פיהרער פון די פראַנצויזישע קרייץ־פאָהרער גאָטטפריעד פון בואיללאָן האָט געפרעגט רש״י׳ן וועגען דעם רעזולטאַט פון זיין צוג, און רש״י האָט איהם פאָרויסגעזאָגט, דאָס ער וועט אָנפאַנגס האָבען אַן ערפאָלג, אָבער אין אַ קורצער צייט וועט ער אַרויסגעטריבען ווערען פון ירושלים און ער וועט קומען צוריק נאָר מיט 3 פערד. גאָטטפריעד האָט אָנגעווענדט אַלע קרעפטען און איז געקומען אין טרואַ מיט פיער פערד, אָבער ווי נאָר ער איז אַריין אין שטאָדט איז אַרונטערגעפאַלען אַ שטיין פון שטאָדט־מויער און האָט דער׳הרג׳עט דעם פערד. רש״י איז געשטאָרבען אין יאָהר 1105.

די בעלי תוספות. די פערפאָלגונגען, וואָס די אידען האָבען געליטען פון די קרייץ־ציגלער, האָבען געפיהרט דערצו, דאָס די אידען האָבען זיך נאָך מעהר אָפּגעזונדערט פון די קריסטען. זיי האָבען זיך איבערגעגעבען מיט לייב און זעלע צום שטודיום פון תלמוד; זיי האָבען ניט געוואָלט וויסען פון קיין פילאָזאָפיע, פון וויסענשאַפטען, ווי די אידען אין שפּאַניען.

אין פראַנקרייך האָט זיך דאַמאָלס געבילדעט אַ שולע, וועלכע האָט זיך געמאַכט אַלס הויפּט־אויפגאַבע צו שטודירען דעם תלמוד. דיזעס שטודיום האָט אויך געהאַט אַלס צוועק צו שאַרפען דעם מוח פון די שטודירענדע. זיי האָבען נאָכגעטאָן דעם פּלפּול (סכאָלאַסטיק) פון אביי און רבא׳ן און האָבען אויף דער אַלטער גמרא געבויט אַ נייע. דיזע סכאָלאַסטישע ערקלערונגען זיינען בעוואוסט אונטער׳ן נאָמען „תוספות״ (צוגעבונגען צום תלמוד), און זייערע פערפאַסער זיינען בעקאַנט מיט׳ן נאָמען „בעלי תוספות״.

די ערסטע בעלי תוספות זיינען געווען רש״י׳ם עניקלאַך, וועלכע זיינען געווען די וויכטיגסטע תלמידים פון זיין שולע. רש״י האָט געהאַט דריי טעכטער, און זייערע מענער זיינען געווען פון די בעלי הוספות. אָבער ר׳ מאיר׳ס זיהן זיינען געווען פיעל גרעסער און בעריהמטער פון זייער פאָטער

ר׳ יהודה החסיד האָט פריהער געוואוינט אין שפייער, נאָר מחמת מורא פאַר פאָגראָמען איז ער אוועק נאָך רעגענסבורג. דאָרט איז ער געשטאַנען אָן דער שפּיץ פון אַ ישיבה, פון וועלכער עס זיינען שפּעטער אַרוים בעריהמטע חכמים און שרייבער. די גרויסקייט פון ר׳ יהודה החסיד בעשטעהט הויפּט-זעכליך אין זיינע ריינע הייליגע זיטען. זיינע בעריהמטע תלמידים האָבען איהם געהאַלטען פיר אַ גרויסען חכם, אָבער זיין חכמה איז בעשטאַנען אין טיף פערשטעהן די פערבאָרגענע נייגונגען פון מענשען׳ס האַרץ. דער „ספר חסידים" איז אַ בוך, וואָס איז פול מיט הייליגע זיטען-לעהרע, וועלכע איז אין שטאַנד אויסצובילדען אין אַ מענשען אַ ריינע האַרץ. אָבער עס געפינען זיך דאָרט אויך זעהר אָפט גערדאַנקען, וועלכע צייגען, דאָס דער צייט-גייסט קען האָבען זיין איינפלוס אויך אויף׳ן גרעסטען חכם. קיין מאָ-ראַל-שרייבער פון מיטעלאַלטער איז ניט געקומען צו דער הויכער שטופע פון מאָראַל, צו וועלכער ר׳ יהודה החסיד האָט דערגרייכט אין זיין בעריהמ-טען „ספר חסידים".

דעם „ספר חסידים" האָט בעאַרבייט און אַרויסגעגעבען ר׳ יהודה החסיד׳ס תלמיד ר׳ אליעזר פון וואָרמס, דער מחבר פון „ספר הרוקח" (געשט. אין יאָהר 1238). ר׳ אליעזר איז געווען איינער פון די בע-ריהמטע בעלי תוספות. אָבער זיין הויפּט-בעשעפטיגונג איז געווען טהעאָ-לאָגיע (חכמת אלהות). ר׳ אליעזר האָט אויך שטאַרק געליטען פון די קרייץ-ציגלער. אין אַ נאַכט פון יאָהר 1194 האָבען זיך אַריינגעכאַפּט צו איהם אין הויז 2 קרייץ-ציגלער, האָבען ערמאָרדעט זיין ווייב דולצע, זיינע צוויי טעכטער און זיין זוהן און האָבען איהם אויך געמאַכט צוויי וואונדען. פון דאַמאָלס אָן איז ער געוואָרען זעהר טרויעריג. דיזען טיפען טרויער האָט ער אויסגעגאָסען אין פּיוטים. זיין „ספר הרוקח" ענטהאַלט אין זיך הלכה און מוסר. ער רעקאָמענדירט אָנצונעהמען איבערהויפּט די מדה פון הכנעה. זיין לעבען האָט אין איהם ענטוויקעלט אַ גייסט צו מיסטיציזם (נסתרות), און ער רעכענט זיך אַלס דער גרינדער פון קבלה.

די סינאַגאָגאַלע פּאָעזיע (פּיוט). אין דער צייט, וואָס אין שפּאַניען האָבען די אידען ענטוויקעלט די העברעאישע פּאָעזיע אין אַלע צווייגען, האָ-בען די אידען אין דייטשלאַנד און פראַנקרייך געשאַפען נאָר איין סאָרט פּאָעזיע — די סינאַגאָגאַלע (פּיוטים). מעהרסטענס האָבען זיי געשריבען עלעגיעס: קינות און סליחות. דאָס זיינען געווען דער פּראָדוקט פון די אונגעהייערע אידישע ליידען אין דער צייט פון די קרייץ-צוגען. כמעט אַלע חכמים פון רש״י׳ס שולע און אַלע בעלי תוספות האָבען געשריבען פּיוטים.

קירכען־זאַכען, צו נעהמען זיי פיר אַ משכון ביי געלט־פערלייהען; עס איז אויך פערוועהרט געוואָרען אידען אַרויסצוגעבען אַרומגעשניטענע מטבעות, שפּילען אין קאָרטען און געבען מסירות אויף אידען. דער מיטעל צו צווינגען די אידען פאָלגען דיזע פאָדערונגען איז געווען דער חרם.

מיר האָבען שוין פריהער דערצעהלט, ווי רבנו תם איז דורך אַ נס ניצול געוואָרען פון טויט אין דער צייט פון צווייטען קרייץ־צוג. אָבער די שרעקען פון די באַרבאַרען האָבען שלעכט געווירקט אויף'ן זקן און ער איז אין אַ קורצער צייט געשטאָרבען. רבנו תם האָט פערפאַסט איינינגע רעליגיעזע פּיוטים. ער האָט אויך געפּרובֿט שרייבען וועלטליכע פּאָעזיע. ווען דער אבן עזרא איז געווען אין פראַנקרייך האָט איהם דער רבנו תם צוגעשיקט אַ שיר, וועלכער איז איהם שטאַרק געפעלען געוואָרען. רבנו תם האָט אויך געשריבען איבער דקדוק און האָט געוואָלט בריינגען אין איינשטימונג די סיסטעמען פון מנחם און פון דונש. אָבער דאָס איז ניט געווען זיין פעלד.

נאָך דעם טויט פון רבנו תם איז אָן דער שפּיץ פון די בעלי תוספות געשטאַנען דער ר"י הזקן אָדער ר' יצחק (ר"י) בן שמואל פון דאַמפּיערר. מען דערצעהלט, דאָס דער ר"י האָט געהאַט אין זיין ישיבה 60 תלמידים, פון וועלכע יעדער האָט געמוזט וויסען איין מסכת פון ש"ס אויסווענדיג, און אין די דעבאַטעס פון תלמוד האָבען זיי אויסגעגלייכט אַלע ווידערשפּרוכען אין תלמוד. פון די ישיבות פון רבנו תם און דעם ר"י הזקן זיינען אַרויסגעקומען אַלע בעלי תוספות. איינינגע פון זיי זיינען אומגעקומען על קידוש השם אין דער צייט פון דריטען קרייץ־צוג, ווי צ. ב. ר' יעקב פון אָרלעאַנס, ר' יום טוב פון זשואַני; ביידע זיינען אומגעקומען אין ענגלאַנד. פון זייער אַרבייט זיינען ענטשטאַנען די תוספות, וואָס ווערען יעצט געדרוקט אין אַלע ש"ס'ן.

די מאָראַל־שרייבער. אין יענער פינסטערער צייט פון פערפאָלגונגען און שמד'ען האָט זיך געפיהלט אַ נויטווענדיגקייט צו ערוועקען אין די הערצער פון אידישען פאָלק הויכע רעליגיעזע געפיהלען, וועלכע זאָלען איהם איינפליסען מוט איבערצוטראָגען די שרעקליכע ליידען און געבען גוטע האָפנונגען אויף די צוקונפט. עס האָבען אָנגעהויבען צו ערשיינען ספרי מוסר, מאָראַל־ספרים, וועלכע זיינען אייגענטליך געמאַכט געוואָרען מעהר פיר איינפאַכע מענשען ווי פיר געלעהרטע. מעהר פון אַלע איז פּאָפּולער דער „ספר חסידים" פון ר' יהודה החסיד פון רעגענסבורג (געשטאָרבען אין יאָהר 1217).

זיכטען. דאָ האָבען זיך ענטוויקעלט די פרייע פרעדיגטען, וועלכע האָבען שטארק בעאונרוהיגט די קירכע.

אין פּראָוואנס האָבען די אידען געגומען א גרויסען אַנטייל אין דער גייסטיגער ענטוויקלונג פון לאנד. עס זיינען אהין געקומען פיעלע עמיגראַנטען פון די אראבישע פּראָווינצען אין שפּאניען, וועלכע זיינען געוועזען גע־צוואונגען צו עמיגרירען צוליב די פאנאטישע אַלמאָהאדען אָדער פון די קרייץ־טרעגער. דיזע אידישע עמיגראַנטען האָבען אריינגעבראכט אין פּראָוואנס צוויי פערשיידענע גייסטיגע שטראָמען. די, וואָס זיינען געקומען פון די אראבישע פּראָווינצען, האָבען מיט זיך געבראכט פילאָזאָפיע און העברעאישע שפּראַך־פאָרשונג, און די, וואָס זיינען געקומען פון גאָרד־פראנקרייך — תלמודישע קענטנים. דער רייזענדער ר׳ בנימין פון טודעלאַ בעשרייבט די שטאָדט נאַרבאָננע אַלס א זעהר וויכטיגען מקום תורה. ער האָט דאָרט געפונען דעם איינפלוסרייכען אידישען אַריסטאָקראַט ר׳ קלונימוס בר׳ טודרוס, וועלכער איז געשטאַנען אָן דער שפּיץ פון דער אידישער געמיינדע. דער ראש ישיבה איז דאָרט געוועזען ר׳ אברהם, דער פערפאַסער פון „האשכול״, וועלכער איז א בעריהמטע זאַמלונג פון הלכות. אין לונעל האָט פערברייטעט חכמת ישראל רבנו משולם מיט זיינע פינף זיהן. די אידישע קהלה האָט דאָרט אויסגעהאַלטען אַלע תלמידים פון דער ישיבה מיט אַלע הצטרכות.

מעהר פון אַלע אנדערע האָבען זיך אויסגעצייכענט צווישען די חכמי פּרובינצה (פּראָוואנס) ר׳ זרחיה הלוי און ר׳ אברהם בן דוד פון פּאסקיער (ראב״ד). ר׳ זרחיה איז געבאָרען געוואָרען אין גראָנאַ (שפּאַניען). ער האָט זיך בעזעצט אין פּראָוואנס אין דער שטאָדט לונעל. איהם איז ניט געוועזען געפעלען וואָס מען האָט אזוי שטארק אָנגענומען די הלכות פון ר׳ אלפסי. אין א ווערק מיט דעם טיטעל „המאור״ (דאָס ליכט) האָט ער געזוכט צו בעווייזען, דאָס די הלכות פון ר׳ אלפסי זיינען אין פיעלע ערטער ניט ריכטיג. אויך דער ראב״ד (ר׳ אברהם בן דוד) פון פּאַסקיער איז געוועזען א שארפער קריטיקער מיט זעהר קאָנסערוואַטיווע אַנזיכטען. ער איז בעוואוסט אונטער׳ן נאָמען „דער ראב״ד בעל ההשגות״, ווייל ער האָט זעהר שאַרף קריטיקירט דעם בעריהמטען געלעהרטען און פילאָזאָף רבנו משה בן מיימון (רמב״ם).

די תלמודישע לעהרע האָט געהאַט א שטארקע קאָנקורענץ פון די ראַציאָנאַליסטען (משכילים), וועלכע האָבען פערברייטעט אין פּראָוואַנס פי־לאָזאָפיע, פּאָעזיע און וויסענשאַפטען. פיעלע פון דיזע געלעהרטע האָבען

פיעלע פון דיזע פּאָעטישע שאַפונגען זיינען אריינגענומען אין די זאַמלונגען פון סליחות און קינות, וואָס אידען זאָגען אין די שולען אין געוויסע תעניתים, אום יום כפור, פאר ראש השנה און עשרת ימי תשובה און תשעה באב. פיעלע סליחות דריקען אויס אַן אונענדליכען טרויער אויף די אונמענשליכע ליידען, וואָס דאָס אידישע פאָלק האָט געליטען פון די קרייץ־ציגלער, ווי צ. ב. די סליחה פון ר׳ יואל בר׳ יצחק פון באָנן אין דייטשלאַנד, וועלכע פאַנגט זיך אָן מיט די ווערטער: „אל אלוה דלפה עיני".

אויך די געשיכטליכע ווערק פון יענער צייט זיינען פול מיט פאַקטען פון אידישע ליידען פון די קרייץ־צוגען. ר׳ אליעזר בר׳ נתן (ראב"ן) פון מאינץ האָט געשריבען דעם „קונטרס תתנ"ו", אין וועלכען ער בעשרייבט די שרעקליכע שחיטות, וואָס די קרייץ־ציגלער האָבען אָנגעמאַכט צווישען די אידישע קהלות ביים רהיין אין יאָהר 1096. די אידישע ליידען פון די קרייץ־ציגלער אין דער צייט פון 1146 ביז 1196 האָט בעשריבען ר׳ אפרים פון באָנן, א גרויסער תלמודיסט און א מחבר פון אייניגע פּיוטים און סליחות.

עס איז דאַמאָלס געווען אַן אַלגעמיינער וואונש צו בערייזען דעם אָריענט (מזרח־לענדער). ר׳ פּתחיה פון רעגענסבורג האָט בערייזט אייראָפּאַ און וועסט־אַזיען אין א צייט פון 15 יאָהר (1175—1190). ער האָט בעזוכט פּוילען, איז געווען אין קיעוו, אין דעם כאָזארען־לאַנד און קאַווקאַז. פון דאָרט איז ער אַוועק נאָך סיריען און מעסאָפּאָטאַמיען (ארם נהרים). דאָרט האָט ער געפונען גרויסע אידישע געמיינדעס, וועלכע ער בעשרייבט אויספיהרליך. אין באַגדאַד האָט איהם דער גאון ר׳ שמואל בן עלי געגעבען א בריף צו די אידישע קהלות, אז זיי זאָלען איהם בעזאָרגען אויף זיינע רייזעס מיט דער נעטיגער שטיצע. אין ארץ ישראל האָט ער געפונען אין ירושלים, יבנה, צפורי, טבריה, חברון זעהר ווענינ אידען. זיין ווערק וועגען זיינע רייזעס טראָגט דעם טיטעל „סבוב העולם".

די פּראָוואַנסאַלישע ליטעראַטור. אין נאָרד־שפּאַניען — קאַסטיליען און אראַגאָניען, אין א טייל פון איטאַליען און אין זיד־פראַנקרייך אָדער פּראָוואַנס האָבען די קרייץ־צוגען ניט בעאונרוהיגט די אידען. ווען דער פראַנצויזישער קעניג פיליפּ אוגוסט האָט ארויסגעטריבען די אידען פון די שטעדט, וועלכע זיינען געווען אין זיין אייגענטום „איל־דע־פראַנס", האָבען זיי געפונען צופלוכט אין פּראָוואַנס. דיזע פּראָווינץ, וועלכע האָט זיך אויך געפונען אונטער דעם איינפלוס פון דער אראַבישער ציוויליזאַציאָן, האָט ניט געוואָלט וויסען פון דריקען וועמען עס איז צוליב זיינע רעליגיעזע אַנ-

ר׳ שמואל אבן תבון איז אין זיין ליטעראַרישער ארבייט געווען העכער פון זיין פאָטער. ער האָט געלעבט 80 יאָהר (1150—1230). די הויפּט־פּראָפעסיאָן זיינע איז געווען מעדיצין. ער האָט געוואוינט אין פערשיידענע שטעדט און זיינע לעצטע יאָהרען האָט ער געענדיגט אין מאַרסעיל. ר׳ שמואל איז געווען אַ הייכער אָנהעגגער פון רמב״ם און האָט מיט איהם גע־פיהרט אַ קאָרעספּאָנדענץ. ער האָט איבערזעצט אין העברעאיש דעם „מורה נבוכים״ פון רמב״ם, אַ טייל פון זיין „פירוש המשניות״ און איינינע אנדערע פון זיינע ווערק. דיזע איבערזעצונגען זיינען געווען אזוי וויכטיג, דאָס מען האָט צוליב זיי אין גאַנצען פערגעסען ר׳ שמואל׳ס ווערק איבער תנ״ך און פילאָזאָפיע. די אבן תבון׳ס האָבען מיט זייערע איבערזעצונגען בערייכערט די העברעאישע שפּראַך מיט פיעלע טעכנישע ווערטער, אָהן וועלכע עס איז געווען אונמעגליך אויסצודריקען פילאָזאָפישע געדאַנקען אָדער וויסענשאַפט־ליכע בעגריפען. דער ווערט פון די איבערזעצונגען פון די אבן תבון׳ס איז גאָרניט אָפּצושאַצען צוליב דעם נוצען, וואָס זיי האָבען געבראַכט די אידען פון אַלע לענדער פון דער וועלט.

י. רבנו משה בן מיימון (רמב״ם).

אין דער צווייטער העלפט פון 12טען יאָהרהונדערט איז געבאָרען גע־וואָרען דער אידישער ריזען־גייסט רבנו משה בן מיימון (רמב״ם). ער איז געבאָרען געוואָרען ערב פּסח 1135 אין קאָרדאָוואַ, וואו זיין פאָטער איז געווען דיין. ר׳ מיימון אליין האָט געלערנט אין דער ישיבה פון ר׳ יצחק אלפסי. ער האָט איינגעפּלאַנצט אין זיין זוהן משה אַ דשק צום סיסטעמאַטישען שטודיום פון תלמוד. אין זיינע יונגע יאָהרען האָט אין שפּאַניען געבליהט אידישע און אַלגעמיינע בילדונג. אָן דער שפּיץ פון אידישע געלעהרטע זיינען דאַן געשטאַנען ר׳ משה אבן עזרא, ר׳ יהודה הלוי און ר׳ אברהם אבן עזרא.

ווען משה איז אַלט געוואָרען 13 יאָהר האָט די אידען אין קאָרדאָוואַ געטראָפען אַ שרעקליכער אונגליק; מען האָט זיי געגעבען אַ ברירה: אָנ־נעהמען דעם איסלאַם (מאַחמעדאַנישע אמונה) אָדער אויסוואַנדערן. דאָס איז געווען די גזירה פון די אַלמאָהאַדען אין 1148. די פאַמיליע מיימון האָט געמוזט זיין נע ונד און איז געווען אין גרויס אָרימקייט. אָבער דער יונגער משה איז געווען איבערגעגעבען צום שטודיום פון תלמוד און וויסענשאַפטען. ער האָט זיך דאַמאָלס אויך ערנסט בעשעפטיגט מיט מעדיצין, וועלכע איז שפּעטער געוואָרען זיין פּראָפעסיאָן. משה האָט גרינדליך ערלערנט אַריס־

זיך געגוומען איבערזעצען אין העברעאיש די פילאָזאָפישע ווערק, וואָס די שפּאַנישע אידען האָבען געשריבען אין אַראַביש. איבערהויפּט האָט זיך דערמיט בעשעפטיגט די פאַמיליע קמחי און די פאַמיליע אבן תבון. ר׳ יוסף קמחי האָט געשריבען אין נאַרבאָננע (1150—1170) זיין פּירוש אויף אייניגע ספרים פון תנ״ך. ער האָט אויך איבער-געזעצט דעם „חובות הלבבות״ פון רבנו בחיי פון אַראַביש אין העברעאיש. מען רעכענט, דאָס ער איז דער מחבר פון אַ „ספר הברית״, וואָס ענטהאַלט אַ ויכוח צווישען אַ אידען און אַ קריסט, אין וועלכען דער איד בעווייזט דעם בּאָרצוג פון דער אידישער רעליגיאָן איבער דער קריסטליכער. זיין זוהן ר׳ דוד קמחי (רד״ק) האָט פאָרטגעזעצט זיין פאָטער׳ס אַרבייט (1160—1235). ר׳ דוד קמחי האָט זעהר פיעל געאַרבייט צו פערברייטען די העב-רעאישע שפּראַך. ער האָט געשריבען אַ זעהר וויכטיגע העברעאישע גראַ-מאַטיק אונטער׳ן נאָמען „מכלול״, אַ לעקסיקאָן מיט׳ן נאָמען „ספר השרשים״ און אַ פּירוש אויף אַ גרויסען טייל פון תנ״ך, וועלכער איז געגרינדעט אויף גראַמאַטיקאַלישע פאָרשונגען און געזונטער לאָגיק. זיין פּירוש אויף תנ״ך איז עד היום אָנערקענט אַלס דער בעסטער. זיינע פּירושים זיינען געווען זעהר פּאָפּולער אין מיטעלאַלטער און קריסטליכע טהעאָלאָגען האָבען זיי געשטודירט. זיין פּירוש אויף תהלים האָבען די גייסטליכע צענזורירט און פי׳לע שטעלען אויסגעשטריכען, ווייל ער פּאָלעמיזירט דאָרט געגען די קריסטליכע דאָגמאַס, אָבער מען האָט זיי ארויסגעגעבען אין אַ בעזונדער אייסגאַבע אונטער׳ן נאָמען „תשובות לנוצרים״, ד. ה. אַנטוואָרטען צו קריסטען.

געלעהרטע פון דער משפחה אבן תבון האָבען זיך הויפּטזעכליך בעשעפ-טיגט מיט איבערזעצען אין העברעאיש פילאָזאָפישע ווערק, וואָס אידען האָ-בען געשריבען אין אַראַביש. ר׳ יהודה אבן תבון (1120—1170), וועלכער איז ענטלאָפען פון שפּאַניען נאָך לונעל צוליב די פערפאָלגונגען פון די אַלמאָהאַדען, האָט איבערזעצט דאָס פילאָזאָפישע ווערק פון ר׳ סעדיה גאון „אמונות ודעות״ (גלויבען און מיינונגען), ז׳אָס ווערק „תקון מדות הנפש״ פון ר׳ שלמה בן גבירול, „חובות הלבבות״ פון רבנו בחיי הספרדי, דעם „ספר הכוזרי״ פון ר׳ יהודה הלוי, דעם דקדוק פון אבן גאנאח און אייניגע אַנדערע ווערק. מערקווירדיג איז די צוואה, וואָס ר׳ יהודה אבן תבון האָט געלאָזען צו זיין זוהן ר׳ שמואל. ר׳ יהודה ראַט זיין זוהן, אַז ער זאָל צוגלייך מיט דער אידישער רעליגיעזער ליטעראַטור בעשעפטיגען זיך אויך מיט וועלטליכע וויסענשאַפטען.

א קורצע צייט שפּעטער איז די פאַמיליע מיימון געווען געצוואונגען צו ענטלויפען פון פעז און האָט זיך ארויפגעזעצט אויף א שיף צו פאָהרען אין ארץ ישראל. אויף'ן וועג האָט זיך געמאַכט א גרויסער ווינט און דאָס שיף איז שיער צובראָכען געוואָרען. 4 וואָכען האָט געדויערט ביז זיי זיינען אָנ-געקומען אין עכו. נאָכדעם זיינען זיי אַוועק נאָך ירושלים, וואו זיי האָבען זיך שטאַרק אויסגעוויינט אויף די אידישע ליידען ביים כותל מערבי, און פון דאָרט זיינען זיי אַוועק נאָך חברון. אין דער מערת המכפלה האָט ר' משה מיימון פערבראַכט א גאַנצען טאָג אין תפלות, און נאָכדעם איז די גאַנצע פאַמיליע אַוועקגעפאָהרען אין מצרים און האָט זיך בעזעצט אין קאַירא. באַלד איז געשטאָרבען ר' משה'ס פאָטער אין טיפען אַלטער (1166).

דער פירוש המשניות פון רמב"ם. אין יאָהר 1168 האָט רבנו משה בן מיימון געענדיגט זיין פירוש אויף משניות אין דער אַראַבישער שפּראַך, וועלכער איז שפּעטער געוואָרען איבערזעצט אין העברעאיש.

אין אָנהויב פון זיין פירוש האָט ער געמאַכט א מערקווירדיגע איינלייטונג, און צו שווערע שטעלען האָט ער געמאַכט ספּעציעלע איינלייטונגען, אין וועלכע ער האָט ערקלערט די בעדייטונג פון די וויכטיגסטע יסודות פון דער אמונה און פון דער עטהיק (זיטען-לעהרע) פון יודענטום. אין זיין פירוש צום לעצטען פרק פון מסכת סנהדרין גיט ער זיין אויפפאַסונג פון דער אונשטערבליכקייט פון דעם מענשען'ס זעעלע. ער ערקלערט דאָרט, דאָס דער פערגניגען פון יענער וועלט בעשטעהט אין גייסטיגען גענוס, אין פער-שטעהן די גאָטהייט און די סודות פון דער וועלט. דאָרט ערקלערט ער די עקרים פון דער אידישער רעליגיאָן, וועלכע זיינען נאָכדעם פערפאַסט גע-וואָרען אין די 13 אני מאמין'ס. אין זיין הקדמה צו מסכת אבות האָט ער געשריבען 8 פּרקים, אין וועלכע ער ערקלערט די לעהרע וועגען דעם מענ-שען'ס זעעלע און איהרע כוחות. דאָרט לעגט ער פאָר מיטלען, ווי צו בע-זייטיגען די פעהלערן פון דער זעעלע און ווי זיי צו היילען (רפואות הנפש).

אין יענער צייט האָבען איינציגע אַגיטאַטאָרען אויפגערייצט געגען די אידען די פאַנאַטישע אַראַבער צו צווינגען זיי אָנצונעהמען דעם איסלאַם. איין גע'שמד'טער איד איז געווען אַזוי שטאַרק אין דיזען גלויבען, דאָס ער האָט אָנגעהויבען דרש'ענען אין אידישע שולען, אַז אַלע אידען זאָלען אָנער-קענען דעם איסלאַם. צום אונגליק האָט זיך דאַמאָלס אַרויסגעגעבען איין איד פיר דעם מבשר, דאָס באַלד קומט משיח, און האָט זיי געזאָגט נביאות, אין וועלכע פיעלע פון דער אידישער מאַסע האָבען שטאַרק געגלויבט. דאָס האָט זעהר בעאונרוהיגט די בעסערע קלאַס פון די אידען. און איינער פון

טאָטעל׳ס פילאָזאָפיע און איז געוואָרען א הייסער אָנהענגער פון איהר. מיט דער הילף פון דיזער פילאָזאָפיע האָט ער בעשלאָסען צו פערטיידיגען דאָס יודענטום געגען די פיינד, וואָס האָבען עס געוואָלט פערניכטען. ער האָט פריהער פון אַלעס גענומען אריינברייננגען ליכט אין דעם תלמוד, ווייל ער איז געוועזען דער יסוד פון יודענטום אין די גלות־לענדער. צו דיזען צוועק האָט ער אָנגעפאַנגען אין יאָהר 1158 צו שרייבען א פירוש אויף משניות, וועלכען ער האָט געענדיגט נאָך 10 יאָהר.

אין יאָהר 1159 האָט זיך ר׳ משה מיט זיין פאָטער און דער גאַנצער פאַמיליע בעזעצט אין פעז, אַפריקאַ. דאָ האָבען די אַלמאָהאַדען געצוואונגען די אידען אָנצונעהמען דעם איסלאַם. די פאַמיליע מיימון איז געוועזען גע־צוואונגען צו בעהאַלטען פיר א היבשע צייט זייער אָנהאַנג צום יודענטום. דיזער צושטאַנד האָט משה׳ן זעהר געפּלאָגט און ער האָט געפיהלט די גייס־טיגע ליידען פון אנדערע אנוסים, וועלכע זיינען געוועזען געצוואונגען אָנצו־נעהמען דעם מאַחמעדאַנישען גלויבען געגען זייער ווילען. אין יענער צייט איז אַ געוויסער רב אַרוים מיט א בריף צו די אידישע קהלות, אין וועלכען ער האָט בעהויפּטעט, דאָס יעדער איד, וואָס האָט לפנים אָנגענומען דעם איסלאַם, זאָגאַר ווען בסוד איז ער אַן אמת׳ער איד, ווערט גערעכענט אַלס אַ משומד. דיזער בריף האָט געמאַכט א זעהר טרויעריגען איינדרוק אויף די אנוסים. ר׳ משה מיימון איז אַרוים געגען יענעם רב מיט זיין „אגרת השמד״, אין וועלכען ער האָט געמאַכט ביטערע פאָרווירפען דעם רב פיר זיין אָפּשטויסען פון קהל ישראל מענשען, וואָס זיינען אידען מיט׳ן גאַנצען האַרצען און האַלטען זיך אָן דעם איסלאַם נאָר ביז א געוויסער צייט. „בע־זונדערס — זאָגט ער — איז אַ גרויסער פערברעכען צו רעכנען פיר משומדים מענשען, וואָס טוען ניט קיין שום זאַך, וואָס די מאַחמעדאַנישע רעליגיאָן פאָדערט פון איהרע אָנהענגער, נאָר זיי זאָגען: „איך גלויב, דאָס מאַחמעד איז אַ נביא״. מיר אַלע ווייסען, דאָס קיינער פון אונז גלויבט ניט אין די נביאות פון מאַחמעד׳ן, און מיר טוען עס נאָר אום צו ראַטעווען אונזער לע־בען״. אין דיזען „אגרת השמד״ ערקלערט ער ווייטער, דאָס מוסר נפש זיין זיך על קידוש השם איז נאָר איין מצוה פון דער תורה, און דעריבער טאָרען מיר ניט אָפּזאָגען א אידען, וועלכער איז מקיים אַלע מצוות פון דער תורה. ר׳ משה טרייסט די אנוסים און ראַט זיי צו האַלטען זיך אין געהיים אָן זייער פאָלק און זייער גלויבען, ביז עס וועט זיי געלינגען בעזעצען זיך אין אַן אַנדערען לאַנד.

צו פערברייננגען זייער גאַנצעס לעבען אויף שטודירען דעם תלמוד, אום אַרויסצובעקומען פון איהם די דינים, וועלכע ער ענטהאַלט אין זיך, אום עס זאָל פיר זיי בלייבען צייט צו בעשעפטיגען זיך אויך מיט אַנדערע ידיעות. ער האָט גערעכענט, דאָס אַ אידישער געלעהרטער מוז נאָר גוט קענען דעם תנ"ך, און באַלד נאָך דעם געברויכען זיין „יד החזקה", אום צו וויסען אין קורצען אַלע געזעצען, וואָס ענטהאַלטען זיך אין תלמוד, און דאַן וועט איהם בלייבען גענוג צייט צו לערנען אַנדערע וויסענשאַפטען.

דיזעס ווערק האָט ער געענדיגט אין יאָהר 1180. דאָס ווערק איז געשריבען אין העברעאיש מיט דעם אויסגעצייכענטען סטיל פון דער משנה־שפּראַך. דער ספר ווערט איינגעטיילט אין 14 אָפּטיילונגען. די ערסטע אָפּטיילונג, „ספר המדע", ענטהאַלט אין זיך אַ פילאָזאָפישע ערקלערונג פון די יסודות פון דער אידישער רעליגיאָן. ביז איהם האָט עס קיינער פון די אידישע חכמים ניט געטאָן. זיי האָבען געלעגט געוויכט נאָר אויף די דינים, וואָס אַ איד דאַרף דורכפיהרען אין פּראַקטישען לעבען. אין דיזער אָפּטיילונג בעהאַנדעלט ער דעם עיקר הדת פון השארת הנפש, פון תחית המתים. ער רעדט אין איהם אויך וועגען די פליכטען פון יעדען אידען צו זיין נשמה און צו זיין גוף. ער בעהאַנדעלט דאָרט אויך דעם גלויבען אין ביאת המשיח, און שטעלט פאָר די צייט אַלס די גליקליכסטע פיר די גאַנצע מענשהייט, ווען אַלע מענשען וועלען בעטראַכטען איינער דעם אַנדערען אַלס זיין געליבטען ברודער. די איבריגע 13 אָפּטיילונגען ענטהאַלטען אין זיך אַלע רעליגיעזע און בירגערליכע געזעצען, וואָס געפינען זיך אין דער תורה און אין תלמוד.

אַלס אַן איינלייטונג צום „יד החזקה" האָט ער געשריבען אין אַראַביש אַ בוך „ספר המצוות", אַן אָפּהאַנדלונג וועגען די תרי"ג מצוות פון דער תורה. אין דעם „ספר המצוות" בעהאַנדעלט ער אויך דעם פּרינציפּ, דאָס יעדער דין, וועגען וועלכען עס זיינען דאָ אין תלמוד פערשיידענע מיינונגען, קען ניט שטאַמען פון משה רבנו.

דער „יד החזקה" האָט געהאַט אַ גרויסען איינפלוס אויף די ענטוויקלונג פון יודענטום. ער האָט געהאַט פיעלע אָנהענגער, וועלכע האָבען עס געשעצט פיר אַ גליק צו בענוצען זיך מיט אַזאַ סיסטעמאַטישען קאָדעקס. אַנדערע אָבער האָבען עס גערעכענט פיר אַ גרויסען שאָדען צום יודענטום, ווייל זיי האָבען מורא געהאַט, דאָס ער וועט אָפּשאַפען דאָס שטודיום פון תלמוד, וועלכער האָט זיך גערעכענט פיר דאָס איינציגע ווערק, וואָס קען אויפהאַלטען דאָס יודענטום אין גלות. זיינע געגנער זיינען געוועזען ר' שמואל בן עלי, דער גאון און ראש ישיבה פון באַגדאַד, דער בית דין אין

זיי, ר׳ יעקב אלפאיומי, האָט זיך געווענדט צום רמב״ם, אז ער זאָל געבען אַן עצה. דער רמב״ם האָט געשריבען אַ בריף צו די אידען פון יעמען („אגרת תימן״), אין וועלכען ער טרייסט זיי בעווייזענדיג, דאָס די אידען האָבען אי־מער געהאַט צו קעמפפען פיר זייער גלויבען. איינינע האָבען געשאַדעט די אידען אין זייער גלויבען מיט דער מאַכט פון שווערד (עמלק, נבוכדנאצר, אדריאַן), אַנדערע מיט זייערע פאַלשע לעהרעס, אָבער ניט אַכטענדיג אויף דעם האָט דאָס אידישע פאָלק ניט אויפגעהערט צו עקסיסטירען. די נביאים האָבען פאָרויסגעזעהען, אַז דאָס אידישע פאָלק וועט זיין דער מנצח. דער רמב״ם גיט די תימן׳ער אידען אַן עצה, אַז זיי זאָלען ניט גלויבען די שווינד־לער, וואָס גיבען זיך אָן פיר משיחים. מען דאַרף נאָר האָפען, דאָס עס וועט געווים קומען אַ צייט, ווען גאָט וועט בעפרייען זיין פאָלק ישראל פון גלות.

דער „אגרת תימן״ האָט צוגעגעבען די תימן׳ער אידען פיעל מוט. דער בריף איז בסוד פערשפרייט געוואָרען צווישען די אידישע קהלות אין יעמען. דער משיח השקר איז געפאַנגען געוואָרען. דער סולטאַן האָט איהם גע־פרעגט, מיט וואָס קען ער בעווייזען, דאָס ער איז אַ משיח, און ער האָט גע־ענטפערט, דאָס ווען מען וועט איהם אָפּהאַקען דעם קאָפּ, וועט ער ווערען צו־ריק לעבעדיג. עס פערשטעהט זיך, דאָס ער איז ניט לעבעדיג געוואָרען. די תימן׳ער אידען זיינען געווען זעהר דאַנקבאַר דעם רמב״ם, וואָס ער האָט זיי אָפּגעהיט פון דעם משיח השקר, און האָבען דערפאַר אריינגעשטעלט דעם רמב״ם׳ס נאָמען אין קדיש, און זיי פלעגען זאָגען: „בחייכון וביומיכון ובחיי מרנא ורבנא משה בן מיימון״.

דער „יד החזקה״ אָדער „משנה תורה״. אין יאָהר 1170 איז שוין דער רמב״ם געשטאַנען אויף אַ הויכער שטופע אין דער געמיינדע. ער איז געווען בעשטעטיגט פון דער רעגירונג אין דעם אמט פון רב אין קאירא און אויסער דעם האָט איהם דער סולטאַן געגעבען דעם עהרען־טיטעל „ראַוס־אל־אומא (ראש האומה, ריש גלותא). ער איז געשטאַנען אָן דער שפּיץ פון אַ בית דין פון 9 מיטגלידער. אָבער זיין פרנסה האָט ער געהאַט פון זיין מעדיצינישער פּראַקטיק. ער איז באַלד געוואָרען דער הויז־דאָקטאָר פון גרויס־וויזיר. דורך זיין איינפלוס האָט ער פיעל געהאָלפען צו פערשטאַרקען די אידישע אויטאָנאָמיע און האָט געענטפערט פיעלע תשובות צו רבנים פון גאַנץ וויטע לענדער.

אין יענער צייט האָט דער רמב״ם אונטערגענומען צו פערפאַסען אַ פאָלשטענדיגעם געזעץ־בוך פון אַלע דינים, וועלכע דער תלמוד ענטהאַלט אין זיך. דערמיט האָט ער בעצוועקט צו פערשפּאָרען די אידישע חכמים

אַלעקסאַנדריען און דער ראב"ד (ר' אברהם בן דוד פון פּאָסקיערי). זיינע געגנער האָבען איהם אָפט שאַרף אָנגעגריפען, אָבער דער רמב"ם האָט זעהר זעלטען געענטפערט זיינע אָנגרייפער, און ווען ער האָט געענטפערט, איז עס געווען זעהר בעשיידען, אָהן שטורם.

אַ גרויסען טומעל האָט אָנגעמאַכט דער „יד החזקה" צווישען די חכמים פון פראָוואַנס (חכמי פּרובינצה). דער רב פון פּאָסקיערי, ר' אברהם בן דוד (ראב"ד), איז אַרויס געגען דעם רמב"ם'ס ווערק מיט זיינע „השגות" (אָנ־גריפען). דער ראב"ד בעשולדיגט איהם, דאָס ער ערלויבט זיך אָפט צו מאַ־כען ניט קיין ריכטיגע שליסען פון תלמודישע מאמרים, איבערהויפּט איז ער געווען געגען דעם גאַנצען ספר, ווייל ער האָט געהאַט אַלס צוועק אַרויסצו־שטופּען דעם תלמוד פון די ישיבות. דער ראב"ד האָט אין זיינע „השגות" געברויכט זעהר ניט קיין אָנשטענדיגע אויסדריקען, ווי צ. ב.: דאָס איז נאַ־ריש, פאַלש. דער ראב"ד האָט ניט געוואָלט פערשטעהן די גרויסקייט פון דער האַרמאָניע, וואָס דער רמב"ם האָט אַריינגעבראַכט אין דעם תלמודישען פּלאָנטער. אויך דעם רמב"ם'ס פילאָזאָפישע געדאַנקען האָבען ניט גע־קענט שטימען מיט די אָנזיכטען פון דער שטרענג־קאָנסערוואַטיווער פּאַרטיי. זיי איז שרעקליך ניט געווען געפעלען דער אויסדרוק פון רמב"ם: „ווען איך וואָלט געקענט פערקירצען דעם תלמוד אויף איין פּרק, וואָלט איך ניט געמאַכט קיין צוויי". אַ מחלוקה געגען רמב"ם האָט זיך אָנגעהויבען און האָט זיך מיט דער צייט ענטוויקעלט אין אַ גרויסען פייער.

דער „מורה נבוכים". דאָס דריטע וויכטיגע ווערק פון רמב"ם, דער „מורה נבוכים", איז אַ ריזען־ווערק, וואָס ענטהאַלט אין זיך אַ פאָלשטענ־דיגעס סיסטעם פון אידישער רעליגיאָנס־פילאָזאָפיע. דיזעס בעריהמטע ווערק האָט ער פערפאַסט אין אַראַביש אין יאָהר 1190, און עס איז נאָך ביי זיין לעבען געוואָרען איבערזעצט אין העברעאיש. דאָס ווערק איז גע־ווען געמאַכט פיר אידען, וועלכע האָבען זיך פערטיפט אין דער רעליגיאָנס־לעהרע און פילאָזאָפיע, און האָבען געפונען, דאָס דיזע ביידע קענען ניט האַרמאָנירען, און ווערען צוליב דעם צוטומעלט, ניט וויסענדיג, וואו עס איז דער זאמת: אין דער אמונה, אָדער אין דער פילאָזאָפיע. דער „מורה נבוכים" איז געווען בעשטימט צו צייגען זיי דעם אמת'ען וועג, וועלכער פיהרט צו אויסגלייכען די פילאָזאָפיע מיט דער אמונה.

דער רמב"ם איז געווען אַ גרויסער אָהענגער פון אַריסטאָטעל'ס פילאָ־זאָפיע. ער האָט געוואוסט פון צוויי וואהרהייטען: די וואהרהייט פון אמונה און אַריסטאָטעל'ס פילאָזאָפיע. אָבער אַזוי ווי דער אמת איז נאָר איינער,

רבנו משה בן מיימון (רמב"ם).

געפונען פיר נעטיג, וועהרענד אַנדערע נביאים האָבען געמוזט ווארטען אויף א צופאַל, דאָס דער רוח הנבואה זאָל זיי בעגייסטערן. דער צוועק פון תורת משה איז צו פערפאָלקאָמען דעם מענשליכען קערפּער און זיין גייסט. א גאַנצע רייהע פון היגיענישע געזונדהייטס־רעגלען און סאָציאַלע געזעצען רע-גולירען דעם מענשען'ס פיזישעס לעבען, זיי לערנען איהם ווי אויפצופאַסען זיין אייגענעם קערפּער, ווי צו זיין א ניצליכער מיטגליד פון זיין פאַמיליע און דער געזעלשאַפט. וועגען קרבנות זאָגט ער, דאָס זיי זיינען געוועזען ער-לויבט צום אידישען פאָלק נאָר אין די ערסטע צייטען פון זיין עקסיסטענץ, ווען ער איז נאָך געוועזען אין א קינדישען צושטאַנד, און דעריבער האָבען די נביאים דערפון ווייניג געהאַלטען. די געזעצען וועגען שפּייזען, קערפּער־ריינליכקייט, און וועגען געשלעכטליכע בעציהונגען האָבען איבערהויפּט א היגיענישען צוועק. די ימים טובים האָבען א צוועק צו געבען רוה דעם קער-פּער און דער זעעלע, און צו ענטוויקלען אין פאָלק נאַציאָנאַלע געפיהלען.

עס איז וויכטיג צו בעמערקען, דאָס דער רמב״ם שטעלט גייסטיגע ענט-וויקלונג העכער פון זיטליכע געפיהלען. ער טיילט איין דעם מענשען'ס שטרעבען צו ערווערבען אין פיער קלאַסען: 1) דאָס ערווערבען פון מאַטע-ריעלע זאַכען, וואָס שטעלען צופרידען דעם מענשען'ס חושים. דיזע שטרע-בונג צו ערווערבען איז די נידריגסטע; 2) די שטרעבונג צו זיין געזונד קער-פּערליך, דאָס איז אַן אַלגעמיינע שטרעבונג פון אַלע בעלי חיים; 3) די שטרעבונג צו פערפאָלקאָמען זיינע מדות (זיטען). פיעלע רעליגיעזע געזע-צען האָבען דעם צוועק צו העלפען דעם מענשען דערגרייכען א הויכע שטופע פון געטליכקייט, אָבער גוטע זיטען זיינען נעטיג פיר דעם מענשען כל זמן ער לעבט אין א געזעלשאַפט, אויסער דער געזעלשאַפט האָבען זיי ניט קיין ווערט, ווייל זיי זיינען ניט נעטיג, און דעריבער שטעלט ער העכער פון אַלעס 4) די גייסטיגע ענטוויקלונג פון א מענשען, וועלכע פיהרט איהם צו פער-שטעהן די וועלט, די גאָטהייט, דורך פאָרשען וויסענשאַפטען און פילאָזאָפיע. דאָס פאָלק שטעלט העכער די ערסטע דריי שטרעבונגען, אָבער דער אמת'ער חכם שטעלט העכער פון אַלע די פערטע מדרגה פון שטרעבען.

מיט דיזער פילאָזאָפיע האָט דער רמב״ם געצייגט, דאָס דער פערשטאַנד שטעהט ביי איהם העכער ווי דער געפיהל. דאָס איז אָבער געגען דעם דע-מאָקראַטישען פּרינציפּ פון דער אידישער רעליגיאָן, וועלכע אונטערשיידט די מענשען ניט נאָך זייער גייסטיגער ענטוויקלונג, נאָר נאָך דעם צושטאַנד פון זייערע זיטען, ווייל זיטליכקייט איז צוגענגליך צו יעדען, וועהרענד מיט גייסטיגע פעהיגקייטען זיינען ניט אַלע בעגאַבט.

האָט ער געזוכט אויסצוגלייכען דעם גלויבען מיט דער פילאָזאָפיע און צו שאַפען איין אמת פון זיי ביידען. דיזע שווערע אויפגאַבע האָט ער געלעזט אויף'ן גלענצענדסטען אופן.

לויט דער פילאָזאָפיע פון רמב"ם פיהרט זיך די וועלט דורך א מנהיג, וואָס רעגירט אַלעס. דיזען מנהיג טאָר מען ניט צושרייבען קיין קערפּער-ליכע אייגענשאַפטען, אום מען זאָל זיך ניט מאַכען א בעגריף וועגען גאָט ווי וועגען א מענשליכען וועזען, וואָס דאָס איז די גרעסטע אפּיקורסות. די אויס-דריקען אין דער ביבעל: „גאָט האָט גערעדט", „גאָט האָט געזעהען", „גאָט האָט געהערט" א. ד. גל. זיינען אַלעגאָריש, ד. ה. דאָס אונטער דעם מוז מען פערשטעהן עטוואָס אנדערס. אונטער דעם אויסדרוק „גאָט האָט געזעהען" דאַרף מען פערשטעהן די געטליכע השגחה; אונטער'ן אויסדרוק „גאָט האָט גערעדט" — ער האָט אַריינגעשיקט אין מענשען פערשטאַנד צו פערשטעהן, וואָס איהם איז נעטיג צו וויסען, א. ד. גל. מיר ווייסען נאָר, דאָס עס עק-סיסטירט א גאָטהייט, אָבער מיר ווייסען ניט און קענען ניט וויסען וואָס פיר א וועזען דאָס איז.

אין דעם מענשען זיינען פעראייניגט צוויי עלעמענטען: מאַטעריע און גייסט, קערפּער און נשמה; די ערסטע איז צייטליך, און ווערט פערניכטעט, און די אנדערע, די זעעלע, איז אייביג. ווייל די זעעלע איז א טייל פון דער וועלט־חכמה פון גאָט, זיינען פאָלשטענדיג אונשטערבליך נאָר די, וואָס האָבען פערבראַכט זייער לעבען אין ענטוויקלען זייער גייסט, אין פאָרשען וויסענשאַפטען און רעליגיאָן, און האָבען געבראַכט זייער נשמה צו א הויכער מדרגה. מענשען פון א נידריגער מדרגה האָבען אויך אונשטערבליכקייט, אָבער זייער אונשטערבליכקייט איז פון אַן אַנדער סאָרט. חיות האָבען ניט קיין אונשטערבליכקייט, ווייל זיי האָבען ניט קיין ריכטיגען פערשטאַנד, קיין טייל פון דעם וועלט־פערשטאַנד, פון דער גאָטהייט. דאָס שלעכטע, וואָס עס געפינט זיך אין דער וועלט, איז דער רעזולטאַט פון דער מאַטעריע, וועלכע מוז מיט דער צייט אונטערגעהן. דער גייסט אָבער נעהמט זיך פון דער קוועלע פון גאָט, און דעריבער איז די זעעלע אייביג, אונשטערבליך.

זיין מיינונג וועגען נבואה איז, דאָס זי איז אַ רעזולטאַט פון דער דער-נעהענטערונג פון דעם מענשליכען פערשטאַנד צום אַלוועלטליכען געטליכען פערשטאַנד. יעדער פערניגפטיגער מענש, וואָס זיין פערשטאַנד איז אָפּגע-געבען צו פאָרשען די וועלט און גאָט, קען דערלאַנגען א געוויסע שטופע פון נבואה אָדער רוח הקודש. משה רבנו האָט דערגרייכט די העכסטע שטופע פון נבואה. ער האָט געקענט האָבען פּראָפעטישע זעהונגען ווען ער האָט עס

פון פערשיידענע שטעדט אין מארסעיל האט דער רמב״ם ערהאלטען די בעסטע מיינונגען וועגען זיין „מורה נבוכים״. מען האט איהם פערגליכען מיט משה רבנו, מיט רב אשי און מיט אנדערע בעריהמטע מענער, וועלכע האבען אויפגעבויט דאס יודענטום.

אויף דעם פערלאנג פון סולטאן האט דער רמב״ם פערפאסט א ווערק ווי אויפצוהאלטען די מענשען׳ס געזונדהייט. זעהר וויכטיג איז זיין ווערק איבער לאגיק, וועלכע טראגט דעם טיטעל אין העברעאיש „מלות הגיון״. אין די לעצטע יאהרען פון זיין לעבען איז ער געווען זעהר שוואך. ער איז געשטארבען דעם 20טען טבת 1204. אלע איינוואוינער פון שטאדט, אידען און מוסולמאנער, האבען זיין טויט שטארק בעטרויערט און בעדויערט, אין ירושלים האט די אידישע קהלה געפאסט. זיין טויטען קערפער האט מען געבראכט אין טבריה און מען האט איהם דארט מקבר געווען מיט גרויס כבוד. זיין בן יחיד ר׳ אברהם האט פערנומען זיין ארט אלס לייב-ארצט פון סולטאן און אלס רב ונגיד איבער די אידישע קהלות אין עגיפטען. דער עהרען-טיטעל „נגיד״ איז געבליבען אלס ירושה צו זיינע נאכפאלגער ביז דעם 14טען יאהרהונדערט.

יא. אידישע קאלאניעס אין רוסלאנד און פוילען.

די אידען אין רוסלאנד און פוילען האבען אין די ערסטע צייטען פון זייער בעזעצען זיך דארט ניט געבילדעט קיין ריכטיגע קהלות, ווי די אידען אין מערב-איירופא. עס זיינען געווען איינצעלנע קאלאניעס — אין רוס-לאנד, פון די עמיגראנטען, וואס זיינען אהין געקומען פון בבל און ביצאנץ, און אין פוילען — פון די עמיגראנטען פון דייטשלאנד און בעהמען. די אידיש-רוסישע קאלאניעס האבען זיך איבערהויפט געפונען אויף די ברע-גען פון קאספישען, אזאווישען און שווארצען מעער, ביים דניעפר ביז קיעוו.

פון די קאלאניעס אין זיד-רוסלאנד איז די וויכטיגסטע געווען די מדינה פון די כוזרים, וועלכע האבען אנגענומען דעם אידישען גלויבען. דיזע מדינה איז געווען דער צופלוכטס-ארט פיר די אידען, וואס זיינען ענטלא-פען פון אונטערדריקונג אין ביצאנץ. אין יאהר 960 איז געשריבען געווארען דער בעוואוסטער בריף פון דעם לעצטען כאזארישען קעניג יוסף צום שפא-נישען בעאמטען, דעם אידען חסדאי אבן שפרוט. אין דיזען בריף שרייבט איהם דער קעניג יוסף, דאס זיין הויפטשטאדט געפינט זיך דארטען, וואו דער טייך איטיל (וואלגא) פאלט אריין אין ים, און אין דיזער הויפטשטאדט וואוינען אידען און אראבער, דאס די כוזרים האבען בעהערשט דעם קאס-

דער ,,מורה נבוכים" האָט געמאַכט אַ גאַנצע איבערקעהרעניס אין דער ענטוויקלונג פון אידישען פאָלק. דאָס ווערק האָט אריינגעבראַכט אַזוי פיעל ליכט אין אידישען גייסט, דאָס פיעלע זיינען אָפּגעשפּרונגען צוריק פון צו־פיעל ליכטיגקייט. פיר פיעלע דענקער איז דער „מורה נבוכים" ווירקליך געווען אַ וועג־ווייזער, אָבער פיעלע האָבען איהם בעטראַכט אַלס אַ קוועלע פון פריידענקען. שפּעטער האָט דער „מורה נבוכים" ארויסגערופען אַ שפּאַל־טונג אין אידישען לאַגער.

דער „מורה נבוכים" איז גיך געוואָרען בעריהמט אין פיעלע לענדער צווישען אידען, קריסטען און מוסולמאַנער. ער איז געוואָרען איבערזעצט אין דער לאַטיינישער שפּראַך, און קריסטליכע געלעהרטע פון 13טען יאָהר־הונדערט האָבען פון איהם פיעל געשעפּט און האָבען דעם רמב"ם שטאַרק געלויבט.

די לעצטע יאָהרען פון רמב"ם. פון פערשיידענע לענדער האָט דער רמב"ם ערהאַלטען פראַגען פון געגנער און אָנהענגער וועגען פערשיידענע פונקטען אין „מורה נבוכים". צווישען די וויכטיגע פראַגען געפינט זיך אויך די פראַגע: וואַרום האָט ער ניט בעהאַנדעלט פילאָזאָפיש דעם עיקר הדת וועגען תחית המתים. דערויף האָט ער געענטפערט, דאָס דיזען געגענ־שטאַנד איז פיר איהם געווען אונמעגליך צו ערקלערען מיט דער נאַטור, אָדער מיט פילאָזאָפיע, און דאָס מוז ווערען אָנערקענט אַלס אַ נס, וואָס גאָט צייגט אמאָל דער וועלט, אום צו דערמאָהנען, דאָס ער איז דער הער־שער פון דער נאַטור. איבער דיזע פראַגע האָט ער אָנגעשריבען אַ ספּע־ציעלע אָפּהאַנדלונג מיט'ן נאָמען „מאמר תחית המתים".

דעם רמב"ם האָט שטאַרק געקרענקט, וואָס זיינע געגנער האָבען איהם חושד געווען, דאָס ער איז ניט קיין ריכטיגער מאמין. אין די בריף צו זיינע אָנהענגער ערקלערט ער, דאָס איהם איז ניט געווען מעגליך צו ער־קלערען אַלעס צו מענשען, וועלכע גלויבען, אַז גאָט האָט אַ נאָז, אויגען און אויערן ווי אַ מענש. זיין זוהן ר' אברהם האָט ער געוואָרנט, אַז ער זאָל ניט לערנען די ספרים פון די בעלי תוספות, ווייל זיי זיינען זעהר ווייט פון רעליגיאָנס־פילאָזאָפיע, און ער האָט איהם רעקאָמענדירט צו שטודירען דעם אבן עזרא'ס ספרים, ווייל ער האָט אויסגעזאָגט דעם אמת. אויף די פראַגע פון די מאַרסעילער אידען וועגען אסטראָלאָגיע (שטערן־זעהעריי) האָט ער געענטפערט, דאָס דיזע לעהרע האָט ניט קיין וועסענשאַפטליכען באַ־זיס, זי איז פאַלש פון אָנהויב ביז'ן סוף.

באַטירען מיט זיי וועגען קריסטענטום, און האָט זיי געוואָלט שטאַרק אויפ־רייצען געגען זיך, דאָס זיי זאָלען איהם הרג׳ענען, אום ער זאָל ווערען א היילינער מארטירער. אויך די מיטראָפּאָליטען פון קיעוו איללאַריאָן און יאָאַן האָבען אגיטירט געגען אידען און יודענטום (1050—1080).

די דרשות פון רעליגיאָנס־האַס האָבען געהאַט שלעכטע רעזולטאַטען פיר אידען אין קיעוו. אין אָנהויב פון 12טען יאָהרהונדערט האָבען די אידען געליטען דעם ערסטען פּאָגראָם אין דיזער שטאָדט. אין דער צייט פון דער רעגירונג פון גרויספירסט סוויאַטאָפּאָלק דעם 2טען (1093—1113) האָבען די אידען געהאַט פולע פרייהייט צו האַנדלען אין קיעוו און צו בעשעפטיגען זיך מיט אַלערליי האַנטווערקען. דער גרויספירסט האָט זאָגאר איבערגעגעבען צו אידען אייניגע רעגירונגס־שטעלעס. נאָך דעם טויט פון סוויאַטאָפּאָלק האָבען די קיעווער איינוואוינער איינגעלאַדען אַלס גרויספירסט וולאַדימיר מאָנאָמאַך׳ן. אָבער אַזוי ווי מאָנאָמאַך האָט אָפּגעצויגען אָנצונעהמען דעם טראָן איז די שטאָדט געבליבען א היבשע צייט אָהן א רעגירער. די פאָלקס־מאַסען האָבען געמאַכט א פּאָגראָם אויף אידען. די איינפלוסרייכע איינוואוינער האָבען נאָך א מאָל געשיקט בעטען מאָנאָמאַך׳ן, אז ער זאָל וואָס גיכער קומען פערנעהמען דעם טראָן, אום צו פערהיטען אונרוהען. מאָנאָמאַך איז באַלד געקומען און האָט געבראַכט אין שטאָדט אָרדנונג.

די אידען האָבען פאָרטגעזעצט צו וואוינען אין קיעוו. די אידישע רייזענדע פון יענער צייט, ר׳ בנימין פון טודעלא און ר׳ פתחיה פון רעגענסבורג, דערמאָהנען אין זייערע רייזע־בעשרייבונגען אויך די קיעווער רעגירונג און די אידען פון יענער צייט.

נאָך די קרייץ־צוגען, ווען אידען האָבען אָנגעהויבען צו עמיגרירען אין פּוילען, זיינען מאַנכע אידען אויך אָנגעקומען אין רוסלאַנד. די אידען אין דיזען לאַנד האָבען ניט געהאַט ביי זיך קיין בעריהמטע רבנים, און ווען עס איז ביי זיי פאָרגעקומען א וויכטיגע רעליגיאָנס־פראַגע, פלעגען זיי זיך ווענדען צו די דייטשע גדולים. אָבער זיי האָבען אָנגעהויבען צו שיקען אויך זייערע יונגע לייט אין דייטשלאַנד צו לערנען תורה און קומען צוריק נאָך רוסלאַנד מיט תלמודישע קענטניסען. מיר געפינען אין אידישע ספרים פון 12טען יאָהרהונדערט דערמאָהנט ר׳ משה מקיוב. דיזער האָט זיך געווענדעט מיט א שאלה צום גאון פון באַגדאַד ר׳ שמואל בן עלי, דער געגנער פון רמב״ם.

די אידישע קאָלאָניעס אין פּוילען. די סלאַווישע לענדער, וואָס זיינען געלעגען ביי די טייכען ווייקסעל און וואַרטאַ, האָבען לאַנג פריהער צו־

פּישען ים און לאָזען ניט אריין אין איהם די רוסען. אין א קורצער צייט שפּעטער האָבען זיך די רוסען בעפרייט פון דעם יאָך פון די כוזרים, צו וועל־כע זיי האָבען פריהער געצאָהלט שטייער, און האָבען זאָגאר צושטערט זייער הויפּטשטאָדט. דער קיעווער פירסט סוויאטאָסלאוו האָט צושטערט די גאנצע כאָזארישע מדינה (966—969). די כאָזארען זיינען געוועזען געצוואונגען אויסצואוואנדערן פון זייער לאנד און האָבען זיך בעזעצט אין קרים, וועלכע האָט זיך א לאנגע צייט גערופען כאָזארען-לאנד.

די קליינע כאָזארישע מלוכה אין קרים האָט עקסיסטירט ניט מעהר פון 50 יאָהר. זי איז צושטערט געוואָרען פון די רוסען אין יאָהר 1016. די אידישע כאָזארען אין קרים האָבען זיך פעראייניגט מיט די אידען אָדער מיט די קאראאימעס. פון דאָרט האָבען זיך אָנגעהויבען צו פערשפּרייטען אידישע קאָלאָניעס ארום די נאָרדליכע ברעגען פון שווארצען ים. אין יאָהר 1175 האָט ר׳ פּתחיה פון רעגענסבורג בעזוכט קרים און האָט דאָרט געפונען סעקטאנטען, וואָס וויסען עטוואָס פון יודענטום. דאָס לאנד האָט זיך אין זיין צייט נאָך גערופען כאָזארען-לאנד.

די אידישע קאָלאָניזאציאָן האָט זיך בעוועגט ווייטער צו קיעוו צו. די רוסישע כראָניקע-שרייבער דערצעהלען, דאָס ווען וולאדימיר דער הייליגער האָט געוואָלט אָננעהמען א נייעם גלויבען, האָט ער איינגעלאדען צו זיך פילאָזאָפען פון די עקסיסטירענדע רעליגיאָנען און צווישען זיי האָט זיך אויך געפונען א אידישער געלעהרטער פון כאָזארען-לאנד (986). וולא־דימיר האָט איהם געפרעגט, אין וואָס עס בעשטעהען די אידישע געזעצען. דערויף האָט ער איהם געענטפערט: „מיר זיינען מל אונזערע קינדער (זכרים)". „און וואו איז אייער פאָטערלאנד?" „אין ירושלים", האָט איהם דער געלעהרטער געענטפערט, „נאָר צוליב אונזערע זינד האָט אונז גאָט פערטריבען אין גלות". „ווי אזוי אלזאָ לערנט איהר אנדערע צו גלויבען אין דעם, וואָס איהר גלויבט, ווען גאָט האָט אייך פיינט פיר אייערע זינד און האָט אייך פעריאָגט פון אייער לאנד?" האָט וולאדימיר געפרעגט, און ער האָט אָנגענומען דעם קריסטליכען גלויבען.

עס איז קיין וואונדער ניט, וואָס די בעציהונגען פון די רוסען צו די אידען זיינען דאמאָלס געוואָרען די זעלבע וואָס האָבען געהערשט אין בי־צאנץ. דער קיעווער מאָנאכען-הויפּט פּעאָדאָסי (1057—1074) האָט געלעהרט זיינע צוהערער, דאָס מען דאַרף לעבען אין פרידען מיט פריינד און פיינד, אָבער ניט מיט די פיינד פון גאָט, די אידען. דער כראָניקע-שריי־בער נעסטאָר דערצעהלט וועגען איהם, דאָס ער פלעגט געהן צו אידען דע־

פירסט מיעטשיסלאוו דער 3טער דער אלטער (1173) האָט אַרויסגעגעבען שטרענגע בעפעהלען, אַז מען זאָל זיי ניט בע-פאַלען און ניט טאָן קיין שלעכטעס. די שולדיגע אין אַזעלכע אָנפאַלען זיינען שטרענג בעשטראָפט געוואָרען. אין דער צייט פון דער הערשאַפט פון מיעטשיסלאוו דעם אַלטען, קאַזימיר דעם גערעכטען און ליעשעק דעם ווייסען האָבען זיך די אידען בעשעפטיגט מיט גיסען מטבעות פיר די רע-גירונג אין פּוילען. עס געפינען זיך נאָך עד היום מטבעות פון יענער צייט מיט העבריאישע אויפשריפטען. אין אָנפאַנג פון 13טען יאָהרהונדערט האָ-בען די אידען געהאַט אייגענע גיטער אין דעם טייל שלעזיען, וואָס האָט געהערט צו פּוילען.

די אידען האָבען בעלעבט דעם האַנדעל צווישען פּוילען און מערב-אייראָפּאַ. דיזער האַנדעל האָט געשאַפען אַ גייסטיגע פערבינדונג צווישען זיי און די אידישע קולטור-צענטערן אין אייראָפּאַ, פון וואַנען זיי פלעגען איינלאַדען רבנים פיר זייערע קהלות, חזנים און מלמדים. זיי האָבען אויך געשיקט אין מערב-אייראָפּאַ יונגע לייט צו לערנען דאָרט אום זיי זאָלען נאָכדעם קומען צוריק צו פערנעהמען אַזעלכע שטעלעס. די אידען, וואָס זיינען געקומען פון דייטשלאַנד, האָבען דאָרט פערשפּרייט די דייטשע שפּראַך, וועלכע האָט נאָכדעם אַריינגענומען אין זיך פילע סלאַווישע ווער-טער און האָט זיך מיט דער צייט אויסגעבילדעט אין די היינטיגע אידישע שפּראַך (זשאַרגאָן).

יב. די שפּאַניש-דייטשע פאָרשטעהער פון יודענטום (1215—1498).

אין אַלגעמיינער איבערבליק. דער 13טער, 14טער און 15טער יאָהרהונדערט זיינען די ערגסטע צייטען פון דער אידישער געשיכטע. דער פּאַפּסט און די גרויסע אַרמעע גייסטליכע האָבען בעהערשט אייראָפּאַ. זיי אַליין האָבען קאָנטראָלירט די געזעצגעבונגען אין די קאַטאָלישע לענדער. אַלעס, וואָס איז ניט געווען קאַטאָליש, איז בעטראַכט געוואָרען אלס אַפּי-קורסות און האָט געמוזט פערניכטעט ווערען. די קירכע האָט אָנגעווענדט אַלע קרעפטען, דאָס צו די קריסטליכע מאַסען זאָל ניט צוגעלאָזען ווערען קיין פונק פון פרייהייט, און איבערהויפּט האָבען זיי מורא געהאַט פאַר דער אידישער רעליגיאָן. צו דעם איז צוגעקומען ראַסען-האַס, קנאה צו זייער וואוילשטאַנד (אין שפּאַניען) און פעראַכטונג פיר זייער ערנידריגטע לאַגע (אין דייטשלאַנד). אין 13טען יאָהרהונדערט האָט דער פּאַפּסט אינאָצענץ דער 3טער איינגעפיהרט די הייליגע אינקוויזיציע אין פּראָוואַנס, און דער

געצויגען צו זיך אידען פון מערב־אייראָפּאַ. מען קען רעכנען אויף געוויס, דאָס שוין אין דער צייט פון קאַרל דעם גרויסען אין 9טען יאָהרהונדערט פלעגען קומען אידען פון דייטשלאַנד מיט פערשיידענע וואארען נאָך פּוילען און פיעלע פון זיי האָבען זיך דאָרט בעזעצט.

אידען האָבען זיך שוין געפונען אין פּוילען אין דעם מיטען פון 9טען יאָהרהונדערט. די לעגענדע דערצעהלט, דאָס אונגעפעהר אין יענער צייט האָבען זיך די פּאָליאַקען פערזאַמעלט אין קרושעוויצע צו ערוועהלען א נייעם פירסט. די פערזאַמעלטע האָבען לאַנג דעבאַטירט וועגען דער פּערזאָן, וואָס זאָל געוועהלט ווערען אַלס קעניג, און זיינען ניט געקומען צו קיין בעשלוס. ענדליך האָבען זיי בעשלאָסען, דאָס דער ערסטער, וואָס וועט אַריינקומען אויף מאָרגען פריה אין שטאָדט, זאָל ערוועהלט ווערען אַלס פירסט. אויף מאָרגען פריה איז דער ערסטער אַריין אַ איד מיט'ן נאָמען **אברהם פּאָרכאָווניק**. מען האָט איהם געכאַפּט און ערקלערט אַלס פירסט. ער האָט זיך אָבער פון דיזער עהרע ענטזאַגט און האָט געפאָדערט, אַז מען זאָל ערוועהלען דעם קלוגען פּאָליאַק פּיאַסט, וועלכער איז דאַמאָלס געוואָרען דער גרינדער פון דער דינאַסטיע „פּיאַסטען". אַן אַנדער לעגענדע דערצעהלט, דאָס צו ענדע פון 9טען יאָהרהונדערט זיינען געקומען אידישע דעפּוטאַטען פון דייטשלאַנד צום פּוילישען פירסט ליעשעק און האָבען געבעטען ערלויבנים פיר אידען פון דייטשלאַנד צו בעזעצען זיך אין פּוילען. ליעשעק האָט זיי געגעבען די ערלויבנים. עס האָבען אָנגעהויבען קומען פון דייטשלאַנד גרויסע מאַסען אידען, און די פּוילישע פירסטען האָבען זיי גע־געבען געשריבענע פּריווילעגיעס (905), וועלכע זיינען אָבער מיט דער צייט פערלאָרען געגאַנגען. ווי ווייט דיזע לעגענדעס זיינען אמת, ווייסען מיר ניט, אָבער יעדענפאַלס איז אין זיי דאָ אַ קערן געשיכטליכע וואהרהייט, און דאָס איז, אַז נאָך איידער די פּאָליאַקען האָבען אָנגענומען דעם קריסטליכען גלויבען האָבען זיך שוין געפונען אין פּוילען אידישע קאָלאָניעס, און דאָס די ערסטע קאָלאָניסטען זיינען געווען פון דייטשלאַנד.

די אידישע עמיגראַציע פון דייטשלאַנד נאָך פּוילען איז מיט איין מאָל געוואָרען שטאַרקער אין דער צייט פון די קרייץ־צוגען. די אידען אין פּוי־לען האָבען אונגעשטערט זיך בעשעפטיגט מיט האַנדעל און פלעגען זעהר אָפט בעזוכען קיעוו מיט זייערע סחורות, ווען סוויאַטאָפּאָלק דער 2טער, וועלכער איז געווען אַ בעשיצער פון אידען, האָט געהערשט אין קיעוו.

אין דער צווייטער העלפט פון 12טען יאָהרהונדערט האָבען די אידען אין פּוילען אָנגעהויבען צו האָבען צרות פון די קריסטען. דער פּוילישער

פּראָיעקטען פון די גייסטליכע. אָבער די דאָמיניקאַנער און פראַנציסקאַנער מאָנאַכען האָבען אָנגעווענדט אַלע מיטלען אויסצוזאָווראָצלען פון שפּאַניען יעדע שפּור פון אידישער קולטור. זיי האָבען ערוועקט אין די מאַסען קנאה און שנאה צו די אידען און האָבען אַרויסגערופען אויף זיי אָפטע אָנפאַלען. די ערגסטע איז געווען די שחיטה פון אידען אין סעווילִיע (1391). די סע-ווילִיער שחיטה האָט בעשאַפען די מ א ר א נ אָ ס אָדער „אנוסים", אידען, וואָס האָבען פון נויט אָנגענומען דאָס קריסטענטום, אָבער בסוד האָבען זיי געהאַלטען די אידישע רעליגיאָן. עס האָבען זיך אויך געפונען צווישען זיי איינִיגע, וואָס האָבען בעקומען הויכע שטעלעס אין דער קירכע און האָבען זאָגאַר פערפאָלגט די אידען. די קירכע האָט אין יאָהר 1480 איינגעפיהרט געגען די אנוסים די אינקוויזיציאָן. טויזענדער מאַראַנאָס זיינען געפאַלען אַלס אָפּפער פון דער מערדערישער אינקוויזיציאָן, אָבער זי האָט ניט געקענט דערשטיקען די „געהיימע אידישקייט". זי האָט גענומען בעשולדיגען די אידען, דאָס זיי שטאַרקען דעם גייסט פון יודענטום אין די אנוסים און האָט זיך גענומען צו אַגיטירען, אַז מען זאָל די אידען אַרויסטרייבען פון שפּאַניען. די אַגיטאַציע האָט דערגרייכט איהר ציל, ווען גראַנאַדאַ איז געפאַלען און פערדינאַנד און איזאַבעללאַ זיינען געבליבען די איינציגע הער-שער אין שפּאַניען. אין יאָהר 1492 זיינען די אידען פערטריבען געוואָרען פון שפּאַניען און נאָכדעם אויך פון פּאָרטוגאַל און פון דער אידישער קול-טור איז קיין שפּור ניט געבליבען.

אין די לעצטע דריי יאָהרהונדערטער איז צושטערט געוואָרען די אי-דישע קולטור אין דריי צענטערן: אין 13טען יאָהרהונדערט זיינען די אידען פערטריבען געוואָרען פון ענגלאַנד, אין 14טען פון פראַנקרייך און אין 15טען פון שפּאַניען און פּאָרטוגאַל.

עס איז נאָך געבליבען איין אידישער צענטער אין דייטשלאַנד און דריי קלענערע אין איטאַליען, ביצאַנץ און אין פּוילען. פון דייטשלאַנד האָט מען זיי ניט געטריבען, נאָר מען האָט זיי פערשלאָסען אין א געטאָ, מען האָט זיי פערוואַנדעלט כמעט אין שקלאַפען און מען האָט זיי ערנידריגט מיט פער-שיידענע געזעצען, וואָס האָבען זיי אָפּגעזונדערט פון דער אַלגעמיינער גע-זעלשאַפט. דאָס רעכט צו אָטעמען לופט האָט דער איד געמוזט קויפען פיר זיינע לעצטע גראָשענס און ער האָט זיך געמעגט בעשעפטיגען נאָר מיט קליין־האַנדעל און פּראָצענט. דער איד האָט געטראָגען דעם נאָמען „קאַמערקנעכט" און ער איז עס ווירקליך געווען. די רעגירונג האָט זיי ניט געוואָלט בעשיצען געגען אָנפאַלען פון די מאַסען, וועלכע זיינען געטריבען

15טער יאָהרהונדערט ענדיגט זיך מיט דעם טריאומף פון דער אינקוויזיציע אין שפּאַניען און מיט די מערדערייען פון דעם בעריהמטען טאָרקוועמאַדאַ. די אונמענשליכע ליידען פון די אידען אין יענער צייט האָבען ניט קיין ביישפּיל אין דער געשיכטע פון דער מענשהייט.

אין דעם קאָנציליום (פערזאַמלונג) פון די גייסטליכע אין יאָהר 1225 אין לאַטעראַן האָט דער פּאַפּסט איננאָצענץ דער 3טער דורכגעפיהרט אַ געזעץ, דאָס אידען מוזען טראָגען גאַנץ אַנדערע קליידער פון די קריסטען, אום יעדער קריסט זאָל באַלד דערקענען דעם אידען און זאָל איהם פערב‑אַכטען. אום אָפּצוהיטען די קריסטען פון דעם אידישען איינפלוס האָט דער פּאַפּסט געגרינדעט אַ גאַנצע אַרמעע פון שפּיאָנען פון דעם דאָמיניקאַ‑נער אָרדען, און זיי האָבען איינגעפיהרט די הייליגע אינקוויזיציע אין זיד‑פראַנקרייך. ווייל מען האָט אויך מורא געהאַט פאַר'ן אידישען איינפלוס צו שאַדען דעם קריסטענטום, האָט מען אָנגעהויבען צו פערפאָלגען דעם תלמוד. אין דער צייט פון לודוויג דעם 9טען (דער פרומער) האָט מען פּעוי'‑משפט דעם תלמוד צום פערברענען. דאָס פאָלק האָט אַרויסגעשטופּט די אידען פון אַלע געשעפטען, פון אינדוסטריע און האַנטווערק, און מען האָט זיי ערלויבט נאָר דעם קליין־האַנדעל און פערלייהען געלט אויף פּראָצענט. אויך אין ענגלאַנד האָבען די דאָמיניקאַנער מיט די פראַנציסקאַנער געהייצט די מאַסען געגען אידען. דיזע האָבען געזוכט שוץ ביי די קעניגען, וועלכע האָבען פון זיי אויסגעזויגט דעם לעצטען טראָפּען בלוט און נאָכדעם זיי אין גאַנצען אַרויסגעטריבען פון ענגלאַנד (1290). מיט 100 יאָהר שפּע‑טער (1394) האָט מען זיי אויך אַרויסגעטריבען פון פראַנקרייך. די הויפּט־אורזאַך פון דיזע אַלע פערפאָלגונגען איז געווען די פערפלוכטע עלילת דם, דאָס אידען געברויכען בלוט פון קריסטליכע קינדער צו רעליגיעזע צוועקען. דערצו האָט מען נאָך צוגעגעבען אַנדערע בעשולדיגונגען: דאָס די אידען זיינען מבזה די קריסטליכע הייליגע זאַכען, דאָס זיי פערגיפטען די וואַסער אין די ברונענס או. אַנד. מען האָט פערפאָלגט די אידישע בעפעלקערונג אָהן רחמנות.

הונדערט יאָהר נאָכדעם האָט מען אַרויסגעטריבען די אידען אויך פון שפּאַניען און פּאָרטוגאַל (1492—1498), וואו עס איז געווען דער וויכטיג‑סטער קולטור־צענטער פון יודענטום. נאָך דעם, ווי די קריסטען האָבען אַרויסגעטריבען די אַראַבער פון שפּאַניען (1212—1233), האָט זיך די קירכע גענומען צו פערפאָלגען די אידען. זעהר אָפט זיינען די קעניגען און די העכערע קלאַס פון דער קריסטליכער בעפעלקערונג געווען געגען די

מאַטיקער, נאַטור־פאָרשער און רעגירונגס־בעאַמטע. אָבער דער **דרוק האָט** דאָך געווירקט. די פילאָזאָפיע האָט געמוזט מאַכען פּלאַץ פיר די קבלה, וואָס איז געוועזען אַ מין נייע פילאָזאָפיע וועגען גאָט, וועגען דעם מענשען און וועגען דער וועלט. צו ענדע פון 13טען יאָהרהונדערט איז פּלוצלינג ערשינען דער „זוהר", וועלכער איז געוואָרען אַ סאָרט ביבעל פיר די קבלה. די קבלה האָט געמאַכט אַ גאַנצע איבערקעהרעניש אין דעם אידישען גייסט. אויך דער תלמוד האָט פערנומען מעהר פּלאַץ ווי פריהער. דער רמב"ן, דער רשב"א, דער רא"ש, דער בעל הטורים זיינען געוועזען גרויסע תלמודיסטען, אָבער זיי האָבען ניט געהאַט קיין אינטערעסע פיר פילאָזאָפיע און נאַטור־וויסענשאַפטען.

אין נאָרד־פראַנקרייך און אין דייטשלאַנד איז פון פילאָזאָפיע און וויסענשאַפט קיין זכר ניט געבליבען. דאָרט האָט דער תלמוד בעהערשט דעם גאַנצען אידישען גייסט. דייטשלאַנד איז געוואָרען דער הויפּט־צענטער פון תלמוד־שטודיום. דיזער שטודיום האָט זיי געמאַכט פערגעסען אַלע זייערע צרות. דער קאָדעקס פון רמב"ם („יד החזקה") האָט פערלאָרען זיין פריהערדיגען ווערט צוליב זיין נייגונג צו פילאָזאָפיע, און עס זיינען גע־שאַפען געוואָרען נייע קאָדעקסען. מען האָט אָנגעהויבען זאַמלען און קאָדי־פיצירען (אָרדנען) די מנהגים פון פאָלק (דער מהרי"ל און פיעלע אַנדערע).

יג. די אידען אין פראַנקרייך און ענגלאַנד ביז דעם גירוש.

דער פּאַפּסט איננאָצענץ דער 3טער (1198—1216) איז געוועזען דער גרינדער פון דעם קירכליכען אַבסאָלוטיזם, וועלכער האָט געדריקט די וועסט־אייראָפּעאישע פעלקער אַ לאַנגע צייט ביז דער ערשיינונג פון לוטהער'ן. דער פּרינציפּ, דאָס „דער פּאַפּסט מאַכט קיין מאָל ניט קיין פעהלער", וועל־כער האָט געגעבען די פּאַפּסטען אַן אונבעשרענקטע מאַכט איבער קעניגען און פעלקער, איז געוועזען די ערפינדונג פון איננאָצענץ'ן. ער איז אויך גע־וועזען אַ שרעקליכער פיינד פון אידען און יודענטום. אָבער אַזוי ווי ער האָט געפונען פיר אונמעגליך צו פערניכטען אַלע אידען, האָט ער געזוכט ווע־ניגסטענס צו ערנידריגען זיי און מאַכען פון זיי אַ רעכטלאָזע קאַסטע. ער האָט געשריבען צו די קעניגען און פירסטען, דאָס דערפאַר וואָס די אידען האָ־בען געקרייציגט גאָט'ס זוהן יעזוס'ן, דאַרפען זיי זיין ווי קיין נעווענד איבער דער גאַנצער וועלט. די קריסטליכע הערשער זיינען מחויב אָפּצוזונ־דערן זיי פון דער קריסטליכער געזעלשאַפט און מאַכען פון זיי אַ קלאַס אָהן שום רעכטען, אום אַלע זאָלען זעהן דעם אונטערשייד פון אמת'ע קינדער

געוואָרען געגען די אידען פון אזעלכע אויפהעצער ווי רינדפלייש. ארמלעדער און נאָך אזעלכע. קיינער האָט זיי ניט געקענט בעשיצען געגען דער בעשולדיגונג, דאָס זיי זיינען די אורזאַך פון דעם שווארצען טויט, וואָס האָט געוויטעט אין אייראָפּא אין די יאָהרען פון 1348 ביז 1350. די מאַסע האָט פערניכטעט גאַנצע אידישע קהלות. דער איד איז געוועזן דער שעיר לעזאזל פיר אַלע שטורמישע נאַטור־קרעפטען.

דאָך איז דער דייטשער איד געוועזן זעהר שטאַרק אין מוט און גייסט. קיין משומדים, זאָגאַר אזעלכע, וואָס אין געהיים האַלטען זיי זיך פעסט אָן יודענטום, זיינען דאָרט אין יענער צייט ניט געוועזן. ער, דער גטאָ־איד, איז געוועזן שטאַרק ווי א פעלז, ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען בייטען זיין רעליגיאָן אָדער פערלאָזען זיין נאַציאָן; ער איז געוועזן גרייט צו ליי־דען אַלערליי יסורים, זאָגאַר שטאַרבען, און האָט ניט געביטען זיין רעליגיאָן און זיין פאָלק. זעהר פיעלע דייטשע אידען זיינען ענטלאָפען נאָך פוילען. די פוילישע קעניגען פון יענער צייט האָבען געוואוסט צו שעצען די נוצען, וואָס די אידען ברייגגען דעם לאַנד מיט זייער האַנדעל. אָבער מיט דער צייט האָט זיך אויך אין פוילען פערברייטעט דער גיפט פון פאַנאַטיזם און קנאה און זיי האָבען אויך געמוזט טרינקען דעם ביטערען בעכער, וועלכען זייערע ברידער האָבען געטרונקען אין מערב־אייראָפּא.

דאָס איינציגע לאַנד, וואו דער אידישער שיקזאַל איז ניט געוועזן אזוי פינסטער, איז געוועזן איטאַליען. דאָרט האָט זיך שוין געפיהלט דער גייסט פון רענעססאַנס (ווידער־אויפלעבונג) און פון וויסענשאַפט. אמת, די אי־דען האָבען דאָרט ניט געהאַט קיין פולע גלייכבערעכטיגונג, אָבער זיי האָבען דאָרט זעלטען געליטען פערפאָלגונגען.

די טרויעריגע לאַגע פון די אידען אין דיזע דריי יאָהרהונדערטער האָט געהאַט א טרויעריגע ווירקונג אויף זייער גייסטיגען צושטאַנד און האָט אין זיי בעשאַפען א רעאַקציע. אין אָנהויב פון 13טען יאָהרהונדערט האָט זיך צופלאַקערט א שרעקליכע מחלוקה צווישען די אָרטהאָדאָקסען און די אָנהענגער פון רמב"ם. מיט הונדערט יאָהר שפּעטער האָבען אויך די גרעס־טע רבנים אין שפּאַניען פערוועהרט יונגע מענשען צו בעשעפטיגען זיך מיט פילאָזאָפיע און נאַטור־וויסענשאַפטען (1305). דיזער איסור האָט ניט געהאַט קיין ווירקונג אויף די ספרדישע און איטאַליענישע אידען. אויך נאָך דעם איסור געפינען מיר צווישען זיי זעהר וויכטיגע פילאָזאָפען, ווי דער רלב"ג, קרעסקאַס, ר' יוסף אַלבאָ (דער בעל „העקרים"). עס האָבען זיך נאָך געפונען צווישען אידען פיעלע דאָקטוירים, אַסטראָנאָמען, מאַטהע־

און ווער ניט". די פרוי פון כימאָן מאָנפאָר האָט געהייסען כאפּען אידען אין טולוז און טויפען זיי מיט געוואלד, און ווער עס האָט ניט געוואָלט טויפען זיך, האָט זי געהייסען ערמאָרדען (1217). אָבער נאָר 57 אידען האָבען זיך גע'שמד'ט, די איבריגע זיינען אומגעקומען על קידוש השם.

דאָס וואָס די קריין ציגלער האָבען איבערגעלאָזען האָט פערניכטעט די אינקוויזיציאָן. איהר האָבען געדאָלפען די פראַנציסקאַנער און די דאָמי־ניקאַנער, די געפעהרליכסטע כלי משחית אין די הענט פון דער קירכע. זיי

אידישע קליידער מיט די שאַנד־לאַטעס.

האָבען אויסגעפונען יערען, וואָס האָט אויף זיך געהאַט א חשד פון פרייזין, און יעדען אידען, וועלכען מען האָט געקענט חושד זיין, דאָס ער האָט איהם געהאָלפען ווערען א פרייזינינגער, האָבען זיי איבערגעגעבען אין די הענט פון דער אינקוויזיציאָן. די דאָמיניקאַנער און די פראַנציסקאַנער האָבען איבעראַל פערשפרייט צו די אידען א גרויסען האַס.

לודוויג דער היילינגער. די ויכוחים און די פערברענונג פון דעם תלמוד. לודוויג דער 9טער, וועלכען די קירכע האָט אָנגערופען לודוויג דער

פון דער קירכע און די פון גאָט פּעראַכטעטע קינדער פון דער סינאַגאָגע. דער האַס פון איננאָצענץ'ן צו די אידען שטאַמט דערפון, וואָס די אַלביגענ־זער האָבען געוואָלט רעפאָרמירען דאָס קריסטענטום און ברייננען עס צוריק צו דער פאָרמע, ווען ער איז געווען זעהר נאָהענט צום יודענטום. איננאָ־צענץ האָט דיזע בעוועגונג דערשטיקט, אָבער דער שרעק פיר דעם געדאַנק, אַז דאָס יודענטום קען האָבען אַן איינפלוס אויף'ן קריסטענטום, האָט איהם ניט געלאָזען רוהען.

די פערזאַמלונג פון גייסטליכע אין יאָהר 1215 אונטער דער לייטונג פון איננאָצענץ'ן האָט בענייט די קירכליכע געזעצען, וועלכע זיינען געמאַכט געוואָרען צו בעשרענקען די רעכטען פון די אידען, און האָבען צוגעגעבען פיעלע נייע, אום צו פערביטערן דעם אידען זיין לעבען. די פערזאַמלונג האָט שטרענג פערוועהרט צו געבען אַ אידען וועלכע עס איז שטעלע אין דער רעגירונג. די וואָך פאַר זייער פסח האָט זיך אַ איד ניט געטאָרט ווייזען אין די גאַסען, וויל דאָס וואָלט אויסגעוויזען, דאָס די אידען לאַכען פון דעם קריסטליכען טרויער ווענען זייער גאָט'ס טויט.

אָבער דאָס ערגסטע געזעץ איז געווען, וואָס יעדער איד האָט געמוזט טראָגען אַ געלע לאַטע אויף זיין אויבער־בגד, אום יעדער זאָל דערקענען, דאָס ער איז אַ איד און דאָס קיין געזעץ בעשיצט איהם ניט, אַז יעדער קריסט האָט דאָס רעכט אָנצוטאָן איהם אַלע צרות, בעליידיגען איהם פיעל זיין הארץ גלוסט און דער איד האָט ניט קיין רעכט צו בעקלאָגען זיך אויף איהם. צום גליק האָבען די הערשער ניט געפאָדערט, אַז דיזער קירכליכער געזעץ זאָל פינקטליך דורכגעפיהרט ווערען, און ווען אַ בעאַמטער האָט עס יע גע־וואָלט פאָדערן, האָבען זיך די אידען אויסגעקויפט מיט געלט. נאָר אין פראַנקרייך און אין דייטשלאַנד האָט מען אין אייניגע ערטער שטרענג גע־פאָדערט, אַז דיזעס באַרבאַרישע געזעץ זאָל דורכגעפיהרט ווערען.

די ערסטע האָבען דערפיהלט דעם האַס פון דער קירכע די אידען פון זיד־פראַנקרייך, אין פּראָוואַנס. ווען איננאָצענץ האָט געאָרדענט אַ קרייץ־צוג געגען די אַלביגאָיען האָט ער אויך געמיינט די אידען. דער אָנפיהרער פון די קרייץ־ציגלער, סימאָן מאָנפאָר, איז בעפאָלען יעדען, אויף וועמען עס איז געווען אַ חשד, דאָס ער איז אָנגעשמעקט מיט פּרייזין. 20 יאָהר האָט געדויערט דער שטרייט (1209—1229). ווען מען האָט איינגענומען די שטאָדט בעזיער זיינען אויך געפאַלען 200 אידען. דער פיהרער פון אַן אָפּטיילונג קרייץ־ציגלער, אַרנאָלד, האָט געהייסען זיין באַנדע: „שניידט אַלע קעפּ, דאָרט, אויף'ן הימעל, וועט מען שוין אויסגעפונען ווער עס איז שולדיג

צעהלט לודוויג דעם פרומען, האָט ער געזאָגט: די ויכוחים וועגען גלויבען דאַרפען פאָרקומען נאָר צווישען טהעאָלאָגען, אָבער דער זייטיגער, וואָס שטעהט דערביי און הערט, ווי אַ איד איז מבזה די קריסטליכע רעליגיאָן, האָט דאָס רעכט צו בעשיצען איהר עהרע זאָגאַר מיט'ן שווערד.

עס האָבען זיך אָנגעהויבען אַריינמישען אין דעם רעליגיעזען לעבען פון די אידען די קריסטליכע גייסטליכע, ווי אויך די רעגירונגס־בעאַמטע. מען האָט אָנגעהויבען זוכען אין די אידישע ספרים שטעלעס, וואָס זיינען געגען קריסטענטום. צו הילף פון די קריסטען איז אויפגעטרעטען אַ אידי־שער משומד ניקאָלאַי דאָנין. ער האָט צוגעשטעלט צום פּאַפּסט גרעגאָריוס דעם 9טען אַ גאַנצע רייהע פון בעשולדיגונגען געגען דעם תלמוד, וועלכער ענטהאַלט נאָך זיין מיינונג זעהר פיעלע פערדאָרבענהייטען, ווי אויך בעליידיגונגען געגען קריסטען און קריסטענטום. דער פּאַפּסט האָט געגעבען אַ בעפעהל, אַז מען זאָל צונעהמען אַלע עקזעמפּלאַרען פון תלמוד, וואָס זיי וועלען געפינען אין אידישע הענט, און זיי זאָלען גוט אויספאָרשען, ווי ווייט אמת עס זיינען די בעשולדיגונגען פון דעם משומד דאָנין (1239). אין פּאַ־ריז האָט מען פריהער, ווי אין אַנדערע ערטער, אָפּגענומען פון אידען די עק־זעמפּלאַרען פון תלמוד און מען האָט איינגעלאַדען די רבנים, זיי זאָלען ענט־פערן אויף די פראַגען, וואָס מען וועט זיי וועגען דעם שטעלען. פיער רבנים זיינען געוועזען איינגעלאַדען צו דיזען צוועק, אונטער זיי זיינען אויך געוועזען ר' יחיאל פון פּאַריז און ר' משה פון קוסי. דעם 12טען יוני 1240 האָט זיך אָנגעפאַנגען דער דיספוט. דער הויפּט־רעדנער איז געוועזען ר' יחיאל. ביי די דעבאַטען זיינען געוועזען אָנוועזענד גרויסע קירכליכע בעאַמטע און פיעלע פון קעניגליכען הויף. ר' יחיאל האָט אין אַ שענער שפּראַך בעוויזען, דאָס אין תלמוד איז ניטאָ קיין שום זאַך געגען גאָט און געגען קריסטענטום. אָבער זיינע בעווייזען האָבען איהם גאָרניט געהאָלפען. די ריכטער האָבען אַרויסגעגעבען זייער פסק, דאָס דער תלמוד דאַרף פערברענט ווערען. מען האָט געבראַכט אין פּאַריז 29 וועגען מיט עק־זעמפּלאַרען פון תלמוד און מען האָט זיי אַלע עפענטליך פערברענט (1242). דיזע געשיכטע האָט זעהר ערביטערט די אידען פון אַלע לענדער, און ר' מאיר פון ראָטענבורג האָט פערפאַסט אויף דיזען צופאַל די בעריהמטע קינה „שאלי שרופה באש", וועלכע די אידען לעזען מיט צובראָכענע הערצער עד היום אום תשעה באב, ווען זיי טרויערן אויף זייער ביטערען שיקזאל אין דער גאַנצער צייט פון זייער לאַנגען גלות.

הייליגער (1226—1270), איז געוועזן מיט לייב און זעעלע איבערגעגעבען צו דער רעליגיאָן. זיין זיידע פיליפּ אויגוסט האָט טיראַניזירט די אידען צו־ליב זיין תאוה צו געלט און זיין עניקעל האָט זיי נאָך שרעקליכער טיראַני־זירט צוליב זיין איבערגעבענהייט צו דער קירכע. ער איז ניט געוועזן קיין שלעכטער, אָבער ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען רעליגיאָן איז ער גע־ווען גרויזאַם. ווען די קרייץ־ציגלער האָבען אָהן רחמנות געשאָכטען אידען אין אַנזשו, פּואַטו און באָרדאָ, האָט זיי די רעגירונג ניט געגעבען קיין שוץ. דער פּאַפּסט גרעגאָריוס דער 9טער איז אַרויס מיט אַ פּראָטעסט געגען די רדיפות אויף אידען, אָבער דער פרומער לודוויג האָט דערפון ניט געוואָלט הערען. ער האָט געהייסען טויפען מיט גוואַלד גאַנצע אידישע פאַמיליעס.

לודוויג דער הייליגער האָט פערוועהרט די אידען צו פערלייהען געלט אויף פּראָצענט. ער האָט זיי אָבער ניט ערלויבט צו טאָן אַן אַנדער זאַך אום צו קענען זיך ערנעהרען. ער האָט אייניגע מאָל געגעבען אַ בעפעהל, דאָס די קריסטליכע בעלי חובות זאָלען ניט בעצאָהלען די אידען זאָגאַר אַ טייל פון דעם קאַפּיטאַל. ער האָט אין גאַנצען געוואָלט פערוועהרען די אידען בע־שעפטיגען זיך מיט פערלייהען געלט אויף פּראָצענט, אָבער די באַראָנען, זיינע וואַסאַלען, האָבען געזאָגט זייער מיינונג, דאָס ער וועט דערמיט שאַפען אין לאַנד אַ קריזיס, ווייל די סוחרים און די גוטס־בעזיצער מוזען אָפט באָר־גען געלט, און ווען ער וועט עס פערבאָטען די אידען און ערלויבען עס די קריסטען, וועלען דיזע נעהמען פיעל גרעסערע פּראָצענטען.

דער וואונש צו בעקעהרען אידען צום קריסטענטום האָט דאַמאָלס גע־הערשט איבעראַל. דער מיטעל דערצו איז דאַמאָלס געוועזן: ויכוחים צווי־שען געלעהרטע קריסטען און רבנים. הגם די אידען פלעגען קריגען די ערלויבנים ארויסצוזאָגען פריי זייערע איבערצייגונגען, דאָך פלעגען זיך די ויכוחים געוועהנליך ענדיגען זעהר טרויעריג פיר די אידען. אַ פראַנצויזי־שער היסטאָריקער פון יענער צייט דערצעהלט, דאָס אין קלונישען מאָנאַס־טיר איז פאָרגעקומען אַ ויכוח צווישען די מאָנאַכען און דעם רב פון שטאָדט. דערביי זיינען געוועזן אידען און קריסטען. צווישען די קריסטען האָט זיך אויך געפונען אַ ריטער. דיזער האָט געפרעגט דעם רב, אויב ער גלויבט, דאָס די הייליגע מוטער פון יעזוס'ן, מרים, איז מעוברת געוואָרען מיט איהם ניט דורך אַ זינד, נאָר פון גאָט זעלבסט. דער רב האָט געענטפערט, אַז דאָס גלויבט ער ניט. דער ריטער האָט דערפאַר געשלאָגען דעם רב מכות רצח און האָט איהם שטאַרק פערוואונדעט. די אידען האָבען צוגענומען זייער פערוואונדעטען רב און זיינען אַוועק. ווען מען האָט וועגען דעם צופאַל דער־

דעם זעלבען יאָהר האָבען די אינקוויזיטאָרען פערברענט דעם רב פון טולוז, ר' יצחק מאַל, דערפאַר וואָס ער האָט געזאָגט וידוי מיט אַ משומד, וועלכער האָט פאַר זיין טויט צוריקגעקעהרט זיך צום יודענטום, און דער רב האָט איהם מקבר געווען אויף דעם אידישען בית עולם. די אינקוויזיציאָן האָט געהאַט אַ גאַנצען לעגיאָן שפּיאָנען פון די דאָמיניקאַנער מאָנאַכען. זיי זיינען געווען די געהיים־פּאָליציי פון דער קירכע און האָבען פערביטערט דאָס אינערליכע לעבען פון די אידען. זיי פלעגען אויך זעהר אָפט אָרגאַניזירען מאַסען־פּאָגראָמען אויף אידען.

גירוש פראַנקרייך. די גזירה פון די פּאַסטוכער. דער נאָכפאָלגער פון לודוויג דעם פרומען, פיליפּ דער מוטיגער (1270—1285), האָט שטאַרק אכטונג געגעבען, דאָס די אידען זאָלען טראָגען געלע לאַטעס אויף זייערע קליידער, ניט האַלטען קיין קריסטליכע בעדינטע, ניט האָבען אין זייערע הייזער דעם תלמוד און ניט רעפּאַרירען די אַלטע שולען. דער קעניג, וואָס האָט געהערשט נאָך איהם, פיליפּ דער שענער (1285—1314), האָט געזוכט בעסער צו שינדען די הויט פון די אידען. צו דיזען צוועק האָט ער פער־וועהרט די גייסטליכע בעאַמטע צו אַרעסטירען אַ אידען אָהן דער ערלויבניס פון דעם רעגירונגס־בעאַמטען פון אָרט. שפּעטער האָט ער אויך פון די אינ־קוויזיטאָרען צוגענומען דיזע רעכטען, אום ער אַליין זאָל האָבען די מעגליכ־קייט צו עקספּלואַטירען די אידען. ער האָט זיי בעלאַסטעט מיט שווערע שטייערן, אָבער זעהר אָפט פלעגט ער זיי איינפאַך בערויבען ווי אַ וואַלד־גזלן: ער פלעגט אַרעסטירען רייכע אידען און צונעהמען פון זיי זייער פערמעגען.

אין יאָהר 1306 האָט פיליפּ דער שענער ארויסגעגעבען אַ בעפעהל, דאָס אַלע אידען פון פראַנקרייך זאָלען פערלאָזען דאָס לאַנד אין אַ מאָנאַט צייט. דיזער בעפעהל איז דורכגעפיהרט געוואָרען אַ טאָג נאָך תשעה באב. מען האָט זיי ערלויבט נעהמען מיט זיך נאָר די נעטיגסטע קליידער און אַ ביסעל שפּייז אויף'ן וועג. אַלץ, וואָס עס איז איבערגעבליבען פון די ארויס־געטריבענע, האָט דער קעניג צוגענומען. אויך דאָס געלט, וואָס קריסטען זיינען געווען שולדיג צו אידען, האָט ער איינגעמאָהנט. די ליידען פון די אַרויסגעטריבענע זיינען געווען אונבעשרייבליך.

דער גירוש האָט געבראַכט פראַנקרייך גרויס שאָדען. דער האַנדעל איז געוואָרען אין גאַנצען פּאַראַליזירט. די קעניגליכע קאַסע איז געוואָרען פּוסט. דאָס פאָלק זעלבסט האָט אָנגעהויבען פאָדערן, אז מען זאָל די אידען צוריקרופען אין לאַנד. דער קעניג לודוויג דער 10טער (1315) האָט אָנגע־

מיט אייניגע יאָהר שפּעטער האָבען זיך די אידען פון פראַנקרייך גע-
ווענדעט צום נייעם פּאַפּסט איננאָצענץ דעם 4טען מיט אַ ביטע, אַז ער זאָל
זיי ערלויבען צו געברויכען דעם תּלמוד. ער האָט בעשטימט אַ נייע קאָ-
מיסיאָן, וועלכע איז בעשטאַנען פון מענשען, וואָס האָבען זאָגאַר ניט גע-
קענט לעזען דעם תּלמוד, און דיזע האָט איהם אויך פער'משפּט (1248).

מיט אַ יאָהר שפּעטער האָט לודוויג דער פרומער אונטערגענומען אַ
נייעם (7טען) קרייץ־צוג געגען די אונגלויביגע אין אָריענט (די מאַחמעדאַ-
נער). דאָס געלט אויף די הוצאות פון דער מלחמה האָט ער געריבט פון
אידען. אין עגיפּטען איז ער אַריינגעפאַלען אין פּלען צו די מוסולמאַנער.
דיזע האָבען איהם געפרעגט: וואָרום זוכט ער אונגלויביגע אין אזיען, ווען
ער האָט אַזוי פיעל אונגלויביגע ביי זיך אין דער היים, די אידען. ווען ער
איז צוריקגעקומען אין זיין לאַנד האָט ער געהייסען אַרויסטרייבען אַלע
אידען פון זיינע אייגענע פּראָווינצען (1254). מיט אייניגע יאָהר שפּעטער
האָט ער זיי ערלויבט צו בעזעצען זיך צוריק אויף זייערע פריהערדיגע ער-
טער, אָבער אין אַ קורצער צייט נאָכדעם האָט ער אָפּגעפרישט דאָס אַלטע
געזעץ, אַז אידען מוזען טראָגען אַ געלע לאַטע אויף זייערע אויבער־קליידער.

אין דער צייט, ווען דער הייליגער לודוויג האָט געפּייניגט די אידען אין
נאָרד־פראַנקרייך, האָט זיין ברודער גראַף אַלפאָנס דע פּואַטיע פערפאָלגט
אין זיד־פראַנקרייך. ער האָט געגעבען דאָס רעכט צו פיעלע שטעדט אַרויס-
צוטרייבען די אידען מיט דעם בעדינג, אַז מען זאָל איהם בעפרידיגען פיר
דעם היזק, וואָס ער וועט דערפון ליידען. די אידען האָבען איהם גוט בע-
צאָהלט און ער האָט זיי געלאָזען צורוה. אָבער מיט אַ קורצער צייט שפּע-
טער האָט ער אַרעסטירט פיעלע רייכע־אידען און האָט קאָנפיסקירט זייערע
רייכטימער (1268). מיט אַ יאָהר שפּעטער האָט ער אַרויסגעגעבען אַ בע-
פעהל, דאָס אידען מוזען טראָגען אַ געלע לאַטע אויף זייערע אויבער־קליי-
דער, ער האָט אָבער זיי געגעבען די ערלויבניס אויסצוקויפען זיך פון דיזער
שאַנדע. עס איז אויסגעקומען אי פרום אי איינטרעגליך.

די אינקוויזיציאָן, וואָס איז געגרינדעט געוואָרען אין זיד־פראַנקרייך
צו פערניכטען אַפּיקורסות, האָט אויך די אידען שטאַרק געטראָפען. די
גייסטליכע האָבען אָנגעהויבען צו בעקלאָגען זיך, דאָס פיעלע משומדים ווע-
רען צוריק אידען, און דאָס זאָגאַר אייניגע קריסטען ווערען בעקעהרט צום
יודענטום. די אינקוויזיטאָרען האָבען אָנגעפרעגט דעם פּאַפּסט ניקאָלאַי
דעם 3טען, וואָס מען זאָל טאָן מיט זיי. דער פּאַפּסט האָט געהייסען, אַז
מען זאָל זיי איבערגעבען צו דער רעגירונג און זי זאָל זיי פערברענען. אין

אונטער זיין קאָמאַנדע אַ גרויסע צאָהל בויערן און פּאַסטוכער, און אַ גע-וויסער גלח איז געוואָרען אַ פיהרער פון אַן אָפּטיילונג פון דיזער קאָמאַנדע. די אַרמעע פון דיזע קרייץ-ציגלער זיינען געגאַנגען פון שטאָדט צו שטאָדט און האָבען איבעראַל געברענט און גערויבט. גאַנצע אידישע קהלות זיינען פערניכטעט געוואָרען פון דיזער רויבער-באַנדע. אין דער פעסטונג ווערדון האָבען זיך פערטיידיגט 500 אידען אין אַ טורם, אָבער ווען די קרייץ-פּאָה-רער האָבען גענומען שטורמען דעם טורם און די אידען האָבען איינגעזעהען, דאָס זיי קענען זיך מעהר ניט פערטיידיגען, האָבען זיי זיך איינער דעם אַנ-דערען געטויטעט אום ניט אַריינצופאַלען אין די הענט פון די באַרבארען. באַלד האָט זיך די רעגירונג אַרומגעזעהען, דאָס די מאַסע ווערט מעהר און מעהר ווילד, און זי האָט זי צוטריבען (1320). אַן ערך 120 אידישע קהלות זיינען אומגעקומען פון די פּאַסטוכער אין זיד-פראַנקרייך און נאָרד-שפּאַניען.

נאָך איידער די אידען האָבען פערגעסען די ליידען פון די פּאַסטוכער, האָט זיי געטראָפען אַ נייער אונגליק. אין פראַנקרייך זיינען דאַמאָלס געווען זעהר פיעלע מצורעים (קרעציגע). אום די געזונטע זאָלען זיך פון זיי ניט אָנשטעקען, האָט מען זיי געהאַלטען אויסער'ן שטאָדט. די מצורעים זיינען געווען זעהר אין כעס פיר דיזע אָפּזונדערונג און האָבען פערגיפטעט אַלע ברונענס אין יענער געגענד (1321). ווען מען האָט זיך גענומען צו זיי אויספרעגען דורך די אינקוויזיציאָן, האָבען זיי געענטפערט, דאָס די אי-דען האָבען זיי אָנגערעדט דאָס צו טאָן אַלס ראַכע פיר די שחיטות, וואָס די פּאַסטוכער האָבען זיי פערשאַפט. מען האָט גענומען בעשטראָפען די איהָען מיט אַלערליי מיתות משונות. אין שיניאָן האָט מען 160 אידישע מע-נער און פרויען פערברענט לעבעדיגערהייט. אונטער אַזעלכע פערפאָלגונגען זיינען זיי געווען אונטערוואָרפען אויך אין אַנדערע ערטער. ענדליך האָט זיך דער קעניג איבערציינגט אין זייער אונשולד, אָבער ער האָט זיך בענוצט מיט דער לאַגע און האָט פון זיי אַרויסגעזויגען אַ גרויסע סומע געלט פיר דעם שוץ, וואָס ער האָט זיי צוגעזאָגט. אין דער אידישער געשיכטע איז דיזע קאַטאַסטראָפע בעוואוסט אונטער'ן נאָמען „גזירת המצורעים".

דעם קעניג'ס גאַראַנטי האָט ניט געקענט בעשיצען די אידען פון די ווילדע בעפאַלען פון דעם פאָלק. דער קעניג האָט אויך ניט געקענט איבער-בייטען זיין מיינונג, אַז דאָס אידישע פערמעגען איז זיין אייגענעס. די אי-דען האָבען אָנגעהויבען אַליין עמיגרירען פון פראַנקרייך. אָבער אין איי-ניגע ערטער האָט די רעגירונג פערבאָטען און האָט זיי אַרויסגעטריבען פרי-הער און קאָנפיסקירט זייער פערמעגען. פון דעם יאָהר 1322 ביז 1359 איז

הויבען אונטערהאנדלען וועגען דעם מיט די אידען. די אידען האָבען פער-לאַנגט פון קעניג, אז ער זאָל זיי צוריקגעבען זייערע שולען און בית עולם'ס, מען זאָל זיי געבען דאָס רעכט אויפצומאָהנען די חובות, וואָס זיינען נאָך ניט אַיינגעצאָהלט געוואָרען, און דאָס רעכט צו בעשעפטיגען זיך מיט אַלער-ליי האַנטווערקען און מסחרים. דער קעניג האָט פערלאַנגט, דאָס די אידען זאָלען טראָגען אויף זייערע קליידער דעם סימן איד און דאָס זיי זאָלען ניט דיסקוטירען מיט מענשען פון פאָלק וועגען רעליגיאָן. 9 יאָהר נאָך דעם גירוש האָבען זיך די אידען צוריקגעקעהרט אין פראַנקרייך אלס א פּראָבע אויף 12 יאָהר: אויב נאָך דיזער צייט וועט דער קעניג אויסגעפינען, דאָס די אידען זיינען ניט ניצליך דעם לאַנד, דארף זיי דער קעניג געבען א יאָהר צייט זיי זאָלען זיך פאַרבערייטען צו פערלאָזען דאָס לאַנד. דער קעניג האָט זיי פערשפּראָכען זיין שוץ געגען יעדער גוואַלדטאַט.

אָבער דער קעניג האָט ניט געהאַלטען זיין פערשפּרעכען צו בעשיצען די אידען. דאָס פאָלק האָט געגלויבט, דאָס אידען פּראַווען כשוף מיט דעם בלוט פון קריסטליכע קינדער, און האָבען זעהר אָפט בעשולדיגט אידען אין דיזען פערברעכען, און די אינקוויזיציאָן האָט פעראורטיילט צום טויט זעהר פיעלע אונשולדיגע אידען. אין יאָהר 1288 האָט מען אין טרואַ פער'משפט צום טויט 13 אידען צוליב א פאַלשער בעשולדיגונג, דאָס זיי האָבען ער-מאָרדעט א קריסטליך קינד אום צו געברויכען זיין בלוט אין מצות. אין יאָהר 1290 האָט מען אין פּאַריז פערברענט א אידען מיט זיין פרוי, וועלכע מען האָט בעשולדיגט, דאָס זיי האָבען געשטאָכען א האָסטיע (ד. ה. דאָס קירכען־ברויט, וועלכעס איז ביי די קריסטען א סימבאָל פון קריסטוס'עס קערפּער), און פון דער האָסטיע האָט ארויסגעשפּריצט בלוט. אין יאָהר 1370 האָט מען אין שיניאָן פערברענט צוויי אידען צוליב אַן עלילת דם. די קלעריקאַלען האָבען בעשטעטיגט דעם וואונדער פון דעם בלוט פון א האָסטיע, דאָס פאָלק האָט געגלויבט און האָט זיך מיט די אידען אָפּגערעכענט. אזעלכע אונשולדיגע אָפּפער זיינען געווען א זעהר געוועהנליכע ערשיינונג.

אין יאָהר 1320 האָט זיך פערשפּרייט א קלאַנג, דאָס דער קעניג פּאָר-בערייטעט זיך צו א נייעם קרייץ־צוג געגען די מאַחמעדאַנער אין אָריענט. א יונגער פּאַסטוך האָט דערצעהלט, דאָס א טויב האָט זיך איינינגע מאָל גע-שטעלט אויף זיין קאָפּ, און ווען ער האָט זי געוואָלט כאַפּען, איז זי פּלוצ-לינג פערוואַנדעלט געוואָרען אין א שענע מיידעל, וועלכע האָט איהם מודיע געווען, דאָס ווען ער וועט ווערען אַ פיהרער פון א מחנה קרייץ־ציגלער, וועט ער האָבען א גרויסען ערפאָלג. אין אַ קורצער צייט האָט זיך פערזאַמעלט

לאַנג ניט געקענט אַנהאַלטען קיין הארמאָניע. די אידען זיינען געווען גע-צוואונגען צו העכערן די פּראָצענטען פיר זייערע הלוואות, און די קריסטען האָבען פּראָטעסטירט געגען דער הויט־שינדעריי. דער קעניג האָט בעשלאָ-סען צו צוברעכען דעם אָפּמאַך, אָבער די אידען האָבען איהם בעצאָהלט 20,000 פראַנק און דער אָפּמאַך איז געבליבען אין קראַפט.

נאָך דעם טויט פון קאַרל דעם 5טען איז די לאַגע פון די אידען אין פראַנקרייך ווידער געוואָרען קריטיש. די אידען האָבען געמוזט בעצאָהלען קאַרל דעם 6טען אַ גרויסע סומע געלט און ער האָט פערלענגערט דעם טער-מין פון זייער פערבלייבען אין לאַנד, און האָט אויך בעשטעטיגט זייערע פּריווילעגיעס. אָבער אין יאָהר 1380 האָט דאָס פאָלק אָנגעהויבען פאָדערן, אַז מען זאָל די אידען אַרויסטרייבען. דאָס פאָלק איז געווען ערביטערט גע-גען דער רעגירונג פיר די שווערע אָפּגאַבען, וואָס עס איז געווען געצוואונגען צו צאָהלען, און אויך דערפאַר, וואָס די רעגירונג האָט זיי פערקויפט צו די אידען — זי האָט גענומען גרויסע סומעס פון די אידען און האָט זיי ער-לויבט צו נעהמען גרויסע פּראָצענטען פון די קריסטען. דאָס פאָלק האָט צו־ערסט צוראַבירט די קעניגליכע שאַץ־קאַמער (קאַזנאַטשעיסטוואָ) און נאָכ־דעם האָבען זיך די פּאָגראָמשטשיקעס געוואָרפען אויף'ן אידישען קוואַרטאַל, האָבען בערויבט פיעלע אידישע הייזער און האָבען צוריסען פיעלע קריסט-ליכע וועקסלען. פיעלע ערוואַקסענע אידען האָבען זיי ערמאָרדעט און קליינע קינדער האָבען זיי גע'שמד'ט. מיט צוויי יאָהר שפּעטער האָט אין פּאַריז אויסגעבראָכען אַ רעוואָלוציאָן און מען האָט געשאָכטען אָהן רחמנות איבער-הויפט זעהר פיעלע אידען.

די אידען האָבען דאַמאָלס אָנגעהויבען ליידען פיר די זינד פון די פּראָ-צענטניקעס. די מאַסע האָט אויך פערפאָלגט די קאָלעקטאָרען, וויל זיי האָבען בעריסען דאָס פאָלק. ווען מען האָט אַרעסטירט אַ קריסט פיר אַ חוב, וואָס ער איז געווען שולדיג צו אַ אידען, האָט זיך אין פאָלק אויפגעהויבען אַ שטאַרקער גוואַלד. די קאַטאָלישע גייסטליכע האָבען אויפגערייצט דאָס פאָלק געגען אידען צוליב פאָלגענדען צופאַל. אַ רייכער איד מיט'ן נאָמען דענים מאַשאַ האָט זיך גע'שמד'ט, ער האָט אָבער באַלד חרטה געהאַט און איז ענטלאָפען פון פּאַריז. מען האָט אַרויסגעלאָזען אַ קלאַנג, דאָס די אי-דען האָבען איהם געהאָלפען ענטלויפען פון שטאָדט. עס איז געפאַלען דער חשד אויף זיבען פאָרשטעהער און מען האָט זיי פער'משפט צום פערברענען. נאָר דער פּאַרלאַמענט האָט געענדערט דעם אורטייל. ער האָט גע'פּסק'עט, אַז מען זאָל זיי שמייסען אויף דריי עפענטליכע פּלעצער אין שטאָדט און

כמעט ניט געבליבען קיין איין איד אין די צענטראַלע פּראָווינצען פון פראַנקרייך.

דער צווייטער און פאַלשטענדיגער גירוש פון פראַנקרייך. די הונדערט־יעהריגע מלחמה צווישען פראַנקרייך און ענגלאַנד האָט כמעט רואינירט פראַנקרייך. דאָס לאַנד האָט געפּאָדערט נייע קוועלען מיט נייע איינקינפטען. די קעניגליכע פאַמיליע האָט זיך געפונען אין גרויס נויט. דאָס לאַנד איז געווען אין אַ זעהר קריטישען צושטאַנד. דער יונגער טראָן־פאָלגער קאַרל דער 5טער האָט אָנגעהויבען אונטערהאַנדלען מיט ־עם אידישען פאָרשטעהער מנשה דע־וועזו, אַ זעהר קלוגער פינאַנסיסט, און מען איז געקומען צום בעשלוס, דאָס מען מוז האָבען די אידען צוריק אין פראַנקרייך. אין יאָהר 1360 האָט די רעגירונג אַרויסגעגעבען אַן ערקלערונג, דאָס מיט דער צושטימונג פון גאַנצען פאָלק און די גייסטליכע ווערען אידען צוריקגערופען אין פראַנקרייך אויף 20 יאָהר מיט דעם רעכט צו בעשעפטיגען זיך מיט אַלעס, וואָס זיי ווילען, און מיט דעם בעדינג, דאָס זיי זאָלען צאָהלען אַ שטייער צו דער רעגירונג, יעדער פאַמיליען־פאָטער 14 פלאָרין פיר זיך און צו איין פלאָרין פיר יעדען מיטגליד פון דער פאַמיליע. די אידען האָבען בעקומען אייגענע ריכטער פון זייערע רבנים און מיטגלידער פון דער געמיינדע. די רעגירונגס־בעאַמטע האָבען גאָרניט געהאַט צו טאָן מיט'ן זאַמלען די שטייערן, דער פינאַנסיסט מנשה דע־וועזו איז געווען פערפליכטעט דאָס צו טאָן.

אָבער דיזען אָפּמאַך האָט די רעגירונג ניט פּינקטליך אויסגעפיהרט. די גייסטליכע האָבען ווידער גענומען צווינגען די אידען צו טראָגען אַ געלע לאַטע אויף זייערע אויבער־קליידער און אידישע דאָקטוירים האָט מען ניט צוגעלאָזען פּראַקטיצירען זייער פּראָפעסיאָן.

ווען קאַרל דער 5טער איז אַרויף אויף'ן טראָן (1364) האָט ער זיך גענומען מקיים צו זיין די הבטחות, וואָס ער האָט געגעבען די אידען ווען ער איז נאָך געווען אַ רעגענט, און האָט זיי ווירקליך בעשיצט געגען יעדער גוואַלדטאַט, אָבער דערפאַר האָט ער פּינקטליך געפּאָדערט פון די אידען, אַז זיי זאָלען איינצאָהלען די שווערע אָפּגאַבען, וואָס זיי האָבען זיך פערפליכטעט, און האָט בעשטימט צוויי גענעראַל־קאָלעקטאָרען, מנשה דע־וועזו אין נאָרד־פראַנקרייך און דעניס קינאָן פיר זיד־פראַנקרייך. ער האָט בעפרייט זיינע גענעראַל־קאָלעקטאָרען ווי אויך דעם רב און דעם ראש ישיבה פון פּאַריז, ר' מתתיהו פּראָבינצי, פון טראָגען אויף זייערע קליידער די אידישע לאַטע. אָבער צווישען די צוויי פיינדליכע עלעמענטען האָט

פון בריסטאָל אַן אונגעהייערע סומע געלט, וועלכע יענער איז בשום אופן ניט געוועז אין שטאַנד אַריינצובריינגען. דער קעניג האָט געהייסען, אַז מען זאָל איהם יעדען טאָג אַרויסרייסען אַ צאָהן. ווען מען האָט איהם אויסגעריסען 7 צייהן האָבען זיך די הענקערס איבערציינט, דאָס ער קען ווירקליך ניט געבען מעהר, ווי פיעל ער האָט געוואָלט געבען. פיעלע רבנים און חכמים האָבען פערלאָזען ענגלאַנד און צוזאַמען מיט אייניגע בעלי תוספות פון פראַנקרייך האָבען זיי עמיגרירט נאָך פאַלעסטינא (1211).

אין יאָהר 1222 האָט דער ערץ־בישאָף לאַנגטאָן צוזאַמענגערופען אַ פערזאַמלונג פון גייסטליכע, וועלכע האָבען געמאַכט נייע גזירות אויף אידען און האָבען אָפּגעפרישט די אַלטע. די אידען האָבען געמוזט טראָגען אַן אַלטע לאַטע אויף זייערע קליידער, האָבען ניט געטאָרט בויען קיין סינאַגאָגען, זיינען געוועזען געצוואונגען צו געבען מעשר פון זייערע גיטער צו די קירכען, און ווען אַ קריסט האָט געהאַנדעלט מיט אַ אידען איז ער פון דער קירכע געוואָרען אַריינגעלעגט אין חרם.

די פעאָדאַלע באַראָנען און די שטאָדט־מאַגיסטראַטען פלעגען זעהר אָפט קאָנקורירען מיט די קעניגען און דער שעיר לעזאָל אין אַזעלכע פעלען איז אימער געוועזען דער איד, וועלכען מען האָט גערעכענט אַלס דעם קעניג׳ס לייבאייגענעם (קאַמערקנעכט), און די באַראָנען און די שטאָדט־רעגירונגען האָבען פון זיי ניט געהאַט קיין אייגקונפט. פון פיעלע שטעדט האָט מען זיי אין גאַנצען אַרויסגעטריבען, אַזוי דאָס אין 13טען יאָהרהונדערט זיינען די אידען געבליבען וואוינען נאָר אין 25 שטעדט. די באַראָנען האָבען זיך זעהר אָפט ערלויבט צו פערניכטען די וועקסלען, וואָס זיי האָבען אַרויסגעגעבען צו אידען.

היינריך דער 3טער (1216—1272) האָט זיך גענומען צו בעשיצען די אידען. די רעגירונג האָט געהאָלפען די אידען אין דיזע אונטערנעהמונגען. דער קעניג זעלבסט האָט בעשטעטיגט דעם אויבער־ראַבינער פון ענגלאַנד אין זיין אַמט. די וויכטיגסטע פליכטען פון דעם אויבער־ראַבינער זיינען געוועזען אכטונג צו געבען, דאָס די אידען זאָלען פינקטליך אַריינבריינגען אין די קעניגליכע קאַסע די אָפּגאַבען. ער האָט געהאַט די מאַכט צו געברויכען גאַנץ שטרענגע מיטלען אום צו קאָלעקטירען דאָס שטייער־געלט. פּראָצעסען פון געלט־זאַכען האָט גע׳משפט אַ בית דין פון דריי דיינים. וואָס מעהרער די רעגירונג האָט געברויכט געלט אַלץ שווערער און גרעסער זיינען געוואָרען די אידישע שטייערן. אין יאָהר 1255 האָט דער קעניג פערקויפט די איינקונפטען פון די אידען אויף איין יאָהר צו זיין ברודער ריכאַרד. דאָס

מען זאָל זיי דערנאָך האַלטען אין געפענגניס ביז דער פערברעכער וועט זיך צוריקקעהרען. דיזער צופאַל האָט געפיהרט דערצו, דאָס דער האַס פון די קריסטען צו די אידען איז געוואָרען פיעל שטאַרקער.

ענדליך האָט קאַרל דער 6טער אַרויסגעגעבען אַ בעפעהל, דאָס די אי־דען זאָלען פערלאָזען פראַנקרייך אויף אימער (17טען סעפּטעמבער, 1394). מען האָט זיי געגעבען 6 וואָכען צייט (ביז דעם 3טען נאָוועמבער) צו ליקווי־דירען זייערע געשעפטען. צו ענדע פון יאָהר 1394 האָבען טויזענדער פאַ־מיליעס פערלאָזען פראַנקרייך, וואו די אידען האָבען זיך גענוג אָנגעליטען פון דער נידערטרעכטיגקייט פון די קלעריקאַלען, פון דעם פאַנאַטיזם פון דער מאַסע און פון דעם רויבער־געפיהל פון דער רעגירונג. פיעלע גוטס־בעזיצער און זאָגאַר שטעדט האָבען געוואָלט פערהאַלטען אויף ווייטער זיי־ערע אידען, אָבער די רעגירונג האָט עס ניט ערלויבט. אַ גרויסער טייל פון די אַרויסגעטריבענע פון פראַנקרייך האָט זיך בעזעצט אין איטאַליען און דייטשלאַנד, אַ קליינער טייל איז אַריינגעפאַלען אין שפּאַניען. צו ענדע פון 14טען יאָהרהונדערט זיינען די פראַנצויזישע אידען אַראָפּ פון דער סצענע פון דער אידישער געשיכטע און זיינען אַרויף אויף איהר צוריק ערסט שפּעטער, אין 18טען יאָהרהונדערט, קורץ פאַר דער גרויסער רעוואָלוציאָן.

די אידען אין ענגלאַנד ביז דעם גירוש. די געשיכטע פון אידען אין ענגלאַנד איז כמעט אַ קאָפּיע פון זייער געשיכטע אין פראַנקרייך אין דער זעלבער צייט (אין 13טען יאָהרהונדערט). שוין אין די צייטען פון ריכאַרד דעם 1טען האָבען די קעניגען געזוכט צו פערוואַנדלען די אידען אין אייביגע קנעכט. אונטער דעם קעניג יאָהאַן אָהן לאַנד (1199—1216) זיינען די אידען געווען אַ סאָרט לייבאייגענע פון די קעניגען. דיזער געווי־סענלאָזער קעניג האָט געקוקט אויף אידען ווי אויף אַ שוואַם (גאָמקע), וועלכע מען לאָזט זיך אָננעהמען מיט וואַסער אום דערנאָך אויסצוקווע־טשען זי. אַלעס וואָס די אידען האָבען ערוואָרבען האָט ער גערעכענט אַלס זיין אייגענטום. אָנפאַנגס האָט ער געגעבען די אידען פיר גרויסע סומעס געלט פערשיידענע פּריווילעגיעס און האָט בעשטעטיגט דעם אי־דישען רב ר׳ יעקב פון לאָנדאָן אַלס אויבער־ראַבינער און פאָרשטעהער פון אַלע אידישע קהלות, אָבער ווי נאָר אייניגע אידען האָבען ערוואָרבען עטוואָס אייגענטום, האָט ער זיי אַרעסטירט און קאָנפיסקירט זייער גאַנצעס פערמעגען.

אין יאָהר 1210 האָט ער אַרויפגעלעגט אויף די אידען אַ שווערע קאָנ־טריבוציע; אויסער דעם האָט ער געפאָדערט פון דעם אידישען סוחר אברהם

האָט די בעשולדיגטע אידען געבראַכט אין לאָנדאָן, צוגעבונדען זיי צו די עקען פון פערד און מען האָט זיי געשלעפּט איבער די גאַסען, און נאָכדעם האָט מען זיי געהאַנגען. דעם קעניג האָט מען דערצעהלט, דאָס די אידען זיינען מבזה די קריסטליכע צלמים, און עדואַרד האָט געהייסען בעשטראָפען די דאָזיגע אידען מיט'ן טויט. ער האָט אָבער אויך אָנגעזאָגט, דאָס מען זאָל פריהער מאַכען אַ ריכטיגע אונטערזוכונג. דער קעניג האָט ערלויבט די דאָמיניקאַנער צו האַלטען רעדעס פאַר אידען וועגען קריסטענטום, און האָט די אידען פערזאָגט, אז זיי זאָלען זיך אויפפיהרען ביי די רעדעס ערנסט און ניט חוזק מאַכען. דער ערץ־בישאָף פון קאַנטערבורי האָט געלאָזט פערשליסען אַלע אידישע שולען אין זיין עפּאַרכיע. דער פּאַפּסט האָנאָריוס דער 4טער האָט שטאַרק געטאַדעלט די ענגלישע גייסטליכע דערפאַר, וואָס זיי דערלאָזען, אז קריסטען זאָלען צוזאַמענקומען מיט אידען, ווייל דיזע האָבען אויף זיי אַ שלעכטען איינפלוס דורך זייער פערפלוכטען תלמוד און זיי פערפיהרען דערמיט די קינדער פון דער הייליגער קירכע אין זייער פאַלשען גלויבען. דיזער בעפעהל פון פּאַפּסט איז פּינקטליך דורכגעפיהרט געוואָרען (1286).

די לאַגע פון די אידען אין ענגלאַנד איז געוואָרען אזוי טרויעריג, דאָס דער קעניג זעלבסט האָט בעשלאָסען נאָכצוגעבען זייער פערלאַנג — ארויסלאָזען זיי פון לאַנד. מען האָט זיי געגעבען צייט צו ליקווידירען זייערע געשעפטען, פערקויפען זייערע מטלטלין, אָבער זייערע הייזער האָבען געהערט צום קעניג. אַלס לעצטער טאָג איז בעשטימט געוואָרען דער 1טער נאָוועמבער מיט דעם אָנזאָג, דאָס ווער עס וועט פערבלייבען אין לאַנד נאָך דעם טאָג, וועט בעשטראָפט ווערען מיט'ן טויט. די אידען אָבער זיינען גערן געוועזען וואָס גיכער פּטור צו ווערען פון ענגלאַנד, און זיינען פערטיג געוואָרען צו זייער רייזע אין אָקטאָבער (1290). איבער 16,000 אידישע נפשות האָבען זיך געזעצט אויף שיפען אום צו וואַנדערן אין אנדערע לענדער. פיעלע פון זיי האָבען זיך בעזעצט אין נאָרד־פראַנקרייך. אָבער מיט 16 יאָהר שפּעטער זיינען זיי געוועזען געצוואונגען צו נעהמען דעם וואַנדער־שטעקען צוזאַמען מיט זייערע ברידער אין פראַנקרייך און וואַנדערן פון לאַנד צו לאַנד.

דאָס איז געוועזען אַ מין יציאת מצרים, אָבער זיי זיינען פון ענגלאַנד ניט געגאַנגען אין אַ לאַנד, וואָס פליסט מיט מילך און האָניג, נאָר אין אַ פינסטערען מדבר. לאַנג האָבען זיי געזוכט אַ צופלוכטס־אָרט, וואו זיי זאָלען זיך קענען אַ ביסעל אויסרוהען פון זייערע אייביגע ליידען.

האָט די אידען אַזוי פיעל רואינירט, דאָס זיי האָבען געבעטען דורך זייער אויבער־ראַבינער, אַז מען זאָל זיי ערלויבען אַרויס פון ענגלאַנד. אָבער דער קעניג האָט עס ניט ערלויבט. הגם די אידען האָבען בעצאָהלט טייער פיר דאָס רעכט צו האַנדלען אין לאַנד, האָט דער קעניג דאָך זיי ניט געקענט בעשיצען געגען די אָפטע בלוט־בעשולדיגונגען (עלילות דם), און אידישעס בלוט האָט זיך געגאָסען ווי וואַסער. אין לינקאָלן האָט מען געפונען אין אַ אידישען ברונים אַ קריסטליכעס קינד. מען האָט באַלד אַרעסטירט 92 אידען און מען האָט 18 פון זיי פער'משפט צום טויט (1255). אין דעם שטרייט צווישען היינריך דעם 3טען און די באַראָנען זיינען אויסגעשלאַכטעט געוואָרען איבער 700 אידען.

די לאַגע פון די אידען אין ענגלאַנד איז ניט געוואָרען בעסער ווען עדוואַרד דער 1טער איז אַרויף אויף'ן טראָן (1272). אין יאָהר 1275 האָט ער בעשטעטיגט אַלע קירכען־געזעצען וועגען אידען, אויך די שענדליכע לאַטע האָט ער ניט דורכגעלאָזען. ער האָט פערבאָטען אידען צו פערלייהען געלט אויף פּראָצענט, דערפאַר האָט ער זיי ערלויבט צו בעשעפטיגען זיך מיט האַנדעל און האַנטוועדק. ליידער האָבען זיך די אידען מיט דיזע רעכטען ניט געקענט בענוצען, ווייל די קריסטליכע צעכען האָבען ניט געוואָלט אָריינגעהמען קיין אידען. אויך די ענגלישע סוחרים האָבען ניט געוואָלט אַריינגעהמען קיין אידען אין זייער גילדע. די אידישע בעפעלקערונג אין ענגלאַנד האָט שטאַרק געליטען פון זייער געדריקטער לאַגע. די אידען זיינען געוועזען געצוואונגען צו מאַכען פאַלשען. איבערהויפּט האָבען זיך פיעלע בעשעפטיגט מיט בעשניידען מטבעות, אַ פערברעכען, וואָס איז געוועזען אין גאַנג אין מיטעלאַלטער. אין יאָהר 1278 האָט מען בעשטראָפט אין לאָנדאָן פיר דיזעס פערברעכען איבער 300 אידען.

דעם לעצטען קלאַפּ די אידען אין ענגלאַנד האָט געגעבען די קירכע. די דאָמיניקאַנער האָבען געווירקט אויף'ן קעניג עדוואַרד דורך זיין פאַנאַטישע מוטער לעאָנאָרע אָנצוטאָן אידען גרויסע צרות. אַ געלערנטער מאָנאַך האָט זיך גענומען ערלערנען די העברעאישע שפּראַך און האָט זיך גוט בעקענט מיט דער ביבעל אין אָריגינאַל. ער איז געוואָרען בעגייסטערט פון דעם ריינעם גייסט פון יודענטום און האָט זיך מגייר געוועזען (1275). די דאָמיניקאַנער האָבען בעשולדיגט די אידען, דאָס זיי האָבען איהם פערפיהרט. די מוטער פון קעניג האָט דערפאַר אַרויסגעטריבען די אידען פון איהר שטאָדט קעמברידזש. אין יאָהר 1279 איז אַרויס אַ קלאַגע, דאָס די אידען אין פאָרטהאַמפּטאָן האָבען געקרייציגט אַ קריסטליכעס קינד. מען

כער האָט פערפאַסט די בעריהמטע אסטראָנאָמישע טאַבעלען, וואָס טראָגען דעם נאָמען „אַלפאָנס־טאַבעלען". דער פאַפּסט ניקאָלאַי דער 3טער האָט גע-מאַכט פּאָרווירפען דעם קעניג אַלפאָנס, וואָס ער גיט אידען אַזוי פיעל עהרע, אָבער עס האָט ניט געווירקט אויף'ן קעניג און אויף די אַדעללייט פון קאַסטיליען, ווייל די אידען מיט זייער גרויסער חכמה האָבען ערוואָרבען ביי די קריסטען גרויס עהרע.

אָבער דער פינאַנץ־מיניסטער דאָן צאַג דע־מאַלעא האָט געענדיגט זיין קאַריערע זעהר טרויעריג. דער קרוין־פּרינץ פון אַלפאָנס דעם קלוגען, דאָן סאַנטשאָ, איז געשטאַנען אָן דער שפּיץ פון אַ פּאַרטיי, וועלכע איז געוועזען פיינדליך צו זיין פאָטער, און ער האָט אויסגענאַרט פון דעם פינאַנץ־מיניס-טער אַ גרויסע סומע געלט פון דער קעניגליכער קאַסע. דער קעניג איז גע-וואָרען שרעקליך אויפגעבראַכט אויף דעם מיניסטער און האָט איהם גע-הייסען שמידען אין קייטען און פיהרען דורך די גאַסען, וואו דער קרוין-פּרינץ האָט געוואוינט, און דערנאָך האָט ער איהם געהייסען הינריכטען. דאַן האָט ער אויף אַלע אידען פון קאַסטיליען ארויפגעוואָרפען אַ זעהר שווערע געלט־שטראַף. דאָס האָט שרעקליך צורייצט דעם קרוין־פּרינץ און ער האָט געמאַכט אַן אויפשטאַנד געגען זיין פאָטער.

נאָך דעם, ווי סאַנטשאָ דער 4טער איז אַרויף אויף'ן טראָן, האָט ער צוזאַמענגערופען אין גועטאַ דעפּוטאַטען פון אידישע קהלות, און האָט פון זיי געפאָדערט, אַז זיי זאָלען בעשטימען וויפיעל יעדער פון זיי מוז צאָהלען קאָפּ־שטייער אין דער קעניגליכער קאַסע (1290). 850,000 אידישע נפשות פון קאַסטיליען האָבען געמוזט צאָהלען קרוב צו 3 מיללִיאָן מאַראַוועדעס אַ יאָהר (דאָס איז לערך 500,000 דאָללאַר). די קאַסטיליער אַדעל־לייט האָ-בען מורא געהאַט פאַר דעם אידישען איינפלוס און האָבען דעריבער געזוכט צו בעשרענקען זייערע רעכטען. אין יאָהר 1293 איז דער קעניג סאַנטשאָ געוועזען געצוואונגען צו פערוועהרען אידען קויפען לאַנד פון קריסטען, און ביי די אידען פון דער פּראָווינץ לעאָן האָט ער צוגענומען דאָס רעכט צו האָבען אייגענע ריכטער. אָבער דיזע בעשרענקונגען זיינען אין דער פּראַקטיק ניט דורכגעפיהרט געוואָרען, ווייל די אידען האָבען נאָך געהאַט גענוג מאַכט ניט צו דערלאָזען, אַז מען זאָל מיט זיי טאָן וואָס מען וויל.

אַראַגאָניען. חאַאימע דער 1טער און זיינע נאָכפאָלגער. דער ויכוח אין באַרצעלאָנאַ. די צווייטע קריסטליכע מלוכה אין שפּאַניען, אַראַ-גאָניען, האָט זיך אין גאַנצען געפונען אונטער דעם איינפלוס פון פּאַפּסט און די מאָנאַכען. לויט דער קאָנסטיטוציאָן פון דיזען לאַנד זיינען די אידען

יד. דאָס אידישע בירגערליכע לעבען אין שפּאַניען.

קאַסטיליען. אַלפאָנס דער קלוגער. אין אָנפאַנג פון 13טען יאָהר־הונדערט האָבען די קריסטליכע הערשאַפטען פון נאָרד־שפּאַניען אָנגעהויבען בּיסלאַכווייז ארויסצושפּארען די אַראַבער ווייטער און ווייטער צו דרום־זייט פון דער פּירענאָאישער האַלב־אינזעל.

אין יאָהר 1211 האָבען די אפריקאַנער אראַבער געשיקט הילף צו די שפּאַנישע אַלמאָהאַדען געגען דעם קריסטליכען מיליטער. דער פּאַפּסט האָט געשיקט אַן אָפּטיילונג קרייץ־ציגלער אונטער דער פיהרונג פון דעם פאַנאַטישען מאָנאַך אַרנאָלד, וועלכער האָט גענומען מאַכען פּאָגראָמען אויף אידען. צום גליק זיינען די שטאָדט־בעאַמטע און דער אדעל פון יענע שטעדט נאָך ניט געוועזען דורכגעדרונגען מיט האַס צו אידען און האָבען זיי בעשיצט געגען די קרייץ־ציגלער. די אידען זיינען געוועזען זעהר דאנקבאר צו די קריסטען און האָבען זיי פיעל געהאָלפען אין זייער שטרייט מיט די אַלמאָהאדען, וועלכע האָבען געמוזט צוריקטרעטען ביז גראַנאַדאַ. ווען די קריסטען האָבען איינגענומען סעווילִיע האָבען זיי די אידען דערין זעהר פיעל געהאָלפען, און די קריסטען האָבען דערפאַר אָפּגעגעבען צו די אידען אַ גרויסען קוואַרטאַל צום וואוינען.

ווען די קריסטען האָבען בעפעסטיגט זייער הערשאַפט אין שפּאַניען, האָבען זיי בעשלאָסען איינצופיהרען די פּאַפּסטליכע געזעצען, וועלכע האָבען דאַמאָלס געהערשט אין גאַנץ אייראָפּאַ. אַלפאָנס דער 10טער האָט געשאַפען אַ געזעץ־בוך, אין וועלכען עס איז געוועזען אַ בעזונדער אָפּטיילונג וועגען אידען. אין דיזער אָפּטיילונג זיינען אָנגענומען געוואָרען אַלע קירכליכע געזעצען, וועלכע האָבען געהאַט דעם צוועק צו ערנידריגען די אידען.

אָבער דאָס פאָלק האָט בעהאַנדעלט די אידען ווי מענשען, וואָס פערדינען עהרע און אכטונג. דאָס געזעץ האָט דאַמאָלס צוגענומען אַלע רעכטען פון אידען, אָבער אין דער פּראַקטיק האָבען זיי גענאָסען פולע רעכטען. ביי פערדינאַנד דעם הייליגען איז אַ איד געוועזען פינאַנץ־מיניסטער, דאָן מאיר דע־מאַלעאַ, וועלכער איז געוועזען אַ גרויסער געלעהרטער און תלמודיסט. ביי אַלפאָנס דעם קלוגען האָט דער זוהן פון דאָן מאיר דע־מאַלעאַ, דאָן צאַג (יצחק), פערנומען די שטעלע פון זיין פאָטער. דער בעריהמטער דאָקטאָר און אַסטראָנאָם יהודה הכהן איז געוועזען דער לייב־דאָקטאָר פון אַלפאָנס'ן. דער בעריהמטער אַסטראָנאָם פון יענער צייט צאַג (יצחק) אבן סיד איז געוועזען דער קעניגליכער אַסטראָנאָם, וועל-

ביהרט, אַז מען זאָל לערנען אין די שולען העברעאיש און אַראַביש, אום די שילער זאָלען שפּעטער קענען ווערען גוטע מיסיאָנערען צווישען די אידען און מאַהמעדאַנער. דער קעניג האָט אַרויסגעגעבען אַ דעקרעט, וועלכער האָט געצוואונגען די אידען געהן הערען די רעדעס פון די מיסיאָנערען. אַ זעהר וויכטיגער מיסיאָנער איז געוועזען דער מאָנאַך פּאַול קריסטיאַני, אַ געטויפטער איד. ער האָט בערייזט זיד־פראַנקרייך און שפּאַניען, און האָט איבעראַל גע׳דרש׳עט פאַר אידען די קריסטליכע דאָגמאַס (עקרי הדת). אָבער ווייל דיזע רעדעס האָבען אויף די אידען ניט געהאַט קיין ווירקונג, האָט מען איינגעאָרדענט אַ ויכוח צווישען דעם משומד פּאַול און איינעם פון די גרעסטע אידישע רבנים. דעם קעניג חאַימע איז דער פּלאַן געפעלען געוואָרען, און ער האָט איינגעלאַדען אויף אַ דיספּוט דעם בעריהמטען אידישען געלעהרטען פון יענער צייט ר׳ משה בן נחמן (רמב״ן) פון געראָנאַ. ער איז געוועזען אַ בעריהמטער תלמודיסט, אַ גרויסער טהעאָלאָג און האָט גוט געוואוסט אַראַביש און שפּאַניש. דער רמב״ן האָט דיזע איינלאַדונג אָנגענומען, און צום בעשטימטען טאָג איז ער געקומען אין באַרצעלאָנאַ, וואו דער דיספּוט האָט בעדאַרפט פאָרקומען (1263). ער האָט פערלאַנגט פון קעניג, אַז מען זאָל איהם געבען פולע פרייהייט צו זאָגען אין זיין דיספּוט וואָס ער געפינט פיר נעטיג צו פערטיידיגען זיין רעליגיאָן. דער קעניג איז דערויף מרוצה געוואָרען.

דער ויכוח איז פאָרגעקומען אין קעניגליכען פּאַלאַץ. דערביי זיינען געוועזען אָנוועזענד: דער קעניג, די גרויסע הויף־בעאַמטע, הויכע קירכען־בעאַמטע און פיעלע אַנדערע בעריהמטע מענער. פיער טעג האָט געדויערט דער ויכוח. דער משומד פּאַול קריסטיאַני האָט געזוכט צו בעווייזען די וואַהרהייט פון די קריסטליכע דאָגמאַס פון שטעלען אין תנ״ך און פון אגדות פון תלמוד. דער רמב״ן האָט געשטעלט דריי פראַגען צו פערענטפערן: 1) איז משיח שוין געקומען? 2) האָבען די נביאים איהם (משיח׳ן) בעטראַכט אַלס אַ גאָט? 3) וועלכער גלויבען איז דער אמת׳ער? וועגען דער אגדה פון תלמוד האָט ער געזאָגט, דאָס אין איהר געפינען זיך ווירקליך קלוגע זאַכען, אָבער ניט קיין רעליגיאָנס־געזעצען. איינער פון זיינע בעווייזען, דאָס יעזוס איז ניט דער ריכטיגער משיח, איז געוועזען, דאָס לויט די נביאים שטעלען פאָר, וועט ער (משיח) מיטברייינגען מיט זיך פרידען פיר די גאַנצע וועלט, עס וועלען אין גאַנצען אויפהערען בלוט־פערגיסונג און מלחמות; אָבער וואָס זעהען מיר יעצט? די קריסטליכע פעלקער הערען ניט אויף צו שניידען די העלזער איינער דעם צווייטען, און קריג צווישען זיי האָט

געשטאַנען אונטער דעם ספּעציעלען שוץ פון קעניג. דער אַראַגאָנישער קע-ניג חאַאימע דער 1טער (1213—1276) האָט ארויסגעגעבען אַ געזעץ, דאָס די אידען שטעהען אונטער דעם שוץ פון קעניג. קיין איד האָט ניט געקענט ווערען אַ לייבאייגענער פון וועלכען עס איז גוטס־בעזיצער, און זאָגאר דער קעניג זעלבסט האָט ניט געהאַט דאָס רעכט צו בעהאַנדלען די אידען אַלס לייבאייגענע. יעדער איד האָט געהאַט פולעס רעכט צו בייטען זיין וואוין־אָרט. צווישען זייערע אייגענע ברידער זיינען די אידען געווען פריי צו קויפען, פערקויפען, פער׳משכון׳ען גרונט־אייגענטום, אָבער צווישען קריס-טען האָט עס געמוזט געמאַכט ווערען אונטער דער קאָנטראָל פון אַ קריסט-ליכען בעאַמטען. אויסער געוועהנליכע אָפּגאַבען האָבען די אידען געמוזט צאָהלען ספּעציעלע גרויסע סומעס.

די קירכע האָט אויך געשאַפען ספּעציעלע געזעצען פיר אידען מיט׳ן צוועק אָפּצוזונדערן פון זיי די קריסטען. אידען האָבען געמוזט וואוינען אין בעזונדערע קוואַרטאַלען. דער לייב־דאָקטאָר פון חאַאימע דעם 1טען, יצחק בענוועניסטע, האָט גע׳פועל׳ט ביים קעניג, אז ער זאָל בעפרייען אידען פון טראָגען אַ לאַטע אויף זייערע קליידער. דער פּאַפּסט האָנאָריוס האָט אָנגעזאָגט, אז מען זאָל ניט צווינגען אידען צו טראָגען די לאַטע אין אראַגאָניען (1220). די אידען פון קאַסטיליען האָט מען שוין מיט אַ יאָהר פריהער בעפרייט פון דיזער שאַנדע. אין אַלגעמיין איז דער קעניג חאַאימע דער 1טער געווען געניינט צו אידען. ער האָט אויך אָנגעשטעלט אידישע פּאַבלייט אַלס רעגירונגס־בעאַמטע. יהודה דע קאַוואַלעריאַ איז גע-ווען פינאַנץ־מיניסטער. אייניגע אידען זיינען בעשטימט געוואָרען אַלס ריכטער פון דער רעגירונג. זיין פּריוואַט־סעקרעטער, דאָן באַחיעל, איז גע-ווען אַ איד. ער האָט אויך געהאַט אַ אידישען דאָלמעטשער פון אַראַביש אין שפּאַניש. אויסער דעם לייב־דאָקטאָר דאָן בענוועניסטע האָט חאַאימע דער 1טער געהאַט אין הויף נאָך 3 דאָקטוירים, פון וועלכע איינער איז גע-ווען דער קעניגין׳ס לייב־אַרצט. די הויכע שטופע פון בילדונג פון די אי-דען אין יענער צייט האָט געגעבען פיעלע אידען די מעגליכקייט אַריבערצו-שפּרינגען די וואַנט, וואָס די קלעריקאַלען האָבען פיר זיי געשאַפען, און זיי האָבען זיך צוגעשלאָגען צו הויכע רעגירונג־שטעלעס.

אָבער ביי אַלעם דעם איז חאַאימע דער 1טער געווען אַ הייסער אָנ-הענגער פון פּאַפּסט און האָט מיט לייב און זעלע געזוכט צו בעקעהרען אי-דען צום קריסטענטום. דעם גרעסטען איינפלוס האָט אויף איהם געהאַט זיין פּריוואַט־גייסטליכער ראַימונד דע־פּעניאַפאָרטע, וועלכער האָט איינגע-

פיעלע אידען זיינען ערמאָרד׳עט געוואָרען (5טען מערץ 1328). אַזעלכע פּאָגראָמען זיינען פאָרגעקומען אין פיעלע אַנדערע שטעדט פון נאַוואַררא.

די פיינדליכע אַגיטאַציע געגען אידען אין קאַסטיליען אונטער אַלפאָנס דעם 11טען. אין 14טען יאָהרהונדערט א״ז קאסטיליען געווען דער הויפּט־פּונקט פון אידישער קולטור. די אידען האָבען זיך דאָרט אויסגע־צייכענט אויף די געביטען פון בירגער־לעבען און פּאָליטיק, און האָבען גע־נומען אָנטייל אין אַלע צווייגען פון פאָלקס־לעבען. זיי האָבען פערנומען וויכטיגע שטעלעס אין דער רעגירונג, איבערהויפּט אין פינאַנץ־פערוואַלטונג. אָבער דיזע אויסצייכנונג פון די אידען האָט ערוועקט קנאה אין דער קריסט־ליכער געזעלשאַפט און די אידישע געמיינדעס זיינען פערפאָלגט געוואָרען.

דער קעניג פערדינאַנד דער 4טער (1295) האָט געהאַט אַ פינאַנץ־מי־ניסטער אַ אידען דאָן שמואל. דער קעניג האָט צו איהם געהאַט פולען צוטרויען, אָבער דעם קעניג׳ס מוטער מאריא דע־מאָלינאַ האָט איהם שטאַרק געהאַסט און האָט געדונגען מערדער צו טויטען איהם. ער האָט פו זיי בעקומען שווערע וואונדען, פון וועלכע ער איז קוים לעבען געבליבען. איהר האַס צו דאָן שמואל איז געווען נאָר אַ פּערזענליכער, צו די אידען האָט זי קיין בעזונדערע שנאה ניט געהאַט. ווען פערדינאַנד איז געשטאָר־בען און זי איז געוואָרען רעגענטין, האָט זי בעשטימט אַלס איהר פינאַנץ־מיניסטער דעם אידען דאָן משה. דער פּאַפּסט און דער אַדעל האָבען פון איהר געפאָדערט, אַז זי זאָל אָננעהמען די שטרענגסטע מיטלען געגען די אידען, אָבער זי האָט ווייניג נאָכגעגעבען. אין דער צייט פון איהר רעגירונג האָט געהאַט אַ גרויסען איינפלוס אין הויף דער איד יהודה אבן וואַקאַר, אַ גרויסער געלעהרטער און זעהר אַ פרומער. די אויטאָנאָמיע פון די אידישע געמיינדעס איז געווען אין איהר פולער קראַפט. דאָס אידישע געריכטס־הויז האָט געהאַט דאָס רעכט צו משפּט׳ן אויף דיני נפשות. אַזוי צ. ב. האָט דאָס אידישע געריכט אַמאָל גע׳פּסק׳עט, אַז מען זאָל אָפּשניידען אַ אידישער אַלמנה איהר נאָז דערפאַר, וואָס זי האָט געלעבט מיט אַ קריסט. דער רב פון טאָלעדאָ רבנו אשר (רא״ש) האָט מסכים געווען אויף דיזען פּסק און אויך די רעגירונג האָט עס בעשטעטיגט.

ווען פערדינאַנד׳ס זוהן, אַלפאָנס דער 11טער, איז געוואָרען פול־יעה־ריג, האָט ער אָפּגעשאַפט די רעגענטשאַפט פון זיין גרויסמוטער מאריא און איז געוואָרען אַליין הערשער (1325—1350). צווישען זיינע הויף־בעאַמטע זיינען אויך געווען צוויי אידען. יוסף בענוועניסטע דע עציאַ אַלס פינאַנץ־מיניסטער און פּריוואַט־סעקרעטער פון קעניג, און שמואל

ניט אויפגעהערט עד היום. פּיעלע מאַנאַכען און ריטערס האָבען געפּאָדערט, אַז מען זאָל אויפהערען דעם ויכוח, ווייל ער קען שאַדען דעם קריםטענטום; אָבער דער קעניג האָט פערלאַנגט, אַז מען זאָל איהם פּאָרטזעצען ביז ענדע, און דער רמב"ן האָט געוואונען אין דעם ויכוח. דער קעניג האָט צו ענדע בעמערקט. „קיינמאָל אין מיין לעבען האָב איך ניט געזעהען, דאָס אַזאַ פאַלשע זאַך ווי דאָס יודענטום זאָל ווערען אַזוי קלוג פערטיידיגט". דעם קעניג'ס פּריוואַט-גייסטליכער האָט געזאָגט צום רמב"ן, דאָס דעם סוד פון דער דריי-איינינקייט ווייסען אַפילו מלאכים אויך ניט. דערויף האָט איהם דער רמב"ן געענטפערט: „אויב אַזוי, ווי קענט איהר פערלאַנגען פון אידען, אַז זיי זאָלען פערשטעהען אַזאַ זאַך, וואָס אַפילו מלאכים קענען ניט פערשטעהן?" דער קעניג האָט איהם פריינדליך ערלויבט צו פערלאָזען דעם פּאַלאַץ און די שטאָדט באַרצעלאָנאַ.

דער משומד פּאַול קריסטיאַני האָט ניט אויפגעהערט זיין מיסיאָן-אַרבייט. ווען ער האָט זיך איבערצייגט, דאָס ער וועט דערמיט ביי די אידען גאָרניט געווינען, האָט ער זיך גענומען צו פערפאָלגען דעם תלמוד. ער האָט אויסגעפיהרט אַ בוללע (דעקרעט) פון פּאַפּסט קלעמענט דעם 4טען, אַז מען זאָל פערברענען אַלע תלמודישע עקזעמפּלאַרען, ווען מען וועט אין זיי געפינען עטוואָס בעליידיגענדעס פיר דאָס קריסטענטום (1264). דער קעניג חאַימע דער 1טער האָט בעשטימט אַ צענזור-קאָמיטעט, וועלכער זאָל אויסשרייבען אַלע שטעלען, וואָס ענטהאַלטען אין זיך עטוואָס בעליידיגענדעס פיר דאָס קריסטענטום, אָבער ער האָט ניט געהייסען פערברענען דעם תלמוד.

דער רמב"ן האָט אויפגעשריבען דעם ויכוח און פערנאַנדערגעשיקט צו פערשיידענע אידישע געמיינדעס. די דאָמיניקאַנער מאָנאַכען האָבען איהם פערקלאָגט פאַר'ן קעניג, וועלכער האָט געהייסען פערברענען אַלע עקזעמפּלאַרען פון דעם ויכוח, און ארויסשיקען דעם רמב"ן אויף צוויי יאָהר פון אַראַגאָניען. דער פּאַפּסט קלעמענט דער 4טער האָט געמאַכט דעם קעניג ביטערע פאָרווירפען פיר זיין ליבעראַליזם. דער רמב"ן האָט מורא געהאַט פיר ערנסטע פערפאָלגונגען געגען איהם און ער איז אַוועקגעפאָהרען אין ארץ ישראל. ער איז אַהין אָנגעקומען אין יאָהר 1267, ווען ער איז שוין אַלט געווען 70 יאָהר.

באַלד נאָך דער גזירה פון די פּאַסטוכער זיינען קריסטע בעפאַלען די אידען אין דער שטאָדט עסטעללאַ און האָבען געשריען: „טויט צו די אידען!" דער גאַנצער אידישער קוואַרטאַל איז צורויבט געוואָרען און זעהר

געווענדט צום קעניג מיט אַ מסירה, דאָס די אידען בעטען גאָט אַלע טאָג, אַז ער זאָל פערניכטען די קריסטען און דאָס קריסטענטום. ער האָט דער־מיט געמיינט די ברכת המינים, וועלכע הייבט זיך אָן מיט די ווערטער „ולמלשינים אל תהי תקוה“. די אידישע פאָרשטעהער פון וואַלאַדאָליד האָבען בעוויזען, דאָס די ברכת המינים איז פערפאַסט געוואָרען אין דער צייט, ווען די רוימער האָבען געהערשט אין לאַנד יהודה, און זי איז געריכ־טעט נאָר געגען די אידישע מוסרים, וואָס האָבען זיי אימער פער־ליימדעט פאַר די רוימער. אָבער דיזע פערענטפערונג האָט ניט געהאָלפען, און דער קעניג האָט אַרויסגעגעבען אַ דעקרעט, דאָס די אידען זאָלען מעהר ניט זאָגען די ברכת המינים (1336).

אָבער פיעל מעהר האָבען די אידען געליטען פון דעם המן פון יענער צייט גאָנצאַלאָ מאַרטינעץ. ער איז געווען אַן אָרימער ריטער און איז ער־הויבען געוואָרען דורך די פריינדליכקייט פון דעם אידישען מיניסטער יוסף בענוועניסטע. ווען מאַרטינעץ איז געוואָרען פינאַנץ־מיניסטער איז ער אָפען אַרויס מיט זיין שנאה צו אידען. פריהער פאַר אַלעמען האָט ער אונ־גליקליך געמאַכט זיין בעל טובה יוסף בענוועניסטע. ער האָט איהם בעשול־דיגט, דאָס ער בערויבט דאָס לאַנד אַלס פאַכטער (אָטקופשטשיק) פון די קעניגליכע איינקונפטען. ער האָט איבערצייגט דעם קעניג, דאָס ער האָט דאָס רעכט אָפּצונעהמען פון די אידישע פעכטער זייער גאַנצעס פערמע־גען און זיי זעלבסט איבערגעבען צום געריכט. די אידישע פעכטער זיי־נען אַריינגעוואָרפען געוואָרען מיט זייערע פאַמיליעס אין געפענגנים. בענ־וועניסטע איז דאָרט געשטאָרבען און דער אַנדערער פאַכטער וואַקאַר איז געשטאָרבען פון די יסורים, וואָס ער האָט בעקומען אויף דער פאָלטער, בעת מען האָט איהם געפייניגט, ער זאָל אויסזאָגען, וואו עס זיינען בעהאַלטען זיינע רייכטימער.

אין יענער צייט איז אַרויס אַ קריג צווישען די אַראַבער פון גראַנאַדאַ און די קריסטליכע הערשער פון קאַסטיליען, אַראַגאָניען און פּאָרטוגאַל. מאַרטינעץ איז בעשטימט געוואָרען אַלס הויפּט־קאָמאַנדיר פון דער אַרמעע. מען האָט צו דער מלחמה געברויכט פיעל געלט. מאַרטינעץ האָט געראַטען דעם קעניג אָפּצונעהמען פון אַלע אידען אין לאַנד זייער אייגענטום און זיי אַרויסטרייבען. צום אונגליק פון די אידען האָט מאַרטינעץ געהאַט אַ גרוי־סען נצחון און זיין איינפלוס אויף דעם קעניג איז געוואָרען זעהר גרויס. די אידען האָבען געפאַסט אין תפלה געטאָן צו גאָט, אַז ער זאָל זיי בעשיצען פון דעם נייעם המן, מאַרטינעץ. פּלוצלינג האָט זיך דער צושטאַנד געענ־

אבן וואקאר אַלס לייב־דאָקטאָר פון קעניג און אַלס הויף־אַסטראָנאָם. דער מיניסטער בענוועניסטע איז געוועזן ביים קעניג מעהר בעליבט, און ער האָט געפיהרט אַ זעהר רייכעס לעבען. זיין הויז איז אימער געוועזן פול מיט די גרעסטע אַריסטאָקראַטען פון שפּאַניען. דיזע צוויי גרויסע בעאַמטע האָבען אָבער ניט בענוצט זייער איינפלוס צו פערבעסערן דעם צושטאַנד פון דער אידישער מאַסע. די אידישע רייכע קלאַס האָט זיך בעשעפטיגט מעהר־סטענס מיט פערלייהען געלט. זיי האָבען זיך זעהר אָפט ערלויבט צו נעה־מען אונגעהייערע פּראָצענטען, און דאָס האָט אויפגערייצט געגען אַלע אי־דען די קריסטליכע בעפעלקערונג פון לאַנד. דער קעניג האָט זיי אין דעם בעשרענקט און האָט זיי ערלויבט צו נעהמען נאָר 33⅓ פּראָצענט. די אַרים־טאָקראַטיע פון קאַסטיליען האָט געפאָדערט פון קעניג, אַז ער זאָל פער־ווערען אידען צו קויפען ערד־אייגענטום און ער זאָל אָפּשאַפען די אידישע בעאַמטע. דער קעניג האָט דיזע פאָדערונג געמוזט נאָכגעבען.

ווי מיר האָבען עס שוין בעמערקט, איז דער האַס פון דער קריסטליכער געזעלשאַפט צו די אידישע עשירים אַריבערגעגאַנגען אויף אַלע אידען אין קאַסטיליען. אַלס אַגיטאַטאָר אין דיזער ריכטונג איז געוועזן דער משומד אבנר (אַלפאָנס) פון בורגאָס. אין זיין יוגענד האָט ער גרינדליך ערלערנט די ביבעל און דעם תלמוד, נאָכדעם האָט ער זיך איבערגעגע־בען צו פילאָזאָפיע און איז געוואָרען אַ פריידענקער. זיין פּראָפעסיאָן איז געוועזן מעדיצין, אָבער ער האָט ניט געהאַט גענוג פּראַקטיק צו פער־זיכערן זיין עקסיסטענץ. אום צו פערבעסערן זיין מאַטעריעלע לאַגע האָט ער זיך בעקעהרט צום קריסטענטום און האָט באַלד נאָך דער טויפע בע־קומען אַ גוטע שטעלע אין דער הויפּט־קירכע פון וואַלאַדאָליד. אום צו איבערצייגען די קריסטען, דאָס ער איז אַ וואַהרער קריסט, האָט אַבנר, אָדער אַלפאָנס, בעשלאָסען צו פערפאָלגען אידען און ער האָט אָנגעהוי־בען צו שרייבען ווערק געגען דער אידישער רעליגיאָן. עס ווייזט אויס, דאָס ער האָט אָפט געהאַט געוויסענס־ביסען, וואָס ער האָט פערלאָזען זיין פאָלק און זיין גלויבען. ער האָט אָנגעשריבען אַ ווערק, אין וועלכען ער גיט זיך די מיה צו בעווייזען, דאָס דער מענש איז ניט פריי אין זיינע מעשים, און ער מוז אָפט טאָן זאַכען, וואָס דער שיקזאַל צווינגט איהם צו טאָן, און דיזער שיקזאַל האָט איהם אויך געבראַכט צום קריסטענטום. די אידישע פילאָזאָפען פון יענער צייט האָבען איהם שרעקליך בעליידיגט פיר זיינע פיינדליכע בעציהונגען צו אידען און צו זייער רעליגיאָן, אָבער דאָס האָט איהם נאָך מעהר אויפגערייצט געגען אידען און יודענטום. ער האָט זיך

האָבען פיעל געאָפּפּערט און האָבען געהאָלפען פעדראַ'ן צו ערהאַלטען א גלענצענדען זיג (1355).

דיזע טרייהייט פון די אידען האָט פערשאַפט אבולאַפיאַ'ן נאָך מעהר צוטרויען פון קעניג. אבולאַפיא האָט אויסגעבויט אין טאָלעדאָ א שול, וואָס האָט צו איהר רייכקייט און שענקייט ניט געהאַט קיין גלייכען אין יענע צייטען. ווען מען האָט ארויסגעטריבען די אידען פון שפּאַניען איז די שול פערוואַנדעלט געוואָרען אין א קירכע. דיזע קירכע עקסיסטירט נאָך היינט און רעכענט זיך אַלס איינע פון די שענסטע בנינים אין טאָלעדאָ. אָבער דער סוף פון אבולאַפיאַ'ן איז געווען זעהר א טרויעריגער. מען האָט אויף איהם געגעבען א פאַלשע מסירה פאַר'ן קעניג, דאָס ער איז אין א פערשוועֿ-רונג געגען איהם. דער קעניג האָט קאָנפיסקירט זיין פערמעגען און אריינ-געוואָרפען איהם אין געפענגניס, וואו ער איז אונטער די ליידען פון פאָל-טער געשטאָרבען (1360).

מיט א יאָהר שפּעטער האָט פעדראָ בעשטעלט מערדער צו ערמאָרדען זיין פערהאַסטע פרוי בלאַנקאַ. די פראַנצויזישע פּאַרטיי האָט ארויסגעלאָ-זען א קלאַנג, דאָס די געדונגענע מערדער זיינען געווען אידען און דאָס פעדראָ זעלבסט איז גאָר א איד. מען האָט דעם פאָלק דערצעהלט, דאָס אלפאָנס דער 11טער איז געווען זעהר בייז אויף זיין פרוי, וואָס זי האָט איהם אַלץ געבאָרען נאָר מיידלאַך. ווען די קעניגין האָט ווידער געבאָרען א מיידעל, האָט זי עס פערביטען אויף א אידישען אינגעל, און דאָס איז פעדראָ, און דעריבער שטיצען די אידען פעדראָ'ן געגען זיין ברודער היינריך. אָבער ניט אַכטענדיג אויף די הילף פון די אידען האָט היינריך איבעראַל געזיגט געגען פעדראָ'ן און די אידען האָבען דערפון שטאַרק געליטען. אין פיעלע שטעדט זיינען גאַנצע קהלות חרוב געוואָרען, מען האָט די אידישע שולען פערברענט און די אידישע איינוואוינער בערויבט. די טאָלעדאָער קהלה האָט פערלאָרען איבער צעהן טויזענד מענשען, וועלכע זיינען צושטאָרבען אין דער צייט פון דער בעלאַגערונג פון הונגער. די נויט האָט זיי געצוואונ-גען צו עסען די פּאַרמעט פון די ספרי תורות. ענדליך האָט היינריך אין גאַנצען בעזיגט פעדראָ'ן און האָט איהם געהייסען אָפּהאַקען דעם קאָפּ, „ווי עם פערדינט א איד, וואָס האָט זיך ארויפגעכאַפּט אויף קאַסטיליען'ס טראָן".

נאָך דעם, ווי היינריך האָט געזיגט, האָט ער געפאָדערט פון די אידען אַן אונגעהייערע קאָנטריבוציע. די אידישע קהלות זיינען שוין אָהן דעם אויך געווען שרעקליך פעראָרימט. מען האָט געמוזט פערקויפען די לעצטע הויז-ווירטשאַפט אום צו בעצאָהלען די קאָנטריבוציע, און ווען דאָס איז אויך

דערט. צוליב אַן אינטריגע אין הויף האָט דער קעניג צוריקגערופען מארטי־נעץ'ן פון שלאַכטפעלד נאָך מאדריד. מארטינעץ האָט ניט געוואָלט פאָלגען דעם בעפעהל פון קעניג. אַלפאָנס האָט איהם געהייסען שמידען אין קיי־טען און ברייננגען אין מאדריד, וואו מען האָט איהם פעראורטיילט צום טויט דורך פערברענען. דאָס איז געווען אין חדש אדר, אין דעם זעלבען חדש, אין וועלכען די אידען פייערן זייער ישועה פון דעם ערסטען המן. אַלפאָנס איז ווידער געוואָרען געניינט צו אידען און האָט איינגעלאַדען אין הויף א אידען מיט'ן נאָמען משה אבו־דיעל.

אין די לעצטע יאָהרען פון דער רעגירונג פון אַלפאָנס דעם 11טען איז שפּאַניען געוואָרען בעזוכט פון דער שרעקליכער מגפה, וואָס איז דאמאָלס געווען בעוואוסט אונטער'ן נאָמען „דער שווארצער טויט". די פאנאטישע מאַסע האָט איבעראל בעשולדיגט די אידען, דאָס זיי פערגיפטען דאָס וואַ־סער אין די ברינימער, און מען האָט זיי אין די טויזענדער אויסגעקוילעט ווי שעפּסען. נאָר אין קאַסטיליען, וואו די מאַסע איז ניט געווען אַזוי בלינד, האָט מען זיי צורוה געלאָזען.

נאָך דעם טויט פון אַלפאָנס דעם 11טען איז ארויף אויף'ן טראָן זיין זוהן פּעדראָ. מען האָט איהם גערופען „דער גרויזאַמער", אָבער אין זיינע בעציהונגען צו אידען האָט ער קיין גרויזאַמקייט ניט געוויזען. ער האָט בעשטימט אַלס פינאַנץ־מיניסטער דעם אידען שמואל אבולאפיא, וועלכער האָט געבראַכט די פינאַנצען אין לאַנד צו א גוטען צושטאַנד. דעם קעניג'ס לייב־ארצט און אסטראָלאָג איז געווען אַן אנדער איד אברהם צארצאל. צוליב דעם האָט מען פּעדראָ'ס הויף גערופען „דער יודען־הויף".

פּעדראָ האָט פיינד געהאַט זיין ווייב, די טאָכטער פון הערצאָג פון בור־גונד. ער האָט ליב געהאַט א שפּאַניערין מאריא דע־פּאַדיללאַ. דאָס פאָלק האָט זיך צוטיילט אין צוויי פּאַרטייען: איינע איז געווען אויף דער זייט פון דער פראַנצויזקע און די אַנדערע האָט געהאַלטען מיט דער שפּאַניערין. די אידען האָבען געהאַלטען מיט דער שפּאַניערין, ווייל זיי האָבען מורא גע־האַט, דאָס די פראַנצויזישע פּרינצעסין וועט אריינברייננגען אין הויף יודענ־האַס. די פּאַרטיי, וואָס האָט געהאַלטען מיט דער פראַנצויזקע, האָט גע־מאַכט א פערשווערונג געגען דעם קעניג און האָט איהם גענומען געפאַנגען צוזאַמען מיט דעם אידישען מיניסטער. צום גליק איז די געפאַנגענע גע־לונגען צו ענטלויפען. מיט דיזע אינטריגעס האָט זיך בענוצט פּעדראָ'ס ברודער היינריך און האָט זיך אריינגעכאַפּט אין טאָלעדאָ, אָבער די אידען

קרעט און פּיכאָן איז הינגעריכטעט געוואָרען אין זיין הויז. דער קעניג אָבער האָט זיך באַלד אַרומגעזעהען, דאָס ער האָט געמאַכט אַ פעהלער, און האָט געגעבען אַ בעפעהל, אַז מען זאָל הינריכטען די רבנים, וועלכע האָבען דורכגעפיהרט דעם אורטייל.

דיזער צופאַל האָט געהאַט זעהר שלעכטע פאָלגען פיר די אידען אין שפּאַניען. דער קעניג יאָהאַן דער 1טער האָט אָפּגענומען פון די רבנים דאָס רעכט צו משפּט'ן דיני נפשות, און דערצו האָט מען צוגעגעבען נאָך פיעלע דריקענדע געזעצען. מען האָט אויך געוואָלט אָפּנעהמען פון די אידען דאָס רעכט צו משפּט'ן די ממונות (ציוויל־פּראָצעסען), אָבער דאָס האָט דער קעניג ניט דערלאָזען.

דער קלעריקאַליזם האָט געשלאָגען זעהר טיפע וואָרצלען אין דער קאַטאָלישער געזעלשאַפט. מען האָט אָנגעהויבען די אידען ווידער פּייניגען מיט ויכוחים. עס פערשטעהט זיך, דאָס די פיהרער פון די ויכוחים זיינען געווען משומדים. פיר די אידען איז עס געווען אַ שווערע אויפגאַבע, ווייל דאָס קריסטענטום האָט מיט זיין פויסט געמאַכט די וואָהרהייט שטומען. אָבער די אידען אין קאַסטיליען האָבען געמוזט אָננעהמען די דעבאַטע. אין יאָהר 1375 איז אַרויס דער משומד יאָהאַן פון וואַללאַדאָליד געגען יודענטום, און איהם צו ענטפערן איז אַרויס ר' משה דע־טאָרדעסיללאַס, אַ גרויסער געלעהרטער אין אידישער און קריסטליכער טהעאָלאָגיע. ר' משה איז געווען זעהר פאָרזיכטיג ניט אָנצוגרייפען דאָס קריסטענטום, דאָך איז ער אַרויס דער זיגער. וועגען דעם האָט ער אָנגעשריבען אַן אָפּהאַנדלונג אונטער'ן טיטעל „עזר האמונה" (אַ הילף צום גלויבען), און האָט זי צושיקט אין פיעלע אידישע קהלות צו בענוצען ביי ויכוחים. נאָכדעם איז פאָרגעקומען אַ ויכוח צווישען דעם קאַרדינאַל פּעדראָ דע־לונאַ און דעם אידישען געלעהרטען ר' שם טוב שפּרוט פון טודעלאַ. דיזער האָט וועגען דעם ויכוח אָנגעשריבען אַ ווערק מיט'ן נאָמען „אבן בוחן" (1380).

אַזוי האָט דער קלעריקאַליזם אונטערגעגראָבען דעם פונדאַמענט פון דער געזעלשאַפט און האָט צו ענדע פון 14טען יאָהרהונדערט פערוואַנדעלט די קולטורעלע שפּאַניען אין אַ האַלב־באַרבאַרישעס לאַנד, און די מענשען אין בלוט־דורסטיגע חיות, וועלכע האָבען געהאַט אַ בעזונדערעס פערגניגען צו זעהן, ווי אונשולדיגע מענשען, אַלטע און יונגע, פרויען און קינדער, ברענען לאַנגזאַם אויף'ן פייער פיר זייער גלויבען, אָדער לאָזען אַרויס זייער

ניט געווען געגוג, האָט מען פערקויפט פיעלע פון די גאַנץ אָרימע אַלס שקלאַפען. נאָכדעם האָט זיך אָנגעהויבען אַ לאַנגע רייהע פון בעשרענקונגען געגען אידען. מען האָט פיר זיי בעשטימט אַ בעזונדער קוואַרטאַל. אַ איד האָט זיך ניט געטאָרט אָנרופען מיט אַ קריסטליכען נאָמען, האָט געמוזט טראָגען אַ געלע לאַטע אויף זיין אויבער־מאַנטעל און אונטערוואַרפען זיך אונטער פיעלע אַנדערע ערנידריגונגען, וועלכע די קירכע, וואָס פרעטענ־דירט אויף מענשען־ליבע, האָט אימער צוגעטראַכט פיר אידען.

היינריך האָט אָבער גוט פערשטאַנען, וואָס פיר אַ וויכטיגע ראָלע די אידען שפּילען אין דעם עקאָנאָמישען לעבען פון לאַנד, און אַז די רעכטלאָ־זיגקייט פון די אידען קען פיעל שאַדען דער גאַנצער בעפעלקערונג. אויסער דעם האָט ער זיך באַלד איבערציינגט, דאָס אָהן אידען קען ער ניט פעסט־שטעלען די פינאַנצען אין לאַנד, און האָט צו דיזען צוועק איינגעלאַדען אי־דישע אַגענטען. מען האָט איהם פאָרגעוואָרפען, פאַרוואָס ער גיט אידען רעגירונגס־שטעלעס. ער האָט אָבער געענטפערט, דאָס ער איז געקומען צום בעשלוס, דאָס זיינע עלטערן, אַלפאָנס דער 11טער, און די פריהערדיגע האָבען גוט געטאָן, וואָס זיי האָבען איינגעלאַדען אידען אויף אַזעלכע שטע־לעס, ווייל זיי זיינען די איינציגע, וואָס זיינען דערצו פעהיג. ער האָט ווירקליך איינגעלאַדען 2 אידען אויף הויכע רעגירונגס־עמטער, יוסף פּיכאָן און שמואל אברבנאל.

אָבער דער אידישער מאַסע איז דערפון גאָר ניט געוואָרען גרינגער. אַזעלכע מענער ווי הסדאי אבן שפרוט און ר' שמואל הנגיד האָבען די שפּאַ־נישע אידען מעהר ניט געהאַט. די אידישע בעאַמטע אין שפּאַניען האָבען אַליין געלעבט אַ גוטען טאָג און האָבען זיך לחלוטין גאָר ניט אינטערעסירט מיט דעם צושטאַנד פון די מאַסען, וועלכע האָבען נאָר געליטען פון זייער רייכער פיהרונג. געגען איינעם פון די אידישע בעאַמטע, יוסף פּיכאָן, וועל־כער האָט זיך אויסגעצייכענט מיט זיין גרויזאַמקייט און מסירה ביים קאָ־לעקטירען די אונגעהייערע קאָנטריבוציע פון דער אידישער קהלה אין טאָ־לעדאָ, האָט דער ועד הרבנים, וועלכער האָט געהאַט דאָס רעכט צו משפט'ן דיני נפשות (קרימינאַל־פּראָצעסען), אַרויסגעגעבען אַ טויט־אורטייל. דאָס איז געווען אין דעם יאָהר, ווען היינריך דער 2טער איז געשטאָרבען און אויף'ן טראָן איז אַרויף יאָהאַן דער 1טער. דער ועד הרבנים האָט צוגע־שטעלט דעם דעקרעט צום קעניג צום בעשטעטיגען. דיזער האָט די זאַך ניט גרינדליך אויסגעפאָרשט און האָט דעם דעקרעט אונטערגעשריבען. דער ועד הרבנים האָט מיט דער הילף פון דער פּאָליציי דורכגעפיהרט דעם דע־

באַלד בעקומען טויזענדער אָנהענגער. די געגנער פון רמב״ם האָבען אין דעם געזעהען אַ גרויסע געפאַהר פיר דאָס יודענטום.

דער ערסטער איז אַרויס געגען רמב״ם אין זיינע ספרים אַ יונגער מאַן מאיר הלוי אבולאפיא, דער פאָרשטעהער פון דער טאָלעדאָער קהלה. ער איז געווען אַ שטיקעל אַריסטאָקראַט און אַ בעל גאוה, אָבער קיין אידעאַליסטישער קעמפער. אין יאָהר 1205 איז ער אַרויס מיט אַ בריף צו די חכמי לונעל, אין וועלכען ער איז בעפאַלען דעם רמב״ם פיר זיינע אידעען אין „ספר המדע״. דיזער בריף האָט שטאַרק אויפגערייצט די אָנהענגער פון רמב״ם. דער רב פון לונעל, ר׳ אהרן בן משולם, האָט איהם געענטפערט, דאָס אַ מענש, וואָס איז יונג אין יאָהרען און אויך אין שכל, האָט ניט בעדאַרפט האָבען אין זיך די חוצפה צו בעפאַלען אַזאַ ריז ווי דעם רמב״ם. דער זקן פון דער באַרצעלאָנער קהלה ר׳ ששת בנבנשתי (בענוועניסטע) האָט געשריבען וועגען אבולעפיאַ׳ן: „מיך וואונדערט, ער הייסט דאָך מאיר (בעליכטער), און בלאָנדזשעט אַזוי אין דער פינס־טער״. אבולאַפיאַ האָט זיך דאַן געווענדעט צו די בעלי תוספות אין נאָרד־פראַנקרייך, און דאָ האָט ער געפונען סימפּאַטיזירער צו זיינע בעשולדיגונגען אויף דעם רמב״ם. ר׳ שמשון משאנץ (פון סאַנס), איינער פון די בעלי תוספות, האָט מסכים געווען אויף אבולאַפיאַ׳ס בעשולדיגונגען, און האָט זעלבסט געשריבען אַ ווערק געגען רמב״ם, אָבער זיין ווערק איז יעצט קיינעם ניט בעקאַנט.

אָבער דאָס אַלץ איז נאָר געווען אין אָנפאַנג, די רעכטע מחלוקת האָט זיך ערסט אָנגעהויבען מיט אַ פערטעל יאָהרהונדערט שפּעטער. אין פערלויף פון דיזען פערטעל יאָהרהונדערט האָט זיך אין זיד־פראַנקרייך (פּראָוואַנס) און אין שפּאַניען ענטוויקעלט אַ גאַנצע קלאַס יונגע מענשען, וועלכע האָבען אָנגעהויבען אַוועקוואַרפען אידישקייט. מען האָט אויפגעהערט לעגען תפילין, היטען שבת, און פיעלע האָבען געלעבט מיט גוי׳אישע פרויען. די אָרטהאָ־דאָקסען האָבען בעשולדיגט אין דיזע הפקרות די פילאָזאָפיע, און איבער־הויפּט די טעמי המצוות, וואָס דער רמב״ם האָט געגעבען אין „מורה נבוכים״. מען האָט געזאָגט אויף׳ן רמב״ם, דאָס ער האָט מיט זיין פילאָזאָפיע פער־שטאַרקט די עקרי הדת, די וואָרצלען, אָבער די בוימער מיט די צווייגען האָט ער אָפּגעהאַקט.

אָן דער שפּיץ פון דיזער פּאַרטיי איז געשטאַנען אַ זעהר פאַנאַטישער תלמודיסט ר׳ שלמה בן אברהם פון מאָנטפּעליער (ר׳ שלמה מן ההר) מיט זיינע צוויי תלמידים ר׳ יונה גירונדי און ר׳ דוד

לעצטען אָטעם אונטער דער פּאָלטער פון דער אינקוויזיציאָן, וועלכע האָט פערניכטעט הונדערטער טויזענדער אונשולדיגע אָפּפער.

טו. דער קאמף פון תלמודישען יודענטום געגען דער פילאָזאָפיע.

די אָנהענגער פון רמב"ם און זיינע געגנער. אין דער צייט, ווען דער פּאַפּסט אינאָצענץ דער 3טער האָט געגרינדעט אין גאַנץ אייראָפּאַ אַן אַלגעמיינע אָרגאַניזאַציאָן צו פערפאָלגען אַלעס, וואָס איז ניט קריסטליך, האָט זיך צווישען די אידען אָנגעפאַנגען אַ רעאַקציע צו פערפאָלגען אַלעס, וואָס איז ניט עכט תלמודיש. דער תלמוד איז ביי זיי געוואָרען דער פאַנ-צער, וואָס האָט פערהיט דאָס יודענטום פון אַלע פיילען פון די שונאים. דער רמב"ם האָט געפונען פערקעהרט, דאָס דער שוץ פון יודענטום איז די ריינע וואהרהייט, די אמת'ע וויסענשאַפט.ביידע ריכטונגען האָבען געהאַט אָנהענגער, און דאָס האָט בעשאַפען דעם בעריהמטען קולטור־קאַמף, וועל-כער האָט אָנגעהאַלטען 100 יאָהר.

דער צוועק פון רמב"ם אין זיין רעליגיאָנס־פילאָזאָפישען סיסטעם איז געוועזען צו פעראייניגען די אמונה מיט דער וויסענשאַפט. אָבער זיינע געג-נער האָבען געפונען, דאָס די וויסענשאַפט, די פילאָזאָפיע, איז געפעהרליך פיר דעם אידישען גלויבען. באַלד ווי דער „יד החזקה" איז אַרויס, האָט דער „ספר המדע", דער אָנפאַנג פון דיזען גרויסען ווערק, אַרויסגערופען געגען זיך פּראָטעסטען. אין דיזער אָפּטיילונג רעדט דער רמב"ם וועגען די עקרי הדת און ער איז זיי מקרב אל השכל. אזוי צ. ב. ווען ער רעדט וועגען עולם הבא און השארת הנפש, ערקלערט ער, דאָס דער וואהרער פערגניגען פון אַ ערלער זעעלע איז צו פערשטעהן גרינדליך דעם מהות פון גאָט, ווי אזוי ער פיהרט די וועלט. דער רמב"ם האָט אפילו בעוויזען, דאָס די קלוגע תלמודיסטען האָבען אויך אזוי געדענקט, ווען זיי האָבען געזאָגט: „העולם הבא אין בו לא אכילה ולא שתיה, אלא צדיקים יושבים ועטרותיהם בראשיהם ונהנין מזיו השכינה" (די צוקונפטיגע וועלט פערשפּרעכט ניט קיין עסען און קיין טרינקען, נאָר צדיקים זיצען מיט קרוינען אויף זייערע קעפּ און האָבען פערגניגען פון דעם גלאַנץ פון דער גאָטהייט). אָבער זיינע געגנער זיינען מיט זיינע ערקלערונגען ניט געוועזען צופרידען.

אַ בעזונדערען שטורם האָט אַרויסגערופען דעם רמב"ם'ס „מורה נבוכים", דאָס ווערק, וואָס האָט אַלס צוועק צו בעווייזען, דאָס די פילאָזאָפיע און די וואהרע אמונה האַרמאָנירען איינע מיט דער אַנדערער. דיזעס ווערק האָט

צפיא האָט געשריבען צום רמב"ן, דאָס די געגנער פון פילאָזאָפיע האָבען שוין פיעל אויפגעטאָן מיט זייער אַגיטאַציאָן דערמיט, וואָס זיי האָבען אָפּ־געזונדערט פון קהל ישראל די דאָזיגע פילאָזאָפען, וועלכע האָבען בעהויפּ־טעט, דאָס דער מענש דאַרף גאָר קיין מעשה ניט טאָן אום צו געפעלען זיין גאָט, ער ברויכט נאָר האָבען די גאָטהייט אין זיינע געדאַנקען. אויס שבת, אויס יום טוב, קיין תפלות, קיין תפילין, קיין ציצית און ד. גל. אויך דער בעריהמטער נשיא ר' יהודה אלפאכאר איז ארויס געגען די פריי־זיניגע פילאָזאָפען פון רמב"ם'ס חדר. דער זקן ר' דוד קמחי (רד"ק) האָט געפּרובט געווינען ר' יהודה אלפאכאר אויף זיין זייט צו שטעלען זיך געגען דעם רמב"ם'ס שונאים, אָבער עס איז איהם ניט געלונגען. ר' יהודה אַל־פאַכאַר איז געוועזן איבערצייגט, דאָס עס איז אונמעגליך צו ברייננען האר־מאָניע צווישען דער גריכישער פילאָזאָפיע און דעם יודענטום; איהם איז ניט געוועזן געפעלען די ערקלערונג פון רמב"ם וועגען דער ערצעהלונג פון דעם שמועס פון בלעם'ס עזעל, ווי אויך וועגען דעם, וואָס די זון איז געבלי־בען שטעהן אויף איין אָרט ביז יהושע האָט איינגענומען די פעלקער פון כנען. אַלפאַכאַר האָט אָנערקענט די גרויסע פערדינסטען פון רמב"ם אויף'ן געביט פון הלכה דורך זיין בעריהמטעס ווערק „יד החזקה“, אָבער דער „מורה נבוכים“ האָט לויט זיין מיינונג געבראַכט דעם יודענטום גרויסען שאָדען, און ער איז דעריבער געוועזן זעהר בייז אויף די מעתיקים, וואָס האָבען איהם איבערזעצט אין העברעאיש און איהם געמאַכט צוגענגליך צו די אידישע לעזער. דער רמב"ן האָט געפּרובט מאַכען אַ קאָמפּראָמיס — מען זאָל ערלויבען לערנען דעם רמב"ם'ס „יד החזקה“ און פערוועהרען דעם „מורה נבוכים“, אָבער ביידע צדדים זיינען מיט דיזען פּראָיעקט ניט געוועזן צו־פרידען.

די געגנער פון רמב"ם ברענען זיין „מורה נבוכים“. ווען ר' שלמה פון מאָנטפּעליער האָט זיך דערוואוסט, דאָס די אָנהענגער פון רמב"ם האָ־בען איהם אריינגעלעגט אין חרם, איז ער געוואָרען אויסער זיך פון צאָרן, און האָט בעשלאָסען צו טאָן אַ שענדליכע זאַך, וועלכע האָט געהאַט זעהר טרויעריגע פאָלגען. דער פּאַפּסט גרעגאָריוס דער 9טער האָט איינגעריכ־טעט אַן אינקוויזיציאָנס־געריכט אום אויסצוראָטען אַפּיקורסות פון קריס־טענטום, וועלכעס האָט דאַמאָלס פיעל געליטען פון די פריידענקער, די אַל־ביגענזער. אַן אָפּטיילונג פון דיזען אינקוויזיציאָנס־געריכט האָט זיך געפו־נען אין מאָנטפּעליער. די געגנער פון אידישען פרייען זין האָבען געפונען, דאָס זייער אינטערעס איז דער זעלבער ווי דער אינטערעס פון די קאַטאָלי־

בן שאול. דיזע דריי האָבען אַריינגעלעגט אין חרם די יעניגע, וואָס בעשעפטיגען זיך מיט פילאָזאָפיע און אַנדערע וויסענשאַפטען, און בעזונדערס די, וואָס שטודירען דעם „מורה נבוכים“ און דעם „ספר המדע“, ווי אויך די יעניגע, וואָס וועלען זיך ערלויבען צו ערקלערען די נסים פון דער תורה, פון די נביאים און פון תלמוד בדרך הטבע. ר׳ שלמה און זיינע תלמידים האָבען געזוכט יו זיך סימפּאַטיזירער און האָבען זיי געפונען צווישען די בעלי תוספות אין נאָרד־פראַנקרייך. אויך ר׳ יחיאל מפאריז איז צוגעשטאַנען צו זיי.

ווען די אָנהענגער פון רמב״ם אין פּראָוואַנס (פּרובינצה) האָבען זיך דערוואוסט וועגען דעם חרם און וועגען דער סימפּאַטיע, וואָס דאָס האָט בעקומען אין אייניגע שטעדט אין נאָרד־פראַנקרייך, זיינען זיי געוואָרען אויסער זיך פון פערדרוס. זיי האָבען ניט געקענט איבערטראָגען די בעליידיגונג, וואָס מען האָט פערשאַפט דעם נאָמען פון דעם גרויסען לעהרער. נאָך מעהר האָט זיי געאַרט די שפּאַלטונג, וואָס עס קען דערפון אַרויסקומען אין אידישען לאַגער. די אידישע חכמים אין לונעל און נאַרבאָננע האָבען עפענטליך אַריינגעלעגט אין חרם ר׳ שלמה׳ן מיט זיינע מיטהעלפער, און האָבען מבטל געווען דעם חרם, וואָס דיזע האָבען אַרויפגעלעגט אויף די אָנהענגער פון רמב״ם. די קהלה אין מאָנטפּעליער איז צושפּאָלטען געוואָרען אויף צווייען: איין טייל האָט געהאַלטען מיט זייער רב ר׳ שלמה, און דער צווייטער טייל איז געווען געגען איהם. די מחלוקה האָט זיך פערשפּרייט אויך אין אַנדערע לענדער. דער פאָרשטעהער פון דער אידישער געמיינדע אין סאַראַגאָססאַ האָט אַריינגעלעגט אין חרם די געגנער פון רמב״ם. די אָנהענגער פון רמב״ם אין סאַראַגאָססאַ האָבען אַרויסגעשיקט א צירקולאַר צו אייניגע קהלות אין אַראַגאָניען, און האָבען זיי אויפגעפאָדערט אָנצונעהמען זיך פיר דעם כבוד פון רמב״ם, וועלכער האָט אַרויסגעצויגען די אידען פון גלות פון פאַנאַטיזם און אַבערגלויבען און האָט איינגעפלאַנצט אין אידישען פאָלק דעם עץ הדעת. נאָך דיזען צירקולאַר זיינען פיער פון די אַראַגאָניער קהלות צוגעשטאַנען צו די אָנהענגער פון רמב״ם און האָבען זיינע געגנער אַריינגעלעגט אין חרם.

אָבער אויך אין שפּאַניען האָבען זיך געפונען רבנים, וואָס זיינען געווען געגען דער פילאָזאָפיע. דער בעריהמטער תלמודיסט ר׳ משה בן נחמן (רמב״ן) האָט זיך געווענדט צו פיעלע אידישע קהלות אין שפּאַניען מיט זיין בקשה, אַז מען זאָל ניט פעראורטיילען ר׳ שלמה׳ן פון מאָנטפּעליער מיט זיינע תלמידים, ביז מען וועט אויסהערען זייערע טענות. מאיר אַבו־

די תלינים, וואָס האָבען געברענט דעם תּלמוד, זיינען געווען די דאָמיני-קאַנער מאָנאַכען, די זעלבע תלינים, וואָס האָבען מיט איניגע יאָהר צוריק געברענט די ספרים פון רמב"ם. ר' יונה גירונדי האָט דערין געזעהען אַ שטראָף פון גאָט פיר דעם בעליידיגטען רמב"ם. ר' יונה האָט בעשלאָסען צו טאָן תשובה און וויזען דער וועלט, דאָס ער האָט חרטה מיט'ן גאַנצען האַרצען. ער איז צוריקגעקומען אין מאָנטפעליער און האָט אין שול בפני כל עם ועדה אויסגעשריען: „משה (דער רמב"ם) איז אמת און זיין תורה איז אמת, נאָר מיר, זיינע געגנער, זיינען ליגנער!" דאָס זעלבע האָט ער געטאָן אין פיעלע אַנדערע שטעדט אין פראַנקרייך און שפּאַניען. ער האָט בעשלאָסען אונטערצונעהמען אַ רייזע נאָך ארץ ישראל און אויף'ן קבר פון רמב"ם אין טבריה בעטען מחילה פון דיזען גרויסען מאַן, וועמעס כבוד ער האָט אַזוי טיף ערנידריגט אָנרופענדיג איהם אַפּיקורוס, אָבער ער איז געשטאָרבען אין טאָלעדאָ אין יאָהר 1264. ער האָט געלאָזען נאָך זיך אַ וויכטיגעס ווערק וועגען תשובה מיט'ן טיטעל „שערי תשובה". פיעלע פון די פריהערדיגע געגנער פון רמב"ם האָבען נאָכגעטאָן ר' יונה גירונדי'ס ביישפּיל און האָבען באמת חרטה געהאַט אויף זייער פערברעכען געגען דעם כבוד פון רמב"ם אַלע האָבען אָנגענומען, דאָס די פערברענונג פון תלמוד דורך די דאָמיניקאַנער, וואָס ר' שלמה האָט געמאַכט פיר תלינים איבער די ווערק פון רמב"ם, איז געווען אַ גאָט'ס שטראָף פיר זייער בעליידיגען דעם כבוד פון רמב"ם, און די מחלוקה איז ענדליך געוואָרען שטיל.

אויך אין אָריענט האָט זיך די מחלוקת איבער'ן רמב"ם און זיינע ספרים אויף אַ קורצע צייט צופלאַקערט. דער גאון פון באַגדאַד ר' שמואל בן עלי איז נאָך ביים לעבען פון רמב"ם אַרויסגעטרעטען געגען זיין אידעע, דאָס גאָט האָט ניט קיין תמונה, דאָס ער איז ניט קיין גוף, קיין קערפּער. נאָך דעם רמב"ם'ס טויט איז אַ תלמיד פון באַגדאַדער גאון, דניאל בן סעדיה פון דמשק, אַרויס מיט השגות (קריטיקען) געגען דעם „יד החזקה" פון רמב"ם, און האָט זיי צוגעשיקט צו זיין זוהן ר' אברהם הנגיד, דעם פאָרשטעהער פון אַלע אידישע געמיינדעס אין עגיפּטען און לייב־דאָקטאָר פון סולטאַן. ר' אברהם האָט איהם געענטפערט בנעימות אויף אַלע זיינע השגות. אָבער דניאל האָט ניט אויפגעהערט צו בעלעס-טיגען ר' אברהם'ען מיט פערשיידענע בעשולדיגונגען געגען דעם רמב"ם. דאַמאָלס האָט דעם רמב"ם'ס תלמיד ר' יוסף אבן עקנין זיך געווענדט צום רמב"ם'ס זוהן ר' אברהם הנגיד און האָט פערלאַנגט, אז מען זאָל דניאל'ן אַריינלעגען אין חרם. דער גוטהאַרציגער ר' אברהם האָט זיך ענטזאַגט דאָס

קען. ר' שלמה מיט זיינע העלפער זיינען געקומען צו די דאָמיניקאַנער מאָ־נאַכען און האָבען זיי ערקלערט, דאָס דער „מורה נבוכים", וועלכער איז שוין דאַמאָלס געווען איבערגעזעצט אין לאַטייניש, איז געפעהרליך ניט נאָר פיר אידען, נאָר אויך פיר קריסטען, און זיי האָבען ציטירט זעהר פרייע שטעלען. דער רעזולטאַט איז געווען, דאָס מען האָט בעשלאָסען דעם „מורה נבוכים" מיט'ן „ספר המדע" עפענטליך צו פערברענען. אין יאָהר 1233 האָט מען צוזאַמענגענומען אַלע עקזעמפּלאַרען „מורה נבוכים" און „ספר המדע", וואָס מען האָט געפונען אין מאָנטפּעליער, און מען האָט זיי עפענטליך פער־ברענט. ר' יונה גירונדי האָט דאָס זעלבע אוטאָ־דאַ־פע איינגעריכטעט אין פּאַריז, און מען האָט אויך דאָרט געברענט דעם רמב"ם'ס ספרים.

דיזע געמיינע האַנדלונג פון די אידישע פאַנאַטיקער האָט שרעקליך אויפגעבראַכט די אידישע קהלות אין שפּאַניען און פּראָוואַנס. זאָגאַר די מעסיגע פּאַרטיי האָט זיך אָפּגעטרייסעלט פון די מוסרים און האָט זיי בע־טראַכט אַלס פעררעטער פון אידישען פאָלק. מיט אַ שאַרפען בריף איז אַרויס געגען די פעררעטער פון יודענטום ר' אברהם בן חסדאי פון באַרצעלאָנאַ, דער איבערזעצער פון דעם אַראַבישען בוך „דער פּרינץ און דער דערוויש" (בן המלך והנזיר). דער רמב"ן און מאיר אבולעפיאַ האָבען זיך געשעמט צו זאָגען אַ גוט וואָרט וועגען די געגנער פון רמב"ם, נאָר איין אַלפאַכאַר האָט געפּרובט פערענטפערן ר' שלמה'ן.

דיזע אַגיטאַציאָן האָט געהאַט זעהר שלעכטע פאָלגען פיר איינינגע פון די, וואָס האָבען גענומען אַנטייל אין פערליימדען דעם רמב"ם אין אפּיקורסות. די אָנהענגער פון רמב"ם איז געלונגען צו **בעווייזען**, דאָס די עדות האָבען בעהויפּטעט, אַז דער רמב"ם האָט געזאָגט אַזעלכע זאַכען, וואָס באמת האָט ער זיי גאָר ניט געזאָגט. די פאַלשע עדות זיינען גרויזאַם בעשטראָפט געוואָרען — מען האָט זיי אָפּגעשניטען די צינגער. וואָס עס איז געוואָרען דער סוף פון ר' שלמה פון מאָנטפּעליער, דעם הויפּט־גרינדער פון דער מחלוקה, ווייסען מיר ניט. מיר ווייסען נאָר, דאָס זיין מיט־העלפער ר' יונה גירונדי האָט געהאַט שטאַרק חרטה, וואָס ער האָט בעליי־דיגט די עהרע פון רמב"ם. די געשיכטע איז געווען אַזוי:

איינינגע יאָהר נאָך דעם, ווי מען האָט פערברענט דעם רמב"ם'ס ספרים אין מאָנטפּעליער, איז פאָרגעקומען אין פּאַריז אונטער לודוויג דעם הייליגען אַ ויכוח וועגען תלמוד. דער סוף פון דעם ויכוח איז געווען, דאָס פיעלע הונדערטער עקזעמפּלאַרען פון תלמוד זיינען עפענטליך פערברענט געוואָרען אין פּאַריז, אַלס אַ בוך, וואָס ברייננט דער מענשהייט זעהר פיעל שאָדען.

די עפּאָכע פון חדושים איז אוועק. די אידישע געלעהרטע האָבען גע־פונען פיר נעטיג צוזאַמענצוקלייבען דעם רייכען מאַטעריאַל, וואָס די פרי־הערדיגע געלעהרטע האָבען אָנגעזאַמעלט, און ברייגגען איהם אין אָרדנונג. ר׳ משה מקוצי (פון קוס), וועלכער האָט צוזאַמען מיט ר׳ יחיאל׳ן גע־פיהרט דעם אונגליקליכען ויכוח וועגען דעם תלמוד געגען דעם משומד דאָנין, האָט צוזאַמענגעשטעלט אַ זאַמלונג פון אַלע מצוות אונטער׳ן נאָמען „ספר מצוות גדול״ (אָפּגעקירצט: סמ״ג), אין וועלכען ער איז אין פיעלע שטע־לען אַרויס געגען דעם „יד החזקה״ פון רמב״ם. ביי אַלעם דעם האָט ער ניט גענומען קיין אָנטייל אין דער פערפאָלגונג פון רמב״ם׳ס ספרים. געגען דעם פרייזין, וואָס דעם רמב״ם׳ס ספרים האָבען ערוועקט אין איינינע ער־טער, האָט ער געברויכט אַן אַנדער מעטאָדע: ער האָט בערייזט פיעלע שטעדט אין זיד־פראַנקרייך און שפּאַניען און האָט איבעראַל געהאַלטען ריהרענדע רעדעס, אין וועלכע ער האָט אויפגעפאָדערט זיינע צוהערער מקיים צו זיין די מצוות המעשיות, ווי אונזערע עלטערן האָבען געטאָן. זיינע רע־דעס האָבען געמאַכט אויף זיינע צוהערער אַ גוטע ווירקונג. פיעלע האָבען זיך ענטזאַגט פון זייערע געמישטע הייראַטען און זיינען געוואָרען אמת׳ע, נאַציאָנאַלע אידען, ווי זייערע עלטערן. ר׳ משה מקוצי האָט אין זיינע רע־דעס אויך פיעל געהאָלפען צו פערברייטען אמת׳ע גוטע זיטען אין אידישען פאָלק און האָט פיעל געהאָלפען פעסטצושטעלען די אָרטהאָדאָקסישע אי־דישקייט אויף אַ פעסטען פונדאַמענט. ר׳ משה מקוצי איז געשטאָרבען אין יאָהר 1260. אין יענער צייט האָט ר׳ יצחק פון קאָרבייל פערקירצט דעם סמ״ג, און האָט דערפון געמאַכט אַ סמ״ק, ד. ה. ספר מצוות קטן.

די חדושים פון די בעלי תוספות האָט צוזאַמענגעקליבען איינער פון די לעצטע פון זיי, ר׳ אליעזר פון טוק (1270). פון דיזער זאַמלונג זיינען אַרויסגענומען אַלע תוספות, וואָס זיינען געדרוקט אין תלמוד בבלי, וועלכען מיר האָבען. צו ענדע פון 13טען יאָהרהונדערט האָט די שולע פון די בעלי תוספות אין פראַנקרייך אויפגעהערט צו עקסיסטירען.

עס האָבען זיך אָנגעהויבען גאַנצע רייהען פון פערפאָלגונגען און גירושים פיר די אידען אין פראַנקרייך, און זיי איז ניט געלעגען אין זינען צו טאָן עט־וואָס פיר זייער גייסטיגע ענטוויקלונג.

דאַמאָלס האָט זיך די תלמוד־פּאָרשונג אַריבערגעטראָגען אין שפּאַניען. די אידעע פון רמב״ם, צו מאַכען אַן ענדע מיט דער הילף פון זיין „יד החזקה״ צו די אַלע פּלפּולים, חדושים און תוספות, האָט צו גאָרניט געפיהרט. ניט דער אלפס און ניט דער רמב״ם האָבען געקענט אָפּהאַלטען דעם שטראָם

צו טאָן, און ר׳ יוסף אבן עקנין האָט זיך דאַן געווענדט וועגען דעם צום עקזילאַרך פון מאָסול, ר׳ דוד, און דיזער האָט איהם אַריינגעלעגט אין חרם, ווי עס קומט על פּי דין איינעם, וואָס איז מבזה תלמידי חכמים. דניאל איז פון עגמת נפש געשטאָרבען. מיט אַ קורצער צייט שפּעטער האָט ר׳ אברהם מיט שרעק דערהערט, דאָס זיין פאָטער׳ס געגנער האָבען אויסגעפיהרט זייער וואונש, און זיי האָבען דורך די קאַטאָלישע קירכע עפענטליך פערברענט זיינע ספרים אַלס שעדליכע צום אמת׳ען גלויבען. ער האָט דאַמאָלס אָנגעשריבען זיין בעריהמטעס ווערק „מלחמות ה׳״, אין וועלכען ער פערטיידיגט זיין גרויסען פאָטער געגען דער בעשולדיגונג אין צו פרייען זין (1235).

מיט אַ האַלבען יאָהרהונדערט שפּעטער איז ווידער אַרויס אַ פראַנצויזישער פאַנאַטיקער ר׳ שלמה פּעטיט (הקטן) געגען רמב״ם און זיינע ספרים. ער איז געפאָהרען פון מדינה צו מדינה, פון שטאָדט צו שטאָדט, איבער דייטשלאַנד, פראַנקרייך, איטאַליען, און איבעראַל האָט ער גע׳דרש׳עט אין די שולען און האָט געפאָדערט, אַז מען זאָל לעגען אַן איסור אויף׳ן רמב״ם׳ס ספרים צוליב זייער שעדליכקייט צום אידישען גלויבען. ער האָט איבעראַל געקראָגען גרויסען בייפאַל (הסכמה), אויסער אין איטאַליען; דאָרט האָט ער געפונען אַ שטאַרקען שטוים צוריק און איז פון דאָרט אַוועק נאָך ארץ ישראל. אין דער שטאָדט עכו האָט ער אויסגעפיהרט, אַז מען זאָל אַרויפלעגען אַ חרם אויף יעדען, וואָס וועט לערנען דעם רמב״ם׳ס ספרים, און די ספרים זעלבסט האָט מען אין עכו בעשטימט צום פערברענען. עס האָבען זיך געפונען פאַנאַטיקער, וואָס האָבען אָנגעשריבען אויף דעם רמב״ם׳ס מצבה אין טבריה: „משה בן מיימון איז אַ כופר בעיקר און איז אין חרם״. דעם רמב״ם׳ס עניקעל ר׳ דוד הנגיד און דער עקזילאַרך ר׳ ישי בן חזקיה פון דמשק זיינען דאַמאָלס אַרויס מיט אַ שטרענגען חרם געגען די פאַנאַטיקער, וואָס האָבען בעליידיגט די עהרע פון רמב״ם (1289). דערמיט האָט זיך געענדיגט די אַגיטאַציאָן געגען דעם רמב״ם פערזענליך.

די פערברענונג פון דעם תלמוד אין פּאַריז אין יאָהר 1242 און דער דעקרעט, וואָס די קאַטאָלישע קירכע האָט אַרויסגעגעבען, דאָס דיזעס ווערק איז שעדליך פיר די מאָראַל, האָט געגעבען אַ שטאַרקען קלאַפּ דעם שטודיום פון תלמוד אין פראַנקרייך. די ישיבה פון די בעלי תוספות אין פּאַריז איז געשלאָסען געוואָרען. דער ראש ישיבה ר׳ יחיאל בן יוסף, וועלכער האָט געהאַלטען לעקציעס פאַר 300 תלמידים פון די בעלי תוספות, איז ענטלאָפען פון פּאַריז און האָט זיך בעזעצט אין ארץ ישראל (1260).

דער רשב"א האָט אויך געמוזט ענטפערן אייניגע פון די קריסטען, וואָס האָבען געוואָלט פון תלמוד בעווייזען, דאָס די קריסטליכע דאָגמאַס זיינען די וואַהרע. דער רשב"א האָט בעוויזען קורץ און שאַרף ווי גרונדלאָזע דיזע בעהויפּטונגען זיינען. דער רשב"א איז אויך געווען אַ פערעהרער פון קבלה און אַ געגנער פון פילאָזאָפיע.

אין דעם שטרייט געגען פילאָזאָפיע האָט איהם געהאָלפען רבנו אשר בן יחיאל (רא"ש), וועלכער איז דאַמאָלס געווען רב אין טאָלעדאָ. דער רא"ש איז געווען אַ שטאַרקער אָנהענגער פון תלמוד און אַ ביטערער געגנער פון וועלטליכער בילדונג. זיין לעהרער איז געווען רבנו מאיר פון ראָטענבורג (מהר"ם מרוטענבורג), וועלכער איז געווען פון די לעצטע בעלי תוספות. צוליב די בלוטיגע רדיפות איז דער רא"ש געווען געצוואונגען צו פערלאָזען דייטשלאַנד און האָט זיך בעזעצט אין שפּאַניען (1305). דאָ איז ער געוואָרען ראש ישיבה און רב אין טאָלעדאָ. דער נאָמען פון רא"ש איז געווען בעוואוסט אַלס גרעסטע לומדישע אויטאָריטעט אין איראָפּאַ, און דעריבער זיינען אין זיין ישיבה אָנגעקומען יונגע מענשען פון פיעלע איראָפּעאישע לענדער. פון זיינע פיעלע ווערק איז איבערהויפּט בעריהמט „פּסקי הרא"ש", וועלכע זיינען געשריבען געוואָרען אין דעם גייסט פון הלכות רב אלפס. די „פּסקי הרא"ש" זיינען באַלד געוואָרען אָנגענומען בכל תפוצות ישראל.

דורך די דריי גדולים: רמב"ן, רשב"א און רא"ש, איז שפּאַניען געוואָרען איבער־אַ־נייס דער צענטער פון תלמודישער וויסענשאַפט. דער רא"ש האָט געהאַסט וועלטליכע בילדונג, אין וועלכער ער האָט געזעהען די צושטערונג פון די יסודות פון רעליגיאָן.

פילאָזאָפיע און פריידענקען. צוזאַמען מיט'ן תלמוד האָט זיך דאַמאָלס ביי אידען אויך ענטוויקעלט די פילאָזאָפיע. אָבער זי האָט זיך ענטוויקעלט זעלבשטענדיג, ניט אַלס הילפס־וויסענשאַפט צו רעליגיאָן. דיזע פילאָזאָפיע איז געוואָרען צו פריי, און גוט־דענקענדע מענשען האָבען זיך אָנגעהויבען צו שרעקען, דאָס די פילאָזאָפיע וועט אונטערגראָבען דעם גאַנצען פונדאַמענט פון יודענטום.

צו די מעסיגע פילאָזאָפען האָט געהערט ר' שם טוב פאלאקערא (1225—1290). ער איז געווען אַ מאַן מיט פיעל בילדונג, אַ פילאָזאָף און אַ פּאָעט. ער האָט שטאַרק געגלויבט, דאָס די וויסענשאַפט קען האַרמאָנירען מיט דער רעליגיאָן. אין זיין ווערק „המבקש" (דער זוכער) האָט ער געזוכט צו פּאָפּולאַריזירען די פילאָזאָפישע געדאַנקען פון רמב"ם.

פון די בעלי תוספות אפילו אין שפּאַניען. דער וויכטיגסטער פון די שפּאַ-
נישע רבנים, וועלכער האָט דאָרט איינגעפיהרט דעם פּלפול, איז געוועזן
דער בעריהמטער רבנו משה בן נחמן פון גראָנאַ (רמב״ן).

דער רמב״ן איז געוועזן בעקאַנט מיט וועלטליכע וויסענשאַפטען און
האָט געקענט מעדיצין. אָבער אין זיין רעליגיאָנס־לעהרע איז ער געוועזן
זעהר קאָנסערוואַטיוו און ער האָט ניט געוואָלט הערען פון קיין קריטיק.
ער האָט פערטיידיגט דעם אלפס אין זיין „מלחמת ה׳ ״ געגען דער קריטיק
פון ר׳ זרחיה הלוי. דער זעלבער גייסט הערשט אויך אין זיין פּירוש אויף
דער תורה. אין פיעלע שטעלען זוכט ער אָפּצושוואַכען די שאַרפע קריטיק
פון אבן עזרא אויף איינינע ערטער אין דער תורה. אין יאָהר 1267 איז
ער ענטלאָפען פון שפּאַניען נאָך ארץ ישראל, ווייל מען האָט איהם אָנגע-
הויבען צו פערפאָלגען צוליב זיין ויכוח איבער׳ן קריסטענטום. ווען ער
איז אָנגעקומען אין ארץ ישראל איז דאָס לאַנד געוועזן אונטער דער הער-
שאַפט פון עגיפּטישען סולטאַן. אָבער דער צושטאַנד פון די דאָרטיגע אידען
איז געוועזן זעהר טרויעריג. ער האָט געטאָן אַלעס, וואָס ער האָט געקענט,
צו פערבעסערן די מאַטעריעלע און גייסטיגע לאַגע פון דער קליינער אידי-
שער געמיינדע אין ירושלים. אין יאָהר 1270 איז ער געשטאָרבען און מען
האָט איהם מקבר געוועזן אין חיפה.

נאָך דעם רמב״ן האָט געשפּילט די הויפּט־ראָלע אין דער תלמודישער
וויסענשאַפט אין שפּאַניען ר׳ שלמה בן אדרת (רשב״א). ער
איז געוועזן אַ תלמיד פון רמב״ן און ר׳ יונה גירונדי, דעם געוועזענעם געג-
נער פון רמב״ם. דער רשב״א איז געוועזן אין יענער צייט די גרעסטע אוי-
טאָריטעט אויף׳ן תלמודישען פעלד. טויזענדער רבנים און קהלות האָבען
זיך צו איהם געווענדט מיט זייערע שאלות און ער האָט אַלעמען געענטפערט
מיט גרויסע בקיאות. זיין וואָרט איז איבעראַל געוועזן אָנגענומען ווי תורת
משה. דער רשב״א איז געוועזן אַ גרויסער אָנהענגער פון די בעלי תוספות
און דער „יד החזקה״ פון רמב״ם האָט איהם ניט געקענט צופרידען שטעלען.
ער האָט דעריבער אָנגעפאַנגען צו מאַכען אַ נייעם קאָדעקס מיט׳ן נאָמען
„תורת הבית״ (דער פּלאַן פון הויז), וואו עס זיינען געוועזן צוזאַמענגעמישט
הלכה מיט פּלפול. געגען איהם איז ארויס אַ געלעהרטער תלמודיסט פון
באַרצעלאָנאַ ר׳ אהרן הלוי און האָט געשריבען אַ געגען־ווערק אונטער׳ן נאָ-
מען „בדק הבית״ (פעררינכטונג פון דעם הויז). דער רשב״א האָט דערויף
געענטפערט מיט אַ נייעם ווערק „משמרת הבית״ (פערהיטונג פון דעם הויז).

צום רשב״א, אז מען זאָל פערוועהרען אידען לערנען פילאָזאָפיע און וויסענשאַפטען. דער רשב״א האָט ניט געוואָלט אַרויסזאָגען זיין מיינונג אָפען און האָט זיך פון דיזער בעוועגונג געהאַלטען פון וויטען. ער איז אָבער געווען געצוואונגען צו פאָדערן פון א געוויסען רייכען מאַן אין פערפּיניאַן מיט'ן נאָמען סולאמי, וועלכער האָט געשטיצט דעם אידישען פילאָזאָף לוי בן חיים, אז ער זאָל איהם אויפהערען שטיצען.

אבא מארי האָט אויסגעארבייט א פּלאַן, צו פערבאָטען יעדען אידען, וואָס איז אינגער פון 30 יאָהר, צו לערנען וויסענשאַפטען אויסער מעדיצין, און ווער עס וועט עובר זיין, זאָל אַריינגעלעגט ווערען אין חרם. דער רשב״א מיט נאָך 14 רבנים האָבען דיזען פּראָיעקט גוטגעהייסען, אויב די פּאָרשטעהער פון פּערפּיניאַן וועלען דערצו געבען זייער הסכמה.

אָבער אין מאָנטפּעליער האָט זיך געבילדעט א פּארטיי געגען דעם רעאַקציאָנער אבא מארי. אָן דער שפּיץ פון דיזער פּארטיי איז געשטאַנען ר׳ יעקב בן מכיר, א זעהר געבילדעטער מאַן, א דאָקטאָר, אסטראָנאָם און פילאָזאָף. דיזער געלעהרטער איז געווען בעוואוסט אין דער קריסטליכער וועלט אונטער'ן נאָמען פּראָפיאט. ער איז געוואָרען אָנגעשטעלט אלס דעקאַן פון מעדיצינישען פאַקולטעט אין דער אוניווערזיטעט פון מאָנטפּעליער. דיזער געלעהרטער איז געווען אין דער פעסטער איבערצייגונג, דאָס די וויסענשאַפט קען האַרמאָנירען מיט דער אידישער רעליגיאָן, און דעריבער, ווען עס איז געקומען דער בריף פון רשב״א, האָט ער געפּאָדערט, דאָס מען זאָל איהם ניט פערעפענטליכען. אבא מארי אָבער האָט איהם ניט נאָכגעגעבען און האָט דעם בריף איבערגעלעזען שבת אין שול (1304). ר׳ יעקב האָט ענערגיש פּראָטעסטירט געגען דער רעאַקציע און האָט צוגעצויגען צו זיך פיעלע אָנגעזעהענע פּערזאָנען פון דער אידישער געמיינדע אין מאָנטפּעליער. דיזע האָבען געשיקט צום רשב״א א בריף, אין וועלכען זיי האָבען בעוויזען, דאָס די אידישע רעליגיאָן פערוועהרט ניט צו לערנען וויסענשאַפטען, דאָס דער קעניג שלמה איז געווען א גרויסער חכם אין אַלע וויסענשאַפטען, דאָס די תנאים האָבען געוואוסט מאַטהעמאַטיק און אסטראָנאָמיע, דאָס מיט זייער פערוועהרען לערנען וויסענשאַפטען ביז 30 יאָהר וועלען זיי ברייננגען דערצו, אז דער יונגער דור וועט זיין א דור פון אונוויסענדע. צום שלוס פון בריף פערלאַנגען זיי פון רשב״א, אז ער זאָל ניט בריינגען צו א שפּאַלטונג אין יודענטום.

דער בריף האָט גאָרניט געהאָלפען. דער רשב״א האָט בעשלאָסען גאָרניט צו טאָן ביז 20 אידישע געמיינדעס וועלען מסכים זיין אויף'ן פּלאַן.

אין זיינע לעצטע יאָהרען האָט ער אָנגעשריבען אַ פּירוש אויף דעם „מורה נבוכים” פון רמב"ם.

דער אַנדערער פילאָזאָף אין זיין צייט ר' יצחק אלבאלאג האָט אָפּען געזאָגט, דאָס צווישען דער רעליגיאָן און וויסענשאַפט קען קיין הארמאָניע ניט זיין. דער פילאָזאָף קען ניט פערשטעהן דעם נביא און דער נביא דעם פילאָזאָף.

פון די פריידענקער איז געווען דער שטאַרקסטער ר' לוי בן חיים פון וויללעפראַנש (1250—1315). ער איז געווען זעהר אָרים און איז געווען געצוואונגען צו וואַנדערן דורך פערשיידענע שטעדט. ער האָט געשריבען צוויי ווערק: „בתי הנפש” און „לוית חן”. אין דעם ערס־טען ווערק בעהאַנדעלט ער פילאָזאָפיע, פּסיכאָלאָגיע, עטהיק, נבואה און אַנד. אין דעם צווייטען ווערק בעהאַנדעלט ער מאַטהעמאַטיק, פיזיק, אַס־טראָנאָמיע און אויך אַ ביסעל טהעאָלאָגיע. די ביבלישע ערצעהלונגען ער־קלערט ער אַלעגאָריש, ד. ה., דאָס די פּערזאָנען פון דער ביבעל דריקען אויס אַ מאָראַלישען פּרינציפּ, אָבער אין דער טאַט האָבען זיי גאָר ניט עק־סיסטירט. די נסים אין דער ביבעל האָט ער ערקלערט מיט נאַטירליכע גע־זעצען.

די אידעע, צו ערקלערען אַלעס אין דער ביבעל אַלעגאָריש, האָט אַראָפּ־געפיהרט אַ סך אידען פון וועג. פיעלע האָבען ערקלערט, דאָס די אַלע מצוות האָבען גאָר אַן אַנדער זין, און גאָט פערלאַנגט גאָר ניט, אַז מען זאָל טאָן די אָדער יענע מצוה, נאָר מען זאָל פון זיי פערשטעהן פי־לאָזאָפישע אידעען. אויך די ספּורים פון דער תורה האָבען זיי אָנגענו־מען נאָר פיר פילאָזאָפישע אידעען. למשל: אברהם און שרה מיינט מאַ־טעריע און פאָרמע, די פיער אמהות מיינען די פיער עלעמענטען (ארבעה יסודות), די 12 שבטים בעדייטען די 12 מזלות. געגען דיזער ריכטונג זיינען אַרויס די רבנים פון אָנפאַנג פון 14טען יאָהרהונדערט און האָבען אָנ־געהויבען אַ נייע מלחמה געגען דער פילאָזאָפיע און וועלטליכע וויסענשאַפ־טען, און איבערהויפּט געגען דעם „מורה נבוכים” פון רמב"ם.

דער נייער קאַמף געגען פילאָזאָפיע און בילדונג. די שטאָדט מאָנטפּעליער איז אויך דיזען מאָל געוואָרען דאָס הויפּט־שלאַכטפעלד צווי־שען אָרטהאָדאָקסען און פריידענקער, ווי מיט 70 יאָהר צוריק. דער ערס־טער איז אַרויס אין שטרייט געגען פריידען אבא מארי פון לונעל. ער האָט אָנגעהויבען צו אַגיטירען, אַז מען זאָל פערווערען אידען צו לער־נען פילאָזאָפיע און וויסענשאַפט. אין יאָהר 1303 האָט ער זיך געווענדט

גאון און רבנו משה בן מיימון (רמב״ם), גדולים, פאר וועמעס אנדענקען אלע מעגען זיך בוקען. זאגאר די אלעגאריסטען זיינען ניט אזוי שלעכט און געפעהרליך פיר דאס יודענטום, ווי אבא מארי שטעלט זיי פאר״. צום שלום זאגט ער: „עס וועט קיינעם ניט געלינגען צו פערוועהרען דער אי-דישער יוגענד בעשעפטיגען זיך מיט וויסענשאפטען, אפילו ווען יהושע בן נון זאל עס וועלען טאן, ווייל דער גרויסער משה (מיימון) האט אונז אנגע-זאגט, אז מיר זאלען עס ע טאן, און זיין אנזאג איז ביי אונז הייליג״.

דער שטרייט צווישען די צוויי פארטייען האט געקענט פיהרען צו א געפעהרליכער שפאלטונג אין יודענטום. אבער באלד האט אן אנדער אונ-גליק פערדרעהט די אידישע קעפ און זיי האבען פערגעסען אן דעם קולטור-קאמף. דער פראנצויזישער קעניג פיליפ דער שענער האט ארויסגעטריבען די אידען פון זיין לאנד, און דאס האט געמאכט אן ענדע צו דער מחלוקת.

דער גירוש פון פראנקרייך און די פערפאלגונגען פון די פאסטוכער האבען פיעל געשטערט די אידען אין זיד-פראנקרייך (פראוואנס) איבערצו-געבען זיך צום שטודיום. אבער דיזע טרויעריגע געשעהעניסען האבען ניט געקענט אין גאנצען דערשטיקען אין זיי די שטרעבונג צו לערנען תורה. עס האבען זיך אויך דאן בעוויזען אויף׳ן אידישען האריזאנט אזעלכע פער-זאנען ווי דער בעריהמטער פילאזאף ר׳ לוי בן גרשון, בעוואוסט אונטער דעם אפגעקירצטען נאמען רלב״ג (1288—1345). מען זאגט, דאס ער איז געווען אן עניקעל פון דעם בעריהמטען אונגליקליכען פילאזאף ר׳ לוי בן חיים. דער רלב״ג האט גרינדליך געוואוסט מאטהעמאטיק, אסטרא-נאמיע, נאטור-וויסענשאפט און מעדיצין. ער האט אויך ערנסט געשטו-דירט דעם תלמוד און איז געווען א טיכטיגער ביבעל-פארשער. ער האט געשריבען וויכטיגע ווערק איבער אסטראנאמיע און האט זאגאר ערפונדען אן אינסטרומענט פיר אסטראנאמישע בעאבאכטונגען. ער האט זיך אי-בערגעגעבען מיט לייב און זעעלע צום שטודיום פון וויסענשאפטען אין דער צייט, ווען אבא מארי מיט׳ן רשב״א האבען געשטורמט מיט דעם חרם געגען חכמות חצוניות. זיין פרנסה האט ער געהאט פון מעדיצין. ער האט ניט געליטען פון די פערפאלגונגען, פון וועלכע אנדערע אידען האבען געליטען אין יענער צייט, און דעריבער האט ער זיך געקענט רוהיג איבערגעבען צו זיינע וויסענשאפטליכע פארשונגען. דאס בעסטע און וויכטיגסטע פון זיינע ווערק איז דער ספר „מלחמות ה׳״. אין דיזען ווערק בעהאנדעלט ער זעקס זעהר וויכטיגע פראגען אין יודענטום. די אייביגקייט פון דער וועלט-מא-טעריע, די נאטור פון די הימלישע קערפערס, דעם מענשען׳ס זעעלע, נבואה,

דערווייל איז פון דייטשלאַנד אָנגעקומען אין שפּאַניען דער ראַ״ש (רבנו אשר בן יחיאל) און איז צוגעשטאַנען צו דער פּאַרטיי פון אבא מארי. ער האָט געפאָדערט נאָך מעהר — מען זאָל אין גאַנצען פערווערען אידען צו לערנען וויסענשאַפטען.

דורך די דרשות פון ראַ״ש האָט דער רשב״א בעשלאָסען ענערגיש אַרויס־צוגעהן געגען די פריידענקער. שבת, דעם 9טען אב (1305), האָט מען אין די שולען געלייענט א חרם אויף די יעניגע, וואָס װעלען זיך בעשעפטיגען מיט נאַטור־וויסענשאַפט און פילאָזאָפיע איידער זיי זיינען אַלט געוואָרען 25 יאָהר. אַלע אידיש־פילאָזאָפישע ווערק, וואָס וועלען געשריבען ווערען פון אַ אידען, זאָלען פערברענט ווערען. דיזער חרם איז בעשטימט געוואָרען אויף אַ צייט פון 50 יאָהר און איז צושיקט געוואָרען צו אַלע אידישע גע־מיינדעס אין שפּאַניען, פראַנקרייך און דייטשלאַנד.

אָבער די אָנהענגער פון וויסענשאַפטען האָבען אויך ניט געשוויגען. זיי האָבען אויך אין א שבת אויסגערופען אין שול א חרם געגען די פאָלגענדע פּערזאָנען: 1) וועלכע וועלען פערווערען זייערע קינדער צו בעשעפטיגען זיך מיט וויסענשאַפטען; 2) וועלכע וועלען בעליידיגען דעם רמב״ם, און 3) וועלכע וועלען בעשולדיגען אין אַפּיקורסות א אידישען מחבר, וואָס זיין גאַנצע שולד וועט נאָר זיין דאָס, וואָס ער האָט געשריבען אַ פילאָזאָפישעס ווערק, הגם ער האָט גאָר ניט אָנגעריהרט די אמונה און איז אַליין אַן אמת'ער איד. דיזען חרם האָבען זיי אויך פערנאַנדערגעשיקט צו פיעלע אי־דישע געמיינדעס.

אום צו פערטיידיגען דאָס שטודיום פון וויסענשאַפטען איז אַרויס ר' ידעיה פון בדרשי (בעדאַרעסי), וועלכער איז בעוואוסט אונטער'ן נאָמען ר' ידעיה הפניני (דער פּערלדיגער) צוליב זיין זעלטען שע־נעם סטיל אין שרייבען. ער איז געווען אַ גרויסער פערעהרער פון אבן עזרא און רמב״ם און איז בעריהמט מיט זיין ווערק „בחינת עולם", אין וועלכען ער דריקט אויס אין דעם סטיל פון קהלת טיפע פילאָזאָפישע און מאָראַלישע געדאַנקען. ער האָט געשריבען אַ לאַנגען בריף צום רשב״א (1306). צווי־שען אַנדערע זאַכען זאָגט ער דאָרטען: „איך שרייב ניט דיזען בריף אָנ־צונעהמען זיך פיר די בעליידיגטע וויסענשאַפט, זי ברויכט ניט קיין פער־טיידיגונג; נאָר איך טרעט אַרויס געגען דעם אונרעכט, וואָס מען בע־שולדיגט אָהן אַ שום גרונד אַ גרויסע צאָהל אידען, וועלכע זיינען אמת'ע גלויביגע, אין אַפּיקורסות. די וויסענשאַפט איז געוואָרען אָנערקענט אַלס אַ נויטווענדיגע זאַך פיר דאָס יודענטום פון אַזעלכע גדולים ווי ר' סעדיה

כסף“, וועלכער ענטהאַלט ערקלערונגען איבער שווערע שטעלען. ער פלעגט זעהר אָפט אַרויסזאָגען זעהר פרייע געדאַנקען און האָט פאַר קיינעם קיין מורא ניט געהאַט. אין זיין ספר וועגען מאָראַל זאָגט ער: „דער אמת דאַרף קיין מורא ניט האָבען פאַר קיינעם און ניט שעמען זיך פאַר קיינעם“. דער אַנדערער פילאָזאָף אין יענער צייט אין זיד־פראַנקרייך איז געווען ר׳ משה נארבאָני. אין דער צייט פון דער שוואַרצער פעסט האָט אַ צוּאווילדעוועטע מאַסע בערויבט זיין גאַנצעס פערמעגען, אויף די ביכער, און ער האָט זיך קוים גערעטעט מיט זיין לעבען (1348). ער איז בעריהמט מיט זיין פירוש אויף דעם „מורה נבוכים“. נארבאָני איז געווען דער לעצ־טער פון די ראַציאָנאַליסטען אין זיד־פראַנקרייך.

די פיער טורים און אַנדערע פוסקים אין 14טען יאָהרהונדערט. די רבנישע ליטעראַטור האָט געשאַפען אַ גרויסע מאַסע מאַטעריאַל אין דער צייט פון רמב״ן, רשב״א און רא״ש. עס האָט זיך געפאָדערט צו ברייננען אָרדנונג אין דער גרויסער מאַסע נייעס, וואָס איז געשאַפען געוואָרען פון די בעלי תוספות און זייערע נאָכפאָלגער. דער „יד החזקה“ פון רמב״ם האָט שוין דאַמאָלס ניט געקענט צופרידען שטעלען די רבנים, ווייל אין איהם האָט געפעהלט די נייעס, וואָס די בעלי תוספות האָבען אויפגעטאָן אויף׳ן פעלד פון הלכה. עס זיינען דאַמאָלס ערשינען פערשיידענע „פוסקים“, ד. ה. אַ זאַמלונג פון דינים און מנהגים. די וויכטיגסטע פון אַלע אַזעלכע זאַמלונגען זיינען די „ארבעה טורים“, וואָס זיינען פערפאַסט געוואָרען פון ר׳ יעקב, דעם זוהן פון רא״ש. די „טורים“ ענטהאַלטען אין זיך נאָר די דינים, וואָס זיינען אין געברויך ביי די אידען אין די גלות־לענדער, ד. ה. אָהן די דינים פון קרבנות אָדער פון פעלד־ארבייט, וועלכע זיינען צוזאַמענ־געבונדען מיט ארץ ישראל און דעם בית המקדש. די רבנים האָבען אָנגע־נומען די טורים בעסער ווי דעם רמב״ם׳ס „משנה תורה“. די טורים זיינען געווען דער יסוד פון דעם שולחן ערוך, וועלכער איז היינט דער הויפּט־קאָדעקס אין דער רבנישער פּראַקטיק, און דעריבער שטודירט מען די „טורים“ עד היום מעהר ווי דעם „יד החזקה“ פון רמב״ם.

אויך אויף דעם געביט פון ערקלערען דעם תלמוד און פון שאלות ותשובות האָט יענע צייט פּראָדוצירט וויכטיגע אויטאָריטעטען, צווישען וועלכע עס איז זעהר בעריהמט רבנו ניסים גירונדי (ר״ן). ער האָט געלאָזען אַ זעהר וויכטיגען פירוש אויף אייניגע מסכתות פון אלפס, שאלות ותשובות און אויך אייניגע זעהר וויכטיגע דרשות אין שטרענג אָרטהאָדאָקסישען זין.

דאָס אַל־וויסען פון גאָט און די געטליכע השגחה. ער גלויבט ניט אין דעם, דאָס די וועלט איז בעשאַפען געוואָרען פון גאָרניט (יש מאין). ער גלויבט אָבער, דאָס עס האָט עקסיסטירט פון אייביג אָן אַ זעהר ערדלע מאַטעריע, פון וועלכער די וועלט איז בעשאַפען געוואָרען (חומר היולי). ער גלויבט אין נבואה, וועלכע איז לויט איהם אַ סאָרט פערבינדונג פון דער זעעלע פון אַ זעהר גרויסען מענשען מיט דעם שכל הפועל (דעם ווירקענדען וועלט־פער־שטאַנד). וועגען השגחה דענקט ער, דאָס די גאָטהייט האָט אויפזיכט אויף גאַנצע דורות און ניט אויף יחידים, סיידען דער יחיד איז אַזעלכער, וואָס פון איהם זיינען אָפּהענגיג גאַנצע דורות. וועגען די נסים אין דער תורה גלויבט ער, דאָס זיי זיינען ניט איבערנאַטירליך. אַזוי צ. ב. וועגען דעם, וואָס עס ווערט דערצעהלט, דאָס אין יהושע'ס צייטען איז אַמאָל די זון אָפּ־געשטעלט געוואָרען אין איהר גאַנג און איז אונטערגעגאַנגען שפּעטער ווי געוועהנליך, ערקלערט ער, דאָס עס מיינט, אַז דער זיג פון יהושע'ן איבער זיינע פיינד איז צוגעגאַנגען זעהר שנעל נאָך פאַר דעם אונטערגאַנג פון דער זון, וועלכע האָט אַזוי ווי געוואַרט אויף דעם סוף פון דער שלאַכט.

ביים רלב"ג איז די וואַהרהייט געשטאַנען העכער פון אַלעס. ער האָט אָבער געגלויבט, דאָס אין דער ביבעל איז ניטאָ אַזוינס, וואָס זאָל זיין גע־גען דער וואַהרהייט. מען מוז דעריבער קענען פערשטעהן די ביבעל, אום מען זאָל אין איהר געפינען די וואַהרהייט, וועלכע שטימט מיט'ן אמת'ען פערשטאַנד. זיינע שונאים האָבען געזאָגט מיט איראָניע וועגען זיין ספר „מלחמות ה'", דאָס ער פיהרט דאָרט מלחמה ניט פיר גאָט נאָר געגען גאָט. דערפאַר זיינען זאָגאַר די אָרטהאָדאָקסען געווען זעהר צופרידען מיט זיינע פירושים אויף תנ"ך. זעהר פּאָפּולער זיינען די „תועליות הרלב"ג". דאָס איז אַ ווערק, וואָס ערקלערט דעם מאָראַלישען ווערט און זין פון פיעלע ער־צעהלונגען אָדער געזעצען אין דער תורה. זיינע אַסטראָנאָמישע פאָרשונגען זיינען איבערזעצט אין לאַטייניש, און די קריסטליכע געלעהרטע האָבען זיך פיעל בענוצט מיט זיי. אויך דער גרויסער פילאָזאָף שפּינאָזאַ האָט פיעלעס געשעפּט פון איהם און האָט עס אַריינגעבראַכט אין זיין ווערק „דער טהעאָ־לאָגיש־פּאָליטישער טראַקטאַט". אין דער צייט פון רלב"ג האָבען זיך גע־פונען אין זיד־פראַנקרייך נאָך צוויי טיכטיגע פילאָזאָפען: ר' יוסף כספּי („כספּי" איז די העברעאישע איבערזעצונג פון דעם נאָמען אַר־זשאַנטיער, זילבערנער). ער איז געווען אַ גרויסער פערעהרער פון רמב"ם און האָט געשריבען צוויי פירושים אויף דעם „מורה נבוכים", איי־נעם אונטער'ן נאָמען „עמודי כסף", און דעם אַנדערען מיט'ן נאָמען „משכיות

פון זיין תפלה ווירקען אויף די אָדער יענע ספירה, און וועלכער זיינע ווער-טער מאַכען אַ בעוועגונג, און די אָדער יענע ספירה טוט זיין רצון. וואָס אָנב'נטרעפט די לעהרע פון אונשטערבליכקייט פון דער זעעלע האָבען די מקובלים געגלויבט אין גלגול, דאָס די זינדיגע נשמה מוז אריין נאָך אַ מאָל אין גוף און מתקן זיין וואָס זי האָט פריהער קאַליע געמאַכט. דיזע לעהרע האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף אייניגע מענשען מיט אַ שטאַרקער פאַנטאַזיע, און דיזע מענשען האָבען זיך ערקלערט פיעלע סודות פון דער נאַטור דורך דיזע לעהרע און האָבען דיזע ערקלערונגען אויך געפונען אין די ווערטער פון די כתבי הקודש (תנ"ך).

דער ערסטער, וואָס האָט אָנגעהויבען צו פערברייטען די קבלה, איז גע-וועזען איינער ר' עזריאל אין דער שטאָדט גראָנאַ. פון איהם, זאָגט מען, האָט דער רמב"ן געלערנט די יסודות הקבלה. איינער פון די ערסטע בע-וואוסטע מקובלים איז געוועזען ר' טודרוס אבולעפיא (1234—1304). ער האָט פערנומען אַ וויכטיגע שטעלע אַלס דאָקטאָר און פינאַנ-סיסט אין הויף פון קאַסטילישען קעניג סאַנטשאָ דעם 4טען. טודרוס איז געוועזען אַ קוזין פון דעם בעוואוסטען שונא פון פילאָזאָפיע מאיר אבו-לעפיא. אויך טודרוס האָט געהאַסט די פילאָזאָפען דערפאַר, וואָס זיי גלויבען ניט אין דער עקסיסטענץ פון שדים און מלאכי חבלה. טודרוס אבו-לעפיא האָט פערפאַסט אַ ספר מיט'ן נאָמען „אוצר הכבוד", אין וועלכען ער זוכט צו בעווייזען, דאָס אין די אגדות חז"ל געפינט זיך די קאַבאַליסטישע אידעע פון די עשר ספירות. פון די וויכטיגע מקובלים פון יענער צייט זיי-נען אויך געוועזען ר' יצחק אלאטיף, דער פערפאַסער פון ספר „צורת העולם", און אייניגע אַנדערע. ער איז געוועזען האַלב אַ פילאָזאָף און האַלב אַ מקובל. אין זיינע ספרים געפינט מען זעהר פיעל עהנליכעס צו שפינאָזא'ס פילאָזאָפיע, דאָס אין אַלעס איז גאָט און אַלעס איז אין גאָט. אויך ר' יוסף גיקאטילא איז געוועזען בעריהמט אין יענער צייט אַלס אַ גרויסער מקובל. ער האָט געגלויבט אין „קבלה מעשית", ד. ה., דאָס דורך פערשיידענע בעשוועהרונגען (השבעות) קען מען טאָן גרויסע וואונדער, און מען האָט איהם ווירקליך געהאַלטען פיר אַ גרויסען בעל מופת.

די קבלה האָט געווירקט אויף אייניגע גרויסע פאַנטאַזיאָרען צו גלויבען אין זיך, דאָס זיי האָבען אין זיך אַ רוח נבואה און דאָס זיי זיינען ווערט צו זיין די גואלים (ערלעזער) פון די אידען פון זייער לאַנגען גלות (משיחים). אַזעלכער איז געוועזען אברהם אבולעפיא (1240—1291). אין זיין יוגענד איז ער געוועזען אַ רייזענדער. דער צוועק פון זיינע רייזעס איז

די קבלה. די פילאָזאָפיע האָט ארויסגערופען דעם פערלאַנג צו גע-פינען א שכל'דיגע ערקלערונג פיר די דאָגמאַס פון דער אידישער רעליגיאָן. אָבער די פילאָזאָפישע ערקלערונגען האָבען ניט געקענט צופרידען שטעלען די פרומע קלאַס, און אַנדערע האָבען זאָגאַר געפונען, דאָס די פילאָזאָפיע איז געפעהרליך פיר דאָס יודענטום. דאַמאָלס איז ערשינען די קבלה, די סתרי תורה, מיט איהרע געהיימע ערקלערונגען אויף אַזעלכע פראַגען, אויף וועלכע די פילאָזאָפיע האָט ניט געהאַט קיין ענטפער. מען האָט וויע-דער אָנגעהויבען גלויבען, ווי אין די אַלטע צייטען, דאָס עס זיינען דאָ אַזעל-כע סודות אין דער רעליגיאָן, וועלכע נאָר יחידי סגולה זיינען זיי אין שטאַנד צו וויסען. עס האָט ווידער אָנגעהויבען הערשען די אַלטע מיינונג, דאָס אָפּט קען מען משיג זיין אַ זאַך, וועלכע איז מיט'ן פערשטאַנד ניט צו בע-גרייפען, דורך א בעגייסטערונג פון הימעל. אַזעלכע געהיימניסען, האָט מען געגלויבט, האָבען געוואוסט זעהר פיעלע מענשען אין די אוראַלטע צייטען, און דיזע געהיימניסען האָבען זיי איבערגעגעבען צו זייערע נאָכפאָלגער אַלס איבערליפערונג (קבלה). דיזע סודות געפינען זיך פערשטעלט אין די ווערטער פון דער הייליגער שריפט. מיט דער הילף פון אַזאַ סאָרט וויסען קענען אַנדערע זיין אין שטאַנד צו מאַכען אַ גרויסע ווירקונג זאָגאַר אויף העכערע וועלטען.

לויט די פרינציפּען פון דער קבלה איז גאָט ניט קיין קערפּער און ער איז אונענדליך, „אין סוף". ווייל פון אַ גייסט קען קיין קערפּער ניט ארויס-קומען, האָבען די קאַבאַליסטען געגלויבט, דאָס די וועלט איז געשאַפען געוואָ-רען מדרגות־ווייז. פון גאָט איז ערשינען די ערסטע מדרגה, די ספירה (ספערע) „כתר" (די קרוין). נאָכדעם איז בעשאַפען געוואָרען די צווייטע ספירה „חכמה", פון איהר — די דריטע „בינה", פון דער דריטער „חסד", נאָכ-דעם „גבורה", פון גבורה איז אַרויס „תפארת", פון תפארת איז ארויס „נצח", נאָכדעם „הוד", „יסוד" און „מלכות". די ערסטע דריי ספירות שטעלען פאָר די העכסטע געטליכע אָרדנונג; די אַנדערע דריי — די זיטליכע אָרד-נונג פון דער וועלט; די דריטע דריי די נאַטור, און די פערטע ספירה איז די געטליכע השגחה. אויסער די ספירות געפינען זיך אין דער וועלט אונ-זיכטבאַרע קאַנאַלען (צנורות), דורך וועלכע די ספירות ברייננגען אויף דער וועלט אַלע אירדישע גליקען. אזוי זעהען די מענשען די גאָטהייט דורך די נאַטור. ווען די ביבעל זאָגט: „גאָט האָט געזאָגט", „גאָט איז אַראָפּ פון הימעל" או. ד. גל., מיינט עס ניט גאָט זעלבסט, דער „אין סוף", נאָר די „ספירות". דער סוד פון תפלה איז, דאָס דער מענש קען מיט די ווערטער

געוועזן וועגען רעליגיאָן געמישט מיט סודות, געגען די אָנהענגער פון פילאָ-זאָפיע, וועלכע בעהויפטען, דאָס די פילאָזאָפיע פיהרט צו די זעלבע רעזול-טאטען, וואָס די תורה. „צו וואָס האָט גאָר גאָט בעדאַרפט געבען אַ תורה", טענה'ט ער, „ווען מיר קענען דאָס זעלבע הערען פון אַ בשר ודם, ווי אַריס-טאָטעל?"

ר׳ משה דע לעאָן האָט זיך מפרנס געווען פון זיינע ספרים, אָבער ער האָט קיין גרויסע גליקען פון זיי ניט געמאַכט. זיינע געגנער האָבען איהם בעשולדיגט, דאָס ער האָט צוזאַמענגעשטעלט פון פערשיידענע כתב־יד'ן אַ ווערק אונטער'ן נאָמען „זוהר" (גלאַנץ) אין דער אַראַמעאישער שפּראַך (תרגום לשון), און האָט עס צוגעשריבען צו ר׳ שמעון בן יוחאי. אין אַל-געמיין איז דער זוהר אַ מדרש אויף די סדרות פון דער תורה, אין וועלכען עס געפינען זיך מעשיות פון הימעל, פון גן עדן, פון תנאים און זאָגאַר פון אמוראים, וואָס זיינען געווען פיעל שפּעטער פון ר׳ שמעון בן יוחאי'ן. דער זוהר ענטהאַלט אין זיך זעהר פיעלע קבלה־טהעאָריעס. ער האָט אַרויסגע-לאָזען אַ קלאַנג, דאָס דיזען כתב יד פון ר׳ שמעון בן יוחאי האָט דער רמב"ן געפונען אין ארץ ישראל און האָט איהם איבערגעשיקט אין שפּאַניען, און ער, דע לעאָן, האָט דערפון געמאַכט איינציגע קאָפּיעס. אין זוהר געפינט זיך אַ שטעלע, וואו ר׳ שמעון בן יוחאי בעריהמט זיך, דאָס ער האָט געזעהען פיעל מעהר און טיפער פון משה רבנו.

אין זוהר געפינען זיך אָפּטיילונגען מיט זונדערבאַרע נעמען: „רעיא מהימנא (דער טרייער פּאַסטוך), „מדרש הנעלם" (דער געהיימער מדרש), „אדרא רבא" (דאָס בוך פון דער גרויסער פערזאַמלונג), „אדרא זוטא" (דאָס בוך פון דער קליינער פערזאַמלונג), „ספרא דצניעותא" (דאָס פערבאָרגענע בוך). דער הויפּט־געדאַנק פון זוהר איז צו בעווייזען, דאָס אין דער תורה געפינען זיך זעהר וויכטיגע סודות. אויסער דעם איז דער זוהר פול מיט ערצעהלונגען פון ערשיינונגען, וואָס ר׳ שמעון בן יוחאי האָט געזעהען, וועל-כע האָבען אַ כאַראַקטער פון נבואות. עס געפינען זיך דאָרט אויך ערצעה-לונגען פון גיהנום און גן עדן א. ד. גל. פון זוהר דערוויסט מען זיך, דאָס אין דער וועלט געפינען זיך צוויי ממשלות, די ממשלה פון מלאכי השלום און אַ ממשלה פון מלאכי חבלה. די בעציהונגען צווישען זיי זיינען ווי צוויי-שען אַ קערן און זיין שאָלעכץ (קליפּה), אָדער ווי די רעכטע זייט צו דער אונטער־זייט (סטרא אחרא), אויך די ממשלה פון די שדים האָט 10 ספירות (מדרגות). די מלאכי חבלה דרינגען אריין אין דעם מענשען'ס זעעלע און וועקען אין איהם שלעכטע תאוות. יעדע עבירה, וואָס אַ מענש בעגעהט,

געווען צו געפינען דעם טייך סמבטיון און די עשרת השבטים. קומענדיג צוריק פון זיין רייזע האָט ער זיך אָנגעהויבען בעשעפטיגען ערנסט מיט קבלה. ער האָט ערפונדען די קונסט פון צירופים, ד. ה. צו פעראייניגען בוכשטאַבען פון פערשיידענע ווערטער אין דער תורה און די נביאים און צוזאַמענשטעלען אונבעקאַנטע נעמען פון גאָט און מלאכים, דורך וועלכע מען זאָל זיך קענען פערבינדען מיט הייליגע מלאכים און דערוויסען זיך גרויסע וויכטיגע סודות. ער האָט אָנגעהויבען רעדען וועגען זיך אַלס אַ נביא. אין יענער צייט איז איהם אריין אַ געדאַנק צו פעראייניגען דעם יודענטום מיט'ן קריסטענטום מיט דעם מיטעל פון קבלה. די דאָגמאַ פון קריסטענטום וועגען דער דריי־אייניגקייט איז איהם אויסגעקומען זעהר עהנליך צו דער לעהרע פון קבלה וועגען די עשר ספירות (די צעהן ספערען). מיט דיזער אידעע איז ער געקומען צום פּאַפּסט מארטין דעם 4טען און האָט געהאָפּט צו בעקעהרען איהם צום יודענטום. מען האָט איהם באַלד אַרעסטירט און ער איז שיער ניט אומגעקומען. ער האָט זיך ווי עס איז אויסגעדרעהט פון טויט־שטראָף און איז אַוועק נאָך סיציליען. דאָרט האָט ער זיך אַרויסגעגעבען אַלס משיח (1284). די סיציליאַנער אידען האָבען זיך געווענדט צום רשב"א וועגען אַבולעפיאַ'ן. דער רשב"א האָט געענטפערט, אַז מען טאָר אין איהם ניט גלויבען. ער האָט געשריבען אייניגע ספרים, צווישען וועלכע עס זיינען געווען „אור השכל" און „שבע נתיבות". פון דיזע ספרים זיינען בעוואוסט נאָר אייניגע פראַגמענטען.

אונגעפעהר אין דער זעלבער צייט זיינען ערשינען נאָך צוויי פאַלשע משיחים. דער רשב"א האָט געוואָרענט די אידען, אַז זיי זאָלען זיך ניט לאָזען פערפיהרען פון דיזע שווערמער, אָבער עס האָט ניט געהאָלפען. דער עולם האָט שטארק געפאַסט, געטאָן תשובה, געגעבען צדקה און האָט זיך פערזאַמעלט אין אַ בעשטימטען טאָג אין שול צו הערען דעם „שופר של משיח". אָבער עס איז ניט געווען וואָס צו הערען. אַרויסגעהענדיג פון שול האָבען פיעלע בעמערקט אויף זייערע קליידער קליינע צלמים'לאך. מען רעכענט, אַז דאָס האָבען אָפּגעטאָן מענשען, וואָס האָבען געשפּאַסט פון דעם שווערמער; אָבער עס האָט געווירקט, דאָס פיעלע פון זיי האָבען זיך בעקעהרט צום קריסטענטום.

ר' משה דע לעאָן און דער זוהר. ר' משה דע לעאָן שפּילט אַ גרויסע ראָלע אין דער ענטוויקלונג פון קבלה אין יענער צייט. פון זיין פערזענליכקייט ווייסען מיר גאַנץ ווייניג. אין זיינע פריהערדיגע יאָהרען האָט ער בערייזט גאַנץ שפּאַניען. די ערסטע ווערק, וואָס ער האָט געשריבען, זיינען

די אידען „די שקלאַפען פון אונזער הויף". דער קיסר האָט געטאָן מיט די אידען וואָס ער האָט געוואָלט; ער האָט זיי בעשווערט מיט אונערטרעגליכע שטייערן, און האָט זיי געזאָגט אַ גרויסע דעה אין זייער האנדעל. ער האָט זיי אויך בעדארפט בעשיצען געגען די צוואוויילדעוועטע מאַסען, אָבער ניט אימער האָט ער עס געקענט. ווען עס האָט איהם געלוינט האָט ער זיי פערקויפט צו אַ פעאָדאַל־הערר אָדער צו אַ שטאָדט־מאַגיסטראַט. אַ איד האָט ניט געקענט זיין אין דער גילדע פון סוחרים; ער האָט נאָר געהאַט דאָס רעכט צו פערלייהען געלט אויף פּראָצענט, ווייל דער קריסט האָט עס ניט געקענט טאָן צוליב אַ רעליגיאָנס־געזעץ.

דיזע אָרדנונג האָט זיך בעפעסטיגט איבערהויפט זינט פריעדריך דעם 2טען פון די האָהענשטויפען (1215—1250). אין יאָהר 1236 האָט ער געגעבען די אידען אייניגע רעכטען צו האנדלען און אַ גאַראַנטיע, דאָס קיינער האָט ניט קיין רעכט אָנצוגרייפען זייער פּערזאָן און זייער פּער־מעגען. אָבער אין דער פּראַקטיק האָט דיזע גאַראַנטיע ניט געהאַט קיין ווערט. די קריסטליכע בעפעלקערונג האָט געטאָן מיט'ן אידען וואָס זי האָט געוואָלט און איז פון קייזער זעהר זעלטען בעשטראָפט געוואָרען. דערפאַר האָט מען שטארק אויפגעפּאַסט, דאָס ד אידען, די קאַמערקנעכט, זאָלען טראָגען אויף זייערע קליידער אַ געלע לאַטע אום מען זאָל זיי גלייך דער־קענען. ווען דער קיסר פריעדריך דער 2טער האָט אָפּגענומען די שטאָדט וויען פון הערצאָג פריעדריך האָט ער צוגענומען פון די אידען פון וויען די רעכטען, וואָס זיי האָבען דאָרט פריהער געהאַט. מיט אַ יאָהר שפּעטער האָט ער אויך די אידען פון וויען פערוואַנדעלט אין קאַמערקנעכט און האָט זיי פערשפּראָכען זיין שוץ געגען בעפאַלען פון די קריסטען. אָבער דער שוץ איז נאָר געווען אַ טויטער בוכשטאַב אויף'ן פּאַפּיר.

ווי ווייט ער האָט געשיצט די אידען, זיינע קאַמערקנעכט, צייגט אַ לאַנגע רייהע פון פּאָגראָמען, וואָס זיינען פּאָרגעקומען אין דער צייט פון זיין הערשאַפט. עס זיינען פּאָרגעקומען פּאָגראָמען אויף אידען אין פער־לויף פון 20 יאָהר אין זעהר פיעלע דייטשע שטעדט. די פּאָגראָמען זיינען געווען בעגלייט מיט פיעלע מאָרדען, און דאָך זיינען זיי געבליבען אונבע־שטראָפט. די הויפּט־אורזאַך פיר די גוואַלד־טאַטען איז געווען די פאַלשע בעשולדיגונג, דאָס אידען דאַרפען האָבען בלוט פון קריסטליכע קינדער צו פערשיידינע רעליגיעזע צוועקען און בעזונדערס צו פסח'דיגע מצות (עלילת דם). ווען אַ קריסטליכעס קינד איז אויף אַ קורצע ווילע פערשוואונדען געוואָרען האָט דער פּעבעל באַלד גענומען מאָרדען און רויבען די אידען.

אונטערוואָרפט איהם אונטער דער ממשלה פון די מלאכי חבלה, און יעדע מצוה בריינגט איהם אין פערבינדונג מיט די גוטע מלאכים. אין זוהר גע־פינט זיך אַ שטעלע, וואָס זאָגט פאָרויס, ווען משיח וועט קומען, און דאָס איז אין יאָהר 5060 אָדער 5066 נאָך דער אידישער צייטרעכנונג (1300 אָדער 1306 נאָך דער קריסטליכער צייטרעכנונג). דאמאָלס, הייסט עס, וועט פאָרקומען אַ גרויסע מלחמה צווישען אדום און ישמעאל (צווישען קריסטען און מאַחמעדאַנער), עס וועט זיך אָבער אריינמישען אַ דריטע קראַפט, וועלכע וועט זיי ביידען בעזיגען; עס וועט ווערען אַן איבערקעה־רענים אין אַלע קעניגרייכען, עס וועלען ערשיינען גרויסע וואונדער, תחית המתים, און די חכמת הקבלה וועט ווערען די הערשערין אין דער וועלט.

דער זוהר איז אין אַ קורצער צייט געוואָרען פיר די מקובלים אַ סאָרט ביבעל. מען האָט אָנגעהויבען שטארק צו קויפען דעם זוהר און ר׳ משה דע לעאָן האָט געמאַכט גוטע געשעפטען דורך פערפערטיגען קאָפּיעס צום פערקויפען. נאָך דע לעאָן׳ס טויט האָבען זיך אייניגע גענומען אויסצוגע־פינען דעם אמת, אויב עס איז ריכטיג, דאָס דער פערשטאָרבענער דע לעאָן האָט געהאַט אַ מאַנוסקריפּט (כתב יד) פון ר׳ שמעון בן יוחאי. עס איז געקומען אַ רייכער מאַן צו דע לעאָן׳ס אלמנה און האָט איהר אָנגעבאָ־טען אַ גרויסע סומע געלט פיר דעם אָריגינעלען מאַנוסקריפּט פון דעם זוהר. דאַמאָלס האָט די אלמנה דערצעהלט דעם אמת, דאָס איהר מאַן האָט קיינמאָל ניט געהאַט קיין אַלטען כתב יד, נאָר ער פלעגט דעם ספר אַליין אָנשרייבען און פערקויפען איהם. אָבער די פערעהרער פון זוהר האָבען די געשיכטע מיט דער אלמנה אָפּגעלייקענט, און דער גלויבען, דאָס ר׳ שמעון בן יוחאי איז דער ריכטיגער מחבר פון זוהר, איז געבליבען אין קראַפט.

טז. דער טרויעריגער צושטאַנד פון די אידען אין דייטשלאַנד.

דער צושטאַנד פון די אידען אין דייטשלאַנד אין 13טען, 14טען און 15טען יאָהרהונדערט איז געווען זעהר טרויעריג. מען האָט זיי דאָרטען בעהאַנדעלט ערגער ווי ווילדע חיות. די רעגירונגען האָבען זיי פערשקלאַפט און שרעקליך עקספּלואַטירט. די געזעלשאַפט האָט זיי ניט צוגעלאָזען צו קיין טעטיגקייט און די מאַסען האָבען אויף זיי זעהר אָפט געמאַכט פּאָגראָמען, האָבען זיי בערויבט און געמאָרדעט.

די אידען אין דייטשלאַנד זיינען דאַמאָלס ניט געשטאַנען אונטער דעם שוץ פון דעם אַלגעמיינעם געזעץ. זיי האָבען זיך געמוזט קויפען רעכטען פון די הערשער. זינט דעם 12טען יאָהרהונדערט האָבען די קיסרים גערופען

די אידען, אָהן אַ שום גרונד, נאָר ווייל זיי זיינען אידען; דאָס דער שיק-זאַל פון די אידען אין אַזעלכע קריסטליכע לענדער איז פיעל ערגער ווי זייער שיקזאַל איז אַמאָל געווען־אין מצרים. דער פּאָפּסט פּאָדערט פון אַלע גייסטליכע און פירסטען, אַז זיי זאָלען בעהאַנדלען די אידען מיט גערעכטיגקייט. ער זאָגט, אַז די קירכע האָט אויף זיך אַ פליכט צו פער-היטען, דאָס די אידען זאָלען ניט פערניכטעט ווערען, זי מוז זיך געבען אַלע מיה אויפצוהאַלטען די עקסיסטענץ פון אידישען פאָלק, אום די קירכע זאָל נאָך אַ מאָל זעהן, ווי אַלע אידען ווערען זיך אַרומזועהען, דאָס זיי זיי-נען געגאַנגען אין שלעכטען וועג און ווערען זיך ענדליך בעקעהרען צום קריסטענטום. דער זעלבער פּאָפּסט, איננאָצענץ דער 4טער, ערפאָהרענ-דיג, דאָס אין דער שטאָדט קאָנסטאַנץ און אין זיין עפּארכיע אונטער-שיידען זיך ניט די אידען אין זייערע קליידער פון די קריסטען, האָט אין יאָהר 1254 פאָרגעשריבען דעם עפּיסקאָפּ פון דעם אָרט שטרענג אויפצופּאַ-סען, דאָס די אידען זאָלען טראָגען אויף זייערע קליידער אַ צייכען, לויט דעם בעשלוס פון דעם קאָנציליום פון לאַטעראַן, אום זיי זאָלען זיך ניט קענען מישען מיט קריסטען און קומען אין נאָהענטע פערבינדונג מיט קריסטליכע פרויען.

אין יאָהר 1241 האָבען אידען זעהר פיעל געליטען אין אָסט־דייטש-לאַנד צוליב דעם, וואָס די טאַטאַרען, וועלכע האָבען פערוויסט אַ גרויסען טייל פון רוסלאַנד און פּוילען, האָבען זיך אויך אַריינגעריסען אין דייטש-לאַנד. דאָס פאָלק איז געווען איבערצייגט, דאָס די טאַטאַרען זיינען קרובים מיט די אידען, און די אידען האָבען זיי איינגעלאַדען צו קומען אין איירּאָפּאַ אום מיט זייער הילף פּטור צו ווערען פון דער הערשאַפט פון די קריסטליכע פעלקער. די קריסטען האָבען זיך בענוצט מיט דיזען חשד און מען פלעגט אָפּנעהמען פון אידישע סוחרים אַלעס, וואָס זיי האָבען געפיהרט צום פער-קויפען, מיט דעם אויסרייד, דאָס זיי פיהרען עס צו די טאַטאַרען.

פיעל בעסער איז געווען די לאַגע פון די אידען אין עסטרייך. הערצאָג פריעדריך דער העלד האָט צוריק אָפּגענומען וויען פון דייטשען קייזער פריעד-ריך דעם 2טען, און האָט זיך בעזאָרגט צו פערבעסערן דעם עקאָנאָמישען צושטאַנד פון לאַנד. ער האָט געוואוסט צו שעצען די אידישע פעהיגקייטען און האָט זיי געגעבען פיעל פרייהייט צו פערברייטערן דעם האַנדעל; ער האָט זאָגאַר געגעבען איינינגע וויכטיגע שטעלעס צו פעהיגע פינאַנסיסטען פון די אידען. דער הערצאָג פריעדריך האָט ווירקליך ערנסט בעשיצט די אינטערעסען פון די אידען. וויסענדיג גוט, ווי ווייט דער האַס פון קריסט

אין יאָהר 1235 האָט מען געפונען 5 קריסטליכע קינדער ערמאָרדעט הינטער דער שטאָדט פולדאַ. מען האָט באַלד בעשולדיגט די אידען. די מאַסע איז באַלד בעפאַלען דעם אידישען קוואַרטאַל און האָט ערמאָרדעט דרייסיג מע-נער און פרויען. צוויי פון די אָפּפער האָבען זיי אזוי שטאַרק געפּייניגט מיט פערשיידענע ענויים, דאָס די אונגליקליכע האָבען געזאָגט, אַז זיי האָבען ווירקליך בעגאַנגען די מאָרדטאַטען, אום דער טויט זאָל זיי גיכער בעפרייען פון די יסורים. די טויטע קערפּערס פון די קינדער האָט מען געבראַכט צום קייזער אַלס בעווייז פון דער מאָרדטאַט. דער קייזער האָט פערשפּראָכען צו מאַכען אַ שטרענגע אונטערזוכונג. ער האָט ווירקליך בעשטימט אַ קאָמיסיאָן, וואָס זאָל אונטערזוכען אויב די אידען געברויכען קריסטליך בלוט צו זייערע רעליגיעזע צוועקען. די קאָמיסיע האָט ערנסט און געוויסענהאַפט גע-מאַכט איהר אונטערזוכונג, און האָט ערקלערט, דאָס ניט אין דער ביבעל, ניט אין תלמוד געפינט זיך זאָגאַר אַ רמז, דאָס אידען מוזען האָבען מענש-ליכעס בלוט פיר וועלכען עס איז געברויך; אין געגענטייל, זיי איז שטרענג פערבאָטען צו געברויכען בלוט זאָגאַר פון אַ טיער. געשטיצט אויף דיזען בעריכט פון דער קאָמיסיע האָט דער קייזער בעפרייט די אידען פון פולדאַ און האָט שטרענג פערבאָטען אין דער צוקונפט צו מאַכען אַזעלכע בעשול-דיגונגען אויף אידען (1236). ניט אַכטענדיג דערויף זיינען די מערדער, וואָס האָבען ערמאָרדעט 30 אידישע נפשות אום צו מאַכען דיזע בעשולדי-גונג, געבליבען ניט בעשטראָפט.

די קריסטען האָבען ניט אויפגעהערט צו רויבען, ברענען און מאָרדען אידען יעדעס מאָל, ווען מען האָט געפינען אַ גע׳הרג׳עטען קריסט. די הער-שער האָבען זיך אימער בענוצט מיט אַזאַ צופאַל אום צו קאָנפיסקירען דאָס פערמעגען פון די בעשולדיגטע אידען. פון די אָפטע בעשולדיגונגען פון דיזען סאָרט זיינען די אידען געוואָרען שרעקליך רואינירט און זיי האָבען זיך געווענדט צום פּאַפּסט אינגאָצענץ דעם 4טען, אַז ער זאָל זיי בעשיצען געגען אַזעלכע פאַלשע בעשולדיגונגען און זאָל ערקלערען צו די גייסטליכע, דאָס די גאַנצע בעשולדיגונג פון בלוט־געברויך פיר רעליגיעזע צוועקען איז אַן אונזין. דער פּאַפּסט האָט ערפילט זייער בקשה און האָט צו אַלע גייסט-ליכע אַרויסגעשיקט אַ בוללע (שריפט), אין וועלכער ער האָט ערקלערט: דאָס די עלילת דם איז אַ שקר־בלבול, דאָס די אידען האָבען קיינמאָל ניט געברויכט און האָבען לויט זייער תורה ניט געטאָרט געברויכען קיין בלוט פיר וועלכען עס איז רעליגיעזען צוועק, דאָס עס איז אַ גרויסע זינד אַרויפ-צוואַרפען די שולד פון יעדען טויטען, וואָס מען געפינט ערגעץ־וואו, אויף

האָט יעדער איד געמוזט טראָגען אויף'ן קאָפּ א הויכען הוט מיט א לאַנגען שפּיץ ווי א האָרן, און א איד, וואָס האָט זיך בעוויזען אין גאַס אָהן דיזען קאָפּ־פּוץ, איז בעשטראָפט געוואָרען מיט א גרויסער סומע געלט. אידען האָבען ניט געטאָרט געהן אין א קריסטליכע באָד, נעכטיגען אָדער פערברייני-גען א קורצע צייט אין א קריסטליכען האָטעל אָדער איינפאָהר־הויז, זיין אין גאַס אָדער קוקען דורך די פענסטער בשעת עס געהט א קריסטליכע פּראָ-צעסיאָן. די אידען האָבען ניט געהאַט קיין רעכט צו בויען נייע שולען אָדער פערגרעסערן די אַלטע. א קריסט האָט ניט געטאָרט עסען צוזאַמען מיט א אידען. א איד האָט געמוזט צאָהלען דעם גייסטליכען פון דער קירכע אין דעם אָרט, וואו ער האָט געוואוינט, די זעלבע סומע, וואָס א קריסטלי-כער מיטגליד צאָהלט. א אידישער ערד־ארבייטער האָט געדאַרפט געבען מעשר פון זיינע תבואות צו דער קירכע. דאָס איז נאָר א קליינער טייל פון די קירכען־געזעצען וועגען די אידען. צום גליק האָבען די קעניגען ניט געצוואונגען די אידען פּינקטליך צו ערפילען דיזע פאָדערונגען, ווייל זיי האָ-בען געוואוסט, דאָס עס וואָלט רואינירען זייערע קאָמערקנעכט און זיי וואָל-טען פערלאָרען זייער איינקונפט. אום אָפּצוזונדערן די אידען פון די קריס-טען האָט מען פיר זיי בעשטימט א בעזונדער קוואַרטאַל אין שטאָדט (א געטאָ), וועלכער איז געווען אַרומגעצאַמט מיט א מויער; מיט דעם זיינען די אידען גראָד געווען צופרידען, ווייל עס איז פיר זיי זעלבסט אין פיעלע הינזיכטען געווען פיעל זיכערער צו וואוינען בעזונדער פון די קריסטען. אָבער טראָגען אַנדערע קליידער, דורך וועלכע מען זאָל דערקענען דעם אי-דען, איז פיר זיי געווען זעהר ניט אַנגענעהם.

די בעשרענקענדע געזעצען פון דער רעגירונג און דער קירכע, דער עקאָ-נאָמיישער דרוק פון דער גאַנצער קריסטליכער געזעלשאַפט, און מעהר פון אַלעם די זעהר אָפטע פּאָגראָמען און שחיטות אויף די אידען, האָבען זיי ענדליך געצוואונגען אויסצואוואַנדערן פון דייטשלאַנד. אין יאָהר 1286, אין דער צייט פון דער הערשאַפט פון רודאָלף דעם האַבסבורגער, האָט זיך אָנגעהויבען א שטאַרקע עמיגראַציע נאָך די מזרח־לענדער, וואו די מאָנגאָלען האָבען געהערשט, ווייל מען האָט געהערט, דאָס אונטער זייער הערשאַפט ליידען ניט די אידען. אויסער דעם האָט זיך געהערט אין דייטשלאַנד, דאָס דאָרט, אין אַזיען, איז ערשינען אַן ערלעזער, א משיח פיר אידען. עס האָבען זיך אין פיעלע דייטשע שטעדט געבילדעט גרופּעס, וואָס האָבען זיך אָנגעהויבען צו גרייטען צו עמיגרירען. אָן דער שפּיץ פון איינער פון דיזע גרופּעס איז געשטאַנען דער בעריהמטער רב פון יענער צייט רבנו מאיר

איז צום אידען, האָט ער געשאַפּען אַ געזעץ, דאָס ווען אַ קריסט בעשולדיגט אין עטוואָס אַ אידען, איז ניט גענוג די צייגנים פון אַ קריסט, עס מוז דערצו זיין אויך אַ אידישער עדות. אידען צווישען זיך האָבען געהאַט אייגענע ריכטער. ווען אַ קריסט האָט ערמאָרדעט אַ אידען, איז אַחוץ דער טויט־שטראָף, וואָס איז בעשטימט פיר יעדען מערדער, האָט מען נאָך קאָנפּיסקירט דעם מערדער'ס אייגענטום.

דיזע געזעצען וועגען אידען האָט אויך אָנערקענט דער בעהמישער קעניג אָטטאָקאַר דער 2טער, וועלכער האָט אַ געוויסע צייט געהערשט אין עסטרייך. צו דיזע געזעצען האָט אָטאָקאַר צוגעגעבען אַ בעפעהל, וועלכער האָט שטרענג פערוועהרט צו מאַכען אויף אידען אַן עלילת דם, ווייל עס איז גוט בעקאַנט, דאָס די אידען טאָרען ניט לויט זייערע רעליגיעזע געזעצען געברויכען קיין שום בלוט.

די שרעקליכע הריגות פעראורזאַכט פון רינדפלייש'ן. אין די יאָהרען צווישען 1254 און 1273 האָט אין דייטשלאַנד געהערשט אַ פאָלשטענדיגע אַנאַרכיע, און דעריבער האָבען אַלע בעמיהונגען פון די עסטרייכישע רעגירער צו ברייגגען אָרדנונג אין אידישען לעבען ניט געהאָלפען. די גרעסטע ראָלע האָט דאַמאָלס געשפּילט דאָס רעכט פון פויסט (קולאַק), וועלכעס האָט זיך שטאַרק געלאָזט פיהלען אין אַ לאַנגער רייהע פּאָגראָמען אויף אידען. אין מאַגדעבורג האָט דער ערץ־בישאָף ראָבערט אַרעסטירט אַלע פערמעגליכע אידען און האָט זיי ניט בעפרייט ביז זיי האָבען איהם געגעבען אויסלעז־געלט 100,000 מאַרק (1261). אַ קורצע צייט שפּעטער איז ער אַריין אין איינינע הייזער פון רייכע אידען און צוזאַמען מיט זיינע דינער האָט ער פערנומען וואָס ער האָט געפונען פון גאָלד און זילבער. אין זינציג האָט די קריסטליכע בעפעלקערונג געמאַכט אַ שרעקליכען פּאָגראָם אויף אידען, האָט בערויבט די גאַנצע אידישע געמיינדע און פערברענט מעהר פון זיבעציג פּערזאָן, מענער, פרויען און קינדער (1265). אַזעלכע מערדעריייען אין די שולען זיינען פּאָרגעקומען אין פיעלע אַנדערע שטעדט.

די פערזאַמלונג פון קלעריקאַלען אין מאַינץ האָט בעשלאָסען (1259), דאָס מען זאָל יעדען זונטאָג ביים געטליכען דינסט לעזען די קירכען־געזעצען וועגען אידען, צווישען וועלכע עס איז אויך געווען דאָס געזעץ, אַז אידען מוזען טראָגען אַ געלע לאַטע אויף די קליידער. דער פּאַפּסט קלעמענט דער 4טער האָט בעפוילען, דאָס אַלע קירכען־געזעצען, וואָס האָבען דעם צוועק צו ערנידריגען די אידין אום צו ערווייטערן פון זיי די קאַטאָליקען, זאָלען שטרענג דורכגעפיהרט ווערען. אום מען זאָל אַ אידען דערקענען פון וויטען,

דאָס פון הימעל האָט מען איהם געהייסען, אז ער זאָל פערניכטען אַלע אידען, עס זאָל פון זיי ניט בלייבען קיין שריד ופליט. די צוואווילדעוועטע מאַסע האָט זיך אַ לאָז געטאָן אויף די אידען פון רעטטינגען און האָט זיי אַלעמען פערברענט (אַפּריל 1298). פון דאָרט איז די מאַסע אַוועק אין אַנדערע שטעדט. די צאָהל פון דיזע מערדערישע באַנדעס האָט זיך פון טאָג צו טאָג פערגרעסערט און פיעלע אידישע געמיינדעס זיינען אין גאַנצען פערניכטעט געוואָרען. אין נירנבערג האָבען זיך די אידען געשטעלט געגען דער באַנדע מערדער און האָבען געקעמפּט געגען זיי מיט געוועהר אין די הענט. אָבער דער שונא איז געווען פיעל שטאַרקער און די אידען זיינען אויסגעשלאַכט געוואָרען ביז איינעם. צוזאַמען מיט דער גאַנצער אידישער געמיינדע איז אויך אומגעקומען דער בעריהמטער נירנבערגער רב ר׳ מרדכי בן הלל, דער פערפאַסער פון דעם בעריהמטען ווערק, וואָס טראָגט זיין נאָמען „מרדכי" און ווערט אימער געדרוקט אַלס ביילאַגע צום אלפס. זעהר פיעלע אידען זיינען מיט גוואַלד גע׳שמד׳ט געוואָרען. פיעלע עלטערן האָבען געטויט זייערע קינדער מיט זייערע אייגענע הענט אום זיי זאָלען ניט אַריינפאַלען אין גוי׳אישע הענט. רינדפלייש און זיין באַנדע האָבען געטאָן זייער טייפלישע אַרבייט איבערהויפּט אין באַיערן און אַ ביסעל אויך אין עסטרייך. אין צייט פון 6 חדשים האָבען זיי פערניכטעט איבער 140 אידישע קהלות. די פּאָגראָמען האָבען אויפגעהערט נאָר נאָך דעם, ווי אויף׳ן קייזערליכען טראָן איז אַרויף אַלברעכט פון די האַבסבורגער (1298—1308). ער האָט זיך גענומען ערנסט צו בעשיצען די אידען. ער האָט געגעבען אַ בעפעהל, דאָס יעדע שטאָדט, וואָס וועט דערלאָזען אַ פּאָגראָם אויף אידען, זאָל בעצאָהלען אַלע היזקות צו די אידען. די אידען, וואָס זיינען ענטלאָפען פון זייערע היימען, האָבען זיך צוריקגעקעהרט צו זייערע וואוינונגען. די גע׳שמד׳טע האָט מען ערלויבט צוריקקעהרען זיך צו זייער רעליגיאָן.

דער „שוואַרצער טויט". זינט אידען עקסיסטירען האָבען זיי ניט געליטען אַזוי פיעל, ווי זיי האָבען געליטען אין דייטשלאַנד אין 14טען יאָהרהונדערט. עס איז אַ וואונדער, ווי אַזוי עס איז געבליבען אפילו איין איד נאָך די אַלע שרעקליכע שחיטות. זאָגאַר אין דער צייט פון די קרייץ־צוגען האָבען אידען ניט געהאַט אַזוי פיעל הרוגים, ווי אין דעם יאָהר פון „שוואַרצען טויט". אין דער צייט, וואָס לודוויג פון באַיערן איז געווען קייזער (1314—1346), זיינען אידען אין דייטשלאַנד געוואָרען פערפאָלגט ערגער ווי ווילדע חיות. אַ גוטס־בעזיצער האָט אָרגאַניזירט אַ באַנדע רויבער, וועלכע ער האָט איינגעשמועסט, דאָס אַ מלאך פון הימעל האָט איהם געהייסען

פון ראָטענבורג, וועלכער איז געווען איינער פון די בעלי תוספות. דיזע גרופּע האָט בעשלאָסען צו עמיגרירען נאָך ארץ ישראל. ר׳ מאיר פון ראָ- טענבורג איז דאַמאָלס געווען רב אין מאַינץ; ער האָט זיך אָבער גערעכענט פיר דעם רעליגיעזען פאָרשטעהער פון אַלע אידען אין דייטשלאַנד. זיין אויסוואַנדערונג האָט געווים געקענט שאַדען דעם קייזער אין זיינע איינקונפ- טען, ווייל מיט איהם וואָלט אָהן צווייפעל עמיגרירט אַ גרויסע מאַסע אידען. דעריבער, ווען ר׳ מאיר איז געווען אויף׳ן וועג צו פאָהרען אין ארץ ישראל, האָט מען איהם אין לאָמבאַרדיע אַרעסטירט. דער קייזער האָט בעפוילען, דאָס ר׳ מאיר זאָל זיך בעזעצען אין דעם שטעדטעל ענזיסהיים אין עלזאַס און זאָל פון דאָרט ניט אָפּפאָהרען אויף אַ טריט. פיעלע קריסטען האָבען פערכאַפּט די הייזער פון די אידישע עמיגראַנטען, אָבער דער קייזער האָט דיזע פון זיי אָפּגענומען, ווייל די אידען זיינען געווען גערעכענט אַלס קאַמער- קנעכט, דעם קייזער׳ס שקלאַפען, און זייער פערמעגען געהערט צום קייזער. אום צו מאַכען פון דיזער געשיכטע אַ גרויסען קאַפּיטאַל האָט דער קייזער רודאָלף אַרעסטירט ר׳ מאיר׳ן, רעכנענדיג, דאָס די אידען וועלען געבען פיר זיין פרייהייט אַ גרויסע סומע אויסלעז־געלט. עס זיינען ווירקליך געקומען פאָרשטעהער פון דייטשען יודענטום און האָבען פאָרגעשלאָגען צו געבען אַ גרויסען קאַפּיטאַל פיר די בעפרייאונג פון זייער בעריהמטען רבי. ווען ר׳ מאיר האָט זיך וועגען דעם דערוואוסט, האָט ער עס ניט דערלאָזען, ווייל דאָס וואָלט געבען די קריסטען אַ נייע קוועלע צו צאַפּען פון אידען געלט. ענדליך איז ער דאָרט געשטאָרבען אין יאָהר 1293. זיין טויטער קערפּער איז געווען אַרעסטירט 14 יאָהר און די רעגירונג האָט איהם ניט געוואָלט אַרויסגעבען צו די אידען, אז זיי זאָלען איהם מקבר זיין אויף אַ אידישען בית עולם. ענדליך איז עס געלונגען אַ אידישען רייכען קויפמאַן פון פראַנק- פורט מיט׳ן נאָמען זיסקינד ווימפּפען אויסצוקויפען דעם טויטען קערפּער פון ר׳ מאיר פון ראָטענבורג און די אידען האָבען איהם מקבר געווען אויף דעם אידישען בית עולם פון דער שטאָדט וואָרמס.

נאָך קייזער רודאָלף׳ס טויט (1291) איז דער צושטאַנד פון די אידען געוואָרען נאָך פיעל ערגער. אין פאָלק איז אַרוים אַ קלאַנג, דאָס די אידען אין רעטטינגען, אום חוזק צו מאַכען פון די קריסטען, האָבען אָפּגע׳גנב׳עט אַ האָסטיע (הייליגעס ברויט) פון דער קירכע, און האָבען זי אַזוי לאַנג גע- שטויסען אין אַ סטופּקע ביז עס איז פון איהר אַרויס בלוט. איינער פון די אדעל־לייט פון יענער געגענד, אַ גרויסער גוטס־בעזיצער מיט׳ן נאָמען ר י נ ד- פ ל י י ש, האָט צוזאַמענגערופען פיעלע בויערן און האָט זיי דערצעהלט,

האָט געגומען געגוג געלט פיר דעם שוץ, וואָס זי האָט פערשפּראָכען איהרע קאַמערקנעכט, אָבער קיין שוץ האָט זי ניט געוואָלט און ניט געקענט זיי געבען.

דער דייטשער קייזער לודוויג פון באַיערן האָט בעהאַנדעלט די אידען אַלס לייבאייגענע. ער האָט ערפונדען פיר די אידען אַ נייעם סאָרט קאָפּ־שטייער מיט'ן נאָמען „דער גאָלדענער אָפּפער־פעניג“. יעדער מאַן אָדער יעדע פרוי, וואָס איז אַלט געוואָרען 12 יאָהר און האָט געהאַט אַ קאַפּיטאַל ניט ווייניגער פון 20 גולדען, האָט געמוזט צאָהלען דעם קייזער איין גאָלד־גולדען אַ יאָהר. דאָס איז געווען אָנשטאָט דעם מחצית השקל, וואָס אידען פלעגען אין די אַלטע צייטען געבען אַלס אַ שטייער צום אונטערהאַלטען דעם בית המקדש אין ירושלים.

אין מיטען פון 14טען יאָהרהונדערט האָבען די קריסטען אויף אַ צייט פערגעסען די עלילת דם און די צושטאָכענע האָסטיעס און האָבען געפונען אַ נייע בעשולדיגונג אויף אידען. אין יאָהר 1328 האָט זיך פערשפּרייט איבער גאַנץ אייראָפּאַ אַ מגפה, וואָס איז אָנגעקומען פון אַזיען, און האָט געטויט מיליאָנען מענשען. דיזע מגפה איז דאַמאָלס געווען בעקאַנט מיט'ן נאָמען „דער שוואַרצער טויט“. עס זיינען פון דיזער מגפה אויסגעשטאָר־בען גאַנצע שטעדט, זאָגאַר גאַנצע פּראָווינצען. מען רעכענט, דאָס מעהר ווי אַ העלפט פון דער גאַנצער בעפעלקערונג פון אייראָפּאַ איז אויסגעשטאָר־בען פון דיזער פּלאָג. ניט וויסענדיג די וואָהרע אורזאַך פון דיזער פּעסט, האָט מען באַלד געמאַכט די אידען פיר דעם שעיר לעזאזל. עס האָבען זיך געפונען פאַנטאַזיאָרען, וואָס האָבען אַרויסגעלאָזען אַ קלאַנג, דאָס אידען האָבען פערגיפטעט אַלע ברונענס און טייכען. די צוואווילדעוועטע מאַסע האָט עס באַלד אויפגעכאַפּט מיט אַן אונגעוועהנליכער רציחה. אַלס בע־וויז, דאָס אידען בעגעהען ווירקליך דיזעס פערברעכען, האָט פיר די מאַסע געדינט דער פאַקט, דאָס אידען שטאַרבען פיעל ווייניגער פון דער מגפה. דער פאַקט איז אַן אמת'ער. אָבער די אורזאַך דערפון איז געווען, וואָס אידען זיינען מעהר ענטוויקעלט, ווייסען בעסער ווי אויפצופיהרען זיך אין אַזעלכע צייטען, און פלעגען בעסער אויפפּאַסען אויף זייערע קראַנקע. די צווישעטע מאַסע האָט זיך גענומען מיט גרויס שמורם דורכפיהרען איהר טייוועלשען בעשלוס — צו פערניכטען דאָס אידישע פאָלק.

אין דער שווייץ, וואו די מגפה האָט צוגענומען אַ גרויסע צאָהל אָפּפער, האָט מען אין הערבסט פון יאָהר 1348 געמאַכט די פערניכטונג פון די אידען געזעצליך. אין שיליאָן האָט מען אַרעסטירט אַלע אידען און מען האָט זיי

געהן און פערניכטען אַלע אידען דערפאַר, וואָס זייערע עלטערן האָבען אמאָל געפּייניגט יעזוס'ן. די באַנדע האָט זיך געגעבען אַ נאָמען „יודען־שלעגער". אין אַ קורצער צייט שפּעטער האָט זיך געבילדעט נאָך אַ באַנדע יודען־שלע-גער, וועלכע האָט זיך גערופען „ארם־לעדערער", ווייל זיי האָבען געטראָגען לעדערנע מאַנזשעטען, ווי זייער פיהרער צימבערלין. דריי יאָהר האָבען דיזע באַנדעס געמאַכט שרעקליכע שחיטות צווישען אידען, און פיעלע אידען האָבען זיך אַליין גענומען דאָס לעבען אום ניט אַריינצופאַלען אין די הענט פון שונא.

אין דער זעלבער צייט האָט זיך אָפּגעשפּילט אַ בלוטיגע דראַמאַ אין דער שטאָדט דעגענדאָרף, אין באַיערן. מען האָט אויסגעטראַכט, דאָס די אידען האָבען אַרויסגע'לגב'עט פון אַ קירכע אַ האָסטיע און האָבען זי אַזוי לאַנג געשטאָכען מיט נאָדלען ביז עס האָט פון איהר אָנגעהויבען רינען בלוט. עס האָט זיך באַלד אָרגאַ-יזירט אַ באַנדע רויבער, וועלכע איז בעפאַלען די אידען אין דעגענדאָרף; מען האָט פערברענט זייערע הייזער און מען האָט צווישען זיי געמאַכט שרעקליכע שחיטות (30טען סעפּטעמבער, 1337). די מערדער און די רויבער האָבען אין דעגענדאָרף אויסגעבויט אַ קירכע צום אָנדענקען פון דעם וואונדער, וואָס עס האָט זיך געטראָפען מיט דער האָסטיע. הונדערטער יאָהרען זיינען אהין געפאָהרען פאַנאַטישע פּילגרימער צו בעוויי-נען די ליידען פון דער האָסטיע, און האָבען געלאָזען דערביי אַ היבשע פּאָאָר גראָשען פיר די פּריסטער פון דער קירכע. אין יענער קירכע געפינט זיך נאָך עד היום פאָלגענדע אויפשריפט: „אין יאָהר 1337, דעם 2טען טאָג נאָך דעם טאָג פון הייליגען מיכאל, זיינען היר די אידען אויסגע'הרג'עט געוואָרען און די שטאָדט איז געוואָרען פערברענט. דאָ האָט מען געפונען גאָט'ס קערפּער, און דאָס האָבען געזעהען מענער און פרויען, און דעריבער האָט מען דאָ אויסגעבויט דיזע קירכע".

די שחיטות אויף אידען האָבען זיך ווי אַן עפּידעמיע פערשפּרייט אין אַלע שטעדט פון באַיערן, עסטרייך און בעהמען. מען האָט אויף אַ צייט פערגעסען די עלילת דם און עס איז געוואָרען אַ מאָדע צו בעשולדיגען אידען אין פּייניגען די הייליגע ברויטלאַך (האָסטיעס) פון די קירכען און צאַפּען פון זיי בלוט, און דערמיט האָבען די גייסטליכע אויפגערייצט די מאַסען געגען די אידען. דער פּאַפּסט בענעדיקט דער 12טער האָט געשריבען צו די הויכע גייסטליכע, אַז זיי זאָלען מאַכען אַן ענדע צו דיזע שענדליכע שחיטות אויף אידען און טאָן אַלעס מעגליכעס צו בערוהיגען די מאַסען; אָבער זיינע ווערטער האָבען ניט געהאַט קיין ווירקונג. די דייטשע רעגירונג

באַלד איז אָנגעקומען די רייהע פון אונמענשליכע ליידען פיר די אי־דישע געמיינדעס אין די שטעדט, וואָס זיינען געלעגען ביים רהיין. אין וואָרמס האָט דער שטאָדט־ראַט בעשלאָסען צו פערברענען אַלע אידען. אָבער דיזע האָבען זיך מקדים געווען און אַליין אונטערגעצונדען זייערע הייזער און זיינען דאָרט פערברענט געוואָרען. דאָס זעלבע האָבען געטאָן די אידען פון אַנדערע שטעדט. אין מאַינץ האָבען זיך די אידען בעוואפענט און האָבען געהרג'עט 200 פון די בויאַנעס; אָבער דער סוף איז געווען, דאָס די קריסטען האָבען זיי גובר געווען. איבער 6,000 מענשען זיינ זן אומגעקומען אין מאַינץ (24טען אויגוסט). איז דעם זעלבען טאָג איז אויך די אידישע קהלה אין קעלן פערניכטעט געוואָרען. אויך אין קעלן האָבען זיך די אידען געפרובט שטעלען מיט געוועהר אין די הענט געגען די מער־דער, אָבער זיי האָבען געהאַט דעם זעלבען סוף, וואָס די מאַינצער אידען. די רויבער־באַנדעס זיינען דאַן אַוועק נאָך עסטרייך און מאַהרען און האָבען בעוויזען צו מאַכען אַ פּאָגראָם אין דער שטאָדט קרעמס און אין אייניגע אידישע דערפער, אָבער דער הערצאָג אַלברעכט דער 2טער האָט זיך אָנגע־נומען פיר די אידען, האָט שטרענג בעשטראָפט די פּאָגראָמשטשיקעס און האָט אַרויפגעלעגט אַ שטאַרקע שטראָף אויף די שטעדט, וואָס האָבען דער־לאָזען מאַכען פּאָגראָמען אויף אידען.

אין נירנבערג האָט מען זיך אָפּגערעכענט מיט די אידען ווי אין מאַינץ און קעלן. מען האָט פיעלע פון זיי פערברענט, זייער פערמעגען צורויבט און זייערע הייזער פערניכטעט. אין דער בראַנדענבורגישער מאַרק־גראַפ־שאַפט האָט דער מאַרק־גראַף זעלבסט געגעבען אַ בעפעהל צו די בעאַמטע פון קעניגסבערג צו פערניכטען אַלע אידען פון יענער שטאָדט.

אַזוי האָט דער „שוואַרצער טויט" פערוואַנדעלט אַ גרויסען טייל פון דער קריסטליכער געזעלשאַפט אין ווילדע חיות. שרעקליך גענוג איז געווען דער „שוואַרצער טויט", וועלכער האָט געשניטען מענשען ווי גראָז, אָבער נאָך שרעקליכער זיינען געווען די רציחות פון די קריסטען געגען די אידען, וועלכע זיינען מאַסענווייז פערברענט געוואָרען אויף דעם שייטערהויפען. בעפרייט פון שרעקליכען טויט האָבען זיך נאָר ווענינע, וועלכע האָבען זיך בעקעהרט צום קריסטענטום. אָבער זייער צאָהל איז געווען זעהר אַ קליינע. די גרויסע מעהרהייט איז געגאַנגען גלייכגילטיג צום טויט, ווי לעמער צו דער שחיטה. וואָס האָט געגעבען דיזער אונגליקליכער נאַציאָן אַזוי פיעל מוט און קראַפט דאָס אַלעס מקבל באהבה זיין? וואָס האָבען די אידען ערוואַרט פון הימעל פיר זייערע לאַנגע ליידען, פיר די טייכען בלוט, וואָס

שרעקליך געפּייניגט, אַז זיי זאָלען אויסזאָגען וואָס זיי ווייסען וועגען דער מגפה. אייניגע, וואָס זיינען אַראָפּ פון זינען פון די גרויסע יסורים, וואָס מען האָט זיי אָנגעטאָן, און אַנדערע, וואָס האָבען געוואָלט בעסער שטאַרבען איידער צו זיין אונטערוואָרפען אונטער אַזעלכע שרעקליכע יסורים, האָבען אויסגעטראַכט, דאָס די אידען פון אַנדערע לענדער האָבען צוגעשיקט צו די אידען אין דער שווייץ זעקלאַך מיט סם, וועלכע זיינען געמאַכט געוואָרען פון דעם אַש פון פערברענטע גיפטיגע שלאַנגען צומישט מיט איבערגע-ברענטע הערצער פון ערמאָרדעטע קריסטען, אום צו פער'סם'ען מיט דיזען גיפט אַלע וואַסערען אין לאַנד. דאָס איז פיר די פאַנאַטישע מאַסע געוועזען גענוג. אין אַלע שטעדט פון דער שווייץ האָט מען געברענט גאַנצע מאַסען אידען; מען האָט זיי געהאַנגען אָדער גערעדערט און געפערטעלט. דער פּאַפּסט האָט שטאַרק פּראָטעסטירט געגען דיזע אונמענשליכע מערדערייען און ער האָט בעוויזען, דאָס אויך מאַסען אידען שטאַרבען פון דער מגפה, וועלכע איז אַ פּלאָג פון גאָט, — אָבער עס האָט גאָר גיט געווירקט.

אָבער נאָך שרעקליכער ווי אין דער שווייץ האָט די ווילדע מאַסע גע-האַנדעלט אין דייטשלאַנד. די בוללע (שריפט) פון פּאַפּסט און די בעפעה-לען פון קייזער קאַרל דעם 4טען (1347—1378), וועלכע האָבען געשטרעבט אָפּצוהאַלטען די מאַסען פון זייערע גרוילטאַטען, האָבען ניט געהאַט קיין ווירקונג אויף די טיערישע אינסטינקטען פון די מאַסען, וועלכע האָבען זיך געפונען אונטער דעם איינפלוס פון אַ חברה פאַנאַטיקער, וואָס פלעגען געהן פון שטאָדט צו שטאָדט, אויסציהען זיך אין די גאַסען און זיך לאָזען קנוטע-ווען פון אַנדערע פאַנאַטיקער און האָבען דערביי געפּרעדיגט צו פערניכטען די אידען. די נאַקעטע צוואַואונדעטע און צוקאַליעטשעטע קערפּערס פון דיזע פאַנאַטיקער האָבען נאָך מעהר צופלאַקערט דעם צאָרן פון די מאַסען געגען די אידען, און דער פּעבעל האָט ניט געוואוסט קיין גרענעץ צו זיינע גוואַלדטאַטען. אין עלזאַס און באַיערן האָט מען פערברענט און דערטרונקען מאַסען אידען, גאַנצע געמיינדעס זיינען פערניכטעט געוואָרען פון פייער און פון שווערד. אין שטראַסבורג האָט מען פערטריבען 2,000 אידען אויף'ן בית עולם און מען האָט זיי דאָרט פערברענט. אייניגע קריסטען, וואָס האָ-בען זיך געוואָלט אָננעהמען פיר די אידען, האָט מען בעשטראָפט (פעברואַר, 1349). די שטאָדט־לייט, וואו מען פלעגט אויס'הרג'ענען די אידען, פלעגען זיך צוטיילען מיט דעם פערמעגען פון די אונגליקליכע קרבנות. אין פיעלע שטעדט איז די גאַנצע געשיכטע געוועזען אומיסנע אויסגעטראַכט אום צו צו-טיילען זיך מיט דעם פערמעגען פון די ערמאָרדעטע אידען.

גערעכענט אַלס מענשען, נאָר אַלס שטומע זאַכען, וואָס דער מענש האָט דאָס רעכט צו עקספּלואַטירען.

אויף דיזען גרונד האָבען די אידען ניט געהאַט דאָס רעכט איבערצוגעהען לויט זייער פרייען ווילען פון איין אָרט אין אַן אַנדערען, ווייל דאָס וואָלט געשאַדט די איינקונפטען פון זייער הערשער. אין די שטעדט האָבען אידען ניט געטאָרט וואוינען צוזאַמען מיט קריסטען, נאָר אין בעזונדערע קוואַר-טאַלען (געטאָס). דאָס איז צום טייל געווען פיר די אידען א טובה, ווייל די קריסטען האָבען זיי ניט געהאַט אויף'ן אויג צו בעפאַלען זיי.

די אידען האָבען אָבער גוט פערשטאַנען די ליבשאַפט פון די קריסטען צו זיי. זיי האָבען גוט געוואוסט, דאָס זיי מוזען צאָהלען פיר די לופט, וואָס זיי אָטעמען. זיי האָבען גוט געוואוסט, דאָס כל זמן זיי האָבען געלט און קענען צאָהלען גרויסע שטייערן דולדעט מען זיי, און ווי נאָר מען קען מעהר ניט פון וועמען עס איז פון זיי צאַפּען געלט זיינען זיי הפקר. דער איד איז ניט קיין בירגער, ער איז א פרעמדער, צו וואָס זאָל מען זיך מיט איהם צע-רעמאָנירען? עס איז דעריבער זעהר נאַטירליך, וואָס דער איד האָט זיך געמאַכט פיר זיין לעבענס-אויפגאַבע צו ערווערבען וואָס מעהר געלט, ווייל דערפון איז געווען אָפּהענגיג זיין גאַנצע עקסיסטענץ. וואָס האָט ער גע-קענט אַנדערש טאָן? דער קליינער האַנדעל האָט איהם קוים געגעבען מיט-לען צום לעבען; צו קיין האַנט-אַרבייט האָבען איהם די צעכען ניט צוגע-לאָזען, צום גרעסערען האַנדעל האָבען איהם די גילדעס ניט צוגעלאָזען. עס איז געבליבען פיר דעם אידען נאָר איין געשעפט — פערלייהען געלט אויף פּראָצענט, ווייל מיט דעם האָט דער קריסט ניט געטאָרט בעשעפטיגען זיך, דאָס געזעץ פון דער קירכע האָט עס איהם פערבאָטען. דער גאַנצער פונ-דאַמענט פון אידישען עקאָנאָמישען לעבען אין יענער צייט איז געווען דער קליין-האַנדעל און פּראָצענט. דאָס האָט דעם אידען געמאַכט נידריג אין די אויגען פון דער קריסטליכער געזעלשאַפט. זיינען די אידען געשטאַנען פעסטער אין זייער מאַטעריעלען צושטאַנד, האָט עס באַלד ערוועקט קנאה אין די הערצער פון פּאָלק און רויבערישע געפיהלען אין דער העכערער קלאַס פון די קריסטען, און דאָס איז געווען די ערסטע און וויכטיגסטע אורזאַך צו פּאָגראָמען און גירושים. זעהר אָפט פלעגט דער קייזער אַרויסגעבען א בע-פעהל, וועלכער האָט בעפרייט קריסטען פון בעצאָהלען זייערע חובות צו אידען. איבערהויפּט פלעגט עס טאָן דער קייזער ווענצעל (1378—1400). וועגען איהם האָט א געוויסער געשיכטע-שרייבער געזאָגט: „ווען ער וואָלט ניט געווען א קייזער, וואָלט ער געוויס געווען א רויבער“. אין יאָהר 1385

איז פון זיי און זייערע קינדער פערגאָסען געוואָרען? גרויס, זעהר גרויס איז געווען דער מוט פון דער אידישער נאַציאָן, וועלכע האָט מיט געדולד איבערגעטראָגען אַזאַ שווערען מאָמענט אין איהר געשיכטע, און האָט זיך ניט פערלאָרען אין אַ צייט, ווען די גאַנצע וועלט איז געווען געגען איהר. דאָס צייגט, אַז די אידישע נאַציאָן איז אונשטערבליך, זי איז אַ סאָרט סאַלאַמאַנדרא צווישען די פעלקער, זי איז אַ סימבאָל פון דעם סנה (דאָרן), וואָס משה האָט געזעהען אין דער וויסטע, דעם סנה, וואָס קיין פייער האָט ניט געקענט פערניכטען.

די „גאָלדענע בוללע". איבער דריי הונדערט אידישע קהלות זיינען פערניכטעט געוואָרען אין דיזער שווערער צייט פון דעם „שווארצען טויט". אָבער אויך די קריסטליכע געזעלשאַפט האָט באַלד שטאַרק דערפיהלט די רעזולטאַטען פון דיזער מגפה. אַ גרויסער טייל פון דער דייטשער בעפעלקערונג איז פערניכטעט געוואָרען. די שטעדט זיינען שרעקליך פעראָרימט געוואָרען אין דער צייט פון די דריי יאָהר, וואָס די מגפה האָט געבושעוועט אין אייראָפּאַ. אַ שרעקליכעס בילד האָבען פאָרגעשטעלט די פערוויסטעטע פערברענטע שטעדט. דער האַנדעל איז אין גאַנצען געווען טויט. מען האָט שטאַרק געפיהלט, דאָס די אידען פעהלען. די שטעדט האָבען געפיהלט, דאָס עס פעהלען זיי די אידישע גרויסע אָפּצאָהלונגען, אָהן וועלכע זיי קענען ניט עקסיסטירען. די גאַנצע געזעלשאַפט האָט געפיהלט אַ שרעקליכען מאַנגעל אין קרעדיט, ווייל אידען זיינען דאַמאָלס געווען די איינציגע, וואָס האָבען געהאַנדעלט מיט געלט. דעריבער, אַזוי באַלד ווי די מגפה איז פערשוואונדען, האָבען די רעגירונגען און די שטעדט־פערוואַלטונגען געזוכט אויפצושטעלען צוריק די פריהערדיגע אָרדנונג. מען האָט אָנגעהויבען איינצולאַדען אידען אין שטעדט, אין וועלכע מען האָט זיי ניט לאַנג צוריק געברענט. מען האָט אָנגעהויבען בעטען פון קייזער קאַרל דעם 4טען, אַז ער זאָל געבען די שטעדט, וואָס זיינען פערוויסט, פיעל מעגליך פון זיינע אידישע קאַמערקנעכט. קאַרל האָט ערפילט זייער וואונש. זיבען קורפירסטען האָבען געפאָדערט פון קייזער, אַז ער זאָל זיי ערלויבען האָבען אידען אויף די זעלבע רעכטען, ווי ער זעלבסט, און קאַרל האָט זיי געגעבען דיזע פּריווילעגיע אין דער „גאָלדענער בוללע", וואָס ער האָט אַרויסגעגעבען אין יאָהר 1356. אין דיזער בוללע שטעהען די אידען צווישען אַ רייהע אַנדערע זאַכען, וואָס די קורפירסטען האָבען געהאַט דאָס רעכט צו עקספּלואַטירען, ווי מינעס פון גאָלד, זילבער, קופּער און צינק. אַלזאָ, די אידען זיינען ניט געווען

דורכצופיהרען זייער טייפלישען פּלאַן — צו מאָרדען, ברענען און רויבען די אידען. דער בישאָף פון מאינץ האָט ארויסגעטריבען אַלע אידען פון זיין הערשאַפט, האָט פון זיי צוגענומען זייער גאַנצעס פערמעגען און האָט יעדען געלאָזען נאָר 30 פעניג.

מעהר ווי אין אַנדערע ערטער האָבען די אידען געליטען אין עסטרייך אונטער דעם הערצאָג אַלברעכט דעם 5טען. אין פריהלינג פון יאָהר 1420 האָט מען פאַר איהם געבראַכט צוויי קלאַגעס אויף די אידען. עס זיינען דערטרונקען געוואָרען קריסטליכע אינגלאַך; מען האָט בעשולדיגט די אידען, דאָס זיי האָבען אויסגעצאַפּט פון זיי דאָס בלוט פיר רעליגיעזע צוועקען און האָבען זיי אריינגעוואָרפען אין וואַסער. עס איז פערפאַלען געוואָרען א האָסטיע (א הייליגע חלה׳לע) פון א קירכע אין ענס, און מען האָט חושד געווען, דאָס אידען האָבען עס צוגע׳גנב׳עט אום צו מאַכען דערפון שפּאַס. דעם 23טען מאַי האָט מען אַלע אידען פון עסטרייך אַרויסגעשיקט פון לאַנד, און מען האָט צוגענומען ביי די אַרויסגעטריבענע זייער פּערמעגען. מיט 30 יאָהר שפּעטער, אונטער דער הערשאַפט פון קייזער פריעדריך דעם 3טען, האָט מען ווידער ערלויבט אידען צו בעזעצען זיך אין עסטרייך.

נאָך דעם, ווי די קאַטאָלישע קירכע איז פאַרטיג געוואָרען מיט די הו-סיטען, האָבען זיך די קלעריקאַלען גענומען פערפאָלגען די אידען. אויף דער פערזאַמלונג פון גייסטליכע אין באַזעל (1431) איז בעשלאָסען גע-וואָרען, צו נעהמען זיך ערנסט פּראָפּאַגאַנדירען דאָס קריסטענטום צווישען אידען. דער מיטעל דערצו זאָל זיין גוואַלדטאַטען. אין דייטשלאַנד האָט די אידען פערשאַפט פיעלע צרות דער פאַנאַטישער פראַנציסקאַנער מאָנאַך יאָהאַן קאַפּיסטראַנאָ אין מיטען פון 15טען יאָהרהונדערט. מיט פייערדיגע רעדעס האָט ער אויפגערייצט די מאַסען געגען אידען, איבער-הויפּט מיט „עלילת דם”. ער איז געוואָרען בעוואוסט אַלס דער „אידישער בייטש”.

אין ברעסלאַו האָט מען בעשולדיגט די אידען, דאָס זיי האָבען גע׳-גנב׳עט א האָסטיע פון א קירכע און האָבען זי מבזה געווען. מען האָט ארעס-טירט די פאָרשטעהער פון דער אידישער געמיינדע. אונטער שרעקליכע פּייניגונגען האָט זיך איינער מודה געווען אין דעם פערברעכען אום מען זאָל איהם טויטען און ער זאָל זיך בעפרייען פון די שרעקליכע ענויים. מען האָט באַלד פערברענט 41 אידען (1453) און קאָנפיסקירט זייער פערמעגען. פיעלע אַנדערע ארעסטירטע האָבען זיך אַליין גענומען דאָס לעבען. דער רב האָט זיך געהאַנגען.

האָט ער געמאַכט מיט איינינע שטעדט אין שוואבען אַ מסחר דערמיט, וואָס ער האָט זיי פיר אַ געוויסע סומע געלט בעפרייט פון אַ פּערטעל פון דעם, וואָס זיי זיינען געווען שולדיג די אידען. אין יאָהר 1390 האָט ער בעפרייט זעהר פיעלע קריסטען פון צאָהלען זייערע חובות צו אידען, אויב זיי וועלען איהם געבען 15 פּראָצענט פון די חובות.

אין יאָהר 1389 זיינען ערמאָרדעט געוואָרען אין פּראַג איינינע טויזענד אידען אין דעם 1טען טאָג פון קריסטליכען פּסח. די אורזאַך איז געווען, וואָס אידישע קינדער האָבען זיך געשטעלט אין גאַס און געוואָרפען זאַמד איינער אויף'ן אַנדערען. צופעליג איז דורכגעגאַנגען אַ גייסטליכער און די קינדער האָבען איהם ניט ווילענדיג בעשאָטען מיט אַ ביסעל זאַמד. דער גייסטליכער האָט געמאַכט אַ גוואַלד, דאָס אידען האָבען בעליידיגט זיין הייליגע פּערזאָן. עס איז באַלד צוזאַמענגעלאָפען אַ גרויסע מאַסע קריסטען און מען האָט ערמאָרדעט איינינע טויזענד אידען. די שול און נאָך פיעלע אַנדערע אידישע געביידעס האָבען זיי פערברענט, ספרי תורות צוריסען און געשענדעט. די אידען האָבען זיך געווענדט צום קייזער ווענצעל אַלס צו זייער בעשיצער, ער האָט זיי אָבער קאַלטבלוטיג געענטפערט, דאָס זיי אַליין זיינען שולדיג אין דיזען אונגליק, ווייל זיי זיינען ארויס אין גאַס אין דער צייט פון קריסטליכען פּסח, וואָס דאָס איז געגען דעם געזעץ, און דעריבער קען ער זיי ניט העלפען.

דער גירוש פון עסטרייך. אין 15טען יאָהרהונדערט האָבען די פערפאָלגונגען פון די אידען אָנגענומען אַן אַנדער כאַראַקטער. דאָס פאָלק איז שוין ניט געווען אַזוי בייז אויף אידען, עס האָט זיך ניט ערלויבט אַזעלכע גוואַלדטאַטען ווי אין 14טען יאָהרהונדערט. יעצט האָבען זיך די קעניגען גענומען צו פערפאָלגען די אידען און צו פערביטערן זייער לעבען.

די בעוועגונג פון די הוסיטען צו רעפאָרמירען די קאַטאָלישע קירכע האָט פערשאַפט די אידען גרויסע צרות. ווייל די רעפאָרמער האָבען גענומען זייערע געוועהר צו שטורמען דעם קאַטאָליציזם פון דער ביבעל, בעזונדערס פון אַלטען טעסטאַמענט, האָבען די גייסטליכע חושד געווען, דאָס אין דיזער בעוועגונג האָבען אַ גרויסען חלק די אידען, און האָבען דעריבער בעשלאָסען אָפּצורעכנען זיך מיט זיי. די אידען אין בעהמען האָבען שוין אָנגעהויבען גוזר תענית זיין (סעפּטעמבער, 1421) און האָבען זיך אָנגעהויבען ריכטען אויף שווערע צייטען. צום גליק זיינען אָנגעקומען די אָנפיהרער פון דער הוסיטישער אַרמעע, און די קאַטאָלישע גייסטליכע מיט זייער אַרמעע זיינען געווען געצוואונגען צו ענטלויפען איידער זיי האָבען צייט געהאַט

קוילעט א קריסטליכען איגנגעל אום צו געברויכען זיין בלוט אין מצה. מען האט דעם רב ארעסטירט און עס האט געהאלטען, אז מען זאל איהם פער־משפט'ן צום טויט. צום גליק האט זיך פעראינטערעסירט אין דעם פראצעס דער דייטשער קייזער, פריעדריך דער 3טער, און ער האט שטרענג אנגעזאגט דעם מאגיסטראט, אז ער זאל מאכען א שטרענגע אונטערזוכונג און ארויס־ברייגנגען דעם אמת. דער סוף איז געווען, דאס דער מסור, דער משומד, האט זיך מודה געווען, אז ער האט וועגען דעם רב געזאגט א ליגען (1476). אין רעגענסבורג איז דאמאלס געווען א בלוט־בלבול. פינף יאהר האבען זיך פיעלע אידען געפלאגט אין די געפענגניסען, נאר דער קייזער פריעדריך דער 3טער האט זיי בעפרייט נאך דעם, ווי זיי האבען בעצאהלט 18,000 גולדען. אין יענ"ר צייט האט מען ארויסגעטריבען די אידען פון מאינץ און זייער שול איז געווארען פערוואנדעלט אין א קירכע.

צוויי וויכטיגע אורזאכען האבען געשיצט דאס יודענטום און די אידישע נאציאן פון אונטערגאנג, ניט אכטענדיג דערויף, וואס אונגעהייערע קרעפ־טען האבען געארבייט געגען זיי. דיזע זיינען: 1) די אויטאנאמיע, וואס די אידען האבען געהאט אין זייערע רעליגיאנס־זאכען און אין אינערליכען לעבען, און 2) זייער איבערגעבענהייט צו זייער רעליגיאן.

אין די ערגסטע צייטען פון די פערפאלגונגען האבען די קריסטליכע רעגירונגען ניט געשטערט די אידען אין זייער הייזליכען און רעליגיעזען לעבען. יעדע אידישע געמיינדע האט ערוועהלט פרנסים, רבנים און אנדערע בעאמטע, און קיינער האט זיי ניט געשטערט. זיי האבען געהאט זייערע אייגענע תלמוד תורה'ס, ישיבות און צדקה־אנשטאלטען, און זעהר זעלטען האט די רעגירונג געזאגט איהר דעה. זיי האבען אויך געהאט זייערע איי־גענע ריכטער (א בית דין), וועלכע האבען געהאט דאס רעכט צו משפט'ן נאך דיני ממונות צווישען אידען מיט אידען. אין אייניגע ערטער אין דייטש־לאנד האבען די אידישע ריכטער געהאט דאס רעכט צו משפט'ן אויך קרימי־נעלע פעלען און געבען שטראפען, ווי ארויסשיקען פון שטאדט, פעראורטיי־לען צו געפענגנים, און די רעגירונגס־בעאמטע האבען גוטגעהייסען זייער אורטייל (פסק). די אידישע ריכטער מיט די רבנים האבען זעהר אפט גע־ברויכט דעם חרם אום אויפצוהאלטען ארדנונג אין דער געמיינדע. דער חרם איז זעהר אפט געווען א שרעקליכער מיטעל פיר יחידים, אבער פיר די עקסיסטענץ פון דער געמיינדע איז עס געווען א זעהר נעטיגער און ניצ־ליכער מיטעל.

מיט 20 יאָהר שפּעטער איז ערשינגען אין עסטרייך אַן אַנדער אַגיטאַ-טאָר, בערנאַרדין דע-פעלטרע, אַ ווירדיגער תלמיד פון קאַ-פּיסטראַנאָ'ן. דיזער נייער אַגיטאַטאָר איז געקומען פון איטאַליען נאָך עסטרייך צו אַגיטירען געגען אידען. עס האָט איהם זעהר געקרענקט צו זעהן ווי קריסטען פערהאַלטען זיך פריינדליך מיט אידען. איינינע קריסטען האָבען איהם געפרעגט, וואָס זעהט ער פיר שלעכטעס אין די אידען, און ער האָט זיי נביאות געזאָגט, דאָס באַלד וועט אָנקומען דער אידישער פּסח און די קריסטען וועלען זעהן וואָס די אידען טוען צו זייערע קינדער. „איך קען ניט שווייגען", האָט ער געזאָגט, „ווי אַ שטומער הונט און ניט בילען, זע-הענדיג, ווי די אונגלויביגע אידען זויגען אויס די לעצטע טראָפּענס בלוט פון די אָרימע קריסטען".

זיין נבואה איז באַלד מקוים געוואָרען. פאַר פּסח (1475) איז פער-פאַלען געוואָרען אַ קריסטליכער 3-יעהריגער אינגעל, און זיין טויטען קער-פּער האָט מען געפונען אין טייך ניט ווייט פון אַ אידישען הויז. דער ערס-טער האָט דערזעהען דעם טויטען קערפּער אַ אידישער בעריהמטער דאָקטאָר טאָביאַס (טוביה) און האָט עס באַלד געמעלדעט צו דער רעגירונג. די ערסטע זאַך, וואָס די רעגירונג האָט געטאָן, איז געוועזן צו אַרעסטירען דעם דאָקטאָר און פיעלע אַנדערע פאָרשטעהער פון דער אידישער געמיינדע, וויל מען האָט זיי חושד געוועזן, דאָס זיי האָבען ערמאָרדעט דעם קריסט פיר רעליגיעזע צוועקען. מען האָט די אַרעסטירטע אַזוי לאַנג געפּייניגט, ביז זיי האָבען געזאָגט, דאָס זיי האָבען דעם אינגעל ערמאָרדעט אום צו גע-ברויכען זיין בלוט אין די פּסח'דיגע מצות. מען האָט 6 פון די אַרעסטירטע אידען פערברענט, אונטער זיי אויך דעם דאָקטאָר טאָביאַס, און איינינע האָט מען אָפּגעהאַקט די קעפּ. די מאָנאַכען האָבען ערקלערט דעם קריסט-ליכען אינגעל פיר אַ קדוש, זיינע ביינער זיינען געוואָרען הייליג און די מאָ-נאַכען האָבען צוגעשריבען צו זיי גרויסע וואונדער. דער פּאַפּסט איז אָנ-פאַנגס געוועזן שטאַרק אויפגעבראַכט אויף דעם גאַנצען סקאַנדאַל און האָט ניט געוואָלט אָנערקענען דעם אינגעל אַלס קדוש, אָבער די מאָנאַכען האָבען אויסגעפיהרט זייערס און דער קריסטליכער אינגעל איז ענדליך געוואָרען אָנערקענט אַלס „דער קדוש פון טריענט (טרידענט)".

די געשיכטע פון טריענט האָט פערשאַפט פיעלע ליידען די אידען אין דייטשלאַנד. איבעראַל האָט מען אָנגעהויבען בעשולדיגען אידען, דאָס זיי געברויכען קריסטליכעס בלוט צו רעליגיעזע צוועקען. אין רעגענסבורג האָט אַ אידישער משומד עדות געזאָגט, דאָס דער רב ר' ישראל ברונא האָט גע-

ניט די געמיינדעס האָבען געוואָלט זיין אונטערוואָרפען אונטער ר׳ ישראל׳ן, און דער קייזער האָט געמוזט זיין פּלאַן אויפגעבען. אויף דער קייזער סיגיז־מינד האָט געוואָלט איינפיהרען דעם אינסטיטוט פון ראַבינער בעשטעטיגט פון דער רעגירונג און האָט שוין זאָגאַר בעשטימט אַ געוויסען ר׳ אַנשיל, אָבער דיזער האָט זיך זעלבסט ענטזאגט, ווייל ער האָט געוואוסט, דאָס דיזע שטעלע איז ניט לרצון פיר די אידישע געמיינדעס. די אידען האָבען זיך פריייוויליג אונטערגעוואָרפען אונטער דער אויטאָריטעט פון די רבנים, וואָס זיי זעלבסט האָבען ערוועהלט, זיי האָבען אָבער פיר קיין פאַל ניט געוואָלט האָבען איבער זיך אַ „קאַזיאָנעם רב״, וואָס די רעגירונג גיט זיי.

ניט אַכטענדיג אויף די שרעקליכע פערפאָלגונגען, וואָס די אידען האָ־בען געליטען אין דייטשלאַנד אין מיטעלאַלטער, זיינען זיי דאָך געשטאַנען אויף אַ הויכער גייסטיגער שטופע, פיעל העכער פון זייערע בעדריקער. צווישען די דייטשען האָט זיך געפונען אין יענער צייט אַ גרויסע צאָהל גייסטליכע, וועלכע האָבען ניט געקענט לעזען און שרייבען, און צווישען אידען איז ניט געווען איינער, וואָס האָט ניט געקענט לעזען אידיש אָדער העברעאיש אָדער ביידע. יעדע אידישע געמיינדע האָט געהאַט אַ תלמוד תורה און אַ ישיבה, וואו אָרימע קינדער האָבען זיך געלערנט. די גאַנץ אָרי־מע האָט די געמיינדע געגעבען אַלעס נעטיגעס: עסען און קליידונג, אום זיי זאָלען קענען אונגעשטערט בעזוכען די אַנשטאַלטען פיר תורה. אמת, די בילדונג פון די אידען אין דייטשלאַנד איז געווען צו איינזייטיג, נאָר תלמודישע בילדונג, ניט ווי אין שפּאַניען און פּראָוואַנס, אָבער דיזע איינ־זייטיגע בילדונג האָט אויף ענטוויקעלט דעם גייסט.

אין 13טען יאָהרהונדערט האָבען זיך געפונען אין דייטשלאַנד דריי זעהר וויכטיגע בעלי תוספות: ר׳ יצחק בר׳ משה פון וויען (1200—1270), ר׳ מאיר פון ראָטענבורג (1215—1293) און ר׳ אשר בר׳ יחיאל (רא״ש). ר׳ יצחק פון וויען איז בעריהמט מיט זיין ספר „אור זרוע״. אין דער ישיבה, וואָס ר׳ יצחק האָט געגרינדעט אין וויען, האָט ר׳ מאיר פון ראָטענבורג בעקומען זיינע מעהרסטע תלמודישע קענטניסען. ר׳ מאיר איז געוואָרען אַ קרבן פון געלט־דורסט פון דעם קעניג רודאָלף און ער איז געשטאָרבען אין געפענגניס. ער איז דער מחבר פון די „תוספות ישנים״ צו דער מסכת יומא, און האָט אויך געשריבען זעהר פיעלע תשובות, וועלכע זיינען אָנערקענט פון אַלע תלמודיסטען. ר׳ מאיר איז פּאַקטיש געווען דער אויבער־ראַבינער אין גאַנץ דייטשלאַנד. ער איז גע־ווען אונגעוועהנליך פרום, און איז געווען בעקאַנט אין גאַנץ דייטשלאַנד

קיין צענטער האָבען דאַמאָלס די אידישע געמיינדעס ניט געהאַט, אָבער עס זיינען געוועזען איינגעפיהרט צוזאַמענפאָהרען פון רבנים און כלל-טוער אין די אינטערעסען פון פערשיידענע געמיינדעס אָדער כלל-זאַכען. אויף דיזע צוזאַמענפאָהרען פלעגען אָפט געמאַכט ווערען זעהר וויכטיגע תקנות; איבערהויפּט זיינען בעקאַנט און וויכטיג די תקנות, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרען אין יענע צייטען אין די צוזאַמענקונפטען פון די רבנים אין די שטעדט שפּייער, וואָרמס און מאַינץ, וועלכע זיינען בע-קאַנט אונטער דעם נאָמען „תקנות שו"ם". (די בוכשטאַבען שו"ם זיינען די ראשי תבות פון די נעמען פון די גענאַנטע דריי שטעדט.)

דער רב אין דער אידישער געמיינדע פון יענער צייט איז געווען דער פאָרשטעהער פון דער רעליגיאָן און אויך דער דיין און שופט (ריכטער) אין דער געזעלשאַפט. דאַמאָלס האָט מען מתקן געווען, דאָס קיין געמיינדע זאָל ניט אויפנעהמען אַ מענשען פיר אַ רב, אויב ער האָט ניט קיין התרת הוראה אָדער סמיכה פון אַ רב מובהק ומפורסם. ר' מאיר הלוי פון וויען האָט אין יאָהר 1370 מתקן געווען, אַז מען זאָל געבען דעם טיטעל „מורנו" צו אַ מאַן, וואָס בעזיצט תלמודישע קענטניסען און איז אַ בעל מדות טובות ודרך ארץ. אָבער יעדע געמיינדע האָט געהאַט די פרייהייט צו וועהלען אַ רב פיר זיך וועמען זי האָט געוואָלט; דיזעס רעכט האָבען די אידען פיר קיין פאַל ניט געוואָלט נאָכלאָזען. אין אָנהויב פון 15טען יאָהרהונדערט האָט דער קייזער רופּרעכט געוואָלט איינפיהרען אין דייטשלאַנד דאָס אמט פון אויבער-ראַבינער, וועלכער זאָל זיין אַ פערמיטלער צווישען דער רעגירונג און די אידישע געמיינדעס. אין יאָהר 1407 האָט ער בעשטימט אַ געוויסען געלעהרטען ייט'ן נאָמען ר' ישראל אַלס „הויכמייסטער" אָדער הויפּט איבער אַלע ראַבינער און אַלע געמיינדעס פון דייטשלאַנד מיט דעם רעכט צו משפט'ן און צו בעשטראָפען די שולדיגע לויט די אידישע געזעצען. די פליכט פון אויבער-ראַבינער איז אויך געווען צו קאָלעקטירען דעם „גאָלדע-נעם אָפּפער-פעניג", וואָס איז געווען אַ ספּעציעלע אידישע שטייער צו דער רעגירונג. די אידען האָבען אָבער ניט געוואָלט אָנערקענען די הערשאַפט פון אַ קאַזיאָנעם רב. זיי האָבען אָנגעזאָגט ר' ישראל'ן, דאָס מען וועט איהם אריינלעגען אין חרם, אויב ער וועט זיך ניט אָפּזאָגען פון דיזער שטעלע. די רבנים האָבען איהם ווירקליך אריינגעלעגט אין חרם. דער קייזער איז געוואָרען שטאַרק בייז און האָט דעם חרם מבטל געווען און האָט געלאָזט וויסען די רבנים, דאָס ער וועט זיי בעשטראָפען, ווען זיי וועלען ניט פאָלגען דעם הויכמייסטער. אָבער דאָס אַלץ האָט ניט געהאָלפען; ניט די רבנים,

געוועזן, דאָס יענער איז רואינירט געוואָרען, ווייל לויט די געזעצען פון יע-נער צייט איז דאָס פערמעגען פון אַ אידען, וואָס איז געוועזן איבער 30 טעג אין חרם, געוואָרען קאָנפיסקירט פון דער רעגירונג, און אַזוי איז יענער גע-בליבען בעירום ובחוסר כל. עס האָבען זיך אויך געפונען אייניגע, וואָס האָבען געשריבען מוסר־ספרים צו פערבעסערן די זיטען פון פאָלק. מען האָט זאָגאר געשריבען אין אידיש־דייטש אַ מוסר־ספר אונטער'ן נאָמען „זיטטענבוך". מערקווירדיג, דאָס פון דיזע מוסר־ספרים זיינען אייניגע אַרויס מיט קלאַגעס געגען די ישיבות, וואָס בעשעפטיגען זיך נאָר מיט פּלפּול און הלכה, און זיי ווילען ניט וויסען פון תנ"ך, מדרש, אגדה און מוסר-ספרים. אין יענער צייט איז אויך ערשינען דער ספר „הנצחון" פון ר' יום־טוב ליפּמאַן מילהויזען. דאָס איז אַ ספר, וואָס ציינט די ריכטיגקייט פון די אידישע דאָגמאַס (עקרי הדת) און זייער פּאָרצוג גע-גען די קריסטליכע דאָגמאַס. דאָס בוך איז פערפאַסט געוואָרען מיט'ן צוועק צו געבען יעדען אידען די מעגליכקייט צו ענטפערן אַ קריסט, וועלכער וויל מיט איהם דיספּוטירען איבער רעליגיאָן. דאָס איז געוועזן אַ זעהר נעטיגע זאַך צו יענער צייט, ווען די קריסטען האָבען געהאַט אַ שטאַרקע לוסט צו דיספּוטירען מיט די אידען אום צו בעקעהרען זיי צום קריסטענטום.

יז. די אידען אין איטאַליען און אין פּוילען.

סאָציאַלע לאַגע פון די איטאַליענישע אידען. גאַנץ אַנדערס איז געוועזן דער צושטאַנד פון די אידען אין איטאַליען און פּוילען. דער פּאַפּסט איננאָצענץ דער 3טער, וועלכער האָט שרעקליך פערפאָלגט אידען אין אַנ-דערע לענדער, האָט גאָרניט געקענט טאָן געגען זיי אין איטאַליען, ווייל אין אַ לאַנד, וועלכע איז געוועזן צוטיילט אין אויטאָנאָמישע געביטען און פרייע האַנדעל־שטעדט, האָט ניט געקענט זיין קיין איינהייטליכע פּאָליטיק. צו פערדאַנקען דיזען פאַקט איז דאָס פאָלק אין איטאַליען געוועזן געגען די אידען מעהר אָדער ווייניגער טאָלעראַנט. די אידען אין איטאַליען האָבען געהאַט דאָס רעכט צו וואוינען איבעראַל, זיי האָבען זיך גערעכענט אַלס רוי-מישע בירגער און האָבען געהאַט אַ געוויסע אויטאָנאָמיע. אין 15טען יאָהר-הונדערט האָבען די הערצאָגען די ערסטע בעשיצט די אידען געגען דעם פּאַפּסט און די קלעריקאַלען.

אין דעם צווייטען פערטעל פון 13טען יאָהרהונדערט האָט דער דיי-טשער קייזער פריעדריך דער 2טער פון די האָהענשטויפען געוואָלט פער-וואַנדלען די אידען פון סיציליען אין קאַמערקנעכט, און זיי זאָלען טראָגען

אַלס אַ הייליגער. ער איז דער מחבר פון דער קינה „שאלי שרופה", וואָס אידען זאָגען אום תשעה באב. די קינה האָט ער פערפאַסט אויף די פער-ברענונג פון דעם תלמוד אין פּאַריז. ר' מאיר'ס תלמיד מובהק איז געווען ר' אשר, אָדער דער רא"ש. צוליב די פּאָגראָמען פון רינדפלייש'ן איז ער געווען געצוואונגען צו פערלאָזען דייטשלאַנד און האָט זיך בעזעצט אין שפּאַניען. דאָ איז ער מיט גרויס פייער ארויס געגען וועלטליכע בילדונג, איבערהויפּט געגען פילאָזאָפיע. אַן אַנדער תלמיד פון ר' מאיר'ן איז גע-ווען ר' מרדכי בן הלל פון נירנבערג. ער איז בעריהמט מיט זיין ווערק „מרדכי", וועלכעס ווערט געדרוקט אַלס ביילאַגע צום אלפס. דיזעס ווערק האָט ער ניט געהאַט גענוג צייט צו בעאַרבייטען, ווייל ער איז גע'-הרג'עט געוואָרען אין דער צייט פון די שחיטות אויף אידען דורך רינד-פלייש'ן (1298).

נאָך די אונגליקען, וואָס האָבען געטראָפען די אידען אין דייטשלאַנד, ווען עס האָט דאָרט געהערשט די שוואַרצע מגפה און הונדערטער אידישע קהלות זיינען פערניכטעט געוואָרען, איז דער אידישער גייסט פיעל געזונקען. עס זיינען שוין דאָרט ניט געווען אַזעלכע גרויסע אויטאָריטעטען ווי פריהער. די געלעהרטע האָבען זיך בעשעפטיגט מיט קליינינגקייטען: דער האָט גע-זאַמעלט פערשיידענע מנהגים און דער האָט פערקירצט ווערק פון אַנדערע גרויסע מחברים. אַזעלכע ספרים זיינען דאַמאָלס געווען „ספר אגודה" פון ר' זיסלין פון פראַנקפורט, „קיצור מרדכי" פון ר' שמואל שלעטשטאַדט, און „ספר מנהגים" פון ר' אברהם קלויזנער. דאַמאָלס איז דער צענטער פון תלמודישע קענטניסען געוואָרען עסטרייך. פון די גרויסע אויטאָריטע-טען אין דייטשלאַנד אין 15טען יאָהרהונדערט זיינען געווען: ר' יעקב מעלין, בעוואוסט אונטער'ן אָפּגעקירצטען נאָמען מהרי"ל, רב אין מאַינץ און וואָרמס (געשט. 1427), און זיין תלמיד ר' יעקב ווייל, רב אין נירנבערג און ערפורט (געשט. 1456). דער ערסטער האָט געשריבען אַ ספר „מנהגים" — אַ ווערק איבער די רעליגיעזע מנהגים פון די אשכנזישע קהלות. דער אַנדערער האָט געשריבען אַ קליינעם ספר וועגען הלכות שחיטה אונטער'ן נאָמען „שו"ת מהרי"ל". אַ ביסעל שפּעטער זיינען געווען בעריהמט: ר' ישראל איסערלין (געשט. 1460), דער מחבר פון „תרומת הדשן", ר' ישראל ברונא און ר' משה מינץ. ברונא האָט אַ ביסעל פערפלעקט זיין נאָמען דערמיט, וואָס ער האָט אריינגעלעגט אין חרם אַ אידען פון זיין קהלה, וועלכער האָט פּוגע בכבודו געווען, אָבער האָט פון איהם געבעטען מחילה. דער רעזולטאַט איז

ער, אום ניט אויפצורייצען געגען זיך די שנאה פון די קריסטען. פיר ניט פאָלגען דיזע תקנות איז בעשטימט געוואָרען א שווערע שטראָף.

דער עקאָנאָמישער צושטאַנד פון די אידען אין איטאַליען איז געוועזן פיעל בעסער איידער אין אַנדערע לענדער אין וועסט־אייראָפּאַ. זיי זיינען דאָרט געוועזן בעטייליגט אין אַלע סאָרטען האַנטװערקען. עס זיינען געוועזן געוויסע אַרבייטען, וועלכע זיינען געוועזן אויסשליסליך אין אידישע הענט, ווי צ. ב. שמיד־אַרבייט און זיידענצוכט. זיי האָבען זיך אויך בעשעפטיגט מיט אַקערבוי און האַנדעל, אויך מיט פערלייהען געלט אויף פּראָצענט. אַלס געלט־מלוה'ס זיינען די אידען געוועזן פיעל בעסער פון די קריסטליכע פּראָצענטניקעס, זיי האָבען זייערע קליענטען בעהאַנדעלט פיעל מענשליכער ווי יענע. אין יאָהר 1430 האָט מען איינגעלאַדען אין פלאָרענץ אידישע באַנקירען, וועלכע האָבען פערליהען געלט אויף 20 פּראָצענט, אַנשטאָט וואָס די קריסטליכע באַנקירען פלעגען נעהמען 33 פּראָצענט. דער האַס צו אידישע פּראָצענטניקעס איז דעריבער דאָ ניט געוועזן אַזוי שטאַרק ווי אין אַנדערע לענדער.

וואָס אָנבעטרעפט די פרייע פּראָפעסיאָנען, האָבען אידען זאָגאַר איבערגעשטיגען די קריסטען, איבערהויפּט אויף'ן מעדיצינישען געביט. די אידישע דאָקטוירים זיינען געוועזן אין איטאַליען זעהר פּאָפּולער. די מעהרסטע לייב־דאָקטוירים ביי די פירסטען און זאָגאַר ביים פּאַפּסט זיינען געוועזן אידען. די קלעריקאַלען האָבען געוואָלט שאַפען א געזעץ, דאָס א קריסט זאָל זיך ניט טאָרען ווענדען צו אַ אידישען דאָקטאָר, אָבער זיי האָבען עס ניט געקענט דורכפיהרען.

אין דער צייט פון דער נייער אויפלעבונג פון וויסענשאַפטען (רענעסאַנס) אין איטאַליען האָבען זיך די אידען אויך אָנגעהויבען בעשעפטיגען מיט וויסענשאַפטען און האָבען געהאַט א גרויסען ערפאָלג. פון די וויכטיגע דענקער און פילאָזאָפען אין איטאַליען איז געוועזן יעקב אנאטאָלי (1200—1256), פון דער פאַמיליע אבן תבון. דיזער געלעהרטער איז געוועזן איינער פון די טיכטיגע פילאָזאָפען, וועלכע דער געבילדעטער קייזער פון דייטשלאַנד פריעדריך דער 2טער האָט איינגעלאַדען צו זיין הויף אין דער צייט, וואָס ער איז געזעסען אין נעאַפעל. ער האָט איהם געבעטען איבערזעצען אַראַביש־פילאָזאָפישע ווערק אין העברעאיש אום איבערצוזעצען זיי נאָכדעם אין לאַטייניש. ער האָט אויך איבערזעצט פון אַראַביש איינינגע אַסטראָנאָמישע ווערק. אין דיזער אַרבייט האָט איהם געהאָלפען זיין קריסטליכער פריינד מיכאל סקאָט. יעקב אַנאַטאָלי פלעגט זאָגען יעדען

צו צייכען אויף זייערע קליידער. אָבער דיזע פאָדערונגען האָבען די אי־טאַליענער ניט געקענט ליידען, און מען האָט געלאָזען די אידען צורוה. נאָך דעם פאַלען פון די האָהענשטויפען האָבען די אידען אין סיציליען גע־לעבט רוהיג. אָבער אין 15טען יאָהרהונדערט זיינען זיי אַרויסגעטריבען געוואָרען פון סיציליען, ווען דיזע אינזעל איז אַרונטערגעפאַלען אונטער די הערשאַפט פון פערדינאַנד און איזאַבעללאַ, די צוויי רשעים, וועלכע האָבען אַרויסגעטריבען די אידען פון שפּאַניען אין יאָהר 1492. אין דעם זעלבען יאָהר האָבען 100,000 אידען פון סיציליען געמוזט נעהמען דעם וואַנדער־שטעקען און אַוועקגעהן פון דעם אָרט, וואו זייערע אורעלטערן האָבען זיך בעזעצט. די קריסטליכע איינוואוינער פון סיציליען האָבען געבעטען דעם קעניג פערדינאַנד, אַז ער זאָל לאָזען די אידען פערבלייבען אין סיציליען, ווייל זיי זיינען זעהר ניצליכע בירגער, אָבער עס האָט ניט געהאָלפען.

ווען עס האָבען זיך אָנגעהויבען פערשפּרייטען אין איטאַליען די אידעען פון הומאַניזם, האָבען זיך די קלעריקאַלען דערשראָקען און האָבען אָנגעהוי־בען העצען דאָס פאָלק געגען די אידען. זיי האָבען אַרויסגעשיקט אַ גרויסע מחנה מאָנאַכען פון פערשיידענע אָרדענס אויפצורייצען די בעפעלקערונג אויף די אידען. דאָס פאָלק איז שוין געווען גרייט צו מאַכען אַ פּאָגראָם אויף אידען, אָבער די רעגירונג איז געווען זעהר ליבעראַל און האָט דערצו ניט דערלאָזען.

די אידען אין איטאַליען האָבען געהאַט פאָלשטענדיגע אויטאָנאָמיע. זיי האָבען געהאַט אַן אייגענעם מאַגיסטראַט מיט די זעלבע רעכטען ווי דער קריסטליכער מאַגיסטראַט. זיי האָבען געהאַט אייגענע ריכטער און זייער פּסק איז געוואָרען אָנערקענט אַלס געזעץ. די רעגירונג האָט געוואָלט איינ־פיהרען אַן אויבער־ראַבינער, אַ סאָרט קאַזיאָנעם רב, אָבער די אידען האָבען עס מבטל געווען.

אויך אין איטאַליען זיינען געווען איינגעפיהרט צוזאַמענפאָהרען פון רבנים און אידישע כלל־טוער אום צו פערהאַנדלען אַלגעמיינע אינטערעסען. אין די יאָהרען 1416 און 1480 זיינען פאָרגעקומען אַזעלכע צוויי צוזאַמענ־פאָהרען אין איטאַליען. אויף דיזע אסיפות איז בעשלאָסען געוואָרען צו שיקען אַ דעפּוטאַציע צום פּאַפּסט מארטין דעם 5טען צו בעטען איהם פער־ברייטערן די אידישע רעכטען, און מען האָט אויך געמאַכט פערשיידענע תקנות אין אידישען לעבען. מען האָט פערבאָטען שפּילען אין קאָרטען אין אידישע הייזער, מאַכען צו רייכע חתונות, טראָגען צירונג און רייכע קליי־

און גמרא און איז ערטערוויז זעהר וויציג. אָבער די רבנים זיינען געווען שטאַרק געגען דיזער סאַטירע, ווייל עס איז אין גרונד חוזק געמאַכט פון דער אַרט און ווייזע, ווי אין תלמוד ווערען בעהאַנדעלט רעליגיעזע פראַגען.

פיעל פרייער פון ר׳ קלונימוס בן קלונימוס איז געווען עמנואל פון רוים (1270—1330). עמנואל איז געווען דער איינציגער אידי-שער פּאָעט אין מיטעלאַלטער, וועלכער האָט ניט געשריבען קיין רעליגיעזע פּאָעזיע. דער אינהאַלט פון זיין פּאָעזיע איז סאַטירע און לידער פון ליבע. ער איז געווען אַ רייכער מיטגליד פון דער אידישער געמיינדע אין רוים. ער איז אָבער געוואָרען פעראַרימט און האָט געמוזט אָנקומען פיר הילף צו ליבהאָבער און בעשיצער פון ליטעראַטור. אין פערמאָ האָט אַ געוויסער רייכער מעצענאַט אַריינגענומען איהם צו זיך אין הויז און האָט איהם בע-זאָרגט מיט אַלעם נעטיגען. דאָרט האָט ער זיך געקענט אין גאַנצען איבער-געבען צו פּאָעטישע שאַפונגען און האָט צוזאַמענגעשטעלט זיין „מחברות עמנואל״, אַ זאַמלונג פון סאַטירע, לידער פון ליבע, אַנעקדאָטען, פּלוידע-רייען ביים טיש אין אַ געזעלשאַפט און ד. גל. צו ענדע פון די „מחברות״ קומט אַ פּאָעמע „התופת והגן עדן״, עהנליך צו דאַנטע׳ס „געטליכע קאָ-מעדיע״. ער שטעלט דאָרט פאָר, דאָס אין גיהנום געפינען זיך צווישען די גריכישע פילאָזאָפען אויך תלמודיסטען, וועלכע פעראַכטען וויסענשאַפטען און זיינען אָבער ניט קיין מענשען מיט גוטע זיטען. עמנואל האָט אויך גע-שריבען פירושים אויף תנ״ך אין פילאָזאָפישען גייסט. מיט זיין טויט האָט זיך געענדיגט דער פרעהליכער טאָן אין דער איטאַליעניש-אידישער ליטעראַטור. צו ענדע פון 14טען יאָהרהונדערט האָבען זיך אין איטאַליען בעזעצט די אַרויסגעטריבענע אידען פון פראַנקרייך און האָבען מיט זיך געבראַכט דעם טרויעריגען גייסט, וועלכען עס האָבען אין זיי ענטוויקעלט די לאַנגע יאָהרען פון דרוק און פערפאָלגונגען אין פראַנקרייך.

די תלמודישע קענטניס האָט אין איטאַליען געשפּילט אַ צווייטע ראָלע. דאָך האָבען זיך אויך דאָרט געפונען גרויסע אויטאָריטעטען אין תלמוד. אין 13טען יאָהרהונדערט געפינען מיר דאָרט די צוויי גדולים אונטער׳ן נאָמען ר׳ ישעיה מטראַני (דע־טראַני), זיידע און ניקעל,ביידע פאָרשער אין תלמוד נאָך דער מעטאָדע פון די בעלי תוספות. ר׳ ישעיה דער 2טער איז געווען שטאַרק געגען פילאָזאָפיע. צו ענדע פון דיזען יאָהר-הונדערט איז פערפאַסט געוואָרען דער ספר „שבלי הלקט״ פון דעם רוי-מישען רב ר׳ צדקיהו בן אברהם. אין דער זעלבער צייט האָט ר׳ יחיאל בר׳ יקותיאל פון די ענוים (אַנאַווים, אַן אַריסטאָקראַ-

שבת פילאָזאָפישע דרשות אויף די סדרות פון דער וואָך; אין דיזע דרשות האָט ער ענטוויקעלט דעם רמב"ם'ס אידעען אין דער תורה. דיזע דרשות זיינען שפּעטער געדרוקט געוואָרען אונטער'ן נאָמען „מלמד התלמידים". דער רשב"א איז שפּעטער ארויס געגען דיזע דרשות, וועלכע מען האָט גע-האַלטען פיר אַפּיקורסישע, און אין יאָהר 1305 האָט מען אויף זיי ארויפ-געלעגט א חרם.

דער צווייטער אידישער פילאָזאָף אין איטאַליען איז געוועזן דער דאָק-טאָר הלל פון ווערָאנא (1210—1295). אין זיין ווערק „תגמולי הנפש" בעווייזט ער, דאָס דער שכר ועונש אויף יענער וועלט איז ניט ווי געוועהנליכע מענשען דענקען, דאָס מען ברענט דעם קערפּער אין גיהנום אָדער מען גיט איהם גוטע שפּייז אין גן עדן, נאָר דאָס איז א גייסטיגע שטראָף, אָדער א גייסטיגער פערגניגען. ער איז געוועזן א פערטיידיגער פון רמב"ם'ס פילאָזאָפיע געגען זיינע פערפאָלגער אין דער צייט פון רשב"א און האָט פאָרגעשלאָגען, אז מען זאָל צוזאַמענרופען א קאָנגרעס פון אידישע חכמים, וועלכע זאָלען פערהאַנדלען די פראַגע פון די נוצען אָדער שאָדענס פון דעם רמב"ם'ס פילאָזאָפיע. הלל איז אָבער געוועזן א געגנער פון דעם פרייען געדאַנק, וועלכער האָט געלייקענט אין תורה מן השמים, און איז גע-ווען געגען דעם פריידענקער זרחיה בן שאלתיאל חן, וועל-כער איז געווען פון די ראַדיקאַלע דענקער.

אויך אין אַנדערע צווייגען פון ליטעראַטור צייגט זיך ארויס דער פרייער גייסט, וואָס האָט דאַמאָלס געהערשט אין איטאַליען. ר' קלו-נימוס בן קלונימוס פון פּראָוואַנס האָט זיך בעקענט אין אווי-ניאָן מיט דעם קעניג ראָבערט. דיזער קעניג איז געווען א גרויסער ליב-האָבער פון וויסענשאַפטען און ער האָט געבעטען ר' קלונימוס'ן, אַז ער זאָל איבערזעצען וויסענשאַפטליכע ווערק איבער מאַטהעמאַטיק, אַסטראָנאָמיע און פילאָזאָפיע פון אַראַביש אין העברעאיש. ר' קלונימוס האָט געשריבען אַ ווערק „אבן בוחן", אין וועלכען ער איז ארויסגעטרעטען געגען שלעכטע זיטען, נאַרישקייט או. ד. גל. די שפּראַך איז אַמאָל ערנסט און זעהר אָפט סאַטיריש. ער איז ערטערווייז זעהר פריי און מאַכט אָפט שפּאַס פון דער רבנישער ליטעראַטור. ער בעדויערט, וואָס ער איז ניט בעשאַפען געוואָרען אַ פרוי, ווייל דאַן וואָלט ער געווען פריי פון די תרי"ג מצוות, וועלכע זיינען אַ שווערע משא אויף די מענער. ער האָט אויך פערפאַסט די „מסכת פורים", אין וועלכער ער דיסקוטירט אין תלמודישען סטיל די מצוה אָנצו'שכור'ן זיך אום פורים. עס איז געשריבען אין א פאָרמע פון משנה

אין מאַנטוא איז אין יענער צייט געווען רב דער בעריהמטער דאָקטאָר ר' יהודה בן יחיאל, בעקאַנט אונטער'ן נאָמען מעסער לעאָן. ער איז געווען אַ גרויסער געלעהרטער און האָט געשריבען ווערק איבער מליצה („נופת צופים"), לאָגיק און גראַמאַטיק. זיין געגנער איז געווען ר' יוסף קאָלאָן (מהרי"ק). עס האָט אויסגעבראָכען צווישען דיביידע אַ מחלוקה, וועלכע האָט אָנגעמאַכט גרויסע אונרוהען אין דער אידישער קהלה, און דער רע־זאָג פון מאַנטוא איז געווען געצוואונגען אַרויסצושיקען ביידען פון שטאָדט (1475). פיעל האָט געהאָלפען צום פערברייטען דעם אידישען גייסט אין איטאַליען די ערפינדונג פון בוכדרוקעריי אין יענער צייט. אין איטאַליען זיינען באַלד געגרינדעט געוואָרען איינינע אידישע בוכדרוקערייען, וועלכע האָבען גלייך אָנגעהויבען צו דרוקען זעהר פיעלע אידישע ספרים.

פוילען. באָלעסלאַוו'ס פריווילעגיעס. די עמיגראַציע, וואָס האָט זיך אָנגעפאַנגען צווישען די אידישע מאַסען פון דייטשלאַנד נאָך פוילען אין דער צייט פון די קרייץ־צוגען, האָט אַ לאַנגע צייט ניט אויפגעהערט. זי איז געוואָרען שטאַרקער, ווען די פערפאָלגונגען אין דייטשלאַנד זיינען געוואָרען שטאַרקער. דאָס האָט געדויערט לערך 400 יאָהר. די פוילישע הערשער האָבען זיי געגעבען פיעלע פריווילעגיעס, ווייל דורך די אידען האָבען זיי געהאָפט פערברייטען האַנדעל און אינדוסטריע. די סלאַווישע פעלקער האָבען דאַמאָלס ניט געפיהלט קיין האַס צו די אידען; אָבער מיט דער צייט האָבען די קלעריקאַלען און דער איינפלוס פון דייטשלאַנד דעם רוהיגען צושטאַנד געענדערט, און די לאַגע פון די אידען איז דאָרט געוואָרען ערגער און ערגער. די פאַפּסטען האָבען אָנגעהויבען שיקען אין פוילען דעלעגאַטען אום צו פערפאָלגען די אידען. איבערהויפּט האָבען געהאָלפען צו פערשפּרייטען האַס צו אידען אין פוילען די דייטשע קאָלאָניסטען, ווייל זיי האָבען ניט געקענט איבערטראַגען די קאָנקורענץ פון די אידען. פיעלע פון די פוילישע הערשער האָבען בעשיצט די אידען געגען די דייטשען, ווייל זיי האָבען גוט פערשטאַנען די גרויסע נוצען, וואָס די אידען ברייננגען דעם לאַנד.

אין יאָהר 1264 האָט באָלעסלאַוו אַרויסגעגעבען ספּעציעלע געזעצען מיט פריווילעגיעס פיר אידען אין זיין הערשאַפט. דיזע געזעצען זיינען געווען דער פונדאַמענט פון די פוילישע געזעצען פיר אידען פיר אַ לאַנגע צייט. דיזע געזעצען פאָדערן, דאָס מען זאָל ניט פער'משפּט'ן אַ אידען פיר וועלכען עס איז פערברעכען אויף די צייגנים פון אַ קריסטליכען עדות, סיידען

טישע פאַמיליע אין רוים) געשריבען אַ ספר „מעלת המדות", אַ מוסר־ספר (1228). זיין מוסר איז געגרינדעט אויף די פּרינציפּען פון וויסענשאַפט און לעבענס־וויזהייט. אין דיזען ספר ציטירט ער קלוגע שפּרוכען פון גריכישע פילאָזאָפען, פון רוימישע חכמים און פון דעם דייטשען פילאָזאָפישען קייזער פריעדריך דעם 2טען. אין אָנהויב פון 14טען יאָהרהונדערט האָט ר' מ נ ח ם פ ו ן ר י ק א נ ט י (רעקאַנאַטי) אָנגעהויבען פערברייטען קבלה־אידעען אין דער פאָרמע פון אַ פּירוש אויף דער ביבעל. אין דער צווייטער העלפט פון 15טען יאָהרהונדערט האָבען זיך געמאַכט בעריהמט אין אי־טאַליען צוויי גדולים: ר' י ו ס ף ק אָ ל אָ ן (מהרי"ק) און ר' י ה ו ד ה מ י נ ץ.ביידע זיינען געווען גרויסע געגנער פון דעם פרייען גייסט, וואָס האָט געהערשט צווישען די איטאַליענישע אידען.

אין דער אוניווערזיטעט פון פּאַדאָוואַ האָט דאַמאָלס געלעזען לעקציעס דער אידישער פילאָזאָף ר' א ל י ה ו ד ע ל ־ מ ע ד י ג אָ (1460—1497). ער איז אין דער זעלבער צייט געווען דער ראש ישיבה פון פּאַדוא, ער האָט איבערזעצט ביכער פון די אַראַבישע פילאָזאָפען אין לאַטייניש און האָט דורך דעם געמאַכט בעקאַנט די קריסטען מיט דער אַראַבישער פילאָ־זאָפיע. ווען ער איז נאָך געווען זעהר יונג איז ער שוין געווען בעוואוסט פיר אַ גרויסע אויטאָריטעט אין פילאָזאָפיע; און ווען עס האָט זיך איינ־מאָל געמאַכט אַ שטרייט אין דער אוניווערזיטעט פון פּאַדוא צווישען די סטודענטען און די פּראָפעסאָרען וועגען אַ פילאָזאָפישע פראַגע, האָט איהם דער סענאַט איינגעלאַדען אין אוניווערזיטעט צו לעזען דיזע פראַגע. צו 23 יאָהר האָט ער שוין געלעזען לעקציעס אין פערשיידענע אוניווערזיטעטען אין איטאַליען איבער פילאָזאָפיע און האָט צוגעצויגען אַ גרויסע מאַסע סטודענ־טען פון קריסטען. דער בעוואוסטער הומאַניסט פּיקאָ דע מיראַנדאָלאַ איז אויך געווען איינער פון זיינע צוהערער און פערעהרער. ער האָט זיך גע־מאַכט אונשטערבליך מיט זיין ווערק „בחינת הדת". אין דיזען ווערק בע־הויפּטעט ער, דאָס די פילאָזאָפיע און דער גלויבען זיינען צוויי פערשיידענע זאַכען און מען דאַרף זיי ניט צוזאַמענמישען. די הלכה פון תלמוד שטעהט ביי איהם זעהר הויך, אָבער די אגדה איז אַ געוועהנליכעס מענשליכעס ווערק. דער פּאַדוער רב ר' יהודה מינץ איז געווען אַ געגנער פון דעם געלעהרטען ראש ישיבה ר' אליהו דעל־מעדיגאָ, און דיזער האָט געמוזט פערלאָזען פּאַ־דאָוואַ און איז אוועק צוריק אין זיין געבורטס־שטאָדט קאַנדיאַ אויף דער אינזעל קרעטאַ.

טען, און די קלעריקאַלע מאַכט האָט געזוכט צו דערווייטערן זיי פון דער קריסטליכער געזעלשאַפט.

די שרעקליכע פערפאָלגונגען פון די אידען אין מערב־אייראָפּאַ אין דער צייט פון דעם צורר היהודים רינדפלייש און דער שוואַרצער מגפה האָבען פערגרעסערט די עמיגראַציאָן פון די אידען נאָך פוילען. אין יענער צייט איז פוילען געוואָרען אַ פעראייניגטע פּאָליטישע מאַכט אונטער דעם קעניג וולאַדיסלאַוו לאָקיעטעק (1319) און איבערהויפּט אין דער צייט פון דער רעגירונג פון זיין זוהן, דעם בעריהמטען קאַזימיר דעם גרויסען (1333—1370). דיזע קעניגען האָבען אָנגעווענדט אַלע מיטלען אויפצוהייבען די עקאָנאָמישע לאַגע פון פוילען. קאַזימיר איז געווען צו אידען בעזונדערס פריינדליך, ווייל ער האָט פון זיי ערוואַרט, דאָס זיי וועלען איהם העלפען צו פערווירקליכען זיינען אידעאַלען וועגען אויפהייבען דעם מאַטעריעלען צושטאַנד פון לאַנד, און דעריבער האָט ער אויף׳ן צווייטען יאָהר פון זיין רעגירונג געגעבען צו אַלע אידען פון גרויס־פוילען אַלע רעכטען, וואָס דער קעניג באָלעסלאַוו האָט געגעבען צו די אידען פון איין פּראָווינץ. ער האָט אויך אַרויסגעגעבען נייע געזעצען, וועלכע האָבען געשיצט די אידען פון דעם האַס פון די מאַגיסטראַטען און די קלעריקאַלען. עס איז געווען שטרענג פערוועהרט צו בעליידיגען אַ אידען אין אַ קריסטליכען הויז. ער האָט אויך פערשטאַרקט די אידישע אויטאָנאָמיע. אָבער אייניגע פון דער פּוילישער שלאַכטע האָבען געזוכט צו שאַדען די אידען און זיי איז ווירקליך געלונגען אויף דעם סיים פון יאָהר 1347 צו בעשרענקען די רעכטען פון די אידען.

די בעשולדיגונג, דאָס די אידען פערגיפטען די וואַסערן, און דערפון נעהמט זיך די שוואַרצע מגפה, איז אויך אַריינגעבראַכט געוואָרען אין פּוילען. איבער 10,000 אידען זיינען דאַן ערמאָרדעט געוואָרען פון דער פּוילישער מאַסע און דער קעניג קאַזימיר האָט ניט געקענט שטילען דעם כעס פון די קריסטען אויף די אידען. אָבער דאָס איז נאָר געווען אין די שטעדט, וואָס האָבען זיך געפונען ביים גרענעץ פון דייטשלאַנד.

די אידישע שונאים אָבער האָבען אַנדערש ערקלערט די גוטע בעציהונגען פון קאַזימיר׳ן צו די אידען. זיי האָבען עס צוגעשריבען צו דער ליבע, וואָס קאַזימיר האָט געהאַט צו אַ אידישער שענהייט אסתר׳קע, אַ טאָכטער פון אַ אידישען שניידער. ער האָט פיר איהר אויסגעבויט אַ רייכען קעניגליכען פּאַלאַץ ניט ווייט פון קראָקאָוו; זי האָט פון איהם געהאַט צוויי טעכטער, וועלכע זי האָט ערצויגען אין אידישען גלויבען, און צוויי

אַ אידישער עדות בעשטעטיגט די צייגנים פון דעם קריסט. אַ פּראָצעס צווי-שען אַ אידען און אַ קריסט זאָל פּאָרקומען פּערזענליך פאַר דעם קעניג זעלבסט. ווען אַ קריסט ערמאָרדעט אַ אידען, בעקומט ער זיין שטראָף און זיין פּערמעגען ווערט קאָנפיסקירט פון קעניג. אין אַלגעמיין האָט דאָס גע-זעץ גענומען אונטער זיין שוץ די אַלע אינטערעסען פון אידישען לעבען, און האָט פּערוועהרט צו טאָן זיי וועלכען עס איז שאָדען. זייערע שולען, ישיבות און בית עולם'ס זיינען געווען אונטער'ן שוץ פון דער רעגירונג. ווען קריסטען האָבען דערהערט בייגאַכט געשרייען פון אַ אידען ווענען הילף האָבען זיי איהם געמוזט קומען צו הילף; ווען ניט, זיינען זיי דערפאַר שטאַרק בעשטראָפט געוואָרען. דאָס געזעץ האָט שטרענג פּערוועהרט צו שמד'ן אידישע קינדער געגען דעם ווילען פון זייערע עלטערן. עס איז פּערוועהרט געוואָרען יעדער בלוט־בלבול אויף אידען, סיידען עס האָבען עדות געזאָגט 3 אידען און 3 קריסטען. ווען עס איז אָבער ניט בעוויזען געוואָרען קיין שולד, איז דער מסור פּער'משפּט געוואָרען צו טויט־שטראָף.

די קאַטאָלישע גייסטליכע אָבער האָבען פון זייער זייט געטאָן אַלעס מעגליכעס צו פּערפאָלגען די אידען. אויף זייער פּערזאַמלונג אין יאָהר 1266 האָבען די גייסטליכע געשאַפען אַ געזעץ, דאָס די אידען טאָרען ניט וואוינען צוזאַמען מיט קריסטען, ווייל זיי וועלען זיי פּערפיהרען אין זייער גלויבען. די אידען האָבען ניט געטאָרט האָבען מעהר פון איין סינאַגאָגע אין אַ שטאָדט. די אידען האָבען געמוזט טראָגען אויף'ן קאָפּ אַ בעזונדער פאָרמע הוט, וואָס זאָל זיין עהנליך צו אַ הוט צוקער מיט אַ הויכען שפּיץ, אום מען זאָל גלייך דערקענען, דאָס זיי זיינען אידען; און ווער עס וועט ערשיינען אין גאַס מיט אַן אַנדער סאָרט הוט וועט בעשטראָפט ווערען. אַ קריסט האָט ניט געטאָרט עסען, טרינקען, פרעהליך זיין צוזאַמען מיט אַ אידען. אַ קריסט האָט ניט געטאָרט קויפען שפּייז פון אַ אידען, אום ער זאָל ניט פּער'סם'ט ווערען. ווען אַ איד האָט געלעבט מיט אַ קריסטין אַלס מאַן און ווייב איז ער פּעראורטיילט געוואָרען צו געפענגנים, און זי האָט געדאַרפט עפענטליך געשמיסען ווערען, און נאָכהער ארויסגעטריבען ווערען פון שטאָדט. די זעלבע געזעצען זיינען אָנגענומען געוואָרען פון די קאַטאָ-לישע גייסטליכע אין אָפען (אונגאַרן) אין יאָהר 1279. מיר זעהען דערפון, דאָס אין 13טען יאָהרהונדערט האָבען געאַרבייט צוויי פערשיידענע קרעפ-טען ווענען די אידען: די וועלטליכע מאַכט האָט געשעצט די נוצען, וואָס די אידען ברייננען דעם לאַנד, און האָט זיי געגעבען אייניגע בירגער־רעכ-

זיהן, וועלכע זיינען געווען ערצויגען אין קריסטליכען גלויבען. פון דיזע זיינען ארויסגעקומען גרויסע וויכטיגע פוילישע פאמיליעס. דער נאָכפאָלגער פון קאזימיר'ן, לודוויג פון אונגארן, איז געווען א שרעקליכער פיינד פון אידען און ער האָט זיי שטארק פערפאָלגט. אין דער צייט פון דיזע פערפאָלגונגען איז אסתר'קע גע'הרג'עט געוואָרען.

אסתר'קאַ.
קאָפּירט פון כאָדזקאָ'ס געשיכטע פון פוילען.

אין דער צייט פון דער רעגירונג פון לודוויג דעם אונגאר (1370—1382) האָבען די אידען געליטען שרעקליכע פערפאָלגונגען. יעדער, וואָס האָט געהאט מאכט, האָט געטראָכטען דאָס געזעץ מיט די פיס. ער האָט זיך געמאכט פיר אן אויפגאַבע צו שמד'ן אלע אידען. ווען דער ליטווישער פירסט יאגעלאָ איז געוואָרען הערשער אין פוילען (1386) איז דאָרט דער איינ-

סטאַטוע פון קאַזימיר דעם גרויסען.

קאָפּירט פון באָדזקאָ'ס געשיכטע פון פוילען

גערופען אין קאליש א פערזאמלונג פון קאטאלישע גייסטליכע אין יאהר 1420, אויף וועלכען עס זיינען אנגענומען געווארען די אלטע בעשרענקונגען און ערנידרונגען. די אידען האבען געמוזט צאהלען צו די קירכען נייע שטייערן, אום צו בעצאהלען דערמיט דעם היזק, וואס זיי פערשאפען די קריסטען מיט זייער האנדעל און קאנקורענץ. אויך די וועלטליכע מאכט האט זיך דאמאלס גענומען צו בעשרענקען די אידישע רעכטען.

גאנץ אנדערש איז געווען דער צושטאנד פון די אידען אין ליטא. אין דיזען לאנד געפינען מיר אידישע געמיינדעס אין פיעלע שטעדט שוין צו ענדע פון 14טען יאהרהונדערט. דער קעניג וויטאווט האט אנערקענט די רעכטען פון די אידישע קהלות (1388—1430). הגם די ליטווישע הערשער זיינען שוין געווען קאטאליקען, דאך זיינען זיי נאך דאמאלס ניט בעפרייט געווארען אין גאנצען פון זייערע היידנישע אידעען, און האבען נאך ניט געוואוסט פון דער קריסטליכער „מענשען־ליבע", וועלכע שיקט אין פייער די אונגלויביגע אידען. דיזער ליטווישער פירסט האט געזארגט, דאס די קריסטען זאלען לעבען פרידליך מיט די אידען, וועלכע זיינען אימער זעהר ניצליך צו דעם לאנד, וואו זיי וואוינען. די אידישע געמיינדעס האבען גע-האט פולע אויטאנאמיע אין זייער בירגערליכען און רעליגיעזען לעבען, נאר אין קרימינאל־פראצעסען זיינען זיי געווען אונטערווארפען אונטער די אל-געמיינע געזעצען פון לאנד. די אידען האבען געהאט פולע פרייהייט אין זייער האנדעל, האבען געהאט רעכט צו קויפען ערד, בעשעפטיגען זיך מיט אלערליי האנטווערקען. די שטייערן, וואס זיי האבען געצאהלט צו דער רעגירונג, זיינען געווען אין גלייכער פראפארציע מיט די קריסטען. אין ליטא האבען זיך אויך בעזעצט קאראאימעס.

פערפאלגונגען פון אידען אין ליטא האבען זיך אנגעהויבען אין דער צייט פון דער רעגירונג פון קאזימיר דעם 4טען (1447—1492). אנפאנגס איז ער געווען זעהר גוט צו אידען. אין אויגוסט 1447 איז ער געווען אין פאזען. דאמאלס האט דארט געטראפען א גרויסע שרפה, אין וועלכער עס איז פערברענט געווארען דער דאקומענט, וואס קאזימיר דער גרויסער האט ארויסגעגעבען צו די אידען וועגען זייערע רעכטען און פריווילעגיעס. די אידען האבען זיך געווענדעט צו קאזימיר דעם 4טען מיט דער ביטע, אז ער זאל זיי ארויסגעבען א נייעם דאקומענט לויט דער קאפיע פון פריהערדיגען, וואס די אידען האבען געהאט אין זייערע הענט. דער קעניג האט גערן צו-פרידען געשטעלט דעם וואונש פון די אידען, און האט בעשטעטיגט אלע רעכטען און פריווילעגיעס, וואס קאזימיר דער גרויסער האט זיי געגעבען.

פלוס פון דער קירכע געוואָרען נאָך שטאַרקער, און דאַמאָלס איז דער ביר־גערליכער צושטאַנד פון די אידען אין פוילען געוואָרען נאָך ערגער.

דער קאַטאָליציזם האָט אין יענער צייט געשטרעבט איינצונעהמען די גאַנצע וועלט און אָפּשאַפען אַלע נאַציאָנאַלע פערשיידענהייטען. דער פוילישער קעניג פון יענער צייט וולאַדיסלאַוו יאַגעללאָ (1434) איז געוואָרען מיט לייב און זעעלע איבערגעגעבען צום קאַטאָליציזם. אין זיין צייט האָבען זיך אָנגעהויבען שרעקליכע פערפאָלגונגען אויף אידען אין פוילען. אין פּאָזען האָט מען די אידען בעשולדיגט, דאָס זיי האָבען אָנגערעדט אַ קריסטין, אַז זי זאָל אַרויס׳גנב׳ענען פון דער קירכע 3 האָסטיעס (הייליגע חלה׳לאַך), אין וועלכע, ווי דאָס פאָלק האָט געגלויבט, עס געפינט זיך אימער בלוט פון יעזוס׳ן, און די אידען האָבען געשטאָכען די האָסטיעס ביז עס איז פון זיי אויסגערונען דאָס בלוט און זיי דאַן אַריינגעוואָרפען אין אַן אומריינעם אָרט. די קריסטין, דער רב פון דער קהלה און 13 פאָרשטעהער פון דער אידישער געמיינדע זיינען פערברענט געוואָרען. אויף אַלע אידען פון פּאָזען האָט מען אַרויפגעלעגט אַ גרויסע שטראָף, וועלכע זיי האָבען געמוזט צאָהלען צו דער דאָמיניקאַנער קירכע. דיזע שטראָף האָט עקסיסטירט ביז דעם 18טען יאָהרהונדערט.

דער הויפּט־גרונד פון אַלע אַזעלכע בעשולדיגונגען איז געווען די שנאה צו אידען צוליב זייער ערפאָלג אין געשעפט. מען האָט נאָר געזוכט אַ תירוץ אום זיי צו בערויבען. אַזוי איז עס אויך געווען מיט דעם פּאָגראָם אין קראַקאָוו אין יאָהר 1407. דעם 3טען טאָג פון זייער פסח האָט דער גייסטליכער בודעק באַלד נאָך דער דרשה איבערגעלעזען פאַר דעם פּובליקום אַן אַנאָנימען בריף, וועלכען ער האָט געפונען אין קירכע און אין וועלכען עס ווערט דערצעהלט, דאָס די אידען האָבען מיט אַ פּאָאָר טעג צוריק ערמאָרדעט אַ קריסטליך קינד אום צו בענוצען זיך מיט זיין בלוט. דער צוויושעטער המון האָט זיך צולאָזען איבער׳ן אידישען קוואַרטאַל, האָט געמאַכט אַ שרעקליכען פּאָגראָם און האָט בערויבט אַלע רייכע אידען. דאָס איז געווען דער הויפּט־צוועק פון דעם גאַנצען בלבול.

די רעאַקציע געגען די רעפאָרמעס פון הוס׳ן האָט אַרויסגערופען פערשיידענע קירכען־פערזאַמלונגען פון די גייסטליכע זאום צו שאַפען מיטלען צו בעשיצען דאָס קריסטענטום געגען יעדען איינפלוס פון וועלכער עס איז רעפאָרמע. די הויפּט־מיטלען זיינען געווען — די אידען־פערפאָלגונגען. מען האָט אַלעם אָנגעווענדט אום צו דערוויטערן די אידען פון די קריסטען און צו ערנידריגען זיי. דער ערץ־בישאָף ניקאָלאַי טראָמבאַ האָט צוזאַמענ-

דער גרויספירסט פון ליטא אַלכסנדר איז אָנפאַנגס געווען גוט צו אידען, און האָט זיי געגעבען איינינגע פּריוויליגיעס אין האַנדעל, אָבער פּלוצ-ילינג האָט ער אַרויסגעגעבען אַ בעפעהל (1495), דאָס אַלע אידען מוזען פערלאָזען ליטא, און זייער גאַנצעס פערמעגען זאָל קאָנפיסקירט ווערען פון דער רעגירונג. די פעראַרימטע אידען האָבען זיך בעזעצט אין די נאָהענטע שטעדט פון פּוילען. נאָך דעם טויט פון זיין ברודער יאַן (1501) איז אַלכסנדר געוואָרען קעניג איבער פּוילען, און האָט דאַמאָלס ערלויבט די אי-דען צו בעזעצען זיך צוריק אויף זייערע ערטער אין ליטא און האָט זיי צוריק אָפּגעגעבען זייערע הייזער, שולען און בתי קברות. אין אָנפאַנג פון 16טען יאָהרהונדערט זיינען די אידען אין פּוילען געוואָרען אַ בעדייטענדע עקאָנאָמישע און סאָציאַלע מאַכט, מיט וועלכער די מלוכה האָט זיך גע-דאַרפט רעכנען. אויך אין רעליגיעזער הינזיכט זיינען זיי געוואָרען זעלב-שטענדיג נאָך דעם, ווי זיי זיינען פיער הונדערט יאָהר געווען אָפּהענגיג פון דעם אידישען צענטער אין דייטשלאַנד.

שפּורען פון אידען אין רוסלאַנד. פון דער צייט, וואָס רוסלאַנד איז אַרונטערגעפאַלען אונטער דעם יאָך פון די טאַטאַרען, איז זי געוואָרען אַן אַזיאַטישע מדינה און האָט גאָרניט געהאַט צו טאָן מיט דער אייראָפּעאי-שער קולטור. פיר די אידען אין זייער האַנדעל האָט נאָר איין פּונקט גע-קענט האָבען אַ בעדייטונג, און דאָס איז געווען נאָווגאָראָד. אָבער דער האַנזאַ־פערבאַנד פון סוחרים האָט ניט צוגעלאָזען קיין אידען צו דיזען פער-באַנד. נאָר אין זיד ביים שוואַרצען ים און אין קרים זיינען יע געווען איי-ניגע אידישע קאָלאָניעס, וועלכע האָבען געפיהרט געשעפטען אין יענער געגענד צוזאַמען מיט די גריכישע סוחרים. אָבער ליידער ווייסען מיר גאַנץ וועניג פון די אידען אין יענעם אָרט צו יענער צייט. מיר ווייסען נאָר עט-וואָס פון די מצבות פון 13טען ביז דעם 14טען יאָהרהונדערט, וועלכע גע-פינען זיך אין קרים אויף אַלטע אידישע בית־עלמין׳ס.

אין דער צווייטער העלפט פון 15טען יאָהרהונדערט, אין דער צייט פון דער הערשאַפט פון איוואַן דעם 3טען, געפינען מיר שוין שפּורען פון אידען אין רוסלאַנד. אין יאָהר 1470 איז געקומען צוזאַמען מיט׳ן פירסט מיכאַאיל אָלעלקאָוויטש פון קיעוו אַ געלעהרטער זשיד ז כ ר י ה און האָט זיך בעזעצט אין נאָווגאָראָד. באַלד נאָך איהם זיינען אַהין געקומען נאָך איינינגע אידען פון ליטא. דאַמאָלס זיינען פאָרגעקומען אין נאָווגאָראָד רע-ליגיעזע אונרוהען און אונצופרידענהייט מיט דעם פּראַוואָסלאַוונעם גלויבען. זכריה האָט זיך בעקענט מיט איינינגע גייסטליכע פון דער רוסישער קירכע

דיזער דאָקומענט האָט מבטל געווען אַלע גזירות אויף אידען, וואָס די קאַ-טאָלישע גייסטליכע האָבען געגען זיי געשאַפען.

געגען דיזען ליבעראַלען דאָקומענט זיינען אַרויס די קלעריקאַלען. אָן דער שפּיץ פון דיזער בעוועגונג איז געשטאַנען דער קאַרדינאַל אָלעסניצקי. ער האָט געשריבען צום קעניג, דאָס ער זאָל ניט מיינען, אַז ער איז אַ גרויסער בעל דעה אין די זאַכען, וואָס זיינען נוגע די קירכע, און דעריבער בעט ער איהם, אַז ער זאָל אָפּשאַפען אַלע ליבעראַלע געזעצען וועגען אידען, ווייל זיי שאַדען זעהר צום קאַטאָלישען גלויבען. אָלעסניצקי'ן צו הילף איז געקומען דער בעריהמטער שונא ישראל קאַפּיסטראַנאָ. דער קעניג האָט אָנפאַנגס ניט געוואָלט הערען פון קיין ענדערונג אין בעצוג צו אידען, אָבער צום אונגליק האָט דער קעניג געהאַט אַ שרעקליכע נידערלאַגע אין זיין שטרייט מיט'ן טייטאָנישען אָרדען (1454), און די גייסטליכע האָבען ער-קלערט דעם פאָלק, דאָס גאָט שטראָפט דעם קעניג פיר זיין בעליידיגען די הייליגע קאַטאָלישע רעליגיאָן דערמיט, וואָס ער גיט די אידען רעכטען און פּריווילעגיעס. דער קעניג האָט געמוזט נאָכגעבען און אין נאָוועמבער 1454 האָט ער אָפּגעשאַפט די אַלע אידישע פּריווילעגיעס און רעכטען, וואָס ער האָט זיי פריהער געגעבען.

דאָס פּוילישע פאָלק האָט באַלד דערשמעקט די ענדערונג וועגען אידען אין זייערע רעכטען און אין יאָהר 1464 דעם 3טען טאָג פון זייער פּסח איז אַ באַנדע קרייץ־ציגלער, וואָס איז דורכגעגאַנגען קראַקאָוו צו שטריי-טען מיט טערקיי, בעפאַלען די אידען, האָט געמאַכט אַ שרעקליכען פּאָגראָם און געמאָרדעט 30 אידען. די זעלבע אונרוהען זיינען דאַמאָלס פאָרגע-קומען אויך אין אַנדערע שטעדט. קאַזימיר האָט אפילו בעשטראָפט דעם מאַגיסטראַט פון קראַקאָוו דערפאַר, וואָס ער האָט דערלאָזען דעם פּאָגראָם, אָבער דאָס האָט ניט אָפּגעהאַלטען דעם צווישעטען פעבעל פאָרטצוזעצען זיין טייוועלשע ארבייט. דיזע פּאָליטיק געגען אידען האָבען בעשטעטיגט אויך די זיהן פון קאַזימיר דעם 4טען: יאַן אַלברעכט, דער קעניג פון פּוילען, און דער גרויספירסט פון ליטא אַלכסנדר יאַגעללאָ. אין יאָהר 1494 איז גע-ווען אין קראַקאָוו אַ שרעקליכע שרפה, און דער המון האָט דאַמאָלס געפונען אַ געלעגענהייט צו ראַבירען די אידישע הייזער. דאַמאָלס האָט דער קעניג יאַן געאָרדענט, דאָס די אידען זאָלען לעבען בעזונדער פון די קריסטען און האָט זיי אָפּגעגעבען די פאָרשטאָדט פון קראַקאָוו, קאַזימערזש, וועלכע איז פון דאַמאָלס אָן געוואָרען אַ ריין אידישע שטאָדט. דאָס איז געווען די ערסטע געטאָ אין פּוילען.

קירכע. די קלעריקאַלען האָבען בעשלאָסען צו מאַכען אַן ענדע צו די פער־שיידענע נאַציאָנאַליטעטען און פערשיידענע גלויבענס און צוזאַמענשמעל־צען אַלעס אין איין פאָלק מיט איין גלויבען. דער מיטעל דערצו איז גע־וואָרען בעשלאָסען: שמד אָדער טויט, אָדער אויסוואַנדערונג. עס האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ שרעקליכע טראַגעדיע, וועלכע האָט געפיהרט צום אוטאָ־דאַ־פע און צו דעם גרויסען גירוש שפּאַניען.

דער הויפּט־פיהרער פון דיזער פיינדליכער בעוועגונג איז געוועזן אַ גייסט־ליכער מיט'ן נאָמען פערראַנד מאַרטינעץ. ער איז געוועזן דער פיהרער פון דער פאַרטיי, וואָס איז געוועזן שטאַרק אויפגעבראַכט געגען דעם פּאָליטישען איינפלוס פון די אידען אין שפּאַניען. ער האָט געפאָדערט פון די אידען, אַז זיי זאָלען זיך שמד'ן אָדער געהן אין גלות. זיינע פייערדיגע דרשות האָט ער אָנגעפאַנגען שוין פריהער, אין דער צייט פון דער רעגירונג פון היינריך דעם 2טען. די אידען פון סעווילִיע האָבען זיך געווענדעט צום קעניג מיט אַ ביטע, אַז ער זאָל פערוועהרען דיזען פאַנאַטיקער אויפצורייצען דאָס פאָלק געגען זיי, און דער קעניג האָט זייער וואונש ערפילט (1378). מיט 10 יאָהר שפּעטער האָט ער ווידער אָנגעהויבען צו פּראָפּאַגאַנדירען געגען אידען. די לעצטע האָבען איהם געפאָדערט פאַר'ן געריכט, אָבער מאַרטינעץ האָט מיט עזות געענטפערט, דאָס ער וועט פאָרטזעצען זיין פּראָ־פּאַגאַנדאַ, ווייל ער טוט עס פיר די טובה פון פאָלק און פון קעניג, און מאַר־טינעץ האָט פאָרטגעזעצט זיין העסליכע אַגיטאַציאָן ביז דער ערץ־בישאָף פון סעווילִיע, באַרראָזאָ, האָט איהם ענטזאָגט פון זיין שטעלע.

ליידער זיינען אין אַ קורצער צייט שפּעטער געשטאָרבען דער קעניג און דער ערץ־בישאָף, און די אַלמנה־קעניגין איז געוואָרען די רעגענטין ביז איהר זוהן, דער קרוין־פּרינץ, וועט ווערען פול־יעהריג. דאַמאָלס איז מאַר־טינעץ, וועלכער איז געוועזן איהר גייסטליכער, צוריק אַרויף אויף זיין שטעלע און האָט בעקומען פון דער קעניגין פולע פרייהייט צו אַגיטירען געגען די אידען. ער האָט פערנאַנדערגעשיקט צירקולאַרען צו אַלע גייסטליכע, אַז זיי זאָלען זיך נעהמען צושטערען די אידישע סינאַגאָגען, און די ספרי תורות און זייערע אַנדערע הייליגע זאַכען זאָל מען צושטעלען צו איהם. אין מערץ 1391 האָט ער געהאַלטען אַ פייערדיגע רעדע אויף'ן מאַרק, אין וועלכער ער האָט ערמונטערט דאָס פאָלק צו קוילען, ברענען און ראַבירען די אידען. צום גליק האָבען זיך אַריינגעמישט די שטאָדט־בעאַמטע און ניט דערלאָזען צו אַ פּאָגראָם. אָבער מיט דריי חדשים שפּעטער איז דיזען צורר היהודים געלונגען אויפצורייצען דעם המון אין סעווילִיע געגען אידען. פון אַלע עקען

און הא̇ט זיי בעקעהרט צום יודענטום. אייניגע פון די בעקעהרטע גייסט־ליכע זיינען אין יא̇הר 1480 געקומען אין מא̇סקווא און הא̇בען דא̇רט פּרא̇־פּאגאנדירט דעם אידישען גלויבען מיט א̇ בעדייטענדען ערפא̇לג. דער בי־שא̇ף געננאדי פון נא̇ווגא̇רא̇ד הא̇ט באלד דערפיהלט די געפאהר פיר דעם פּראווא̇סלאוונעם גלויבען, וואס די „זשידא̇ווסטוואויושטשאיא יערעס” (די אידישע אפּיקורסות) קען א̇נמאכען, און הא̇ט א̇נגעהויבען דיזע בעוועגונג שטארק צו פערפא̇לגען. די גייסטליכע איז געלונגען, מיט דער הילף פון גרויספירסט איוואן דעם 3טען, דיזע בעוועגונג צו דערשטיקען. די הויפּט־א̇נפיהרער הא̇ט מען פערברענט און די איבריגע הא̇ט מען אריינגעווא̇רפען אין געפענגנים, און די בעוועגונג הא̇ט אויפגעהערט.

אין יענער צייט הא̇ט זיך געטרא̇פען נא̇ך א̇ן אונגליקליכער צופאל מיט א̇ אידישען דא̇קטא̇ר מיסטער לעא̇ן, וועלכען מען הא̇ט געבראכט פון ווענעציא צום פירסט איוואן'ס הויף. אין א̇נפאנג פון יא̇הר 1490 איז קראנק געווא̇רען דעם פירסט'ס א̇ זוהן און דער דא̇קטא̇ר הא̇ט איהם גע־היילט מיט זיינע מיטלען. ווען דער פירסט הא̇ט איהם געפרעגט וועגען זיין זוהן, הא̇ט דער דא̇קטא̇ר פערזיכערט, דא̇ס ער וועט זיין געזונד, און ווען ניט, מעג מען איהם, דעם דא̇קטא̇ר, ארונטערהאקען דעם קא̇פּ. דעם 15טען מערץ איז דא̇ס קינד געשטא̇רבען, און דער גרויספירסט איוואן הא̇ט געהייסען דעם דא̇קטא̇ר עפענטליך ארונטערהאקען דעם קא̇פּ. דיזער צופאל צוזאמען מיט דער פּרא̇פּאגאנדא פון זכריה'ן הא̇ט געמאכט א̇ שלעכטען איינדרוק אין רוסלאנד; דא̇ס פא̇לק הא̇ט געקוקט אויף א̇לע אידען מיט פעראכטונג און האס, און דא̇ס הא̇ט געמאכט פיר אידען אונמעגליך צו בע־זעצען זיך אין רוסלאנד.

יח. דער לעצטער יא̇הרהונדערט פון דער אידישער קולטור אין שפּאניען (1391—1498).

די גאנצע צייט פון מיטעלאלטער, ווען אין גאנץ איירא̇פּא זיינען פּאר געקומען די געפעהרליכסטע פערפא̇לגונגען אויף אידען, איז שפּאניען גע־בליבען פון דער ווייטען. ענדליך הא̇ט זיך שפּאניען ארומגעזעהען, דא̇ס זי איז צו ווייט הינטערשטעליג אין די פערפא̇לגונגען אויף אידען, און זי הא̇ט געהיילט צו פערגלייכען זיך מיט זיי. די ווילדע חיה פון די א̇לטע וועסטגא̇טען, וועלכע הא̇ט איינגעשלא̇פען אין דעם שפּאניער, הא̇ט זיך אויפגעכאפּט מיט גרויסען ענטוזיאזם צו רייסען און בייסען וועמען זי הא̇ט געקענט. אויפגעוועקט די ווילדע חיה אין דעם שפּאניער הא̇ט די

איבערגעלעבט אין דייטשלאַנד מיט אייניגע הונדערט יאָהר צוריק אין דער צייט פון די קרייץ־צוגען, מיט דעם אונטערשייד, דאָס די אידען אין דייטש-לאַנד האָבען זיך מעהר געאָפּפערט פיר'ן גלויבען ווי די שפּאַנישע אידען. דער דייטשער געטאָ־איד האָט אַזוי וועניג גענאָסען פון לעבען, דאָס עס איז איהם ניט געווען שווער צו פערלאָזען דיזע יאָמערליכע ערד, וועלכע איז פיר איהם געווען אַ טאָל פון טרערען. גאַנץ אַנדערש איז עס געווען מיט די שפּאַנישע אידען. זיי האָבען פיעל מעהר גענאָסען פון דעם בעכער פון לעבען, און זיי איז געווען שווער צו שיידען זיך מיט דיזער גוטער וועלט, און דעריבער האָבען זיך פיעלע צום שיין בעקעהרט צום קריסטענטום אין דער האָפנונג מיט דער צייט צוריקצוקעהרען זיך צום גלויבען פון זייערע עלטערן. זיי האָבען אָבער דערין געהאַט אַ גרויסען טעות. די קריסטליכע גייסטליכע האָבען אויף זיי געהאַט אַ שאַרפע אויג, און פיר זייער אָנהאַנג אין געהיים צום יודענטום האָט זיך די אינקוויזיציאָן מיט זיי שרעקליך אָפּ-גערעכענט. עס האָט זיך אָנגעהויבען די פירכטערליכע טראַגעדיע פון די מאַראַנאָס (אנוסים).

נאָך די בלוטיגע סצענעס פון יאָהר 1391 האָבען די אידען אין קאַס-טיליען געהאַט אַ קורצע צייט רוה. ווען דער קעניג היינריך דער 3טער איז געוואָרען פול־יעהריג און איז געוואָרען הערשער האָט ער דעם בלוטדורסטי-גען מאַרטינעז פערשלאָסען אין מאָנאַסטיר אום ער זאָל מעהר ניט קענען פּראָפּאַגאַנדירען זיין גיפטיגען האַס צו אידען. לײדער איז ער אָבער געווען צו פּאָפּולער צווישען די גייסטליכע אין קאַסטיליען און דיזע בלוטדורסטיגע חיה איז געווען פעררעכענט פיר אַ הייליגען פיר זיינע מעשים תעתועים צו אידען, וועלכע זיי האָבען געהאַלטען פיר אַ גרויסע מצוה צו פערניכטען.

ניט אַכטענדיג אויף דעם בעפעהל פון קעניג היינריך דעם 3טען ניט צו פּראָפּאַגאַנדירען געגען די אידישע בירגער, און ניט אַכטענדיג אויף דעם גרויסען איינפלוס אין רעגירונגס־קרייזען פון דעם אידישען לייב־דאָקטאָר פון קעניג, ר' מאיר אלגואדעץ, וועלכער איז אויך געווען דער רב הכולל פון גאַנץ קאַסטיליען, האָבען דאָך די גייסטליכע פּאָרטגעזעצט זייער גיפטיגע אַגיטאַציאָן געגען אידען. די קריסטליכע גייסטליכע האָבען זיך גענומען מיט אַ בעזונדערען חשק צו בעקעהרען די אידען צום קריס-טענטום. זיי האָבען גערעכענט, דאָס די עקסיסטענץ פון דער קירכע איז ניט זיכער כל זמן די אידען האַלטען זיך פעסט ביי זייער גלויבען. צווישען די מיטלען, וואָס די קריסטליכע גייסטליכע האָבען געברויכט אום צו דער-גרייכען זייער ציל, זיינען אויך געווען עפענטליכע דיספּוטען. לײדער זיי-

פון שטאָדט האָבען אָנגעהויבען צו שטראָמען קריסטען און זיי זיינען בע־פאַלען אידישע הייזער און האָבען צושאָכטען איבער 4,000 אידען, מענער און פרויען, אַלטע און קליינע קינדער. פיעלע פון די אידען האָבען זיי מיט גוואַלד אָפּגע׳שמד׳ט און זייער האָב און גוטס צורויבט. אום צו רעטען זיך פון טויט האָבען פיעלע אָנגענומען קריסטענטום. די סעווילער אידישע געמיינדע, וועלכע איז בעשטאַנען פון 25,000 נפשות, איז אין יענעם טאָג געוואָרען חרוב ומוחרב. צווישען די, וואָס האָבען זיך בעקעהרט צום קריס־טענטום, איז געווען שמואל אברבנאל, וועלכער איז געווען פרי־הער א בעאַמטער אין קעניגליכען הויף.

די שחיטה אויף אידען אין סעווילע איז געווען א סיגנאַל פיר גאַנץ קאַסטיליען, דאָס אידישעס בלוט און אידישעס פערמעגען זיינען הפקר. אַזעלכע בלוטיגע סצענעס האָבען זיך ווידערהאָלט אויף אין פיעלע אַנדערע שטעדט פון קאַסטיליען. איבעראַל האָט מען געשאָכטען די אידען ווי שאָף, אין די גאַסען, אין די הייזער און אין די שולען. איבער 70 אידישע קהלות זיינען פערניכטעט געוואָרען. אום צו רעטען זיך האָבען זיך פיעלע בעקעהרט צום קריסטענטום. פער׳שכור׳ט פון רעליגיאָנס־האַס האָבען די קריסטען געוואָלט מאַכען א בלוט־באָד אויף פיר די מאַחמעדאַנער, אָבער זיי האָבען כע מורא געהאַט צו טאָן, ווייל די מאַחמעדאַנער אין גראַנאַדאַ און אין נאָרד־אַפריקאַ וואָלטען זיי אָפּגעצאָהלט מיט דער זעלבער מטבע; אָבער פיר אידען איז ניט געווען ווער עס זאָל זיך אָננעהמען.

די עפּידעמיע פון אידישע שחיטות האָט זיך פערברייטעט אויף איבער דעם גאַנצען קעניגרייך פון אַראַגאָניען. די סעווילער מערדער האָבען גע־שיקט א גאַנצע מחנה אַגיטאַטאָרען נאָך אַראַגאָניען, וואו עס האָט זיך ווידערהאָלט די זעלבע סצענע. די אידישע געמיינדע אין וואַלענציאַ איז די ערסטע פערניכטעט געוואָרען דורך פייער, שווערד און שמד. אין באַר־צעלאָנאַ האָט דער גובערנאַטאָר מיט דער העכערער קלאַס פון פאָלק געזוכט צו בעשיצען זיי אין דער פעסטונג, אָבער דער המון איז געווען זעהר שטאַרק צווישעט און האָט אונטערגעצונדען די פעסטונג און פערניכטעט די אידען. די זעלבע סצענעס האָבען זיך ווידערהאָלט אויף דער אינזעל מאַיאָרקאַ. אין דער הויפּטשטאָדט פּאַלמאַ האָבען די פּאָגראָמשטשיקעס פערניכטעט אויסער די אידען אויך די קריסטען, וועלכע האָבען פערשאַפט שוץ צו די אידען אין זייערע הייזער.

אין דער צייט פון דריי חדשים, פון יוני ביז אויגוסט, האָבען די אידען אין שפּאַניען דורכגעלעבט די זעלבע שרעקען, וועלכע זייערע עלטערן האָבען

דער אידישער געמיינדע אין דיזען פערברעכען, און מען האָט דערפאַר פיעלע בעשטראָפט.

נאָכדעם האָט מען זיך גענומען בעשולדיגען די אידען, דאָס זיי רעדען איין די משומדים צוריקצוקעהרען זיך צום יודענטום. דיזע בעשולדיגונג האָט געפיהרט דערצו, דאָס אין יאָהר 1412 האָט מען פון די אידען צוגע-נומען אַלע רעכטען. זיי האָבען געמוזט טראָגען לאַנגע קליידער פון גראָבען געוואַנט מיט אַ רויטער לאַטע, זיי האָבען ניט געטאָרט טראָגען קיין געוועהר און ניט געטאָרט גאָלען די באָרד. דער איד האָט ניט געטאָרט פאָהרען פון איין שטאָדט אין אַן אַנדערע, און ווען מען האָט זיך דערוואוסט, דאָס ער וויל עס טאָן, האָט מען קאָנפיסקירט זיין אייגענטום און ער איז געוואָרען אַ לייבאייגענער (שקלאַף) פון קעניג. מען האָט דערמיט געוואָלט ערנידריגען דעם שטאָלץ פון די שפּאַנישע אידען, און צייגען זיי, דאָס נאָר דער שמד קען זיי רעטען.

עס איז דאַמאָלס אַרויף אויף דער סצענע אַ צווייטער צורר היהודים, אַ צווייטער מאַרטינעץ, דאָס איז געווען ווינצענט פעררער. די-זער איז געווען אַ דאָמיניקאַנער מאָנאַך, וועלכער האָט בערייזט גאַנץ שפּאַ-ניען, פראַנקרייך און איטאַליען. איהם האָבען בעגלייט פיעלע אַנדערע מאָ-נאַכען, וואָס האָבען געפּרעדיגט דער וועלט צו טאָן תשובה, וועלכע מוז בעשטעהען אין לאָזען זיך שמייסען ביז בלוט און אין פערניכטען אַלע אונ-גלויביגע, סיי אידען סיי מאַהמעדאַנער. מיט דיזען צורר היהודים האָט זיך פעראייניגט דער משומד פּאַול פון בורגאָס, דער בישאָף, און האָט איהם געהאָלפען מיט וואָס ער האָט געקענט דורכצופיהרען זיינע מיסיאָנערישע פּלענער. פעררער האָט אָנגעהויבען געהן פון שטאָדט צו שטאָדט, אין יעדער שטאָדט איז ער אַריין אין יעדע אידישע שול מיט אַ גרויסען צלם אין האַנט און האָט אויפגעפאָדערט די אידען צום שמד. מעהר פון אַלעמען פלעגט ער שטורמען די משומדים, וואָס האָבען אין יאָהר 1391 אָנגענומען דאָס קריס-טענטום און האָבען שטילערהייט געהאַלטען זיך ביים יודענטום. פון זיי האָט ער געפאָדערט צו מודה זיין זיך עפענטליך אין דיזען שרעקליכען פער-ברעכען, טאָן תשובה, צוריקקעהרען זיך מיט'ן גאַנצען האַרצען צום הייליגען קריסטענטום און פערלאַכטען דאָס פערפלוכטע פאַלשע יודענטום. גרויסע מחנות קריסטען זיינען געשטאַנען פערטיג צו טאָן אַלעס, וואָס פעררער וועט זיי הייסען. אין פיעלע שטעדט זיינען מאַסען אידען געקומען אין די קירכען און האָבען זיך גע'שמד'ט אום צו רעטען זייערע לעבענס. איבער 10,000 אידען זיינען געווען געצוואונגען צו טויפען זיך. די סינאַגאָגען

נען אויך געווען איינינע אידישע געטויפטע, וועלכע האָבען פערשאַפט די אידען זעהר פיעלע צרות, איבערהויפט מיט זייערע מסירות. מעהר פון אַלע האָט געפייניגט די אידען דער משומד שלמה הלוי, אַ געוועזענער תלמודיסט, וועלכער האָט אין דער טויפע אָנגענומען דעם נאָמען פּ אַ ו ל ד ע ס אַ נ ט אַ מ אַ ר י אַ, און וועלכער האָט דורך זיין פערפאָלגען די אידען דערגרייכט דעם ראַנג פון בישאָף פון בורגאָס (1352—1435). איהם האָט דערצו געהאָלפען דער פּאַפּסט בענעדיקט דער 13טער. מיט דער הילף פון פּאַפּסט איז ער געוואָרען אַ מקורב צום קעניג היינריך דעם 3טען פון קאַסטיליען. ער האָט געמאַכט אַלס זיין לעבענס־אויפגאַבע צו בעקעה־רען אידען צום קריסטענטום. ער האָט זיך געווענדט צו איינינע גרויסע רבנים מיט אַ בריף, אין וועלכען ער האָט געזוכט צו בעווייזען די פאַלשקייט פון תלמוד. די רבנים האָבען געענטפערט אויף דיזען בריף און האָבען געמאַכט זיינע בעשולדיגונגען צו גאָרנישט. צווישען די רבנים, וואָס האָבען איהם געענטפערט, איז אויך געווען דער דאָקטאָר י ה ו ש ע ל אָ ר ק י. אָבער די עפּידעמיע פון שמד האָט אַזוי פערכאַפּט די אידען אין איהר נעץ, דאָס לאָרקי זעלבסט האָט אין אַ קורצער צייט אָנגענומען די טויפע און איז אויך געוואָרען אַ שטאַרקער אַגיטאַטאָר פיר'ן קריסטענטום, ווייל ער האָט געהאָפט אויך צו ווערען דורך דעם אַ הויכער בעאַמטער אין דער קאַ־טאָלישער קירכע.

נאָך דעם טויט פון היינריך דעם 3טען איז געבליבען דער קרוין־פּרינץ יאָאַן (חואַן) דער 2טער. ווייל ער איז אָבער ניט געווען פול־יעהריג, האָט דערווייל געפיהרט די ממשלה אַ רעגענטשאַפט, צווישען וועלכער עס איז אויך געווען זיין מוטער. דיזע איז געווען מיט לייב און זעעלע איבערגעגעבען צו דער קלעריקאַלער פּאַרטיי. דער ערציהער פון יונגען קעניג איז געוואָ־רען פּאַול פון בורגאָס, וועלכער איז צוליב דעם אויך געוואָרען אַ מיטגליד פון דער רעגענטשאַפט. דאָס ערסטע, וואָס ער האָט געטאָן געגען די אידען איז געווען, מען זאָל ענטזאָגען דעם דאָקטאָר און אויבער־ראַבינער אַלגואַדעץ פון זיין שטעלע אין הויף. נאָכדעם האָט מען אַלגואַדעץ'ן בעשולדיגט, דאָס ער האָט בעליידיגט אַ הייליגע האָסטיע (קירכען־ברויטעל). מען האָט איהם אָנגעטאָן גרויסע ענויים ביז מען האָט פון איהם אַרויסגעקראָגען אַ ווידוי, דאָס ער האָט איינגעגעבען סם דעם קעניג היינריך דעם 3טען, וועלכער איז געשטאָרבען פאַר דער צייט. מען האָט איהם בעשטראָפט מיט אַ זעהר גע־מאַטערטען טויט. אין סעגאָוויאַ האָט מען אויך בעשולדיגט איינינע פון

צווישען אידען, ווען זי וועט איהם געלינגען, וועט אויפשטעלען צוריק זיין רעפּוטאַציאָן. דיזען געדאַנק האָט איהם אוּיפגעגעבען זיין דאָקטאָר דער משומד יהושע לאָרקי, אָדער, ווי ער האָט זיך גערופען נאָך דער טויפע, גערָאנימאָ דע סאַנטא־פע. דיזער משומד האָט פערפאַסט אַ פּלאַן פון אַ דיספּוט מיט די רבנים, און האָט זיך אונטערגענומען מנצח צו זיין זיי. דער פּלאַן איז געווען—צו בעווייזען, דאָס אין תלמוד זעלבכט געפינען זיך מיינונגען, אַז משיח איז שוין געקומען; און אויב דאָס וועט ניט געלינגען, וועט ער בעווייזען, דאָס דער תלמוד איז אַ זעהר שעדליכעס ווערק, און זיינע אָנהענגער קענען ניט און טאָרען ניט געדולדעט ווערען אין לאַנד.

צו ענדע פון יאָהר 1412 האָט דער פּאַפּסט בענעדיקט מיט דער צושטימונג פון אַראַגאָנישען קעניג פערנאַנדערגעשיקט צירקולאַרען צו אַלע רבנים און געמיינדע־פאָרשטעהער אין אַראַגאָניען, אַז זיי זאָלען קומען צום ויכוח אין אַ בעשטימטען טאָג. פיר פערפעהלען צו קומען האָט מען געדראָהעט ריט אַ גרויסער שטראָף. די אידישע געמ - ,ע האָבען געשיקט צום ויכוח 22 געלעהרטע און פילאָזאָפען, צווישען וועלכע עס איז אויך געווען דער בעריהמטער פילאָזאָף ר׳ יוסף אַלבו, דער מחבר פון דעם בעוואוסטען ספר „העקרים”. דער ויכוח האָט זיך אָנגעהויבען אין פעברואַר 1413 און האָט געדויערט 1 יאָהר מיט 9 חדשים; עס זיינען געווען 69 זיצונגען. דער ויכוח איז אָנגעגאַנגען מיט גרויס גלאַנץ, דער פּאַפּסט זעלבסט איז געווען דער פּאָרזיצענדער, נעבען איהם זיינען געזעסען די בישאָפען און די גרעסטע לייט פון אַראַגאָניען. דער משומד גערָאנימאָ איז געווען דער הויפּט פון דעם צד פון די קאַטאָליקען. ער האָט פאָרגעלעגט זיינע טענות געגען תלמוד און זיינע בעווייזען, דאָס די דאָגמאַס פון קאַטאָליציזם זיינען אמת׳ע. די רבנים האָבען געענטפערט זעהר בעשיידען, מיט ווירדע, זעלטען ווען האָבען זיי געברויכט אַ שאַרפען אויסדרוק.

דער ויכוח האָט אָבער צו קיין רעזולטאַט ניט געפיהרט. דער פּאַפּסט איז געווען זעהר בייז, וואָס ער האָט ניט געהאַט קיין ערפאָלג, און ער האָט אַרויסגעלאָזען אַ בוללע (פּאַפּסטליכען דעקרעט), וועלכער האָט פערוועהרט קריסטען צו האָבען וועלכען עס איז אומגאַנג מיט אידען, ווייל זיי האָבען אַ שלעכטען איינפלוס אויף די קריסטען מיט זייער אונגלויבען. ער האָט געצוואונגען די אידען צו הערען אָפטער די דרשות פון די מיסיאָנערען, אָבער ער האָט ניט געוואָלט ליידען דעם מיטעל צו צווינגען די אידען צום שמד. ער האָט זיך נוקם געווען אָן תלמוד און האָט איהם געהייסען פערניכטען.

זיינען פערוואַנדעלט געוואָרען אין קירכען. דאָס איז געווען דער רעזולטאַט פון דעם עדיקט פון יאָהר 1412.

אַ אידישער שרייבער פון יענער צייט, ר׳ שלמה אלאמי, איז זעהר ערביטערט איבער דער דעמאָראַליזאַציאָן, וועלכע האָט געפיהרט ביי די שפּאַנישע אידען צו מאַסען־שמד. אין זיין ספר „אגרת המוסר“ (1415) בעשולדיגט ער אין דעם פון איין זייט די פילאָזאָפיע און פון דער אַנדערער זייט די רבנים מיט זייער טרוקענער לעהרע, וועלכע האָט ניט אין זיך קיין שום זאַפט פון נאַציאָנאַליזם. די אידען אין שפּאַניען האָבען געוואָלט אַסימילירען זיך מיט די קריסטען, ווערען מיט זיי גרויסע מחותנים; עס איז פיר זיי געווען אַ בעזונדער עהרע, ווען אַ קריסט, איבערהויפּט אַ רייכער אָדער אַ בעאַמטער, האָט מיט זיי פערבראַכט אַלס מיט זייער גליי־כען, אָבער די קריסטען האָבען זיי פון זיך אָפּגעשטייסען ווי אונריינע בע־שעפּעניסען. עס איז ניט געווען צווישען די אידען אמת׳ע אחדות, ווענה־רענד די קריסטען גלויבען, דאָס די אידען זיינען שטאַרק פערברידערט צווי־שען זיך און זיי (די קריסטען) שרייבען צו אַ חטא פון אַן איינצעלנעם אי־דען צום כלל ישראל. די פערמעגליכע קלאַס פון די אידען, וועלכע איז גע־ווענט געוואָרען צו אַ רייכען לעבען, האָבען ניט געקענט צופּאַסען זיך צו אַ לעבען פול מיט בעשרענקונגען און פערפאָלגונגען, און זיינען בעסער אַרי־בער צום לאַגער פון שונא און זיינען זעהר אָפט געוואָרען שרעקליכע שונאים פון זייער פאָלק.

דער ויכוח אין טאָרטאָזאַ. נאָך דעם, ווי ווינצענט פערערער האָט גע־האַט אַ גרויסען ערפאָלג אין זיין שמד־אַגיטאַציאָן אין קאַסטיליען, איז ער אַריבער צו טרייבען זיין הייליגע אַרבייט: צו שעכטען, ברענען און שמד׳ן אידען אין נאָמען פון קריסטליכער מענשען־ליבע, אין אַראַגאָניען. אויך דאָ האָט ער געהאַט ערפאָלג. פיעלע טויזענדער אידען האָבען זיך בעקעהרט צום קריסטענטום. אויך דער פּאַפּסט בענעדיקט דער 13טער איז אַרויס אין אַ קאַמף מיט׳ן יודענטום. אָבער ער האָט אין זיין קאַמף געברויכט די אַלטע געוועהר — ער האָט געוואָלט צווינגען די רבנים דורך ויכוחים, אַז זיי זאָלען זיך בעקעהרען צום קריסטענטום און צוזאַמען מיט זיי אויך די גאַנצע געמיינדעס. בענעדיקט דער 13טער איז דאַמאַלס געווען זעהר פער־אַכטעט אין דער קאַטאָלישער קירכע, די קירכען־פערזאַמלונג אין פּיזאַ האָט איהם זאָגאַר אַריינגעוואָרפען אין חרם. ער האָט בעשלאָסען אויפצוטאָן עפּעס אַ וויכטיגע זאַך, וואָס זאָל איהם מאַכען אַ גרויסען נאָמען אין דער קריסטליכער וועלט, און ער האָט אויסגעפונען, דאָס די שמד־אַגיטאַציאָן

געוואָרען צו גרינדען שולען צו לערנען די אידישע יוגענד און צו עפנען ישיבות פיר די פערברייטונג פון תלמודישע קענטניסען צווישען די קאַסטי- ליאַנער אידען. מען האָט בעשטימט אַ גרויסע שטראָף פיר מוסרים, וועלכע האָבען זיך שטאַרק פערמעהרט צווישען אידען. עס איז אָנגענומען געוואָרען; אַ געזעץ, דאָס די רייכע אידען טאָרען זיך ניט קליידען אין זיידענס, ניט טראָגען קיין צירונג, ניט וואוינען אין רייכע הייזער, אום ניט צו ערוועקען קיין קנאה און שנאה פון די קריסטען צו אידען.

די קלעריקאַלען זיינען געוועזען זעהר אונצופרידען מיט דער ענדערונג פון אידישען צושטאַנד צום בעסערען און זיי האָבען ווידער אָנגעהויבען צו אַגיטירען געגען זיי. דער הויפּט־פיהרער פון דיזער אַגיטאַציאָן איז גע- וועזען אַלפאָנס דע־קאַרטאַגענאַ, דער בישאָף פון בורגאָס און דער זוהן פון דעם משומד פּאול. ער איז געוועזען אַ פּערזענליכער פריינד פון פּאַפּסט איי- געניוס דעם 4טען, און ער האָט ביי איהם גע'פּועל'ט, אַז ער זאָל אַרויסגע- בען אַ בוללע וועגען נייע בעשרענקונגען געגען אידען און אָפּפרישען די אַלטע. די אידען האָבען אָנגעהויבען צו פיהלען די פאָלגען פון דיזער אַגי- טאַציאָן און האָבען זיך געווענדט צום קעניג יאָאַן, אַז ער זאָל זיי בעשיצען. דער קעניג האָט אַרויסגעגעבען אַ בעפעהל, דאָס די קריסטען זאָלען ניט פערפאָלגען די אידען, ווייל די רעגירונג איז זיי פערפליכטעט צו בעשיצען, נאָר די אידען מוזען וואוינען אין בעזונדערע קוואַרטאַלען פיר זייער אייגענע טובה. אָבער די פּאָליטיק פון די קלעריקאַלען אין שפּאַניען איז דאַמאָלס געוועזען אַזוי מעכטיג, דאָס זאָגאַר די קעניגען האָבען וועניג געקענט טאָן געגען זיי. דער פּאַפּסט ניקאָלאַי דער 5טער האָט בעשטעטיגט די פריהער- דיגע בוללעס וועגען פערפאָלגונגען אויף די אידען, און האָט דערצו שטרענג אָנגעזאָגט די קלעריקאַלען, אַז זיי זאָלען אַכטונג געבען, דאָס די משומדים זאָלען זיך ניט צוריקקעהרען צום יודענטום (1451). דיזע בוללע האָט גע- לעגט דעם גרונדשטיין צו דער אינקוויזיציאָן געגען אידען.

די עמיגראַציאָן פון אידען נאָך פּאָרטוגאַל. די טרויעריגע לאַגע פון די אידען אין שפּאַניען אין דער צייט פון 1391 ביז 1415 האָט אַרויס- גערופען אַ שטאַרקע עמיגראַציאָן פון די אידען אין שפּאַניען. זיי האָבען עמיגרירט נאָך פּאָרטוגאַל און גראַנאַדאַ, וועלכע האָט זיך נאָך דאַמאָלס גע- פונען אין די הענט פון די אַראַבער, און נאָך בערבעריען (נאָרד־אַפריקאַ). די אידען האָבען שוין לאַנג געוואוינט אין פּאָרטוגאַל און האָבען פיעל גע- האָלפען צו פערברייטערן דאָרט האַנדעל און אינדוסטריע. זינט ענדע 13טען יאָהרהונדערט האָבען די אידען אין פּאָרטוגאַל געהאַט פולע אויטאָנאָמיע

בענעדיקט'ן האָט דיזער ויכוח גאָר ניט געהאָלפען. די קירכען־פער־זאמלונג אין קאָנסטאַנץ האָט איהם אָרונטערגעוואָרפען פון פּאַפּסטליכען טראָן פיר זיין אויסגעלאַסענהייט און האָט ערוועהלט מארטין דעם 5טען. דיזער האָט פערוועהרט יעדע פערפאָלגונג געגען אידען, „ווייל די אידען זיינען אויך מענשען בצלם אלהים, און עס וועט קומען א צייט, ווען די אי־דען וועלען אויך ווירדיג זיין צו בעקומען די ברכה פון גאָט".

נאָך דיזע שרעקליכע פערפאָלגונגען האָבען די קאַסטיליער אידען גע־נאָסען א קורצע צייט רוה. אין יאָהר 1420 איז דער קעניג יאָאן דער 2טער געוואָרען פול־יעהריג און האָט אָפּגעשאַפט די רעגענטשאַפט. דער הויפּט־ראַטגעבער פון קעניג איז געוואָרען אַלוואַראָ דע־לונא, א ליבעראַלער מאַן, וועלכער האָט גוט פערשטאַנען, וואָס פיר אַן אונגליק עס איז פיר דאָס לאַנד די מאַכט פון די קלעריקאַלען. אין די שרעקליכע 24 יאָהר פון דער הער־שאַפט פון די קלעריקאַלען (1391—1415) איז דאָס לאַנד געוואָרען פער־אָרימט. דער אידישער האַנדעל איז פערניכטעט געוואָרען און די פינאַנצען פון לאַנד זייניָן רואינירט געוואָרען. די רעגירונג האָט עס גוט פערשטאַנען און האָט צוריקגעגעבען די אידען זייערע רעכטען, און האָט זיי ערלויבט אָנ־צונעהמען קאַזיאָנע קאָנטראַקטען. די אידישע געמיינדעס האָבען בעקומען צוריק זייער אויטאָנאָמיע.

א גרויסען איינפלוס אין דער רעגירונג האָט דאַמאָלס בעקומען דער אויבער־ראַבינער ר' א ב ר ה ם ב נ ב נ ש ת י (בענוועניסטע). ער איז אויך געוועזען דער הויפּט־ריכטער פון די אידישע גֿעריכטס־הייזער, וועלכע האָבען בעקומען צוריק זייערע רעכטען צו משפּט'ן זעלבסט זייערע ברידער אין דיני ממונות (ציוויל) און דיני נפשות (קרימינעל). ער האָט פיר זיך געהאַט א שווערע אויפגאַבע — ברייננגען צוריק אין אָרדנונג די אידישע גע־מיינדעס. די רייכע לייט פון די אידען האָבען געפיהרט א לעבען פון לוק־סוס, האָבען ערוועקט קנאה און שנאה אין די הערצער פון די קריסטען, און פון דעם אָרימען צושטאַנד פון דער אידישער מאַסע האָבען זיי ניט געוואָלט וויסען. די אידישע קינדער פון דער אָרימער קלאַס זיינען געבליבען אונ־וויסענד, ווייל זיי האָבען ניט געהאַט קיין אַנשטאַלט וואו צו לערנען, זיי זיינען געוואָרען דעמאָראַליזירט און האָבען פון זיך אַרויסגעגעבען א גרויסע צאָהל פערברעכער. אום דיזען טרויעריגען צושטאַנד צו פערבעסערן האָט בנבנשתי מיט דער ערלויבניס פון קעניג פעררופען א אידישע פערזאַמלונג אין וואַלאַדאָליד, אויף וועלכער עס איז אָנגענומען געוואָרען די פריהערדיגע אידישע קאָנסטיטוציאָן מיט איניגע פערבעסערונגען. עס איז בעשלאָסען

געצוואונגען פון די קלעריקאַלען צו בעשטראָפען די אנוסים פון שפּאַניען, וועלכע האָבען אין פּאָרטוגאַל צוריקגעקעהרט זיך צו זייער גלויבען. אָבער ווייל עס איז געווען שווער צו בעווייזען דיזעס פערברעכען, האָבען די אי־דען זעהר זעלטען געליטען פון דיזע בעשולדיגונגען.

די אידישע ליטעראַטור אין יענער צייט: קרעסקאַס און אַלבו. אין דער צייט, ווען די גאַנצע וועלט איז אַרויס אין קאַמף געגען יודענטום און האָט בעשלאָסען אָפּצואווישען עס אין גאַנצען פון דער וועלט, האָבען די אידישע געלעהרטע געפונען פיר נעטיג צו צייגען דער וועלט די וויכ־טיגקייט פון יודענטום און זיין בעדייטונג אלס א וועלט־רעליגיאָן. אין דיזע ווערק האָבען זיי געהאַט דעם צוועק צו בעשיצען די אידישע רעליגיאָן פון יעדער בעשולדיגונג, וואָס די אידישע פיינד האָבען געגען איהר געמאַכט. דערביי האָבען זיי גענומען אַ נייע ריכטונג — אָפּצורייניגען דאָס יודענטום פון דער גריכישער פילאָזאָפיע, וועלכע דער רמב"ם האָט אין איהם אריינ־געבראַכט.

דיזע נייע ריכטונג האָבען בעשאַפען די צוויי אידישע דענקער פון יענער צייט. קרעסקאַס און אַלבו. ר' חסדאי קרעסקאַס (1340—1410) האָט פריהער געוואוינט אין פּראָוואַנס. אין דער צייט פון דער גרוי־סער שחיטה אויף אידען (1391) איז זיין זוהן, אַ העכסט שענער און בעגאַב־טער יונגער מאַן, ערמאָרדעט געוואָרען דערפאַר, וואָס ער האָט זיך ניט גע־וואָלט בעקעהרען צום קריסטענטום. ר' חסדאי קרעסקאַס האָט מצדיק הדין געווען און האָט זיך געטרייסט דערמיט, וואָס זיין זוהן האָט זוכה געווען צו מקדש השם זיין עפענטליך.

די גייסטיגע ליידען פון דיזען טיפען און פרומען דענקער פון דעם צו־שטאַנד פון זיין פאַמיליע און פון צרת רבים האָבען איהם ניט געשטערט צו ענטוויקלען זיינע געדאַנקען וועגען יודענטום. ער איז געווען אַ שטאַר־קער געגנער פון רמב"ם'ס שיטה, אריינצובריינגען די גריכישע פילאָזאָפיע פון אַריסטאָטעל אין יודענטום. אין זיין בעריהמטען ווערק „אור ה'" בע־ווייזט ער, ווי עס קענען פיר קיין פאַל ניט האַרמאָנירען אַריסטאָטעל'ס אידעען וועגען גאָט, וועגען דער ענטשטעהונג פון דער וועלט, השגחה און השארת הנפש מיט'ן יודענטום. ער געפינט, אַז דאָס יודענטום האָט ווייניג צו טאָן מיט פילאָזאָפיע, דער יסוד פון יודענטום איז די מאָראַל פון מענשען, ווייל נאָר גוטע מדות מאַכען נאָהענט דעם מענשען צו גאָט, וועלכער איז דער מקור פון גוטעס.

מיט אייגענע געריכטס-הייזער. דער אויבער-ראַבינער איז אויך געווען דער הויפּט-ריכטער פון אַלע אידען אין פּאָרטוגאַל.

אין יאָהר 1383 איז דער קעניג פערדינאַנד געשטאָרבען. ווייל ער האָט נאָך זיך ניט איבערגעלאָזען קיין געזעצליכען יורש האָבען ראַמאָלס צוויי פּערזאָנען פּרעטענדירט אויף׳ן טראָן. איינער איז געווען זיין אונגע-זעצליכער זוהן יאָאַן דע אַוויס, און דער אַנדערער פּרעטענדאַנט איז געווען זיין איידים יאָאַן דער 1טער, דער קעניג פון קאַסטיליען. אָנפאַנגס האָט די אַלמנה-קעניגין לעאָנאָראַ געהאַלטען מיט איהר איידים יאָאַן פון קאַס-טיליען, אָבער אונערוואַרטעט איז אַרויס אַ קריג צווישען איידים און שווי-גער. אין דער זעלבער צייט איז געוואָרען וואַקאַנט די שטעלע פון אויבער-ראַבינער אין פּאָרטוגאַל. צוויי פּערזאָנען, וועלכע האָבעןביידע געהאַט וויכ-טיגע עמטער אין דער פינאַנץ-אָפּטיילונג פון דער רעגירונג, האָבען געזוכט צו פערנעהמען דיזע שטעלע. דיזע צוויי פּערזאָנען זיינען געווען: ד אָ ן יהודה און דוד נעגרא. די אַלמנה-קעניגין לעאָנאָראַ האָט גע-וואָלט געבען דיזע שטעלע צו דאָן יהודה, אָבער דער קעניג יאָאַן דער 1טער האָט שוין פריהער פערשפּראָכען דיזע שטעלע צו דוד נעגראָ. לעאָנאָראַ איז געוואָרען שרעקליך בייז אויף איהר איידים און האָט אָנגעהויבען זעהר שטאַרק אינטריגירען געגען איהם, און ער איז ענדליך געווען געצוואונגען צו ענטזאַגען זיך אַליין פון זיין פּרעטענזיע אויף׳ן פּאָרטוגעזישען טראָן.

די לאַגע פון די אידען אין פּאָרטוגאַל איז ניט געענדערט געוואָרען אויך נאָך דעם, ווי יאָאַן דע אַוויס איז געוואָרען קעניג פון פּאָרטוגאַל. די קאַטאַסטראָפע פון יאָהר 1391 האָט ניט אָנגעריהרט פּאָרטוגאַל. אַהין זיי-נען ענטלאָפען פיעלע אידען פון קאַסטיליען און אַראַגאָניען, און די, וואָס האָבען דאָרט דורך צוואַנג אָנגענומען דאָס קריסטענטום, האָבען זיך אין פּאָרטוגאַל צוריקגעקעהרט עפענטליך צו זייער גלויבען און קיינער האָט זיי ניט געשטערט. דאָס האָבען זיי געהאַט צו פערדאַנקען דעם אויבער-ראַבי-נער פון פּאָרטוגאַל ר׳ משה נאַוואַרראַ, וועלכער איז אויך גע-ווען דעם קעניג׳ס לייב-דאָקטאָר. ער האָט געציינט דעם קעניג צוויי בול-לעס פון צוויי פּאַפּסטען: פון קלעמענט דעם 6טען און באָניפאַציוס דעם 9טען, וועלכע האָבען פערוועהרט צו צווינגען אידען צו בעקעהרען זיך צום קריסטענטום. אויף דעם גרונד פון דיזע צוויי בוללעס האָט דער קעניג יאָאַן געגעבען אַ בעפעהל, אַז מען זאָל ניט בעשטראָפען די אידען, וועלכע מען האָט מיט גוואַלד געצווינגען אָנצונעהמען דאָס קריסטענטום, ווען זיי קעהרען זיך צוריק צום גלויבען פון זייערע עלטערן. שפּעטער איז דער קעניג געווען

דאָס קריסטענטום. צוזאַמען מיט איהם האָט אָנגענומען די טויפע זיינער א פריינד מיט'ן נאָמען דוד באָנהאָראָן. אין א קורצער צייט נאָכדעם האָ-בען ביידע בעשלאָסען צוריקצוקעהרען זיך צום יודענטום און אוועק אין ארץ ישראל. דוראַן איז אוועק פריהער און האָט געוואַרט אויף זיין פריינד אין א שטאָדט פון זיד־פראַנקרייך, אום זיי זאָלען פון דאָרט צוזאַמען אוועק נאָך ארץ ישראל. אָבער ער האָט פון זיין פריינד בעקומען א בריף, דאָס ער האָט בעשלאָסען צו פערבלייבען אין קריסטליכען גלויבען, ווייל דער משומד פּאַול פון בורגאָס האָט איהם געגעבען צו פערשטעהן, דאָס אויך אין דער קאַטאָלישער אמונה קען א מענש רעטען זיין נשמה. אין דיזען בריף האָט ער איינגערעדט זיין פריינד פּראָפיאַט דוראַן איהם נאָכצוטאָן. אָנשטאָט אן ענטפער האָט פּראָפיאַט דוראַן פערעפענטליכט א ווערקעל אונ-טער'ן טיטעל „אל תהי כאבותיך" (זיי ניט ווי דיינע עלטערן). ער ווענדט זיך צום אידישען לעזער מיט מוסר־שטיקלאַך, פון וועלכע יעדעם הייבט זיך אָן מיט דיזע ווערטער. אין דיזען בריף רעדט ער איין זיין פריינד, אַז ער זאָל ניט זיין ווי זיינע עלטערן, נאָר ער זאָל פערשטעהן בעסער פון זיי די רעליגיאָן, ער זאָל זי פערשטעהן ווי די קריסטליכע קירכע פערשטעהט זי. אָבער אין די ווערטער, ווי ער רעקאָמענדירט די קריסטליכע לעהרע, ליגט א בייסענדע קריטיק אויף דאָס קריסטענטום. „זיי ניט ווי דיינע עלטערן, וועלכע האָבען געמיינט, אַז איינס איז איינס און דריי איז דריי, נאָר גלויב אין וואָס דו פערשטעהסט ניט, גלויב, אַז איינס איז דריי און דריי איז איינס, עס מאַכט ניט אויס וואָס דיין מוח בענעהמט עס ניט, וואָס דיינע אויערן הערען און פערשטעהען עס ניט" א. אַז. וו. די קריסטליכע טהעאָלאָגען האָ-בען אָנפאַנגס ניט בעמערקט דעם בעהאַלטענעם חוזק, אָבער זיי האָבען זיך באַלד אַרומגעזעהען און האָבען דעם ספר געהייסען פערברענען.

אין יענער צייט האָט געלעבט אין שפּאַניען דער בעריהמטער תלמודיסט ר' יצחק בן ששת (אָפּגעקירצט ריב"ש). ער איז געווען רב אין סאַראַגאָסאַ און אין וואַלענציאַ. ער שטעהט אין דער רבנישער ליטע-ראַטור אויף איין ליניע מיט'ן רשב"א און רא"ש. הגם ער איז אין א געוויסען גראַד אויך געווען א פילאָזאָף, דאָך האָט ער געקעמפּט געגען פרייזין אין רעליגיאָן. ער האָט געמאַכט א שטרענגען פּאָרוואורף צו א רב, וועלכער האָט זיך אויסגעדריקט, דאָס די רבנים דאַרפען זוכען אין תלמוד ווי צו מאַכען גרינגער דאָס רעליגיעזע לעבען. און באמת האָט די צייט געפאָדערט, אַז מען זאָל זיין מעהר שטרענג צום יודענטום, ווייל דאָס רעליגיעזע לעבען איז געוואָרען צו פריי צוליב די אָנגריפען אויף דאָס יודענטום פון די מיסיאָ-

זיין תלמיד ר׳ יוסף אלבו פון מאַנרעאַלע, אראַגאָניען (1380—1444), איז אין זיין פילאָזאָפיע געגאַנגען אין דער שיטה פון זיין רבי׳ן קרעסקאַס. אין זיין ווערק „עקרים״ (ערסטע וואָרצלען) ערקלערט ער, דאָס יעדע רעליגיאָן איז געגרינדעט אויף דריי יסודות, וועלכע ער רופט אָן „עקרי הדת״: 1) „מציאות ה׳״, די עקסיסטענץ פון גאָט; 2) „התגלות אלהים״, ד. ה. דאָס די ערסטע גרונד־פּרינציפּען זיינען געגעבען פון גאָט זעלבסט, און 3) „שכר ועונש״, ד. ה. בעלוינונג נאָך דעם טויט. אָבער אויך די רעליגיאָן, וואָס אָנערקענט דיזע 3 עקרי הדת, קען נאָך ניט גערעכענט ווערען פיר אַן אמת׳ע רעליגיאָן, ווען זי אָנערקענט ניט די צווייגען, וואָס עס קומען ארויס פון דיזע וואָרצלען. צ. ב. ווען אַ רעליגיאָן אָנערקענט די עקסיסטענץ פון גאָט, אָבער זי נעהמט ניט אָן דעם פּרינציפּ פון איינהייט (יחוד) פון גאָט און דאָס ער איז ניט קיין קערפּער, קיין גוף — דיזע רעליגיאָן איז ניט קיין וואהרע. דער ציל פון רעליגיאָן איז איבערהויפּט מעשים טובים. נאָך זיין מיינונג איז דער גלויבען אין ביאת המשיח ניט אַן עיקר פון די עקרי הדת. עס קען זיין, דאָס דערמיט האָט ער געוואָלט וויזען די קריסטען, דאָס עס איז פאַלש, אַז דער אונטערשייד פון יודענטום און קריסטענטום בעשטעהט דערין, וואָס די אידען גלויבען, דאָס משיח דאַרף נאָך קומען און די קריסטען — דאָס משיח איז שוין געקומען. שפּעטערע אידישע רעליגיאָנס־געלעהרטע (ווי צ. ב. אברבנאל), ניט נעהמענדיג אין בעטראַכט אַלבו׳ס בעהאַלטענע פּניה, האָבען איהם שטאַרק געטאַדעלט פיר דיזע בעהויפּטונג, ווייל דער גלויבען אין ביאת המשיח איז איינע פון די וויכטיגסטע האָפנונגען, וועלכע האָבען געגעבען דעם אידען מוט איבער־צוטראָגען דעם ביטערען גלות.

פיעלע ווערק זיינען דאַמאָלס געשריבען געוואָרען צו בעווייזען דעם פאָרצוג פון דער אידישער רעליגיאָן איבער דער קריסטליכער מיט דעם צוועק אָפּצוהאַלטען אידען פון טויפען זיך. שוין קרעסקאַס האָט פערפאַסט אַ ווערק אין דער שפּאַנישער שפּראַך, אין וועלכען ער האָט שאַרף קריטיקירט די קאַטאָלישע דאָגמאַס. עס זיינען פערעפענטליכט געוואָרען ווערק איבער רעליגיאָן אין דער פאָרמע פון ויכוחים אָהן די נעמען פון די פערפאַסערס, וועלכע האָבען אויס מורא פאַר פערפאָלגונג זיך ניט געוואָלט אויסגעבען.

אין יענער צייט האָט אַ געוויסער געלעהרטער און פילאָזאָף ר׳ יצחק בן משה הלוי, בעוואוסט אונטער׳ן נאָמען פּראָפיאַט דוראַן, געשריבען אַ בייסענדע סאַטירע איבער די געצוואונגענע שמד׳ן. אין דער גרויסער שחיטה פון אידען (1391) איז ער געווען געצוואונגען אָנצונעהמען

יעקב נונעס, וועלכער איז אויך געוועזן דער אויבער־ראַבינער אין קאַסטיליען. אויך די קאַסטילישע אַריסטאָקראַטיע האָט בעהאַנדעלט אידען מיט טאָלע-ראַנץ, ניט אַכטענדיג אויף די פאָדערונג פון דער קירכע צו אונטערדריקען זיי אָבער די קאַטאָלישע גייסטליכע האָבען ניט געריהט. זיי האָבען אָנגע-ווענדט אַלע פינסטערע קרעפטען צו פערפאָלגען און פערדאַמען די אידען. איינער פון די גרעסטע שונאים פון אידען פון יענער צייט איז געוועזן דער גייסטליכער פון קעניג, אַלפאָנס דע עספינאַ. אין זיין בוך „די בעפעסטיגונג פון גלויבען" האָט ער צוזאַמענגעקליבען אַלע בעשולדיגונגען געגען אידען, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרען אין פערלויף פון מיטעלאַלטער. ער האָט אויפגעגעבען אַ פּלאַן, אַז מען זאָל צונעהמען פון די אידישע עלטערן זייערע קליינע קינדער און ערציהען זיי אַלס קריסטען. ער איז געוועזן אויסער זיך פון רציחה, וואָס מען פיהרט ניט דורך אין דער פראַקטיק געגען אידען די דריקענדע געזעצען, וואָס די קירכע האָט געשאַפען אין יאָהר 1412. אום אויפצורייצען דאָס פאָלק געגען אידען האָט ער ווידער אויפגעלעבט די פאָל-שע בעשולדיגונג, דאָס אידען קוילען קריסטליכע קינדער צוליב רעליגיעזע צוועקען. איבערהויפט האָט ער אויסגעלאָזען זיין צאָרן צו די געצוואונגענע געטויפטע אידען (אנוסים), וועלכע האָבען אין געהיים אָפּגעהיט אידישקייט.

דיזע געצוואונגענע משומדים (אנוסים) אָדער ווי די שפּאַנישע קירכע האָט זיי גערופען, „מאַראַנאָס", ד. ה. פערשאָלטענע, האָבען אָפיציעל דאָ געהאַט אַלע רעכטען צוגלייך מיט די קריסטען, און די רייכע און געבילדעטע פון זיי האָבען פערנומען וויכטיגע שטעלעס אין דער רעגירונג און אין דער אַרמעע. הגם זיי, די מאַראַנאָס, האָבען אָנגעווענדט אַלע מיטלען צו בע-האַלטען זייער אָנהאַנג צום יודענטום, האָט די קירכע דאָך גוט געוואוסט פון דעם און האָט געברענט צו זיי מיט גרויס שנאה, ווייל זי האָט גוט פער-שטאַנען, דאָס מיט דער צייט וועלען זיי אַריינברייגען אין קריסטענטום אַ סאָרט אַפּיקורסות און אַ שפּאַלטונג. די קירכע האָט דעריבער בעשלאָסען ערנסט אָנצופאַנגען זיי פערפאָלגען.

די ערסטע שטאַרקע בעוועגונג געגען די מאַראַנאָס איז פאָרגעקומען אין יאָהר 1449 אין טאָלעדאָ. צוויי פאַנאַטישע גייסטליכע האָבען דאָן אָנ-געהיבען צו דרש'ענען געגען די מאַראַנאָס, און די מאַסע איז געוואָרען אַזוי צוהיצט, דאָס זי האָט זיך מיט שטורם אַ לאָז געטאָן אויף דאָס הויז פון אַ רייכען מאַראַנאָ אַלאָנצאָ קאָטאַ און האָט עס פערברענט, און זיין גאַנצען רייכטום האָט מען צוראַבירט. דערנאָך האָט מען זיך געוואָרפען אויף היי-זער פון אַנדערע מאַראַנאָס און מען האָט זיי אויך אין גאַנצען פערניכטעט.

נערען און צוליב די פּיעלע שמד'ען, וואָס פלעגען דאַמאָלס פאָרקומען. נאָך דער שחיטה פון יאָהר 1391 האָט זיך דער ריב"ש איבערגעקליבען אין אַל־זשיר, וואו עס האָט זיך דאַמאָלס שוין געפונען אַ היבשע אידישע קאָלאָניע פון די ענטלאָפענע שפּאַנישע אידען. דער סולטאַן האָט איהם באַלד בע שטימט אַלס אויבער־ראַבינער איבער אַלע אידישע קהלות אין נאָרד־אַפריקאַ. פון אַלע אידישע קהלות אין יענער צייט האָבען זיך די רבנים צו איהם גע־װענדעט מיט זייערע שאלות און תשובות װעגען װיכטיגע ענינים אין יודענ־טום און ער האָט זיי אַלע געענטפערט. איבער 500 שאלות ותשובות געפי־נען זיך אין זיין ספר, װעלכער איז בעװאוסט אונטער דעם נאָמען „שאלות ותשובות ריב"ש". נאָך זיין טויט (1408) האָבען פערנומען די שטעלע פון אויבער־ראַבינער אין אַפריקאַ ר' שמעון דוראַן און זיין זוהן ר' שלמה. אויסער תלמודישע ספרים האָבען דיזע צוויי גדולים אויך גע־שריבען װערק, װעלכע האָבען פערטיידיגט דאָס יודענטום געגען די אָנפאַלען פון קריסטליכע גייסטליכע און אידישע משומדים. אין שפּאַניען איז דאַ־מאָלס געװען בעריהמט ר' יצחק קנפּנטין (קאַנפּאַנטען), װעלכער איז דאַמאָלס געװען בעװאוסט מיט'ן נאָמען „דער גאון פון קאַסטיליען". אין דער ליטעראַטור איז פון איהם געבליבען נאָר איין װערק. „דרכי התלמוד". ער איז געשטאָרבען אין יאָהר 1463.

איינִיגע געלעהרטע פון יענער צייט זיינען אַרויס מיט פּראָטעסטען געגען דעם רמב"ם'ס פילאָזאָפיע און געגען דעם רלב"ג (ר' לוי בן גרשון), װעלכע מען האָט בעשולדיגט אין דער שמד־עפּידעמיע פון יענער צייט, װייל זיי האָבען מיט זייער פילאָזאָפיע צוטרייסעלט דעם גאַנצען יסוד פון יודענטום. צװישען די בעשולדיגער פון די אידישע פילאָזאָפען זיינען געװען דער מקובל ר' שם טוב, דער מחבר פון „ספר האמונות", װעלכער געפינט די רעטונג פון יודענטום נאָר אין דער קבלה, און דער בעריהמטער פילאָזאָף און דרשן ר' יצחק עראַמה, דער מחבר פון דעם בעריהמ־טען ספר „עקדת יצחק" אויף תורה. דיזער האָט אויך געשריבען אַ קליין ספר'ל „חזות קשה", אין װעלכען ער טרעט אַרויס געגען דער פילאָזאָפישע־ריכטונג אין יודענטום.

די בעװעגונג געגען די מאַראַנאָס (אנוסים). אין דער צייט פון דער רעגירונג פון היינריך דעם 4טען אין קאַסטיליען, האָבען די אידען נאָך ניט געפיהלט דעם שטאַרקען דרוק, װאָס די קירכע האָט זיי געװאָלט פערשאַפען. היינריך האָט זיי גענומען אונטער זיין שוץ און האָט זיי צוגעלאָזען צו רע־גירונגס־שטעלעס. ער האָט ביי זיך געהאַט אַ לייב־דאָקטאָר אַ אידען, ר'

זיינען געבליבען טריי צום יודענטום. די ערסטע צייט איז פיר די קלערי-
קאלען געווען די פראגע וועגען די אנוסים וויכטיגער ווי די פראגע וועגען
די אידען. די פריהערדיגע מיטלען צו פערפאָלגען זיי דורך פּאָגראָמען און
שחיטות האָבען ניט צופרידען געשטעלט די קלעריקאלען. עס איז בעשלאָ-
סען געוואָרען צו שאפען וועגען דעם געזעצען, און ארבייטען „געזעצליך".
דאָס ערסטע, וואָס מען האָט געטאָן, איז געווען ארויסצוקריגען פון פּאַפּסט
אַ בוללע צו עפנען אַ געריכטס-הויז צו משפט'ן אַלע קריסטען, וועלכע זיינען
פאַלש דעם קריסטענטום. מיט דעם האָט מען געהאט אין זינען איבערהויפּט
די מאראנאָס. אין יאָהר 1478 האָט דער פּאַפּסט סיקסטוס דער 4טער
אַרויסגעגעבען אַן ערלויבניס צו עפנען אַ רעליגיעזעס געריכטס-הויז, וועלכעס
האָט געהאט דאָס רעכט צו אונטערזוכען שטרענג פערברעכענס געגען רע-
ליגיאָן, און נאָכדעם איבערגעבען די שולדיגע צו דער רעגירונג אויסצופיהרען
די בעשטימטע שטראָף. דיזעס אונטערזוכונגס-געריכט האָט געהייסען „אינ-
קוויזיציאָן" (אונטערזוכונג). דיזע אינסטיטוציאָן איז איינגעפיהרט געוואָ-
רען אין שפּאַניען אין דעם יאָהר 1480.

דאָס ערסטע אינקוויזיציאָנס-געריכט איז געגרינדעט געוואָרען אין סע-
ווילע. צוויי מאָנאַכען, מאָריליאָ און מארטין, זיינען בעשטימט געוואָרען
אַלס ריכטער. דאָס זיינען געווען צוויי געניטע בלוט-הינט, וועלכע האָבען
גוט פערשטאַנען די קונסט ווי אויסצופאָרשען די געהיימע געדאַנקען פון אַ
מענשען. עס האָבען זיך באַלד אָנגעפאַנגען אַרעסטען פון די מאַראַנאָס.
עס איז אַרויס אַ בעפעהל צו אַלע קריסטען, אַז זיי זאָלען געבען צו וויסען
דעם אינקוויזיציאָנס-געריכט וועגען מאראנאָס, וואָס זיי ווייסען, אַז זיי
זיינען אין געהיים אידען. דערביי האָט מען אַרויסגעגעבען 37 פּונקטען
ווי צו דערגעהן ווער עס איז נוט טריי דעם קריסטענטום. אַלס אַ פערברעכען
געגען קריסטענטום האָט זיך גערעכענט, ווען איינער טוט אָן שבת אַ ווייסע
העמד, אָדער עסט שבת בעסערע שפּייז, וועלכע איז געקאָכט געוואָרען פריי-
טאָג, דאָס וואַשען די הענט פאַר דעם עסען, שטעהן מיט'ן פנים צו מזרח
אין דער צייט פון געבעט, ווייקען פלייש אין וואַסער איידער מען קאָכט עס,
און נאָך אַנד. דערצו האָט מען געשאַפען אַ גאַנצע מחנה שפּיאָנען. די
רייכע מאַראַנאָס זיינען געווען שטאַרק אויפגעבראַכט געגען דעם אינקווי-
זיציאָנס-געריכט און האָבען מיט דער הילף פון זייערע פריינד און קרובים
פון דער הויכער שפּאַנישער אַריסטאָקראַטיע געוואָלט אַרויס מיט געוועהר
געגען די פערהאַסטע אינקוויזיטאָרען, אָבער מען האָט זיך דערפון באַלד דער-
וואוסט און מען האָט זיי געפאָדערט צום געריכט. די מאַראַנאָס זיינען

פיעלע פון די רייכע מאראנאס האט מען געהאנגען. די, וואס האבען געהאט שטעלעס פון דער רעגירונג, האט מען ענטזאגט פון זייערע עמטער. פון דאמאלס אן האט זיך אנגעהויבען א שטענדיגער קאמף צווישען די קלעריקאלען און די מאראנאס, וועלכע האבען געהאט פיעלע פריינד צווישען דער העכערער קלאס פון דער קריסטליכער געזעלשאפט.

די זעלבע טראגעדיע האט זיך אפגעשפילט אין קארדאווא. דארט האבען די קלעריקאלען געגרינדעט א פעראיין אונטער'ן נאמען „קריסטליכע ליבע". די קלעריקאלען האבען בעשלאסען ניט אריינצונעהמען אין דיזען פעראיין קיין מאראנאס. איין מאל האבען זיי געארדענט א פראצעסיע דורך'ן שטאדט. די מאראנאס האבען ניט פערפוצט זייערע הייזער ווי עס געהערט צו זיין. דאס האט די קלעריקאלען שטארק פערדראסען און מען האט באלד ארויסגעלאזען א קלאנג, דאס פון א הויז פון א מאראנא האט מען אויסגעגאסען א שעפעל שמוץ אויף די הייליגע מוטער. דיזער קלאנג איז געווען ווי א פונק פייער אין א פאס פולווער. דאס צורייצטע פאלק האט זיך באלד א לאז געטאן אויף די הייזער פון די מאראנאס מיט פייערדיגע האלאוועשקעס, האבען אונטערגעצונדען די הייזער, געטויטעט מענער, געשענדעט פרויען און ערמארדעט קליינע קינדער (1473). פון קארדאווא האט זיך דער האס צו די מאראנאס פערשפרייט אין פיעלע אנדערע שטעדט. איבעראל זיינען פארגעקומען אויף זיי שרעקליכע שחיטות.

דער טריאומף פון דער קירכע. די אינקוויזיציאן. אין יאהר 1474 איז היינריך דער 4טער געשטארבען און דער טראן פון קאסטיליען איז אריבער צו זיין שוועסטער איזאבעללא. דיזע קעניגין האט געהייראט פערדינאנד דעם קאטאליק, דעם קעניג פון אראגאניען. דורך דיזע הייראט זיינען דיביידע לענדער געווארען פעראייניגט. דיזע פעראייניגונג האט געבראכט אין שפאניען א נייע ערא. די נייע הערשער האבען בעשלאסען צו מאכען די קאטאלישע רעליגיאן אלס די איינציגע הערשענדע אין שפאניען און קיין אנדער רעליגיאן זאל ניט ווערען געדולדעט. מען דערצעהלט, דאס איזאבעללא, נאך איידער זי איז געווארען קעניגין פון קאסטיליען, האט געגעבען א שבועה איהר גייסטליכען טארקוועמאדא, דאס ווען זי וועט ווערען קעניגין וועט זי אויסראטען אלע רעליגיאנען פון לאנד, נאר די קאטאלישע וועט הערשען. און זי האט איהר שבועה ריכטיג מקיים געווען.

די קלעריקאלען האבען דאמאלס געהאט פיר זיך צו לעזען צוויי פראגען: 1) וואס פיר מיטלען מען זאל אננעהמען אום צו שמד'ן אלע אידען אין שפאניען, און 2) וואס זאל מען טאן מיט די מאראנאס (אנוסים), וואס

זיך צומישט מיט די קריסטען אָבער פיעלע פון זיי מיט שטארקערע נאַ-טורען זיינען צוליב דעם דרוק געוואָרען נאָך שטארקער צוגעבונדען צום יו-דענטום, און האָבען אין טיפע קעלערן אָפּגעהיט אַלע אידישע מנהגים און דינים. זיי האָבען דאָרט געהאַט שולען, מקוואות, פלעגען דאָרט פּראוון די סדרים אום פסח מיט מצה און כשרות. פיעלע אידען האָבען זיי בסוד געהאָלפען. זיי האָבען פערשאַפט די מאראנאָס די נעטיגע לעהרער צו לער-נען זייערע קינדער די אידישע רעליגיאָן מיט די נעטיגע ספרים און אַנדערע זאַכען. די אינקוויזיטאָרען האָבען פון אַלעס געוואוסט, און האָבען גענומען מיטלען אָפּצורעכנען זיך דערפאַר מיט די אידען.

בעזונדערס איז געוואָרען געפעהרליך דער צושטאַנד פון די אידען, וואָס האָבען סימפּאַטיזירט מיט די מאראנאָס, ווען דער הויפּט-אינקוויזיטאָר איז געוואָרען דער בעריהמטער טאָמאַס טאָרקוועמאדאַ, דער הענ-קער, וואָס האָט געברענט מענשען מיט'ן תירוץ צו רעטען זייערע נשמות (אָקטאָבער 1483). דיזער הענקער האָט אויסגעארבייט 28 פּונקטען, וועלכע האָבען געצילט נאָר דערצו, ווי אַריינצוכאַפּען אונגלויביגע. דער, וואָס איז אַריינגעפאַלען אין דיזען נעץ, איז שוין פון איהם ניט אַרויס קיין לעבעדיגער. אויב פיר די בעשולדיגונג איז ניט געווען גענוג שטאַרקע בעווייזען, האָט מען געברויכט פּייניגונג, אום דורך יסורים אַרויסצוקריגען אַ ווידוי פון דעם בעשולדיגטען, דאָס ער איז ווירקליך אַ פערברעכער. אויסער דעם האָבען די אינקוויזיטאָרען אַרויסגעקראָגען פון דעם בעשולדיגטען די נעמען פון פיעלע אַנדערע מענשען, וואָס האָבען זיך אין געהיים געהאַלטען ביים יודענטום. מיט אַזאַ אופן איז יעדער פּראָצעס געווען נאָר אַן אָנהויב פון אַ לאַנגער רייהע נייע פּראָצעסען. די טויט-שטראָף פיר די בעשולדיגטע איז געווען „פערברענען". דיזע שטראָף האָבען די אינקוויזיטאָרען אויסגעקליבען פון צבוע'צטוואָ אַלס אַ „שטראָף אָהן בלוט-פערגיסונג", ווי זיי האָבען זיך אויסגעדריקט.

אויסער סעוויליע האָט טאָרקוועמאדאַ איינגעאָרדענט אינקוויזיציאָנס-געריכטען אין פיעלע אַנדערע שטעדט. דער קעניג פערדינאַנד האָט אויס-געווירקט פון פּאַפּסט, אַז מען זאָל אויך אין זיין אייגען לאַנד, אַראַגאָניען, גרינדען אינקוויזיציאָנס-אַנשטאַלטען, איינפאַך אום ער זאָל זיך קענען בערייכערן פון קאָנפיסקירען די מאראַנישע רייכטימער. דער נייער אינקווי-זיטאָר אין סאַראַגאָססאַ האָט מיט זיינע גרויזאַמקייטען איבערגעשטי-גען דעם בעריהמטען תליון אינקוויזיטאָר טאָרקוועמאדאַ. דאָס פאָלק איז אויף איהם געווען שרעקליך אויפגערייצט פיר זיינע גרוילטאַטען און מען

צולאָפען אין אַנדערע שטעדט, אָבער פון איבעראַל האָט מען זיי צוריקגע־בראַכט נאָך סעווילִיע.

באַלד זיינען אַלע געפענגניסען פון סעווילִיע געוואָרען פול מיט אַרעס־טאַנטען פון מאַראַנאָס. מען האָט זיי אָנגעהויבען שרעקליך פּייניגען אום זיי זאָלען זיך מודה זיין אין זייער אונטרייהייט צו דער קירכע, און זאָלען אויך אויסזאָגען ווער פון זייערע פריינד און בעקאַנטע האַלטען אין געהיים דאָס יודענטום. דעם 6טען פעברואַר 1481 האָט מען מיט גרויס צערעמאָניע געעפענט דעם ערסטען אויטאָ־דאַ־פע („גלויבענס־אַקט", אזוי האָט גע־הייסען די פערברענונג פון קעצער) אין סעווילִיע. אין יענעם טאָג האָט מען 6 מאַראַנאָס פערברענט אויף אַ שייטער־הויפען. מיט איינִיגע טעג שפּעטער האָט מען פערברענט אַ צווייטע גרופּע. ביז נאָוועמבער פון דיזען יאָהר זיינען 300 מאַראַנאָס פערברענט געוואָרען, אויסער וואָס פיעלע זיי־נען פער'משפּט געוואָרען צו געפענגניס און אַנדערע שטראָפען. די פער־מעגענס פון די בעשטראָפטע זיינען קאָנפיסקירט געוואָרען און איבערגעגע־בען געוואָרען צום קעניג. עס פערשטעהט זיך, דאָס דער צוועק פון קאָנ־פיסקאַציע האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין דער גאַנצער אינקוויזיציאָן. אין יאָהר 1482 האָט דאָס אינקוויזיציאָנס־געריכט געלאָזט וויסען די מאַ־ראַנאָס, דאָס מען וועט מוחל זיין יעדען, וואָס עס וועט זיך אַליין מודה זיין, דאָס ער איז אין געהיים געווען אַ איד. פיעלע זיינען געקומען אין געריכט און האָבען זיך מודה געווען. אָבער דאָס געריכט האָט זיך ניט געוואָלט בע־גניגען מיט זייער ווידוי, עס האָט פון זיי געפאָדערט, אַז זיי זאָלען אויסזאָגען ווער פון זייערע פריינד און בעקאַנטע פיהרען זיך אויף אין געהיים אידיש. די, וואָס האָבען ניט געוואָלט זיין קיין מוסרים, האָט מען אריינגעוואָרפען אין געפענגניס און שרעקליך געפייניגט, ביז מען האָט פון זיי אַרויסגעקראָ־גען וואָס מען האָט געוואָלט.

ווען דער פּאַפּסט סיקסטוס דער 4טער האָט דערהערט פון די גרויזאַמ־קייטען, מיט וועלכע מען בעהאַנדעלט די מאַראַנאָס, איז ער געוואָרען אויי־סער זיך און האָט געשריבען צוויי בריף צו פערדינאַנד און איזאַבעללאַ, אַז זיי זאָלען בעהאַנדלען די אונגליקליכע מעהר מענשליך. דאָס האָט אָבער גאָרניט געהאָלפען. עס האָט ניט לאַנג געדויערט און דער פּאַפּסט זעלבסט האָט בעשטעטיגט 7 נייע אינקוויזיטאָרען פיר שפּאַניען, און צווישען זיי איז אויך געווען דער בעריהמטער טאָרקוועמאַדאַ.

פיעלע פון די מאַראַנאָס האָבען זיך צוליב די שרעקליכע פערפאָלגו־נגען פון דער אינקוויזיציע אין גאַנצען ענטזאַגט פון יודענטום און האָבען

זעהענעם אָרט אין דער אידישער און אויך אין דער קריסטליכער געזעלשאַפט. דער קעניג אַלפאָנס דער 5טער פון פאָרטוגאַל האָט איהם געגעבען א וויכטיגע שטעלע אין דער פינאַנץ־אָפטיילונג פון דער רעגירונג. צום אונגליק איז ער געוועזן געצוואונגען צו ענטלויפען פון פאָרטוגאַל, ווייל זיין פריינד דער הערצאָג דע־בראַגאַנצא איז געפונען געוואָרען שולדיג אין א פערשווע-

ההוג׳ דון יצחק אברבנאל מאיטאליא
נקבר בפאדובאה״ב אברבנאל ע״ה נפ׳ רס״ח לפ״ק
Don J. Abarbanel, Minister, Madrid, st. 1508

דון יצחק אברבנאל.

רונג געגען דעם קעניג יאָאַן דעם 2טען, און ער איז הינגעריכטעט געוואָרען. אברבנאַל איז ענטלאָפען פון פאָרטוגאַל, ווייל ער האָט מורא געהאַט, דאָס די רעגירונג וועט איהם אויך פערפאָלגען, ווייל ער איז געוועזן בעקאַנט אַלס גוטער פריינד פון הערצאָג דע־בראַגאַנצאַ. ער איז ענטלאָפען נאָך קאַסטיליען, און זיין גאַנצעס פערמעגען איז קאָנפיסקירט געוואָרען אין פאָרטוגאַל.

האָט איהם ערמאָרדעט, ווען ער איז געקומען גאַנץ פריה אין קירכע (1485). אָבער דיזער פאַקט האָט נאָך מעהר פערשטאַרקט די אינקוויזיציאָן. „אין גאַנץ שפּאַניען און אויף איהרע אינזלען — שרייבט ר׳ יצחק עראמה — טראָגט זיך ביז׳ן הימעל דער רויך פון די שייטערהויפענס, אויף וועלכע מען פערברענט די, וועלכע מען איז חושד אין אידישקייט (די אנוסים). א דריטעל פון זיי איז שוין אומגעקומען אין פייער, א דריטעל איז צולאָפען אין פרעמדע לענדער און וואַגעלט דאָרט אַרום און דער לעצטער דריטעל לעבט אין טויט־שרעק, זעהענדיג וואָס עס קומט פאָר״.

אָבער די אַלע שרעקליכע מיטלען, וואָס טאָרקוועמאַדאַ האָט געברויכט צו בעקעהרען די אנוסים צו דער רעליגיאָן פון קריסטליכער ליבע, האָבען ניט געהאַט קיין ווירקונג אויף דעם עם קשה עורף, און די אנוסים האָבען מיט נאָך מעהר אייפער מקריב געווען זיך על קידוש השם. דאָס האָט די־זען תליון זעהר געקרענקט, און ער האָט זיך גענומען צו די אידען. ער האָט ערקלערט פערדינאַנד׳ן און איזאַבעללאַ׳ן, דאָס די הויפּט־שולדיגע אין דער עקשנות פון די מאַראַנאָס זיינען די אידען, וועלכע פערגיפטען זיי מיט זייער „פאַלשען״ גלויבען. דער מיטעל דערצו, האָט ער ערקלערט, איז — מען זאָל פון דער רגירוענג שטאַרק אבטונג געבען, דאָס די מאַראַנאָס זאָלען זיך פיר קיין פאַל ניט בעגעגנען מיט אידען. דאָס איז איהם נאָך געווען ווע־ניג. ער האָט גע׳פּועל׳ט ביים קעניגליכען פּאָאָר אַרויסצוגעבען א בעפעהל, דאָס די רבנים און די פאָרשטעהער פון די אידישע געמיינדעס מוזען אַרויס־געבען דעם נאָמען פון יעדען מאַראַנאָ, וועלכער איז צוגעבונדען צום יודענ־טום. פיעלע רבנים זיינען ענטלאָפען פון שפּאַניען אַזוי באַלד ווי זיי האָבען זיך דערוואוסט פון דיזען טייוועלשען בעפעהל. די אידען פון שפּאַניען האָ־בען אָנגעהויבען ציטערן, זעהענדיג ווי די גיפטיגע שלאַנג פון דער אינקווי־זיציאָן רוקט זיך נעהענטער צו זיי.

גירוש שפּאַניען. אין שפּאַניען האָט דאַמאָלס געלעבט דער בעוואוס־טער אידישער געלעהרטער און שטאַאַטסמאַן דון יצחק אברבנאל (1437—1580), אויף וועלכען די אידען אין שפּאַניען האָבען געקוקט אַלס אויף זייער בעשיצער געגען טאָרקוועמאַדאַ׳ן, ווייל ער איז געווען זעהר אָנ־גענומען אין קעניגליכען הויף. ער האָט געהערט צו א יחסנישער פאַמיליע, וועלכע האָט געפיהרט איהר יחוס פון דוד המלך, און ער איז געבאָרען און ערצויגען געוואָרען אין ליסאַבאָן, דער הויפּטשטאָדט פון פּאָרטוגאַל, וואו די אידען האָבען געלעבט רוהיגער ווי אין שפּאַניען. צו פערדאַנקען זיין גרויסער רעליגיעזער און וועלטליכער בילדונג האָט ער פערנומען אַן אָנגע־

דוקאַטען. פערדינאַנד איז געווען פערטיג נאָכצוגעבען דעם פערלאַנג פון די אידען. פּלוצלינג איז אַריין טאָרקוועמאַדאַ מיט אַ צלם אין האַנט און האָט אויסגעשריען: „יודאַס איסקאַריאָט האָט פערקויפט קריסטוס׳ן פיר 30 דוקאַטען און איהר ווילט איהם פערקויפען פיר 30,000 דוקאַטען. היר איז ער, נעהמט און פערקויפט איהם!” און מיט דיזע ווערטער האָט ער אַנידערגעלעגט דעם צלם (געקרייציגטען בילד) אויף׳ן טיש נעבען דעם קעניג און דער קעניגין און איז אַרויסגעגאַנגען פון זאַל. דיזע סצענע האָט געמאַכט אויף דעם קעניגליכען פּאָאַר אַ טיפען איינדרוק, און מען האָט ענטזאָגט דער אידישער דעפּוטאַציע אין זייער בקשה. אין אַפּריל האָט מען געלאָזט וויסען דורך טרובעס אין אַלע גאַסען אין אַלע שטעדט, דאָס די אידען מוזען פערלאָזען שפּאַניען ביז דעם מאָנאַט יולי, און ווער עס וועט בלייבען פון אידען נאָך דיזען טערמין וועט הינגעריכטעט ווערען.

עס איז שווער צו בעשרייבען אַלעס, וואָס עס האָט זיך דאַמאָלס געטאָן צווישען די אידען. זייער לאַגע איז געווען שרעקליך. הונדערטער טויזענדער אידען האָבען געמוזט פערלאָזען דאָס לאַנד, אין וועלכען זייערע עלטערן האָבען זיך בעזעצט נאָך איידער קריסטוס איז גאָר ענטשטאַנען. קרוב צו 1,000 יאָהר האָבען זיי מיטגעווירקט צו דער ענטוויקלונג פון דער קולטור פון לאַנד, וואו זיי האָבען ענטוויקעלט פילאָזאָפיע, פּאָעזיע און די וויסענשאַפטען. אויסער דעם האָט דיזער גירוש מיט איין מאָל פעראָרימט אַ גאַנצע נאַציאָן. אַלע זיינען מיט איין מאָל געבליבען בעירום ובחוסר כל. צוליב דעם קורצען טערמין, וואָס מען האָט זיי געגעבען צו ליקווידירען זייערע געשעפטען, האָבען זיי געמוזט פערקויפען זייערע הייזער, פעלדער, וויינגערטנער פיר אומזיסט. פיר אַ שענעם טייערעס הויז האָט מען זיי געגעבען אַן עזעל, פיר אַ פרוכטבאַרען וויינגאָרטען — אייניגע איילען געוואַנט. פיעלע הייזער זיינען אַפילו פיר דיזע נידריגע פרייזען ניט פערקויפט געוואָרען. די מאָנאַכען האָבען דאַמאָלס געפונען אַ גינסטיגען מאָמענט צו בעקעהרען אידען צום קריסטענטום. אייניגע האָבען אָנגענומען דעם קריסטליכען גלויבען און האָבען זיך געראַטעט פון גירוש, אָבער די מעהרסטע זיינען געבליבען טריי זייער גלויבען און זייער נאַציאָן. און באמת איז דאָס אויך ניט געווען קיין זעהר זיכערער מיטעל, ווייל אין גאַנץ שפּאַניען האָבען זיך נאָך געריכערט די שייטערהויפענס, אויף וועלכע עס זיינען פערברענט געוואָרען מאַסען מאַראַנאָס.

עס האָט זיך אָנגעפאַנגען די אויסוואַנדערונג. דער טאָלעדאָער רב, דער זקן ר׳ יצחק אבוהב (דער מחבר פון „מנורת המאור”) איז

אין יאָהר 1483 האָט ער זיך בעזעצט אין טאָלעדאָ און האָט אָנגעהויבען צו שרייבען זיין בעריהמטען פּירוש אויף תנ"ך. עס האָט ניט לאַנג גענומען און דער קעניג פערדינאַנד און זיין פרוי איזאַבעללאַ האָבען זיך דערוואוסט פון די גרויסע פעהיגקייטען פון אברבנאל אין פינאַנצען און זיי האָבען איהם איינגעלאַדען אויף אַ הויכע פינאַנץ־שטעלע אין דער רעגירונג, ווייל די פינאַנצען אין קאַסטיליען זיינען דאַמאָלס געווען אין אַ זעהר שלעכטען צושטאַנד. זיי האָבען אין זייער נויט אָפּגעלעגט אָן אַ זייט זייער האַס צו אידען. 8 יאָהר איז אברבנאל געווען דער הויפּט־פּערוואַלטער פון די שפּאַנישע פינאַנצען (1484—1492). ער האָט אין דער צייט פון זיין אַמט אין דער פינאַנץ־אָפּטיילונג פון שפּאַניען געצייגט דעם לאַנד גרויסע פערדינסטען און האָט פיעל געהאָלפען, דאָס פערדינאַנד זאָל געווינען דעם קריג מיט גראַנאַדאַ. אָבער אַלע זיינע פערדינסטען האָבען איהם ניט געקענט העלפען געגען דעם האַס פון טאָרקוועמאַדאַ'ן געגען אידען.

אין אָנפאַנג פון יאָהר 1492 איז גראַנאַדאַ געפאַלען און דערמיט האָט זיך געענדיגט די הערשאַפט פון די אַראַבער אין שפּאַניען, וועלכע האָט געדויערט 800 יאָהר. די קריסטען זיינען געווען אויסער זיך פאַר פרייד. טאָרקוועמאַדאַ האָט אין דיזער צייט געפונען זיין געלעגענהייט דורכצופיהרען די אידעע, וואָס די קלעריקאַלען האָבען שוין לאַנג געוואָלט פערווירקליכען: איינצופיהרען אין שפּאַניען נאָר איין רעליגיאָן — די קריסטליכע. ער האָט בעוויזען דעם קעניגליכען פּאָאָר, דאָס שפּאַניען קען נאָר דאַן זיין פאָלקאָממען גליקליך, ווען עס וועט אין איהר הערשען נאָר איין רעליגיאָן, די קריסטליכע, און ווען די אידען וועלען בעקעהרט ווערען צום קריסטענטום, אָדער זיי וועלען ארויסגעטריבען ווערען פון לאַנד. דער פּלאַן איז געפעלען געוואָרען דעם קעניגליכען פּאָאָר און דעם 31טען מערץ 1492 איז אַרויס אַ בעפעהל, דאָס אין פערלויף פון 4 חדשים מוזען אַלע אידען פערלאָזען שפּאַניען, אויסער די, וואָס וועלען איבערגעהן צום קריסטענטום. די הויפּט־אורזאַך פון דיזען גירוש איז געווען, וואָס די אידען רעדען אָן די מאַראַנאָס איבערצוגעהן צוריק צום יודענטום. די אַרויסגעטריבענע האָבען מיט זיך ניט געטאָרט נעהמען קיין גאָלד, זילבער און דימענטען — דאָס אַלעס איז קאָנפיסקירט געוואָרען פיר די רעגירונג.

ווי אַ דונער האָט איינגעשלאָגען די אידען דיזער שרעקליכער דעקרעט. אברבנאל מיט נאָך איינינגע אידישע דעפּוטאַטען זיינען אַוועק צום קעניג אין הויף און האָבען איהם מיט טרערען געבעטען, אַז ער זאָל דעם בעפעהל צּפּשאַפּען, און דערפאַר האָבען זיי איהם פאָרגעשלאָגען צו געבען 30,000

איינגעוואָרצעלט. אָבער פערדינאַנד האָט זיי אויך דאָרט פערפאָלגט. ער האָט געפאָדערט פון דער נאַוואַררישער רעגירונג, אז זי זאָל ארויסטרייבען פון דאָרט די אידען. מען האָט דאָרט די אידען געגעבען אַ ברירה: שמד אָדער גירוש. פיעלע האָבען זיך פון פערצווייפלונג געטויפט, אָבער די מעהרסטע האָבען גענומען דעם וואַנדער־שטעקען און זיינען אוועק זוכען אַ מקום מנוחה (1498).

ר׳ יצחק אבוהב.

פיעל ערגער איז געוועזן דער שיקזאַל פון די אידען, וואָס זיינען געקומען פון שפּאַניען אין פּאָרטוגאַל. ווען די אידישע דעפּוטאַציאָן מיט ר׳ יצחק אבוהב אָן דער שפּיץ האָט געבעטען דעם קעניג פון פּאָרטוגאַל יאָאַן דעם 2טען, אַז ער זאָל ערלויבען די אידען צו בעזעצען זיך אין זיין לאַנד, האָט ער איינגעווילליגט צו ערלויבען זיי נאָר אויף 8 חדשים, בתנאי אַז די אידען

אוועק מיט 30 אידישע דעפּוטאַטען צום קעניג פון פּאָרטוגאַל בעטען ביי איהם ערלויבנים, אַז די אידען זאָלען זיך בעזעצען אין פּאָרטוגאַל. אין דעם אונגליקליכען טאָג פיר דאָס אידישע פּאָלק, אין וועלכען עס איז צוויי מאָל צושטערט געוואָרען דער בית המקדש, אין תשעה באב (2טען אויגוסט, 1492), האָבען איבער 300,000 אידען גענומען דעם וואַנדערשטעקען אין די הענט, יונג און אַלט, פרויען און קינדער, קראַנקע און שוואַכע, און האָבען אויס-געוואַנדערט פון דעם בלוטיגען לאַנד. אַ שרעקליכע טרויעריגע סצענע האָט זיך אָפּגעשפּילט אויף די אידישע בית עולם׳ס, וואוהין די אונגליקליכע פּעראָרימטע מאַסע איז געגאַנגען אָפּזעגנען זיך מיט זייערע טויטע עלטערן, קינדער און קרובים. דריי גאַנצע מעת־לעת, טאָג און נאַכט, זיינען די אונ-גליקליכע געלעגען אויף זייערע טייערע קברים, וועלכע זיי האָבען בענעצט מיט טייכען טרערען, וואָס זיי האָבען פערגאָסען אויף דעם שרעקליכען חורבן. איינינע האָבען מיט זיך גענומען די מצבות, אַנדערע האָבען דיזע איבערגע-לאָזען ביי בעקאַנטע אונגליקליכע מאַראַנאָס, וואָס זיינען פערבליבען אין דעם לאַנד פון דער אינקוויזיציאָן. די אונגליקליכע זיינען צוגאַנגען אין פערשיידענע געגענדען. פיעלע זיינען מיט׳ן ים געפאָהרען נאָך איטאַליען און נאָך אַפריקאַ. אברבנאל איז אַוועק מיט אַ גרופּע נאָך נעאַפּעל. פיעלע זיינען אומגעקומען אויף׳ן וועג פון פערשיידענע קראַנקהייטען און פון הונ-גער. אַ קורצע צייט שפּעטער האָט שפּאַניען אַרויסגעגעבען אַן עהנליכען בעפעהל געגען די אַראַבער אָדער די מאַורען. דער רעזולטאַט פון דיזע עדיקטען איז געווען, דאָס שפּאַניען איז געפאַלען אין קולטור און אין מאַ-טעריעלער הינזיכט. די אונצעהליגע אוטאָ־דאַ־פעס האָבען פערטומעלט די קעפּ פון די שפּאַנישע בירגער; די זיטען זיינען געוואָרען גראָב און ווילד; דער אַבערגלויבען און פינסטערער פאַנאַטיזם האָבען פערדונקעלט זייערע מוחות. דאָס לאַנד, וואו עס האָט פריהער געבליהט די אַראַביש־אידישע פילאָזאָפיע, איז געוואָרען אַ לאַנד פון פינסטערע מאָנאַכען. דער גרויסער אינקוויזיטאָר טאָרקוועמאַדא האָט אין די 14 יאָהר פון זיין טייפלישער טע-טיגקייט פערברענט אויף די שייטערהויפענס מעהר פון 8,000 מאַראַנאָס און אידען, אויסער וואָס ער האָט צעהנדליגע טויזענדער אריינגעוואָרפען אין די געפענגניסען, וואו זיי זיינען אומגעקומען. די אידען־פראַגע האָט מען געלעזט מיט גירוש, און די מאַראַנאָס־פראַגע — מיט שייטערהויפענס.

גירוש פּאָרטוגאַל. אַ גרויסער טייל פון די פערטריבענע פון שפּאַניען זיינען אוועק אין פּאָרטוגאַל און נאַווארראַ, צוויי קעניגרייכען אויף דער פּי-רענאָאישער האַלב־אינזעל, אין וועלכע די אינקוויזיציאָן האָט זיך נאָך ניט

נאָך דעם טויט פון קעניג יאָאַן פון פּאָרטוגאַל (1495) איז ארויף אויף'ן טראָן זיין נאָכפאָלגער עמאַנועל. דיזער איז געווען פיעל בעסער צו די אי-דען, ווי זיין פאָרגעננער. ער האָט בעפרייט פון קנעכטשאַפט די אידען, וואָס די פריהערדיגע רעגירונג האָט פערשקלאַפט, און האָט זיי גענומען אונ-טער זיין שוץ. אָבער א פאַמיליע־אינטריגע האָט אָנגעמאַכט, דאָס זיינע בעציהונגען צו די אידען זיינען געוואָרען שלעכט. עמאַנועל האָט געוואָלט הייראַטען פערדינאַנד'ס טאָכטער, איזאַבעללאַ, אום צו ירש'ענען דעם שפּאַני-שען טראָן. די שפּאַנישע הערשער האָבען איינגעשטימט צום שידוך מיט דעם תנאי, ער זאָל אָפּרייניגען פּאָרטוגאַל פון אידען. אויך די יונגע איזאַבעללאַ האָט עס געפאָדערט. זי האָט געזאָגט, דאָס זי וועט ניט פיר קיין פאַל בעטרע-טען דאָס פּאָרטוגאַלישע לאַנד כל זמן עס וועלען זיך דאָרט געפינען אידען. עמאַנועל איז מרוצה געוואָרען אויף דיזע בעדינגונג. דעם 25טען דעצעמ-בער 1496 האָט עמאַנועל ארויסגעגעבען א בעפעהל, דאָס אלע אידען פון פּאָרטוגאַל זאָלען פערלאָזען דאָס לאַנד אין דער צייט פון 10 חדשים, ד. ה. ביז ענדע אָקטאָבער. ער האָט זיי געגעבען אזא לאַנגען טערמין, ווייל ער האָט געהאָפט, דאָס עס וועט איהם געלינגען איינצורעדען זיי צום שמד, אום ער זאָל האָבען אין זיין לאַנד דיזע זעהר ניצליכע מענשען. ווען ער האָט דערזעהען, דאָס די אידען ווילען ניט בייטען זייער גלויבען, האָט ער בעשלאָסען אָפּצו'שמד'ן זיי מיט גוואַלד. ווען די אידען האָבען זיך דער-וואוסט פון זיין בעשלוס, האָבען זיי זיך אָנגעהויבען צוגרייטען צו פערלאָזען פּאָרטוגאַל. אָבער עמאַנועל האָט געהייסען בעפאַלען זיי און אָפּנעהמען זייערע קליינע קינדער, טויפען זיי און איבערגעבען צו קריסטען צו ערציהען זיי אין קריסטליכער רעליגיאָן. עס זיינען פאָרגעקומען שרעקליכע האַרץ־רייסענדע סצענעס: מען האָט מיט גוואַלד אָפּגעריסען יונגע קינדער פון די אָרמס פון זייערע וויינענדע און שרייענדע עלטערן און מען האָט זיי אויף'ן אָרט גע-טויפט. דער בישאָף קוטינאָ, וועלכער איז געווען געגען אזא אכזריות אין נאָמען פון גאָט, דערצעהלט: „איך האָב געזעהען, ווי מען האָט פיעלע גע-שלעפּט פיר די האָאָר צום טויף־וואַסער, ווי פאָטערס האָבען מיט געשרייען פון שרעק געוואָרפען זיך נאָך די קינדער און האָבען ביים אַלטאַר געקלאָגט געגען דיזער אונמענשליכער גוואַלד־טויפע. איך האָב געזעהען נאָך פיעלע שרעקליכע זאַכען, וועלכע מען האָט זיי אָנגעטאָן".

אין הערבסט 1497 איז אָנגעקומען די צייט פון פערלאָזען פּאָרטוגאַל. אויף'ן ברעג פון ליסאַבאָן האָט זיך צוזאַמענגעקליבען א מאַסע פון איבער 20,000 אידען פערטיג צום אָפּרייזען. דאָ אָבער האָט מען זיי בכיוון אָפּ-

זאָלען איהם בעצאָהלען אַן אונגעהייערע סומע געלט. דער קעניג האָט אָבער איינגעשטימט צו געבען זיי שיפען פיר אַ מעסיגע סומע אום אוועקצופאָהרען אין אַנדערע לענדער.

דער קעניג פון פאָרטוגאַל האָט אויך פיינד געהאַט אידען, ווי פערדינאַנד. ער האָט נאָכגעגעבען דעם וואונש פון פאַפּסט איננאָצענץ דעם 8טען און האָט געגרינדעט אין פאָרטוגאַל אַן אינקוויזיציאָנס־קאָמיטעט, אום אונטערצוזוכען די מאַראַנאָס, וואָס זיינען אַהין ענטלאָפען פון שפאַניען, און איבערגעבען זיי צום אינקוויזיציאָנס־געריכט. יאָאַן האָט געזוכט אַ צופאַל פטור צו ווערען פון די אידען. צום אונגליק האָט אויסגעבראָכען אַן עפידעמיע צווישען די איינגעוואַנדערטע אידען און דאָס פאָלק האָט אָנגעהויבען צו פאָדערן פון דער רעגירונג, אַז זי זאָל זיי אַרויסטרייבען. מען האָט זיך גענומען ערנסט טרייבען די אידען, ווען עס האָט זיך געענדיגט זייער טערמין. דער קעניג האָט געגעבען שיפען אָפּצופיהרען זיי אין אַנדערע לענדער. די נאָהענטע לענדער האָבען זיי ניט געוואָלט אַריינלאָזען, און זיי האָבען זיך געוואָגעלט חדשים־לאַנג איבער די ימים און האָבען געליטען שרעקליכע צרות. די קאַפיטאַנען פון די שיפען האָבען זיי בערויבט פון דעם לעצטען ביסעל פערמעגען, און פון אַנדערע האָבען זיי אויך צוגענומען זייערע ווייבער און טעכטער. ווען דאָס שיף איז צוגעקומען צו דער אינזעל מאַלאַגאַ, האָט מען די פאַסאַזשירען ניט אַרויפגעלאָזען אויף'ן ברעג, ווייל די אינזעל געהערט צו שפאַניען. דער בישאָף האָט צוגעשיקט צום שיף איניגע גייסטליכע איינצורעדען די אידען אַז זיי זאָלען זיך שמד'ן. אָבער זיי האָבען זיך ענטזאַגט דאָס צו טאָן. דאַן האָט דער בישאָף געהייסען דעם קאַפיטאַן פון שיף, אַז מען זאָל זיי פייניגען מיט הונגער ביז זיי וועלען זיך שמד'ן. 100 מענשען האָבען אָנגענומען די טויפע אום צו רעטען זיך פון הונגער־טויט און 50 זיינען צושטאָרבען פון הונגער אין אידישען גלויבען.

פיעל ערגער איז געוועזען דער שיקזאַל פון די אידען, וואָס זיינען פערבליבען אין פאָרטוגאַל נאָך דעם בעשטימטען טאָג, ווייל זיי האָבען ניט געהאַט קיין מיטלען מיט וואָס אָפּצופאָהרען. דער קעניג און די רייכע גוטס־בעזיצער האָבען זיך צוטיילט און האָבען צוגענומען די אידען אַלס לייבאייגענע (שקלאַפען). די יונגע קינדער פון 3 ביז 10 יאָהר האָט מען פון זיי צוגענומען און מען האָט זיי אַוועקגעשיקט אויף די ניי־ענטדעקטע אינזעל סט. טאָמאַס, אום מען זאָל זיי דאָרט ערציהען אַלס קריסטען. אָבער זיי זיינען דאָרט צושטאָרבען פון דעם רויהען קלימאַט און פון גיפטיגע שלאַנגען און סקאָרפיאָנען.

געהאַלטען אייניגע טעג ביז עס איז אַריבער דער לעצטער טאָג פון טערמין, און דאַן האָט מען זיי ערקלערט, דאָס ווייל זיי זיינען ניט אוועק פון לאַנד צום בעשטימטען טאָג, זיינען זיי דאָס אייגענטום פון קעניג, וועלכער קען מיט זיי טאָן וואָס ער וויל. מען האָט פון זיי געפאָדערט, אַז זיי זאָלען זיך טויפען. מען האָט זיי 3 טעג געהונגערט, און ווען דאָס האָט ניט געהאָלפען, האָבען די פּאָרטוגאַלישע מאַטראָזען געשלעפּט זיי מיט שטריק צו דער טויפע. פיעלע האָבען זיך אַריינגע־וואָרפען אין ים, אין ברינימער, אַראָפּגעוואָרפען זיך פון הויכע געביידעס, אום צו רעטען זיך פון דער פערהאַסטער טויפע. אַנדערע האָבען לפנים זיך געטויפט אום ביי דער ערסטער געלעגענהייט צו ענטלויפען פון די מענשליכע וועלף. די אויסוואַנדערער, צווישען וועלכע עס זיינען געוועזען דער בעריהמטער אַסטראָנאָם און היסטאָריקער ר׳ א ב ר ה ם ז אַ ק ו ט אָ (זכות) און אַנדערע בעריהמטע געלעהרטע און רבנים, זיינען געגאַנגען נאָך נאָרד־אַפריקאַ און טערקיי. פיעלע פון דער גרויסער מאַסע פערוואָגעלטע וואַנדערער זיינען געכאַפּט געוואָרען פון ים־רויבער און פער־קויפט געוואָרען אין שקלאַפעריי, פיעלע זיינען אומגעקומען פון הונגער און פערשיידענע קראַנקהייטען. אַזוי האָט אויך פּאָרטוגאַל געלעזט די אידישע פראַגע. זי האָט אָבער מיט איהר צוואַנג צו טויפען גרויסע מאַסען אידען בעשאַפען אַן אַנדער פראַגע — די מאַראַנאָס־פראַגע, די לעזונג פון וועלכער עס האָט געדויערט נאָך אַ פּאָאָר הונדערט יאָהר. דיזע פראַגע האָבען די גרויזאַמע אינקוויזיטאָרען געאַרבייט צו לעזען דורך פינסטערע געפענגניסען און ברענענדע שייטערהויפענס (אוטאָ־דאַ־פעס).

טויזענד יאָהר האָט געבליהט די אידישע קולטור אויף דער פּירענאָאַי־שער האַלב־אינזעל (שפּאַניען און פּאָרטוגאַל). ענדליך איז זי פערניכטעט געוואָרען. די אונגליקליכע ספרדים האָבען זיך געוואָגעלט אויף ימים און אויף דער יבשה, זוכענדיג פיר זיך אַ נייעם מקום מנוחה. פיעלע האָבען זיך צוגעשלאָגען צו איטאַליען און האָללאַנד, אַנדערע צו טערקיי. אין איי־ראָפּאַ האָבען זיך דאַן געבילדעט נייע קולטור־צענטערן, און די געאָגראַפיע פון די אידישע גלות־לענדער האָט זיך פיעל געענדערט. די אידישע קולטור האָט זיך אויך איינגעאָרדענט אין אַ נייעם אָרט. אָבער די אַלטע קינות מיט די אַלטע יאָמער־געשרייען פון די אידישע נע־ונד׳ניקעס האָבען זיך נאָך לאַנג, לאַנג געהערט אין דער אידישער וועלט.